THE SOCIETY FOR DISTRIBUTING HEBREW SCRIPTURES

Joseph House, 1 Bury Mead Rd., Hitchin, Herts., SG5 1RT ENGLAND
(Founded January 12, 1940)

השובער לייזער!

די הייליקע התורת־משה, די נביאים און די כתובים ווי אויך דער ברית־חדשה, איבער דעם ירמיהו הנביא האָט נביאות געזאגט, זענען געגעבן געוואָרן צו דער וועלט דורך אחֵינו בני־ישראל.

אל־כן האָט די גאנצע וועלט דען יידן אַ סך צו דאנקען; ווייַל אָט די דאָזיקע הייליקע ספרים האָבן אומעטום פאַרשפרייט ברוכות פון ליכט, פרייד און שלום.

איז עס ניט אַ שאָד אַז אזוי וויניק היינטיקע יידן זענען באמת באקאנט מיט זייער אייגענע ספרים – דער גרעסטער בייטראָג צום וואוילזיין פון דער מענטשהייט?

אָט דער דאָזיקער געדאנק האָט אנגעשפּאָרענט מַר יוסף יואֵלסון־טאַפּען ע״ה אינם יאר 1940 מְיַסד צו זיין אַ חֶברה פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון די יידישע כתבי־קודש אין אלע יידישע היימען.

דעריבער האָפן מיר, השובער לייזער, אז איר וועט אוננעמען אָט די באזונדערע אוסגאַבע פון דעם ברית־חדשה אויף לשון־קודש און יידיש אויף פּאראלעלע זייטן, וואָס קען ווערן אַ בְּרָכָה פאר אייך און פאר אייער היים. טאָמער איר באגערט צו באקומען אויך אַ תנ״ך אויף לשון־קודש און ענגליש, זייט אזאָי גוט און שרייבט אונדז, און מיר וועלן אייך שיקן איין עקסעמפלאַר אומזיסט.

אויב איר באגערט אזעלכע ספרים אויך פאר אייערע קרובים צי פאר אייערע פריינט, שיקט אונדז זייערע נאָמען און אדרעסן – נאטירליך מיט זייער דערלויבניש – און מיר וועלן גערן זיי אויך צושיקן די הייליקע ביכער בחינם, אִם ירצה השם.

זאָל אייך גאָט בענטשען.

די חברה פאר דער פאַרשפרייטונג פון די יידישע כתבי־הקודש.

דער בּרית חדשה אויף
לשון-קודש און יידיש

THE SOCIETY FOR DISTRIBUTING
HEBREW SCRIPTURES

דער בּרית חדשה

איבערגעזעצט פון

דר. חיים איינשפּרוך

און רעווידירט פון

דר. אהרן-זעליג גאַבּע

THE SOCIETY FOR DISTRIBUTING
HEBREW SCRIPTURES

The Yiddish translation of the New Testament is the work of Dr. Henry Einspruch, copyright 1941, 1959, 1977 by the Lewis and Harriet Lederer Foundation. Inc. Used by permission.

This edition revised by Dr. Eric S. Gabe 1994

THE SOCIETY FOR DISTRIBUTING
HEBREW SCRIPTURES
Joseph House, 1 Bury Mead Rd., Hitchin, Herts., SG5 1RT ENGLAND

דער סדר פון די ספרים
פון דעם
ברית חדשה

זייט

די בשׂורה טובה לויט מתּיא 1
די בשׂורה טובה לויט מאַרקוס 67
די בשׂורה טובה לויט לוקאַס 108
די בשׂורה טובה לויט יוחנן 176
די מעשׂים פון די שליחים 227
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו די רוימער 298
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו די קאָרינטער א 326
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו די קאָרינטער ב 353
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו די גאַלאַטער 371
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו די עפעזער 381
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו די פיליפּער 390
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו די קאָלאָסער 397
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו די טעסאַלאָניקער א 404
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו די טעסאַלאָניקער ב 410
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו טימאָטעאוסן א 414
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו טימאָטעאוסן ב 422
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו טיטוסן 428
די בריוו פון פּאָולוס השליח צו פילעמאָנען 432
דער בריוו צו די ייִדן 434
דער בריוו פון יעקבן 455
דער בריוו פון פעטרוס השליח א 462
דער בריוו פון פעטרוס השליח ב 470
דער בריוו פון יוחנן השליח א 475
דער בריוו פון יוחנן השליח ב 482
דער בריוו פון יוחנן השליח ג 484
דער בריוו פון יהודהן 486
די התגלות פון יוחנן 489

די בשׂורה טובה לויט

מַתְּיָא

א דאָס איז דאָס סֵפר פֿון דעם יִחוס פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דעם זון פֿון
דָוִדן, דעם זון פֿון אַבְרָהמען.
2 אַבְרָהם האָט געבוירן יִצחָקן, און יִצחָק האָט געבוירן יַעקֹבן, און
יַעקֹב האָט געבוירן יהוּדהן און זיינע ברידער, 3 און יהוּדה האָט
געבוירן פֶּרֶצן און זֶרַחן פֿון תָּמָרן, און פֶּרֶץ האָט געבוירן חֶצרוֹנען, און
חֶצרוֹן האָט געבוירן רָמען, 4 און רָם האָט געבוירן עַמִינָדָבען, און
עַמִינָדָב האָט געבוירן נַחשוֹנען, און נַחשוֹן האָט געבוירן שַׂלמוֹנען,
5 און שַׂלמוֹן האָט געבוירן בוֹעַזן פֿון רָחָבן, און בוֹעַז האָט געבוירן
עוֹבֵדן פֿון רוּתן, און עוֹבֵד האָט געבוירן יִשַין, 6 און יִשַי האָט געבוירן
דָוִד הַמֶלֶך.
און דָוִד האָט געבוירן שלֹמהן פֿון דעם ווייב פֿון אוּרִיָה, 7 און שלֹמה
האָט געבוירן רחַבעָמען, און רחַבעָם האָט געבוירן אַבִיָהן, און אַבִיָה
האָט געבוירן אָסָאן, 8 און אָסָא האָט געבוירן יהוֹשָפָטן, און יהוֹשָפָט
האָט געבוירן יהוֹרָמען, און יהוֹרָם האָט געבוירן עוּזִיָהוּן, 9 און עוּזִיָהוּ
האָט געבוירן יוֹתָמען, און יוֹתָם האָט געבוירן אָחָזן, און אָחָז האָט
געבוירן חִזקִיָהוּן, 10 און חִזקִיָהוּ האָט געבוירן מנַשֶהן, און מנַשֶה האָט
געבוירן אָמוֹנען, און אָמוֹן האָט געבוירן יֹאשִיָהוּן, 11 און יֹאשִיָהוּ האָט
געבוירן יכָניאָהוּן און זיינע ברידער, צוּ דער צייט פֿון גַלוּת־בָבל.
12 און נאָך גָלוּת־בָבל האָט יכָנִיָהוּ געבוירן שְאַלתִיאֵלן, און שְאַלתִיאֵל
האָט געבוירן זרוּבָבלן, 13 און זרוּבָבל האָט געבוירן אַבִיהוּדן, און
אַבִיהוּד האָט געבוירן אֶליָקימען, און אֶליָקים האָט געבוירן עַזוּרן,
14 און עַזוּר האָט געבוירן צָדוֹקן, און צָדוֹק האָט געבוירן יָכִינען, און
יָכִין האָט געבוירן אֶליהוּדן 15 און אֶליהוּד האָט געבוירן

אֶלעָזָרן, און אֶלעָזָר האָט געבוירן מַתָּנען, און מַתָּן האָט געבוירן יַעקבֿן,
16 און יַעקבֿ האָט געבוירן יוספֿן, דעם מאַן פֿון מִריָמען, פֿון וועלכער
איז געבוירן געוואָרן יֵשוּעַ, וואָס ווערט גערופֿן מָשִיחַ.
17 און אַזוי זענען אַלע דורות פֿון אַבֿרָהמען ביז דָוִדן פֿערצן דורות, און
פֿון דָוִדן ביז גָלות־בָּבֿל פֿערצן דורות, און פֿון גָלות־בָּבֿל ביז מָשִיחַן
פֿערצן דורות.
18 און די געבורט פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ איז געווען אויף אַזאַ אופֿן: בעת זיין
מוטער מִריָם איז געווען פֿאַרקנַסט צו יוספֿן, און איידער זיי זענען זיך
צוזאַמענגעקומען, איז זי געפֿונען געוואָרן מעוּבֶּרֶת פֿון דעם רוּחַ־
הַקודֶש. 19 און אַזוי ווי יוסף איר מאַן איז געווען אַ צַדיק, האָט ער זי
ניט געוואָלט אָפֿן מבַייש זיין, נייערט געטראַכט זי אָפּצולאָזן
שטילערהייט. 20 און ווי ער האָט זיך דאָס איבערגעלייגט, ערשט אַ
מַלאך פֿון גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אין אַ חָלום, און געזאָגט:
יוסף בֶּן־דָוִד, האָב ניט קיין מורא צו נעמען מִריָם, דיין ווייב, וואָרים
דאָס, וואָס איז געבורן אין איר, איז פֿון דעם רוּחַ־הַקודש; 21 און זי
וועט געבערן אַ זון, און דו זאָלסט רופֿן זיין נאָמען יֵשוּעַ, וואָרים ער
וועט מַציל זיין זיין פֿאָלק פֿון זייערע זינד. 22 און דאָס אַלץ איז
געשען, כּדי עס זאָל מקוּים ווערן וואָס סע איז געזאָגט געוואָרן פֿון
גאָט דורך דעם נָבֿיא:

23 אָט וועט די יונגפֿרוי טראָגעדיק ווערן, און געבערן אַ זון,
און מע וועט רופֿן זיין נאָמען עִמָנוּאֵל,[1]

וואָס איז טייַטש: גאָט איז מיט אונדז. 24 און ווען יוסף איז
אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף, האָט ער געטאָן אַזוי ווי דער מַלאך פֿון
גאָט האָט אים געבאָטן; און ער האָט גענומען צו זיך זיין ווייב,
25 אָבער ער האָט זי ניט דערקענט, ביז זי האָט געבוירן אַ זון; און ער
האָט גערופֿן זיין נאָמען יֵשוּעַ.

ב און בעת יֵשוּעַ איז געבוירן געוואָרן אין בֵּית־לֶחֶם פֿון יהודה, אין די
טעג פֿון דעם מֶלך הורדוס, ערשט חֲכָמים פֿון מִזרח זענען געקומען
קיין ירושָלַיִם, און האָבן געזאָגט: 2 וואו איז דער מֶלך פֿון די ייִדן,
וואָס איז געבוירן געוואָרן? וואָרים מיר האָבן געזען זיין שטערן אין
מִזרח, און זענען געקומען זיך בוקן צו אים. 3 און בעת דער מֶלך
הורדוס האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך דערשראָקן, און גאַנץ
ירושָלַיִם מיט אים; 4 און ער האָט פֿאַרזאַמלט אַלע ראָשי־כּהַנים און
סופֿרים פֿון דעם פֿאָלק, און האָט זיי געפֿרעגט,

---

[1] ישעיה ז, 14.

וואו דער מָשִׁיחַ דאַרף געבוירן ווערן. 5 האָבן זיי צו אים געזאָגט: אין
בֵּית־לֶחֶם פון יהודה, וואָרים אַזוי שטייט געשריבן דורך דעם נָביא:

6 און דו בֵּית־לֶחֶם, לאַנד פון יהודה,
ביסט ניט די קלענסטע צווישן די טויזנטער פון יהודה;
וואָרים פון דיר וועט אַרויסקומען אַ געוועלטיקער,
וואָס וועט דערנערן מיין פאָלק יִשְׂרָאֵל.[1]

7 דעמאָלט האָט הורדוס שטילערהייט גערופן די חֲכָמִים, און האָט ביי
זיי אויסגעפאָרשט אין וואָסער צייט דער שטערן האָט זיך באַוויזן;
8 און ער האָט זיי געשיקט קיין בֵּית־לֶחֶם, און געזאָגט: גייט און
פאָרשט אויס גענוי בנוגע דעם קינד, און אַז איר וועט עס געפינען,
לאָזט מיר וויסן, כּדי איך זאָל אויך קאָנען קומען זיך בוקן צו אים.
9 און ווי זיי האָבן אויסגעהערט דעם מֶלך, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען;
ערשט דער שטערן, וואָס זיי האָבן געזען אין מִזרח, איז זיי
פאָרויסגעגאַנגען, ביז ער איז געקומען און האָט זיך אָפּגעשטעלט
איבער דעם אָרט, וואו דאָס קינד איז געווען. 10 און אַז זיי האָבן געזען
דעם שטערן, האָבן זיי זיך געפרייט מיט זער אַ גרויסער שִׂמחה; 11 און
בעת זיי זענען אַרייַנגעגאַנגען אין הויז אַריין, האָבן זיי געזען דאָס קינד
מיט מִרְיָמען זיין מאַמע, און זיי זענען אַנידערגעפאַלן, און האָבן זיך צו
אים געבוקט; און זיי האָבן געעפנט זייערע אוצרות, און האָבן
גענעענט פאַר אים מַתָּנות; גאָלד און ווייַרעך און מירע. 12 און נאָכדעם
ווי זיי זענען געוואָרנט געוואָרן אין אַ חָלום, אַז זיי זאָלן זיך ניט
אומקערן צו הורדוסן, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען צו זייער אייגענעם
לאַנד מיט אַן אַנדערן וועג.

13 און בעת זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, ערשט אַ מַלאך פון גאָט האָט
זיך באַוויזן צו יוסֵפן אין אַ חָלום, און געזאָגט: שטיי אויף, און נעם
דאָס קינד און זיין מאַמען, און אַנטרין קיין מִצרַיִם, און זיי דאָרטן, ביז
איך וועל דיר זאָגן; וואָרים הורדוס וועט זוכן דאָס קינד, כּדי עס
אומצוברענגען. 14 און ער איז אויפגעשטאַנען און האָט גענומען דאָס
קינד און זיין מוטער ביינאַכט, און איז אַוועק קיין מִצרַיִם: 15 און ער
איז דאָרטן געווען ביז דעם טויט פון הורדוסן, כּדי ער זאָל מקוים
ווערן, וואָס סע איז געזאָגט געוואָרן פון גאָט דורך דעם נָביא: פון
מִצרַיִם האָב איך גערופן מיין זון.[2]

16 און ווען הורדוס האָט געזען, אַז ער איז פון די חֲכָמִים אויסגעשפּעט
געוואָרן, איז ער זער דערצערנט געוואָרן, און ער האָט געשיקט
אויסהַרגענען אַלע יינגלעך אין בֵּית־לֶחֶם און אין אַלע אירע געמאַרקן,
פון

[1] מיכה ה, 1. [2] הושע יא, 1.

צוויי יאָר אַלט און יונגער, לויט דער צייט, וואָס ער האָט געניי
אויסגעפֿאָרשט בײַ די חֲכָמים. 17 דעמאָלט איז מקוים געוואָרן וואָס סע
איז געזאָגט געוואָרן דורך יִרמְיָה הַנָבִיא:

18 אַ קול איז געהערט געוואָרן אין רָמָה,
געוויין און גרויס יאָמער,
רָחל וויינט איף אירע קינדער;
און זי לאָזט זיך ניט טרייסטן,
וואָרים זיי זענען מער ניטאָ.[1]

19 און בעת הורדוס איז געשטאָרבן, האָט אַ מַלאך פֿון גאָט זיך באַוויזן
אין אַ חָלום צו יוספֿן אין מִצרַיִם, 20 און געזאָגט: שטיי אויף, און נעם
דאָס קינד און זיין מאַמען, און גיי קיין אֶרֶץ־יִשׂרָאל; וואָרים די, וואָס
האָבן געזוכט דאָס לעבן פֿון דעם קינד, זענען טויט. 21 און ער איז
אויפֿגעשטאַנען און האָט גענומען דאָס קינד און זיין מאַמען, און איז
געקומען קיין אֶרֶץ־יִשׂרָאל. 22 אָבער ווען ער האָט געהערט, אַז
אַרכעלאַוס געוועלטיקט אין יהודה אויפֿן אָרט פֿון זיין פֿאָטער הורדוס,
האָט ער מורא געהאַט אַהין צו גיין; און נאָכדעם ווי ער איז געוואָרנט
געוואָרן אין אַ חָלום, איז ער אַוועק אין די געגנט פֿון גָליל, 23 און איז
געקומען און האָט געוואוינט אין אַ שטאָט, וואָס האָט געהייסן נְצֶרֶת,
כּדי עס זאָל מקוים ווערן וואָס סע איז געזאָגט געוואָרן דורך די
נבִיאים, אַז ער זאָל גערופֿן ווערן נָצרי.

ג אין יענע טעג איז געקומען יוחָנָן הַמַטבּיל, און האָט גערופֿן אין דער
מִדבּר פֿון יהודה, אַזוי צו זאָגן: 2 טוט תּשובה, וואָרים דאָס מַלכות־
שָמַיִם האָט זיך דערנענטערט. 3 וואָרים דאָס איז ער, פֿון וועמען
ישַעיָה הַנָבִיא האָט געזאָגט:

אַ קול רופֿט אין דער מִדבּר;
מאַכט גרייט דעם וועג פֿון גאָט,
גלייכט אויס זיינע שטעגן.[2]

4 און יוחָנָן האָט געטראָגן אַ מַלבּוש פֿון קעמל־האָר, און אַ לעדערנעם
גאַרטל אַרום זיינע לענדן; און זיין שפּייז איז געווען הײַשעריקן און
ווילדער האָניק. 5 דעמאָלט איז צו אים אַרויסגעגאַנגען ירושָלַיִם, און
גאַנץ יהודה, און די גאַנצע געגנט פֿון יַרדן; 6 און זיי זענען פֿון אים
געטובלט געוואָרן אין יַרדן, און האָבן זיך מִתוַדה געווען אויף זייערע
זינד.

7 אָבער אַז ער האָט געזען אַ סַך פֿון די פּרושים פֿון צדוקים קומען צו
דער טבִילה, האָט ער צו זיי געזאָגט: איר שפּראָץ פֿון שלאַנגען! ווער
האָט אייך געוואָרנט צו אַנטרינען

---

[1] ירמיה לא, 15. [2] ישעיה מ, 3.

פון דעם אָנקומענדיקן צאָרן? 8 ברענגט דעריבער פּירות, וואָס זענען רָאוי
פאַר תּשובה, 9 און רעדט אייך ניט איין, אַזוי צו זאָגן: אַבְרָהם איז
אונדזער פאָטער; וואָרים איך זאָג אייך: גאָט קאָן פון די דאָזיקע שטיינער
אויפשטעלן קינדער פאַר אַבְרָהמען. 10 און אָט ליגט שוין די האַק ביים
וואָרצל פון דיביימער; דעריבער, יעדער בוים, וואָס ברענגט ניט אַרויס
קיין גוטע פּירות, ווערט אָפּגעהאַקט און אַרייַנגעוואָרפן אין פייער אַריין.
11 איך טובל אייך מיט וואַסער צו תּשובה, אָבער דער, וואָס קומט נאָך
מיר, איז מעכטיקער פון מיר, און זיינע סאַנדאַלן בין איך ניט רָאוי צו
טראָגן; ער וועט אייך טובלען מיט דעם רוח־הַקודש און מיט פייער.
12 זיין ווינטשויפל איז אין זיין האַנט, און ער וועט גוט אויסרייניקן זיין
שייַער; און זיין ווייץ וועט ער איינַזאַמלען אין שפּייַכלער אַריין, אָבער
די פּליעווע וועט ער פאַרברענען מיט אַן אומפאַרלעשלעכן פייער.
13 דעמאָלט איז יֵשוּעַ געקומען פון גָליל צום יַרדן, צו יוחָנָן, כּדי פון אים
געטובלט צו ווערן. 14 אָבער יוחָנָן האָט אים פאַרווערט, און געזאָגט:
איך וואָלט באַדאַרפט פון דיר געטובלט ווערן, און דו קומסט גאָר צו
מיר? 15 אָבער יֵשוּעַ האָט אים געענטפערט: לאָז זיין; וואָרים אַזוי
געשיקט זיך פאַר אונדז מקַיים צו זיין יעדע גערעכטיקייט. דעמאָלט האָט
ער אים געלאָזט. 16 און בעת יֵשוּעַ איז געטובלט געוואָרן, איז ער תֵּיכּף
אַרויסגעקומען פון דעם וואַסער, און אָט האָט זיך דער הימל געשפּאָלטן
פאַר אים, און ער האָט געזען דעם גייסט פון גאָט אַראָפּנידערן ווי אַ
טויב, און קומען אויף אים; 17 און זע, אַ בַּת־קול איז אַרויס פון הימל,
אַזוי צו זאָגן: דאָס איז מיין געליבטער זון, וואָס איז מיר וואוילגעפעלן.
ד דעמאָלט איז יֵשוּעַ געפירט געוואָרן פון דעם גייסט אין דער מִדבּר
אַריין, כּדי געפּרוּאווט צו ווערן פון דעם שָׂטָן. 2 און אַז ער האָט
געפאַסט פערציק טעג און פערציק נעכט, איז ער דערנאָך הונגעריק
געוואָרן. 3 און דער מנַסה האָט גענענט, און האָט צו אים געזאָגט:
אויב דו ביסט דער בֶּן־אֱלֹהִים, באַפעל, אַז די דאָזיקע שטיינער זאָלן
ווערן ברויט. 4 אָבער ער האָט געענטפערט: סע שטייט געשריבן:

ניט פון ברויט אַליין לעבט דער מענטש,
נייערט פון יעדן וואָרט, וואָס קומט אַרויס פון גאָטס מויל.[1]

5 דעמאָלט האָט דער שָׂטָן אים גענומען אין דער הייליקער שטאָט
אַריין, און האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף דעם שפּיץ־טורעם פון בֵּית־
הַמִקדש, 6 און צו אים געזאָגט: אויב דו ביסט דער בֶּן־אֱלֹהִים, וואַרף
דיך אַראָפּ; וואָרים סע שטייט געשריבן:

זיינע מַלאָכים וועט ער באַפעלן וועגן דיר,
און אויף די הענט וועלן זיי דיך טראָגן,
טאָמער וועסטו דיר אָנשלאָגן אָן אַ שטיין דיין פוס.[2]

---

[1] דברים ח, 3. [2] תהלים צא, 11, 12.

7 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: סע שטייט אויך געשריבּן: דו זאָלסט
ניט פּרוּוון גאָט דיין האַר.[1] 8 און דער שָׂטן האָט אים נאָכאַמאָל
גענומען אויף זייער אַ הויכן באַרג, און האָט אים געוויזן אַלע מלוכות
פון דער וועלט, און זייער פּראַכט; 9 און ער האָט צו אים געזאָגט:
אָט־דאָס אַלץ וועל איך דיר געבּן, אויבּ דו וועסט אַנידערפאַלן און דיך
בּוקן צו מיר. 10 דעמאָלט האָט יֵשוּעַ צו אים געזאָגט: אַוועק מִט דיר,
שָׂטן! וואָרים סע שטייט געשריבּן:

דו זאָלסט דיך בּוקן צו גאָט דיין האַר,
און אים אַליין זאָלסטו דינען.[2]

11 דעמאָלט האָט אים דער שָׂטן פאַרלאָזט; און זע, מַלאָכים האָבּן
גענעענט, און האָבּן אים באַדינט.
12 און בּעת ער האָט געהערט, אַז יוֹחָנָן איז איבּערגעענטפערט געוואָרן,
איז ער אַוועקגעצויגן קיין גָליל; 13 און בּיים פאַרלאָזן נָצֶרֶת, איז ער
געקומען און האָט געוואוינט אין כּפַר־נַחוּם, וואָס איז בּיים יַם, אין
דעם געבּיט פון זבולון און נַפתָּלִי, 14 כּדי עס זאָל מקוים ווערן וואָס סע
איז געזאָגט געוואָרן פון יְשַעיָה הַנָבִיא:

15 דאָס לאַנד זבולון און דאָס לאַנד נַפתָּלִי,
קעגן דעם יַם, אין עֵבֶר־הַיַרדֵן,
גָליל פון די גוֹיִים.
16 דאָס פאָלק, וואָס איז געזעסן אין דער פינצטער,
האָט געזען אַ גרויס ליכט,
און די, וואָס זענען געזעסן אין דעם לאַנד פון שאָטן פון טויט,
פאַר זיי איז אויפגעגאַנגען אַ ליכט.[3]

17 פון דעמאָלט אָן האָט יֵשוּעַ אָנגעהויבּן צו רופן, און זאָגן: טוּט
תּשובה, וואָרים דאָס מַלכוּת־שָמַיִם האָט זיך דערנענטערט.
18 און בּעת ער איז געגאַנגען בּיים יַם פון גָליל, האָט ער געזען צוויי
בּרידער, שִמעוֹן, וואָס ווערט גערופן פּעטרוס, און אַנדריי זיין בּרודער,
ווי זיי וואַרפן אַ נעץ אין יַם אַריין; וואָרים זיי זענען געווען פישערס.
19 און ער האָט צו זיי געזאָגט: גייט מיר נאָך, און איך וועל אייך מאַכן
פאַר פישערס פון מענטשן. 20 און זיי האָבּן תֵּיכף פאַרלאָזט די נעצן,
און זענען אים נאָכגעגאַנגען. 21 און אַז ער איז פון דאָרטן ווייטער
געגאַנגען, האָט ער געזען צוויי אַנדערע בּרידער, יַעקֹב בֶּן־זַבדי, און
זיין בּרודער יוֹחָנָן, אין דער שיף מיט זַבדין זייער פאָטער, פאַרריכטן
זייערע נעצן, און ער האָט זיי גערופן. 22 און זיי האָבּן תֵּיכף פאַרלאָזט
די שיף און זייער פאָטער, און זענען אים נאָכגעגאַנגען.

[1] דברים ו, 16. [2] דברים ו, 13. [3] ישעיה ח, 23; ט, 1.

23 און יֵשוּעַ איז אַרומגעגאַנגען אין גאַנץ גָליל, און האָט געלערנט אין
זייערע שוּלן, און אָנגעזאָגט די בשׂורה פון דעם מַלכות, און האָט
געהיילט אַלערליי קראַנקהייטן און שלאַפקייטן צווישן דעם פאָלק.
24 און זיין שֵם האָט זיך פאַרשפרייט אין גאַנץ סיריע, און מען האָט צו
אים געבראַכט אַלע, וואָס זענען געווען קראַנק, געפּלאָגט פון
פאַרשידענע חולאתן און ווייטיקן, באַזעסענע פון בייזע גייסטער,
פאַליקע, און געליימטע, און ער האָט זיי געהיילט. 25 און סע איז אים
נאָכגעגאַנגען אַ גרויסער הַמון מענטשן פון גָליל, און דעקאַפּאָליס, און
ירושָלַיִם, און יהודה, און פון עֵבר־הַיַרדן.

ה און בעת ער האָט געזען דאָס פאָלק, איז ער אַרויפגעגאַנגען אויף
דעם באַרג, און אַז ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָבן גענעענט צו אים
זיינע תַּלמידים. 2 און ער האָט געעפנט זיין מויל און האָט זיי געלערנט,
אַזוי צו זאָגן:

3 וואויל איז די, וואָס זענען אָרעם אין גייסט, וואָרים זייערס איז דאָס
מַלכות־שָמַיִם.
4 וואויל איז די, וואָס טרויערן, וואָרים זיי וועלן געטרייסט ווערן.
5 וואויל איז די עֲנָווים, וואָרים זיי וועלן יַרשענען די ערד.
6 וואויל איז די, וואָס הונגערן און דאָרשטן נאָך גערעכטיקייט, וואָרים
זיי וועלן געזעטיקט ווערן.
7 וואויל איז די בַּעלי־רַחמים, וואָרים אויף זיי וועט מען זיך מַרַחם זיין.
8 וואויל איז די לויטערע אין האַרצן, וואָרים זיי וועלן זען גאָט.
9 וואויל איז די רודפי־שָלום, וואָרים זיי וועלן אָנגערופן ווערן זין פון
גאָט. 10 וואויל איז די, וואָס ווערן גערודֵפט פונוועגן גערעכטיקייט,
וואָרים זייערס איז דאָס מַלכות־שָמַיִם.
11 וואויל איז אייך, אויב מען וועט אייך מְבַזה זיין, און אייך רודֵפן,
און רעדן אויף אייך פאַלש אַלדאָס־בייז צוליב מיר. 12 פרייט אייך און
זייט מָלא־שׂמחה, וואָרים גרויס איז אייער שׂכַר אין הימל, ווייל אַזוי
האָבן זיי גערודֵפט די נביאים, וואָס זענען געווען פאַר אייך.
13 איר זענט דאָס זאַלץ פון דער ערד; אויב אָבער זאַלץ פאַרלירט דעם
טַעם, מיט וואָס זאָל מען עס ווירצן? סע טויג מער אויף גאָרניט, סיידן
אַרויסגעוואָרפן צו ווערן און צעטראָטן צו ווערן פון מענטשן.
14 איר זענט דאָס ליכט פון דער וועלט. אַ שטאָט וואָס ליגט אויף אַ
באַרג קאָן ניט זיין פאַרבאָרגן. 15 מען צינדט אויך ניט אָן אַ ליכט, כּדי
עס צו שטעלן אונטער אַ מעסטל, נייערט אין אַ לייכטער; און עס
לייכט פאַר אַלע, וואָס זענען אין הויז.

16 אַזוי אויך זאָלט איר לאָזן שײַנען אײַער ליכט פֿאַר די מענטשן, כּדי
זיי זאָלן זען אײַערע גוטע מַעשׂים, און לויבן אײַער פֿאָטער אין הימל.
17 מיינט ניט, אַז איך בּין געקומען מבַטל צו זײַן די תּוֹרה, אָדער די
נבִיאים; איך בּין ניט געקומען מבַטל זײַן, נייערט מקַיים צו זײַן.
18 וואָרים באמת, איך זאָג אײַך, בּיז הימל און ערד וועלן פֿאַרגיין,
וועט קיין איין יוד אָדער קוצו־שֶל־יוּד פֿון דער תּוֹרה ניט פֿאַרגיין, בּיז
אַלצדינג וועט מקוּים ווערן. 19 דעריבּער, ווער סע וועט עוֹבר זײַן אויף
איינער פֿון די דאָזיקע מינדסטע מִצוות, און וועט לערנען אַזוי די
מענטשן, וועט גערופֿן ווערן דער מינדסטער אין דעם מַלכות־שָמַיִם;
ווער אָבּער סע וועט זיי טאָן און לערנען, וועט גערופֿן ווערן גרויס אין
דעם מַלכות־שָמַיִם. 20 וואָרים איך זאָג אײַך, אויבֿ אײַער צִדקות וועט
ניט זײַן בּעסער פֿון דער צִדקות פֿון די סוֹפֿרים און פּרושים, וועט איר
בּאֵין־אוֹפֿן ניט אַרײַנקומען אין דעם מַלכות־שָמַיִם.
21 איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן צו די קַדמוֹנים: דו
זאָלסט ניט הַרגענען.[1] און ווער סע וועט הַרגענען, וועט זײַן חַייב פֿאַר
דעם בֵּית־דִין. 22 אָבּער איך זאָג אײַך, אַז יעדער איינער, וואָס טוט
צערענען אויף זײַן בּרודער, וועט זײַן חַייב פֿאַר דעם בֵּית־דָין; און ווער
סע וועט זאָגן צו זײַן בּרודער; רֵיקָא, וועט זײַן חַייב פֿאַר דעם
סַנהֶדרין; און ווער סע וועט זאָגן: דו שוֹטה, וועט זײַן אין סַכָּנה פֿאַר
דעם פֿייער פֿון גיהֶנום. 23 דעריבּער, אויבֿ דו בּיסט מַקריב דײַן קָרבּן
אויף דעם מִזבֵּחַ, און דאָרט דערמאָנסטו דיך, אַז דײַן בּרודער האָט
עפּעס קעגן דיר, 24 זאָלסטו איבּערלאָזן דײַן קָרבּן פֿאַר דעם מִזבֵּחַ, און
גיי בּעט דיך קוֹדם איבּער מיט דײַן בּרודער, און דערנאָך קום און זיי
מַקריב דײַן קָרבּן. 25 פֿאַרגלײַך דיך תֵּיכּף מיט דײַן קעגנער, כָּל־זמַן דו
בּיסט מיט אים אין וועג,

[1] שמוֹת כ, 13; דברים ה, 17.

טאָמער וועט דיך דיין קעגנער איבערענטפערן צום שופט, און דער
שופט צום שוטר, און דו וועסט אַרייַנגעוואָרפן ווערן אין דער תּפיסה
אַריין. 26 באמת, איך זאָג דיר, דו וועסט פון דאָרטן ניט אַרויסקומען,
ביז דו וועסט האָבן באַצאָלט די לעצטע פּרוטה.
27 איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן: דו זאָלסט ניט מזַנה
זיין. 28 אָבער איך זאָג אייך, אַז יעדער איינער, וואָס קוקט אויף אַ פרוי
צו גלוסטן נאָך איר, האָט שוין מזַנה געווען אין זיין האַרצן. 29 און
אויב דיין רעכט אויג מאַכט דיך שטרויכלען, רייס עס אַרויס, און
וואַרף עס אַוועק פון דיר; וואָרים סע איז בעסער פאַר דיר, אַז דו
זאָלסט פאַרלירן איינעם פון דיינע אֵברים, איידער דיין גאַנצער גוף זאָל
אַרייַנגעוואָרפן ווערן אין גיהֶנום. 30 און אויב דיין רעכטע האַנט מאַכט
דיך שטרויכלען, האַק זי אָפּ, און וואַרף זי אַוועק פון דיר; וואָרים סע
איז בעסער פאַר דיר, אַז דו זאָלסט פאַרלירן איינעם פון דיינע אֵברים,
איידער דיין גאַנצער גוף זאָל אַרייַנגעוואָרפן ווערן אין גיהֶנום.
31 עס איז אויך געזאָגט: ווער סע שיידט זיך פון זיין ווייב, זאָל איר
געבן אַ גֶט.[1] 32 אָבער איך זאָג אייך, אַז יעדער איינער, וואָס שיידט זיך
פון זיין ווייב, סיידן פונוועגן זנות, מאַכט ער זי פאַר אַ זונה, און ווער
סע האָט חַתונה מיט אַ גרושה, איז אַ נואף.
33 ווידער האָט איר געהערט, אַז סע איז געזאָגט געוואָרן צו די
קַדמונים: דו זאָלסט ניט שווערן פאַלש, נייערט זאָלסט מקַיים זיין
דיינע שבועות צו גאָט.[2] 34 אָבער איך זאָג אייך: שווערט ניט בִּכלַל,
ניט ביים הימל, ווייל ער איז דער טראָן פון גאָט, 35 ניט ביי דער ערד,
ווייל זי איז זיין פוסבענקל, ניט ביי ירושָלַיִם, ווייל זי איז די שטאָט פון
דעם גרויסן מֶלך. 36 אויך זאָלסטו ניט שווערן ביי דיין קאָפּ,

[1] דברים כד, 1. [2] שמות כ, 16; במדבר ל, 3.

וואָרים דו קאָנסט קיין איינציקע האָר ניט מאַכן ווייס, אָדער שוואַרץ.
37 נייערט זאָל אייער וואָרט זיין יאָ, יאָ; ניין, ניין; און וואָס עס איז
איבעריק, איז פון דעם ניט־גוטן.
38 איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן: אַן אויג פאַר אַן
אויג, און אַ צאָן פאַר אַ צאָן.[1] 39 אָבער איך זאָג אייך, שטעלט אייך
ניט אַנטקעגן דעם, וואָס איז שלעכט; נייערט ווער סע שלאָגט דיך
אויף דער רעכטער באַק, שטעל אים אונטער אויך די אַנדערע; 40 און
וויל זיך ווער מיט דיר לאָדן, כּדי אַוועקצונעמען דיין העמד, לאָז אים
אויך נעמען דיין מאַנטל; 41 און ווער סע וועט דיך נייטן צו גיין איין
מייל, גיי מיט אים צוויי. 42 גיב דעם, וואָס בעט ביי דיר, און פון דעם,
וואָס וויל ביי דיר לייַען, קער דיך ניט אָפּ.
43 איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן; דו זאָלסט ליב
האָבן דיין חבר, און פיינט האָבן דיין שׂונא. 44 אָבער איך זאָג אייך:
האָט ליב אייערע שׂונאים, און בעט פאַר די, וואָס רודפן אייך; 45 כּדי
איר זאָלט זיין קינדער פון אייער פאָטער אין הימל; וואָרים ער לאָזט
אויפגיין זיין זון אויף שלעכטע און גוטע, און שיקט רעגן אויף
גערעכטע און אומגערעכטע. 46 וואָרים אויב איר האָט ליב די, וואָס
האָבן אייך ליב, וואָסער שׂכר האָט איר? טוען דען ניט די מוכסים אויך
אַזוי? 47 און אויב איר גריסט נאָר אייערע ברידער, וואָס טוט איר דאָ
אויף? טוען דען ניט די גוים אויך אַזוי? 48 איר, דעריבער, זאָלט זיין
תּמים, פונקט ווי אייער הימלישער פאָטער איז תּמים.
ו היט אייך, אַז איר זאָלט ניט טאָן אייער צדקות פאַר מענטשן, כּדי זיי
זאָלן דאָס זען; וואָרים דעמאָלט וועט איר ניט האָבן קיין שׂכר ביי
אייער פאָטער אין הימל.
2 דעריבער, בעת דו טוסט צדקה,

[1] שמות כא, 24.

זאָלסטו פֿאַר דיר ניט בלאָזן מיט אַ שופֿר, ווי די חונפֿים טוען אין די
שולן און אויף די גאַסן, כּדי זיי זאָלן קריגן כּבֿוד פֿון מענטשן. באמת,
איך זאָג אייך, זיי האָבן שוין זייער שׂכר. 3 נייערט ווען דו טוסט צדָקה,
זאָל דיין לינקע האַנט ניט וויסן וואָס דיין רעכטע האַנט טוט, 4 כּדי
דיין צדָקה זאָל זיין בסתר; און דיין פֿאָטער, וואָס זעט אין
פֿאַרבאָרגעניש, וועט דיר פֿאַרגעלטן.
5 און בעת איר זענט מתפּלל, זאָלט איר ניט זיין ווי די חונפֿים; וואָרים
זיי האָבן ליב צו שטיין און מתפּלל זיין אין די שולן און אויף די עק
גאַסן, כּדי מענטשן זאָלן זיי זען. באמת, איך זאָג אייך, זיי האָבן שוין
זייער שׂכר. 6 און בעת דו ביסט מתפּלל, גיי אַריין אין דיין
אינעווייניקסטן שטיבל, און פֿאַרשליס די טיר, און זיי מתפּלל צו דיין
פֿאָטער, וואָס זעט אין פֿאַרבאָרגעניש; און דיין פֿאָטער, וואָס זעט אין
פֿאַרבאָרגעניש, וועט דיר פֿאַרגעלטן.
7 און בעת איר זענט מתפּלל, זאָלט איר ניט נוצן קיין אומזיסטע
איבערחזרונגען, ווי די גויים טוען; וואָרים זיי מיינען, אַז זיי וועלן
דערהערט ווערן דורך זייער רעדן אַ סך. 8 זייט דעריבער ניט גלייך צו
זיי; וואָרים אייער פֿאָטער ווייסט, וואָס איר דאַרפֿט, נאָך איידער איר
בעט אים. 9 דעריבער זאָלט איר מתפּלל זיין אויף אַזאַ אופֿן:
אונדזער פֿאָטער, וואָס ביסט אין הימל,
געהייליקט זאָל ווערן דיין נאָמען.
10 זאָל קומען דיין מלכות, זאָל דיין רצון געטאָן ווערן
אויף דער ערד, אַזוי ווי ער ווערט געטאָן אין הימל.
11 גיב אונדז היינט אונדזער טעגלעך ברויט;
12 און זיי אונדז מוחל אונדזערע שולדיקייטן,
ווי מיר זענען אויך מוחל אונדזערע בעלי־חובֿות;
13 און ברענג אונדז ניט צו קיין נסָיון,

נייערט זיי אונדז מַציל פון דעם בייזן.
וואָרים דיר געהערט די מלוכה, און די גבורה,
און דער כָּבוד, אויף אייביק. אָמֵן.
14 וואָרים אויב איר וועט מוחל זיין די מענטשן זייערע חַטָאים, וועט
אייער פאָטער אין הימל אויך אייך מוחל זיין; 15 נאָר אויב איר וועט די
מענטשן ניט מוחל זיין זייערע חַטָאים, וועט אייער פאָטער אויך
אייערע חַטָאים ניט מוחל זיין.
16 און בעת איר פאַסט, מאַכט ניט קיין זויער פָּנים, ווי די חונפים, ווייל
זיי פאַרקרימען זייערע פּנימער, כּדי מענטשן זאָלן זען ווי זיי פאַסטן.
באמת, איך זאָג אייך, זיי האָבן שוין זייער שׂכַר. 17 דו אָבער, בעת דו
פאַסט, זאָלסטו זאַלבן דיין קאָפּ און וואַשן דיין פָּנים, 18 כּדי מענטשן
זאָלן ניט זען ווי דו פאַסט, נייערט דיין פאָטער, וואָס איז אין
פאַרבאָרגעניש, און דיין פאָטער, וואָס זעט אין פאַרבאָרגעניש, וועט
דיר פאַרגעלטן.
19 זאַמלט אייך ניט אָן קיין אוצרות אויף דער ערד, וואו מאָיל און
זשאַווער פאַרצערן, און וואו גנָבים גראָבן זיך אונטער און גַנבענען,
20 נייערט זאַמלט אייך אָן אוצרות אין הימל, וואו ניט קיין מאָיל, און
ניט קיין זשאַווער פאַרצערן, און וואו גנָבים טוען זיך ניט
אונטערגראָבן און גַנבענען; 21 וואָרים וואו ס'איז דיין אוצר, דאָרט
וועט אויך זיין דיין האַרץ.
22 דאָס ליכט פון דעם גוף איז דאָס אויג. דעריבער, אויב דיין אויג איז
גאַנץ, וועט דיין גאַנצער גוף זיין לויטער ליכטיקייט, 23 אויב אָבער דיין
אויג איז שלעכט, וועט דיין גאַנצער גוף זיין לויטער פינצטערניש.
דעריבער, אויב דאָס ליכט, וואָס איז אין דיר, איז פינצטערניש, ווי
גרויס איז די פינצטערניש!
24 קיינער קאָן ניט דינען קיין צוויי האַרן;

ווֹאָרים אָדער ער וועט איינעם פֿיינט האָבן און ליבֿ האָבן דעם אַנדערן,
אָדער ער וועט זיך האַלטן אָן איינעם, און פֿאַראַכטן דעם אַנדערן. איר
קאָנט ניט דינען גאָט און מָמוֹן.
25 דעריבער זאָג איך אײַך: זאָרגט ניט פֿאַר אײַער לעבן, וואָס איר
זאָלט עסן, אָדער וואָס איר זאָלט טרינקען, אויך ניט פֿאַר אײַער גוף,
וואָס איר זאָלט אָנטאָן. איז ניט דאָס לעבן טײַערער פֿון דעם עסן, און
דער גוף – פֿון דעם מַלבוש? 26 קוקט אויף די פֿייגל פֿון הימל: ניט זיי
זייען, ניט זיי שניידן, זיי זאַמלען אויך ניט אײַן אין שפּײַכלערס, און
אײַער הימלישער פֿאָטער שפּייזט זיי. זענט איר ניט ווערט אַ סך מער
פֿון זיי? 27 און ווער פֿון אײַך קאָן דורך דאגהן צוגעבן איין איל צו
דער מאָס פֿון זײַן לעבן? 28 און וואָס דאַגהט איר וועגן קליידונג?
באַטראַכט די ליליעס פֿון דעם פֿעלד, ווי זיי וואַקסן; ניט זיי
האָרעווען, ניט זיי שפּינען. 29 און איך זאָג אײַך, אַז אַפֿילו שלמה אין
זײַן גאַנצער פּראַכט איז ניט געווען באַקליידט ווי איינע פֿון זיי. 30 בכֵן,
אויב גאָט טוט אַזוי באַקליידן דאָס גראָז פֿון דעם פֿעלד, וואָס היינט
איז עס דאָ, און מאָרגן ווערט עס אַרײַנגעוואָרפֿן אין אויוון, אַ פּשיטא
שוין אײַך, אָ איר קליין־גלויביקע? 31 דעריבער זאָלט איר ניט זאָרגן,
און זאָגן: וואָס זאָלן מיר עסן? אָדער: וואָס זאָלן מיר טרינקען?
אָדער: וואָס זאָלן מיר אָנטאָן? 32 ווײַל אָט־דאָס אַלץ באַגערן די גוֹיִים;
אײַער הימלישער פֿאָטער ווייסט, אַז איר דאַרפֿט דאָס אַלץ האָבן.
33 נייערט זוכט קוֹדם זײַן מַלכות, און זײַן צדקות, און דאָס אַלץ וועט
אײַך צוגעגעבן ווערן.
34 זייט דעריבער ניט באַזאָרגט פֿאַר דעם מאָרגן;

וואָרים דער מאָרגן וועט פאַר זיך אַליין זאָרגן. גענוג איז פאַר דעם
טאָג זיין אייגענע פּלאָג.

ז מִשפּט ניט, כּדי איר זאָלט ניט געמִשפּט ווערן. 2 וואָרים מיט דעם
מִשפּט, וואָס איר טוט מִשפּטן, וועט איר געמִשפּט ווערן, און מיט דער
מאָס, וואָס איר טוט מעסען, וועט אייך געמאָסטן ווערן. 3 און
פאַרוואָס זעסטו דאָס שפּענדל אין דיין בּרודערס אויג, אָבער דעם
קלאָץ אין דיין אייגן אויג זעסטו ניט? 4 אָדער ווי קענסטו זאָגן צו דיין
בּרודער: לאָמיך אַרויסנעמען דאָס שפּענדל פון דיין אויג, ווען אָט איז
אַ קלאָץ אין דיין אייגן אויג? 5 דו חונף, נעם קודם אַרויס דעם קלאָץ
פון דיין אייגן אויג, און דערנאָך וועסטו זען קלאָר ווי אַרויסצונעמען
דאָס שפּענדל פון דיין בּרודערס אויג.

6 גיט ניט וואָס ס'איז הייליק צו הינט, און וואַרפט ניט אייערע פּערל
פאַר חזירים, ווייל זיי קענען זיי נאָך צעטרעטן מיט זייערע פיס, און
זיך אויסדרייען און אייך צערייסן.

7 בּעט, און סע וועט אייך געגעבן ווערן; זוכט, און איר וועט געפינען;
קלאַפּט אָן, און סע וועט אייך געעפנט ווערן. 8 וואָרים יעדער, וואָס
בּעט, וועט בּאַקומען, און דער וואָס זוכט, וועט געפינען, און דעם
וואָס קלאַפּט אָן, וועט מען אויפמאַכן. 9 אָדער וואו איז דער מענטש
צווישן אייך, וואָס אויב זיין זון זאָל אים בּעטן בּרויט, וועט ער אים
געבן אַ שטיין? 10 אָדער אויב ער זאָל אים בּעטן אַ פיש, וועט ער אים
געבן אַ שלאַנג? 11 מַה־דאָך איר, וואָס זענט שלעכט, פאַרשטייט ווי צו
געבן גוטע מַתָּנות צו אייערע קינדער, וויפל־זשע מער וועט אייער
פאָטער אין הימל געבן גוטס צו די, וואָס בּעטן אים? 12 בּכֵן, אַלץ וואָס
איר ווילט, אַז מענטשן זאָלן אייך טאָן,

זאָלט איר אויך זיי טאָן; וואָרים דאָס איז די תּורה און די נבֿיאים.
13 גייט אַריין דורך דעם ענגן טויער; וואָרים געראַם איז דער טויער,
און ברייט דער וועג, וואָס פירט צו פאַרדאַרבונג, און אַ סך זענען די,
וואָס גייען אַריין דורך אים. 14 אָבער ענג איז דער טויער, און שמאָל
דער וועג, וואָס פירט צום לבען, און ווייניק זענען די, וואָס געפינען
אים.
15 היט אייך פאַר פאַלשע נבֿיאים, וואָס קומען צו אייך אין שאָפענע
קליידער, אָבער אינעווייניק זענען זיי פאַרצוקנדיקע וועלף. 16 לויט
זייערע פּירות וועט איר זיי דערקענען. קלויבט מען דען ווײַנטרויבן פון
דערנער, אָדער פייגן פון שטעכלקעס? 17 אַזוי טראָגט אויך יעדער
גוטער בוים גוטע פּירות, אָבער דער פאַרדאָרבענער בוים טראָגט
שלעכטע פּירות. 18 אַ גוטער בוים קאָן ניט אַרויסגעבן קיין שלעכטע
פּירות, און אַ פאַרדאָרבענער בוים קאָן ניט אַרויסגעבן קיין גוטע
פּירות. 19 יעדער בוים, וואָס טראָגט ניט קיין גוטע פּירות, ווערט
אָפּגעהאַקט, און אַרײַנגעוואָרפן אין פייער. 20 דעריבער וועט איר זיי
דערקענען פון זייערע פּירות.
21 ניט יעדער איינער, וואָס רופט מיך: האַר, האַר, וועט אַרײַנקומען
אין דעם מַלכות־שָמַיִם, נייערט דער, וואָס טוט דעם רָצון פון מיין
פאָטער אין הימל. 22 אין יענעם טאָג וועלן אַ סך צו מיר זאָגן: האַר,
האַר האָבן מיר ניט נבֿיאות געזאָגט אין דיין נאָמען, און אין דיין נאָמען
אַרויסגעטריבן בייזע גייסטער, און אין דיין נאָמען געטאָן אַ סך נִסים?
23 און דעמאָלט וועל איך זיי דערקלערן: איך האָב אייך קיינמאָל ניט
געקענט,

אַוועק פֿון מיר, איר וואָס טוט אומרעכט.
24 דעריבער, יעדער איינער, וואָס הערט די דאָזיקע רייד מיינע און טוט
זיי, וועט זיין געגליכן צו אַ חָכָם, וואָס האָט געבויט זיין הויז אויף
דעם פֿעלזן. 25 און דער רעגן איז געפֿאַלן, און די שטראָמען זענען
געקומען, און די ווינטן האָבן געבלאָזן און געשטורעמט אויף דעם
הויז, און סע איז ניט איינגעפֿאַלן, וואָרים סע איז געווען
געגרונטפֿעסטיקט אויף דעם פֿעלזן. 26 און יעדער איינער, וואָס
הערט די דאָזיקע רייד מיינע, און טוט זיי ניט, וועט זיין געגליכן צו אַ
שוֹטה, וואָס האָט געבויט זיין הויז אויף זאַמד; 27 און דער רעגן איז
געפֿאַלן, און די שטראָמען זענען געקומען, און די ווינטן האָבן
געבלאָזן און געשטורעמט אויף יענעם הויז, און סע איז איינגעפֿאַלן;
און דאָס פֿאַלן דערפֿון איז געווען גרויס.
28 און עס איז געווען, בעת יֵשוּעַ האָט פֿאַרענדיקט די דאָזיקע רייד,
האָבן זיך די מענטשן געחִידושט איבער זיין תּוֹרה. 29 וואָרים ער האָט
זיי געלערנט ווי איינער וואָס האָט רשות, און ניט ווי זייערע סוֹפֿרים.
ח און בעת ער איז אַראָפּגעקומען פֿון דעם באַרג, איז אים
נאָכגעגאַנגען אַ גרויסער עוֹלם. 2 און אָט איז צו אים געקומען אַ
מצוֹרע, וואָס האָט זיך צו אים געבוקט, און געזאָגט: האַר, אויב דו
ווילסט, קאָנסטו מיך מאַכן ריין. 3 און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין
האַנט, און האָט אים אָנגערירט, און געזאָגט: איך וויל; זיי ריין. און
ער איז תֵּיכּף געריניקט געוואָרן פֿון זיין צָרַעת. 4 און יֵשוּעַ האָט צו
אים געזאָגט: זע, דערצייל עס קיינעם ניט, נייערט גיי און ווייז דיך
פֿאַרן כֹּהן, און זיי מַקריב דעם קָרבן, וואָס מֹשה האָט געבאָטן, פֿאַר אַן
עֵדות צו זיי.[1]
5 און ווי ער איז אַריינגעקומען קיין כּפֿר־נַחוּם, האָט צו אים גענענט
אַ קֶנטוּריוֹן וואָס האָט אים געבעטן, 6 און געזאָגט: האַר, מיין באַדינער
ליגט געליימט אין הויז, און ליידט מוֹרֶאדיק. 7 האָט ער צו אים
געזאָגט: איך וועל קומען און אים היילן. 8 און דער קֶנטוּריוֹן האָט אים
געענטפֿערט: האַר, איך בין ניט ווערט, אַז דו זאָלסט קומען אונטער
מיין דאַך; נייערט זאָג נאָר דאָס וואָרט, און מיין באַדינער וועט
געהיילט ווערן. 9 וואָרים אויך איך בין אַ מענטש, געשטעלט אונטער
באַפֿעל־מאַכט, און האָב אונטער מיר

[1] ויקרא יג, 49; יד, 2-32.

חַיִל; און איך זאָג צו דעם: גיי! און ער גייט; און צו אַן אַנדערן: קום!
און ער קומט; און צו מיין קנעכט: טו דאָס! און ער טוט עס. 10 און אַז
יֵשוּעַ האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך געחִידושט, און געזאָגט צו די,
וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען: פאַרוואָר, איך זאָג אייך, ניט אַפילו אין
יִשׂרָאל האָב איך אָנגעטראָפן אַזאַ אֶמונה. 11 און איך זאָג אייך: אַ סַך
וועלן קומען פון מִזרח און מַערב, און וועלן זיך אַנידערזעצן מיט
אַברָהם, און יִצחָק, און יַעקֹב, אין דעם מַלכות־שָמַיִם, 12 בעת די זין פון
דעם מַלכות וועט מען אַרויסוואַרפן אין דער דרויסנדיקער פינצטערניש;
דאָרט וועט זיין געוויין און דאָס קריצן פון ציין. 13 און יֵשוּעַ האָט
געזאָגט צום קֶנטוריון: גיי דיין וועג; ווי דיין אֶמונה, אַזוי זאָל דיר
געשען. און דער באַדינער איז געהיילט געוואָרן אין יענער שָעה.

14 און בעת יֵשוּעַ איז אַריינגעקומען אין דעם הויז אַריין פון פּעטרוסן,
האָט ער געזען זיין שוויגער ליגן קראַנק אויף פיבער; 15 און ער האָט
באַרירט איר האַנט, און דאָס פיבער האָט זי אָפּגעלאָזט; און זי איז
אויפגעשטאַנען, און האָט אים באַדינט. 16 און אַז דער אָוונט האָט זיך
גענייגט, האָבן זיי געבראַכט צו אים אַ סַך באַזעסענע פון בייזע
גייסטער; און ער האָט אַרויסגעטריבן די גייסטער מיט אַ וואָרט, און
האָט געהיילט אַלע, וואָס זענען געווען קראַנק; 17 כּדי עס זאָל מקוים
ווערן, וואָס ישַעיה הַנָביא האָט געזאָגט:

ער האָט אויף זיך גענומען אונדזערע קראַנקהייטן,
און געטראָגן אונדזערע ווייטיקן.[1]

18 און בעת יֵשוּעַ האָט געזען אַ גרויסן עולם אַרום זיך, האָט ער
באַפוילן אַריבערצושיפן זיך אויף יענער זייט יַם. 19 און אָט איז צו אים
געקומען אַ סופר, וואָס האָט געזאָגט: רֶבי, איך וועל דיר נאָכגיין
וואוהין דו וועסט גיין. 20 האָט יֵשוּעַ צו אים געזאָגט: די פוקסן האָבן
הייַלן, און די פייגל פון הימל האָבן נעסטן, אָבער דער בֶן־אָדָם האָט
ניט וואו זיין קאָפּ אַנידערצולייגן. 21 און אַן אַנדערער פון די תַלמידים
האָט צו אים געזאָגט: האַר, דערלויב מיר קודם צו גיין און מקַבר זיין
מיין פאָטער. 22 אָבער יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: גיי מיר נאָך, און
זאָלן די מֵתים מקַבר זיין זייערע מֵתים.

23 און ווען ער איז אַריין אין דער שיף, זענען זיינע תַלמידים אים
נאָכגעגאַנגען. 24 און אָט האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער שטורעם
אויפן יַם, אַזוי, אַז די שיף איז געוואָרן פאַרפלייצט פון די כוואַליעס;
אָבער ער איז געשלאָפן. 25 און זיי זענען צוגעגאַנגען, און האָבן אים
אויפגעוועקט, און געזאָגט: האַר, ראַטעווע, מיר גייען אונטער!
26 האָט ער צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס שרעקט איר אייך, אָ איר קליין־
גלויביקע? דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען,

[1] ישעיה נג, 4.

און האָט אָנגעשריגן אויף די ווינטן און אויף דעם יַם; און סע איז
געוואָרן אַ גרויסע שטילקייט. 27 און די מענטשן זענען נִשתּוֹמם
געוואָרן, און האָבן געזאָגט: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מִין מענטש, אַז
אַפילו די ווינטן און דער יַם געהאָרכן אים?
28 און ווען ער איז געקומען אויף דער אַנדערער זייט, אין דעם לאַנד
פֿון די גַדרִיִים, האָבן אים באַגעגנט צוויי באַזעסענע, וואָס זענען
אַרויסגעקומען פֿון צווישן די קבָרים, און וואָס זענען געווען זייער
ווילד, אַזוי, אַז קיינער האָט ניט געקענט פֿאַרבײַגיין דורך יענעם אָרט.
29 און זע, זיי האָבן געשריגן, און געזאָגט: וואָס האָבן מיר צו טאָן מיט
דיר, דו בֶּן־אֱלֹהִים? ביסטו אַהערגעקומען אונדז צו פּייניקן פֿאַר דער
צייט? 30 און פֿון דערווייטן פֿון זיי האָט זיך געפּאַשעט אַ גרויסע
סטאַדע חַזֵירים. 31 און די בייזע גייסטער האָבן אים געבעטן: אויב דו
טרייבסט אונדז אַרויס, שיק אונדז אַרײַן אין דער סטאַדע חַזֵירים.
32 האָט ער צו זיי געזאָגט: גייט. און זיי זענען אַרויסגעקומען, און
זענען אַרײַן אין די חַזֵירים. ערשט די גאַנצע סטאַדע האָט זיך
אַראָפּגעלאָזט פֿון דעם שיפּוע אין יַם אַרײַן, און זענען אומגעקומען
אין די וואַסערן. 33 און די פּאַסטוכער זענען אַנטלאָפֿן, און זענען
געקומען אין דער שטאָט אַרײַן, און האָבן דערציילט אַלצדינג, און
אויך וואָס סע איז געשען מיט די באַזעסענע. 34 און זע, די גאַנצע
שטאָט איז אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען יֵשוּעַן; און ווען זיי האָבן אים
געזען, האָבן זיי אים געבעטן, אַז ער זאָל פֿאַרלאָזן זייערע געמאַרקן.
ט און ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין אַ שיף, און איז אַריבערגעפֿאָרן, און
איז אָנגעקומען אין זיין אייגענער שטאָט אַרײַן. 2 און אָט האָט מען צו
אים געבראַכט אַ געליימטן, וואָס איז געלעגן אויף אַ געלעגער; און אַז
יֵשוּעַ האָט געזען זייער אֱמוּנה, האָט ער געזאָגט צום געליימטן; זיי
געטרייסט, מיין זון; דיינע זינד זענען דיר פֿאַרגעבן געוואָרן. 3 און זע,
עטלעכע פֿון די סוֹפרים האָבן צו זיך געזאָגט: דער דאָזיקער מענטש
לעסטערט. 4 אָבער יֵשוּעַ האָט פֿאַרשטאַנען זייערע מַחשָבות, און האָט
געזאָגט: פֿאַרוואָס טראַכט איר שלעכטס אין אייערע הערצער?
5 וואָרים וואָס איז גרינגער, צו זאָגן: דיינע זינד זענען דיר פֿאַרגעבן,
אָדער צו זאָגן: שטיי אויף, און גיי? 6 אָבער כּדי איר זאָלט וויסן, אַז
דער בֶּן־אָדָם האָט רשוּת אויף דער ערד מוֹחל צו זיין זינד – האָט ער
געזאָגט צום געליימטן – שטיי אויף, און נעם דיין געלעגער, און גיי
אַהיים. 7 און ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַהיימגעגאַנגען. 8 און אַז
דאָס פֿאָלק האָט דאָס געזען, האָבן זיי זיך געפֿאָרכטן, און האָבן
געלויבט גאָט, וואָס האָט געגעבן אַזאַ מאַכט צו מענטשן.

9 און ווי יֵשוּעַ איז פֿון דאָרטן אַוועקגעגאַנגען, האָט ער געזען אַ
מענטשן, וואָס האָט געהייסן מַתָּיָא, זיצן אויפֿן צאָל־אַמט. און ער האָט
צו אים געזאָגט: גיי מיר נאָך. און ער איז אויפֿגעשטאַנען, און איז אים
נאָכגעגאַנגען.
10 און עס איז געווען, בעת ער איז געזעסן אין הויז בײַם טיש, ערשט אַ
סך מוֹכסים און זינדיקע זענען געקומען, און האָבן זיך אַנידערגעזעצט
מיט יֵשוּעַן און זײַנע תַּלמידים. 11 און אַז די פּרושים האָבן דאָס געזען,
האָבן זיי געזאָגט צו זײַנע תַּלמידים: פֿאַרוואָס עסט אײַער רֶבּי מיט
מוֹכסים און זינדיקע? 12 און אַז ער האָט דאָס געהערט, האָט ער
געזאָגט: די, וואָס זענען געזונט, דאַרפֿן ניט האָבן קיין רוֹפֿא, נייערט
די, וואָס זענען קראַנק. 13 איר אָבער גייט און לערנט וואָס דאָס מיינט:
חֶסֶד בּאַגער איך, און ניט קיין קָרבָּנות.[1] וואָרים איך בּין ניט געקומען
רופֿן די צַדיקים, נייערט די זינדיקע.
14 דעמאָלט האָבן גענעענט צו אים די תַּלמידים פֿון יוֹחָנָן, און האָבן
געזאָגט: פֿאַרוואָס פֿאַסטן מיר און די פּרושים אָפֿט, און דײַנע
תַּלמידים פֿאַסטן ניט? 15 האָט יֵשוּעַ צו זיי געזאָגט: קענען די מחותּנים
טרויערן, כָּל־זמַן דער חָתן איז מיט זיי? סע וועלן אָבער קומען טעג,
ווען דער חָתן וועט אַוועקגענומען ווערן פֿון זיי, און דעמאָלט וועלן
זיי שוֹין פֿאַסטן. 16 און קיינער לייגט ניט אַ לאַטע פֿון ניט־
אײַנגעלאָפֿענעם טוך אויף אַן אַלט מַלבּוש; ווײַל די לאַטע רײַסט זיך
אָפּ פֿון דעם מַלבּוש, און סע ווערט נאָך אַן ערגערער ריס. 17 מע טוט
אויך ניט אַרײַנגיסן קיין נײַעם ווײַן אין אַלטע לאָגלען; אַנדערש
צעפּלאַצן די לאָגלען, און דער ווײַן טוט זיך צעגיסן, און די לאָגלען
גייען פֿאַרלוירן. נייערט נײַעם ווײַן גיסט מען אַרײַן אין נײַע לאָגלען,
און בּיידע זענען בּאַוואָרנט.
18 בּשַעת ער האָט אַזוי צו זיי גערעדט, איז געקומען אַ שַׂר, און האָט
זיך פֿאַר אים געבּוקט, און געזאָגט: מײַן טאָכטער איז אָקערשט
געשטאָרבּן; קום, און לייג אַרויף אויף איר דײַן האַנט, וועט זי לעבּן.
19 און יֵשוּעַ איז אויפֿגעשטאַנען, און איז אים נאָכגעגאַנגען מיט זײַנע
תַּלמידים. 20 און זע, אַ פֿרוי, וואָס האָט צוועלף יאָר געליטן פֿון אַ
בּלוטפֿלוס, האָט גענעענט הינטער אים און האָט אָנגערירט די כַּנפֿות
פֿון זײַן מַלבּוש; 21 וואָרים זי האָט בּײַ זיך געטראַכט: אויבּ איך וועל
נאָר אָנרירן זײַן מַלבּוש, וועל איך ווערן געזונט. 22 און יֵשוּעַ האָט זיך
אויסגעדרייט, און אַז ער האָט זי געזען, האָט ער געזאָגט: זײַ
געטרייסט, טאָכטער מײַנע; דײַן אֶמוּנה האָט דיר געהאָלפֿן. און די פֿרוי

[1] הוֹשע ו, 6.

איז געזונט געוואָרן פֿון יענער שָעה אָן. 23 און אַז יֵשוּעַ איז אַרײַנגעקומען
אין דעם שַׂרס הויז אַרײַן, און געזען די פֿלײַטנשפּילער, און דעם
טומלדיקן עולם, 24 האָט ער געזאָגט: גייט אַרויס; וואָרים דאָס מיידל איז
ניט געשטאָרבן, נייערט זי שלאָפֿט. און זיי האָבן אים גוט אויסגעלאַכט.
25 אָבער אַז מען האָט דעם עולם אַרויסגעשיקט, איז ער אַרײַנגעגאַנגען,
און האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט, און דאָס מיידל איז אויפֿגעשטאַנען.
26 און די ידִיעה וועגן דעם האָט זיך פֿאַרשפּרייט אין יענעם גאַנצן לאַנד.
27 און ווי יֵשוּעַ איז פֿון דאָרטן אַוועקגעגאַנגען, זענען אים נאָכגעגאַנגען
צוויי בלינדע, וואָס האָבן געשריגן, און געזאָגט: דערבאַרעם דיך אויף
אונדז, בֶּן־דָוִד. 28 און אַז ער איז אַרײַנגעקומען אין דעם הויז אַרײַן,
האָבן די בלינדע גענענט צו אים; און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: גלויבט
איר, אַז איך בין בכּוח דאָס צו טאָן? האָבן זיי צו אים געזאָגט: יאָ, האַר.
29 דעמאָלט האָט ער באַרירט זייערע אויגן און געזאָגט: לויט ווי אײַער
אֱמונה, אַזוי זאָל אײַך געשען. 30 און זייערע אויגן זענען געעפֿנט
געוואָרן. און יֵשוּעַ האָט זיי שטרענג באַפֿוילן, און געזאָגט: זעט אַז
קיינער זאָל עס ניט וויסן. 31 אָבער זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, און האָבן
פֿאַרשפּרייט זײַן שֵם אין יענעם גאַנצן לאַנד.
32 און ווי זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט מען צו אים געבראַכט אַ
שטומען, וואָס איז געווען באַזעסן פֿון אַ בייזן גייסט. 33 און אַז דער בייזער
גייסט איז אַרויסגעטריבן געוואָרן, האָט דער שטומער גערעדט; און
דאָס פֿאָלק האָט זיך געחִידושט, און געזאָגט: אַזוינס איז נאָך קיינמאָל
ניט געזען געוואָרן אין יִשׂרָאל. 34 אָבער די פּרושים האָבן געזאָגט:
דורך דעם שַׂר פֿון די בייזע גייסטער טרײַבט ער אַרויס בייזע גייסטער.
35 און יֵשוּעַ איז אַרומגעגאַנגען איבער אַלע שטעדט און דערפֿער, האָט
געלערנט אין זייערע בָּתֵי־כּנֵסִיות, און אָנגעזאָגט די בשׂורה פֿון דעם
מַלכות, און געהיילט יעדע מִין קראַנקהייט און יעדן מִין ווייטיק. 36 און
אַז ער האָט געזען דאָס פֿאָלק, האָט אים אָנגענומען אַ רַחמָנות אויף זיי,
ווײַל זיי זענען געווען פֿאַרשמאַכט און צעזייט, ווי שאָף וואָס האָבן ניט
קיין פּאַסטעך. 37 דעמאָלט האָט ער געזאָגט צו זײַנע תַּלמידים: דער
שניט איז באֱמת גרויס, אָבער די אַרבעטער זענען ווינציק. 38 בעט
דעריבער דעם האַר פֿון דעם שניט, אַז ער זאָל אַרויסשיקן אַרבעטער צו
זײַן שניט.
י און ער האָט גערופֿן צו זיך זײַנע צוועלף תַּלמידים, און האָט זיי געגעבן
שלִיטה איבער אומריינע גייסטער, זיי אַרויסצוטרײַבן, און צו היילן יעדע
מִין קראַנקהייט און יעדן מִין ווייטיק.
2 און דאָס זענען די נעמען פֿון די צוועלף שלִיחים: דער ערשטער,
שִמעון, וואָס ווערט גערופֿן פּעטרוס, און אַנדריי זײַן ברודער; יַעקֹב
בֶּן־זַבדי, און יוחָנָן

זיין בּרודער; 3 פּיליפּוס און בַּר־תַּלמַי; תּוֹמָא און מַתִּיאָ, דער מוֹכס;
יַעקֹב בֶּן־חַלפַי און תַּדָי; 4 שִמעוֹן דער קַנָאי, און יהודה אִיש־קְרִיוֹת,
וואָס האָט אים אויך פאַרראָטן.
5 די דאָזיקע צוועלף האָט יֵשוּעַ אַוועקגעשיקט, און האָט זיי געבאָטן,
אַזוי צו זאָגן: גייט ניט אויף קיין וועג פון די גוֹיים, און קומט ניט
אַריין אין אַ שטאָט פון די שוֹמרוֹנים, 6 נייערט גייט ליבער צו די
פאַרלוירענע שאָף פון דעם בֵּית־יִשׂרָאֵל. 7 און בעת איר גייט, רופט
אויס, און זאָגט: דאָס מַלכות־שָמַיִם איז נאָענט. 8 היילט די קראַנקע,
זייט מחַיֵה־מֵתים, רייניקט די מצוֹרָעים, טרייבּט אַרויס בייזע גייסטער;
בּחִינם האָט איר מקַבּל געווען, בּחִינם זאָלט איר געבן. 9 נעמט ניט קיין
גאָלד, אָדער זילבער, אָדער קופּער אין אייערע גאַרטלען, 10 ניט קיין
רייזעזאַק אויפן וועג, ניט קיין צוויי רעק, ניט קיין שיך, ניט קיין
שטעקן; וואָרים דער אַרבעטער איז ווערט זיין עסן. 11 און אין וואָסער
שטאָט אָדער דאָרף איר וועט אַריינקומען, פאָרשט אויס ווער ס׳איז
דערין ווערט, און דאָרט פאַרבלייבּט, בּיז איר גייט ווייטער. 12 און ווי
איר קומט אַריין אין דעם הויז, גריסט עס. 13 און אויב דאָס הויז איז
זוֹכה, זאָל אייער שָלום קומען אויף אים; נאָר אויב סע איז ניט זוֹכה,
זאָל אייער שָלום זיך אומקערן צו אייך. 14 און ווער סע וועט אייך ניט
אויפנעמען, אָדער אויסהערן אייערע רייד, זאָלט איר אָפּטרעסלען דעם
שטויב פון אייערע פיס בעת איר גייט אַרויס פון יענעם הויז אָדער
שטאָט. 15 באמת, איך זאָג אייך, דעם לאַנד פון סדוֹם און עַמוֹרָה וועט
אַ סַך גרינגער זיין אין יוֹם־הַדין, ווי פאַר יענער שטאָט.
16 זעט, איך שיק אייך אַרויס ווי שאָף צווישן וועלף; זייט דעריבער
קלוג ווי שלאַנגען, און תּמִימותדיק ווי טויבן. 17 היט אייך אָבער פאַר
מענטשן; וואָרים זיי וועלן אייך איבערענטפערן צום סַנהֶדרין, און אין
זייערע שולן וועלן זיי אייך שמייַסן; 18 יאָ, אויך פאַר מוֹשלים און
מלָכים וועט מען אייך בּרענגען פון מייַנעטוועגן, פאַר אַן עֵדות צו זיי
און פאַר די גוֹיים. 19 און בעת זיי טוען אייך איבערענטפערן, דאַגהט
ניט וואָס איר זאָלט זאָגן, אָדער וואָס איר זאָלט רעדן; וואָרים סע
וועט אייך אין יענער שָעה געגעבן ווערן,

וואָס איר זאָלט רעדן. 20 וואָרים ניט איר זענט עס די, וואָס רעדן,
נייערט דער גייסט פון אייער פאָטער, וואָס רעדט דורך אייך. 21 און
ברודער וועט ברודער איבערענטפערן צום טויט, און פאָטער זיין קינד,
און קינדער וועלן אויפשטיין קעגן עלטערן, און זיי טייטן; 22 און איר
וועט זיין פאַרהאַסט פון אַלעמען פון מיין נאָמענוועגן; אָבער דער,
וואָס וועט אויסהאַלטן ביזן סוף, וועט נִיצול ווערן. 23 און ווען זיי
טוען אייך רודֶפן אין דער שטאָט, אַנטלויפט אין דער אַנדערער;
וואָרים באמת, איך זאָג אייך, איר וועט ניט האָבן דורכגעגאַנגען די
שטעט פון יִשׂרָאל, ביז דער בֶּן־אָדָם וועט קומען.
24 אַ תַּלמיד שטייט ניט העכער פון זיין רֶבין, און אַ קנעכט איבער זיין
האַר; 25 גענוג איז פאַר דעם תַּלמיד ער זאָל זיין ווי זיין רֶבי, און דער
קנעכט ווי זיין האַר. אויב זיי האָבן דעם בַּעל־הַבָּית גערופן בַּעל־זבול,
אַ פְּשיטא שוין זיין הויזגעזינד? 26 בּכֵן, האָט ניט קיין מורא פאַר זיי;
וואָרים עס איז גארניט פאַרהוילן, וואָס וועט ניט אַנטפּלעקט ווערן,
און פאַרבאָרגן, וואָס וועט ניט באַקאַנט ווערן. 27 וואָס איך זאָג אייך
אין דער פינצטערניש, רעדט אין דער ליכטיקייט; און וואָס איר הערט
אויפן אויער, מאַכט באַקאַנט פון די דעכער. 28 און האָט ניט קיין מורא
פאַר די, וואָס טייטן דעם גוף, נאָר קאָנען ניט טייטן די נשָמה; נייערט
האָט ליבערשט מורא פאַר אים, וואָס קאָן אומברענגען סיי נשָמה, סיי
גוף איז גיהֶנום. 29 פאַרקויפט מע דען ניט צוויי פייגעלעך פאַר אַ
פּרוטה? און דאָך פאַלט קיין איינס פון זיי ניט אויף דער ערד אָן אייער
פאָטערס רָצון. 30 ביי אייך זענען אַפילו די האָר אויף דעם קאָפּ אַלע
געציילט. 31 דערפאַר האָט ניט קיין מורא; איר זענט מער ווערט ווי אַ
סַך פייגעלעך. 32 דעריבער, יעדער איינער, וואָס וועט מיך באַקענען
פאַר מענטשן, דעם וועל איך אויך באַקענען פאַר מיין פאָטער אין
הימל. 33 ווער אָבער סע וועט מיך פאַרלייקענען פאַר מענטשן, דעם
וועל איך אויך פאַרלייקענען פאַר מיין פאָטער אין הימל.
34 מיינט ניט, אַז איך בין געקומען ברענגען שָלום אויף דער ערד; איך
בין ניט געקומען ברענגען שָלום, נייערט אַ שווערד. 35 וואָרים איך בין
געקומען פונאַנדערשיידן אַ מענטשן פון זיין פאָטער, און אַ טאָכטער
פון איר מוטער, און אַ שנור פון איר שוויגער; 36 און אַ מענטשנס
שׂונאים וועלן זיין זיינע אייגענע הויזגעזינדן.[1] 37 דער, וואָס האָט ליב
פאָטער אָדער מוטער מער ווי מיך, איז מיך ניט ווערט; און דער, וואָס
האָט ליב זון, אָדער טאָכטער מער ווי מיך, איז מיך ניט ווערט. 38 און
דער, וואָס נעמט ניט זיין קרייץ

[1] מיכא ז, 6.

און גייט מיר נאָך, איז מיך ניט ווערט. 39 דער, וואָס געפינט זיין לעבן,
וועט עס פאַרלירן; און דער, וואָס פאַרלירט זיין לעבן פון
מײַנעטוועגן, וועט עס געפינען.
40 דער, וואָס נעמט אייך אויף, נעמט מיך אויף, און דער, וואָס נעמט
אייך אויף, נעמט אויף דעם, וואָס האָט מיך געשיקט. 41 דער, וואָס
נעמט אויף אַ נָביא אין דעם נאָמען פון אַ נָביא, וועט באַקומען אַ
נָבִֿיאס שׂכַר; און דער, וואָס נעמט אויף אַ צַדיק אין דעם נאָמען פון אַ
צַדיק, וועט באַקומען אַ צַדיקס שׂכַר. 42 און דער, וואָס וועט בלויז
געבן צו טרינקען אַ בעכער קאַלט וואַסער איינעם פון די דאָזיקע
מינדסטע, אין דעם נאָמען פון אַ תַּלמיד, באמת, איך זאָג אייך, ער
וועט ניט אָנווערן זיין שׂכַר.
יא און עס איז געווען, בעת יֵשוּעַ האָט געענדיקט צו באַפעלן זיינע
צוועלף תַּלמידים, איז ער פון דאָרטן אַוועקגעגאַנגען לערנען און
דַרשענען אין זייערע שטעט.
2 און ווען יוחָנָן האָט געהערט אין דער תּפִֿיסה די מַעשׂים פון דעם
מָשִיחַ, האָט ער געשיקט דורך זיינע תַּלמידים, 3 און אים געלאָזט זאָגן:
ביסטו דער, וואָס דאַרף קומען, אָדער זאָלן מיר וואַרטן אויף אַן
אַנדערן? 4 און יֵשוּעַ האָט געענטפערט, און צו זיי געזאָגט: גייט און
דערציילט יוחָנָן וואָס איר הערט און זעט: 5 די בלינדע קריגן זייער
ראִיה, די לאָמע גייער, די מצוֹרָעים ווערן געריייניקט, די טויבע הערן,
די טויטע שטייען אויף תּחִיַת־הַמֵתים, און פֿאַר די אָרעמע ווערט
געדַרשנט די בשׂורה־טובֿה. 6 און וואויל איז דעם, וואָס וועט זיך ניט
שטרויכלען אָן מיר.
7 און ווי זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט יֵשוּעַ אָנגעהויבן צו רעדן צום
פאָלק וועגן יוחָנָן: וואָס זענט איר אַרויסגעגאַנגען זען אין דער מִדבר?
אַ טראָשטשינע שאָקלען זיך מיטן ווינט? 8 וואָס דען זענט איר
אַרויסגעגאַנגען זען? אַ מענטשן אָנגעטאָן אין פיינע מַלבושים? זעט, די
וואָס טראָגן פיינע מַלבושים זענען אין הייזער פון מלָכים. 9 אָדער צוליב
וואָס זענט איר אַרויסגעגאַנגען? צו זען אַ נָביא? יאָ, איך זאָג אייך, אַ
סך מער ווי אַ נָביא. 10 דאָס איז ער, פון וועמען סע שטייט געשריבן:

זע, איך שיק מיין מלאך פאַר דיין פָּנים,
וואָס וועט אָנגרייטן דיין וועג פאַר דיר.[1]

11 באמת, איך זאָג אייך, צווישן די, וואָס זענען געבוירן געוואָרן פון
ווייבער, איז ניט אויפגעשטאַנען קיין גרעסערער ווי יוחָנָן הַמַטבִּיל;
פונדעסטוועגן איז דער קלענסטער אין דעם מַלכות־שָמַיִם גרעסער פון
אים.

---

[1] מלאכי ג, 1.

12 אוּן זינט די טעג פוּן יוֹחָנָן הַמַטבּיל אָן בּיז איצט, ליידט דאָס
מַלכוּת־שָׁמַיִם געוואַלט, אוּן די מענטשן פוּן געוואַלט נעמען עס מיט
גבוּרה. 13 וואָרים אַלע נבִיאים אוּן די תּוֹרה האָבן נבִיאוּת געזאָגט בּיז
יוֹחָנָן. 14 אוּן אויבֿ איר ווילט עס אָננעמען, איז ער אֵלִיָהוּ, וואָס דאַרף
קוּמען. 15 דער, וואָס האָט אויערן, זאָל הערן.
16 צוּ וועמען אָבער זאָל איך גלייַכן דעם דאָזיקן דוֹר? ער איז גלייַך צוּ
קינדער, וואָס זיצן אויף די מאַרקפּלעצער אוּן רוּפן צוּ זייערע חַבֵרים:
17 מיר האָבן געשפּילט פאַר אייך, אוּן איר האָט ניט געטאַנצט,
מיר האָבן געקלאָגט, אוּן איר האָט ניט געטרויערט.
18 וואָרים יוֹחָנָן איז געקוּמען, אוּן ער האָט ניט געגעסן אוּן ניט
געטרוּנקען, אוּן זיי זאָגן: אַ בּייזער גייסט איז אין אים; 19 דער בֶּן־אָדָם
איז געקוּמען ער עסט אוּן טרינקט, אוּן זיי זאָגן זעט, אַ מענטש אַ
זוֹלֵל־וסוֹבא, אַ פריינט פוּן מוֹכסים אוּן זינדיקע! אוּן די חָכמה איז
גערעכטפאַרטיקט דוּרך אירע מַעשׂים.
20 דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צוּ מוסרן די שטעט, אין וועלכע דאָס
רוֹב פוּן זיינע וואוּנדער זענען געטאָן געוואָרן, ווייל זיי האָבן ניט
תּשוּבה געטאָן. 21 וויי צוּ דיר, כּוֹרָזין! וויי צוּ דיר, בֵּית־צַיָדָה! וואָרים
אויבֿ די נִסים, וואָס זענען געטאָן געוואָרן אין אייך, וואָלטן געטאָן
געוואָרן אין צוֹר אוּן אין צִידוֹן, וואָלטן זיי שוין לאַנג תּשוּבה־געטאָן
אין זאַק אוּן אַש. 22 אָבער איך זאָג אייך, אין יוֹם־הַדין וועט זיין
גרינגער פאַר צוֹר אוּן צִידוֹן ווי פאַר אייך. 23 אוּן דוּ, כּפַר־נַחוּם, אַזש
צוּם הימל וועסטוּ דיך דערהייבן? אין שאוֹל־תַּחתִּיה וועסטוּ
אַראָפּנידערן. וואָרים אויבֿ די נִסים, וואָס זענען אין דיר געטאָן
געוואָרן, וואָלטן געטאָן געוואָרן אין סדוֹם, וואָלט זי פאַרבּליבן בּיזן
היינטיקן טאָג. 24 אָבער איך זאָג אייך, דעם לאַנד פוּן סדוֹם וועט זיין
גרינגער אין יוֹם־הַדין ווי דיר.
25 אין יענער צייט האָט יֵשוּעַ אויסגערוּפן, אוּן געזאָגט: איך דאַנק דיר,
פאָטער, האַר פוּן הימל אוּן ערד, וואָס דוּ האָסט דאָס פאַרהוילן פוּן
די חַכָמים אוּן פאַרשטענדיקע, אוּן עס אַנטפּלעקט פאַר עוֹפעלעך;
26 יאָ, פאָטער, אַזוי איז געווען דיין רָצוֹן. 27 אַלצדינג איז מיר
איבּערגעענטפערט געוואָרן פוּן מיין פאָטער; אוּן קיינער קען ניט דעם
זוּן, אַחוּץ דער פאָטער; אוּן קיינער קען ניט דעם פאָטער, אַחוּץ דער
זוּן, אוּן דער, צוּ וועמען דער זוּן וויל אים אַנטפּלעקן. 28 קוּמט צוּ מיר,
איר אַלע, וואָס האָרעוועט אוּן זענט שווער בּאַלאָדן, אוּן איך וועל
אייך געבן רוּ.

29 נעמט אויף אייך מיין יאָך, און לערנט פֿון מיר; וואָרים איך בין
עַניוועֶתדיק און נידעריק אין געמיִט, און איר וועט געפֿינען רו פֿאַר
אייערע נשָמות. 30 וואָרים מיין יאָך איז גרינג, און מיין מַשׂא איז
לייַכט.
יב אין יענער צייט איז יֵשוּעַ אין אַ שַבּת געגאַנגען דורך תּבוּאה־
פֿעלדער; און זיינע תַּלמידים זענען געווען הונגעריק, און האָבּן
אָנגעהויבּן צו רייסן זאַנגען און עסן. 2 אָבּער אַז די פּרושים האָבּן דאָס
געזען, האָבּן זיי צו אים געזאָגט: זע, דיינע תַּלמידים טוּען, וואָס מען
טאָר ניט טאָן אום שַבּת. 3 אָבּער ער האָט צו זיי געזאָגט: האָט איר ניט
געלייענט וואָס דָוִד האָט געטאָן, בּעת ער איז געווען הונגעריק, און די,
וואָס זענען געווען מיט אים? 4 ווי ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין דעם הויז
פֿון גאָט, און האָט געגעסן דאָס לֶחֶם־הַפָּנים, וואָס ער האָט ניט
געטאָרט עסן, און אויך ניט די, וואָס זענען געווען מיט אים, נייערט
נאָר די כֹּהַנים אַליין? 5 אָדער האָט איר ניט געלייענט אין דער תּוֹרה,
אַז די כֹּהַנים זענען מחַלֵל שַבּת אין בֵּית־הַמִקדש, און דאָך זענען זיי ניט
חַייבֿ? 6 אָבּער איך זאָג אייך, אַ גרעסערער פֿון בֵּית־הַמִקדש איז דאָ
פֿאַראַן. 7 און אויבֿ איר וואָלט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט: חֶסֶד
בּאַגער איך און ניט קיין קָרבָּנות, וואָלט איר ניט פֿאַרמִשפּט די
אומשולדיקע; 8 וואָרים דער בֶּן־אָדָם איז האַר איבּער דעם שַבּת.
9 און ער איז אַוועק פֿון דאָרטן, און איז אַרייַנגעגאַנגען אין זייער שול.
10 און אָט איז דאָרט געווען אַ מענטש מיט אַ פֿאַרדאַרטער האַנט. און
זיי האָבּן אים געפֿרעגט: מעג מען היילן אום שַבּת? כּדי זיי זאָלן אים
קענען פֿאַרמַסרן. 11 האָט ער צו זיי געזאָגט: וואָסער מענטש צווישן
אייך, וואָס פֿאַרמאָגט אַ שאָף, און אויבֿ זי זאָל שַבּת אַרייַנפֿאַלן אין אַ
גרוב, צי וועט ער זי ניט אָננעמען און אַרויסשלעפּן? 12 בּכֵן, וויפֿל
מער איז אַ מענטש ווערט פֿון אַ שאָף! דעריבּער מעג מען שַבּת טאָן
גוטס. 13 דערנאָך האָט ער געזאָגט צום מענטשן: שטרעק אויס דיין
האַנט. און ער האָט זי אויסגעשטרעקט, און זי איז געזונט געוואָרן, ווי
די אַנדערע. 14 און די פּרושים זענען אַרויסגעגאַנגען, און האָבּן זיך
קעגן אים אַן עֵצה געהאַלטן, ווי אים אומצובּרענגען.
15 און אַז יֵשוּעַ האָט דאָס בּאַמערקט, איז ער אוועק פֿון דאָרטן. און אַ
סַך זענען אים נאָכגעגאַנגען, און ער האָט זיי אַלע געהיילט, 16 און זיי
בּאַפֿוילן אים ניט מגַלה צו זיין, 17 כּדי עס זאָל מקוּים ווערן, וואָס סע
איז געזאָגט געוואָרן פֿון ישַעיָה הַנָביא:

[1] שמואל א׳ כא, 7; ויקרא כד, 9. [2] במדבּר כח, 9. [3] הוֹשע ו, 6.

18 אָט איז מיין קנעכט, וועמען איך האָב אויסדערוויילט,
מיין געליבטער, וואָס איז מיר וואוילגעפעלן.
איך וועל אַרויפטאָן מיין גייסט אויף אים;
אַ משפט צו די פעלקער וועט ער אַרויסלאָזן.
19 ער וועט זיך ניט קריגן, און ניט שרייען,
אויך וועט מען ניט הערן זיין קול אין די גאַסן.
20 אַן איינגעבויגן שטעקל וועט ער ניט צעברעכן,
און אַ רייכערדיקן קנויט וועט ער ניט פאַרלעשן,
ביז ער וועט אַרויסברענגען דעם משפט צום נצחון;
21 און אויף זיין נאָמען וועלן די פעלקער האָפן.[1]

22 דעמאָלט האָט מען צו אים געבראַכט אַ בלינד־שטומען, וואָס איז
געווען באַזעסן פון אַ שד, און ער האָט אים געהיילט, אַזוי, אַז דער
שטומער האָט גערעדט און געזען. 23 און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך
געחידושט, און געזאָגט: זאָל דאָס זיין דער בן־דוד? 24 אָבער אַז די
פרושים האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי געזאָגט: ער טרייבט אַרויס
שדים נאָר דורך בעל־זבול, דעם שר פון די שדים. 25 און
פאַרשטייענדיק זייערע מחשבות, האָט ער צו זיי געזאָגט: יעדע
מלוכה, וואָס איז צעטיילט קעגן זיך אַליין, ווערט חרוב; און יעדע
שטאָט אָדער הויז, וואָס איז צעטיילט קעגן זיך אַליין, וועט ניט האָבן
קיין קיום. 26 און אויב דער שטן טוט אַרויסטרייבן דעם שטן, איז ער
צעטיילט קעגן זיך אַליין, טאָ וויאַזוי קאָן זיין מלוכה האָבן אַ קיום?
27 און אויב איך טרייב אַרויס שדים דורך בעל־זבול, דורך וועמען
טרייבן אייערע זין זיי אַרויס? דעריבער זאָלן זיי זיין אייערע ריכטער.
28 טרייב איך אָבער אַרויס שדים דורך דעם גייסט פון גאָט, טאָ האָט
גענעענט צו אייך דאָס מלכות פון גאָט. 29 אָדער וויאַזוי קאָן איינער
אַריינקומען אין הויז אַריין פון דעם גיבור, און רויבן זיינע זאַכן, אויב
ער בינדט ניט קודם דעם גיבור, און דערנאָך ערשט קאָן ער באַרויבן
זיין הויז. 30 ווער סע איז ניט מיט מיר, איז קעגן מיר, און ווער סע
זאַמלט ניט איין מיט מיר, צעשפרייט. 31 דעריבער זאָג איך אייך, יעדע
זינד און לעסטערונג וועט פאַרגעבן ווערן די מענטשן, אָבער די
לעסטערונג קעגן דעם רוח־הקודש וועט ניט פאַרגעבן ווערן. 32 און
ווער סע וועט רעדן אַ וואָרט קעגן דעם בן־אָדם, וועט מען עס אים
מוחל זיין,

[1] ישעיה מב, 1-4.

ווער אָבער סע וועט רעדן קעגן דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, דעם וועט מען עס ניט
מוֹחל זיין, ניט אויף דער וועלט און ניט אויף דער עולם־הַבָּא..
33 אָדער מאַכט דעם בוים גוט, און זיינע פֵּירות גוט, אָדער מאַכט דעם בוים
שלעכט, און זיינע פֵּירות שלעכט; וואָרים דעם בוים דערקענט מען לויט
זיינע פֵּירות. 34 איר אָפּשטאַם פון שלאַנגען! ווי קאַנט איר רעדן גוטס, ווען
איר זענט שלעכט? וואָרים פון וואָס דאָס האַרץ איז פול, רעדט דאָס מויל.
35 דער גוטער מענטש טוט אַרויסברענגען פון זיין גוטן אוֹצר גוטס; און דער
שלעכטער מענטש טוט אַרויסברענגען פון זיין שלעכטן אוֹצר שלעכטס.
36 איך זאָג אייך, אַז פאַר יעדן פוסטן וואָרט, וואָס מענטשן רעדן, וועלן זיי
מוזן אָפּגעבן חֶשבּון אין יוֹם־הַדין; 37 וואָרים לויט דיינע רייד וועסטו
גערעכטפאַרטיקט ווערן, און לויט דיינע רייד וועסטו פאַרמִשפּט ווערן.
38 דעמאָלט האָבן עטלעכע פון די סוֹפרים און פּרושים צו אים געזאָגט רֶבּי,
מיר וואָלטן וועלן זען אַ צייכן פון דיר. 39 אָבער ער האָט געענטפערט, און
צו זיי געזאָגט: אַ שלעכטער און נוֹאפדיקער דוֹר זוכט אַ צייכן, אָבער סע
וועט אים קיין צייכן ניט געגעבן ווערן, סיידן דער צייכן פון יוֹנָה הַנָבִיא.
40 ווייל אַזוי ווי יוֹנָה איז דריי טעג און דריי נעכט געווען אין דעם אינגעווייד
פון דעם וואַלפיש, אַזוי וועט דער בֶּן־אָדָם זיין דריי טעג און דריי נעכט אין
דעם האַרץ פון דער ערד. 41 די מענטשן פון נִינוֵה וועלן אויפשטיין צום
מִשפּט מיט דעם דאָזיקן דוֹר, און וועלן אים פאַרמִשפּטן; וואָרים זיי האָבן
תּשובה געטאָן אויף דעם רופן פון יוֹנָהן, און דאָ איז פאַראַן אַ גרעסערער
פון יוֹנָהן. 42 די מַלכּה פון תֵּימָן וועט אויפשטיין צום מִשפּט מיט דעם
דאָזיקן דוֹר, און אים פאַרמִשפּטן; וואָרים זי איז געקומען פון עק וועלט צו
הערן די חָכמה פון שלמהן; און דאָ איז פאַראַן אַ גרעסערער פון שלמהן.
43 און בעת דער אומריינער גייסט גייט אַרויס פון אַ מענטשן, וואַנדערט ער
אַרום אין טרוקענע ערטער, און זוכט אַ מָקוֹם־מנוחה; און אַז ער געפינט אים
ניט, 44 דעמאָלט זאָגט ער: איך וועל מיך אומקערן אין מיין הויז אַריין,
פונוואַנען איך בין אַרויסגעגאַנגען. און בעת ער קומט, געפינט ער עס
ליידיק, אויסגעקערט, און אויסגעפּוצט. 45 דערנאָך גייט ער, און נעמט מִיט
זיך זיבן אַנדערע רוחות, נאָך ערגערע פון אים אַליין, און זיי גייען אַריין און
וואוינען דאָרט; און דער סוֹף פון יענעם מענטשן ווערט ערגער ווי דער
אָנהייב. פּונקט אַזוי וועט אויך זיין מיט דעם דאָזיקן שלעכטן דוֹר.
46 און בשַעת ער האָט נאָך גערעדט צום פאָלק, ערשט זיין מוטער און זיינע
ברידער זענען געשטאַנען אין דרויסן, און האָבן געוואָלט מיט אים רעדן.
47 און איינער האָט צו אים געזאָגט: זע, דיין מאַמע און דיינע ברידער
שטייען אין דרויסן און ווילן מיט דיר רעדן. 48 אָבער ער האָט געענטפערט,
און געזאָגט צו דעם, וואָס האָט אים דאָס געזאָגט: ווער איז מיין מוטער,
און ווער זענען מיינע ברידער? 49 און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט
אויף זיינע תַּלמידים,

און געזאָגט: אָט איז מיין מוטער און מיינע ברידער! 50 וואָרים ווער סע וועט
טאָן דעם רָצון פון מיין פאָטער אין הימל, איז מיין ברודער, און שוועסטער, און
מוטער.
יג אין יענעם טאָג איז יֵשוּעַ אַרויסגעגאַנגען פון דעם הויז און האָט זיך געזעצט
ביים יַם. 2 און סע האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום אים אַ גרויסער עולם, אַזוי, אַז ער
איז אַריינגעגאַנגען אין אַ שיף, און האָט זיך אַנידערגעזעצט; און דאָס גאַנצע
פאָלק איז געשטאַנען ביים ברעג. 3 און ער האָט צו זיי גערעדט אַ סַך מיט
מְשָלים, און געזאָגט: זעט, דער זייער איז אַרויסגעגאַנגען זייען. 4 און בעת ער
האָט געזייט, איז טייל זְריעה געפאַלן ביים וועג, און די פייגל זענען געקומען און
האָבן זי פאַרצערט. 5 און אַנדערע איז געפאַלן אויף פעלזיק לאַנד, וואו זי האָט
ניט געהאַט קיין סַך ערד; און זי האָט תֵּיכף אויפגעשפּראָצט, ווייל זי האָט ניט
געהאַט קיין טיפקייט פון ערד; 6 און אַז די זון איז אויפגעגאַנגען, איז זי
פאַרטריקנט געוואָרן, און מַחמת זי האָט ניט געהאַט קיין וואָרצלען, איז זי
פאַרוועלקט געוואָרן. 7 און אַנדערע איז געפאַלן צווישן דערנער, און די דערנער
זענען אויפגעוואַקסן און האָבן זי דערשטיקט. 8 און אַנדערע איז געפאַלן אויף
גוטער ערד, און האָט אַרויסגעגעבן תְּבואה, טייל הונדערטפאַך, טייל זעכציק,
טייל דרייַסיקפאַך. 9 דער, וואָס האָט אויערן, זאָל הערן.
10 און די תַּלמידים האָבן גענעענט, און האָבן צו אים געזאָגט: פאַרוואָס רעדסטו
צו זיי מיט מְשָלים? 11 האָט ער געענטפערט, און צו זיי געזאָגט: אייך איז געגעבן
געוואָרן צו פאַרשטיין די סודות פון דעם מַלכות־שָמַיִם, אָבער צו זיי איז דאָס ניט
געגעבן געוואָרן. 12 וואָרים דער, וואָס האָט, דעם וועט געגעבן ווערן, און ער
וועט האָבן בשֶפע; אָבער דער, וואָס האָט ניט, פון דעם וועט אַוועקגענומען
ווערן אַפילו דאָס, וואָס ער האָט. 13 דעריבער רעד איך צו זיי מיט מְשָלים, ווייל
הַגַם זיי זעען, זעען זיי ניט; און הַגַם זיי הערן, הערן זיי ניט, און פאַרשטיין אויך
ניט. 14 און אויף זיי איז מקוים געוואָרן די נבואה פון יְשַעְיָה, וואָס זאָגט:

הערן וועט איר הערן, און ניט פאַרשטיין,
און זען וועט איר זען, און דאָך ניט זען.
15 וואָרים פעט איז דאָס האַרץ פון דעם דאָזיקן פאָלק,
און זייערע אויערן שווער צו הערן,
און זייערע אויגן האָבן זיי פאַרמאַכט,
טאָמער וועלן זיי זען מיט זייערע אויגן,
און הערן מיט זייערע אויערן,
און פאַרשטיין מיט זייער האַרץ,
און תשובה טון און איך זאָל זיי היילן.[1]

16 אָבער וואויל איז צו אייערע אויגן, ווייל זיי זעען, און אייערע אויערן, ווייל זיי
הערן. 17 וואָרים באמת, איך זאָג אייך, אַז אַ סַך נביאים און צַדיקים האָבן
באַגערט צו

[1] ישעיה ו, 9, 10.

זען וואָס איר זעט, און האָבן עס ניט געזען, און צו הערן וואָס איר
הערט, און האָבן עס ניט געהערט.
18 הערט דעריבער איר דאָס מָשל מיט דעם זייער. 19 איטלעכער וואָס
הערט דאָס וואָרט פון דעם מַלכות־שָמַים און פאַרשטייט עס ניט, קומט
דער שָׂטן און רויבט דאָס, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן אין זיין האַרץ;
דאָס איז דער, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן ביים וועג. 20 און דאָס, וואָס
איז פאַרזייט געוואָרן אויף פעלזיק לאַנד, דאָס איז דער, וואָס הערט דאָס
וואָרט און נעמט עס תֵּיכף אויף מיט שׂמחה; 21 אָבער אַזוי ווי ער האָט
ניט קיין וואָרצל אין זיך, פאַרבלייַבט ער נאָר אויף אַ ווייַל; און ווי נאָר
סע קומען אָן ליידן און רדיפות צוליב דעם וואָרט, ווערט ער תֵּיכף
געשטרויכלט. 22 און דאָס, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן צווישן דערנער,
דאָס איז דער, וועס הערט דאָס וואָרט, און די דאָגות פון דער וועלט און
די אָפּנאַרעריי פון עַשִירות דערשטיקן דאָס וואָרט, און עס איז אָן פֵּירות.
23 און דאָס, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן אויף גוטער ערד, דאָס איז דער,
וואָס הערט דאָס וואָרט און פאַרשטייט עס; דער, בֶּאמת, טראָגט פֵּירות,
און ברענגט אַרויס, טייל הונדערטפאַך, טייל זעכציק, און טייל
דרייַסיקפאַך.
24 אַן אַנדער מָשל האָט ער געבראַכט פאַר זיי, אַזוי צו זאָגן: דאָס מַלכות־
שָמַים איז געגליכן צו אַ מענטשן וואָס האָט פאַרזייט גוטע זרִיעה אין זיין
פעלד. 25 און בעת די מענטשן זענען געשלאָפן, איז געקומען זיין שׂונא
און האָט פאַרזייט ווילד־גראָז צווישן דעם ווייץ, און איז אַוועקגעגאַנגען.
26 און ווען די זרִיעה האָט אויפגעשפּראָצט און געטראָגן פרוכט,
דעמאָלט האָט זיך אויך באַוויזן דאָס ווילד־גראָז. 27 זענען געקומען די
קנעכט פון דעם בַעל־הַבָית, און האָבן צו אים געזאָגט: האַר, האָסטו ניט
געזייט גוטע זרִיעה אין דיין פעלד? פונוואַנען־זשע נעמט זיך אויף אים
ווילד־גראָז? 28 האָט ער צו זיי געזאָגט: אַ שׂונא האָט דאָס געטאָן. האָבן
די קנעכט צו אים געזאָגט: ווילסטו אֶפשר, אַז מיר זאָלן גיין און זיי
צונויפקלייבן? 29 האָט ער געזאָגט: ניין, טאָמער וועט איר, בשַעת איר
וועט צונויפקלייבן דאָס ווילד־גראָז, אויך אויסוואָרצלען מיט זיי דעם
ווייץ. 30 לאָזט זיי ביידע וואַקסן צוזאַמען ביז שניט־צייט; און אין דער
צייט פון שניט וועל איך זאָגן צו די שניטער: קלייבט צונויף קודם דאָס
ווילד־גראָז און בינדט עס אין גאַרבן, כדי עס צו פאַרברענען; אָבער דעם
ווייץ זאַמלט איין אין מיין שייַער אַריין.
31 אַן אַנדער מָשל האָט ער געבראַכט פאַר זיי, אַזוי צו זאָגן: דאָס מַלכות־
שָמַים איז געגליכן צו זענעפט־זרִיעה, וואָס אַ מענטש האָט גענומען און
פאַרזייט אין זיין פעלד. 32 און הַגַם סע איז קלענער פון אַלע זאָמען,
וואַקסט עס אָבער אויס, איז עס גרעסער פון אַלע קרייַטעכצער, און ווערט
אַ בוים, אַזוי, אַז די פייגל פון הימל קומען און נעסטן אין זיינע צווייגן.

33 אַן אַנדער מָשל האָט ער זיי דערציילט: דאָס מַלכות־שָמַיִם איז
געגליכן צו זויערטייג, וואָס אַ פרוי האָט גענומען און אַריַינגעטאָן אין
דריי מאָס מעל, ביז עס איז אינגאַנצן פאַרזייַערט געוואָרן.
34 דאָס אַלץ האָט יֵשוּעַ גערעדט מיט משָלים פאַרן פאָלק; און אָן אַ
מָשל האָט ער ניט גערעדט צו זיי. 35 כּדי עס זאָל מקוים ווערן וואָס סע
איז געזאָגט געוואָרן דורך דעם נָביא:

איך וועל עפענען מיין מויל מיט משָלים,
און רעדן רעטענישן פון פאַרצייטן.[1]

36 דערנאָך האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס פאָלק, און איז אַריַינגעגאַנגען אין
הויז אַריין. און זיינע תַּלמידים האָבן גענענט, און האָבן צו אים
געזאָגט: דערקלער אונדז דאָס מָשל מיט דעם ווילד־גראָז פון פעלד.
37 און ער האָט געענטפערט: דער, וואָס זייט די גוטע זריעה, איז דער
בֶּן־אָדָם; 38 און דאָס פעלד איז די וועלט, און די גוטע זריעה זענען די
זין פון דעם מַלכות; און דאָס ווילד־גראָז זענען די זין פון דעם שָׂטן;
39 און דער שׂונא, וואָס האָט עס פאַרזייט, איז דער שָׂטן; און די שניט־
צייט איז דער סוף פון דער וועלט, און די שניטער זענען מַלאָכים.
40 דעריבער, אַזוי ווי דאָס ווילד־גראָז ווערט צונויפגעקליבן און
פאַרברענט אין פייער, אַזוי וועט עס זיין ביים סוף פון דער וועלט.
41 דער בֶּן־אָדָם וועט אַרויסשיקן זיינע מַלאָכים, און זיי וועלן
צונויפקלייבן פון זיין מַלכות אַלע שטרויכלונגען און אומרעכט־טוער,
42 און זיי אַריַינוואַרפן אין דעם אויוון פון פייער; דאָרט וועט זיין
געוויין און דאָס קריצן פון ציין. 43 דעמאָלט וועלן די צַדיקים שיינען
ווי די זון אין דעם מַלכות פון זייער פאָטער. דער, וואָס האָט אויערן,
זאָל הערן.
44 דאָס מַלכות־שָמַיִם איז געגליכן צו אַן אוצר פאַרבאָרגן אין פעלד,
וואָס אַ מענטש האָט געפונען און פאַרבאָרגן; און פאַר שׂמחה גייט ער
און פאַרקויפט אַלץ, וואָס ער האָט, און קויפט דאָס פעלד.
45 און ווידער איז דאָס מַלכות־שָמַיִם געגליכן צו אַ סוחר, וואָס זוכט
שיינע פּערל. 46 און אַז ער האָט געפונען איין פּערל פון גרויסן ווערט,
איז ער געגאַנגען און האָט פאַרקויפט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, און
האָט זי געקויפט.
47 און ווידער איז דאָס מַלכות־שָמַיִם געגליכן צו אַ נעץ, וואָס מען
האָט געוואָרפן אין יַם אַריין, און וואָס האָט איַינגעזאַמלט פאַרשידענע
מינים; 48 און ווען זי איז פול געוואָרן, האָט מען זי אַרויסגעצויגן
אויפן ברעג, און זיך אַנידערגעזעצט, און די גוטע צונויפגעקליבן אין
כֵּלים, און די שלעכטע אַוועקגעוואָרפן. 49 אַזוי

[1] תהלים עח, 2.

ווען עס זיין ביים סוף פון דער וועלט. די מַלאָכים וועלן אַרויסגיין און
אָפּשיידן די רשָעים פון צווישן די צַדיקים, 50 און זיי אַרײַנוואַרפן אין
דעם אויוון פון פייער; דאָרטן וועט זיין געוויין און קריצן פון ציין.
51 האָט איר דאָס אַלץ פאַרשטאַנען? זאָגן זיי צו אים: יאָ. 52 און ער
האָט צו זיי געזאָגט: דעריבער איז יעדער סופר, וואָס איז געוואָרן אַ
תַּלמיד פון דעם מַלכות־שָמַיִם, געגליכן צו אַ בַעל־הַבָּיִת, וואָס טוט
אַרויסברענגען פון זיין אוצר נייעס און אַלטס.
53 און עס איז געווען, אַז יֵשוּעַ האָט געענדיקט די דאָזיקע משָלים, איז
ער אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן. 54 און ער איז געקומען אין זיין אייגן
לאַנד אַריין, און האָט זיי געלערנט אין זייער שול, אַזוי, אַז זיי האָבן
זיך געחידושט, און געזאָגט: פונוואַנען נעמט זיך צו אים די דאָזיקע
חָכמה און די נִסים? 55 איז דאָס ניט דעם סטאָליערס זון? און הייסט
ניט זיין מאַמע מִרים, און זיינע ברידער יַעקב, און יוסף, און שִמעון,
און יהודה? 56 און זענען ניט זיינע שוועסטער אַלע ביי אונדז?
פונוואַנען נעמט זיך דאָס אַלץ צו אים? 57 און זיי זענען געשטרויכלט
געוואָרן אין אים. און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: אַ נָביא איז ניט אָן
כָּבוד, סיידן אין זיין אייגן לאַנד, און אין זיין אייגן הויז. 58 און ער
האָט דאָרט ניט געטאָן קיין סַך וואונדער, מַחמת זייער אומגלויבן.
יד אין יענער צייט האָט הורדוס, דער טעטראַרך, געהערט די ידיעה
וועגן יֵשוּעַן, 2 און ער האָט געזאָגט צו זיינע באַדינער: דאָס איז יוחָנָן
הַמַטביל; ער איז אויפגעשטאַנען תּחִיַת־הַמֵתים, און דעריבער אַרבעטן
אין אים די דאָזיקע כּוחות. 3 וואָרים הורדוס האָט געכאַפּט יוחָנָן, און
האָט אים געבונדן און אַרײַנגעזעצט אין דער תּפיסה אַריין, צוליב
הורודיָה, דאָס ווייב פון זיין ברודער פיליפּוס; 4 מַחמת יוחָנָן האָט אים
געזאָגט: עס איז דיר ניט דערלויבט זי צו האָבן. 5 און ער האָט בדֵעה
געהאַט אים צו טייטן, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם פאָלק
ווייל זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ נָביא. 6 אָבער בעת עס איז
געקומען הורדוסעס געבוירנטאָג, האָט הורודיָהס טאָכטער געטאַנצט
פאַר די געסט, און זי איז הורדוסן געפעלן געוואָרן. 7 דערפאַר האָט ער
איר צוגעזאָגט מיט אַ שבועה, איר צו געבן, וואָס נאָר זי וועט
פאַרלאַנגען. 8 און זייענדיק אָנגערעדט פון איר מוטער, האָט זי
געזאָגט: גיב מיר דאָ אויף אַ שיסל דעם קאָפּ פון יוחָנָן הַמַטביל. 9 און
דער מֶלך איז טרויעריק געוואָרן, אָבער צוליב זיינע שבועות און די
געסט, האָט ער באַפוילן, אַז דאָס זאָל איר געגעבן ווערן. 10 און ער
האָט געשיקט און געקעפּט יוחָנָן אין דער תּפיסה. 11 און זיין קאָפּ האָט
מען געבראַכט אויף אַ שיסל, און מ׳האָט אים געגעבן דעם מיידל,

אוּן זי האָט אים געבּראַכט צוּ איר מוּטער. 12 אוּן זיינע תּלמידים האָבּן
געגעבּן, אוּן האָבּן גענוּמען דעם גוּף, אוּן האָבּן אים מקבּר געווען;
אוּן זיי זענען געגאַנגען אוּן האָבּן עס דערציילט יֵשוּעַן.
13 אוּן בּעת יֵשוּעַ האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך פוּן דאָרטן
צוּריקגעצויגן אין אַ שיף, אין אַ וויסטן אָרט אַליין. אוּן אַז דאָס פאָלק
האָט עס געהערט, זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען פוּן די שטעט צוּ פוּס.
14 אוּן בּעת ער איז אַרויסגעקוּמען אוּן האָט געזען דעם גרויסן הַמון
מענטשן, האָט אים אָנגענוּמען אַ רַחמָנות אויף זיי, אוּן ער האָט
געהיילט זייערע קראַנקע. 15 אוּן אַז דער אָוונט איז צוּגעפאַלן, האָבּן
צוּ אים געגעבּן זיינע תּלמידים, אוּן געזאָגט: דאָס אָרט איז וויסט,
אוּן דער טאָג איז שוין פאַרבּיי; לאָז אָפּ דעם עולם, כּדי זיי זאָלן קענען
גיין אין די דערפער, אוּן קויפן פאַר זיך שפּייז. 16 אָבּער יֵשוּעַ האָט צוּ
זיי געזאָגט: זיי בּאַדאַרפן ניט אַוועקגיין; גיט איר זיי צוּ עסן. 17 האָבּן
זיי צוּ אים געזאָגט: מיר האָבּן דאָ גאָרניט אחוּץ פינף לאַבּן בּרויט אוּן
צוויי פיש. 18 האָט ער געזאָגט: בּרענגט זיי אַהער צוּ מיר. 19 אוּן ער
האָט געהייסן דעם עולם זיך אַנידערזעצן אויפן גראָז; אוּן ער האָט
גענוּמען די פינף לאַבּן בּרויט אוּן די צוויי פיש, אוּן האָט אויפגעהויבּן
זיינע אויגן צוּם הימל אוּן האָט אַ בּרָכה געמאַכט, אוּן ער האָט
אָפּגעבּראָכן פוּן דעם בּרויט אוּן עס דערלאַנגט צוּ די תּלמידים, אוּן די
תּלמידים האָבּן עס געגעבּן דעם פאָלק. 20 אוּן זיי האָבּן אַלע געגעסן צוּ
דער זאַט. אוּן זיי האָבּן צוּנויפגענוּמען פוּן די איבּערגעבּליבּענע
בּרעקלעך, צוועלף פוּלע קערבּ. 21 אוּן די, וואָס האָבּן געגעסן, זענען
געווען אַרוּם פינף טויזנט מאַן, אַחוּץ ווייבּער אוּן קינדער.
22 אוּן ער האָט תּיכּף בּאַפוילן די תּלמידים אַריינצוּגיין אין דער שיף,
אוּן אַריבּערפאָרן פריער פאַר אים אויף דער אַנדערער זייט, בּיז ער
וועט אָפּלאָזן דאָס פאָלק. 23 אוּן נאָכדעם ווי ער האָט אַוועקגעשיקט
דאָס פאָלק, איז ער אַליין אַרויפגעגאַנגען אויף דעם בּאַרג, כּדי מִתפּלל
צוּ זיין; אוּן אַז דער אָוונט איז צוּגעפאַלן, איז ער דאָרטן געווען
איינער אַליין. 24 אוּן די שיף איז שוין געווען אין מיטן יַם, אוּן די
כוואַליעס האָבּן זי געשליידערט, ווייל דער ווינט איז געווען איר
אַנטקעגן. 25 אוּן אין דער פערטער נאַכטוואַך איז ער געקוּמען צוּ זיי,
גייענדיק אויפן יַם. 26 אוּן ווי די תּלמידים האָבּן אים געזען גיין אויפן
יַם, האָבּן זיי זיך דערשראָקן, אוּן געזאָגט: ס'איז א רוּחַ! אוּן זיי האָבּן
זיך צעשריגן פאַר פּחד. 27 אוּן תּיכּף האָט זיך יֵשוּעַ אָפּגערוּפן צוּ זיי,
אוּן געזאָגט: בּאַרוּיִקט אייך, דאָס בּין איך; האָט ניט קיין מורא.
28 אוּן פּעטרוּס האָט אים געענטפערט: האַר, אויבּ דוּ בּיסט עס, בּאַפעל
מיר צוּ קוּמען צוּ דיר איבּערן וואַסער. 29 האָט ער געזאָגט: קוּם! אוּן
פּעטרוּס איז אַרויס

פון דער שיף, און איז געגאַנגען איבערן וואַסער צו קומען צו יֵשוּעַן.
30 אָבער ווען ער האָט געזען, אַז דער ווינט איז שטאַרק, האָט ער
מוׂרא באַקומען; און ווי ער האָט אָנגעהויבן צו זינקען, האָט ער
אויסגעשריגן: האַר, ראַטעווע מיך! 31 און יֵשוּעַ האָט תֵּיכּף
אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און האָט אים אָנגעכאַפּט, און צו אים
געזאָגט: אָ דו קליין־גלויביקער, הַלמַאי האָסטו געצווייפלט? 32 און ווי
זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער שיף, האָט זיך דער ווינט געשטילט.
33 און די, וואָס זענען געווען אין דער שיף, האָבן זיך געבוקט צו אים,
און געזאָגט: בֶּאמת, דו ביסט דער בֶּן־אֱלֹהִים!
34 און זיי זענען אַריבערגעפאָרן, און זענען געקומען צום לאַנד גְנֵיסָרֶת.
35 און ווי נאָר די מענטשן פון יענעם אָרט האָבן אים דערקענט, האָבן
זיי געשיקט אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט, און האָבן צו אים
געבראַכט אַלע, וואָס זענען געווען קראַנק; 36 און זיי האָבן אים
געבעטן, אַז ער זאָל זיי לאָזן בלויז אָנרירן די כַּנפות פון זיין בֶּגֶר; און
אַלע, וואָס האָבן אים אָנגערירט, זענען געזונט געוואָרן.
טו דעמאָלט זענען צו יֵשוּעַן געקומען פּרושים און סוׂפרים פון
ירושָלַיִם, און האָבן געזאָגט: 2 פאַרוואָס זענען דיינע תַּלמידים עוׂבר
אויף דער מסוׂרה פון די זקֵנים? וואָרים זיי מאַכן ניט קיין נטִילַת־ידַיִם,
בעת זיי עסן ברויט. 3 און ער האָט געענטפערט, און צו זיי געזאָגט:
הַלמַאי זענט איר אויך עוׂבר אויף גאָטס געבאָט צוליב אייער דִין?
4 וואָרים גאָט האָט געזאָגט: גיב אָפּ כָּבוד דיין פאָטער און דיין
מוטער, און דער, וואָס שעלט פאָטער, אָדער מוטער, זאָל
באַשטימטערהייט געטייט ווערן.[1] 5 אָבער איר זאָגט: ווער סע זאָגט
צו זיין פאָטער, אָדער מוטער: אַ קָרבן איז דאָס, וואָס דו וואָלטסט
געקאָנט הַנָאה האָבן פון מיר, דער איז מער ניט מחויב צו אַכפּערן זיין
פאָטער, אָדער מוטער. 6 און דערמיט האָט איר מבַטל געווען גאָטס
וואָרט צוליב אייער דִין. 7 איר חוׂנפים! גוט האָט ישַעיָה אויף אייך
נבִיאות געזאָגט, בעת ער האָט געזאָגט:

8 דאָס דאָזיקע פאָלק גיט מיר אָפּ כָּבוד מיט זיינע ליפּן,
אָבער זיין האַרץ איז ווייט פון מיר;
9 און אומזיסט טוען זיי מיך דינען,
מיט לערנען איינגעהַזרטע מִצוות פון מענטשן.[2]

10 און ער האָט צו זיך גערופן דאָס פאָלק, און האָט צו זיי געזאָגט:
הערט, און פאַרשטייט: 11 ניט דאָס, וואָס גייט אַריין אין מויל, איז
מטַמא דעם מענטשן, נייערט דאָס, וואָס

[1] שמות כ, 12; כא, 17. [2] ישעיה כט, 13.

קומט אַרויס פון מויל, אָט־דאָס איז מטַמא דעם מענטשן. 12 דעמאָלט
האָבן געגעענט די תַּלמידים, און האָבן צו אים געזאָגט: ווייסטו, אַז די
פּרושים האָבן זיך געפילט געטראָפן, ווען זיי האָבן דאָס געהערט?
13 אָבער ער האָט געענטפערט, און געזאָגט: יעדע פלאַנץ, וואָס מיין
פאָטער אין הימל האָט ניט געפלאַנצט, וועט אויסגעוואָרצלט ווערן.
14 לאָזט זיי גיין; זיי זענען בלינדע פירער פון בלינדע. און אויב אַ
בלינדער פירט אַ בלינדן, פאַלן זיי ביידע אַריין אין אַ גרוב. 15 האָט
פּעטרוס געענטפערט, און צו אים געזאָגט: באַשייַד אונדז דאָס מָשל.
16 און ער האָט געזאָגט: האָט איר נאָך אַלץ ניט קיין שֵׂכל? 17 פאַרשטייט
איר ניט, אַז אַלץ, וואָס קומט אין מויל אַריין, גייט אין מאָגן, און ווערט
אַרויסגעוואָרפן אין בֵּית־הַכִּסא? 18 אָבער דאָס, וואָס גייט אַרויס פון
מויל, קומט פון האַרצן, און דאָס מאַכט מטַמא דעם מענטשן. 19 וואָרים
פון האַרצן קומען אַרויס בייזע מַחשָבות, רצִיחה, נִיאוף, זנות, גנֵבה,
פאַלשע עֵדות, און לעסטערונג. 20 אָט דאָס איז מטַמא דעם מענטשן;
אָבער צו עסן אָן אַ נטִילַת־ידַיִם איז ניט מטַמא דעם מענטשן.
21 און יֵשוּעַ איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן, און איז געקומען אין די
קאַנטן פון צור און צִידון. 22 און אָט איז אַ כנַענישע פרוי אַרויסגעקומען
פון יענע געמאַרקן, און האָט געשריגן: האָב רַחמָנות אויף מיר, האַר, בֶּן־
דָוִד! מיין טאָכטער ווערט ביטער געפּלאָגט פון אַ בייזן רוּחַ. 23 אָבער ער
האָט איר ניט געענטפערט קיין וואָרט. און זיינע תַּלמידים האָבן
געגעענט, און אים געבעטן: שיק זי אַוועק, ווייל זי שרייט אונדז נאָך.
24 אָבער ער האָט געענטפערט, און געזאָגט: איך בין נאָר געשיקט
געוואָרן צו די פאַרלוירענע שאָף פון דעם בֵּית יִשׂרָאֵל. 25 אָבער זי האָט
געגעענט, און האָט זיך געבוקט פאַר אים און געזאָגט: האַר, העלף מיר!
26 און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט: עס איז ניט רעכט צו נעמען
דאָס ברויט פון די קינדער און עס וואַרפן פאַר די הינט. 27 אָבער זי האָט
געזאָגט: יאָ, האַר; נאָר די הינט עסן אויך די ברעקלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ
פון דעם טיש פון זייערע האַרן. 28 דעמאָלט האָט יֵשוּעַ געענטפערט, און
צו איר געזאָגט: אָ אִשה, גרויס איז דיין אֶמונה! זאָל דיר זיין אַזוי ווי דו
ווילסט. און איר טאָכטער איז געהיילט געוואָרן אין יענער שָעה.
29 און יֵשוּעַ איז פון דאָרטן אַוועקגעגאַנגען, און האָט זיך דערנענטערט
צום יַם פון גָליל; און ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם באַרג, און האָט
זיך דאָרטן אַנידערגעזעצט. 30 און אָט איז צו אים געקומען אַ גרויסער
הַמון מענטשן, וואָס האָט געהאַט מיט זיך לאָמע, בלינדע, שטומע,
געמומטע, און אַ סַך אַנדערע, און זיי האָבן זיי אַנידערגעלייגט פאַר זיינע
פיס, און ער האָט זיי געהיילט, 31 אַזוי, אַז דאָס פאָלק האָט זיך
געחִידושט, בעת זיי האָבן געזען

די שטומע רעדן, די געמומטע געזונט, די לאָמע גיין, און די בלינדע
זען; און זיי האָבן געלויבט דעם גאָט פון ישׂראל.
32 און ישוע האָט צו זיך גערופן זיינע תּלמידים, און געזאָגט: עס איז
מיר אַ רחמנות אויפן פאָלק, וואָרים זיי זענען מיט מיר שוין דריי טעג,
און האָבן ניט וואָס צו עסן; און איך וויל זיי ניט אַוועקשיקן הונגעריק,
טאָמער וועלן זיי חלשן אויפן וועג. 33 האָבן די תּלמידים צו אים
געזאָגט: פון וואַנען זאָלן מיר נעמען אַזויפיל ברויט אין דער מדבר,
כדי צו זעטיקן אַזאַ גרויסן עולם? 34 האָט ישוע צו זיי געזאָגט: וויפל
לאַבן ברויט האָט איר? זאָגן זיי: זיבן, און עטלעכע קליינע פישלעך.
35 און ער האָט געהייסן דעם עולם זיך אַנידערזעצן אויף דער ערד,
36 און האָט גענומען די זיבן ברויט און די פיש, און נאָכדעם ווי ער
האָט אַ ברכה געמאַכט, האָט ער זיי איבערגעבראָכן, און דערלאַנגט די
תּלמידים, און די תּלמידים דעם פאָלק. 37 און זיי האָבן אַלע געגעסן
און זענען זאַט געוואָרן; און זיי האָבן צונויפגעקליבן פון די
איבערגעבליבענע ברעקלעך, זיבן פולע קערב. 38 און די, וואָס האָבן
געגעסן, זענען געווען פיר טויזנט מאַן, אַחוץ ווייבער און קינדער.
39 און ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס פאָלק, און איז אַרייַנגעגאַנגען אין אַ
שיף, און איז געקומען אין די געמאַרקן פון מגדון.
טז און די פרושים און צדוקים האָבן גענעענט, און כדי אים צו
פּרוּאוון, האָבן זיי פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל זיי ווייזן אַ צייכן
פון הימל. 2 אָבער ער האָט געענטפערט, און צו זיי געזאָגט: אין אָוונט
זאָגט איר: סע וועט זיין אַ שיין וועטער, ווייל דער הימל איז רויט.
3 און אין דער פרי: היינט וועט זיין שטורעמדיק, ווייל דער הימל איז
רויט און פאַרוואָלקנט. דאָס אויסזען פון הימל ווייסט איר ווי צו
טייַטשן, אָבער ניט די צייכנס פון די צייטן. 4 אַ שלעכטער און
נואפדיקער דור באַגערט אַ צייכן, און ס'וועט אים קיין שום צייכן ניט
געגעבן ווערן, סיידן דעם צייכן פון יונהן. און ער האָט זיי פאַרלאָזט
און איז אַוועקגעגאַנגען.
5 און בעת די תּלמידים זענען געקומען אויף דער אַנדערער זייט ים,
האָבן זיי פאַרגעסן מיטצונעמען ברויט. 6 און ישוע האָט צו זיי
געזאָגט: גיט אַכטונג, און היט זיך פאַר דעם זויערטייג פון די פרושים
און צדוקים. 7 און זיי האָבן זיך געאַמפּערט, און געזאָגט: מיר האָבן
ניט מיטגענומען קיין ברויט. 8 און ישוע האָט דאָס באַמערקט, און
געזאָגט: אָ איר קליין־גלויביקע, וואָס אַמפּערט איר אייך, וואָס איר
האָט ניט קיין ברויט? 9 צי פאַרשטייט איר נאָך אַלץ ניט, און געדענקט
איר ניט די פינף ברויט

פֿאַר די פֿינף טויזנט, און וויפֿל קערב איר האָט צונויפֿגענומען?
10 אויך ניט די זיבן ברויט פֿאַר די פֿיר טויזנט, און וויפֿל קערב איר
האָט צונויפֿגענומען? 11 ווי קומט עס, וואָס איר פֿאַרשטייט ניט, אַז
איך האָב צו אײַך גערעדט ניט וועגן ברויט, נייערט אַז איר זאָלט זיך
היטן פֿאַרן חָמֵץ פֿון די פּרושים און צדוקים. 12 דעמאָלט האָבן זיי
פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיי ניט געהייסן זיך היטן פֿאַרן חָמֵץ פֿון
ברויט, נייערט פֿאַר דער לערנונג פֿון די פּרושים און צדוקים.
13 און בעת יֵשוּעַ איז געקומען אין דעם געביט פֿון קֵיסַריה פֿון
פֿיליפּוס, האָט ער געפֿרעגט זײַנע תַּלמידים: ווער, זאָגט מען, איז דער
בֶּן־אָדָם? 14 און זיי האָבן געזאָגט: טייל זאָגן, יוֹחָנָן הַמַטבּיל; אַנדערע,
אֵלִיָהוּ; און אַנדערע ווידער, יִרמְיָהוּ, אָדער איינער פֿון די נבִיאים.
15 זאָגט ער צו זיי: איר אָבער, ווער זאָגט איר, אַז איך בין? 16 האָט
שִמעוֹן פּעטרוס געענטפֿערט: דו ביסט דער מָשִיחַ, דער זון פֿון דעם
לֵבּעדיקן גאָט. 17 און יֵשוּעַ האָט געענטפֿערט, און צו אים געזאָגט:
וואויל איז דיר, שִמעוֹן בַּר־יוֹנָה! וואָרים ניט קיין בָּשׂר־וָדָם האָט דיר
דאָס אַנטפּלעקט, נייערט מײַן פֿאָטער אין הימל. 18 און איך זאָג דיר,
אַז דו ביסט כֵּיפָא, און אויף דעם דאָזיקן פֿעלז וועל איך בויען מײַן
קְהִילה, און די טויערן פֿון שאוֹל וועלן זי ניט גוֹבר זײַן. 19 און איך
וועל דיר געבן די שליסלען פֿון דעם מַלכות־שָמַיִם, און וואָס דו וועסט
אַסרן אויף דער ערד, וועט זײַן געאַסרט אין הימל; און וואָס דו וועסט
מַתּיר זײַן אויף דער ערד, וועט זײַן מוּתּר אין הימל. 20 דערנאָך האָט
ער באַפֿוילן די תַּלמידים, זיי זאָלן קיינעם ניט דערציילן, אַז ער איז
דער מָשִיחַ.
21 פֿון דעמאָלט אָן האָט יֵשוּעַ אָנגעהויבן צו ווײַזן זײַנע תַּלמידים, אַז
ער מוז גיין קיין ירושָלַיִם, און לײַדן אַ סַך פֿון די זקֵנים און ראָשי־
כּהַנים און סוֹפרים, און געטייט ווערן, און אויף דעם דריטן טאָג
ווידער אויפֿשטיין תחית־המתים. 22 און פּעטרוס האָט אים גענומען אָן
אַ זײַט, און האָט אָנגעהויבן אים צו מוסרן, און זאָגן: חַס־וחָלִילה,
האַר! אַזוינס זאָל דיר קיינמאָל ניט געשען. 23 אָבער ער האָט זיך
אויסגעדרייט, און געזאָגט צו פּעטרוסן: אוועק פֿון מיר, שָׂטָן! דו
ביסט פֿאַר מיר אַ שטרויכלונג; וואָרים דיך אַרט ניט, וואָס איז שַייך
גאָט, נייערט דאָס, וואָס איז שַייך מענטשן.
24 דערנאָך האָט יֵשוּעַ געזאָגט צו זײַנע תַּלמידים: וויל ווער מיר
נאָכגיין, זאָל ער זיך אַליין פֿאַרלייקענען, און נעמען אויף זיך זײַן
קרייץ, און מיר נאָכגיין. 25 וואָרים ווער סע וויל מַציל זײַן זײַן לעבן,
וועט עס פֿאַרלירן; און ווער

סע וועט פֿאַרלירן זיין לעבן פֿון מײַנעטוועגן, וועט עס געפֿינען.
26 וואָרים וואָסער נוצן האָט דער מענטש, ווען ער זאָל געווינען די
גאַנצע וועלט, און פֿאַרלירן זיין לעבן? אָדער וואָס פֿאַר אַן אויסלייז
קאָן אַ מענטש געבן פֿאַר זיין לעבן? 27 וואָרים דער בֶּן־אָדָם וועט
קומען אין דער פּראַכט פֿון זיין פֿאָטער מיט זיינע מַלאָכים, און
דעמאָלט וועט ער פֿאַרגעלטן יעדן איינעם לויט זיינע מַעשׂים.
28 באמת, איך זאָג אייך, פֿאַראַן עטלעכע פֿון די, וואָס שטייען דאָ,
וואָס וועלן ניט פֿילן דעם טַעם פֿון טויט, ביז זיי וועלן זען דעם בֶּן־
אָדָם קומען אין זיין מַלכות.
יז און זעקס טעג שפּעטער האָט יֵשוּעַ מיט זיך גענומען פּעטרוסן, און
יַעקֹבן, און יוֹחָנָן זיין ברודער, און האָט זיי אַליין אַרויפֿגעבראַכט אויף
אַ הויכן באַרג. 2 און ער איז פֿאַר זיי פֿאַרענדערט געוואָרן, און זיין
פָּנים האָט געשיינט ווי די זון, און זיינע מַלבושים זענען געוואָרן ווייס
ווי דאָס ליכט. 3 און זע, מֹשה און אֵלִיָהוּ האָבן זיך צו זיי אַנטפּלעקט,
און האָבן גערעדט מיט אים. 4 און פּעטרוס האָט זיך אָנגערופֿן, און
געזאָגט צו יֵשוּעַן: האַר, עס איז גוט פֿאַר אונדז דאָ צו זיין; אויב דו
ווילסט, וועל איך דאָ מאַכן דריי ביידלעך, איינס פֿאַר דיר, איינס פֿאַר
מֹשהן, און איינס פֿאַר אֵלִיָהוּן. 5 און בשַעת ער האָט נאָך גערעדט,
האָט אַ ליכטיקער וואָלקן זיי פֿאַרשאָטנט; און אַ קול פֿון דעם וואָלקן
אַרויס האָט געזאָגט: דאָס איז מיין באַליבטער זון, וואָס איז מיר
וואוילגעפֿעלן; אים זאָלט איר הערן. 6 און אַז די תַּלמידים האָבן דאָס
געהערט, זענען זיי געפֿאַלן אויף זייער פָּנים, און האָבן שטאַרק מוֹרא
געהאַט. 7 און יֵשוּעַ האָט גענענט און האָט זיי אָנגערירט, און
געזאָגט: שטייט אויף, און האָט ניט קיין מוֹרא. 8 און אַז זיי האָבן
אויפֿגעהויבן זייערע אויגן, האָבן זיי קיינעם ניט געזען, אַחוץ יֵשוּעַן
אַליין.
9 און ווען זיי האָבן אַראָפּגענידערט פֿון דעם באַרג, האָט זיי יֵשוּעַ
באַפֿוילן: דערציילט קיינעם ניט פֿון דער זעאונג, ביז דער בֶּן־אָדָם
וועט אויפֿשטיין תּחִיַת־הַמֵתים. 10 און זיינע תַּלמידים האָבן אים
געפֿרעגט: פֿאַרוואָס זאָגן די סוֹפֿרים, אַז צוערשט דאַרף אֵלִיָהוּ קומען?
11 און ער האָט געענטפֿערט, און געזאָגט: אַוודאי וועט אֵלִיָהוּ קומען,
און ווידער אַלץ אויפֿריכטן; 12 אָבער איך זאָג אייך, אַז אֵלִיָהוּ איז שוין
געקומען, און זיי האָבן אים ניט דערקענט, נייערט האָבן מיט אים
געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. פּונקט אַזוי וועט דער בֶּן־אָדָם אויך
ליידן פֿון זיי. 13 דעמאָלט האָבן די תַּלמידים פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט
צו זיי גערעדט פֿון יוֹחָנָן הַמַטביל.

14 אוּן בּעת זיי זענען געקוּמען צוּם פֿאָלק, האָט צוּ אים גענעענט אַ
מענטש, וואָס איז פֿאַר אים געפֿאַלן אויף די קני, 15 אוּן געזאָגט: האַר,
דערבּאַרעם דיך אויף מיין זוּן, וואָרים ער איז אַ חולה־נופֿל, אוּןליידט
שטאַרק; אוּן אַ סך מאָל פֿאַלט ער אין פֿייער, אוּן אַ סך מאָל אין
וואַסער אַריין. 16 אוּן איך האָב אים געבּראַכט צוּ דיינע תּלמידים, אוּן
זיי האָבן אים ניט געקאָנט היילן. 17 אוּן יֵשוּעַ האָט געענטפֿערט: אָ
אוּמגלויבּיקער אוּן פֿאַרקרוּמטער דור, ווי לאַנג נאָך זאָל איך זיין מיט
אייך? ווי לאַנג נאָך זאָל איך אייך פֿאַרטראָגן? בּרענגט אים אַהער צוּ
מיר. 18 אוּן יֵשוּעַ האָט אים אָנגעשריגן, אוּן דער שֵד איז פֿוּן אים
אַרויס, אוּן דאָס ייִנגל איז געהיילט געוואָרן אין יענער שָעה.
19 דעמאָלט האָבן גענעענט די תּלמידים צוּ יֵשוּעַן, בּעת זיי זענען
געווען אַליין, אוּן האָבן געזאָגט: פֿאַרוואָס האָבן מיר אים ניט געקאָנט
אַרויסטרייַבן? 20 האָט ער צוּ זיי געזאָגט: מַחמת איר האָט ניט קיין
אֶמוּנה. וואָרים בֶּאמת, איך זאָג אייך, אויבֿ איר וואָלט געהאַט אֶמוּנה
אַזוי גרויס ווי אַ קערנדל פֿוּן זענעפֿט־זריעה, וואָלט איר געקאָנט זאָגן
צוּ דעם דאָזיקן בּאַרג: טראָג דיך אַריבּער פֿוּן דאַנען אַהין, אוּן ער
וואָלט זיך אַריבּערגעטראָגן; אוּן קיין זאַך וואָלט פֿאַר אייך ניט געווען
אוּממעגלעך. 21 דער דאָזיקער מִין אָבער גייט ניט אַרויס, סיידן דוּרך
תּפֿילה טאָן אוּן פֿאַסטן.
22 אוּן בּשַעת זיי האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין גָליל, האָט יֵשוּעַ צוּ זיי
געזאָגט: דער בֶּן־אָדָם וועט איבּערגעענטפֿערט ווערן אין די הענט פֿוּן
מענטשן, 23 אוּן זיי וועלן אים טייטן, אוּן דעם דריטן טאָג וועט ער
אויפֿשטיין תּחִיַת־המֵתים; אוּן זיי האָבן זיך שטאַרק מצַער געווען.
24 אוּן אַז זיי זענען געקוּמען קיין כּפַר־נַחוּם, זענען די איינמאָנער פֿוּן
דעם מַחצִית־הַשֶקל צוּגעגאַנגען צוּ פּעטרוּסן, אוּן האָבן געזאָגט: צאָלט
ניט אייער רֶבּי דעם מַחצִית־הַשֶקל? 25 האָט ער געזאָגט: יאָ. אוּן ווען
ער איז אַרייַנגעקוּמען אין הויז, האָט יֵשוּעַ קודם צוּ אים גערעדט, אַזוי
צוּ זאָגן: וואָס מיינסטוּ, שִמעון? די מְלָכים פֿוּן דער ערד, פֿוּן וועמען
נעמען זיי מֶכֶס, אָדער מַס? פֿוּן זייערע זין, אָדער פֿוּן פֿרעמדע? 26 אוּן
אַז ער האָט געזאָגט: פֿוּן פֿרעמדע, האָט יֵשוּעַ צוּ אים געזאָגט: אַזוי
זענען די זין פֿריי. 27 אָבער כּדי מיר זאָלן ניט זיין קיין מִיכשול פֿאַר זיי,
גיי צוּם יַם, אוּן פֿאַרוואַרף אַ ווענטקע, אוּן נעם דעם ערשטן פֿיש,
וואָס וועט אַרויסקוּמען, אוּן אַז דוּ וועסט עפֿענען זיין מויל, וועסטוּ
געפֿינען אַ שֶקל; דעם נעם, אוּן גיב אים זיי פֿאַר מיר אוּן פֿאַר דיר.
יח אין יענער צייט האָבן די תּלמידים גענעענט צוּ יֵשוּעַן, אוּן האָבן
געזאָגט: ווער איז אייגנטלעך דער גרעסטער אין דעם מַלכוּת־שָמַיִם?
2 אוּן ער האָט צוּ זיך גערוּפֿן א קינד,

אוּן האָט עס אַוועקגעשטעלט צווישן זיי, 3 אוּן געזאָגט: באמת, איך
זאָג אייך, סיידן איר וועט תּשובה טאָן אוּן ווערן ווי קינדער, וועט איר
בשום־אופן ניט אַרײַנקומען אין דעם מַלכות־שָמַיִם. 4 בּכֵן, דער, וואָס
וועט זיך דערנידעריקן ווי דאָס דאָזיקע קינד, איז דער גרעסטער אין
דעם מַלכות־שָמַיִם. 5 אוּן דער, וואָס וועט אויפנעמען אַזאַ קינד אין
מיין נאָמען, נעמט מיך אויף; 6 אָבער דער, וואָס וועט מאַכן
שטרויכלען איינעם פוּן די דאָזיקע קליינע, וואָס גלויבּן אין מיר, פאַר
דעם וואָלט בּעסער געווען, אַז אַ גרויסער מִילשטיין וואָלט
אָנגעהאָנגען געוואָרן אויף זיין האַלדז, אוּן ער וואָלט דערטרונקען
געוואָרן אין דער טיפעניש פוּן יַם.
7 וויי צוּ דער וועלט מַחמת שטרויכלוּנגען! אוּן הַגַם זיי מוּזן קוּמען –
וויי אָבער צוּ דעם מענטשן, דוּרך ועמען די שטרויכלוּנג קוּמט! 8 אוּן
אויבּ דיין האַנט, אָדער דיין פוּס מאַכט דיך שטרויכלען, האַק אים אָפּ
אוּן וואַרף אים אַוועק פוּן דיר; עס איז בּעסער פאַר דיר אַרײַנצוּקוּמען
אין לעבּן געמוּמט, אָדער לאָם, איידער צוּ האָבּן צוויי הענט אוּן צוויי
פיס אוּן אַרײַנגעוואָרפן ווערן אין אייבּיקן פייער. 9 אוּן אויבּ דיין אויג
מאַכט דיך שטרויכלען, רייס עס אַרויס אוּן וואַרף עס אַוועק פוּן דיר;
עס איז בּעסער פאַר דיר אַרײַנצוּקוּמען אין לעבּן מיט איין אויג, איידער
צוּ האָבּן צוויי אויגן אוּן אַרײַנגעוואָרפן ווערן אין פייער פוּן גיהֶנום.
10 זעט, אַז איר זאָלט ניט פאַראַכטן קיין איינעם פוּן די דאָזיקע
קליינע; וואָרים איך זאָג אייך, אַז זייערע מַלאָכים אין הימל זעען תָּמיד
דאָס פָּנים פוּן מיין פאָטער אין הימל 11 וואָרים דער בֶּן־אָדָם איז
געקוּמען מַציל צוּ זיין דאָס פאַרלוירענע. 12 ווי מיינט איר? אויבּ אַ
מענטש האָט הוּנדערט שאָף, אוּן איינע פוּן זיי פאַרבּלאָנדזשעט, צי
וועט ער ניט איבּערלאָזן די ניין־אוּן־ניינציק אויף די בּערג, אוּן גיין
זוּכן די פאַרבּלאָנדזשעטע? 13 אוּן ווען ער געפינט זי, באמת, איך זאָג
אייך, ער פרייט זיך איבּער איר מער ווי איבּער די ניין־אוּן־ניינציק,
וואָס האָבּן ניט פאַרבּלאָנדזשעט. 14 אַזוי איז אויך ניט דער רָצון פוּן
אייער פאָטער אין הימל, אַז איינס פוּן די דאָזיקע קליינע קינדערלעך
זאָל פאַרלוירן גיין.
15 אויבּ דיין בּרוּדער זינדיקט קעגן דיר, גיי אוּן שטראָף אים צווישן דיר
אוּן אים אַליין. הערט ער דיך, האָסטוּ געוואוּנען דיין בּרוּדער;
16 הערט ער דיך אָבּער ניט, טאָ נעם דיר נאָך איינעם אָדער צוויי, כּדי
דוּרך דעם מויל פוּן צוויי, אָדער דריי עֵדות, זאָל יעדע זאַך
בּאַשטעטיקט ווערן.[1] 17 אוּן אויבּ ער וויל זיי ניט הערן, דערצייל עס
דער קהִילה; אוּן וויל ער אויך די קהִילה

[1] דברים יט, 15.

ניט הערן, זאָל ער דיר זיין ווי אַ גוי און אַ מוֹכס. 18 באמת, איך זאָג
אייך, אַלץ, וואָס איר וועט אַסרן אויף דער ערד, וועט זיין געאַסרט אין
הימל; און אַלץ, וואָס איר וועט מַתּיר זיין אויף דער ערד, וועט זיין
מוּתּר אין הימל. 19 און ווידער זאָג איך אייך, אויב צוויי פון אייך וועלן
מַסכּים זיין אויף דער ערד אויף עפּעס אַ זאַך, פונוועגן וואָס זיי וועלן
מִתפּלל זיין, וועט עס פאַר זיי געטאָן ווערן פון מיין פאָטער אין הימל.
20 וואָרים וואו צוויי, אָדער דריי זענען פאַרזאַמלט אין מיין נאָמען,
דאָרט בין איך צווישן זיי.
21 דעמאָלט האָט פּעטרוס גענענט, און צו אים געזאָגט: האַר, וויפל
מאָל דאַרף איך מוחל זיין מיין ברודער, וואָס זינדיקט קעגן מיר? ביז
זיבן מאָל? 22 זאָגט ישוע צו אים: איך זאָג דיר ניט, ביז זיבן מאָל,
נייערט ביז זיבעציק מאָל זיבן.
23 דעריבער איז דאָס מַלכות־שָׁמַיִם געגליכן צו אַ מֶלך, וואָס האָט
געוואָלט מאַכן אַ חֶשבון מיט זיינע קנעכט. 24 און אַז ער האָט
אָנגעהויבן צו חֶשבונען, האָט מען צו אים געבראַכט איינעם, וואָס איז
אים שולדיק געווען צען טויזנט טאַלאַנטן. 25 אָבער אַזוי ווי ער האָט
ניט געקאָנט באַצאָלן, האָט זיין האַר באַפוילן, אים צו פאַרקויפן מיט
זיין ווייב און קינדער, און אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, און באַצאָלונג
זאָל געמאַכט ווערן. 26 איז דער קנעכט אַנידערגעפאַלן און האָט זיך
פאַר אים געבוקט, און געזאָגט: האַר, האָב מיט מיר געדולד, און איך
וועל דיר אַלץ באַצאָלן. 27 און דער האַר האָט רַחמָנות באַקומען אויף
יענעם קנעכט, האָט אים פריי געלאָזט, און אים מוחל געווען דעם
חוֹב. 28 און ווי יענער קנעכט איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער אָנגעטראָפן
איינעם פון זיינע מיטקנעכט, וואָס איז אים שולדיק געווען הונדערט
דינָרים; און ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַלדז, און געזאָגט:
באַצאָל וואָס דו ביסט מיר שולדיק. 29 און זיין מיטקנעכט איז
אַנידערגעפאַלן און האָט אים געבעטן: האָב מיט מיר געדולד, און איך
וועל דיר באַצאָלן. 30 אָבער ער האָט ניט געוואָלט, נייערט איז
געגאַנגען און האָט אים אַריינגעוואָרפן אין דער תּפיסה אַריין, ביז ער
וועט האָבן באַצאָלט דעם חוֹב. 31 און אַז זיינע מיטקנעכט האָבן געזען,
וואָס עס איז געשען, האָבן זיי זיך שטאַרק מצַער געווען, און זיי זענען
געקומען און האָבן דערציילט זייער האַר אַלץ, וואָס עס איז געשען.
32 דעמאָלט האָט זיין האַר אים גערופן צו זיך, און צו אים געזאָגט: דו
שלעכטער קנעכט! איך האָב דיר מוחל געווען דעם גאַנצן חוֹב, ווייל
דו האָסט מיך געבעטן; 33 צי האָסטו ניט אויך באַדאַרפט רַחמָנות האָבן
אויף דיין מיטקנעכט, ווי איך האָב רַחמָנות געהאַט אויף דיר?

34 אוּן זיין האַר איז אין כּעס געוואָרן, אוּן האָט אים איבּערגעענטפערט
צוּ די פּייַניקער, בּיז ער וועט בּאַצאָלן דעם גאַנצן חוֹב. 35 פּוּנקט אַזוי
וועט אויך מיין פּאָטער אין הימל טאָן צוּ איטלעכן פוּן אייך, אויבּ איר
וועט ניט מוֹחל זיין אייער בּרוּדער פוּן גאַנצן האַרצן.

יט אוּן עס איז געווען, בּעת יֵשוּעַ האָט געענדיקט די דאָזיקע רייד, איז
ער אַוועקגעצויגן פוּן גָליל, אוּן איז געקוּמען אין די געמאַרקן פוּן
יהוּדה אין עֵבר־הַיַרדן. 2 אוּן אַ גרויסער עוֹלם איז אים נאָכגעגאַנגען,
אוּן ער האָט זיי דאָרטן געהיילט.

3 אוּן עס האָבּן גענעענט צוּ אים פּרוּשים, כּדי אים צוּ פּרוּאוון,
אוּן זיי האָבּן געזאָגט: מעג מען זיך גֶטן מיט דעם ווייבּ צוּליבּ
יעדער סִיבּה? 4 אוּן ער האָט געענטפערט: האָט איר ניט געלייענט,
אַז אין אָנהייבּ האָט זיי דער בּוֹרא־עוֹלם בּאַשאַפן זָכר אוּן נקֵבה,[1]
5 אוּן געזאָגט דעריבּער זאָל אַ מענטש פאַרלאָזן זיין פּאָטער אוּן
מוּטער, אוּן זיך בּאַהעפטן אָן זיין ווייבּ, אוּן בּיידע זאָלן ווערן איין
לייַבּ.[2] 6 אַזוי זענען זיי שוין מער ניט צוויי, נייערט איין לייַבּ.
דעריבּער, וואָס גאָט האָט בּאַהאָפטן, זאָל דער מענטש ניט
פוּנאַנדערשיידן. 7 זאָגן זיי צוּ אים: טאָ פאַרוואָס האָט מֹשה געבּאָטן
צוּ געבּן איר אַ גֶט, אוּן זי אַוועקצוּשיקן?[3] 8 האָט ער צוּ זיי געזאָגט:
מַחמת אייער האַרטהאַרציקייט האָט אייך מֹשה דערלויבּט אָפּצוּגֶטן
אייערע ווייבּער; אָבּער פוּן אָנהייבּ איז דאָס ניט אַזוי געווען. 9 אוּן איך
זאָג אייך, ווער סע גֶט זיך מיט זיין ווייבּ, אַחוּץ איבּער זנוּת, אוּן וועט
חַתוּנה האָבּן מיט אַן אַנדערער, איז אַ נוֹאף. אוּן דער, וואָס האָט
חַתוּנה מיט אַ גרוּשה, איז אַ נוֹאף.

10 זאָגן צוּ אים די תַּלמידים: אויבּ דער עִנין פוּן מאַן אוּן ווייבּ איז אַזוי,
איז ניט כּדַאי חַתוּנה צוּ האָבּן. 11 האָט ער צוּ זיי געזאָגט: ניט אַלע
קענען מַשׂיג זיין דאָס דאָזיקע וואָרט, סיידן די, צוּ וועמען עס איז
געגעבּן געוואָרן. 12 וואָרים סע זענען פאַראַן סָריסים, וואָס זענען אַזוי
געבּוירן געוואָרן פוּן זייער מוּטערס טראַכט; אוּן סע זענען פאַראַן
סָריסים, וואָס מענטשן האָבּן זיי מסָרֵס געווען; אוּן פאַראַן סָריסים,
וואָס האָבּן זיך אַליין מסָרֵס געווען צוּליבּ דעם מַלכוּת־שָמַיִם. דער,
וואָס קאָן דאָס מַשׂיג זיין, זאָל עס מַשׂיג זיין.

13 דעמאָלט האָט מען צוּ אים געבּראַכט קינדער, כּדי ער זאָל אויף זיי
אַרויפלייגן זיינע הענט אוּן זיי בּענטשן. אוּן די תַּלמידים האָבּן זיך אויף
זיי אָנגעבּייזערט. 14 אָבּער

[1] בּראשית א, 27. [2] בּראשית ב, 24. [3] דברים כד, 1.

יֵשוּעַ האָט געזאָגט: לאָזט די קינדער קומען צו מיר, און פאַרווערט זיי
ניט; ווייל צו אַזעלכע געהערט דאָס מַלכות־שָמַיִם. 15 און ער
האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט זיינע הענט, און האָט אָפּגעקערט פון
דאָרטן.
16 און אָט האָט איינער גענעענט, און צו אים געזאָגט: רֶבּי, וואָס פאַראַ
גוטס זאָל איך טאָן, כּדי צו האָבן אייביק לעבן? 17 האָט ער צו אים
געזאָגט: פאַרוואָס פרעגסטו מיך בנוֹגע דעם, וואָס איז גוט? גוט איז
נאָר איינער, גאָט. און אויב דו ווילסט אַריינקומען אין לעבן, האַלט די
מִצוות. 18 זאָגט ער צו אים: וועלכע? און יֵשוּעַ האָט געזאָגט: דו
זאָלסט ניט טייטן, דו זאָלסט ניט מְזַנה זיין, דו זאָלסט ניט גַנבֿענען, דו
זאָלסט ניט פאַלש־עֵדות זאָגן, 19 האַלט בְּכָבוד דיין פאָטער און
מוטער,[1] און דו זאָלסט ליב האָבן דיין חָבר ווי דיך אַליין.[2] 20 זאָגט צו
אים דער בָּחור: דאָס אַלץ האָב איך אָפּגעהיט; וואָס נאָך פעלט מיר?
21 האָט יֵשוּעַ צו אים געזאָגט: אויב דו ווילסט מַשלים זיין, גיי און
פאַרקויף אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט, און גיב עס די אָרעמע, און דו
וועסט האָבן אַן אוֹצר אין הימל; און קום און גיי מיר נאָך. 22 אָבער אַז
דער בָּחור האָט דאָס געהערט, איז ער אַוועקגעגאַנגען אַ
דערשלאָגענער; וואָרים ער האָט געהאַט אַ סך גִיטער.
23 און יֵשוּעַ האָט געזאָגט צו זיינע תַּלמידים: באמת, איך זאָג אייך, עס
איז שווער פאַר אַן עוֹשר אַריינצוקומען אין דעם מַלכות־שָמַיִם. 24 און
ווידער זאָג איך אייך, עס איז לייַכטער פאַר אַ קעמל דורכצוגיין דורך
אַ לעכל פון אַ נאָדל, ווי פאַר אַן עוֹשר אַריינצוקומען אין דעם מַלכות
פון גאָט. 25 און אַז די תַּלמידים האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי זיך
שטאַרק געחִידושט, און געזאָגט: טאָ ווער קאָן נִיצול ווערן? 26 און
יֵשוּעַ האָט אויף זיי געקוקט, און געזאָגט: ביי מענטשן איז עס
אוממעגלעך, אָבער ביי גאָט איז אַלצדינג מעגלעך. 27 דעמאָלט האָט
פּעטרוס אים געענטפערט: זע, מיר האָבן אַלץ פאַרלאָזט און זענען דיר
נאָכגעפאָלגט וואָס וועלן מיר האָבן דערפאַר? 28 האָט יֵשוּעַ צו זיי
געזאָגט: באמת, איך זאָג אייך, אַז איר, וואָס זענט מיר נאָכגעפאָלגט,
וועט אין דער נייער יצירה, בעת דער בֶּן־אָדָם וועט זיצן אויף זיין כִּסֵא־
הַכָּבוד, אויך זיצן אויף צוועלף טראָנען און מִשפּטן די צוועלף

[1] שמות כ, 12. [2] ויקרא יט, 18.

שבָטים פֿון יִשׂרָאל. 29 און יעדער איינער, וואָס האָט פֿאַרלאָזט הייזער,
אָדער ברידער, אָדער שוועסטער, אָדער פֿאָטער, אָדער מוטער, אָדער
קינדער, אָדער פֿעלדער, פֿון מײַן נאָמענסווועגן, וועט באַקומען כֵּפל־
כִּפלַיִם, און יַרשענען דאָס אייביקע לעבן. 30 אָבער אַ סך, וואָס זענען
ערשטע, וועלן זײַן לעצטע, און די לעצטע – ערשטע.
כ וואָרים דאָס מַלכות־שָמַיִם איז געגליכן צו אַ בַּעל־הַבַּיִת, וואָס איז
אַרויסגעגאַנגען אין דער פֿרי דינגען אַרבעטער פֿאַר זײַן ווײַנגאָרטן.
2 און אַז ער האָט זיך באַדונגען מיט די אַרבעטער פֿאַר אַ דינָר אַ טאָג,
האָט ער זיי געשיקט אין זײַן ווײַנגאָרטן אַרײַן. 3 און ווען ער איז
אַרויסגעגאַנגען אַרום דער דריטער שָעה, האָט ער געזען אַנדערע
שטיין ליידיק אויפֿן מאַרק, 4 און ער האָט צו זיי געזאָגט: גייט אויך
איר אין ווײַנגאָרטן אַרײַן, און איך וועל אײַך געבן, וואָס איז רעכט.
זענען זיי געגאַנגען. 5 און אַרום דער זעקסטער און נײַנטער שָעה איז
ער ווידער אַרויסגעגאַנגען, און האָט דאָס אייגענע געטאָן. 6 און אַרום
דער עלפֿטער שָעה איז ער ווידער אַרויסגעגאַנגען, און האָט
אָנגעטראָפֿן אַנדערע שטיין, און ער האָט צו זיי געזאָגט: פֿאַרוואָס
שטייט איר דאָ ליידיק דעם גאַנצן טאָג? 7 האָבן זיי צו אים געזאָגט:
מַחמת קיינער האָט אונדז ניט געדונגען. זאָגט ער צו זיי: גייט אויך
איר אין ווײַנגאָרטן אַרײַן. 8 און ווען עס איז געוואָרן אָוונט, האָט דער
האַר פֿון דעם ווײַנגאָרטן געזאָגט צו זײַן פֿאַרוואַלטער: רוף די
אַרבעטער, און באַצאָל זיי זייער שׂכַר: הייב אָן פֿון די לעצטע ביז צו
די ערשטע. 9 און אַז די געדונגענע פֿון דער עלפֿטער שָעה זענען
געקומען, האָט יעדער באַקומען אַ דינָר. 10 און ווען די ערשטע זענען
געקומען, האָבן זיי געמיינט, אַז זיי וועלן באַקומען מער; און זיי האָבן
אויך באַקומען יעדער אַ דינָר. 11 און בשַעת זיי האָבן דאָס באַקומען,
האָבן זיי געמורמלט קעגן דעם בַּעל־הַבַּיִת, 12 און האָבן געזאָגט: אָט
די לעצטע האָבן געאַרבעט בלויז איין שָעה, און דו מאַכסט זיי גלײַך
מיט אונדז, וואָס האָבן געטראָגן די מַשׂא פֿון דעם טאָג און די
ברענענדיקע היץ. 13 אָבער ער האָט געענטפֿערט, און געזאָגט צו
איינעם פֿון זיי: פֿרײַנט, איך טו דיר ניט קיין עַוולֶה; האָסטו דיך ניט
באַדונגען מיט מיר פֿאַר אַ דינָר? 14 נעם דיר דײַנס, און גיי; איך וויל
אָט דעם לעצטן געבן אַזוי פֿיל וויפֿל דיר. 15 טאָר איך ניט טאָן מיט
מײַן אייגנס, וואָס איך וויל? אָדער קאָן דײַן אויג ניט פֿאַרטראָגן,
וואָס איך בין גוט? 16 אַזוי וועלן די לעצטע זײַן ערשטע, און די
ערשטע – לעצט.

17 און בעת יֵשוּעַ איז אַרויפגעגאַנגען קיין ירושָלַיִם, האָט ער גענומען
די צוועלף תַּלמידים אָן אַ זייט, און אויפן וועג האָט ער צו זיי
געזאָגט: 18 זעט, מיר גייען אַרויף קיין ירושָלַיִם, און דער בֶּן־אָדָם וועט
איבערגעענטפערט ווערן צו די ראָשי־כֹּהֲנים און די סופרים; און זיי
וועלן אים פאַרמִשפּטן צום טויט, 19 און אים איבערענטפערן צו די
גוֹיים אויף שפּאָט, און כּדי געשמיסן און געקרייציקט צו ווערן, און
אויפן דריטן טאָג וועט ער ווידער אויפשטיין תּחית־המתים.
20 דעמאָלט האָט גענענט צו אים די מוטער פון זַבדיס קינדער מיט
אירע זין, און זי האָט זיך געבוקט פאַר אים, און עפּעס פון אים
פאַרלאַנגט. 21 האָט ער צו איר געזאָגט: וואָס איז דיין בַּקָשה? האָט זי
צו אים געזאָגט: באַפעל, אַז די דאָזיקע ביידע זין מייַנע זאָלן זיצן,
איינער צו דיין רעכטער און איינער צו דיין לינקער האַנט, אין דיין
מַלכות. 22 האָט יֵשוּעַ געענטפערט, און געזאָגט: איר ווייסט ניט וואָס
איר ווילט. צי קאָנט איר טרינקען דעם כּוס, וואָס איך וועל טרינקען?
זאָגן זיי צו אים: מיר קאָנען. 23 זאָגט ער צו זיי: מיין כּוס וועט איר
טאַקע טרינקען, אָבער זיצן צו מיין רעכטער, אָדער לינקער האַנט, איז
ניט מיינס צו געבן; דאָס איז פאַר די, פאַר וועמען עס איז אָנגעברייט
געוואָרן פון מיין פאָטער. 24 און אַז די צען האָבן דאָס געהערט, האָט
עס זיי פאַרדראָסן אויף די צוויי ברידער. 25 און יֵשוּעַ האָט זיי
צוגערופן צו זיך, און געזאָגט: איר ווייסט, אַז די שָׂרים פון די גוֹיים
הערשן איבער זיי, און זייערע גדוֹלים געוועלטיקן איבער זיי. 26 ניט
אַזוי זאָל עס אָבער זיין צווישן אייך; נייערט ווער סע וויל ווערן גרויס
צווישן אייך זאָל זיין אייער באַדינער, 27 און ווער סע וויל זיין ערשט
צווישן אייך, זאָל זיין אייער קנעכט; 28 פּונקט ווי דער בֶּן־אָדָם איז ניט
געקומען באַדינט צו ווערן, נייערט צו באַדינען, און צו געבן זיין לעבן
אַן אויסלייזונג פאַר אַ סך.
29 און בעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון יריחוֹ, איז אים נאָכגעגאַנגען
אַ גרויסער הַמוֹן מענטשן. 30 און אָט זענען צוויי בלינדע געזעסן ביים
וועג, און אַז זיי האָבן געהערט, אַז יֵשוּעַ גייט פאַרביי, האָבן זיי
אויסגעשריגן, און געזאָגט: האַר, האָב רַחמָנות אויף אונדז, בֶּן־דָוִד!
31 און דער עוֹלם האָט אויף זיי אָנגעשריגן, אַז זיי זאָלן שטילשווייגן.
אָבער זיי האָבן נאָך מער געשריגן: האַר, האָב רַחמָנות אויף אונדז, בֶּן־
דָוִד! 32 און יֵשוּעַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, און זיי צוגערופן, און
געזאָגט: וואָס ווילט איר, איך זאָל טאָן פאַר אייך? 33 האָבן זיי צו אים
געזאָגט: האַר, אַז אונדזערע אויגן זאָלן געעפנט ווערן. 34 און יֵשוּעַ
האָט זיך דערבאַרעמט איבער זיי, און באַרירט זייערע אויגן, און תֵּיכף
האָבן זיי צוריק באַקומען זייער ראִיה, און זענען אים נאָכגעפאָלגט.

כא און בעת זיי האָבן גענעענט קיין ירושָלַיִם, און זענען געקומען קיין
בֵּית־פַּגֵי, ביים הַר־הַזֵיתים, האָט יֵשוּעַ געשיקט צוויי תַּלמידים, 2 און
האָט צו זיי געזאָגט: גייט אין דאָרף אַריין אַנטקעגנאיבער אייך, און
תֵּיכף וועט איר געפינען אַן אייזל צוגעבונדן, און אַ יונג אייזעלע מיט
איר; בינדט זיי אָפּ, און ברענגט זיי צו מיר. 3 און אויב עמיצער וועט
אייך עפּעס זאָגן, טאָ זאָגט: דער האַר דאַרף זיי האָבן; און ער וועט זיי
גלייך שיקן. 4 און דאָס איז געשען, כּדי עס זאָל מקוים ווערן, וואָס סע
איז געזאָגט געוואָרן דורך דעם נָביא:

5 זאָגט דער טאָכטער צִיוֹן,
זע דיין מֶלך קומט צו דיר,
אַן עָנָו, און רייט אויף אַן אייזל,
און אויף אַן אייזעלע, דאָס יונגע פון אַן אייזל.[1]

6 און די תַּלמידים זענען געגאַנגען, און האָבן געטאָן אַזוי ווי יֵשוּעַ
האָט זיי באַפוילן: 7 און האָבן געבראָכט דאָס אייזל מיט דעם אייזעלע,
און האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט זייערע מַלבושים,און ער האָט
זיך אויף זיי אַרויפגעזעצט. 8 און אַ סַך פון דעם פאָלק האָבן
אויסגעשפּרייט זייערע מַלבושים אויפן וועג, און אַנדערע האָבן
אָפּגעשניטן צווייגן פון די ביימער, און האָבן זיי אויסגעשפּרייט אויפן
וועג. 9 און דאָס פאָלק, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס, און די, וואָס זענען
אים נאָכגעגאַנגען, האָבן געשריגן: הוֹשַע־נָא דעם בֶּן־דָוִד! בָּרוּך הַבָּא
אין דעם נאָמען פון גאָט! הוֹשַע־נָא אין דער הייך! 10 און אַז ער איז
אַריינגעקומען קיין ירושָלַיִם, האָט די גאַנצע שטאָט געטומלט, און
געזאָגט: ווער איז דאָס? 11 און דאָס פאָלק האָט געזאָגט: דאָס איז
דער נָביא יֵשוּעַ פון נְצֶרֶת, אין גָליל.

12 און יֵשוּעַ איז אַריינגעגאַנגען אין דעם בֵּית־הַמִקדש אַריין, און האָט
אַרויסגעטריבן אַלע, וואָס האָבן פאַרקויפט און געקויפט אין דעם בֵּית־
הַמִקדש, און האָט איבערגעקערט די טישן פון די חַלְפָנים, און די בענק
פון די טויבן־פאַרקויפער. 13 און ער האָט צו זיי געזאָגט: סע שטייט
געשריבן: מיין הויז זאָל גערופן ווערן אַ הויז פון תְּפִלה; אָבער איר
האָט עס געמאַכט אַ הייל פון גַזלָנים.[2]

14 און די בלינדע און די לאָמע זענען צו אים געקומען אין בֵּית־
הַמִקדש, און ער האָט זיי געהיילט. 15 און אַז די ראָשי־כֹּהֲנים און
סוֹפרים האָבן געזען די נִסים וואָס ער האָט געטאָן, און די קינדער
שרייען אין בֵּית־הַמִקדש: הוֹשַע־

---

[1] ישעיה סב, 11; זכריה ט, 9. [2] ישעיה נו, 7; ירמיה ז, 11.

נאָ דעם בֶּן־דָוִד! האָט עס זיי פאַרדראָסן: 16 און זיי האָבן צו אים געזאָגט:
הערסטו, וואָס זיי זאָגן? און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: יאָ, האָט איר
קיינמאָל ניט געלייענט:

פון דעם מויל פון קליינע קינדער און זייגעדיקע קינדערלעך
האָסטו געגרונטפעסטיקט לויב?[1]

17 און ער האָט זיי פאַרלאָזט, און איז פון דער שטאָט אַרויסגעגאַנגען קיין
בֵּית־הִינִי, און האָט דאָרטן איבערגענעכטיקט.
18 און אַז ער האָט זיך אין דער פרי אומגעקערט אין דער שטאָט אַריין, איז
ער געווען הונגעריק. 19 און זעענדיק אַ פייַגנבוים בײַם וועג, איז ער צו אים
צוגעגאַנגען, און האָט אויף אים גאָרניט געפונען, אַחוץ בלעטער. און ער
האָט צו אים געזאָגט: פון איצט אָן זאָל שוין אויף דיר מער קיינמאָל ניט
וואַקסן קיין פֵּירות! און תֵּיכף איז דער פייַגנבוים פאַרוועלקט געוואָרן.
20 און אַז די תַּלמידים האָבן דאָס געזען, האָבן זיי זיך געחידושט, און
געזאָגט: וויאַזוי איז דער פייַגנבוים אַזוי גיך פאַרוועלקט געוואָרן? 21 און
יֵשוּעַ האָט געענטפערט, און צו זיי געזאָגט: באמת, איך זאָג אייך, אויב איר
האָט אֶמונה, און טוט ניט צווייפלען, וועט איר ניט נאָר טאָן דאָס, וואָס
ס'איז געטאָן געוואָרן מיטן פייַגנבוים, נייערט אויב איר זאָלט אַפילו זאָגן צו
דעם דאָזיקן באַרג: הייב דיך אויף און וואַרף דיך אין יַם אַריין, וועט עס
געשען. 22 און אַלצדינג, וואָס איר וועט זיך אויסבעטן בײַם תּפילה טאָן,
וועט איר באַקומען, אויב איר האָט אֶמונה.
23 און אַז ער איז געקומען אין דעם בֵּית־הַמִקדש אַריין, זענען די ראָשי־
כֹּהֲנים און די זקֵנים פון דעם פאָלק צו אים צוגעגאַנגען, בשַעת ער האָט
געלערנט, און האָבן געזאָגט: מיט וועמעס רשות טוסטו דאָס אַלץ? און
ווער האָט דיר געגעבן דאָס דאָזיקע רשות? 24 האָט יֵשוּעַ געענטפערט, און
צו זיי געזאָגט: איך וועל אייך אויך פרעגן אַ קַשיא, און אויב איר וועט מיר
ענטפערן, וועל איך אייך אויך זאָגן, מיט וועמעס רשות איך טו דאָס אַלץ.
25 די טבילה פון יוֹחָנָן, פון וואַנען איז זי געווען? פון הימל, אָדער פון
מענטשן? און זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דֵעה, און געזאָגט: אויב מיר
וועלן זאָגן: פון הימל, וועט ער צו אונדז זאָגן: פאַרוואָס האָט איר אים ניט
געגלויבט? 26 וועלן מיר אָבער זאָגן: פון מענטשן, האָבן מיר מורא פאַרן
פאָלק; וואָרים אַלע האַלטן יוֹחָנָן פאַר אַ נָביא. 27 און זיי האָבן געענטפערט
יֵשוּעַן: מיר ווייסן ניט. האָט ער צו זיי געזאָגט: אויב אַזוי, וועל איך אייך
אויך ניט זאָגן מיט וועמעס רשות איך טו דאָס.
28 וואָס דענקט איר? אַ מענטש האָט געהאַט צוויי זין; און ער איז געקומען
צום ערשטן, און האָט געזאָגט: מיין זון, גיי אַרבעט הייַנט אין ווייַנגאָרטן.
29 האָט ער געענטפערט: איך וויל ניט; אָבער נאָכדעם האָט ער חֲרָטה געהאַט,
און איז געגאַנגען. 30 און ער איז געקומען צום צווייטן, און האָט אויך

[1] תהלים ח, 3.

אַזוי געזאָגט. און ער האָט געענטפערט: איך גיי, האַר; און איז ניט
געגאַנגען. 31 ווער פון די ביידע האָט געטאָן דעם רָצון פון זיין
פאָטער? זאָגן זיי: דער ערשטער. זאָגט יֵשוע צו זיי: באמת, איך זאָג
אייך, די מוכסים און די זונות וועלן פריער פאַר אייך אַריינקומען אין
דעם מַלכות פון גאָט. 32 וואָרים יוחָנָן איז צו אייך געקומען מיטן דֶרֶך־
צַדיקים, און איר האָט אים ניט געגלויבט, אָבער די מוכסים און די
זונות האָבן אים יאָ געגלויבט; און הַגַם איר האָט עס געזען, האָט איר
אַפילו דערנאָך ניט חַרָטה געהאַט, כדי אים צו גלויבן.
33 הערט אַן אַנדער מָשל: געווען איז אַ בַּעל־הַבָּיִת, וואָס האָט
געפלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן, און האָט אים אַרומגעצאַמט, און
אויסגעגראָבן אין אים אַ קעלטער, און געבויט אַ טורעם, און ער
האָט אים פאַרדונגען צו ווייַנגערטנער, און איז אַוועק אין אַן אַנדער
לאַנד אַריין. 34 און אַז סע איז געקומען דער זמַן פון פֵּירות, האָט ער
געשיקט זיינע קנעכט צו די ווייַנגערטנער, אָפּצונעמען זיינע פֵּירות;
35 און די ווייַנגערטנער האָבן גענומען זיינע קנעכט, און איינעם האָבן זיי
געשלאָגן, אַן אַנדערן געטייט, און נאָך אַן אַנדערן פאַרשטיינט. 36 און
ער האָט ווידער אַמאָל געשיקט אַנדערע קנעכט, מער ווי פריער; און זיי
האָבן מיט זיי אויך אַזוי געטאָן. 37 דערנאָך האָט ער צו זיי געשיקט זיין
זון, און געזאָגט: זיי וועלן דֶרֶך־אֶרֶץ האָבן פאַר מיין זון. 38 און אַז די
ווייַנגערטנער האָבן דערזען דעם זון, האָבן זיי געזאָגט צווישן זיך: דאָס
איז דער יורֵש; קומט, לאָמיר אים הַרגענען, און צונעמען זיין ירושה.
39 און זיי האָבן אים גענומען און אַרויסגעוואָרפן פון דעם ווייַנגאָרטן,
און האָבן אים געהַרגעט. 40 בכֵן, אַז דער האַר פון דעם ווייַנגאָרטן וועט
קומען, וואָס וועט ער טאָן מיט יענע ווייַנגערטנער? 41 זאָגן זיי צו אים:
ער וועט יענע רשָעים אומברענגען אויף אַ מורֶאדיקן אופן, און
פאַרדינגען דעם ווייַנגאָרטן צו אַנדערע ווייַנגערטנער, וואָס וועלן אים
אָפּגעבן די פֵּירות צו זייער צייט. 42 און יֵשוע האָט צו זיי געזאָגט: האָט
איר קיינמאָל ניט געליינט דעם פָּסוק:

דער שטיין, וואָס די בוימייַסטער האָבן פאַרוואָרפן,
איז געוואָרן צום ווינקלשטיין;
פון גאָט איז דאָס געשען,
און עס איז וואונדערלעך אין אונדזערע אויגן?[1]

43 דעריבער זאָג איך אייך: דאָס מַלכות פון גאָט וועט פון אייך
אַוועקגענומען ווערן, און געגעבן ווערן צו אַ פאָלק, וואָס וועט
אַרויסברענגען זיינע פֵּירות. 44 און דער, וואָס וועט פאַלן אויף דעם
דאָזיקן שטיין,

[1] תהלים קיח, 22, 23.

וועט זיך צעשלאָגן; אָבער אויף וועמען ער וועט פאַלן, דעם וועט ער
צעמאָלן.
45 און ווען די ראָשי־כּהנים און די פּרושים האָבן געהערט זיינע
משלים, האָבן זיי זיך משער געווען, אַז ער האָט גערעדט וועגן זיי.
46 און הגם זיי האָבן געזוכט אים צו כאַפּן, האָבן זיי אָבער מורא
געהאַט פאַרן פאָלק, וואָרים מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ נביא.
כב און ישוע האָט ווידער צו זיי גערעדט מיט משלים, אַזוי צו זאָגן:
2 דאָס מלכות־שמים איז געגליכן צו אַ מלך, וואָס האָט חתונה
געמאַכט זיין זון, 3 און ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע קנעכט צו רופן
די, וואָס זענען געווען פאַרבעטן אויף דער חתונה, אָבער זיי האָבן ניט
געוואָלט קומען. 4 האָט ער נאָכאַמאָל אַרויסגעשיקט אַנדערע קנעכט,
און געזאָגט: זאָגט די, וואָס זענען געבעטן: זעט, מיין סעודה איז שוין
אָנגעגרייט; מיינע אָקסן און מיינע פעטע רינדער זענען שוין געשאָכטן,
און אַלצדינג איז גרייט; קומט צו דער חתונה. 5 אָבער זיי האָט דאָס
ניט געאַרט, און זענען זיך געגאַנגען, ווער צו זיין פעלד, און ווער צו
זיין מסחר; 6 און די איבעריקע האָבן גענומען זיינע קנעכט, און האָבן
זיי מאוס באַהאַנדלט, און געטייט. 7 און דער מלך איז אין כּעס
געוואָרן, און האָט געשיקט זיינע חילות, און אומגעבראַכט יענע
רוצחים, און פאַרברענגט זייער שטאָט. 8 דערנאָך האָט ער געזאָגט צו
זיינע קנעכט: די חתונה איז גרייט, אָבער די, וואָס זענען געווען
פאַרבעטן, זענען ניט ווערט געווען. 9 גייט דעריבער אויף די שייד־
וועגן, און וועמען איר וועט טרעפן, פאַרבעט אויף דער חתונה.
10 זענען די קנעכט אַרויסגעגאַנגען אויף די וועגן, און האָבן
איינגעזאַמלט אַלע, וועמען זיי האָבן באַגעגנט, סיי שלעכטע און
גוטע; און די חתונה איז געוואָרן פול מיט געסט.
11 און אַז דער מלך איז אַריינגעקומען אָנקוקן די געסט, האָט ער
דאָרטן געזען אַ מענטשן, וואָס האָט ניט געטראָגן קיין חתונה־מלבוש.
12 און ער האָט צו אים געזאָגט: פריינט, וויאַזוי ביסטו אַהער
אַריינגעקומען אָן אַ חתונה־מלבוש? און ער איז פארשטומט געוואָרן.
13 דעמאָלט האָט דער מלך געזאָגט צו זיינע קנעכט: בינדט אים הענט
און פיס, און וואָרפט אים אַרויס אין דער דרויסנדיקער חושך; דאָרט
וועט זיין געוויין און קריצן פון ציין. 14 וואָרים אַ סך זענען גערופן
געוואָרן, אָבער ווינציק אויסדערוויילט.
15 דעמאָלט זענען די פּרושים געגאַנגען און האָבן זיך אַן עצה
געהאַלטן, וויאַזוי אים צו כאַפּן ביי זיינע רייד. 16 און זיי האָבן צו אים
געשיקט זייערע תּלמידים, מיט די הורדוס־לייט, אַזוי צו זאָגן: רבי, מיר
ווייסן, אַז דו זאָגסט דעם אמת, און אַז דו לערנסט באמת דעם וועג

פון גאָט; און דיך אַרט ניט קיינער, וואָרים דו ביסט קיינעם ניט נושׂא־
פָּנים. 17 בכֵן, זאָג אונדז וואָס דו מיינסט. דאַרף מען געבן שטייער דעם
קֵיסר, אָדער ניט? 18 יֵשוּעַ האָט אָבער דערקענט זייער רִשעות, און
געזאָגט: פאַרוואָס פּרוּווט איר מיך אויס, איר חוֹנפים? 19 ווייזט מיר
דאָס שטייער־געלט. האָבן זיי אים געבראַכט אַ דינָר. 20 און יֵשוּעַ האָט
צו זיי געזאָגט: וועמעס איז דאָס דאָזיקע בילד און די אויפשריפט?
21 זאָגן זיי: דעם קֵיסרס. דעמאָלט האָט ער צו זיי געזאָגט: גיט
דעריבער דעם קֵיסר דאָס, וואָס איז דעם קֵיסרס, און צו גאָט דאָס,
וואָס איז גאָטס. 22 און אַז זיי האָבן דאָס געהערט, זענען זיי נִשתּוֹמם
געוואָרן; און זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט און זענען אַוועקגעגאַנגען.
23 אין יענעם טאָג זענען צו אים געקומען צדוקים, וואָס זאָגן, אַז ס׳איז
ניטאָ קיין תּחִיַת־הַמֵתים; און זיי האָבן אים געפרעגט, 24 אַזוי צו זאָגן:
רֶבּי, מֹשה האָט געזאָגט: אויב אַ מענטש שטאַרבט, וואָס לאָזט ניט
איבער נאָך זיך קיין קינדער, זאָל זיין ברודער נעמען זיין ווייב, און
אויפשטעלן זאָמען פאַר זיין ברודער.[1] 25 געווען זענען ביי אונדז זיבן
ברידער. דער ערשטער האָט חַתוּנה געהאַט, און איז געשטאָרבן, און
אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין זאָמען, האָט ער איבערגעלאָזט זיין
ווייב פאַר זיין ברודער. 26 און אַזוי איז אויך געווען מיטן צווייטן, און
דעם דריטן, ביזן זיבעטן. 27 און צום סוֹף, נאָך אַלע, איז געשטאָרבן
דאָס ווייב אויכעט. 28 נו, ביי תּחִיַת־הַמֵתים, וועמעס ווייב פון די זיבן
וועט זי זיין? וואָרים זיי אַלע האָבן זי געהאַט.
29 און יֵשוּעַ האָט געענטפערט, און צו זיי געזאָגט: איר מאַכט אַ טָעות,
וויל איר קענט ניט די כּתבֵי־הַקוֹדֶש, און אויך ניט די מאַכט פון גאָט.
30 וואָרים ביי תּחִיַת־הַמֵתים האָבן זיי ניט חַתוּנה, און מע טוט זיי אויך
ניט חַתוּנה מאַכן, נייערט זיי זענען ווי די מַלאָכים אין הימל. 31 און
וואָס שַייך תּחִיַת־הַמֵתים, האָט איר ניט געלייענט, וואָס איז צו אייך
געזאָגט געוואָרן פון גאָט: 32 איך בין דער גאָט פון אַבֿרָהם, און דער
גאָט פון יִצחָק, און דער גאָט פון יַעקֹבֿ?[2] ער איז ניט דער גאָט פון
טויטע, נייערט פון לעבעדיקע. 33 און אַז דאָס פאָלק האָט דאָס
געהערט, זענען זיי נִשתּוֹמם געוואָרן איבער זיין תּוֹרה.
34 און בעת די פּרושים האָבן געהערט, אַז ער האָט די צדוקים געמאַכט
שווייגן, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אינאיינעם. 35 און איינער פון זיי, אַ
תַּלמיד־חָכם, האָט אים געפרעגט אַ שַאלֶה, כּדי אים צו פּרוּוון;
36 רֶבּי, וועלכע איז די גרעסטע מִצווה אין דער תּוֹרה? 37 האָט ער

[1] דברים כה, 5, 6. [2] שמות ג, 6.

צו אים געזאָגט: דו זאָלסט ליב האָבן גאָט דײַן האַר מיט דײַן גאַנצן
האַרצן, און מיט דײַן גאַנצער נשָמה, און מיט דײַן גאַנצן פֿאַרשטאַנד.[1]
38 דאָס איז די גרעסטע און די ערשטע מִצווה. 39 און אַ צווייטע איז
ענלעך צו איר: דו זאָלסט ליב האָבן דײַן חַבר ווי דיך אַליין.[2] 40 אויף
די דאָזיקע צוויי מִצוות הענגט אָפּ די גאַנצע תּורה און די נבִיאים.
41 און בעת די פּרושים זענען געווען פֿאַרזאַמלט אינאיינעם, האָט זיי
יֵשוּעַ געפֿרעגט אַ קַשיא, אַזוי צו זאָגן: 42 וואָס דענקט איר וועגן דעם
מָשיחַ? וועמעס זון איז ער? זאָגן זיי צו אים: דָוִדס. 43 זאָגט ער צו
זיי: טאָ ווי קומט עס, וואָס דָוִד רופֿט אים בְּרוּח־הקדש האַר, בעת
ער זאָגט:

44 גאָט האָט געזאָגט צו מײַן האַר,
זעץ דיך בײַ מײַן רעכטער האַנט,
ביז איך וועל מאַכן דײַנע פֿײַנט פֿאַר דײַן פֿוסבענקל?[3]

45 בכֵן, אויב דָוִד רופֿט אים אָן האַר, וויאַזוי איז ער זײַן זון? 46 און
קיינער האָט אים ניט געקענט ענטפֿערן קיין וואָרט, און פֿון יענעם
טאָג אָן האָט זיך שוין מער קיינער ניט דערוועגט אים צו פֿרעגן קיין
קַשיות.

כג דעמאָלט האָט יֵשוּעַ גערעדט צום פֿאָלק און צו זײַנע תַּלמידים:
2 די סופֿרים און די פּרושים זיצן אויף משהס שטול; 3 דעריבער, אַלץ
וואָס זיי זאָגן אײַך, זאָלט איר טאָן און אָפּהיטן, אָבער טוט ניט נאָך
זייערע מַעשׂים; וואָרים זיי זאָגן, און טוען ניט. 4 זיי בינדן שווערע
מַשׂאות, וואָס זענען שווער צו דערטראָגן, און לייגן זיי אַרויף אויף די
אַקסלען פֿון מענטשן; אָבער זיי אַליין רירן ניט קיין פֿינגער צו זיי.
5 און אַלע זייערע מַעשׂים טוען זיי נאָר, כּדי מענטשן זאָלן זיי זען.
וואָרים זיי מאַכן ברייט זייערע תּפֿילין און לאַנג די צִיצית; 6 און האָבן
ליב דעם אויבן־אָן אויף סעודות, און די חָשובסטע שטאָט אין די שולן,
7 און מען זאָל זיי אָפּגעבן שָלום אין די מאַרקפּלעצער, און מענטשן
זאָלן זיי רופֿן: רֶבּי. 8 אָבער איר זאָלט זיך ניט לאָזן רופֿן רֶבּי, וואָרים
איינער איז אײַער רֶבּי, און איר אַלע זענט ברידער. 9 און רופֿט קיינעם
ניט אויף דער ערד אײַער פֿאָטער, וואָרים איינער איז אײַער פֿאָטער,
וואָס איז אין הימל. 10 איר זאָלט זיך אויך ניט לאָזן רופֿן לערער,
וואָרים איינער איז אײַער לערער – דער מָשיחַ.

[1] דברים ו, 5. [2] ויקרא יט, 18. [3] תהלים קי, 1.

11 און דער גרעסטער צווישן אייך זאָל זיין אייער באַדינער; 12 און ווער
סע וועט זיך אַליין דערהייכן, וועט דערנידעריקט ווערן; און ווער סע
וועט זיך אַליין דערנידעריקן, וועט ווערן דערהייכט.
13 אָבער ווײ צו אייך, סופרים און פּרושים, איר חונפים! וואָרים איר
פאַרשליסט דאָס מַלכות־שָמַיִם פאַר מענטשן; ניט איר אַליין גייט
אַריין, און ניט איר לאָזט אַרייַנגיין די, וואָס ווילן אַרייַנקומען.
14 ווײ צו אייך, סופרים און פּרושים, איר הונפים! וואָרים איר שלינגט
איין די הייזער פון אַלמָנות, און כּלומרשט דאַוונט איר לאַנג; דערפאַר
וועט איר קריגן אַ האַרבערן פּסק.
15 ווײ צו אייך, סופרים און פּרושים, איר חונפים! וואָרים איר פאָרט
אויס יַם און יַבָּשה צו מאַכן איינעם אַ גֵר; און ווען ער ווערט עס שוין,
מאַכט איר אים פאַר אַ בֶּן־גיהנום, צוויי מאָל ערגער פון אייך.
16 ווײ צו אייך, איר בלינדע פירער, וואָס זאָגט: ווער סע שווערט ביים
הֵיכל, איז עס גאָרניט; אָבער ווער סע שווערט ביים גאָלד פון הֵיכל,
איז חַייב. 17 איר נאַראָנים און בלינדע! וואָרים וואָס איז גרעסער: דאָס
גאָלד, אָדער דער הֵיכל, וואָס הייליקט דאָס גאָלד? 18 און: ווער סע
שווערט ביים מִזבֵּחַ, דאָס איז גאָרניט; אָבער ווער סע שווערט ביים
קָרבּן, וואָס איז אויף אים, איז חַייב. 19 איר בלינדע! וואָרים וואָס איז
גרעסער, דער קָרבּן, אָדער דער מִזבֵּחַ, וואָס הייליקט דעם קָרבּן?
20 דעריבער, דער, וואָס שווערט ביים מִזבֵּחַ, שווערט ביי אים, און ביי
אַלץ, וואָס איז אויף אים. 21 און דער, וואָס שווערט ביים הֵיכל,
שווערט ביי אים, און ביי דעם, וואָס וואוינט אין אים. 22 און דער,
וואָס שווערט ביים הימל, שווערט ביי דעם טראָן פון גאָט, און ביי
דעם, וואָס זיצט אויף אים.
23 ווײ צו אייך, סופרים און פּרושים, איר חונפים! וואָרים איר גיט
מַעשׂר פון מיענטע און אַניִז און קימל, און האָט ניט מקַיים געווען
די חָשובערע זאַכן פון דער תּורה: מִשפּט, און חֶסד, און אֱמונה;
די דאָזיקע האָט איר באַדאַרפט טאָן, און די אַנדערע אויך ניט
אויסלאָזן. 24 איר בלינדע פירער, איר זײַעט דורך אַ פליגעלע, און
שלינגט איין אַ קעמל!
25 ווײ צו אייך, סופרים און פּרושים, איר חונפים! וואָרים איר רייניקט
דעם בעכער און די שיסל פון אויסנווייניק, אָבער אינעווייניק זענען זיי
פול מיט גזֵילה

און עַוולה. 26 דו בלינדער פּרושי! רייניק קודם דעם בעכער און די
שיסל פון אינעווייניק, כּדי זיי זאָלן אויך ווערן ריין פון אויסנווייניק.
27 ווי צו אייך, סופרים און פּרושים, איר חונפים! וואָרים איר זענט
געגליכן צו געקאַלכטע קבָרים, וואָס אויסערלעך זעען זיי אויס שיין,
אָבער אינעווייניק זענען זיי פול מיט ביינער פון מֵתים, און מיט יעדער
טומאה. 28 פּונקט אַזוי זעט איר אויסערלעך אויס ווי צַדיקים פאַר
מענטשן, אָבער אינעווייניק זענט איז פול מיט חַניפה און שלעכטס.
29 ווי צו אייך, סופרים און פּרושים, איר חונפים! וואָרים איר בויט די
קבָרים פון די נביאים, און באַצירט די מַצֵבות פון די צַדיקים, 30 און
זאָגט: אויב מיר וואָלטן געלעבט אין די טעג פון אונדזערע אָבות,
וואָלטן מיר ניט געהאַט קיין חֵלֶק מיט זיי אין דעם בלוט פון די
נביאים. 31 דערמיט זאָגט איר אויף זיך אַליין עֵדות, אַז איר זענט די
קינדער פון די, וואָס האָבן געהַרגעט די נביאים. 32 דעריבער, מאַכט
פול די מאָס פון אייערע אָבות. 33 איר שלאַנגען, שפּראָץ פון עקדישן,
וויאַזוי וועט איר אַנטרינען פון דעם מִשפּט פון גיהֶנום? 34 דעריבער
שיק איך צו אייך נביאים, און חַכָמים, און סופרים; עטלעכע פון זיי
וועט איר טייטן, און לאָזן קרייציקן; און עטלעכע פון זיי וועט איר
שמייסן אין אייערע שולן, און רודֵפן פון שטאָט צו שטאָט, 35 כּדי
אויף אייך זאָל קומען דאָס גאַנצע רעכטפאַרטיקע בלוט, וואָס איז
פאַרגאָסן געוואָרן אויף דער ערד, פון דעם בלוט פון הֶבֶל־הַצַדיק ביז
דעם בלוט פון זכַריָה בֶּן־בֶּרֶכיָה, וועמען איר האָט געטייט צווישן דעם
הֵיכל און מִזבֵּחַ.[1] 36 באמת, איך זאָג אייך, דאָס אַלץ וועט קומען אויף
דעם דאָזיקן דור.
37 אָ ירושָלַיִם, ירושָלַיִם, וואָס הַרגעסט די נביאים, און פאַרשטיינסט
די, וואָס זענען געשיקט צו דיר! וויפל מאָל האָב איך געוואָלט
איינזאַמלען דיינע קינדער, ווי אַ הון זאַמלט איין אירע הינדלעך
אונטער אירע פליגל, און איר האָט ניט געוואָלט! 38 זעט, אייער הויז
וועט אייך בלייבן חָרוב. 39 וואָרים איך זאָג אייך, פון איצט אָן וועט
איר מיך מער ניט זען, ביז איר וועט זאָגן: בָּרוך הַבָּא אין דעם נאָמען
פון גאָט.[2]
כד און יֵשוּעַ איז אַרויס פון דעם בֵּית־הַמִקדש, און איז אוועק־
געגאנגען, און זיינע תַלמידים האָבן צו אים גענעענט, כּדי אים צו ווייזן
די בִּנייָנים פון דעם בֵּית־הַמִקדש. 2 אָבער ער האָט געענטפערט, און צו
זיי געזאָגט:

[1] בראשית ד, 8; דברי הימים ב׳ כד, 21. [2] תהלים קיח, 26.

זעט איר דאָס אַלץ? באמת, איך זאָג אייך, סע וועט דאָ ניט בלייבן אַ שטיין
אויף אַ שטיין, וואָס וועט ניט אַראָפּגעוואָרפן ווערן.
3 און ווען ער איז געזעסן אויף דעם הַר־הַזֵּיתים, האָבן גענעענט צו אים זיינע
תַּלמידים, בעת זיי זענען געווען אַליין, און האָבן געזאָגט: זאָג אונדז, ווען וועט
דאָס געשען, און וואָס וועט זיין דער סִימן פון דיין קומען, און פון דעם קֵץ פון
דער וועלט? 4 און יֵשוּעַ האָט געענטפערט, און צו זיי געזאָגט: זעט, אַז קיינער
זאָל אייך ניט פאַרפירן. 5 וואָרים אַ סך וועלן קומען אין מיין נאָמען, און זאָגן:
איך בין דער מָשִיחַ, און וועלן אַ סך פאַרפירן. 6 און איר וועט הערן פון
מִלחָמות, און שמועות פון מִלחָמות, נאָר איר זאָלט זיך ניט שרעקן; וואָרים
דאָס אַלץ מוז קומען, אָבער דער קֵץ איז דאָס ניט. 7 וואָרים אומה וועט
אויפשטיין קעגן אומה, און מלוכה קעגן מלוכה, און סע וועלן זיין הונגער און
ערדציטערנישן אין פאַרשידענע ערטער. 8 אָבער דאָס אַלץ איז בלויז דער
אָנהייב פון די ווייען.
9 דעמאָלט וועלן זיי אייך איבערענטפערן צו פּייניקונג, און אייך טייטן; און
איר וועט זיין געהאַסט פון אַלע אומות פון מיין נאָמענס וועגן. 10 און דעמאָלט
וועלן אַ סך געשטרויכלט ווערן, און פאַרראַטן איינער דעם אַנדערן, און פיינט
האָבן איינער דעם אַנדערן. 11 און אַ סך פאַלשע נבִיאים וועלן אויפשטיין, און
וועלן אַ סך פאַרפירן. 12 און ווייל דאָס רִשעות וועט זיך פאַרמערן, וועט די
ליבשאַפט ביי דעם רוֹב אָפּגעקילט ווערן. 13 אָבער דער, וואָס וועט אויסהאַלטן
ביזן סוף, וועט נִיצול ווערן. 14 און די דאָזיקע בשׂורה פון דעם מַלכות־שָמַיִם
וועט מַכריז ווערן אין דער גאַנצער וועלט, פאַר אַן עֵדות צו אַלע אומות; און
דערנאָך וועט קומען דער קֵץ.
15 דעריבער, ווען איר וועט זען דעם געצן פון דער פאַרוויסטונג, וואָס פון אים
רעדט דָניאֵל הַנָביא,[1] שטיין אין מָקום־קָדוש (זאָל דער, וואָס לייענט,
פאַרשטיין), 16 דעמאָלט זאָלן די, וואָס זענען אין יהודה, אַנטרינען אין די
בערג; 17 זאָל דער, וואָס איז אויפן דאַך, ניט אַראָפּגיין נעמען עפּעס פון זיין
הויז; 18 און זאָל דער, וואָס איז אין פעלד, זיך ניט אומקערן צו נעמען זיין
מאַנטל. 19 אָבער ווי איז צו די, וואָס זענען מעוּבֶּרֶת, און וואָס גיבן צו זייגן אין
יענע טעג! 20 און בעט, אַז אייער אַנטרינונג זאָל ניט זיין אין ווינטער, אָדער
אין אַ שַבּת. 21 וואָרים דעמאָלט וועט זיין אַ גרויסע צָרה, אַזאַ, וואָס איז נאָך
ניט געווען פון ששת־ימי־בראשית ביז איצט, און וועט שוין מער ניט זיין.
22 און וואָלטן יענע טעג ניט פאַרקירצט געוואָרן, וואָלט קיין שום בָּשׂר־וָדָם
ניט נִיצול געוואָרן; נייערט צוליב די אויסדערוויילטע וועלן יענע טעג
פאַרקירצט ווערן. 23 אויב סע וועט דעמאָלט ווער צו אייך זאָגן: אָט איז דער
מָשִיחַ! אָדער: דאָרטן איז ער! זאָלט איר עס ניט גלויבן. 24 וואָרים

[1] דניאל ט, 27; יא, 31; יב, 11.

סע וועלן אויפשטיין פאַלשע מְשִיחים, און פאַלשע נבִיאים, וואָס וועלן
באַווייזן גרויסע נִסים ונפלאות, כּדי צו פאַרפירן, אויב מעגלעך, אַפילו
די סאַמע אויסדערוויילטע. 25 זעט, איך האָב עס אייך פאַרויסגעזאָגט.
26 דעריבער, אויב זיי וועלן צו אייך זאָגן: זעט, ער איז אין דער מִדבר,
זאָלט איר ניט אַרויסגיין; זעט ער איז אין די קאַמערן, זאָלט איר עס
ניט גלויבן. 27 וואָרים ווי דער בליץ קומט אַרויס פון מִזרח און לייכט
ביזן מַערב, אַזוי וועט זיין דאָס קומען פון דעם בֶּן־אָדָם. 28 אָוואו
ס'איז די נבֵילה, דאָרט וועלן זיך די אָדלערס פאַרזאַמלען.
29 און תֵּיכּף נאָך דער צָרה פון יענע טעג וועט די זון פינצטער ווערן,
און די לבָנה וועט ניט געבן איר ליכט, און די שטערן וועלן פאַלן פון
הימל, און די חַיָלות פון הימל וועלן אויפגעטרייסלט ווערן. 30 און
דעמאָלט וועט זיך באַווייַזן דער סִמן פון דעם בֶּן־אָדָם אין הימל, און
אַלע מִשפָּחות פון דער ערד וועלן קלאָגן, און זיי וועלן זען דעם בֶּן־
אָדָם קומען אויף די וואָלקנס פון הימל מיט גבורה און גרויס כָּבוד.
31 און ער וועט אַרויסשיקן זיינע מַלאָכים מיט אַ שטאַרקן קול פון אַ
שופר, און זיי וועלן צונויפזאַמלען זיינע אויסדערוויילטע פון די פיר
ווינטן, פון איין עק הימל ביזן אַנדערן.
32 נעמט זיך אַראָפּ אַ מָשל פון דעם פייַגעבוים: ווען זיין צווייג ווערט
זאַפטיק און גיט אַרויס בלעטער, דעמאָלט ווייסט איר, אַז דער זומער
איז נאָענט. 33 אַזוי אויך איר, ווען איר וועט דאָס אַלץ זען, טאָ ווייסט,
אַז ער איז נאָענט ביי דער טיר. 34 באמת, איך זאָג אייך, דער דאָזיקער
דור וועט ניט פאַרגיין, ביז דאָס אַלץ וועט געשען. 35 הימל און ערד
וועלן פאַרגיין, אָבער מיינע ווערטער וועלן קיינמאָל ניט פאַרגיין.
36 און פון יענעם טאָג און שָעה ווייסט קיינער ניט, אַפילו ניט די
מַלאָכים אין הימל, אויך ניט דער זון, נייערט נאָר דער פאָטער אַליין.
37 און ווי עס איז געווען אין די טעג פון נֹחַ, אַזוי וועט זיין דאָס
קומען פון דעם בֶּן־אָדָם. 38 וואָרים ווי אין יענע טעג פאַרן מַבול האָבן
זיי געגעסן און געטרונקען, חַתונה געהאַט, און חַתונה געמאַכט, ביזן
טאָג ווען נֹחַ איז אַריינגעגאַנגען אין דער תֵּיבה, 39 און זיי האָבן ניט
געוואוסט, ביז דער מַבול איז געקומען, און האָט זיי אַלע אָפּגעמעקט;
פונקט אַזוי וועט זיין דאָס קומען פון דעם בֶּן־אָדָם. 40 דעמאָלט וועלן
צוויי זיין אין פעלד; איינער וועט אַוועקגענומען ווערן, און דער
אַנדערער וועט איבערגעלאָזט ווערן. 41 צוויי ווייבער וועלן מאָלן מיט
דעם מִילשטיין; איינע וועט אַוועקגענומען ווערן,

און די אַנדערע וועט איבערגעלאָזט ווערן. 42 דעריבער וואַכט, וואָרים
איר ווייסט ניט אין וואָסער טאָג אייער האַר קומט. 43 אָבער דאָס זאָלט
איר וויסן, אַז אויב דער בַּעל־הַבַּית וואָלט געוואוסט אין וואָסער
נאַכטוואַך דער גַנב וועט קומען, וואָלט ער געוועזן געוואַכט און ניט
צוגעלאָזט, אַז זיין הויז זאָל איינגעבראָכן ווערן. 44 דעריבער זאָלט איר
אויך זיין גרייט; וואָרים דער בֶּן־אָדָם וועט קומען אין אַ שָעה, אויף
וועלכער איר ריכט זיך ניט.
45 ווער איז אָבער דער געטרייער און קלוגער קנעכט, וועמען זיין האַר
האָט געזעצט איבער זיין הויזגעזינד, צו געבן זיי זייער שפייז אין דער
רעכטער צייט? 46 וואויל איז יענעם קנעכט, וואָס בעת זיין האַר וועט
קומען, וועט ער אים טרעפן טאָן אַזוי. 47 באמת, איך זאָג אייך, ער
וועט אים זעצן איבער אַלע זיינע גיטער. 48 אויב אָבער יענער
שלעכטער קנעכט וועט זאָגן אין זיין האַרץ: מיין האַר זאַמט זיך,
49 און ער וועט אָנהייבן שלאָגן זיינע מיטקנעכט, און עסן און טרינקען
מיט שִיכּורים, 50 דעמאָלט וועט דער האַר פון יענעם קנעכט קומען אין
אַ טאָג, אויף וועלכן ער ריכט זיך ניט, און אין אַ שָעה, פון וואָס ער
ווייס ניט; 51 און ער וועט אים צעמֵמיתן, און באַשטימען זיין חֵלֶק מיט
די חונפים; דאָרט וועט זיין געוויין און קריצן מיט די ציין.
כה דעמאָלט וועט דאָס מַלכות־שָמַיִם זיין געגליכן צו צען בתולות,
וואָס האָבן גענומען זייערע לאָמפּן און זענען אַרויסגעגאַנגען
מקַבל־פָּנים זיין דעם חָתן. 2 פינף פון זיי זענען געווען נאַריש, און
פינף קלוג. 3 וואָרים די נאַרישע האָבן גענומען זייערע לאָמפּן, און ניט
מיטגענומען מיט זיך קיין אײַל; 4 די קלוגע אָבער האָבן גענומען אײַל
אין זייערע כֵּלים, צוזאַמען מיט זייערע לאָמפּן. 5 און הֶיות ווי דער חָתן
האָט זיך פאַרזאַמט, האָבן זיי אַלע געדרימלט און זענען איינגעשלאָפן.
6 אָבער אַרום האַלבער נאַכט האָט זיך דערהערט אַ געשריי: אָט איז
דער חָתן; גייט אים אַנטקעגן! 7 דעמאָלט האָבן זיך אַלע בתולות
אויפגעכאַפּט, און האָבן צוגערעכט געמאַכט זייערע לאָמפּן. 8 און די
נאַרישע האָבן געזאָגט צו די קלוגע: גיט אונדז אַ בִּסל פון אייער אײַל,
ווייל אונדזערע לאָמפּן גייען אויס. 9 אָבער די קלוגע האָבן
געענטפערט: ניין, טאָמער וועט ניט זיין גענוג פאַר אונדז און פאַר
אייך; גייט ליבערשט צו די קרעמער, און קויפט אייך. 10 און בעת זיי
זענען אַוועקגעגאַנגען קויפן, איז אָנגעקומען דער חָתן; און די, וואָס
זענען געווען גרייט, זענען אַריינגעגאַנגען מיט אים צו דער חַתונה, און
די טיר איז פאַרשלאָסן געוואָרן. 11 דערנאָך זענען אויך געקומען די
אַנדערע בתולות, און האָבן געזאָגט: האַר, האַר, עפן אויף פאַר אונדז.
12 אָבער ער האָט געענטפערט: באמת, איך זאָג אייך, איך קען

איך ניט. 13 דעריבער וואַכט, ווייל איר ווייסט ניט דעם טאָג, אָדער די
שָעה!
14 וואָרים עס איז אַזוי ווי אַ מענטש, וואָס האָט געוואָלט אַוועקפאָרן,
אוּן ער האָט גערוּפן זיינע קנעכט, אוּן האָט זיי איבערגעגעבן זיין
פאַרמעגן. 15 אוּן איינעם האָט ער געגעבן פינף טאַלאַנטן, אַן אַנדערן
צוויי, אוּן אַן אַנדערן איינעם, יעדן לויט זיין באַזוּנדערער פעאיִקייט, אוּן
דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן. 16 אוּן דער, וואָס האָט באַקוּמען די פינף
טאַלאַנטן, איז תּיכּף אַוועקגעגאַנגען אוּן האָט מיט זיי געהאַנדלט, אוּן
פאַרדינט אַנדערע פינף טאַלאַנטן. 17 אוּן אויך דער, וואָס האָט באַקוּמען
צוויי, האָט פאַרדינט אַנדערע צוויי. 18 אוּן דער, וואָס האָט באַקוּמען
איינעם, איז געגאַנגען אוּן האָט געמאַכט אַ גרוּב אין דער ערד, אוּן
פאַרבאָרגן זיין האַרס געלט. 19 אוּן נאָך אַ לענגערער צייט האָט זיך דער
האַר פוּן יענע קנעכט צוּריקגעקערט, אוּן געמאַכט מיט זיי אַ חֶשבון.
20 אוּן גענעענט האָט דער, וואָס האָט באַקוּמען פינף טאַלאַנטן, אוּן
געבראַכט פינף אַנדערע טאַלאַנטן, אוּן געזאָגט: האַר, דוּ האָסט מיר
איבערגעגעבן פינף טאַלאַנטן; זע, איך האָב פאַרדינט אַנדערע פינף
טאַלאַנטן. 21 האָט זיין האַר צוּ אים געזאָגט: האָסט גוּט געטאָן, גוּטער
אוּן געטרייער קנעכט; דוּ ביסט געווען געטריי איבער ווייניק, וועל איך
דיך זעצן איבער אַ סך; קוּם אַריין צוּ דער שׂמחה פוּן דיין האַר! 22 אוּן
גענעענט האָט דער, וואָס האָט באַקוּמען צוויי טאַלאַנטן, אוּן געזאָגט:
האַר, דוּ האָסט מיר איבערגעגעבן צוויי טאַלאַנטן, זע, איך האָב
פאַרדינט אַנדערע צוויי טאַלאַנטן. 23 האָט זיין האַר צוּ אים געזאָגט:
האָסט גוּט געטאָן, גוּטער אוּן געטרייער קנעכט; דוּ ביסט געווען געטריי
איבער ווייניק וועל איך דיך זעצן איבער אַ סך; קוּם אַריין צוּ דער
שׂמחה פוּן דיין האַר! 24 אוּן גענעענט האָט אויך דער, וואָס האָט
באַקוּמען איין טאַלאַנט, אוּן געזאָגט: האַר, איך האָב געוואוּסט, אַז דוּ
ביסט אַ האַרטער מענטש, אוּן שניידסט, וואוּ דוּ האָסט ניט געזייט, אוּן
זאַמלסט איין, וואוּ דוּ האָסט ניט פאַרשפּרייט; 25 אוּן ווייל איך האָב
מוֹרא געהאַט, בין איך געגאַנגען אוּן האָב פאַרבאָרגן דיין טאַלאַנט אין
דער ערד; אָט האָסטוּ דיר דיינס. 26 אוּן זיין האַר האָט געענטפערט, אוּן
צוּ אים געזאָגט: דוּ שלעכטער אוּן פוילער קנעכט! האָסט געוואוּסט,
אַז איך שנייד, וואוּ איך האָב ניט געזייט, אוּן זאַמל איין, וואוּ איך האָב
ניט פאַרשפּרייט; 27 דערפאַר האָסטוּ געדאַרפט איינלייגן מיין געלט ביי
די חלפָנים, אוּן ביי מיין צוּריקקוּמען, וואָלט איך אָפּגענוּמען דאָס
מייניקע מיט פּראָצענט. 28 נעמט דעריבער צוּ ביי אים דעם טאַלאַנט,
אוּן גיט דאָס דעם, וואָס האָט די צען טאַלאַנטן. 29 וואָרים איטלעכער,
וואָס האָט, דעם וועט געגעבן ווערן, אוּן ער וועט האָבן בשֶפע; אָבער
דער, וואָס האָט ניט, פוּן דעם וועט אויך דאָס,

וואָס ער האָט, צוגענומען ווערן. 30 און וואַרפֿט אַרויס דעם אומניצלעכן
קנעכט אין דער דרויסנדיקער פֿינצטערניש; דאָרט וועט זיין געוויין און קריצן
פֿון ציין.
31 און בעת דער בן־אָדם וועט קומען אין זיין כּבֿוד, און אַלע מלאָכים מיט
אים, דעמאָלט וועט ער זיך זעצן אויף זיין כּסא־הכּבֿוד. 32 און פֿאַר אים וועלן
איינגעזאַמלט ווערן אַלע אומות, און ער וועט זיי אָפּשיידן איינס פֿון דעם
אַנדערן, פּונקט ווי אַ פּאַסטוך שיידט אָפּ די שאָף פֿון די ציגן, 33 און ער וועט
שטעלן די שאָף בײַ זיין רעכטער האַנט, און די ציגן, בײַ זיין לינקער.
34 דערנאָך וועט דער מלך זאָגן צו די בײַ זיין רעכטער האַנט: קומט, איר
געבענטשטע פֿון מיין פֿאָטער, ירשנט דאָס מלכות, וואָס איז פֿאַר אייך
אָנגעברייט זינט די וועלט איז באַשאַפֿן געוואָרן. 35 וואָרים איך בין געווען
הונגעריק, און איר האָט מיר געגעבן צו עסן; איך בין געווען דאָרשטיק און
איר האָט מיר געגעבן צו טרינקען; איך בין געווען אַן אורח, און איר האָט מיך
מכניס־אורח געווען; 36 איך בין געווען נאַקעט, און איר האָט מיך באַקליידט;
איך בין געווען קראַנק, און איר האָט מיך מבֿקר־חולה געווען; איך בין געווען
אין תּפֿיסה, און איר זענט געקומען צו מיר. 37 דעמאָלט וועלן די צדיקים אים
ענטפֿערן, און זאָגן: האַר, ווען האָבן מיר דיך געזען הונגעריק, און האָבן דיך
געשפּייזט, אָדער דאָרשטיק, און האָבן דיר געגעבן צו טרינקען? 38 און ווען
האָבן מיר דיך געזען אַן אורח, און האָבן דיך מכניס־אורח געווען? אָדער
נאַקעט, און האָבן דיך באַקליידט? 39 און ווען האָבן מיר דיך געזען קראַנק,
אָדער אין תּפֿיסה, און זענען צו דיר געקומען? 40 און דער מלך וועט
ענטפֿערן, און צו זיי זאָגן: באמת, איך זאָג אייך, וואָס איר האָט געטאָן פֿאַר
איינעם פֿון די דאָזיקע מינדסטע ברידער מיינע, האָט איר געטאָן פֿאַר מיר.
41 דערנאָך וועט ער אויך זאָגן צו די בײַ זיין לינקער האַנט: אוועק פֿון מיר,
איר פֿאַרשאָלטענע, אין אייביקן פֿייער אַריין, וואָס איז אָנגעברייט פֿאַר דעם
שׂטן און זיינע מלאָכים! 42 וואָרים איך בין געווען הונגעריק, און איר האָט
מיר ניט געגעבן צו עסן; איך בין געווען דאָרשטיק, און איר האָט מיר ניט
געגעבן צו טרינקען; 43 איך בין געווען אַן אורח, און איר האָט מיך ניט
מכניס־אורח געווען; נאַקעט, און איר האָט מיך ניט באַקליידט; קראַנק, און
אין תּפֿיסה, און איר זענט צו מיר ניט געקומען. 44 דעמאָלט וועלן זיי אויך
ענטפֿערן, און זאָגן: האַר, ווען האָבן מיר דיך געזען הונגעריק, אָדער
דאָרשטיק, אָדער אַן אורח, אָדער נאַקעט, אָדער קראַנק, אָדער אין תּפֿיסה,
און האָבן דיך ניט באַדינט? 45 דעמאָלט וועט ער זיי ענטפֿערן: באמת, איך
זאָג אייך, וואָס איר האָט ניט געטאָן פֿאַר איינעם פֿון די דאָזיקע מינדסטע,
האָט איר אויך ניט געטאָן פֿאַר מיר. 46 און די דאָזיקע וועלן אַוועקגיין צו
אייביקער שטראָף, אָבער די צדיקים צום אייביקן לעבן.
כו און עס איז געווען, בעת ישוע האָט פֿאַרענדיקט די דאָזיקע אַלע רייד, האָט
ער געזאָגט צו זיינע תּלמידים: 2 איר ווייסט, אַז אין צוויי טעג אַרום

איז פּסח, און דער בּן־אָדם ווערט איבערגעענטפערט ווערן געקרייציקט
צו ווערן.
3 דעמאָלט האָבן זיך פאַרזאַמלט די ראָשי־כּהנים, און די זקנים פון
פאָלק, אין הויף פון דעם כּהן־גדול, וואָס האָט געהייסן קַיָפא, 4 און זיי
האָבן זיך אַן עצה געהאַלטן, וויאַזוי צו כאַפּן יֵשוען מיט כיטרעקייט,
און אים טייטן. 5 אָבער זיי האָבן געזאָגט: ניט אום יום־טוב, כּדי סע
זאָל ניט אַרויסרופן אַ מהומה צווישן דעם פאָלק.
6 און בעת יֵשוע איז געווען אין בית־היני, אין הויז פון שמעון דעם
מצורע, 7 האָט גענעענט צו אים אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַן
אַלאַבאַסטער קריגל מיט זייער טייערן זאַלבאייל, און זי האָט אים
אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ, בעת ער איז געזעסן ביים טיש. 8 און אַז די
תּלמידים האָבן דאָס געזען, האָט עס זיי פאַרדראָסן, און האָבן
געזאָגט: הַלמאַי אַזאַ אויסברענגונג? 9 מע האָט דאָך דאָס געקענט
פאַרקויפן פאַר אַ סך געלט, און עס געבן צו די אָרעמעלייט. 10 אָבער
אַז יֵשוע האָט דאָס באַמערקט, האָט ער צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס זענט
איר מצער די פרוי? זי האָט דאָך געטאָן מיט מיר אַ חסד. 11 וואָרים די
אָרעמעלייט האָט איר תּמיד מיט זיך, אָבער מיך וועט איר תּמיד ניט
האָבן. 12 און דאָס, וואָס זי האָט אויסגעגאָסן דעם זאַלבאייל אויף מיין
לייַב, האָט זי עס געטאָן מיך אָנצוברייטן צו קבורה. 13 באמת, איך זאָג
אייך, וואו נאָר די דאָזיקע בשורה־טובה וועט אָנגעזאָגט ווערן אין דער
גאַנצער וועלט, וועט אויך דאָס, וואָס זי האָט געטאָן, דערמאָנט ווערן
איר צום אָנדענק.
14 דעמאָלט איז איינער פון די צוועלף, וואָס האָט געהייסן יהודה איש־
קריות, אַוועקגעגאַנגען צו די ראָשי־כּהנים, 15 און האָט געזאָגט: וואָס
זענט איר גרייט מיר צו געבן, אויב איך וועל אים אייך איבערענטפערן?
און זיי האָבן אים אָפּגעוואויגן דרייסיק זילבערשטיק. 16 און פון
דעמאָלט אָן האָט ער געזוכט אַ געלעגנהייט אים צו פאַרראַטן.
17 און דעם ערשטן טאָג פון חג־המצות האָבן גענעענט די תּלמידים צו
יֵשוען, און האָבן געזאָגט: וואו ווילסטו, אַז מיר זאָלן דיר אָנברייטן צו
עסן דעם קרבן־פּסח? 18 האָט ער געזאָגט: גייט אין דער שטאָט אַריין
צו דעם און דעם, און זאָגט אים: דער רבי זאָגט: מיין צייט איז
נאָענט; איך וועל האַלטן דעם סדר מיט מיינע תּלמידים ביי דיר. 19 און
די תּלמידים האָבן געטאָן ווי יֵשוע האָט זיי געהייסן, און זיי האָבן
אָנגעבּרייט דעם סדר.
20 און אַז ס'איז געוואָרן אָוונט, האָט ער זיך געזעצט צום טיש מיט די
צוועלף תּלמידים; 21 און בשעת דעם עסן האָט ער געזאָגט: באמת,
איך זאָג אייך, איינער פון אייך וועט מיך פאַרראַטן.

22 און זיי האָבן זיך זייער מצַער געווען, און איינער נאָך דעם אַנדערן
האָט אים געפרעגט: בין איך דאָס, האַר? 23 און ער האָט געענטפערט,
און געזאָגט: דער, וואָס האָט איינגעטונקען זיין האַנט מיט מיר אין
דער שיסל, וועט מיך פאַרראָטן. 24 יאָ, דער בֶּן־אָדָם גייט טאַקע
אַוועק, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן וועגן אים; אָבער ווי צו דעם
מענטשן, דורך וועמען דער בֶּן־אָדָם ווערט פאַרראָטן! בעסער וואָלט
פאַר יענעם מענטשן געווען, אויב ער וואָלט ניט געבוירן געוואָרן.
25 און יהודה, וואָס האָט אים פאַרראָטן, האָט געזאָגט: בין איך עס,
רֶבּי? האָט ער צו אים געזאָגט: דו האָסט עס געזאָגט.
26 און בעת זיי האָבן געגעסן, האָט יֵשוּעַ גענומען אַ מַצה, און האָט אַ
בְּרָכה געמאַכט, און זי צעבראָכן, און געגעבן די תַּלמידים, און
געזאָגט: נעמט, עסט, דאָס איז מיין לייַב. 27 און ער האָט גענומען דעם
כּוֹס, און האָט אַ בְּרָכה געמאַכט, און אים זיי געגעבן, און געזאָגט:
טרינקט אַלע פון אים, 28 וואָרים דאָס איז מיין בלוט פון דעם בְּרִית
חֲדָשָׁה,[1] וואָס ווערט פאַרגאָסן פאַר אַ סַך פונוועגן דער סלִיחַת־עֲוֹנוֹת.
29 און איך זאָג אייך: איך וועל מער ניט טרינקען פון דער פְּרִי־הגפן,
ביז יענעם טאָג, ווען איך וועל אים טרינקען אויפסניי מיט אייך אין
דעם מַלכות פון מיין פאָטער.
30 און נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעזונגען הַלֵל, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען
צום הַר־הַזֵיתים. 31 דעמאָלט האָט יֵשוּעַ צו זיי געזאָגט: איר אַלע וועט
די נאַכט אָן מיר געשטרויכלט ווערן; וואָרים סע שטייט געשריבן:
איך וועל שלאָגן דעם פאַסטוך,
און די שאָף פון דער סטאַדע וועלן צעשפּרייט ווערן.[2]
32 אָבער נאָך מיין אויפשטיין תּחִיַת־הַמֵתים, וועל איך אייך פאָרויסגיין
קיין גָליל. 33 האָט פעטרוס זיך אָנגערופן, און צו אים געזאָגט: אויב
אַפילו אַלע זאָלן אָן דיר געשטרויכלט ווערן, וועל איך אָבער קיינמאָל
ניט געשטרויכלט ווערן. 34 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: באמת, איך
זאָג דיר, אַז היינטיקע נאַכט נאָך, איידער דער האָן וועט קרייֵען,
וועסטו מיך דריי מאָל פאַרלייקענען. 35 האָט פעטרוס צו אים געזאָגט:
אויב אַפילו איך זאָל מוזן מיט דיר שטאַרבן, וועל איך דיך דאָך ניט
פאַרלייקענען. און אַזוי האָבן אויך געזאָגט אַלע תַּלמידים.
36 דערנאָך איז יֵשוּעַ מיט זיי געקומען אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט געהייסן
גַת־שמָני, און ער האָט געזאָגט צו זיינע תַּלמידים: זעצט אייך דאָ
אַנידער, ביז איך גיי צו אַהין מִתפַּלֵל זיין. 37 און ער האָט מיט זיך
גענומען פעטרוסן און ביידע זין פון זַבדין, און האָט אָנגעהויבן זיך מצַער
צו זיין און איז געווען שטאַרק טרויעריק. 38 און ער האָט צו זיי געזאָגט:

[1] ירמיה לא, 30. [2] זכריה יג, 7.

אויף מיין נשָמה איז מיר זייער ביטער, אַזש צום טויט; בלײַבט דאָ, און
וואַכט מיט מיר. 39 און ער איז אָפּגעגאַנגען אַביסל ווייטער, און איז
געפֿאַלן אויף זיין פָּנים, און איז מַתפַּלֵל געווען: פּאָטער מיינער, אויב
דאָס איז מעגלעך, זאָל דער דאָזיקער כּוס פֿאַר מיר פֿאַרמיטן ווערן; דאָך
ניט ווי איך וויל, נייערט ווי דו ווילסט. 40 און ער איז געקומען צו די
תַּלמידים, און האָט זיי געפֿונען שלאָפֿנדיק; און ער האָט געזאָגט צו
פּעטרוסן: האָט איר ניט געקאָנט וואַכן מיט מיר איין שָעה? 41 וואַכט און
זייט מִתפַּלֵל, כּדי איר זאָלט ניט קומען צו קיין נסָיון; דער גייסט איז
טאַקע וויליק, אָבער דאָס פֿלייש איז שוואַך. 42 און ער איז אַ צווייט מאָל
ווידער אַוועקגעגאַנגען, און איז מִתפַּלֵל געווען, אַזוי צו זאָגן: פּאָטער
מיינער, אויב דער דאָזיקער כּוס קאָן ניט פֿאַרמיטן ווערן, סיידן איך
טרינק אים, זאָל דיין רָצון געשען. 43 און ער איז געקומען און האָט זיי
ווידער געפֿונען שלאָפֿנדיק, וואָרים זייערע אויגן זענען געווען שווער.
44 און ער האָט זיי געלאָזן און איז אַוועקגעגאַנגען, און איז אַ דריט מאָל
מִתפַּלֵל געווען, און איבערגעחַזרט די זעלבע ווערטער. 45 דערנאָך איז ער
געקומען צו די תַּלמידים, און האָט צו זיי געזאָגט: שלאָפֿט איר נאָך אַלץ
און רוט? זעט, די שָעה איז געקומען, און דער בֶּן־אָדָם ווערט
איבערגעענטפֿערט אין די הענט פֿון די זינדיקע. 46 שטייט אויף, לאָמיר
גיין; אָט קומט מיין מָסור אָן.
47 און ווי ער האָט נאָך גערעדט, איז אָנגעקומען יהודה, איינער פֿון די
צוועלף, און מיט אים אַ גרויסער הַמון מיט שווערדן און שטעקנס, פֿון די
ראָשי־כֹּהַנים און זקֵנים פֿון דעם פֿאָלק. 48 און דער מָסור האָט זיי געגעבן
אַ סִימן, און געזאָגט: וועמען איך וועל קושן, דער איז עס; נעמט אים.
49 און ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו יֵשוּעַן און האָט געזאָגט: שָלום, רֶבּי!
און האָט אים געקושט. 50 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: פֿריינט, צוליב
וואָס ביסטו געקומען? דעמאָלט האָבן זיי גענענט און אַרויפֿגעלייגט
זייערע הענט אויף יֵשוּעַן, און האָבן אים גענומען. 51 ערשט איינער פֿון
די, וואָס זענען געווען מיט יֵשוּעַן, האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און
אַרויסגעצויגן זיין שווערד, און האָט געשלאָגן דעם כֹּהן־גָדוֹלס קנעכט,
און אים אָפּגעהאַקט אַן אויער. 52 דעמאָלט האָט יֵשוּעַ צו אים געזאָגט:
שטעק צוריק אַריין דיין שווערד אין דער שייד; וואָרים אַלע, וואָס נעמען
די שווערד, וועלן אומקומען דורך דער שווערד. 53 צי מיינסטו, אַז איך
וואָלט ניט געקאָנט בעטן מיין פֿאָטער, ער זאָל מיר טאַקע איצט שיקן
מער ווי צוועלף לעגיונען מַלאָכים? 54 אָבער וויאַזוי וואָלטן די כּתבֵי־
הַקודֶש מקוים געוואָרן, ווען סע מוז אַזוי זיין? 55 אין יענער שָעה האָט
יֵשוּעַ געזאָגט צום הַמון: זענט איר אַרויסגעקומען ווי קעגן אַ גַזלן, מיך
צו נעמען מיט שווערד און שטעקנס?

טאָג־טעגלעך בין איך געזעסן אין בית־המקדש און האָב געלערנט, און
איר האָט מיך ניט גענומען. 56 אָבער דאָס אַלץ איז געשען, כּדי די
ווערטער פֿון די נביאים זאָלן מקוים ווערן. דעמאָלט האָבן אים אַלע
תּלמידים פֿאַרלאָזט, און זענען אַנטרונען.
57 און די, וואָס האָבן גענומען ישוען, האָבן אים אַוועקגעפֿירט צו
קיפֿאַ, דעם כּהן־גדול, וואו די סופֿרים און זקנים זענען געווען
פֿאַרזאַמלט. 58 און פּעטרוס איז אים נאָכגעגאַנגען פֿון דער ווײַטנס, ביזן
הויף פֿון כּהן־גדול, און ער איז אַרײַנגעגאַנגען און האָט זיך געזעצט
מיט די באַדינער, צו זען וואָס דער סוף וועט זײַן. 59 און די ראָשי־כּהנים
און דער גאַנצער סנהדרין האָבן געזוכט פֿאַלשע עדות קעגן ישוען, כּדי
אים צו קענען טייטן; 60 און זיי האָבן ניט געפֿונען, כאָטש אַ סך פֿאַלשע
עדות זענען געקומען צו גיין. צום סוף זענען געקומען צוויי, 61 און
האָבן געזאָגט: דער דאָזיקער האָט געזאָגט: איך בין בּיכולת
אײַנצוּוואַרפֿן דעם היכל פֿון גאָט, און אים אויפֿבויען אין דרײַ
טעג. 62 און דער כּהן־גדול איז אויפֿגעשטאַנען און האָט צו אים
געזאָגט: דו ענטפֿערסט גאָרניט? וואָס באַטײַט זייער עדות זאָגן קעגן
דיר? 63 אָבער ישוע האָט געשוויגן. און דער כּהן־גדול האָט צו אים
געזאָגט: איך באַשווער דיך בײַ דעם לעבעדיקן גאָט, אַז דו זאָלסט
אונדז זאָגן, צי דו ביסט דער משיח, דער בן־אלהים. 64 האָט ישוע צו
אים געזאָגט: דו האָסט עס געזאָגט. און איך זאָג אײַך, אַז פֿון איצט אָן
וועט איר זען דעם בן־אָדם זיצן בײַ דער רעכטער האַנט פֿון דער גבורה,
און קומען אויף די וואָלקנס פֿון הימל. 65 דעמאָלט האָט דער כּהן־גדול
צעריסן זײַנע בגדים, און געזאָגט: ער האָט געלעסטערט; צו וואָס
דאַרפֿן מיר נאָך עדות? אָט האָט איר אַליין געהערט די לעסטערונג.
66 וואָס איז אײַער דעה? און זיי האָבן געענטפֿערט: ער איז חייב מיתה!
67 דעמאָלט האָבן זיי אים אָנגעשפּיגן אין פּנים, און אים געשלאָגן מיט
די פֿויסטן, און אַנדערע האָבן אים געפּאַטשט, 68 און געזאָגט: זאָג
נביאות. דו משיח! ווער איז עס, וואָס האָט דיך געשלאָגן?
69 און פּעטרוס איז געזעסן דרויסן אין הויף. און אַ דינסטמיידל איז צו
אים צוגעגאַנגען, און האָט געזאָגט: אויך דו ביסט געווען מיט ישוען,
דעם גליליער. 70 אָבער ער האָט געלייקנט פֿאַר זיי אַלע, און געזאָגט:
איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס דו זאָגסט. 71 און בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען
אין דעם פֿאָרהויף, האָט אים אַן אַנדערע געזען, און זי האָט געזאָגט צו
די, וואָס זענען דאָרטן געווען: דער דאָזיקער איז אויך געווען מיט ישוע
הנוצרי. 72 און ער האָט ווידער געלייקנט מיט אַ שבועה: איך קען ניט
דעם מענטשן. 73 און שפּעטער אַביסל זענען צוגעגאַנגען די, וואָס זענען
דאָרטן געשטאַנען, און האָבן געזאָגט צו פּעטרוסן: באמת

דו ביסט אויך איינער פון זיי; וואָרים דיין לָשון גיט דיך אַרויס.
74 דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו שעלטן און זיך צו שווערן: איך קען
ניט דעם מענטשן. און תּיכּף האָט דער האָן געקרייִט. 75 און פּעטרוס האָט
זיך דערמאָנט דאָס וואָרט, וואָס יֵשוּעַ האָט געזאָגט: נאָך איידער דער
האָן וועט קרייִען, וועסטו מיך דריי מאָל פאַרלייקענען. און ער איז
אַרויסגעגאַנגען, און האָט זיך ביטער צעוויינט.
כז און אַז סע איז געוואָרן טאָג, האָבן אַלע ראָשי־כּהֲנים און די זקֵנים פון
דעם פאָלק זיך אָן עֵצה געהאַלטן קעגן יֵשוּעַן, אים צו טייטן. 2 און זיי
האָבן אים געבונדן, און האָבן אים אַוועקגעפירט און איבערגעענטפערט
צו פּילאַטוסן, דעם פּראָקוראַטאָר.
3 און אַז יהודה, דער מָסור, האָט געזען אַז ער איז פאַרמִשפּט געוואָרן,
האָט ער חֲרָטה באַקומען, און ער האָט צוריק געבראַכט די דרייסיק
זילבערשטיק צו די ראָשי־כּהֲנים און די זקֵנים, 4 און האָט געזאָגט: איך
האָב געזינדיקט, מַחמת איך האָב פאַרראַטן אומשולדיק בלוט. אָבער זיי
האָבן געזאָגט: וואָס גייט דאָס אונדז אָן? דאָס איז דיין עֵסק. 5 און ער
האָט אַ שלײַדער געטאָן די זילבערשטיק אין הֵיכל אַריין, און האָט
אָפּגעקערט; און ער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך אויפגעהאָנגען.
6 און די ראָשי־כּהֲנים האָבן גענומען די זילבערשטיק, און געזאָגט: מע
טאָר זיי ניט אַרײַנלייגן אין דער שאַצקאַמער, מַחמת דאָס איז בלוט־
געלט. 7 און זיי האָבן זיך אָן עֵצה געהאַלטן, און האָבן דערמיט געקויפט
דעם טעפּערס פעלד, דאָרט מקַבר צו זיין גֵרים. 8 דעריבער ווערט דאָס
פעלד גערופן דאָס פעלד פון בלוט ביזן היינטיקן טאָג. 9 דעמאָלט איז
מקוים געוואָרן, וואָס סע איז געזאָגט געוואָרן דורך יִרמְיָה הַנָביא: און זיי
האָבן גענומען דרייסיק זילבערשטיק, דעם פּרייז פון דעם, וואָס איז
געשאַצט געוואָרן, וועמען די בני־יִשׂרָאֵל האָבן געשאַצט, 10 און זיי האָבן
זיי געגעבן פאַר דעם טעפּערס פעלד, ווי גאָט האָט מיר געבאָטן.[1]
11 און יֵשוּעַ איז געשטאַנען פאַר דעם פּראָקוראַטאָר, און דער
פּראָקוראַטאָר האָט אים געפרעגט: ביסטו דער מֶלך פון די יִידן? האָט
יֵשוּעַ צו אים געזאָגט: דו זאָגסט עס. 12 און אַז ער איז פון די ראָשי־כּהֲנים
און די זקֵנים אָנגעקלאָגט געוואָרן, האָט ער גאָרניט געענטפערט.
13 דעמאָלט האָט פּילאַטוס צו אים געזאָגט: הערסטו ניט, וואָס זיי זאָגן
אַלץ קעגן דיר? 14 און ער האָט ניט געענטפערט אַפילו אַ וואָרט, אַזוי, אַז
דער פּראָקוראַטאָר האָט זיך זייער געחידושט.
15 און אויף יום־טוב איז ביים פּראָקוראַטאָר געווען אַ מִנהג פריי צו לאָזן
פאַר דעם פאָלק אַ געפאַנגענעם, וועמען זיי האָבן נאָר געוואָלט. 16 און
גראָד דעמאָלט האָבן זיי געהאַט אַ באַקענטן געפאַנגענעם, וואָס האָט
געהייסן בַּר־אַבָּא. 17 און ווי

[1] זכריה יא, 12, 13; ירמיה לב, 6-9.

זיי זענען אַזוי געווען פאַרזאַמלט, האָט פּילאַטוס צו זיי געזאָגט:
וועמען ווילט איר, אַז איך זאָל אייך באַפרייען, בר־אַבאָן, אָדער יֵשוּעַן,
וועמען מען רופט מָשִיחַ? 18 ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז איבער
קִנאה האָבן זיי אים איבערגעענטפערט. 19 און בשַעת ער איז געזעסן
אויף דעם כִּסֵא־הַמִשפּט, האָט זיין ווייב אים געלאָזט זאָגן: האָב
גאָרניט צו טאָן מיט דעם דאָזיקן צַדיק, ווײַל איך האָב היינט אַ סַך
געליטן אין אַ חָלום פון זײַנעטוועגן. 20 אָבער די ראָשי־כֹּהֲנים און די
זקֵנים האָבן איבערגערעדט דעם הַמון, אַז זיי זאָלן פאַרלאַנגען בַּר־
אַבאָן, און לאָזן אומברענגען יֵשוּעַן. 21 און דער פּראָקוראַטאָר האָט זיך
אָנגערופן, און צו זיי געזאָגט: וועמען פון די ביידע ווילט איר, אַז איך
זאָל אייך באַפרייען? האָבן זיי געזאָגט: בַּר־אַבאָן. 22 האָט פּילאַטוס צו
זיי געזאָגט: וואָס זאָל איך אָבער טאָן מיט יֵשוּעַן, וועמען מען רופט
מָשִיחַ? האָבן זיי אַלע געזאָגט: זאָל ער געקרייציקט ווערן. 23 און ער
האָט געזאָגט: פאַרוואָס, וואָס פאַראַ שלעכטס האָט ער געטאָן? אָבער
זיי האָבן נאָך העכער געשריגן: זאָל ער געקרייציקט ווערן.
24 און בעת פּילאַטוס האָט געזען, אַז ער קאָן גאָרניט פועלן, נייערט אַז
די מהומה ווערט נאָך גרעסער, האָט ער גענומען וואַסער און האָט זיך
געוואַשן די הענט פאַר דעם פאָלק, און געזאָגט: איך בין ריין פון דעם
דאָזיקנס בלוט; איר זעט. 25 און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט:
זיין בלוט זאָל קומען אויף אונדז און אונדזערע קינדער! 26 דעמאָלט
האָט ער זיי באַפרייט בַּר־אַבאָן, און יֵשוּעַן האָט ער געלאָזט שמייסן,
און אים איבערגעענטפערט געקרייציקט צו ווערן.
27 דערנאָך האָבן די זעלנער פון דעם פּראָקוראַטאָר גענומען יֵשוּעַן אין
פּרעטאָריום אַריין, און האָבן פאַרזאַמלט אַרום אים די גאַנצע קאָהאָרטע.
28 און זיי האָבן אים אויסגעטאָן, און אַרויפגעלייגט אויף אים אַ
פורפור מאַנטל, 29 און האָבן אויסגעפלאָכטן אַ קרוין פון דערנער, און
זי אַרויפגעזעצט אויף זיין קאָפּ, און האָבן אים געגעבן אַ רוט אין זיין
רעכטער האַנט. און זיי האָבן פאַר אים געקניט, און פון אים
אָפּגעשפּעט, און געזאָגט: שָלום דיר, ייִדישער מֶלך! 30 און זיי האָבן
אויף אים געשפּיגן, און גענומען די רוט און האָבן אים געשלאָגן
איבערן קאָפּ. 31 און נאָכדעם ווי זיי האָבן פון אים אָפּגעשפּעט, האָבן
זיי פון אים אַראָפּגענומען דעם מאַנטל, און אים אָנגעטאָן זיינע
מַלבּושים, און האָבן אים אַוועקגעפירט געקרייציקט צו ווערן.
32 און ווי זיי זענען אַרויסגעקומען, האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ מאַן פון
קורֵיני, מיטן נאָמען שִמעון; אים האָבן זיי געניייט צו טראָגן זיין קרייץ.
33 און אַז זיי זענען געקומען צו דעם פּלאַץ, וואָס האָט געהייסן
גָלגָלתָא, דאָס מיינט: דער שאַרבן־פּלאַץ, 34 האָבן זיי אים געגעבן

צו טרינקען וויין געמישט מיט גאַל; און אַז ער האָט דאָס פאַרזוכט,
האָט ער עס ניט געוואָלט טרינקען. 35 און נאָכדעם ווי זיי האָבן אים
געקרייציקט, האָבן זיי צווישן זיך צעטיילט זיינע מַלבושים, וואָרפנדיק
גורל; 36 דערנאָך האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט און האָבן אים געהיטן.
37 און איבער זיין קאָפּ האָבן זיי געזעצט די געשריבענע באַשולדיקונג
קעגן אים: דאָס איז יֵשוּעַ, דער מֶלך פון די יידן. 38 דעמאָלט זענען
מיט אים געקרייציקט געוואָרן צוויי גַזלָנים, איינער ביי דער רעכטער
און איינער ביי דער לינקער האַנט. 39 און די פאַרבייגייער האָבן אים
געלעסטערט, און געשאָקלט מיט זייערע קעפּ, 40 און געזאָגט: דו,
וואָס צעשטערסט דעם הֵיכל, און בויסט אים אויף אין דריי טעג, זיי
דיך אַליין מַציל! אויב דו ביסט דער בֶּן־אֱלֹהִים, קום אַראָפּ פון דעם
קרייץ. 41 און אַזוי האָבן אויך די ראָשֵי־כֹּהַנים מיט די סופרים און
זקֵנים פון אים אָפּגעשפּעט, און געזאָגט: 42 אַנדערע האָט ער מַציל
געווען, זיך אַליין קאָן ער ניט מַציל זיין. דער מֶלך פון יִשׂרָאל איז ער!
זאָל ער נאָר אַראָפּקומען פון דעם קרייץ, און מיר וועלן גלויבן אין
אים. 43 ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף גאָט; זאָל ער אים איצט מַציל
זיין, אויב ער באַגערט אים; וואָרים ער האָט געזאָגט: איך בין דער בֶּן־
אֱלֹהִים. 44 און די גַזלָנים, וואָס זענען מיט אים געקרייציקט געוואָרן,
האָבן אים אויך געלעסטערט אויף דעם זעלביקען אופן.
45 און פון דער זעקסטער שָעה אָן איז געווען אַ פינצטערניש איבער
דעם גאַנצן לאַנד, ביז דער ניינטער שָעה. 46 און אַרום דער ניינטער
שָעה האָט יֵשוּעַ געשריגן מיט אַ הויך קול: אֵלִי, אֵלִי, לְמָה שבַקְתָּנִי?
דאָס מיינט: מיין גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן?
47 און עטלעכע פון די, וואָס זענען דערביי געשטאַנען, און האָבן עס
געהערט, האָבן געזאָגט: ער רופט אֵלִיָהון. 48 און איינער פון זיי איז
תֵּיכף געלאָפן און האָט גענומען אַ שוואָם, און האָט אים אָנגעפילט
מיט עסיק, און אים אַרויפגעטאָן אויף אַ שטעקן, און האָט אים געגעבן
צו טרינקען. 49 אָבער די איבעריקע האָבן געזאָגט: וואַרט, לאָמיר זען,
צי אֵלִיָהו וועט קומען אים מַציל זיין. 50 און יֵשוּעַ האָט נאָכאַמאָל
געשריגן מיט אַ הויך קול, און האָט אויסגעהויכט זיין נשָמה.
51 און אָט האָט זיך דאָס פָּרוֹכֶת פון דעם הֵיכל צעריסן אין צווייען, פון
אויבן ביז אַראָפּ; און די ערד האָט געציטערט, און די פעלזן האָבן זיך
געשפּאָלטן; 52 און די קבָרים האָבן זיך געעפנט, און אַ סַך גופים פון
די קדוֹשים, וואָס זענען איינגעשלאָפן, זענען אויפגעשטאַנען, 53 און
אַרויסקומענדיק פון די קבָרים נאָך זיין תּחִיַת־הַמֵתים, זענען זיי
אַריינגעגאַנגען אין דער הייליקער שטאָט אַריין, און האָבן זיך באַוויזן
צו אַ סַך. 54 און דער קֶנטוריון,

און די, וואָס האָבן מיט אים געהיטן יֵשוּעַן, בעת זיי האָבן געזען די
ערד־ציטערניש, און וואָס עס איז געשען, האָבן זיי שטאַרק מורא
באַקומען, און האָבן געזאָגט: באמת, ער איז געווען דער בֶּן־אֱלֹהִים!
55 און דאָרט זענען אויך געווען אַ סך פֿרויען, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט
פֿון דער ווייטנס, וואָס זענען יֵשוּעַן נאָכגעפֿאָלגט פֿון גָליל, און האָבן
אים באַדינט. 56 צווישן זיי איז געווען מִרְיָם פֿון מַגדָלָה, און מִרְיָם די
מוטער פֿון יַעקֹב און יוסי, און די מוטער פֿון זַבדיס קינדער.
57 און אַז סע איז געוואָרן אָוונט, איז געקומען אַן עושר פֿון רָמָתַיִם,
וואָס האָט געהייסן יוסף, וואָס איז אויך געווען אַ תַּלמיד פֿון יֵשוּעַן.
58 און ער איז געגאַנגען צו פּילאַטוסן, און האָט געבעטן דעם גוף פֿון
יֵשוּעַן. און פּילאַטוס האָט באַפֿוילן, מען זאָל אים אים געבן. 59 און
יוסף האָט גענומען דעם גוף, און האָט אים אײַנגעוויקלט אין לײַוונטענע
תַּכרִיכים, 60 און האָט אים אַרײַנגעלייגט אין זײַן אייגענעם נייעם קֶבר,
וואָס ער האָט געלאָזט אויסהאַקן אין אַ פֿעלזן; און ער האָט
צוגעקײַקלט אַ גרויסן שטיין צו דער טיר פֿון דעם קֶבר, און איז
אַוועקגעגאַנגען. 61 און מִרְיָם פֿון מַגדָלָה, און די אַנדערע מִרְיָם, זענען
דאָרטן געזעסן, קעגנאיבער דעם קֶבר.
62 און אויף מאָרגן, נאָך עֶרֶב־שַבּת, האָבן זיך די ראָשי־כֹּהֲנים און די
פּרושים פֿאַרזאַמלט בײַ פּילאַטוסן, 63 און האָבן געזאָגט: אונדזער האַר,
מיר געדענקען, אַז יענער באַטריגער האָט געזאָגט, בעת ער האָט נאָך
געלעבט: נאָך דרײַ טעג וועל איך אויפֿשטיין תּחִיַת־הַמֵתים. 64 באַפֿעל
דעריבער, אַז דער קֶבר זאָל באַוואָרנט ווערן ביז דעם דריטן טאָג,
טאָמער וועלן זײַנע תַּלמידים קומען און אים אַרויסגַנבענען, און זאָגן
דעם פֿאָלק, אַז ער איז אויפֿגעשטאַנען תּחִיַת־הַמֵתים, און דעמאָלט
וועט דער לעצטער באַטרוג זײַן ערגער ווי דער ערשטער. 65 האָט
פּילאַטוס צו זיי געזאָגט: אָט האָט איר אַ וואַך; גייט, און באַוואָרנט עס
ווי נאָר איר קענט. 66 זענען זיי געגאַנגען און האָבן באַוואָרנט דעם
קֶבר, און פֿאַרחַתמעט דעם שטיין, און סטאַציאָנירט אַ וואַך.
כח און נאָך מוצאֵי־שַבּת, בעת עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן אויף דעם
ערשטן טאָג נאָך דעם שַבָּת, איז מִרְיָם פֿון מַגדָלָה, און די אַנדערע
מִרְיָם, געקומען זען דעם קֶבר. 2 און אָט איז געשען אַ גרויס
ערדציטערניש; וואָרים אַ מַלאך פֿון גאָט האָט אַראָפּגענידערט פֿון
הימל, און ער האָט גענענט און אַוועקגעקײַקלט דעם שטיין, און האָט
זיך אויף אים געזעצט. 3 זײַן אויסזען איז געווען ווי אַ בליץ, און זײַן
געוואַנט ווייס ווי שניי. 4 און פֿון פַּחד פֿאַר אים האָבן די שומרים
געציטערט, און זענען געוואָרן ווי מֵתים. 5 און דער מַלאך האָט זיך
אָנגערופֿן צו די פֿרויען: האָט ניט קיין מורא; וואָרים איך ווייס, אַז איר
זוכט יֵשוּעַן, וואָס איז געקרייציקט געוואָרן. 6 ער איז דאָ ניטאָ;

וואָרים ער איז אויפגעשטאַנען תּחִיַת־הַמֵתים, אַזוי ווי ער האָט
געזאָגט. קומט, זעט דאָס אָרט, וואו דער האַר איז געלעגן. 7 און גייט
געשווינד און זאָגט זיינע תַּלמידים, אַז ער איז אויפגעשטאַנען תּחִיַת־
הַמֵתים. און אָט גייט ער אייך פאָרויס קיין גָליל; דאָרט וועט איר אים
זען. זעט, איך האָב עס אייך אָנגעזאָגט. 8 און זיי זענען געשווינד
אַוועק פון דעם קֶבר מיט מוֹרא און גרויס שׂמחה, און זענען געלאָפן
מוֹדיע זיין זיינע תַּלמידים. 9 ערשט יֵשוּעַ האָט זיי באַגעגנט, און
געזאָגט: שָלום־עַלֵיכֶם! און זיי האָבן געגעענט און אים אַרומגענומען
ביי זיינע פיס, און האָבן זיך געבוקט צו אים. 10 דעמאָלט האָט יֵשוּעַ צו
זיי געזאָגט: האָט ניט קיין מוֹרא; גייט און זאָגט צו מיינע ברידער, אַז
זיי זאָלן גיין קיין גָליל, און דאָרט וועלן זיי מיך זען.
11 און בעת זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, ערשט עטלעכע פון דער וואַך
זענען געקומען אין דער שטאָט אַריין, און האָבן דערציילט די ראָשי־
כֹּהַנים אַלצדינג, וואָס ס׳איז געשען. 12 און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך
פאַרזאַמלט מיט די זקֵנים, האָבן זיי זיך אַן עֵצה געהאַלטן, און געגעבן
אַ סַך געלט די זעלנער, 13 און געזאָגט: איר זאָלט זאָגן, אַז זיינע
תַּלמידים זענען געקומען ביינאַכט און האָבן אים אַוועקגעגַנבעט, בעת
מיר זענען געשלאָפן. 14 און אויב דאָס וועט דערגיין צום
פראָקוראַטאָרס אויערן, וועלן מיר אים איבעררעדן, און איר וועט
ניט האָבן וואָס זיך צו זאָרגן. 15 און זיי האָבן גענומען דאָס געלט, און
האָבן געטאָן ווי מע האָט מיט זיי איינגעחַזרט; און די דאָזיקע שמוּעה
האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן יִידן ביזן הייַנטיקן טאָג.
16 און די עלף תַּלמידים זענען געגאַנגען קיין גָליל, צום באַרג, וואו
יֵשוּעַ האָט זיי באַפוילן. 17 און אַז זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך
געבוקט פאַר אים; אָבער עטלעכע זענען געווען מסופּק. 18 און יֵשוּעַ
האָט גענעענט און האָט צו זיי גערעדט, אַזוי צו זאָגן: מיר איז געגעבן
געוואָרן די גאַנצע מאַכט אין הימל און אויף דער ערד. 19 גייט
דעריבער און שטעלט אויף תַּלמידים פון אַלע אומות, און טוֹבלט זיי
אין דעם נאָמען פון דעם פאָטער, און פון דעם זון, און פון דעם
רוּחַ־הַקוֹדֶש, 20 און לערנט זיי אָפּצוהיטן אַלצדינג, וואָס איך האָב
אייך געבאָטן. און אָט בין איך מיט אייך אַלע טעג, ביז צום סוף פון
דער וועלט.

די בשׂורה טובה לויט
מאַרקוס

א דער אָנהייב פֿון דער בשׂורה פֿון יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, דעם בֶּן־אֱלֹהִים.
2 אַזוי ווי סע שטייט געשריבן אין די נבִיאים:
זע, איך שיק מיין שלִיח פֿאַר דיין פָּנים,
וואָס וועט אָנבּרייטן דיין וועג;[1]
3 אַ קוֹל רופֿט אין דער מִדבּר:
מאַכט גרייט דעם וועג פֿון גאָט,
גלייַכט אויס זיינע שטעגן.[2]
4 יוֹחָנָן הַמַטבּיל איז געקומען אין דער מִדבּר, און האָט אָנגעזאָגט די
טבִילה פֿון תּשובה פֿאַר דער פֿאַרגעבּונג פֿון זינד. 5 און דאָס גאַנצע
לאַנד יהודה, און אַלע באַוואוינער פֿון ירושָלַיִם זענען צו אים
אַרויסגעגאַנגען; און זיי זענען פֿון אים געטוֹבלט געוואָרן אין דעם
טייך יַרדן, און האָבן זיך מִתוַדה געווען אויף זייערע זינד. 6 און יוֹחָנָן
האָט געטראָגן אַ מַלבּוש פֿון קעמל־האָר, און אַ לעדערנעם גאַרטל
אַרום זיינע לענדן, און געגעסן האָט ער הייַשעריקן און ווילדן האָניק.
7 און ער האָט גערופֿן, אַזוי צו זאָגן: נאָך מיר קומט דער, וואָס איז
מעכטיקער פֿון מיר, און איך בּין ניט רָאוי זיך איינַצובּייגן פֿאַר אים און
אים אויפֿבּינדן די רימענדלעך פֿון זיינע שיך. 8 איך האָב אייך
געטוֹבעלט מיט וואַסער, אָבער ער וועט אייך טוֹבלען מיט דעם
רוּחַ־הַקוֹדֶש.
9 און עס איז געווען אין יענע טעג, אַז יֵשוּעַ איז געקומען פֿון נצֶרֶת אין
גָליל, און איז געטוֹבלט געוואָרן פֿון יוֹחָנָן אין יַרדן. 10 און ווי נאָר ער
איז אַרויסגעקומען פֿון דעם וואַסער, האָט ער געזען דעם הימל זיך
שפּאַלטן, און דעם גייסט אַראָפּשוועבן ווי אַ טויב אויף אים; 11 און אַ
קוֹל איז אַרויס פֿון הימל: דו בּיסט מיין געליבּטער זון; אין דיר איז
מיין וואוילגעפֿעלן.

---

[1] מלאכי ג, 1. [2] ישעיה מ, 3.

12 און תּיכּף האָט אים דער גייסט געטריבן אין דער מִדבּר אַריין. 13 און
ער איז געווען אין דער מִדבּר פערציק טעג, געפּרוּווט פון דעם שָׂטן;
און ער איז געווען מיט ווילדע חַיות, און מַלאָכים האָבן אים באַדינט.
14 און נאָכדעם ווי יוחָנָן איז איבערגעענטפערט געוואָרן, איז יֵשוּעַ
געקומען קיין גָליל, און האָט אָנגעזאָגט די בּשׂורה פון גאָט, 15 אַזוי צו
זאָגן: די צייט איז מקוים געוואָרן, און דאָס מַלכות פון גאָט האָט זיך
דערנענטערט; טוט תּשובה, און גלויבט אין דער בּשׂורה.
16 און גייענדיק בּיים יַם פון גָליל, האָט ער געזען שִמעונען און
אַנדרייַען, שִמעונס בּרודער, פאַרוואַרפן אַ נעץ אין יַם אַריין; וואָרים
זיי זענען געווען פישערס. 17 און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: גייט מיר
נאָך, און איך וועל אייך מאַכן פאַר פישערס פון מענטשן. 18 און זיי
האָבן תּיכּף פאַרלאָזט די נעצן, און זענען אים נאָכגעגאַנגען. 19 און אַז
ער איז אַביסל ווייטער געגאַנגען, האָט ער געזען יַעקֹב בֶּן־זַבדי, און
יוחָנָן זיין בּרודער, וואָס זענען געווען אין דער שיף, און האָבן
פאַרראָכטן די נעצן. 20 און ער האָט זיי תּיכּף גערופן; און זיי האָבן
איבערגעלאָזט זייער פאָטער זַבדי אין דער שיף מיט די געדונגענע
אַרבּעטער, און זענען אים נאָכגעגאַנגען.
21 און זיי זענען געקומען קיין כּפַר־נַחום; און שַבּת איז ער תּיכּף
אַרייַנגעגאַנגען אין דער שול אַריין, און האָט געלערנט. 22 און זיי
זענען נִשתּומם געוואָרן איבּער זיין תּורה, וואָרים ער האָט זיי געלערנט
ווי איינער וואָס האָט רשות, און ניט ווי די סופרים. 23 און גראָד איז
אין זייער שול געווען אַ מענטש מיט אַן אומריינעם גייסט; 24 און ער
האָט אויסגעשריגן: וואָס ווילסטו פון אונדז, יֵשוּעַ הַנוצרי? בּיסטו
געקומען אונדז צו פאַרטיליקן? איך ווייס ווער דו בּיסט: דער
הייליקער פון גאָט. 25 אָבּער יֵשוּעַ האָט אויף אים אָנגעשריגן, און
געזאָגט: שווייג, און גיי אַרויס פון אים! 26 און דער אומריינער גייסט
האָט אים געריסן, און געשריגן מיט אַ הויך קול, און איז אַרויס פון
אים. 27 און זיי זענען אַלע נִשתּומם געוואָרן, און איינער האָט דעם
אַנדערן געפרעגט: וואָס איז דאָס? אַ נייע תּורה! מיט מאַכט באַפעלט
ער אַפילו די אומריינע גייסטער, און זיי געהאָרכן אים. 28 און זיין שֵם
האָט זיך תּיכּף פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער געגנט פון גָליל.
29 און בּעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער שול, זענען זיי
אַרייַנגעגאַנגען אין דעם הויז פון שִמעון און אַנדריי, מיט יַעקֹבן און
יוחָנָן. 30 און שִמעונס שוויגער איז געלעגן

קראַנק אויף פיבער, און זיי האָבן אים תּיכּף דערציילט וועגן איר.
31 און ער איז צוגעגאַנגען און האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט, און זי
אויפגעהויבן; און דאָס פיבער האָט זי אָפּגעלאָזט, און זי האָט זיי
באַדינט.
32 און קעגן אָוונט, בעת די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָבן זיי צו אים
געבראַכט אַלע, וואָס זענען געווען קראַנק און באַזעסן פון בייזע
גייסטער. 33 און די גאַנצע שטאָט האָט זיך פאַרזאַמלט בײַ דער טיר.
34 און ער האָט געהיילט אַ סך, וואָס האָבן געליטן פון אַלערליי
חולאַתן, און האָט אַרויסגעטריבן אַ סך בייזע גייסטער; און ער האָט די
בייזע גייסטער ניט געלאָזט רעדן, מחמת זיי האָבן אים געקענט.
35 און אין דער פרי, אַ היפּשע צייט נאָך פאַרטאָג, איז ער
אויפגעשטאַנען און איז אָרויסגעגאַנגען אין אַ וויסטן אָרט, און האָט
דאָרטן מתפּלל געווען. 36 און שמעון און די, וואָס זענען מיט אים
געווען, האָבן אים אַרומגעזוכט; 37 און אַז זיי האָבן אים געפונען,
האָבן זיי צו אים געזאָגט: אַלע זוכן דיך. 38 און ער האָט צו זיי
געזאָגט: לאָמיר גיין ערגעץ־אַנדערש, אין די שכנישע שטעט אָריין,
כּדי איך זאָל אויך דאָרטן דרשענען; וואָרים צוליב דעם בין איך
אָרויסגעגאַנגען. 39 און ער האָט געדרשנט אין זייערע שולן אין גאַנץ
גָליל, און האָט אָרויסגעטריבן בייזע גייסטער.
40 און עס איז צו אים געקומען אַ מצורע, וואָס איז פאַר אים געפאַלן
אויף די קני, און האָט אים געבעטן, אַזוי צו זאָגן: אויב דו ווילסט,
קאָנסטו מיך מאַכן ריין. 41 און ישוע האָט אויף אים רחמנות באַקומען,
און האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און האָט אים אָנגערירט, און
געזאָגט: איך וויל; זיי ריין. 42 און תּיכּף האָט זיך דאָס צרעת אָפּגעטאָן
פון אים, און ער איז געוואָרן ריין. 43 און ער האָט אים שטרענג
באַפוילן, און אים געהייסן גלייך גיין, 44 און האָט צו אים געזאָגט: זע,
זאָלסט עס קיינעם ניט דערציילן; נייערט גיי און ווייז דיך פאַרן כּהן,
און זיי מקריב פאַר דיין רייניקונג וואָס משה האָט געבאָטן, פאַר אַן
עדות צו זיי.[1] 45 אָבער ער איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט עס גענומען
שטאַרק באַקאַנט מאַכן, און די זאַך אומעטום צו פאַרשפּרייטן, אַזוי,
אַז ישוע האָט מער ניט געקאָנט פריי אַרײַנקומען אין אַ שטאָט אַרײַן,
נייערט איז געבליבן דרויסן אין וויסטע ערטער; און זיי זענען צו אים
געקומען פון אומעטום.
ב און נאָך עטלעכע טעג איז ער ווידער געקומען קיין כּפר־נחום, און
מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אין דער היים. 2 און אַ סך האָבן
זיך פאַרזאַמלט, ביז סע

[1] ויקרא יג, 49; יד, 2-32.

איז מער ניט געווען קיין פּלאַץ, ניט צומאָל פֿאַר דער טיר; און ער
האָט גערעדט צו זיי דאָס וואָרט. 3 און זיי זענען געקומען, און האָבן צו
אים געבראַכט אַ געליימטן, וועמען פֿיר מענטשן האָבן געטראָגן. 4 און
אַזוי ווי זיי האָבן ניט געקאָנט צוקומען צו אים צוליב דעם עולם, האָבן
זיי אויפֿגעדעקט דעם דאַך איבער אים; און נאָכדעם ווי זיי האָבן
געמאַכט אַן עפֿענונג, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט דאָס געלעגער, אויף
וועלכן דער געליימטער איז געלעגן. 5 און אַז יֵשוּעַ האָט געזען זייער
אֶמונה, האָט ער געזאָגט צום געליימטן: מיין זון, דיינע זינד זענען דיר
פֿאַרגעבן געוואָרן. 6 און דאָרטן זענען געזעסן עטלעכע סופֿרים, וואָס
האָבן געטראַכט אין זייערע הערצער: 7 פֿאַרוואָס רעדט ער אַזוינס? ער
לעסטערט! ווער קאָן מוחל זיין זינד, אַחוץ גאָט אַליין? 8 און יֵשוּעַ
האָט תּיכּף פֿאַרשטאַנען אין זיין גייסט וועגן וואָס זיי טראַכטן, און ער
האָט צו זיי געזאָגט: פֿאַרוואָס טראַכט איר אַזוינס אין אייערע
הערצער? 9 וואָס איז גרינגער, צו זאָגן צום געליימטן: דיינע זינד
זענען דיר פֿאַרגעבן געוואָרן; אָדער צו זאָגן: שטיי אויף, נעם דיין
געלעגער און גיי? 10 אָבער כּדי איר זאָלט וויסן, אַז דער בֶּן־אָדָם האָט
רשות אויף דער ערד מוחל צו זיין זינד- האָט ער געזאָגט צום
געליימטן – 11 איך זאָג דיר, שטיי אויף, און נעם דיין געלעגער, און
גיי אַהיים. 12 און ער איז אויפֿגעשטאַנען, און האָט תּיכּף גענומען זיין
געלעגער, און איז אַרויסגעגאַנגען פֿון פֿאַר זיי אַלע; אַזוי, אַז אַלע
זענען נִשתּוֹמם געוואָרן, און האָבן געלויבט גאָט, און געזאָגט: אַזוינס
האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט געזען.
13 און ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען צום יַם; און דאָס גאַנצע פֿאָלק
איז צו אים געקומען, און ער האָט זיי געלערנט. 14 און בעת ער איז
פֿאַרבייגעגאַנגען, האָט ער געזען לֵוִי בֶּן־חַלפַי זיצן אויפֿן צאָל־אַמט,
און ער האָט צו אים געזאָגט: גיי מיר נאָך. און ער איז אויפֿגעשטאַנען
און איז אים נאָכגעגאַנגען.
15 און עס איז געווען, בעת ער איז געזעסן ביים טיש אין זיין הויז,
האָבן אַ סַך מוכסים און זינדיקע זיך אַנידערגעזעצט מיט יֵשוּעַן און
זיינע תַּלמידים; וואָרים אַ סַך פֿון זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען. 16 און
ווען די סופֿרים פֿון די פּרושים האָבן געזען, אַז ער עסט מיט זינדיקע
און מית מוכסים, האָבן זיי געזאָגט צו זיינע תַּלמידים: פֿאַרוואָס עסט
ער און טרינקט מיט מוכסים און זינדיקע? 17 און אַז יֵשוּעַ האָט דאָס
געהערט, האָט ער צו זיי געזאָגט: די, וואָס זענען געזונט,

נייטיקן זיך ניט אין קיין רופֿא, נייערט די, וואָס זענען קראַנק; איך בין
ניט געקומען צו רופֿן די צדיקים, נייערט די זינדיקע.
18 און די תּלמידים פֿון יוחנן און פֿון די פּרושים פֿלעגן פֿאַסטן; און זיי
זענען געקומען און האָבן צו אים געזאָגט: פֿאַרוואָס טוען יוחננס
תּלמידים און די תּלמידים פֿון די פּרושים פֿאַסטן, און דײַנע תּלמידים
פֿאַסטן ניט? 19 האָט ישוע צו זיי געזאָגט: קענען די מחותּנים פֿאַסטן,
בשעת דער חתן איז מיט זיי? כּל־זמן דער חתן איז צווישן זיי, קענען
זיי ניט פֿאַסטן. 20 סע וועלן אָבער קומען טעג, ווען דער חתן וועט
אַוועקגענומען ווערן פֿון זיי, און דעמאָלט וועלן זיי פֿאַסטן אין יענע
טעג. 21 און קיינער נייט ניט אַ לאַטע פֿון ניט־אײַנגעלאָפֿענעם טוך
אויף אַן אַלט מלבוש; אויב יאָ, רײַסט זיך די לאַטע אָפּ, די נײַע פֿון
דעם אַלטן, און סע ווערט נאָך אַן ערגערער ריס. 22 און קיינער גיסט
ניט אַרײַן קיין נײַעם ווײַן אין אַלטע לאָגלען; ווײַל דער ווײַן
צעפּלאַצט די לאָגלען, און דער ווײַן גייט פֿאַרלוירן, און אויך די
לאָגלען; נייערט נײַעם ווײַן גיסט מען אַרײַן אין נײַע לאָגלען.
23 און עס איז געווען, אַז ער איז אין אַ שבת געגאַנגען דורך תּבֿואה־
פֿעלדער, און זײַנע תּלמידים האָבן אָנגעהויבן צו רײַסן זאַנגען אויף
דעם וועג. 24 און די פּרושים האָבן צו אים געזאָגט: זע, הלמאַי טוען
זיי אום שבת, וואָס מען טאָר ניט? 25 האָט ער צו זיי געזאָגט: האָט
איר קיינמאָל ניט געלייענט וואָס דוד האָט געטאָן, בעת ער איז געווען
אין נויט און האָט געליטן הונגער, ער און די מענטשן וואָס זענען
געווען מיט אים? 26 ווי ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין דעם הויז פֿון גאָט,
בעת אבֿיתר איז געווען כּהן־גדול, און האָט געגעסן דאָס לחם־הפּנים,
וואָס קיינער טאָר ניט עסן, אָחוץ די כּהנים, און ער האָט אויך געגעבן
צו די, וואָס זענען געווען מיט אים?[1] 27 און ער האָט צו זיי געזאָגט:
דער שבת איז געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר דעם מענטשן, און ניט דער
מענטש פֿאַר דעם שבת. 28 דעריבער איז דער בן־אָדם אויך האַר איבער
דעם שבת.
ג און ער איז ווידער אַרײַנגעגאַנגען אין שול, און דאָרט איז געווען אַ
מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ פֿאַרדאַרטע האַנט. 2 און זיי האָבן אים
נאָכגעקוקט, צי וועט ער אים היילן אום שבת, כּדי צו קענען מאַכן
אויף אים אַ מסירה. 3 און ער האָט געזאָגט צו דעם מענטשן מיט דער
פֿאַרדאַרטער האַנט: שטעל דיך אין דער מיט. 4 און ער האָט צו זיי
געזאָגט: מעג מען שבת טאָן גוטס, אָדער שלעכטס, מציל זײַן אַ
נפֿש, אָדער טייטן? אָבער זיי האָבן געשוויגן. 5 און ער האָט זיך
אַרומגעקוקט אויף זיי מיט צאָרן, און האָט זיך מצער געווען

[1] שמואל א׳ כא, 1-6.

איבער זייער האַרטהאַרציקייט, און געזאָגט צו דעם מענטשן: שטרעק
אויס דיין האַנט. און ער האָט זי אויסגעשטרעקט, און זיין האַנט איז
געזונט געוואָרן. 6 און די פּרושים זענען אַרויסגעגאַנגען, און האָבן זיך
תּיכּף אָן עֵצה געהאַלטן מיט די הורדוס-לייַט קעגן אים, ווי אים
אומצובּרענגען.
7 און יֵשוּעַ איז אַוועק מיט זיינע תּלמידים צום יַם, און אַ גרויסער עוֹלם
איז אים נאָכגעגאַנגען פון גָליל, און פון יהודה, 8 און פון ירושָׁלַיִם, און
פון אֱדוֹם, און פון עֵבר־הַיַרדן, און פון אַרום צוֹר און צִידוֹן איז אַ
גרויסער עוֹלם צו אים געקומען, בעת זיי האָבן געהערט וואָס ער האָט
געטאָן. 9 און ער האָט געזאָגט צו זיינע תּלמידים, מען זאָל אים
אָנגרייטן אַ שיפל צוליבּ דעם פאָלק, כּדי מען זאָל אים ניט דריקן.
10 וואָרים ער האָט געהיילט אַ סך, און אַלע, וואָס האָבן געליטן, האָבן
זיך געשפּאַרט צו אים, כּדי אים אָנצורירן. 11 און ווי נאָר די אומריינע
גייסטער האָבן אים דערזען, זענען זיי פאַר אים אַנידערגעפאַלן, און
האָבן געשריגן: דו בּיסט דער בֶּן־אֱלֹהִים! 12 און ער האָט זיי שטרענג
בּאַפוילן, אַז זיי זאָלן אים ניט מגַלה זיין.
13 און ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם בּאַרג, און האָט גערופן צו זיך
וועמען ער האָט געוואָלט; און זיי זענען צו אים געקומען. 14 און ער
האָט בּאַשטימט צוועלף, אַז זיי זאָלן זיין מיט אים, כּדי זיי זאָלן
אָנזאָגן די בּשׂורה וואו ער וועט זיי שיקן, 15 און זאָלן האָבן שליטה
אַרויסצוטרייַבן בּייזע גייסטער. 16 און שִׁמעוֹנען האָט ער אַ נאָמען
געגעבּן כֵּיפָא, 17 און יַעקֹב בֶּן־זַבדי, און יוֹחָנָן, יַעקֹבס בּרודער, האָט ער
אַ נאָמען געגעבּן בּנֵי־רָגוֹש, וואָס מיינט, זין פון דונער. 18 און
אַנדרייַען, און פיליפּוסן, און בַּר־תַּלמַי, און מַתּיָא, און תּוֹמָא; און יַעקֹב
בֶּן־חַלפַי, און תַּדַי, און שִׁמעוֹן דעם קַנָאי, 19 און יהודה אִיש־קרִיוֹת,
וואָס האָט אים פאַרראָטן.
20 און ער איז אַהיימגעקומען. און דאָס פאָלק איז זיך ווידער
צוזאַמענגעקומען, אַזוי, אַז זיי האָבן צומאָל ניט געקאָנט עסן קיין
בּרויט. 21 און ווען זיינע קרוֹבים האָבן דאָס געהערט, זענען זיי
אַרויסגעגאַנגען, כּדי אים צו כאַפּן, וואָרים זיי האָבן געזאָגט: ער איז
ניט בּיי זיך. 22 און די סוֹפרים, וואָס זענען אַראָפּגעקומען פון ירושָׁלַיִם,
האָבן געזאָגט: בַּעל־זבוב איז אין אים, און, דורך דעם שַׂר פון די בּייזע
גייסטער טרייבּט ער אַרויס בּייזע גייסטער. 23 און ער האָט זיי גערופן

צו זיך, און האָט גערעדט צו זיי מיט משָלים: וויאַזוי קאָן דער שָׂטן
אַרויסטרײַבן דעם שָׂטן? 24 און אויב אַ מלוכה איז צעטיילט קעגן זיך
אַליין, קאָן יענע מלוכה ניט האָבן קיין קִיום. 25 און אויב אַ הויז איז
צעטיילט קעגן זיך אַליין, וועט דאָס דאָזיקע הויז ניט האָבן קיין קִיום;
26 און אויב שָׂטן שטייט אויף קעגן זיך אַליין, און איז צעטיילט, קאָן
ער נית האָבן קיין קִיום, נייערט האָט אַ סוֹף. 27 און קיינער קאָן ניט
אַרײַנקומען אין הויז אַריין פון דעם גיבור און רויבן זיינע זאַכן,
סיידן ער בינדט קודם דעם גיבור, און ארשט דעמאָלט קאָן ער באַרויבן
זיין הויז.

28 באֶמֶת, איך זאָג אייך: אַלע זינד וועט מען מוחל זיין די
מענטשנקינדער, און אויך די לעסטערונגען, מיט וועלכע זיי וועלן
לעסטערן. 29 אָבער ווער סע וועט לעסטערן קעגן דעם רוח־הַקוֹדֶש, פאַר
אים איז מער ניטאָ קיין מחילה, ווייל ער האָט זיך אויף אייביק
פאַרזינדיקט; 30 וואַרים זיי האָבן געזאָגט: ער האָט אָן אומריינעם גייסט.
31 און זיין מוטער און זיינע ברידער זענען געקומען, און שטייענדיק
אין דרויסן האָבן זיי אים געשיקט רופן. 32 און אַן עולם איז געזעסן
אַרום אים; און מע האָט צו אים געזאָגט: דיין מוטער און דיינע
ברידער זענען אין דרויסן, און זוכן דיך. 33 האָט ער געענטפערט, און
צו זיי געזאָגט: ווער איז מיין מוטער און מיינע ברידער? 34 און
אַרומקוקנדיק זיך אויף די, וואָס זענען אַרום אים געזעסן, האָט ער
געזאָגט: אָט איז מיין מוטער און מיינע ברידער! 35 וואָרים ווער סע
וועט טאָן דעם רָצון פון גאָט, דער דאָזיקער איז מיין ברודער, און
שוועסטער, און מוטער.

ד און ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו לערנען ביים יַם. און סע האָט זיך
פאַרזאַמלט אַרום אים אַ גרויסער עולם, אַזוי, אַז ער איז אַרײַנגעגאַנגען
אין אַ שיף, און האָט זיך געזעצט אויפן יַם; און דאָס גאַנצע פאָלק איז
געשטאַנען אויף דער יַבָּשה ביים יַם. 2 און ער האָט זיי געלערנט אַ סַך
זאַכן דורך משָלים, און האָט צו זיי געזאָגט אין זיין לערנונג: 3 הערט און
פאַרנעמט: דער זייער איז אַרויסגעגאַנגען זייען; 4 און בעת ער האָט
געזייט, איז טייל זריעה געפאַלן ביים וועג, און די פייגל זענען געקומען
און האָבן זי פאַרצערט. 5 און אַנדערע איז געפאַלן אויף פעלזיק לאַנד,
וואו זי האָט ניט געהאַט קיין סַך ערד; און זי האָט תֵּיכף
אויפגעשפּראָצט, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין טיפקייט פון ערד;
6 און אַז די זון איז אויפגעגאַנגען, איז זי פאַרטריקנט געוואָרן, און
מַחמת זי האָט ניט געהאַט קיין וואָרצלען, איז זי פאַרוועלקט געוואָרן.
7 און אַנדערע איז געפאַלן צווישן דערנער, און די דערנער זענען
אויפגעוואַקסן און האָבן זי דערשטיקט, און קיין תּנואה איז ניט
אַרויסגעקומען. 8 און אַנדערע איז געפאַלן

אויף גוטער ערד, און האָט אַרויסגעגעבן תּבֿואה, איז געוואַקסן און
האָט זיך פֿאַרמערט, און האָט אַרויסגעבראַכט דרײַסיקפֿאַך, און
זעכציקפֿאַך, און הונדערטפֿאַך. 9 און ער האָט געזאָגט: דער, וואָס
האָט אויערן צו הערן, זאָל הערן.
10 און בעת ער איז געווען אַליין, האָבן די, וואָס זענען מיט אים
געווען, צוזאַמען מית די צוועלף, אים געפֿרעגט פֿונוועגן די משלים.
11 און ער האָט צו זיי געזאָגט: אייך איז געגעבן געוואָרן צו פֿאַרשטיין
דעם סוד פֿון דעם מלכות פֿון גאָט, אָבער פֿאַר די, וואָס זענען אין
דרויסן, איז אַלץ דורך משלים, כּדי

12 זען זאָלן זיי זען, און דאָך ניט זען;
און הערן זאָלן זיי הערן, און ניט פֿאַרשטיין;
טאָמער וועלן זיי זיך אומקערן,
און סע וועט זיי פֿאַרגעבן ווערן.[1]

13 און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַזיב איר פֿאַרשטייט ניט דאָס דאָזיקע
משל, טאָ וויאַזוי וועט איר פֿאַרשטיין אַלע משלים? 14 דער זייער טוט
זייען דאָס וואָרט. 15 און דאָס זענען די ביים וועג, וואו דאָס וואָרט איז
פֿאַרזייט געוואָטן; און בעת זיי הערן עס, קומט תּיכּף דער שׂטן, און
נעמט צו דאָס וואָרט, וואָס איז אין זיי פֿאַרזייט געוואָרן. 16 און אַזוי אויך
די, וואָס זענען געזייט אויף פֿעלזיק לאַנד, בעת זיי הערן דאָס וואָרט,
נעמען זיי עס תּיכּף אויף מיט שׂמחה; 17 און אַזוי ווי זיי האָבן ניט קיין
וואָרצלען אין זיך, געווערן זיי נאָר אַ ווײַל; דערנאָך, אַז סע קומען ליידן,
אָדער רדיפֿות צוליב דעם וואָרט, ווערן זיי תּיכּף געשטרויכלט. 18 און
דאָס, וואָס איז פֿאַרזייט צווישן דערנער, דאָס זענען די, וואָס האָבן
געהערט דאָס וואָרט, 19 נאָר די דאגות פֿון דער וועלט, און די אָפּנאַרערײ
פֿון עשירות, און די תּאוות צו אַנדערע זאַכן קומען אַריין, און דערשטיקן
דאָס וואָרט, און עס בלײַבט אומפֿרוכטבאַר. 20 און דאָס, וואָס איז
פֿאַרזייט געוואָרן אויף גומער ערד, דאָס זענען די, וואָס הערן האָס
וואָרט, און זענען עס מקבל, און גיבן אַרויס תּבֿואה, דרײַסיקפֿאַך, און
זעכציקפֿאַך, און הונדערטפֿאַך.
21 און ער האָט צו זיי געזאָגט: ברענגט מע דען אַריין אַ ליכט, כּדי עס
צו שטעלן אונטער אַ מעסטל, אָדער אונטערן בעט, און ניט אין אַ
לײַכטער? 22 וואָרים עס איז גאָרניט פֿאַרהוילן, וואָס וועט ניט
אַנטפּלעקט ווערן; און עס איז גאָרניט פֿאַרבאָרגן, וואָס וועט ניט
באַקאַנט ווערן. 23 דער, וואָס האָט אויערן צו הערן, זאָל הערן! 24 און
ער האָט צו זיי געזאָגט: פֿאַרנעמט וואָס איר הערט; מיט דער מאָס,
וואָס איר טוט מעסטן, וועט אייך געמאָסטן ווערן, און מע וועט אייך
נאָך עפּעס צולייגן. 25 וואָרים דער,

[1] ישעיה ו, 9, 10.

וואָס האָט, דעם וועט געגעבּן ווערן; און דער, וואָס האָט ניט פֿון אים
וועט אַוועקגענומען ווערן אַפֿילו דאָס, וואָס ער האָט.
26 און ער האָט געזאָגט: דאָס מַלכות פֿון גאָט איז געגליכן צו אַ
מענטשן, וואָס טוט וואַרפֿן זְריעה אויף דער ערד, 27 און ער גייט
שלאָפֿן און אויפֿשטיין בּיינאַכט און בּייטאָג, און די זְריעה שפּראָצט
אויס און וואַקסט אויף, אָן זיין וויסן. 28 וואָרים די ערד בּרענגט אַרויס
תּבֿואה פֿון זיך אַליין; קודם דאָס בּלעטל, דערנאָך די זאַנג, דערנאָך דעם
פֿולן קערן אין דער זאַנג. 29 און ווען די תּבֿואה ווערט צייַטיק, נעמט ער
גלייך דאָס שניידמעסער, וואָרים געקומען איז די שניט־צייט.
30 און ער האָט געזאָגט: מיט וואָס זאָלן מיר פֿאַרגלייכן דאָס מַלכות
פֿון גאָט? אָדער מיט וואָסער מָשל זאָלן מיר עס דערקלערן? 31 עס איז
ווי זענעפֿט־זְריעה, וואָס בּשעת סע ווערט פֿאַרזייט אין דער ערד, איז
עס די קלענסטע פֿון אַלע ערד־זְריעות; 32 אָבער אַז עס איז שוין
פֿאַרזייט, וואַקסט עס אויס און ווערט גרעסער פֿון אַלע קרייטעכצער,
און גיט אַרויס גרויסע צווייגן, אַזוי, אַז די פֿייגל פֿון הימל קאָנען רוען
אין זיין שאָטן.
33 און מיט אַ סך אַזוינע מְשָלים האָט ער גערעדט צו זיי דאָס וואָרט,
אויף ווי ווייט זיי זענען געווען בּיכולת צו פֿאַרנעמען; 34 און אָן אַ
מָשל האָט ער צו זיי ניט גערעדט; אָבער ווען ער איז געווען אַליין מיט
זיינע תּלמידים, האָט ער זיי אַלץ פֿאַרטייַטשט.
35 אין יענעם טאָג, בּעת עס איז געוואָרן אָוונט, האָט ער צו זיי
געזאָגט: לאָמיר אַריבּערפֿאָרן אויף דער אַנדערער זייט. 36 און אַז ער
האָט אָפּגעלאָזט דעם עולם, האָבּן זיי אים מיטגענומען אין דער שיף,
אַזויווי ער איז געווען; און מיט אים זענען געווען נאָך אַנדערע שיפֿן.
37 און אַ גרויסער שטורעמווינט האָט זיך אויפֿגעהויבּן, און די
כוואַליעס האָבּן אָנגעשלאָגן אָן דער שיף, אַזוי, אַז די שיף האָט
גענומען ווערן פֿול. 38 און ער איז געווען אין הינטערשטן טייל, און
איז געשלאָפֿן אויף דעם קישן; און זיי האָבּן אים אויפֿגעוועקט, און
האָבּן צו אים געזאָגט: רֶבּי, אַרט דיך ניט וואָס מיר גייען אונטער?
39 און ער איז אויפֿגעשטאַנען, און האָט אָנגעשריגן אויף דעם ווינט,
און געזאָגט צום יַם: שווייַג, זיי שטיל! און דער ווינט האָט
אויפֿגעהערט, און עס איז געוואָרן אַ גרויסע שטילקייט. 40 און ער
האָט צו זיי געזאָגט: פֿאַרוואָס זענט איר אַזוי שרעקעוודיק? האָט איר
ניט קיין אֱמונה? 41 און זיי האָבּן שטאַרק מורא בּאַקומען, און האָבּן
געזאָגט איינער צום אַנדערן: ווער אייגנטלעך איז ער, וואָס אַפֿילו דער
ווינט און דער יַם געהאָרכן אים?

ה אוּן זיי זענען געקומען אויף דער אַנדערער זייט יַם, אין דעם לאַנד פוּן
די גַדרִיִים. 2 אוּן בעת ער איז אַרויסגעקומען פוּן דער שיף, איז אים תֵּיכף
פוּן צווישן די קבָרים אַנטקעגנגעקומען אַ מענטש מיט אַן אוּמריינעם
גייסט, 3 וואָס האָט געוואוינט צווישן די קבָרים; אוּן קיינער האָט אים
מער ניט געקענט בינדן, ניט צומאָל מיט אַ קייט; 4 ווייל מע האָט אים
אָפט געבוּנדן מיט אײַזנס אוּן מיט קייטן, אָבער ער האָט די קייטן
פוּנאַנדערגעריסן, אוּן די אײַזנס האָט ער צעבראָכן אויף שטיקער; אוּן
קיינער איז ניט געווען בכּוֹח אים צוּ צאַמען. 5 אוּן טאָג אוּן נאַכט איז ער
כּסדר געווען צווישן די קבָרים אוּן אויף די בערג, אוּן האָט געשריגן אוּן
זיך געניזוקט מיט שטיינער. 6 אוּן ווען ער האָט פוּן דערווײַטנס געזען
יֵשוּעַן, איז ער צוּגעלאָפן אוּן זיך געבוקט פאַר אים, 7 אוּן אויסשרײַענדיק
מיט אַ הויך קוֹל, האָט ער געזאָגט: וואָס ווילסטוּ פוּן מיר, יֵשוּעַ, דוּ בֶּן־
אֵל עֶליוֹן? איך באַשווער דיך בײַ גאָט, זאָלסט מיך ניט פּײַניקן. 8 וואָרים
ער האָט צוּ אים געזאָגט: גיי אַרויס פוּן דעם מענטשן, דוּ אוּמריינער
גייסט! 9 אוּן ער האָט אים געפרעגט: וואָס איז דײַן נאָמען? האָט ער צוּ
אים געזאָגט: מײַן נאָמען איז מַחנה; וואָרים מיר זענען אַ סך. 10 אוּן ער
האָט אים שטאַרק געבעטן, אַז ער זאָל זיי ניט אַרויסשיקן פוּן דעם לאַנד.
11 אוּן דאָרטן בײַם באַרג האָט זיך געפּאַשעט אַ גרויסע סטאַדע חַזֵירים;
12 אוּן זיי האָבן אים געבעטן: שיק אוּנדז צוּ די חַזֵירים, כּדי מיר זאָלן אין
זיי אַרײַן. 13 אוּן ער האָט זיי געגעבן דערלויבעניש. אוּן די אוּמריינע
גייסטער זענען אַרויס, אוּן זענען אַרײַן אין די חַזֵירים; אוּן די סטאַדע, אַן
עֶרך פוּן צוויי טויזנט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פוּן דעם שיפּוּע אין יַם
אַרײַן, אוּן זענען דערטרוּנקען געוואָרן אין דעם יַם.
14 אוּן די פּאַסטעכער זענען געלאָפן אוּן האָבן עס דערציילט אין דער
שטאָט אוּן אין דאָרף. אוּן זיי זענען אַרויסגעגאַנגען זען וואָס דאָ איז
געשען. 15 אוּן זיי זענען געקומען צוּ יֵשוּעַן, אוּן האָבן געזען דעם
באַזעסענעם זיצן דאָרט, אָנגעטאָן אוּן בײַם קלאָרן שֵׂכל, טאַקע דער,
וואָס האָט געהאַט די מַחנה; אוּן זיי האָבן מוֹרא באַקומען 16 אוּן די, וואָס
האָבן עס געזען, האָבן דערציילט וואָס עס איז געשען מיט דעם
באַזעסענעם, אוּן מיט די חַזֵירים. 17 אוּן זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל
פאַרלאָזן זייערע גרעניצן. 18 אוּן בעת ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער
שיף, האָט אים דער, וואָס איז געווען באַזעסן, געבעטן, אַז ער זאָל מעגן
זײַן מיט אים. 19 אוּן ער האָט אים ניט געלאָזט, נייערט האָט צוּ אים
געזאָגט: גיי אַהיים צוּ דײַנע פרײַנט, אוּן דערצייל זיי, וואָס גאָט האָט
מיט דיר געטאָן, אוּן ווי ער האָט זיך דערבאַרעמט איבער דיר. 20 אוּן ער
איז אַרויסגעגאַנגען, אוּן האָט גענוּמען פאַרשפּרייטן אין דעקאַפּאָליס
אַלץ, וואָס יֵשוּעַ האָט פאַר אים געטאָן; אוּן זיי האָבן זיך אַלע געחידושט.

21 און בעת יֵשוּעַ האָט זיך ווידער אַריבערגעשיפט אויף דער אַנדערער
זייט, האָט זיך צו אים פאַרזאַמלט אַ סך פאָלק; און ער איז געווען ביים
יַם. 22 און איינער פון די גַבָּאִים פון דער שוּל, וואָס האָט געהייסן יָאִיר, איז
צו אים געקומען. און אַז ער האָט אים געזען, איז ער געפאַלן צו זיינע
פיס, 23 און ער האָט אים שטאַרק געבעטן, און געזאָגט: מיין טעכטערל
האַלט ביים שטאַרבן; קום, און לייג אַרויף דיינע הענט אויף איר, כּדי זי
זאָל געראַטעוועט ווערן, און לעבן. 24 און ער איז מיט אים געגאַנגען; און
אַ גרויסער עוֹלם איז אים נאָכגעגאַנגען, און האָט אים געדרענגט.
25 און אַ פרוי, וואָס האָט צוועלף יאָר געהאַט אַ בלוטפלוּס, 26 און וואָס
האָט זיך פיל אַנגעליטן פון אַ סך רוֹפאִים, און האָט אויסגעגעבן אַלץ
וואָס זי האָט פאַרמאָגט, און האָט זיך דאָך ניט געבעסערט, נייערט עס איז
איר נאָך ערגער געוואָרן; 27 בעת זי האָט געהערט פונוועגן יֵשוּעַן, איז זי
געקומען צווישן דעם פאָלק פון הינטן, און האָט אָנגערירט זיין מַלבּוּש.
28 וואָרים זי האָט געזאָגט: אויב איך וועל נאָר אָנרירן זיינע מַלבּוּשים,
וועל איך געהאָלפן ווערן. 29 און תֵּיכף איז דער קוואַל פון איר בלוּת
פאַרטריקנט געוואָרן; און זי האָט דערפילט אין איר לייַב, אַז זי איז
געהיילט געוואָרן פון איר פּלאָג. 30 און באוֹתוֹ־רֶגע האָט יֵשוּעַ דערפילט
אין זיך, אַז גבוּרה איז פון אים אַרויסגעגאַנגען, און ער האָט זיך
אויסגעדרייט צווישן דעם פאָלק, און געזאָגט: ווער האָט באַרירט מיינע
מַלבּוּשים? 31 און זיינע תַּלמידים האָבן צו אים געזאָגט: דו זעסט ווי דאָס
פאָלק דריקט דיך, זאָגסטו גאָר: ווער האָט מיך באַרירט? 32 און ער האָט
זיך אַרומגעקוקט, כּדי צו זען ווער סע האָט דאָס געטאָן. 33 אָבער די פרוי
האָט מוֹרא באַקומען און האָט געציטערע, מַחמת זי האָט געוואוּסט וואָס
סע איז מיט איר געשען, און זי האָט גענעענט און איז פאַר אים
אַנידערגעפאַלן, און האָט אים דערציילט דעם גאַנצן אֶמת. 34 און ער האָט
צו איר געזאָגט: טאָכטער, דיין אֶמוּנה האָט דיר געהאָלפן; גיי בשָלום,
און ווער געהיילט פון דיין פּלאָג.
35 און בשַעת ער האָט נאָך גערעדט, איז מען געקומען פון דעם גַבּאי פון
דער שוּל, און געזאָגט: דיין טאָכטער איז געשטאָרבן; צו וואָס ביסטו
נאָך מַטרִיחַ דעם רֶבּין? 36 און אַז יֵשוּעַ האָט געהערט, וואָס זיי האָבן
געזאָגט, האָט ער זיך אָפּגערופן צום גַבּאי פון דער שוּל: האָב ניט קיין
מוֹרא; האָב נאָר בטָחון! 37 און ער האָט קיינעם ניט געלאָזט מיטגיין,
אַחוּץ כֵּיפָאן, יַעקֹבן, און יוֹחָנָן, יַעקֹבס ברודער. 38 און ווי זיי זענען
צוגעקומען צום הויז פון דעם גַבּאי פון דער שוּל, האָט ער געזען די
מהוּמה, און די פיל וויינער און קלאָגער. 39 און ער איז אַריינגעגאַנגען,
און האָט צו זיי געזאָגט: וואָס ליאַרעמט איר און וויינט? דאָס קינד איז
ניט געשטאָרבן, נייערט טוט שלאָפן. 40 און זיי האָבן אים גוט
אויסגעלאַכט. און

ער האָט זיי אַלעמען אַרויסגעטריבן, און האָט גענומען מיט זיך דעם
פאָטער און די מוטער און די, וואָס זענען געווען מיט אים און איז
אַרייַנגעגאַנגען וואו דאָס קינד איז געווען. 41 און ער האָט אָנגענומען
דאָס קינד ביי דער האַנט, און האָט צו איר געזאָגט: טַלִיתָא קומי; וואָס
איז טייַטש: מיידל, שטיי אויף. 42 און דאָס מיידל איז תֵּיכּף
אויפגעשטאַנען, און האָט גענומען גיין; און זי איז אַלט געווען צוועלף
יאָר. און זיי זענען פאַרחִידושט געוואָרן מיט אַ גרויס חִידוש. 43 און ער
האָט זיי שטרענג באַפוילן, אַז קיינער זאָל ניט וויסן דערפון; און ער
האָט געהייסן, מע זאָל איר געבן עפּעס צו עסן.
ו און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן, און איז געקומען אין זיין
אייגן לאַנד אַריין; און זיינע תַּלמידים זענען אים נאָכגעגאַנגען. 2 און
שַׁבּת האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען אין דער שול, און אַ סך וואָס
האָבן אים געהערט, האָבן זיך געחִידושט, און געזאָגט: פונוואַנען
נעמט זיך דאָס צו אים? און וואָס איז דאָס פאַר אַ חָכמה, וואָס איז
אים געגעבן געוואָרן, אַז אַזעלכע וואונדער זאָלן געשען דורך זיינע
הענט? 3 איז דאָס ניט דער סטאָליער, דער זון פון מִרְיָם, און דער
ברודער פון יַעקֹב, און יוסי, און יהודה, און שִׁמעון? און זענען ניט
זיינע שוועסטער דאָ מיט אונדז? און זיי זענען געשטרויכלט געוואָרן
אין אים. 4 און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: אַ נָביא איז ניט אָן כָּבוד,
סיידן אין זיין אייגן לאַנד, און צווישן זיינע קרובים, און אין זיין אייגן
הויז. 5 און ער האָט דאָרט ניט געקאָנט טאָן קיין וואונדער, אַחוץ וואָס
ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף עטלעכע קראַנקע, און האָט
זיי געהיילט. 6 און ער האָט זיך געחִידושט איבער זייער אומגלויבן. און
ער איז אַרומגעגאַנגען אין די דערפער און האָט געלערנט. 7 און ער
האָט גערופן צו זיך די צוועלף, און האָט זיי גענומען אַרויסשיקן
זאַלבעצווייט, און האָט זיי געגעבן שליטה איבער אומריינע גייסטער;
8 און ער האָט זיי געבאָטן, אַז זיי זאָלן גאָרניט מיטנעמען אויפן וועג,
אַחוץ אַ שטעקן; ניט קיין ברויט, ניט קיין רייזעזאַק, ניט קיין געלט
אין גאַרטל; 9 נייערט צו טראָגן סאַנדאַלן, און ניט צו גיין אָנגעטאָן אין
צווי רעק. 10 און ער האָט צו זיי געזאָגט: אין וואָס פאַר אַ הויז איר
וועט אַרייַנקומען, דאָרט פאַרבלייַבט, ביז איר גייט ווייטער. 11 און דאָס
אָרט, וואָס וועט אייך ניט אויפנעמען, און זיך ניט צוהערן צו אייך,
זאָלט איר פון דאָרטן אַרויסגיין און אָפּטרייסלען דעם שטויב פון
אייערע פיס, פאַר אַן עֵדות צו זיי. 12 און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען און
האָבן גערופן צו תּשובה; 13 און האָבן אַרויסגעטריבן אַ סך בייזע
גייסטער, און געזאַלבט אַ סך קראַנקע מיט אייל, און זיי געהיילט.

14 און דער מֶלך הורדוס האָט דערפֿון געהערט, ווייל זיין שֵׁם איז
געוואָרן באַקאַנט. און ער האָט געזאָגט: יוֹחָנָן הַמַטבּיל איז
אויפֿגעשטאַנען תּחִיַת־הַמֵתים, און דעריבּער אַרבּעטן אין אים די
דאָזיקע כּוֹחות. 15 אָבער אַנדערע האָבן געזאָגט: עס איז אֵלִיָהו. און
ווידער אַנדערע האָבן געזאָגט: ס׳איז אַ נָביא, פּונקט ווי איינער פֿון די
נבִיאים. 16 און אַז הורדוס האָט עס געהערט, האָט ער געזאָגט: יוֹחָנָן,
וועמען איך האָבּ געקעפּט, איז אויפֿגעשטאַנען.
17 וואָרים הורדוס האָט געשיקט און געלאָזט כאַפּן יוֹחָנָן, און האָט אים
געבּונדן אין דער תּפִיסה צוליבּ הורוֹדיָה, דאָס ווייבּ פֿון זיין בּרודער
פֿיליפּוס, ווייל ער האָט מיט איר חַתונה געהאַט. 18 וואָרים יוֹחָנָן האָט
געזאָגט צו הורדוסן: עס איז דיר ניט דערלויבּט צו האָבן דיין בּרודערס
ווייבּ. 19 און הורוֹדיָה האָט אים פֿיינט באַקומען, און אים געוואָלט
טייטן, אָבער זי האָט עס ניט געקענט טאָן. 20 וואָרים הורדוס האָט
מוֹרא געהאַט פֿאַר יוֹחָנָן, ווייל ער האָט געוואוּסט, אַז ער איז אַ צַדיק
און אַ הייליקער מאַן, און ער האָט אים אָפּגעהיט. און בּעת ער פֿלעגט
אים הערן, איז ער שטאַרק צעמישט געוואָרן; פֿונדעסטוועגן האָט ער
אים גערן געהערט. 21 און אַז עס איז געקומען אַ פּאַסיקער טאָג, בּעת
הורדוס האָט צו זיין געבּוירנטאָג געמאַכט אַ סעודה פֿאַר זיינע האַרן,
און קריגפֿירער, און די חָשובֿסטע מענטשן פֿון גָליל, 22 איז הורוֹדיָהס
טאָכטער אַריינגעקומען און האָט געטאַנצט, און זי איז הורדוסן
געפֿעלן געוואָרן, און אויך זיינע געסט. און דער מֶלך האָט געזאָגט
צום מיידל: פֿאַרלאַנג פֿון מיר, וואָס דו ווילסט, און איך וועל עס דיר
געבּן. 23 און ער האָט איר געשוואוירן: וואָס נאָר דו וועסט פֿון מיר
פֿאַרלאַנגען, וועל איך דיר געבּן, בּיז אַ האַלבּ פֿון מיין מלוּכה. 24 און זי
איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט געזאָגט צו איר מוטער: וואָס זאָל איך
פֿאַרלאַנגען? האָס זי געזאַגט: דעם קאָפּ פֿון יוֹחָנָן הַמַטבּיל. 25 און זי
איז תֵּיכּף אַריינגעגאַנגען צום מֶלך, און האָט געזאָגט: איך פֿאַרלאַנג,
דו זאָלסט מיר גלייך געבּן אויף אַ שיסל דעם קאָפּ פֿון יוֹחָנָן הַמַטבּיל.
26 און דער מֶלך האָט זיך שטאַרק מצַער געווען, אָבער צוליבּ די
שבוּעות און די געסט, האָט ער איר ניט געוואָלט אָפּזאָגן. 27 און דער
מֶלך האָט תֵּיכּף געשיקט אַ לייבּ־וועכטער, און האָט אים באַפֿוילן צו
בּרענגען זיין קאָפּ; און ער איז געגאַנגען און האָט אים געקעפּט אין
דער תּפִיסה, 28 און געבּראַכט זיין קאָפּ אויף אַ שיסל און האָט אים
געגעבּן דעם מיידל, און דאָס מיידל האָט אים געגעבּן צו איר מוטער.
29 און אַז זיינע תַּלמידים האָבן דאָס געהערט, זענען זיי געקומען און
האָבן גענומען זיין גוף, און האָבן אים אַריינגעלייגט אין אַ קֵבר.

30 און די שליחים האָבן זיך פֿאַרזאַמלט בײַ יֵשוּעַן, און האָבן אים
דערציילט אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געטאָן, און וואָס זיי האָבן געלערנט.
31 און ער האָט צו זיי געזאָגט: קומט און ציט אײַך צוריק אין אַ וויסט
אָרט, און רוט אײַך אויס אַביסל. וואָרים אַ סך האָבן געהאַלטן אין קומען
און גיין, אַזוי, אַז זיי האָבן צומאָל ניט געהאַט קיין צײַט צו עסן. 32 און זיי
האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ שיף איז אַ וויסט אָרט אַליין. 33 און מען
האָט זיי געזען אַוועקגיין, און אַ סך האָבן זיי דערקענט, און זיי זענען זיך
צונויפֿגעלאָפֿן צופֿוס פֿון אַלע שטעט, און זענען דאָרטן אָנגעקומען
פֿריער פֿאַר זיי.

34 און בעת ער איז אַרויסגעקומען און געזען דעם גרויסן עולם, האָט אים
אָנגענומען אַ רַחמָנות אויף זיי, ווײַל זיי זענען געווען ווי שאָף אָן אַ
פּאַסטעך; און ער האָט מיט זיי אַ סך געלערנט. 35 און אַזוי ווי סע איז
שוין געוואָרן שפּעט, זענען צו אים געקומען זײַנע תּלמידים, און האָבן
געזאָגט: דאָס אָרט איז וויסט, און עס איז שוין שפּעט; 36 לאָז זיי אָפּ כּדי
זיי זאָלן קענען גיין אין די אַרומיקע דערפֿער און מקומות, און זיך קויפֿן
עפּעס צו עסן. 37 אָבער ער האָט געענטפֿערט, און צו זיי געזאָגט: גיט איר
זיי צו עסן. האָבן זיי צו אים געזאָגט: זאָלן מיר גיין קויפֿן ברויט פֿאַר
צוויי הונדערט דינָרים, און זיי געבן צו עסן? 38 אָבער ער האָט צו זיי
געזאָגט: וויפֿל ברויט האָט איר? נו, גייט און זעט. און אַז זיי זענען עס
דערגאַנגען, האָבן זיי געזאָגט: פֿינף, און צוויי פֿיש. 39 און ער האָט זיי
אַלע געהייסן זיך אַנידערזעצן כּיתּותווײַז אויפֿן גרינעם גראָז. 40 און זיי
האָבן זיך אַנידערגעזעצט אין שורות, צו הונדערט, און צו פֿופֿציק. 41 און
ער האָט גענומען די פֿינף ברויט און די צוויי פֿיש, און האָט אויפֿגעהויבן
זײַנע אויגן צום הימל און האָט אַ בּרָכה געמאַכט, און ער האָט
אָפּגעבראָכן פֿון דעם ברויט און עס דערלאַנגט די תּלמידים, צו גרייטן
פֿאַר זיי; און אויך די צוויי פֿיש האָט ער צעטיילט צווישן זיי. 42 און זיי
האָבן אַלע געגעסן צו דער זאַט, 43 און זיי האָבן צונויפֿגענומען פֿון די
איבערגעבליבענע ברעקלעך, צוועלף פֿולע קערב, און אויך פֿון די
פֿיש. 44 און די, וואָס האָבן געגעסן פֿון דעם ברויט, זענען געווען פֿינף
טויזנט מאָן.

45 און ער האָט תּיכּף גענייט זײַנע תּלמידים אַרײַנצוגיין אין דער שיף, און
אַריבערצופֿאָרן פֿריער פֿאַר אים אויף דער אַנדערער זײַט, קיין בֵּית־צַיְדָה,
ביז ער וועט אָפּלאָזן דאָס פֿאָלק. 46 און נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט זיי
אָפּגעזעגנט, איז ער אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַרג מִתפּלל צו זײַן. 47 און אַז
סע איז געוואָרן אָוונט, איז די שיף געווען אין מיטן יַם, און ער גופֿא אויף
דער יַבָּשה. 48 און זעענדיק ווי זיי מאַטערן זיך בײַם רודערן – וואָרים
דער ווינט איז געווען אַנטקעגן זיי – איז ער צו זיי געקומען אַרום דער

פערטער נאַכטוואַך, גייענדיק אויפֿן יַם. און ער האָט זיי געוואָלט
פֿאַרבייַגיין, 49 און ווי זיי האָבן אים געזען גיין אויפֿן יַם, האָבן זיי
געמיינט, אַז דאָס איז אַ גייסט, און האָבן זיך צעשריגן; 50 וואָרים זיי
האָבן אים אַלע געזען, און האָבן זיך דערשראָקן. און תּיכּף האָט ער
גערעדט מיט זיי, און צו זיי געזאָגט: זייט געטרייסט, דאָס בין איך;
האָט ניט קיין מורא. 51 און ער איז צו זיי אין דער שיף אַרייַנגעגאַנגען,
און דער ווינט האָט אויפֿגעהערט. און זיי האָבן זיך שטאַרק
געחידושט; 52 וואָרים זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען בנוגע דעם ברויט,
מַחמת זייער האַרץ איז געווען פֿאַרהאַרטעוועט.
53 און בעת זיי זענען אַריבערגעפֿאָרן, זענען זיי געקומען צום לאַנד
גנֵיסַר, און האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג. 54 און אַז זיי זענען
אַרויס־געקומען פֿון דער שיף, האָט מען אים תּיכּף דערקענט, 55 און
זיי זענען אַרומגעלאָפֿן אין דער גאַנצער געגנט, און האָבן גענומען
ברענגען די קראַנקע אויף זייערע געלעגערס, וואוהין זיי האָבן געהערט,
אַז ער געפֿינט זיך. 56 און אומעטום וואו ער איז געקומען, אין די
דערפֿער, שטעט אָדער מקומות, האָט מען די קראַנקע אַוועקגעלייגט
אויפֿן מאַרק, און אים געבעטן, צו מעגן כאָטש אָנרירן די כּנפֿות פֿון
זיין בגד. און אַלע, וואָס האָבן אים אָנגערירט, זענען געהאָלפֿן
געוואָרן.
ז און סע האָבן זיך בײַ אים פֿאַרזאַמלט די פּרושים, און עטלעכע פֿון
די סופֿרים, וואָס זענען געקומען פֿון ירושָלַיִם, 2 און זיי האַבן געזען,אַז
עטלעכע פֿון זיינע תּלמידים עסן ברויט מיט טָמא, דאָס הייסט, מיט
אומגעוואַשענע הענט. 3 (וואָרים די פּרושים, און אַלע ייִדן עסן ניט,
סיידן זיי וואַשן זיך די הענט, וואָרים זיי האַלטן די מסורה פֿון די
זקֵנים; 4 און ווען זיי קומען פֿון מאַרקפּלאַץ, עסן זיי ניט, כָּל־זמַן זיי
וואַשן זיך ניט; און אַ סך אַנדערע זאַכן האָבן זיי איבערגענומען מקַיים
צו זיין: דאָס טובלען פֿון בעכערס, און טעפּ, און קופּערנע כֵּלים.)
5 און די פּרושים און די סופֿרים האָבן אים געפֿרעגט: פֿאַרוואָס זענען
זיך דיינע תּלמידים ניט נוהג לויט דער מסורה פֿון די זקֵנים, נייערט זיי
עסן ברויט מיט טָמא הענט? 6 און ער האָט צו זיי געזאָגט: גוט האָט
ישַעיָה אויף אייך חונפֿים נבֿיאות געזאָגט, ווי סע שטייט געשריבן:

דאָס דאָזיקע פאָלק גיט מיר אָפּ כּבֿוד מיט זיינע ליפּן,
אָבער זיין האַרץ איז ווייט פֿון מיר.
7 און אומזיסט טוען זיי מיך דינען,
מיט לערנען איינגעחזרטע מִצוות פֿון מענטשן.[1]
8 איר פֿאַרלאָזט דאָס געבאָט פֿון גאָט, און האַלט זיך בײַ דער מסורה
פֿון מענטשן.
9 און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַײַ האָט איר מבֿטל געווען גאָטס
געבאָט, זיך צו קענען האַלטן בײַ אייער מסורה! 10 וואָרים משה האָט
געזאָגט: גיב אָפּ כּבֿוד דיין פֿאָטער און דיין מוטער; און דער, וואָס
שעלט פֿאָטער, אָדער מוטער, זאָל טייטן געטייט ווערן;[2] 11 אָבער איר
זאָגט: אויב איינער וועט זאָגן צו זיין פֿאָטער, אָדער מוטער: אַ קרבן
איז דאָס, וואָס דו וואַלטסט געקענט הנאה האָבן פֿון מיר, דאָס הייסט,
עס איז אַ נדר צו גאָט; 12 דעמאָלט לאָזט איר אים שוין מער גאָרניט
טאָן פֿאַר זיין פֿאָטער, אָדער מוטער; 13 און דערמיט מאַכט איר בּטל
גאָטס וואָרט צוליב אייער אָנגענומענער מסורה. און אַזוי אַשטייגער
זענט איר זיך פֿיל מאָל נוהג.
14 און ער האָט צו זיך ווידער גערופֿן דאָס פֿאָלק, און האָט צו זיי
געזאָגט: הערט מיך אויס, איר אַלע, און פֿאַרשטייט: 15 ניט דאָס, וואָס
קומט אַריין אין אַ מענטשן פֿון דרויסן, קאָן אים מטמא זיין; נייערט
דאָס, וואָס קומט אַרויס פֿון אים, אָט דאָס איז מטמא דעם מענטשן.
16 דער, וואָס האָט אויערן צו הערן, זאָל הערן. 17 און בשעת ער האָט
פֿאַרלאָזט דאָס פֿאָלק,און איז אַרײַנגעגאַנגען אין הויז אַריין, האָבן
זיינע תּלמידים אים געפֿרעגט וועגן דעם משל. 18 און ער האָט צו זיי
געזאָגט: זענט איר אויך אָן שׂכל? פֿאַרשטייט איר ניט, אַז אַלץ, וואָס
קומט אַריין אין דעם מענטשן פֿון דרויסן, קאָן אים ניט מטמא זיין?
19 וואָרים סע גייט ניט אין זיין האַרץ אַריין, נייערט אין מאָגן, און פֿון
דאָרטן אין בית־הכּיסא אַריין. (אָט אַזוי האָט ער אַלע שפּייזן ריין
געמאַכט.) 20 און ער האָט געזאָגט: דאָס, וואָס קומט אַרויס פֿון דעם
מענטשן, דאָס איז מטמא דעם מענטשן. 21 וואָרים פֿון אינעווייניק, פֿון
דעם מענטשנס האַרץ, קומען אַרויס בייזע מחשבֿות, זנות, גנבֿה,
רציחה, 22 ניאוף, זשעדנעקייט, רשעות, באַטרוג, תּאווה, עין־הרע,
לעסטערונג, גאווה, שטות. 23 אָט דאָס גאַנצע שלעכטס קומט אַרויס
פֿון אינעווייניק, און איז מטמא דעם מענטשן.

[1] ישעיה כט, 13. [2] שמות כ, 12; כא, 17.

24 און ער איז אויפגעשטאַנען פון דאָרטן און איז אַוועקגעגאַנגען אין די
קאַנטן פון צור און צידון. און ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין אַ הויז, און האָט
ניט געוואָלט, ס׳זאָל ווער וויסן פון דעם; אָבער ער האָט ניט געקאָנט
בלייבן פאַרבאָרגן. 25 וואָרים תּיכּף האָט אַ פרוי, וועמעס טעכטערל האָט
געהאַט אַן אומריינעם גייסט, געהערט וועגן אים, און זי איז געקומען און
איז אים געפאַלן צו די פיס. 26 און די פרוי איז געווען אַ יְוָנית, פון סיריש־
פעניקישן אָפּשטאַם. און זי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַרויסטרייַבן
דעם בייזן גייסט פון איר טאָכטער. 27 און ער האָט צו איר געזאָגט: זאָלן
קודם די קינדער זאַט ווערן, וואָרים עס איז ניט רעכט צו נעמען דאָס
ברויט פון די קינדער, און עס וואַרפן פאַר די הינט. 28 אָבער זי האָט אים
געענטפערט: יאָ, האַר; אויך די הינט אונטערן טיש עסן די ברעקלעך פון
די קינדער. 29 און ער האָט צו איר געזאָגט: צוליב דעם דאָזיקן וואָרט, גיי
דייַן וועג; דער בייזער גייסט איז אַרויס פון דייַן טאָכטער. 30 און זי איז
אַהיימגעגאַנגען, און האָט דאָס קינד געפונען ליגן אויפן בעט, און דער
בייזער גייסט איז פון איר געווען אַרויסגעגאַנגען.
31 און ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען פון די געמאַרקן פון צור, און איז
געגאַנגען דורך צידון צום ים פון גָליל, דורך די געמאַרקן פון
דעקאַפּאָליס. 32 און מען האָט צו אים געבראַכט אַ טויבן, וואָס האָט
געשטאַמלט; און זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל אַרויפלייגן אויף אים
זייַן האַנט. 33 און ער האָט אים אַוועקגענומען אָן אַ זייט פון דעם פאָלק,
און האָט אַרייַנגעלייגט זייַנע פינגער אין זייַנע אויערן, און האָט אַ שפּיי
געטאָן און אָנגערירט זייַן צונג; 34 און אויפהייבנדיק זייַנט אויגן צום
הימל, האָט ער אַ זיפץ געטאָן, און צו אים געזאָגט: אֶפַּתַּח, וואָס איז
טייַטש: עפן דיך אויף! 35 און זייַנע אויערן האָבן זיך געעפנט, און דער
באַנד פון זייַן צונג איז געוואָרן לויז, און ער האָט גערעדט גלאַט. 36 און
ער האָט זיי באַפוילן, אַז זיי זאָלן עס קיינעם ניט דערציילן; אָבער וואָס
מער ער האָט זיי פאַרווערט, אַלץ מער האָבן זיי עס באַקאַנט געמאַכט.
37 און זיי האָבן זיך שטאַרק געחידושט, און געזאָגט: אַלצדינג האָט ער
גוט געטאָן; ער מאַכט אַפילו די טויבע הערן, און די שטומע רעדן.
ח אין יענע טעג, בעת סע האָט זיך ווידער פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם,
און זיי האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן, האָט ער גערופן צו זיך זייַנע
תּלמידים, און האָט צו זיי געזאָגט: 2 עס איז מיר אַ רחמנות אויפן פאָלק,
וואָרים זיי זענען מיט מיר שוין דריי טעג, און האָבן ניט וואָס צו עסן.
3 און אויב איך זאָל זיי אַהיימשיקן אומגעגעסן, וועלן זיי נאָך חלשן אויפן
וועג; און טייל פון זיי קומען אויך פון ווייט. 4 און זייַנע תּלמידים האָבן
אים געענטפערט: פון וואַנען קאָן מען זיי דאָ אין דער מדבר זעטיקן מיט
ברויט? 5 האָט ער זיי געפרעגט:

ווילפל לאַבֿן בּרויט האָט איר? האָבֿן זיי געזאָגט: זיבֿן. 6 און ער האָט
געהייסן דעם עוֹלם זיך אַנידערזעצן אויף דער ערד; און ער האָט גענומען
די זיבֿן בּרויט און האָט אַ בּרָכה געמאַכט, און ער האָט זיי איבּערגעבּראָכן,
און געגעבֿן זיינע תּלמידים, צו גרייטן פֿאַר זיי. און זיי האָבֿן עס דערלאַנגט
דעם עוֹלם. 7 און זיי האָבֿן אויך געהאַט עטלעכע קליינע פֿישלעך; און
נאָכדעם ווי ער האָט איבּער זיי אַ בּרָכה געמאַכט, האָט ער געהייסן, מע
זאָל אויך זיי דערלאַנגען. 8 און זיי האָבֿן געגעסן, און זענען זאַט געוואָרן;
און זיי האָבֿן צונויפֿגעקליבֿן פֿון די איבּערגעבּליבּענע בּרעקלעך, זיבֿן
קערבֿ. 9 און זיי זענען געווען אַן עֶרֶך פֿון פֿיר טויזנט מענטשן. און ער
האָט זיי אַוועקגעשיקט; 10 און תֵּיכּף איז ער אַריין אין אַ שיף מית זיינע
תּלמידים, און איז אָנגעקומען אין די קאַנטן פֿון דַלמָנוּתָא.
11 און די פּרוּשים זענען אַרויסגעקומען, און האָבֿן אָנגעהויבֿן מיט אים אַ
וויכּוּח, און פֿאַרלאַנגט פֿון אים אַ צייכן פֿון הימל, כּדי אים צו פּרוּאוון.
12 און ער האָט טיף אָפּגעזיפֿצט אין זיין געמיט, און געזאָגט: פֿאַרוואָס
זוכט דער דאָזיקער דוֹר אַ צייכן? בּאֶמת, איך זאָג אייך, דעם דאָזיקן דוֹר
וועט ניט געגעבֿן ווערן קיין שום צייכן. 13 און ער האָט זיי פֿאַרלאָזט, און
איז ווידער אַריינגעגאַנגען אין דער שיף, און איז אַריבּערגעפֿאָרן אויף דער
אַנדערער זייט.
14 און זיי האָבֿן פֿאַרגעסן מיטצונעמען בּרויט, און האָבֿן ניט געהאַט מער
ווי איין בּרויט אין דער שיף. 15 און ער האָט זיי געוואָרנט: גיט אַכטונג,
און היט אייך פֿאַר דעם זויערטייג פֿון די פּרוּשים און פֿאַר דעם זויערטייג
פֿון הוֹרדוסן. 16 און זיי האָבֿן זיך געאַמפּערט איינער מיטן אַנדערן, און
געזאָגט: מיר האָבֿן ניט קיין בּרויט. 17 און יֵשוּעַ האָט עס בּאַמערקט, און
צו זיי געזאָגט: וואָס אַמפּערט איר אייך, וואָס איר האָט ניט קיין בּרויט?
צי קאָנט איר נאָך אַלץ ניט מערקן און פֿאַרשטיין? איז אייער האַרץ
פֿאַרהאַרטעוועט? 18 איר האָט אויגן און זעט ניט, און איר האָט אויערן,
און הערט ניט? און געדענקט איר ניט, 19 בּעת איך האָבֿ צעבּראָכן די פֿינף
בּרויט פֿאַר די פֿינף טויזנט, וויפֿל פֿולע קערבֿ מיט בּרעקלעך האָט איר
צונויפֿגעקליבֿן? זאָגן זיי צו אים: צוועלף. 20 און בּעת איך האָבֿ צעבּראָכן
די זיבֿן פֿאַר די פֿיר טויזנט, וויפֿל פֿולע קערבֿ מיט בּרעקלעך האָט איר
צונויפֿגעקליבֿן? זאָגן זיי צו אים: זיבֿן. 21 האָט ער צו זיי געזאָגט: טאָ
פֿאַרוואָס פֿאַרשטייט איר ניט?
22 און זיי זענען געקומען קיין בֵּית־צַיָדה. און מען האָט צו אים געבּראַכט
אַ בּלינדן, און אים געבּעטן, אַז ער זאָל אים אָנרירן. 23 און ער האָט
אָנגענומען דעם בּלינדן בּיי דער האַנט, און האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון
דאָרף; און אַז ער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף זיינע אויגן, האָט ער
אַרויפֿגעלייגט זיינע הענט אויף אים, און אים געפֿרעגט: זעסטו עפּעס?
24 און ער האָט אַ קוק געגעבֿן, און געזאָגט: איך זע מענטשן,

ווי ביימער זע איך זיי אַרומגיין. 25 דערנאָך האָט ער ווידער
אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיינע אויגן; און ער האָט שאַרף געקוקט,
און איז געהיילט געוואָרן, און האָט אַלץ געזען קלאָר. 26 און ער האָט
אים אַהיימגעשיקט, און געזאָגט: גיי אַפילו אין דאָרף ניט אַריין.
27 און יֵשוּעַ איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיינע תּלמידים אין די דערפער פון
קֵיסַריה פון פיליפּוס; און אויפן וועג האָט ער געפרעגט זיינע
תּלמידים: ווער, זאָגן די מענטשן, בין איך? 28 האָבן זיי אים
געענטפערט: יוֹחָנָן הַמַטבּיל; און אַנדערע, אֵליָהוּ; און אַנדערע ווידער,
איינער פון די נביאים. 29 האָט ער זיי געפרעגט: איר אָבער, ווער זאָגט
איר, בין איך? און פּעטרוס האָט געענטפערט, און צו אים געזאָגט: דו
ביסט דער מָשיחַ! 30 און ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן קיינעם
ניט דערציילן וועגן אים.
31 און ער האָט מיט זיי אָנגעהויבן צו לערנען, אַז דער בֶּן־אָדָם מוז
ליידן אַ סַך, און פאַרוואָרפן ווערן פון די זקֵנים, און די ראָשי־כֹּהֲנים,
און די סוֹפרים, און געטייט ווערן, און נאָך דריי טעג וועט ער ווידער
אויפשטיין. 32 און ער האָט דערפון אָפן גערעדט. און פּעטרוס האָט
אים גענומען, און האָט אים אָנגעהויבן צו מוסרן. 33 אָבער ער האָט זיך
אויסגעדרייט, און קוקנדיק אויף זיינע תּלמידים, האָט ער
אויסגעמוסרט פּעטרוסן, און געזאָגט: קער אָפּ פון מיר שָׂטָן!
וואָרים דיך אַרט ניט, וואָס איז שַייך גאָט, נייערט וואָס איז שַייך
מענטשן.
34 און ער האָט צו זיך גערופן דאָס פאַלק אינאיינעם מיט זיינע
תּלמידים, און האָט צו זיי געזאָגט: וויל מיר ווער נאָכגיין, זאָל ער זיך
אַליין פאַרלייקענען, און נעמען אויף זיך זיין צלָב, און מיר נאָכגיין.
35 וואָרים ווער סע וויל מַציל זיין זיין לעבן, וועט עס פאַרלירן; און
ווער סע וועט פאַרלירן זיין לעבן פון מיינעטוועגן און צוליב דער
בשׂורה, וועט עס מַציל זיין. 36 וואָרים וואָס נוצט עס דעם מענטשן,
ווען ער זאָל געווינען די גאַנצע וועלט, און פאַרלירן זיין לעבן?
37 אָדער וואָס פאַר אַן אויסלייז קאָן אַ מענטש געבן פאַר זיין לעבן?
38 וואָרים ווער עס וועט זיך שעמען מיט מיר און מיט מיינע רייד אין
דעם דאָזיקן נוֹאֵפדיקן און זינדיקן דוֹר, וועט דער בֶּן־אָדָם זיך אויך
שעמען מיט אים, בעת ער וועט קומען אין דער הערלעכקייט פון זיין
פאָטער מיט די הייליקע מַלאָכים.
ט און ער האָט צו זיי געזאָגט: באֶמת, איך זאָג אייך, פאַראַן עטלעכע
פון די, וואָס שטייען דאָ, וואָס וועלן ניט פאַרזוכן דעם טַעם פון טויט,
ביז זיי וועלן זען דאָס מַלכות פון גאָט אַנקומען מיט מאַכט.

2 און זעקס טעג שפּעטער האָט יֵשוּעַ גענומען מיט זיך פּעטרוסן, און
יַעקבֿן, און יוחָנָן, און האָט זיי אַרויפֿגעבראַכט אַליין מיט זיך אויף אַ
הויכן באַרג; און ער איז פֿאַר זיי פֿאַרענדערט געוואָרן. 3 און זיינע
מַלבושים זענען געוואָרן שטראַלנדיק, אַזוי ווייס, אַז קיין פֿאַרבער
אויף דער ערד וואָלט זיי ניט געקאָנט ווייסער מאַכן. 4 און אֵליָהו מיט
משהן האָבן זיך אַנטפּלעקט צו זיי, און האָבן גערעדט מיט יֵשוּעַן.
5 און פּעטרוס האָט זיך אָפּגערופֿן צו יֵשוּעַן רֶבּי, עס איז גוט פֿאַר
אונדז דאָ צו זיין; לאָמיר מאַכן דריי ביידלעך, איינס פֿאַר דיר, און
איינס פֿאַר משהן, און איינס פֿאַר אֵליָהון. 6 וואָרים ער האָט ניט
געוואוסט, וואָס צו זאָגן, אַזוי דערשראָקן זענען זיי געווען. 7 און
געקומען איז אַ וואָלקן, און האָט זיי פֿאַרשאָטנט, און אַ קול איז אַרויס
פֿון דעם וואָלקן: דאָס איז מיין געליבטער זון; אים זאָלט איר הערן.
8 און אַז זיי האָבן זיך פּלוצים אַרומגעקוקט, האָבן זיי קיינעם ניט
געזען, אַחוץ יֵשוּעַן אַליין.
9 און בעת זיי האָבן אַראָפּגענידערט פֿון דעם באַרג, האָט ער זיי
באַפֿוילן, אַז זיי זאָלן קיינעם ניט דערציילן, וואָס זיי האָבן געזען, ביז
דער בֶּן־אָדָם וועט אויפֿשטיין תּחִיַת־הַמֵתים. 10 און זיי האָבן
אויפֿגעכאַפּט דאָס וואָרט, און האָבן זיך געיִשובֿט צווישן זיך, וואָס
תּחִיַת־הַמֵתים זאָל באַטײַטן. 11 און זיי האָבן אים געפֿרעגט: פֿאַרוואָס
זאָגן די סופֿרים, אַז קודם דאַרף קומען אֵליָהו? 12 האָט ער צו זיי
געזאָגט: אַוודאי קומט קודם אֵליָהו, און טוט אַלץ אויפֿריכטן; און ווי
סע שטייט געשריבן וועגן דעם בֶּן־אָדָם, אַז ער מוז אַ סך ליידן, און
ווערן פֿאַרשטויסן. 13 אָבער איך זאָג אייך, אַז אֵליָהו איז שוין
געקומען, און זיי האָבן מיט אים געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט, אַזוי
ווי סע שטייט געשריבן וועגן אים.
14 און בעת זיי זענען געקומען צו די תּלמידים, האָבן זיי געזען אַ
גרויסן עולם אַרום זיי, און סופֿרים האָבן זיך מיט זיי מתוַכּח געווען.
15 און אַז די מענטשן האָבן אים דערזען, זענען זיי נִשתּומם געוואָרן,
און האָבן זיך אַ לאָז געטאַן צו אים, און אים אָפּגעגעבן שָלום. 16 און
ער האָט זיי געפֿרעגט: וועגן וואָס זענט איר זיך מתוַכּח מיט זיי?
17 און איינער פֿון דעם פֿאָלק האָט אים געענטפֿערט: רֶבּי, איך האָב
געבראַכט צו דיר מיין זון, וואָס האָט אַ שטומען גייסט; 18 און וואו
נאָר ער כאַפּט אים אָן, וואַרפֿט ער אים אַהין און אַהער; און ער
שוימט און קריצט מיט די ציין, און ווערט פֿאַרשטאַרט; און איך האָב
געזאָגט צו דיינע תּלמידים, אַז זיי זאָלן אים אַרויסטרייַבן, אָבער
זיי זענען ניט געווען בִּיכולת. 19 און ער האָט זיי געענטפֿערט:
אָ אומגלויביקער דור, ווי לאַנג נאָך זאָל איך זיין מיט אייך?

ווי לאַנג נאָך זאַל איך אייך פאַרטראָגן? ברענגט אים אַהער צו מיר. 20 און
זיי האָבן אים געבראַכט צו אים; און ווי ער האָט אים דערזען, האָט דער
גייסט פּלוצים גענומען אים רייסן; און ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער
ערד, און האָט זיך שוימענדיק געוואַלגערט. 21 און ער האָט געפרעגט זיין
פאָטער: ווי לאַנג איז עס, זינט דאָס איז צו אים געקומען? האָט ער געזאָגט:
פון קינדווייַז אָן. 22 און אָפט וואַרפט ער אים אין פייער און אין וואַסער
אַריין, כדי אים אומצוברענגען. אָבער אויב דו קענסט עפּעס טאָן, האָב אויף
אונדז רַחמָנות, און העלף אונדז. 23 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: אויב דו
קענסט? – אַלץ איז מעגלעך פאַר דעם, וואָס גלויבט. 24 און תֵּיכּף האָט דער
פאָטער פון דעם ייִנגל אויסגעשריגן, און געזאָגט: איך גלויב; העלף מיין
אומגלויבן! 25 און ווען יֵשוּעַ האָט געזען, אַז דאָס פאָלק לויפט זיך צונויף,
האָט ער אָנגעשריגן אויף דעם אומריינעם גייסט, און צו אים געזאָגט: דו
שטומער און טויבער גייסט, איך באַפעל דיר, זאָלסט אַרויס פון אים, און
מער קיינמאָל אין אים ניט אַרייַנגיין. 26 און נאָך אַ סך שרייַעניש, און גרויס
רייַסעניש, איז ער פון אים אַרויס; און דאָס ייִנגל איז געוואָרן ווי אַ מֵת,
אַזוי, אַז אַ סך האָבן געזאָגט: ער איז געשטאָרבן. 27 אָבער יֵשוּעַ האָט אים
אָנגענומען ביי דער האַנט, און האָט אים אויפגעהויבן, און ער איז
אויפגעשטאַנען. 28 און ווען ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין הויז אַריין, האָבן
אים זיינע תַּלמידים געפרעגט, בעת זיי זענען געווען אַליין: פאַרוואָס האָבן
מיר אים ניט געקענט אַרויסטרייַבן? 29 האָט ער צו זיי געזאָגט: דער
דאָזיקער מִין גייט ניט אַרויס, סיידן דורך תּפִילה און תעניתים.
30 און זיי זענען פון דאָרטן אַוועק, און זענען דורכגעגאַנגען דורך גָליל; און
ער האָט ניט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל עס וויסן. 31 וואָרים ער האָט
געלערנט זיינע תַּלמידים, און צו זיי געזאָגט: דער בֶּן־אָדָם וועט
איבערגעענטפערט ווערן אין די הענט פון מענטשן, און זיי וועלן אים
טייטן; און דריי טעג נאָכן טויט וועט ער ווידער אויפשטיין. 32 אָבער זיי
האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט, און האָבן מוֹרא געהאַט אים
צו פרעגן.
33 און זיי זענען געקומען קיין כּפַר־נַחוּם; און בעת ער איז נעווען אין הויז,
האָט ער זיי געפרעגט: וועגן וואָס האָט איר אייך געאַמפּערט אויפן וועג?
34 אָבער זיי האָבן געשוויגן; ווייל אויפן וועג האָט איינער מיטן אַנדערן זיך
געאַמפּערט, ווער עס איז דער גרעסטער צווישן זיי. 35 און ער האָט זיך
אַנידערגעזעצט, און גערופן די צוועלף, און האָט צו זיי געזאָגט: דער, וואָס
וויל זיין דער ערשטער, זאָל זיין דער לעצטער פון אַלע, און אַ באַדינער פון
אַלע. 36 און ער האָט גענומען אַ קינד, און האָט עס אַוועקגעשטעלט אין
זייער מיט; און נעמענדיק עס אין זיינע אָרעמס, האָט ער צו זיי געזאָגט:
37 ווער סע וועט אויפנעמען אַזאַ קינד אין מיין נאָמען, טוט מיך

אויפנעמען; און ווער סע נעמט מיך אויף, נעמט אויף ניט מיך, נייערט
אים, וואָס האָט מיך געשיקט.
38 האָט יוֹחָנָן צו אים געזאָגט: רֶבּי, מיר האָבן געזען איינעם
אַרויסטרייַבן בייזע גייסטער אין דיין נאָמען; און מיר האָבן אים
פאַרווערט, וואָרים ער איז אונדז ניט נאָכגעגאַנגען. 39 און יֵשוּעַ האָט
געזאָגט: פאַרווערט אים ניט; וואָרים קיינער קאָן ניט טאָן קיין
וואונדער אין מיין נאָמען, און באַלד רעדן שלעכטס אויף מיר.
40 וואָרים דער, וואָס איז ניט קעגן אונדז, איז פאַר אונדז. 41 וואָרים
ווער סע וועט אייך געבן צו טרינקען אַ בעכער וואַסער, מַחֲמת איר
געהערט צום מָשִיחַ, באֶמת, איך זאָג אייך, ער וועט ניט אָנווערן זיין
שׂכַר. 42 און ווער סע וועט מאַכן שטרויכלען איינעם פון די דאָזיקע
קליינע, וואָס גלויבן אין מיר, פאַר דעם וואָלט בעסער געווען, אַז אַ
גרויסער מִילשטיין וואָלט אָנגעהאָנגען געוואָרן אויף זיין האָלדז, און
ער וואָלט אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין יַם אַריין.
43 און אויב דיין האַנט מאַכט דיך שטרויכלען, האַק זי אָפ; עס איז
בעסער פאַר דיר אַרייַנצוקומען אין לעבן געמומט, איידער מיט דיינע
ביידע הענט אַרייַנגעוואָרפן צו ווערן אין גיהֶנום, אין דעם
אומפאַרלעשלעכן פייער, 44 וואו זייער וואָרעם שטאַרבט ניט און
דאָס פייער ווערט ניט פאַרלאָשן.[1] 45 און אויב דיין פוס מאַכט דיך
שטרויכלען, האַק אים אָפ; עס איז בעסער פאַר דיר אַרייַנצוקומען אין
לעבן לאָם, איידער מיט ביידע פיס אַרייַנגעוואָרפן צו ווערן אין גיהֶנום,
46 וואו זייער וואָרעם שטאַרבט ניט, און דאָס פייער ווערט ניט
פאַרלאָשן. 47 און אויב דיין אויג מאַכט דיך שטרויכלען, רייס עס
אַרויס; עס איז בעסער פאַר דיר אַרייַנצוקומען אין דעם מַלכות פון
גאָט מיט איין אויג, איידער מיט ביידע אויגן אַרייַנגעוואָרפן צו ווערן
אין גהֶינום, 48 וואו זייער וואָרעם שטאַרבט ניט, און דאָס פייער ווערט
ניט פאַרלאָשן. 49 וואָרים יעדער איינער וועט געזאַלצן ווערן מיט
פייער. 50 זאַלץ איז גוט; אויב אָבער זאָלץ פאַרלירט דעם טַעם, מיט
וואָס וועט איר עס ווירצן? האָט זאַלץ אין זיך, און לעבט בשָלום
איינער מיטן אַנדערן.
י און ער איז אויפגעשטאַנען פון דאָרטן, און איז געקומען אין די
געמאַרקן פון יהודה און עֵבר־הַיַרדן, און אַ גרויסער הַמוֹן מענטשן
האָט זיך ווידער אַרום אים פאַרזאַמלט. און ווי זיין שטייגער, האָט ער
ווידער מיט זיי געלערנט.
2 און פרושים האָבן גענעענט, און כדי אים צו פרואוון, האָבן זיי אים
געפרעגט: צי מעג

[1] ישעיה סו, 24.

אַ מאַן זיך גֶטן מיט זיין ווייב? 3 האָט ער זיי געענטפערט: וואָס האָט
אייך מֹשה געבאָטן? 4 האָבן זיי געזאָגט: מֹשה האָט אונדז דערלויבט
צו שרייבן אַ גֶט, און זי אַוועקשיקן.[1] 5 אָבער יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט:
צוליב אייער האַרטהאַרציקייט האָט ער אייך פאָרגעשריבן דאָס דאָזיקע
געבאָט. 6 אָבער אין אָנהייב פון דער באַשאַפונג האָט זיי גאָט באַשאַפן
זָכר און נקֵבה.[2] 7 דעריבער זאָל אַ מאַן פאַרלאָזן זיין פאָטער און
מוטער, און זיך באַהעפטן אָן זיין ווייב, 8 און ביידע זאָלן ווערן איין
לייַב. אַזוי זענען זיי שוין מער ניט צוויי, נייערט איין לייַב.[3] 9 דעריבער,
וואָס גאָט האָט באַהאָפטן, זאָל אַ מענטש ניט פונאַנדערשיידן.
10 און אין הויז האָבן אים די תַּלמידים ווידער געפרעגט וועגן דעם
דאָזיקן ענין. 11 און ער האָט צו זיי געזאָגט: ווער סע גֶט זיך מיט זיין
ווייב, און האָט חַתונה מיט אַן אַנדערער, איז אַ נוֹאף. 12 און אויב זי
גופא גֶט זיך מיט איר מאַן, און האָט חַתונה מיט אַן אַנדערן, איז זי אַ
נוֹאֶפטע.
13 און זיי האָבן צו אים געבראַכט קינדער, כדי ער זאָל זיי אָנרירן;
אָבער די תַּלמידים האָבן זיך אויף זיי אָנגעבייזערט. 14 און אַז יֵשוּעַ
האָט דאָס געזען, האָט עס אים פאַרדראָסן, און ער האָט צו זיי געזאָגט:
לאָזט די קינדער קומען צו מיר, און פאַרווערט זיי ניט; ווייל צו
אַזעלכע געהערט דאָס מַלכות פון גאָט. 15 באֶמת, איך זאָג אייך, ווער
סע וועט ניט מקַבל זיין דאָס מַלכות פון גאָט ווי אַ קינד, דער וועט
דערין ניט אַרייַנקומען. 16 און ער האָט זיי גענומען אין זיינע אָרעמס,
און האָט זיי געבענטשט, און אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף זיי.
17 און בעת ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, איז צו אים צוגעלאָפן
איינער, וואָס איז פאַר אים געפאַלן אויפן פָּנים, און האָט אים
געפרעגט: רֶבי גוטער, וואָס זאָל איך טאָן, כדי צו יַרשענען אייביק
לעבן? 18 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָס רופסטו מיך
גוטער? קיינער איז ניט גוט, הוץ גאָט אַליין. 19 דו קענסט די מִצוות: דו
זאָלסט ניט טייטן, דו זאָלסט ניט מזַנה זיין, דו זאָלסט ניט גַנבענען, דו
זאָלסט ניט פאַלש עֵדות זאָגן, דו זאַלסט ניט באַרויבן, גיב אָפּ כָּבוד דיין
פאָטער און מוטער.[4] 20 און ער האָט צו אים געזאָגט: רֶבי דאָס אַלץ
האָב איך אָפּגעהיט פון מיין יוגנט אַן. 21 און יֵשוּעַ האָט אים
אָנגעקוקט, און אים ליב באַקומען, און האָט צו אים געזאָגט: איין זאַך
פעלט דיר נאָך; גיי, פאַרקויף

---

[1] דברים כד, 1-4. [2] בראשית א, 27; ה, 2. [3] בראשית ב, 24. [4] שמות כ, 12-14; דברים ה, 16-18.

וואָס דו פֿאַרמאָגסט, און גיב עס די אָרעמע, וועסטו האָבן אַן אוֹצר אין
הימל. און קום, און גיי מיר נאָך. 22 ביי די רייד האָט זיך זיין פָּנים
פֿאַרכמאַרעט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער, מַחמת ער
האָט געהאַט אַ סַך גִיטער.
23 און יֵשוּעַ האָט זיך אַרומגעקוקט, און געזאָגט צו זיינע תַּלמידים: ווי
שווער איז פֿאַר די, וואָס האָבן עַשִירות, אַריינצוקומען אין דעם מַלכות
פֿון גאָט! 24 און די תַּלמידים האָבן זיך געחִידושט איבער זיינע רייד.
און יֵשוּעַ האָט זיך ווידער אָפּגערופֿן, און צו זיי געזאָגט: קינדער, ווי
שווער איז פֿאַר די, וואָס פֿאַרזיכערן זיך אין עַשִירות, אַריינצוקומען
אין דעם מַלכות פֿון גאָט! 25 עס איז לייַכטער פֿאַר אַ קעמל דורכצוגיין
דורך אַ לעכל פֿון אַ נאָדל, ווי פֿאַר אַן עוֹשר אַריינצוקומען אין דעם
מַלכות פֿון גאָט. 26 און זיי זענען שטאַרק נִשתּוֹמם געוואָרן, און האָבן
צו אים געזאָגט: טאָ ווער קאָן נִיצול ווערן? 27 און יֵשוּעַ האָט אויף זיי
געקוקט, און געזאָגט: ביי מענטשן איז עס אוממעגלעך, אָבער ניט ביי
גאָט; וואָרים אַלץ איז מעגלעך ביי גאָט. 28 האָט פּעטרוס גענומען צו
אים זאָגן: זע, מיר האָבן אַלץ פֿאַרלאָזט, און זענען דיר נאָכגעגאַנגען,
29 האָט יֵשוּעַ געזאָגט: באֱמת, איך זאָג אייך, ניטאָ קיינער, וואָס האָט
פֿאַרלאָזט הויז, אָדער ברידער, אָדער שוועסטער, אָדער מוטער, אָדער
פֿאָטער, אָדער קינדער, אָדער פֿעלדער, פֿון מייַנעטוועגן און צוליב
דער בשׂוֹרה טובה, 30 וואָס וועט ניט באַקומען הונדערט מאָל מער אין
דער איצטיקער צייט, הייזער, און ברידער, און שוועסטער, און
מוטערס, און קינדער, און פֿעלדער, אינאיינעם מיט רדִיפֿות, און אויף
יענער וועלט, אייביק לעבן. 31 אָבער אַ סַך, וואָס זענען ערשטע, וועלן
זיין לעצטע, און די לעצטע – ערשטע.
32 און זיי זענען געווען אין וועג, און זענען אַרויפֿגעגאַנגען קיין
ירושָלַיִם, און יֵשוּעַ איז געגאַנגען פֿאָרויס פֿאַר זיי; און זיי זענען
געווען פֿאַרחִידושט, און די, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען, האָבן מוֹרא
געהאַט. און ער האָט ווידער גענומען די צוועלף, און האָט זיי
אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָס מיט אים וועט זיך טרעפֿן; 33 און ער
האָט געזאָגט: זעט, מיר גייען אַרויף קיין ירושָלַיִם; און דער בֶּן־אָדָם
וועט איבערגעענטפֿערט ווערן צו די ראָשי־כֹּהֲנים און די סוֹפֿרים, און
זיי וועלן אים פֿאַרמִשפּטן צום טויט, און אים איבערענטפֿערן צו די
גוֹיים. 34 און זיי וועלן אים פֿאַרשפּאָטן, און שפּייען אויף אים, און
אים שמייסן, און טייטן; און אויפֿן דריטן טאָג וועט ער ווידער
אויפֿשטיין.

35 און יַעקֹב און יוֹחָנָן, זַבדיס זין, זענען צוגעגאַנגען צו אים, און האָבן
געזאָגט: רֶבּי, מיר ווילן, אַז דו זאָלסט פאַר אונדז טאָן, וואָס מיר וועלן
דיך בעטן. 36 האָט ער צו זיי געזאָגט: וואָס ווילט איר, אַז איך זאָל טאָן
פאַר אייך? 37 האָבן זיי צו אים געזאָגט: באַוויליק אונדז צו זיצן, איינער
צו דיין רעכטער, און איינער צו דיין לינקער האַנט, אין דיין
הערלעכקייט. 38 אָבער יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: איר ווייסט ניט וואָס
איר ווילט. צי קאָנט איר טרינקען דעם כּוֹס, וואָס איך טרינק אָדער
געטוֹבלט צו ווערן מיט דער טבִילה, וואָס איך ווער געטוֹבלט? 39 האָבן
זיי צו אים געזאָגט: מיר קענען. און יֵשוּעַ האָת צו זיי געזאָגט: דעם כּוֹס,
וואָס איך טרינק, וועט איר טרינקען; און מיט דער טבִילה, וואָס איך
ווער געטוֹבלט, וועט איר אויך געטוֹבלט ווערן; 40 אָבער זיצן צו מיין
רעכטער אָדער לינקער האַנט, איז ניט מיינס צו געבן, דאָס איז פאַר די,
פאַר וועמען עס איז אָנגעברייט געוואָרן; 41 און אַז די צען האָבן דאָס
געהערט, האָט עס זיי פאַרדראָסן אויף יַעקֹבן און יוֹחָנָן. 42 און יֵשוּעַ
האָט זיי צוגערופן צו זיך, און געזאָגט: ווייסן ווייסט איר, אַז די שָׂרים
פון די גוֹיים הערשן איבער זיי, און זייערע גדוֹלים געוועלטיקן איבער
זיי. 43 ניט אַזוי זאָל עס אָבער זיין צווישן אייך; נייערט ווער סע וויל
ווערן גרויס צווישן אייך, זאָל זיין אייער באַדינער, 44 און ווער סע וויל
זיין ערשט צווישן אייך, זאָל זיין אייער אַלעמענס קנעכט. 45 וואָרים דער
בֶּן־אָדָם איז אויך ניט געקומען באַדינט צו ווערן, נייערט צו באַדינען,
און צו געבן זיין לעבן אַן אויסלייז פאַר אַ סך.
46 און זיי זענען געקומען קיין יִריחוֹ; און בעת ער האָת פאַרלאָזט יִריחוֹ
מיט זיינע תַּלמידים און מיט אַ גרויסן הַמוֹן מענטשן, איז טִימַיס זון,
בַּרטִימַי, אַ בלינדער בעטלער, געזעסן ביים וועג. 47 און ווען ער האָט
געהערט, אַז עס איז יֵשוּעַ הַנוֹצרי, וואָס גייט פאַרביי, האָט ער
אנגעהוֹיבן צו שרייען: יֵשוּעַ, בֶּן־דָוִד, האָב רַחמָנות אויף מיר! 48 און אַ
סַך האָבן זיך אויף אים אָנגעבייזערט, ער זאָל שווייגן. אָבער ער האָט
נאָך העכער געשריגן: בֶּן־דָוִד, האָב רַחמָנות אויף מיר! 49 און יֵשוּעַ האָט
זיך אַפּגעשטעלט, און געזאָגט: רופט אים צו; און זיי האָבן גערופן דעם
בלינדן, און צו אים געזאָגט: זיי געטרייסט; שטיי אויף, ער רופט דיך.
50 און ער האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין מאַנטל, און איז אויפגעשפּרונגען,
און האָט גענעענט צו יֵשוּעַן. 51 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: וואָס
ווילסטו, אַז איך זאַל טאָן פאַר דיר? און דער בלינדער האָט צו אים
געזאָגט: רִבּוֹני, כ׳וויל מיין ראִיה! 52 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגת:
גיי, דיין אֶמוּנה האָט דיר געהאָלפן. און באותו־רֶגע האָט ער צוריק
באַקומען זיין ראִיה, און איז אים נאָכגעגאַנגען אויפן וועג.

יא און בעת זיי האָבן גענעענט קיין ירושָלַיִם, קיין בֵּית־פַּגֵי און בֵּית־
הִינִי, ביים הַר־הַזֵיתים, האָט ער געשיקט צוויי פון זיינע תַּלמידים, 2 און
צו זיי געזאָגט: גייט אין דאָרף אַריין אָנטקעגנאיבער אייך. און תֵּיכּף
ווי איר וועט אַרייַנקומען, וועט איר געפינען צוגעבונדן אַ יונג אייזל,
אויף וועלכן קיינער איז נאָך ניט געזעסן; בינדט עס אָפּ, און ברענגט
עס אַהער. 3 און אויב עמיצער וועט צו אייך זאָגן: פאַרוואָס טוט איר
דאָס? זאָלט איר זאָגן: דער האַר דאַרף עס האָבן, און ער וועט עס
תֵּיכּוף צוריקשיקן. 4 און זיי זענען געגאַנגען, און האָבן געפונען אַ יונג
אייזל צוגעבונדן ביי אַ טיר אין דרויסן ביים וועג; און זיי האָבן עס
אָפּגעבונדן. 5 און עטלעכע פון די, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, האָבן
צו זיי געזאָגט: וואָס טוט איר, וואָס איר בינדט אָפּ דאָס אייזעלע?
6 און זיי האָבן צו זיי געזאָגט, וואָס יֵשוּעַ האָט זיי געהייסן; און זיי
האָבן זיי געלאָזט גיין. 7 און זיי האָבן געבראַכט דאָס אייזל צו יֵשוּעַן,
און האָבן דערויף אַרויפגעלייגט זייערע מַלבּושים, און ער האָט זיך
אויף זיי אַרויפגעזעצט. 8 און אַ סַך האָבן אויסגעשפּרייט זייערע
מַלבּושים אויפן וועג, און אַנדערע צווייגן, וואָס זיי האָבן אָפּגעשניטן
אויף די פעלדער. 9 און די, וואָס זענען געגאַנגען פאָרויס, און די, וואָס
זענען נאָכגעגאַנגען, האָבן געשריגן: הוֹשַע־נָא! בָּרוּך הַבָּא אין דעם
נאָמען פון גאָט! 10 געבענטשט איז דאָס מַלכות פון אונדזער פאָטער
דָוִד, וואָס טוט קומען! הוֹשַע־נָא אין דער הייך!
11 און ער איז אַרייַנגעקומען קיין ירושָלַיִם, און איז געגאַנגען אין בֵּית־
הַמִקדש אַריין, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויף אַלץ אַרומגעקוקט,
און מַחמת עס איז שוין געווען שפּעט, איז ער אַרויסגעגאַנגען קיין
בֵּית־הִינִי מיט די צוועלף.
12 און אויף מאָרגן, בעת זיי זענען אַרויסגעקומען פון בֵּית־הִינִי, איז ער
געווען הונגעריק. 13 און זעענדיק פון דערווייַטנס אַ פייַגנבוים מיט
בלעטער, איז ער צוגעגאַנגען זען, אֶפשר וועט ער אויף אים עפּעס
געפינען. און אַז ער האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער גאָרניט
געפונען, אַחוץ בלעטער; וואָרים עס איז נאָך ניט געווען די צייט פון
פייגן. 14 און ער האָט צו אים געזאָגט: זאָל שוין קיינער מער קיינמאָל
ניט עסן קיין פֵּירות פון דיר. און זיינע תַּלמידים האָבן עס געהערט.
15 און זיי זענען געקומען קיין ירושָלַיִם. און ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין
דעם בֵּית־הַמִקדש אַריין, און האָט גענומען אַרויסטרייַבן די, וואָס האָבן
פאַרקויפט און געקויפט אין בֵּית־הַמִקדש, און האָט איבערגעקערט די
טישן פון די חַלפָנים, און די בענק פון די טויבן־פאַרקויפער. 16 און ער
האָט קיינעם ניט געלאָזט דורכטראָגן קיין כֵּלי דורך דעם בֵּית־הַמִקדש.
17 און ער האָט געלערנט, און צו זיי געזאָגט: שטייט דען ניט געשריבן:
מיין הויז זאָל גערופן ווערן אַ הויז פון תפִילה

פאַר אַלע אומות? איר אַבער האָט עס געמאַכט אַ הייל פון גזלָנים.[1]
18 און די ראָשי־כֹּהנים און די סוֹפרים האָבן דאָס געהערט, און זיי
האבן געזוכט וויאַזוי אים אומצוברענגען; וואָרים זיי האָבן פאַר אים
מוֹרא געהאַט, מַחמת דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געחידושט איבער
זיין לערנונג. 19 און יעדן אָוונט איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דער
שטאָט. 20 און ווען זיי זענען פאַרבייַגעגאַנגען אין דער פרי, האָבן זיי
געזען, אַז דער פייַגנבוים איז פאַרוועלקט געוואָרן ביז די וואָרצלען.
21 און פּעטרוס האָט זיך דערמאָנט, און צו אים געזאָגט: רַבּי, זע! דער
פייַגנבוים, וואָס דו האָסט פאַרשאָלטן, איז פאַרוועלקט געוואָרן. 22 און
יֵשוּעַ האָט געענטפערט, און צו זיי געזאָגט: האָט אֶמונה אין גאָט.
23 באֶמת, איך זאָג אייך, ווער סע וועט זאָגן צו דעם דאָזיקן באַרג:
הייב דיך אויף און וואַרף דיך אין יַם אַריין, און ער וועט ניט צווייפלען
אין זיין האַרץ, נייערט וועט גלויבן אין דעם, וואָס ער זאָגט, וועט עס
געשען פאַר אים. 24 דעריבער זאָג איך אייך, אַלץ, וואָס איר וועט
בעטן און פאַרלאַנגען, גלויבט אַז איר האָט עס שוין, און איר וועט עס
האָבן. 25 און ווען איר שטעלט זיך מִתפַּלל צו זיין, זייט מוֹחל, אויב
איר האָט עפּעס קעגן עמיצן, כדי אייער פאָטער אין הימל זאָל אויך
אייך מוֹחל זיין אייערע חַטָאים. 26 אָבער אויב איר וועט ניט מוֹחל זיין,
וועט אייער פאָטער אין הימל אויך אייערע חַטָאים ניט מוֹחל זיין.
27 און זיי זענען ווידער געקומען קיין ירושָלַיִם. און בעת ער איז
אַרומגעגאַנגען אין דעם בֵּית־הַמִקדש, זענען צו אים צוגעגאַנגען די
ראָשי־כֹּהנים, און די סוֹפרים, און די זקֵנים, 28 און זיי האָבן צו אים
געזאָגט: מיט וועמעס רשות טוסטו דאָס אַלץ? און ווער האָט דיר
געגעבן רשות, דאָס דאָזיקע צו טאָן? 29 און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט:
איך וויל אייך אויך פרעגן אַ קַשיא; נו, ענטפערט מיר, און איך וועל
אייך זאָגן מיט וועמעס רשות איך טו דאָס אַלץ. 30 איז די טבילה פון
יוֹחָנָן געוועזן פון הימל, אָדער פון מענטשן? נו, ענטפערט מיר. 31 און
זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דֵעה, און געזאָגט: אויב מיר וועלן
זאָגן: פון הימל, וועט ער זאָגן: פאַרוואָס האָט איר אים ניט
געגלויבט? 32 וועלן מיר אָבער זאָגן: פון מענטשן – האָבן זיי מוֹרא
געהאַט פאַרן פאָלק, וואָרים אַלע האָבן געהאַלטן יוֹחָנָן פאַר אַן אֶמֶתן
נָביא. 33 און זיי האָבן געענטפערט יֵשוּעַן: מיר ווייסן ניט. האָט יֵשוּעַ
צו זיי געזאָגט: אויב אַזוי, זאָג איך אייך אויך ניט מיט וועמעס רשות
איך טו דאָס.

[1] ישעיה נו, 7; ירמיה ז, 11.

יב און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו זיי מיט מְשָלים. אַ מענטש האָט
געפלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן, און האָט אים אַרומגעצאַמט, און אויסגעגראָבן
אַ קעלטער, און געבויט אַ טורעם, און ער האָט אים פאַרדונגען צו
ווייַנגערטנער, און איז אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד אַריין. 2 און צו דער
רעכטער צייט, האָט ער געשיקט צו די ווייַנגערטנער אַ קנעכט, כּדי
אָפּצונעמען בּיי די ווייַנגערטנער די פֵּירות פון דעם ווייַנגאָרטן. 3 און זיי
האָבן אים גענומען, און האָבן אים געשלאָגן, און אים אַוועקגעשיקט
ליידיק. 4 און ער האָט נאָכאַמאָל צו זיי געשיקט אַן אַנדערן קנעכט; און
דעם האָבן זיי צעניזוקט דעם קאָפּ, און אים געמיין בּאַהאַנדלט. 5 און ער
האָט געשיקט אַן אַנדערן, און דעם האָבן זיי געהַרגעט; און אַזוי אויך
מיט אַ סַך אַנדערע, עטלעכע האָבן זיי צעשלאָגן, און עטלעכע געהַרגעט.
6 און ער האָט נאָך געהאַט אַ בּאַליבּטן בֶּן־יָחיד; אים האָט ער צום סוף צו
זיי געשיקט, און גטזאָגט: זיי וועלן דֶרֶך־אֶרֶץ האָבן פאַר מיין זון. 7 אָבער
יענע ווייַנגערטנער האָבן צווישן זיך געזאָגט: דאָס איז דער יוֹרֵש; קומט,
לאָמיר אים הַרגענען,און די ירושה וועט זיין אונדזערע! 8 און זיי האָבן
אים גענומען, און אים געהַרגעט, און האָבן אים אַרויסגעוואָרפן פון דעם
ווייַנגאָרטן. 9 בּכֵן, וואָס וועט דער האַר פון דעם ווייַנגאָרטן טאָן? ער
וועט קומען און אומבּרענגען די ווייַנגרטנער, און געבן דעם ווייַנגאָרטן
צו אַנדערע. 10 האָט איר ניט געלייענט דעם דאָזיקן פָּסוק:
דער שטיין, וואָס די בּוימייַסטער האָבן פאַרוואָרפן,
איז געוואָרן צום ווינקלשטיין;
11 פון גאָט איז דאָס געשען,
און עס איז וואונדערלעך אין אונדזערע אויגן?[1]
12 און זיי האָבן געזוכט אים צו כאַפּן, אָבער זיי האָבן מוֹרא געהאַט פאַרן
פאָלק, וואָרים זיי האָבן זיך מְשַער געווען, אַז דאָס מָשל האָט ער גערעדט
קעגן זיי; און זיי האָבן אים פאַרלאָזט און זענען אַוועקגעגאַנגען.
13 און זיי האָבן צו אים געשיקט עטלעכע פון די פּרושים מיט די הורדוס־
לייַט, כּדי אים צו כאַפּן בּיים רעדן. 14 און זיי זענען געקומען, און האָבן
צו אים געזאָגט: רֶבּי, מיר ווייסן, אַז דו בּיסט וואָרהאַפטיק, און דיך אַרט
ניט קיינער; וואָרים דו בּיסט קיינעם ניט נוֹשׂא־פָּנים, נייערט לערנסט
בּאֶמת דעם וועג פון גאָט. דאַרף מען געבן שטייער דעם קֵיסר, אָדער ניט?
15 זאָלן מיר געבן, אָדער ניט געבן? ער אָבער האָט דערקענט זייער
חַניפה, און האָט צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס פּרוּווט איר מיך אויס?
בּרענגט מיר אַ דינר, כּדי איך זאָל אים זען. 16 און אַז זיי האָבן אים
געבראַכט, האָט ער צו זיי געזאָגט: וועמעס איז דאָס דאָזיקע בּילד און די
אויפשריפט? און זיי האָבן צו אים געזאָגט:

[1] תהלים קיח, 22, 23.

דעם קֵיסרס. 17 האָט יֵשוּעַ צוּ זיי געזאָגט: גיט דעם קֵיסר דאָס, וואָס
איז דעם קֵיסרס, און צוּ גאָט דאָס, וואָס איז גאָטס. און זיי האָבּן זיך
איבּער אים שטאַרק געחִידושט.
18 און עס זענען צוּ אים געקוּמען צדוקים, וואָס זאָגן, אַז ס'איז ניטאָ
קיין תּחִיַת־הַמֵתים; און זיי האָבּן אים געפרעגט, אַזוי צוּ זאָגן: 19 רֶבּי,
מֹשה האָט אוּנדז פאָרגעשריבּן, אַז אויבּ סע שטאָרבּט איינעמס אַ
בּרוּדער, און לאָזט איבּער נאָך זיך אַ ווייבּ, אָבּער קיין קינד לאָזט ער
ניט, אַזוי זאָל זיין בּרוּדער נעמען זיין ווייבּ און אויפשטעלן זאָמען פאַר
זיין בּרוּדער.[1] 20 עס זענען געווען זיבּן בּרידער; און דער ערשטער האָט
גענוּמען אַ ווייבּ, און אַז ער איז געשטאָרבּן, האָט ער ניט געלאָזט קיין
זאָמען. 21 און דער צווייטער האָט זי גענוּמען, און איז געשטאָרבּן, און
האָט ניט געלאָזט נאָך זיך קיין זאָמען; און אַזוי אויך דער דריטער.
22 און די זיבּן האָבּן ניט געלאָזט קיין זאָמען. און צוּם סוֹף, נאָך אַלע,
איז אויך די פרוי געשטאָרבּן. 23 בּכֵן, בּיי תּחִיַת־הַמֵתים, וועמעס ווייבּ
וועט זי זיין? וואָרים אַלע זיבּן האָבּן זי געהאַט פאַר אַ ווייבּ.
24 און יֵשוּעַ האָט צוּ זיי געזאָגט: מאַכט איר ניט אֶפשר אַ טָעות צוּליבּ
דעם, וואָס איר קענט ניט די תּוֹרה, און ניט די מאַכט פוּן גאָט?
25 וואָרים בּיי תּחִיַת־הַמֵתים האָט מען ניט חַתוּנה, און מע טוּט אויך ניט
חַתוּנה מאַכן, נייערט זיי זענען ווי די מַלאָכים אין הימל. 26 און וואָס
איז שַייך תּכִיַת־הַמֵתים, האָט איר ניט געלייענט אין תּוֹרַת־מֹשה, אין
דעם אַרט בּנוֹגֵע דעם סנֶה, ווי גאָט האָט צוּ אים גערעדט, אַזוי צוּ
זאָגן: איך בּין דער גאָט פוּן אַבְרָהם, און דער גאָט פוּן יִצחָק, און דער
גאָט פוּן יַעקֹב.[2] 27 ער איז ניט דער גאָט פוּן טויטע, נייערט פוּן
לעבּעדיקע; איר זענט זיך שטאַרק טוֹעה.
28 און איינער פוּן די סוֹפרים, וואָס האָט זיך צוּגעהערט צוּ זייער
וויכּוּח, האָט געזעענט, און ווייל ער האָט געוואוּסט, אַז ער האָט זיי
גוּט געענטפערט, האָט ער אים געפרעגט: וואָס איז די ערשטע פוּן
אַלע מִצוות? 29 האָט יֵשוּעַ געענטפערט: די ערשטע מִצווה איז: שְמַע
יִשׂרָאֵל, יהוָֹה אֱלֹהֵינוּ, יהוָֹה אֶחָד; 30 און דוּ זאָלסט ליבּ האָבּן גאָט דיין
האַר מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער נשָמה, און מיט דיין
גאַנצן פאַרשטאַנד, און מיט דיין גאַנצן כּוֹח.[3] 31 און די צווייטע איז
די: דוּ זאָלסט ליבּ האָבּן דיין חַבר ווי דיך אַליין.[4]

[1] דברים כה, 5, 6. [2] שמות ג, 2, 6. [3] דברים ו, 4, 5. [4] ויקרא יט, 18.

ניטאָ קיין גרעסערע מִצווה ווי די דאָזיקע. 32 און דער סופֿר האָט צו אים
געזאָגט: אֶמת, רֶבי, דו האָסט ריכטיק געזאָגט, גאָט איז איינער, און אַז
עס איז ניטאָ קיין אַנדערער אַחוץ אים; 33 און אים ליב האָבן מיטן גאַנצן
האַרצן, און מיטן גאַנצן פֿאַרשטאַנד, און מיטן גאַנצן כּוח, און ליב האָבן
דעם חַבֿר ווי זיך אַליין, איז אַ סַך מער ווי אַלע עולות און זבָחים. 34 און
בעת יֵשוּעַ האָט געזען, אַז ער האָט שֵׂכֶלדיק געענטפֿערט, האָט ער צו
אים געזאָגט: דו ביסט ניט ווייט פֿון דעם מַלכות פֿון גאָט. און מער האָט
זיך שוין קיינער ניט דערלויבט אים צו שטעלן קיין קַשיא.
35 און בעת יֵשוּעַ האָט געלערנט אין דעם בֵּית־הַמִקדש, האָט ער זיך
אָפּגערופֿן, און געזאָגט: ווי קומט עס, וואָס די סופֿרים זאָגן, אַז דער
מָשִיחַ איז דער בֶּן־דָוִד? 36 דָוִד אַליין האָט געזאָגט דורך דעם רוּחַ־
הַקודֶש:

גאָט האָט געזאָגט צו מיין האָר:
זעץ דיך בײַ מיין רעכטער האַנט,
ביז איך וועל מאַכן דיינע פֿיינט פֿאַר דיין פֿוסבענקל.[1]

37 בכֵן, אויב דָוִד אַליין רופֿט אים אָן האַר, וויאַזוי איז ער זיין זון? און
דאָס רוב פֿון דעם פֿאָלק האָט זיך צו אים צוגעהערט מיט חֵשֶק.
38 און אין זיין לערנונג האָט ער געזאָגט: היט אייך פֿאַר די סופֿרים, וואָס
האָבן ליב צו גיין אין לאַנגע טַלֵיתים, און מע זאָל זיי אָפּגעבן שָלום אין
די מאַרקפּלעצער, 39 און די חָשובֿסטע שטאָט אין די שולן, און דעם
אויבן־אָן אויף סעודות; 40 זיי, וואָס שלינגען איין די הייזער פֿון
אַלמָנות, און טוען כּלומרשט דאַווענען לאַנג – זיי וועלן שוין קריגן אַ
האַרבערן פּסַק.
41 און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט קעגנאיבער דער שאַצקאַמער, און
האָט געזען ווי דאָס פֿאָלק וואַרפֿט אַריין געלט אין דעם שאַצקאַסטן. און
אַ סַך רייכע האָבן פֿיל אַרייַנגעוואָרפֿן. 42 און עס איז געקומען אַן אָרעמע
אַלמָנה, און זי האָט אָרייַנגעוואָרפֿן צוויי מַטבֵעות, וואָס באַטרעפֿן אַ
פּרוטה. 43 און ער האָט גערופֿן צו זיך זיינע תַּלמידים, און האָט צו זיי
געזאָגט: באֶמת, איך זאָג אייך, די דאָזיקע אָרעמע אַלמָנה האָט מער
אַרייַנגעוואָרפֿן ווי די אַלע, וואָס האָבן אין דעם שאַצקאַסטן
אַרייַנגעוואָרפֿן. 44 וואָרים זיי אַלע האָבן געטאָן אַרייַנוואַרפֿן פֿון דעם,
וואָס זיי האָבן געהאַט איבעריק, אָבער זי האָט געהאַט, איר גאַנצע
מִחיָה.
יג און בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם בֵּית־הַמִקדש, האָט איינער
פֿון זיינע תַּלמידים צו אים געזאָגט: רֶבי, זע, וואָסערע מִינים שטיינער,
און וואָסערע מִינים בִּנָיָנים! 2 און

[1] תהלים קי, 1.

יֵשוּעַ האָט צוּ אים געזאָגט: דוּ זעסט די דאָזיקע גרויסע בּנינים? סע
וועט דאָ ניט איבּערבּלײַבּן אַ שטיין אויף אַן אַנדערן, וואָס וועט ניט
אַראָפּגעוואָרפן ווערן.
3 און בּעת ער איז געזעסן אויף דעם הַר־הַזֵיתים, אַנטקעגנאיבּער דעם
בֵּית־הַמִקדש, האָבּן פּעטרוּס און יַעקֹב און יוֹחָנָן און אַנדריי אים
געפרעגט, בּעת זיי זענען געווען אַליין: 4 זאַג אוּנדז, ווען וועט דאָס
געשען, און וואָס איז דער סִימן, אַז דאָס אַלץ וועט מקוּים ווערן?
5 און יֵשוּעַ האָט זיך אָפּגערוּפן, און צוּ זיי געזאָגט: גיט אַכטוּנג, אַז
קיינער זאָל אייך ניט פאַרפירן. 6 אַ סַך וועלן קוּמען אין מיין נאָמען,
און זאָגן: איך בּין עס! און וועלן אַ סַך פאַרפירן. 7 און בּעת איר וועט
הערן פוּן מִלחָמות און שמוּעות פוּן מִלחָמות, איז שרעקט אייך ניט;
וואָרים דאָס אַלץ מוּז געשען, אָבּער דער קֶץ איז דאָס נאָך ניט.
8 וואָרים אוּמה וועט אויפשטיין קעגן אוּמה, און מלוּכה קעגן מלוּכה;
און אין פאַרשידענע ערטער וועלן זיין ערדציטערנישן, און
הוּנגערנויט; אָבּער דאָס אַלץ איז בּלויז דער אָנהייבּ פוּן ווייֵען.
9 גיט אָבּער אַכטוּנג אויף זיך; ווייל זיי וועלן אייך איבּערענטפערן צוּם
סַנהֶדרין; און אייך שמייסן אין די שוּלן, און פאַר מוֹשלים און מְלָכים
וועט איר שטיין פוּן מיינעטוועגן, פאַר אַן עֵדות צוּ זיי. 10 און די
בּשׂוּרה מוּז קוֹדם געדַרשנט ווערן פאַר אַלע אוּמות. 11 און בּעת זיי
וועלן אייך פירן צוּם מִשפּט, און אייך איבּערענטפערן, זאָלט איר
פריער ניט דאַגהן וואָס איר זאָלט רעדן; נייערט וואָס סע וועט אייך
געגעבּן ווערן אין יענער שָעה, דאָס רעדט; וואָרים ניט איר זענט עס,
וואָס רעדן, נייערט דער רוּחַ־הַקוֹדֶש. 12 און בּרוּדער וועט בּרוּדער
איבּערענטפערן צוּם טויט, און פאָטער זיין קינד, און קינדער וועלן
אויפשטיין קעגן עלטערן, און גוֹרם זיין, זיי זאָלן געטייט ווערן. 13 און
איר וועט זיין פאַרהאַסט פוּן אַלעמען פוּן מיין נאָמען־וועגן; אָבּער
דער,וואָס וועט אויסהאַלטן בּיזן סוֹף, וועט נִיצול ווערן.
14 און בּעֵת איר וועט זען די אוּמווערדיקייט פוּן דער פאַרוויסטוּנג
שטיין, וואוּ זי בּאַדאַרף ניט שטיין[1] (זאָל דער, לייענער פאַרשטין),
דעמאָלט זאָלן די, וואָס זענען אין יהוּדה, אַנטרינען אין די בּערג.
15 זאָל דער, וואָס איז אויפן דאַך, ניט אַראָפּגיין, און אַריינגיין עפּעס
אַרויסצוּנעמען פוּן זיין הויז; 16 און זאָל דער, וואָס איז אין פעלד, זיך
ניט אוּמקערן צוּ נעמען זיין מאַנטל. 17 אָבּער וויי איז צוּ די וואָס זענען
מעוּבֶּרֶת, און וואָס גיבּן צוּ זייגן

[1] דניאל ט, 27; יא, 31; יב, 11.

אין יענע טעג! 18 און זייט מִתפַּלֵל, אַז דאָס זאָל ניט זיין אין ווינטער.
19 וואָרים יענע טעג וועלן זיין אַ צָרה, אַזאַ, וואָס איר גלייַכן איז ניט
געווען זינט דעם אָנהייב פון באַשאַף, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, ביז
איצט, און וועט אויך מער ניט זיין. 20 און וואָלט גאָט ניט פאַרקירצט
די טעג, וואָלט קיין שום בָּשׂר־וָדָם ניט נִיצול געוואָרן; נייערט צוליב
די אויסדערוויילטע, וועמען ער האָט אויסדערוויילט, האָט ער
פאַרקירצט די טעג. 21 אויב סע וועט דעמאָלט עמיצער צו אייך זאָגן:
אָט איז דער מָשִיחַ! אָדער: דאָרטן איז ער! זאָלט איר עס ניט גלויבן.
22 וואָרים סע וועלן אויפשטיין פאַלשע מְשִיחים, און פאַלשע נבִיאים,
און זיי וועלן באַווייַזן צייכנס און וואונדער, כדי צו פאַרפירן, אויב
מעגלעך, אַפילו די סאַמע אויסדערוויילטע. 23 איר אָבער גיט אַכטונג;
זעט, איך האָב אייך אַלץ פאָרויסגעזאָגט.
24 אָבער אין יענע טעג, נאָך יענער צָרה, וועט די זון פינצטער ווערן,
און די לבָנה וועט ניט געבן איר ליכט, 25 און די שטערן וועלן פאַלן
פון הימל, און די חַיָלות פון הימל וועלן אויפגעטרייַסלט ווערן. 26 און
דעמאָלט וועלן זיי זען דעם בֶּן־אָדָם קומען אויף די וואָלקנס מיט
גבורה און גרויס כָּבוד. 27 און דעמאָלט וועט ער אַרויסשיקן זיינע
מַלאָכים, און צונויפזאַמלען זיינע אויסדערוויילטע פון די פיר ווינטן,
פון עק ערד ביז עק הימל.
28 און לערנט פון דעם פייַגנבוים זיין מָשל: בעת זיין צווייג ווערט
זאָפטיק, און גיט אַרויס בלעטער, דעמאָלט ווייסט איר, אַז זומער איז
נאָענט. 29 אַזוי אויך איר, ווען איר וועט זען אַז דאָס האַלט ביים
קומען, טאָ ווייסט, אַז ער איז נאָענט ביי דער טיר. 30 באֶמת, איך זאָג
אייך, דער דאָזיקער דור וועט ניט פאַרגיין, ביז דאָס אַלץ וועט געשען.
31 הימל און ערד וועלן פאַרגיין, אָבער מיינע רייד וועלן ניט פאַרגיין.
32 נאָר פאַן יענעם טאָג, אָדער יענער שָעה ווייסט קיינער ניט, ניט
אַפילו די מַלאָכים אין הימל, אויך ניט דער זון, נייערט נאָר דער
פאָטער.
33 גיט אַכטונג, וואַכט און זייט מִתפַּלֵל; וואָרים איר ווייסט ניט, ווען
די צייט קומט אָן. 34 עס איז געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס איז אַוועק
אין אַן אַנדער לאַנד אַריין, און וואָס האָט איבערגעלאָזט זיין הויז אין
רשות פון זיינע קנעכט, יעדן איינעם זיין אַרבעט, און

האָט באַפוילן דעם שומר צו שטיין אויף דער וואַך. 35 דעריבער
וואַכט, וואָרים איר ווייסט ניט, ווען דער בעל־הבית וועט קומען,
צי אין אָוונט, אָדער ביינאַכט, אָדער ווען דער האָן וועט קרייען,
אָדער אין דער פרי; 36 טאָמער וועט ער פּלוצים אָנקומען און אייך
געפינען שלאָפנדיק. 37 און וואָס איך זאָג אייך, זאָג איך צו אַלעמען:
וואַכט!

יד און עס איז געווען צוויי טעג פאַר פּסח און חג־המצות. און די
ראָשי־כהנים און די סופרים האָבן געזוכט וויאַזוי אים צו כאַפּן מיט
כיטרעקייט, און אים טייטן. 2 אָבער זיי האָבן געזאָגט: ניט אום יום־
טוב, כדי סע זאָל ניט אַרויסרופן אַ מהומה צווישן דעם פאָלק.
3 און בשעת ער איז געווען אין בית־היני, און איז געזעסן ביים טיש אין
דעם הויז פון שמעון דעם מצורע, איז געקומען אַ פרוי, וואָס האָט
געהאַט אַן אַלאַבאַסטער קריגל מיט זייער טייערן זאַלבאייל פון ריינער
נאַרד; און זי האָט צעבראָכן דאָס קריגל, און עס אויסגעגאָסן אויף זיין
קאָפּ. 4 און דאָרטן זענען געווען עטלעכע, וואָס האָבן געזאָגט מיט
פאַרדראָס: הלמאי די דאָזיקע אויסברענגונג פון דעם זאַלבאייל? 5 מע
האָט דאָך דעם זאַלבאייל געקענט פאַרקויפן פאַר מער ווי דריי
הונדערט דינרים, און עס געבן צו די אָרעמעלייט; און זיי האָבן
געמורמלט קעגן איר. 6 אָבער ישוע האָט געזאָגט: לאָזט זי געמאַך;
פאַרוואָס זענט איר זי מצער? זי האָט מיט מיר געטאָן אַ חסד.
7 וואָרים די אָרעמעלייט האָט איר תמיד מיט זיך, און ווען נאָר איר
ווילט, קאָנט איר זיי טאָן גוטס; מיך אָבער וועט איר תמיד ניט האָבן.
8 זי האָט געטאָן וואָס זי האָט געקאָנט; זי האָט געזאַלבט מיין לייַב
פאָרויס צו קבורה. 9 און באמת, איך זאָג אייך, וואו נאָר די בשורה־
טובה וועט געדרשנט ווערן אין דער גאַנצער וועלט, וועט אויך דאָס,
וואָס זי האָט געטאָן, דערציילט ווערן איר צום אָנדענק.
10 און יהודה איש־קריות, איינער פון די צוועלף, איז אַוועקגעגאַנגען
צו די ראָשי־כהנים, כדי אים צו פאַרראָטן צו זיי. 11 און אַז זיי האָבן
דאָס געהערט, זענען זיי געוואָרן מלא־שמחה, און האָבן אים
צוגעזאָגט צו געבן געלט. און ער האָט געזוכט אַ פּאַסיקע געלעגנהייט
אים צו פאַרראָטן.
12 און אין דעם ערשטן טאָג פון חג־המצות, בעת מע שעכט דעם
קרבן־פּסח, האָבן זיינע תלמידים צו אים געזאָגט: וואו ווילסטו, אַז
מיר זאָלן גיין און אָנברייטן, כדי דו זאָלסט קענען עסן דעם קרבן־
פּסח? 13 און ער האָט געשיקט צוויי פון זיינע תלמידים, און האָט צו
זיי געזאָגט: גייט

אין דער שטאָט אַריין, און דאָרט וועט אייך באַגעגענען אַ מענטש, וואָס
טראָגט אַ קרוג מיט וואַסער; גייט אים נאָך. 14 און וואו ער וועט אַרייַנגיין,
זאָלט איר זאָגן צום בַּעל־הַבַּיִת: דער רֶבּי לאָזט דיר זאָגן: וואו איז מיין
גאַסט־צימער, וואו איך זאָל עסן דעם קָרבּן־פֶּסַח מיט מיינע תַּלמידים?
15 און ער וועט אייך ווייזן אַ גרויסע אויבערשטע שטוב, אַ פאַרטיק
אָנגעבּרייטע; און דאָרטן גרייט צו פאַר אונדז. 16 און די תַּלמידים זענען
געגאַנגען, און זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט אַריין, און האָבּן געפונען
אַזוי ווי ער האָט געזאָגט; און זיי האָבּן אָנגעבּרייט דעם קָרבּן־פֶּסַח.
17 און אַז עס איז געוואָרן אָוונט, איז ער געקומען צוגיין מיט די צוועלף.
18 און בּעת זיי זענען געזעסן און האָבּן געגעסן, האָט יֵשוּעַ געזאָגט: איך
זאָג אייך, איינער פון אייך וועט מיך פאַרראָטן, טאַקע דער, וואָס עסט
מיט מיר. 19 און זיי האָבּן זיך שטאַרק מצַער געווען, און איינער נאָכן
אַנדערן האָט גענומען צו אים זאָגן: בּין איך דאָס? 20 און ער האָט צו זיי
געזאָגט: איינער פון די צוועלף, דער, וואָס טונקט איין מיט מיר אין דער
שיסל. 21 יאָ, דער בֶּן־אָדָם גייט אַוועק, אַזוי ווי סע שטייט געשריבּן וועגן
אים; אָבּער וויי צו יענעם מענטשן דורך וועמען דער בֶּן־אָדָם ווערט
פאַרראָטן. בּעסער וואָלט פאַר יענעם מענטשן געווען, אויבּ ער וואָלט ניט
געבּוירן געוואָרן.
22 און בּשַעת זיי האָבּן געגעסן, האָט ער גענומען מַצה, און האָט אַ בּרָכה
געמאַכט, און זי צעבּראָכן און זיי געגעבּן, און געזאָגט: נעמט; דאָס איז
מיין לייַבּ. 23 און ער האָט גענומען אַ כּוס, און האָט אַ בּרָכה געמאַכט, און
אים זיי געגעבּן, און זיי האָבּן אַלע פון אים געטרונקען. 24 און ער האָט צו
זיי געזאָגט: דאָס איז מיין בּלוט פון דעם נייעם בּונד,[1] וואָס ווערט
פאַרגאָסן פאַר אַ סך. 25 בּאֱמת, איך זאָג אייך: איך וועל מער ניט טרינקען
פון דער פרוכט פון דעם ווייַנשטאָק, בּיז יענעם טאָג, ווען איך וועל אים
טרינקען אויפסנייַ אין דעם מַלכות פון גאָט.
26 און אַז זיי האָבּן אָפּגעזונגען הַלֵל, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען צו דעם הַר־
הַזֵיתים. 27 און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: איר אַלע וועט געשטרויכלט
ווערן, וואָרים סע שטייט געשריבּן:
איך וועל שלאָגן דעם פאַסטוך,
און די שאָף וועלן צעשפּרייט ווערן.[2]
28 אַבּער נאָך מיין אויפשטיין, וועל איך אייך פאָרויסגיין קיין גָליל.
29 האָט פעטרוס צו אים געזאָגט: אויבּ אַפילו אַלע זאָלן געשטרויכלט
ווערן, וועל איך דאָך ניט. 30 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: בּאֱמת, איך
זאָג דיר, אַז הייַנטיקע נאַכט נאָך, איידער דער האָן וועט צוויי מאָל קרייֵען,
וועסטו מיך דריי מאָל פאַרלייקענען. 31 אַבּער ער האָט גערעדט אַ
צעפלאַמטער: אויבּ אַפילו איך מוז שטאַרבּן מיט

[1] ירמיה לא, 30. [2] זכריה יג, 7.

דיר, וועל איך דיך דאָך ניט פאַרלייקענען. און אַזוי האָבן זיי אַלע
געזאָגט.
32 און זיי זענען געקומען אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט געהייסן גַת־שְׁמָנֵי;
און ער האָט געזאָגט צו זיינע תַּלמידים: זעצט אייך דאָ אַנידער, בעת איך
בּין מִתפַּלֵל. 33 און ער האָט מיט זיך גענומען פּעטרוסן, און יַעקבן, און
יוֹחָנָן, און ער האָט אָנגעהויבּן זיך מצַער צו זיין, און איז געווען שטאַרק
טרויעריק. 34 און ער האָט צו זיי געזאָגט: אויף מיין נשָמה איז מיר זייער
בּיטער, אַזש צום טויט; בּלייבּט דאָ, און וואַכט. 35 און ער איז
אַפּגעגאַנגען אָבּיסל ווייטער, און איז געפאַלן אויף דער ערד, און האָט
מִתפַּלֵל געווען, אַז אויבּ מעגלעך, זאָל די שָעה אים פאַראיבּערגיין.
36 און ער האָט געזאָגט: אַבָּא, פאָטער, אַלץ איז מעגלעך בּיי דיר; נעם
צו דעם דאָזיקן כּוס פון מיר; דאָך ניט ווי איך וויל, נייערט ווי דו ווילסט.
37 און ער איז געקומען און האָט זיי געפונען שלאָפנדיק, און ער האָט
געזאָגט צו פּעטרוסן: שִמעון, דו שלאָפסט? האָסטו ניט געקאָנט וואַכן
איין שָעה? 38 וואַכט און זייט מִתפַּלֵל, כּדי איר זאָלט ניט קומען צו קיין
נסָיון. דער גייסט איז טאַקע ווילִיק, אָבּער דאָס פלייש איז שוואַך. 39 און
ער איז ווידער אַוועקגעגאַנגען און האָט מִתפַּלֵל געווען, און האָט
איבּערגעחַזרט די זעלבּע ווערטער. 40 און ער איז ווידער געקומען, און
האָט זיי געפונען שלאָפנדיק, וואָרים זייערע אויגן זענען געווען שווער;
און זיי האָבן ניט געוואוּסט וואָס אים צו ענטפערן. 41 און ער איז
געקומען צום דריטן מאָל, און האָט צו זיי געזאָגט: טוט איר נאָך אַלץ
שלאָפן און רוען? עס איז גענוג; די שָעה איז געקומען; זעט, דער בֶּן־
אָדָם ווערט איבּערגעענטפערט אין די הענט פון די זינדיקע. 42 שטייט
אויף, לאָמיר גיין; אָט קומט מיין מָסור אָן.
43 און תֵּיכף, בּשַעת ער האָט נאָך גערעדט, איז אָנגעקומען יהודה, איינער
פון די צוועלף, און מיט אים אַ גרויסער הַמון מיט שווערדן און מיט
שטעקנס, פון די ראָשי־כֹּהַנים, און די סופרים, און די זקֵנים. 44 און דער
מָסור האָט זיי געגעבּן אַ סִימן, און געזאָגט: וועמען איך וועל אַ קוש
טאָן, דער איז עס; נעמט אים, און פירט אים אַ זיכערן אַוועק. 45 און אַז
ער איז געקומען, איז ער גלייך צו אים צוגעגאַנגען, און געזאָגט: רֶבּי!
און האָט אים געקושט. 46 און זיי האָבן אַרויפגעלייגט זייערע הענט אויף
אים, און האָבן אים גענומען. 47 אָבּער איינער פון די, וואָס זענען דערבּיי
געשטאַנען, האָט אַרויסגעצויגן זיין שווערד, און האָט געשלאָגן דעם
כֹּהן־גָדוֹלס קנעכט, און אים אָפּגעהאַקט אַן אויער. 48 און יֵשוּעַ האָט צו
זיי געזאָגט: זענט איר אַרויסגעקומען ווי קעגן אַ גַזלן, מיט שווערדן און
שטעקנס מיך צו כאַפּן? 49 טאָג־טעגלעך בּין איך געווען מיט אייך אין
בֵּית־הַמִקדש און האָבּ געלערנט, און איר האָט מיך ניט גענומען.

אָבער די כּתבי־הַקוֹדש מוזן אויף אַזאַ אוֹפן מקוים ווערן. 50 און זיי
האָבן אים אַלע פאַרלאָזט און זענען אַנטרונען.
51 און איינער אַ יונגערמאַן איז אים נאָכגעגאַנגען, וואָס האָט געטראָגן
אַ לײַוונט געוואַנט איבערן נאַקעטן לײַב, און אים האָבן זיי געכאַפּט;
52 אָבער ער האָט געלאָזן דאָס לײַוונט, און געוואַנט איז אַנטרונען אַ
נאַקעטער.
53 און זיי האָבן יֵשוּעַן אַוועקגעפירט צום כּהן־גָדול; און סע האָבן זיך
בײַ אים פאַרזאַמלט אַלע ראָשי־כּהַנים, און די זקֵנים, און די סוֹפרים.
54 און פּעטרוס איז אים נאָכגעגאַנגען פון דערווײַטן, ביז אינעווייניק
אין הויף אַרײַן פון דעם כּהן־גָדול; און ער האָט זיך געזעצט מיט די
באַדינער, און האָט זיך געוואַרעמט בײַם פײַער. 55 און די ראָשי־כּהַנים
און דער גאַנצער סַנהֶדרין האָבן געזוכט עֵדות קעגן יֵשוּעַן, כּדי אים צו
טייטן; און האָבן ניט געפונען. 56 וואָרים אַ סַך האָבן קעגן אים פאַלש
עֵדות געזאָגט, אָבער זייער עֵדות־זאָגן האָט ניט געשטימט. 57 און
עטלעכע זענען אויפגעשטאַנען, וואָס האָבן אָפּגעלייגט פאַלש עֵדות
קעגן אים, און האָבן געזאָגט: 58 מיר האָבן אים געהערט זאָגן: איך
וועל חָרוּב מאַכן דעם דאָזיקן הֵיכל, וואָס איז געמאַכט מיט הענט, און
אין דרײַ טעג וועל איך אויפבויען אַן אַנדערן, וואָס איז ניט געמאַכט
מיט קיין הענט. 59 און אַפילו אין דעם האָט זייער עֵדות־זאָגן ניט
געשטימט. 60 און דער כּהן־גָדול איז אויפגעשטאַנען צווישן זיי, און
האָט געפרעגט יֵשוּעַן: דו ענטפערסט גאָרניט? וואָס מיינט דאָס, וואָס
די דאָזיקע זאָגן עֵדות קעגן דיר? 61 אָבער ער האָט געשוויגן, און האָט
גאָרניט געענטפערט. און דער כּהן־גָדול האָט אים ווידער געפרעגט:
ביסטו דער מָשיחַ, דער זון פון דעם געבענטשטן? 62 און יֵשוּעַ האָט
געזאָגט: איך בין; און זען וועט איר דעם בֶּן־אָדָם זיצן בײַ דער רעכטער
האַנט פון דער גבוּרה, און קומען מיט די וואָלקנס פון הימל. 63 און
דער כּהן־גָדול האָט צעריסן זײַנע בגָדים, און געזאָגט: צו וואָס דאַרפן
מיר נאָך עֵדות? 64 איר האָט געהערט די לעסטערונג; וואָס איז
אײַער דֵעה? און זיי האָבן אים אַלע פאַרמִשפּט: ער איז חַייב־מִיתה.
65 און עטלעכע האָבן גענומען אויף אים שפּײַען, און אים פאַרהילט
דאָס פּנים, און אים געשלאָגן מיט די פויסטן, און צו זאָגן צו אים: זאָג
נביאות! און די באַדינער האָבן אים באַגעגנט מיט קלעפּ.
66 און בשַעת פּעטרוס איז געווען אונטן אין הויף, איז צוגעגאַנגען
איינע פון די דינסטן פון דעם כּהן־גָדול; 67 און אַז זי האָט געזען
פּעטרוסן וואַרעמען זיך, האָט זי געקוקט אויף אים, און געזאָגט: דו
ביסט אויך געווען מיט יֵשוּעַ הַנוֹצרי. 68 אָבער ער האָט געלייקנט, און
געזאָגט: ניט איך וויס, ניט איך פאַרשטיי, וואָס דו זאָגסט.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען אין דעם פֿאָרהויף, און דער האָן האָט
געקריייט. 69 און די דינסט האָט אים געזען, און האָט ווידער אָנגעהויבן
זאָגן צו די, וואָס זענען געשטאַנען דערבײַ: ער איז אויך איינער פֿון
זיי. 70 אָבער ער האָט עס ווידער געלייקנט. און אין אַ ווײַלע אַרום
האָבן די, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, ווידער געזאָגט צו פּעטרוסן:
באמת, דו ביסט איינער פֿון זיי; וואָרים דו ביסט אַ גָליִלער. 71 און ער
האָט אָנגעהויבן זיך צו שעלטן און צו שווערן: איך קען ניט דעם
מענטשן פֿון וועמען איר רעדט. 72 און תּיכּף האָט דער האָן געקריייט
צום צווייטן מאָל. און פּעטרוס האָט זיך דערמאָנט דאָס וואָרט, וואָס
יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: איידער דער האָן וועט צוויי מאָל קריייען,
וועסטו מיך דריי מאָל פֿאַרלייקענען. און אַז ער האָט זיך דערין
דערמאָנט, האָט ער זיך צעוויינט.
טו און תּיכּף אין דער פֿרי האָבן די ראָשי־כֹּהֲנים, מיט די זְקֵנים און
סוֹפרים, און דער גאַנצער סַנהֶדרין זיך אַן עֵצה געהאַלטן, און זיי
האָבן געבונדן יֵשוּעַן, און האָבן אים אַוועקגעפֿירט און אים
איבערגעענטפֿערט צו פּילאַטוסן. 2 און פּילאַטוס האָט אים
געפֿרעגט: ביסטו דער מֶלך פֿון די ייִדן? האָט ער אים געענטפֿערט:
דו זאָגסט עס. 3 און די ראָשי־כֹּהֲנים האָבן אים באַשולדיקט אין אַ סַך
זאַכן. 4 און פּילאַטוס האָט אים נאָכאַמאָל געפֿרעגט: דו ענטפֿערסט
גאָרניט? זע וואָס זיי טוען דיר פֿירוואַרפֿן. 5 אָבער יֵשוּעַ האָט מער
גאָרניט געענטפֿערט, אַזוי, אַז פּילאַטוס האָט זיך געחידושט.
6 און אויף יום־טוב פֿלעגט ער זיי פֿרײַלאָזן אַ געפֿאַנגענעם, וועמען זיי
האָבן נאָר געוואָלט. 7 און דאָ איז געווען איינער, וואָס האָט געהייסן
בַּר־אַבָּא, וואָס איז געווען געפֿאַנגען מיט מוֹרדים, וואָס זענען
באַגאַנגען אַ רְציחה בעת דעם אויפֿשטאַנד. 8 און דער הָמוֹן איז
אַרויפֿגעגאַנגען און האָט אים גענומען בעטן, אַז ער זאָל טאָן ווי ער
איז געווען געוואוינט פֿאַר זיי צו טאָן. 9 און פּילאַטוס האָט זיי
געענטפֿערט: ווילט איר, אַז איך זאָל אײַך באַפֿרײַען דעם מֶלך פֿון די
ייִדן? 10 וואָרים ער האָט דערקענט, אַז די ראָשי־כֹּהֲנים האָבן אים
איבערגעענטפֿערט צוליב קִנאה. 11 אָבער די ראָשי־כֹּהֲנים האָבן
אויפֿגערייצט דעם הַמוֹן, אַז ער זאָל זיי ליבערשט באַפֿרייען
בַּר־אַבָּאן. 12 און פּילאַטוס האָט נאָכאַמאָל צו זיי געזאָגט: און וואָס
זאָל איך טאָן מיט אים, וועמען איר רופֿט: מֶלך פֿון די ייִדן? 13 האָבן
זיי ווידער אויסגעשריגן: קרייציק אים. 14 און פּילאַטוס האָט צו זיי
געזאָגט: פֿאַרוואָס, וואָסער שלעכטס האָט ער געטאָן? אָבער זיי
האָבן נאָך

שטאַרקער געשריגן: קרייציק אים. 15 און אַזוי ווי פּילאַטוס האָט געוואָלט
צוליב טאָן דעם הַמון, האָט ער זיי באַפרייט בר־אַבאָן, און יֵשוּעַן האָט ער
געלאָזט שמייַסן, און אים איבערגעענטפערט געקרייציקט צו ווערן.
16 און די זעלנער האָבן אים אַוועקגעפירט אין דעם הויף אַריין פון דעם
פּרעטאָריום, און האָבן צונויפגערופן דאָס גאַנצע חַיל. 17 און זיי האָבן אים
אָנגעטאָן אַ פּורפּור מאַנטל און האָבן אויסגעפלאָכטן אַ קרוין פון דערנער,
און האָבן זי אים אָנגעטאָן. 18 און זיי האָבן אים גענומען באַגריסן: שָלום,
מֶלך פון די ייִדן! 19 און זיי האָבן אים געשלאָגן איבערן קאָפּ מיט אַ רוט,
און געשפּיגן אויף אים, און זענען געפאַלן כּורעים, און האָבן זיך געבוקט
צו אים. 20 און נאָכדעם ווי זיי האָבן אים אָפּגעשפּעט, האָבן זיי פון אים
אַראָפּגענומען דעם פּורפּור מאַנטל, און אים אָנגעטאָן זיינע מַלבושים. און
זיי האָבן אים אַרויסגעפירט געקרייציקט צו ווערן.
21 און זיי האָבן געצוואונגען איינעם אַ פאַרבייַגייער, שִמעון פון קוריני,
וואָס איז געקומען פון פעלד, דעם פאָטער פון אַלֶכּסַנדר און רופוס, צו
טראָגן זיין צלָב. 22 און זיי האָבן אים געבראַכט צו אַ פּלאַץ, וואָס האָט
געהייסן גָלגָלתָא, דאָס הייסט: דער שאַרבן־פּלאַץ. 23 און זיי האָבן אים
געגעבן ווייַן געמישט מיט מירע; אָבער ער האָט אים ניט גענומען. 24 און
זיי האָבן אים געקרייציקט, און האָבן צווישן זיך צעטיילט זיינע מַלבושים,
וואַרפנדיק גורל אויף זיי, וואָס יעדער זאָל נעמען. 25 און עס איז געווען די
דריטע שָעה, בית זיי האָבן אים געקרייציקט. 26 און אויף דער אויפשריפט
פון זיין באַשולדיקונג איז געווען געשריבן: דער מֶלך פון די ייִדן. 27 און
צוזאַמען מיט אים האָבן זיי געקרייציקט צוויי גַזלָנים, איינעם צו זיין
רעכטער, און איינעם צו זיין לינקער האַנט. 28 און עס איז מקוים געוואָרן
דער פָּסוק, וואָס זאָגט: ער איז פאַררעכנט געוואָרן מיט פאַרברעכער.[1]
29 און די פאַרבייַגייער האָבן אים געלעסטערט, און האָבן געשאָקלט מיט
זייערע קעפּ, און געזאָגט: אָ, דו, וואָס צעשטערסט דעם הֵיכל, און טוסט
אים אויפבויען אין דריי טעג, 30 זיי דיך אַליין מַציל, און קום אַראָפּ פון
דעם צלָב. 31 און אַזוי האָבן אויך די ראָשי־כֹּהנים מיט די סופרים פון אים
אָפּגעשפּעט, און געזאָגט: אַנדערע האָט ער מַציל געווען, זיך אַליין קאָן
ער ניט מַציל זיין. 32 דער מָשִיחַ, דער מֶלך פון יִשׂרָאל איז ער! זאָל ער
איצט אַראָפּקומען פון דעם צלָב, אַז מיר זאָלן זען און גלויבן. און אויך די,
וואָס זענען מיט אים געקרייציקט געוואָרן, האָבן אים מבַזה געווען.
33 און בעת עס איז געקומען די זעקסטע שָעה, איז געוואָרן אַ פינצטערניש
איבער דעם גאַנצן לאַנד, ביז דער ניינטער שָעה. 34 און אין דער ניינטער
שָעה

[1] ישעיה נג, 12.

האָט יֵשוּעַ געשריגן מיט אַ הויך קול: אֱלָהִי, אֱלָהִי, לְמָה שְבַקתָּנִי? וואָס
באַטייַט: מיין גאָט, מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך פְאַרלאָזן? 35 און
עטלעכע פון די, וואָס זענען דערביי געשטאַנען, און האָבן עס געהערט,
האָבן געזאָגט: זע, ער רופט אֵליָהוּן. 36 און איינער איז געלאָפן, און
האָט אָנגעפילט אַ שוואָם מיט עסיק, און האָט אים אַרויפגעטאָן אויף אַ
שטעקן, און אים געגעבן צו טרינקען, און געזאָגט: לאָזט נאָר, לאָמיר
זען, צי אֵליָהוּ וועט קומען אים אַראָפּנעמען. 37 און יֵשוּעַ האָט
אַרויסגעלאָזט אַ הויך קול, און האָט אויסגעהויכט די נְשָמָה. 38 און דאָס
פָּרוֹכֶת פון דעם הֵיכל איז צעריסן געוואָרן אין צווייען, פון אויבן ביז
אַראָפּ. 39 און אַז דער הויפּטמאַן, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער אים,
האָט געזען, אַז ער האָט אויסגעהויכט די נְשָמָה, האָט ער געזאָגט: דער
דאָזיקער מענטש איז בֶאֱמֶת געווען דער בֶּן־אֱלֹהִים!
40 און דאָרט זענען אויך געווען פרויען, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט פון
דער ווייַטנס; צווישן זיי מִריָם פון מַגדָלָה, און מִריָם די מוטער פון יַעקֹב
הַקָטן, און פון יוסי, און שלוֹמית, 41 וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען, בעת
ער איז געווען אין גָליל, און האָבן אים באַדינט; און אויך אַ סך אַנדערע
פרויען, וואָס האָבן מיט אים עוֹלה־רֶגל געווען קיין ירושָלַיִם.
42 און אַז עס איז שוין געוואָרן אָוונט, און ווייל עס איז געווען דער טאָג
פון צוברייטונג, דאָס הייסט, עֶרֶב־שַבָּת, 43 האָט יוֹסף פון רָמָתַיִם, אַ
חָשובער בַעל־יוֹעץ, וואָס האָט אַליין אויך געוואַרט אויף דעם מַלכות
פון גאָט, זיך אָנגעטאָן אַ כּוֹח און איז אַרייַנגעגאַנגען צו פּילאַטוסן,
און האָט געבעטן דעם גוף פון יֵשוּעַן. 44 און פּילאַטוס האָט זיך
געחִידושט, וואָס ער איז שוין טויט, און ער האָט געלאָזט רופן דעם
הויפּטמאַן, און האָט אים געפרעגט, צי ער איז שוין לאַנג טויט. 45 און
אַז ער איז דאָס געוואָר געוואָרן פון דעם הויפּטמאַן האָט ער באַוויליקט
דעם גוף פאַר יוֹספן. 46 און ער האָט געקויפט לייַנוונטע תַּכרִיכים, און
האָט אים אַראָפּגענומען און אייַנגעוויקלט אין די תַּכרִיכים, און אים
אַרייַנגעלייגט אין אַ קֶבר, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין אַ פעלזן;
און ער האָט צוגעקייַקלט אַ שטיין צו דער טיר פון קֶבר. 47 און מִריָם
פון מַגדָלָה, און מִריָם, די מוּטער פון יוֹסין, האָבן געזען, וואוּ מע האָט
אים געלייגט.
טז און אַז דער שַבָּת איז אַריבער, האָבן מִריָם פון מַגדָלָה, און מִריָם, די
מוּטער פון יַעקֹבן און שלוֹמית, געקויפט בְשָׂמים, כּדי זיי זאָלן קענען
קומען און אים זאַלבן. 2 און זער פרי אין דעם ערשטן טאָג נאָך דעם
שַבָּת, זענען זיי געקומען צום קֶבר, בעת די זון איז אויפגעגאַנגען. 3 און
זיי האָבן איינע צו דער אַנדערער געזאָגט: ווער וועט אונדז
אַוועקקייַקלען

דעם שטיין פאַר דער טיר פון קֶבר? 4 און בעת זיי האָבן אויפגעהויבן
זייערע אויגן, האָבן זיי געזען, אַז דער שטיין איז אַוועקגעקייַקלט, הַגַם
ער איז געווען זייער גרויס. 5 און אַז זיי זענען אַרייַנגעגאַנגען אין דעם
קֶבר, האָבן זיי געזען אַ יונגנמאַן זיצן בייַ דער רעכטער זייט,
אָנגעקליידט אין אַ ווייס געוואַנט; און זיי האָבן זיך דערשראָקן.
6 אָבער ער האָט צו זיי געזאָגט: שרעקט אייך ניט; איר זוכט יֵשוּעַ
הַנָצרי, וואָס איז געקרייציקט געוואָרן. ער איז אויפגעשטאַנען, ער איז
דאָ ניטאָ; זעט דאָס אָרט, וואו זיי האָבן אים געלייגט. 7 אָבער גייט,
און זאָגט זיינע תַּלמידים און כֵּיפַאן, אַז ער גייט אייך פאָרויס קיין
גָליל; דאָרט וועט איר אים זען, ווי ער האָט אייך געזאָגט. 8 און זיי
זענען אַרויסגעגאַנגען און האָבן גענומען לויפן פון קֶבר; וואָרים אַ
ציטערניש און אַ פַּחד איז זיי באַפאַלן; און פון מורא האָבן זיי קיינעם
גאָרניט דערציילט.
9 און אַז ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי נאָך דעם ערשטן טאָג
נאָך דעם שַבָּת, האָט ער זיך קודם באַוויזן צו מִרְיָם פון מַגדָלָה, פון
וועמען ער האָט אַרויסגעטריבן זיבן בייזע גייסטער. 10 און זי איז
געגאַנגען און האָט עס דערציילט צו די, וואָס זענען מיט אים געווען,
און וואָס האָבן פאַראָבלט געוויינט. 11 און הַגַם זיי האָבן געהערט,
אַז ער לעבט, און אַז ער איז פון איר געזען געוואָרן, האָבן זיי עס ניט
געגלויבט.
12 נאָכדעם האָט ער זיך באַוויזן אין אַן אַנדער געשטאַלט צו צוויי פון
זיי, בעת זיי זענען געגאַנגען אין פעלד אַריין. 13 און זיי זענען
געגאַנגען און האָבן עס דערציילט צו די איבעריקע; און אויך זיי האָבן
זיי ניט געגלויבט.
14 און דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן צו די עלף גופא, בעת זיי זענען
געזעסן ביים טיש; און ער האָט זיי פאָרגעהאַלטן זייער אומגלויביקייט
און האַרטקייט פון האַרצן, וואָרים זיי האָבן ניט געגלויבט די, וואָס
האָבן אים געזען נאָכדעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען. 15 און ער האָט
צו זיי געזאָגט: גייט אין דער גאַנצער וועלט, און זאָגט אָן די בשׂורה
צו דער גאַנצער באַשאַפונג. 16 דער, וואָס גלויבט און ווערט געטובלט,
וועט ניצול ווערן; דער אָבער, וואָס גלויבט ניט, וועט פאַרמִשפּט
ווערן. 17 און די דאָזיקע סִימָנים וועלן באַגלייטן די, וואָס גלויבן:
אין מיין נאָמען וועלן זיי אַרויסטרייַבן בייזע גייסטער; זיי וועלן
רעדן מיט נייע לשונות; 18 זיי וועלן אויפהייבן שלאַנגען, און אויב זיי
וועלן טרינקען

סַם־הַמָּוֶת, וועט עס זיי ניט שאַטן; זיי וועלן אַרויפלייגן זייערע הענט
אויף קראַנקע, און זיי וועלן ווערן געזונט.
19 און נאָכדעם ווי דער האָר יֵשוּעַ האָט צו זיי גערעדט, איז ער
אַרויפגענומען געוואָרן אין הימל אַריין, און האָט זיך אַנידערגעזעצט
צו דער רעכטער האַנט פון גאָט. 20 און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען,
און האָבן אומעטום געדַרשנט, און דער האָר האָט געווירקט מיט זיי,
און האָט באַשטעטיקט דאָס וואָרט דורך די צייכנס, וואָס האָבן זיי
באַגלייט. אָמֵן.

די בשׂורה טובה לויט
לוּקאַס

א אַזוי ווי אַ סַך האָבּן זיך אוּנטערגענוּמען צוּ בּאַשרײַבּן די געשיכטע
פוּן יענע געשעענישן, וואָס זענען צווישן אוּנדז בּאַגלויבּט, 2 פּוּנקט ווי
זיי זענען אוּנדז איבּערגעגעבּן געוואָרן פוּן די, וואָס זענען פוּן
אָנהייבּ אָן געווען אויגן־עֵדוּת און בּאַדינער פוּן דעם וואָרט, 3 האָבּ איך
עס אויך געהאַלטן פאַר רעכט, נאָכדעם ווי איך האָבּ פוּן אָנהייבּ אָן
אַלצדינג גענוי נאָכגעפאָרשט, צוּ שרײַבּן אין אַ סֵדר דיר, אָ איידלסטער
טעאָפילוּס, 4 כּדי דוּ זאָלסט וויסן דעם אֱמת פוּן דעם, אין וואָס דוּ
בּיסט געלערנט געוואָרן.
5 עס איז געווען אין די טעג פוּן הוֹרדוס, דעם מֶלך פוּן יהוּדה, איינער
אַ כֹּהן מיטן נאָמען זכַריָה, פוּן דעם מִשמר פוּן אַבִיָה; און ער האָט
געהאַט אַ ווײַבּ פוּן די טעכטער פוּן אַהרֹן, וואָס האָט געהייסן
אֱלישֶבע. 6 און בּיידע זענען געווען צדיקים פאַר גאָט, און זענען
געגאַנגען ערלעך אין אַלע מִצוות און חוּקים פוּן גאָט. 7 אָבּער זיי האָבּן
ניט געהאַט קיין קינד, וואָרים אֱלישֶבע איז געווען אַן עַקָרה, און בּיידע
זענען געווען שוין גוּט בּאַיאָרנט.
8 און עס איז געווען, בּעת ער האָט אויסגעפירט די עַבוֹדה פאַר גאָט
אין דעם סֵדר פוּן זיין מִשמר, 9 לויט דעם מִנהג פוּן דער כּהוּנה, איז
געווען זיין גוֹרל אַרײַנצוּגיין אין דעם הֵיכל פוּן גאָט און רייכערן
קטוֹרֶת. 10 און די גאַנצע עֵדה פוּן דעם פאָלק האָט מִתפַּלֵל געווען
דרויסן אין דער שָעה פוּן קטוֹרֶת. 11 ערשט אַ מַלאך פוּן גאָט האָט זיך
בּאַוויזן צוּ אים, וואָס איז געשטאַנען אויף דער רעכטער זייט פוּן דעם
קטוֹרֶת־מִזבֵּחַ. 12 און אַז זכַריָה האָט אים דערזען, האָט ער זיך
דערשראָקן, און אַ פַּחד איז געפאַלן אויף אים. 13 אָבּער דער מַלאך
האָט צוּ אים געזאָגט: האָבּ ניט קיין מוֹרא, זכַריָה; וואָרים דיין תּפִילה
איז דערהערט געוואָרן, און דיין ווײַבּ אֱלישֶבע וועט דיר געבּערן אַ זוּן,
און דוּ זאָלסט רוּפן זיין נאָמען יוֹחָנָן. 14 פרייד און נַחת וועסטוּ פוּן
אים האָבּן; און אַ סַך וועלן זיך פרייען איבּער זיין געבּוּרט. 15 וואָרים
ער וועט זיין גרויס פאַר גאָט, און ווײַן און שטאַרקן געטראַנק וועט ער
ניט טרינקען; און ער וועט זיין פוּל מיט דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, גלייך פוּן

זיין מוּטערס טראַכט. 16 אוּן אַ סך פוּן די קינדער פוּן ישׂראל וועט ער
אוּמקערן צוּ גאָט, זייער האַר. 17 אוּן ער וועט גיין פאַר אים אין דעם גייסט
אוּן אין דער גבוּרה פוּן אֵליָהוּן, אוּמצוּקערן די הערצער פוּן די פאָטערס
צוּ די קינדער, אוּן די ווידערשפּעניקע צוּ דער פאַרשטענדיקייט פוּן די
צדיקים,[1] כּדי אוֹיפצוּשטעלן אַ צוּגעגרייט פאָלק פאַר גאָט.[2]
18 אוּן זכריָה האָט געזאָגט צוּ דעם מַלאך: ווי אַזוֹי וועל איך דאָס
דערקענען? וואָרים איך בּין אַ זָקן, אוּן מיין ווייבּ גוּט בּאַיאָרנט. 19 אוּן
דער מַלאך האָט געענטפערט, אוּן צוּ אים געזאָגט: איך בּין גַבריאֵל,[3]
וואָס שטייט פאַר גאָט, אוּן איך בּין געשיקט געוואָרן צוּ רעדן צוּ דיר, אוּן
צוּ בּרענגען דיר די דאָזיקע גוּטע בּשׂוּרה. 20 אוּן אָט וועסטוּ זיין שטוּם אוּן
ניט קענען רעדן, בּיז דעם טאָג, ווען דאָס וועט געשען, וואָרים דוּ האָסט
נית געגלוֹיבּט מיינע ווערטער, וואָס וועלן מקוּים ווערן אין זייער צייט.
21 אוּן דאָס פאָלק האָט געוואַרט אוֹיף זכריָהן, אוּן זיי האָבּן זיך
געחִידוּשט, וואָס ער זאַמט זיך אין דעם הֵיכל. 22 אוּן אַז ער איז
אַרוֹיסגעקוּמען, האָט ער ניט געקענט רעדן צוּ זיי; אוּן זיי האָבּן זיך משַער
געווען, אַז ער האָט געזען אַ חִזָיוֹן אין דעם הֵיכל; אוּן ער האָט געמאַכט
צייכנס צוּ זיי, אוּן איז פאַרבּליבּן שטוּם. 23 אוּן עס איז געווען, אַז די טעג
פוּן זיין עֲבוֹדה האָבּן זיך געענדיקט, האָט ער זיך אוּמגעקערט אַהיים.
24 אוּן נאָך די דאָזיקע טעג איז אֶלישֶבע זיין ווייבּ פאַרגאַנגען אין טראָגן,
אוּן זי האָט זיך פאַרבּאָרגן פינף חֳדָשים, אוּן האָט געזאָגט: 25 אַזוֹי האָט
גאָט געטאָן צוּ מיר אין די טעג, בּעת ער האָט אוֹיף מיר געקוּקט,
אַוועקצוּנעמען מיין חֶרפּה פוּן צווישן מענטשן.
26 אוּן אין דעם זעקסטן חוֹדש איז דער מַלאך גַבריאֵל געשיקט געוואָרן
פוּן גאָט אין אָ שטאָט פוּן גָליל, וואָס האָט געהייסן נצֶרֶת, 27 צוּ אַ
יוּנגפרוֹי, וואָס איז געווען פאַרקנַסט צוּ אַ מאַן מיטן נאָמען יוֹסף, פוּן בֵּית־
דָוִד; אוּן די יוּנגפרוֹי האָט געהייסן מִריָם. 28 אוּן ער איז צוּ איר
אַריינגעקוּמען, אוּן האָט געזאָגט: שָלוֹם דיר, דוּ לייַטזעליקע, גאָט איז
מיט דיר. 29 אָבּער זי האָט זיך זייער דערשראָקן איבּער דעם וואָרט, אוּן
האָט בּיי זיך געטראַכט, וואָסער מִין גרוּס קאָן דאָס זיין? 30 אוּן דער מַלאך
האָט צוּ איר געזאָגט: האָבּ ניט קיין מוֹרא, מִריָם, וואָרים דוּ האָסט
געפוּנען חֵן בּיי גאָט. 31 אוּן זע, דוּ וועסט מעוּבֶּרֶת ווערן, אוּן געבּערן אַ
זוּן, אוּן דוּ זאָלסט רוּפן זיין נאָמען יֵשוּעַ. 32 ער וועט זיין גרוֹיס, אוּן וועט
גערוּפן ווערן דער זוּן פוּן דעם אייבּערשטן; אוּן גאָט, דער האַר, וועט אים
געבּן דעם טראָן פוּן זיין פאָטער דָוִד; 33 אוּן ער וועט קיניגן איבּער דעם
הוֹיז פוּן יַעקֹב אוֹיף אייבּיק; אוּן צוּ זיין מלוּכה וועט ניט זיין קיין סוֹף.[4]
34 אוּן מִריָם האָט געזאָגט צוּם מַלאך: וויאַזוֹי וועט דאָס זיין,

[1] מלאכי ד, 5-6. [2] ישעיה מ, 3. [3] דניאל ח, 16; ט, 21. [4] ישעיה ט, 6-7.

אַז איך קען ניט קיין מאַן? 35 און דער מַלאך האָט צו איר געזאָגט: דער רוח־
הַקודש וועט קומען אויף דיר, און די קראַפט פון דעם אייבערשטן וועט דיך
באַדעקן;[1] דעריבער וועט אויך דאָס, וואָס וועט געבוירן, אָנגערופן ווערן
הייליק, דער בן־אֱלהִים. 36 און זע, אֶלישֶבע דיין קרובה, אויך זי איז טראָגנדיק
מיט אַ זון אויף איר עלטער; און דאָס איז דער זעקסטער חודש ביי איר, וואָס
איז גערופן געוואָרן עֲקָרה. 37 וואָרים ביי גאָט איז קיין זאַך ניט אוממעגלעך.
38 און מִריָם האָט געזאָגט: אָט בין איך, די דינסט פון גאָט; זאָל מיט מיר
געשען לויט דיין וואָרט. און דער מַלאך איז פון איר אַוועקגעגאַנגען.
39 און מִריָם איז אויפגעשטאַנען אין יענע טעג, און איז געשווינד געגאַנגען
אין דעם באַרגיקן לאַנד, צו אַ שטאָט אין יהודה; 40 און זי איז אַריינגעגאַנגען
אין דעם הויז פון זכַריָהן, און האָט באַגריסט אֶלישֶבען. 41 און עס איז געווען,
בעת אֶלישֶבע האָט געהערט די גריסונג פון מִריָמען, איז דאָס קינד
געשפרונגען אין איר לייַב; און אֶלישֶבע איז געוואָרן פול מיט דעם רוח־
הַקודש; 42 און זי האָט אויפגעהויבן איר קול מיט אַ הויך געשריי, און
געזאָגט: געבענטשט ביסטו צווישן ווייבער, און געבענטשט איז די פרוכט
פון דיין לייַב! 43 און פאַרוואָס איז דאָס מיר באַשערט, אַז די מוטער פון מיין
האַר זאָל קומען צו מיר? 44 וואָרים זע, ווי נאָר דאָס קול פון דיין באַגריסונג
האָט דערגרייכט מיינע אויערן, איז דאָס קינד געשפרונגען פון שִמחה אין
מיין לייַב. 45 און געבענטשט איז זי, וואָס האָט געגלויבט, וואָרים סע וועט
מקוים ווערן דאָס, וואָס איז צו איר גערעדט געוואָרן פון גאָט. 46 און מִריָם
האָט געזאָגט:

מיינע נְשָמה דערהייכט דעם האַר,
47 און סע פרייט זיך מיין גייסט אין גאָט, מיין גואֵל,
48 וואָרים ער האָט געקוקט אויף דער נידעריקייט פון זיין דינסט,
וואָרים זע, פון איצט אָן וועלן מיך אַלע דורות רופן געבענטשטע.
49 ווייל גרויסע זאַכן האָט דער מעכטיקער אָן מיר געטאָן; און הייליק
איז זיין נאָמען.
50 און זיין באַרעמהאַרציקייט איז אויף דור־דורות צו די, וואָס פאָרכטן
זיך פאַר אים.
51 ער האָט געוויזן גבורות מיט זיין אָרעם, און צעשפּרייט די
האָפערדיקע אין די מַחשָבות פון זייער האַרץ.
52 ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די מעכטיקע פון זייערע טראָנען, און האָט
דערהויבן די פון נידעריקן שטאַנד.
53 די הונגעריקע האָט ער אָנגעפילט מיט גוטס, און די רייכע האָט ער
אַוועקגעשיקט ליידיק.
54 געהאָלפן האָט ער זיין קנעכט יִשרָאל, און זיך געטאָן דערמאָנען זיין
באַרעמהאַרציקייט,

[1] ישעיה ז, 14.

55 ווי ער האָט גערעדט צו אונדזערע אָבֿות, צו אַבֿרָהם און צו זיין
זאָמען אויף אייביק.
56 און מִרים איז געבליבן מיט איר אַרום דריי חַדָשים, און האָט זיך
אומגעקערט אַהיים.
57 און אֶלישֶבעס צייט איז געוואָרן פול, אַז זי זאָל ליגן אין קימפּעט; און
זי האָט געבוירן אַ זון. 58 און אירע שכֵנים און קרובֿים האָבן געהערט, אַז
גאָט האָט מיט איר געטאָן גרויס חֶסֶד, און זיי האָבן זיך געפרייט מיט איר.
59 און עס איז געווען אויפן אַכטן טאָג, איז מען געקומען מַל זיין דאָס
קינד; און זיי האָבן אים געוואָלט אַ נאָמען געבן זכַריָה, נאָך זיין פאָטערס
נאָמען. 60 און זיין מוטער האָט זיך אָפּגערופן: ניין, נייערט יוחָנָן זאָל מען
אים רופן. 61 און זיי האָבן צו איר געזאָגט: קיינער ניט פון דיין מִשפָּחה
הייסט אַזוי. 62 און זיי האָבן געמאַכט צייכנס צו זיין פאָטער, ווי ער האָט
בדֵעה אים צו רופן. 63 און ער האָט פאַרלאַנגט אַ שרייַב־טאָוול, און האָט
אויפגעשריבן: זיין נאָמען איז יוחָנָן. און זיי האָבן זיך אַלע געחִידושט.
64 און זיין מויל און זיין צונג האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעמאַכט, און ער
האָט גענומען רעדן און לויבן גאָט. 65 און אַ פַּחד איז געפאַלן אויף אַלע
זייערע שכֵנים; און אין גאַנצן באַרג־לאַנד פון יהודה האָט מען גערעדט
וועגן די דאָזיקע זאַכן. 66 און אַלע, וואָס האָבן דאָס געהערט, האָבן עס זיך
גענומען צום האַרצן, און געזאָגט: וואָס וועט דאָס זיין פאַר אַ קינד?
וואָרים די האַנט פון גאָט איז געווען מיט אים.
67 און זיין פאָטער זכַריָה איז געוואָרן פול מיט דעם רוח־הַקודֶש,
און האָט נבֿיאות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: 68 געלויבט איז גאָט, דער
גאָט פון יִשׂרָאל! וואָרים ער האָט געדענקט און געשיקט אַ ישועה
פאַר זיין פאָלק, 69 און האָט אויפגעשטעלט פאַר אונדז אַ האָרן פון
ישועה אין דעם הויז פון זיין קנעכט דָוִד, 70 ווי ער האָט גערעדט
דורך דעם מויל פון זיינע הייליקע נבֿיאים פון פאַרצייטן, 71 רעטונג
פון אונדזערע שׂונאים, און פון דער האַנט פון אַלע, וואָס האָבן
אונדז פיינט. 72 צו טאָן חֶסֶד מיט אונדזערע אָבֿות, און צו געדענקען
זיין הייליקן בונד; 73 די שבועה, וואָס ער האָט געשוואוירן צו
אַבֿרָהם אָבֿינו, 74 אונדז מַציל צו זיין פון דער האַנט פון אונדזערע
שׂונאים, און דינען אים אָן פַּחד, 75 אין קדושה און גערעכטיקייט
פאַר אים אַלע אונדזערע טעג. 76 און דו, קינד, וועסט גערופן
ווערן: נָבֿיא פון דעם אייבערשטן; וואָרים דו וועסט גיין פאַר גאָט
אָנצוגרייטן זיינע וועגן,[1] 77 צו געבן פאַרשטענדיקייט פון ישועה
פאַר זיין פאָלק דורך דער פאַרגעבונג פון זייערע זינד, 78 צוליב דער
באַרעמהאַרציקייט פון אונדזער גאָט, מיט וואָס דער פרימאָרגן
וועט אויפגיין אויף אונדז פון דער הייך,

[1] ישעיה מ, 3.

79 צו לײַכטן אויף די, וואָס זיצן אין חושך און אין שאָטן פֿון טויט; צו
פֿירן אונדזערע טריט אין דעם וועג פֿון שלום.
80 און דאָס קינד איז געוואַקסן, און איז געוואָרן שטאַרק אין דעם גייסט, און
איז געווען אין מדבריות ביז דעם טאָג, ווען ער האָט זיך אַנטפּלעקט צו
ישׂראל.
ב און עס איז געווען אין יענע טעג, אַז אַ באַפֿעל איז אַרויסגעגאַנגען פֿון קיסר
אויגוסטוס, אַז די גאַנצע וועלט זאָל געציילט ווערן. 2 דאָס איז געווען די
ערשטע ציילונג, בעת קוריניוס איז געווען העגמון פֿון סיריע. 3 און אַלע זענען
געגאַנגען זיך אײַנשרײַבן, יעדער אײנער אין זײַן אײגענער שטאָט. 4 און יוסף
איז אויך אַרויפֿגעגאַנגען פֿון גליל, פֿון דער שטאָט נצרת, קיין יהודה, צו דער
שטאָט פֿון דודן, וואָס הייסט בית־לחם, וואָרים ער איז געווען פֿון דודס הויז
און משפּחה; 5 צו פֿאַרשרײַבן זיך מיט מרימען, וואָס איז געווען פֿאַרקנסט צו
אים, בעת זי איז געווען מעוברת. 6 און עס איז געווען, בעת זיי זענען דאָרט
געווען, זענען געוואָרן פֿול די טעג פֿון איר קימפּעט 7 און זי האָט געבוירן איר
זון דעם בכור, און האָט אים אײַנגעוויקלט אין ווינדעלעך, און אים
אַרײַנגעלייגט אין אַ קאָריטע, וואָרים עס איז פֿאַר זיי ניט געווען קיין פּלאַץ אין
דער אַכסניא.
8 און עס זענען געווען פּאַסטעכער אין יענער געגנט אין פֿעלד, וואָס האָבן
אַכטונג געגעבן בײַנאַכט אויף זייער סטאַדע. 9 און אַ מלאך פֿון גאָט האָט זיך
צו זיי באַוויזן, און די הערלעכקייט פֿון גאָט האָט געלויכטן אַרום זיי; און זיי
האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן; 10 און דער מלאך האָט צו זיי געזאָגט: האָט ניט
קיין מורא; וואָרים אָט ברענג איך אײַך אַ גוטע בשׂורה פֿון אַ גרויסער שׂמחה,
וואָס וועט זײַן פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק; 11 וואָרים הײַנט איז אײַך געבוירן
געוואָרן אין דער שטאָט פֿון דודן[1] אַ גואל, וואָס איז דער משיח, דער האַר.
12 און דאָס איז אַ צייכן פֿאַר אײַך: איר וועט געפֿינען אַ קינד אײַנגעוויקלט אין
ווינדעלעך, און ליגן אין אַ קאָריטע. 13 און פּלוצים איז מיט דעם מלאך געווען
אַ מחנה פֿון הימלישן חיל, וואָס האָבן געלויבט גאָט, און געזאָגט:
14 כּבֿוד צו גאָט אין דער הייך, און אויף דער ערד שלום צווישן
מענטשן, וואָס אין זיי איז זײַן וווילגעפֿעלן.
15 און עס איז געווען, ווי די מלאָכים זענען פֿון זיי אַוועק אין הימל אַרײַן,
האָבן די פּאַסטעכער געזאָגט אײנער צום אַנדערן: לאָמיר איצט גיין קיין בית־
לחם, און זען די זאַך, וואָס איז געשען, פֿון וואָס גאָט האָט אונדז צו וויסן
געטאָן. 16 און זיי זענען געקומען געשווינד, און האָבן געפֿונען מרימען און
יוספֿן, און דאָס קינד ליגן אין דער קאָריטע. 17 און אַז זיי האָבן עס געזען,
האָבן זיי באַקאַנט געמאַכט דאָס וואָרט, וואָס איז צו זיי גערעדט געוואָרן וועגן
דעם דאָזיקן קינד. 18 און אַלע, וואָס האָבן דאָס געהערט, האָבן זיך
געוואונדערט וועגן דעם,

[1] מיכה ה, 1.

וואָס די פּאַסטעכער האָבן דערציילט. 19 אָבער מִריָם האָט אָפּגעהיט די
דאָזיקע אַלע רייד, און האָט געטראַכט וועגן זיי אין איר האַרץ. 20 און די
פּאַסטעכער האָבן זיך אומגעקערט, און האָבן אָפּגעגעבן כָּבוד און
געלויבט גאָט פֿאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן געהערט און געזען, אַזוי ווי עס
איז צו זיי גערעדט געוואָרן.

21 און אַז עס זענען געוואָרן פֿול אַכט טעג אים מַל צו זיין, האָט מען אים
אַ נאָמען געגעבן יֵשוּעַ, ווי דער מַלאך האָט אים גערופֿן, איידער ער איז
אויפֿגענומען געוואָרן אין דער מוטערטראַכט.

22 און בעת עס זענען געוואָרן פֿול די טעג פֿון איר ריֵיניקונג, לויט תּורת
מֹשה,[1] האָבן זיי אים אַרויפֿגעבראַכט קיין ירושָלַיִם, אים צו שטעלן פֿאַר
גאָט[2] – 23 ווי סע שטייט געשריבן אין דער תּורה פֿון גאָט: יערער זָכר,
וואָס עפֿנט די מוטערטראַכט, זאָל גערופֿן ווערן הייליק צו גאָט – 24 און
צו גענעענען אַ קָרבן, לויט ווי סע איז געזאָגט געוואָרן אין דער תּורה פֿון
גאָט: אַ פּאָר טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן. 25 און זע, עס איז
געווען אַ מענטש אין ירושָלַיִם, וואָס האָט געהייסן שִמעוֹן, און דער
דאָזיקער מענטש איז געווען א צדיק און פֿרום, און ער האָט געוואַרט
אויף דער נחָמה פֿון יִשׂרָאל; און דער רוח־הַקוֹדֶש האָט גערוט אויף אים.
26 און אים איז אַנטפּלעקט געוואָרן דורך דעם רוח־הַקוֹדֶש, אַז ער וועט
ניט זען דעם טויט, איידער ער וועט האָבן געזען דעם מָשִיחַ פֿון גאָט.
27 און ער איז געקומען דורך דעם רוח־הקוֹדֶש אין בֵּית־הַמִקדש אַריין;
און בעת די עלטערן האָבן אַרייַנגעבראַכט דאָס קינד יֵשוּעַ, צו טאָן מיט
אים לויט דעם דִין פֿון דער תּורה, 28 האָט ער אים גענומען אין זיינע
אָרעמס, און געלויבט גאָט, און געזאָגט:

29 אַצינד טוסטו אָפּלאָזן דיין קנעכט, אָ גאָט, לויט דיין וואָרט,
בשָלום; 30 וואָרים מיינע אויגן האָבן געזען דיין ישועה, 31 וואָס
דו האָסט אָנגעברייט פֿאַר אַלע פֿעלקער; 32 אַ ליכט צו באַלייַכטן
די אומות, און דער כָּבוד פֿון דיין פֿאָלק יִשׂרָאל.[3]

33 און זיין פֿאָטער און זיין מוטער האָבן זיך געוואונדערט איבער דעם,
וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אים; 34 און שִמעוֹן האָט זיי געבענטשט,
און האָט געזאָגט צו מִרָיָמען, זיין מוטער: זע, ער איז באַשטימט פֿאַר
דעם פֿאַלן און דעם אויפֿשטיין פֿאַר אַ סַך אין יִשׂרָאל; און פֿאַר אַ צייכן,
וואָס מע וועט רעדן אַנטקעגן – 35 און אַ שווערד וועט דורכשטעכן דיין
אייגענע זעל – כּדי סע זאָלן אַנטפּלעקט ווערן די מַחשָבות פֿון אַ סַך
הערצער.

36 און עס איז געווען איינע אַ נביאה, חַנָה בַּת־פּנואֵל, פֿון שֵבֶט אָשֵר; זי
איז בעווען אין הויכן עלטער, און האָט געלעבט מיט איר מאַן זיבן יאָר
פֿון איר מיידלשאַפֿט,

[1] ויקרא יב, 2-8. [2] שמות יג, 2, 12. [3] ישעיה מב, 6.

37 און איז געווען אַן אַלמָנה פיר און אַכציק יאָר. און זי האָט ניט
אָפּגעטרעטן פון דעם בּית־הַמִקדש, און האָט געדינט גאָט מיט תַּעֲנִיתים און
תּפִילות טאָג און נאַכט. 38 און גראָד אין יענער שָעה איז זי אָנגעקומען, און
האָט גענומען לויבּן גאָט, און רעדן וועגן אים פאַר אַלע, וואָס האָבּן
געוואַרט אויף דער גאולה פון ירושָלַיִם.
39 און נאָכדעם ווי זיי האָבּן מקַיים געווען אַלצדינג, לויט דער תּורה פון
גאָט, האָבּן זיי זיך אומגעקערט קיין גָליל, צו זייער אייגענער שטאָט נצֶרת.
40 און דאָס קינד איז געוואַקסן און איז געוואָרן שטאַרק, פול מיט חָכמה,
און דער חֵן פון גאָט האָט גערוט אויף אים.
41 און זיינע עלטערן פלעגן עולה־רֶגל זיין יעדעס יאָר קיין ירושָלַיִם אויף
דעם יום־טוב פֵּסַח. 42 און ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר, האָבּן זיי
עולה־רֶגל געווען לויט דעם דִין. 43 און אַז דער יום־טוב האָט זיך געענדיקט,
און זיי האָבּן זיך אומגעקערט אַהיים, איז דאָס יִינגל יֵשוּעַ איבּערגעבּליבּן
אין ירושָלַיִם; און זיינע עלטערן האָבּן עס ניט געוואוסט. 44 און אַזוי ווי זיי
האָבּן געמיינט, אַז ער איז מיט די עולי־רֶגל, זענען זיי אָפּגעגאַנגען אַ טאָג
גאַנג, און האָבּן אים געזוכט צווישן זייערע קרובים און בּאַקאַנטע. 45 און אַז
זיי האָבּן אים ניט געפונען, האָבּן זיי זיך אומגעקערט קיין ירושָלַיִם, און
האָבּן אים געזוכט. 46 און עס איז געווען, אין דריי טעג אַרום, האָבּן זיי אים
געפונען אין בּית־הַמִקדש זיצן צווישן די תּלמידֵי־חֲכָמים, ווי ער האָט זיך
צוגעהערט און זיי געפרעגט קַשיות. 47 און אַלע, וואָס האָבּן אים געהערט,
האָבּן זיך שטאַרק געחִידושט איבּער זיין שֵׂכל און זיינע תּשובות. 48 און בּעת
זיי האָבּן אים געזען, זענען זיי נִשתּומם געוואָרן; און זיין מוטער האָט צו
אים געזאָגט: זון, פאַרוואָס האָסטו אונדז אַזוינס געטאָן? זע, דיין פאָטער
און איך האָבּן דיך געזוכט מיט צַער. 49 און ער האָט צו זיי געזאָגט: הַלמַאי
האָט איר מיך געזוכט? צי האָט איר ניט געוואוסט, אַז איך מוז זיין אין מיין
פאָטערס הויז? 50 און זיי האָבּן נית פאַרשטאַנען דאָס וואָרט, וואָס ער האָט
צו זיי גערעדט. 51 און ער האָט מיט זיי אַראָפּגענידערט, און איז געקומען
קיין נצֶרת; און ער איז זיי געווען אונטערטעניק; און זיין מוטער האָט
אָפּגעהיט די דאָזיקע אַלע רייד אין איר האַרץ.
52 און יֵשוּעַ איז געוואַקסן אין חָכמה און אין געשטאַלט, און אין חֵן בּיי גאָט
און בּיי מענטשן.
ג און אין דעם פופצנטן יאָר פון קֵיסר טיבּעריוס מלוכה, בּעת פּאָנטִיוּס
פּילאַטוס איז געווען פּראָקוראַטאָר פון יהודה, און הורדוס איז געווען
טעטראַרך פון גָליל, און זיין בּרודער פיליפּוס טעטראַרך פון דער געגנט
איטוריע און טַרכוֹנָא, און לוסאַניוס טעטראַרך פון אַבִילין, 2 בּעת חָנָן און
קַיָפָא זענען געווען כֹּהֲנים־גדולים, איז געקומען דאָס וואָרט פון גאָט צו
יוֹחָנָן בֶּן־זכַריָה

אין דער מִדבּר. 3 און ער איז געקומען אין דער גאַנצער געגנט פון
יַרדן, און האָט געדַרשנט די טבילה פון תּשובה פאַר דער פאַרגעבונג
פון זינד. 4 ווי סע שטייט געשריבן אין דעם סֵפר פון די רייד פון ישַעיָה
הַנָבִיא:

אַ קול רופט אין דער מִדבּר,
מאַכט גרייט דעם וועג פון גאָט, גלייַכט אויס זיינע שטעגן.
5 יעדער טאָל זאָל דערהויבן ווערן,
און יעדער באַרג און הייך זאָלן דערנידעריקט ווערן;
און דאָס קרומע זאָל ווערן גלייַך,
און די באַרגקייטן אַ פּלוין.
6 און אַלע לייַבער זאָלן זען די ישועה פון גאָט.[1]

7 און ער האָט דעריבּער געזאָגט צום פאָלק, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען
פון אים געטובלט צו ווערן: איר שפּראָץ פון שלאַנגען! ווער האָט
אייך געוואָרנט צו אַנטרינען פון דעם אָנקומענדיקן צאָרן? 8 בּרענגט
דעריבּער פֵּירות, וואָס זענען רָאוי פאַר תּשובה, און רעדט אייך ניט
איין; אַבֿרָהם איז אונדזער פאָטער; וואָרים איך זאָג אייך, גאָט קאָן פון
די דאָזיקע שטיינער אויפשטעלן קינדער פאַר אַבֿרָהמען. 9 און אָט
ליגט שוין די האַק בּיים וואָרצל פון די בּיימער; דעריבּער, יעדער בּוים,
וואָס בּרענגט ניט אַרויס קיין גוטע פֵּירות, ווערט אָפּגעהאַקט און
אַרייַנגעוואָרפן אין פייער אַריין.

10 און דאָס פאָלק האָט אים געפרעגט זאָגנדיק: וואָס אייגנטלעך זאָלן
מיר טאָן? 11 האָט ער געענטפערט, און צו זיי געזאָגט: דער, וואָס
האָט צוויי רעק, זאָל זיך טיילן מיט דעם, וואָס האָט גאָרניט; און דער,
וואָס האָט שפּייַז, זאָל אויך אַזוי טאָן. 12 און עס זענען אויך געקומען
מוכסים געטובלט צו ווערן, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: רֶבּי, וואָס
זאָלן מיר טאָן? 13 האָט ער צו זיי געזאָגט: פאָדערט ניט מער ווי סע
איז פאַר אייך באַשטימט. 14 און אויך זעלנער האָבן אים געפרעגט,
אַזוי צו זאָגן: און מיר, וואָס זאָלן מיר טאָן? האָט ער צו זיי געזאָגט:
איר זאָלט קיינעם ניט פּלאָגן און באַרויבן, און זייט צופרידן מיט
אייער לוין.

15 און בעת דאָס פאָלק איז געווען אין אַ שטימונג פון דערוואַרטונג,
און אַלע האָבן געטראַכט אין זייערע הערצער וועגן יוחָנָן, צי איז ער
ניט אֶפשר דער מָשיחַ, 16 האָט יוחָנָן זיי געענטפערט, און געזאָגט:

[1] ישעיה מ, 3-5.

איך טובל אײַך מיט װאַסער; סע קומט אָבער אַ שטאַרקערער פֿון מיר,
װעמען איך בין ניט רָאוי אױפֿצובינדן די רימענדלעך פֿון זײַנע שיך, ער װעט
אײַך טובֿלען מיט דעם רוח־הַקוֹדֶש און מיט פֿײַער. 17 זײַן װינטשױפֿל איז
אין זײַן האַנט, און ער װעט גוט אױסרײניקן זײַן שײַער, און אײַנזאַמלען דעם
װײץ אין זײַן שפּײַכלער אַרײַן, אָבער די פּליעװע װעט ער פֿאַרברענען מיט
אַן אומפֿאַרלעשלעכן פֿײַער.
18 און אױף אַזאַ אופֿן, און מיט אַ סך אַנדערע װאָרענונגען האָט ער
אָנגעזאָגט די גוטע בשׂורה פֿאַר דעם פֿאָלק. 19 אָבער דער טעטראַרך הורדוס,
װײַל ער איז פֿון אים געמוסרט געװאָרן צוליבֿ הורודיָה, זײַן ברודערס װײַבֿ,
און פֿאַר דעם גאַנצן רִשעות, װאָס הורדוס האָט געטאָן, 20 האָט צו דעם נאָך
צוגעגעבן דאָס, װאָס ער האָט פֿאַרשפּאַרט יוֹחָנָן אין דער תּפֿיסה.
21 און עס איז געװען, בעת דאָס גאַנצע פֿאָלק איז געטובֿלט געװאָרן, און
יֵשוּעַ איז אױך געטובֿלט געװאָרן, און האָט מִתפּלל געװען, האָט דער הימל
זיך געשפּאָלטן, 22 און דער רוח־הַקוֹדֶש האָט אַראָפּגענידערט אױף אים אין
אַ לײַבלעכער געשטאַלט, װי אַ טױבֿ, און אַ קול איז אַרױס פֿון הימל: דו
ביסט מײַן געליבטער זון; אין דיר איז מײַן װאױלגעפֿעלן.
23 און יֵשוּעַ, בעת ער האָט אָנגעהױבן זײַן שליחות, איז אַלט געװען אַרום
דרײַסיק יאָר, און ער איז געװען, װי מען האָט געמײנט, דער זון פֿון יוסף בֶּן־
עֵלי, 24 דער זון פֿון מַתָּתן, דער זון פֿון לֵוִין, דער זון פֿון מַלכִּין, דער זון פֿון
יַנַּין, דער זון פֿון יוסֵפֿן, 25 דער זון פֿון מַתִּתיָהון, דער זון פֿון אָמוֹצן, דער זון
פֿון נָחוּמען, דער זון פֿון חֶסלִין, דער זון פֿונ נַגָּין, 26 דער זון פֿון מַחַתן, דער
זון פֿון מַתִּתיָהון, דער זון פֿון שִמעִין, דער זון פֿון יוסֵפֿן, דער זון פֿון יוֹדָהן,
27 דער זון פֿון יוֹחָנָן, דער זון פֿון רֵישָאן, דער זון פֿון זרוּבָּבֿלען, דער זון פֿון
שְאַלתִּיאֵלן, דער זון פֿון נֵרין, 28 דער זון פֿון מַלכִּין, דער זון פֿון אַדִין, דער זון
פֿון קוֹסָמען, דער זון פֿון אַלמוֹדָמען, דער זון פֿון עֵרן, 29 דער זון פֿון יֵשוּעַן,
דער זון פֿון אֱלִיעֶזֶרן, דער זון פֿון יוֹרִימען, דער זון פֿון מַתָּתן, דער זון פֿון
לֵוִין, 30 דער זון פֿון שִמעוֹנען, דער זון פֿון יהוּדהן, דער זון פֿון יוסֵפֿן, דער
זון פֿון יוֹנָמען, דער זון פֿון אֶליָקימען, 31 דער זון פֿון מַליָאן, דער זון פֿון
מִינָאן, דער זון פֿון מַתַּתָהן, דער זון פֿון נָתָנען, דער זון פֿון דָוִדן, 32 דער זון
פֿון יִשַין, דער זון פֿון עוֹבֵדן, דער זון פֿון בוֹעַזן, דער זון פֿון שַלמוֹנען, דער
זון פֿון נַחשוֹנען, 33 דער זון פֿון עַמִינָדָבֿן, דער זון פֿון אַרָמען, דער זון פֿון
חֶצרוֹנען, דער זון פֿון פֶּרֶצן, דער זון פֿון יהוּדהן, 34 דער זון פֿון יַעקֹבֿן, דער
זון פֿון יִצחָקן, דער זון פֿון אַבֿרָהמען, דער זון פֿון תֶּרַחן, דער זון פֿון נָחוֹרן,
35 דער זון פֿון שְׂרוּגן, דער זון פֿון רְעוּן, דער זון פֿון פֶּלֶגן, דער זון פֿון עֵבֶֿרן,
דער זון פֿון שָלַחן, 36 דער זון פֿון קֵינָנען, דער זון פֿון אַרפַּכשַדן, דער זון פֿון
שֵמען, דער זון פֿון נֹחַן, 37 דער זון פֿון לֶמֶכן, דער זון פֿון מְתוּשֶלַחן, דער זון
פֿון חֲנוֹכן, דער זון פֿון יֶרֶדן, דער זון פֿון מַהֲלַלאֵלן, דער זון פֿון קֵינָנען,
38 דער זון פֿון אֱנוֹשן, דער זון פֿון שֵתן, דער זון פֿון אָדָמען, דער זון פֿון גאָט.

ד און יֵשוּעַ, פול מיט דעם רוח־הַקוֹדֶש, האָט זיך אומגעקערט פון
דעם יַרדן, און איז געפירט געוואָרן דורך דעם גייסט 2 פערציק טעג
אין דער מִדבר, געפּרואווט פון דעם שָׂטָן. און ער האָט גאָרניט געגעסן
אין יענע טעג; און בעת זיי האָבן זיך געענדיקט, איז ער געווען
הונגעריק. 3 און דער שָׂטָן האָט צו אים געזאָגט: אויב דו ביסט דער
בֶּן־אֱלֹהִים, באַפעל דעם דאָזיקן שטיין, אַז ער זאָל ווערן ברויט. 4 און
יֵשוּעַ האָט אים געענטפערט: סע שטייט געשריבן: ניט פון ברויט
אַליין לעבט דער מענטש.[1] 5 און דער שָׂטָן האָט אים אַרויפגעפירט,
און האָט אים געוויזן אין אַ רֶגע אַלע מלוכות פון דער וועלט, 6 און
האָט צו אים געזאָגט: דיר וועל איך געבן די דאָזיקע גאַנצע מֶמשָלה
און איר פּראַכט, וואָרים מיר איז זי איבערגעגעבן געוואָרן, און איך גיב
זי וועמען איך וויל. 7 דעריבער, אויב דו וועסט דיך בוקן פאַר מיר,
וועט דאָס אינגאַנצן זיין דיינס. 8 און יֵשוּעַ האָט אים געענטפערט: סע
שטייט געשריבן:

זאָלסט דיך בוקן צו גאָט דיין האַר,
און אים אַליין זאָלסטו דינען.[2]

9 און ער האָט אים געפירט קיין ירושָלַיִם, און האָט אים
אַוועקגעשטעלט אויף דעם טורעם פון דעם בֵּית־הַמִקדש, און האָט
צו אים געזאָגט: אויב דו ביסט דער בֶּן־אֱלֹהִים, וואַרף דיך אַראָפּ פון
דאַנען; 10 וואָרים סע שטייט געשריבן:

זיינע מַלאָכים וועט ער באַפעלן וועגן דיר, דיך צו היטן;
11 און אויף די הענט וועלן זיי דיך טראָגן,
טאָמער וועסטו דיר אָנשלאָגן אָן אַ שטיין דיין פוס.[3]

12 און יֵשוּעַ האָט אים געענטפערט: עס איז געזאָגט געוואָרן:
זאָלסט ניט פּרוּוון גאָט דיין האַר.[4]

13 און אַז דער שָׂטָן האָט געענדיקט יעדן נִסָיון, האָט ער אים
אָפּגעלאָזט אויף אַ צייט.

14 און יֵשוּעַ האָט זיך אומגעקערט אין דער מאַכט פון דעם גייסט קיין
גָליל; און די ידִיעה וועגן אים האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער
געגנט. 15 און ער האָט געלערנט אין זייערע שולן, און אַלע האָבן אים
אָפּגעגעבן כָּבוד.

16 און ער איז געקומען קיין נצֶרת, וואו ער איז אויפגעצויגן געוואָרן;
און ווי זיין מִנהג, איז ער שַבּת אַרײַנגעגאַנגען אין דער שול אַריין, און
ער איז אויפגעשטאַנען צום לייענען, 17 און מען האָט אים דערלאַנגט
דאָס סֵפר פון ישַעיָה הַנָביא. און ער האָט געעפנט דאָס סֵפר, און האָט
געפונען דאָס אָרט, וואו עס איז געשטאַנען געשריבן:

---

[1] דברים ח, 3. [2] דברים ו, 13. [3] תהלים צא, 11, 12. [4] דברים ו, 16.

18 דער גייסט פֿון גאָט איז אויף מיר,
וואָרים ער האָט מיך געזאַלבט מבֿשׂר צו זיין גוטב בשׂורות פֿאַר
די אָרעמע.
ער האָט מיך געשיקט אויסצורופֿן פֿרייַהייט פֿאַר די געפֿאַנגענע,
מאַכן זעענדיק די בלינדע,
און צו באַפֿרייען די, וואָס זענען צעשטויסן,
19 און אויסצורופֿן דאָס באַוויליקטע יאָר פֿון גאָט.[1]
20 און ער האָט צונויפֿגעוויקלט דאָס סֵפֿר, און האָט עס צוריקגעגעבן
דעם חזן, און האָט זיך אַנידערגעזעצט; און די אויגן פֿון אַלעמען אין
דער שול זענען געווען באַהעפֿט אָן אים. 21 און ער האָט אָנגעהויבן צו
זיי צו זאָגן: היינט איז דער דאָזיקער פּסוק מקוים געוואָרן אין אייערע
אויערן. 22 און אַלע זענען אים געווען עֵדות, און האָבן באַוואונדערט
די לייַטזעליקע רייד, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון זיין מויל; און זיי
האָבן געזאָגט: איז דאָס נית יוֹסֵפֿס זון? 23 און ער האָט צו זיי געזאָגט:
אַוודאי וועט איר מיר זאָגן דאָס דאָזיקע מָשל: רוֹפֿא, הייל דיך אַליין;
וואָס מיר האָבן געהערט ס'איז געטאָן געוואָרן אין כּפֿר־נַחום, טו אויך
אין דיין שטאָט. 24 און ער האָט געזאָגט: באמת, איך זאָג אייך, קיין
נָביא איז ניט אָנגענומען אין זיין אייגן לאַנד. 25 אויף אַן אֶמת, זאָג איך
אייך, אַ סך אַלמָנות זענען געווען אין ישׂראל אין די טעג פֿון אֵליָהון,
בעת דער הימל איז געווען פֿאַרשלאָסן דריי יאָר און זעקס חדָשים,
און עס איז געקומען אַ גרויסער הונגער איבערן גאַנצן לאַנד; 26 און צו
קיינער פֿון זיי איז אֵלִיָהו ניט געשיקט געוואָרן, אַחוץ קיין צָרפַת,
וואָס איז אין צידון, צו אַ פֿרוי אַן אַלמָנה.[2] 27 און אַ סך מצוֹרָעים
זענען געווען אין ישׂראל אין דער צייט פֿון אֶלישָע הַנָביא; און קיינער
פֿון זיי איז ניט געריייניקט געוואָרן, אַחוץ נַעמָן דער אֲרַמִי.[3] 28 און
אַלע אין דער שול זענען געוואָרן פֿול מיט צאָרן, בעת זיי האָבן
דאָס געהערט. 29 און זיי זענען אויפֿגעשטאַנען, און האָבן אים
אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער שטאָט, און אים געפֿירט צום ראַנד פֿון דעם
באַרג, אויף וואָס זייער שטאָט איז געווען געבויט, כּדי אים
אַראָפּצוּוואַרפֿן. 30 אָבער ער איז דורכגעגאַנגען אין דער מיט צווישן
זיי, און איז אַוועקגעגאַנגען.
31 און ער האָט אַראָפּגענידערט קיין כּפֿר־נַחום, אַ שטאָט אין גָליל. און
ער האָט מיט זיי געלערנט אַלע שַבּתים; 32 און זיי זענען נִשתּוֹמם
געוואָרן פֿון זיין תּוֹרה, וואָרים זיין וואָרט האָט געהאַט מאַכט.

[1] ישעיה סא, 1, 2. [2] מלכים א׳ יז, 1, 8-16; יח, 1. [3] מלכים ב׳ ה, 1-14.

33 אוּן אין דער שוּל איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ גייסט
פוּן אַן אוּמריינעם רוּחַ, אוּן ער האָט אויסגעשריגן אויף אַ הויך קוֹל:
34 וויי, וואָס האָבן מיר צוּ טאָן מיט דיר, יֵשוּעַ הַנוֹצרי? בּיסטוּ געקוּמען
אוּנדז צוּ פאַרטיליקן? איך ווייס ווער דוּ בּיסט: דער הייליקער פוּן גאָט.
35 אָבער יֵשוּעַ האָט אויף אים אָנגעשריגן, אוּן געזאָגט: שווייַג, אוּן גיי
אַרויס פוּן אים! אוּן דער בּייזער גייסט האָט אים אַנידערגעוואָרפן אין
זייער מיט, אוּן איז פוּן אים אַרויס, ניט טוּענדיק אים קיין בּייז. 36 אוּן אַ
מוֹרָא איז געפאַלן אויף אַלעמען, אוּן איינער האָט צוּם אַנדערן געזאָגט:
וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט, וואָס ער געבּיט מיט רשוּת אוּן כּוֹח די
אוּמריינע גייסטער, אוּן זיי גייען אַרויס? 37 אוּן די ידיעה וועגן אים
האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער אַרוּמיקער געגנט.
38 אוּן ער האָט זיך אויפגעהויבן אוּן איז אַרויס פוּן דער שוּל, אוּן איז
אַרייַנגעגאַנגען אין דעם הויז פוּן שמעוֹנען. אוּן שמעוֹנס שוויגער האָט
געליטן פוּן אַ גרויס פיבער, אוּן זיי האָבן אים געבּעטן פאַר אירעטוועגן.
39 אוּן ער איז צוּגעגאַנגען, אוּן האָט זיך איינגעבּויגן איבער איר, אוּן
האָט אָנגעשריגן דאָס פיבער, אוּן עס האָט זי אָפּגעלאָזט; אוּן זי איז
תּיכּף אויפגעשטאַנען אוּן האָט זיי בּאַדינט.
40 אוּן בּעת די זוּן איז אוּנטערגעגאַנגען, האָבן אַלע, וואָס האָבן געהאַט
קראַנקע מיט פאַרשידענע חוֹלאַתן, זיי געבּראַכט צוּ אים; אוּן ער האָט
אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף יעדן איינעם פוּן זיי, אוּן האָט זיי
געהיילט. 41 אוּן אויך בּייזע גייסטער זענען אַרויס פוּן אַ סך, וואָס האָבן
אויסגעשריגן, אוּן געזאָגט: דוּ בּיסט דער בּן־אֱלהים. אוּן ער האָט אויף
זיי אָנגעשריגן, אוּן זיי ניט געלאָזט רעדן, ווייל זיי האָבן געוואוּסט, אַז
ער איז דער מָשיחַ.
42 אוּן אַז ס׳איז געוואָרן טאָג, איז ער אויפגעשטאַנען אוּן איז אַוועק אין
אַ וויסט אָרט. אוּן דאָס פאָלק האָט אים געזוּכט, אוּן איז געקוּמען צוּ
אים, אוּן אים געוואָלט פאַרהאַלטן, אַז ער זאָל ניט אַוועקגיין פוּן זיי;
43 אָבער ער האָט צוּ זיי געזאָגט: איך מוּז אָנזאָגן די גוּטע בּשׂוֹרה פוּן
גאָטס מַלכוּת אויך אין די אַנדערע שטעט, וואָרים צוּליבּ דעם בּין איך
געשיקט געוואָרן. 44 אוּן ער האָט געדרשנט אין די שוּלן פוּן יהוּדה.
ה אוּן עס איז געווען, בּעת דאָס פאָלק האָט זיך געדרענגט אַרוּם אים,
כּדי צוּ הערן דאָס וואָרט פוּן גאָט, איז ער געשטאַנען בּיים יַם גִנֵיסר.
2 אוּן ער האָט געזען צוויי שיפלעך שטיין בּיים יַם, אוּן די פישערס
זענען פוּן זיי אַרויסגעגאַנגען, אוּן האָבן געוואַשן זייערע נעצן. 3 אוּן ער
איז אַרייַנגעגאַנגען אין איינעם פוּן די שיפלעך, וואָס האָט געהערט צוּ
שמעוֹנען, אוּן האָט אים געבּעטן, אָפּצוּרוּקן זיך אַבּיסל פוּן דער יַבּשה.
אוּן ער האָט זיך אַנידערגעזעצט,

אוּן האָט געלערנט דאָס פֿאָלק פֿוּן דעם שיפֿל אַרויס. 4 אוּן אַז ער האָט
אויפֿגעהערט רעדן, האָט ער געזאָגט צוּ שִׁמעוֹנען: פֿאָר אָפּ, וואוּ עס איז
טיף, אוּן לאָזט אַראָפּ אייערע נעצן צוּם פֿאַנג. 5 אוּן שִׁמעוֹן האָט
געענטפֿערט: האַר, מיר האָבן זיך געמיִט אַ גאַנצע נאַכט, אוּן האָבן גאָרניט
געכאַפּט; אָבער אויף דיין וואָרט וועל איך אַראָפּלאָזן די נעצן. 6 אוּן אַז זיי
האָבן דאָס געטאָן, האָבן זיי געכאַפּט זייער אַ סַך פֿיש; אוּן זייערע נעצן
האָבן זיך גענוּמען רייסן; 7 אוּן זיי האָבן געוואוּנקען צוּ זייערע חֲבֵרים אין
דעם אַנדערן שיפֿל, אַז זיי זאָלן קוּמען אוּן זיי העלפֿן. אוּן זיי זענען געקוּמען
אוּן האָבן אָנגעפֿילט די ביידע שיפֿלעך, אַזוי, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צוּ
זינקען. 8 אוּן אַז שִׁמעוֹן פּעטרוּס האָט דאָס געזען, איז ער געפֿאַלן יֵשוּעַן צוּ
די פֿיס, אוּן געזאָגט: האַר, גיי אַוועק פֿוּן מיר, וואָרים איך בין אַ זינדיקער
מענטש. 9 וואָרים אַ שרעק איז אים באַפֿאַלן, אוּן אַלע, וואָס זענען געווען
מיט אים ביים פֿישפֿאַנג, וואָס זיי האָבן געפֿאַנגען; 10 אוּן אַזוי זענען אויך
געווען יַעקֹב אוּן יוֹחָנָן, זַבדַיס זין, וואָס זענען געווען שִׁמעוֹנס חֲבֵרים. אוּן
יֵשוּעַ האָט געזאָגט צוּ שִׁמעוֹנען: האָב ניט קיין מוֹרא; פֿוּן איצט אָן וועסטוּ
פֿאַנגען מענטשן. 11 אוּן אַז זיי האָבן געבראַכט זייערע שיפֿלעך צוּ דער
יַבָּשה, האָבן זיי אַלץ איבערגעלאָזט, אוּן זענען אים נאָכגעגאַנגען.
12 אוּן בעת ער איז געווען אין איינער פֿוּן די שטעט, איז דאָרטן געווען אַ
מענטש לויטער צָרַעת; אוּן אַז ער האָט דערזען יֵשוּעַן, איז ער געפֿאַלן אויף
זיין פָּנים, אוּן האָט אים געבעטן: האַר, אויב דוּ ווילסט, קאָנסטוּ מיך מאַכן
ריין. 13 אוּן ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אוּן האָט אים אָנגערירט,
אוּן געזאָגט: איך וויל; זיי ריין. אוּן תֵּיכף האָט זיך דאָס צָרַעת אָפּגעטאָן פֿוּן
אים. 14 אוּן ער האָט אים באַפֿוילן, ער זאָל עס קיינעם ניט דערציילן; נייערט
גיי אוּן ווייז דיך פֿאַרן כֹּהן; אוּן זיי מַקריב פֿאַר דיין רייניקוּנג, אַזוי ווי מֹשה
האָט געבאָטן, פֿאַר אַן עֵדוּת צוּ זיי.[1] 15 אוּן די ידִיעה וועגן אים האָט זיך נאָך
מער פֿאַרשפּרייט, אוּן אַ גרויסער עוֹלם איז זיך צוּנויפֿגעקוּמען, אים צוּ
הערן, אוּן געהיילט צוּ ווערן פֿוּן זייערע קראַנקהייטן. 16 ער אָבער האָט זיך
צוּריקגעצויגן אין די מִדבָּרִיוֹת, אוּן איז מִתפַּלֵל געווען.
17 אוּן עס איז געווען אין איינעם פֿוּן יענע טעג, בעת ער האָט געלערנט, אַז
עס זענען דאָרטן געזעסן פּרוּשים אוּן לוֹמדי־תּוֹרה, וואָס זענען געקוּמען פֿוּן
אַלע שטעט פֿוּן גָליל, אוּן יהוּדה, אוּן ירוּשָלַיִם, אוּן די גבוּרה פֿוּן גאָט איז
געווען מיט אים, צוּ קענען היילן. 18 אוּן אָט האָבן מענטשן געבראַכט אויף
אַ געלעגער אַ מאַן, וואָס איז געווען געליימט; אוּן זיי האָבן געזוּכט אים
אַריינצוּברענגען אוּן אים אַוועקצוּלייגן פֿאַר אים. 19 אוּן אַזוי ווי זיי האָבן
ניט געקענט געפֿינען קיין וועג ווי אים אַריינצוּברענגען, צוּליב דעם

[1] ויקרא יג, 49; יד, 2-32.

עולם, זענען זיי אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן דאַך, און האָבן אים
אַראָפּגעלאָזט מיט זיין געלעגער דורך די דאַכציגל אין דער מיט
פֿאַר יֵשוּעַן. 20 און אַז ער האָט געזען זייער אֱמוּנה, האָט ער געזאָגט:
מענטש, דיינע זינד זענען דיר פֿאַרגעבן געוואָרן. 21 און די סוֹפֿרים און
די פּרושים האָבן אָנגעהויבן נאָכצוטראַכטן, און האָבן געזאָגט: ווער
איז דער דאָזיקער, וואָס רעדט לעסטערונגען? ווער קאָן מוחל זיין זינד,
אַחוץ גאָט אַליין? 22 אָבער יֵשוּעַ האָט פֿאַרשטאַנען זייערע מַחשָבות,
און האָט צו זיי געזאָגט: וואָס טראַכט איר אין אייערע הערצער?
23 וואָס איז גרינגער, צו זאָגן: דיינע זינד זענען דיר פֿאַרגעבן געוואָרן,
אָדער צו זאָגן: שטיי אויף און גיי? 24 נאָר כּדי איר זאָלט וויסן, אַז דער
בֶּן־אָדָם האָט רשות אויף דער ערד מוחל צו זיין זינד (האָט ער געזאָגט
צום געליימטן): איך זאָג דיר, שטיי אויף, און נעם דיין געלעגער, און
גיי אַהיים. 25 און ער איז תּיכּף פֿאַר זיי אויפֿגעשטאַנען, און האָט
גענומען דאָס געלעגער, אויף וועלכן ער איז געלעגן, און איז אַוועק
אַהיים, לויבנדיק גאָט. 26 און זיי זענען אַלע נִבהל און נִשתּומם
געוואָרן, און האָבן געלויבט גאָט, און זיך זייער געפֿאָרכטן, און
געזאָגט: וואונדערלעכע זאַכן האָבן מיר היינט געזען.
27 און נאָכדעם איז ער אַרויסגעגאַנגען, און האָט געזען אַ מוֹכס,
וואָס האָט געהייסן לֵוִי, זיצן אויפֿן צאָל־אַמט, און ער האָט צו אים
געזאָגט: גיי מיר נאָך. 28 און ער האָט אַלץ איבערגעלאָזט, און איז
אויפֿגעשטאַנען און איז אים נאָכגעגאַנגען.
29 און לֵוִי האָט אים געמאַכט אַ גרויסע סעודה אין זיין הויז; און אַ
גרויסער עולם פֿון מוֹכסים און אויך אַנדערע זענען מיט זיי געזעסן
ביים טיש. 30 און די פּרושים און זייערע סוֹפֿרים האָבן געמורמלט קעגן
זיינע תּלמידים, און האָבן געזאָגט: פֿאַרוואָס עסט איר און טרינקט מיט
מוֹכסים און זינדיקע? 31 און יֵשוּעַ האָט געענטפֿערט, און צו זיי
געזאָגט: די, וואָס זענען געזונט, נייטיקן זיך ניט אין קיין רוֹפֿא, נייערט
די, וואָס זענען קראַנק. 32 איך בין ניט געקומען רופֿן די צַדיקים, נייערט
די זינדיקע צו תּשובה.
33 און זיי האָבן צו אים געזאָגט: די תּלמידים פֿון יוֹחָנָן פֿאַסטן אָפֿט און
טוען תּפֿילה, און אַזוי טוען אויך די תּלמידים פֿון די פּרושים, אָבער
דיינע עסן און טרינקען. 34 און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: קאָנט איר
לאָזן די מחוּתּנים פֿאַסטן, בשַעת דער חָתן איז מיט זיי? 35 סע וועלן
אָבער קומען טעג, ווען דער חָתן וועט אַוועקגענומען ווערן פֿון זיי, און
דעמאָלט וועלן זיי פֿאַסטן אין יענע טעג. 36 און ער האָט זיי אויך
דערציילט אַ מָשל: קיינער

רייסט ניט אָפּ אַ שטיק פון אַ נייעם מַלבּוש, און טוט עס אַרויף אויף אַן
אַלטן מַלבּוש; אויב יאָ, וועט ער צערייסן דאָס נייע, און אויך דאָס
שטיק פון דעם נייעם וועט זיך ניט פּאַסן צום אַלטן. 37 און קיינער טוט
ניט אַריין קיין נייעם וויין אין אַלטע לאָגלען; אַנדערש וועט דער נייער
וויין צעפּלאַצן די לאָגלען, און וועט זיך צעגיסן, און די לאָגלען וועלן
גיין פאַרלוירן. 38 נײַערט נייעם וויין מוז מען אַרײַנגיסן אין נייע
לאָגלען. 39 און קיינער, וואָס האָט געטרונקען אַלטן וויין, וויל נייעם;
וואָרים ער זאָגט: דער אַלטער איז גוט.
ו און עס איז געווען אויפן צווייטן שַבּת פון ספירַת־הָעֹמֶר, אַז ער איז
געגאַנגען דורך תּבואה־פעלדער; און זיינע תּלמידים האָבן אָפּגעריסן
זאַנגען, און זיי צוריבן מיט זייערע הענט און געגעסן. 2 און עטלעכע פון
די פּרושים האָבן געזאָגט: פאַרוואָס טוט איר דאָס, וואָס מען טאָר ניט
טאָן אום שַבּת? 3 און יֵשוּעַ האָט געענטפערט, און צו זיי געזאָגט: האָט
איר ניט געלייענט, וואָס דָוִד האָט געטאָן, בעת ער איז געווען הונגעריק,
ער, און די, וואָס זענען געווען מיט אים; 4 ווי ער איז אַרײַנגעגאַנגען
אין דעם הויז פון גאָט, און האָט גענומען און געגעסן דאָס לֶחֶם־הַפָּנים,
וואָס קיינער ניט נאָר די כֹּהֲנים האָבן געמעגט עסן, און האָט אויך
געגעבן צו די, וואָס זענען געווען מיט אים?[1] 5 און ער האָט צו זיי
געזאָגט: דער בֶּן־אָדָם איז האַר איבער דעם שַבּת.
6 און עס איז געווען אין אַן אַנדערן שַבּת, אַז ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין
אַ שול, און האָט געלערנט; און דאָרטן איז געווען אַ מענטש, וואָס זיין
רעכטע האַנט איז געווען פאַרדאַרט. 7 און די סופרים און די פּרושים
האָבן אים נאָכגעקוקט, צו זען אויב ער וועט אים היילן אום שַבּת, כּדי
אים צו קענען פאַרמַסרן. 8 אָבער ער האָט פאַרשטאַנען זייערע
מַחשָבות, און האָט געזאָגט צו דעם מענטשן, וואָס זיין האַנט איז
געווען פאַרדאַרט: שטיי אויף, און שטעל דיך אין דער מיט. און ער איז
אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט. 9 און יֵשוּעַ האָט צו זיי
געזאָגט: איך פרעג אייך: מעג מען שַבּת טאָן גוטס, אָדער שלעכטס?
ראַטעווען אַ נֶפֶש, אָדער אומברענגען? 10 און ער האָט זיך אַרומגעקוקט
אויף זיי אַלע, און האָט צו אים געזאָגט: שטרעק אויס דיין האַנט. און
ער האָט אַזוי געטאָן, און זיין האַנט איז געזונט געוואָרן. 11 און זיי
זענען געוואָרן פול מיט גרימצאָרן, און האָבן זיך באַראָטן איינער מיטן
אַנדערן, וואָס זיי זאָלן טאָן צו יֵשוּעַן.
12 און עס איז געווען אין די דאָזיקע טעג, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען אין
די בערג מִתפַּלֵל צו זיין; און ער האָט פאַרברענגט די גאַנצע נאַכט אין
תּפילה טאָן צו גאָט. 13 און בשַעת עס איז געוואָרן טאָג, האָט ער גערופן

[1] שמואל א׳ כא, 1-7; ויקרא כד, 9.

זיינע תַּלמידים, און האָט פֿון זיי אויסדערוויילט צוועלף, וועמען ער
האָט אָנגערופֿן שליחים: 14 שמעונען, וועמען ער האָט אַ נאָמען
געגעבן כּיפֿא, און אַנדריי זיין ברודער, און יַעקבֿן און יוחָנָן, און
פֿיליפּוס און בַּר־תַּלמַין, 15 און מַתּיָאן און תּומָאן, און יַעקבֿ בֶּן־חַלפַי,
און שמעונען, וועמען מען האָט גערופֿן קַנָאי, 16 און יהודה בֶּן־יַעקבֿ,
און יהודה איש־קריות, וואָס איז געוואָרן דער מָסור.
17 און ער האָט מיט זיי אַראָפּגענידערט, און איז געשטאַנען אויף אַ
פֿלאַכן פּלאַץ, און אַ גרויסער עולם פֿון זיינע תַּלמידים, און אַ סך
פֿאָלק פֿון גאַנץ יהודה און ירושָלַיִם, און דעם יַם־באָרטן פֿון צור און
צידון, זענען געקומען אים הערן, און געהיילט צו ווערן פֿון זייערע
חולאַתן. 18 און די, וואָס זענען געווען געפּלאָגט פֿון אומריינע
גייסטער, זענען געהיילט געוואָרן. 19 און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט
געזוכט אים אָנצורירן, וואָרים פֿון אים איז אַרויסגעגאַנגען אַ כּוח, און
האָט זיי אַלעמען געהיילט.
20 און ער האָט אויפֿגעהויבן זיינע אויגן אויף זיינע תַּלמידים, און האָט
געזאָגט:

וואויל איז אייך אָרעמע, וואָרים דאָס מַלכות פֿון גאָט איז
אייערס.
21 וואויל איז אייך, וואָס טוט איצט הונגערן, וואָרים איר וועט ווערן
געזעטיקט.
וואויל איז אייך, וואָס טוט איצט וויינען, וואָרים איר וועט לאַכן.
22 וואויל איז אייך, ווען מענטשן וועלן אייך פֿיינט האָבן, און אייך
פֿאַרשטויסן און מבַייש זיין, און פֿאַרוואַרפֿן אייער נאָמען ווי עפּעס
שלעכטס פֿונוועגן דעם בֶּן־אָדָם. 23 פֿרייט אייך אין יענעם טאָג, און
שפּרינגט פֿאַר שׂמחה; וואָרים זעט, אייער שׂכַר איז גרויס אין הימל,
וואָרים פּונקט אַזוי האָבן זייערע עלטערן געטאָן מיט די נבֿיאים.
24 אָבער וויי צו אייך, וואָס זענט רייך, וואָרים איר האָט שוין געקריגן
אייער נחמה.
25 וויי צו אייך, וואָס זענט איצט זאַט, וואָרים איר וועט הונגערן. וויי
צו אייך, וואָס טוט איצט לאַכן, וואָרים איר וועט טרויערן און וויינען.
26 וויי צו אייך, ווען אַלע מענטשן וועלן רעדן גוטס פֿונוועגן אייך,
וואָרים אַזוי האָבן זייערע עלטערן געטאָן מיט די פֿאַלשע נבֿיאים.
27 אָבער אייך, וואָס טוט זיך צוהערן, זאָג איך: האָט ליב אייערע
שׂונאים, טוט גוטס צו די, וואָס האָבן אייך פֿיינט, 28 בענטשט די, וואָס
שעלטן אייך, און זייט מתפּלל פֿאַר די, וואָס זענען אייך מבַזה. 29 דער,
וואָס שלאָגט דיך אויף דער באַק, גיב אים אויך די אַנדערע;

און פון דעם, וואָס נעמט צו דיין מאַנטל, זאָלסטו אויך דיין ראָק פון
אים ניט צוריקהאַלטן. 30 גיב יעדן, וואָס בעט ביי דיר, און פון אים,
וואָס נעמט צו דאָס דייניקע, פאָדער עס ניט צוריק. 31 און אַזוי ווי איר
ווילט, אַז מענטשן זאָלן טאָן צו אייך, זאָלט איר אויך טאָן צו זיי.
32 און אויב איר האָט ליב די, וואָס האָבן אייך ליב, וואָסער דאַנק קומט
אייך? וואָרים אַפילו זינדיקע האָבן ליב די, וואָס האָבן זיי ליב. 33 און
אויב איר טוט גוטס צו די, וואָס טוען אייך גוטס, וואָסער דאַנק קומט
אייך? אַפילו די זינדיקע טוען אויך דאָס זעלבע. 34 און אויב איר לייט
די, פון וועמען איר האָפט צוריק צו באַקומען, וואָסער דאַנק קומט
אייך? אַפילו זינדיקע לייען אויס צו זינדיקע, כדי צוריק צו באַקומען
ווידער אַזויפיל. 35 האָט אָבער ליב אייערע שׂונאים, און טוט גוטס, און
לייט, און דערוואַרט ניט עפּעס צוריק; און אייער שׂכר וועט זיין גרויס,
און איר וועט זיין קינדער פון דעם אייבערשטן; וואָרים ער איז גוט צו
די אומדאַנקבאַרע און שלעכטע. 36 זייט באַרעמהאַרציק, אַזוי ווי אייער
פאָטער איז באַרעמהאַרציק.
37 משפּט ניט, און איר וועט ניט געמשפּט ווערן; פאַרמשפּט ניט, און
איר וועט ניט פאַרמשפּט ווערן; זייט מוחל, און מע וועט אייך מוחל
זיין; 38 גיט, און סע וועט אייך געגעבן ווערן; אַ גוטע, איינגעדריקטע,
צונויפגעטרעסלטע, און איבערגיסעדיקע מאָס וועט מען אייך געבן אין
אייער שויס אַריין. וואָרים מיט דער מאָס, וואָס איר טוט מעסטן, וועט
אייך צוריק געמאָסטן ווערן.
39 און ער האָט זיי אויך דערציילט אַ משל: קאָן אַ בלינדער פירן אַ
בלינדן? וועלן זיי דען ניט ביידע אַריינפאַלן אין אַ גרוב? 40 אַ תּלמיד
שטייט ניט העכער פון זיין רבין, אָבער איטלעכער, וואָס דערגרייכט
שלימות, וועט זיין ווי זיין רבי. 41 און פאַרוואָס זעסטו דאָס שפּענדל
אין דיין ברודערס אויג,

אָבֿער דעם קלאָץ אין דיין אייגן אויג זעסטוּ ניט? 42 אָדער ווי קענסטוּ
זאָגן צוּ דיין ברוּדער: ברוּדער, לאָמיך אַרויסנעמען דאָס שפּענדל פֿוּן
דיין אויג, אוּן אַליין זעסטוּ ניט דעם קלאָץ אין דיין אייגן אויג? דוּ
חוֹנף, נעם קוֹדם אַרויס דעם קלאָץ פֿוּן דיין אייגן אויג, אוּן דערנאָך
וועסטוּ זען קלאָר אַרויסצוּנעמען דאָס שפּענדל, וואָס איז אין דיין
ברוּדערס אויג.
43 וואָרים אַ גוּטער בוים טראָגט ניט קיין שלעכטע פּֽירות, אוּן אַ
פֿאַרדאָרבענער בוים טראָגט ניט קיין גוּטע פּֽירות; 44 איטלעכן בוים
דערקענט מען לויט זיינע אייגענע פּֽירות; וואָרים פֿוּן דערנער קלייבט
מען ניט קיין פֿייגן, אויך קלייבט מען ניט קיין טרויבן פֿוּן אַ
דאָרנקוּסט. 45 דער גוּטער מענטש ברענגט אַרויס פֿוּן דעם גוּטן אוֹצר
פֿוּן זיין האַרץ גוּטס, אוּן דער שלעכטער מענטש ברענגט אַרויס פֿוּן
זיין שלעכטן אוֹצר שלעכטס; וואָרים פֿוּן וואָס דאָס האַרץ איז פֿוּל,
דערפֿוּן רעדט דאָס מויל.
46 אוּן פֿאַרוואָס רוּפֿט איר מיך: האַר, האַר, אוּן טוּט ניט וואָס איך
זאָג? 47 איטלעכער, וואָס קוּמט צוּ מיר, אוּן הערט מיינע רייד אוּן טוּט
זיי, וועל איך אייך ווייַזן צוּ וועמען ער איז געגליכן: 48 ער איז געגליכן
צוּ אַ מענטשן, וואָס בויט אַ הויז, אוּן וואָס האָט געלאָזט טיף גראָבן,
אוּן לייגן דעם פֿוּנדאַמענט אויף אַ פֿעלזן; אוּן בשעת עס איז געקוּמען
אַ פֿאַרפֿלייצוּנג, האָט דער שטראָם געשלאָגן קעגן יענעם הויז, אוּן
האָט עס ניט געקאָנט צעטרעסלען, וואָרים עס איז געווען גוּט געבויט.
49 אָבֿער דער, וואָס הערט אוּן טוּט ניט, איז ווי אַ מענטש, וואָס האָט
געבויט אַ הויז אויף דער ערד, אָן אַ פֿוּנדאַמענט; וואָס קעגן אים האָט
געשלאָגן דער שטראָם, אוּן עס איז תּיכּף איינַגעפֿאַלן, אוּן דער חוּרבן
פֿוּן יענעם הויז איז געווען גרויס.
ז נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט אַלע זיינע רייד אין די אויערן פֿוּן
דעם פֿאָלק, איז ער אַריינַגעגאַנגען קיין כּפֿר־נחוּם.
2 אוּן איינער אַ הויפּטמאַן האָט געהאַט אַ קנעכט, וואָס איז אים געווען
טייער, אוּן וואָס איז געווען קראַנק אוּן

האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. 3 און אַז ער האָט געהערט וועגן יֵשועַן,
האָט ער צו אים געשיקט זקֵנים פון די יידן, און האָט אים געבעטן, אַז
ער זאָל קומען און היילן זיין קנעכט. 4 און אַז זיי זענען געקומען צו
יֵשועַן, האָבן זיי אים זייער געבעטן, און געזאָגט: ער איז ווערט, אַז דו
זאָלסט דאָס טאָן פאַר אים. 5 ווארים ער האָט ליב אונדזער פאָלק, און
האָט אַפילו אַליין אונדז אויפגעבויט אונדזער שול. 6 און יֵשועַ איז מיט
זיי געגאַנגען. און בעת ער איז געווען שוין ניט ווייט פון דעם הויז,
האָט דער הויפטמאַן געשיקט צו אים פריינט, אים אַזוי צו זאָגן: האַר,
זיי דיך ניט מַטרִיחַ; ווארים איך בין ניט ווערט, אַז דו זאַלסט קומען
אונטער מיין דאַך. 7 דעריבער האָב איך מיך אַליין אויך ניט געהאַלטן
פאַר רָאוּי צו דיר צו קומען. נייערט זאָג נאָר דאָס וואָרט, און מיין
קנעכט וועט געהיילט ווערן. 8 ווארים אויך איך בין אַ מענטש,
געשטעלט אונטער באַפעל־מאַכט, און האָב אונטער מיר חַיִל; און איך
זאָג צו דעם: גיי! און ער גייט, און צו אַן אַנדערן: קום! און ער
קומט. און צו מיין קנעכט: טו דאָס! און ער טוט עס. 9 און אַז יֵשועַ
האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך געוואונדערט איבער אים, און האָט
זיך אויסגעדרייט און געזאָגט צום פאָלק, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען:
איך זאָג אייך, אַפילו אין יִשׂרָאֵל האָב איך ניט געפונען אַזאַ אֶמונה.
10 און ווען די שלוחים האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָבן זיי געפונען
דעם קנעכט געזונט.
11 און עס איז געווען גלייך נאָכדעם, אַז ער איז געגאַנגען אין אַ שטאָט
אַריין מיטן נאָמען נָעִין, און זיינע תַּלמידים זענען געגאַנגען מיט אים,
און אַ סַך פאָלק. 12 און ווי ער האָט זיך דערנענטערט צום טויער פון
דער שטאָט, ערשט מען האָט אַרויסגעטראָגן אַ טויטן, אַ בֶּן־יָחיד ביי
זיין מוטער, און זי איז געווען אַן אַלמָנה; און אַ סַך מענטשן פון דער
שטאָט זענען געווען מיט איר. 13 און אַז דער האַר האָט זי געזען, האָט
ער אויף איר רַחמָנות געהאַט, און צו איר געזאָגט: וויין ניט. 14 און ער
איז צוגעגאַנגען און האָט אָנגערירט די מִיטה; און די נוֹשׂאים זענען
געבליבן שטיין. און ער האָט געזאָגט: יונגערמאַן, איך זאָג דיר, שטיי
אויף. 15 און דער טויטער האָט זיך אויפגעזעצט, און האָט אָנגעהויבן
צו רעדן. און ער האָט אים געגעבן צו זיין מוטער. 16 און אַ פַּחד האָט
זיי אַלע אָנגענומען; און זיי האָבן געלויבט גאָט, און געזאָגט: אַ
גרויסער נָביא איז אויפגעשטאַנען צווישן אונדז! און, גאָט האָט
געדענקט אָן זיין פאָלק! 17 און די דאָזיקע ידִיעה וועגן אים איז
אַרויסגעגאַנגען אין גאַנץ יהודה, און אין דער גאַנצער געגנט.
18 און די תַּלמידים האָבן דערציילט יוֹחָנָן פון די דאָזיקע אַלע זאַכן.
19 און יוֹחָנָן האָט גערופן צו זיך צוויי

פון זיינע תּלמידים, און האָט זיי געשיקט צו דעם האַר, אַזוי צו זאָגן:
ביסטו דער, וואָס דאַרף קומען, אָדער זאָלן מיר וואַרטן אויף אַן
אַנדערן? 20 און אַז די מענטשן זענען געקומען צו אים, האָבן זיי
געזאָגט: יוחנן המטביל האָט אונדז געשיקט צו דיר, אַזוי צו זאָגן:
ביסטו דער, וואָס דאַרף קומען, אָדער זאָלן מיר וואַרטן אויף אַן
אַנדערן? 21 אין יענער שעה האָט ער געהיילט אַ סך פון חולאתן און
פון פּלאָגן און פון בייזע גייסטער, און אַ סך, וואָס זענען געווען
בלינד, האָט ער געשאָנקען די ראיה. 22 און ער האָט זיי געענטפערט:
גייט און דערציילט יוחנן, וואָס איר האָט געזען און געהערט: די
בלינדע קריגן זייער ראיה, די לאָמע גייען, די מצורעים ווערן
גערייניקט, די טויבע הערן, די טויטע שטייען אויף, און פאַר די
אָרעמע ווערט געדרשנט די בשורה־טובֿה. 23 און וואויל איז דעם, וואָס
וועט זיך ניט שטרויכלען אין מיר.
24 און אַז די שליחים פון יוחנן זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט ער
אָנגעהויבן צו רעדן צום פֿאָלק וועגן יוחנן: וואָס זענט איר
אַרויסגעגאַנגען זען אין דער מדבר? אַ רורקע שאָקלען זיך מיטן
ווינט? 25 וואָס דען זענט איר אַרויסגעגאַנגען זען? אַ מענטשן
אָנגעטאָן אין פיינע מלבושים? זעט, די וואָס זענען הערלעך געקליידט,
און לעבן פיין, זענען אין פּאַלאַצן פון מלכים. 26 אָבער וואָס דען זענט
איר אַרויסגעגאַנגען זען? אַ נביא? יאָ, איך זאָג אייך, אַ סך מער ווי אַ
נביא. 27 דאָס איז ער, פון וועמען סע שטייט געשריבן:

זע, איך שיק מיין שליח פאַר דיין פּנים,
וואָס וועט אָנגרייטן דיין וועג פאַר דיר.[1]

28 איך זאָג אייך, צווישן די, וואָס זענען געבוירן געוואָרן פון ווייבער,
איז ניטאָ קיין גרעסערער ווי יוחנן, דאָך איז דער קלענסטער אין דעם
מלכות פון גאָט גרעסער פון אים. 29 (און דאָס גאַנצע פֿאָלק, בעת זיי
האָבן דאָס געהערט, און די מוכסים, האָבן גערעכטפאַרטיקט גאָט,
וואָרים זיי האָבן זיך געלאָזט טובלען מיט דער טבילה פון יוחנן;
30 אָבער די פרושים און די חכמים האָבן אָפּגעוואָרפן די עצה פון גאָט,
וואָרים זיי האָבן זיך פון אים ניט געלאָזט טובלען.)
31 צו וועמען אָבער זאָל איך גלייכן די מענטשן פון דעם דאָזיקן דור?
צו וועמען זענען זיי ענלעך? 32 זיי זענען גלייך ווי קינדער, וואָס זיצן
אויף דעם מאַרקפּלאַץ, און רופן איינער צום אַנדערן:
מיר האָבן געשפּילט פאַר אייך, און איר האָט ניט געטאַנצט;

[1] מלאכי ג, 1.

מיר האָבן געקלאָגט, און איר האָט ניט געוויינט.
33 וואָרים יוחָנָן הַמַטבּיל איז געקומען, און האָט ניט געגעסן קיין
ברויט, און ניט געטרונקען קיין וויין, און איר זאָגט: ער האָט אַ
בייזן גייסט. 34 דער בֶּן־אָדָם איז געקומען, ער עסט און טרינקט,
און איר זאָגט: זעט, אַ מענטש אַ זוֹלֵל וסוֹבא, אַ פריינט פון מוֹכסים
און חוֹטאים! 35 און די חָכמה איז גערעכטפאַרטיקט פון אַלע
אירע קינדער.
36 און איינער פון די פּרושים האָט אים געבעטן, אַז ער זאַל עסן מיט
אים, און ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין דעם פּרושיס הויז, און האָט זיך
געזעצט צום טיש. 37 און זע, דאָרט איז געווען אַ זינדיקע אִשה אין
דער שטאָט, און אַז זי איז געוואָר געוואָרן, אַז ער זיצט ביים טיש אין
דעם פּרושיס הויז, האָט זי געבראַכט אַן אַלאַבּאַסטער קריגל מיט
זאַלבּאייֵל, 38 און האָט זיך געשטעלט הינטן ביי זיינע פיס אַ
וויינענדיקע, און האָט אָנגעהויבּן בּאַנעצן זיינע פיס מיט אירע טרערן,
און האָט זיי אָפּגעווישט מיט די האָר פון איר קאָפּ, און געקושט זיינע
פיס, און זיי געזאַלבּט מיט דעם זאַלבּאייֵל. 39 און בעת דער פּרושי,
וואָס האָט אים פאַרבּעטן, האָט דאָס געזען, האָט ער צו זיך געזאָגט:
וואָלט ער געווען אַ נָביא, וואָלט ער דערקענט ווער און וואָס פאַר אַ
מין נקֵיבה דאָס איז, וואָס רירט אים אָן, אַז זי איז אַ זינדיקע. 40 און
יֵשוּעַ האָט געענטפערט, און צו אים געזאָגט: שִמעוֹן, איך האָב דיר
עפּעס צו זאָגן. און ער האָט געענטפערט: וואָס, רֶבּי. 41 איינער אַ
מַלווֶה האָט געהאַט צוויי בַּעלי־חוֹבות; איינער איז אים שולדיק געווען
פינף הונדערט דינָרים, און דער אַנדערער פופציק. 42 און אזוי ווי זיי
האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו בּאַצאָלן, האָט ער זיי ביידן מוֹחל
געווען. ווער פון זיי וועט אים דעריבּער מער ליבּ האָבּן? 43 האָט
שִמעוֹן געענטפערט: דער, דענק איך, וועמען ער האָט מוֹחל געווען
צום מיינסטן. און ער האָט צו אים געזאָגט: דו האָסט ריכטיק
געמִשפּט. 44 און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער אִשה, און געזאָגט
צו שִמעוֹנען: דו זעסט די דאָזיקע אִשה? איך בּין אַרייַנגעקומען אין
דיין הויז, און קיין וואַסער פאַר מיינע פיס האָסטו מיר ניט געגעבּן, זי
אָבּער האָט בּאַנעצט מיינע פיס מיט אירע טרערן, און האָט זיי
אָפּגעווישט מיט אירע האָר. 45 דו האָסט מיר ניט געגעבּן קיין קוש; זי
אָבּער, זינט איך בּין אַרייַנגעקומען, האָט ניט אויפגעהערט צו קושן
מיינע פיס. 46 דו האָסט ניט געזאַלבּט מיין קאָפּ מיט אייֵל; אַבּער זי
האָט געזאַלבּט מיינע פיס מיט זאַלבּאייֵל. 47 דעריבּער זאָג איך דיר:
אירע זינד, וואָס זענען אַ סך, זענען פאַרגעבּן געוואָרן,

וואָרים זי האָט אַ סך ליבֿ געהאַט; אָבֿער וועמען ווייניק ווערט פֿאַרגעבֿן,
דער דאָזיקער האָט ליבֿ ווייניק. 48 אוּן ער האָט צוּ איר געזאָגט: דיינע
זינד זענען דיר פֿאַרגעבֿן געוואָרן. 49 אוּן די, וואָס זענען געזעסן מיט אים
בּיים טיש, האָבֿן גענוּמען זאָגן צווישן זיך: ווער איז ער, וואָס ער
פֿאַרגיט אַפֿילו זינד? 50 אוּן ער האָט געזאָגט צוּ דער אִשה: דיין אֱמוּנה
האָט דיך מַציל געווען; גיי בּשָלום.
ח אוּן עס איז געווען תֵּיכּף נאָכדעם, אַז ער איז געגאַנגען דוּרך שטעט
אוּן דערפֿער, אוּן האָט געדַרשנט אוּן אָנגעזאָגט די גוּטע בּשׂוּרה פֿוּן דעם
מַלכות פֿוּן גאָט, אוּן די צוועלף זענען מיט אים געווען, 2 אוּן אויך
עטלעכע פֿרויען, וואָס זענען געהיילט געוואָרן פֿוּן בּייזע גייסטער אוּן
קראַנקהייטן: מִרְיָם, וועמען מען האָט גערוּפֿן מַגדָלית, פֿוּן וועמען זיבֿן
בּייזע גייסטער זענען אַרויס, 3 אוּן יוֹחָנָה, דאָס ווייבֿ פֿוּן כּוּזאָן, אַ
פֿאַרוואַלטער בּיי הוֹרדוֹסן, אוּן שוֹשַנָה, אוּן אַ סך אַנדערע, וואָס האָבֿן
זיי געדינט מיט זייער האָבֿ אוּן גוּטס.
4 אוּן בּעת אַ סך פֿאָלק איז זיך צוּזאַמענגעקוּמען, אוּן זיי זענען געקוּמען
צוּ אים פֿוּן יעדער שטאָט, האָט ער גערעדט מיט אַ מָשל: 5 דער זייֵער
איז אַרויסגעגאַנגען צוּ פֿאַרזייֵען זיין זרִיעה; אוּן בּעת ער האָט געזייֵט,
איז טייל געפֿאַלן בּיים וועג, אוּן איז צעטרעטן געוואָרן, אוּן די פֿייגל פֿוּן
הימל האָבֿן זי פֿאַרצערט. 6 אוּן אַנדערע איז געפֿאַלן אויף דעם פֿעלזן;
אוּן תֵּיכּף ווי זי איז אויפֿגעגאַנגען, איז זי פֿאַרוועלקט געוואָרן, מַחמת זי
האָט ניט געהאַט קיין פֿייַכטקייט. 7 אוּן אַנדערע איז געפֿאַלן צווישן
דערנער, אוּן די דערנער זענען געוואַקסן מיט איר, אוּן האָבֿן זי
דערשטיקט. 8 אוּן אַנדערע איז געפֿאַלן אויף גוּטער ערד, אוּן איז
געוואַקסן, אוּן האָט אַרויסגעבֿראַכט פֿרוּכט הוּנדערטפֿאַך. בּעת ער האָט
דאָס געזאָגט, האָט ער אויסגערוּפֿן: דער, וואָס האָט אויערן צוּ הערן,
זאָל הערן.
9 אוּן אַז זיינע תַּלמידים האָבֿן אים געפֿרעגט, וואָס דאָס דאָזיקע מָשל
קאָן מיינען, 10 האָט ער געזאָגט: אייך איז געגעבֿן געוואָרן צוּ פֿאַרשטיין
די סוֹדוֹת פֿוּן דעם מַלכוּת פֿוּן גאָט, אָבֿער פֿאַר די איבֿעריקע – אין
משָלים, כּדי זיי זאָלן זען אוּן דאָך ניט זען, אוּן הערן אוּן דאָך ניט
פֿאַרשטיין. 11 אוּן דאָס מיינט דאָס מָשל: די זרִיעה איז דאָס וואָרט פֿוּן
גאָט. 12 אוּן יענע בּיים וועג זענען די, וואָס האָבֿן עס געהערט, דערנאָך
קוּמט דער שָׂטן, אוּן נעמט אַוועק דאָס וואָרט פֿוּן זייער האַרץ, כּדי זיי
זאָלן ניט גלויבֿן אוּן געראַטעוועט ווערן. 13 אוּן יענע אויף דעם פֿעלזן,
זענען די, וואָס בּשַעת זיי הערן, נעמען זיי אָן דאָס וואָרט מיט שׂמחה; זיי
האָבֿן אָבֿער ניט קיין וואָרצל, אוּן גלויבֿן אַ ווײַלע, אוּן פֿאַלן אָפּ אין צייט
פֿוּן נסָיון. 14 אוּן דאָס, וואָס איז געפֿאַלן צווישן דערנער, דאָס זענען די,

וואָס האָבּן געהערט, אוּן בּשַעת זיי גייען אַוועק, ווערן זיי דערשטיקט
פוּן די דאַגות אוּן עֲשירות אוּן תַּענוּגים פוּן לעבּן, אוּן זייער פּרוּכט
ווערט ניט צײַטיק. 15 אוּן דאָס אויף דער גוּטער ערד, דאָס זענען די,
וואָס האַלטן פעסט דאָס וואָרט, וואָס זיי האָבּן געהערט, אין אַן ערלעך
אוּן גוּט האַרץ, אוּן בּרענגען אַרויס פּרוּכט מיט געדוּלדיקייט.
16 אוּן קיינער, וואָס האָט אָנגעצוּנדן אַ ליכט, פאַרדעקט עס מיט אַ
כֵּלי, אָדער שטעלט עס אוּנטער אַ בּעט; נייערט ער שטעלט עס אין אַ
לײַכטער, כּדי די, וואָס קוּמען אַרײַן, זאָלן קענען זען דאָס ליכט.
17 וואָרים עס איז גאָרניט פאַרהוילן, וואָס וועט ניט ווערן אַנטפּלעקט,
אוּן סע איז גאָרניט פאַרבּאָרגן, וואָס וועט ניט ווערן בּאַקאַנט אוּן
דערזען דאָס ליכט. 18 דעריבּער גיט אַכטוּנג וויאַזוי איר הערט; וואָרים
ווער סע האָט, דעם וועט געגעבּן ווערן, אוּן ווער סע האָט ניט, פוּן
אים וועט אַוועקגענוּמען ווערן אַפילוּ דאָס, וואָס ער מיינט ער האָט.
19 אוּן עס זענען צוּ אים געקוּמען זיין מוּטער אוּן זיינע בּרידער, אוּן זיי
האָבּן ניט געקאָנט צוּקוּמען צוּ אים צוּליבּ דעם עוֹלם. 20 אוּן מען האָט
אים געזאָגט: דיין מוּטער אוּן דיינע בּרידער שטייען אין דרויסן אוּן
ווילן דיך זען. 21 אָבּער ער האָט געענטפערט, אוּן צוּ זיי געזאָגט: מיין
מוּטער אוּן מיינע בּרידער זענען די דאָזיקע, וואָס הערן דאָס וואָרט פוּן
גאָט, אוּן טוּען עס.
22 אוּן עס איז געווען אין איינעם פוּן יענע טעג, אַז ער אוּן זיינע
תַּלמידים זענען אַרײַנגעגאַנגען אין אַ שיף, אוּן ער האָט צוּ זיי געזאָגט:
לאָמיר אַריבּערפאָרן אויף דער אַנדערער זייט יַם, אוּן זיי זענען
אַרויסגעפאָרן. 23 אוּן בּעת זיי זענען געפאָרן, איז ער אײַנגעשלאָפן. אוּן
אַ שטוּרעמווינט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן יַם; אוּן זיי זענען
פאַרפלייצט געוואָרן, אוּנ זענען געווען אין סַכָּנה. 24 אוּן איי זענען
צוּגעגאַנגען, אוּן האָבּן אים אויפגעוועקט, אוּן געזאָגט: האַר, האַר מיר
גייען אוּנטער! אוּן ער איז אויפגעשטאַנען, אוּן האָט אָנגעשריגן אויף
דעם ווינט אוּן די שטוּרעמדיקע כוואַליעס; אוּן זיי האָבּן זיך געלייגט,
אוּן עס איז געוואָרן שטיל. 25 אוּן ער האָט צוּ זיי געזאָגט: וואוּ איז
אייער אֱמוּנה? אוּן זיי האָבּן מוֹרא געהאַט אוּן זיך געחִידוּשט, אוּן
האָבּן געזאָגט איינער צוּם אַנדערן: ווער אייגנטלעך איז ער, וואָס ער
בּאַפעלט אַפילוּ ווינט אוּן וואַסער, אוּן זיי געהאָרכן אים?
26 אוּן זיי זענען אָנגעקוּמען אין דעם לאַנד פוּן די גַדרִיִים, וואָס איז
קעגנאיבּער גָליל. 27 אוּן בּעת ער איז אַרויסגעקוּמען אויף דער יַבָּשה,
איז אים אַנטקעגן געקוּמען אַ מענטש פוּן דער שטאָט, וואָס האָט
געהאַט בּייזע גייסטער;

פאַר אַ לאַנגע צייט האָט ער ניט געטראָגן קיין קליידער, און האָט זיך ניט
אויפגעהאַלטן אין קיין הויז, נייערט צווישן די קבָרים. 28 און אַז ער האָט
דערזען יֵשוּעַן, האָט ער אויסגעשריגן, און איז פאַר אים אַנידערגעפאַלן, און
האָט מיט אַ הויך קוֹל געזאָגט: וואָס האָסטוּ צוּ מיר, יֵשוּעַ, דוּ זוּן פוּן דעם
אייבערשטן? איך בעט דיך, פּייניק מיך ניט. 29 וואָרים ער האָט באַפוילן דעם
אוּמריינעם גייסט אַרויסצוּקוּמען פוּן דעם מענטשן. (וואָרים אַ סַך מאָל האָט
ער אים אָנגעכאַפּט; און מען האָט אים געהאַלטן אונטער שמִירה, און אים
געבוּנדן מיט קייטן און מיט שטריק, אָבער ער האָט פוּנאַנדערגעריסן די
שטריק, און איז געטריבן געוואָרן פוּן דעם בייזן גייסט אין די מִדבָּריוֹת אַריין.)
30 און יֵשוּעַ האָט אים געפרעגט: וואָס איז דיין נאָמען? האָט ער געזאָגט:
מַחנה; וואָרים אַ סַך בייזע גייסטער זענען אַריין אין אים. 31 און זיי האָבן אים
געבעטן, אַז ער זאָל זיי ניט באַפעלן צוּ נידערן אין דעם תּהוֹם אַריין. 32 און
דאָרטן אויפן באַרג האָט זיך געפּאַשעט אַ גרויסע סטאַדע חַזֵירים; און זיי
האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי געבן דערלויבעניש אין זיי אַריינצוּגיין. און
ער האָט זיי געגעבן דערלויבעניש. 33 און די בייזע גייסטער זענען
אַרויסגעקוּמען פוּן דעם מענטשן, און זענען אַריין אין די חַזֵירים; און די
סטאַדע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פוּן דעם שיפּוּע אין יַם אַריין, און זענען
דערטרוּנקען געוואָרן.
34 און אַז די פּאַסטוּכער האָבן געזען, וואָס עס איז געשען, זענען זיי אַנטלאָפן,
און האָבן עס דערציילט אין דער שטאָט און אין די דערפער. 35 און זיי זענען
אַרויסגעגאַנגען זען וואָס עס איז געשען; און זיי זענען געקוּמען צוּ יֵשוּעַן, און
האָבן געפוּנען דעם מענטשן, פוּן וועמען די בייזע גייסטער זענען אַרויס, זיצן
ביי די פיס פוּן יֵשוּעַן, אָנגעטאָן און ביים קלאָרן שֵׂכל, און זיי האָבן מוֹרא
באַקוּמען. 36 און די, וואָס האָבן עס געזען, האָבן דערציילט וויאַזוי דער
באַזעסענער איז געהיילט געוואָרן. 37 און דאָס גאַנצע פאָלק רוּנדאַרוּם פוּן
דעם לאַנד פוּן די גַדרִיִים האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל פוּן זיי אַוועקציִען;
וואָרים עס איז זיי באַפאַלן אַ גרויסע מוֹרא. און ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ
שיף, און האָט זיך אוּמגעקערט. 38 און דער מענטש, פוּן וועמען די בייזע
גייסטער זענען אַרויס, האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל מעגן פאַרבלייַבן מיט
אים; אָבער ער האָט אים אַוועקגעשיקט, און געזאָגט: 39 קער דיך אוּם אַהיים,
און דערצייל וואָס גאָט האָט מיט דיר געטאָן. און ער איז געגאַנגען, און האָט
דערציילט אין דער גאַנצער שטאָט, וואָס יֵשוּעַ האָט מיט אים געטאָן.
40 און אַז יֵשוּעַ האָט זיך אוּמגעקערט, האָט דאָס פאָלק אים מקַבל־פָּנים
געווען; וואָרים זיי האָבן אַלע געוואַרט אויף אים. 41 און אָט איז געקוּמען אַ
מענטש מיטן נאָמען יָאִיר, וואָס איז געווען אַ גַבאי פוּן דער שוּל; און ער איז
אַנידערגעפאַלן צוּ יֵשוּעַס פיס, אוּנ האָט אים געבעטן, צוּ קוּמען אין זיין הויז
אַריין; 42 וואָרים ער האָט געהאַט אַ

בַּת־יְחִידה, אין עלטער פון אַרום צוועלף יאָר, און זי האָט געהאַלטן בײַם
שטאַרבן. און בעת ער איז אַהינגעגאַנגען, האָט זיך דאָס פאָלק
געדרענגט אַרום אים.
43 און אַ פרוי, וואָס האָט צוועלף יאָר געהאַט אַ בלוטפלוס, און וואָס
האָט אויסגעגעבן איר גאַנץ פאַרמעגן אויף רופאים, און קיינער האָט זי
ניט געקענט היילן, 44 האָט גענענט הינטער אים, און האָט אָנגערירט די
כּנפות פון זײַן מַלבוש, און תּיכּף האָט איר בלוטפלוס זיך אָפּגעשטעלט.
45 און יֵשוּעַ האָט געזאָגט: ווער האָט מיך אָנגערירט? און אַז אַלע האָבן
געלייקנט, האָט פּעטרוס געזאָגט: האַר, דאָס פאָלק דריקט און דרענגט
דיך! 46 אָבער יֵשוּעַ האָט געזאָגט: עמיצער האָט מיך אָנגערירט; וואָרים
איך האָב דערפילט, אַז אַ גבורה איז פון מיר אַרויסגעגאַנגען. 47 און בעת
די פרוי האָט געזען, אַז זי איז ניט געבליבן פאַרבאָרגן, איז זי געקומען אַ
ציטערדיקע און איז פאַר אים אַנידערגעפאַלן, און האָט דערציילט פאַר
דעם גאַנצן פאָלק, פאַרוואָס זי האָט אים אָנגערירט, און ווי זי איז תּיכּף
געהיילט געוואָרן. 48 און ער האָט צו איר געזאָגט: טאָכטער, דײַן אֱמונה
האָט דיר געהאָלפן; גיי בשלום.
49 בשעת ער האָט נאָך גערעדט, איז געקומען איינער פון דעם גַבּאיס
הויז, און האָט געזאָגט: דײַן טאָכטער איז געשטאָרבן; זײַ ניט מַטריחַ
דעם רֶבּין. 50 און אַז יֵשוּעַ האָט דאָס געהערט, האָט ער צו אים געזאָגט:
האָב ניט קיין מורא; האָב נאָר אֱמונה, און זי וועט געראַטעוועט ווערן.
51 און אַז ער איז צוגעקומען צום הויז, האָט ער קיינעם ניט געלאָזט
אַרײַנגיין מיט אים, אַחוץ פּעטרוסן, און יוחָנָן, און יַעקבֿן, און דעם
פאָטער און די מוטער פון דעם מיידל. 52 און אַלע האָבן זי באַוויינט און
באַקלאָגט; אָבער ער האָט געזאָגט: וויינט ניט; וואָרים זי איז ניט
געשטאָרבן, נייערט זי שלאָפט. 53 און זיי האָבן אים גוט אויסגעלאַכט,
ווײַל זיי האָבן געוואוסט, אַז זי איז טויט. 54 אָבער ער האָט זי אָנגענומען
בײַ דער האַנט, און געזאָגט: קינד, שטיי אויף. 55 און אירע נשָמה האָט
זיך צוריקגעקערט, און זי איז תּיכּף אויפגעשטאַנען; און ער האָט
געהייסן, מע זאָל איר געבן עפּעס צו עסן. 56 און אירע עלטערן זענען
נִשתּומם געוואָרן; אָבער ער האָט זיי באַפוילן, אַז זיי זאָלן קיינעם ניט
דערציילן, וואָס עס איז געשען.
ט און ער האָט צוזאַמענגערופן די צוועלף, און האָט זיי געגעבן מאַכט
און שליטה איבער אַלע בייזע גייסטער, און צו היילן קראַנקהייטן. 2 און
ער האָט זיי אַרויסגעשיקט אָנצוזאָגן דאָס מַלכות פון גאָט, און צו היילן.
3 און ער האָט צו זיי געזאָגט: נעמט גאָרניט מיט אויפן וועג, ניט קיין
שטעקן, ניט קיין רײַזעטאַש, ניט קיין ברויט, ניט קיין געלט; און האָט
אויך ניט קיין צוויי

רעק. 4 און אין וואָסער הויז איר וועט אַרייַנקומען, דאָרטן פאַרבלייַבט,
און פון דאָרטן גייט ווייטער. 5 און וואו מען וועט אייך ניט אויפנעמען,
זאָלט איר פאַרלאָזן יענע שטאָט, און אָפּטרעסלען דעם שטויב פון
אייערע פיס פאַר אַן עֵדות קעגן זיי. 6 און זיי האָבן אָפּגעקערט, און
זענען געגאַנגען איבער די דערפער, און האָבן מבַשׂר געווען די גוטע
בשׂורה און אומעטום געהיילט.
7 און הוֹרדוס, דער טעטראַרך, האָט געהערט פון אַלץ, וואָס עס איז
געטאָן געוואָרן, און ער איז שטאַרק באַזאָרגט געווען, וואָרים טייל
האָבן געזאָגט, אַז יוֹחָנָן איז אויפגעשטאַנען תּחִיַת־הַמֵתים, 8 און
אַנדערע, אַז אֵליָהו האָט זיך באַוויזן; און ווידער אַנדערע, אַז איינער פון
די אַלטע נבִיאים איז אויפגעשטאַנען. 9 און הוֹרדוס האָט געזאָגט: יוֹחָנָן
האָב איך געלאָזט אָפּהאַקן דעם קאָפּ; אָבער ווער איז דער דאָזיקער, פון
וועמען איך הער אַזוינע זאַכן? און ער האָט אים באַגערט צו זען.
10 און די שלִיחים האָבן זיך אומגעקערט, און האָבן אים דערציילט,
וואָס זיי האָבן געטאָן. און ער האָט זיי גענומען מיט זיך און האָט
אָפּגעקערט צו אַ שטאָט, וואָס האָט געהייסן בֵּית־צַידָה. 11 און אַז דאָס
פאָלק האָט דאָס באַמערקט, זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען; און ער האָט
זיי אויפגענומען, און האָט צו זיי גערעדט פון דעם מַלכות פון גאָט, און
די, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין אַ רפואה, האָט ער געהיילט. 12 און
דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן צו נייגן; און די צוועלף האָבן גענעענט,
און צו אים געזאָגט: לאָז אָפּ דאָס פאָלק, כּדי זיי זאָלן קענען גיין אין די
אַרומיקע דערפער און פעלדער איבערצונעכטיקן און צו קריגן שפּייז;
וואָרים מיר זענען דאָ אין אַ וויסטן אָרט. 13 אָבער ער האָט צו זיי
געזאָגט: גיט איר זיי צו עסן. האָבן זיי געזאָגט: מיר האָבן ניט מער ווי
פינף לאַבּנס און צוויי פיש – סיידן מיר זאָלן גיין און קויפן שפּייז פאַר
דעם דאָזיקן גאַנצן פאָלק. 14 (וואָרים זיי זענען געווען אַרום פינף
טויזנט מאַן.) און ער האָט געזאָגט צו זיינע תּלמידים: זעצט זיי אויס
אין כּיתּות, אַרום פופציק אין יעדער. 15 און זיי האָבן אַזוי געטאָן, און
האָבן אַלעמען אויסגעזעצט. 16 און ער האָט גענומען די פינף לאַבּנס
און די צוויי פיש, און האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל, און
האָט אַ בּרָכה געמאַכט און פון זיי אָפּגעבראָכן, און זיי געגעבן די
תּלמידים, צו גרייטן פאַר דעם פאָלק. 17 און זיי האָבן אַלע געגעסן צו
דער זאַט; און זיי האָבן צונויפגענומען פון די איבערגעבליבענע
בּרעקלעך, צוועלף קערבּ.
18 און עס איז געווען, בעת ער האָט אַליין מִתפַּלֵל געווען, זענען די
תּלמידים געווען מיט אים; און ער האָט זיי געפרעגט: ווער, זאָגט דאָס
פאָלק, בין איך? 19 און זיי האָבן געענטפערט, און געזאָגט:

יוֹחָנָן הַמטבּיל. אָבּער אַנדערע זאָגן: אֵלִיָהוּ; אוּן אַנדערע, אַז איינער
פוּן די אַלטע נבִיאים איז אויפגעשטאַנען. 20 האָט ער צוּ זיי געזאָגט:
איר אָבּער, ווער זאָגט איר, בּין איך? אוּן פּעטרוּס האָט געענטפערט:
דער מָשִיחַ פוּן גאָט. 21 אוּן ער האָט זיי בּאַפוילן אוּן געבּאָטן, אַז זיי
זאָלן עס קיינעם ניט דערציילן, 22 אוּן געזאָגט: דער בֶּן־אָדָם מוּז ליידן
אַ סַך, אוּן פאַרוואָרפן ווערן פוּן די זְקֵנים אוּן ראָשי־כֹּהֲנים אוּן סוֹפרים,
אוּן געטייט ווערן, אוּן אויף דעם דריטן טאָג ווידער אויפשטיין.
23 אוּן ער האָט געזאָגט צוּ אַלעמען: וויל מיר ווער נאָכגיין, זאָל ער
זיך אַליין פאַרלייקענען, אוּן נעמען אויף זיך פוּן טאָג צוּ טאָג זיין צלָב,
אוּן מיר נאָכגיין. 24 וואָרים ווער סע וויל מַציל זיין זיין לעבּן, וועט עס
פאַרלירן; אוּן ווער סע וועט פאַרלירן זיין לעבּן פוּן מייַנעטוועגן, וועט
עס מַציל זיין. 25 וואָרים וואָס נוּצט עס דעם מענטשן, ווען ער זאָל
געווינען די גאַנצע וועלט, אוּן פאַרלירן אַדער פאַרדאַרבּן זיך אַליין?
26 וואָרים ווער סע וועט זיך שעמען מיט מיר אוּן מיט מיינע רייד,
וועט דער בֶּן־אָדָם זיך שעמען מיט אים, בּעת ער וועט קוּמען אין זיין
כָּבוד, אוּן אין דעם כָּבוד פוּן זיין פאָטער אוּן די הייליקע מַלאָכים.
27 באמת, איך זאָג אייך, פאַראַן עטלעכע פוּן די, וואָס שטייען דאָ,
וואָס וועלן ניט פאַרזוּכן דעם טַעם פוּן טויט, בּיז זיי וועלן זען דאָס
מַלכות פוּן גאָט.
28 אוּן עס איז געווען אַרוּם אַכט טעג נאָך די דאָזיקע רייד, אַז ער האָט
גענוּמען מיט זיך פּעטרוּסן, אוּן יוֹחָנָן, אוּן יַעקֹבן, אוּן איז
אַרויפגעגאַנגען אויף דעם בּאַרג מִתפַּלֵל צוּ זיין. 29 אוּן בּעת ער האָט
מִתפַּלֵל געווען, האָט זיך דאָס אויסזען פוּן זיין פָּנים פאַרענדערט, אוּן
זיינע מַלבּוּשים זענען געוואָרן שטראַלנדיק ווייס. 30 אוּן אָט האָבּן צוויי
מענטשן גערעדט מיט אים, מֹשה אוּן אֵלִיָהוּ, 31 וואָס האָבּן זיך
אַנטפּלעקט אין הערלעכקייט, אוּן האָבּן גערעדט פוּן זיין פּטִירה, וואָס
ער האָט געדאַרפט ממַלא זיין אין ירוּשָלַיִם. 32 אוּן פּעטרוּס אוּן די,
וואָס זענען געווען מיט אים, זענען בּאַפאַלן געוואָרן פוּן אַ שווערן
שלאָף; אוּן בּעת זיי האָבּן זיך אויפגעכאַפּט, האָבּן זיי געזען זיין
הערלעכקייט אוּן די צוויי מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען לעבּן אים.
33 אוּן עס איז געווען, בּעת זיי האָבּן זיך גענוּמען פוּן אים שיידן, האָט
פּעטרוּס געזאָגט צוּ יֵשוּעַן: רֶבּי, עס איז גוּט פאַר אוּנדז דאָ צוּ זיין;
לאָמיר מאַכן דריי סֻכּוֹת, איינס פאַר דיר, איינס פאַר מֹשהן, אוּן איינס
פאַר אֵלִיָהוּן; אָבּער ער האָט ניט געוואוּסט, וואָס ער רעדט. 34 אוּן
בּשַעת ער האָט דאָס געזאָגט, איז געקוּמען אַ וואָלקן אוּן האָט זיי
פאַרשאָטנט; אוּן זיי האָבּן זיך געפאָרכטן, בּעת זיי זענען אַרייַנגעקוּמען
אין דעם וואָלקן. 35 אוּן אַ קוֹל איז אַרויס פוּן דעם וואָלקן,

אַזוי צו זאָגן: דאָס איז מיין זון, מיין אויסדערווײלטער, אים זאָלט איר
הערן. 36 און בעת דאָס קול האָט זיך געהערט, האָט זיך יֵשוּעַ געפונען
אַליין. און זיי האָבן געשוויגן, און האָבן קיינעם ניט אין יענע טעג
דערצוילט דאָס, וואָס זיי האָבן געזען.
37 און עס איז געווען אויפן אַנדערן טאָג, בעת זיי האָבן אַראָפגענידערט
פון דעם באַרג, האָט אים באַגעגנט אַ גרויסער עוֹלם. 38 און אָט האָט
איינער פון פאָלק געשריגן, און געזאָגט: רֶבּי, איך בעט דיך אַ קוק צו
טאָן אויף מיין זון, וואָרים ער איז מיין איינציק קינד; 39 און זע, אַ רוּחַ
כאַפּט אים אָן, און ער שרייט פּלוּצים אויס; און ער רייסט אים, ביז ער
שוימט, און ער ווייַכט פון אים שווער, און טוט אים שטאַרק צעשלאָגן.
40 און איך האָב געבעטן דיינע תּלמידים, אַז זיי זאָלן אים אַרויסטרייַבן,
און זיי האָבן ניט געקענט; 41 און יֵשוּעַ האָט געענטפערט, און געזאָגט:
אָ, אומגלויביקער און פאַרקרומטער דוֹר, ווי לאַנג נאָך זאָל איך זיין מיט
אייך, און אייך פאַרטראָגן? ברענג אַהער דיין זון. 42 און ווי נאָר ער האָט
געטאָן גענעענען, האָט אים דער בייזער גייסט אָנידערגעוואָרפן, און אים
מוֹרֶאדיק געריסן. אָבער יֵשוּעַ האָט אַנגעשריגן אויף דעם אומריינעם
גייסט, און געהיילט דאָס ייִנגל, און אים צוריקגעגעבן זיין פאָטער.
43 און זיי זענען אַלע נִשתּוֹמם געוואָרן פון דער גרויסקייט פון גאָט.
און בשעת אַלע האָבן זיך געוואונדערט אויף אַלץ, וואָס ער האָט
געטאָן, האָט ער געזאָגט צו זיינע תּלמידים: 44 טוט די דאָזיקע רייד
אַריין אין אייערע אויערן: וואָרים דער בֶּן־אָדָם וועט איבערגעענטפערט
ווערן אין די הענט פון מענטשן. 45 אָבער זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען
דאָס דאָזיקע וואָרט, און עס איז געווען פאַרהוילן פון זיי, כּדי זיי זאָלן
עס ניט באַנעמען; און זיי האָבן מוֹרא געהאַט אים צו פרעגן וועגן דעם
דאָזיקן וואָרט.
46 און עס איז אויפגעגאַנגען אַ מַחשָבה צווישן זיי, ווער פון זיי עס איז
דער גרעסטער. 47 און בעת יֵשוּעַ האָט דערקענט די מַחשָבה פון זייער
האַרץ, האָט ער גענומען אַ קינד, און עס אַוועקגעשטעלט לעבן זיך,
48 און האָט צו זיי געזאָגט: ווער סע וועט אויפנעמען דאָס דאָזיקע קינד
אין מיין נאָמען, נעמט מיך אויף; און ווער סע וועט מיך אויפנעמען,
נעמט אויף דעם, וואָס האָט מיך געשיקט; וואָרים דער, וואָס איז דער
קלענסטער צווישן אייך אַלע, דער דאָזיקער איז גרויס.
49 און יוֹחָנָן האָט געענטפערט: רֶבּי, מיר האָבן געזען איינעם אַרויס־
טרייַבן בייזע גייסטער אין דיין נאָמען, און מיר האָבן אים פאַרווערט,
מַחמת ער גייט אונדז ניט נאָך. 50 אָבער יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט:
פאַרווערט אים ניט; וואָרים דער, וואָס איז ניט קעגן אייך, איז פאַר אייך.

51 און עס איז געווען, בעת די טעג האָבן זיך שוין דערנענטערט, אַז ער
זאָל אַרויפגענומען ווערן, האָט ער אַנטשלאָסן געווענדט זיין פּנים צו
גיין קיין ירושָלַיִם, 52 און ער האָט געשיקט שלִיחים פאַרויס פאַר אים,
וואָס זענען געגאַנגען און זענען אַריינגעקומען אין אַ דאָרף פון די
שומרונים, כּדי פאַר אים אָנצוגרייטן. 53 און זיי האָבן אים ניט
אויפגענומען, מַחמת זיין פּנים איז געווען געווענדט צו גיין קיין
ירושָלַיִם. 54 און בעת זיינע תַּלמידים יַעקֹב און יוחָנָן האָבן דאָס געזען,
האָבן זיי געזאָגט: האַר, ווילסטו, מיר זאָלן באַפעלן אַ פייער זאָל
אַראָפּנידערן פון הימל, און זיי פאַרצערן? 55 אָבער ער האָט זיך
אויסגעדרייט, און האָט זיי פירגעהאַלטן. 56 און זיי זענען געגאַנגען אין
אַן אַנדער דאָרף אַריין.
57 און בעת זיי זענען געגאַנגען אויפן וועג, האָט איינער צו אים
געזאָגט: איך וויל דיר נאָכגיין וואוהין נאָר דו וועסט גיין. 58 האָט
יֵשוּעַ צו אים געזאָגט: די פוקסן האָבן הייַלן, און די פייגל פון הימל
האָבן נעסטן, אָבער דער בֶּן־אָדָם האָט ניט וואו זיין קאָפּ
אַנידערצולייגן; 59 און צו אַן אַנדערן האָט ער געזאָגט: גיי מיר
נאָך. אָבער יענער האָט געזאָגט: האַר, דערלויב מיר קודם צו גיין און
מקַבּר זיין מיין פאָטער. 60 אָבער ער האָט צו אים געזאָגט: לאָז די
מֵתים מקַבּר זיין זייערע אייגענע מֵתים; און דו גיי און זאָג אומעטום
אָן דאָס מַלכות פון גאָט. 61 און אַן אַנדערער האָט געזאגט: איך וועל
דיר נאָכגיין, האַר; נאָר דערלויב מיר קודם זיך צו געזעגענען מיט
מיינע בּנֵי־בַּיִת. 62 אָבער יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: דער, וואָס לייגט
צו אַ האַנט צום אַקער, און קוקט אויף צוריק, טויג ניט פאַר דעם
מַלכות פון גאָט.
י און נאָכדעם האָט דער האַר באַשטימט זיבעציק אַנדערע און האָט זיי
געשיקט זאַלבעצווייַט פאָרויס פאַר אים אין יעדער שטאָט און אָרט,
וואוהין ער האָט בּדֵעה געהאַט צו קומען. 2 און ער האָט צו זיי
געזאָגט: דער שניט איז גרויס, אָבער די אַרבעטער זענען ווינציק; בעט
דעריבער דעם האַר פון דעם שניט, אז ער זאָל אַרויסשיקן אַרבעטער
צו זיין שניט. 3 גייט; אָט שיק איך אייך אַרויס ווי לעמער צווישן
וועלף. 4 טראָגט ניט קיין בייטל, ניט קיין רייזעטאַש, ניט קיין שיך;
גריסט קיינעם ניט אונטערוועגנס. 5 און אין וואָסער

הויז איר וועט אַרייַנקומען, זאָגט קודם: זאָל זיין שָלום צו דעם דאָזיקן
הויז. 6 און אויב דאָרטן וועט זיין אַ בֶּן־שָלום, וועט אייער שָלום רוען
אויף אים; נאָר אויב ניט, וועט ער זיך ווידער אומקערן צו אייך. 7 און
פאַרבלייַבט אין יענעם הויז, עסט און טרינקט וואָס זיי גיבן, וואָרים
דער אַרבעטער איז ווערט זיין לוין; גייט ניט פון הויז צו הויז. 8 און
אין וואָסער שטאָט איר קומט אַריין, און זיי נעמען אייך אויף, עסט
וואָס מע גרייט פאַר אייך, 9 און היילט די קראַנקע, וואָס געפינען זיך
אין איר, און זאָגט צו זיי: דאָס מַלכות פון גאָט האָט צו אייך
גענעענט. 10 און אין וואָסער שטאָט איר וועט אַרייַנקומען, און זיי
וועלן אייך ניט אויפנעמען, טאָ גייט אַרויס אויף אירע גאַסן, און
זאָגט: 11 אַפילו דעם שטויב פון אייער שטאָט, וואָס קלעפט אויף
אונדזערע פיס, ווישן מיר אָפ קעגן אייך; דאָך וויסן זאָלט איר וויסן,
אַז דאָס מַלכות פון גאָט האָט גענעענט. 12 איך זאָג אייך: סע וועט אין
יענעם טאָג אַ סַך גרינגער זיין פאַר סדום, ווי פאַר יענער שטאָט.
13 וויי צו דיר, כּוֹרָזין! וויי צו דיר, בֵּית־צַיָדָה! וואָרים אויב די
וואונדער, וואָס זענען געטאָן געוואָרן אין אייך, וואָלטן געטאָן
געוואָרן אין צוֹר און אין צִידוֹן, וואָלטן זיי שוין לאַנג געזעסן אין זאָק
און אַש, און תּשובה געטאָן. 14 אין יום־הַדין וועט זיין גרינגער פאַר
צוֹר און צִידוֹן ווי פאַר אייך. 15 און דו, כּפַר־נַחום, אַזש צום הימל
וועסטו דיך דערהייבן? אין שאול־תַחתִיה וועסטו אַראָפּנידערן. 16 דער,
וואָס הערט אייך, טוט מיך הערן; און דער, וואָס פאַרוואַרפט אייך,
טוט מיך פאַרוואַרפן; און דער, וואָס פאַרוואַרפט מיך, טוט
פאַרוואַרפן אים, וואָס האָט מיך געשיקט.
17 און די זיבּנציק האָבן זיך אומגעקערט מיט שִמחה, און געזאָגט:
האַר, אַפילו די בייזע גייסטער זענען אונדז אונטערטעניק אין דיין
נאָמען! 18 און ער האָט צו זיי געזאָגט: איך האָב געזען דעם שָׂטן
פאַלן ווי אַ בליץ פון הימל. 19 זעט, איך האָב אייך געגעבן שלִיטה צו
טרעטן אויף שלאַנגען און עקדישן, און איבער דער גאַנצער גבורה פון
דעם שׂונא; און קיין שום זאַך וועט אייך ניט שאַטן. 20 אָבער פרייט
אייך ניט איבער דעם, וואָס די גייסטער זענען אייך אונטערטעניק,
נייערט פרייט אייך, וואָס אייערע נעמען זענען פאַרשריבן אין הימל.
21 און גראָד אין יענער שָעה האָט ער זיך געפרייט אין דעם
רוח־הַקודֶש, און האָט געזאָגט: איך דאַנק דיר, פאָטער, האַר פון הימל
און ערד, וואָס דו האָסט דאָס פאַרהוילן

פון די חכמים און פאַרשטענדיקע, און עס אַנטפּלעקט פאַר עופעלעך;
יאָ, פאָטער, אַזוי איז געווען דיין רצון. 22 אַלצדינג איז מיר
איבערגעענטפערט געוואָרן פון מיין פאָטער; און קיינער ווייסט ניט,
ווער דער זון איז, אַחוץ דער פאָטער; און ווער דער פאָטער איז, אַחוץ
דער זון, און דער, צו וועמען דער זון וויל אים אַנטפּלעקן. 23 און ער האָט
זיך געווענדט צו די תּלמידים אַליין, און געזאָגט: וואויל איז די אויגן,
וואָס זען, וואָס איר זעט! 24 וואָרים איך זאָג אייך, אַז אַ סך נביאים און
מלכים האָבן באַגערט צו זען, וואָס איר זעט, און האָבן עס ניט געזען, און
צו הערן, וואָס איר הערט, און האָבן עס ניט געהערט.
25 און איינער אַ תּלמיד־חכם איז אויפגעשטאַנען, כּדי אים צו פּרואוון,
און האָט געזאָגט: רבי, וואָס זאָל איך טאָן, צו ירשענען אייביק לעבן?
26 האָט ער צו אים געזאָגט: וואָס שטייט געשריבן אין דער תּורה? וויאַזוי
לייענסטו? 27 און ער האָט געענטפערט, און געזאָגט: דו זאָלסט ליב
האָבן גאָט דיין האַר מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער נשמה,
און מיט דיין גאַנצן כּוח, און מיט דיין גאַנצן פאַרשטאַנד; און דיין חבר
ווי דיך אַליין.[1] 28 און ער האָט צו אים געזאָגט: דו האָסט ריכטיק
געענטפערט; דאָס טו, און דו וועסט לעבן.
29 אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך געוואָלט אַליין רעכטפאַרטיקן, האָט ער
געזאָגט צו ישוען: און ווער איז מיין חבר? 30 און ישוע האָט
געענטפערט: איינער אַ מענטש איז אַראָפּגענידערט פון ירושלים קיין
יריחו, און איז אַריינגעפאַלן צווישן גזלנים, וואָס האָבן אים אויסגעטאָן
און צעשלאָגן, און זענען אַוועקגעגאַנגען, און אים געלאָזט אַ האַלב
טויטן, 31 און עס האָט זיך געראָד געטראָפן, אַז אַ כּהן איז אַראָפּגענידערט
יענעם וועג; און אַז ער האָט אים געזען, איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף
דער אַנדערער זייט; 32 און אַזוי אויך אַ לוי, בעת ער איז פאַרבייגעגאַנגען
יענעם אָרט און אים געזען, איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער
זייט. 33 אָבער איינער אַ שומרוני, בעת ער האָט גערייזט, איז געקומער
וואו ער איז געווען; און אַז ער האָט אים געזען, האָט אים אָנגענומען אַ
רחמנות, 34 און ער איז צוגעגאַנגען צו אים, און האָט פאַרבונדן זיינע
וואונדן, און אַרויפגעגאָסן אויף זיי אייל און וויין, און ער האָט אים
אַרויפגעזעצט אויף זיין אייגענער בהמה, און האָט אים געבראַכט אין אַן
אַכסניא אַריין, און האָט פאַר אים געזאָרגט. 35 און אויף מאָרגן האָט ער
אַרויסגענומען צוויי דינרים, און האָט זיי געגעבן דעם בעל־אַכסניא, און
געזאָגט: גיב אַכטונג אויף אים, און וויפל מער דו וועסט אויסגעבן, וועל
איך דיר באַצאָלן, ווען איך וועל צוריקקומען. 36 ווער פון די דאָזיקע
דריי, מיינסטו, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ חבר צו אים, וואָס איז
אַריינגעפאַלן צווישן

[1] דברים ו, 5; ויקרא יט, 18.

די גַזלָנים? 37 האָט ער געזאָגט: דער, וואָס האָט אויף אים רַחמָנות
געהאַט. און יֵשוּעַ האָט צוּ אים געזאָגט: גיי, אוּן טוּ דוּ אויך אַזוי.
38 אוּן עס איז געווען, בּעת זיי זענען געגאַנגען אין וועג, איז ער
געקוּמען אין איינעם אַ דאָרף אַריין; אוּן אַ פּרוי מיטן נאָמען מַרתָּא
האָט אים אויפגענוּמען אין איר הויז. 39 אוּן זי האָט געהאַט אַ
שוועסטער, וואָס האָט געהייסן מִריָם, וואָס האָט זיך געזעצט צוּ דעם
האַרס פיס, אוּן האָט זיך צוּגעהערט צוּ זיין תּוֹרה. 40 מַרתָּא איז אָבֿער
געווען פאַרנוּמען מיט דעם פיל בּאַדינען; אוּן זי איז צוּגעגאַנגען, אוּן
האָט געזאָגט: האַר, טוּט דיך ניט אַרן, וואָס מיין שוועסטער האָט מיך
איבֿערגעלאָזן צוּ דינען אַליין? זאָג איר דעריבֿער, אַז זי זאָל מיר
העלפן. 41 אוּן דער האַר האָט געענטפערט, אוּן צוּ איר געזאָגט:
מַרתָּא, מַרתָּא, דוּ זאָרגסט אוּן דאַגֶהסט זיך איבֿער אַ סַך זאַכן; 42 איין
זאַך איז אָבֿער נייטיק, אוּן מִריָם האָט זיך אויסדערוויילט דעם גוּטן
חֵלֶק, וואָס וועט פוּן איר ניט אַוועקגענוּמען ווערן.
יא אוּן עס איז געווען, בּעת ער האָט אין איינעם אַן אַרט מִתפַּלֵל
געווען, האָט איינער פוּן זיינע תַּלמידים צוּ אים געזאָגט, בּשַעת ער
האָט פאַרענדיקט: האַר, לערן אוּנדז מִתפַּלֵל צוּ זיין, אַזוי ווי יוֹחָנָן
האָט געלערנט זיינע תַּלמידים. 2 אוּן ער האָט צוּ זיי געזאָגט: בּעת איר
זענט מִתפַּלֵל, זאָלט איר זאָגן:
פאָטער, געהייליקט זאָל ווערן דיין נאָמען. זאָל קוּמען דיין מַלכות.
3 גיבֿ אוּנדז יעדן טאָג אוּנדזער טעגלעך בּרויט; 4 אוּן זיי אוּנדז מוֹחל
אוּנדזערע זינד, וואָרים מיר אַליין זענען אויך מוֹחל יעדן איינעם, וואָס
האָט זיך קעגן אוּנדז פאַרשוּלדיקט: אוּן בּרענג אוּנדז ניט צוּ קיין נִסָיון.
5 אוּן ער האָט צוּ זיי געזאָגט: ווער פוּן אייך, וואָס האָט אַ פּריינט, אוּן
ער זאָל קוּמען צוּ אים אין האַלבֿער נאַכט, אוּן זאָגן: פּריינט, אַנטליי
מיר דריי לאַבֿן בּרויט, 6 וואָרים מיינער אַ פּריינט איז צוּ מיר געקוּמען
פוּן וועג, אוּן איך האָבֿ ניט וואָס צוּ גרייטן פאַר אים; 7 אוּן יענער וועט
ענטפערן פוּן אינעווייניק: זיי מיך ניט מַטרִיחַ; די טיר איז שוין
פאַרשלאָסן, אוּן מיינע קינדער זענען מיט מיר אוּן בּעט; איך קאָן ניט
אויפּשטיין אוּן דיר געבֿן. 8 איך זאָג אייך, כאָטש ער וועט ניט
אויפּשטיין אוּן אים געבֿן, ווייל ער איז זיין פּריינט, וועט ער אָבֿער
אויפּשטיין צוּליבֿ זיין צוּדרינגלעכקייט, אוּן אים געבֿן וואָס ער נייטיקט
זיך. 9 אוּן איך זאָג אייך: בּעט, אוּן סע וועט אייך געגעבֿן ווערן; זוּכט,
אוּן איר וועט געפינען; קלאַפּט אָן, אוּן סע וועט פאַר אייך געעפּנט

ווערן. 10 וואָרים יעדער איינער, וואָס בעט, וועט באַקומען; און דער,
וואָס זוכט, וועט געפינען; און פאַר דעם, וואָס קלאַפּט אָן, פאַר אים
וועט געעפנט ווערן. 11 און ווער פון אייך, וואָס איז אַ פאָטער, און זיין
זון זאָל אים בעטן אַ ברויט, וועט ער אים געבן אַ שטיין? אָדער אַ
פיש, און אַנשטאָט אַ פיש, וועט ער אים געבן אַ שלאַנג? 12 אָדער
אויב ער זאָל בעטן אַן איי, וועט ער אים געבן אַן עקדיש? 13 מַה־דאָך
איר, וואָס זענט שלעכט, פאַרשטייט ווי צו געבן גוטע מַתָּנות אייערע
קינדער, וויפל־זשע מער וועט דער פאָטער פון הימל געבן דעם רוחַ־
הַקודֶש צו די, וואָס בעטן אים?
14 און ער האָט אַרויסגעטריבן אַ בייזן גייסט, וואָס איז געווען שטום;
און עס איז געווען, בעת דער בייזער גייסט איז אַרויסגעגאַנגען, האָט
דער שטומער גערעדט; און דאָס פאָלק איז נִשתּומם געוואָרן. 15 אָבער
עטלעכע צווישן זיי האָבן געזאָגט: ער טרייבט אַרויס בייזע גייסטער
דורך בַּעל־זבוב, דעם שַׂר פון די בייזע גייסטער. 16 און אַנדערע האָבן
אים געפּרואווט, און באַגערט פון אים אַ נֵס פון הימל. 17 און
פאַרשטייענדיק זייערע מַחשָבות, האָט ער צו זיי געזאָגט: יעדע מלוכה,
וואָס איז צעטיילט קעגן זיך אַליין, ווערט חָרוב; און אַ הויז פאַלט אויף
אַ הויז. 18 און אויב שָׂטן איז אויך צעטיילט קעגן זיך אַליין וויאַזוי קאָן
זיין מלוכה האָבן אַ קִיום? מַחמת איר זאָגט, אַז איך טרייַב אַרויס בייזע
גייסטער דורך בַּעל־זבוב. 19 און אויב איך טרייַב אַרויס בייזע גייסטער
דורך בַּעל־זבוב, דורך וועמען טוען אייערע זין זיי אַרויסטרייַבן?
דעריבער זאָלן זיי זיין אייערע שופטים. 20 טרייַב איך אָבער אַרויס בייזע
גייסטער דורך דעם פינגער פון גאָט, אַזוי האָט גענעענט צו אייך דאָס
מַלכות פון גאָט. 21 ווען דער גיבור, איינגאַנצן באַוואָפנט, באַוואַכט זיין
אייגן הויף, איז זיין האָב־און־גוטס אין פרידן; 22 נאָר אויב אַ
שטאַרקערער פון אים קומט איבער אים און איז אים מנַצֵחַ, אַזוי נעמט
ער פון אים אַוועק זיין גאַנצע באַוואָפענונג, אויף וואָס ער האָט זיך
פאַרזיכערט, און צעטיילט זיין זאַקרויב. 23 ווער סע איז ניט מיט מיר,
איז קעגן מיר; און ווער סע זאָמלט ניט איין מיט מיר, צעשפּרייט.
24 ווען דער אומריינער גייסט גייט אַרויס פון אַ מענטשן, וואַנדערט ער
אַרום אין טרוקענע ערטער, און זוכט אַ מָקום־מנוחה; און אַז ער
געפינט אים ניט, זאָגט ער: איך וויל מיך אומקערן אין מיין הויז אַריין,
פונוואַנען איך בין אַרויסגעגאַנגען. 25 און בעת ער קומט, געפינט ער
עס אויסגעקערט און אויסגעפּוצט. 26 דעמאָלט גייט ער, און נעמט זיבן
אַנדערע גייסטער, נאָך ערגערע פון אים אַליין, און זיי גייען אַריין און
וואוינען דאָרט; און דער סוף פון יענעם מענטשן ווערט ערגער ווי
דער אָנהייב.

27 און בעת ער האָט דאָס געזאָגט, האָט איינע אַ פֿרוי פֿון דעם פֿאָלק
אויפֿגעהויבן איר קול, און האָט צו אים געזאָגט: וואויל איז דים לײַב,
וואָס האָט דיך געטראָגן, און די בריסט, וואָס דו האָסט געזויגן! 28 אָבער
ער האָט געזאָגט: וואוילער איז די, וואָס הערן דאָס וואָרט פֿון גאָט, און
היטן עס.
29 און בעת דאָס פֿאָלק האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַרום אים, האָט ער אָנגעהויבן
צו זאָגן: דער דאָזיקער דור איז אַ שלעכטער דור; ער פֿאַרלאַנגט אַ צייכן,
און סע וועט אים קיין צייכן ניט געגעבן ווערן, סײַדן דעם צייכן פֿון יונָהן.
30 ווײַל אַזוי ווי יונָה איז געוואָרן אַ צייכן פֿאַר די מענטשן פֿון נינוֵה, אַזוי
וועט אויך דער בֶּן־אָדָם זײַן פֿאַר דעם דאָזיקן דור. 31 די מַלכּה פֿון תּימָן
וועט אויפֿשטיין צום מִשפּט מיט די מענטשן פֿון דעם דאָזיקן דור, און
וועט זיי פֿאַרמִשפּטן; וואָרים זי איז געקומען פֿון עק וועלט צו הערן די
חָכמה פֿון שלמהן,[1] און אָט איז פֿאַראַן אַ גרעסערער ווי שלמה. 32 די
מענטשן פֿון נינוֵה וועלן אויפֿשטיין צום מִשפּט מיט דעם דאָזיקן דור, און
וועלן אים פֿאַרמִשפּטן; וואָרים זיי האָבן תּשובה געטאָן אויף דעם רופֿן פֿון
יונָהן,[2] און אָט איז פֿאַראַן אַ גרעסערער ווי יונָה.
33 קיינער צינדט ניט אָן אַ ליכט און שטעלט עס אין אַ ווינקל, און אויך ניט
אונטער אַ מעסטל, נייערט אין אַ לײַכטער, כּדי די, וואָס קומען אַרײַן, זאָלן
קענען זען דאָס ליכט. 34 דאָס ליכט פֿון דעם גוף איז דײַן אויג; אויב דײַן
אויג איז גאַנץ, איז אויך דײַן גאַנצער גוף לויטער ליכטיקייט; נאָר אויב עס
איז שלעכט, איז אויך דײַן גאַנצער גוף לויטער פֿינצטערניש. 35 דעריבער
גיב אַכטונג, אַז דאָס ליכט, וואָס איז אין דיר, זאָל ניט זײַן פֿינצטערניש.
36 אויב דײַן גאַנצער גוף איז לויטער ליכטיקייט, און האָט ניט קיין
פֿינצטערן טייל, וועט ער זײַן אינגאַנצן פֿול מיט ליכטיקייט, ווי בעת דאָס
ליכט מיט זײַן שטראַל טוט דיך באַלײַכטן.
37 און בעת ער האָט גערעדט, האָט אַ פּרושי אים פֿאַרבעטן צו עסן מיט
אים; און ער איז אַרײַנגעגאַנגען, און האָט זיך געזעצט צום טיש. 38 און
דער פּרושי האָט זיך געחידושט, ווען ער האָט געזען, אַז ער האָט זיך קודם
ניט געוואַשן פֿאַרן עסן. 39 און דער האַר האָט צו אים געזאָגט: איר פּרושים
רייניקט דעם בעכער און די שיסל פֿון אויסנווייניק, אָבער אינעווייניק זענען
זיי פֿול מיט גזֵילה און רשעות. 40 איר נאַראָנים! האָט ניט דער, וואָס האָט
געמאַכט דאָס אויסנווייניקע, אויך געמאַכט דאָס אינעווייניקע? 41 גיט
בעסער צדָקה פֿון דעם וואָס איז דרינען, און אָט וועט אַלצדינג זײַן ריין פֿאַר
אײַך. 42 אָבער ווי צו אײַך, פּרושים! וואָרים איר גיט מַעשׂר פֿון מיענטע
און רוטע און אַלערליי קרײַטעכצער, און זענט עובֿר אויף גערעכטיקייט
און דער ליבשאַפֿט צו גאָט; די דאָזיקע האָט איר באַדאַרפֿט טאָן, און די

[1] מלכים א׳ י, 1. [2] יונה ג, 5.

אַנדערע אויך ניט אויסלאָזן. 43 ווי צו אייך, פּרושים! וואָרים איר
האָט ליב דעם אויבן־אָן אין די שולן, און אַז מע זאָל אייך אָפּגעבן
שָלום אין די מאַרקפּלעצער. 44 ווי צו אייך! וואָרים איר זענט ווי
קבָרים, וואָס מע דערקענט ניט, און די מענטשן, וואָס גייען איבער זיי,
ווייסן עס ניט.
45 און איינער אַ בעל־תּורה האָט געענטפערט, און צו אים געזאָגט: רבי,
מיט דיינע רייד ביסטו אויך אונדז מבַייש. 46 האָט ער געזאָגט: ווי אויך
צו אייך, בַעלי־תּורה! וואָרים איר לאָדט אָן מענטשן מיט מַשׂאות, וואָס
זענען שווער צו דערטראָגן, און איר אַליין רירט זיך ניט צו מיט קיין
איינעם פון אייערע פינגער צו די מַשׂאות. 47 ווי צו אייך! וואָרים איר
בויט די קבָרים פון די נביאים, און אייערע אָבות האָבן זיי דערהַרגעט.
48 מיט דעם זענט איר עדות און אויך מַסכּים אויף די מַעשׂים פון אייערע
אָבות; וואָרים זיי האָבן זיי געהַרגעט, און איר בויט זייערע קבָרים.
49 דעריבער האָט אויך די חָכמה פון גאָט געזאָגט: איך וועל שיקן צו זיי
נביאים און שליחים; עטלעכע פון זיי וועלן זיי הַרגענען און רודפן,
50 כּדי דאָס בלוט פון אַלע נביאים, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן זינט די
וועלט איז געגרונטפעסטיקט געוואָרן, זאָל געפאָדערט ווערן פון דעם
דאָזיקן דור, 51 פון דעם בלוט פון הֶבֶל, ביז דעם בלוט פון זכַריָה, וואָס
איז אומגעקומען צווישן דעם מִזבֵּחַ און דעם קָדשי־קָדשים.[1] באֱמת,
איך זאָג אייך, סע וועט געפאָדערט ווערן פון דעם דאָזיקן דור. 52 ווי צו
אייך, בַעלי־תּורה! וואָרים איר האָט אַוועקגענומען דעם שליסל פון
וויסן; איר אַליין זענט ניט אַריינגעקומען, און די, וואָס האָבן געוואָלט
אַריינקומען, האָט איר געשטערט.
53 און בעת ער איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, האָבן די סופרים און די
פּרושים אָנגעהויבן צו אים שטאַרק צושטיין, און אים דערצערנט צו
רעדן וועגן אַ סך זאַכן; 54 און זיי האָבן געלאָקערט אויף אים, כּדי עפּעס
צו כאַפּן פון זיין מויל.
יב בשעת־מַעשׂה האָבן זיך אַ סך טויזנטער פון דעם פאָלק פאַרזאַמלט
אינאיינעם, אַזוי, אַז זיי האָבן געטראָטן איינער אויפן אַנדערן, און ער
האָט קודם־כּל אָנגעהויבן צו זאָגן צו זיינע תּלמידים: היט אייך פאַר
דעם זויערטייג פון די פּרושים, וואָס איז חנִיפה. 2 עס איז גאָרניט
פאַרהוילן, וואָס וועט ניט אַנטפּלעקט ווערן, און פאַרבאָרגן, וואָס וועט
ניט באַקאַנט ווערן, 3 דעריבער, אַלץ, וואָס איר האָט געזאָגט אין דער
פינצטערניש, וועט געהערט ווערן אין דער ליכטיקייט, און וואָס איר
האָט גערעדט אויפן אויער אין די אינעווייניקסטע קאַמערן, וועט
באַקאַנט געמאַכט ווערן פון די דעכער. 4 און איך

[1] דברי הימים ב׳ כד, 21.

זאָג אייך, מיינע פריינט: האָט ניט קיין מוֹרא פאַר די, וואָס טייטן דעם
גוף, און נאָכדעם זענען זיי ניט בכּוֹח עפּעס מער צו טאָן. 5 איך וועל
אייך אָבער וואָרענען פאַר וועמען איר זאָלט מוֹרא האָבן: האָט מוֹרא
פאַר אים, וואָס נאָכדעם ווי ער האָט געטייט, האָט מאַכט
אַרייַנצוּוואַרפן אין גיהנום אַריין; בּאֶמת, איך זאָג אייך, פאַר אים
זאָלט איר מוֹרא האָבן! 6 פאַרקויפט מע דען ניט פינף פייגעלעך פאַר
צוויי פּרוטות? און קיין איינס פון זיי ווערט ניט פאַרגעסן פאַר גאָט.
7 יאָ, אַפילו די האָר פון אייער קאָפּ זענען אַלע געציילט. האָט ניט קיין
מוֹרא; איר זענט מער ווערט ווי אַ סך פייגעלעך.
8 און איך זאָג אייך, יעדער איינער, וואָס וועס מיך בּאַקענען פאַר
מענטשן, אים וועט אויך דער בּן־אָדָם בּאַקענען פאַר די מַלאָכים פון
גאָט. 9 אָבער דער, וואָס וועט מיך פאַרלייקענען פאַר מענטשן, וועט
פאַרלייקנט ווערן פאַר די מַלאָכים פון גאָט. 10 און יעדער איינער, וואָס
וועט רעדן אַ וואָרט קעגן דעם בּן־אָדָם, וועט מען עס אים מוֹחל זיין;
אָבער דער, וואָס וועט לעסטערן קעגן דעם רוּח־הַקוֹדֶש, דעם וועט
מען עס ניט מוֹחל זיין. 11 און בּעת זיי בּרענגען אייך אין די שוּלן אָדער
פאַר די פאָרשטייער און געוועלטיקער, זאָלט איר ניט דאַגהן וויאַזוי,
אָדער וואָס איר זאָלט ענטפערן, אָדער וואָס איר זאָלט זאָגן; 12 וואָרים
דער רוּח־הַקוֹדֶש וועט אייך לערנען פּונקט אין יענער שָעה, וואָס איר
דאַרפט זאָגן.
13 און איינער פון דעם פאָלק האָט צו אים געזאָגט: רֶבּי, בּאַפיל מיין
בּרודער, אַז ער זאָל זיך טיילן מיט מיר מיט דער ירוּשה. 14 אָבער ער
האָט צו אים געזאָגט: מענטש איינער, ווער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ
שוֹפט, אָדער אַ צוטיילער איבּער אייך? 15 און ער האָט צו זיי געזאָגט:
גיט אַכטונג, און היט אייך פון יעדער זשעדנעקייט; וואָרים אַ
מענטשנס לעבּן הענגט ניט אָפּ אין דער שֶפע פון דעם, וואָס ער
פאַרמאָגט. 16 און ער האָט אויפגעהויבּן פאַר זיי אַ מָשל, אַזוי צו זאָגן:
דאָס לאַנד פון איינעם אַן עוֹשר האָט אַרויסגעבּראַכט בּשֶפע; 17 און ער
האָט געטראַכט בּיי זיך: וואָס זאָל איך טאָן? וואָרים איך האָבּ ניט וואו
מיינע פֵּירות אייַנצוזאַמלען. 18 און ער האָט געזאָגט: אָט דאָס וועל
איך טאָן: איך וועל אַרונטעררייַסן מיינע שייַנרן און בּויען גרעסערע;
און דאָרטן וועל איך אייַנזאַמלען מיין גאַנצע תּבוּאה און מיין האָבּ־
און־גוטס. 19 און איך וועל זאָגן צו מיין נשָמה: נשָמה מיינע, דו האָסט
אַ סך האָבּ־און־גוטס אייַנגעזאַמלט אויף פיל יאָרן; נעם זיך צייט, עס,
טרינק, און לאָז דיר וואוילגיין. 20 אָבער גאָט האָט צו אים געזאָגט: דו
נאַר! היינט נאַכט ווערט געפאָדערט

פֿוּן דיר דײַן נשָמה; אוּן די זאַכן, וואָס דוּ האָסט אָנגעגרייט, וועמעס
וועלן זיי זײַן? 21 אַזוי איז דער, וואָס זאַמלט זיך אָן אוֹצרות, אוּן איז
ניט רײַך אין גאָט.
22 אוּן ער האָט געזאָגט צוּ זײַנע תַּלמידים: דעריבער זאָג איך אײַך,
זאָרגט ניט פֿאַר אײַער לעבן, וואָס איר זאָלט עסן; אויך ניט פֿאַר אײַער
גוּף, וואָס איר זאָלט אָנטאָן. 23 וואָרים דאָס לעבן איז מער ווי די
שפּײַז, אוּן דער גוּף – מער ווי דאָס מַלבּוּש. 24 באַטראַכט די ראָבן:
ניט זיי זייען, ניט זיי שנײַדן, זיי האָבן אויך ניט קיין שפּײַכלערס, אָדער
שײַערן, אוּן גאָט טוּט זיי שפּײַזן. וויפֿל מער זענט איר ווערט פֿוּן די
פֿייגל! 25 אוּן ווער פֿוּן אײַך קאָן דוּרך דאַגהן צוּגעבן אַן אײל צוּ דער
מאָס פֿוּן זײַן לעבן? 26 בּכֵן, אויב איר זענט ניט מסוּגל צוּ טאָן אַפֿילו
דאָס מינדסטע, פֿאַרוואָס דאַגהט איר אײַך וועגן דעם איבעריקן?
27 באַטראַכט די ליליעס, ווי זיי וואַקסן; ניט זיי האָרעווען, נית זיי
שפּינען. אוּן איך זאָג אײַך, אַז אַפֿילו שלמה אין זײַן גאַנצער פּראַכט
איז ניט געווען באַקליידט ווי איינע פֿוּן זיי. 28 בּכֵן, אויב גאָט טוּט אַזוי
באַקליידן דאָס גראָז פֿוּן דעם פֿעלד, וואָס הײַנט איז עס דאָ, אוּן
מאָרגן ווערט עס אַרײַנגעוואָרפֿן אין אויוון, אַ פּשיטא שוין אײַך, אָ
איר קליין־גלויביקע? 29 אוּן זוּכט אויך ניט וואָס איר זאָלט עסן, אוּן
וואָס איר זאָלט טרינקען, אוּן זײַט אויך ניט באַאוּמרוּאיקט אין געמיט.
30 וואָרים אָט־דאָס אַלץ באַגערן די אוּמות־העוֹלם; אײַער פֿאָטער
ווייסט, אַז איר נייטיקט זיך אין די דאָזיקע זאַכן. 31 דעריבער זוּכט זײַן
מַלכוּת, אוּן דאָס אַלץ וועט אײַך צוּגעגעבן ווערן.
32 האָב ניט קיין מוֹרא, קליינע סטאַדע; וואָרים עס איז אײַער פֿאָטערס
גוּטער רָצון, אײַך צוּ געבן דאָס מַלכוּת. 33 פֿאַרקויפֿט וואָס איר האָט,
אוּן גיט צדָקה; מאַכט פֿאַר זיך בײַטלען, וואָס ווערן ניט אַלט, אוּן אַן
אוֹצר אין הימל, וואָס ווערט ניט געמינערט, וואַוּ קיין גַנב קאָן ניט
צוּקוּמען, אוּן אַ מילבּ קאָן ניט פֿאַרדאָרבן. 34 וואָרים וואוּ ס׳איז אײַער
אוֹצר, דאָרט וועט אויך זײַן אײַער האַרץ.
35 זאָלן אײַערע לענדן זײַן אָנגעגוּרט, אוּן אײַערע ליכט זאָלן בּרענען.
36 אוּן זײַט גלײַך צוּ מענטשן, וואָס וואַרטן אויף זייער האַר, ווען ער
וועט זיך אוּמקערן פֿוּן דער חַתוּנה, כּדי ווען ער וועט קוּמען אוּן
אָנקלאַפּן, זאָלן זיי אים קענען תּיכּף עפֿענען. 37 וואויל איז יענע
קנעכט, וועמען דער האַר וועט געפֿינען וואַכנדיק בעת ער קוּמט;
באמת, איך זאָג אײַך, ער וועט זיך אָנגוּרטן, אוּן זיי זעצן צוּם טיש,

אוּן צוּגיין אוּן זיי באַדינען. 38 אוּן אויבֿ ער וועט קוּמען אין דער
צווייטער נאַכטוואַך, אָדער אין דער דריטער, אוּן זיי טרעפֿן אַזוי,
וואויל איז יענע קנעכט. 39 דאָס אָבער זאָלט איר וויסן, אַז אויבֿ דער
בַּעל־הַבַּיִת וואָלט געוואוּסט, אין וואָסער שָעה דער גַנבֿ וועט קוּמען,
וואָלט ער געוואַכט אוּן ניט דערלאָזט, אַז זיין הויז זאָל אײַנגעבראָכן
ווערן. 40 איר מוזט אויך זיין גרייט, וואָרים דער בֶּן־אָדָם וועט קוּמען
אין אַ שָעה, אויף וועלכער איר ריכט זיך ניט.
41 אוּן פּעטרוס האָט געזאָגט: האַר, זאָגסטו דאָס דאָזיקע מָשל פֿאַר
אוּנדז, אָדער אויך פֿאַר אַלעמען? 42 אוּן דער האַר האָט געזאָגט: ווער
איז אָבער דער געטרייער אוּן קלוּגער אויפֿזעער, וועמען זיין האַר וועט
זעצן איבער זיין הויזגעזינד, צוּ געבן זיי זייער חֵלֶק שפּייז אין דער
רעכטער צייט? 43 וואויל איז יענעם קנעכט, וואָס ווען זיין האַר וועט
קוּמען, וועט ער אים טרעפֿן טאָן אַזוי. 44 באמת, איך זאָג אייך, ער
וועט אים זעצן איבער אַלע זיינע גִיטער. 45 נאָר אויבֿ יענער קנעכט
וועט זאָגן אין זיין האַרץ: מיין האַר פֿאַרזאַמט צוּ קוּמען, אוּן ער וועט
אָנהייבן צוּ שלאָגן די קנעכט אוּן די דינסטן, אוּן צוּ עסן אוּן טרינקען
אוּן שִיכּורן, 46 דעמאָלט וועט דער האַר פֿון יענעם קנעכט קוּמען אין אַ
טאָג, אויף וועלכן ער ריכט זיך ניט, אוּן אין אַ שָעה, פֿון וואָס ער
ווייסט ניט, אוּן וועט אים צעמִיתן, אוּן באַשטימען זיין חֵלֶק מיט די
אוּמגעטרייע. 47 אוּן יענער קנעכט, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען זיין האַרס
רָצון, אוּן האָט ניט צוּגעגרייט, אוּן אויך ניט געטאָן לויט זיין רָצון,
וועט קריגן אַ סַך שמיץ. 48 דער אָבער, וואָס האָט ניט פֿאַרשטאַנען,
אוּן האָט געטאָן דאָס, פֿאַר וועלכן ער איז ווערט שמיץ, וועט
געשלאָגן ווערן מיט ווינציק שמיץ. אוּן וועמען אַ סַך ווערט געגעבן,
פֿון אים וועט מען פֿאָדערן אַ סַך; אוּן וועמען מען האָט אַ סַך
אָנפֿאַרטרויט, פֿון דעם וועט מען פֿאַרלאַנגען נאָך מער.
49 איך בין געקוּמען צוּ וואַרפֿן אַ פֿייער איבער דער ערד; אוּן ווי
וואָלט איך וועלן, אַז עס זאָל שוין זיין אָנגעצוּנדן! 50 איך דאַרף אָבער
געטוֹבלט ווערן מיט אַ טבֿילה; אוּן ווי ענג איז מיר, ביז זי וועט מְמַלא
ווערן! 51 צי מיינט איר, אַז איך בין געקוּמען ברענגען שָלום אויף דער
ערד? ניין, זאָג איך אייך, נייערט אַ סַך מער צעטיילוּנג. 52 וואָרים פֿון
איצט אָן וועלן פֿינף אין איין הויז זיין צעטיילט: דריי קעגן צוויי, אוּן
צוויי קעגן דריי. 53 פֿאָטער וועט זיין צעטיילט קעגן זוּן, אוּן זוּן קעגן
פֿאָטער, מוּטער קעגן טאָכטער, אוּן טאָכטער קעגן מוּטער, שוויגער
קעגן שנוּר, אוּן שנוּר קעגן שוויגער.[1]

[1] מיכה ז, 6.

54 און ער האָט אויך געזאָגט צום פֿאָלק: בעת איר זעט אַ וואָלקן
אויפֿגיין אין מַערב, זאָגט איר תּיכּף: סע קומט אָן אַ רעגן; און אַזוי
געשעט עס. 55 און בעת איר זעט אַ דָרום־ווינט בלאָזן, זאָגט איר: סע
וועט זיין אַ היץ; און סע געשעט. 56 איר חונפֿים! איר ווייסט ווי צו
פֿאַרטייַטשן דאָס פּנים פֿון דער ערד און פֿון דימל; אָבער פֿאַרוואָס
פֿאַרשטייט איר ניט ווי צו טייַטשן די היינטיקע צייט?
57 און פֿאַרוואָס טוט איר אַליין ניט מִשפּטן, וואָס עס איז רעכט?
58 וואָרים בעת דו גייסט מיט דיין קעגנער פֿאַר דעם שופֿט, באַמי
דיך מיט אים דורכצוקומען, בעת דו ביסט נאָך מיט אים אין
וועג, טאָמער וועט ער דיך שלעפּן צום שופֿט, און דער שופֿט
וועט דיך איבערענטפֿערן צום שוטר, און דער שוטר וועט דיך
אַרייַנוואַרפֿן אין דער תּפֿיסה אַריין. 59 איך זאָג דיר, דו וועסט פֿון
דאָרטן ניט ארויסקומען, ביז דו וועסט האָבן באַצאָלט די סאַמע
לעצטע פּרוטה.
יג און גראָד דעמאָלט זענען דאָרטן געווען עטלעכע, וואָס האָבן אים
דערציילט פֿון די גָלִילער, וועמעס בלוט פּילאַטוס האָט אויסגעמישט
מיט זייערע קָרבָּנות. 2 און ער האָט געענטפֿערט, און צו זיי געזאָגט:
צי מיינט איר, אַז יענע גָלִילער זענען געווען גרעסערע חוטאים פֿון
אַלע גָלִילער, מַחמת זיי האָבן אַזוינס געליטן? 3 ניין, זאָג איך אייך;
און אויב איר וועט ניט תּשובה טאָן, וועט איר אַלע אַזוי אומקומען.
4 אָדער יענע אַכצן, אויף וועמען דער טורעם פֿון שִילוחַ איז געפֿאַלן
און האָט זיי דערהַרגעט, צי מיינט איר, אַז זיי זענען געווען שולדיקער
פֿון אַלע מענטשן, וואָס וואוינען אין ירושָלַיִם? 5 ניין, זאָג איך אייך;
און אויב איר וועט ניט תּשובה טאָן, וועט איר אַלע אַזוי אומקומען.
6 און ער האָט דערציילט דאָס דאָזיקע מָשל: אַ מענטש האָט
פֿאַרפֿלאַנצט אַ פֿייַגנבוים אין זיין וויינגאָרטן; און ער איז געקומען
זוכן אויף אים פֵּירות, און האָט ניט געפֿונען קיין איינע. 7 און ער האָט
געזאָגט צום וויינגערטנער: זע, שוין דריי יאָר ווי איך קום זוכן פֵּירות
אויף דעם דאָזיקן פֿייַגנבוים, און געפֿין ניט קיין איינע. האַק אים אָפּ;
צו וואָס זאָל ער נאָך פֿאַרדאַרבן די ערד? 8 און ער האָט אים
געענטפֿערט: האַר, לאָז אים נאָך היינטיקס יאָר, ביז איך וועל אים
אַרומגראָבן און באַמיסטיקן. 9 אפֿשר וועט ער איבער־אַיאָר טראָגן
פֵּירות; אויב ניט, וועסטו אים לאָזן אָפּהאַקן.
10 און ער האָט אין אַ שַבּת געלערנט אין איינעם פֿון די שולן. 11 און
דאָרטן איז געווען אַ פֿרוי, וואָס האָט אַכצן

יאָר געהאַט אַ קרענקלעכן גייסט; און זי איז געווען צוזאַמענגעבויגן, און
האָט זיך באַיין־אופן ניט געקאָנט אויסגלייַכן. 12 און אַז יֵשוּעַ האָט זי
געזען, האָט ער זי צוגערופן, און צו איר געזאָגט: אִשה, דו ביסט פריי פון
דיין קראַנקהייט. 13 און ער האָט אַרויפגעלייגט אויף איר זיינע הענט, און
זי איז תּיכּף געוואָרן גלייַך, און האָט געלויבט גאָט. 14 און דער גַבאַי פון
דער שול איז אין כַּעס געוואָרן, מַחמת יֵשוּעַ האָט געהיילט אום שַבּת, און
ער האָט געזאָגט צום פאָלק: זעקס טעג זענען פאַראַן אין וועלכע מע מעג
אַרבעטן; קומט דעריבער אין זיי און לאָזט זיך היילן, אָבער ניט אום
שַבּת. 15 און דער האַר האָט אים געענטפערט: איר חונפים! טוט ניט
יעדער איינער פון אייך אָפּבינדן שַבּת זיין אָקס, אָדער זיין אייזל פון דער
קאָריטע, און פירט אים אָנצוטרינקען? 16 און צי דאַרף ניט די דאָזיקע
אִשה, וואָס איז אַ בַּת־אַברָהם, און וועמען דער שָׂטן האָט געבונדן שוין
אַכצן יאָר, אָפּגעבונדן ווערן פון דעם דאָזיקן באַנד אום שַבּת? 17 און בעת
ער האָט דאָס געזאָגט, זענען אַלע זיינע קעגנער פאַרשעמט געוואָרן; און
דאָס גאַנצע פאַלק האָט זיך געפרייט איבער די אַלע וואונדערלעכע
מַעשׂים, וואָס זענען דורך אים געטאָן געוואָרן.
18 און ער האָט דעריבער געזאָגט: צו וואָס איז דאָס מַלכות פון גאָט
ענלעך? און מיט וואָס זאָל איך עס פאַרגלייַכן? 19 עס איז געגליכן צו אַ
קערנדל פון זענעפט־זריעה, וואָס אַ מענטש האָט גענומען און געזייט אין
זיין גאָרטן; און עס איז געוואַקסן און איז געוואָרן אַ בוים, און די פייגל
פון הימל האָבן זיך געמאַכט נעסטן אין זיינע צווייגן.
20 און ער האָט ווידער אַמאָל געזאָגט: צו וואָס זאָל איך פאַרגלייַכן דאָס
מַלכות פון גאָט? 21 עס איז געגליכן צו זויערטייג, וואָס אַ פרוי האָט
גענומען און אַרייַנגעטאָן אין דריי מאָס מעל, ביז עס איז אינגאַנצן
פאַרזייַערט געוואָרן.
22 און ער איז געגאַנגען איבער שטעט און דערפער, און האָט געלערנט,
און האָט עולה־רֶגל געווען קיין ירושָלַיִם. 23 און איינער האָט צו אים
געזאָגט: האַר, זענען עס נאָר עטלעכע, וואָס וועלן ניצול ווערן? אָבער
ער האָט צו זיי געזאָגט: 24 באַמיט אייך אַרייַנצוקומען דורך דעם ענגן
טויער, וואָרים איך זאָג אייך, אַ סך וועלן זוכן אַרייַנצוקומען, און וועלן
ניט קאָנען. 25 האָט זיך דער בַּעל־הַבַּיִת איינמאָל אויפגעהויבן און
פאַרשלאָסן די טיר, און איר וועט אָנהייבן צו שטיין אין דרויסן, און
קלאַפּן אין דער טיר, און זאָגן: האַר, עפן אונדז אויף! און ער וועט אייך
ענטפערן: איך ווייס ניט פונוואַנען איר זענט. 26 דעמאָלט וועט איר
אָנהייבן צו זאָגן: מיר האָבן געגעסן און געטרונקען פאַר דיר, און דו
האָסט געלערנט אין אונדזערע גאַסן. 27 און ער וועט ענטפערן: איך זאָג
אייך, איך ווייס ניט פונוואַנען איר זענט; אוועק

פון מיר, איר טוער פון אומרעכט! 28 דאָרט וועט זיין געוויין און
קריצן פון ציין, בעת איר וועט זען אַבֿרהם, און יִצחק, און יַעקבֿ, און
אַלע נבֿיאים אין דעם מַלכות פון גאָט, און איר אַליין
אַרויסגעוואָרפענע אין דרויסן. 29 און זיי וועלן קומען פון מִזרח און
מַערבֿ, און צָפון און דָרום, און וועלן זיך אַנידערזעצן אין דעם מַלכות
פון גאָט. 30 און זע, עס זענען פֿאַראַן לעצטע, וואָס וועלן זיין ערשטע,
און פֿאַראַן זענען ערשטע, וואָס וועלן זיין לעצטע.
31 פונקט אין יענער שָעה זענען געקומען עטלעכע פּרושים, און האָבן
צו אים געזאָגט: גיי און דערווייַטער דיך פון דאַנען, וואָרים הורדוס
וויל דיך הַרגענען. 32 און ער האָט צו זיי געזאָגט: גייט און זאָגט
יענעם פוקס: אָט טרייבֿ איך אַרויס בייזע גייסטער און טו רפֿואות
היינט און מאָרגן, און דעם דריטן טאָג קום איך צום סוף. 33 איך מוז
אָבער גיין מיין וועג היינט און מאָרגן און איבערמאָרגן; וואָרים עס
קאָן ניט זיין, אַז אַ נָבֿיא זאָל אומקומען מִחוץ ירושָלַיִם. 34 אָ ירושָלַיִם,
ירושָלַיִם, וואָס הַרגעסט די נבֿיאים, און פֿאַרשטיינסט די, וואָס זענען
געשיקט צו דיר! וויפֿל מאָל האָבֿ איך געוואָלט איינזאַמלען דיינע
קינדער, ווי אַ הון זאַמלט איין אירע הינדלעך אונטער אירע פליגל, און
איר האָט ניט געוואָלט! 35 זעט, אייער הויז וועט אייך בלייבן חָרובֿ!
און איך זאָג אייך, באמת, איר וועט מיך מער ניט זען, ביז איר וועט
זאָגן: בָרוך הַבָא אין דעם נאָמען פון גאָט![1]
יד און עס איז געווען, בעת ער איז אין אַ שַבת אַריינגעגאַנגען אין דעם
הויז פון איינעם פון די ראָשי־הַפּרושים צו עסן ברויט, האָבן זיי
געלויערט אויף אים. 2 און אָט איז פֿאַר אים געשטאַנען א מענטש,
וואָס האָט געהאַט אַ וואַסער־געשווילעכץ. 3 און יֵשוּעַ האָט גערעדט
צו די חַכָמים און פּרושים, אַזוי צו זאָגן: מעג מען היילן אום שַבת,
אָדער ניט? 4 אָבער זיי האָבן געשוויגן. און ער האָט אים גענומען און
אים געהיילט, און האָט אים אָפּגעלאָזט. 5 און ער האָט צו זיי געזאָגט:
ווען עמיצן פון אייך זאָל טרעפן, אַז אַן אייזל אָדער אַן אָקס זאָל
אַריינפאַלן אין אַ ברונעם, צי וועט ער אים ניט תֵּיכּף אַרויסציִען אום
שַבת? 6 און זיי האָבן אים ניט געקאָנט ענטפֿערן דערויף.
7 און ער האָט געזאָגט אַ מָשל צו יענע, וואָס זענען געווען פֿאַרבעטן,
בעת ער האָט געזען, ווי זיי האָבן זיך אויסגעקליבן די בכָבודיקע
פלעצער; און ער האָט צו זיי געזאָגט: 8 ווען עמיצער וועט דיך
פֿאַרבעטן

[1] תהלים קיח, 26.

אויף אַ חתונה, זאָלסטו דיך ניט זעצן אויבן־אָן, ווייל טאָמער וועט אַ מער
חשובֿער ווי דו פֿון אים פֿאַרבעטן ווערן; 9 און דער, וואָס האָט דיך און
אים פֿאַרבעטן, וועט קומען און זאָגן צו דיר: מאַך פּלאַץ פֿאַר דעם
דאָזיקן מענטשן, און דעמאָלט וועסטו מיט בושה פֿאַרנעמען דעם לעצטן
פּלאַץ. 10 נייערט ווען דו ווערסט פֿאַרבעטן, גיי און זעץ דיך אויף דעם
לעצטן פּלאַץ; כּדי ווען דער, וואָס האָט דיך פֿאַרבעטן, וועט קומען, זאָל
ער קענען זאָגן צו דיר: פֿריינט, גיי אַרויף העכער; דעמאָלט וועסטו האָבן
כּבֿוד פֿאַר אַלע, וואָס זיצן ביים טיש מיט דיר. 11 וואָרים יעדער איינער,
וואָס וועט זיך אַליין דערהייכן, וועט דערנידעריקט ווערן; און ווער סע
וועט זיך אַליין דערנידעריקן, וועט ווערן דערהייכט.
12 און ער האָט אויך געזאָגט צו דעם, וואָס האָט אים פֿאַרבעטן: בעת דו
מאַכסט אַ מיטאָג אָדער אַן אָוונט־סעודה, זאָלסטו ניט פֿאַרבעטן דיינע
פֿריינט, אָדער דיינע ברידער, אָדער דיינע קרובֿים, אָדער רייכע שכנים,
ווייל טאָמער וועלן זיי דיך פֿאַרבעטן צוריק, און דאָס וועט דיר זיין אַ
פֿאַרגעלטונג. 13 נייערט בעת דו מאַכסט אַ סעודה, פֿאַרבעט די
אָרעמעלייט, די געמומטע, די לאָמע, און די בלינדע. 14 און דו וועסט זיין
געבענטשט, מחמת זיי האָבן ניט מיט וואָס דיר צו פֿאַרגעלטן; וואָרים דו
וועסט ווערן פֿאַרגעלטן, בעת די צדיקים וועלן אויפֿשטיין תּחית־המתים.
15 און ווען איינער פֿון די, וואָס זענען מיט אים געזעסן ביים טיש, האָט
דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט: וואויל איז דעם, וואָס וועט עסן ברויט
אין דעם מלכות פֿון גאָט! 16 אָבער ער האָט צו אים געזאָגט: איינער אַ
מענטש האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה, און האָט פֿאַרבעטן אַ סך; 17 און
ער האָט אַרויסגעשיקט זיין קנעכט אין דער צייט פֿון דער סעודה, צו זאָגן
די, וואָס זענען פֿאַרבעטן געוואָרן: קומט, ווייל אַלצדינג איז שוין
אָנגעגרייט. 18 און זיי האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו
אַנטשולדיקן. דער ערשטער האָט צו אים געזאָגט: איך האָב געקויפֿט
אַ פֿעלד, און איך מוז עס גיין זען; איך בעט דיך, זיי מיר מוחל. 19 און אַן
אַנדערער האָט געזאָגט: איך האָב געקויפֿט פֿינף יאָך אָקסן, און איך גיי
זיי אויספּרוּוון; איך בעט דיך, זיי מיר מוחל. 20 און אַן אַנדערער האָט
געזאָגט: איך האָב גענומען אַ ווייב. און איך קאָן דעריבער ניט קומען.
21 און דער קנעכט איז געקומען, און האָט דאָס אַלץ דערציילט דעם האַר
זיינעם. דעמאָלט איז דער בעל־הבית אין כּעס געוואָרן, און האָט געזאָגט
צו זיין קנעכט: גיי גיך אַרויס אויף די גאַסן און שטעגן פֿון דער שטאָט,
און ברענג אַהער די אָרעמע און געמומטע און די בלינדע און לאָמע.
22 און דער קנעכט האָט געזאָגט: האַר, וואָס דו האָסט באַפֿוילן, איז
געטאָן געוואָרן, און דאָך איז נאָך פֿאַראַן פּלאַץ. 23 און דער האַר האָט
געזאָגט צו דעם קנעכט:

גיי אַרויס אויף די וועגן און צוימען, און נייט זיי אַרייַנצוקומען, כדי
מייַן הויז זאָל ווערן פול. 24 וואָרים איך זאָג אייך, אַז קיינער פון יענע
לייט, וואָס זענען פאַרבעטן געוואָרן, וועט פאַרזוכן פון מייַן סעודה.
25 און אַ גרויסער עולם איז מיט אים געגאַנגען; און ער האָט זיך
אויסגעדרייט, און האָט צו זיי געזאָגט: 26 דער, וואָס קומט צו מיר,
און האַסט ניט זייַן פאָטער, און מוטער, און ווייַב, אונ קינדער, און
ברידער, און שוועסטער, און דערצו אויך זייַן אייגן לעבן, קאָן ער ניט
זייַן מייַן תלמיד. 27 און ווער סע טראָגט ניט זייַן אייגענעם צלָב, און
גייט מיר נאָך, קאָן ניט זייַן מייַן תלמיד. 28 וואָרים ווער פון אייך, וואָס
וויל בויען אַ טורעם, וועט זיך ניט קודם אַנידערזעצן און אויסרעכענען
די הוצאות, צי ער האָט גענוג צו פאַרענדיקן אים? 29 ווייַל טאָמער,
ווען ער וועט האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט, און קאָן ניט
פאַרענדיקן, און אַלע, וואָס וועלן עס זען, וועלן אים אויסלאַכן, 30 און
זאָגן: דער דאָזיקער מענטש האָט אָנגעהויבן צו בויען, און האָט ניט
געקאָנט פאַרענדיקן. 31 אָדער וועלכער מלך, וואָס גייט אַרויס פירן
מלחמה מיט אַן אַנדערן מלך, וועט זיך ניט קודם אַנידערזעצן און זיך
מייַעץ זייַן, צי קאָן ער מיט צען טויזנט באַגעגענען דעם,וואָס קומט
אים אַנטקעגן מיט צוואַנציק טויזנט? 32 אויב ניט, שיקט ער שלוחים,
בעת יענער איז נאָך ווייט, און בעט שלום־באַדינגונגען. 33 אַזוי אויך
איטלעכער פון אייך, וואָס זאָגט זיך ניט אָפ פון אַלץ, וואָס ער האָט,
קאָן ער ניט זייַן מייַן תלמיד.
34 זאַלץ איז טאַקע גוט, נאָר אויב זאַלץ פאַרלירט דעם טעם, מיט וואָס
זאָל מען עס ווירצן? 35 סע טויג ניט פאַר דער ערד, און אויך ניט פאַר
דעם מיסט; מען וואַרפט עס אַרויס. דער, וואָס האָט אויערן צו הערן,
זאָל הערן.
טו און אַלע מוכסים און זינדיקע האָבן גענעענט צו אים, כדי אים צו
הערן. 2 און די פרושים און די סופרים האָבן געמורמלט, און געזאָגט:
דער דאָזיקער נעמט אויף זינדיקע, און עסט מיט זיי.
3 און ער האָט גערעדט צו זיי דאָס דאָזיקע משל: 4 וואָסער מענטש
צווישן אייך, וואָס האָט הונדערט שאָף, און ער פאַרלירט איינע פון
זיי, וועט ניט איבערלאָזן די ניין־און־נייַנציק אין דער מדבר, און
נאָכגיין נאָך דער, וואָס איז פאַרלוירן, ביז ער געפינט זי? 5 און אַז ער
געפינט זי, לייגט ער זי אַרויף אויף זייַנע שולטער, און פרייט זיך.
6 און בעת ער קומט אַהיים, רופט ער צונויף זייַנע פריינט,

און די שכנים, און זאָגט צו זיי: פרייט אייך מיט מיר, וואָרים איך האָב
געפונען מיין שאָף, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען. 7 פונקט אַזוי, זאָג
איך אייך, וועט זיין אַ שׂמחה אין הימל איבער איין חוטא, וואָס טוט
תשובה, מער ווי איבער ניין־און־ניינציק צדיקים, וואָס דאַרפן ניט
תשובה טאָן.

8 אָדער וועלכע פרוי, וואָס האָט צען זילבערשטיק, און זי פאַרלירט
איין שטיק, טוט ניט אָנצינדן אַ ליכט, און אויסקערן דאָס הויז און
זוכט גוט, ביז זי געפינט עס? 9 און אַז זי געפינט עס, רופט זי צונויף
אירע פריינט און שכנים, און זאָגט: פרייט אייך מיט מיט, ווייל איך
האָב געפונען דאָס שטיק זילבער, וואָס איך האָב פאַרלוירן. 10 פונקט
אַזוי, זאָג איך אייך, איז אַ שׂמחה פאַר די מלאָכים פון גאָט איבער איין
חוטא, וואָס טוט תשובה.

11 און ער האָט געזאָגט: איינער אַ מענטש האָט געהאַט צוויי זין;
12 און דער ייִנגערער פון זיי האָט געזאָגט צום פאָטער: פאָטער, גיב
מיר דעם חלק פאַרמעגן, וואָס פאַלט אויס אויף מיר. און ער האָט
צעטיילט צווישן זיי די נחלה. 13 און אין עטלעכע טעג אַרום, האָט
דער ייִנגערער זון אַלץ צונויפגענומען, און איז אַוועקגעפאָרן אין אַ
ווייטער מדינה, און דאָרט האָט ער געפּטרט זיין פאַרמעגן דורך אַ
פאַרשייַט לעבן. 14 און אַז ער האָט אַלץ פאַרשווענדט, איז געקומען אַ
שטאַרקער הונגער אין יענער מדינה, און ער האָט אָנגעהויבן צו ליידן
נויט. 15 און ער איז געגאַנגען און האָט זיך באַהעפט אָן איינעם פון די
תּושבים אין יענער מדינה, און ער האָט אים געשיקט אין זיינע פעלדער
אַריין פּאַשען חזירים. 16 און ער וואָלט גערן געווען אָנגעפילט זיין
מאָגן מיט די שויטן, וואָס די חזירים האָבן געגעסן, אָבער קיינער האָט
זיי אים ניט געגעבן. 17 און אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער
געזאָגט: וויפל לוין־אַרבעטער האָבן ביי מיין פאָטער ברויט בשפע, און
איך גיי דאָ אויס פאַר הונגער! 18 איך וועל אויפשטיין און גיין צו מיין
פאָטער, און וועל צו אים זאָגן: פאָטער, איך האָב געזינדיקט קעגן
הימל און פאַר דיר; 19 איך בין מער ניט ווערט גערופן צו ווערן דיין
זון; מאַך מיך ווי איינעם פון דיינע לוין־אַרבעטער. 20 און ער איז
אויפגעשטאַנען, און האָט גענומען גיין צו זיין פאָטער. און בעת ער
איז נאָך געווען גאַנץ ווייַט, האָט אים זיין פאָטער געזען, און ער
האָט זיך דערבאַרעמט, און ער איז געלאָפן, און איז אים געפאַלן
אויפן האַלדז, און האָט אים געקושט. 21 און דער זון האָט צו אים
געזאָגט: פאָטער, איך האָב געזינדיקט קעגן הימל און פאַר דיר; איך
בין מער ניט ווערט גערופן צו ווערן דיין זון. 22 אָבער דער פאָטער
האָט געזאָגט

צו זיינע קנעכט: ברענגט גיך אַרויס דאָס בעסטע מַלבוש, און טוט עס אים
אָן. און טוט אָן אַ רינג אויף זיין האַנט, און שיך אויף זיינע פיס; 23 און
ברענגט דאָס פעטע קאַלב, און שעכט עס, און לאָמיר עסן און זיך משַׂמֵחַ
זיין. 24 וואָרים דער דאָזיקער זון מיינער איז געווען טויט, און איז ווידער
לעבעדיק; ער איז געווען פאַרלוירן, און איז געפונען געוואָרן. און זיי
האָבן זיך אָנגעהויבן משַׂמֵחַ צו זיין.
25 און זיין עלטערער זון איז געווען אין פעלד, און בעת ער איז געקומען
און זיך דערנענטערט צום הויז, האָט ער געהערט שפילן און טאַנצן. 26 און
ער האָט צוגערופן איינעם פון די קנעכט, און האָט אים געפרעגט, וואָס
דאָס קאָן באַטייַטן. 27 האָט ער צו אים געזאָגט: דיין ברודער איז געקומען,
און דיין פאָטער האָט געשאָכטן דאָס פעטע קאַלב, מַחמת ער האָט זיך
אומגעקערט צו אים בשָלום. 28 אָבער דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן,
און ער האָט ניט געוואָלט אַריַינגיין. און זיין פאָטער איז אַרויסגעקומען,
און האָט אים געבעטן, 29 אָבער ער האָט געענטפערט זיין פאָטער: זע,
שוין אַזויפיל יאָרן טו איך דיר דינען, און איך האָב קיינמאָל ניט עובר
געווען דיינס אַ געבאָט; און דאָך האָסטו מיר נאָך קיינמאָל ניט געגעבן אַ
ציקעלע, כדי איך זאָל מיך משַׂמֵחַ זיין מיט מיינע פריינט. 30 אָבער ווי נאָר
דער דאָזיקער זון דיינער איז געקומען, וואָס האָט פאַרצערט דיין נַחלה
מיט זונות, האָסטו געשאָכטן פאַר אים דאָס פעטע קאַלב. 31 און ער האָט
צו אים געזאָגט: זון, דו ביסט תָמיד מיט מיר, און אַלץ, וואָס איז מייַנס,
איז דייַנס. 32 עס איז געווען רעכט זיך משַׂמֵחַ צו זיין און זיך צו פרייען,
ווייל דער דאָזיקער ברודער דיינער איז געווען טויט, און איז ווידער
לעבעדיק; ער איז געווען פאַרלוירן, און איז געפונען געוואָרן.
טז און ער האָט אויך געזאָגט צו זיינע תַלמידים: עס איז געווען איינער אַן
עושר, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרוואַלטער, און מען האָט אים געמַסרט, אַז
ער פאַרתַכלעוועט זיין פאַרמעגן. 2 און ער האָט אים גערופן, און צו אים
געזאָגט: וואָס איז דאָס, וואָס איך הער וועגן דיר? גיב אָפ חֶשבון איבער
דיין פאַרוואַלטונג, וואָרים דו קאָנסט לענגער ניט זיין קיין פאַרוואַלטער.
3 און דער פאַרוואַלטער האָט צו זיך געזאָגט: וואָס זאָל איך טאָן, וואָרים
מיין האַר נעמט צו ביי מיר די פאַרוואַלטשאַפט? גראָבן קאָן איך ניט, און
בעטלען שעם איך מיך. 4 איך ווייס שוין וואָס צו טאָן, כדי זיי זאָלן מיך
אויפנעמען אין זייערע הייזער, ווען איך וועל אַראָפגעזעצט ווערן פון דער
פאַרוואַלטשאַפט. 5 און ער האָט גערופן צו זיך יעדן איינעם פון זיין האַרס
בַעלי־חובות, און האָט געזאָגט צו דעם ערשטן: וויפל ביסטו שולדיק דעם
האַר מיינעם? 6 האָט ער געזאָגט: הונדערט מאָס אייל. און ער האָט צו אים
געזאָגט: נעם דיין שטַר־חוב, און זעץ דיך שנעל אַנידער, און שרייב אָן

פּופֿציק. 7 דערנאָך האָט ער געזאָגט צו אַן אַנדערן: און וויפֿל ביסטו
שולדיק? האָט ער געזאָגט: הונדערט מאָס ווייץ. זאָגט ער צו אים:
נעם דיין שטר־חוב, און שרייב אָן אַכציק. 8 און דער האַר האָט
געלויבט דעם שווינדלערשן פֿאַרוואַלטער, ווייל ער האָט קלוג
געהאַנדלט; וואָרים די קינדער פֿון דער דאָזיקער וועלט זענען קליגער
אין זייער דור, ווי די קינדער פֿון ליכט. 9 און איך זאָג אייך: מאַכט
אייך פֿריינט מיט דעם ממון פֿון אומגערעכטיקייט, כּדי, ווען סע
וועט זיך אויסלאָזן, זאָלן זיי אייך אויפֿנעמען אין די אייבּיקע
וואוינונגען אריין.

10 דער, וואָס איז געטריי אין דעם מינדסטן, איז אויך געטריי אין אַ
סך; און דער, וואָס איז אומגערעכט אין דעם מינדסטן, איז אויך
אומגערעכט אין אַ סך. 11 דעריבער, אויב איר זענט ניט געווען געטריי
אין דעם אומגערעכטן ממון, ווער וועט אייך אָנפֿאַרטרויען דאָס אמתע
עשירות? 12 און אויב איר זענט ניט געווען געטריי מיט אַן אַנדערנס
האָב־און־גוטס, ווער וועט אייך געבן דאָס אייעריקע? 13 אַ קנעכט קאָן
ניט דינען קיין צוויי הערן; וואָרים אָדער ער וועט איינעם פֿיינט האָבן,
און ליב האָבן דעם אַנדערן, אָדער ער וועט זיך האַלטן אָן איינעם, און
פֿאַראַכטן דעם אַנדערן. איר קאָנט ניט דינען גאָט און ממון.

14 און די פּרושים, וואָס זענען געווען ליבהאָבער פֿון געלט, האָבן דאָס
אַלץ געהערט, און זיי האָבן אים אויסגעלאַכט. 15 און ער האָט צו זיי
געזאָגט: איר זענט עס, וואָס טוען זיך אַליין רעכטפֿאַרטיקן פֿאַר
מענטשן, אָבער גאָט קען אייערע הערצער; וואָרים דאָס, וואָס איז
דערהויבן צווישן מענטשן, איז אַן אומווערדיקייט פֿאַר גאָט.

16 די תּורה און די נביאים זענען געווען ביז יוחנן; פֿון דעמאָלט אָן
ווערט געדרשנט די גוטע בשׂורה פֿון דעם מלכות פֿון גאָט, און יעדער
איינער דרינגט אַריין דערין מיט געוואַלט. 17 אָבער עס איז לייַכטער
פֿאַר הימל און ערד צו פֿאַרגיין, איידער פֿאַר איין שטריכל פֿון דער
תּורה בטל צו ווערן.

18 יעדער איינער, וואָס גט זיך מיט זיין ווייב און האָט חתונה מיט
אַן אַנדערער, איז מזנה; און ווער סע האָט חתונה מיט אַ גרושה,
איז אַ נואף.

19 און עס איז געווען איינער אַן עושר, וואָס האָט זיך געקליידט אין
פּורפּור און פֿיינע לייַוונט, און האָט געלעבט אין תּענוג און אין
וואוילטאָג אַלע טעג. 20 און איינער אַן אָרעמאַן, וואָס האָט געהייסן
אלעזר, איז געלעגן בײַ זיין טויער, פֿול מיט געשווירן, 21 און ער האָט
געגאַרט זיך צו זעטיקן מיט דעם, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דעם

עוֹשרס טיש; יאָ, אַפילו די הינט זענען געקומען און האָבן געלעקט זיינע
געשווירן. 22 און עס איז געווען, אַז דער אָרעמאַן איז געשטאָרבן, און ער
איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן פון די מַלאָכים אין אַבְרָהמס שויס אַריין.
און דער עוֹשר איז אויך געשטאָרבן, און מען האָט אים באַגראָבן. 23 און
אין שאול, זייענדיק אין יסורים, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן, און
ער האָט געזען אַבְרָהמען פונדערווייַטנס, און אֶלעָזָרן אין זיין שויס.
24 און ער האָט געשריגן: פאָטער אַבְרָהם, דערבאַרעם דיך אויף מיר, און
שיק אֶלעָזָרן, אָז ער זאָל איינטונקען דעם שפּיץ פון זיין פינגער אין
וואַסער, און קילן מיין צונג; וואָרים איך לייד יסורים אין דעם דאָזיקן
פלאַם. 25 און אַבְרָהם האָט געזאָגט: זון, דערמאָן דיך, אַז דו האָסט
באַקומען דיין גוטס ביי דיין לעבן, און אֶלעָזָר בלויז שלעכטס; אָבער
איצטערט ווערט ער דאָ געטרייסט, און דו ווערסט געפּייַניקט. 26 און
חוץ דעם אַלעמען, שטייט צווישן אונדז און אייך אַ גרויסער תּהום, כּדי
די, וואָס וואָלטן וועלן אַריבערגיין פונדאַנען צו אייך, זאָלן ניט קענען,
און כּדי קיינער זאָל ניט אַריבערגיין פון דאָרטן צו אונדז. 27 און ער האָט
געזאָגט: איך בעט דיך דעריבער, פאָטער, אַז דו זאָלסט אים שיקן צו
מיין פאָטערס הויז, 28 וואָרים איך האָב פינף ברידער, כּדי ער זאָל זיי
וואָרענען, טאָמער וועלן זיי אויך קומען אין דעם דאָזיקן פלאַץ פון
יסורים. 29 אָבער אַבְרָהם האָט געזאָגט: זיי האָבן משהן און די נביאים;
זאָלן זיי זיי הערן. 30 און ער האָט געזאָגט: ניין, פאָטער אַבְרָהם; נייערט
אויב איינער פון די טויטע זאָל קומען צו זיי, וועלן זיי תּשובה טאָן.
31 האָט ער צו אים געזאָגט: אויב זיי הערן זיך ניט צו צו משהן און
די נביאים, וועלן זיי אויך ניט גלויבן, אויב איינער זאָל אויפשטיין פון
די טויטע.
יז און ער האָט געזאָגט צו זיינע תּלמידים: עס איז אוממעגלעך, אַז עס
זאָלן ניט קומען קיין שטרויכלונגען; אָבער ווי צו יענעם, דורך וועמען
זיי קומען! 2 סע וואָלט פאַר אים בעסער געווען, אַז אַ מילשטיין וואָלט
אָנגעהאָנגען געוואָרן אַרום זיין האַלדז, און ער וואָלט אַרייַנגעוואָרפן
געוואָרן אין ים אַריין, איידער צו מאַכן שטרויכלען איינעם פון די
דאָזיקע קליינע. 3 גיט אַכטונג אויף זיך; אויב דיין ברודער זינדיקט,
שטראָף אים; און אויב ער האָט חרטה, זיי אים מוחל. 4 און אויב ער
זינדיקט קעגן דיר זיבן מאָל אין טאָג, און ער ווענדט זיך צו דיר זיבן
מאָל, און זאָגט: איך האָב חרטה, זאָלסטו אים מוחל זיין.
5 און די שליחים האָבן געזאָגט צו דעם האַר: פאַרמער אונדזער אֶמונה.
6 און דער האַר האָט געזאָגט: אויב איר וואָלט געהאַט אֶמונה אַזוי גרויס
ווי אַ קערנדל פון זענעפט־זריעה, וואָלט איר געקאָנט זאָגן צו דעם
דאָזיקן מוילבערבוים: ווער אויסגעוואָרצלט, און פאַרפלאַנץ דיך אין ים,

אוּן ער וואָלט אײַך געפֿאָלגט.
7 ווער פֿוּן אײַך, וואָס האָט אַ קנעכט צוּם אַקערן, אָדער צוּ היטן שאָף,
וועט צוּ אים זאָגן ווען ער קוּמט פֿוּן פֿעלד: קוּם תּיכּף אַהער, אוּן זעץ
דיך צוּם טיש? 8 צי וועט ער ניט גיכער זאָגן צוּ אים: גרייט מיר אָן
עפּעס צוּ עסן, אוּן גוּרט דיך אָן, אוּן באַדין מיך, בּיז איך וועל האָבּן
געגעסן אוּן געטרוּנקען; אוּן דערנאָך וועסטוּ עסן אוּן טרינקען? 9 צי
טוּט ער דאַנקען דעם קנעכט, ווײַל ער האָט געטאָן, וואָס איז אים
געבּאָטן געוואָרן? 10 פּוּנקט אַזוי אויך מיט אײַך, אַז איר וועט האָבּן
געטאָן די אַלע זאַכן, וואָס זענען אײַך געבּאָטן געוואָרן, זאָגט: מיר
זענען אוּמנוּצלעכע קנעכט: מיר האָבּן בּלויז געטאָן אוּנדזער חוֹב.
11 אוּן בּעת ער איז געווען אויף דעם וועג קיין ירוּשָלַיִם, איז ער
דוּרכגעגאַנגען דוּרך די געמאַרקן פֿוּן שוֹמרוֹן אוּן גָליל. 12 אוּן אַז ער
איז אַרײַנגעקוּמען אין איינעם אַ דאָרף, האָבּן אים בּאַגעגנט צען
מצוֹרָעים, וואָס זענען געשטאַנען פֿוּנדערווײַטנס, 13 אוּן זיי האָבּן
אויפֿגעהויבּן זייערע קוֹלוֹת, אוּן האָבּן געזאָגט: רבּי יֵשוּעַ, האָב רחמנות
אויף אוּנדז. 14 אוּן אַז ער האָט זיי געזען, האָט ער צוּ זיי געזאָגט: גייט
אוּן ווײַזט זיך פֿאַר די כֹּהנים. אוּן עס איז געווען, בּעת זיי זענען
געגאַנגען, זענען זיי גערייניקט געוואָרן. 15 אוּן איינער פֿוּן זיי, בּעת ער
האָט געזען, אַז ער איז געהיילט געוואָרן, האָט זיך אוּמגעקערט, אוּן
מיט אַ הויך קוֹל געלויבּט גאָט; 16 אוּן ער איז געפֿאַלן אויף זײַן פָּנים
צוּ זײַנע פֿיס, אוּן האָט אים געדאַנקט. אוּן ער איז געווען אַ שוֹמרוֹני.
17 אוּן יֵשוּעַ האָט געענטפֿערט: זענען ניט צען גערייניקט געוואָרן.
אָבּער וואוּ זענען די ניין? 18 צי האָט זיך ניט געפֿוּנען קיינער, וואָס
האָט זיך אוּמגעקערט אָפּצוּגעבּן כָּבוד צוּ גאָט, אַחוּץ דער דאָזיקער
נָכרי? 19 אוּן ער האָט צוּ אים געזאָגט: שטיי אויף אוּן גיי; דײַן אֶמוּנה
האָט דיר געהאָלפֿן.
20 אוּן אַז די פּרוּשים האָבּן אים געפֿרעגט, ווען דאָס מַלכוּת פֿוּן גאָט
וועט קוּמען, האָט ער זיי געענטפֿערט: דאָס מַלכוּת פֿוּן גאָט קוּמט ניט
אויף אַ זעעוודיקן אוֹפֿן; 21 מע וועט אויך ניט זאָגן: אָט איז עס!
אָדער: דאָרטן! וואָרים זע, דאָס מַלכוּת פֿוּן גאָט איז אין אײַך.
22 אוּן ער האָט געזאָגט צוּ די תַּלמידים: סע וועלן קוּמען טעג, ווען
איר וועט בּאַגערן צוּ זען איינעם פֿוּן די טעג פֿוּן דעם בֶּן־אָדָם, אוּן איר
וועט אים ניט זען. 23 אוּן מע וועט צוּ אײַך זאָגן: אָט דאָרט! אָט דאָ!
גייט ניט אַהין, אוּן לויפֿט זיי ניט נאָך. 24 וואָרים אַזוי ווי דער בּליץ
שײַנט אויף אין איין עק הימל אוּן בּאַלײַכט דעם אַנדערן עק הימל,
אַזוי וועט דער בֶּן־אָדָם זײַן אין זײַן טאָג. 25 אָבּער קוֹדם מוּז ער

אַ סך ליידן, און פֿאַרוואָרפֿן ווערן פֿון דעם דאָזיקן דור. 26 און ווי עס
איז געווען אין די טעג פֿון נחַן, אַזוי וועט עס אויך זיין אין די טעג פֿון
דעם בן־אָדם. 27 זיי האָבן געגעסן, און געטרונקען, חתונה געהאַט און
חתונה געמאַכט, ביזן טאָג ווען נחַ איז אַריינגעגאַנגען אין דער תּיבה
אַריין, און דער מבול איז געקומען, און האָט זיי אַלע פֿאַרטיליקט.[1]
28 פּונקט אַזוי ווי עס איז געווען אין די טעג פֿון לוטן: זיי האָבן
געגעסן, און געטרונקען, זיי האָבן געקויפֿט, און פֿאַרקויפֿט, זיי האָבן
געפֿלאַנצט, און געבויט; 29 אָבער אין דעם טאָג, ווען לוט איז
אַרויסגעגאַנגען פֿון סדום, האָט עס גערעגנט מיט פֿייער און שוועבל
פֿון הימל, און האָט זיי אַלע פֿאַרטיליקט;[2] 30 פּונקט אַזוי וועט עס זיין
אין דעם טאָג, ווען דער בן־אָדם וועט אַנטפּלעקט ווערן. 31 אין יענעם
טאָג זאָל דער, וואָס איז אויפֿן דאַך און זיינע כּלים זענען אין הויז, ניט
אַראָפּגיין זיי אַוועקצונעמען; און זאָל דער, וואָס איז אין פֿעלד, זיך
ניט אומקערן צוריק. 32 געדענקט לוטס ווייב. 33 דער, וואָס וויל מציל
זיין זיין לעבן, וועט עס פֿאַרלירן; און ווער סע וועט עס פֿאַרלירן,
וועט עס דערהאַלטן. 34 איך זאָג אייך, אין יענער נאַכט וועלן צוויי זיין
אויף איין בעט; איינער וועט אַוועקגענומען ווערן, און דער אַנדערער
וועט איבערגעלאָזט ווערן. 35 צוויי ווייבער וועלן מאָלן צוזאַמען;
איינע וועט אַוועקגענומען ווערן, און די אַנדערע וועט איבערגעלאָזט
ווערן. 36 צוויי וועלן זיין אין פֿעלד; איינער וועט אַוועקגענומען ווערן,
און דער אַנדערער וועט איבערגעלאָזט ווערן. 37 און זיי האָבן צו אים
געזאָגט: וואו, האַר? און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַוואו ס׳איז די
נבֵלה, דאָרט וועלן זיך די אָדלערס פֿאַרזאַמלען.
יח און ער האָט זיי דערציילט אַ משל, אַז זיי זאָלן תּמיד
מתפּלל זיין, און ניט מיד ווערן. 2 און ער האָט געזאָגט: אין איינער אַ
שטאָט איז געווען אַ שופֿט, וואָס האָט ניט מורא געהאַט פֿאַר גאָט,
און ניט נושׂא פּנים געווען קיין מענטשן. 3 און אין יענער שטאָט איז
געווען אַן אַלמנה, וואָס איז אָפֿט געקומען צו אים, און האָט געזאָגט:
נעם זיך אָן פֿאַר מיר קעגן מיין שונא. 4 און ער האָט אַ צייַטלאַנג ניט
געוואָלט; נאָר דערנאָך האָט ער זיך באַרעכנט: כאָטש איך האָב ניט
קיין מורא פֿאַר גאָט, און בין ניט נושׂא־פּנים קיין מענטשן, 5 דאָך,
ווייל די דאָזיקע אַלמנה איז מיך מטריח, וועל איך מיך אַננעמען פֿאַר
איר, וואָרים זי וועט מיך פֿאַרמאַטערן מיט איר שטענדיקן קומען.
6 און דער האַר האָט געזאָגט: הערט וואָס דער אומגערעכטער שופֿט
זאָגט. 7 און צי וועט גאָט זיך ניט אָננעמען פֿאַר זיינע אויסדערוויילטע,
וואָס רופֿן צו אים טאָג און נאַכט, און ער איז געדולדיק מיט זיי? 8 איך

[1] בראשית ו. [2] בראשית יט, 24-26.

זאָג איך, אַז ער וועט זיך גיך אַננעמען פאַר זיי. און בעת דער בן־אָדם
וועט קומען, צי וועט ער דען געפינען אמונה אויף דער ערד?
9 און ער האָט אויך געזאָגט דאָס דאָזיקע משל צו עטלעכע, וואָס
זענען געווען זיכער ביי זיך, אַז זיי זענען צדיקים, און אַלע אַנדערע
האָבן זיי געמאַכט צו גאָרנישט: 10 צוויי מענטשן זענען אַרויפגעגאַנגען
אין דעם בית־המקדש אַריין מתפלל צו זיין; איינער אַ פרושי און דער
אַנדערער אַ מוכס. 11 דער פרושי איז געשטאַנען און האָט אַזוי אין זיך
מתפלל געווען: גאָט, איך דאַנק דיר, וואָס איך בין ניט ווי די
איבעריקע מענטשן: רויבער, רשעים, נואַפים, אָדער אַפילו ווי דער
דאָזיקער מוכס. 12 איך פאַסט צוויי מאָל אין דער וואָך, און גיב מעשׂר
פון אַלץ, וואָס איך קריג. 13 אָבער דער מוכס איז געשטאַנען
פונדערווייטנס, און האָט צומאָל ניט געוואָלט אויפהייבן זיינע אויגן
צום הימל, נייערט האָט זיך געשלאָגן אין האַרצן, און געזאָגט: גאָט,
האָב רחמנות אויף מיר, אַ חוטא! 14 איך זאָג אייך, דער דאָזיקער האָט
אַראָפּגענידערט צו זיין הויז מער גערעכטפאַרטיקט ווי יענער; וואָרים
יעדער איינער, וואָס דערהייבט זיך אַליין, וועט דערנידעריקט ווערן;
און ווער סע דערנידעריקט זיך אַליין, וועט דערהייבט ווערן.
15 און זיי האָבן אויך געבראַכט צו אים קינדערלעך, כדי ער זאָל זיי
בענטשן; און אַז די תלמידים האָבן דאָס געזען, האָבן זיי זיך אויף זיי
אָנגעברוגזט. 16 אָבער ישוע האָט זיי צוגערופן צו זיך, און געזאָגט:
לאָזט די קינדערלעך קומען צו מיר, און פאַרווערט זיי ניט; ווייל צו
אַזעלכע געהערט דאָס מלכות פון גאָט. 17 באמת, איך זאָג אייך, ווער
סע וועט ניט מקבל זיין דאָס מלכות פון גאָט ווי אַ קינד, דער וועט
באין־אופן ניט אַריינקומען אַהין.
18 און איינער אַ שׂר האָט אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: רבי גוטער,
וואָס זאָל איך טאָן, כדי צו ירשענען אייביק לעבן? 19 און ישוע האָט
צו אים געזאָגט: פאַרוואָס רופסטו מיך גוטער? קיינער איז ניט גוט,
אַחוץ גאָט אַליין. 20 דו קענסט די מצוות: דו זאָלסט ניט מזנה זיין, דו
זאָלסט ניט הרגענען, דו זאָלסט ניט גנבענען, דו זאָלסט ניט פאַלש
עדות־זאָגן, האַלט בכבוד דיין פאָטער און מוטער.[1] 21 און ער האָט
געזאָגט: דאָס אַלץ האָב איך אָפּגעהיט פון מיין יוגנט אָן. 22 און אַז
ישוע האָט דאָס געהערט, האָט ער צו אים געזאָגט: נאָך איין זאַך
פעלט דיר: פאַרקויף אַלץ, וואָס דו האָסט, און טייל עס פונאַנדער
צו די אָרעמע, און דו וועסט האָבן אַן אוצר אין הימל; און קום,
און גיי מיר נאָך. 23 און אַז ער האָט דאָס געהערט, איז ער געוואָרן
שטאַרק טרויעריק;

[1] שמות כ, 12-14; דברים ה, 16-18.

וואָרים ער איז געווען זער רייך. 24 און יֵשוּעַ האָט אים אָנגעקוקט, און
געזאָגט: ווי שווער איז עס פֿאַר די, וואָס האָבּן עַשִירות, אַרייַנצוקומען
אין דעם מַלכות פון גאָט! 25 עס איז לייַכטער פֿאַר אַ קעמל דורכצוגיין
דורך אַ לעכל פון אַ נאַדל, ווי פֿאַר אַן עוֹשר אַרייַנצוקומען אין דעם
מַלכות פון גאָט. 26 און די, וואָס האָבּן דאָס געהערט, האָבּן געזאָגט:
טאָ ווער קאָן ניצול ווערן? 27 און ער האָט געזאָגט: דאָס, וואָס איז בּיי
מענטשן ניט מעגלעך, איז מעגלעך בּיי גאָט. 28 און פּעטרוס האָט
געזאָגט: זע, מיר האָבּן געלאָזן אונדזער אייגנס, און זענען דיר
נאָכגעגאַנגען. 29 האָט ער צו זיי געזאָגט: בּאמת, איך זאָג אייך, ניטאָ
קיינער, וואָס האָט פֿאַרלאָזן הויז, אָדער ווייבּ, אָדער בּרידער, אָדער
עלטערן, אָדער קינדער צוליבּ דעם מַלכות פון גאָט, 30 אַז ער זאָל ניט
בּאַקומען כֵּפל־כִּפלַיִם אין דעם עולם הזה, און אין דעם עולם הבא,
אייבּיק לעבּן.
31 און ער האָט גענומען צו זיך די צוועלף, און האָט צו זיי געזאָגט:
זעט, מיר גייען אַרויף קיין ירושָלַיִם, און אַלצדינג, וואָס איז געשריבּן
געוואָרן דורך די נבִיאים וועגן דעם בֶּן־אָדָם,[1] וועט מקוים ווערן.
32 וואָרים ער וועט איבּערגעענטפֿערט ווערן צו די גוֹיִים, און וועט
אויסגעשפּעט, און פֿאַרשעמט, און פֿאַרשפּיגן ווערן.[2] 33 און זיי ווילן
אים געבּן מַלקות, און אים טייטן; און דעם דריטן טאָג וועט ער ווידער
אויפֿשטיין.[3] 34 און זיי האָבּן גאָרניט פֿאַרשטאַנען פון די דאָזיקע זאַכן;
און דאָס דאָזיקע וואָרט איז געווען פֿאַרהוילן פון זיי, און זיי האָבּן ניט
בּאַנומען, וואָס עס איז צו זיי געזאָגט געוואָרן.
35 און עס איז געווען, בּעת ער האָט זיך דערנענטערט צו יְריחוֹ, איז
איינער אַ בּלינדער געזעסן בּיים וועג, און האָט געבּעטלט. 36 און אַז
ער האָט געהערט דאָס פֿאָלק פֿאַרבּייַגיין, האָט ער זיך נאָכגעפֿרעגט,
וואָס דאָס בּאַטייַט. 37 און מען האָט אים געזאָגט, אַז יֵשוּעַ הָנוֹצרי גייט
פֿאַרבּיי. 38 און ער האָט געשריגן: יֵשוּעַ, בֶּן־דָוִד, האָבּ רַחמָנות אויף
מיר! 39 און די, וואָס זענען געגאַנגען פֿאָרויס, האָבּן אויף אים
אָנגעשריגן, אַז ער זאָל שווייגן. אָבּער ער האָט נאָך העכער געשריגן:
בֶּן־דָוד, האָבּ רַחמָנות אויף מיר! 40 און יֵשוּעַ האָט זיך אָפּגעשטעלט,
און האָט בּאַפוילן, מען זאָל אים בּרענגען צו אים; און אַז ער האָט זיך
דערנענטערט, האָט ער אים געפֿרעגט: 41 וואָס ווילסטו, אַז איך זאָל
טאָן פֿאַר דיר? האָט ער געזאָגט: האַר, אַז איך זאָל קענען קריגן מייַן
ראִיה. 42 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: בּאַקום דייַן ראִיה. דייַן
אֶמוּנה האָט דיר געהאָלפֿן. 43 און ער האָט תֵּיכף בּאַקומען זייַן ראִיה,
און איז אים נאָכגעגאַנגען, און האָט געלויבּט גאָט, און דאָס גאַנצע
פֿאָלק, אַז זיי האָבּן דאָס געזען, האָבּן אָפּגעגעבּן גאָט אַ לויבּ.

[1] ישעיה נג, 1-12. [2] ישעיה נ, 6. [3] תהלים טז, 10.

יט און ער איז אַרייַנגעקומען און איז דורכגעגאַנגען דורך יריחו. 2 און אָט
איז דאָרטן געווען אַ מענטש מיטן נאָמען זַכַּי, וואָס איז געווען פֿון די ראָשי־
הַמוֹכסים, און ער איז געווען אַן עושר. 3 און ער האָט באַגערט צו זען
יֵשוּעַן, ווער ער איז, און האָט עס ניט געקאָנט צוליב דעם עולם, מַחמת ער
איז געווען קליין אין וואוקס. 4 און ער איז געלאָפֿן פֿאַרויס, און האָט
אַרויפֿגעקלעטערט אויף אַ פֿייַגנבוים, כּדי אים צו זען; וואָרים ער האָט
באַדאַרפֿט פֿאַרבייַגייַן יענעם וועג. 5 און אַז יֵשוּעַ איז געקומען צו דום
פּלאַץ, האָט ער אַרויפֿגעקוקט, און צו אים געזאָגט: זַכַּי, אייל דיך, און קום
אַראָפּ, ווייל היינט מוז איך אייַנשטיין אין דייַן הויז. 6 און ער איז שנעל
אַרונטערגעקומען, און האָט אים אויפֿגענומען מיט שִׂמחה. 7 און אַז זיי
האָבן דאָס געזען, האָבן זיי אַלע געמורמלט: צו אַ חוטא איז ער
אַרייַנגעגאַנגען איבערצונעכטיקן! 8 און זַכַּי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, און
געזאָגט צו דעם האַר: זע, האַר, די העלפֿט פֿון מייַן פֿאַרמעגן גיב איך די
אָרעמע; און אויב איך האָב פֿון עמיצן עפּעס באַגזלט, וועל איך אים
אומקערן פֿירפֿאַך. 9 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: היינט איז געקומען אַ
ישועה אויף דעם דאָזיקן הויז, ווייל ער איז אויך אַ בֶּן־אַברָהם. 10 וואָרים
דער בֶּן־אָדָם איז געקומען זוכן און מַציל צו זייַן דאָס, וואָס איז געווען
פֿאַרלוירן.
11 און בעת זיי האָבן דאָס געהערט, האָט ער זיי ווידער דערציילט אַ מָשָל,
מַחמת ער איז געווען נאָענט פֿון ירושָלַיִם, און זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס
מַלכות פֿון גאָט דאַרף אינגיכן אַנטפּלעקט ווערן. 12 ער האָט דעריבער
געזאָגט: איינער אַן אייַדלמאַן איז אָוועק אין אַ ווייטן לאַנד אַריין, צו קריגן
פֿאַר זיך אַ מלוכה, און זיך אומצוקערן. 13 און ער האָט גערופֿן צען פֿון זיינע
קנעכט, און האָט זיי געגעבן צען מָנִים, און צו זיי געזאָגט: האַנדלט מיט
דעם ביז איך וועל צוריקקומען. 14 אָבער זיינע שטאָטלייט האָבן אים פֿיינט
געהאַט, און האָבן נאָכגעשיקט נאָך אים שלוחים, אַזוי צו זאָגן: מיר ווילן
ניט, אַז דער דאָזיקער זאָל הערשן איבער אונדז. 15 און עס איז געווען,
נאָכדעם ווי ער האָט איבערגענומען די מלוכה, און האָט זיך צוריק־
געקערט, האָט ער באַפֿוילן צו רופֿן די קנעכט, וועמען ער האָט געגעבן דאָס
געלט, כּדי אויסצוגעפֿינען וואָס איטלעכער האָט פֿאַרדינט אין זייַן מִסחר.
16 און דער ערשטער איז געקומען פֿאַר אים, און האָט געזאָגט: האַר, דייַן
מָנה האָט אַרייַנגעבראַכט נאָך צען מָנִים. 17 און ער האָט צו אים געזאָגט:
האָסט גוט געטאָן, דו גוטער קנעכט! ווייל דו ביסט געווען געטריי איבער
ווייניק, זאָלסטו האָבן רשות איבער צען שטעט. 18 און דער צווייטער איז
געקומען, און האָט געזאָגט: דייַן מָנה, האַר, האָט אַרייַנגעבראַכט פֿינף
מָנִים. 19 און ער האָט אויך צו אים געזאָגט: זיי דו אויך איבער פֿינף שטעט.
20 און אַן אַנדערער איז געקומען, און האָט געזאָגט:

האַר, אָט איז דיין מָנה, וואָס איך האָב געהאַט באַהאַלטן אין אַ טיכל;
21 וואָרים איך האָב מורא געהאַט פאַר דיר, מַחמת דו ביסט אַ
שטרענגער מענטש; דו נעמסט, וואָס דו האָסט ניט אַנידערגעלייגט, און
שנייַדסט דאָס, וואָס דו האָסט ניט געזייט. 22 האָט ער צו אים געזאָגט:
לויט דיין אייגן מויל וועל איך דיך מִשפּטן, דו שלעכטער קנעכט! דו
האָסט געוואוסט, אַז איך בין אַ שטרענגער מענטש, אַז איך נעם, וואָס
איך האָב ניט אַנידערגעלייגט, און שנייד, וואָס איך האָב ניט געזייט.
23 טאָ פאַרוואָס האָסטו ניט אַרייַנגעגעבן מיין געלט אין דער באַנק, און
ביי מיין צוריקקומען, וואָלט איך עס באַקומען מיט פּראָצענט? 24 און
ער האָט געזאָגט צו די, וואָס זענען געשטאַנען דערביי: נעמט צו ביי
אים די מָנה, און גיט עס דעם, וואָס האָט די צען מָנים. 25 און זיי האָבן
צו אים געזאָגט: האַר, ער האָט שון צען מָנים! 26 איך זאָג אייך, דער,
וואָס האָט, דעם וועט געגעבן ווערן; פון דעם אָבער, וואָס האָט ניט,
פון אים וועט אַוועקגענומען ווערן אַפילו דאָס, וואָס ער האָט. 27 און
יענע, מיינע שׂונאים, וואָס האָבן ניט געוואָלט, אַז איך זאָל הערשן
איבער זיי, ברענגט זיי אַהער און הַרגעט זיי פאַר מיינע אויגן.
28 און נאָכדעם ווי ער האָט דאָס געזאָגט, איז ער געגאַנגען פאַרויס, און
האָט עולה־רֶגל געווען קיין ירושָלַיִם. 29 און עס איז געווען, בעת ער
האָט זיך דערנענטערט קיין בֵית־פַּגֵי און בֵית־הִינִי, ביים באַרג וואָס
הייסט הַר־הַזֵיתים, האָט ער געשיקט צוויי פון זיינע תַּלמידים, 30 און
געזאָגט: גייט אין דאָרף אַריין אַנטקעגנאיבער אייך, און בעת איר וועט
אַרייַנקומען, וועט איר געפינען אַן אייזל צוגעבונדן, אויף ווילכן קיינער
איז נאָך ניט געזעסן; בינדט עס אָפּ, און ברענגט עס אַהער. 31 און אויב
עמיצער וועט אייך פרעגן: פאַרוואָס בינדט איר עס אָפּ? זאָלט איר אַזוי
זאָגן: דער האַר דאַרף עס האָבן. 32 און די שלִיחים זענען געגאַנגען, און
האָבן געפונען פונקט ווי ער האָט צו זיי געזאָגט. 33 און בעת זיי האָבן
אָפּגעבונדן דאָס אייזל, האָבן זיינע בַעלי־בַתּים צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס
בינדט איר אָפּ דאָס אייזל? 34 און זיי האָבן געזאָגט: דער האַר דאַרף
עס האָבן. 35 און זיי האָבן עס געבראַכט צו יֵשוּעַן, און האָבן
אַרויפגעוואָרפן זייערע מַלבושים אויף דעם אייזל, און האָבן יֵשוּעַן
אַרויפגעזעצט דערויף. 36 און בעת ער איז געגאַנגען, האָבן זיי
אויסגעשפּרייט זייערע מַלבושים אויפן וועג. 37 און ווי ער האָט זיך
דערנענטערט צום אַראָפּגאַנג פון דעם הַר־הַזֵיתים, האָט דער גאַנצער
עולם תַּלמידים אָנגעהויבן צו פרייען זיך און לויבן גאָט מיט אַ הויך קול
פאַר אַלע וואונדערלעכע מַעשׂים, וואָס זיי האָבן געזען, 38 און האָבן
געזאָגט: געבענטשט איז דער מֶלך, וואָס קומט אין דעם נאָמען פון
גאָט! שָלום אין הימל,

אוּן כָּבוֹד אין דער הייך! 39 אוּן עטלעכע פוּן די פּרוּשים פוּן צווישן דעם
פאָלק האָבּן צוּ אים געזאָגט: רֶבּי, שריי אָן אויף דיינע תַּלמידים. 40 אוּן ער
האָט געענטפערט: איך זאָג אייך, אַז אויבּ די דאָזיקע וועלן שווייגן, וועלן די
שטיינער שרייען.

41 אוּן בּעת ער האָט זיך דערנענטערט, האָט ער געזען די שטאָט, אוּן האָט
זיך צעוויינט איבּער איר, 42 אוּן געזאָגט: הַלוואַי וואָלטסטוּ געוואוּסט אין
דעם היינטיקן טאָג דאָס, וואָס קער זיך אָן צוּ דיין שָׁלום! איצט איז דאָס
אָבּער פאַרהוילן פוּן דיינע אויגן. 43 וואָרים סע וועלן קוּמען אויף דיר טעג,
ווען דיינע שׂוֹנאים וועלן אויפשטעלן אַ וואַל אַרוּם דיר, אוּן דיך
אַרוּמרינגלען, אוּן דיך בּאַלאַגערן פוּן אַלע זייטן; 44 אוּן וועלן דיך שמעטערן
צוּ דער ערד, אוּן דיינע קינדער צווישן דיר, אוּן ניט לאָזן אין דיר איין שטיין
אויפן אַנדערן; מַחמת דוּ האָסט ניט דערקענט די צייט, ווען דוּ בּיסט
געדענקט געוואָרן.

45 אוּן ער איז אַריינַגעגאַנגען אין דעם בֵּית־הַמִקדש אַריין, אוּן האָט גענוּמען
אַרויסטרייַבּן די, וואָס האָבּן פאַרקויפט, 46 אוּן האָט צוּ זיי געזאָגט: סע
שטייט געשריבּן: מיין הויז זאָל זיין אַ הויז פוּן תּפִילה, אָבּער איר האָט עס
געמאַכט אַ הייל פוּן גַזלָנים.[1]

47 אוּן ער האָט טאָג־טעגלעך געלערנט אין דעם בֵּית־הַמִקדש. אוּן די ראָשֵׁי־
כֹּהַנים, אוּן די סוֹפרים, אוּן די עלצטע פוּן פאָלק האָבּן געזוּכט אים
אוּמצוּבּרענגען. 48 אוּן זיי האָבּן ניט געוואוּסט וואָס צוּ טאָן, וואָרים דאָס
גאַנצע פאָלק האָט זיך בּאַהעפט אָן אים, אוּן זיך צוּ אים צוּגעהערט.

כ אוּן עס איז געווען אין איינעם פוּן די טעג, בּעת ער האָט געלערנט דאָס
פאָלק אין דעם בֵּית־הַמִקדש, אוּן האָט מבַשׂר געווען די גוּטע בּשׂוּרה, האָבּן
צוּ אים גענעענט די ראָשֵׁי־כֹּהַנים אוּן די סוֹפרים מיט די זקֵנים, 2 אוּן זיי האָבּן
צוּ אים געזאָגט: זאָג אוּנדז, מיט וועמעס רשוּת טוּסטוּ דאָס אַלץ, אָדער ווער
האָט דיר געגעבּן דאָס דאָזיקע רשוּת? 3 אוּן ער האָט געענטפערט, אוּן צוּ זיי
געזאָגט: איך וויל אייך אויך פרעגן אַ קַשיא; נוּ, זאָגט מיר: 4 די טבִילה פוּן
יוֹחָנָן, איז זי געווען פוּן הימל, אָדער פוּן מענטשן? 5 אוּן זיי האָבּן זיך
געשלאָגן מיט דער דֵעה, אוּן געזאָגט: אויבּ מיר וועלן זאָגן: פוּן הימל, וועט
ער זאָגן: פאַרוואָס האָט איר אים ניט געגלויבּט? 6 וועלן מיר אָבּער זאָגן:
פוּן מענטשן, וועט אוּנדז דאָס גאַנצע פאָלק פאַרשטיינען; וואָרים זיי זענען
איבּערצייגט, אַז יוֹחָנָן איז געווען אַ נָביא. 7 אוּן זיי האָבּן געענטפערט, אַז זיי
ווייסן ניט פוּנוואַנען. 8 האָט יֵשוּעַ צוּ זיי געזאָגט: אויבּ אַזוי, וועל איך אייך
אויך ניט זאָגן מיט וועמעס רשוּת איך טוּ דאָס.

9 אוּן ער האָט אָנגעהויבּן רעדן צוּם פאָלק דאָס דאָזיקע מָשל: אַ מענטש
האָט געפלאַנצט אַ וויינַגאָרטן, אוּן האָט אים פאַרדוּנגען צוּ וויינַגערטנער,
אוּן איז אַוועק אין אַן אַנדער לאַנד אַריין אויף אַ לאַנגער

[1] ישעיה נו, 7; ירמיה ז, 11.

צייט. 10 און צו דער באַשטימטער צייט, האָט ער געשיקט צו די
ווײַנגערטנער אַ קנעכט, אַז זיי זאָלן אים געבן פֿון די פּירות פֿון דעם
ווײַנגאָרטן; אָבער די ווײַנגערטנער האָבן אים געשלאָגן, און אים
אַוועקגעשיקט ליידיק. 11 און ער האָט געשיקט אַן אַנדערן קנעכט; און
אויך אים האָבן זיי געשלאָגן, און האָבן אים מבֿזה געווען, און אים
אַוועקגעשיקט ליידיק. 12 און ער האָט געשיקט נאָך אַ דריטן; און אים
האָבן זיי צעניזוקט, און אַרויסגעוואָרפֿן. 13 און דער האַר פֿון דעם
ווײַנגאָרטן האָט געזאָגט: וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל שיקן מײַן
באַליבטן זון; אֶפֿשר וועלן זיי דֶרֶך־אֶרֶץ האָבן פֿאַר אים. 14 אָבער ווען די
ווײַנגערטנער האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך מײַעץ געווען איינער מיט
דעם אַנדערן, און געזאָגט: דאָס איז דער יוֹרֵש; לאָמיר אים הַרגענען, כּדי
די ירושה זאָל זײַן אונדזערע. 15 און זיי האָבן אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון
דעם ווײַנגאָרטן, און האָבן אים געהרגעט. בּכֵן, וואָס וועט דער האַר פֿון
דעם ווײַנגאָרטן, טאָן צו זיי? 16 ער וועט קומען און אומבּרענגען יענע
ווײַנגערטנער, און דעם ווײַנגאָרטן געבן צו אַנדערע. און אַז זיי האָבן דאָס
געהערט, האָבן זיי געזאָגט: חַס־וְחָלִילה! 17 אָבער ער האָט אויף זיי
געקוקט, און געזאָגט: וואָס דען מיינט דאָס, וואָס סע שטייט געשריבן:

דער שטיין, וואָס די בּוימײַנדטער האָבן פֿאַרוואָרפֿן,
איז געוואָרן צום ווינקלשטיין?[1]

18 יעדער איינער, וואָס וועט פֿאַלן אויף יענעם שטיין, וועט זיך
צעשלאָגן;[2] אָבער אויף וועמען ער וועט פֿאַלן, דעם וועט ער צעמאָלן.[3]
19 און די סופֿרים און די ראָשי־כּהנים האָבן גראָד אין יענער שָעה געזוכט
צו לייגן אויף אים אַ האַנט, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר דעם
פֿאָלק; וואָרים זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע מָשל האָט ער
גערעדט אויף זיי. 20 און זיי האָבן אים נאָכגעקוקט, און האָבן געשיקט
שפּיאָנען, וואָס האָבן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר צדיקים, כּדי אים צו כאַפּן בּיי
זײַנע רייד, און אים איבּערענטפֿערן צו דער מאַכט און אין רשות פֿון דעם
פּראָקוראַטאָר. 21 און זיי האָבן אים געפֿרעגט: רֶבּי, מיר ווייסן, אַז דו
רעדסט און לערנסט רעכטפֿאַרטיק, און בּיסט קיינעם ניט נוֹשׂא־פּנים,
נייערט לערנסט בּאמת דעם וועג פֿון גאָט. 22 דאַרפֿן מיר געבן שטייער
דעם קֵיסר, אָדער ניט. 23 אָבער ער האָט דערקענט זייער כיטרעקייט, און
האָט צו זיי געזאָגט: 24 ווײַזט מיר אַ דינָר. וועמעס בּילד און אויפֿשריפֿט
איז דאָס? און זיי האָבן געזאָגט: דעם קֵיסרס. 25 האָט ער צו זיי געזאָגט:
גיט דעריבּער דעם קֵיסר דאָס, וואָס איז דעם קֵיסרס, און צו גאָט דאָס,
וואָס איז גאָטס. 26 און זיי האָבן אים ניט געקענט כאַפּן מיט קיין וואָרט
פֿאַר דעם פֿאָלק; און זיי זענען פֿאַרחידושט געוואָרן פֿון זײַן ענטפֿער,
און האָבן געשוויגן.

[1] תהלים קיח, 22. [2] ישעיה ח, 14-15. [3] דניאל ב, 34-35.

27 און סע האָבן געגעענט עטלעכע פֿון די צדוקים, וואָס זאָגן, אַז ס'איז
ניטאָ קיין תּחִיַת־הַמֵתים, 28 און זיי האָבן אים געפֿרעגט, אַזוי צו אָגן:
רֶבּי, משה האָט אונדז פֿירגעשריבן, אַז אויב איינעמס אַ ברודער וועט
שטאַרבן, וואָס האָט אַ ווייב, און קיין קינדער האָט ער ניט, זאָל זיין
ברודער נעמען דאָס ווייב, און אויפשטעלן זאָמען פֿאַר זיין ברודער.[1]
29 און אָט זענען געווען זיבן ברידער; און דער ערשטער האָט גענומען
אַ ווייב, און איז געשטאָרבן, און קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט;
30 און דער צווייטער 31 און דער דריטער האָבן זי גענומען, און אַזוי
האָבן אויך די זיבן ניט געלאָזט קיין קינדער, און זענען געשטאָרבן.
32 צולעצט איז אויך די פֿרוי געשטאָרבן. 33 היינט, ביי תּחִיַת־הַמֵתים,
וועמעס ווייב וועט זי דעריבער זיין? וואָרים די זיבן האָבן זי געהאַט
פֿאַר אַ ווייב. 34 און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: די קינדער פֿון דער
דאָזיקער וועלט האָבן חַתונה, און מע מאַכט זיי חַתונה; 35 אָבער די,
וואָס זענען זוכה צו עולם־הַבּא און תּחִיַת־הַמֵתים, האָבן ניט חַתונה,
און מע מאַכט זיי ניט חַתונה; 36 וואָרים זיי קענען מער ניט שטאַרבן,
מַחמת זיי זענען גלייך צו מַלאָכים, און זענען קינדער פֿון גאָט, וויל
זיי זענען קינדער פֿון תּחִיַת־הַמֵתים. 37 און אַז די טויטע וועלן
אויפשטיין, האָט אַפילו משה מרַמֵז געווען ביים סנֶה, בעת ער רופֿט
גאָט דעם גאָט פֿון אַברָהם, און דעם גאָט פֿון יִצחַק, און דעם גאָט פֿון
יַעקב.[2] 38 און גאָט איז ניט דער גאָט פֿון טויטע, נייערט פֿון
לעבעדיקע, וואָרים אַלע לעבן פֿאַר אים. 39 און עטלעכע פֿון די סופֿרים
האָבן געענטפֿערט: רֶבּי, דו האָסט וואויל גערעדט. 40 וואָרים זיי האָבן
זיך מער ניט דערלויבט אים עפּעס צו פֿרעגן.
41 און ער האָט צו זיי געזאָגט: ווי קומט עס, וואָס מען זאָגט, אַז דער
מָשִיחַ איז דָוִדס זון? 42 וואָרים דָוִד אַליין האָט געזאָגט אין דעם סֵפר
תּהִלים:

גאָט האָט געזאגט צו מיין האַר:
זעץ דיך ביי מיין רעכטער האַנט,
43 ביז איך וועל מאַכן דיינע פֿיינט פֿאַר דיין פֿוסבענקל.[3]

44 און אויב דָוִד רופֿט אים אָן האַר, וויאַזוי איז ער זיין זון?
45 און בעת דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך צוגעהערט, האָט ער געזאָגט צו
זיינע תּלמידים: 46 היט אייך פֿאַר די סופֿרים, וואָס האָבן ליב צו גיין
אין לאַנגע טַלֵיתים, און האָבן ליב מע זאָל זיי אָפּגעבן שָלום אין די
מאַרקפּלעצער, און די חָשובסטע שטאָט אין די שולן, און דעם אויבן־
אָן אויף סעודות; 47 זיי, וואָס שלינגען איין די הייזער פֿון אַלמָנות, און
טוען כלומרשט

---

[1] דברים כה, 5, 6. [2] שמות ג, 6. [3] תהלים קי, 1.

דאַווענען לאַנג. זיי וועלן שוין קריגן אַ האַרבערן פּסק.
כא און ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און האָט געזען ווי די רייכע
וואַרפֿן אַריין זייערע נדָבות אין דעם שאַצקאַסטן; 2 און ער האָט אויך
געזען ווי אַן אָרעמע אַלמָנה האָט אַהין אַרייַנגעוואָרפֿן צוויי פּרוטות.
3 און ער האָט געזאָגט: באמת, איך זאָג אייך, די דאָזיקע אָרעמע
אַלמָנה האָט מער אַרייַנגעוואָרפֿן ווי זיי אַלע; 4 וואָרים זיי אַלע האָבן
מנַדב געווען פֿון דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט איבעריק, אָבער זי האָט
פֿון איר נויט אַרייַנגעוואָרפֿן אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט צום לעבן.
5 און בעת עטלעכע האָבן גערעדט פֿון בֵית־הַמִקדש, אַז ער איז
באַשייַנט מיט טייערע שטיינער און מיט מַתָנות, האָט ער געזאָגט:
6 וואָס שַייך די דאָזיקע זאַכן, וואָס איר זעט, וועלן קומען טעג, וואָס
אין זיי וועט דאָ ניט בלייַבן אַ שטיין אויף אַ שטיין, וואָס וועט ניט
אַראָפּגעוואָרפֿן ווערן. 7 און זיי האָבן אים געפֿרעגט: רֶבי, ווען וועט
דאָס זיין? און וואָס וועט זיין דער סִימן, ווען דאָס וועט געשען? 8 און
ער האָט געזאָגט: זעט, אַז מע זאָל אייך ניט פֿאַרפֿירן, וואָרים אַ סַך
וועלן קומען אין מיין נאָמען, און זאָגן: איך בין עס! און: די צייט
האָט גענעענט! גייט זיי ניט נאָך. 9 און בעת איר וועט הערן פֿון
מִלחָמות און מהומות, זאָלט איר זיך ניט שרעקן; וואָרים דאָס אַלץ מוז
קודם געשען; אָבער דער קֶץ איז דאָס נאָך ניט.
10 דערנאָך האָט ער צו זיי געזאָגט: אומה וועט אויפשטיין קעגן אומה,
און מלוכה קעגן מלוכה; 11 און סע וועלן זיין גרויסע ערדציטערנישן,
און אין פֿאַרשידענע ערטער הונגער און מַגֵפות, און סע וועלן זיין
שרעקן און גרויסע מֹפתים פֿון הימל. 12 אָבער קודם־כָל וועלן זיי לייגן
זייערע הענט אויף אייך, און אייך רודְפֿן, און אייך איבערענטפֿערן צו
די שולן און תּפִיסות, און אייך ברענגען פֿאַר מלָכים און מושלים פֿון
מיין נאָמענוועגן. 13 און דאָס וועט אייך זיין פֿאַר אַן עֵדות. 14 בכֵן,
נעמט דאָס אייך צום האַרצן, ניט צו דאַגֶהן פֿאָרויס וויאַזוי צו
ענטפֿערן; 15 וואָרים איך וועל אייך געבן אַ מויל און חָכמה, וואָס אַלע
אייערע קעגנער וועלן ניט קענען בייַשטיין, אָדער פֿאַרלייקענען. 16 איר
וועט אַפילו איבערגעענטפֿערט ווערן פֿון עלטערן, און ברידער, און
קרובים, און פֿריינט; און טייל פֿון אייך וועלן זיי טייטן. 17 און איר
וועט זיין פֿאַרהאַסט פֿון אַלעמען פֿון מיין נאָמענוועגן. 18 עס וועט
אייך אָבער אַ האָר פֿון אייער קאָפּ ניט פֿאַרלוירן גיין. 19 דורך אייער
געדולדיקייט וועט איר געווינען אייערע נשָמות.

20 און בעת איר וועט זען ירושָלַיִם אַרומגערינגלט מיט חַיָלות, זאָלט
איר וויסן, אַז איר חורבן איז נאָענט. 21 דעמאָלט זאָלן די, וואָס זענען
אין יהודה, אַנטרינען אין די בערג; און די, וואָס זענען אין איר מיט,
זאָלן אַרויסגיין, און די, וואָס זענען אויפֿן לאַנד, זאָלן ניט אַרײַנגיין אין
איר. 22 וואָרים דאָס זענען טעג פֿון נקָמה, כּדי אַלצדינג, וואָס סע
שטייט געשריבן, זאָל מְמַלא ווערן. 23 ווײ איז צו די, וואָס זענען
מעוּבֶרת, און וואָס גיבן צו זייגן אין יענע טעג! וואָרים סע וועט זיין אַ
גרויסע צָרה אין דעם לאַנד און אַ צאָרן אויף דעם דאָזיקן פֿאָלק. 24 און
זיי וועלן פֿאַלן דורך דער שאַרף פֿון דער שווערד, און וועלן געפֿירט
ווערן געפֿאַנגען צווישן אַלע אומות; און ירושָלַיִם וועט צעטרעטן
ווערן פֿון די גוֹיִים, און די צייטן פֿון די גוֹיִים וועלן דערפֿילט ווערן.
25 און סע וועלן זיין מֹפתים אין דער זון, און לבָנה, און שטערן, און
אויף דער ערד צָרות אויף פֿעלקער, אין שרעק פֿאַר דעם רוישן פֿון יַם
און די כוואַליעס; 26 מענטשן וועלן חַלֶשן פֿאַר מוֹרא און דערוואַרטונג
פֿון דעם, וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט; וואָרים די כּוחות פֿון
הימל וועלן אויפֿגעטרייסלט ווערן. 27 און דעמאָלט וועלן זיי זען דעם
בֶּן־אָדָם קומען אויף אַ וואָלקן מיט גבורה און גרויס כָּבוד.[1] 28 און בעת
די דאָזיקע זאַכן וועלן אָנהייבן מקוּיָם צו ווערן, גלײַכט אייך אויס, און
הייבט אויף אײַערע קעפּ, מַחמת אײַער גאולה דערנענטערט זיך.
29 און ער האָט זיי דערציילט אַ מָשל: קוקט אויף דעם פֿײַגנבוים, און
אויף אַלע ביימער; 30 בעת זיי טוען שוין אַרויסשפּראָצן, זעט איר עס
און איר ווייסט פֿון זיך אַליין, אַז דער זומער איז שוין נאָענט. 31 אַזוי
אויך איר, ווען איר וועט דאָס אַלץ זען געשען, זאָלט איר וויסן, אַז
דאָס מַלכות פֿון גאָט איז נאָענט. 32 באמת, איך זאָג אייך, דער דאָזיקער
דוֹר וועט ניט פֿאַרגיין, ביז דאָס אַלץ וועט געשען. 33 הימל און ערד
וועלן פֿאַרגיין, אָבער מײַנע ווערטער וועלן קיינמאָל ניט פֿאַרגיין.
34 גיט אָבער אַכטונג אויף זיך, טאָמער וועלן אײַערע הערצער
באַשווערט ווערן מיט איבערעסן זיך, און שיכּרות, און מיט דאגות פֿון
דעם דאָזיקן לעבן, און יענער טאָג וועט פּלוּצים קומען אויף אייך ווי אַ
נעץ; 35 וואָרים אַזוי וועט ער קומען אויף אַלע, וואָס וואוינען אויף
דעם פּנים פֿון דער גאַנצער ערד. 36 דעריבער זייט וואַך אין יעדער
צײַט, און זייט מתפּלל, אַז איר זאָלט זיך קענען שטאַרקן צו אַנטרינען
פֿון אַלצדינג, וואָס דאַרף געשען, און צו שטיין פֿאַר דעם בֶּן־אָדָם.
37 און בייטאָג האָט ער געלערנט אין דעם בית־הַמִקדש, און ביינאַכט
איז ער אַרויסגעגאַנגען, און האָט איבערגענעכטיקט

[1] דניאל ז, 13-14.

אויפֿן באַרג, וואָס הייסט הַר־הַזֵיתים. 38 און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך
געפֿעדערט צו אים אין דער פֿרי אין דעם בֵּית־הַמִקדש, כּדי אים צו הערן.
כב און סע האָט גענעענט דער חַג־הַמַצות, וואָס ווערט גערופֿן פֵּסח.
2 און די ראָשי־כֹּהֲנים און די סופֿרים האָבן געזוכט וויאַזוי אים
אומצוברענגען; וואָרים זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר דעם פֿאָלק.
3 און דער שָׂטן איז אַריין אין יהודהן, וואָס איז גערופֿן געוואָרן אִיש
קְריות, וואָס איז געווען פֿון דער צאָל פֿון די צוועלף; 4 און ער איז
אַוועקגעגאַנגען, און האָט זיך צונויפֿגערעדט מיט די ראָשי־כּפהֲנים און
שָׂרים, וויאַזוי ער זאָל אים קענען איבערענטפֿערן צו זיי. 5 און זיי האָבן
זיך געפֿרייט, און האָבן אָפּגעמאַכט צו געבן אים געלט. 6 און ער האָט
מַסכּים געווען, און האָט געזוכט אַ געלעגנהייט אים איבערצוענטפֿערן צו
זיי, ניט אין די אויגן פֿון דעם פֿאָלק.
7 און סע איז געקומען דער טאָג פֿון חַג־הַמַצות, וואָס אין אים מוז מען
מַקריב זיין דעם קָרבן־פֶּסַח. 8 און ער האָט געשיקט פּעטרוסן און יוֹחָנָן,
און האָט געזאָגט: גייט און גרייט אָן פֿאַר אונדז דעם סֵדר, כּדי מיר זאָלן
עסן. 9 און זיי האָבן צו אים געזאָגט: וואו ווילסטו, אַז מיר זאָלן אים
אָנגרייטן? 10 האָט ער צו זיי געזאָגט: זעט, בעת איר וועט אַריינקומען
אין דער שטאָט אַריין, וועט אייך באַגעגענען אַ מאַן, וואָס טראָגט אַ קרוג
מיט וואַסער; גייט אים נאָך אין דעם הויז אַריין, וואו ער וועט אַריינגיין.
11 און איר זאָלט זאָגן צו דעם בַּעל־הַבָּית: דער רֶבּי לאָזט דיר זאָגן: וואו
איז דאָס גאַסט־צימער, וואו איך וועל האַלטן דעם סֵדר מיט מיינע
תַּלמידים? 12 און ער וועט אייך ווייזן אַ גרויסע אויבערשטע שטוב, אַ
פֿאַרטיק אָנגעגרייטע, דאָרטן זאָלט איר אָנגרייטן. 13 און זיי זענען
געגאַנגען, און האָבן געפֿונען אַזוי ווי ער האָט צו זיי געזאָגט; און זיי
האָבן אָנגעגרייט דעם סֵדר.
14 און אַז די שָׁעה האָט גענעענט, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, און די
שלִיחים מיט אים. 15 און ער האָט צו זיי געזאָגט: מיט באַגער האָב איך
באַגערט צו האַלטן מיט אייך דעם דאָזיקן סֵדר, איידער איך טו ליידן;
16 וואָרים איך זאָג אייך, איך וועל אים מער ניט האַלטן, בּיז ער וועט
ממַלא ווערן אין דעם מַלכות פֿון גאָט. 17 און ער האָט גענומען אַ כּוס, און
אַז ער האָט אַ בּרכה געמאַכט, האָט ער געזאָגט: נעמט אים, און צעטיילט
אים צווישן זיך; 18 וואָרים איך זאָג אייך, איך וועל מער ניט טרינקען פֿון
דער פּרי־הגפֿן, בּיז סע וועט קומען דאָס מַלכות פֿון גאָט. 19 און ער האָט
גענומען מַצה, און האָט אַ בּרָכה געמאַכט, און זי צעבראָכן און געגעבן צו
זיי, און געזאָגט: דאָס איז מיין לייַב, וואָס ווערט געגעבן פֿאַר אייך; טוט
דאָס אין מיין אָנדענק. 20 און אויך אַזאַ אופֿן דעם כּוס נאָך דער סעודה,
אַזוי צו זאָגן: דער דאָזיקער כּוס איז דער נייער בּונד

אין מיין בּלוּט, וואָס ווערט פֿאַרגאָסן פֿאַר אייך. 21 דאָך זע, די האַנט
פֿוּן מיין מָסור איז מיט מיר אויפֿן טיש. 22 באמת, דער בֶּן־אָדָם גייט,
ווי סע איז בּאַשטימט געוואָרן; אָבער וויי צוּ יענעם מענטשן, דוּרך
וועמען ער ווערט פֿאַרראַטן! 23 אוּן זיי האָבּן אָנגעהויבּן צוּ פֿאָרשן
צווישן זיך, ווער קאָן עס זיין דער, וואָס וועט טאָן די דאָזיקע זאַך.
24 אוּן סע האָט זיך אויך אויפֿגעהויבּן אַ מַחלוֹקה צווישן זיי, ווער פֿוּן
זיי דאַרף פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר דעם גרעסטן. 25 אוּן ער האָט צוּ זיי
געזאָגט: די מְלָכים פֿוּן די גוֹיִים הערשן איבּער זיי, אוּן די, וואָס האָבּן
שְׁלִיטה איבּער זיי, ווערן גערוּפֿן בַּעלי־חֶסֶד. 26 איר אָבער זאָלט ניט
זיין אַזוי; נייערט דער גרעסטער צווישן אייך, זאָל ווערן ווי דער
יִינגערער, אוּן דער עלטסטער, ווי דער, וואָס טוּט דינען. 27 וואָרים
ווער איז גרעסער, דער וואָס זיצט בּיים טיש, אָדער דער, וואָס
בּאַדינט? צי איז ניט דער, וואָס זיצט בּיים טיש? אָבער איך בּין אין
אייער מיט ווי דער, וואָס בּאַדינט. 28 אוּן איר זענט די, וואָס זענען
געשטאַנען מיט מיר אין מיינע נִסיוֹנות; 29 אוּן איך בּאַשטים פֿאַר אייך
אַ מלוּכה, פּוּנקט ווי מיין פֿאָטער האָט בּאַשטימט פֿאַר מיר, 30 כּדי איר
זאָלט עסן אוּן טרינקען בּיי מיין טיש אין מיין מַלכות, אוּן זיצן אויף
טראָנען אוּן מִשפּטן די צוועלף שבָטים פֿוּן יִשׂרָאל.
31 שִׁמעוֹן, שִׁמעוֹן, זע, דער שָׂטן האָט אייך בּאַגערט צוּ קריגן, כּדי אייך
צוּ קענען זיפּן ווי ווייץ; 32 אָבער איך האָבּ מִתפַּלֵל געווען, אַז דיין
אֱמוּנה זאָל זיך ניט אויסלאָזן; אוּן דוּ, בּעת דוּ וועסט תּשוּבה טאָן,
זאָלסטוּ שטאַרקן דיינע בּרידער. 33 אוּן ער האָט צוּ אים געזאָגט: האַר,
איך בּין גרייט צוּ גיין מיט דיר אין תפיסה, אוּן אַפילו צוּם טויט.
34 האָט ער געזאָגט: איך זאָג דיר, כֵּיפָא, דער האָן וועט היינט ניט
קריִיען, איידער דוּ וועסט דריי מאָל לייקענען, אַז דוּ קענסט מיך.
35 אוּן ער האָט צוּ זיי געזאָגט: בּעת איך האָבּ אייך אַרויסגעשיקט אָן אַ
בּייטל, אוּן רייַזעזאַק, אוּן שיך, האָט אייך עפּעס געפֿעלט? האָבּן זיי
געזאָגט: גאָרניט. 36 אוּן ער האָט צוּ זיי געזאָגט: איצט אָבער, דער,
וואָס האָט אַ בּייטל, לאָז ער אים נעמען, אוּן אַזוי אויך דעם רייַזעזאַק.
אוּן דער, וואָס האָט ניט קיין שווערד, זאָל פֿאַרקויפֿן זיין מאַנטל, אוּן
זיך אים קויפֿן. 37 וואָרים איך זאָג אייך, אַז דאָס, וואָס סע שטייט
געשריבּן, מוּז אין מיר מְמַלא ווערן: אוּן ער איז גערעכנט געוואָרן מיט
פֿאַרבּרעכער;[1] וואָרים דאָס, וואָס איז נוֹגֵע מיר, קוּמט צוּ אַ סוֹף.
38 אוּן זיי האָבּן געזאָגט: האַר, זע, דאָ זענען צוויי שווערדן; אוּן ער
האָט צוּ זיי געזאָגט: דאָס איז גענוּג.

[1] ישעיה נג, 12.

39 און ער איז אַרויסגעקומען, און איז געגאַנגען, ווי זיין מִנהג איז
געווען, צום הַר־הַזֵיתים; און די תַּלמידים זענען אים אויך נאָכגעגאַנגען.
40 און אַז ער איז געקומען אויפן פּלאַץ, האָט ער צו זיי געזאָגט: זייט
מִתפַּלֵל, אַז איר זאָלט ניט קומען צו קיין נִסָיון. 41 און ער האָט זיך
אָפּגעשיידט פון זיי אַרום אַ וואָרף פון אַ שטיין, און איז געפאַלן
כּורעים, און ער האָט מִתפַּלֵל געווען, 42 אַזוי צו זאָגן: פאָטער, אויב דו
ווילסט, טו אָפּ פון מיר דעם דאָזיקן כּוס; דאָך ניט מיין רָצון, נייערט
דיינער זאָל געשען. 43 און אַ מַלאך פון הימל האָט זיך צו אים באַוויזן,
און האָט אים געשטאַרקט. 44 און בעת ער האָט זיך געראַנגלט מיטן
טויט, האָט ער מיט מער כַּוָונה מִתפַּלֵל געווען; און זיין שווייס איז
געוואָרן ווי גרויסע טראָפּנס בלוט, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער
ערד. 45 און אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין תּפילה־טאָן, איז ער
געקומען צו די תַּלמידים, און האָט זיי געפונען שלאָפן פון צַער, 46 און
ער האָט צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס שלאָפט איר? שטייט אויף און זייט
מִתפַּלֵל, אַז איר זאָלט ניט קומען צו קיין נִסָיון.
47 בשָעת ער האָט נאָך גערעדט, איז אָנגעקומען אַ הָמון, און יענער פון
די צוועלף, וואָס האָט געהייסן יהודה, איז געגאָנגען פאָרויס פאַר זיי.
און ער האָט גענעענט צו יֵשוּעַ, אים צו קושן; 48 אָבער יֵשוּעַ האָט צו
אים געזאָגט: יהודה, ענטפערסטו איבער דעם בֶּן־אָדָם מיט אַ קוש?
49 און בעת די, וואָס זענען געווען אַרום אים, האָבן געזען וואָס דאָ וועט
ווערן, האָבן זיי געזאָגט: האַר, זאָלן מיר שלאָגן מיט דער שווערד?
50 און איינער פון זיי האָט געשלאָגן דעם כֹּהן־גָדולס קנעכט, און האָט
אים אָפּגעהאַקט זיין רעכטן אויער. 51 אָבער יֵשוּעַ האָט געזאָגט: גענוג,
לאָזט אָפּ! און ער האָט באַרירט זיין אויער, און האָט אים געהיילט.
52 און יֵשוּעַ האָט געזאָגט צו די ראָשי־כֹּהֲנים און שָׂרים פון דעם בֵּית־
הַמִקדש, און צו די זְקֵנים, וואָס זענען געקומען קעגן אים: זענט איר
אַרויסגעקומען ווי קעגן אַ גַזלן, מיט שווערדן און שטעקנס? 53 בעת איך
בין מיט אייך געווען טאָג־טעגלעך אין בֵּית־הַמִקדש, האָט איר ניט
אויסגעשטרעקט קיין האַנט קעגן מיר. אָבער דאָס איז אייער שָעה, און
די מאַכט פון דער פינצטערניש.
54 און זיי האָבן אים גענומען, און האָבן אים אַוועקגעפירט, און אים
געבראַכט אין דעם כֹּהן־גָדולס הויז אַריין. און פּעטרוס איז נאָכגעגאַנגען
פון דער ווייַטנס; 55 און אַז זיי האָבן אָנגעצונדן אַ פייער אינמיטן הויף,
און זיך אַנידערגעזעצט צוזאַמען, האָט זיך פּעטרוס אַנידערגעזעצט
צווישן זיי. 56 און איינע אַ דינסט האָט אים געזען זיצן ביים פייער, און
האָט אויף אים שאַרף געקוקט, און געזאָגט: אויך דער מאַן איז געווען
מיט אים. 57 אָבער ער האָט געלייקנט, און געזאָגט:

אִשה, איך קען אים ניט. 58 און אַ ביסל שפּעטער האָט אים אַן אַנדערער
געזען, און געזאָגט: דו ביסט אויך איינער פון זיי. אָבער פּעטרוס האָט
געזאָגט: מענטש, איך בין עס ניט. 59 און עפּעס אין אַ שָעה אַרום האָט אַן
אַנדערער פאַרזיכערט, און געזאָגט: באמת, אויך ער איז געווען מיט אים,
וואָרים ער איז אַ גָלִלער. 60 אָבער פּעטרוס האָט געזאָגט: מענטש, איך
ווייס ניט וואָס דו זאָגסט. און תֵּיכף, בשָעת ער האָט נאָך גערעדט, האָט
דער האָן געקרייט. 61 און דער האַר האָט זיך אויסגעדרייט, און האָט
געקוקט אויף פּעטרוסן. און פּעטרוס האָט זיך דערמאָנט דאָס וואָרט פון
דעם האַר, ווי ער האָט צו אים געזאָגט: איידער דער האָן וועט היינט
קרייען, וועסטו מיך דריי מאָל פאַרלייקענען. 62 און ער איז אַרויסגעגאַנגען,
און האָט זיך ביטער צעוויינט.
63 און די מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן יֵשוּעַן, האָבן פון אים אָפּגעשפּעט
און אים געשלאָגן. 64 און זיי האָבן אים פאַרדעקט די אויגן, און אים
געפרעגט: זאָג נביאות, ווער איז דער, וואָס האָט דיך געשלאָגן? 65 און נאָך
אַ סך אַנדערע זאַכן האָבן זיי גערעדט קעגן אים, און אים געלעסטערט.
66 און ווי נאָר עס איז געוואָרן טאָג, האָבן זיך פאַרזאַמלט די זקֵנים פון
פאָלק, אינאיינעם מיט די ראָשי־כֹּהנים און סופרים; און זיי האָבן אים
אַוועקגעפירט אין זייער סַנהֶדרין, און האָבן געזאָגט: 67 אויב דו ביסט דער
מָשִיחַ, זאָג עס אונדז. אָבער ער האָט צו זיי געזאָגט: אויב איך וועל אייך
זאָגן, וועט איר ניט גלויבן; 68 און אויב איך וועל אייך פרעגן, וועט איר ניט
ענטפערן. 69 אָבער פון איצט אָן וועט דער בֶּן־אָדָם זיצן ביי דער רעכטער
האַנט פון גאָטס גבורה.[1] 70 און זיי האָבן אַלע געזאָגט: ביסטו דען דער בֶּן־
אֱלֹהִים? האָט ער צו זיי געזאָגט: איר זאָגט, אַז איך בין. 71 און זיי האָבן
געזאָגט: וואָס דאַרפן מיר נאָך מער עֵדות? וואָרים מיר האָבן עס אַליין
געהערט פון זיין אייגן מויל.
כג און זייער גאַנץ קָהל איז אויפגעשטאַנען, און האָבן אים געבראַכט פאַר
פּילאַטוסן. 2 און זיי האָבן אים אָנגעהויבן צו באַשולדיקן, אַזוי צו זאָגן:
מיר האָבן געפונען, אַז דער דאָזיקער מענטש פאַרפירט אונדזער פאָלק, און
פאַרווערט צו געבן מַס דעם קֵיסר, און זאָגט, אַז ער איז דער מֶלֶך־הַמָשִיחַ.
3 און פּילאַטוס האָט אים געפרעגט: ביסטו דער מֶלך פון די יִידן? און ער
האָט אים געענטפערט: דו זאָגסט עס. 4 און פּילאַטוס האָט געזאָגט צו די
ראָשי־כֹּהנים און דעם פאָלק: איך געפין ניט קיין שולד אין דעם דאָזיקן
מענטשן. 5 אָבער זיי זענען נאָך מער צוגעשטאַנען, און האָבן געזאָגט: ער
העצט אויף דאָס פאָלק, מיט זיין לערנען אין גאַנץ יהודה, אָנהייבנדיק פון
גָליל ביז דאַנען.
6 און אַז פּילאַטוס האָט דאָס געהערט, האָט ער געפרעגט, צי דער
מענטש איז

[1] תהלים קי, 1.

אַ גָליִלער. 7 און ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ער איז פון
הוֹרדוסעס מֶמשָלה, האָט ער אים געשיקט צו הוֹרדוסן, וואָס איז גראָד
אין יענע טעג געווען אין ירושָלַיִם. 8 און ווען הוֹרדוס האָט געזען
יֵשוּעַן, האָט ער זיך זייער געפרייט, וואָרים שוין אַ לאַנגע צייט, אַז ער
האָט אים בּאַגערט צו זען, מַחמת ער האָט געהערט וועגן אים, און ער
האָט געהאָפט צו זען עפּעס אַ נֶס דורך אים. 9 און ער האָט אים
גענומען אַ סַך אויספרעגן; אָבער ער האָט אים גאָרניט געענטפערט.
10 און די ראָשי־כּהַנים און די סוֹפרים זענען געשטאַנען, און האָבן
אים שווער בּאַשוּלדיקט. 11 און הוֹרדוס מיט זיינע זעלנער האָבן אים
געמאַכט צו גאָרנישט, און אים אויסגעלאַכט, און אָנטוּענדיק אים אין
פּרעכטיקע קליידער, האָט ער אים צוריקגעשיקט צו פּילאַטוּסן. 12 און
הוֹרדוס און פּילאַטוּס זענען יענעם טאָג געוואָרן פריינט איינער מיטן
אַנדערן, וואָרים פריער זענען זיי געווען פאַרפייַנט צווישן זיך.
13 און פּילאַטוּס האָט צוזאַמענגערופן די ראָשי־כֹּהַנים, און די שָׂרים,
און דאָס פאָלק, 14 און האָט צו זיי געזאָגט: איר האָט צו מיר געבּראַכט
דעם דאָזיקן מענטשן, ווי איינעם, וואָס פאַרפירט דאָס פאָלק; און
נאָכדעם ווי איך האָבּ אים אויסגעפאָרשט פאַר אייך, ערשט, איך האָבּ
ניט געפונען קיין שוּלד אין דעם מענטשן בּנוֹגֵע יענע זאַכן, אין וואָס
איר בּאַשוּלדיקט אים. 15 ניין, אויך ניט הוֹרדוס, וואָרים ער האָט אים
צוריקגעשיקט צו אונדז; און אָט האָט ער גאָרניט געטאָן, ער זאָל
ווערט זיין דעם טויט. 16 איך וויל אים דעריבּער אויספּאַטשן, און אים
לאָזן פריי.
17 און ער האָט פאַר זיי געמוזט בּאַפרייען איינעם אויף יום־טוֹב. 18 און
זיי האָבן אַלע אינאיינעם אויסגעשריגן: אַוועק מיט דעם דאָזיקן, און
בּאַפריי אונדז בּר־אַבָּאן. 19 און יענער איז צוליבּ עפּעס אַ מְרִידה אין
דער שטאָט, און פאַר אַ רציחה, אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין דער
תּפיסה אַריין. 20 און פּילאַטוּס האָט צו זיי ווידער גערעדט, און האָט
בּאַגערט צו בּאַפרייען יֵשוּעַן; 21 נאָר זיי האָבן געשריגן; קרייציק,
קרייציק אים! 22 און ער האָט צום דריטן מאָל צו זיי געזאָגט:
פאַרוואַס, וואָסער שלעכטס האָט ער געטאָן? איך האָבּ אין אים ניט
געפונען קיין חֵטא, וואָס זאָל ווערט זיין דעם טויט; איך וועל אים
דעריבּער אויספּאַטשן און אים לאָזן פריי. 23 אָבער זיי זענען צו אים
צוגעשטאַנען, און מיט הויכע געשרייען האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז ער
זאָל געקרייציקט ווערן. און זייערע קוֹלוֹת האָבן גוֹבר געווען. 24 און
פּילאַטוּס האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסַק, אַז זייער פאַרלאַנג זאָל געטאָן
ווערן. 25 און ער האָט בּאַפרייט דעם, וואָס איז אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן

אין דער תּפיסה אַריין פאַר מרידה און רציחה, וועמען זיי האָבן
פאַרלאַנגט; און יֵשוּעַן האָט ער איבערגעענטפערט לויט זייער ווילן.
26 און בעת זיי האָבן אים אַוועקגעפירט, האָבן זיי געכאַפּט איינעם,
שִמעון פון קוריני, וואָס איז געקומען פון דעם פעלד, און האָבן אויף
אים אַרויפגעלייגט דעם צלָב, אים נאָכצוטראָגן יֵשוּעַן. 27 און עס איז
אים נאָכגעגאַנגען אַ גרויסער הַמון פון דעם פאָלק, און פון פרויען,
וואָס האָבן אים באַוויינט און באַקלאָגט. 28 און יֵשוּעַ האָט זיך
געווענדט צו זיי, און געזאָגט: טעכטער פון ירושָלַיִם, וויינט ניט
איבער מיר, נייערט וויינט אויף זיך אַליין, און פאַר אייערע קינדער.
29 וואָרים אָט קומען טעג, אין וועלכע מע וועט זאָגן: וואויל איז די
עֲקָרות, און די לייַבער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געטראָגן, און די
בריסט, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געגעבן צו זויגן! 30 דעמאָלט וועלן
זיי זאָגן צו די בערג: פאַלט אויף אונדז, און צו די בערגלעך: דעקט
אונדז צו. 31 ווייל אויב מען טוט אַזוינס דעם גרינעם בוים, וואָס וועט
מען שוין טאָן צום טרוקענעם?
32 און אויך צוויי אַנדערע, וואָס זענען געווען רשָעים, זענען געפירט
געוואָרן מיט אים געטייט צו ווערן. 33 און אַז זיי זענען געקומען צו
דעם פּלאַץ, וואָס איז גערופן געוואָרן גָלגָלתָּא, האָבן זיי אים דאָרט
געקרייציקט, און די רשָעים, איינעם צו דער רעכטער האַנט און דעם
אַנדערן צו דער לינקער.[1] 34 און יֵשוּעַ האָט געזאָגט: פאָטער, זיי זיי
מוחל; וואָרים זיי ווייסן ניט וואָס זיי טוען! און ביים צעטיילן זיינע
קליידער צווישן זיך, האָבן זיי געוואָרפן גורל. 35 און דאָס פאָלק איז
געשטאַנען און האָט צוגעקוקט; און די שָׂרים האָבן פון אים
אָפּגעשפּעט, און געזאָגט: אַנדערע האָט ער מַציל געווען; זאָל ער
זיך אַליין מַציל זיין, אויב ער איז דער מָשִיחַ־אֱלֹהִים, זיין
אויסדערוויילטער! 36 און אויך די זעלנער האָבן אים אויסגעלאַכט,
און האָבן גענענט און אים געגעבן עסיק, 37 און געזאָגט: אויב דו
ביסט דער מֶלך פון די יִידן, זיי דיך אַליין מַציל. 38 און איבער אים איז
אויך געווען אַן אויפשריפט: דאָס איז דער מֶלך פון די יִידן.
39 און איינער פון די רשָעים, וואָס איז געהאָנגען געוואָרן, האָט אים
געלעסטערט, אַזוי צו זאָגן: צי ביסטו ניט דער מָשִיחַ? זיי מַציל דיך
און אונדז. 40 און דער אַנדערער האָט אים אויסגעמוסרט, און געזאָגט:
צי האָסטו אַפילו ניט מורא פאַר גאָט, וואָס דו טוסט ליידן דיזעלבע
שטראָף? 41 און מיר אַוודאי לויטן מִשפּט; וואָרים מיר קריגן דעם
שׂכַר, וואָס אונדזערע מַעשׂים

[1] ישעיה נג, 12.

זענען ווערט געווען; דער דאָזיקער אָבער האָט ניט געטאָן קיין שום
שלעכטס. 42 און ער האָט געזאָגט: יֵשוּעַ, געדענק מיך, ווען דו וועסט
קומען אין דיין מַלכות אַריין. 43 און ער האָט צו אים געזאָגט: באמת, איך
זאָג דיר, היינט וועסטו זיין מיט מיר אין גַן־עֵדן.
44 און עס איז שוין געווען אַרום דער זעקסטער שָעה, און אַ פינצטערניש
איז געקומען איבער דעם גאַנצן לאַנד, ביז דער ניינטער שָעה. 45 און די זון
איז פינצטער געוואָרן; און דאָס פָּרוֹכֶת פון דעם הֵיכל איז צעריסן געוואָרן
אין צווייען. 46 און יֵשוּעַ האָט געשריגן מיט אַ הויך קול, און האָט געזאָגט:
פאָטער, אין דיינע הענט גיב איך איבער מיין גייסט![1] און בעת ער האָט דאָס
געזאָגט, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשָמה. 47 און אַז דער הויפטמאַן האָט
געזען וואָס עס איז געשען, האָט ער אָפּגעגעבן כָּבוד צו גאָט, און האָט
געזאָגט: באמת, דער דאָזיקער מענטש איז געווען אַ צַדיק. 48 און בעת דאָס
גאַנצע פאָלק, וואָס איז זיך צונויפגעקומען, האָט געזען וואָס ס'איז געשען,
האָבן זיי זיך אומגעקערט און זיך געשלאָגן חָטָאתי אין האַרצן. 49 און אַלע
זיינע באַקאַנטע, און די פרויען, וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט אים פון גָלִיל,
זענען געשטאַנען פון דערווייַטנס און האָבן דאָס צוגעזען.
50 און אָט איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געהייסן יוֹסף, פון דער ייִדישער
שטאָט רָמָתַיִם. ער איז געווען אַ בַעל־יוֹעֵץ, אַ גוטער מענטש און אַ צַדיק,
51 וואָס האָט ניט מַסכּים געווען מיט זייער עֵצה, אָדער מיט זייערע מַעשׂים,
און וואָס האָט געוואַרט אויף דעם מַלכות פון גאָט. 52 דער דאָזיקער איז
געגאַנגען צו פּילאַטוסן, און האָט געבעטן דעם גוף פון יֵשוּעַן. 53 און ער
האָט אים אַראָפּגענומען, און האָט אים אײַנגעוויקלט אין לייַוונטע
תַּכרִיכִים, און האָט אים אַרייַנגעלייגט אין אַ קֶבר, וואָס איז געווען
אויסגעהאַקט אין אַ פעלזן, און אין וועלכן קיינער איז נאָך קיינמאָל ניט
געלעגן. 54 און עס איז געווען עֶרֶב־שַבָּת, און דער שַבָּת האָט געגענט.
55 און די פרויען, וואָס זענען געקומען מיט אים פון גָלִיל, זענען
נאָכגעגאַנגען, און האָבן באַקוקט דעם קֶבר, און וויאַזוי זיין גוף איז געלייגט
געוואָרן; 56 און זיי האָבן זיך אומגעקערט, און האָבן אָנגעברייט בשָׂמִים און
זאַלבאייַלן. און שַבָּת האָבן זיי גערוט לויט דעם דִין.
כד און באַגינען פון דעם ערשטן טאָג נאָך דעם שַבָּת, זענען זיי געקומען
צום קֶבר, און האָבן געבראַכט די בשָׂמִים, וואָס זיי האָבן אָנגעברייט. 2 און
זיי האָבן געפונען דעם שטיין אַוועקגעקייַקלט פון דעם קֶבר, 3 און ווען זיי
זענען אַרייַנגעגאַנגען, האָבן זיי ניט געפונען דעם גוף פון דעם האַר יֵשוּעַ.
4 און עס איז געווען, בשַעת זיי זענען אַזוי געווען צעטומלט פונוועגן דעם,
ערשט צוויי מענער זענען געשטאַנען נעבן זיי אין שטראַלנדיקע קליידער;
5 און אַ שרעק איז זיי באַפאַלן, און זיי האָבן אַראָפּגענייגט זייערע פֶּנימער
צו דער ערד,

---
[1] תהלים לא, 6.

און די מענער האָבן צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס זוכט איר דעם לעבעדיקן
צווישן די טויטע? 6 ער איז דאָ ניטאָ, נייערט איז אויפגעשטאַנען.
דערמאָנט זיך ווי ער האָט גערעדט צו אייך, בעת ער איז נאָך געווען אין
דערמאָנט זיך ווי ער האָט גערעדט צו אייך, בעת ער איז נאָך געווען אין
גָליל, 7 און האָט געזאָגט, אַז דער בֶּן־אָדָם מוז איבערגעענטפערט ווערן
אין די הענט פון זינדיקע מענטשן, און געקרייציקט ווערן, און דעם
דריטן טאָג ווידער אויפשטיין.[1] 8 און זיי האָבן זיך דערמאָנט זיינע רייד,
9 און האָבן זיך אומגעקערט פון דעם קֶבר, און האָבן דאָס אַלץ דערציילט
צו די עלף, און צו אַלע איבעריקע. 10 און דאָס זענען עס די, וואָס האָבן
דערציילט די שליחים די דאָזיקע זאַכן: מִריָם פון מַגדָלָה, און יוֹחָנָה, און
מִריָם, די מוטער פון יַעקֹבן, און די אַנדערע פרויען מיט זיי. 11 און די
דאָזיקע רייד האָבן אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי פּוסטע מעשׂיות, און
זיי האָבן זיי ניט געגלויבט. 12 און פּעטרוס איז אויפגעשטאַנען, און איז
געלאָפן צום קֶבר; און אַז ער האָט זיך איינגעבויגן און אַריינגעקוקט,
האָט ער געזען די תַּכרִיכים אַליין; און ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים,
און האָט זיך געחידושט איבער דעם, וואָס עס איז געשען.
13 און זע, צוויי פון זיי זענען גראָד יענעם טאָג געגאַנגען צו אַ דאָרף
וואָס האָט געהייסן עַמָאוס, וואָס איז געווען זעכציק פעלד־אַקער פון
ירושָלַיִם. 14 און זיי האָבן געשמועסט איינער מיט דעם אַנדערן וועגן
דעם, וואָס האָט זיך געטראָפן. 15 און עס איז געווען, בשעת זיי האָבן
געשמועסט און זיך אוינאיינעם מפלפּל געווען, אַז יֵשוּעַ אַליין האָט
גענענט, און איז מיט זיי געגאַנגען. 16 אָבער זייערע אויגן זענען געווען
פאַרשטעלט, כּדי זיי זאָלן אים ניט דערקענען. 17 און ער האָט צו זיי
געזאָגט: וואָסערע גערעדערייען זענען דאָס, וואָס איר פירט איינער מיט
דעם אַנדערן בעת איר גייט? און זיי זענען שטיין געבליבן, און האָבן
אויסגעזען אומעטיק. 18 און איינער פון זיי, מיטן נאָמען קלעאָפּאַס,
האָט אים געענטפערט: ביסטו דער איינציקער, וואָס טוט זיך
אויפהאַלטן אין ירושָלַיִם, און ווייסט ניט די געשעענישן, וואָס זענען
דאָרטן געשען אין די דאָזיקע טעג? 19 און ער האָט צו זיי געזאָגט:
וואָסערע געשעענישן? האָבן זיי צו אים געזאָגט: פונוועגן יֵשוּעַ הַנוֹצרי,
וואָס איז געווען אַ נָביא, מעכטיק אין מַעשׂים און אין וואָרט, פאַר גאָט
און דעם גאַנצן פאָלק, 20 און וויאַזוי אונדזערע ראָשי־כֹּהנים און שָׂרים
האָבן אים איבערגעענטפערט פאַרמִשפּט צו ווערן צום טויט, און אים
געקרייציקט. 21 אָבער מיר האָבן געהאָפט, אַז ער איז דער, וואָס האָט
געזאָלט אויסלייזן יִשׂרָאֵל. און חוצדעם אַלעמען, איז היינט שוין דער
דריטער טאָג, פון זינט דאָס איז געשען.

[1] תהלים טז, 10.

22 דערצו נאָך האָבן עטלעכע פרויען פון אונדזער חֶברה אונדז איבערראַשט;
זיי זענען אין דער פרי געווען ביים קֶבר, 23 און ווען זיי האָבן ניט געפונען זיין
גוף, זענען זיי געקומען און האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן אויך געזען אַ זעאונג
פון מַלאָכים, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ער לעבט. 24 און עטלעכע פון די
אונדזעריקע זענען געגאַנגען צום קֶבר, און האָבן אים געפונען פונקט אַזוי ווי
די פרויען האָבן געזאָגט; אָבער אים האָבן זיי ניט געזען. 25 און ער האָט צו
זיי געזאָגט: אָ נאַרישע מענטשן, און שווערהאַרציקע צו גלויבן אין אַלץ,
וואָס די נביאים האָבן גערעדט! 26 צי האָט ניט דער מָשיחַ געדאַרפט ליידן די
דאָזיקע זאַכן, און אַרייַנקומען אין זיין הערלעכקייט? 27 און ער האָט
אָנגעהויבן פון משהן און אַלע נביאים, און האָט זיי פאַרטייַטשט אין אַלע
כּתבֵי־הַקודֶש די זאַכן וועגן אים גופא.
28 און זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דעם דאָרף, וואוהין זיי זענען געגאַנגען;
און ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט וועלן גיין ווייטער. 29 און זיי האָבן
אים געבעטן, אַזוי צו זאָגן: פאַרבלייַב מיט אונדז, וואָרים עס איז קעגן
אָוונט, און דער טאָג האָט זיך שוין גענייגט. און ער איז אַרייַנגעגאַנגען צו
פאַרבלייַבן מיט זיי. 30 און עס איז געווען, בעת ער איז מיט זיי געזעסן ביים
טיש, האָט ער גענומען מַצה און אַ בּרָכה געמאַכט, און ער האָט זי צעבראָכן
און זיי געגעבן. 31 און זייערע אויגן זענען געעפנט געוואָרן, און זיי האָבן
אים דערקענט; און ער איז פאַרשוואונדן פאַר זייערע אויגן. 32 און זיי האָבן
איינער צום אַנדערן געזאָגט: האָט אונדזער האַרץ ניט געברענט אין אונדז,
בשַעת ער האָט צו אונדז גערעדט אויפן וועג, און פאַר אונדז געעפנט די
כּתבֵי־הַקודֶש? 33 און זיי זענען אויפגעשטאַנען גלייך אין יענער שָעה, און
האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושָלַיִם; און האָבן געפונען די עלף פאַרזאַמלט
אינאיינעם, און די וואָס זענען מיט זיי געווען, 34 וואָס האָבן געזאָגט: דער
האַר איז באֶמת אויפגעשטאַנען, און האָט זיך באַוויזן צו שמעונען! 35 און
זיי האָבן איבערגעחזרט, וואָס סע האָט זיך געטראָפן אויפן וועג, און וויאַזוי
ער איז פון זיי דערקענט געוואָרן ביים צעברעכן די מַצה.
36 און בעת זיי האָבן גערעדט וועגן די דאָזיקע זאַכן, איז ער אַליין געשטאַנען
אין דער מיט צווישן זיי, און האָט צו זיי געזאָגט: שָלום־עַלֵיכֶם! 37 אָבער זיי
האָבן זיך דערשראָקן און מורא געהאַט, און געמיינט, אַז זיי זעען אַ גייסט.
38 און ער האָט צו זיי געזאָגט: וואָס זענט איר דערשראָקן, און פאַרוואָס
דערוועקן זיך מַחשָבות אין אייער האַרצן? 39 זעט מיינע הענט און מיינע
פיס, אַז דאָס בין איך אַליין; רירט מיך אָן און זעט; וואָרים אַ גייסט האָט ניט
קיין פלייש און ביינער, ווי איר זעט, איך האָב. 40 און בעת ער האָט דאָס
געזאָגט, האָט ער זיי געוויזן זיינע הענט און זיינע פיס. 41 און בשַעת זיי האָבן
נאָך אַלץ ניט געגלויבט פאַר שִמחה, און האָבן זיך געחִידושט, האָט ער צו זיי
געזאָגט: האָט

איר דאָ עפּעס צו עסן? 42 און זיי האָבן אים געגעבן אַ שטיקל
געבראָטן פֿיש. 43 און ער האָט עס גענומען, און האָט עס געגעסן פֿאַר
זייערע אויגן. 44 און ער האָט צו זיי געזאָגט: דאָס זענען מיינע רייד,
וואָס איך האָב צו אייך גערעדט, בשעת איך בין נאָך געווען מיט אייך,
אַז אַלץ מוז מקוים ווערן, וואָס סע שטייט געשריבן וועגן מיט אין
תּוֹרת־משה, און די נביאים, און תּהלים. 45 דערנאָך האָט ער געעפֿנט
זייער פֿאַרשטאַנד, כּדי זיי זאָלן פֿאַרשטיין די כּתבֿי־הקודש, 46 און ער
האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי שטייט געשריבן, אַז דער משיח זאָל ליידן,
און דעם דריטן טאָג ווידער אויפֿשטיין תּחית־המתים; 47 און אַז
תּשובֿה און סליחת־עוונות זאָלן געדרשנט ווערן אין זיין נאָמען צו אַלע
אומות, אָנהייבנדיק פֿון ירושלים. 48 איר זענט עדות פֿון די דאָזיקע
זאַכן. 49 און אָט שיק איך אַרויס אויף אייך די הבֿטחה פֿון מיין
פֿאָטער; און איר זאָלט פֿאַרבלייבן אין דער שטאָט, ביז איר וועט
באַקליידט ווערן מיט מאַכט פֿון אויבן.
50 און ער האָט זיי אַרויסגעפֿירט ביז אַנטקעגנאיבער בית־היני, און ער
האָט אויפֿגעהויבן זיינע הענט, און האָט זיי געבענטשט. 51 און עס איז
געווען, בשעת ער האָט זיי געבענטשט, האָט ער זיך אָפּגעשיידט פֿון
זיי, און איז אַרויפֿגענומען געוואָרן אין הימל אַריין. 52 און זיי האָבן
זיך געבוקט צו אים, און גאָבן זיך אומגעקערט קיין ירושלים מיט
גרויס שׂמחה, 53 און זיי זענען שטענדיק געווען אין דעם בית־המקדש,
און האָבן געלויבט גאָט.

די בשׂורה טובה לויט

יוֹחָנָן

א אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט, און דאָס וואָרט איז געווען בײַ
גאָט, און דאָס וואָרט איז געווען גאָט. 2 דאָס דאָזיקע איז געווען אין
אָנהייב בײַ גאָט. 3 אַלצדינג איז דורך אים געוואָרן, און אָן אים איז
גאָרניט געוואָרן, וואָס ס'איז געוואָרן. 4 אין אים איז געווען לעבן, און
דאָס לעבן איז געווען דאָס ליכט פון די מענטשן. 5 און דאָס ליכט
שײַנט אין דער פינצטערניש; און די פינצטערניש האָט עס ניט גובר
געווען.

6 עס איז געווען אַ מענטש, געשיקט פון גאָט, וואָס האָט געהייסן
יוֹחָנָן. 7 דער דאָזיקער איז געקומען פאַר אַן עֵדות, אַז ער זאָל עֵדות־
זאָגן פונוועגן דעם ליכט, כּדי אַלע זאָלן דורך אים גלויבן. 8 ער איז ניט
געווען דאָס ליכט, נייערט איז געקומען, אַז ער זאָל עֵדות־זאָגן
פונוועגן דעם ליכט. 9 דאָס אֶמֶתע ליכט, וואָס באַלײַכט איטלעכן
מענטשן, איז געקומען אין דער וועלט אַרײַן.

10 ער איז געווען אין דער וועלט, און די וועלט איז דורך אים געוואָרן,
אָבער די וועלט האָט אים ניט געקענט. 11 ער איז געקומען צו דעם
זײַניקן, און זײַנע אייגענע האָבן אים ניט אויפגענומען. 12 אָבער וויפל
סע האָבן אים יאָ אויפגענומען, זיי האָט ער געגעבן מאַכט צו ווערן
קינדער פון גאָט, טאַקע די, וואָס האָבן געגלויבט אין זײַן נאָמען;
13 וואָס זענען געבוירן געוואָרן ניט פון בלוט, אויך ניט פון דעם ווילן
פון פלייש, אויך ניט פון דעם ווילן פון אַ מאַן, נייערט פון גאָט.

14 און דאָס וואָרט איז געוואָרן פלייש, און האָט געוואוינט צווישן
אונדז, און מיר האָבן געזען זײַן כָּבוד, אַ כָּבוד פון אַ בֶּן־יָחיד בײַ זײַן
פאָטער, פול מיט חֶסֶד און אֶמת. 15 יוֹחָנָן האָט פונוועגן אים עֵדות
געזאָגט, און גערופן: דאָס איז געווען דער, פון וועמען איך האָב
געזאָגט: דער, וואָס קומט נאָך מיר,

איז געווען פֿאַר מיר; וואָרים ער איז געווען פֿריער פֿון מיר. 16 און פֿון
זיין פֿולקייט האָבן מיר אַלע מקַבל געווען, חֶסֶד אויף חֶסֶד.
17 וואָרים די תּוֹרה איז געגעבן געוואָרן דורך מֹשהן; חֶסֶד און אֱמת
זענען געקומען דורך יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 18 קיינער האָט קיינמאָל ניט געזען
גאָט; דער בֶּן־יָחיד, וואָס איז אין דעם שויס פֿון דעם פֿאָטער, ער האָט
אים באַקאַנט געמאַכט.
19 און דאָס איז דאָס עֵדות פֿון יוֹחָנָן, בעת די יִידן האָבן צו אים
געשיקט כֹּהֲנים און לְוִיִם פֿון ירוּשָלַיִם, אים צו פֿרעגן: ווער ביסטו?
20 און ער האָט מוֹדה געווען, און האָט ניט פֿאַרלייקנט, נאָר האָט מוֹדה
געווען: איך בין ניט דער מָשִיחַ. 21 און זיי האָבן אים געפֿרעגט: וואָס
דען? ביסטו אֵלִיָהוּ? האָט ער געזאָגט: איך בין עס ניט. ביסטו דער
נאָביא? און ער האָט געענטפֿערט: ניין. 22 דעמאָלט האָבן זיי צו אים
געזאָגט: ווער־זשע ביסטו? כּדי מיר זאָלן קענען געבן אַן ענטפֿער צו
די, וואָס האָבן אונדז געשיקט. וואָס זאָגסטו פֿון דיר אַליין? 23 האָט
ער געזאָגט: איך בין אַ קוֹל פֿון איינעם, וואָס רופֿט אין דער מִדבּר:
מאַכט גלייַך דעם וועג פֿון גאָט,[1] אַזוי ווי יְשַעְיָה הַנָביא האָט געזאָגט.
24 און די שליחים זענען געווען פֿון די פּרושים, 25 און זיי האָבן אים
געפֿרעגט: טאָ פֿאַרוואָס טוֹבלסטו, אויב דו ביסט ניט דער מָשִיחַ, און
ניט אֵלִיָהוּ, און ניט דער נָביא? 26 האָט יוֹחָנָן זיי געענטפֿערט: איך
טוֹבל מיט וואַסער; אין דער מיט פֿון אייך שטייט אָבער איינער,
וועמען איר קענט ניט, 27 טאַקע דער, וואָס קומט נאָך מיר, און
וועמעס רימענדל פֿון זיין שוּך איך בין ניט רָאוּי אויפֿצובינדן. 28 דאָס
דאָזיקע איז געשען אין בֵּית־עַנְיָה, אין עֵבר־הַיַרדן, וואו יוֹחָנָן
האָט געטוֹבלט.
29 אויף מאָרגן האָט ער געזען יֵשוּעַן קומען צו אים, און ער האָט
געזאָגט: זע, דאָס לאַם פֿון גאָט,[2] וואָס נעמט אַוועק די זינד פֿון דער
וועלט! 30 דאָס איז דער, פֿון וועמען איך האָב געזאָגט: נאָך מיר קומט
איינער, וואָס איז געווען פֿאַר מיר, וואָרים ער איז געווען פֿריער פֿון
מיר. 31 און איך האָב אים ניט געקענט; אָבער כּדי ער זאָל נִתגַלה ווערן
צו יִשׂרָאל, דערפֿאַר בין איך געקומען טוֹבלען מיט וואַסער. 32 און
יוֹחָנָן האָט עֵדות געזאָגט: איך האָב געזען דעם גייסט אַראָפּנידערן ווי
אַ טויב פֿון הימל, און ער האָט גערוּט אויף אים. 33 און איך האָב אים
ניט געקענט; אָבער דער, וואָס האָט מיך געשיקט צו טוֹבלען מיט
וואַסער, האָט צו מיר געזאָגט: אויף וועמען דו וועסט זען אַראָפּנידערן
דעם גייסט,

[1] ישעיה מ, 3. [2] ישעיה נג, 7.

אוּן רוּען אויף אים, דער דאָזיקער איז עס, וואָס טוּט טוֹבלען מיט דעם
רוּחַ־הַקוֹדֶש. 34 אוּן איך האָבּ געזען, אוּן האָבּ עֵדוּת געזאָגט, אַז דער
דאָזיקער איז דער בֶּן־אֱלֹהִים.

35 אויף מאָרגן איז יוֹחָנָן ווידער געשטאַנען מיט צוויי פוּן זיינע
תַּלמידים; 36 אוּן אַז ער האָט געזען יֵשוּעַן פאַרבּייגיין, האָט ער
געזאגט: זע, דאָס לאַם פוּן גאָט! 37 אוּן די צוויי תַּלמידים האָבּן אים
געהערט רעדן, אוּן זיי זענען נאָכגעגאַנגען יֵשוּעַן. 38 אוּן יֵשוּעַ האָט
זיך אוּיסגעדרייט, אוּן האָט זיי געזען נאָכגיין, אוּן צוּ זיי געזאָגט: וואָס
זוּכט איר? האָבּן זיי צוּ אים געזאָגט: רֶבִּי – וואָס מיינט צוּ זאָגן,
לערער – וואוּ וואוינסטוּ? 39 זאָגט ער צוּ זיי: קוּמט, אוּן איר וועט
זען. זענען זיי געגאַנגען אוּן האָבּן געזען, וואוּ ער איז איינגעשטאַנען.
אוּן זיי זענען געבּליבּן מיט אים יענעם טאָג, ווארים עס איז געווען
אַרוּם דער צענטער שָעה. 40 איינער פוּן די צוויי, וואָס האָט געהערט
יוֹחָנָן רעדן, אוּן איז אים נאָכגעגאַנגען, איז געווען אַנדריי, דער
בּרוּדער פוּן שִמעוֹן פּעטרוּס. 41 ער האָט צוּערשט געפוּנען זיין
אייגענעם בּרוּדער שִמעוֹן, אוּן האָט צוּ אים געזאָגט: מיר האָבּן
געפוּנען דעם מָשִיחַ, וואָס איז טייַטש: געזאַלבּטער. 42 אוּן ער האָט
אים געבּראַכט צוּ יֵשוּעַן. אוּן יֵשוּעַ האָט אים אָנגעקוּקט, אוּן געזאָגט:
דוּ בּיסט שִמעוֹן בֶּן־יוֹנה; דוּ זאָלסט גערוּפן ווערן כֵּיפָא, וואָס איז
טייַטש: פעלזנשטיין.

43 אויף מאָרגן האָט יֵשוּעַ בּדֵעה געהאַט צוּ גיין קיין גָליל, אוּן ער האָט
געפוּנען פיליפּוּסן, אוּן צוּ אים געזאָגט: גיי מיר נאָך. 44 אוּן פיליפּוּס
איז געווען פוּן בֵּית־צַידָה, פוּן דער שטאָט פוּן אַנדרייַען אוּן פּעטרוּסן.
45 אוּן פיליפּוּס טרעפט אָן נתַנאֵלן, אוּן זאָגט צוּ אים: מיר האָבּן
געפוּנען דעם, פוּן וועמען מֹשה האָט געשריבּן אין דער תּוֹרה, אוּן די
נבִיאים, יֵשוּעַ בֶּן־יוֹסף, פוּן נצֶרת. 46 אוּן נתַנאֵל האָט צוּ אים געזאָגט:
צי קען עפּעס גוּטס אַרויסקוּמען פוּן נצֶרת? זאָגט צוּ אים פיליפּוּס:
קוּם אוּן זע. 47 אוּן אַז יֵשוּעַ האָט געזען נתַנאֵלן קוּמען צוּ אים, האָט
ער וועגן אים געזאָגט: אָט איז אַן אֱמֶתער בֶּן־יִשׂרָאל, אין וועמען
ס'איז ניטאָ קיין פאַלשקייט. 48 זאָגט צוּ אים נתַנאֵל: פוּנוואַנען קענסטוּ
מיך? אוּן יֵשוּעַ האָט געענטפערט, אוּן צוּ אים געזאָגט: איידער
פיליפּוּס האָט דיך גערוּפן, בּעת דוּ בּיסט נאָך געווען אוּנטער דעם
פייַגנבּוים, האָבּ איך דיך געזען. 49 האָט נתַנאֵל אים געענטפערט: רֶבִּי,
דוּ בּיסט דער בֶּן־אֱלֹהִים; דוּ בּיסט דער מֶלך פוּן יִשׂרָאל! 50 אוּן יֵשוּעַ
האָט געענטפערט, אוּן צוּ אים געזאָגט: דוּ גלויבּסט, ווייל איך האָבּ
דיר געזאָגט,

איך האָבּ דיך געזען אונטער דעם פייַגנבּוים? זען וועסטו זען גרעסערע
זאַכן איידער די דאָזיקע. 51 און ער האָט צו אים געזאָגט: באמת,
באמת, איך זאָג אייך, איר וועט זען דעם הימל אָפן, און די מַלאָכים
פון גאָט אַרויפגיין און אַראָפּנידערן אויף דעם בֶּן־אָדָם.
ב און דעם דריטן טאָג איז געווען אַ חַתונה אין קָנָה פון גָלִיל, און
יֵשוּעַס מוטער איז דאָרט געווען; 2 און אויך יֵשוּעַ איז געווען פאַרבּעטן
צו דער חַתונה, מיט זיינע תַּלמידים. 3 און בּעת דער ווײַן האָט זיך
אויסגעלאָזט, האָט יֵשוּעַס מוטער צו אים געזאָגט: זיי האָבּן ניט קיין
ווײַן. 4 און יֵשוּעַ האָט צו איר געזאָגט: אִשה, וואָס האָבּ איך מיט דיר
צו טאָן? מײַן שָעה איז נאָך ניט געקומען. 5 זאָגט זײַן מוטער צו די
בּאַדינער: וואָס נאָר ער וועט אייך זאָגן, דאָס טוט. 6 און דאָרטן זענען
געשטאַנען זעקס שטיינערנע וואַסער־קרוגן, לויט דעם ייִדישן מִנהג פון
רייניקן, און וואָס יעדער איינער האָט געהאַלטן צוויי אָדער דריי
עמער. 7 און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: פילט אָן די וואַסער־קרוגן מיט
וואַסער. און זיי האָבּן זיי אָנגעפילט בּיזן ראַנד. 8 און ער האָט צו זיי
געזאָגט: איצט שעפּט אָן, און טראָגט עס צו דעם בעל־שִׂמחה. און זיי
האָבּן עס צוגעטראָגן. 9 און אַז דער בעל־שִׂמחה האָט פאַרזוכט דאָס
וואַסער, וואָס איז געוואָרן ווײַן, און ניט געוואוּסט פונוואַנען עס איז
געקומען – די בּאַדינער אָבּער האָבּן געוואוּסט, מַחמת זיי האָבּן
אָנגעשעפּט דאָס וואַסער – האָט דער בעל־שִׂמחה גערופן דעם חָתן,
10 און צו אים געזאָגט: יעדער איינער שטעלט קודם דעם גוטן ווײַן,
און בּעת מע האָט זיך גוט אָנגעטרונקען, ערשט דעמאָלט דעם ערגערן;
דו אָבּער האָסט דעם גוטן ווײַן געהאַלטן בּיז אַצינד. 11 דעם דאָזיקן
אָנהייבּ פון זיינע נִסים האָט יֵשוּעַ געטאָן אין קָנָה פון גָלִיל, און האָט
אַנטפּלעקט זײַן כָּבוד; און זיינע תַּלמידים האָבּן געגלויבּט אין אים.
12 נאָך דעם האָט ער אַראָפּגענידערט קיין כְּפַר־נַחום, מיט זײַן מוטער,
און זיינע בּרידער, און זיינע תַּלמידים; און זיי זענען דאָרטן פאַרבּליבּן
עטלעכע טעג.
13 און דער ייִדישער יום־טוב פֵּסח האָט גענעענט, און יֵשוּעַ איז עולה־
רֶגל געווען קיין ירושָלַיִם. 14 און אין דעם בֵּית־הַמִקדש האָט ער
געפונען יענע, וואָס האָבּן פאַרקויפט אָקסן און שאָף און טויבּן, און די
חַלפָנים זיצן. 15 און ער האָט געמאַכט אַ קאַנטשיק פון שטריק, און
האָט אַלעמען אַרויסגעטריבּן פון דעם בֵּית־הַמִקדש, צוזאַמען מיט די
שאָף און די אָקסן; און ער האָט אויסגעשיט דאָס געלט פון די
חַלפָנים, און איבּערגעקערט

זייערע טישן. 16 און צו די, וואָס האָבן פאַרקויפט טויבן, האָט ער
געזאָגט: נעמט דאָס צו פון דאַנען; מאַכט ניט מיין פאָטערס הויז אַ
הויז פון מִסחר. 17 זיינע תַּלמידים האָבן זיך דערמאָנט, אַז סע שטייט
געשריבן: די קִנאה פון דיין הויז האָט מיך פאַרצערט.[1] 18 און די יִידן
האָבן אים געענטפערט, און געזאָגט: וואָסער צייכן טוסטו אונדז
ווייזן, אַז דו טוסט די דאָזיקע זאַכן? 19 האָט יֵשוּעַ געענטפערט, און צו
זיי געזאָגט: צעשטערט דעם דאָזיקן הֵיכל, און אין דריי טעג וועל איך
אים אויפשטעלן. 20 די יִידן האָבן דעריבער געזאָגט: זעקס־און־פערציק
יאָר איז דער דאָזיקער הֵיכל געבויט געוואָרן, און דו וועסט אים
אויפשטעלן אין דריי טעג? 21 ער אָבער האָט גערעדט פון דעם הֵיכל
פון זיין גוף. 22 בכֵן, ווען ער איז אויפגעשטאַנען תּחִיַת־הַמֵתים, האָבן
זיך זיינע תַּלמידים דערמאָנט, אַז ער האָט דאָס דאָזיקע געזאָגט, און
זיי האָבן געגלויבט די כּתבֵי־הַקוֹדֶש, און אין די רייד, וואָס יֵשוּעַ
האָט גערעדט.
23 און בעת ער איז געווען אין ירושָלַיִם איבער דעם יוֹם־טוֹב פֵּסח,
האָבן אַ סַך געגלויבט אין זיין נאָמען, זעענדיק זיינע נִסים, וואָס ער
האָט געטאָן. 24 אָבער יֵשוּעַ האָט זיך ניט אָנפאַרטרויט אין זיי, וואָרים
ער האָט געקענט אַלע מענטשן, 25 און מַחמת ער האָט זיך ניט
גענייטיקט, אַז עמיצער זאָל עֵדות זאָגן פונוועגן דעם מענטשן; וואָרים
ער אַליין האָט געוואוסט, וואָס ס׳איז געווען אין דעם מענטשן.
ג און עס איז געווען אַ מענטש פון די פּרושים, וואָס האָט געהייסן
נַקדִימוֹן, אַ שַׂר פון די יִידן. 2 דער דאָזיקער איז צו אים געקומען
ביינאָכט, און האָט צו אים געזאָגט: רֶבּי, מיר ווייסן, אַז דו ביסט אַ
לערער, וואָס איז געקומען פון גאָט: וואָרים קיינער קאָן ניט טאָן די
דאָזיקע נִסים, וואָס דו טוסט, סיידן גאָט איז מיט אים. 3 האָט יֵשוּעַ
געענטפערט, און צו אים געזאָגט: באמת, באמת, איך זאָג דיר, סיידן
איינער ווערט געבוירן אויפסניי, קאָן ער ניט זען דאָס מַלכות פון גאָט.
4 זאָגט צו אים נַקדִימוֹן: וויאַזוי קאָן אַ מענטש געבוירן ווערן, ווען ער
איז אַ זָקן? קאָן ער אַריינקומען אַ צווייט מאָל אין זיין מוטערס
טראַכט, און געבוירן ווערן? 5 האָט יֵשוּעַ געענטפערט: באמת, באמת,
איך זאָג דיר, סיידן איינער ווערט געבוירן פון וואַסער און דעם גייסט,
קאָן ער ניט אַריינקומען אין דעם מַלכות פון גאָט. 6 דאָס, וואָס איז
געבוירן פון דעם פלייש, איז פלייש; און דאָס, וואָס איז געבוירן פון
דעם גייסט, איז גייסט. 7 חִידוש דיך ניט, וואָס איך האָב דיר געזאָגט:
איר מוזט געבוירן ווערן אויפסניי. 8 דער ווינט בלאָזט וואו ער וויל,
און דו הערסט זיין קוֹל, אָבער דו ווייסט ניט

[1] תהלים סט, 10.

פֿוּנוואַנען ער קוּמט, אוּן וואוּהין ער גייט; אַזוי איז יעדער איינער, וואָס
איז געבוירן פֿוּן דעם גייסט. 9 האָט נַקדִימוֹן צוּ אים געזאָגט: וויאַזוי
קאָן דאָס זיין? 10 אוּן יֵשוּעַ האָט געענטפֿערט, אוּן צוּ אים געזאָגט: דוּ
ביסט אַ לערער פֿוּן יִשׂרָאל, אוּן דאָס פֿאַרשטייסטוּ ניט? 11 באמת,
באמת, איך זאָג דיר: מיר רעדן דאָס, וואָס מיר וויסן, אוּן זאָגן עֵדות
פֿוּנוועגן דעם, וואָס מיר האָבן געזען; אוּן איר נעמט ניט אָן אוּנדזער
עֵדות. 12 אויב איך האָב צוּ אייך גערעדט פֿוּנוועגן ערדישע זאַכן, אוּן
איר גלויבט ניט, וויאַזוי וועט איר גלויבן, אויב איך זאָל צוּ אייך רעדן
פֿוּנוועגן הימלישע זאַכן? 13 אוּן קיינער איז ניט אַרויפֿגעגאַנגען אין
הימל אַריין, נייערט דער, וואָס האָט אַראָפּגענידערט פֿוּן הימל, דער
בֶּן־אָדָם, וואָס איז אין הימל. 14 אוּן אַזוי ווי מֹשה האָט אויפֿגעהויבן
די שלאַנג אין דער מִדבר,[1] פּוּנקט אַזוי מוּז דער בֶּן־אָדָם אויפֿגעהויבן
ווערן, 15 כּדי יעדער איינער, וואָס גלויבט אין אים, זאָל האָבן אייביק
לעבן.
16 וואָרים גאָט האָט אַזוי ליב געהאַט די וועלט, אַז ער האָט געגעבן זיין
בֶּן־יָחִיד, כּדי יעדער איינער, וואָס גלויבט אין אים, זאָל ניט פֿאַרלוירן
ווערן, נייערט האָבן אייביק לעבן. 17 וואָרים גאָט האָט ניט געשיקט דעם
זוּן אין דער וועלט אַריין צוּ מִשפּטן די וועלט, נייערט אַז די וועלט זאָל
געראַטעוועט ווערן דוּרך אים. 18 דער, וואָס גלויבט אין אים, ווערט ניט
געמִשפּט; דער, וואָס גלויבט ניט, איז שוין געמִשפּט געוואָרן, מַחמת
ער האָט ניט געגלויבט אין דעם נאָמען פֿוּן דעם בֶּן־יָחִיד פֿוּן גאָט. 19 אוּן
דאָס איז דער מִשפּט, וואָס דאָס ליכט איז געקוּמען אין דער וועלט
אַריין, אוּן מענטשן האָבן ליב געהאַט די פֿינצטערניש ליבערשט ווי דאָס
ליכט; וואָרים זייערע מַעשׂים זענען געווען שלעכט. 20 וואָרים יעדער
איינער, וואָס טוּט שלעכטס, האָט פֿיינט דאָס ליכט, אוּן קוּמט ניט צוּ
דעם ליכט, כּדי זיינע מַעשׂים זאָלן ניט אויסגעפֿוּנען ווערן. 21 נייערט
דער, וואָס טוּט דעם אֶמת, קוּמט צוּ דעם ליכט, כּדי זיינע מַעשׂים זאָלן
אַנטפּליקט ווערן, אַז זיי זענען געטאָן געוואָרן אין גאָט.
22 נאָך דעם איז יֵשוּעַ געקוּמען מיט זיינע תַּלמידים אין דעם לאַנד
יהוּדה; אוּן ער איז דאָרט פֿאַרבליבן מיט זיי, אוּן האָט געטוֹבלט. 23 אוּן
אויך יוֹחָנָן האָט געטוּבלט געווען אין עֵינוֹן, נאָענט פֿוּן שָלֵם, מַחמת עס
איז דאָרטן געווען אַ סַך וואַסער; אוּן זיי זענען געקוּמען אוּן האָבן זיך
געלאָזט טוֹבלען. 24 וואָרים יוֹחָנָן איז נאָך ניט געווען אַריינגעוואָרפֿן אין
דער תּפִיסה.
25 אוּן עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ מַחלוקה צווישן די תַּלמידים פֿוּן
יוֹחָנָן אוּן אַ ייִדן וועגן ריייניקוּנג. 26 אוּן זיי זענען געקוּמען

[1] במדבר כא, 9.

צו יוחָנָן, און האָבן צו אים געזאָגט: רֶבּי, דער, וואָס איז בײַ דיר געווען
אין עֵבר־הַיַרדן, און אויף וועמען דו האָסט עֵדות געזאָגט, זע, דער
דאָזיקער טובלט, און אַלע קומען צו אים. 27 האָט יוחָנָן געענטפערט,
און געזאָגט: אַ מענטש קאָן זיך גאָרניט נעמען, סײַדן עס איז אים
געגעבן געוואָרן פון הימל. 28 איר אַליין זענט מײַנע עֵדות, אַז איך האָב
געזאָגט: איך בין ניט דער מָשִׁיחַ, נייערט אַז איך בין געשיקט געוואָרן
פאָרויס פאַר אים. 29 דער, וואָס האָט די כַּלה, איז דער חָתן; און דער
פרײַנט פון דעם חָתן, וואָס שטייט און הערט זיך צו צו אים, איז זיך
שטאַרק משַׂמֵחַ איבער דעם חָתָנס קול; די דאָזיקע שִׂמחה מײַנע איז
איצט פול. 30 ער מוז וואַקסן, איך אָבער מוז ווערן קלענער.
31 דער, וואָס קומט פון אויבן, איז איבער אַלעמען; דער, וואָס איז פון
דער ערד, איז פון דער ערד, און פון דער ערד טוט ער רעדן; דער, וואָס
קומט פון הימל, איז איבער אַלעמען. 32 וואָס ער האָט געזען און
געהערט, וועגן דעם זאָגט ער עֵדות, און קיינער נעמט ניט אָן זײַן עֵדות;
33 דער, וואָס האָט אָנגענומען זײַן עֵדות, האָט צוגעלייגט זײַן חַתִימה,
אַז גאָט איז אֶמת. 34 וואָרים דער, וועמען גאָט האָט געשיקט, טוט רעדן
די רייד פון גאָט; וואָרים ער גיט ניט דעם גייסט מיט אַ מאָס. 35 דער
פאָטער האָט ליב דעם זון, און האָט אַלצדינג געגעבן אין זײַן האַנט
אַרײַן. 36 דער, וואָס גלויבט אין דעם זון, האָט אייביק לעבן; דער אָבער,
וואָס געהאָרכט ניט דעם זון, וועט ניט זען קיין לעבן, נייערט דער צאָרן
פון גאָט טוט רוען אויף אים.
ד און בעת דער האַר האָט זיך דערוואוּסט, אַז די פּרושים האָבן
געהערט, אַז יֵשוּעַ מאַכט און טובלט מער תַּלמידים ווי יוחָנָן – 2 חַגם
יֵשוּעַ אַליין האָט ניט געטובלט, נייערט זײַנע תַּלמידים – 3 האָט ער
פאַרלאָזט יהודה, און איז ווידער אַוועקגעגאַנגען קיין גָליל. 4 און ער
האָט געמוזט דורכגיין דורך שומרון. 5 און ער איז געקומען אין אַ
שטאָט פון שומרון, וואָס האָט געהייסן סוכַר, נאָענט צו דעם שטיק
פעלד, וואָס יַעקֹב האָט געגעבן צו זײַן זון יוסף. 6 און יַעקֹבס ברונעם
איז דאָרט געווען. און אַזוי ווי יֵשוּעַ איז געווען מיד פון וועג, האָט ער
זיך אַנידערגעזעצט בײַ דעם ברונעם; עס איז געווען אַרום דער
זעקסטער שָׁעה.
7 און געקומען איז אַ פרוי פון שומרון צו שעפּן וואַסער. זאָגט יֵשוּעַ צו
איר: גיב מיר צו טרינקען. 8 וואָרים זײַנע תַּלמידים זענען אַוועקגעגאַנגען
אין דער שטאָט אַרײַן צו קויפן שפּייז. 9 און די שומרונישע פרוי האָט צו
אים געזאָגט: ווי קומט עס, וואָס דו, וואָס ביסט אַ ייִד, בעטסט צו
טרינקען בײַ מיר, אַ שומרונית? וואָרים ייִדן האָבן ניט געהאַט קיין מַגע־
ומַשׂא מיט שומרונים. 10 האָט יֵשוּעַ איר געענטפערט: אויב

דוּ וואָלטסט געוואוּסט די מַתָּנה פוּן גאָט, און ווער דאָס איז, וואָס
זאָגט צוּ דיר: גיבֿ מיר צוּ טרינקען, וואָלטסטוּ געווען געבעטן בּיי אים,
און ער וואָלט דיר געווען געגעבֿן לעבעדיק וואַסער. 11 זאָגט צוּ אים די
פרוי: האַר, דוּ האָסט ניט מיט וואָס אַנצוּשעפּן, און דער בּרוּנעם איז
טיף; פוּנוואַנען האָסטוּ דאָס לעבעדיקע וואַסער? 12 צי בּיסטוּ גרעסער
פוּן יַעקֹבֿ אָבֿינוּ, וואָס האָט אוּנדז געגעבֿן דעם בּרוּנעם, און האָט פוּן
אים אַליין געטרוּנקען, און זיינע זין, און זיינע בּהֵמות? 13 האָט יֵשוּעַ
געענטפערט, און צוּ איר געזאָגט: יעדער איינער, וואָס טרינקט פוּן
דעם דאָזיקן וואַסער, וועט ווידער זיין דאָרשטיק. 14 אָבֿער דער, וואָס
טוּט טרינקען פוּן דעם וואַסער, וואָס איך וועל אים געבֿן, וועט
קיינמאָל מער ניט דאָרשטיק זיין; נייערט דאָס וואַסער, וואָס איך וועל
אים געבֿן, וועט ווערן אין אים אַ וואַסער־קוואַל, וואָס קוואַלט אַרויף
צוּם אייבּיקן לעבֿן. 15 זאָגט צוּ אים די פרוי: האַר, גיבֿ מיר דאָס
דאָזיקע וואַסער, כּדי איך זאָל ניט דאָרשטן, און ניט דאַרפן קוּמען
אַהער צוּ שעפּן. 16 זאָגט יֵשוּעַ צוּ איר: גיי, רוּף דיין מאַן, און קוּם
אַהער. 17 האָט די פרוי געענטפערט, און געזאָגט: איך האָבֿ ניט קיין
מאַן. זאָגט יֵשוּעַ צוּ איר: דוּ האָסט ריכטיק געזאָגט: איך האָבֿ ניט קיין
מאַן; 18 וואָרים דוּ האָסט געהאַט פינף מענער; און דער, וועמען דוּ
האָסט איצט, איז ניט דיין מאַן; דאָס האָסטוּ אֱמת געזאָגט. 19 זאָגט צוּ
אים די פרוי: האַר, איך זע, אַז דוּ בּיסט אַ נָבֿיא. 20 אוּנדזערע אָבֿות
האָבֿן תּפֿילה געטאָן אויף דעם דאָזיקן בּאַרג; און איר זאָגט, אַז אין
ירוּשָלַיִם איז דער מָקום, וואוּ מע דאַרף תּפֿילה טאָן. 21 זאָגט יֵשוּעַ צוּ
איר: אִשה, גלויבֿ מיר, סע קוּמט די שָעה, וואָס ניט אויף דעם דאָזיקן
בּאַרג, אויך ניט אין ירוּשָלַיִם וועט איר תּפֿילה טאָן צוּם פאָטער. 22 איר
טוּט תּפֿילה צוּ דעם, וועמען איר קענט ניט; מיר טוּען תּפֿילה צוּ דעם,
וועמען מיר קענען; וואָרים די ישוּעה איז פוּן די יִידן. 23 אָבֿער סע
קוּמט די שָעה, און אָט איז זי, ווען די אֱמֶתע מִתפּלְלים וועלן מִתפּלל
זיין צוּם פאָטער אין גייסט און אֱמת; וואָרים אַזוינע טוּט דער פאָטער
בּאַגערן זאָלן זיין זיינע מִתפּלְלים. 24 גאָט איז גייסט; און די, וואָס
טוּען תּפֿילה צוּ אים, מוּזן תּפֿילה טאָן אין גייסט און אֱמת. 25 זאָגט די
פרוי צוּ אים: איך ווייס, אַז מָשיחַ (וואָס הייסט געזאַלבֿטער) וועט
קוּמען; ווען ער וועט קוּמען, וועט ער אוּנדז בּאַשייֵדן אַלצדינג.
26 זאָגט יֵשוּעַ צוּ איר: איך, וואָס רעד מיט דיר, בּין עס טאַקע.
27 אינצווישן זענען אָנגעקוּמען זיינע תּלמידים; און זיי האָבֿן זיך
געחִידוּשט, וואָס ער רעדט מיט אַ נקֵיבה. דאָך האָט קיינער ניט
געזאָגט: וואָס ווילסטוּ? אָדער: פאַרוואָס רעדסטוּ

מיט איר? 28 און די פרוי האָט איבערגעלאָזט דעם וואַסער־קרוג, און
איז אַוועק אין שטאָט אַריין, און געזאָגט צו די מענטשן: 29 קומט, זעט
אַ מענטשן, וואָס האָט מיר געזאָגט אַלצדינג, וואָס איך האָב געטאָן;
זאָל דאָס זיין דער מָשִׁיחַ? 30 זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָט,
און זענען געקומען צו אים. 31 בשַׁעת־מַעשׂה האָבן אים די תַּלמידים
געבעטן, אַזוי צו זאָגן: רֶבּי, עס. 32 אָבער ער האָט צו זיי געזאגט: איך
האָב אַ שפּייז צו עסן, פון וואָס איר ווייסט ניט. 33 די תַּלמידים האָבן
דעריבער געזאָגט איינער צום אַנדערן: צי האָט אים עמיצער געבראַכט
עפּעס צו עסן? 34 זאָגט יֵשוּעַ צו זיי: מיין שפּייז איז צו טאָן דעם רָצון
פון אים, וואָס האָט מיך געשיקט, און צו פֿאַרענדיקן זיין ווערק.
35 זאָגט איר ניט: עס זענען נאָך פיר חֳדָשים, און דערנאָך קומט דער
שניט? איך זאָג אייך, הייבט אויף אייערע אויגן, און קוקט אויף די
פעלדער, וואָס זענען שוין ווייס צום שניט. 36 דער, וואָס שניידט, איז
מקַבּל שׂכַר, און זאַמלט איין פֵּירות צום אייביקן לעבן, כּדי דער, וואָס
זייט, און דער, וואָס שניידט, זאָלן זיך אינאיינעם משַׂמֵחַ זיין.
37 וואָרים דאָ פּאַסט זיך דאָס מָשל: איינער זייט, און אַן אַנדערער
שניידט. 38 איך האָב אייך געשיקט צו שניידן דאָס, אויף וואָס איר
האָט זיך ניט געמיט; אַנדערע האָבן זיך געמיט, און איר זענט אין
זייער מי אַריינגעקומען.
39 און פון יענער שטאָט האָבן אַ סך פון די שומרונים געגלויבט אין
אים, צוליב דעם וואָרט פון דער פרוי, וואָס האָט עֵדות געזאָגט: ער
האָט מיר געזאָגט אַלצדינג, וואָס איך האָב געטאָן. 40 און אַז די
שומרונים זענען צו אים געקומען, האָבן זיי אים געבעטן צו פֿאַרבלייבן
מיט זיי; און ער איז דאָרט פֿאַרבליבן צוויי טעג. 41 און נאָך אַ סך
האָבן געגלויבט צוליב זיין וואָרט; 42 און זיי האָבן געזאָגט צו דער
פרוי: איצט גלויבן מיר, ניט צוליב דיינע רייד, וואָרים מיר אַליין האָבן
געהערט, און ווייסן, אַז דאָס איז באֶמת דער גואֵל פון דער וועלט.
43 און נאָך די צוויי טעג איז ער פון דאָרטן אַוועקגעגאַנגען קיין גָליל.
44 וואָרים יֵשוּעַ אַליין האָט עֵדות געזאָגט, אַז אַ נָביא האָט ניט קיין
כָּבוד אין זיין אייגן לאַנד. 45 און אַז ער איז געקומען קיין גָליל, האָבן
אים די גָלילער מקַבּל־פָּנים געווען, ווייל זיי האָבן געזען אַלץ, וואָס ער
האָט געטאָן אין ירושָלַיִם אויף יום־טוב; וואָרים אויך זיי האָבן עולה־
רֶגל געווען אויף יום־טוב.
46 און ער איז ווידער אַמאָל געקומען קיין קָנָה אין גָליל, וואו ער האָט
געמאַכט דאָס וואַסער צו וויין. און דאָרט איז געווען איינער אַן
אייִדלמאַן, וועמעס זון איז געווען קראַנק אין כּפַר־

נַחוּם. 47 בעת ער האָט געהערט, אַז יֵשוּעַ איז אַרויסגעקומען פון יהודה
קיין גָליל, איז ער געגאַנגען און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל
אַראָפּנידערן און היילן זיין זון; וואָרים ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן.
48 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: סיידן איר זעט נִסים וְנִפלאות, וועט
איר ניט גלויבן! 49 זאָגט צו אים דער איידֶלמאַן: האַר, קום אַראָפּ,
איידער מיין קינד שטאַרבט. 50 זאָגט יֵשוּעַ צו אים: גיי; דיין זון לעבט!
און דער מענטש האָט געגלויבט דאָס וואָרט, וואָס יֵשוּעַ האָט צו אים
גערעדט, און ער איז געגאַנגען זיין וועג. 51 און בעת ער האָט
אַראָפּגענידערט, האָבן אים באַגעגנט זיינע קנעכט, און געזאָגט, אַז זיין
זון לעבט. 52 און ער האָט געפאָרשט ביי זיי די שָעה, ווען ער האָט זיך
אָנגעהויבן צו בעסערן. האָבן זיי צו אים געזאָגט: נעכטן אין דער
זיבעטער שָעה האָט דאָס פיבער אים אָפּגעלאָזט. 53 און דער פאָטער
האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אין יענער שָעה, אין וועלכער
יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: דיין זון לעבט! און ער האָט אַליין געגלויבט,
און זיין גאַנץ הויז. 54 דאָס דאָזיקע איז שוין דאָס צווייטע וואונדער, וואָס
יֵשוּעַ האָט געטאָן ביי זיין אַרויסקומען פון יהודה קיין גָליל.
ה און נאָך דעם איז געווען יום־טוב ביי יִדן; און יֵשוּעַ האָט עולה־רֶגל
געווען קיין ירושָלַיִם.
2 און אין ירושָלַיִם ביים שַער־הַצאן איז פאַראַן אַ טייך, וואָס הייסט אויף
לָשון־קודֶש בֵית־חַסדָא, און וואָס האָט פינף פּאָלישן, 3 אין די דאָזיקע
איז געלעגן אַן עולָם פון קראַנקע, בלינדע, הינקענדיקע, אויסגעצערטע,
וואָס האָבן געוואַרט, אַז דאָס וואַסער זאָל זיך באַוועגן. 4 וואָרים אַ מַלאך
פון גאָט פלעגט פון צייט־צו־צייט אַראָפּנידערן אין דעם טייך אַריין, און
באַוועגן דאָס וואַסער; און דער, וואָס איז צוערשט אַריינגעגאַנגען,
נאָכדעם ווי דאָס וואַסער איז באַוואויגן געוואָרן, איז געוואָרן געזונט,
פון וואָסער קראַנקהייט ער האָט נאָר געליטן. 5 און דאָרט איז געווען אַ
מענטש, וואָס איז קראַנק געווען אַכט־און־דרייסיק יאָר. 6 און אַז יֵשוּעַ
האָט אים געזען, און האָט פאַרשטאַנען, אַז ער ליגט שוין אַזוי אַ לאַנגע
צייט, האָט ער צו אים געזאָגט: דו ווילסט געזונט ווערן? 7 האָט אים דער
חולה געענטפערט: האַר, איך האָב ניט קיינעם, וואָס זאָל מיך אַריינטאָן
אין טייך אַריין, בעת דאָס וואַסער באַוועגט זיך; איידער איך קום אָן, גייט
אַן אַנדערער אַראָפּ פאַר מיר. 8 זאָגט צו אים יֵשוּעַ: שטיי אויף, נעם דיין
געלעגער, און גיי. 9 און תֵיכף איז דער מענטש געזונט געוואָרן, און האָט
גענומען זיין געלעגער און איז געגאַנגען.
10 און יענער טאָג איז געווען שַבת. און די יִדן האָבן געזאָגט צו דעם,
וואָס איז געהיילט געוואָרן: עס איז שַבת, און עס איז דיר ניט דערלויבט
צו טראָגן דיין

געלעגער. 11 אָבער ער האָט זיי געענטפערט: דער, וואָס האָט מיך
געזונט געמאַכט, האָט צו מיר געזאָגט: נעם דיין געלעגער, און גיי.
האָבן זיי אים געפרעגט: 12 ווער איז דער מענטש, וואָס האָט צו דיר
געזאָגט: נעם דיין געלעגער, און גיי? 13 אָבער דער, וואָס איז געהיילט
געוואָרן, האָט ניט געוואוסט, ווער דאָס איז געווען; וואָרים יֵשוּעַ האָט
אָפּגעקערט, ווייל אַן עולם איז געווען אויף יענעם אָרט. 14 דערנאָך
האָט אים יֵשוּעַ געפונען אין דעם בֵּית־הַמִקדש, און האָט צו אים
געזאָגט: זע, דו ביסט געוואָרן געזונט; זינדיק ניט מער, ווייל טאָמער
וועט דיך באַפאַלן אַן ערגערע זאַך. 15 און דער מענטש איז
אַוועקגעגאַנגען, און האָט געדערציילט די ייִדן, אַז דאָס איז געווען
יֵשוּעַ, וואָס האָט אים געזונט געמאַכט. 16 און צוליב דעם האָבן די ייִדן
געראָדפט יֵשוּעַן, מַחמת ער האָט אַזוינס געטאָן אום שַבת. 17 אָבער
יֵשוּעַ האָט זיי געענטפערט: מיין פאָטער אַרבעט ביז איצט, און איך
אַרבעט אויך. 18 און טאַקע צוליב דעם האָבן די ייִדן נאָך מער געזוכט
אים צו טייטן, מַחמת ער האָט ניט נאָר מחַלל־שַבת געווען, נייערט האָט
אויך אָנגערופן גאָט זיין פאָטער, און זיך געמאַכט גלייך מיט גאָט.
19 יֵשוּעַ האָט זיי דעריבער געענטפערט, און געזאָגט: באמת, באמת,
איך זאָג אייך, דער זון קאָן פון זיך אַליין גאָרניט טאָן, סיידן דאָס, וואָס
ער זעט דעם פאָטער טאָן; וואָרים דאָס, וואָס ער טוט, דאָס טוט אויך
אויף דעם זעלבן אופן דער זון. 20 וואָרים דער פאָטער האָט ליב דעם
זון, און ווייזט אים אַלצדינג, וואָס ער טוט אַליין; און גרעסערע מַעשׂים
ווי די דאָזיקע וועט ער אים ווייזן, כּדי איר זאָלט נִשתּומם ווערן.
21 וואָרים אַזוי ווי דער פאָטער איז מחַיֵה־מֵתים און גיט זיי לעבן, פּונקט
אַזוי מאַכט אויך דער זון לעבעדיק, וועמען ער וויל. 22 וואָרים דער
פאָטער מִשפּט קיינעם ניט, נייערט האָט דעם גאַנצן מִשפּט
איבערגעגעבן דעם זון, 23 כּדי אַלע זאָלן אָפּגעבן כָּבוד דעם זון,
פּונקט ווי זיי גיבן אָפּ כָּבוד דעם פאָטער. דער, וואָס גיט ניט אָפּ קיין
כָּבוד דעם זון, גיט ניט אָפּ קיין כָּבוד דעם פאָטער, וואָס האָט אים
געשיקט. 24 באמת, באמת, איך זאָג אייך: דער, וואָס הערט מיין וואָרט,
און גלויבט דעם, וואָס האָט מיך געשיקט, האָט אייביק לעבן, און
קומט ניט צום מִשפּט, נייערט איז אַריבערגעגאַנגען פון דעם טויט אין
לעבן אַריין.

25 באמת, באמת, איך זאָג אייך: סע גענעענט די שָעה, און אַט איז זי,
ווען די מֵתים וועלן הערן דאָס קול פון דעם בֶּן־אֱלֹהִים, און די, וואָס
הערן, וועלן לעבן. 26 וואָרים ווי דער פאָטער האָט לעבן אין זיך אַליין,
פּונקט אַזוי האָט ער אויך געגעבן דעם זון צו האָבן לעבן אין זיך אַליין;
27 און ער האָט אים

גענעבן רשות צו טאָן מִשפּט, מַחמת ער איז דער בֶּן־אָדָם.
28 וואונדערט אייך ניט אויף דעם; וואָרים סע גענעענט די שָעה,
אין וועלכער אַלע, וואָס זענען אין די קְבָרים, וועלן הערן זיין קוֹל,
29 און וועלן אַרויסקומען; די, וואָס האָבן געטאָן גוטס, צו דער
אויפשטייאונג פון לעבן, און די, וואָס האָבן געטאָן שלעכטס, צו דער
אויפשטייאונג פון מִשפּט.
30 איך קאָן גאָרניט טאָן פון מיר אַליין; ווי איך הער, אַזוי מִשפּט איך;
און מיין מִשפּט איז גערעכט, מַחמת איך זוך ניט מיין אייגענעם רָצון,
נייערט דעם רָצון פון דעם, וואָס האָט מיך געשיקט. 31 אויב איך זאָג
עֵדות אויף מיר אַליין, איז מיין עֵדות ניט אֶמת. 32 פאַראַן אַן אַנדערער,
וואָס זאָגט עֵדות וועגן מיר; און איך ווייס, אַז דאָס עֵדות, וואָס ער איז
מֵעיד אויף מיר, איז אֶמת. 33 איר האָט געשיקט צו יוֹחָנָן, און ער האָט
עֵדות געזאָגט פאַר דעם אֶמת. 34 איך אָבער נעם ניט אָן דאָס עֵדות זאָגן
פון אַ מענטשן; נייערט איך זאָג דאָס, כּדי איר זאָלט געראַטעוועט
ווערן. 35 ער איז געווען אַ ליכט, וואָס האָט געברענט און געשיינט,
און איר זענט געווען גרייט זיך משַׂמֵחַ צו זיין אַ צייט אין זיין ליכט.
36 אָבער איך האָב אַן עֵדות, וואָס איז גרעסער איידער יוֹחָנָנס, וואָרים
די מַעשׂים, וואָס דער פאָטער האָט מיר געגעבן ממַלא צו זיין, טאַקע
די מַעשׂים, וואָס איך טו, זאָגן עֵדות אויף מיר, אַז דער פאָטער האָט
מיך געשיקט. 37 און דער פאָטער, וואָס האָט מיך געשיקט, האָט עֵדות
געזאָגט אויף מיר. איר האָט אויך צומאָל ניט געהערט זיין קוֹל, און
אויך ניט געזען זיין געשטאַלט. 38 און זיין וואָרט טוט ניט רוען אין
אייך, וואָרים וועמען ער האָט געשיקט, דעם גלויבט איר ניט. 39 איר
פאָרשט די כּתבֵי־הַקוֹדֶש, מַחמת איר מיינט, אַז אין זיי האָט איר
אייביק לעבן; און זיי זענען עס, וואָס זאָגן עֵדות אויף מיר; 40 און איר
ווילט ניט קומען צו מיר, כּדי איר זאָלט האָבן לעבן. 41 איך נעם ניט אָן
קיין כָּבוד פון מענטשן; 42 איך קען אייך, איר וואָס האָט ניט אין זיך
די ליבשאַפט פון גאָט. 43 איך בין געקומען אין מיין פאָטערס נאָמען,
און איר זענט מיך ניט מקַבל; אויב אַן אַנדערער וועט קומען אין זיין
אייגענעם נאָמען, אים וועט איר מקַבל זיין. 44 וויאַזוי קאָנט איר
גלויבן, וואָס נעמט אָן כָּבוד איינער פון דעם אַנדערן, און דעם כָּבוד,
וואָס קומט פון דעם איינציקן גאָט, זוכט איר ניט? 45 מיינט ניט, אַז
איך וועל אייך פאַרקלאָגן פאַר דעם פאָטער; פאַראַן איז איינער, וואָס
טוט אייך פאַרקלאָגן, מֹשה, אויף וועמען איר פאַרלאָזט אייך.
46 וואָרים וואָלט איר

געגלויבט משהן, וואָלט איר אויך מיר געגלויבט, מַחמת ער האָט געשריבן
פוּנוועגן מיר.[1] 47 אויב אָבער איר גלויבט ניט זיינע כּתובים, וויאַזוי וועט איר
גלויבן מיינע רייד?

ו דערנאָך איז יֵשוּעַ אַריבער איוף דער אַנדערער זייט פון דעם יַם־הַגָליל, בּיי
טְבֶרְיָה. 2 און אַ גרויסער עולם איז אים נאָכגעגאַנגען, מַחמת זיי האָבן געזען
די וואונדער, וואָס ער האָט געטאָן מיט די קראַנקע. 3 און יֵשוּעַ איז
אַרויפגעגאַנגען אויף דעם בּאַרג, און האָט זיך דאָרטן אַנידערגעזעצט מיט
זיינע תַּלמידים. 4 און ער איז געווען נאָענט צום יידישן יום־טוב פֵּסח. 5 און
בּעת יֵשוּעַ האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און געזען, אַז אַ גרויסער עולם
דערנענטערט זיך צו אים, האָט ער געזאָגט צו פיליפּוסן: פוּנוואַנען זאָלן מיר
קויפן בּרויט, כּדי די דאָזיקע זאָלן האָבן וואָס צו עסן? 6 און דאָס האָט ער
געזאָגט, אים צו פּרואוון; וואָרים ער אַליין האָט געוואוסט, וואָס ער וועט
טאָן. 7 האָט אים פיליפּוס געענטפערט: פאַר צוויי הונדערט דינָרים בּרויט
וועט פאַר זיי ניט זיין גענוג, אַז יעדער איינער זאָל כאָטש קריגן אַבּיסל.
8 זאָגט צו אים איינער פון זיינע תַּלמידים, אַנדריי, דער בּרודער פון שִׁמעון
פּעטרוס: 9 פאַראַן דאָ אַ ייִנגל, וואָס האָט פינף גערשטן־בּרויטן און צוויי
פיש; אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַזויפיל? 10 האָט יֵשוּעַ געזאָגט: הייסט די
מענטשן זיך אַנידערזעצן. און עס איז געווען אַ סַך גרָז אויף יענעם פּלאַץ.
און די מענטשן האָבן זיך אַנידערגעזעצט, אַרום פינף טויזנט אין צאָל. 11 און
יֵשוּעַ האָט גענומען די בּרויטן, און אַז ער האָט אַ בּרָכה געמאַכט, האָט ער זיי
פונאַנדערגעטיילט צו די, וואָס זענען געווען אנידערגעזעצט; און אַזוי אויך
פון די פיש, וויפל זיי האָבן געוואָלט. 12 און אַז זיי זענען געוואָרן זאַט, האָט
ער געזאָגט צו זיינע תַּלמידים: זאַמלט צונויף די איבּערגעבּליבּענע בּרעקלעך,
אַז ס'זאָל גאָרניט פאַרלוירן גיין. 13 און זיי האָבן זיי צונויפגענומען און האָבן
אָנגעפילט צוועלף קערבּ מיט בּרעקלעך פון די פינף גערשטן־בּרויטן, וואָס
זענען איבּערגעבּליבּן פון די, וואָס האָבן געגעסן. 14 און בּעת די מענטשן
האָבן געזען דעם נס, וואָס ער האָט געטאָן, האָבן זיי געזאָגט: דאָס איז בּאֶמת
דער נָביא, וואָס דאַרף קומען אויף דער וועלט.

15 און בּעת יֵשוּעַ האָט בּאַמערקט, אַז זיי האָבן בּדֵעה צו קומען און אים נעמען
מיט געוואַלט, כּדי אים צו מאַכן פאַר אַ מֶלך, האָט ער זיך ווידער
צוריקגעצויגן אַליין אויף דעם בּאַרג.

16 און אַז עס איז געוואָרן אָוונט, האָבן זיינע תַּלמידים אַראָפּגענידערט צום
יַם, 17 און זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ שיף אַריין, און זענען
אַריבּערגעפאָרן דעם יַם קיין כּפַר־נַחוּם. און עס איז שוין געווען פינצטער,
און יֵשוּעַ איז נאָך ניט געקומען צו זיי. 18 און דער יַם האָט זיך אויפגעהויבּן,
ווייל אַ גרויסער ווינט האָט געבּלאָזן. 19 און נאָכדעם ווי זיי זענען אָפּגעפאָרן
אַן עֶרך פון

[1] דברים יח, 15-18.

פינף־אוּן צוואַנציק, אָדער דרייסיק סטאַדיעס, האָבּן זיי געזען יֵשוּעַן
גיין אויפן יַם, אוּן זיך דערנענטערן צוּ דער שיף. אוּן זיי האָבּן מוֹרא
געהאַט. 20 אָבּער ער האָט צוּ זיי געזאָגט: דאָס בּין איך; האָט ניט קיין
מוֹרא. 21 אוּן זיי האָבּן אים געוואָלט אַרײַננעמען אין דער שיף אַריין;
אוּן די שיף האָט זיך תֵּכף דערנענטערט צוּם לאַנד, וואוּהין זיי זענען
געפאָרן.
22 אויף מאָרגן האָט דאָס פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אויף דער
אַנדערער זייט יַם, געזען, אַז דאָרטן איז ניט געווען קיין אַנדערע שיף
אויסער איינער, אוּן אַז יֵשוּעַ איז ניט אַרײַנגעגאַנגען מיט זיינע תַּלמידים
אין דער שיף אַריין, נייערט, אַז זיינע תַּלמידים זענען אַוועקגעפאָרן
אַליין. 23 עס זענען אָבּער אָנגעקוּמען אַנדערע שיפן פוּן טְבֶרְיָה, נאָענט
צוּ דעם פּלאַץ, וואוּ זיי האָבּן געגעסן דאָס בּרויט, נאָכדעם ווי דער האַר
האָט אַ בְּרָכה געמאַכט; 24 אוּן ווען דאָס פאָלק האָט געזען, אַז יֵשוּעַ
איז דאָרט ניטאָ, אוּן אויך ניט זיינע תַּלמידים, זענען זיי אַריין אין די
שיפן, אוּן זענען געפאָרן קיין כּפַר־נַחוּם, אוּן האָבּן געזוּכט יֵשוּעַן.
25 אוּן אַז זיי האָבּן אים געפוּנען אויף יענער זייט יַם, האָבּן זיי צוּ אים
געזאָגט: רֶבּי, ווען בּיסטוּ אַהערגעקוּמען? 26 האָט יֵשוּעַ זיי
געענטפערט, אוּן געזאָגט: באמת, באמת, איך זאָג אייך, איר זוּכט
מיך, ניט מַחמת איר האָט געזען די נִסים, נייערט ווייל איר האָט געגעסן
פוּן די בּרויטן, אוּן זענט זאַט געוואָרן. 27 מִיט אייך ניט פאַר דער
שפּייז, וואָס גייט פאַרלוירן, נייערט פאַר דער שפּייז, וואָס פאַרבּלייַבּט
פאַר דעם אייבּיקן לעבּן, וואָס דער בֶּן־אָדָם וועט אייך געבּן; וואָרים
אויף אים האָט גאָט, דער פאָטער, אַרויפגעלייגט זיין חַתִימה. 28 אוּן זיי
האָבּן צוּ אים געזאָגט: וואָס זאָלן מיר טאָן, כּדי צוּ טאָן די מַעשׂים פוּן
גאָט? 29 האָט יֵשוּעַ געענטפערט, אוּן צוּ זיי געזאָגט: דאָס איז דאָס
ווערק פוּן גאָט, אַז איר זאָלט גלויבּן אין אים, וועמען ער האָט
געשיקט. 30 אוּן זיי האָבּ צוּ אים געזאָגט: וואָס טוּסטוּ דען פאַר אַ נס,
אַז מיר זאָלן זען, אוּן דיר גלויבּן? וואָס טוּסטוּ אויף? 31 אוּנדזערע
אָבות האָבּן געגעסן מַן אין דער מִדבּר; ווי סע שטייט געשריבּן: ער
האָט זיי געגעבּן צוּ עסן בּרויט פוּן הימל.[1] 32 האָט יֵשוּעַ צוּ זיי געזאָגט:
באמת, באמת, איך זאָג אייך, ניט מֹשה האָט אייך געגעבּן בּרויט פוּן
הימל, נייערט מיין פאָטער גיט אייך דאָס אֶמֶתע בּרויט פוּן הימל.
33 וואָרים דאָס בּרויט פוּן גאָט איז דאָס, וואָס קוּמט אַראָפּ פוּן הימל,
אוּן גיט לעבּן צוּ דער וועלט. 34 האָבּן זיי צוּ אים געזאָגט: האַר, גיבּ
אוּנדז תָּמיד דאָס דאָזיקע בּרויט.
35 אוּן יֵשוּעַ האָט צוּ זיי געזאָגט: איך בּין דאָס בּרויט פוּן לעבּן;

---

[1] שמוֹת טז, 4, 15; תהלים עח, 24; קה, 40.

דער, וואָס קומט צו מיר, וועט קיינמאָל ניט הונגעריק זיין, און דער, וואָס
גלויבט אין מיר, וועט קיינמאָל ניט זיין דאָרשטיק. 36 אָבער איך האָב
אייך געזאָגט, אַז איר האָט מיך געזען, און דאָך האָט איר ניט געגלויבט.
37 אַצלדינג, וואָס דער פֿאָטער גיט מיר, וועט קומען צו מיר; און דעם,
וואָס קומט צו מיר, אים וועל איך בשום־אופֿן ניט אַרויסוואַרפֿן. 38 וואָרים
איך בין אַראָפּגעקומען פֿון הימל, ניט צו טאָן מיין אייגענעם רצון, נייערט
דעם רצון פֿון אים, וואָס האָט מיך געשיקט. 39 און דאָס איז דער רצון פֿון
אים, וואָס האָט מיך געשיקט, אַז פֿון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט מיר
געגעבן, זאָל איך גאָרניט פֿאַרלירן, נייערט איך זאָל עס אויפֿשטעלן אין
דעם לעצטן טאָג. 40 וואָרים דאָס איז דער רצון פֿון מיין פֿאָטער, אַז
יעדער איינער, וואָס זעט דעם זון, און גלויבט אין אים, זאָל האָבן אייביק
לעבן; און איך וועל אים אויפֿשטעלן אין דעם לעצטן טאָג.
41 די ייִדן האָבן דעריבער געמורמלט קעגן אים, מחמת ער האָט געזאָגט:
איך בין דאָס ברויט, וואָס איז אַראָפּגעקומען פֿון הימל. 42 און זיי האָבן
געזאָגט: איז ניט דער דאָזיקער ישוע בן־יוסף, וועמעס פֿאָטער און
מוטער מיר קענען? וויאַזוי טוט ער איצט זאָגן: איך בין אַראָפּגעקומען
פֿון הימל? 43 האָט ישוע געענטפֿערט, און צו זיי געזאָגט: מורמלט ניט
צווישן זיך. 44 קיינער קאָן ניט קומען צו מיר, סיידן דער פֿאָטער, וואָס
האָט מיך געשיקט, ציט אים; און איך וועל אים אויפֿשטעלן אין דעם
לעצטן טאָג. 45 סע שטייט געשריבן אין די נביאים: און זיי וועלן אַלע זיין
געלערנט פֿון גאָט.[1] יעדער איינער, וואָס האָט געהערט און געלערנט פֿון
דעם פֿאָטער, קומט צו מיר. 46 ניט, אַז עמיצער האָט געזען דעם פֿאָטער,
אַחוץ דער, וואָס איז פֿון גאָט, ער האָט געזען דעם פֿאָטער. 47 באמת,
באמת, איך זאָג אייך, דער, וואָס גלויבט אין מיר, האָט אייביק לעבן.
48 איך בין דאָס ברויט פֿון לעבן. 49 אייערע אָבות האָבן געגעסן מן אין
דער מדבר, און זענען געשטאָרבן. 50 דאָס דאָזיקע איז דאָס ברויט, וואָס
קומט אַראָפּ פֿון הימל, כּדי מע זאָל עסן דערפֿון, און ניט שטאַרבן. 51 איך
בין דאָס לעבעדיקע ברויט, וואָס איז אַראָפּגעקומען פֿון הימל; אויב
עמיצער וועט עסן פֿון דעם דאָזיקן ברויט, וועט ער לעבן אויף אייביק;
און דאָס ברויט, וואָס איך וועל געבן פֿאַר דעם לעבן פֿון דער וועלט, איז
מיין פֿלייש.
52 די ייִדן האָבן זיך דעריבער געאַמפּערט איינער מיט דעם אַנדערן, אַזוי
צו זאָגן: וויאַזוי קען ער אונדז געבן זיין פֿלייש צו עסן? 53 ישוע האָט
דעריבער צו זיי געזאָגט: באמת, באמת, איך זאָג אייך, אויב איר וועט ניט
עסן דאָס פֿלייש פֿון דעם בן־אָדם, און טרינקען זיין בלוט, האָט איר ניט
קיין לעבן

[1] ישעיה נד, 13.

אין זיך. 54 דער, וואָס עסט מיין פלייש, און טרינקט מיין בלוט, האָט
אייביק לעבן; און איך וועל אים אויפשטעלן אין דעם לעצטן טאָג.
55 וואָרים מיין פלייש איז אֶמתע שפייז, און מיין בלוט איז אֶמתער
געטראַנק. 56 דער, וואָס עסט מיין פלייש, און טרינקט מיין בלוט, רוט
אין מיר, און איך אין אים. 57 אַזוי ווי דער לעבעדיקער פאָטער האָט
מיך געשיקט, און איך לעב פונוועגן דעם פאָטער, אַזוי וועט דער,
וואָס עסט מיך, אויך לעבן פון מײַנעטוועגן. 58 דאָס דאָזיקע איז דאָס
ברויט, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון הימל: ניט ווי אייערע אָבות האָבן
געגעסן, און זענען געשטאָרבן; דער, וואָס עסט דאָס דאָזיקע ברויט,
וועט לעבן אויף אייביק. 59 דאָס דאָזיקע האָט ער געזאָגט אין דער
שול, בעת ער האָט געלערנט אין כּפר־נַחום.
60 און אַ סך פון זיינע תּלמידים, בעת זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן
געזאָגט: דאָס איז אַ האַרב וואָרט; ווער קאָן דאָס הערן? 61 יֵשוּעַ האָט
אָבער פאַרשטאַנען אין זיך, אַז זיינע תּלמידים האָבן געמורמלט
דערביי, האָט ער צו זיי געזאָגט: טוט דאָס אייך גורם זיין צו
שטרויכלען? 62 און וואָס, אויב איר זאָלט זען דעם בֶּן־אָדָם אַרויפגיין,
וואו ער איז פריער געווען? 63 דער גייסט איז דאָס, וואָס גיט לעבן;
דאָס פלייש נוצט צו גאָרניט; די רייד, וואָס איך האָב גערעדט צו אייך,
זענען גייסט און לעבן. 64 אָבער פאַראַן עטלעכע צווישן אייך, וואָס
גלויבן ניט. וואָרים יֵשוּעַ האָט געוואוסט פון אָנהייב אָן, ווער עס זענען
די, וואָס האָבן ניט געגלויבט, און ווער עס וועט אים איבערענטפערן.
65 און ער האָט געזאָגט: דערפאַר האָב איך צו אייך געזאָגט, אַז קיינער
קאָן ניט קומען צו מיר, סיידן דאָס איז אים באַשערט געוואָרן פון
דעם פאָטער.
66 פון דעמאָלט אָן האָבן זיך אַ סך פון זיינע תּלמידים צוריקגעצויגן,
און זענען מער מיט אים ניט געגאַנגען. 67 יֵשוּעַ האָט דעריבער געזאָגט
צו די צוועלף: ווילט איר אויך אַוועקגיין? 68 און שִמעון פּעטרוס האָט
אים געענטפערט: האַר, צו וועמען זאָלן מיר גיין? דו האָסט די
ווערטער פון אייביקן לעבן. 69 און מיר האָבן געגלויבט, און ווייסן, אַז
דו ביסט דער הייליקער פון גאָט. 70 האָט יֵשוּעַ זיי געענטפערט: האָב
איך ניט אייך, די צוועלף, אויסדערוויילט, און איינער פון אייך איז אַ
שָׂטן? 71 און ער האָט גערעדט פון יהודה בֶּן־שִמעון אִיש־קְריות,
וואָרים ער איז געווען דער, וואָס האָט אים געזאָלט איבערענטפערן,
הַגַם איינער פון די צוועלף.
ז און נאָכדעם איז יֵשוּעַ אַרומגעגאַנגען אין גָליל; וואָרים ער האָט
ניט געוואָלט אַרומגיין אין יהודה, מַחמת די יידן האָבן געזוכט אים
צו טייטן.

2 און דער ייִדישער יום־טוב סוכּות האָט זיך דערנענטערט. 3 זיינע
בּרידער האָבּן דעריבּער צו אים געזאָגט: קער אָפּ פונדאַנען און גיי קיין
יהודה, כּדי דיינע תּלמידים זאָלן אויך זען די מַעשׂים, וואָס דו טוסט.
4 וואָרים קיינער טוט ניט קיין שום זאַך בּסֵתר, אויבּ ער בּאַגערט אָפן
בּאַקאַנט צו זיין. אויבּ דו טוסט די דאָזיקע זאַכן, אַנטפּלעק דיך פאַר
דער וועלט. 5 וואָרים אַפילו זיינע בּרידער האָבּן ניט געגלויבּט אין אים.
6 יֵשוּעַ האָט דעריבּער צו זיי געזאָגט: מיין צייט איז נאָך ניט געקומען,
אָבּער אייער צייט איז אַלעמאָל גרייט. 7 די וועלט קאָן אייך ניט פיינט
האָבּן; מיך אָבּער האָט זי פיינט, מַחמת איך זאָג עֵדות אויף איר, אַז
אירע מַעשׂים זענען שלעכט. 8 גייט, זייט עולה־רֶגל אויף יום־טוב; איך
בּין ניט עולה־רֶגל אויף דעם דאָזיקן יום־טוב, מַחמת מיין צייט איז נאָך
ניט ממַלא געוואָרן. 9 און בּעת ער האָט דאָס געזאָגט, איז ער געבּליבּן
אין גָליל.
10 און נאָכדעם ווי זיינע בּרידער זענען עולה־רֶגל געוועזן אויף יום־טוב,
איז ער אויך עולה־רֶגל געוועזן, ניט אָפן, נייערט בּסֵתר. 11 און יום־טוב
האָבּן אים די ייִדן געזוכט, און געזאָגט: וואו איז ער? 12 און עס איז
געווען וועגן אים אַ סַך געמורמל צווישן דעם פאָלק; טייל האָבּן
געזאָגט: ער איז אַ גוטער מענטש; אַנדערע האָבּן געזאָגט: ניין, ער
פאַרפירט דאָס פאָלק. 13 דאָך האָט קיינער ניט גערעדט אָפן וועגן אים,
אויס מורא פאַר די ייִדן.
14 און בּעת עס איז שוין געווען אין מיטן פון דעם יום־טוב, איז יֵשוּעַ
אַרויפגעגאַנגען אין בֵּית־הַמִקדש אַריין, און האָט געלערנט. 15 און די
ייִדן האָבּן זיך געחִידושט, און געזאָגט: וויאַזוי קאָן דער דאָזיקער
מענטש אַ סֵפר, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געלערנט? 16 יֵשוּעַ האָט זיי
דעריבּער געענטפערט, און געזאָגט: מיין תּורה איז ניט מיינע, נייערט
דעמס, וואָס האָט מיך געשיקט. 17 אויבּ עמיצער איז וויליק צו טאָן
זיין רָצון, וועט ער וויסן פון דער לערנונג, צי זי איז פון גאָט, אָדער
צי איך רעד פון מיר אַליין. 18 דער, וואָס רעדט פון זיך אַליין, זוכט
זיין אייגענעם כָּבוד; דער אָבּער, וואָס זוכט דעם כָּבוד פון דעם, וואָס
האָט אים געשיקט, דער דאָזיקער איז וואָרהאַפטיק, און קיין
אומגערעכטיקייט איז אין אים ניטאָ. 19 האָט אייך משה ניט געגעבּן די
תּורה? און דאָך האַלט קיינער ניט פון אייך די תּורה. פאַרוואָס זוכט
איר מיך צו טייטן? 20 און דער הַמון האָט אים געענטפערט: דו האָסט
אַ בּייזן גייסט; ווער זוכט דיך צו טייטן? 21 האָט יֵשוּעַ געענטפערט,
און צו זיי געזאָגט: איך האָבּ געטאָן איין זאַך, און איר אַלע חִידושט
זיך דעריבּער. 22 משה האָט אייך געגעבּן מִצוַת־מִילה (ניט, אַז עס איז
פון משהן, נייערט פון די אָבות),

און איר זענט שַׁבת מָל אַ מענטשן. 23 בכן, אויב מען איז מָל אַ
מענטשן אום שַׁבת, כּדי ניט עובֿר צו זײַן אויף תּורת־משה, פֿאַרוואָס
צערנט איר אויף מיר, וואָס איך האָב שַׁבת אַ גאַנצן מענטשן געזונט
געמאַכט? 24 משפּט ניט לפּנים, נייערט משפּט אַ גערעכט משפּט.
25 און עטלעכע ירושלַיִמער האָבן געזאָגט: איז דאָס ניט דער, וועמען
זיי זוכן צו טייטן? 26 אָט רעדט ער אָפֿן, און זיי זאָגן אים גאָרניט. זאָל
עס זײַן, אַז די שׂרים ווייסן באמת, אַז דאָס איז דער משיח? 27 מיר
ווייסן פֿונוואַנען ער איז; אָבער ווען משיח וועט קומען, וועט קיינער
ניט וויסן פֿונוואַנען ער איז. 28 ישוע האָט דעריבער אויסגערופֿן אין
דעם בית־המקדש, בעת ער האָט געלערנט, און געזאָגט: איר קענט
מיך, און איר ווייסט פֿונוואַנען איך בין? איך בין אָבער ניט געקומען
פֿון מיר אַליין, נייערט דער, וואָס האָט מיך געשיקט, איז וואָרהאַפֿטיק,
און אים קענט איר ניט. 29 איך קען אים, מחמת איך בין פֿון אים, און
ער האָט מיך געשיקט. 30 זיי האָבן דעריבער געזוכט אים צו כאַפּן; נאָר
קיינער האָט ניט געלייגט קיין האַנט אויף אים, מחמת זײַן שעה איז
נאָך ניט געקומען. 31 אָבער אַ סך פֿון דעם פֿאָלק האָבן געגלויבט אין
אים, און זיי האָבן געזאָגט: ווען משיח וועט קומען, וועט ער דען טאָן
מער נסים, ווי דער דאָזיקער האָט געטאָן?
32 און די פּרושים האָבן געהערט, ווי דאָס פֿאָלק רעדט אַזוינס וועגן
אים, און די ראָשי־כּהנים און די פּרושים האָבן אַרויסגעשיקט באַדינער
אים צו כאַפּן. 33 ישוע האָט דעריבער געזאָגט: נאָך אַ קליינע ווײַלע
בין איך מיט אײַך, דערנאָך גיי איך צו אים, וואָס האָט מיך געשיקט;
34 איר וועט מיך זוכן, און וועט מיך ניט געפֿינען; און וואו איך בין,
קאָנט איר ניט קומען. 35 האָבן די ייִדן געזאָגט איינער צום אַנדערן:
וואוהין טראַכט ער צו גיין, וואָס מיר וועלן אים ניט געפֿינען? וועט
ער אפֿשר גיין צו די אין גלות צווישן די גריכן, און לערנען די גריכן?
36 וואָס מיינט דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט: איר וועט מיך זוכן
און ניט געפֿינען; און וואו איך בין, קאָנט איר ניט קומען?
37 און אין דעם לעצטן טאָג, דעם גרויסן טאָג פֿונעם יום־טובֿ, איז
ישוע געשטאַנען, און האָט אויסגערופֿן: אויב עמיצער איז דאָרשטיק,
זאָל ער קומען צו מיר און טרינקען. 38 דער, וואָס גלויבט אין מיר,
וועלן פֿון זײַן לײַב, לויט ווי דער פּסוק זאָגט, פֿליסן טײַכן פֿון
לעבעדיק וואַסער.[1] 39 און דאָס האָט ער דערעדט פֿון דעם רוח־
הקודש, וואָס די, וואָס גלויבן אין אים, האָבן באַדאַרפֿט מקבל זײַן;
וואָרים דער רוח־הקודש איז נאָך ניט געווען געגעבן געוואָרן, מחמת
ישוע איז נאָך ניט געווען פֿאַרהערלעכט. 40 און טייל פֿון

[1] ישעיה מד, 3.

דעם פֿאָלק, בעת זיי האָבן געהערט די דאָזיקע רייד, האָבן געזאָגט:
דער דאָזיקער איז באֱמת דער נָביא. 41 אַנדערע האָבן געזאָגט: דאָס איז
דער מָשיחַ. אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט: וואָס, צי טוט דער מָשיחַ
אַרויסקומען פֿון גָליל? 42 האָבן ניט די כּתבֵי־הַקודֶש געזאָגט, אַז דער
מָשיחַ קומט פֿון דעם זאָמען פֿון דָוִדן, און פֿון בֵּית־לֶחֶם, די שטאָט,
פֿון וואַנען דָוִד איז געווען? 43 און עס האָט זיך אויפֿגעהויבן וועגן אים
אַ מַחלוֹקה בּיים פֿאָלק. 44 און טייל פֿון זיי האָבן אים געוואָלט כאַפּן;
נאָר קיינער האָט אויף אים ניט געלייגט אַ האַנט.
45 און די באַדינער זענען דעריבער געקומען צו די ראָשי־כּהַנים און די
פּרושים; און יענע האָבן צו זיי געזאָגט: פֿאַרוואָס האָט איר אים ניט
געבראַכט? 46 האָבן די באַדינער געענטפֿערט: ס'האָט נאָך קיינמאָל אַ
מענטש אַזוי גערעדט, ווי דער דאָזיקער מענטש! 47 האָבן די פּרושים
זיי געענטפֿערט: זענט איר אויך פֿאַרפֿירט געוואָרן? 48 צי האָט
עמיצער פֿון די שָׂרים, אָדער פֿון די פּרושים, געגלויבט אין אים?
49 אָבער דער דאָזיקער הַמון, וואָס קען ניט די תּורה, איז פֿאַרשאָלטן.
50 זאָגט צו זיי נַקדימון, דער, וואָס איז צו אים פֿריער געקומען, הַגַם
ער איז געווען איינער פֿון זיי: 51 מִשפּט דען אונדזער תּורה אַ
מענטשן; איידער זי הערט קודם פֿון אים אַליין, און מע ווייסט וואָס
ער טוט? 52 האָבן זיי געענטפֿערט, און צו אים געזאָגט: ביסטו אויך
פֿון גָליל? פֿאָרש, און זע, אַז פֿון גָליל שטייט ניט אויף קיין נָביא.
53 און איטלעצער איז זיך אַהיימגעגאַנגען.
ח (און יֵשוּעַ איז געגאַנגען צו דעם הַר־הַזֵיתים. 2 אָבער אין דער פֿרי
איז ער ווידער געקומען אין דעם בֵּית־הַמִקדש אַריין, און דאָס גאַנצע
פֿאָלק איז געקומען צו אים; און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, און האָט
זיי געלערנט. 3 און די סופֿרים און די פּרושים האָבן געבראַכט אַ פֿרוי,
וואָס מען האָט געכאַפּט ביי זנות; און זיי האָבן זי אַוועקגעשטעלט אין
דער מיט, 4 און האָבן צו אים געזאָגט: רֶבּי, די דאָזיקע אִשה איז
געכאַפּט געוואָרן ביי זנות, טאַקע בשַעת מַעשׂה. 5 אין דער תּורה האָט
אונדז משה געבאָטן אַזוינע צו פֿאַרשטיינען;[1] וואָס זאָגסטו דערצו?
6 און דאָס האָבן זיי געזאָגט, אים צו פּרואוון, כּדי זיי זאָלן עפּעס האָבן
וועגן וואָס אים צו פֿאַרקלאָגן. אָבער יֵשוּעַ האָט זיך איינגעבויגן, און
געשריבן מיטן פֿינגער אויף דער ערד. 7 און אַזויווי זיי האָבן געהאַלטן
אין פֿרעגן ווייטער, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן, און האָט צו זיי
געזאָגט: דער צווישן אייך, וואָס איז אָן אַ זינד, זאָל זיין דער ערשטער
צו וואָרפֿן אויף איר אַ שטיין. 8 און ער האָט זיך ווידער איינגעבויגן,
און געשריבן

[1] ויקרא כ, 10; דברים כב, 22.

אויף דער ערד. 9 און אַז זיי האָבן דאָס געהערט, זענען זיי
אַרויסגעגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן, אָנהייבנדיק פון דעם עלטסטן,
ביזן לעצטן; און יֵשוּעַ איז געבליבן אַליין, און די פרוי איז געשטאַנען
אין דער מיט. 10 און יֵשוּעַ האָט זיך אויפגעהויבן, און האָט צו איר
געזאָגט: אִשה, וואו זענען זיי? האָט דיך קיינער ניט פאַרמִשפּט?
11 און זי האָט געזאָגט: קיינער ניט, האַר. האָט יֵשוּעַ צו איר געזאָגט:
אויך איך פאַרמִשפּט דיך ניט; גיי, און פון איצט אָן זינדיק ניט מער.)
12 און יֵשוּעַ האָט צו זיי ווידער גערעדט, אַזוי צו זאָגן: איך בין דאָס
ליכט פון דער וועלט; דער, וואָס גייט מיר נאָך, וועט קיינמאָל ניט גיין
אין דער פינצטערניש, נייערט וועט האָבן דאָס ליכט פון לעבן. 13 די
פּרושים האָבן דעריבער צו אים געזאָגט: דו זאָגסט עֵדות פונוועגן דיר
אַליין; דיין עֵדות איז ניט אֶמת. 14 און יֵשוּעַ האָט געענטפערט, און צו
זיי געזאָגט: אויב אַפילו איך זאָג עֵדות פונעגן מיר אַליין, איז מיין
עֵדות אֶמת, וואָרים איך ווייס פונוואַנען איך בין געקומען, און וואוהין
איך גיי; איר אָבער ווייסט ניט פונוואַנען איך קום, אָדער וואוהין איך
גיי. 15 איר טוט מִשפּטן לויט דעם פלייש; איך מִשפּט קיינעם ניט.
16 און אויב אַפילו איך טו מִשפּטן, איז מיין מִשפּט אֶמת; וואָרים איך
בין ניט אַליין, נייערט איך און דער פאָטער, וואָס האָט מיך געשיקט.
17 און אויך אין דער תּוֹרה שטייט געשריבן, אַז דאָס עֵדות פון צוויי
מענטשן איז אֶמת.[1] 18 איך זאָג עֵדות פונוועגן מיר אַליין, און דער
פאָטער, וואָס האָט מיך געשיקט, זאָגט אויך עֵדות פונוועגן מיר. 19 זיי
האָבן דעריבער צו אים געזאָגט: וואו איז דיין פאָטער? און יֵשוּעַ האָט
געענטפערט: איר קענט ניט מיך, און ניט מיין פאָטער; אויב איר
וואָלט מיך געקענט, וואָלט איר אויך געקענט מיין פאָטער. 20 די
דאָזיקע רייד האָט ער געזאָגט אין דער שאַצקאַמער, בעת ער האָט
געלערנט אין דעם בֵּית־הַמִקדש; און קיינער האָט אים ניט גענומען,
מַחמת זיין שָעה איז נאָך ניט געווען געקומען.
21 ער האָט דעריבער ווידער צו זיי געזאָגט: איך גיי אַוועק, און איר
וועט מיך זוכן; אָבער איר וועט שטאַרבן אין אייערע זינד; וואוהין איך
גיי, קענט איר ניט קומען. 22 האָבן די יידן דעריבער געזאָגט: וויל ער
זיך אֶפשר טייטן, מַחמת ער זאָגט: וואוהין איך גיי, קענט איר ניט
קומען? 23 און ער האָט צו זיי געזאָגט: איר זענט פון אונטן, איך בין
פון אויבן; איר זענט פון דער וועלט; איך בין ניט פון דער וועלט.
24 דערפאַר האָב איך צו אייך געזאָגט, אַז איר וועט שטאַרבן אין
אייערע זינד. וואָרים סיידן איר וועט גלויבן, אַז איך בין עס,

[1] דברים יט, 15.

ווערט איר שטאַרבן אין אייערע זינד. 25 האָבן זיי צו אים געזאָגט: ווער
ביסטו? און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: טאַקע דער, וואָס איך האָב
אייך געזאָגט פון אָנהייב אָן. 26 איך האָב אַ סך צו רעדן פונוועגן אייך,
און צו מִשפּטן; אָבער דער, וואָס האָט מיך געשיקט, איז אֶמת. און
דאָס, וואָס איך האָב פון אים גֶהערט, דאָס רעד איך צו דער וועלט.
27 נאָר זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט צו זיי גערעדט פון דעם
פאָטער. 28 יֵשוּעַ האָט דעריבער געזאָגט: בעת איר וועט האָבן
דערהויבן דעם בֶּן־אָדָם, דעמאָלט וועט איר וויסן, אַז איך בין ער, און
אַז איך טו גאָרניט פון מיר אַליין, נייערט ווי דער פאָטער האָט מיך
געלערנט, אַזוי רעד איך. 29 און דער, וואָס האָט מיך געשיקט, איז מיט
מיר; ער האָט מיך ניט געלאָזן אַליין; וואָרים איך טו תָּמיד דאָס, וואָס
אים איז וואוילגעפעלן. 30 בעת ער האָט דאָס געזאָגט, האָבן אַ סך
געגלויבט אין אים.

31 יֵשוּעַ האָט דעריבער געזאָגט צו יענע ייִדן, וואָס האָבן אין אים
געגלויבט: אויב איר וועט בלײַבן ביי מיין וואָרט, זענט איר באֶמת
מיינע תַּלמידים, 32 און איר וועט קענען דעם אֶמת, און דער אֶמת וועט
אייך מאַכן פריי. 33 האָבן זיי אים געענטפערט: מיר זענען אַברָהמס
זאָמען, און זענען נאָך קיינמאָל ניט געווען פאַרקנעכט צו קיין
מענטשן; וויאַזוי זאָגסטו: איר וועט ווערן פריי?

34 און יֵשוּעַ האָט זיי געענטפערט: באמת, באמת, איך זאָג אייך: יעדער
איינער, וואָס באַגייט אַ זינד, איז דער קנעכט פון זינד. 35 און דער
קנעכט פאַרבלייַבט ניט אין דעם הויז אויף אייביק; דער זון פאַרבלייַבט
אויף אייביק. 36 דעריבער, אויב דער זון וועט אייך מאַכן פריי, וועט
איר באֶמת זיין פריי. 37 איך ווייס, אַז איר זענט אַברָהמס זאָמען; אָבער
איר זוכט מיך צו טייטן, מַחמת מיין וואָרט געפינט ניט קיין פּלאַץ ביי
אייך. 38 איך רעד דאָס, וואָס איך האָב געזען ביי מיין פאָטער, און איר
טוט אויך דאָס, וואָס איר האָט געהערט פון אייער פאָטער.

39 און זיי האָבן געענטפערט, און צו אים געזאָגט: אַברָהם איז אונדזער
פאָטער. זאָגט יֵשוּעַ צו זיי: ווען איר וואָלט געווען אַברָהמס קינדער,
וואָלט איר געטאָן די מַעשׂים פון אַברָהמען. 40 אָבער איר זוכט מיך
איצט צו טייטן, אַ מענטשן, וואָס האָט אייך געזאָגט דעם אֶמת, וועלכן
איך האָב געהערט פון גאָט; דאָס האָט אַברָהם ניט געטאָן. 41 איר טוט
די מַעשׂים פון אייער פאָטער. האָבן זיי צו אים געזאָגט: מיר זענען ניט
געבוירן געוואָרן דורך זנוּת; מיר האָבן איין פאָטער, גאָט. 42 האָט
יֵשוּעַ צו זיי געזאָגט: ווען

גאָט וואָלט געווען אייער פאָטער, וואָלט איר מיך ליב געהאַט, וואָרים
איך בין אַרויסגעגאַנגען און בין געקומען פון גאָט; וואָרים ניט פון מיר
אַליין בין איך געקומען, נייערט ער האָט מיך געשיקט. 43 פאַרוואָס
פאַרשטייט איר ניט מיין לָשון? דערפאַר ווייל איר קאָנט ניט הערן מיין
וואָרט. 44 איר זענט פון אייער פאָטער, דעם שָׂטן, און די תַּאוות פון
אייער פאָטער – דאָס איז אייער רָצון צו טאָן. ער איז געווען אַ רוֹצֵחַ
פון אָנהייב אָן, און איז ניט געשטאַנען אין דעם אֶמת, מַחמת עס איז
אין אים ניטאָ קיין אֶמת. בשַעת ער רעדט אַ ליגן, רעדט ער לויט זיין
אייגענער טֶבע, וואָרים ער איז אַ שַקרן, און דער פאָטער פון שֶקר.
45 אָבער ווייל איך זאָג דעם אֶמת, גלויבט איר מיר ניט. 46 ווער פון
אייך טוט מיך באַשולדיקן אין אַ זינד? אויב איך זאָג אֶמת, פאַרוואָס
גלויבט איר מיר ניט? 47 דער, וואָס איז פון גאָט, טוט הערן די רייד פון
גאָט; דעריבער הערט איר זיי ניט, מַחמת איר זענט ניט פון גאָט.
48 האָבן די יִדן געענטפערט, און צו אים געזאָגט: צי זָאגן מיר ניט
מיט רעכט, אַז דו ביסט אַ שוֹמרוֹני, און האָסט אַ בייזן גייסט? 49 און
יֵשוּעַ האָט געענטפערט: איך האָב ניט קיין בייזן גייסט, נייערט איך
גיב אָפּ כָּבוד מיין פאָטער, און איר זענט מיך מבַזה. 50 אָבער איך זוך
ניט מיין אייגענעם כָּבוד; פאַראַן איינער, וואָס טוט אים זוכן און
מִשפּטן. 51 באמת, באמת, איך זָאג אייך, אויב איינער היט אָפּ מיין
וואָרט, וועט ער קיינמאָל ניט זען קיין טויט. 52 האָבן די יִדן צו אים
געזאָגט: איצט ווייסן מיר, אַז דו האָסט אַ בייזן גייסט. אַבְרָהם איז
געשטאָרבן, און די נבִיאים; און דו זאָגסט: אויב איינער היט אָפּ מיין
וואָרט, וועט ער קיינמאָל ניט פאַרזוכן פון טויט. 53 ביסטו גרעסער פון
אַבְרָהם אָבינו, וואָס איז געשטאָרבן? און די נבִיאים זענען געשטאָרבן;
פאַר וועמען מאַכסטו דיך אַליין? 54 און יֵשוּעַ האָט געענטפערט: אויב
איך גיב מיר אַליין אָפּ כָּבוד, איז מיין כָּבוד גאָרניט; עס איז מיין
פאָטער, וואָס גיט מיר אָפּ כָּבוד, פון וועמען איר זאָגט, אַז ער איז
אייער גאָט. 55 און איר האָט אים ניט געקענט; אָבער איך קען אים.
און אויב איך וואָלט זאָגן: איך קען אים ניט, וואָלט איך זיין אַ ליגנער
גלייך צו אייך; אָבער איך קען אים, און היט אָב זיין וואָרט. 56 אייער
פאָטער אַבְרָהם האָט זיך געפרייט צו זען מיין טאָג; און ער האָט אים
געזען, און זיך משַׂמֵחַ געווען. 57 די יִדן האָבן דעריבער געזאָגט צו
אים דו ביסט נאָך ניט אַלט קיין פופציק יאָר, און דו האָסט געזען
אַבְרָהמען? 58 און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: באמת, באמת, איך זאָג
אייך, איידער

אַבֿרָהם איז געווען, בּין איך. 59 זיי האָבּן דעריבּער אויפֿגעהויבּן
שטיינער צו וואַרפֿן אויף אים; אָבּער יֵשוּעַ האָט זיך פֿאַרבּאָרגן, און איז
אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם בֵּית־הַמִקדש.
ט און בעת ער איז פֿאַרבּײַגעגאַנגען, האָט ער געזען אַ מענטשן, וואָס
איז געווען בּלינד פֿון זײַן געבּורט אָן. 2 און זײַנע תַּלמידים האָבּן אים
געפֿרעגט: רֶבּי, ווער האָט געזינדיקט, דער דאָזיקער מענטש, אָדער
זײַנע עלטערן, וואָס ער איז געבּוירן געוואָרן בּלינד? 3 האָט יֵשוּעַ
געענטפֿערט: ניט ער האָט געזינדיקט, און ניט זײַנע עלטערן, נייערט
כּדי די מַעשׂים פֿון גאָט זאָלן אין אים אַנטפּלעקט ווערן. 4 מיר מוזן
טאָן די מַעשׂים פֿון אים, וואָס האָט מיך געשיקט, כָּל־זמַן עס איז טאָג;
סע קומט אָן די נאַכט, ווען קיינער קאָן ניט אַרבּעטן. 5 כָּל־זמַן איך בּין
אין דער וועלט, בּין איך דאָס ליכט פֿון דער וועלט. 6 בעת ער האָט דאָס
געזאָגט, האָט ער אויסגעשפּיגן אויף דער ערד, און געמאַכט אַ ליים פֿון
דעם שפּײַעכץ, און האָט אים בּאַשמירט די אויגן מיט דעם ליים, 7 און
צו אים געזאָגט: גיי, וואַש דיך אין דעם טײַך שִילוֹחַ, וואָס איז טײַטש:
געשיקטער. ער איז דעריבּער געגאַנגען, און האָט זיך געוואַשן, און איז
צוריקגעקומען זעענדיק. 8 די שכֵנים, און די, וואָס האָבּן אים פֿריער
געזען, בעת ער איז געווען אַ בּעטלער, האָבּן געזאָגט: איז דאָס ניט
דער, וואָס איז געזעסן און האָט געבּעטלט? 9 אַנדערע האָבּן געזאָגט:
ער איז עס; אַנדערע ווידער האָבּן געזאָגט: ניין, נאָר ער איז ענלעך צו
אים. און ער האָט געזאָגט: איך בּין עס. 10 האָבּן זיי צו אים געזאָגט:
וויאַזוי זענען דײַנע אויגן געעפֿנט געוואָרן? 11 און ער האָט
געענטפֿערט: דער מענטש, וואָס ווערט גערופֿן יֵשוּעַ, האָט געמאַכט
אַ ליים, און האָט בּאַשמירט מײַנע אויגן, און האָט צו מיר געזאָגט: גיי
צום שִילוֹחַ, און וואַש דיך; און איך בּין געגאַנגען און האָבּ מיך
געוואַשן, און איך האָבּ געקריגן מײַן ראִיה. 12 און זיי האָבּן צו אים
געזאָגט: וואו איז ער? האָט ער געזאָגט: איך ווייס ניט.
13 און זיי האָבּן געבּראַכט צו די פּרושים דעם, וואָס איז פֿריער געווען
בּלינד. 14 און עס איז געווען שַבּת אין יענעם טאָג, ווען יֵשוּעַ האָט
געמאַכט דאָס ליים, און געעפֿנט זײַנע אויגן. 15 און די פּרושים האָבּן
אים ווידער געפֿרעגט, וויאַזוי ער האָט געקריגן זײַן ראִיה. און ער האָט
צו זיי געזאָגט: ער האָט אַרויפֿגעלייגט ליים אויף די אויגן, און איך
האָבּ מיך געוואַשן, און איך זע. 16 און עטלעכע פֿון די פּרושים האָבּן
געזאָגט: דער דאָזיקער מענטש איז ניט פֿון גאָט, מַחמת ער היט ניט אָפּ
שַבּת. נאָר אַנדערע האָבּן געזאָגט: וויאַזוי קאָן אַ מענטש, וואָס איז אַ
זינדיקער, טאָן אַזעלכע נִסים? און סע זענען געווען צווישן זיי הילוקי־
דֵעות. 17 און זיי האָבּן נאָכאַמאָל געזאָגט צום בּלינדן: וואָס

זאָגסטוּ פוּנוועגן אים מַחמת ער האָט דיר געעפֿנט דיינע אויגן? האָט ער
געזאָגט: ער איז אַ נָביא.
18 אָבֿער די ייִדן האָבֿן ניט געוואָלט גלויבֿן, אַז ער איז געווען בלינד, אוּן
האָט געקריגן זיין ראִיה, בּיז זיי האָבֿן גערוּפֿן די עלטערן פוּן דעם, וואָס
האָט געקריגן זיין ראִיה, 19 אוּן האָבֿן זיי געפֿרעגט: איז דאָס אייער זוּן,
פוּן וועמען איר זאָגט, אַז ער איז געבֿוירן געוואָרן בלינד? וויאַזוי זעט
ער איצט? 20 אוּן זיינע עלטערן האָבֿן געענטפֿערט: מיר ווייסן, אַז דאָס
איז אוּנדזער זוּן, אוּן אַז ער איז געבֿוירן געוואָרן בלינד; 21 נאָר וויאַזוי
ער זעט איצטער, ווייסן מיר ניט; אָדער ווער סע האָט אים געעפֿנט די
אויגן, ווייסן מיר ניט. פֿרעגט אים; ער איז שוין אַ בַּר־דַעת, זאָל ער
רעדן פֿאַר זיך אַליין. 22 דאָס האָבֿן זיינע עלטערן געזאָגט, מַחמת זיי
האָבֿן מוֹרא געהאַט פֿאַר די ייִדן, וואָרים די ייִדן האָבֿן שוין געהאַט
אָפּגעמאַכט, אַז אויבֿ עמיצער וועט אים אָנערקענען פֿאַר דעם מָשיחַ,
זאָל מען אים אויסשליסן פוּן קָהל. 23 דעריבֿער האָבֿן זיינע עלטערן
געזאָגט: ער איז אַ בַּר־דַעת, פֿרעגט אים.
24 אוּן זיי האָבֿן גערוּפֿן אַ צווייט מאָל דעם מענטשן, וואָס איז געווען
בלינד, אוּן האָבֿן צוּ אים געזאָגט: גיבֿ אָפּ כָּבוד צוּ גאָט; מיר ווייסן, אַז
דער דאָזיקער מענטש איז אַ זינדיקער. 25 האָט ער געענטפֿערט: צי ער
איז אַ זינדיקער, ווייס איך ניט; איין זאַך ווייס איך, אַז איך בּין געווען
בלינד, אוּן איצט זע איך. 26 האָבֿן זיי דעריבֿער צוּ אים געזאגט: וואָס
האָט ער דיר געטאָן? וויאַזוי האָט ער געעפֿנט דיינע אויגן? 27 האָט ער
זיי געענטפֿערט: איך האָבֿ עס אייך שוין געזאָגט, אוּן איר האָט ניט
געוואָלט הערן; צוּ וואָס ווילט איר דאָס נאָכאַמאָל הערן? צי ווילט איר
אויך ווערן זיינע תַּלמידים? 28 אוּן זיי האָבֿן אים געזידלט, אוּן געזאָגט:
דוּ בּיסט זיין תַּלמיד; מיר אָבֿער זענען משהס תַּלמידים. 29 מיר ווייסן,
אַז גאָט האָט גערעדט צוּ משהן; נאָר וואָס שַייך דעם דאָזיקן מענטשן,
ווייסן מיר ניט פֿוּנוואַנען ער איז. 30 אוּן דער מענטש האָט געענטפֿערט:
אין דעם איז דאָס חִידוש, וואָס איר ווייסט ניט פֿוּנוואַנען ער איז, אוּן
מיר האָט ער געעפֿנט מיינע אויגן. 31 מיר ווייסן, אַז גאָט טוּט ניט הערן
קיין זינדיקע; נייערט אויבֿ איינער איז אַ יְרא־שָמַיִם, אוּן טוּט זיין רָצון,
דעם דאָזיקן הערט ער. 32 זינט די וועלט שטייט, איז נאָך ניט געהערט
געוואָרן, אַז עמיצער זאָל האָבֿן געעפֿנט די אויגן פוּן אַ מענטשן, וואָס
איז געבֿוירן געוואָרן בלינד. 33 ווען דער דאָזיקער וואָלט ניט געווען פוּן
גאָט, וואָלט ער גאָרניט געקאָנט טאָן. 34 אוּן זיי האָבֿן געענטפֿערט, אוּן
צוּ אים געזאָגט: דוּ בּיסט אינגאַנצן געבֿוירן געוואָרן אין זינד, אוּן אוּנדז
טוּסטוּ לערנען? אוּן זיי האָבֿן אים אַרויסגעוואָרפֿן.
35 אוּן יֵשוּעַ האָט געהערט, אַז זיי האָבֿן אים אַרויסגעוואָרפֿן; אוּן ער
האָט אים געפֿוּנען, אוּן געזאָגט:

גלויבסטוּ אין דעם בֶּן־אָדָם? 36 האָט ער געענטפערט, און געזאָגט: און
ווער איז ער, האַר, אַז איך זאָל קענען גלויבן אין אים. 37 האָט יֵשוּעַ צוּ
אים געזאָגט: דוּ האָסט אים געזען, און דאָס איז ער, וואָס טוּט רעדן
מיט דיר. 38 האָט ער געזאָגט: האַר, איך גלויב; און ער האָט זיך
געבוקט פאַר אים. 39 און יֵשוּעַ האָט געזאָגט: פוּנוועגן מִשפּט בין איך
געקוּמען אין דער דאָזיקער וועלט אַריין, כּדי די, וואָס זעען ניט,
זאָלן קענען זען, און כּדי די, וואָס זעען, זאָלן ווערן בלינד. 40 און
עטלעכע פון די פּרוּשים, וואָס זענען געווען מיט אים, האָבן דאָס
געהערט, און זיי האָבן צוּ אים געזאָגט: זענען מיר אויך בלינד?
41 האָט יֵשוּעַ צוּ זיי געזאָגט: ווען איר וואָלט געווען בלִנד, וואָלט איר
ניט געהאַט קיין זינד; אָבער איצט זאָגט איר: מיר זעען; דערפאַר
בלייבט אייער זינד.
י באמת, באמת, איך זאָג אייך, דער, וואָס גייט ניט אַריין דוּרך דער
טיר אין דעם שאָפגעהעפט, נייערט קלעטערט אַריין אויף אַן אַנדערן
אוֹפן, יענער איז אַ גַנב און אַ גַזלן. 2 אָבער דער, וואָס גייט אַריין דוּרך
דער טיר, איז דער פּאַסטוּך פון די שאָף. 3 פאַר אים טוּט עפענען דער
טיר־היטער, און די שאָף הערן זיין קוֹל, און ער רוּפט זיינע אייגענע
שאָף ביים נאָמען, און פירט זיי אַרויס. 4 און אַז ער האָט אַרויסגעלאָזן
אַלע זיינע אייגענע, גייט ער פאָרויס פאַר זיי, און די שאָף גייען אים
נאָך, ווייל זיי קענען זיין קוֹל. 5 און אַ פרעמדן וועלן זיי ניט נאָכגיין,
נייערט וועלן פון אים אַנטרינען, ווייל זיי קענען ניט דאָס קוֹל פון
פרעמדע. 6 דאָס דאָזיקע מָשל האָט יֵשוּעַ געזאָגט צוּ זיי, אָבער זיי
האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט צוּ זיי געזאָגט.
7 יֵשוּעַ האָט דעריבער נאָכאַמאָל צוּ זיי געזאָגט: באמת, באמת, איך
זאָג אייך, איך בין די טיר פון די שאָף. 8 אַלע, וואָס זענען געקוּמען
פאַר מיר, זענען גַנָבים און גַזלָנים; אָבער די שאָף האָבן זיך צוּ זיי ניט
צוּגעהערט. 9 איך בין די טיר; אויב עמיצער וועט דוּרך מיר אַרייַנגיין,
וועט ער נִיצול ווערן, און וועט אַרייַנגיין און אַרויסגיין, און געפינען
פיטערוּנג. 10 דער גַנב קוּמט נאָר, כּדי ער זאָל גַנבענען, און הַרגענען,
און אוּמברענגען. איך בין געקוּמען, כּדי זיי זאָלן האָבן לעבן, און עס
האָבן בשֶפע. 11 איך בין דער גוּטער פּאַסטוּך. דער גוּטער פּאַסטוּך איז
מַקריב זיין לעבן פאַר די שאָף. 12 דער, וואָס איז אַ געדוּנגענער, וואָס
איז ניט קיין פּאַסטוּך, און צוּ וועמען די שאָף געהערן ניט, זעט קוּמען
דעם וואָלף, און ער לאָזט איבער די שאָף און אַנטלויפט; און דער
וואָלף כאַפּט זיי, און צעטרייַבט זיי. 13 ער אַנטלויפט, מַחמת ער איז אַ
געדוּנגענער, און דַאגֶהט ניט פאַר די שאָף. 14 איך בין

דער גוטער פּאַסטוך: און איך קען מיינע אייגענע, און מיינע אייגענע
קענען מיך, 15 פּונקט ווי דער פאַטער קענט מיך, און איך קען דעם
פאָטער, און איך בין מַקריב מיין לעבן פאַר די שאָף. 16 און איך האָב
נאָך אַנדערע שאָף, וואָס זענען ניט פון דעם דאָזיקן געהעפט; אויך זיי
מוז איך ברענגען, און זיי וועלן הערן מיין קול; און סע וועט ווערן
איין סטאַדע, און איין פּאַסטוך.[1] 17 דעריבער האָט דער פאָטער מיך
ליב מַחמת איך בין מַקריב מיין לעבן, כּדי איך זאָל עס נעמען
נאָכאַמאָל. 18 קיינער נעמט עס ביי מיר ניט אוועק, נייערט איך בין עס
מַקריב אַליין. איך האָב מאַכט עס אַנידערצולייגן, און איך האָב מאַכט
עס ווידעראַמאָל צו נעמען. דאָס דאָזיקע געבאָט האָב איך מקַבּל
געווען פון מיין פאָטער.
19 און סע האָבן זיך ווידער אויפגעהויבן חילוקי־דֵעות צווישן די ייִדן
איבער די דאָזיקע רייד. 20 און אַ סך פון זיי האָבן געזאָגט: ער האָט אַ
בייזן גייסט, און איז משוגע; פאַרוואָס הערט איר אים? 21 אַנדערע
האָבן געזאָגט: דאָס זענען ניט די רייד פון איינעם, וואָס האָט אַ בייזן
גייסט; קאָן אַ בייזער גייסט עפענען די אויגן פון בלינדע?
22 און עס איז געווען חנוכּה אין ירושָלַיִם. 23 און עס איז געווען
ווינטער; און יֵשוּעַ איז אַרומגעגאַנגען אין בֵּית־הַמִקדש, אין שלמהס
פּאָליש. 24 און די ייִדן האָבן אים אַרומגערינגלט, און האָבן צו אים
געזאָגט: ווילאַנג וועסטו אונדז האַלטן אין שפּאַנונג? אויב דו ביסט
דער מָשיחַ, זאָג עס אונדז בפֵירוש. 25 האָט יֵשוּעַ זיי געענטפערט: איך
האָב אייך געזאָגט, און איר גלויבט ניט. די מַעשים, וואָס איך טו אין
מיין פאָטערס נאָמען, זיי זאָגן עֵדות אויף מיר. 26 אָבער איר גלויבט
ניט, מַחמת איר זענט ניט פון מיינע שאָף. 27 מיינע שאָף הערן מיין
קול, און איך קען זיי, און זיי גייען מיר נאָך. 28 און איך גיב זיי אייביק
לעבן, און זיי וועלן קיינמאָל ניט אומקומען, און קיינער וועט זיי ניט
אַרויסרייסן פון מיין האַנט. 29 מיין פאָטער, וואָס האָט זיי מיר געגעבן,
איז גרעסער פון אַלע, און קיינער קאָן זיי ניט אַרויסרייסן פון מיין
פאָטערס האַנט. 30 איך און דער פאָטער זענען איינס.
31 די ייִדן האָבן ווידער אויפגעהויבן שטיינער אים צו שטייניקן. 32 און
יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: אַ סך מַעשׂים־טובים האָב איך אייך געוויזן
פון דעם פאָטער; פאַר וועלכע פון זיי שטייניקט איר מיך? 33 האָבן די
ייִדן אים געענטפערט: פאַר קיין מַעשׂים־טובים שטייניקן מיר דיך ניט,
נייערט פונוועגן חילול־הַשֵם; און מַחמת דו, וואָס ביסט אַ מענטש,
מַכסט דיך

[1] יחזקאל לד, 23.

פאַר גאָט. 34 האָט יֵשוּעַ זיי געענטפערט: שטייט דען ניט געשריבן אין
אייער תּוֹרה: איך האָב געזאָגט: איר זענט געטער?[1] 35 בכֵן, אויב ער
האָט זיי אָנגערופן געטער, צו וועמען דאָס וואָרט פון גאָט איז געקומען
(און דאָס, וואָס שטייט געשריבן, קאָן ניט בָּטל ווערן), 36 זאָגט איר אויף
אים, וועמען דער פאָטער האָט געהייליקט און געשיקט אין דער וועלט
אַריין: דו לעסטערסט, מַחמת איך האָב געזאָגט: איך בין דער בֶּן־
אֱלֹהִים? 37 אויב איך טו ניט די מַעֲשׂים פון מיין פאָטער, טאָ גלויבט מיר
ניט; 38 נאָר אויב איך טו זיי, הַגַם איר גלויבט מיר ניט, גלויבט די
מַעֲשׂים, כּדי איר זאָלט וויסן און פאַרשטיין, אַז דער פאָטער איז אין מיר,
און איך אין דעם פאָטער. 39 און זיי האָבן אים גאָכאַמאָל געזוכט צו
כאַפּן, נאָר ער איז אַנטרונען פון זייער האַנט.
40 און ער איז ווידער אַוועקגעגאַנגען אין עֵבר־הַיַרדן, אין דעם אָרט, וואו
יוֹחָנָן האָט אין אָנהייב געטובֿלט, און ער איז דאָרטן פאַרבליבן. 41 און
אַ סַך זענען צו אים געקומען, און האָבן געזאָגט: יוֹחָנָן האָט ניט געטאָן
קיין שום נס, אָבער אַלצדינג, וואָס יוֹחָנָן האָט געזאָגט פון דעם דאָזיקן
מענטשן, איז געווען אֱמת. 42 און אַ סַך האָבן אין אים דאָרט געגלויבט.
יא און איינער אַ מענטש איז געווען קראַנק, אֶלעָזָר פון בֵּית־הִינִי, פון
דעם דאָרף פון מִרְיָמען און איר שוועסטער מַרתָּא. 2 און געווען איז דאָס
מִריָם, וואָס האָט געזאַלבט דעם האַר מיט זאַלבאייל, און האָט געווישט
זיינע פיס מיט אירע האָר, וועמעס ברודער אֶלעָזָר איז געווען קראַנק.
3 די שוועסטער האָבן דעריבער געשיקט צו אים, אַזוי צו זאָגן: האַר, זע,
דער, וועמען דו האָסט ליב, איז קראַנק. 4 און ווען יֵשוּעַ האָט דאָס
געהערט, האָט ער געזאָגט: די דאָזיקע קראַנקהייט איז ניט צום טויט,
נייערט צום כָּבוד פון גאָט, כּדי דער בֶּן־אֱלֹהִים זאָל דורכדעם
פאַרהערלעכט ווערן.
5 און יֵשוּעַ האָט ליב געהאַט מַרתָּאן און איר שוועסטער און אֶלעָזָרן.
6 און בשָעת ער האָט געהערט, אַז ער איז קראַנק, איז ער פאַרבליבן נאָך
צוויי טעג אין דעם אָרט, וואו ער איז געווען. 7 דערנאָך ערשט האָט ער
געזאָגט צו די תַּלמידים: לאָמיר ווידער גיין קיין יהודה. 8 זאָגן צו אים די
תַּלמידים: רֶבּי, אָט ערשט האָבן די ייִדן דיך גוזוכט צו שטייניקן, און דו
גייסט ווידער אַהין? 9 האָט יֵשוּעַ געענטפערט: צי האָט ניט דער טאָג
צוועלף שָעה? אויב מע גייט בייטאָג, שטרויכלט מע ניט, מַחמת מע זעט
דאָס ליכט פון דער דאָזיקער וועלט. 10 נאָר אויב מע גייט ביינאַכט,
שטרויכלט מע, מַחמת דאָס ליכט איז ניטאָ. 11 אַזוי האָט ער גערעדט,
און דערנאכדעם האָט ער צו זיי געזאָגט: אונדזער פריינט אֶלעָזָר איז
איינַגעשלאָפן; אָבער איך גיי, כּדי איך זאָל

[1] תהלים פב, 6.

אים אויפֿוועקן פֿון שלאָף. 12 האָבן די תּלמידים צו אים געזאָגט: האַר,
אויב ער איז אײַנגעשלאָפֿן, וועט ער געזונט ווערן. 13 און יֵשוּעַ האָט
גערעדט פֿון זײַן טויט, אָבער זיי האָבן געמיינט, אַז ער רעדט פֿון אָפּרוען
זיך אין שלאָף. 14 דעמאָלט האָט יֵשוּעַ זיי בפֵּירוש געזאָגט: אֶלעָזָר איז
געשטאָרבן; 15 און איך פֿריי מיך פֿון אײַערטוועגן, וואָס איך בין דאָרטן
ניט געווען, כּדי איר זאָלט גלויבן; אָבער לאָמיר גיין צו אים. 16 דעמאָלט
האָט תּוֹמָא, (וועמען מען האָט גערופֿן: דִידוּמוּס), געזאָגט צו זײַנע
חַבֵרים־תּלמידים: לאָמיר אויך גיין, כּדי מיר זאָלן שטאַרבן מיט אים.
17 און אַז יֵשוּעַ איז געקומען, האָט ער געפֿונען, אַז ער איז שוין געווען
אין קֶבֶר פֿיר טעג. 18 און בֵּית־הִינִי איז געווען נאָענט פֿון ירושָלַיִם, אַרום
פֿופֿצן סטאַדיעס ווײַט. 19 און אַ סך יִידן זענען געקומען צו מַרתָּאן און
מִרְיָמען, זיי מנַחֵם־אָבֵל זײַן פֿון וועגן זייער ברודער. 20 און בעת מַרתָּא
האָט געהערט, אַז יֵשוּעַ קומט אָן, איז זי אים אַנטקעגנגעגאַנגען; אָבער
מִרְיָם איז געבליבן זיצן אין הויז. 21 און מַרתָּא האָט געזאָגט צו יֵשוּעַן:
האַר, ווען דו וואָלטסט דאָ געווען, וואָלט מײַן ברודער ניט געשטאָרבן.
22 און אַפֿילו איצט ווייס איך, אַז וואָס נאָר דו וועסט בעטן בײַ גאָט, וועט
דיר גאָט געבן. 23 זאָגט יֵשוּעַ צו איר: דײַן ברודער וועט צוריק
אויפֿשטיין. 24 זאָגט צו אים מַרתָּא: איך ווייס, אַז ער וועט ווידער
אויפֿשטיין בײַ תּחִיַת־הַמֵתים אין דעם לעצטן טאָג. 25 האָט יֵשוּעַ צו איר
געזאָגט: איך בין די אויפֿשטייאונג, און דאָס לעבן. דער, וואָס גלויבט
אין מיר, הַגַם ער שטאַרבט, וועט לעבן. 26 און ווער סע טוט לעבן און
גלויבן אין מיר, וועט קיינמאָל ניט שטאַרבן. צי גלויבסטו דאָס? 27 זאָגט
זי צו אים: יאָ האַר; איך גלויב, אַז דו ביסט דער מָשִיחַ, דער בֶּן־אֱלֹהִים,
דער, וואָס דאַרף קומען אין דער וועלט אַרײַן.
28 און אַז זי האָט דאָס געזאָגט, איז זי געגאַנגען און האָט גערופֿן מִרְיָמען
איר שוועסטער, און האָט צו איר שטילערהייט געזאָגט: דער רֶבּי איז
דאָ, און טוט דיך רופֿן. 29 און ווי זי האָט דאָס געהערט, האָט זי זיך גיך
אויפֿגעהויבן, און איז צו אים געגאַנגען. 30 און יֵשוּעַ איז נאָך ניט
געקומען אין דאָרף אַרײַן, נייערט איז נאָך געווען אין דעם אָרט, וואו
מַרתָּא האָט אים באַגעגנט. 31 און די יִידן, וואָס זענען געווען מיט איר אין
דעם הויז, און האָבן זי מנַחֵם־אָבֵל געווען, האָבן געזען אַז מִרְיָם האָט זיך
גיך אויפֿגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען, זענען זיי איר נאָכגעגאַנגען,
ווײַל זיי האָבן געמיינט, אַז זי גייט צום קֶבֶר, כּדי דאָרטן צו וויינען.
32 און בעת מִרְיָם איז אָנגעקומען וואו יֵשוּעַ איז געווען, און האָט אים
געזען, איז זי אַנידערגעפֿאַלן צו זײַנע פֿיס, און האָט צו אים געזאָגט:
האַר, אויב דו וואָלטסט דאָ געווען, וואָלט מײַן ברודער ניט געשטאָרבן.

33 אוּן בעת יֵשוּעַ האָט זי געזען וויינען, און די ייִדן, וואָס זענען מיט איר
געקומען, האָבן אויך געטאָן וויינען, האָט ער געזיפצט אין זיין גייסט,
און האָט זיך מצַער געווען, 34 און געזאָגט: וואו האָט איר אים ועלייגט?
זאָגן זיי צו אים: האַר, קום און זע. 35 און יֵשוּעַ האָט געוויינט. 36 די ייִדן
האָבן דעריבער געזאָגט: זעט ווי ער האָט אים ליב געהאַט! 37 אָבער
טייל פון זיי האָבן געזאָגט: וואָלט ער, וואָס האָט געעפנט די אויגן פון
דעם בלינדן, ניט געקאָנט מאַכן, אַז אויך ער זאָל ניט שטאַרבן?
38 און יֵשוּעַ האָט ווידער אַמאָל געזיפצט אין זיך, און איז געקומען צום
קֶבר; און עס איז געווען אַ הייל, און אַ שטיין איז געלעגן אויף איר.
39 און יֵשוּעַ האָט געזאָגט: נעמט אַוועק דעם שטיין. זאָגט צו אים מַרתָּא,
די שוועסטער פון דעם בַּר־מִינָן: האַר, ער שטינקט שוין, וואָרים ער איז
שוין טויט פיר טעג. 40 זאָגט צו איר יֵשוּעַ: האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז
אויב דו וועסט גלויבן, וועסטו זען דעם כָּבוד פון גאָט? 41 און זיי האָבן
אַוועקגענומען דעם שטיין. און יֵשוּעַ האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און
האָט געזאָגט: פאָטער, איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך געהערט.
42 איך האָב געוואוּסט, אַז דו הערסט מיך תָּמיד; דאָך צוליב דעם פאָלק,
וואָס שטייט אַרום, האָב איך דאָס געזאָגט, כּדי זיי זאָלן גלויבן, אַז דו
האָסט מיך געשיקט. 43 און אַז ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער גערופן
מיט אַ הויך קול: אֶלעָזָר, קום אַרויס. 44 און דער טויטער איז
אַרויסגעקומען, אַרומגעוויקלט הענט און פיס מיט תַּכרִיכים, און זיין
פָּנים איז געווען פאַרבונדן מיט אַ טיכל. און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט:
בינדט אים אויף, און לאָזט אים גיין.
45 און אַ סַך פון די ייִדן, וואָס זענען געקומען צו מִרְיָמען און האָבן געזען
וואָס ער האָט געטאָן, האָבן געגלויבט אין אים. 46 אָבער עטלעכע פון זיי
זענען אַוועקגעגאַנגען צו די פּרוּשים, און האָבן זיי דערציילט, וואָס יֵשוּעַ
האָט געטאָן. 47 די ראָשי־כֹּהֲנים און די פּרוּשים האָבן דעריבער
פאַרזאַמלט דעם סַנהֶדרין, און האָבן געזאָגט: וואָס זאָלן מיר טאָן?
וואָרים דער דאָזיקער מענטש טוט אַ סַך נִסים. 48 אויב מיר לאָזן אים
אַזוי, וועלן אַלע גלויבן אין אים, און די רוימער וועלן קומען און
אַוועקנעמען אונדזער לאַנד און פאָלק. 49 אָבער איינער פון זיי, קַיָפָא,
דער כֹּהן־גָדול אין יענעם יאָר, האָט צו זיי געזאָגט: איר ווייסט בּחֵרֶם
גאָרניט, 50 און איר טוט אויך ניט באַרעכענען, אַז עס איז גלייַכער, אַז
איין מענטש זאָל שטאַרבן פאַר דעם פאָלק, איידער דאָס גאַנצע פאָלק
זאָל אומקומען. 51 און דאָס האָט ער געזאָגט ניט פון זיך אַליין, נייערט
ווייל ער איז אין יענעם יאָר געווען כֹּהן־גָדול, האָט ער נבִיאות געזאָגט,
אַז יֵשוּעַ וועט שטאַרבן

פֿאַר דעם פֿאָלק, 52 און ניט נאָר פֿאַר דעם פֿאָלק אַליין, נייערט כּדי ער
זאָל צונויפֿזאַמלען אינאיינעם די קינדער פֿון גאָט, וואָס זענען צעזייט
און צעשפּרייט. 53 און פֿון יענעם טאָג אָן האָבן זיי זיך עֵצות געהאַלטן,
ווי אים צו טייטן.

54 יֵשוּעַ איז דעריבער מער ניט אַרומגעגאַנגען עפֿנטלעך צווישן די
ייִדן, נייערט האָט אָפּגעקערט פֿון דאָרטן אין אַ געגנט נאָענט צו דער
מִדבּר, אין אַ שטאָט, וואָס האָט געהייסן עֶפֿרַיִם; און דאָרט איז ער
פֿאַרבליבן מיט די תּלמידים. 55 און עס איז געווען נאָענט פֿון דעם
ייִדישן יום־טוב פּֽסח, און אַ סך פֿון דעם לאַנד האָבן אויף פּֽסח עולה־
רֶגל געווען קיין ירושָלַיִם, כּדי זיך צו הייליקן. 56 און זיי האָבן געזוכט
יֵשוּעַן, און האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן, בעת זיי זענען
געשטאַנען אין דעם בֵּית־הַמִקדש: ווי רעכנט איר? ער וועט ניט קומען
אויף יום־טוב? 57 און די ראָשי־כֹּהַנים און די פּרושים האָבן
אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז אויב עמיצער ווייסט וווּ ער איז, זאָל
ער עס צו וויסן געבן, כּדי זיי זאָלן אים קענען כאַפּן.

יב און זעקס טעג פֿאַר פּֽסח איז יֵשוּעַ געקומען קיין בֵּית־הִינִי, וווּ
אֶלעָזָר איז געווען, וועמען יֵשוּעַ האָט מחַיֵה־מֵתים געווען. 2 און זיי
האָבן פֿאַר אים דאָרטן געמאַכט אַ סעודה; און מַרתָּא האָט באַדינט,
און אֶלעָזָר איז געווען איינער פֿון די, וואָס זענען געזעסן מיט אים
בײַם טיש. 3 און מִריָם האָט גענומען אַ פֿונט זייער טייערן זאַלבאייל
פֿון לויטערן נאַרד, און האָט געזאַלבט די פֿיס פֿון יֵשוּעַ, און
אָפּגעווישט זײַנע פֿיס מיט אירע האָר; און דאָס הויז איז געוואָרן פֿול
מיט דעם רֵיחַ פֿון דעם זאַלבאייל. 4 אָבער יהודה אִיש־קְרִיוֹת, איינער
פֿון זײַנע תּלמידים, וואָס האָט אים געזאָלט איבערענטפֿערן, האָט
געזאָגט: 5 פֿאַרוואָס האָט מען דעם דאָזיקן זאַלבאייל ניט פֿאַרקויפֿט
פֿאַר דריי הונדערט דינָרים, און דאָס געגעבן צו די אָרימעלײַט? 6 און
דאָס האָט ער געזאָגט, ניט מַחמת ער האָט געדאַגהט פֿאַר די
אָרעמעלײַט, נייערט ווײַל ער איז געווען אַ גַנב, און אַזוי ווי ער האָט
געהאַט דעם בײַטל, פֿלעגט ער אַרויסנעמען וואָס מען האָט דרינען
אַרײַנגעלייגט. 7 יֵשוּעַ האָט דעריבער געזאָגט: לאָזט זי געמאַך, זאָל זי
עס האַלטן פֿאַר דעם טאָג פֿון מײַן קבורה. 8 וואָרים די אָרעמעלײַט
האָט איר תָּמיד מיט זיך, אָבער מיך האָט איר ניט תָּמיד.

9 און אַ גרויסער עולם ייִדן האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז דאָרטן;
און זיי זענען געקומען, ניט נאָר פֿון יֵשוּעַ וועגן, נייערט אויך כּדי צו
זען אֶלעָזָרן, וועמען ער האָט מחַיֵה־מֵתים געווען. 10 און די ראָשי־
כֹּהַנים האָבן זיך מײַעץ געווען,

אַפילו אֶלעָזָרן אויך צו טייטן, 11 מַחמת אַ סך ייִדן זענען פון
זייַנעטוועגן אַוועקגעגאַנגען, און האָבן געגלויבט אין יֵשוּעַן.
12 אויף מאָרגן, בעת אַ סך פאָלק, וואָס איז געקומען אויף יום־טוב,
האָט געהערט, אַז יֵשוּעַ קומט אָן קיין ירושָלַיִם, 13 האָבן זיי גענומען
צווייַגן פון פּאַלמענביימער, און זענען אַרויסגעגאַנגען אים מקַבל־פָּנים
זייַן, און האָבן אויסגעשריגן: הושַע־נָא! בָּרוּך הַבָּא אין דעם נאָמען
פון גאָט, מֶלך יִשׂרָאל![1] 14 און יֵשוּעַ האָט געפונען אַ יונג אייזל, און
האָט זיך אויף אים אַרויפגעזעצט, ווי סע שטייט געשריבן:
15 האָב ניט קיין מורא, טאָכטער פון צִיון!
זע, דייַן מֶלך קומט,
רייַטנדיק אויף אַ יונגן אייזל.[2]
16 זייַנע תַּלמידים האָבן דאָס לכַתּחִילה ניט פאַרשטאַנען; אָבער
נאָכדעם ווי יֵשוּעַ איז פאַרהערלעכט געוואָרן, אַהבן זיי זיך דערמאָנט,
אַז אַזוי איז וועגן אים געשריבן געוואָרן, און אַזוי האָבן זיי אויך צו
אים געטאָן. 17 און דאָס פאָלק, וואָס איז געווען מיט אים, בעת ער
האָט אֶלעָזָרן אַרויסגערופן פון דעם קֶבר, און אים מחַיֶה־מֵתים געווען,
האָט דערויף עֵדות געזאָגט. 18 און דעריבער איז אים אויך דאָס פאָלק
אַנטקעגנגעגאַנגען, ווייל זיי האָבן געהערט, אַז ער האָט געטאָן דאָס
דאָזיקע נס. 19 די פּרושים האָבן דעריבער געזאָגט איינער צום אַנדערן:
איר זעט, אַז איר קאָנט גאָרניט פועלן, וואָרים אָט גייט אים די גאַנצע
וועלט נאָך.
20 און צווישן יענע, וואָס האָבן עולה־רֶגל געווען אויף יום־טוב תּפִילה
צו טאָן, זענען אויך געווען עטלעכע גריכן. 21 און די דאָזיקע זענען
דעריבער געקומען צו פיליפּוסן, וואָס איז געווען פון בֵּית־צַיִדָה אין
גָליל, און האָבן אים געבעטן, אַזוי צו זאָגן: האַר, מיר וואָלטן וועלן
זען יֵשוּעַן. 22 און פיליפּוס איז געגאַנגען און האָט עס דערציילט
אַנדרייַען, און אַנדריי און פיליפּוס זענען געגאַנגען, און האָבן עס
דערציילט יֵשוּעַן. 23 און יֵשוּעַ האָט זיי געענטפערט: די שָעה האָט
גענענט, אַז דער בֶּן־אָדָם זאָל פאַרהערלעכט ווערן. 24 באמת, באמת,
איך זאָג אייך, סיידן דער קערן ווייץ פאַלט אין דער ערד אַריין און
שטאַרבט, פאַרבלייַבט ער פאַר זיך אַליין: נאָר אויב ער שטאַרבט,
טראָגט ער אַ סך פֵּירות. 25 דער, וואָס האָט ליב זייַן לעבן, פאַרלירט
עס; און דער, וואָס האָט פייַנט זייַן לעבן אין דער דאָזיקער וועלט,
וועט עס באַוואָרענען צום אייביקן לעבן. 26 אויב עמיצער דינט מיר,
לאָז ער מיר נאָכגיין; און וואו איך בין, דאָרט וועט אויך זייַן מייַן
באַדינער. אויב

[1] תהלים קיח, 25-26. [2] זכריה ט, 9.

עמיצער דינט מיר, וועט אים דער פֿאָטער אָנטאָן כּבֿוד.
27 איצט איז מײַן נשמה זיך מצער; און וואָס זאָל איך זאָגן? פֿאָטער,
זײַ מיך מציל פֿון דער דאָזיקער שעה? ניין, צוליב דער דאָזיקער סיבה
בין איך געקומען צו אָט־דער שעה. 28 פֿאָטער, אַכפּער דײַן נאָמען. און
עס איז געקומען אַ קול פֿון הימל אַרויס: איך האָב אים געאַכפּערט,
און וועל אים ווידער אַמאָל אַכפּערן. 29 און דאָס פֿאָלק, וואָס איז
דערבײַ געשטאַנען און האָט עס געהערט, האָט געזאָגט, אַז עס האָט
געדונערט; אַנדערע האָבן געזאָגט: אַ מלאך האָט גערעדט צו אים.
30 און ישוע האָט געענטפֿערט, און געזאָגט: דאָס דאָזיקע קול איז ניט
געקומען צוליב מיר, נייערט צוליב אײַך. 31 איצט איז דער משפּט
איבער דער דאָזיקער וועלט; איצט וועט דער שׂר פֿון דער דאָזיקער
וועלט אַרויסגעוואָרפֿן ווערן. 32 און איך, בעת איך וועל אויפֿגעהויבן
ווערן פֿון דער ערד, וועל איך צוציען צו מיר אַלע מענטשן. 33 דאָס
האָט ער געזאָגט, כּדי מרמז צו זײַן, מיט וואָסער מין טויט ער וועט
שטאַרבן. 34 דאָס פֿאָלק האָט אים דעריבער געענטפֿערט: מיר האָבן
געהערט פֿון דער תּורה, אַז דער משיח באַשטייט אויף אייביק; און
וויאַזוי זאָגסטו: דער בן־אָדם מוז אויפֿגעהויבן ווערן? ווער איז דאָס
דער דאָזיקער בן־אָדם? 35 האָט ישוע צו זיי געזאָגט: נאָך אַ קליינע
ווײַלע איז דאָס ליכט צווישן אײַך. גייט, כּל־זמן איר האָט דאָס ליכט,
כּדי די פֿינצטערניש זאָל אײַך ניט באַפֿאַלן; און דער, וואָס גייט אין
דער פֿינצטערניש, ווייסט ניט וואוהין ער גייט. 36 כּל־זמן איר האָט
דאָס ליכט, גלויבט אין דעם ליכט, כּדי איר זאָלט ווערן קינדער פֿון
ליכט. בעת ישוע האָט דאָס געזאָגט, איז ער אַוועקגעגאַנגען, און האָט
זיך פֿאַרבאָרגן פֿון זיי. 37 אָבער כאָטש ער האָט געטאָן אַזויפֿיל נסים
פֿאַר זייערע אויגן, האָבן זיי דאָך ניט געגלויבט אין אים, 38 כּדי דאָס
וואָרט פֿון ישעיה הנביא זאָל מקוים ווערן, וואָס ער האָט געזאָגט:

האַר, ווער האָט געגלויבט אונדזער הערונג?
און פֿאַר וועמען איז דער אָרעם פֿון גאָט אַנטפּלעקט געוואָרן?[1]

39 צוליב דעם האָבן זיי ניט געקאָנט גלויבן, וואָרים ישעיה האָט ווידער
געזאָגט:

40 ער האָט געמאַכט בלינד זייערע אויגן,
און פֿאַרהאַרטעוועט זייער האַרץ,
טאָמער וועלן זיי זען מיט זייערע אויגן,
און באַנעמען מיט זייער האַרץ,
און תּשובה טאָן,
און איך זאָל זיי היילן.[2]

---

[1] ישעיה נג, 1. [2] ישעיה ו, 9, 10.

41 אָט־דאָס האָט ישַעיָה געזאָגט, מַחמת ער האָט געזען זיין כָּבוד, און ער
האָט גערעדט וועגן אים. 42 פֿונדעסטוועגן האָבן אַ סך פֿון די שׂרים
געגלויבט אין אים, אָבער צוליב די פּרושים האָבן זיי דאָס ניט
מוֹדה געווען, כּדי זיי זאָלן ניט אריינגעלייגט ווערן אין חֵרם; 43 וואָרים
זיי האָבן ליב געהאַט דעם כָּבוד פֿון מענטשן מערער, ווי דעם כָּבוד
פֿון גאָט.
44 און יֵשוּעַ האָט אויסגערופֿן, און געזאָגט: דער, וואָס גלויבט אין מיר,
גלויבט ניט אין מיר, נייערט אין דעם, וואָס האָט מיך געשיקט. 45 און
דער, וואָס זעט מיך, זעט דעם, וואָס האָט מיך געשיקט. 46 איך בּין
געקומען פֿאַר אַ ליכט אין דער וועלט אַריין, כּדי דער, וואָס גלויבט אין
מיר, זאָל ניט בּלייַבּן אין דער פֿינצטערניש. 47 און אויב עמיצער הערט
מיינע רייד, און היט זיי ניט, מִשפּט איך אים ניט; וואָרים איך בּין
געקומען ניט צו מִשפּטן די וועלט, נייערט מַציל צו זיין די וועלט.
48 דער, וואָס פֿאַרוואַרפֿט מיך און איז ניט מקַבּל מיינע רייד, האָט
איינעם, וואָס טוט אים מִשפּטן; דאָס וואָרט, וואָס איך האָב גערעדט,
דאָס דאָזיקע וועט אים מִשפּטן אין דעם לעצטן טאָג. 49 וואָרים איך האָב
גערעדט ניט פֿון מיר אַליין, נייערט דער פֿאָטער, וואָס האָט מיך געשיקט,
האָט מיר געגעבּן אַ געבּאָט, וואָס איך זאָל זאָגן, און וואָס איך זאָל רעדן.
50 און איך ווייס, אַז זיין געבּאָט איז אייבּיק לעבּן. דעריבּער, די רייד, וואָס
איך רעד, רעד איך אַזוי ווי דער פֿאָטער האָט מיר געבּאָטן.
יג און פֿאַר דעם יום־טוֹב פּסח האָט יֵשוּעַ געוואוּסט, אַז זיין שָעה איז
געקומען, אַז ער זאָל אַוועקגיין פֿון דעם עולם־הזה צום פֿאָטער; און ער,
וואָס האָט ליב געהאַט זיינע אייגענע אין דער וועלט, האָט זיי ליב געהאַט
בּיז צום סוֹף. 2 און בּשעת דער סעודה, ווען דער שָׂטן האָט שוין
אַרייַנגעגעבּן אין האַרצן אַריין פֿון יהודה בֶּן־שִמעוֹן איש־קריוֹת, אים
איבּערצוענטפֿערן, 3 הַגַם יֵשוּעַ האָט געוואוּסט, אַז דער פֿאָטער האָט אים
איבּערגעגעבּן אַלצדינג אין זיינע הענט אַריין, און אַז ער איז געקומען פֿון
גאָט, און גייט צו גאָט, 4 איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון טיש, און האָט
אויסגעטאָן זיינע מַלבּושים, און האָט גענומען אַ האַנטוך און האָט זיך
אַרומגעגאַרטלט. 5 דערנאָך האָט ער אַרייַנגעגאָסן וואַסער אין דעם בּעקן,
און האָט אָנגעהויבּן צו וואַשן די פֿיס פֿון די תּלמידים, און זיי
אָפּצואווישן מיט דעם האַנטוך, מיט וועלכן ער איז געווען
אַרומגעגאַרטלט. 6 און ער איז געקומען צו שִמעוֹן פּעטרוסן; זאָגט ער
צו אים: האַר, דו טוסט וואַשן מיינע פֿיס? 7 און יֵשוּעַ האָט געענטפֿערט:
וואָס איך טו, פֿאַרשטייסטו ניט אַצינדערט, אָבער שפּעטער וועסטו
פֿאַרשטיין. 8 און פּעטרוס האָט צו אים געזאָגט: דו זאָלסט מיר קיינמאָל
ניט וואַשן מיינע פֿיס. האָט יֵשוּעַ אים געענטפֿערט: אויבּ

איך וואַש דיך ניט, האָסטו ניט מיט מיר קיין חֵלֶק. 9 זאָגט צו אים
שִמעון פּעטרוס: האַר, ניט נאָר מיינע פיס, נייערט אויך מיינע הענט
און מיין קאָפּ! 10 און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: דער, וואָס האָט זיך
געבאָדן, נייטיקט זיך ניט צו וואַשן, אַחוץ זיינע פיס, מַחמת ער איז
אינגאַנצן ריין. און איר זענט ריין, אָבער ניט אַלע. 11 וואָרים ער האָט
געוואוסט, ווער סע האָט אים געזאָלט איבערענטפערן; דעריבער האָט
ער געזאָגט: איר זענט ניט אַלע ריין.
12 און נאָכדעם ווי ער האָט געוואַשן זייערע פיס, און אָנגעטאָן זיינע
מַלבושים, האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט, און צו זיי געזאָגט:
פאַרשטייט איר, וואָס איך האָב צו אייך געטאָן? 13 איר רופט מיך רֶבּי
און האַר; און איר האָט רעכט, וואָרים איך בין דאָס. 14 בכֵן, אויב איך,
אייער האַר און רֶבּי, האָב געוואַשן אייערע פיס, זענט איר אויך מחויב
צו וואַשן איינער דעם אַנדערנס פיס. 15 וואָרים איך האָב אייך געגעבן
אַ ביישפּיל, כּדי איר זאָלט טאָן, ווי איך האָב צו אייך געטאָן. 16 באמת,
באמת, איך זאָג אייך, אַ קנעכט איז ניט גרעסער פון זיין האַר; אויך
איז אַ שליח ניט גרעסער פון דעם, וואָס האָט אים געשיקט. 17 אויב
איר ווייסט די דאָזיקע זאַכן, איז וואויל אייך, אויב איר טוט זיי. 18 איך
רעד ניט פון אייך אַלע; איך ווייס וועמען איך האָב אויסדערוויילט;
נאָר כּדי דער פּסוק זאָל מקוים ווערן: דער, וואָס עסט מיין ברויט,
האָט אויפגעהויבן קעגן מיר זיין טריט.[1] 19 איך זאָג עס אייך איצט,
איידער סע געשעט, כּדי ווען סע וועט געשען, זאָלט איר גלויבן, אַז
איך בין עס. 20 באמת, באמת, איך זאָג אייך, דער, וואָס איז מקַבּל
וועמען איך שיק, איז מיך מקַבּל: און דער, וואָס איז מיך מקַבּל, איז
מקַבּל דעם, וואָס האָט מיך געשיקט.
21 בעת יֵשוּעַ האָט דאָס געזאָגט: האָט ער זיך מצַער געווען אין דעם
גייסט, און האָט עֵדות געזאָגט: באמת, באמת, איך זאָג אייך, אַז
איינער פון אייך וועט מיך פאַרראַטן. 22 די תַּלמידים האָבן געקוקט
איינער אויף דעם אַנדערן, און זענען געווען ניט זיכער פון וועמען ער
האָט גערעדט. 23 און ביים טיש האָט זיך איינער פון זיינע תַּלמידים,
וועמען יֵשוּעַ האָט ליב געהאַט, אָנגעלענט אויף יֵשוּעס ברוסט. 24 און
שִמעון פּעטרוס האָט צו אים אַ וואונק געטאָן, און געזאָגט: זאָג אונדז,
ווער איז עס, פון וועמען ער רעדט דאָס. 25 און בעת ער איז אַזוי
געליגן אָנגעלענט אויף יֵשוּעס ברוסט, האָט ער צו אים געזאָגט: האַר,
ווער איז עס? 26 האָט יֵשוּעַ געענטפערט: דאָס איז דער, פאַר וועמען
איך וועל איינטונקען דעם ביסן, און דאָס אים געבן. און אַז ער האָט
איינגעטונקען דעם

[1] תהלים מא, 10.

בּיסן, האָט ער אים גענומען און געגעבן צו יהודה בּן־שמעון איש־
קריות. 27 און נאָך דעם בּיסן, איז דער שׂטן אין אים אַריין, און ישוע
האָט צו אים געזאָגט: וואָס דו טוסט, טו געשווינד. 28 און קיינער בּיים
טיש האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס ער האָט דאָס צו אים געזאָגט.
29 וואָרים עטלעכע האָבן געמיינט, אַז אַזוי ווי יהודה האָט געהאַט דעם
בּייטל, האָט ישוע צו אים געזאָגט: קויף איין וואָס מיר האָבן נייטיק
אויף יום־טוב; אָדער, אַז ער זאָל עפּעס געבן די אָרעמעלייט. 30 און
נאָכדעם ווי ער האָט גענומען דעם בּיסן, איז ער תּיכף אַרויסגעגאַנגען;
און עס איז געווען נאַכט.
31 און בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ישוע געזאָגט: איצט איז דער
בּן־אָדם געאַכפּערט, און גאָט איז געאַכפּערט אין אים. 32 און אויב
גאָט איז געאַכפּערט אין אים, וועט אים אויך גאָט אַכפּערן אין זיך, און
טאַקע תּיכף וועט ער אים אַכפּערן. 33 קינדער מיינע, נאָך אַביסל בּין
איך מיט אייך. איר וועט מיך זוכן; און ווי איך האָב געזאָגט צו די
יידן, אַזוי זאָג איך אייך איצט: וואוהין איך גיי, קענט איר ניט קומען.
34 אַ נייע מצווה גיב איך אייך, אַז איר זאָלט ליב האָבן איינער דעם
אַנדערן; אַזוי ווי איך האָב אייך ליב געהאַט, אַזוי זאָלט איר אויך ליב
האָבן איינער דעם אַנדערן. 35 דורך דעם וועלן אַלע דערקענען, אַז איר
זענט מיינע תּלמידים, אויב איר וועט האָבן ליבע איינער צו דעם
אַנדערן.
36 זאָגט צו אים שמעון פּעטרוס: האַר, וואוהין גייסטו? און ישוע האָט
געענטפֿערט: וואוהין איך גיי, קענסטו מיר ניט נאָכגיין אַצינד; אָבער
שפּעטער־צו וועסטו נאָכגיין. 37 זאָגט צו אים פּעטרוס: האַר, פֿאַרוואָס
קאָן איך דיר איצט ניט נאָכגיין? איך וועל מיין לעבן פֿאַר דיר
אַוועקלייגן. 38 האָט ישוע געענטפֿערט: דיין לעבן ווילסטו פֿאַר מיר
אַוועקלייגן? באמת, באמת, איך זאָג דיר: נאָך איידער דער האָן וועט
קרייען, וועסטו מיך דריי מאָל פֿאַרלייקענען.
יד זאָל זיך אייער האַרץ ניט מצער זיין; גלאיבט אין גאָט, און גלויבט
אויך אין מיר. 2 און מיין פֿאָטערס הויז זענען פֿאַראַן אַ סך וואוינונגען;
אויב סע וואָלט אַזוי ניט געווען, וואָלט איך עס אייך געווען געזאָגט;
וואָרים איך גיי אָנבּרייטן פֿאַר אייך אַן אָרט. 3 און בעת איך וועל גיין
און אָנבּרייטן אַן אָרט פֿאַר אייך, וועל איך ווידער קומען, און אייך
נעמען צו מיר, כּדי וואו איך בּין, זאָלט איר אויך זיין. 4 און וואוהין
איך גיי, ווייסט איר,

און איר קענט דעם וועג. 5 זאָגט צו אים תּוֹמאַ: האַר, מיר ווייסן ניט
וואוהין דו גייסט; וויאַזוי זאָלן מיר וויסן דעם וועג? 6 זאָגט צו אים
יֵשוּעַ: איך בּין דער וועג, און דער אֶמת, און דאָס לעבּן; קיינער קומט
ניט צו דעם פֿאָטער, סיידן דורך מיר. 7 אויבּ איר וואָלט מיך געקענט,
וואָלט איר אויך געקענט מיין פֿאַטער; פֿון איצט אָן קענט איר אים,
און האָט אים געזען.
8 זאָגט צו אים פיליפּוס: האַר, ווייז אונדז דעם פֿאַטער, און עס וועט
זיין פֿאַר אונדז גענוג. 9 זאָגט צו אים יֵשוּעַ: אַזאַ לאַנגע צייט בּין איך
געווען מיט אייך, און דו, פיליפּוס, קענסט מיך ניט? דער, וואָס האָט
מיך געזען, האָט געזען דעם פֿאָטער; וויאַזוי קענטסו זאָגן: ווייז אונדז
דעם פֿאָטער? 10 צי גלויבּסטו ניט, אַז איך בּין אין דעם פֿאָטער, און
דער פֿאָטער איז אין מיר? די רייד, וואָס איך זאָג אייך, רעד איך ניט
פֿון מיר אַליין; נייערט דער פֿאָטער, וואָס וואוינט אין מיר, טוט זיינע
מַעשׂים. 11 גלויבּט מיר, אַז איך בּין אין דעם פֿאָטער, און דער פֿאָטער
איז אין מיר; אויבּ ניט סאָ גלויבּט מיר צוליבּ די מַעשׂים אַליין.
12 באמת, באמת, איך זאָג אייך, דער, וואָס גלויבּט אין מיר, וועט אויך
טאָן די מַעשׂים, וואָס איך טו. און גרעסערע מַעשׂים ווי די דאָזיקע
וועט ער טאָן, מַחמת איך גיי צו דעם פֿאָטער. 13 און וואָס איר וועט
בּעטן אין מיין נאָמען, דאָס וועל איך טאָן, כּדי דער פֿאָטער זאָל
געאַכפּערט ווערן אין דעם זון. 14 אויבּ איר וועט מיך עפּעס בּעטן אין
מיין נאָמען, וועל איך עס טאָן.
15 אויבּ איר האָט מיך ליבּ וועט איר אָפּהיטן מיינע מִצוות. 16 און איך
וועל בּעטן דעם פֿאָטער, און ער וועט אייך געבּן אַן אַנדערן
טרייסטער, כּדי ער זאָל זיין מיט אייך אויף אייבּיק, 17 טאַקע דעם
גייסט פֿון אֶמת, וועמען די וועלט קען ניט מַשׂיג זיין, וואָרים זי זעט
אים ניט, און קען אים אויך ניט. איר קענט אים; וואָרים ער רוט בּיי
אייך, און וועט זיין אין אייך.
18 איך וועל אייך ניט לאָזן יתוֹמים; איך וועל קומען צו אייך. 19 נאָך אַ
קליינע וויילע, און די וועלט וועט מיך מער ניט זען, איר אָבּער וועט
מיך זען; מַחמת איך לעבּ, וועט איר אויך לעבּן. 20 אין יענעם טאָג
וועט איר וויסן, אַז איך בּין אין מיין פֿאָטער, און איר זענט אין מיר,
און איך בּין אין אייך. 21 דער, וואָס האָט מיינע מִצוות, און האַלט זיי,
דער איז עס, וואָס האָט מיך ליבּ; און דער, וואָס האָט מיך ליבּ, וועט
זיין געליבּט פֿון מיין פֿאָטער, און איך וועל אים ליבּ האָבּן און וועל
מיך צו אים אַנטפּלעקן. 22 זאָגט צו אים יהודה (ניט אִיש־קרִיוֹת):
האַר, ווי קומט עס, וואָס דו וועסט דיך

אַנטפלעקן צו אונדז, און ניט צו דער וועלט? 23 האָט יֵשוּעַ
געענטפערט, און צו אים געזאָגט: אויב עמיצער האָט מיך ליב, וועט
ער האַלטן מיין וואָרט, און מיין פאָטער וועט אים ליב האָבן, און מיר
וועלן קומען צו אים, און מאַכן ביי אים אונדזער וואוינונג. 24 דער,
וואָס האָט מיך ניט ליב, האלט ניט מיינע ווערטער; און דאָס וואָרט,
וואָס איר הערט, איז ניט מיינס, נייערט דעם פאָטערס, וואָס האָט מיך
געשיקט.
25 דאָס האָב איך אייך געזאָגט, כָּל־זמַן איך בין נאָך מיט אייך. 26 אָבער
דער טרייסטער, דער רוּחַ־הַקוֹדֶש, וועמען דער פאָטער וועט שיקן אין
מיין נאָמען, ער וועט אייך לערנען אַלצדינג, און אייך דערמאָנען אין
אַלץ, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. 27 שָלום לאָז איך איבער מיט אייך;
מיין שָלום גיב איך אייך; ניט ווי סע גיט די וועלט, גיב איך אייך. זאָל
זיך אייער האַרץ ניט מצַער זיין, און זאָל עס אויך ניט מוֹרא האָבן
28 איר האָט געהערט, ווי איך האָב אייך געזאָגט: איך גיי אַוועק, און
איך וועל קומען צו אייך. אויב איר וואָלט מיך ליב געהאַט, וואָלט איר
אייך געפרייט, מַחמת איך גיי צו דעם פאָטער; וואָרים דער פאָטער איז
גרעסער פון מיר. 29 און איצט האָב איך עס אייך געזאָגט, איידער סע
געשעט, כּדי, ווען סע וועט געשען, זאָלט איר גלויבן. 30 איך וועל מער
ניט רעדן מיט אייך קיין סַך: וואָרים דער שַׂר פון דער וועלט קומט אָן.
און ער האָט גאָרניט אין מיר; 31 נאָר כּדי די וועלט זאָל וויסן, אַז איך
האָב ליב דעם פאָטער, און ווי דער פאָטער האָט מיר געבאָטן, אַזוי טו
איך. שטייט אויף, און לאָמיר גיין פונדאַנען.
טו איך בין דער אֶמֶתער וויַינשטאָק, און מיין פאָטער איז דער
וויַינגערטנער. 2 יעדן צווייג אין מיר, וואָס טראָגט ניט קיין פֵּירות,
נעמט ער אַוועק; און יעדן, וואָס טראָגט פֵּירות, רייניקט ער, כּדי ער
זאָל טראָגן מער פֵּירות. 3 איר זענט שוין ריין, דורך דעם וואָרט, וואָס
איך האָב צו אייך גערעדט. 4 בלייבט אין מיר, און איך אין אייך.
אַזוֹיווי דער צווייג קאָן ניט טראָגן קיין פֵּירות פון זיך אַליין, סיידן ער
בלייבט אין דעם וויַינשטאָק, אַזוי קענט איר אויך ניט, סיידן איר
בלייבט אין מיר. 5 איך בין דער וויַינשטאָק, איר זענט די צווייגן. דער,
וואָס בלייבט אין מיר, און איך אין אים, טראָגט אַ סַך פֵּירות; וואָרים
אָן מיר קאָנט איר גאָרניט טאָן. 6 אויב עמיצער בלייבט ניט אין מיר,
ווערט ער אַרויסגעוואָרפן ווי אַ צווייג, און פאַרדאַרט; און מען זאַמלט
זיי איין און מען וואַרפט זיי אין פייער אַריין, און זיי ווערן פאַרברענט.
7 אויב איר בלייבט אין מיר, און מיינע רייד בלייבן אין אייך, מעגט איר
בעטן וואָס איר ווילט, און סע וועט

אייך געטאָן ווערן. 8 אין דעם איז מיין פאָטער געאַכפּערט, אַז איר
זאָלט טראָגן אַ סך פּירות, און זיין מיינע תּלמידים. 9 אַזוי־ווי דער
פאָטער האָט מיך ליב געהאַט, אַזוי האָב איך אייך ליב געהאַט; בלייבט
אין מיין ליבע. 10 אויב איר וועט האַלטן מיינע מִצוות, וועט איר בלייבן
אין מיין ליבע, פּונקט ווי איך האָב געהאַלטן מין פאָטערס מִצוות, און
בלייב אין זיין ליבע. 11 דאָס האָב איך צו אייך גערעדט, כּדי מיין
שׂמחה זאָל זיין אין אייך, און אייער שׂמחה זאָל ווערן פול.
12 דאָס דאָזיקע איז מיין געבאָט, אַז איר זאָלט ליב האָבן איינער דעם
אַנדערן, אַזוי־ווי איך האָב אייך ליב געהאַט. 13 קיין גרעסערע ליבע
האָט ניט קיין מענטש ווי די דאָזיקע, וואָס אַ מענטש איז מַקריב זיין
לעבן פאַר זיינע פריינט. 14 איר זענט מיינע פריינט, אויב איר טוט
דאָס, וואָס איך באַפעל אייך. 15 איך טו אייך מער ניט רופן קיין
קנעכט; וואָרים דער קנעכט ווייסט ניט וואָס זיין האַר טוט; נייערט
איך האָב אייך גערופן פריינט, וואָרים אַלצדינג, וואָס איך האָב
געהערט פון מיין פאַטער, האָב איך אייך געגעבן צו וויסן. 16 ניט איר
האָט מיך אויסדערוויילט, נייערט איך האָב אייך אויסדערוויילט, און
האָב אייך באַשטימט, אַז איר זאָלט גיין און טראָגן פּירות, און אַז
אייערע פּירות זאָלן פאַרבלייַבן; כּדי וואָס איר וועט בעטן דעם פאָטער
אין מיין נאָמען, זאָל ער אייך געבן. 17 דאָס באַפעל איך אייך, כּדי איר
זאָלט ליב האָבן איינער דעם אַנדערן.
18 אויב די וועלט האָט אייך פיינט, טאָ ווייסט, אַז זי האָט מיך פיינט
געהאַט, איידער זי האָט אייך פיינט געהאַט. 19 ווען איר וואָלט געווען
פון דער וועלט, וואָלט די וועלט ליב געהאַט דאָס איריקע; נאָר אַזוי
ווי איר זענט ניט פון דער וועלט, נייערט איך האָב אייך אויסדערוויילט
פון דער וועלט, דערפאַר האָט אייך די וועלט פיינט. 20 געדענקט דאָס
וואָרט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט: אַ קנעכט איז ניט גרעסער פון
זיין האַר. אויב זיי האָבן מיך גערודֶפט, וועלן זיי אייך אויך רודֶפן;
אויב זיי האָבן געהאַלטן מיין וואָרט, וועלן זיי אויך אייערס האַלטן.
21 אָבער דאָס אַלץ וועלן זיי אייך טאָן פון מיין נאָמענוועגן, מַחמת זיי
קענען ניט דעם, וואָס האָט מיך געשיקט. 22 אויב איך וואָלט ניט
געקומען און גערעדט צו זיי, וואָלטן זיי ניט געווען געהאַט קיין זינד;
איצט אָבער האָבן זיי ניט קיין שום אַנטשולדיגונג פאַר זייער זינד.
23 דער, וואָס האָט מיך פיינט, האָט אויך פיינט מיין פאָטער. 24 ווען
איך וואָלט ניט געווען געטאָן צווישן זיי די מַעשׂים, וואָס קיין שום
אַנדערער האָט ניט געטאָן,

וואָלטן זיי ניט געווען געהאַט קיין זינד; אָבער איצט האָבן זיי געזען, און
האָבן פיינט געהאַט סיי מיך און סיי מיין פאָטער. 25 נאָר סע זאָל מקוים
ווערן דאָס וואַרט, וואָס שטייט געשריבן אין זייער תּורה: זיי האָבן מיך
אומזיסט געהאַסט.[1] 26 אָבער בעת דער טרייסטער וועט קומען, וועמען
איך וועל שיקן צו אייך פון דעם פאָטער, דעם גייסט פון אֱמת, וואָס קומט
פון דעם פאָטער, וועט ער עדות זאָגן פונוועגן מיר. 27 און אויך איר זענט
עדות, מַחמת איר זענט געווען מיט מיר פון אָנהייב אָן.
טז דאָס האָב איך צו אייך גערעדט, כּדי איר זאָלט ניט געבראַכט ווערן
צו קיין מִיכשול. 2 זיי וועלן אייך אַזיסשליסן פון קָהל: יאָ, סע קומט אָן
די שָעה, ווען יעדער איינער, וואָס וועט אייך הַרגענען, וועט מיינען,
אַז ער דינט גאָט דערמיט. 3 און דאָס וועלן זיי טאָן, מַחמת זיי האָבן ניט
געקענט דעם פאָטער, און ניט מיך. 4 און דאָס האָב איך גערעדט צו אייך,
כּדי, ווען זייער שָעה וועט קומען, זאָלט איר געדענקען, אַז איך האָב אייך
דאָס געזאָגט.
אין אָנהייב האָב איך עס אייך ניט געזאָגט, מַחמת איך בין געווען מיט
אייך. 5 אָבער איצט גיי איך צו אים, וואָס האָט מיך געשיקט; און קיינער
פון אייך פרעגט מיך ניט: וואוהין גייסטו? 6 אָבער ווייל איך האָב דאָס
גערעדט צו אייך, האָט צַער אָנגעפילט אייער האַרץ. 7 איך זאָג אייך
אָבער דעם אֱמת, עס איז גוט פאַר אייך, אַז איך גיי אַוועק; וואָרים אויב
איך גיי ניט אַוועק, וועט דער טרייסטער ניט קומען צו אייך; נאָר אויב
איך גיי, וועל איך אים שיקן צו אייך. 8 און אַז ער וועט קומען, וועט ער
איבערצייגן די וועלט וועגן זינד, און וועגן צדקה, און וועגן מִשפּט:
9 וועגן זינד, מַחמת זיי גלויבן ניט אין מיר; 10 וועגן צדקה, מַחמת איך גיי
צו דעם פאָטער, און איר וועט מיך מער ניט זען; 11 וועגן מִשפּט, מַחמת
דער שַׂר פון דער דאָזיקער וועלט איז געמִשפּט געוואָרן.
12 איך האָב אייך נאָך אַ סך זאַכן צו זאָגן, נאָר איר קענט זיי איצט ניט
פאַרטראָגן. 13 אָבער בעת דער גייסט פון אֱמת וועט קומען, וועט ער אייך
אַריינפירן אין דעם גאַנצן אֱמת; וואָרים ער וועט ניט רעדן פון זיך אַליין,
נייערט וואָס ער וועט הערן, וועט ער רעדן; און ער וועט אייך אָנזאָגן
דאָס, וואָס דאַרף ערשט קומען. 14 ער וועט מיך פאַרהערלעכן, ווייל ער
וועט נעמען פון מיינעם, און וועט עס אייך דערקלערן. 15 אַלצדינג, וואָס
דער פאָטער האָט, איז מיינס; דעריבער האָב איך געזאָגט, אַז ער וועט
נעמען פון דעם, וואָס איז מיין, און וועט עס אייך דערקלערן.
16 נאָך אַ קליינע וויילע, און איר זעט מיך ניט מער; און ווידער אַ קליינע
וויילע, און איר וועט מיך זען. 17 האָבן עטלעכע פון זיינע תַּלמידים
געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס איז דאָס, וואָס ער זאָגט צו אונדז:

[1] תהלים סט, 4.

נאָך אַ קלײנע ווײלע, און איר זעט מיך ניט; און ווידער אַ קלײנע
ווײלע, און איר וועט מיך זען? און: איך גײ צו דעם פֿאָטער? 18 זײ
האָבן דעריבער געזאָגט: וואָס איז דאָס, וואָס ער זאָגט: אַ קלײנע
ווײלע? מיר פֿאַרשטײען ניט, וואָס ער זאָגט. 19 יֵשוּעַ האָט באַמערקט,
אַז זײ ווילן אים עפּעס פֿרעגן, און ער האָט צו זײ געזאָגט: פֿאָרשט
איר צווישן זיך וועגן דעם, וואָס איך האָב געזאָגט: נאָך אַ קלײנע
ווײלע, און איר זעט מיך ניט, און ווידער אַ קלײנע ווײלע, און איר
וועט מיך זען? 20 באמת, באמת, איך זאָג אײך: איר וועט ווײנען און
קלאָגן, אָבער די וועלט וועט זיך פֿרײען; איר וועט זײן טרויעריק,
אָבער אײער טרויער וועט פֿאַרקערט ווערן צו פֿרײד. 21 אַ פֿרוי, בעת זי
גײט צו קינד, איז אומעטיק, מַחמת איר שָעה האָט גענעענט; אָבער
נאָכדעם ווי זי האָט געבוירן דאָס קינד, געדענקט זי ניט מער די יסורים
פֿונוועגן דער שׂמחה, וואָס אַ מענטש איז געבוירן געוואָרן אויף דער
וועלט. 22 און אַזוי האָט איר אויך איצטער צַער, אָבער איך וועל אײך
ווידער זען, און אײער האַרץ וועט זיך פֿרײען, און אײער שׂמחה וועט
קײנער ניט אַוועקנעמען בײ אײך. 23 און אין יענעם טאָג וועט איר מיך
ניט פֿרעגן קײן קַשיות. באמת, באמת, איך זאָג אײך, אויב איר וועט
עפּעס בעטן בײ דעם פֿאָטער, וועט ער עס אײך געבן אין מײן נאָמען.
24 לְעֵת־עַתּה האָט איר גאָרניט געבעטן אין מײן נאָמען; בעט, און איר
וועט באַקומען, כּדי אײער שׂמחה זאָל זײן פֿול.
25 די דאָזיקע זאַכן האָב איך גערעדט צו אײך אין משָלים; עס קומט אָן
די שָעה, ווען איך וועל מער ניט רעדן צו אײך אין משָלים, נײערט איך
וועל אײך זאָגן אָפֿן וועגן דעם פֿאָטער. 26 אין יענעם טאָג וועט איר
בעטן אין מײן נאָמען; און איך זאָג אײך ניט, אַז איך וועל בעטן דעם
פֿאָטער פֿאַר אײך, 27 וואָרים דער פֿאָטער אַלײן האָט אײך ליב, מַחמת
איר האָט מיך ליב געהאַט, און האָט געגלויבט, אַז איך בין געקומען
פֿון דעם פֿאָטער. 28 איך בין געקומען פֿון דעם פֿאָטער, און בין
געקומען אין דער וועלט אַרײן; און ווידער פֿאַרלאָז איך די וועלט, און
גײ צו דעם פֿאָטער. 29 און זײנע תַּלמידים האָבן געזאָגט: זע, איצט
רעדסטו אָפֿן, און געברויכסט ניט קײן מָשל. 30 איצט ווײסן מיר, אַז דו
ווײסט אַלצדינג, און דאַרפֿסט ניט, אַז עמיצער זאָל דיך פֿרעגן;
דורכדעם גלויבן מיר, אַז דו ביסט געקומען פֿון גאָט. 31 האָט יֵשוּעַ זײ
געענטפֿערט: איצט גלויבט איר? 32 סע טוט קומען די שָעה, יאָ, זי
האָט גענעענט, און איר וועט ווערן צעשפּרײט, איטלעכער צו זײנע
אײגענע, און מיך וועט איר איבערלאָזן

אַליין: אָבער איך בין ניט אַליין, מַחמת דער פֿאָטער איז מיט מיר.
33 דאָס האָב איך גערעדט צו אײַך, כּדי אין מיר זאָלט איר האָבן שָלום.
אין דער וועלט האָט איר צָרות; אָבער זייט געטרייסט, איך האָב מנַצֵחַ
געווען די וועלט.
יז דאָס האָט יֵשוּעַ גערעדט, און ער האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן צום
הימל, און געזאָגט: פֿאָטער, די שָעה האָט גענענט, אַכפֿער דײַן זון,
כּדי דער זון זאָל דיך אַכפֿערן; 2 אַזוי ווי דו האָסט אים געגעבן רשות
איבער יעדן באַשעפֿעניש, כּדי ער זאָל געבן אייביק לעבן צו אַלע,
וועמען דו האָסט אים געגעבן. 3 און דאָס איז דאָס אייביקע לעבן, אַז
זיי זאָלן קענען דיך, דעם איינציק אֶמֶתן גאָט, און יֵשוּעַ הַמָשִיחַן
וועמען דו האָסט געשיקט. 4 איך האָב דיך געאַכפֿערט אויף דער ערד,
מיט דעם וואָס איך האָב פֿאַרענדיקט דאָס ווערק, וואָס דו האָסט מיר
געגעבן צו טאָן. 5 און איצט, פֿאָטער, אַכפֿער דו מיך בײַ דיר, מיט דעם
כָּבוד, וואָס איך האָב געהאַט בײַ דיר, איידער די וועלט איז געוואָרן.
6 איך האָב אַנטפּלעקט דײַן נאָמען צו די מענטשן, וואָס דו האָסט מיר
געגעבן פֿון דער וועלט; זיי זענען געווען דײַנע, און דו האָסט זיי מיר
געגעבן; און זיי האָבן געהיט דײַן וואָרט. 7 איצט ווייסן זיי, אַז
אַלצדינג, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, איז פֿון דיר; 8 וואָרים די רייד,
וואָס דו האָסט מיר געגעבן, האָב איך זיי געגעבן; און זיי האָבן זיי
מקַבל געווען, און האָבן דערקענט אויף אַן אֶמת, אַז איך קום פֿון דיר,
און זיי האָבן געגלויבט, אַז דו האָסט מיך געשיקט.
9 איך בעט פֿאַר זיי; איך בעט ניט פֿאַר דער וועלט, נייערט פֿאַר יענע,
וואָס דו האָסט מיר געגעבן, וואָרים זיי זענען דײַנע; 10 און אַלצדינג,
וואָס איז מײַנס, איז דײַנס, און דײַנס איז מײַנס, און איך בין
געאַכפֿערט אין זיי. 11 און איך בין ניט מער אין דער וועלט, אָבער זיי
זענען אין דער וועלט, און איך קום צו דיר. הייליקער פֿאָטער, באַהיט
זיי אין דײַן נאָמען, יענע, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, כּדי זיי זאָלן זײַן
איינס, אַזוי ווי מיר זענען איינס. 12 כָּל־זמַן איך בין געווען מיט זיי,
האָב איך זיי אָפּגעהיט אין דײַן נאָמען, יענע, וואָס דו האָסט מיר
געגעבן; און איך האָב זיי אָפּגעהיט, און קיין איינציקער פֿון זיי איז
ניט פֿאַרלוירן געגאַנגען, אויסער דער זון פֿון פֿאַרדאַרבונג, כּדי דער
פָּסוק זאָל מקוים ווערן. 13 אָבער איצט קום איך צו דיר; און דאָס רעד
איך אין דער וועלט, כּדי זיי זאָלן האָבן אין זיך מײַן פֿולע שִׂמחה.
14 איך האָב זיי געגעבן דײַן וואָרט; און די וועלט האָט זיי פֿײַנט
געהאַט, מַחמת זיי זענען ניט פֿון דער וועלט, פּונקט ווי איך בין ניט
פֿון דער וועלט. 15 איך בעט ניט, אַז דו זאָלסט זיי אַרויסנעמען פֿון
דער וועלט, נייערט אַז

דו זאָלסט זיי אָפּהיטן פון דעם בייזן. 16 זיי זענען ניט פון דער וועלט,
פונקט ווי איך בין ניט פון דער וועלט. 17 הייליק זיי אין דעם אֶמת;
דיין וואָרט איז אֶמת. 18 אַזוי ווי דו האָסט מיך געשיקט אין דער וועלט
אַריין, פונקט אַזוי האָב איך זיי געשיקט אין דער וועלט אַריין. 19 און
פון זייערטוועגן הייליק איך מיך, כּדי זיי זאָלן אויך געהייליקט זיין אין
דעם אֶמת.
20 און ניט נאָר פאַר די דאָזיקע אַליין בעט איך, נייערט אויך פאַר יענע,
וואָס וועלן גלויבן אין מיר דורך זייער וואָרט, 21 כּדי זיי זאָלן אַלע זיין
איינס; אַזוי ווי דו, פאַטער, ביסט אין מיר, און איך אין דיר, אַז זיי זאָלן
אויך זיין אין אונדז, כּדי די וועלט זאָל גלויבן, אַז דו האָסט מיך
געשיקט. 22 און דעם כָּבוד, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, האָב איך זיי
געגעבן, כּדי זיי זאָלן זיין איינס, אַזוי ווי מיר זענען איינס, 23 איך אין
זיי, און דו אין מיר, כּדי זיי זאָלן ווערן שלֵימותדיק איינס, כּדי די
וועלט זאָל וויסן, אַז דו האָסט מיך געשיקט, און האָסט זיי ליב
געהאַט, אַזוי ווי דו האָסט מיך ליב געהאַט. 24 פאָטער, איך וויל, אַז
אויך די, וועמען דו האָסט מיר געגעבן, זאָלן זיין מיט מיר, וואו איך
בין, כּדי זיי זאָלן קענען זען מיין כָּבוד, וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
וואָרים דו האָסט מיך ליב געהאַט, נאָך פאַר דער גרינדונג פון דער
וועלט. 25 אָ, גערעכטער פאָטער, די וועלט האָט דיך ניט געקענט,
אָבער איך האָב דיך געקענט; און די דאָזיקע ווייסן, אַז דו האָסט מיך
געשיקט. 26 און איך האָב פאַר זיי באַקאַנט געמאַכט דיין נאָמען, און
איך וועל אים באַקאַנט מאַכן, כּדי די ליבע, מיט וועלכער דו האָסט
מיך ליב געהאַט, זאָל זיין אין זיי, און איך אין זיי.
יח און בעת יֵשוּעַ האָט פאַרענדיקט די דאָזיקע רייד, איז ער
אַרויסגעגאַנגען מיט זיינע תַּלמידים אַריבער דעם טייך קִדרוֹן, וואו עס
איז געווען אַ גאָרטן, אין וועלכן ער איז אַריינגעגאַנגען מיט זיינע
תַּלמידים. 2 און אויך יהודה, וואָס האָט אים פאַרראָטן, האָט געקענט
דאָס אָרט; וואָרים יֵשוּעַ איז זיך דאָרט פילמאָל צונויפגעקומען מיט
זיינע תַּלמידים. 3 און יהודה, בעת ער האָט באַקומען דאָס חַיִל און די
באַדינער פון די ראָשי־כּהַנים און די פּרושים, איז אָנגעקומען אַהין מיט
פאַקלען און לאַנטערנס און כּלֵי־זַיִן. 4 און יֵשוּעַ האָט געוואוסט
אַלצדינג, וואָס האָט געדאַרפט קומען איבער אים, און ער איז
אַרויסגעגאַנגען, און האָט צו זיי געזאָגט: וועמען זוכט איר? 5 האָבן
זיי אים געענטפערט: יֵשוּעַ הַנוֹצרי. זאָגט יֵשוּעַ צו זיי: איך בין עס. און
יהודה, וואָס האָט אים פאַרראָטן, איז מיט זיי געשטאַנען. 6 און בעת
ער האָט צו זיי געזאָגט: איך בין עס, זענען זיי אָפּגעטרעטן

הינטערוויילעכץ, און זענען געפאַלן צו דער ערד. 7 און ער האָט זיי
ווידער געפרעגט: וועמען זוכט איר? האָבן זיי געזאָגט: יֵשוּעַ הַנוֹצרי.
8 האָט יֵשוּעַ געענטפערט: איך האָב אייך דאָך געזאָגט, אַז איך בין
דאָס; בכֵן, אויב איר זוכט מיך, לאָזט די דאָזיקע גיין. 9 כּדי סע זאָל
מקוּים ווערן דאָס וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט: פון יענע, וואָס דו
האָסט מיר געגעבן, האָב איך ניט פאַרלוירן קיין איינציקן. 10 און
שִׁמעוֹן פּעטרוּס, וואָס האָט געהאַט אַ שווערד, האָט זי געצויגן, און
האָט אַ זעץ געטאָן דעם כֹּהן־גָדולס קנעכט, און אים אָפּגעהאַקט זיין
רעכטן אויער. און דעם קנעכטס נאָמען איז געווען מַלכּוּס. 11 און יֵשוּעַ
האָט געזאָגט צו פּעטרוּסן: טו אַריין די שווערד אין דער שייֵד; דעם
כּוֹס, וואָס דער פאָטער האָט מיר געגעבן, זאָל איך אים ניט טרינקען?
12 און דאָס חַיִל און דער הויפּטמאַן, און די באַדינער פון די ייִדן, האָבן
געכאַפּט יֵשוּעַן און האָבן אים געבונדן, 13 און האָבן אים קוֹדם געפירט
צו חָנָן, וואָרים ער איז געווען דער שווער פון קַיָפָאן, וואָס איז אין
יענעם יאָר געווען כֹּהן־גָדול. 14 און דאָס איז געווען קַיָפָא, וואָס האָט
געגעבן די ייִדן אַן עֵצה, אַז עס איז גלייַכער, אַז איין מענטש זאָל
שטאַרבן פאַר דעם פאָלק.
15 און שִׁמעוֹן פּעטרוּס איז נאָכגעגאַנגען יֵשוּעַן, און אַזוי האָט געטאָן
אַן אַנדערער תַּלמיד. און דער דאָזיקער תַּלמיד איז געווען באַקאַנט מיט
דעם כֹּהן־גָדול, און איז אַרייַנגעגאַנגען מיט יֵשוּעַן אין דעם הויף פון
דעם כֹּהן־גָדול, 16 בעת פּעטרוּס איז געשטאַנען אין דרויסן ביי דער
טיר. און דער אַנדערער תַּלמיד, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט דעם
כֹּהן־גָדול, איז אַרויסגעגאַנגען און האָט גערעדט מיט דער טיר־
היטערין, און האָט אַרייַנגעבראַכט פּעטרוּסן. 17 און די שיפחה, די טיר־
היטערין, האָט געזאָגט צו פּעטרוּסן: ביסטו ניט אויך איינער פון דעם
מאַנס תַּלמידים? זאָגט ער: איך בין עס ניט. 18 און די קנעכט און זי
באַדינער זענען דאָרט געשטאַנען, און האָבן געמאַכט אַ פייער פון
קוילן, וואָרים עס איז געווען קאַלט, און זיי האָבן זיך געוואַרעמט; און
פּעטרוּס איז אויך געשטאַנען מיט זיי, און האָט זיך געוואַרעמט.
19 און דער כֹּהן־גָדול האָט געפרעגט יֵשוּעַן וועגן זיינע תַּלמידים, און
וועגן זיין לערנונג. 20 האָט יֵשוּעַ אים געענטפערט: איך האָב גערעדט
אָפן פאַר דער וועלט; איך האָב תָּמיד געלערנט אין די שולן, און אין
דעם בֵּית־הַמִקדש, וואו אַלע ייִדן קומען זיך צוזאַמען, און אין
פאַרבאָרגעניש האָב איך גאָרניט גערעדט. 21 פאַרוואָס פרעגסטו מיך?
פרעג די, וואָס האָבן מיך געהערט, וואָס איך האָב גערעדט צו זיי; זע
זיי ווייסן וואָס אַזוינס איך האָב געזאָגט. 22 און אַז ער האָט דאָס
געזאָגט, האָט איינער פון די באַדינער,

וואָס איז געשטאַנען דערבײַ, אַ פּאַטש געגעבן יֵשוּעַן, און געזאָגט: אַזוי
ענטפערסטו דעם כֹּהן־גָדול? 23 האָט אים יֵשוּעַ געענטפערט: אויב איך האָב
גערעדט שלעכטס, זאָג עֵדות פונוועגן דעם שלעכטס; נאָר אויב רעכט,
פאַרוואָס שלאָגסטו מיך? 24 און חָנָן האָט אים געשיקט געבונדן צו קַיָפָאן,
דעם כֹּהן־גָדול.
25 און שִמעון פּעטרוס איז געשטאַנען און האָט זיך געוואַרעמט. און זיי האָבן
צו אים געזאָגט: ביסטו ניט אויך איינער פון זיינע תַּלמידים? און ער האָט
געלייקנט, און געזאָגט: איך בין עס ניט. 26 זאָגט איינער פון דעם כֹּהן־גָדולס
קנעכט, וואָס איז געווען אַ קָרוב פון דעם, וועמען פּעטרוס האָט אָפּגעהאַקט
דאָס אויער: האָב איך דיך ניט געזען מיט אים אין גאָרטן? 27 און פּעטרוס האָט
ווידער געלייקנט; און תֵּיכף האָט דער האָן געקריי֮ט.
28 און זיי האָבן יֵשוּעַן געפירט פון קַיָפָאן אין דעם געריכטהויף אַריין; און עס
איז געווען באַגינען. און זיי אַליין זענען ניט אַרײַנגעגאַנגען אין דעם
פּרעטאָריום, כּדי זיי זאָלן זיך ניט מטַמא זיין, נייערט זאָלן קענען עסן דעם
קָרבן־פֶּסַח. 29 און פּילאַטוס איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי, און האָט געזאָגט:
וואָסערע באַשולדיקונג ברענגט איר קעגן דעם דאָזיקן מאַן? 30 האָבן זיי
געענטפערט, און צו אים געזאָגט: ווען דער דאָזיקער וואָלט ניט געטאָן קיין
שלעכטס, וואָלטן מיר אים ניט געווען געבּרענגט צו דיר. 31 פּילאַטוס האָט
דעריבער צו זיי געזאָגט: נעמט איר אים, און מִשפּט אים לויט אייער תּוֹרה. און
די יִידן האָבן צו אים געזאָגט: מיר האָבן ניט קיין רשות צו טייטן אַ מענטשן;
32 (כּדי סע זאָל מקוים ווערן דאָס וואָרט פון יֵשוּעַן, וואָס ער האָט גערעדט,
בעת ער האָט מרַמֵז געווען מיט וואָסער מִין טויט ער וועט שטאַרבן).
33 פּילאַטוס איז דעריבער ווידער אַרײַנגעגאַנגען אין דעם פּרעטאָריום אַריין,
און האָט גערופן יֵשוּעַן, און צו אים געזאָגט: ביסטו דער מֶלך פון די יִידן?
34 און יֵשוּעַ האָט געענטפערט: טוסטו דאָס זאָגן פון דיר אַליין, אָדער האָבן
דיר דאָס אַנדערע געזאָגט פונוועגן מיר? 35 האָט פּילאַטוס געענטפערט: בין
איך אַ יִיד? דיין אייגן פאָלק און די ראָשי־כֹּהַנים האָבן דיך געבּרענגט צו מיר;
וואָס האָסטו געטאָן? 36 האָט יֵשוּעַ געענטפערט: מיין מַלכות איז ניט פון דער
דאָזיקער וועלט; אויב מיין מַלכות וואָלט געווען פון דער דאָזיקער וועלט,
וואָלטן מיינע באַדינער געקעמפט, אַז איך זאָל ניט איבערגעענטפערט ווערן
צו די יִידן; איצט אָבער איז מיין מַלכות ניט פונדאַנען. 37 פּילאַטוס האָט
דעריבער צו אים געזאָגט: הייסט עס, דו ביסט טאַקע אַ מֶלך? און יֵשוּעַ האָט
געענטפערט: דו זאָגטס, אַז איך בין אַ מֶלך. צוליב דעם בין איך געבוירן
געוואָרן, און צוליב דעם בין איך געקומען אין דער וועלט אַריין, כּדי איך זאָל
עֵדות זאָגן פאַר דעם אֶמת. יעדער איינער, וואָס איז פון דעם אֶמת, הערט מיין
קוֹל. 38 זאָגט צו אים פּילאַטוס: וואָס איז דער אֶמת?
און נאָכדעם ווי

ער האָט דאָס געזאָגט, איז ערווידער אַרויסגעגאַנגען צו די ייִדן, און
האָט צו זיי געזאָגט: איך געפֿין ניט אין אים קיין שום שולד. 39 אָבער
ביי אייך איז פֿאַראַן אַ מִנהג, אַז איך זאָל אייך פֿריי לאָזן איינעם אויף
פֵּסח; ווילט איר דעריבער, אַז איך זאָל אייך פֿריי לאָזן דעם מֶלך פֿון
די ייִדן? 40 זיי האָבן דעריבער ווידער אויסגעשריגן, אַזוי צו זאָגן: ניט
דעם דאָזיקן, נייערט בַּר־אַבָּאן! און בַּר־אַבָּא איז געווען אַ גַזלן.
יט דעמאָלט האָט פּילאַטוס גענומען יֵשוּעַן, און האָט אים געלאָזט
אויספּייַטשן. 2 און די זעלנער האָבן אויסגעפֿלאָכטן אַ קרוין פֿון
דערנער, און זי אַרויפֿגעזעצט אויף זיין קאָפּ, און אים באַקליידט אין אַ
פּורפּור מאַנטל. 3 און זיי האָבן גענעענט צו אים, און געזאָגט: שָלום
דיר, מֶלך פֿון די ייִדן! און זיי האָבן אים געפּאַטשט מיט זייערע הענט.
4 און פּילאַטוס איז ווידער אַרויסגעגאַנגען, און האָט צו זיי געזאָגט:
אָט פֿיר איך אים אַרויס צו אייך, כּדי איר זאָלט וויסן, אַז איך געפֿין
ניט אין אים קיין שום שולד. 5 און יֵשוּעַ איז אַרויסגעקומען, און האָט
געטראָגן די קרוין פֿון דערנער און דעם פּורפּור מאַנטל. און פּילאַטוס
האָט צו זיי געזאָגט: אָט איז דער מענטש! 6 און אַז די ראָשי־כֹּהַנים
און די באַדינער האָבן אים געזען, האָבן זיי אויסגעשריגן: קרייציק
אים, קרייציק אים! זאָגט צו זיי פּילאַטוס: נעמט איר אים און
קרייציקט אים, וואָרים איך געפֿין ניט אין אים קיין שום שולד. 7 האָבן
אים די ייִדן געענטפֿערט: מיר האָבן אַ תּוֹרה, און לויט דער תּוֹרה איז
ער חַייב־מִיתה, מַחמת ער האָט זיך אַליין געמאַכט פֿאַר דעם בֶּן־אֱלֹהִים.
8 און ווען פּילאַטוס האָט דאָס געהערט, האָט ער נאָך מער מוֹרא
באַקומען, 9 און ער איז ווידער אַרייַנגעגאַנגען אין דעם פּרעטאָריום
אַריין, און האָט געזאָגט צו יֵשוּעַן: פֿונוואַנען ביסטו? אָבער ישוּעַ האָט
אים ניט געגעבן קיין תּשובה. 10 פּילאַטוס האָט דעריבער צו אים
געזאָגט: צו מיר טוסטו ניט רעדן? ווייסטו ניט, אַז איך האָב רשות דיך
פֿריי צו לאָזן, און רשות דיך צו קרייציקן? 11 און יֵשוּעַ האָט אים
געענטפֿערט: דו וואָלטסט ניט געהאַט קיין מאַכט איבער מיר, אויב זי
וואָלט דיר ניט געגעבן געוואָרן פֿון אויבן; דעריבער האָט דער, וואָס
האָט מיך איבערגעענטפֿערט צו דיר, אַ גרעסערע זינד.
12 פֿון דעמאָלט אָן האָט פּילאַטוס געזוכט אים פֿריי צו לאָזן; אָבער די
ייִדן האָבן אויסגעשריגן, אַזוי צו זאָגן: אויב דו לאָזסט פֿריי דעם
דאָזיקן מאַן, ביסטו ניט דעם קֵיסרס פֿריינט; יעדער איינער, וואָס
מאַכט זיך אַליין פֿאַר אַ מֶלך, איז מוֹרֵד־בּמַלכות. 13 און ווען פּילאַטוס
האָט געהערט די דאָזיקע רייד, האָט ער אַרויסגעבראַכט יֵשוּעַן, און
האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם כִּסֵא־הַמִשפּט, אויף דעם פּלאַץ,
וואָס הייסט

ליתאָסטרוֹטאָן, און אויף לָשון־קוֹדֶש, גַבּתָא. 14 און עס איז געווען
עֶרֶב־פֶּסַח, אַרום דער זעקסטער שָעה. און ער האָט געזאָגט צו די ייִדן:
אָט איז אייער מֶלך! 15 און זיי האָבן געשריגן: אַוועק מיט אים, אַוועק
מיט אים, קרייציק אים! זאָגט צו זיי פּילאַטוס: זאָל איך קרייציקן
אייער מֶלך? און די ראָשי־כֹּהֲנים האָבן געענטפערט: מיר האָבן ניט
קיין מֶלך, אַחוץ דעם קֵיסר. 16 דעמאָלט האָט ער אים איבערגעגעבן צו
זיי, געקרייציקט צו ווערן.
17 זיי האָבן דעריבער גענומען יֵשוּעַן. און ער האָט אַליין געטראָגן זיין
קרייץ, און ער איז אַרויסגעגאַנגען צו דעם פּלאַץ, וואָס האָט געהייסן
דער שײַדל־פּלאַץ, און אויף לָשון־קוֹדֶש הייסט ער גָלגָלתָּא. 18 דאָרטן
האָבן זיי אים געקרייציקט, און מיט אים צוויי אַנדערע, אויף יעדער
זייט איינעם, און יֵשוּעַן אין דער מיט. 19 און פּילאַטוס האָט אויך
אָנגעשריבן אַן אויפשריפט, און האָט זי אַרויפגעטאָן אויף דעם קרייץ;
און דאָרט איז געשטאַנען: יֵשוּעַ הַנוֹצרי, דער מֶלך פון די ייִדן. 20 די
דאָזיקע אויפשריפט האָבן געלייענט אַ סַך ייִדן, וואָרים דער פּלאַץ,
וואו יֵשוּעַ איז געקרייציקט געוואָרן, איז געווען נאָענט פון דער
שטאָט; און דאָס איז געווען געשריבן אויף לָשון־קוֹדֶש, לאַטייַניש, און
אין גריכיש. 21 און די ראָשי־כֹּהֲנים פון די ייִדן האָבן געזאָגט צו
פּילאַטוסן: שרייב ניט: דער מֶלך פון די ייִדן, נייערט אַז ער האָט
געזאָגט: איך בין דער מֶלך פון די ייִדן. 22 און פּילאַטוס האָט
געענטפערט: וואָס איך האָב געשריבן, האָב איך געשריבן.
23 און די זעלנער, בעת זיי האָבן יֵשוּעַן געקרייציקט, האָבן גענומען
זיינע מַלבּושים און געמאַכט פיר חֲלָקים, פאַר יעדן זעלנער אַ חֵלֶק,
און אויך זיין ראָק. און דער ראָק איז געווען אָן אַ נאָט, געוועבט פון
אויבן דורך און דורך. 24 זיי האָבן דעריבער געזאָגט איינער צום
אַנדערן: לאָמיר אים ניט צערייסן, נייערט וואַרפן גוֹרל אויף אים,
וועמעס ער זאָל זיין; כּדי דער פָּסוק זאָל מקוים ווערן:

זיי האָבן צעטיילט מיינע בְּגָדים צווישן זיך;
און איבער מיין געוואַנט האָבן זיי געוואָרפן גוֹרל.[1]

25 און אַזוי האָבן די זעלנער געטאָן; און ביי דעם צלָב פון יֵשוּעַן זענען
געשטאַנען זיין מוטער, און זיין מוטערס שוועסטער, מִריָם דאָס ווייב
פון קלוֹפּסן, און מִריָם פון מַגדָלָה. 26 און בעת יֵשוּעַ האָט געזען זיין
מוטער, און דעם תַּלמיד, וועמען ער האָט ליב געהאַט, שטיין דערביי,
האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער: אִשה, אָט איז דיין זון! 27 דערנאָך
האָט ער געזאָגט צו דעם תַּלמיד: אָט איז דיין מוטער! און פון יענער
שָעה אָן האָט דער תַּלמיד זי גענומען צו זיך.

[1] תהלים כב, 19.

28 און נאָכדעם האָט יֵשוּעַ, ווייל ער האָט געוואוּסט, אַז אַלצדינג איז
שוין פֿאַרענדיקט, און כּדי דער פּסוק זאָל מקוים ווערן, האָט ער
געזאָגט: איך בין דאָרשטיק. 29 און דאָרט איז געשטאַנען אַ כּלי פֿול
מיט עסיק; און זיי האָבן אַרויפֿגעטאָן אַ שוואָם פֿול מיט עסיק אויף אַן
אֵזוֹב־שטענגל, און עס דערלאַנגט צו זיין מויל.[1] 30 און אַז יֵשוּעַ האָט
גענומען דעם עסיק, האָט ער געזאָגט: עס איז געענדיקט; און ער האָט
געבויגט זיין קאָפּ, און אויסגעהויכט די נשמה.
31 און מַחמת עס איז געווען עֶרֶב־שַבּת, און כּדי די גופֿים זאָלן ניט
פֿאַרבלייַבן אויפֿן קרייץ איבער שַבּת (וואָרים יענער שַבּת איז געווען אַ
גרויסער טאָג), האָבן די ייִדן געבעטן בײַ פּילאַטוסן, אַז מען זאָל
צעברעכן זייערע פּיס, און אַוועקנעמען. 32 און די זעלנער זענען
געקומען, און האָבן צעבראָכן די פּיס פֿון דעם ערשטן, און פֿון דעם
אַנדערן, וואָס איז מיט אים געקרייציקט געוואָרן; 33 אָבער ווען זיי
זענען געקומען צו יֵשוּעַן, און האָבן געזען, אַז ער איז שוין טויט,
האָבן זיי ניט צעבראָכן זיינע פּיס. 34 אָבער איינער פֿון די זעלנער האָט
מיט אַ שפּיז געשטאָכן זיין זייט, און עס איז תּיכף אַרויסגעקומען בלוט
און וואַסער. 35 און דער, וואָס האָט עס געזען, האָט עֵדות געזאָגט –
און זיין עֵדות איז אֱמת, און ער ווייסט, אַז ער זאָגט אֱמת – כּדי אויך
איר זאָלט גלויבן. 36 וואָרים דאָס איז געשען, כּדי דער פּסוק זאָל
מקוים ווערן: קיין ביין פֿון אים זאָל ניט ווערן צעבראָכן.[2] 37 און
ווידער זאָגט אַן אַנדערער פּסוק: זיי וועלן קוקן אויף אים, וועמען זיי
האָבן געשטאָכן.[3]
38 און נאָכדעם האָט יוֹסף פֿון רָמָתַיִם, וואָס איז געווען אַ
פֿאַרבאָרגענער תּלמיד פֿון יֵשוּעַן, אויס מוֹרא פֿאַר די ייִדן, געבעטן
בײַ פּילאַטוסן, אַז ער זאָל מעגן אַוועקנעמען יֵשוּעס גוף, און פּילאַטוס
האָט אים געגעבן דערלויבעניש. ער איז דעריבער געקומען, און האָט
אַוועקגענומען זיין גוף. 39 און אויך נַקדימון, וואָס איז קוֹדם צו אים
געקומען ביינאַכט, איז געקומען און האָט געבראַכט אַ מישונג פֿון
מירע און אַלאָען, אַן עֶרך פֿון הונדערט פֿונט. 40 און זיי האָבן גענומען
דעם גוף פֿון יֵשוּעַן און האָבן אים איינגעוויקלט אין תּכריכים צוזאַמען
מיט די בשָׂמים, ווי עס איז דער מִנהג בײַ ייִדן מקַבר צו זיין. 41 און אין
דעם אָרט, וואו ער איז געקרייציקט געוואָרן, איז געווען אַ גאָרטן, און
אין דעם גאָרטן אַ נייער קֶבר, וואָס אין אים איז נאָך קיינער ניט
געלייגט געוואָרן. 42 און מַחמת עס איז שוין געווען עֶרֶב־שַבּת בײַ ייִדן,
און דער קֶבר איז געווען נאָענט, האָבן זיי דאָרטן אַריינגעלייגט יֵשוּעַן.

[1] תהלים סט, 22. [2] שמות יב, 46. [3] זכריה יב, 10.

כ און אויף דעם ערשטן טאָג נאָך דעם שַׁבָּת, בשעת עס איז נאָך געווען
טונקל, איז מִרְיָם פון מַגדָלָה געקומען צום קֶבר, און האָט געזען, אַז
דער שטיין איז אַוועקגענומען געוואָרן פון דעם קיבר. 2 און זי איז
געלאָפן, און איז געקומען צו שִׁמעוֹן פּעטרוסן און צו דעם אַנדערן
תַּלמיד, וועמען יֵשוּעַ האָט ליב געהאַט, און האָט צו זיי געזאָגט: זיי
האָבן אַוועקגענומען דעם האַר פון דעם קֶבר, און מיר ווייסן ניט וואו
זיי האָבן אים געלייגט. 3 און פּעטרוס איז אַרויסגעגאַנגען, און דער
אַנדערער תַּלמיד, און זיי זענען געגאַנגען צום קֶבר. 4 און זיי זענען
ביידע געלאָפן צוזאַמען, און דער אַנדערער תַּלמיד איז איבערגעלאָפן
פּעטרוסן, און איז אָנגעקומען פריער צום קֶבר. 5 און אַז ער האָט זיך
איינגעבויגן און אַרייַנגעקוקט, האָט ער געזען די תַּכרִיכים ליגן; אָבער
ער איז ניט אַרייַנגעגאַנגען. 6 דערנאָך איז שִׁמעוֹן פּעטרוס אָנגעקומען
נאָך אים, און ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין דעם קֶבר אַריין; און ער האָט
געזען די תַּכרִיכים ליגן, 7 און דאָס טיכל, וואָס איז געווען אויף זיין
קאָפּ, איז ניט געלעגן מיט די תַּכרִיכים, נייערט צונויפגעוויקלט אין אַ
פּלאַץ באַזונדער. 8 און דערנאָך איז אַרייַנגעגאַנגען אויך דער אַנדערער
תַּלמיד, וואָס איז פריער געקומען צום קֶבר, און ער האָט געזען, און
געגלויבט. 9 וואָרים זיי האָבן נאָך ניט פאַרשטאַנען דעם פָּסוק, אַז ער
מוז אויפשטיין תּחִיַת־הַמֵתים. 10 און די תַּלמידים זענען דעריבער
ווידער אַוועק צו זיך אַהיים.
11 אָבער מִרְיָם איז געשטאַנען אין דרויסן ביים קֶבר און האָט געוויינט.
און, ווי זי האָט געוויינט, האָט זי זיך איינגעבויגן און האָט
אַרייַנגעקוקט אין דעם קֶבר; 12 און זי האָט געזען צוויי מַלאָכים אין
ווייַסן זיצן, וואו דער גוף פון יֵשוּעַן איז געלעגן, איינער צוקאָפּנס, און
איינער צופוסנס. 13 און זיי האָבן צו איר געזאָגט: אִשה, פאַרוואָס
וויינסטו? זאָגט זי צו זיי: מַחמת זיי האָבן אַוועקגענומען מיין האַר,
און איך ווייס ניט, וואו זיי האָבן אים געלייגט. 14 און בעת זי האָט
דאָס געזאָגט, האָט זי זיך אויסגעדרייט, און געזען יֵשוּעַן שטיין, אָבער
זי האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז יֵשוּעַ. 15 זאָגט צו איר יֵשוּעַ: אִשה,
פאַרוואָס וויינסטו? וועמען זוכסטו? און מַחמת זי האָט אים
אָנגענומען פאַר דעם גערטנער, האָט זי צו אים געזאָגט: האַר, אויב דו
האָסט אים אַוועקגעטראָגן, זאָג מיר, וואו דו האָסט אים געלייגט, און
איך וועל אים אַוועקנעמען. 16 זאָגט צו איר יֵשוּעַ: מִרְיָם! און זי האָט
זיך אויסגעדרייט, און צו אים געזאָגט אויף לָשון־קוֹדֶש: רִבּוֹני, וואָס
מיינט צו זאָגן: לערער. 17 זאָגט יֵשוּעַ צו איר: ריר מיך ניט אָן, וואָרים
איך בין נאָך ניט

אַרויפֿגעגאַנגען צוּ דעם פֿאָטער; נייערט גיי צוּ מיינע בּרידער, אוּן זאָג
זיי: איך גיי אַרויף צוּ מיין פֿאָטער אוּן אייער פֿאָטער, אוּן צוּ מיין גאָט
אוּן אייער גאָט. 18 אוּן מרָים פוּן מַגדאָלה איז געגאַנגען אוּן האָט
דערציילט די תּלמידים: איך האָבּ געזען דעם האַר; אוּן אַז ער האָט צוּ
איר געזאָגט די דאָזיקע זאַכן.

19 אוּן אין אָוונט פוּן יענעם טאָג, דעם ערשטן טאָג נאָך דעם שַׁבָּת,
בּעת די טירן זענען געווען פֿאַרשלאָסן, וואוּ די תּלמידים זענען געווען,
אויס מוֹרא פֿאַר די ייִדן, איז יֵשוּעַ געקוּמען אוּן איז געשטאַנען צווישן
זיי, אוּן האָט צוּ זיי געזאָגט: שָׁלום־עֲלֵיכֶם! 20 אוּן בּעת ער האָט דאָס
געזאָגט, האָט ער זיי געוויזן זיינע הענט אוּן זיין זייט. אוּן די תּלמידים
האָבּן זיך געפֿרייט, בּעת זיי האָבּן געזען דעם האַר. 21 אוּן יֵשוּעַ האָט
נאָכאַמאָל צוּ זיי געזאָגט: שָׁלום־עֲלֵיכֶם! אַזויווי דער פֿאָטער האָט מיך
געשיקט, פּוּנקט אַזוי שיק איך אייך. 22 אוּן אַז ער האָט דאָס געזאָגט,
האָט ער אַ הויך געטאָן אויף זיי, אוּן צוּ זיי געזאָגט: זייט מקַבּל דעם
רוּחַ־הַקוֹדֶש. 23 וועמעס זינד איר זענט מוֹחל, פֿאַר די זענען זיי
פֿאַרגעבּן; וועמעס זינד איר פֿאַרהאַלט, זענען זיי פֿאַרהאַלטן.

24 אוּן תּוֹמָא, איינער פוּן די צוועלף, וועמען מען האָט גערוּפֿן: דער
צווילינג, איז ניט געווען מיט זיי, בּעת יֵשוּעַ איז געקוּמען. 25 די
אַנדערע תּלמידים האָבּן דעריבּער געזאָגט צוּ אים: מיר האָבּן געזען
דעם האַר. ער אָבּער האָט צוּ זיי געזאָגט: סיידן איך וועל זען דעם
סִימן פוּן די נעגל אין זיינע הענט, אוּן אַריינטאָן מיין פֿינגער אין דעם
סִימן פוּן די נעגל, אוּן אַריינטאָן מיין האַנט אין זיין זייט, וועל איך ניט
גלויבּן.

26 אוּן אין אַכט טעג אַרוּם זענען זיינע תּלמידים ווידער געווען אין דעם
הויז, אוּן תּוֹמָא איז געווען מיט זיי. אוּן בּעת די טירן זענען געווען
פֿאַרשלאָסן, איז יֵשוּעַ געקוּמען אוּן איז געשטאַנען צווישן זיי, אוּן
האָט געזאָגט: שָׁלום־עֲלֵיכֶם! 27 דערנאָך האָט ער געזאָגט צוּ תּוֹמָאן:
שטרעק אויס אַהער דיין פֿינגער, אוּן זע מיינע הענט; אוּן שטרעק אויס
דיין האַנט, אוּן טוּ זי אַריין אין מיין זייט; אוּן זיי ניט אוּמגלויבּיק,
נייערט גלויבּיק. 28 האָט תּוֹמָא געענטפֿערט, אוּן צוּ אים געזאָגט: מיין
האַר אוּן מיין גאָט! 29 זאָגט צוּ אים יֵשוּעַ: ווייל דוּ האָסט מיך געזען,
האָסטוּ געגלויבּט? וואויל איז די, וואָס האָבּן ניט געזען, אוּן דאָך
האָבּן זיי געגלויבּט.

30 אוּן נאָך אַ סַך אַנדערע נִסים האָט יֵשוּעַ געטאָן פֿאַר די תּלמידים,
וואָס זענען ניט פֿאַרשריבּן אין דעם דאָזיקן סֵפר. 31 אָבּער די דאָזיקע
זענען פֿאַרשריבּן, כּדי איר זאָלט גלויבּן, אַז יֵשוּעַ איז דער מָשִׁיחַ, דער
בֶּן־אֱלֹהִים, אוּן אַז גלויבּנדיק זאָלט איר האָבּן לעבּן אין זיין נאָמען.

כא און נאָכדעם האָט זיך יֵשוּעַ ווידער אַנטפלעקט צו די תַלמידים בײַ
דעם יַם פון טְבֶרְיָה; און ער האָט זיך אַנטפלעקט אויף דעם דאָזיקן
אופן: 2 עס זענען געווען צוזאַמען שִמעון פעטרוס און תוֹמָא, וועמען
מען האָט גערופן דידומוס, און נתַנאֵל פון קָנָה אין גָליל, און זַבדיס
זין, און נאָך צוויי אַנדערע פון זײַנע תַלמידים. 3 זאָגט שִמעון פעטרוס
צו זיי: איך גיי כאַפן פיש. זאָגן זיי צו אים: מיר גייען אויך מיט דיר.
און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען און זענען אַרײַן אינם שיפל; און יענע
נאַכט האָבן זיי גאָרניט געכאַפט.
4 און בעת סע האָט שוין גענומען טאָגן, איז יֵשוּעַ געשטאַנען בײַם
ברעג; אָבער די תַלמידים האָבן ניט געוווּסט, אַז דאָס איז יֵשוּעַ. 5 און
יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: קינדער, האָט איר עפעס צו עסן? האָבן זיי
אים געענטפערט: ניין. 6 און ער האָט צו זיי געזאָגט: וואַרפט די נעץ
אויף דער רעכטער זײַט פונם שיפל, און איר וועט געפינען. זיי האָבן
אַרײַנגעוואָרפן, און האָבן זי ניט געקענט אַרויסציִען צוליב די פיל פיש.
7 און יענער תַלמיד, וועמען יֵשוּעַ האָט ליב געהאַט, האָט געזאָגט צו
פעטרוסן: דאָס איז דער האַר! און אַז שִמעון פעטרוס האָט געהערט,
אַז דאָס איז דער האַר, האָט ער אײַנגעוויקלט זײַן אײַנהיל אַרום זיך –
וואָרים ער איז געווען נאַקעט – און האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן אין יַם
אַרײַן. 8 אָבער די אַנדערע תַלמידים זענען געקומען אינם שיפל, וואָרים
זיי זענען געווען ניט ווײַט פון דער יַבָּשה, נײַערט אַן עֶרֶך פון צוויי
הונדערט איילן ווײַט, און האָבן געשלעפט די נעץ פול מיט פיש.
9 און אַז זיי זענען אַרויס אויף דער יַבָּשה, האָבן זיי געזען אַ פײַער פון
קוילן, און פיש ליגן אויף אים, און מַצה. 10 זאָגט צו זיי יֵשוּעַ: ברענגט
אַהער פון די פיש, וואָס איר האָט איצט געכאַפט. 11 און שִמעון
פעטרוס איז אַרויפגעגאַנגען, און האָט אַרויסגעצויגן די נעץ אויף דער
יַבָּשה, פול מיט גרויסע פיש, הונדערט דרײַ און פופציק; און חִנָם עס
זענען געווען אַזויפיל, איז די נעץ ניט צעריסן געוואָרן. 12 זאָגט צו זיי
יֵשוּעַ: קומט און בײַסט איבער. און קיינער פון די תַלמידים האָט זיך
ניט דערוועגט צו פרעגן בײַ אים: ווער ביסטו? וואָרים זיי האָבן
געוווּסט, אַז דאָס איז דער האַר. 13 און יֵשוּעַ האָט גענענט און
גענומען די מַצה, און זי זיי געגעבן, און אַזוי אויך די פיש. 14 דאָס איז
שוין דאָס דריטע מאָל, וואָס יֵשוּעַ האָט זיך אַנטפלעקט צו די
תַלמידים, נאָכדעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען תחִיַת־הַמֵתים.
15 און אַז זיי האָבן געהאַט איבערגעביסן, זאָגט יֵשוּעַ צו שִמעון
פעטרוסן:

שִׁמעון בַּר־יוֹנָה, האָסטוּ מיך מער ליבֿ ווי די דאָזיקע? זאָגט ער צוּ אים
יאָ, האַר; דוּ ווייסט, אַז איך האָבֿ דיך ליבֿ. זאָגט ער צוּ אים: פּיטער
מיינע לעמער. 16 זאָגט ער ווידער צוּ אים אַ צווייט מאָל: שִׁמעון בַּר־
יוֹנָה, האָסטוּ מיך ליבֿ? זאָגט ער צוּ אים: יאָ, האַר; דוּ ווייסט, אַז איך
האָבֿ דיך ליבֿ. זאָגט ער צוּ אים: היט מיינע שאָף. 17 זאָגט ער צוּ אים
דאָס דריטע מאָל: שִׁמעון בַּר־יוֹנָה, האָסטוּ מיך ליבֿ? פּעטרוּס האָט זיך
מצַער געווען, מַחמת ער האָט צוּ אים געזאָגט דאָס דריטע מאָל:
האָסטוּ מיך ליבֿ? און ער האָט צוּ אים געזאָגט: האַר, דוּ ווייסט
אַלצדינג; דוּ ווייסט, אַז איך האָבֿ דיך ליבֿ. זאָגט צוּ אים יֵשוּעַ: פּיטער
מיינע שאָף. 18 באמת, באמת, איך זאָג דיר, בעת דוּ ביסט געווען יוּנג,
האָסטוּ דיך אָנגעגוּרט, און ביסט געגאַנגען וואוּהין דוּ האָסט געוואָלט;
אָבער בעת דוּ וועסט זיין אַלט, וועסטוּ אויסשטרעקן דיינע הענט, און
אַן אַנדערער וועט דיך אָנגוּרטן און פירן, וואוּהין דוּ ווילסט ניט.
19 און דאָס האָט ער גערעדט, כּדי מרַמֵז צוּ זיין מיט וואָסער מִין טויט
ער וועט אַכפּערן גאָט. און נאָך די דאָזיקע רייד, האָט ער צוּ אים
געזאָגט: גיי מיר נאָך.
20 און פּעטרוּס האָט זיך אויסגעדרייט, און געזען דעם תַּלמיד נאָכגיין,
וועמען יֵשוּעַ האָט ליבֿ געהאַט, וואָס האָט זיך אויך ביי דער סעוּדה
אָנגעלענט אויף זיין בּרוּסט, און ער האָט געזאָגט: האַר, ווער איז דער,
וואָס טוּט דיך איבערענטפערן? 21 און אַז פּעטרוּס האָט אים געזען,
האָט ער געזאָגט צוּ יֵשוּעַן: האַר, און וואָס איז מכּוֹחַ אים? 22 זאָגט צוּ
אים יֵשוּעַ: אויבֿ איך וויל, אַז ער זאָל פאַרבלייַבן, ביז איך קוּם, וואָס
גייט דאָס דיך אָן? דוּ גיי מיר נאָך. 23 און דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיך
פאַרשפּרייט צווישן די בּרידער, אַז יענער תַּלמיד וועט ניט שטאַרבן;
אָבער יֵשוּעַ האָט ניט געזאָגט צוּ אים, אַז ער וועט ניט שטאַרבן,
נייערט: אויבֿ איך וויל, אַז ער זאָל פאַרבלייַבן ביז איך קוּם, וואָס גייט
דאָס דיך אָן?
24 דאָס איז דער תַּלמיד, וואָס זאָגט עֵדות אויף די דאָזיקע זאַכן, און
וואָס האָט דאָס פאַרשריבן; און מיר ווייסן, אַז זיין עֵדות איז אֶמת.
25 און עס זענען אויך פאַראַן אַ סַך אַנדערע זאַכן, וואָס יֵשוּעַ האָט
געטאָן; און וואָלט מען זיי אַלע באַזוּנדער פאַרשריבן, מיין איך, אַז
אַפילוּ די גאַנצע וועלט וואָלט ניט געקענט אַריינַנעמען די ספָרים, וואָס
וואָלטן אָנגעשריבן געוואָרן.

די מַעשׂים פוּן די שלִיחים

א אין דעם ערשטן סֵפר, אָ טעאָפילוס, האָב איך געשריבן פוּנוועגן
אַלץ, וואָס יֵשוּעַ האָט אָנגעהויבן צוּ טאָן און צוּ לערנען, 2 ביז דעם
טאָג, אין וועלכן ער איז אַרויפגענוּמען געוואָרן, נאָכדעם ווי ער האָט
דוּרך דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש געגעבן געבאָט צוּ די שלִיחים, וועמען ער האָט
אויסדערוויילט; 3 צוּ וועמען ער האָט זיך אויך אַנטפּלעקט אַ
לעבעדיקער נאָך זיינע יִסוּרים דוּרך אַ סַך באַווייזן, בעת ער האָט זיך צוּ
זיי באַוויזן אין מֶשך פוּן פערציק טעג, און האָט גערעדט צוּ זיי
פוּנוועגן דעם מַלכות פוּן גאָט. 4 און בעת ער איז מיט זיי געווען
פאַרזאַמלט אינאיינעם, האָט ער זיי באַפוילן ניט אָפּצוקערן פוּן
ירוּשָלַיִם, נייערט צוּ וואַרטן אויף דער הַבטָחה פוּן דעם פאָטער, פוּן
וואָס, האָט ער געזאָגט, איר האָט געהערט פוּן מיר; 5 וואָרים יוֹחָנָן
האָט געטוֹבלט מיט וואַסער, אָבער איר וועט געטוֹבלט ווערן מיט דעם
רוּחַ־הַקוֹדֶש בקָרוב, נאָך די דאָזיקע טעג.

6 דעריבער, בעת זיי זענען זיך צוּזאַמענגעקוּמען, האָבן זיי אים
געפרעגט, אַזוי צוּ זאָגן: האַר, וועסטוּ אין דער איצטיקער צייט ווידער
אויפריכטן דאָס מַלכות צוּ יִשׂרָאֵל? 7 און ער האָט צוּ זיי געזאָגט: עס
איז ניט פאַר אייך צוּ וויסן די צייטן, אָדער זמַנים, וואָס דער פאָטער
האָט באַשטימט אין זיין אייגענעם רשוּת. 8 אָבער איר וועט קריגן
גבוּרה, ווען דער רוּחַ־הַקוֹדֶש וועט קוּמען אויף אייך; און איר וועט
זיין מיינע עֵדוּת אין ירוּשָלַיִם, און אין גאַנץ יהוּדה, און אין שוֹמרוֹן,
און ביז צוּם סוֹף פוּן דער ערד. 9 און בעת ער האָט דאָס געזאָגט, איז
ער פאַר זייערע אויגן אַרויפגענוּמען געוואָרן; און אַ וואָלקן האָט אים
צוּגענוּמען פוּן זייערע אויגן. 10 און בשַעת זיי האָבן געקוּקט גלייך צוּם
הימל ווי ער איז אַרויפגעגאַנגען, ערשט צוויי מענטשן זענען
געשטאַנען לעבן זיי אין ווייסע קליידער, 11 און האָבן געזאָגט: איר
מענטשן פוּן גָליל, פאַרוואָס שטייט איר און קוּקט צוּם הימל? דער
דאָזיקער יֵשוּעַ, וואָס איז אַרויפגענוּמען געוואָרן פוּן אייך אין הימל
אַריין, וועט קוּמען אויף אַזאַ אוֹפן, ווי איר האָט אים געזען גיין אין
הימל אַריין.

12 דעמאָלט האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין ירושָלַיִם פֿון דעם באַרג,
וואָס הייסט הַר־הַזֵיתים, וואָס איז נאָענט פֿון ירושָלַיִם, אַ גאַנג פֿון אַ
תּחום־שַׁבּת. 13 און בעת זיי זענען אַרײַנגעקומען, זענען זיי
אַרויפֿגעגאַנגען אין דעם אויבערשטן חֵדר אַרײַן, וואו זיי זענען
אײַנגעשטאַנען: פּעטרוס און יוֹחָנָן, און יַעקֹב און אַנדריי, פֿיליפּוס און
תּוֹמָא, בַּר־תַּלמַי און מַתּיָא, יַעקֹב בֶּן־חַלפַי, און שִׁמעוֹן דער קַנָאי, און
יהודה בֶּן־יַעקֹב. 14 די אַלע האָבן אינאיינעם כּסֵדר פֿאַרבראַכט אין
תּפֿילה טאָן, מיט די ווײַבער, און מִריָם, די מוטער פֿון יֵשוּעַן, און מיט
זײַנע ברידער.

15 און אין די דאָזיקע טעג איז פּעטרוס אויפֿגעשטאַנען אין דער מיט
פֿון די ברידער (און די צאָל פֿון די פֿאַרזאַמלטע איז געווען אַן עֶרֶך פֿון
הונדערט און צוואַנציק מענטשן), און האָט געזאָגט: 16 ברידער, עס
איז געווען נייטיק אַז דער פָּסוק זאָל מקוים ווערן, פֿון וואָס דער רוּחַ־
הַקוֹדֶש האָט פֿאָרויסגעזאָגט דורך דעם מויל פֿון דָוִדן וועגן יהודהן,
וואָס איז געווען דער אָנפֿירער פֿון די, וואָס האָבן געפֿאַנגען גענומען
יֵשוּעַן;[1] 17 וואָרים ער איז געווען געציילט צווישן אונדז, און האָט
מקַבל געווען זײַן חֵלֶק אין דער דאָזיקער עֲבוֹדה. 18 און ער האָט זיך
געקויפֿט אַ פֿעלד מיט דעם שׂכַר פֿון זײַן רִשעות; און ער איז געפֿאַלן
אויפֿן קאָפּ, און האָט געפּלאַצט אין צווייען, און אַלע זײַנע אינגעווייֵדן
זענען אויסגעגאָסן געוואָרן. 19 און דאָס איז באַקאַנט געוואָרן פֿאַר
אַלע באַוואוינער פֿון ירושָלַיִם, אַזוי, אַז אין זייער לָשון איז דאָס פֿעלד
גערופֿן געוואָרן חֲקַל־דְמָא, וואָס איז טײַטש: דאָס פֿעלד פֿון בלוט.
20 וואָרים סע שטייט געשריבן אין דעם סֵפֿר תּהִלים:

זאָל זײַן יִשוב ווערן פֿאַרוויסט,
און זאָל קיינער דערין ניט וואוינער,
און זײַן אָרט זאָל אַן אַנדערער פֿאַרנעמען.[2]

21 דעריבער מוז איינער פֿון די מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען מיט
אונדז די גאַנצע צײַט, בעת דער האַר יֵשוּעַ איז אַרײַנגעגאַנגען און
אַרויסגעגאַנגען צווישן אונדז, 22 אָנהייבנדיק פֿון יוֹחָנָנס טבִילה, ביז
דעם טאָג, ווען ער איז פֿון אונדז אַרויפֿגענומען געוואָרן, -פֿון די
דאָזיקע מוז איינער ווערן מיט אונדז אַן עֵדות פֿון זײַן תּחִיַת־הַמֵתים.
23 און זיי האָבן אויפֿגעשטעלט צוויי: יוֹספֿן, וועמען מען האָט גערופֿן
בַּר־שַׁבָּא, און וואָס האָט געהאַט דעם צונאָמען יוסטוס, און מַתּיָא.
24 און זיי האָבן מִתפַּלֵל געווען און געזאָגט: דו, האַר, וואָס ווייסט די
הערצער פֿון אַלע מענטשן, ווײַז אָן פֿון די דאָזיקע צוויי דעם, וועמען
דו האָסט

[1] תהלים מא, 10. [2] תהלים סט, 26; קט, 8.

אויסדערוויילט 25 צו פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון דער דאָזיקער עֲבוֹדה
און שליחות, פֿון וועלכער יהודה איז אָפּגעפֿאַלן, כּדי ער זאָל גיין צו
זיין אייגענעם אָרט. 26 און זיי האָבן געוואָרפֿן גוֹרל פֿונוועגן זיי, און
דער גוֹרל איז געפֿאַלן אויף מַתִּיָאן; און ער איז געציילט געוואָרן מיט
די עלף שליחים.

ב און בעת די זיבן שַׁבָּתים זענען דערפֿילט געוואָרן אין דעם טאָג פֿון
שבֿועות, זענען זיי געווען אַלע צוזאַמען אין איין אָרט. 2 און פּלוצים
איז געקומען פֿון הימל אַ רַעש ווי דאָס יאָגן פֿון אַ שטאַרקן ווינט, און
ער האָט אָנגעפֿילט דאָס גאַנצע הויז, וואו זיי זענען געזעסן. 3 און עס
האָבן זיך באַוויזן צו זיי צונגען אַזוֹיווי פֿון פֿייער, וואָס האָבן זיך
פֿונאַנדערגעטיילט, און זיי האָבן זיך געזעצט אויף יעדן איינעם פֿון
זיי. 4 און זיי זענען אַלע געוואָרן אָנגעפֿילט מיט דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, און
האָבן אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַנדערע לשוֹנות, ווי דער גייסט האָט זיי
געגעבן צו רעדן.

5 און עס האָבן געוואוינט אין ירוּשָׁלַיִם ייִדן, יִרְאֵי־שָׁמַיִם, פֿון יעדער
אוּמה אונטערן הימל. 6 און ווען דער דאָזיקער רַעש איז געהערט
געוואָרן, איז דאָס פֿאָלק זיך צוזאַמענגעלאָפֿן, און איז פֿאַרטומלט
געוואָרן, מַחמת יעדער האָט זיי געהערט רעדן אין זיין אייגענעם לָשון.
7 און זיי זענען אַלע נִבהל און נִשתּוֹמם געוואָרן, און האָבן געזאָגט:
זענען ניט אָט־די אַלע, וואָס רעדן, גָלִילֵער? 8 און וויאַזוי הערן מיר
זיי, איטלעכן אין אונדזער אייגענעם לָשון, אין וועלכן מיר זענען
געבוירן געוואָרן? 9 די פֿון פָּרַס און מָדַי, און עֵילָמער, און די
באַוואוינער פֿון אֲרַם־נַהֲרַיִם, פֿון יהוּדה און קאַפּאַדאָקיע, פֿון פּאָנטוּס
און אַזיע, 10 פֿון פֿריגיע און פּאַמפֿיליע, פֿון מִצרַיִם און די קאַנטן פֿון
ליביע אַרום קוּריני, און די באַזוכער, פֿון רוים, ייִדן און גֵרים,
11 קרעטער און אַראַבער, מיר הערן זיי רעדן אין אונדזערע לשוֹנות די
גרויסע מַעשׂים פֿון גאָט. 12 און זיי זענען אַלע נִבהל און נִשתּוֹמם
געוואָרן, און האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס באַטייַט דאָס
דאָזיקע? 13 נאָר אַנדערע האָבן געשפּעט, און געזאָגט: זיי זענען פֿול
מיט זיסן וויין.

14 אָבער פּעטרוס האָט זיך אויפֿגעשטעלט מיט די עלף, און האָט
אויפֿגעהויבן זיין קוֹל, און צו זיי געזאָגט: מענטשן פֿון יהוּדה, און איר
אַלע, וואָס וואוינט אין ירוּשָׁלַיִם, זייט וויסן אָט־וואָס, און פֿאַרנעמט
מיינע רייד. 15 וואָרים די דאָזיקע זענען ניט שִׁיכּור, ווי איר מיינט,
מַחמת עס איז ערשט די דריטע שָׁעה פֿון טאָג; 16 נאָר דאָס דאָזיקע איז
דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן דורך יוֹאֵל הַנָביא:

17 און עס וועט זײַן אין די לעצטע טעג, זאָגט גאָט,
ווער איך אויסגיסן מײַן גייסט אויף איטלעכן בָּשָׂר,
און אײַערע זין און אײַערע טעכטער וועלן נבֿיאות זאָגן,
און אײַערע בָּחורים וועלן זען חזיונות,
און אײַערע זקֵנים וועלן חָלומען חֲלומות;
18 און אויך אויף מײַנע קנעכט און אויף מײַנע דינסטן
וועל איך אויסגיסן מײַן גייסט אין יענע טעג;
און זיי וועלן נבֿיאות זאָגן.
19 און איך וועל ווײַזן מופֿתים אויבן אין הימל,
און צייכנס אונטן אויף דער ערד,
בלוט, און פֿײַער, און זײַלן רויך.
20 די זון וועט פֿאַרקערט ווערן אין פֿינצטערניש,
און די לבֿנה אין בלוט, איידער עס קומט אָן דער טאָג פֿון גאָט,
דער גרויסער און מורֶאדיקער טאָג.
21 און עס וועט זײַן,
אַז ווער סע וועט רופֿן דעם נאָמען פֿון גאָט,
וועט ניצול ווערן.[1]
22 מענטשן פֿון ישׂראל, הערט אויס די דאָזיקע רייד: ישוּעַ הנוֹצרי, אַ
מענטש, באַוויליקט פֿון גאָט פֿאַר אײַך דורך גבֿורות, און נסים
וְנִפלאָוֹת, וואָס גאָט האָט געטאָן דורך אים אין אײַער מיט, ווי איר
ווייסט אַליין. 23 דעם דאָזיקן ישוּעַן, וואָס איז איבערגעענטפֿערט
געוואָרן דורך דער באַשלאָסענער עצה און פֿריערדיק וויסן פֿון גאָט,
האָט איר, דורך דער האַנט פֿון רשָעים, געקרייציקט און געהרגעט.
24 אָבער גאָט האָט אים אויפֿגעוועקט, נאָכדעם ווי ער האָט
אויפֿגעלייזט די יסורים פֿון טויט, מַחמת עס איז ניט געווען
מעגלעך, אַז ער זאָל פֿון אים געהאַלטן ווערן. 25 וואָרים דָוִד זאָגט
פֿונוועגן אים:
איך האָב תָּמיד געזען גאָט פֿאַר מיר,
וואָרים ער איז בײַ מײַן רעכטער האַנט, כּדי איך זאָל ניט פֿאַלן;
26 דעריבער איז מײַן האַרץ געווען פֿריילעך,
און מײַן צונג האָט זיך געפֿרייט;
און מײַן לײַב וועט אויך רוען אין זיכערקייט;

[1] יוֹאל ג, 1-5.

27 וואָרים דו וועסט ניט לאָזן מיין נֶפֶש אין שאול,
דו וועסט אויך ניט געבן דיין הייליקן צו זען פֿאַרדאַרבונג.
28 דו האָסט מיר באקאנט געמאַכט די וועגן פֿון לעבן,
דו וועסט מיך זאַט מאַכן מיט פֿרייד פֿאַר דיין פָּנִים.[1]
29 ברידער, איך קאָן אייך זאָגן אָפֿן פֿונוועגן דעם ראֹש־הָאָבות דָוִד, אַז
ער איז געשטאָרבן, און מע האָט אים באַגראָבן, און זיין קֶבר איז מיט
אונדז ביז אויף היינטיקן טאָג. 30 אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אַ נָביא,
און האָט געוואוסט, אַז גאָט האָט אים צוגעשוואוירן מיט אַ שבועה,
אַז פֿון דער פֿרוכט פֿון זיינע לענדן וועט ער זעצן איינעם אויף זיין
טראָן,[2] 31 האָט ער פֿאָרויסגעזען און גערעדט פֿון דעם מָשִיחַס תְּחִיַת־
הַמֵתִים, אַז ער וועט ניט איבערגעלאָזט ווערן אין שאול, און אויך וועט
זיין פֿלייש ניט זען קיין פֿאַרדאַרבונג. 32 דעם דאָזיקן יֵשוּעַ האָט גאָט
אויפֿגעוועקט, פֿון וואָס מיר אַלע זענען עֵדות. 33 דעריבער, ווייל ער
איז דערהויבן צו דער רעכטער האַנט פֿון גאָט, און ווייל ער האָט
מקַבל געווען פֿון דעם פֿאָטער די הַבטָחה פֿון דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, האָט
ער אויסגעגאָסן דאָס, וואָס איר זעט און הערט. 34 וואָרים דָוִד איז ניט
אַרויף אין הימל אַריין, נייערט ער זאָגט אַליין:
גאָט האָט געזאָגט צו מיין האַר:
זעץ דיך ביי מיין רעכטער האַנט,
35 ביז איך וועל מאַכן דיינע פֿיינט
אַ פֿוסבענקל פֿאַר דיינע פֿיס.[3]
36 זאָל דעריבער דאָס גאַנצע הויז פֿון יִשׂרָאל וויסן אויף זיכער, אַז גאָט
האָט געמאַכט דעם דאָזיקן יֵשוּעַ, וועמען איר האָט איבערגעענטפֿערט
געקרייציקט צו ווערן, פֿאַר אַ האַר און מָשִיחַ.
37 און ווי זיי האָבן דאָס געהערט, האָט עס זיי געשטאָכן אין האַרצן,
און זיי האָבן געזאָגט צו פּעטרוסן און די איבעריקע פֿון די שלִיחים:
ברידער, וואָס זאָלן מיר טאָן? 38 און פּעטרוס האָט צו זיי געזאָגט:
טוט תּשובה, און זאָל יעדער פֿון אייך געטוֹבלט ווערן אין דעם נאָמען
פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ פֿאַר דער פֿאַרגעבונג פֿון אייערע זינד; און איר וועט
באַקומען די מַתָּנה פֿון דעם רוּהַ־הַקוֹדֶש. 39 וואָרים פֿאַר אייך איז די
הַבטָחה, און פֿאַר אייערע קינדער, און פֿאַר אַלע, וואָס זענען פֿון
ווייטן, וואָס גאָט, אונדזער גאָט, וועט רופֿן צו זיך. 40 און מיט אַ סַך
אַנדערע רייד האָט ער עֵדות געזאָגט און זיי מַזהיר געווען, אַזוי צו
זאָגן: זייט

[1] תהלים טז, 8-11. [2] תהלים פט, 4, 5; שמואל ב׳ ז, 12, 13. [3] תהלים קי, 1.

אייך מַציל פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרקרומטן דור. 41 און די, וואָס האָבן
אָנגענומען זיין וואָרט, זענען געטובלט געוואָרן, און עס זענען
צוגעקומען יענעם טאָג אַרום דריי טויזנט נשָמות. 42 און זיי האָבן זיך
געהאַלטן פֿעסט אין דער לערנונג פֿון די שלִיחים און אין זייער
חַברותא, אין דעם בּרעכן פֿון בּרויט און אין תּפִילות.
43 און אַן אֵימה איז געפֿאַלן אויף יעדר נשָמָה, און אַ סַך נִסים וְנִפלָאות
זענען געשען דורך די שלִיחים. 44 און אַלע, וואָס האָבן געגלויבּט,
זענען געווען צוזאַמען, און האָבן אַלצדינג געהאַט בּשותּפות; 45 און זיי
האָבן פֿאַרקויפֿט זייער האָבּ און גוטס, און האָבן עס צעטיילט צו
אַלעמען, לויט איטלעכנס בּאַדערפֿעניש. 46 און פֿון טאָג צו טאָג זענען
זיי געווען בּאַשטענדיק מיט איין געמיט אין דעם בֵּית־הַמִקדש, און זיי
האָבן געבּראָכן בּרויט אין די הייזער, און האָבן געגעסן זייער שפּייז
מיט פֿריילעכקייט און מיט אַן ערלעך האַרץ. 47 און זיי האָבן געלויבּט
גאָט, און האָבן געפֿונען חֵן בּיים גאַנצן פֿאָלק. און דער האַר האָט
פֿארמערט פֿון טאָג צו טאָג יענע, וואָס זענען נִיצול געוואָרן.
ג און פּעטרוס און יוחָנָן זענען צוזאַמען אַרויפֿגעגאַנגען אין דעם בֵּית־
הַמִקדש אַריין צו תּפִילת־מִנחה, אין דער ניינטער שָעה. 2 און איינער אַ
מענטש, וואָס איז געווען לאָם פֿון זיין מוטערס טראַכט אָן, איז
געטראָגן געוואָרן, און מע האָט אים יעדן טאָג געלייגט בּיים טויער פֿון
דעם בֵּית־הַמִקדש, וואָס האָט געהייסן דער שיינער טויער, צו בּעטן
נדָבות בּיי די, וואָס זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם בֵּית־הַמִקדש. 3 און
אַז ער האָט געזען פּעטרוסן און יוחָנָן האַלטן אין אַרייַנגיין אין דעם
בֵּית־הַמִקדש, האָט ער געבּעטן אַ נדָבה. 4 און פּעטרוס און יוחָנָן האָבן
אים שאַרף אָנגעקוקט, און געזאָגט: קוק אויף אונדז. 5 און ער האָט זיי
בּאַטראַכט, און געהאָפֿט עפּעס צו בּאַקומען פֿון זיי. 6 אָבער פּעטרוס
האָט געזאָגט: זילבּער און גאָלד האָבּ איך ניט, נאָר וואָס איך האָבּ, גיב
איך דיר: אין דעם נאָמען פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ פֿון נצֶרת, שטיי אויף און
גיי. 7 און ער האָט אים אָנגענומען בּיי דער רעכטער האַנט, און האָט
אים אויפֿגעשטעלט; און תֵּיכּף זענען זיינע פֿיס און קנעכלעך
געשטאַרקט געוואָרן. 8 און ער איז אויפֿגעשפּרונגען און איז
געשטאַנען, און האָט אָנגעהויבּן צו גיין; און ער איז אַריַינגעגאַנגען
מיט זיי אין דעם בֵּית־הַמִקדש, איז געגאַנגען און געשפּרונגען, און
האָט געלויבּט גאָט. 9 און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט אים געזען גיין און
לויבּן גאָט. 10 און זיי האָבן דערקענט און אים, אַז דאָס איז דער, וואָס
איז געזעסן און געבּעטן נדָבות בּיים שיינעם טויער פֿון דעם בֵּית־
הַמִקדש; און זיי זענען געוואָרן פֿול מיט שטוינען און פֿאַרוואונדערונג
איבּער דעם, וואָס איז מיט אים געשען.

11 און בעת ער האָט זיך געהאַלטן צו פּעטרוסן און יוֹחָנָן, איז זיך דאָס
גאַנצע פאָלק צוזאַמענגעלאָפן צו זיי אין דעם פּאָליש, וואָס האָט
געהייסן שלמהס פּאָליש, און זיי האָבן זיך שטאַרק געחידושט. 12 און
אַז פּעטרוס האָט דאָס געזען, האָט ער זיך אָפּגערופן צום פאָלק: איר
מענטשן פון ישׂראל, וואָס חידושט איר זיך איבער דעם דאָזיקן,
אָדער וואָס קוקט איר אונדז אַזוי אָן, גלייך ווי מיר וואָלטן
דורך אונדזער אייגענעם כּוח אָדער פרומקייט אים געמאַכט גיין?
13 דער גאָט פון אַברָהם, און פון יצחָק, און פון יעקב, דער גאָט פון
אונדזערע אָבות האָט געאַכפּערט זיין קנעכט ישוע, וועמען איר האָט
איבערגעענטפערט, און פאַרלייקנט פאַר פּילאַטוסן, ווען ער האָט
בדעה געהאַט אים צו לאָזן פריי. 14 איר אָבער האָט פאַרלייקנט דעם
קדוש און צדיק, און האָט געבעטן, מע זאָל אייך באַווייליקן אַ רוצח,
15 און האָט לאָזן טייטן דעם שׂר פון לעבן, וועמען גאָט האָט
מחיה־מתים געווען; פון וואָס מיר זענען עדות. 16 און דורך דער
אמונה אין זיין נאָמען, האָט זיין נאָמען דעם דאָזיקן מענטשן, וועמען
איר זעט און קענט, שטאַרק געמאַכט; און די אמונה, וואָס קומט
דורך אים, האָט אים געגעבן די דאָזיקע רפואה־שלימה פאַר אייער
אַלעמענס אויגן.
17 און איצט, ברידער, איך ווייס, אַז איר האָט דאָס געטאָן
אומוויסנדיק, פּונקט ווי אייערע שׂרים. 18 אָבער וואָס גאָט האָט
פאָרויסגעזאָגט דורך דעם מויל פון אַלע נביאים, אַז זיין מָשיח וועט
ליידן, האָט ער אַזוי אַרום ממלא געווען. 19 דעריבער טוט תּשובה, און
קערט אייך אום פון אייערע וועגן, כּדי אייערע זינד זאָלן אויסגעמעקט
ווערן, און סע זאָלן קומען צייטן פון דערקוויקונג פון פאַר גאָט, 20 און
כּדי ער זאָל שיקן דעם מָשיח, וואָס איז פאַר אייך באַשטימט געוואָרן,
ישוען, 21 וועמען דער הימל מוז מקבל זיין, ביז די צייטן, ווען סע
וועט אויפגעריכט ווערן אַלצדינג, פון וואָס גאָט האָט גערעדט דורך
דעם מויל פון זיינע הייליקע נביאים פון אַמאָל. 22 משה האָט אויך
געזאָגט: אַ נָביא וועט גאָט דיין האַר אויפשטעלן פאַר אייך פון צווישן
אייערע ברידער, גלייך צו מיר; צו אים זאָלט איר זיך צוהערן אין
אַלצדינג, וואָס ער וועט צו אייך רעדן. 23 און סע וועט זיין, אַז יעדע
נשָמָה, וואָס וועט זיך ניט צוהערן צו דעם דאָזיקן נָביא, וועט
פאַרשניטן ווערן פון צווישן דעם פאָלק.[1] 24 און אַלע נביאים פון
שמואלן אָן, און די, וואָס זענען געווען נאָך אים,

[1] דברים יח, 15, 19.

זיי האָבן אַלע גערעדט פֿון די דאָזיקע טעג, 25 איר זענט די קינדער פֿון די
נבֿיאים, און פֿון דעם בונד, וואָס גאָט האָט געמאַכט מיט אײַערע אָבֿות,
בעת ער האָט געזאָגט צו אַבֿרָהמען: און אין דײַן זאָמען וועלן זײַן
געבענטשט אַלע מִשְׁפָּחוֹת פֿון דער ערד.[1] 26 פֿאַר אײַך קודם האָט גאָט
אויפֿגעשטעלט זײַן קנעכט, און אים געשיקט אײַך צו בענטשן, און
אָפּקערן יעדן איינעם פֿון אײַך פֿון אײַערע שלעכטע מַעשׂים.
ד און בעת זיי האָבן גערעדט צום פֿאָלק, זענען אויפֿגעשטאַנען אויף זיי
די כֹּהנים און דער הויפּטמאַן פֿון דעם בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ און די צדוקים,
2 וואָרים סע האָט זיי שטאַרק פֿאַרדראָסן, וואָס זיי האָבן געלערנט דאָס
פֿאָלק, און געטאָן אָנזאָגן דורך יֵשׁוּעַן תְּחִיַּת־הַמֵּתים. 3 און זיי האָבן
אויסגעשטרעקט אויף זיי זייערע הענט, און האָבן זיי אַרײַנגעזעצט אין
תּפֿיסה ביז מאָרגן, וואָרים עס איז שוין געווען אָוונט. 4 אָבער אַ סך פֿון
די, וואָס האָבן געהערט דאָס וואָרט, האָבן געגלויבט; און די צאָל פֿון די
מענטשן האָט געגרייכט בײַ אַרום פֿינף טויזנט.
5 און עס איז געווען אויף מאָרגן, אַז זייערע שׂרים, און זקֵנים, און
סוֹפֿרים, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין ירושָׁלַיִם, 6 און חָנָן, דער כֹּהן־גָדול,
איז דאָרט געווען, און קַיָּפָא און יוֹחָנָן און אַלֶכּסַנדער, און אַלע, וואָס
זענען געווען פֿון כֹּהן־גָדולס מִשְׁפָּחה. 7 און אַז זיי האָבן זיי
אַוועקגעשטעלט אין דער מיט, האָבן זיי זיי געפֿרעגט: מיט וואָסער
כּוֹח, אָדער אין וואָסער נאָמען, האָט איר דאָס געטאָן? 8 דעמאָלט האָט
פּעטרוס, פֿול מיט דעם רוּחַ־הַקוֹדֶשׁ, צו זיי געזאָגט: הערט מיך אויס, איר
שׂרים פֿון דעם פֿאָלק, און איר זקֵנים; 9 אויב מיר ווערן הײַנט
אויסגעפֿאָרשט וועגן דער טוֹבֿה, וואָס מיר האָבן געטאָן דעם חולה, דורך
וואָס ער איז געהיילט געוואָרן, 10 זאָל דאָס זײַן באַקאַנט פֿאַר אײַך אַלע,
און פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק יִשְׂרָאֵל, אַז אין דעם נאָמען פֿון יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ
פֿון נצֶרֶת, וועמען איר האָט לאָזן קרייציקן, און וועמען גאָט האָט מְחַיֶה־
מֵתים געווען, אַז דורך אים טוט דער דאָזיקער מענטש דאָ שטיין פֿאַר
אײַך געזונט. 11 דאָס איז דער שטיין, וואָס איז פֿון אײַך בוימײַנסטערס
פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן, און וואָס איז געוואָרן צום ווינקל־שטיין.[2] 12 און
עס איז ניטאָ אין קיין שום אַנדערן קיין ישועה, וואָרים עס איז אויך ניטאָ
אונטער דעם הימל קיין אַנדערער נאָמען, וואָס איז געגעבן געוואָרן
צווישן מענטשן, וואָס אין אים זאָלן מיר געראַטעוועט ווערן.
13 און אַז זיי האָבן געזען די מוטיקייט פֿון פּעטרוסן און יוֹחָנָן, און האָבן
פֿאַרשטאַנען, אַז זיי זענען געווען ניט קיין געלערנטע, נייערט פּראָסטע
מענטשן, זענען זיי נִשְׁתּוֹמם געוואָרן; און זיי האָבן דערקענט, אַז זיי
זענען געווען מיט יֵשׁוּעַן. 14 און בעת זיי האָבן געזען דעם מענטשן,

[1] בראשית כב, 18. [2] תהלים קיח, 22.

וואָס איז געהיילט געוואָרן, שטיין מיט זיי, האָבן זיי גאָרניט געקאָנט
זאָגן אַנטקעגן דעם. 15 זיי האָבן זיי אָבער באַפֿוילן אַרויסצוגיין מחוץ
דעם סַנהֶדרין, און האָבן זיך מִיַעץ געווען צווישן זיך, 16 און געזאָגט:
וואָס זאָלן מיר טאָן מיט די דאָזיקע מענטשן? וואָרים אַז אַ גרויסער נֵס
איז דורך זיי געטאָן געוואָרן, איז קלאָר פֿאַר אַלע, וואָס וואוינען אין
ירושָלַיִם, און מיר קענען דאָס ניט פֿאַרלייקענען. 17 אָבער כּדי דאָס זאָל
זיך ניט ווייטער פֿאַרשפּרייטן צווישן דעם פֿאָלק, לאָמיר זיי וואָרענען,
פֿון איצט־אָן מער ניט צו רעדן צו קיינעם אין דעם דאָזיקן נאָמען.
18 און זיי האָבן זיי גערופֿן, און באַפֿוילן, בִּכלָל ניט צו רעדן, אָדער צו
לערנען אין דעם נאָמען פֿון יֵשוּעַ. 19 אָבער פּעטרוס און יוֹחָנָן האָבן
זיי געענטפֿערט: צי עס איז רעכט אין די אויגן פֿון גאָט, מיר זאָלן אייך
מער געהאָרכן ווי גאָט, מִשפּט איר אַליין; 20 וואָרים מיר קענען ניט
אַנדערש, נייערט נאָר רעדן פֿון דעם, וואָס מיר האָבן געזען און
געהערט. 21 און זיי האָבן זיי ווייטער געוואָרנט, און האָבן זיי
אָפּגעלאָזט, ווייל זיי האָבן גאָרניט געפֿונען וויאַזוי זיי צו באַשטראָפֿן,
צוליב דעם פֿאָלק; וואָרים אַלע האָבן געלויבט גאָט פֿאַר דעם, וואָס
איז געשען. 22 וואָרים דער מענטש, וואָס מיט אים איז געטאָן געוואָרן
דער נֵס פֿון היילן, איז געווען עלטער ווי פֿערציק יאָר.
23 און אַז מען האָט זיי אָפּגעלאָזט, זענען זיי געגאַנגען צו זייערע
פֿריינט, און האָבן דערציילט אַלצדינג, וואָס די ראָשי־כֹּהֲנים און די
זקֵנים האָבן צו זיי געזאָגט. 24 און בעת זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן
זיי אַלע צוזאַמען אויפֿגעהויבן זייער קוֹל צו גאָט, און האָבן געזאָגט:
אָ גאָט, וואָס האָסט געמאַכט דעם הימל און די ערד און דעם יַם,
און אַלצדינג, וואָס סע געפֿינט זיך אין זיי; 25 און וואָס דורך דעם מויל
פֿון אונדזער פֿאָטער דָוִד, דיין קנעכט, האָסטו געזאָגט דורך דעם
רוּחַ־הַקוֹדֶש:

פֿאַרוואָס ליאַרעמען די גוֹיִים,
און די אומות טראַכטן ליידיקייטן?
26 די מְלָכים פֿון דער ערד שטעלן זיך אויף,
און די פֿירשטן עֵצהן זיך אינאיינעם
קעגן גאָט און קעגן זיין מָשִיחַ.[1]

27 וואָרים באֱמֶת, אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן זיך פֿאַרזאַמלט קעגן
דיין הייליקן קנעכט יֵשוּעַ, וועמען דו האָסט געזאַלבט, הוֹרדוס און
פּאָנטִיוּס פּילאַטוס מיט די גוֹיים און דיין פֿאָלק יִשׂרָאֵל, 28 צו טאָן וואָס
דיין האַנט און דיין עֵצה האָבן פֿאָרויס גוֹזר געווען, סע זאָל געשען.
29 און איצט, האַר,

---

[1] תהלים ב, 1, 2.

קוק אויף זייערע דראָהונגען, און באַוויליק פֿאַר דײַנע קנעכט צו רעדן
דײַן וואָרט מיט דער גאַנצער מוטיקייט, 30 בעת דו טוסט אויסשטרעקן
דײַן האַנט צו היילן, און כּדי נסים וְנִפְלָאוֹת זאָלן געטאָן ווערן דורך דעם
נאָמען פֿון דײַן הייליקן קנעכט יֵשוּעַ. 31 און נאָכדעם ווי זיי האָבן מִתפַּלֵל
געווען, האָט אויפֿגעציטערט דאָס אָרט, אין וועלכן זיי זענען געווען
פֿאַרזאַמלט; און זיי זענען אַלע געוואָרן פֿול מיט דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, און
זיי האָבן גערעדט דאָס וואָרט פֿון גאָט מיט מוטיקייט.
32 און די עֵדה פֿון די מַאמִינים זענען געווען ווי פֿון איין האַרץ און נשָמה;
און קיין איינציקער פֿון זיי האָט ניט געזאָגט, אַז עפּעס פֿון די זאַכן, וואָס
ער האָט פֿאַרמאָגט, איז זײַן אייגנס, נייערט זיי האָבן געהאַט אַלצדינג
בשותּפות. 33 און מיט גרויס גבורה האָבן די שלִיחים עֵדות געזאָגט אויף
דעם תּחית־המתים פֿון דעם האַר יֵשוּעַ; און גרויס חֶסֶד איז געווען אויף
זיי אַלע. 34 און עס איז אויך ניט געווען צווישן זיי קיינער, וואָס איז
געווען נויטבאַדערפֿטיק; וואָרים אַלע וואָס זענען געווען באַזיצערס פֿון
לאַנד און הײַזער, האָבן דאָס פֿאַרקויפֿט, און האָבן געבראַכט די הַכנָסה
פֿון דעם, וואָס איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן, 35 און האָבן דאָס אַוועקגעלייגט
צו די פֿיס פֿון די שלִיחים: און יעדן איינעם איז פֿונאַנדערגעטיילט
געוואָרן, לויט ווי יעטווידער האָט נייטיק געהאַט.
36 און יוסף, וואָס איז פֿון די שלִיחים גערופֿן געוואָרן מיט דעם צונאָמען
בַּר־נַבָּא (וואָס איז טײַטש: זון פֿון טרייסט), אַ לוִי, וואָס האָט געשטאַמט
פֿון קיפּרוס, 37 האָט פֿאַרקויפֿט אַ פֿעלד, וואָס האָט אים געהערט, און
האָט געבראַכט דאָס געלט, און עס געלייגט צו די פֿיס פֿון די שלִיחים.
ה אָבער איינער אַ מאַן מיט דעם נאָמען חֲנַנְיָה, מיט זײַן ווײַב שַפִּירָה,
האָבן פֿאַרקויפֿט אַן אַרבּטייל, 2 און מיט זײַן ווײַבס וויסן האָט ער
באַהאַלטן אַ טייל פֿון דער הַכנָסה, און ער האָט געבראַכט בלויז אַ חֵלֶק,
און האָט אים געלייגט צו די פֿיס פֿון די שלִיחים. 3 און פּעטרוס האָט
געזאָגט: חֲנַנְיָה, פֿאַרוואָס האָט דער שָטן אָנגעפֿילט דײַן האַרץ צו
לייקענען פֿאַר דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, און צו באַהאַלטן אַ חֵלֶק פֿון דער הַכנָסה
פֿון דעם פֿעלד? 4 בעת עס איז געבליבן ניט פֿאַרקויפֿט, איז עס דען ניט
געווען דײַן אייגנס? און נאָכדעם ווי עס איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן, איז עס
דען ניט געווען אין דײַן רשוּת? ווי קומט עס, וואָס דו האָסט פֿאַרטראַכט
די דאָזיקע זאַך אין דײַן האַרצן? ניט פֿאַר מענטשן האָסטו געלייקנט,
נייערט פֿאַר גאָט. 5 און אַז חֲנַנְיָה האָט געהערט די דאָזיקע רייד, איז ער
אַנידערגעפֿאַלן, און איז אויסגעגאַנגען. און אַ גרויסע אֵימה איז געפֿאַלן
אויף אַלע, וואָס האָבן דאָס געהערט. 6 און די יונגעלייט זענען
אויפֿגעשטאַנען און האָבן אים אַרומגעוויקלט, און זיי האָבן אים
אַרויסגעטראָגן, און אים מְקַבר געווען.

7 און אין דריי שָׁעה אַרום איז זיין ווייב אַריינגעקומען, און זי האָט ניט
געוואוסט, וואָס דאָ איז געשען. 8 און פּעטרוס האָט צו איר געזאָגט: זאָג
מיר, צי האָט איר פֿאַרקויפֿט דאָס פֿעלד פֿאַר אַזויפֿיל און אַזויפֿיל? און זי
האָט געזאָגט: יאָ, פֿאַר אַזויפֿיל און אַזויפֿיל. 9 האָט פּעטרוס צו איר געזאָגט:
ווי קומט עס, וואָס איר האָט אָפּגעמאַכט אינאיינעם צו פּרואוון דעם גייסט
פֿון גאָט? זע, די פֿיס פֿון די, וואָס האָבן מקַבר געווען דיין מאַן, זענען ביי
דער טיר, און זיי וועלן דיך אַרויסטראָגן. 10 און זי איז פּלוצים אַנידערגעפֿאַלן
צו זיינע פֿיס, און איז אויסגעגאַנגען. און די יונגעלייט זענען אַריינגעקומען,
און האָבן זי געפֿונען אַ טויטע, און זיי האָבן זי אַרויסגעטראָגן, און זי מקַבר
געווען לעבן איר מאַן. 11 און אַ גרויסע אֵימה איז געפֿאַלן אויף דער גאַנצער
קהילה, און אויף אַלע, וואָס האָבן דאָס געהערט.
12 און דורך די הענט פֿון די שלִיחים זענען אַ סך נִסים וְנִפלָאוֹת געטאָן
געוואָרן צווישן דעם פֿאָלק. און זיי זענען אַלע געווען צוזאַמען אין שלֹמהס
פֿאָליש. 13 אָבער פֿון די איבעריקע האָט זיך קיינער ניט דערוועגט צו
באַהעפֿטן אין זיי; נאָר דאָס פֿאָלק האָט זיי שטאַרק געשאַצט. 14 און אַ סך
מַאמִינים זענען צוגעשטאַנען צו דעם האַר, אַ גרויסער עוֹלם פֿון מענער און
פֿון פֿרויען; 15 אַזוי, אַז זיי האָבן אַפֿילו די קראַנקע אַרויסגעטראָגן אין די
גאַסן אַרויס, און האָבן זיי געלייגט אויף בעטן און געלעגערס, כּדי, ווען
פּעטרוס וועט פֿאַרבייַגיין, זאָל כאָטש זיין שאָטן פֿאַלן אויף עמיצן פֿון זיי.
16 און עס איז זיך אויך צוזאַמענגעקומען דאָס פֿאָלק פֿון די שטעט אַרום
ירושָלַיִם, און זיי האָבן געבראַכט די קראַנקע, און די, וואָס זענען געווען
געפּלאָגט מיט אומריינע גייסטער, און זיי זענען אַלע געהיילט געוואָרן.
17 און דער כֹּהן־גָדול איז אויפֿגעשטאַנען, און די אַלע, וואָס זענען געווען
מיט אים, דאָס איז, די כִּיתּה פֿון די צדוקים, און זיי זענען געוואָרן מָלא קִנאה,
18 און זיי האָבן געלייגט הענט אויף די שלִיחים, און האָבן זיי אַריינגעזעצט
אין דער שטאָטישער תּפִיסה. 19 אָבער אַ מַלאך פֿון גאָט האָט ביינאַכט
געעפֿנט די טירן פֿון דער תּפִיסה, און האָט זיי אַרויסגעבראַכט, און געזאָגט:
20 גייט און שטעלט זיך אַוועק אין דעם בֵּית־הַמִקדש, און רעדט פֿאַר דעם
פֿאָלק די אַלע רייד פֿון דעם דאָזיקן לעבן. 21 און אַז זיי האָבן דאָס געהערט,
זענען זיי אין דער פֿרי אַריינגעגאַנגען אין דעם בֵּית־הַמִקדש, און האָבן
געלערנט.
און אַז דער כֹּהן־גָדול איז געקומען, און די, וואָס זענען געווען מיט אים,
האָבן זיי צונויפֿגערופֿן דעם סַנהֶדרין, און אַלע זקֵנים פֿון די בנֵי־יִשׂרָאל, און
האָבן געשיקט אין דער תּפִיסה, מען זאָל זיי ברענגען. 22 און אַז די באַדינער
זענען געקומען, האָבן זיי זיי ניט געפֿונען אין דער תּפִיסה, און זיי האָבן זיך
אומגעקערט, און האָבן דערציילט, 23 אַזוי צו זאָגן: מיר האָבן געפֿונען די
תּפִיסה פֿעסט פֿאַרשלאָסן, און די שוֹמרים שטיין ביי

די טירן; אָבער ווען מיר האָבן זי אויפֿגעעפֿנט, האָבן מיר קיינעם ניט
געפֿונען דרינען. 24 און אַז דער קאָמאַנדיר פֿון דעם בּית־הַמִקדש און די
ראָשי־כֹּהֲנים האָבן געהערט די דאָזיקע רייד, האָבן זיי זיך שטאַרק
דערשראָקן איבער זיי, און האָבן זיך געוואונדערט, וואָס פֿון דעם קען
ווערן. 25 און אָט איז געקומען איינער, און האָט זיי דערציילט: די
מענטשן, וועמען איר האָט אַריַינגעזעצט אין דער תּפֿיסה, שטייען אין
דעם בּית־הַמִקדש און לערנען דאָס פֿאָלק. 26 דעמאָלט איז געגאַנגען
דער הויפּטמאַן מיט די באַדינער און האָט זיי געבראַכט, אָבער אָן
געוואַלט, וואָרים זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר דעם פֿאָלק, טאָמער וועלן
זיי פֿאַרשטיינט ווערן.

27 און אַז זיי האָבן זיי געבראַכט, האָבן זיי זיי אַוועקגעשטעלט פֿאַר דעם
סַנהֶדרין. און דער כֹּהן־גָדול האָט זיי געפֿרעגט, 28 אַזוי צו זאָגן: מיר
האָבן אייך בּפֵירוש באַפֿוילן, ניט צו לערנען אין דעם דאָזיקן נאָמען;
און אָט האָט איר אָנגעפֿילט ירושָלַיִם מיט אייער לערנונג, און איר ווילט
אויף אונדז ברענגען דאָס בלוט פֿון דעם דאָזיקן מאַן. 29 אָבער פּעטרוס
און די שלִיחים האָבן געענטפֿערט, און געזאָגט: מיר מוזן ליבערשט
געהאָרכן גאָט, איידער מענטשן. 30 דער גאָט פֿון אונדזערע אָבות
האָט אויפֿגעוועקט יֵשוּעַן, וועמען איר האָט אומגעבראַכט, און
אויפֿגעהאָנגען אויף אַ בוים. 31 אים האָט גאָט דערהייכט מיט זיין
רעכטער האַנט, צו זיין אַ שַׂר און אַ גואֵל, צו געבן צו יִשׂרָאל תּשובה און
סליחַת־עוונות. 32 און מיר זענען עֵדות פֿון די דאָזיקע זאַכן, און אויכט
דער רוּחַ־הַקוֹדֶש, וועמען גאָט האָט געגעבן צו די, וואָס געהאָרכן אים.
33 און אַז זיי האָבן דאָס געהערט, האָט עס זיי געשניטן ביים האַרצן, און
זיי האָבן בּדֵעה געהאַט זיי צו הַרגענען. 34 דעמאָלט איז אויפֿגעשטאַנען
איינער אין דעם סַנהֶדרין, אַ פּרושי, וואָס האָט געהייסן גַמלִיאֵל, אַ
תַּלמיד־חָכם, וועמען דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געהאַלטן בּכָבוד, און האָט
באַפֿוילן אַרויסצופֿירן אויף אַ ווײַלע די דאָזיקע לייַט. 35 און ער האָט צו
זיי געזאָגט: מענטשן פֿון יִשׂרָאל, גיט אַכטונג וויאַזוי איר זענט זיך נוהג
מיט די דאָזיקע מענטשן. 36 וואָרים פֿאַר די דאָזיקע טעג איז
אויפֿגעשטאַנען תּוֹדָס, און האָט זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר עפּעס וויכטיק,
אין וועמען סע האָבן זיך באַהעפֿט אַ צאָל מענטשן, אַן עֶרֶך פֿון פֿיר
הונדערט; אָבער ער איז געהַרגעט געוואָרן, און אַלע, וואָס זענען אים
נאָכגעגאַנגען, זענען צעשפּרייט און צונישט געוואָרן. 37 און נאָך אים
איז אויפֿגעשטאַנען יהודה הַגלִילי, אין די טעג פֿון דער פֿאַרשרייַבונג,
און האָט פֿאַרפֿירט אַ סַך פֿאָלק נאָך זיך; אויך ער איז אומגעקומען, און
אַלע, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען, זענען צושפּרייט געוואָרן. 38 און
איצט זאָג איך אייך,

האַלט זיך אָפּ פֿון די דאָזיקע מענטשן, און לאָזט זיי געמאַך; וואָרים
אויב די דאָזיקע עֵצה, אָדער די זאַך, איז פֿון מענטשן, וועט עס
צוּנישט ווערן; 39 נאָר אויב עס איז פֿון גאָט, וועט איר זיי ניט קענען
אוּמברענגען. איר קאָנט זיך נאָך געפֿונען אין אַ מִלחָמה קעגן גאָט!
40 און זיי האָבן אים געפֿאָלגט, און געלאָזט רופֿן די שלִיחים, און האָבן
זיי לאָזן געבן מַלקות, און זיי באַפֿוילן ניט צו רעדן אין דעם נאָמען פֿון
יֵשוּעַן, און האָבן זיי אָפּגעלאָזט. 41 און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון
פֿאַר דעם סַנהֶדרין, און האָבן זיך געפֿרייט, וואָס זיי האָבן זוֹכה געווען
צו ליידן אוּמכָּבוד צוליב דעם נאָמען. 42 און זיי האָבן ניט אויפֿגעהערט
אַלע טאָג אין דעם בֵּית־הַמִקדש, און אין די הייזער, צו לערנען און
אָנצוּזאָגן די בשׂורה טובה פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
ו און אין די דאָזיקע טעג, בעת די צאָל פֿון די תַּלמידים האָט זיך
געטאָן פֿאַרמערן, האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געמוּרמל מִצַד די
העלעניסטן אַנטקעגן די עִברִים, מַחמת זייערע אַלמָנות זענען
פֿאַרוואָרלאָזט געוואָרן אין דער טעגלעכער באַדערפֿעניש. 2 און די
צוועלף האָבן צו זיך גערופֿן די עֵדה פֿון די תַּלמידים, און האָבן
געזאָגט: עס איז ניט רעכט, אַז מיר זאָלן פֿאַרלאָזן דאָס וואָרט פֿון
גאָט, און דינען בײַ טישן. 3 בכֵן, ברידער, זוּכט אויס פֿון צווישן אײַך
זיבן מענטשן, וואָס האָבן אַ גוטן שֵם, פֿול מיט דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש און
מיט חָכמה, וועמען מיר זאָלן זעצן איבער דעם דאָזיקן עִנין. 4 און מיר
וועלן זיך עוֹסק זײַן אין תּפִילה און אין דער עַבוֹדה פֿון דעם וואָרט.
5 און די דאָזיקע רייד זענען וואוילגעפֿעלן געוואָרן דער גאַנצער עֵדה,
און זיי האָבן אויסדערווײלט סטעפֿאַנוּסן, אַ מענטשן פֿול מיט אֱמוּנה
און מיט דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, און פֿיליפּוּסן, און פּראָכאָרוּסן, און
ניקאַנאָרן, און טימאָנען, און פֿאַרמענאַסן, און ניקאָלאַוֹסן, אַ גֵר פֿון
אַנטיאָכיע. 6 די דאָזיקע האָבן זיי געשטעלט פֿאַר די שלִיחים, און האָבן
מִתפַּלֵל געווען, און האָבן אויף זיי אַרויפֿגעלייגט זייערע הענט.
7 און דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געוואַקסן, און די צאָל פֿון די תַּלמידים
האָט זיך שטאַרק פֿאַרמערט אין ירוּשָלַיִם; און אַ סך פֿון די כֹּהַנים
זענען געווען געהאָרכזאַם דער אֱמוּנה.
8 און סטעפֿאַנוּס, פֿול מיט חֶסֶד און גבוּרה, האָט געטאָן גרויסע נִסים
וְנִפלָאוֹת צווישן דעם פֿאָלק. 9 אָבער עס זענען אויפֿגעשטאַנען
עטלעכע מענטשן פֿון דער שוּל, וואָס האָט געהייסן די שוּל פֿון די
ליבערטינער, און אויך פֿון די קירעניער,

און אַלעקסאַנדריער, קיליקיער און אַזיער, און האָבן זיך מִתוַכֵּחַ געווען
מיט סטעפֿאַנוסן. 10 און זיי האָבן ניט געקענט אַקעגנשטיין די חָכמה און
דעם גייסט דורך וועלכן ער האָט גערעדט. 11 דערנאָך האָבן זיי באַשטאָכן
מענטשן, וואָס האָבן געזאָגט: מיר האָבן אים געהערט רעדן לעסטערנדיקע
רייד אַנטקעגן משהן און אַנטקעגן גאָט. 12 און זיי האָבן אויפֿגעהעצט דאָס
פֿאָלק, און די זקֵנים, און די סופֿרים, און זענען געקומען אויף אים, און
האָבן אים געכאַפּט, און אים געבראַכט פֿאַר דעם סַנהֶדרין; 13 און זיי האָבן
אויפֿגעשטעלט פֿאַלשע עֵדות, וואָס האָבן געזאָגט: דער דאָזיקער מענטש
הערט ניט אויף צו רעדן קעגן דעם דאָזיקן מַקום־קָדוש און דער תּורה.
14 וואָרים מיר האָבן אים געהערט זאָגן, אַז דער דאָזיקער יֵשוּעַ הַנוֹצרי וועט
חָרוב מאַכן דאָס דאָזיקע אָרט, און וועט ענדערן די חוקים, וואָס משה האָט
אונדז איבערגעגעבן. 15 און אַלע, וואָס זענען געזעסן אין דעם
סַנהֶדרין, האָבן באַהעפֿט זייערע אויגן אָן אים, און האָבן געזען זיין פָּנים ווי
סע וואָלט געווען דאָס פָּנים פֿון אַ מַלאך.
ז און דער כֹּהן־גָדול האָט געזאָגט: איז דאָס טאַקע אַזוי? 2 און ער האָט
געזאָגט:
ברידער און פֿאָטערס, הערט מיך אויס. דער גאָט פֿון כָּבוד האָט זיך
אַנטפּלעקט צו אַברָהם אָבינו, בעת ער איז געווען אין אַרַם־נַהֲרַיִם, איידער
ער האָט געוואוינט אין חָרָן, 3 און האָט צו אים געזאָגט: גיי דיר אַרויס פֿון
דיין לאַנד, און פֿון דיין מִשפָּחה, און קום אין דעם לאַנד אַריין, וואָס איך
וועל דיר ווייזן. 4 און ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם לאַנד פֿון די כַּשׂדים,
און האָט זיך באַזעצט אין חָרָן, און נאָכדעם ווי זיין פֿאָטער איז געשטאָרבן,
האָט ער אים אַריבערגעפֿירט אין דעם דאָזיקן לאַנד אַריין, אין וועלכן איר
וואוינט אַצינדער; 5 און ער האָט אים ניט געגעבן אין אים קיין ירושה, ניט
אַפֿילו אַ שפּאַן פֿון אַ פֿוסטריט, און ער האָט מַבטִיחַ געווען, אַז ער וועט עס
אים געבן פֿאַר אַ באַזיץ, און צו זיין זאָמען נאָך אים הַגַם ער האָט ניט
געהאַט קיין קינד. 6 און גאָט האָט אַזוי גערעדט, אַז זיין זאָמען וועט
וואוינען אין אַ פֿרעמד לאַנד, און מע וועט זיי פֿאַרקנעכטן, און זיי פּייַניקן
פֿיר הונדערט יאָר. 7 און דאָס פֿאָלק, וואָס זיי וועלן דינען, וועל איך
מִשפּטן, זאָגט גאָט; און דערנאָך וועלן זיי אַרויסגיין און מיך דינען אין דעם
דאָזיקן אָרט. 8 און ער האָט אים געגעבן דעם בּרית מִילה. און אַזוי האָט
אַברָהם געבוירן יִצחָקן, און האָט אים מַל געווען דעם אַכטן טאָג; און יִצחָק
האָט געבוירן יַעקֹבן, און יַעקֹב די צוועלף אָבות.
9 און די אָבות האָבן מקַנא געווען יוסֵפֿן, און האָבן אים פֿאַרקויפֿט קיין
מִצרַיִם; אָבער גאָט איז געווען מיט אים, 10 און האָט אים מַציל געווען פֿון
אַלע זיינע צָרות, און האָט אים געגעבן חֵן און חָכמה פֿאַר פַּרעהן, דעם מֶלך
פֿון מִצרַיִם, וואָס האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ געוועלטיקער איבער מִצרַיִם

און איבער זיין גאַנצן הויז. 11 און עס איז געקומען אַ הונגער איבער גאַנץ
מִצרַים און כּנַעַן, און אַ גרויסע צָרה; און אונדזערע אָבות האָבן ניט געפֿונען
קיין שפּייז. 12 אָבער אַז יַעקֹב האָט געהערט, אַז עס איז דאָ תּבֿואה אין מִצרַיִם,
האָט ער אַרויסגעשיקט אונדזערע אָבות דאָס ערשטע מאָל. 13 און בּיים צווייטן
מאָל האָט זיך יוסף געלאָזט דערקענען צו זיינע בּרידער, און יוספֿס מִשפּחה איז
בּאַקענט געוואָרן פֿאַר פַּרעהן. 14 און יוסף האָט געשיקט און האָט צו זיך גערופֿן
יַעקֹבן זיין פֿאָטער, און זיין גאַנצע מִשפּחה, פֿינף און זיבּעציק נפָשות. 15 און
יַעקֹב האָט אַראָפּגענידערט קיין מִצרַיִם, און ער איז געשטאָרבּן, ער און
אונדזערע אָבות. 16 און זיי זענען אַריבּערגעטראָגן געוואָרן קיין שכֶם, און
געלייגט געוואָרן אין דעם קֶבֿר, וואָס אַבֿרָהם האָט געקויפֿט פֿאַר אַ מֶקח אין
זילבּער פֿון די זין פֿון חַמור אין שכֶם.
17 אָבער בּעת עס האָט גענעענט די צייט פֿון דער הַבטָחה, וואָס גאָט האָט
געשוואוירן צו אַבֿרָהמען, איז דאָס פֿאָלק געוואַקסן און האָט זיך געמערט אין
מִצרַיִם, 18 בּיז עס איז אויפֿגעשטאַנען אַן אַנדערער מֶלך איבּער מִצרַיִם, וואָס
האָט ניט געקענט יוספֿן. 19 און דער דאָזיקער האָט זיך געקליגט קעגן אונדזער
שטאַם, און האָט שלעכטס געטאָן אונדזערע אָבות, און זיי גענייט אַרויס-
צוּוואַרפֿן זייערע קליינע קינדער, כּדי זיי זאָלן ניט בּלייבּן לעבּן. 20 אין יענער
צייט איז געבּוירן געוואָרן משה, און ער איז געווען שיין אין די אויגן פֿון גאָט;
און ער איז גענערט געוואָרן דריי חָדשים אין זיין פֿאָטערס הויז. 21 און בּעת
ער איז אַרויסגעוואָרפֿן געוואָרן, האָט אים פַּרעהס טאָכטער גענומען, און
האָט אים דערצויגן פֿאַר איר אייגענעם זון. 22 און משה איז געווען געלערנט אין
דער גאַנצער חָכמה פֿון די מִצרִים; און ער איז געווען מעכטיק אין זיינע רייד
און מַעשׂים.
23 און ווען ער איז אַלט געוואָרן פֿערציק יאָר, איז אויפֿגעגאַנגען אין זיין האַרצן
צו געדענקען זיינע בּרידער, די בּנֵי-ישׂרָאל. 24 און אַז ער האָט געזען איינעם פֿון
זיי ליידן אומרעכט, האָט ער זיך פֿאַר אים אָנגענומען, און זיך נוקם געווען פֿאַר
דעם געליטענעם, און האָט דערשלאָגן דעם מִצרי. 25 און ער האָט געמיינט, אַז
זיינע בּרידער וועלן פֿאַרשטיין, אַז גאָט האָט זיי געגעבּן רעטונג דורך זיין
האַנט; אָבער זיי האָבּן ניט פֿאַרשטאַנען. 26 און אויף דעם אַנדערן טאָג האָט ער
זיך בּאַוויזן פֿאַר זיי, בּעת זיי האָבּן זיך געקריגט, און האָט געוואָלט שָלום מאַכן
צווישן זיי, אַזוי צו זאָגן: מענטשן, איר זענט בּרידער; פֿאַרוואָס טוט איר
אומרעכט איינער דעם אַנדערן? 27 אָבער דער, וואָס האָט זיין חַבֿר אומרעכט
געטאָן, האָט אים אַוועקגעשטויסן, און געזאָגט: ווער האָט דיך געמאַכט פֿאַר אַ
שַר און אַ שופֿט איבּער אונדז? 28 צי ווילסטו מיך הַרגענען, ווי דו האָסט נעכטן
געהַרגעט דעם מִצרי? 29 און משה איז אַנטלאָפֿן איבּער דעם דאָזיקן וואָרט, און
איז געוואָרן אַ פֿרעמדער אין דעם לאַנד מִדיָן, וואו ער האָט געבּוירן צוויי זין.
30 און אַז עס זענען אַריבּער פֿערציק יאָר, האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט אַ מַלאך
פֿון גאָט אין דער מִדבּר פֿון דעם בּאַרג סִינַי, אין אַ פֿלאַם פֿייער אין דעם סנֶה.

31 און אַז משה האָט דאָס געזען, איז ער נשתּומם געוואָרן פֿון דער
זעאונג; און בעת ער האָט גענעענט צו זען, איז געקומען דאָס קול פֿון
גאָט: 32 איך בין דער גאָט פֿון דײַנע אָבות, דער גאָט פֿון אַבֿרָהם, און
פֿון יִצחָק, און פֿון יַעקבֿ. און משה האָט געציטערט, און האָט זיך ניט
דערוועגט צו קוקן. 33 און גאָט האָט צו אים געזאָגט: טו אויס די שיך
פֿון דײַנע פֿיס, וואָרים דאָס אָרט, אויף וואָס דו שטייסט, איז הייליקע
ערד. 34 זען האָב איך געזען די פּײַניקונג פֿון מײַן פֿאָלק, וואָס איז אין
מִצרַיִם, און האָב געהערט זייער זיפֿצן, און איך האָב אַראָפּגענידערט,
זיי אויסצולייזן; און אַצינד קום, איך וועל דיך שיקן קיין מִצרַיִם.
35 דעם דאָזיקן משה, וועמען זיי האָבן פֿאַרלייקנט, אַזוי צו זאָגן: ווער
האָט דיך געמאַכט פֿאַר אַ שַׂר און אַ שופֿט? אים האָט גאָט געשיקט צו
זײַן אַ שַׂר און אַ גואל דורך דער האַנט פֿון דעם מַלאך, וואָס האָט זיך
צו אים אַנטפּלעקט אין דעם סנֶה. 36 ער האָט זיי אַרויסגעפֿירט, און
האָט געטאָן נסים וְנִפֿלָאות אין מִצרַיִם, און בײַם יַם סוף, און אין דער
מִדבר פֿערציק יאָר. 37 דאָס איז דער משה, וואָס האָט געזאָגט צו די
בני־יִשׂרָאל: אַ נָבֿיא וועט גאָט אויפֿשטעלן פֿאַר אײַך פֿון צווישן
אײַערע ברידער, גלײַך צו מיר.[1] 38 דאָס איז דער, וואָס איז געווען אין
דער עֵדה אין דער מִדבר מיט דעם מַלאך, וואָס האָט מיט אים גערעדט
אויף דעם באַרג סִינַי, און מיט אונדזערע אָבות; און ער האָט מקַבל
געווען לעבעדיקע ווערטער, כּדי זיי אונדז צו געבן; 39 צו וועמען
אונדזערע אָבות האָבן זיך ניט געוואָלט צוהערן, נייערט זיי האָבן אים
פֿאַרשטויסן פֿון זיך, און געקערט זייערע הערצער צוריק קיין מִצרַיִם,
40 און געזאָגט צו אַהרֹנען; מאַך אונדז געטער, וואָס זאָלן גיין פֿאָרויס
פֿאַר אונדז; וואָרים מיט דעם דאָזיקן משה, וואָס האָט אונדז
אַרויסגעפֿירט פֿון דעם לאַנד מִצרַיִם, ווייסן מיר ניט וואָס מיט אים איז
געוואָרן. 41 און זיי האָבן געמאַכט אין יענע טעג אַן עֵגֶל, און האָבן
מַקריבֿ געווען אַ קָרבן צום אָפּגאָט, און האָבן זיך געפֿרייט מיט די
מַעשׂים פֿון זייערע הענט. 42 און גאָט האָט זיך אָפּגעקערט, און האָט
זיי איבערגעגעבן צו דינען די הימלישע חַיָלות, ווי סע שטייט געשריבן
אין דעם סֵפֿר פֿון די נבֿיאים:

האָט איר געטאָן מַקריבֿ זײַן צו מיר זבָֿחים און מִנחות
פֿערציק יאָר אין דער מִדבר, הויז פֿון יִשׂרָאל?
43 און איר האָט געטראָגן דאָס געצעלט פֿון מולֶך,
און דעם שטערן פֿון דעם גאָט רָמפָן, די געצנבילדער, וואָס איר
האָט זיך געמאַכט, צו בוקן זיך פֿאַר זיי. און איך וועל אײַך
פֿאַרטרײַבן אויף יענער זײַט בָּבֿל.[2]

[1] דברים יח, 15, 18. [2] עמוס ה, 25-27.

44 אונדזערע אָבות האָבן געהאַט אין דער מִדבר דאָס מִשכּן־הָעֵדות,
אַזויווי ער, וואָס האָט גערעדט צו משהן, האָט באַפוילן אַז ער זאָל עס
מאַכן לויט דער געשטאַלט, וואָס ער האָט געזען. 45 דאָס האָבן אויך
אונדזערע אָבות אַרייַנגעבראַכט מיט יהוֹשוען אין דעם אייגנטום פון די
פעלקער, וואָס גאָט האָט אַרויסגעטריבן פון פאַר דעם פָּנים פון
אונדזערע אָבות, ביז צו די טעג פון דָוִדן, 46 וואָס האָט געפונען חֵן אין די
אויגן פון גאָט, און האָט געבעטן צו געפינען אַ וואוינאָרט פאַר דעם גאָט
פון יַעקֹבֿ. 47 און שלֹמה האָט אים געבויט אַ הויז. 48 אָבער דער
אייבערשטער וואוינט ניט אין קיין הֵיכָלות, וואָס זענען געמאַכט מיט
הענט, ווי דער נָביא זאָגט:

49 דער הימל איז מיין טראָן,
און די ערד איז מיין פוסבענקל.
וואָס פאַר אַ הויז וועט איר מיר בויען, זאָגט גאָט,
אָדער וואו איז דאָס אָרט פון מיין רו?
50 האָט ניט מיין האַנט געמאַכט די דאָזיקע אַלע זאַכן?[1]

51 איר האַרטנעקיקע, אומגעמַלטע אין האַרץ און אויערן, איר טוט תָּמיד
ווידערשפעניקן אָן דעם רוח־הַקודֶש; ווי אייערע אָבות האָבן געטאָן, אַזוי
טוט איר. 52 וועמען פון די נביאים האָבן אייערע אָבות ניט גערודֶפט? און
זיי האָבן געטייט די, וואָס האָבן פאָרויס אָנגעזאָגט דאָס קומען פון דעם
צַדיק, פון וועמען איר זענט אַצינד געוואָרן מוסרים און רוצחים; 53 איר,
וואָס האָט מקַבל געווען די תּורה, ווי זי איז געגעבן געוואָרן דורך
מַלאָכים, און האָט זי ניט אָפּגעהיט.

54 און אַז זיי האָבן דאָס געהערט, האָט עס זיי געשניטן ביים האַרצן, און
זיי האָבן געקריצט אויף אים מיט די ציין. 55 און ער, ווייל ער איז געווען
פול מיט דעם רוח־הַקודֶש, האָט ער אַרויפגעקוקט צום הימל, און האָט
געזען די פּראַכט פון גאָט, און יֵשוּעַן שטיין ביי דער רעכטער האַנט פון
גאָט, 56 און ער האָט געזאָגט: אָט זע איך די הימלען אָפן, און דעם בֶּן־
אָדָם שטיין ביי דער רעכטער האַנט פון גאָט. 57 אָבער זיי האָבן
אויסגעשריגן מיט אַ הויך קול, און האָבן פאַרשטאָפּט זייערע אויערן, און
זיך אַ לאָז געטאָן אויף אים: 58 און זיי האָבן אים אַרויסגעוואָרפן פון דער
שטאָט, און האָבן אים פאַרשטיינט. און די עֵדות האָבן אַנידערגעלייגט
זייערע מַלבושים צו די פיס פון אַ בָּחור, וואָס האָט געהייסן שָאול. 59 און
זיי האָבן פאַרשטיינט סטעפאַנוסן, בעת ער האָט אויסגערופן, און
געזאָגט: האַר יֵשוּעַ, זיי מקַבל מיינע נְשָמה. 60 און ער איז געפאַלן אויף
די קני, און האָט געשריגן מיט אַ הויך קול: גאָט, רעכן זיי ניט צו די
דאָזיקע זינד. און אַז ער האָט דאָס געזאָגט, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן.

[1] ישעיה סו, 1, 2.

ח און שאול האָט מסכּים געווען צו זײַן טויט. און יענעם טאָג האָט
זיך אויפֿגעהויבן אַ גרויסע רדיפֿה קעגן דער קהילה אין ירושלים; און
זיי זענען אַלע צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער געגנט פֿון
יהודה און שומרון, אַחוץ די שליחים. 2 און פֿרומע לײַט האָבן מקבר
געווען סטעפֿאַנוסן, און האָבן געהאַלטן אַ גרויסן הספּד איבער אים.
3 שאול אָבער האָט חרוב געמאַכט די קהילה, און איז געגאַנגען פֿון
הויז צו הויז, און האָט געשלעפּט מענער און פֿרויען, און האָט זיי
איבערגעענטפֿערט אין דער תּפֿיסה.
4 און די, וואָס זענען צעשפּרייט געוואָרן, זענען אַרומגעגאַנגען און
האָבן מבֿשׂר געווען דאָס וואָרט. 5 און פֿיליפּוס האָט אַראָפּגענידערט
צו דער שטאָט שומרון, און האָט אָנגעזאָגט פֿאַר זיי דעם משיח. 6 און
דאָס פֿאָלק האָט מיט איין האַרץ פֿאַרנומען, וואָס פֿיליפּוס האָט
געזאָגט, בעת זיי האָבן געהערט און געזען די נסים, וואָס ער האָט
געטאָן. 7 וואָרים בײַ אַ סך פֿון יענע, וואָס האָבן געהאַט אומריינע
גייסטער, זענען זיי אַרויס פֿון זיי, בעת זיי האָבן געשריגן מיט אַ הויך
קול; און אַ סך געליימטע און לאָמע זענען געהיילט געוואָרן. 8 און עס
איז געווען גרויס שׂמחה אין יענער שטאָט.
9 און עס איז געווען איינער אַ מענטש מיטן נאָמען שמעון, וואָס האָט
פֿריער געטריבן כּישוף אין שטאָט, און האָט איבערראַשט דאָס פֿאָלק
פֿון שומרון, און זיך אַרויסגעגעבן, אַז ער איז עפּעס אַ גדול. 10 און
אַלע האָבן זיך צו אים צוגעהערט, פֿון קליין ביז גרויס, און געזאָגט:
דער דאָזיקער איז די קראַפֿט פֿון גאָט, וואָס ווערט גערופֿן גרויס.
11 און זיי האָבן זיך צו אים צוגעהערט, מחמת וואָס אַ לאַנגע צייט
האָט ער זיי איבערראַשט מיט זײַן כּישוף. 12 בעת זיי האָבן אָבער
געגלויבט פֿיליפּוסן, וואָס האָט פֿאַר זיי אָנגעזאָגט גוטע בשׂורות
פֿונוועגן דעם מלכות פֿון גאָט און דעם נאָמען פֿון ישוע המשיח, זענען
זיי געטובֿלט געוואָרן, סײַ מענער און פֿרויען. 13 און שמעון אַליין האָט
אויך געגלויבט; און אַז ער איז געטובֿלט געוואָרן, האָט ער זיך
באַהעפֿט אָן פֿיליפּוסן. און בעת ער האָט געזען נסים און גרויסע
נפֿלאָות געשען, איז ער נשתּומם געוואָרן.
14 און ווען די שליחים אין ירושלים האָבן געהערט, אַז שומרון האָט
מקבל געווען דאָס וואָרט פֿון גאָט, האָבן זיי געשיקט צו זיי פּעטרוסן
און יוחנן. 15 און זיי האָבן אַהין אַראָפּגענידערט, און האָבן מתפּלל
געווען פֿאַר זיי, אַז זיי זאָלן מקבל זײַן דעם רוח־הקודש; 16 וואָרים ביז
איצט איז ער נאָך ניט געווען געפֿאַלן אויף קיינעם פֿון זיי,

נייערט זיי גענען נאָר געטובֿלט געוואָרן אין דעם נאָמען פֿון דעם האַר
יֵשוּעַ. 17 דערנאָך האָבּן זיי געלייגט אויף זיי זייערע הענט, און זיי
האָבּן מקַבּל געווען דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש. 18 און אַז שִמעוֹן האָט געזען, אַז
דער רוּחַ־הַקוֹדֶש איז געגעבּן געוואָרן דורך דעם אַרויפֿלייגן די הענט
פֿון די שלִיחים, האָט ער זיי אָנגעבּאָטן געלט, 19 און געזאָגט: גיט
אויך מיר די דאָזיקע מאַכט, אַז אויף וועמען איך וועל אַרויפֿלייגן
מיינע הענט, זאָל ער מקַבּל זיין דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש. 20 אָבּער פּעטרוס
האָט צו אים געזאָגט: זאָל אומקומען דיין זילבּער מיט דיר, מַחמת דו
האָסט געטראַכט צו באַקומען מיט געלט די מַתָּנָה פֿון גאָט. 21 דו
האָסט ניט קיין חֵלֶק און קיין נַחלה אין דער דאָזיקער זאַך, וואָרים דיין
האַרץ איז ניט רעכטפֿאַרטיק פֿאַר גאָט. 22 טו דעריבּער תּשובה אויף
דער דאָזיקער רִשעות דיינער, און בּעט גאָט, אֶפשר וועט די מַחשָבה
פֿון דיין האַרץ דיר פֿאַרגעבּן ווערן. 23 וואָרים איך זע, אַז דו בּיסט אין
דער גאַל פֿון בּיטערניש, און אין דעם בּאַנד פֿון אומרעכט. 24 און
שִמעוֹן האָט געענטפֿערט, און געזאָגט: זייט איר מִתפַּלֵל פֿאַר מיר צו
גאָט, אַז ס'זאָל ניט קומען אויף מיר קיין איינציקע פֿון די זאַכן, וואָס
איר האָט גערעדט.
25 און נאָכדעם ווי זיי האָבּן עֵדות געזאָגט און גערעדט דאָס וואָרט פֿון
גאָט, האָבּן זיי זיך אומגעקערט קיין ירושָלַיִם, און האָבּן אָנגעזאָגט די
גוטע בּשׂורה אין אַ סַך דערפֿער פֿון די שומרונים.
26 און אַ מַלאך פֿון גאָט האָט גערעדט צו פֿיליפּוס, אַזוי צו זאָגן:
שטיי אויף, און גיי קעגן דָרום אויף דעם וועג, וואָס נידערט אַראָפּ פֿון
ירושָלַיִם קיין עַזָה; דאָס איז אַ מִדבּר וועג. 27 און ער איז
אויפֿגעשטאַנען און איז געגאַנגען. און זע, אַ מאַן פֿון כּוש, אַ סָריס
פֿון גרויס מאַכט בּיי קאַנדאַקע, די מַלכּה פֿון די כּושים, וואָס איז
געווען געזעצט איבּער אַלע אירע אוֹצרות, איז געקומען קיין ירושָלַיִם
צו בּוקן זיך. 28 און ער האָט זיך שוין אומגעקערט, און איז געזעסן אין
זיין רייַטוואָגן, און געלייענט יְשַעיָה הַנָבִיא. 29 און דער רוּחַ־הקוֹדש
האָט געזאָגט צו פֿיליפּוס: גענען, און בּאַהעפֿט דיך אָן זיין
רייַטוואָגן. 30 און פֿיליפּוס איז צו אים צוגעלאָפֿן, און האָט אים
געהערט לייענען יְשַעיָה הַנָבִיא, און האָט געזאָגט: פֿאַרשטייסטו וואָס
דו לייענסט? 31 האָט ער געזאָגט: וויאַזוי קאָן איך פֿאַרשטיין, סיידן
עמיצער זאָל מיר אָנווייַזן. און ער האָט געבּעטן פֿיליפּוסן
אַרויפֿצוקומען און זיך זעצן מיט אים. 32 און דאָס איז געווען דער
פָּסוק, וואָס ער האָט געלייענט אין דעם סֵפֶר:

עֶר איז געפֿירט געוואָרן ווי אַ שאָף צום שעכטן;
און ווי אַ לאַם פֿאַר זיינע שערער איז שטום,

אַזוי האָט ער ניט געעפֿענט זײַן מויל.
33 אין זײַן דערנידעריקונג איז אַוועקגענומען געוואָרן זײַן מִשפּט;
און ווער קאָן אויסדערציילן זײַן דור?
וואָרים זײַן לעבן איז פֿאַרשניטן געוואָרן פֿון דער ערד.[1]
34 און דער סָריס האָט געזאָגט צו פֿיליפּוסן: איך בעט דיך, פֿון וועמען
רעדט דאָס דער נָביא? פֿון זיך אַליין, אָדער פֿון עמיצן אַנדערש?
35 און פֿיליפּוס האָט געעפֿנט זײַן מויל, און האָט אָנגעהויבן פֿון דעם
דאָזיקן פָּסוק, און האָט פֿאַר אים מבַשׂר געווען די גוטע בשׂורה פֿון
ישוע. 36 און ווי זיי זענען אַזוי געפֿאָרן אויף דעם וועג, זענען זיי
געקומען צו אַ וואַסער, און דער סָריס האָט געזאָגט: זע, דאָ איז
וואַסער; וואָס טוט מיך אָפּהאַלטן געטובֿלט צו ווערן? 37 און פֿיליפּוס
האָט געזאָגט: אויב דו גלויבסט מיט דײַן גאַנצן האַרצן, מעגסטו. און
ער האָט געענטפֿערט: איך גלויב, אַז ישוע המָשיח איז דער בן־אֱלהִים.
38 און ער האָט באַפֿוילן דעם רײַטוואָגן צו בלײַבן שטיין, און זיי האָבן
ביידע אַראָפּגענידערט אין דעם וואַסער אַרײַן, פֿיליפּוס און דער סָריס,
און ער האָט אים געטובֿלט. 39 און בעת זיי זענען אַרויסגעקומען פֿון
דעם וואַסער, האָט דער גייסט פֿון גאָט אַוועקגענומען פֿיליפּוסן; און
דער סָריס האָט אים מער ניט געזען, און ער איז געגאַנגען אויף זײַן
וועג און האָט זיך געפֿרייט. 40 אָבער פֿיליפּוס האָט זיך אָפּגעפֿונען אין
אַשדוד; און ער איז אַרומגעגאַנגען און האָט מבַשׂר געווען די גוטע
בשׂורה אין אַלע שטעט, ביז ער איז געקומען קיין קֵיסריה.
ט און שָאול האָט נאָך ווײַטער געאָטעמט מיט כַּעס און רציחה קעגן
די תּלמידים פֿון דעם האַר, און ער איז געגאַנגען צום כּהן־גָדול, 2 און
האָט געבעטן בײַ אים בריוו צו די שולן אין דַמֶשֶׂק, כּדי אויב ער וועט
געפֿינען עטלעכע, וואָס זענען פֿון דעם דֶרֶך, סײַ מענער, סײַ פֿרויען,
זאָל ער זיי קענען ברענגען געבונדן קיין ירושָלַיִם. 3 און בעת ער איז
געגאַנגען, האָט ער זיך דערנענטערט צו דַמֶשֶׂק, און פּלוצים האָט אַרום
אים געשײַנט אַ ליכט פֿון הימל אַרויס. 4 און ער איז געפֿאַלן אויף דער
ערד, און האָט געהערט אַ קול זאָגן צו אים: שָאול, שָאול, פֿאַרוואָס
רודפֿסט די מיך? 5 האָט ער געזאָגט: ווער ביסטו, האַר? און ער האָט
געזאָגט: איך בין ישוע, וועמען דו רודפֿסט. 6 אָבער שטיי אויף, און
גיי אַרײַן אין דער שטאָט, און סע וועט דיר געזאָגט ווערן וואָס דו
זאָלסט טאָן. 7 און די מענטשן, וואָס זענען מיט אים גערייזט, זענען
געבליבן אָן לָשון, בעת זיי האָבן געהערט דאָס קול, אָבער האָבן
קיינעם ניט

[1] ישעיה נג, 7, 8.

געזען. 8 און שָאול איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד; און בעת זיינע אויגן
זענען געעפנט געוואָרן, האָט ער גאָרניט געזען. און זיי האָבן אים געפירט
ביי דער האַנט, און האָבן אים געבראַכט קיין דַמֶשֶׂק. 9 און ער איז געווען
דריי טעג אָן ראִיה, און האָט ניט געגעסן, און ניט געטרונקען.
10 און עס איז געווען אין דַמֶשֶׂק איינער אַ תַּלמיד, וואָס האָט געהייסן
חֲנַנְיָה. און דער האַר האָט צו אים געזאָגט אין אַ זעאונג: חֲנַנְיָה! און ער
האָט געזאָגט: אָט בין איך, האַר. 11 און דער האַר האָט צו אים געזאָגט:
שטיי אויף, און גיי צו דער גאַס, וואָס מען רופט די גלייַכע גאַס, און פרעג
אין דעם הויז פון יהודהן אויף איינעם מיטן נאָמען שָאול פון טאַרסוס.
וואָרים זע, ער טוט מִתפַּלֵל זיין; 12 און ער האָט געזען אין דער זעאונג ווי
אַ מאַן, מיטן נאָמען חֲנַנְיָה, טוט אַרייַנקומען און אַרויפלייגן אויף אים
זיינע הענט, כּדי ער זאָל קריגן זיין ראִיה. 13 אָבער חֲנַנְיָה האָט
געענטפערט: האַר, איך האָב געהערט אַ סך וועגן דעם דאָזיקן מענטשן,
וויפל רִשעות ער האָט געטאָן דיינע הייליקע אין ירושָלַיִם; 14 און אויך דאָ
האָט ער רשות פון די ראָשי־כֹּהֲנים צו בינדן אַלע, וואָס רופן אָן דיין
נאָמען. 15 און דער האַר האָט צו אים געזאָגט: גיי, וואָרים ער איז פאַר
מיר אַן אויסדערוויילטע כֵּלי, צו טראָגן מיין נאָמען פאַר די אומות און
מלָכים, און פאַר די קינדער פון יִשׂרָאֵל; 16 וואָרים איך וועל אים ווייזן
וויפל ער מוז ליידן פון מיין נאָמענסוועגן. 17 און חֲנַנְיָה האָט אָפּגעקערט,
און ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין דעם הויז אַריין, און האָט אַרויפגעלייגט
אויף אים זיינע הענט, און געזאָגט: ברודער שָאול, דער האַר יֵשוּעַ, וואָס
האָט זיך אַנטפּלעקט צו דיר אויף דעם וועג, אויף וועלכן דו ביסט
געקומען, האָט מיך געשיקט, אַז דו זאָלסט קריגן דיין ראִיה, און ווערן
פול מיט דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש. 18 און סע זענען תֵּיכּף אַראָפּגעפאַלן פון זיינע
אויגן עפּעס ווי שופּן, און ער האָט באַקומען זיין ראִיה. און ער איז
אויפגעשטאַנען און איז געטוֹבלט געוואָרן, 19 און האָט גענומען שפּייז
און איז געשטאַרקט געוואָרן. און ער איז געווען עטלעכע טעג מיט די
תַּלמידים אין דַמֶשֶׂק. 20 און ער האָט תֵּיכּף אין די שולן גענומען דַרשענען
וועגן יֵשוּעַן, אַז ער איז דער בֶּן־אֱלֹהִים. 21 און אַלע, וואָס האָבן אים
געהערט, זענען נִשתּוֹמם געוואָרן, און האָבן געזאָגט: איז דאָס ניט דער,
וואָס האָט אין ירושָלַיִם פאַרטיליקט די, וואָס האָבן גערופן צו דעם
דאָזיקן נאָמען, און איז אויך דאָ אַהערגעקומען מיט דער אייגענער דֵעה,
כּדי ער זאָל זיי ברענגען געבונדן פאַר די ראָשי־כֹּהֲנים. 22 אָבער שָאול
האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט, און האָט געמאַכט אַ בֶּהָלה צווישן די
יִידן פון דַמֶשֶׂק, און האָט באַוויזן, אַז יֵשוּעַ איז דער מָשִיחַ.
23 און אַז עס זענען פאַרביי אַ סך טעג, האָבן די יִידן זיך אַן עֵצה
געהאַלטן, אים צו טייטן,

24 אָבער זייער פֿאַרשווערונג איז שָאולן באַקאַנט געוואָרן. און זיי האָבן אויך
געהיט די טויערן טאָג און נאַכט, כּדי אים צו טייטן. 25 אָבער זיינע תּלמידים
האָבן אים גענומען ביינאַכט, און האָבן אים אַראָפּגעלאָזט פֿון דער מויער אין
אַ קאָרב.
26 און אַז ער איז געקומען קיין ירושָלַיִם, האָט ער געוואָלט צושטיין צו די
תּלמידים; און זיי האָבן אַלע מורא געהאַט פֿאַר אים, ווייל זיי האָבן ניט
געגלויבט, אַז ער איז אַ תּלמיד. 27 אָבער בַּר־נַבָּא האָט אים גענומען און האָט
אים געבראַכט צו די שלִיחים, און האָט זיי דערציילט, וויאַזוי ער האָט געזען
דעם האַר אויף דעם וועג, און אַז ער האָט צו אים גערעדט, און וויאַזוי ער
האָט אין דַמֶשֶׂק מוטיק גערעדט אין דעם נאָמען פֿון יֵשוּעַן. 28 און ער איז
מיט זיי אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען אין ירושָלַיִם, 29 און האָט מוטיק
געדרשנט אין דעם נאָמען פֿון דעם האַר, און ער האָט גערעדט און זיך
מִתוַכֵּחַ געווען מיט די העלעניסטישע ייִדן; אָבער זיי האָבן געטראַכט, אים
צו טייטן. 30 און אַז די ברידער זענען דאָס געוואָר געוואָרן, האָבן זיי אים
אַראָפּגעבראַכט קיין קֵיסַריה, און האָבן אים אַוועקגעשיקט קיין טאַרסוס.
31 און די קהִילה איבער גאַנץ יהודה, און גָליל, און שומרון, האָט געהאַט
שָלום, און האָט זיך געבויט, און איז געגאַנגען אין דער מורא פֿון דעם האַר,
און דורך דער נחָמה פֿון דעם רוּחַ־הַקודֶש האָט זי זיך געמערט.
32 און עס איז געווען, בעת פּעטרוס איז געגאַנגען פֿון אָרט צו אָרט, האָט ער
אויך אַראָפּגענידערט צו די הייליקע, וואָס האָבן געוואוינט אין לוד. 33 און
ער האָט דאָרטן געפֿונען איינעם אַ מענטש מיטן נאָמען ענעאַס, וואָס איז
זייט אַכט יאָר געלעגן אויף זיין געלעגער; וואָרים ער איז געווען געליימט.
34 און פּעטרוס האָט צו אים געזאָגט: ענעאַס, יֵשוּעַ הַמָשִיחַ היילט דיך;
שטיי אויף, און פֿאַרבעט דיין געלעגער. און ער איז תֵּיכֶף אויפֿגעשטאַנען.
35 און אַלע, וואָס האָבן געוואוינט אין לוד און אין שָרון האָבן אים געזען,
און האָבן זיך געקערט צו דעם האַר.
36 און עס איז געווען אין יָפו איינע אַ תּלמידה מיטן נאָמען טָבִיתָא, וואָס איז
טייַטש: צבִיָה. זי איז געווען פֿול מיט מַעשׂים־טובים און צדָקה, וואָס זי האָט
געטאָן. 37 און עס איז געווען אין יענע טעג, אַז זי איז קראַנק געוואָרן און איז
געשטאָרבן. און אַז זיי האָבן זי מטַהר געווען, האָבן זיי זי געלייגט אין אַן
אויבערשטער שטוב. 38 און הֱיות ווי לוד איז געווען נאָענט פֿון יָפו, און די
תּלמידים האָבן געהערט, אַז פּעטרוס איז דאָרטן, האָבן זיי געשיקט צו אים
צוויי מענטשן און אים געבעטן: פֿאַרזאַם ניט צו קומען צו אונדז. 39 און
פּעטרוס איז אויפֿגעשטאַנען און איז מיט זיי געגאַנגען. און ווען ער איז
געקומען, האָבן זיי אים געבראַכט אין דער אויבערשטער שטוב. און אַלע
אַלמָנות זענען געשטאַנען אַרום אים און האָבן געוויינט, און אים געוויזן די
רעק און מַלבושים, וואָס צבִיָה האָט געמאַכט, בעת זי איז מיט זיי געווען.

40 אָבער פּעטרוס האָט זיי אַלע אַרויסגעשיקט, און האָט געבייגט זיינע
קני און מִתפַּלֵל געווען; און ער האָט זיך געקערט צום מֵת, און
געזאָגט: טָבִיתָא, שטיי אויף! און זי האָט געעפנט אירע אויגן; און אַז
זי האָט געזען פּעטרוסן, האָט זי זיך אויפגעזעצט. 41 און ער האָט איר
געגעבן זיין האַנט, און האָט זי אויפגעהויבן; און ער האָט גערופן די
הייליקע און די אַלמָנות, און האָט זי אַנידערגעשטעלט אַ לעבעדיקע.
42 און דאָס איז באַקאַנט געוואָרן איבער גאַנץ יָפוֹ; און אַ סַך האָבן
געגלויבט אין דעם האַר. 43 און ער איז פאַרבליבן אַ לענגערע צייט אין
יָפוֹ מיט איינעם אַ גארבער, שִמעוֹן.
י און עס איז געווען אין קֵיסַריה איינער אַ מענטש מיטן נאָמען
קאָרנעליוס, אַ קֶנטוּריוֹן פון דעם חַיִל, וואָס איז גערופן געוואָרן די
איטאַליענישע קאָהוֹרטע, 2 אַ פרומער מענטש, און אַ יְרֵא־שָמַיִם מיט
זיין גאַנצן הויזגעזינד, וואָס האָט געגעבן אַ סַך צדָקה דעם פאָלק, און
האָט תָמיד מִתפַּלֵל געווען צו גאָט. 3 ער האָט אין אַ זעאונג קלאָר
געזען, אַרום דער ניינטער שָעה פון טאָג, ווי אַ מַלאך פון גאָט איז צו
אים אַריינגעקומען, און האָט צו אים געזאָגט: קאָרנעליוס! 4 און בעת
ער האָט באַהעפט אָן אים זיינע אויגן, האָט ער זיך דערשראָקן, און
געזאָגט: וואָס איז עס, האַר? און ער האָט צו אים געזאָגט: דיינע
תפִילות און דיין צדָקה זענען אויפגעגאַנגען פאַר אַ געדעכעניש פאַר
גאָט. 5 און איצט שיק מענטשן קיין יָפוֹ, און לאָז ברענגען שִמעוֹנען,
וועמען מען רופט פּעטרוס; 6 ער שטייט איין מיט איינעם אַ גאַרבער,
וועמעס הויז איז ביים יַם. 7 און אַז דער מַלאך, וואָס האָט גערעדט צו
אים, האָט אָפּגעקערט, האָט ער גערופן צוויי פון זיינע הויז־קנעכט,
און אַ פרומען זעלנער פון די, וואָס האָבן אים שטענדיק באַדינט, 8 און
אַז ער האָט זיי אַלצדינג דערציילט, האָט ער זיי געשיקט קיין יָפוֹ.
9 אויף מאָרגן, בעת זיי זענען געווען אויף זייער וועג, און האָבן זיך
דערנענטערט צו דער שטאָט, איז פּעטרוס אַרויפגעגאַנגען אויף דעם
דאַך מִתפַּלֵל צו זיין, אַרום דער זעקסטער שָעה. 10 און ער איז
הונגעריק געוואָרן, און האָט געוואָלט עסן. און בשַעת מע האָט
צוגעגרייט, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. 11 און ער האָט
געזען דעם הימל אויפגעעפנט, און אַראָפּנידערן עפּעס אַ כֵלי, ווי סע
וואָלט געווען אַ גרויס לייַלעך, אַראָפּגעלאָזט ביי די פיר עקן אויף דער
ערד; 12 אין אים זענען געווען אַלערליי מִינים פירפיסיקע חַיות און
שרָצים פון דער ערד און פייגל פון הימל. 13 און אַ קוֹל איז געקומען
צו אים: שטיי אויף, כֵיפָא, שעכט און עס. 14 אָבער פּעטרוס האָט
געזאָגט: חָלִילה, האַר; וואָרים איך האָב קיינמאָל

ניט געגעסן, וואָס איז טרייף און פּסול. 15 און אַ קול איז צו אים ווידער
געקומען אַ צווייט מאָל: וואָס גאָט האָט געמאַכט ריין, מאַך דו ניט
אומריין. 16 און דאָס איז געשען דריי מאָל; און די כּלי איז תּיכּף
אַרויפגענומען געוואָרן אין הימל אַריין.
17 און בעת פּעטרוס איז אין זיך שטאַרק מבולבל געווען, וואָס די זעאונג,
וואָס ער האָט געזען, קאָן באַטײַטן, ערשט די מענטשן, וואָס זענען
געשיקט געוואָרן פון קאָרנעליוסן, האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף שמעונס
הויז, און זענען געשטאַנען פאַר דעם טויער, 18 און האָבן גערופן און
געפרעגט, צי שמעון, וועמען מען רופט פּעטרוס, שטייט דאָרטן איין.
19 און בעת פּעטרוס האָט נאָכגעטראַכט וועגן דער זעאונג, האָט דער
גייסט צו אים געזאָגט: זע, דריי מענטשן זוכן דיך. 20 שטיי אויף און
נידער אַראָפּ, און גיי מיט זיי, און צווייפל ניט; וואָרים איך האָב זיי
געשיקט. 21 און פּעטרוס האָט אַראָפּגענידערט צו די מענטשן, און האָט
געזאָגט: אָט בין איך דער, וועמען איר זוכט; וואָס איז די סיבה וועגן
וואָס איר זענט געקומען? 22 האָבן זיי געזאָגט: קאָרנעליוס, אַ קענטוריון,
אַ רעכטפאַרטיקער מענטש און אַ ירא־שמים, און וואָס האָט אַ גוטן שם
ביים גאַנצן יידישן פאָלק, איז באַפוילן געוואָרן דורך אַ הייליקן מלאך,
דיך צו לאָזן ברענגען אין זיין הויז אַריין, כּדי צו הערן פון דיינע רייד.
23 און ער האָט זיי אַרײַנגערופן און האָט זיי מכניס־אורח געווען.
און אויף מאָרגן איז ער אויפגעשטאַנען און איז מיט זיי געגאַנגען, און
עטלעכע פון די ברידער פון יפו האָבן אים באַגלייט. 24 און אויפן אַנדערן
טאָג זענען זיי אַרײַנגעקומען קיין קיסריה. און קאָרנעליוס האָט אויף זיי
געוואַרט, נאָכדעם ווי ער האָט צונויפגערופן זיינע קרובים און זיינע
נאָענטע פריינט. 25 און עס איז געווען, בעת פּעטרוס איז אַרײַנגעקומען,
האָט אים קאָרנעליוס באַגעגנט, און איז אַנידערגעפאַלן צו זיינע פיס, און
האָט זיך געבוקט פאַר אים. 26 און פּעטרוס האָט אים אויפגעהויבן, און
געזאָגט: שטיי אויף; איך אַליין בין אויך אַ מענטש. 27 און בעת ער האָט
מיט אים גערעדט, איז ער אַרײַנגעגאַנגען, און האָט געפונען אַ סך, וואָס
זענען זיך צוזאַמענגעקומען; 28 און ער האָט צו זיי געזאָגט: איר אַליין
ווייסט, אַז עס איז אָסור פאַר אַ ייד, זיך צו באַהעפטן, אָדער
אַרײַנצוקומען צו איינעם פון אַן אַנדער פאָלק, אָבער גאָט האָט מיר
אַנטפּלעקט, אַז איך זאָל קיינעם ניט רופן טרייף, אָדער פּסול.
29 דעריבער בין איך אויך געקומען און האָב ניט פאַרמיטן, ווען מען
האָט געשיקט נאָך מיר. איך פרעג דעריבער, מיט וואָסער כּוונה האָט איר
געשיקט נאָך מיר?
30 און קאָרנעליוס האָט געזאָגט: שוין פיר טעג אַז איך זיץ און פאַסט ביז
דער איצטיקער שעה, און בעת איך האָב תּפילה געטאָן אין דער

נײַנטער שָׁעה אין מײַן הויז, ערשט אַ מענטש איז געשטאַנען פֿאַר מיר
אין אַ שטראַלנדיק געוואַנט, 31 און האָט געזאָגט: קאָרנעליוס, דײַן
תּפֿילה איז דערהערט געוואָרן, און דײַן צדָקה איז געדענקט געוואָרן
פֿאַר גאָט. 32 שיק דעריבער קיין יָפֿו, און רוף צו דיר שִׁמעוֹנען, וועמען
מען רופֿט פּעטרוס; ער שטייט אײַן אין דעם הויז פֿון שִׁמעוֹנען, אַ
גאַרבער, בײַם יַם. 33 איך האָב דעריבער תּיֵכף געשיקט צו דיר; און
דו האָסט גוט געטאָן, וואָס דו ביסט געקומען; און איצט זענען מיר
אַלע דאָ פֿאַר גאָט, צו הערן אַלצדינג, וואָס דיר איז געבאָטן געוואָרן
פֿון גאָט.
34 און פּעטרוס האָט געעפֿנט זײַן מויל, און האָט געזאָגט: איך זע באֶמת
אײַן, אַז גאָט איז ניט קיין נוֹשׂא־פָּנים, 35 נײַערט אין יעדן פֿאָלק איז
דער, וואָס האָט מוֹרא פֿאַר אים, און טוט רעכטפֿאַרטיקייט, באַוויליקט
בײַ אים. 36 דאָס וואָרט האָט ער געשיקט צו די בנֵי־ישׂרָאל, און האָט
מבַשׂר געווען גוטע בשׂוּרות פֿון שָׁלום דורך יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ (ער איז האַר
פֿון אַלע), 37 און איר אַליין ווייסט דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס איז
אָנגעזאָגט געוואָרן איבער גאַנץ יהוּדה, אָנהייבנדיק אין גָליל נאָך דער
טבילה, וואָס יוֹחָנָן האָט אָנגעזאָגט: 38 ווי גאָט האָט געזאַלבט יֵשוּעַ
הַנוֹצרי מיט דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש און מיט גבוּרה; וואָס איז אַרומגעגאַנגען
און האָט געטאָן גוטס, און האָט געהיילט אַלע, וואָס זענען געווען אין
דער מאַכט פֿון דעם שָׂטן, וואָרים גאָט איז מיט אים געווען. 39 און מיר
זענען עֵדות פֿון אַלצדינג, וואָס ער האָט געטאָן אין דעם ייִדישן לאַנד,
און אין ירושָׁלַיִם; וועמען זיי האָבן אויך געטייט, דורך אויפֿהענגען אים
אויף אַ בוים. 40 אים האָט גאָט אויפֿגעוועקט דעם דריטן טאָג, און האָט
אים געלאָזט אַנטפּלעקט ווערן; 41 ניט פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק, נײַערט
פֿאַר עֵדות, וואָס זענען פֿאַרויס אויסדערוויילט געוואָרן פֿון גאָט, פֿאַר
אונדז, וואָס האָבן מיט אים געגעסן און געטרונקען, נאָכדעם ווי ער איז
אויפֿגעשטאַנען תּחִיַת־הַמֵתים. 42 און ער האָט אונדז באַפֿוילן מבַשׂר צו
זײַן פֿאַר דעם פֿאָלק, און צו זאָגן עֵדות, אַז דאָס איז ער, וואָס איז
באַשטימט געוואָרן פֿון גאָט פֿאַר אַ שוֹפֿט פֿון די לעבעדיקע און די
טויטע. 43 אויף אים זאָגן עֵדות אַלע נבֿיאים, אַז דורך זײַן נאָמען וועט
יעדער איינער, וואָס גלויבט אין אים, קריגן פֿאַרגעבונג פֿון די זינד.
44 בשַׁעת פּעטרוס האָט נאָך געהאַלטן אין רעדן די דאָזיקע רייד, איז דער
רוּחַ־הַקוֹדֶש געפֿאַלן אויף אַלע, וואָס האָבן געהערט דאָס וואָרט. 45 און
די פֿון די געמַלטע, וואָס האָבן געגלויבט, און וואָס זענען געקומען מיט
פּעטרוסן, זענען נִשתּוֹמם געוואָרן, מַחמת וואָס אויך אויף די גוֹיים איז
אויסגעגאָסן געוואָרן די מַתָּנה פֿון דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש; 46 וואָרים זיי האָבן
זיי געהערט רעדן

מיט לשונות, און לויבן גאָט. דעמאָלט האָט פּעטרוס געענטפֿערט, און
געזאָגט: 47 קאָן עמיצער פֿאַרווערן דאָס וואַסער, אַז די דאָזיקע זאָלן
ניט געטובֿלט ווערן, וואָס האָבן מקבל געווען דעם רוח־הקודש, פּונקט
אַזוי ווי מיר? 48 און ער האָט זיי באַפֿוילן געטובֿלט צו ווערן אין דעם
נאָמען פֿון יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. דערנאָך האָבן זיי אים געבעטן צו פֿאַרבלײַבן
עטלעכע טעג.

יא און די שליחים און די ברידער, וואָס זענען געווען אין יהודה, האָבן
געהערט, אַז אויך די גויים האָבן מקבל געווען דאָס וואָרט פֿון גאָט.
2 און בעת פּעטרוס איז אַרויפֿגעגאַנגען קיין ירושָלַיִם, האָבן זיך די
געמַלטע געקריגט מיט אים, 3 און געזאָגט: דו ביסט אַרײַנגעגאַנגען צו
עֲרֵלים, און האָסט געגעסן מיט זיי. 4 און פּעטרוס האָט אָנגעהויבן, און
האָט פֿאַר זיי דערקלערט דעם ענין, אַזוי צו זאָגן: 5 איך בין געווען אין
דער שטאָט יָפו און בין מִתפּלל געווען; און אין אַ דרימל האָב איך
געזען אַ זעאונג: עפּעס אַ כּלי האָט אַראָפּגענידערט, ווי אַ גרויס
לײַלעך, און עס איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן פֿון הימל בײַ די פֿיר עקן,
און סע האָט געגרייכט ביז צו מיר; 6 און אַז איך האָב דערין
אַרײַנגעקוקט, האָב איך דאָרטן באַמערקט בהֵמות פֿון דער ערד, און
ווילדע חַיות און שְׁרָצים און פֿייגל פֿון הימל. 7 און איך האָב אויך
געהערט אַ קול זאָגן צו מיר: שטיי אויף, כֵּיפָא, שעכט און עס. 8 אָבער
איך האָב געזאָגט: חָלִילה, האַר; וואָרים קיין טרייף אָדער פּסול זאַך
איז קיינמאָל ניט אַרײַנגעקומען אין מײַן מויל אַרײַן. 9 און דאָס קול פֿון
הימל האָט אַ צווייט מאָל געענטפֿערט: וואָס גאָט האָט געמאַכט ריין,
זאָלסטו ניט מאָכן אומריין. 10 און דאָס איז געשען דריי מאָל, און
אַלצדינג איז ווידער אַרויפֿגענומען געוואָרן אין הימל אַרײַן. 11 און
באותו רֶגע זענען דריי מענטשן געשטאַנען פֿאַר דעם הויז, אין וועלכן
מיר זענען געווען, וואָס זענען צו מיר געשיקט געוואָרן פֿון קֵיסַריה.
12 און דער גייסט האָט מיר באַפֿוילן צו גיין מיט זיי, און ניט צו זײַן אין
סָפק. און די דאָזיקע זעקס ברידער האָבן מיך אויך באַגלייט, און מיר
זענען אַרײַנגעקומען אין דעם מענטשנס הויז אַרײַן.
13 און ער האָט אונדז דערציילט, וויאַזוי ער האָט געזען דעם מַלאך
שטיין אין זײַן הויז, און זאָגן: שיק קיין יָפו, און לאָז ברענגען
שִׁמעונען, וועמען מען רופֿט פּעטרוס, 14 וואָס וועט רעדן צו דיר רייד,
דורך וועלכע דו וועסט געהאָלפֿן ווערן, דו און דײַן גאַנץ הויז. 15 און
אַז איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן, איז געפֿאַלן אויף זיי דער רוח־הקודש,
פּונקט ווי לכַתּחילה אויף אונדז. 16 און איך האָב מיך דערמאָנט אָן דעם
וואָרט פֿון דעם האַר, וואָס ער האָט געזאָגט: יוֹחָנָן האָט געטובֿלט מיט
וואַסער, אָבער איר וועט געטובֿלט ווערן מיט דעם רוח־הקודש.

17 בכֵן, אויב גאָט האָט זיי געגעבן די זעלבע מַתָּנה ווי אונדז, בעת מיר
האָבן געגלויבט אין דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, ווער בין איך, איך זאָל
שטערן גאָט? 18 און אַז זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי
שטילגעשוויגן, און האָבן געלויבט גאָט, אַזוי צו זאָגן: באֱמת, אויך
פֿאַר די גױים האָט גאָט באַוויליקט תּשובה צום לעבן.
19 און די, וואָס זענען צעשפּרייט געוואָרן צוליב דער רדִיפֿה, וואָס
האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿונוועגן סטעפֿאַנוסן, זענען אנטרינען אַזוי ווייט
ווי פֿעניקיע, און קיפּרוס, און אַנטיאָכיע, און האָבן צו קיינעם ניט
גערעדט דאָס וואָרט, אַחוץ נאָר צו יִדן. 20 און צווישן זיי זענען געווען
מענטשן פֿון קיפּרוס און קוריני, וואָס בעת זיי זענען געקומען קיין
אַנטיאָכיע, האָבן זיי אויך גערעדט צו די גריכן, און מבַשׂר געווען דעם
האַר יֵשוּעַ. 21 און די האַנט פֿון גאָט איז געווען מיט זיי; און אַ גרויסע
צאָל, וואָס האָט געגלויבט, האָט זיך געקערט צו דעם האַר. 22 און די
ידִיעה וועגן זיי איז דערגאַנגען אין די אויערן פֿון דער קהִלה אין
ירושָלַיִם, און זיי האָבן געשיקט בַּר־נַבָּאן קיין אַנטיאָכיע. 23 און ווען
ער איז אָנגעקומען, און האָט געזען דעם חֶסֶד פֿון גאָט, האָט ער זיך
געפֿרייט; און ער האָט זיי אַלע אָנגעזאָגט, זיך צו באַהעפֿטן צום האַר
מיט דעם גאַנצן האַרצן; 24 וואָרים ער איז געווען אַ גוטער מענטש,
און פֿול מיט דעם רוח־הַקוֹדֶש און מיט אֱמונה. און אַ סך פֿאָלק איז
צוגעקומען צו דעם האַר. 25 און ער איז אַוועקגעגאַנגען קיין טאַרסוס
צו זוכן שָאולן; 26 און אַז ער האָט אים געפֿונען, האָט ער אים
געבראַכט קיין אַנטיאָכיע. און דאָרטן זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען אַ
גאַנץ יאָר אין דער קהִילה, און האָבן געלערנט אַ סך מענטשן; און עס
איז געווען אין אַנטיאָכיע, אַז די תַּלמידים זענען צום ערשטן מאָל
גערופֿן געוואָרן קריסטן.
27 און אין די דאָזיקע טעג האָבן נבִיאים פֿון ירושָלַיִם אַראָפּגענידערט
קיין אַנטיאָכיע. 28 און עס איז אויפֿגעשטאַנען איינער פֿון זיי מיטן
נאָמען אַגאַבוס, און האָט אָנגעוויזן דורך דעם רוח־הקוֹדש, אַז סע
וועט זיין אַ גרויסער הונגער איבער דער גאַנצער וועלט; און דאָס איז
געשען אין די טעג פֿון קלאַודיִוסן. 29 און די תַּלמידים האָבן באַשלאָסן,
יעטוועדער לויט זיין מעגלעכקייט, צו שיקן הילף צו די ברידער, וואָס
האָבן געלעבט אין יהודה; 30 און דאָס האָבן זיי אויך געטאָן, און האָבן
עס געשיקט צו די זקֵנים דורך דער האַנט פֿון בַּר־נַבָּאן און שָאולן.
יב און אַרום יענער צייט האָט דער מֶלך הוֹרדוס אויסגעשטרעקט זיינע
הענט צו פּייניקן עטלעכע פֿון דער עֵדה. 2 און ער האָט געטייט יַעקֹבן,
דעם ברודער פֿון יוֹחָנָן, מיט דער שווערד.

3 און אַז ער האָט געזען, אַז דאָס איז וואוילגעפֿעלן געוואָרן די ייִדן, איז ער
ווײַטער געגאַנגען צו כאַפּן אויך פּעטרוסן. און דאָס זענען געווען די טעג פֿון
חַג־הַמַצות. 4 און אַז ער האָט אים געכאַפּט, האָט ער אים אַרײַנגעזעצט אין
דער תּפֿיסה, און האָט אים איבערגעענטפֿערט צו פֿיר אָפּטיילונגען זעלנער,
יעדע פֿון פֿיר מאַן אים צו היטן, מיט דער דֵעה, נאָך פֶּסח אים אַרויסצובּרענגען
פֿאַר דעם פֿאָלק. 5 פּעטרוס איז דעריבער געהאַלטן געוואָרן אין דער תּפֿיסה;
אָבער די עֵדה האָט פֿאַר אים כּסדר מִתפַּלֵל געווען צו גאָט.
6 און בעת הורדוס איז געווען גרייט אים אַרויסצובּרענגען, איז פּעטרוס יענע
נאַכט געשלאָפֿן צווישן צוויי זעלנער, געבונדן מיט צוויי קייטן; און שומרים
פֿאַר דער טיר האָבן געהיט די תּפֿיסה. 7 און אָט איז אַ מַלאך פֿון גאָט
געשטאַנען לעבן אים, און אַ ליכט האָט געשײַנט אין דער קאַמער; און ער
האָט אַ קלאַפּ געטאָן פּעטרוסן אין דער זײַט, און האָט אים אויפֿגעוועקט, און
געזאָגט: שטיי אויף געשווינד. און די קייטן זענען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון זײַנע
הענט. 8 און דער מַלאך האָט צו אים געזאָגט: גורט דיך אָן, און בינד צו דײַנע
סאַנדאַלן. און ער האָט אַזוי געטאָן. און ער האָט צו אים געזאָגט: היל דיך אײַן
אין דײַן מאַנטל, און גיי מיר נאָך. 9 און ער איז אַרויסגעגאַנגען, און איז אים
נאָכגעגאַנגען; און ער האָט ניט געוואוסט, אַז ס'איז געווען אֶמת, דאָס, וואָס
ס'איז געטאָן געוואָרן דורך דעם מַלאך, נײַערט האָט געמיינט, אַז ער האָט
געזען אַ זעאונג. 10 און נאָכדעם ווי זיי זענען דורכגעגאַנגען די ערשטע און די
צווייטע וואַך, זענען זיי געקומען צו דעם אײַזערנעם טויער, וואָס פֿירט אין
דער שטאָט אַרײַן; און דער טויער האָט זיך געעפֿנט פֿאַר זיי פֿון זיך אַליין. און
זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, און זענען דורכגעגאַנגען דורך אַ גאַס; און פּלוצים
האָט דער מַלאך אָפּגעקערט פֿון אים. 11 און אַז פּעטרוס איז געקומען צו זיך,
האָט ער געזאָגט: איצט ווייס איך אויף אַן אֶמת, אַז גאָט האָט אַרויסגעשיקט
זײַן מַלאך און האָט מיך מַציל געווען פֿון דער האַנט פֿון הורדוסן, און פֿון אַלע
דערוואַרטונגען פֿון דִי דאָזיקע ייִדישע לײַט.
12 און בעת ער האָט איבערגעטראַכט די זאַך, איז ער געגאַנגען צו דעם הויז פֿון
מִריָמען, די מוטער פֿון יוֹחָנָן, וועמען מען האָט גערופֿן מאַרקוס, וואו אַ סַך
זענען געווען פֿאַרזאַמלט און זענען מִתפַּלֵל געווען. 13 און אַז ער האָט
אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פֿון טויער, איז אַ דינסטמיידל, וואָס האָט געהייסן
ראָדאַ, געקומען ענטפֿערן. 14 און אַז זי האָט דערקענט פּעטרוסעס קול, האָט
זי פֿאַר שׂמחה ניט געעפֿנט דעם טויער, נײַערט איז אַרײַנגעלאָפֿן, און האָט
דערציילט, אַז פּעטרוס שטייט פֿאַר דעם טויער. 15 און זיי האָבן צו איר
געזאָגט: דו ביסט משוגע. נאָר זי האָט פֿאַרזיכערט, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע.
האָבן זיי געזאָגט: עס איז זײַן מַלאך! 16 אָבער פּעטרוס האָט ווײַטער
געקלאַפּט; און אַז זיי האָבן געעפֿנט, האָבן זיי אים געזען, און זענען
פֿאַרחִידושט

גערוואָרן. 17 און ער האָט צו זיי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט
שטילצושווייגן, און האָט זיי דערציילט ווי אַזוי דער האַר האָט אים
אַרויסגעפֿירט פֿון דער תּפֿיסה אַרויס, און ער האָט געזאָגט: דערציילט
דאָס יַעקבֿן און די ברידער. און ער האָט אָפּגעקערט און איז געגאַנגען
צו אַן אַנדער אָרט.
18 און ווי נאָר עס איז געוואָרן טאָג, איז געוואָרן אַ שטיקל בֶּהָלה צווישן
די זעלנער: וואָס איז געוואָרן פֿון פּעטרוסן? 19 און בעת הוֹרדוס האָט
אים געזוכט און האָט אים ניט געפֿונען, האָט ער געלאָזט פֿאַרהערן די
שוֹמרים, און האָט באַפֿוילן, אַז זיי זאָלן געטייט ווערן. און ער האָט
אַראָפּגענידערט פֿון יהודה קיין קֵיסַריה, און איז דאָרטן פֿאַרבליבן.
20 און ער איז געווען שטאַרק אין כַּעס אויף די מענטשן פֿון צוֹר און
צִידוֹן; און זיי זענען אַלע צוזאַמען צו אים געקומען, און אַז זיי האָבן
איבערגערעדט בלאַסטוסן, דעם מֶלֶכס קאַמערהאַר, האָבן זיי געבעטן
שָלום, מַחמת זייער לאַנד איז געשפּייַזט געוואָרן פֿון דעם מֶלֶכס לאַנד.
21 און אין אַ באַשטימטן טאָג האָט זיך הוֹרדוס אָנגעטאָן זיינע
קיניגלעכע מַלבושים, און האָט זיך געזעצט אויף דעם כִּסֵא־הַמלוכה,
און האָט געהאַלטן פֿאַר זיי אַ רעדע. 22 און דאָס פֿאָלק האָט געשריגן:
דאָס קוֹל פֿון אַ גאָט איז דאָס, און ניט פֿון קיין מענטשן! 23 און תֵּיכף
האָט אַ מַלאך פֿון גאָט אים געשלאָגן, מַחמת ער האָט ניט געגעבן גאָט
דעם כָּבוד; און ער איז צעפֿרעסן געוואָרן פֿון ווערים, און איז
געשטאָרבן.
24 אָבער דאָס וואָרט פֿון גאָט איז געוואַקסן און האָט זיך געמערט.
25 און בַּר־נַבָּא און שָאול האָבן זיך אומגעקערט פֿון ירושָלַיִם, נאָכדעם
ווי זיי האָבן אויסגעפֿירט זייער שליחות, און האָבן מיטגענומען מיט
זיך יוֹחָנָן, וועמעס צונאָמען איז געווען מאַרקוס.
יג און עס זענען געווען אין אַנטיאָכיע ביי דער דאָרטיקער קהִילה
נבִיאים און לערער: בַּר־נַבָּא, און שִמעוֹן, וואָס איז גערופֿן געוואָרן
ניגער, און לוקִיוּס פֿון קוריני, און מנַחֵם, דער יוגנט־חַבר פֿון הוֹרדוסן,
דעם טעטראַרך, און שָאול. 2 און בעת זיי האָבן געדינט גאָט, און האָבן
געפֿאַסט, האָט דער רוח־הַקוֹדֶש געזאָגט: שיידט אָפּ פֿאַר מיר בַּר־נַבָּאן
און שָאולן צו דער אַרבעט, צו וועלכער איך האָב זיי גערופֿן. 3 און
נאָכדעם ווי זיי האָבן געפֿאַסט און מִתפַּלֵל געווען, האָבן זיי אויף זיי
אַרויפֿגעלייגט זייערע הענט, און האָבן זיי אַוועקגעשיקט.
4 און בעת זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך דעם רוח־הַקוֹדֶש,
האָבן זיי אַראָפּגענידערט קיין סעלוקיע, און פֿונדאַנען זענען זיי
אָפּגעפֿאָרן קיין קיפּרוס. 5 און בעת זיי זענען אָנגעקומען קיין סאַלאַמיס,
האָבן זיי מבַשׂר געווען

דאָס וואָרט פוּן גאָט אין די שוּלן פוּן די ייִדן. אוּן זיי האָבּן אויך
געהאַט יוֹחָנָן פאַר זייער בּאַדינער. 6 אוּן אַז זיי זענען דוּרכגעגאַנגען
דעם גאַנצן אינזל בּיז פּאַפאָס, האָבּן זיי געפוּנען איינעם אַ ייִדן אַ
כּישוּף־מאַכער, אַ פאַלשן נָבִיא, וואָס האָט געהייסן בַּר־יֵשוּעַ; 7 ער איז
געווען מיט דעם פּראָקאָנסוּל סערגִיוּס פּאָולוּס, אַ פאַרשטענדיקער
מענטש, וואָס האָט גערוּפן צוּ זיך בַּר־נַבָּאן אוּן שָׁאוּלן, אוּן האָט
בּאַגערט צוּ הערן דאָס וואָרט פוּן גאָט. 8 אָבּער עלימאַס, דער כִּישוּף־
מאַכער – וואָרים דאָס איז דער טײַטש פוּן זיין נאָמען – האָט זיך זיי
אַנטקעגנגעשטעלט, אוּן האָט געזוּכט אָפּצוּנייגן דעם פּראָקאָנסוּל פוּן
דער אֶמוּנה. 9 אָבּער שָׁאוּל, וואָס איז אויך גערוּפן געוואָרן פּאָולוּס,
פוּל מיט דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, האָט בּאַהעפט זיינע אויגן אָן אים, 10 אוּן
האָט געזאָגט: דוּ זוּן פוּן שָׂטָן, שׂוֹנא פוּן יעדער רעכטפאַרטִיקייט, אוּן
פוּל מיט יעדער פאַלשקייט אוּן פאַרדאָרבּנקייט, ווּעסטוּ ניט אויפהערן
צוּ פאַרדאַרבּן די גלייכע וועגן פוּן גאָט? 11 אוּן איצט, זע, די האַנט פוּן
גאָט איז אויף דיר, אוּן דוּ וועסט זיין בּלינד, אוּן ניט זען אַ צייט די זוּן.
אוּן תֵּיכּף איז אויף אים געפאַלן אַ נעפּל אוּן אַ פינצטערניש; אוּן ער
איז אַרוּמגעגאַנגען זוּכן, עמיץ זאָל אים פירן בּיי דער האַנט.
12 דעמאָלט האָט דער פּראָקאָנסוּל געגלויבּט, בּעת ער האָט געזען
וואָס עס איז געשען, וואָרים ער איז נִשתּוֹמם געוואָרן פוּן דער לערנוּנג
פוּן דעם האַר.
13 אוּן פּאָולוּס אוּן זיינע בּאַגלייטער האָבּן זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ
שיף פוּן פּאַפאָס, אוּן זענען געקוּמען קיין פּערגאַ אין פּאַמפיליע. אוּן
יוֹחָנָן האָט זיך אָפּגעשיידט פוּן זיי, אוּן האָט זיך אוּמגעקערט קיין
ירוּשָׁלַיִם. 14 זיי אָבּער האָבּן פאַרלאָזט פּערגאַ, אוּן זענען געקוּמען קיין
אַנטיאָכיע פוּן פּיסידיע. אוּן שַׁבּת זענען זיי אַרייַנגעגאַנגען אין דער
שוּל, אוּן האָבּן זיך אַנידערגעזעצט. 15 אוּן נאָך דעם לייענען די תּוֹרה
אוּן די נבִיאים, האָבּן די גַבָּאים צוּ זיי געשיקט, אַזוי צוּ זאָגן: בּרידער,
אויבּ איר האָט עפּעס אַ מוּסר־וואָרט פאַר דעם עוֹלם, טאָ זאָגטס.
16 אוּן פּאָולוּס איז אויפגעשטאַנען, אוּן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער
האַנט, אוּן געזאָגט:
מענטשן פוּן יִשׂרָאל, אוּן איר, וואָס האָט מוֹרא פאַר גאָט, הערט:
17 דער גאָט פוּן דעם דאָזיקן פאָלק יִשׂרָאל האָט אויסדערווײלט
אוּנדזערע אָבות, אוּן האָט דערהויבּן דאָס פאָלק, בּעת זיי האָבּן
געוווֹנט אין דעם לאַנד מִצרַיִם, אוּן מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם
האָט ער זיי אַרויסגעצויגן פוּן דאָרטן. 18 אוּן אַרוּם פערציק יאָר האָט
ער זיי

געטראָגן אין דער מִדבר. 19 און אַז ער האָט פֿאַרטיליקט זיבן אוּמות
אין דעם לאַנד כּנַען, האָט ער זיי געגעבן זייער לאַנד פֿאַר אַן ירוּשה,
אויף אַרום פֿיר הונדערט און פֿופֿציק יאָר. 20 און דערנאָך האָט ער זיי
געגעבן שוֹפֿטים ביז דעם נָביא שמוּאֵל. 21 און דערנאָכדעם האָבן זיי
פֿאַרלאַנגט אַ מֶלך; און גאָט האָט זיי געגעבן שָאוּל בֶּן־קִיש, אַ מאַן
פֿון דעם שֵבֶט בִּנְיָמין, אויף אַ צייט פֿון פֿערציק יאָר 22 און אַז ער האָט
אים אַראָפּגעזעצט, האָט ער אויפֿגעשטעלט דָוִדן צו זיין זייער מֶלך,
פֿון וועמען ער האָט עֵדות געזאָגט: איך האָב געפֿונען דָוִד בֶּן־יִשַי, אַ
מאַן נאָך מיין האַרץ, וואָס וועט טאָן מיין גאַנצן רָצון.[1] 23 פֿון דעם
דאָזיקן מענטשנס זאָמען האָט גאָט, לויט זיין הַבטָחה, געבראַכט צו
יִשׂרָאל אַ גוֹאֵל, יֵשוּעַן, 24 נאָכדעם ווי יוֹחָנָן האָט פֿאַר זיין קומען
קוֹדם מְבַשׂר געווען די טבִילה פֿון תּשוּבה צו דעם גאַנצן פֿאָלק
יִשׂרָאל. 25 און בעת יוֹחָנָן האָט געהאַלטן אין מְמַלא זיין זיין גאַנג, האָט
ער געזאָגט: וואָס מיינט איר בין איך? איך בין ניט ער. אָבער אָט
קומט נאָך מיר איינער, וועמעס שיך איך בין ניט רָאוּי אויפֿצובינדן פֿון
זיינע פֿיס.

26 ברידער, קינדער פֿון דעם שטאַם פֿון אַבְרָהמען, און די צווישן אייך,
וואָס האָבן מוֹרא פֿאַר גאָט, צו אונדז איז געשיקט געוואָרן דאָס וואָרט
פֿון דער דאָזיקער ישוּעה. 27 וואָרים די, וואָס וואוינען אין ירוּשָלַיִם,
און זייערע עלטסטע, האָבן אים ניט דערקענט, און האָבן מְמַלא געווען
די רייד פֿון די נבִיאים, וואָס ווערן געלייענט יעדן שַבת, מיט דעם וואָס
זיי האָבן אים פֿאַרמִשפּט. 28 און הַגַם זיי האָבן ניט געפֿונען אין אים
קיין סִיבּה פֿאַר מִיתה, האָבן זיי דאָך פֿאַרלאַנגט פֿון פּילאַטוּסן, אַז ער
זאָל געטייט ווערן. 29 און אַז זיי האָבן אַלץ מְמַלא געווען, וואָס סע
שטייט געשריבן וועגן אים, האָבן זיי אים אַראָפּגענומען פֿון דעם בוים,
און האָבן אים אַריינגעלייגט אין אַ קֶבר. 30 אָבער גאָט האָט אים
מחַיֵה־מֵתים געווען, 31 און ער האָט זיך אַ סַך טעג באַוויזן צו די, וואָס
האָבן מיט אים עוֹלה־רֶגל געווען פֿון גַליל קיין ירוּשָלַיִם, און וואָס
זענען איצט זיינע עֵדות פֿאַר דעם פֿאָלק. 32 און מיר ברענגען אייך די
גוטע בשׂוּרה פֿונוועגן דער הַבטָחה, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן
אונדזערע אָבות, 33 און וואָס גאָט האָט מקַיים געווען פֿאַר אונדז,
זייערע קינדער, מיט דעם וואָס ער האָט אויפֿגעוועקט יֵשוּעַן, ווי סע
שטייט אויך געשריבן אין דעם צווייטן קאַפּיטל תּהִלים:

דו ביסט מיין זון,
היינט האָב איך דיך געבוירן.[2]

34 און בנוֹגֵע דעם, וואָס ער האָט

---

[1] שמואל א׳ יג, 14; תהלים פט, 21. [2] תהלים ב, 7.

אים מחַיֵה־מֵתים געווען, מער קיינמאָל ניט אומצוקערן זיך צו
פֿאַרדאַרבונג, האָט ער גערעדט אויף אַזאַ אופֿן:

איך וועל אייך געבן די הייליקע און געטרייַע חסָדים פֿון דָוִדן.[1]

35 דעריבער זאָגט ער אויך אין אַן אַנדער קאַפּיטל תּהִלים:

דו וועסט ניט לאָזן דייַן הייליקן זען פֿאַרדאַרבונג.[2]

36 וואָרים נאָכדעם ווי דָוִד האָט געדינט זייַן אייגענעם דור, איז ער
פֿאַרגאַנגען, לויט נאָך דער עֵצה פֿון גאָט, און איז אייַנגעזאַמלט
געוואָרן צו זייַנע אבות, און האָט געזען פֿאַרדאַרבונג. 37 אָבער דער,
וועמען גאָט האָט אויפֿגעוועקט, האָט ניט געזען קיין פֿאַרדאַרבונג.
38 דעריבער זאָלט איר וויסן, ברידער, אַז דורך דעם דאָזיקן מענטשן
ווערט אייך אָנגעזאָגט פֿאַרגעבונג פֿון זינד; 39 און דורך אים ווערט
יעדער איינער, וואָס גלויבט, גערעכטפֿאַרטיקט פֿון אַלצדינג, פֿון וואָס
איר וואָלט ניט געקאָנט גערעכטפֿאַרטיקט ווערן דורך תּורת־משה.
40 היט אייך דעריבער, אַז סע זאָל אויף אייך ניט קומען, וואָס עס איז
געזאָגט געוואָרן אין די נבִיאים:

41 זעט, איר פֿאַראַכטער, וואונדערט אייך, און קומט אים;
וואָרים איך טו אַ ווערק אין אייערע טעג,
אַ ווערק, וואָס איר וועט ניט גלויבן,
אויב עמיצער וועט עס אייך דערציילן.[3]

42 און בעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָבן זיי געבעטן, אַז די דאָזיקע
רייד זאָלן פֿאַר זיי גערעדט ווערן דעם אַנדערן שַבּת. 43 און אַז די עֵדה
איז זיך צעגאַנגען, זענען אַ סך פֿון די ייִדן און פֿון די פֿרומע גֵרים
נאָכגעגאַנגען פּאָולוסן און בַּר־נַבָּאן, וואָס האָבן צו זיי גערעדט, און זיי
אָנגעזאָגט צו פֿאַרבלייַבן אין דעם חֶסד פֿון גאָט.

44 און אויף דעם אַנדערן שַבּת איז זיך כּמעט די גאַנצע שטאָט
צונויפֿגעקומען הערן דאָס וואָרט פֿון גאָט. 45 אָבער ווען די ייִדן
האָבן געזען דעם הַמון, זענען זיי געוואָרן פֿול מיט קִנאה, און האָבן
אַנטקעגנגערעדט דאָס, וואָס איז גערעדט געוואָרן דורך פּאָולוסן, און
האָבן געלעסטערט. 46 און פּאָולוס און בַּר־נַבָּא האָבן גערעדט מוטיק,
און האָבן געזאָגט: עס איז געווען נייטיק, אַז דאָס וואָרט פֿון גאָט זאָל
קודם צו אייך גערעדט ווערן; נאָר אַזוי ווי איר פֿאַרשטויסט עס פֿון
אייך, און האַלט זיך פֿאַר ניט רָאוי אויף דעם אייביקן לעבן, קערן מיר
זיך דעריבער צו די גוֹיִים. 47 וואָרים אַזוי האָט אונדז גאָט געבאָטן:

[1] ישעיה נה, 3. [2] תהלים טז, 10. [3] חבקוק א, 5.

איך האָב דיך געשטעלט פֿאַר אַ ליכט פֿון די גויים,
כּדי דו זאָלסט זײַן אַ ישועה ביז צום עק פֿון דער ערד.[1]
48 און אַז די גויים האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי זיך געפֿרייט, און
האָבן געלויבט דאָס וואָרט פֿון גאָט; און וויפֿל עס זענען געווען
אָנגעברייט פֿאַר דעם אייביקן לעבן, האָבן געגלויבט. 49 און דאָס וואָרט
פֿון גאָט איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער געגנט. 50 אָבער
די ייִדן האָבן אָנגערייצט די פֿרומע ווײַבער פֿון חשובֿן שטאַנד, און די
עלטסטע פֿון דער שטאָט, און האָבן דערוועקט אַ רדיפֿה קעגן פּאָולוסן
און בר־נבֿאן, און זיי האָבן זיי אַרויסגעטריבן פֿון זייער געגנט. 51 און
זיי האָבן אָפּגעטרעסלט קעגן זיי דעם שטויב פֿון זייערע פֿיס, און
זענען געקומען קיין איקאָניום. 52 און די תּלמידים זענען געווען פֿול
מיט שׂמחה און מיט דעם רוח־הקודש.
יד און עס איז געווען אין איקאָניום, אַז זיי זענען אינאיינעם
אַרײַנגעגאַנגען אין דער שול צו די ייִדן, און האָבן גערעדט אויף אַזאַ
אופֿן, אַז אַ גרויסער המון, סיי פֿון ייִדן און סיי פֿון גריכן, האָט
געגלויבט. 2 אָבער די ייִדן, וואָס האָבן ניט געגלויבט, האָבן
אויפֿגערייצט די געמיטער פֿון די גויים, און האָבן זיי דערצאָרנט
קעגן די ברידער. 3 זיי זענען דעריבער פֿאַרבליבן אַ לאַנגע צייט, און
האָבן גערעדט מוטיק אין דעם נאָמען פֿון גאָט, וואָס האָט מעיד
געווען פֿאַר דעם וואָרט פֿון זײַן חסד, מיט דעם באַוויליקן אַז צייכנס
און וואונדער זאָלן געטאָן ווערן דורך זייערע הענט. 4 און דאָס פֿאָלק
פֿון דער שטאָט איז געווען צעטיילט; טייל האָבן געהאַלטן מיט די
ייִדן, און טייל מיט די שליחים. 5 און בעת עס איז געמאַכט געוואָרן אַן
אָנפֿאַל מצד די גויים און די ייִדן, מיט זייערע עלטסטע, זיי ביז צו טאָן
און זיי צו פֿאַרשטיינען, 6 זענען זיי פֿון דעם געוואָר געוואָרן, און
זענען אַנטרונען צו די שטעט פֿון לוקאָניע: ליסטראַ און דערבע, און
זייער סבֿיבֿה; 7 און דאָרטן האָבן זיי געדאַרשענט די גוטע בשׂורה.
8 און אין ליסטרע איז געזעסן איינער אַ מענטש, וואָס איז געווען
שוואַך אויף זײַנע פֿיס, אַ קאַליקע, וואָס איז קיינמאָל ניט געגאַנגען פֿון
זײַן מוטערס טראַכט אָן. 9 דער דאָזיקער האָט זיך צוגעהערט צו
פּאָולוסן, בעת ער האָט גערעדט; און פּאָולוס האָט באַהעפֿט אָן אים
זײַנע אויגן, און געזען, אַז ער האָט אמונה צו ווערן געזונט, 10 האָט ער
געזאָגט מיט אַ הויך קול: שטעל דיך גלײַך אויף דײַנע פֿיס. און ער איז
אויפֿגעשפּרונגען און איז געגאַנגען. 11 און בעת דאָס פֿאָלק האָט
געזען, וואָס פּאָולוס האָט געטאָן, האָבן זיי אויפֿגעהויבן זייער קול,

[1] ישעיה מט, 6.

און געזאָגט אין דעם לוקאַאָנישן לָשון: די געטער האָבן
אַראָפּגענידערט צו אונדז אין דער געשטאַלט פון מענטשן. 12 און
זיי האָבן גערופן בַּר־נַבָּאן זעאוס, און פּאָולוסן הערמעס, מַחמת ער איז
געווען דער הויפּט־רעדנער. 13 און דער פּריסטער פון זעאוס, וואָס זיין
טעמפּל איז געווען פאַר דער שטאָט, האָט געבראַכט אָקסן און קראַנצן
צו די טויערן, און האָט געוואָלט מַקריב זיין אינאיינעם מיט דעם
פאָלק. 14 אָבער ווען די שליחים בַּר־נַבָּא און פּאָולוס האָבן פון דעם
געהערט, האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער, און זענען אַרייַנגעלאָפן
צווישן דעם פאָלק, און האָבן אויסגערופן: 15 מענטשן, פאַרוואָס טוט
איר דאָס? אויך מיר זענען מענטשן, מיט די זעלבע שוואַכקייטן ווי בײַ
אײַך, און מיר ברענגען אײַך גוטע בשׂורות, כּדי איר זאָלט זיך אָפּקערן
פון די דאָזיקע פּוסטע מעשׂיות צום לעבעדיקן גאָט, וואָס האָט
געמאַכט דעם הימל און די ערד און דעם יַם, און אַלץ, וואָס עס איז
אין זיי; 16 וואָס האָט אין די פריערדיקע דורות געלאָזט אַלע אומות
גיין אין זייערע אייגענע דרָכים. 17 און דאָך האָט ער זיך ניט געלאָזט
אָן עֵדות, מיט דעם, וואָס ער האָט געטאָן גוטס און האָט אײַך געגעבן
רעגן פון הימל און זעטיקע צייטן, און אָנגעפילט אײַערע הערצער מיט
שפּייז און שׂמחה.[1] 18 און בעת זיי האָבן אַזוי גערעדט, איז זיי קוים
געלונגען אָפּצוהאַלטן דאָס פאָלק פון מַקריב זיין צו זיי.

19 אָבער סע זענען אַהין אָנגעקומען יידן פון אַנטיאָכיע און איקאָניע;
און אַז זיי האָבן איבערגערעדט דאָס פאָלק, האָבן זיי פאַרשטיינט
פּאָולוסן, און האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון דער שטאָט, ווייל זיי
האָבן געמיינט, אַז ער איז טויט. 20 אָבער ווען די תּלמידים זענען
געשטאַנען אַרום אים, איז ער אויפגעשטאַנען, און איז אַרייַנגעגאַנגען
אין דער שטאָט; און אויף מאָרגן איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט בַּר־נַבָּאן
קיין דערבע. 21 און בעת זיי האָבן יענער שטאָט געדאַרשענט די
גוטע בשׂורה, און געמאַכט אַ סך תּלמידים, האָבן זיי זיך אומגעקערט
קיין ליסטרע, און קיין איקאָניום, און קיין אַנטיאָכיע, 22 און האָבן
געשטאַרקט די געמיטער פון די תּלמידים, און זיי מַזהיר געווען צו
האַלטן זיך אין דער אֱמונה, און אַז דורך אַ סך צָרות מוזן מיר
אַרייַנקומען אין דעם מַלכות פון גאָט. 23 און בעת זיי האָבן פאַר זיי
געזעצט עלטסטע אין יעדער קהילה, האָבן זיי מִתפּלל געווען און
געפאַסטעט, און האָבן זיי איבערגעגעבן צו דעם האַר, אין וועמען
זיי האָבן געגלויבט.

24 און זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך פּיסידיע, און זענען געקומען קיין
פּאַמפיליע. 25 און נאָכדעם ווי זיי האָבן גערעדט

[1] תהלים קמז, 8; ירמיה ה, 24.

דאָס וואָרט אין פּערגאַ, האָבן זיי אַראָפּגענידערט קיין אַטאַליע. 26 און
פֿונדאַנען זענען זיי געקומען מיט אַ שיף קיין אַנטיאָכיע, פֿונוואַנען זיי
זענען איבערגעענטפֿערט געוואָרן צו דעם חֶסֶד פֿון גאָט פֿונוועגן דעם
ווערק, וואָס זיי האָבן ממַלא געווען. 27 און אַז זיי זענען אָנגעקומען,
האָבן זיי פֿאַרזאַמלט די קהִילה, און האָבן איבערגעחזרט אַלצדינג,
וואָס גאָט האָט מיט זיי געטאָן, און אַז ער האָט געעפֿנט אַ טיר פֿון
אֱמונה פֿאַר די גוֹיים. 28 און זיי זענען געבליבן מיט די תַּלמידים אַ
לענגערע צייט.

טו און עטלעכע מענטשן האָבן אַראָפּגענידערט פֿון יהודה און האָבן
געלערנט די ברידער: אויב איר וועט ניט געמַלט ווערן כּדַת משה,
וועט איר ניט ניצול ווערן. 2 און בעת פּאָולוס און בַּר־נַבָּא האָבן מיט
זיי געהאַט גרויסע חִילוקי־דֵעות און אַ וויכּוּחַ, האָט מען באַשלאָסן, אַז
פּאָולוס און בַּר־נַבָּא און עטלעכע אַנדערע פֿון זיי, זאָלן אַרויפֿגיין קיין
ירושָלַיִם צו די שלִיחים און זקֵנים פֿונוועגן דער דאָזיקער שַאלה. 3 און
נאָכדעם ווי זיי זענען באַגלייט געוואָרן אויף זייער וועג פֿון דער
קהִילה, זענען זיי דורכגעגאַנגען דורך פֿעניקיע און דורך שוֹמרוֹן, און
האָבן דערציילט פֿון דעם מגַייר זייַן זיך פֿון די גוֹיים, און האָבן
פֿאַרשאַפֿט אַלע ברידער גרויס פֿרייד. 4 און ווען זיי זענען געקומען
קיין ירושָלַיִם, זענען זיי אויפֿגענומען געוואָרן פֿון דער קהִילה און פֿון
די שלִיחים און די זקֵנים, און זיי האָבן דערציילט אַלצדינג, וואָס גאָט
האָט מיט זיי געטאָן. 5 אָבער עס זענען אויפֿגעשטאַנען עטלעכע
מַאמִינים פֿון דער כִּיתּה פֿון די פּרושים, און האָבן געזאָגט: מע מוז זיי
מַל זיין, און זיי באַפֿעלן צו האַלטן תּוֹרַת־משה.

6 און די שלִיחים און די זקֵנים זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו
באַטראַכטן דעם דאָזיקן ענין. 7 און עס איז געווען, בעת די מַחלוֹקה
האָט זיך געשטאַרקט, איז אויפֿגעשטאַנען פּעטרוס, און האָט צו זיי
געזאָגט: ברידער, איר ווייסט, אַז מיט אַ לענגערער צייט צוריק האָט
גאָט פֿון צווישן אייך אויסדערוויילט, אַז דורך מיין מויל זאָלן די גוֹיים
הערן דאָס וואָרט פֿון דער בשׂוֹרה טובה, און גלויבן. 8 און גאָט, וואָס
פֿאַרשטייט דאָס האַרץ, האָט זיי מֵעיד געווען, מיט געבן זיי דעם רוּחַ־
הַקוֹדֶש, אַזוֹיווי ער האָט עס געטאָן צו אונדז. 9 און ער האָט ניט
געמאַכט קיין חִילוק צווישן אונדז און זיי, נייערט האָט דורך דער
אֱמונה געריייניקט זייערע הערצער. 10 און איצט, פֿאַרוואָס פּרוּאווט איר
גאָט, און לעגט אַרויף אַ יאָך אויף דעם נאַקן פֿון די תַּלמידים, וואָס
ניט אונדזערע אָבות און ניט מיר האָבן געקענט דערטראָגן?

11 מיר גלויבן אָבער, אַז מיר וועלן ניצול ווערן דורך דעם חֶסֶד פֿון
דעם האַר יֵשוּעַ אויף דעם זעלבן אופֿן ווי זיי.
12 און די גאַנצע עֵדה האָט שטילגעשוויגן; און זיי האָבן זיך
צוגעהאָרכט צו בַּר־נַבָּאַן און פּאָולוסן, בעת זיי האָבן דערציילט
וואָסערע נִסים וְנִפלָאוֹת גאָט האָט דורך זיי געטאָן צווישן די גוֹיִים.
13 און נאָכדעם ווי זיי האָבן שטילגעשוויגן, האָט יַעקֹב געענטפֿערט,
אַזוי צו זאָגן: ברידער, הערט זיך צו צו מיר: 14 שִׁמעוֹן האָט
דערציילט, וויאַזוי גאָט האָט זיך צוערשט באַוויזן צו די אוּמות,
אַרויסצונעמען פֿון צווישן זיי אַ פֿאָלק פֿון זיין נאָמען וועגן. 15 און
דערמיט שטימען איין די רייד פֿון די נבֿיאים, ווי סע שטייט געשריבן:
16 נאָכדעם וועל איך מיך אומקערן,
און ווידער אויפֿבויען דאָס איינגעפֿאַלענע געצעלט פֿון דָוִדן,
און נאָכאַמאָל אויפֿבויען זיינע חורבות,
און עס אויפֿשטעלן,
17 כּדי די איבערבלייַבונג פֿון די מענטשן זאָל פֿאָרשטן גאָט,
און אַלע אוּמות, אויף וועמען מיין נאָמען ווערט גערופֿן,
18 זאָגט גאָט, וואָס טוט דאָס באַקאַנט מאַכן פֿון פֿאַרצייטן אָן.[1]
19 דעריבער איז מיין מִשפּט, אַז מיר זאָלן ניט באַלעסטיקן די, וואָס
קערן זיך צו גאָט פֿון צווישן די אוּמות, 20 נייערט צו שרייבן צו זיי, אַז
זיי זאָלן זיך צוריקהאַלטן פֿון די אומווערדיקייטן פֿון די אָפּגעטער, און
פֿון זנוּת, און פֿון דעם, וואָס סע איז דערוואָרגן געוואָרן, און פֿון
בלוט. 21 וואָרים משה האָט פֿון אַמאָליקע דורות אָן אין יעדער שטאָט
די, וואָס דַרשענען אים בעת ער ווערט געלייענט אין די שולן יעדן
שַבּת.
22 דעמאָלט איז עס וואוילגעפֿעלן געוואָרן די שלִיחים און די זקֵנים,
מיט דער גאַנצער עֵדה, אויסצודערוויילן מענטשן פֿון צווישן זיי,
און זיי צו שיקן מיט פּאָולוסן און בַּר־נַבָּאַן קיין אַנטיאָכיע, הַיינו,
יהודהן, וואָס איז גערופֿן געוואָרן בַּר־שַבָּא, און סילאַן, אָנגעזעענע
מענטשן צווישן די ברידער. 23 און זיי האָבן דורך זיי אַזוי געשריבן: די
שלִיחים און די זקֵנים, ווי ברידער צו ברידער, וואָס זענען פֿון די
אוּמות העולם

[1] עמוס ט, 11, 12.

אין אַנטיאָכיע און סיריע און קיליקיע, שָׁלום־עליכם! 24 אַזוי ווי מיר
האָבן געהערט, אַז עטלעכע פון אונדז, וועמען מיר האָבן ניט געגעבן
קיין באַפעל, האָבן אייך מצַער געווען מיט רייד, און האָבן אייך
אָנגעטאָן יסורים, 25 איז עס אונדז וואוילגעפעלן געוואָרן, נאָכדעם ווי
מיר זענען געקומען צו אַ באַשלוס, צו שיקן צו אייך אויסדערוויילטע
מענטשן, מיט אונדזער באַליבטן בַּר־נַבָּאן און פּאָלוסן, 26 מענטשן,
וואָס האָבן זיך מוסר־נֶפש געווען פאַר דעם נאָמען פון אונדזער האַר
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 27 מיר האָבן דעריבער געשיקט יהודהן און סילאַן, וואָס
וועלן אייך דאָס אייגענע איבערגעבן פֶּה־אֶל־פֶּה. 28 וואָרים עס איז
וואוילגעפעלן געוואָרן דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, און אונדז, ניט אַרויפצולייגן
אויף אייך קיין גרעסערע מַשׂא, אַחוּץ די דאָזיקע נייטיקע זאַכן:
29 אַז איר זאָלט אייך צוריקהאַלטן פון קָרבַּנות, וואָס מע האָט מַקריב
געווען פאַר אָפּגעטער, און פון בלוט, און פון זאַכן דערוואָרגענע, און
פון זנות. אויב איר וועט אייך פון דעם אָפּהיטן, וועט אייך זיין גוט.
זייַט געזונט.
30 און אַז מע האָט זיי אַוועקגעשיקט, האָבן זיי אַראָפּגענידערט קיין
אַנטיאָכיע; און נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרזאַמלט די עֵדה, האָבן זיי זיי
איבערגעגעבן דעם בריוו 31 און בעת זיי האָבן אים געלייענט, האָבן זיי
זיך געפרייט פונוועגן דער נחָמה. 32 און יהודה און סילאַ, וואָס זענען
אַליין אויך געווען נבִיאים, האָבן געטרייסט די ברידער מיט אַ סַך רייד,
און זיי געשטאַרקט. 33 און נאָכדעם ווי זיי האָבן דאָרטן פאַרבראַכט אַ
קורצע צייט, האָבן די ברידער זיי אַוועקגעשיקט בשָלום צו יענע,
וואָס האָבן זיי אַרויסגעשיקט. 34 און סילאַ האָט באַשלאָסן דאָרט צו
בלייבן. 35 און פּאָלוס און בַּר־נַבָּא זענען פאַרבליבן אין אַנטיאָכיע, און
האָבן געלערנט און אָנגעזאָגט אינאיינעם מיט אַ סַך אַנדערע דאָס
וואָרט פון גאָט.
36 און אין עטלעכע טעג אַרום האָט פּאָלוס געזאָגט צו בַּר־נַבָּאן:
לאָמיר זיך אומקערן און באַזוכן די ברידער אין יעדער שטאָט, וואו
מיר האָבן אָנגעזאָגט דאָס וואָרט פון גאָט, און זען וויאַזוי סע גייט זיי.
37 און בַּר־נַבָּא האָט בדֵעה געהאַט מיטצונעמען אויך יוֹחָנָן, וועמען
מען האָט גערופן מאַרקוס. 38 אָבער פּאָלוס האָט געמיינט, אַז עס איז
ניט רעכט מיטצונעמען מיט זיך דעם, וואָס האָט זיי פאַרלאָזט אין
פּאַמפיליע, און איז ניט צוגעשטאַנען מיט זיי צו דעם ווערק. 39 און עס
האָט זיך אויפגעהויבן אַ שאַרפער רוגֶז, אַזוי, אַז זיי האָבן זיך

אָפּגעשיידט איינער פֿון דעם אַנדערן, און בַר־נַבָּא האָט גענומען מיט
זיך מאַרקוסן, און איז אָפּגעפֿאָרן קיין קיפּרוס. 40 אָבער פּאָולוס האָט
זיך אויסדערוויילט סילאַן, און איז אַוועקגעגאַנגען, און די ברידער
האָבן אים איבערגעענטפֿערט צו דעם חֶסֶד פֿון גאָט. 41 און ער איז
געגאַנגען דורך סיריע און קיליקיע, און האָט געשטאַרקט די קהִילות.
טז און ער איז אויך געקומען קיין דערבע און קיין ליסטרע. און אָט
איז דאָרט געווען איינער אַ תַּלמיד מיטן נאָמען טימאָטעאוס, דער זון
פֿון אַ ייִדישער פֿרוי, וואָס האָט געגלויבט, אָבער זיין פֿאָטער איז
געווען אַ גריך. 2 דער דאָזיקער האָט געהאַט אַ גוטן שֵם ביי די ברידער
אין ליסטרע און איקאָניוּם. 3 און פּאָולוס האָט געוואָלט, אַז ער זאָל
מיט אים מיטגיין; און ער האָט אים גענומען און האָט אים מַל געווען
צוליב די ייִדן, וואָס זענען געווען אין יענע מקומות, וואָרים זיי האָבן
אַלע געוואוסט, אַז זיין פֿאָטער איז געווען אַ גריך. 4 און ווי זיי זענען
דורכגעגאַנגען דורך די שטעט, האָבן זיי זיי אָנגעזאָגט צו היטן די
חוקים, וואָס זענען באַשלאָסן געוואָרן פֿון די שלִיחים און זקֵנים אין
ירושָלַיִם. 5 און אַזוי זענען די קהִילות געשטאַרקט געוואָרן אין דער
אֶמונה, און האָבן זיך פֿאַרמערט אין צאָל פֿון טאָג צו טאָג.
6 און זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך דער געגנט פֿון פֿריגיע און
גאַלאַטיע, ווייל זיי זענען פֿון דעם רוח־הַקודֶש פֿאַרווערט געוואָרן צו
רעדן דאָס וואָרט אין אַזיע. 7 און אַז זיי זענען געקומען קיין מוסיע,
האָבן זיי געוואָלט גיין קיין ביטוניע, נאָר דער גייסט פֿון יֵשוּעַן האָט
זיי ניט געלאָזן. 8 און זיי זענען פֿאַרבייַגעגאַנגען מוסיע, און זענען
אַראָפּגעקומען קיין טראָאַס. 9 און אַ זעאונג האָט זיך אַנטפּלעקט צו
פּאָולוסן ביינאַכט: אַ מענטש פֿון מאַקעדאָניע איז געשטאַנען און האָט
אים געבעטן, אַזוי צו זאָגן: קום אַריבער קיין מאַקעדאָניע, און העלף
אונדז. 10 און אַז ער האָט געזען די זעאונג, האָבן מיר תֵּיכף געזוכט
אַוועקצוגיין קיין מאַקעדאָניע, וואָרים מיר האָבן געדרונגען, אַז גאָט
האָט אונדז גערופֿן מבַשׂר צו זיין פֿאַר זיי די בשׂורה טובה.
11 און בעת מיר זענען אָפּגעפֿאָרן פֿון טראָאַס, זענען מיר געקומען מיט
אַ גלייַכן וועג קיין סאַמאָטראַקיע, און אויפֿן אַנדערן טאָג קיין
נעאַפּאָליס, 12 און פֿונדאַנען קיין פֿיליפּי, וואָס איז די הויפּט־שטאָט
פֿון דעם געביט פֿון מאַקעדאָניע, און אַ רוימישע קאָלאָניע. און מיר
זענען געבליבן אין דער דאָזיקער שטאָט עטלעכע טעג. 13 און שַבָּת
זענען מיר אַרויסגעגאַנגען דורך דעם טויער צו אַ טייך, וואו מיר האָבן
געמיינט עס איז געווען אַ מָקום־תּפִילה; און מיר האָבן זיך
אַנידערגעזעצט, און גערעדט צו די פֿרויען, וואָס זענען זיך
צונויפֿגעקומען. 14 און איינע אַ פֿרוי, מיטן נאָמען לידיע,

אַ קרעמערין פֿון פּורפּור פֿון דער שטאָט תּיִאַטירע, וואָס האָט געדינט
גאָט, האָט זיך צו אונדז צוגעהערט. און גאָט האָט געעפֿנט איר האַרץ
צו פֿאַרנעמען די רייד, וואָס זענען דורך פּאָולוסן גערעדט געוואָרן.
15 און אַז זי איז געטובֿלט געוואָרן, מיט איר בני־בּיִת, האָט זי אונדז
געבעטן, אַזוי צו זאָגן: אויב איר האַלט מיך פֿאַר אַ מאַמינה אין דעם
האַר, טאָ קומט און בלייבט אין מיין הויז. און זי האָט אונדז שטאַרק
געבעטן.
16 און עס איז געווען, בעת מיר זענען געגאַנגען צו דעם מקום־תּפֿילה,
אַז אונדז האָט באַגעגנט אַ דינסטמיידל, וואָס האָט געהאַט אַ גייסט פֿון
וואָרזאָגן, און וואָס האָט מיט איר וואָרזאָגן אַרייַנגעבראַכט אירע האַרן
אַ גרויסן פֿאַרדינסט. 17 און זי איז נאָכגעגאַנגען פּאָולוסן און אונדז, און
האָט געשריגן: אָט־די מענטשן זענען קנעכט פֿון דעם אֵל־עֶליון, וואָס
זאָגן אָן פֿאַר אייך דעם וועג פֿון ישועה. 18 און דאָס האָט זי געטאָן אַ סך
טעג. אָבער פּאָולוס האָט זיך מצער געווען, און האָט זיך אויסגעדרייט
און געזאָגט צו דעם גייסט: איך באַפֿעל דיר אין דעם נאָמען פֿון יֵשוּעַ
הַמָשיחַ אַרויסצוגיין פֿון איר. און ער איז אַרויס די זעלבע שָעה.
19 און ווען אירע האַרן האָבן געזען, אַז די האָפֿענונג אויף זייער
פֿאַרדינסט איז פֿאַרלוירן געגאַנגען, האָבן זיי געכאַפּט פּאָולוסן און
סילאַן, און האָבן זיי אַוועקגעשלעפּט אין מאַרק אַריין פֿאַר די שָׂרים.
20 און אַז זיי האָבן זיי געבראַכט פֿאַר די ריכטער, האָבן זיי געזאָגט: די
דאָזיקע מענטשן, וואָס זענען ייִדן, טוען אָן גרויסע צָרות אונדזער
שטאָט, 21 און פֿירן איין מִנהָגים, וואָס מיר טאָרן ניט אָננעמען, אָדער
אָפּהיטן, ווייל מיר זענען רוימער. 22 און דאָס פֿאָלק איז אינאיינעם
אויפֿגעשטאַנען קעגן זיי; און די ריכטער האָבן פֿון זיי אַראָפּגעריסן די
מַלבושים, און באַפֿוילן זיי צו שמייסן מיט ריטער. 23 און נאָכדעם ווי זיי
האָבן זיי געגעבן אַ סך שמיץ, האָבן זיי זיי אַרייַנגעוואָרפֿן אין דער
תּפֿיסה, און באַפֿוילן דעם שומר זיי גוט צו היטן; 24 און אַז ער האָט
געקריגן אַזאַ באַפֿעל, האָט ער זיי אַרייַנגעוואָרפֿן אין דער
אינעווייניקסטער תּפֿיסה, און איינגעשלאָסן זייערע פֿיס אין קלעצער.
25 אָבער קעגן האַלבער נאַכט האָבן פּאָולוס און סילאַ מִתפּלל געווען און
געזונגען לויבלידער צו גאָט, און די געפֿאַנגענע האָבן זיך צוגעהערט צו
זיי. 26 און פּלוצום איז געוואָרן אַ גרויס ערדציטערניש, אַזוי, אַז די
יסודות פֿון דער תּפֿיסה האָבן זיך געטרייסלט; און אַלע טירן זענען תּיכּף
געעפֿנט געוואָרן, און אַלעמענס קייטן זענען לויז געוואָרן. 27 און ווי
דער שומר האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, און געזען די תּפֿיסה־טירן
אָפֿן, האָט ער געצויגן זיין שווערד און איז געווען גרייט זיך אַליין צו
טייטן, ווייל ער האָט געמיינט, אַז די געפֿאַנגענע

זענען אַנטלאָפֿן. 28 אָבער פּאָולוס האָט געשריגן מיט אַ הויך קול, אַזוי
צו זאָגן: טו דיר ניט קיין שום שלעכטס, וואָרים מיר זענען אַלע דאָ.
29 און ער האָט פֿאַרלאַנגט אַ ליכט, און איז אַרײַנגעשפּרונגען, און אַ
ציטערנדיקער איז ער אַנידערגעפֿאַלן פֿאַר פּאָולוסן און סילאַן, 30 און
ער האָט זיי אַרויסגעפֿירט, און געזאָגט: האַרן, וואָס מוז איך טאָן, כּדי
געראַטעוועט צו ווערן? 31 און זיי האָבן געזאָגט: גלויב אין דעם האַר
יֵשוּעַ, און דו וועסט געראַטעוועט ווערן, דו און דײַן הויז. 32 און זיי
האָבן גערעדט צו אים דאָס וואָרט פֿון גאָט, און צו אַלע, וואָס זענען
געווען אין זײַן הויז. 33 און ער האָט זיי גענומען אין יענער שָעה פֿון
דער נאַכט, און האָט אָפּגעוואַשן זייערע שראַמען, און ער איז תּיכּף
געטובלט געוואָרן, ער און אַלע זײַניקע. 34 און ער האָט זיי
אַרויפֿגעבראַכט צו זיך אין הויז אַרײַן, און האָט געגרייט פֿאַר זיי
שפּײַז, און האָט זיך שטאַרק געפֿרייט מיט זײַן גאַנצן הויז, ווייל ער
איז געוואָרן אַ מאַמין אין גאָט.
35 און בעת עס איז געוואָרן טאָג, האָבן די ריכטער געשיקט די
שוטרים, אַזוי צו זאָגן: לאָז גיין יענע מענטשן. 36 און דער שומר פֿון
דער תּפֿיסה האָט געמאָלדן פּאָולוסן די רייד, אַזוי צו זאָגן: די ריכטער
האָבן געשיקט, אַז מע זאָל אייך לאָזן גיין; דעריבער, קומט אַרויס, און
גייט בשלום. 37 אָבער פּאָולוס האָט צו זיי געזאָגט: זיי האָבן אונדז
עפֿנטלעך געשלאָגן, אָן דין און מִשפּט, מנעטשן, וואָס זענען רוימער,
און האָבן אונדז אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער תּפֿיסה; און איצט וואָרפֿן זיי
אונדז אַרויס בסֵתר? ניין! זאָלן זיי אַליין קומען און אונדז אַרויספֿירן.
38 און די שוטרים האָבן געמאָלדן די ריכטער די דאָזיקער רייד. און זיי
האָבן זיך דערשראָקן, ווען זיי האָבן געהערט, אַז זיי זענען רוימער;
39 און זיי זענען געקומען און האָבן זיי איבערגעבעטן. און זיי האָבן זיי
אַרויסגעפֿירט, און האָבן זיי געבעטן צו פֿאַרלאָזן די שטאָט. 40 און זיי
זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער תּפֿיסה, און זענען אַרײַנגעגאַנגען צו
לידיען; און אַז זיי האָבן געזען די ברידער, האָבן זיי זיי געטרייסט, און
זענען אַוועקגעגאַנגען.
יז און נאָכדעם ווי זיי זענען דורכגעגאַנגען אַמפֿיפּאָליס און
אַפּאָלאָניע, זענען זיי געקומען קיין תּעסאַלאָניקע, וואו עס איז
געווען אַ ייִדיש שול. 2 און ווי זײַן מִנהג איז געווען, איז פּאָולוס צו זיי
אַרײַנגעגאַנגען, און האָט דריי שַבָּתים זיך מיט זיי מִטוַוכֵּחַ געווען פֿון
די כּתבֿי־הַקודש, 3 האָט זיי געעפֿנט און באַוויזן, אַז דער מָשיחַ האָט
געמוזט לײַדן, און ווידער אויפֿשטיין פֿון

די טויטע, און אַז דער דאָזיקער יֵשוּעַ, וועמען איך בּין מבַשׂר פֿאַר
אײַך, איז דער מָשִיחַ. 4 און עטלעכע פֿון זיי האָבּן זיך איבּערצייגט, און
זענען צוגעשטאַנען צו פּאָולוּסן און סילאַן; און אויך אַ סך פֿון די
פֿרומע גריכן, און פֿון די חָשובֿע פֿרויען אויך ניט קיין קליינע צאָל.
5 אָבּער די יִידן האָבּן זיי מקַנא געווען, און האָבּן גענומען מיט זיך
עטלעכע פֿאַרדאָרבּענע מאַרק־יונגען, און האָבּן פֿאַרזאַמלט אַן עולם,
און געמאַכט אַ גערודער אין דער שטאָט; און זיי האָבּן אַרומגערינגלט
דאָס הויז פֿון יאַזאָנען, און האָבּן זיי געוואָלט אַרויסבּרענגען פֿאַר דעם
פֿאָלק. 6 און אַז זיי האָבּן זיי ניט געפֿונען, האָבּן זיי געשלעפּט יאַזאָנען
און עטלעכע בּרידער פֿאַר די עלטסטע פֿון דער שטאָט, און האָבּן
געשריגן: די דאָזיקע לייט, וואָס האָבּן איבּערגעקערט די וועלט, זענען
אויך געקומען אַהער, 7 און יאַזאָן האָט זיי אויפֿגענומען; און זיי אַלע
ווידערשפּעניקן קעגן די געזעצן פֿון דעם קֵיסר, מַחמת זיי זאָגן, אַז
ס'איז פֿאַראַן אַן אַנדערער מֶלך, יֵשוּעַ. 8 און זיי האָבּן דערצערנט דאָס
פֿאָלק און די עלטסטע פֿון דער שטאָט, בּעת זיי האָבּן דאָס געהערט.
9 און נאָכדעם ווי זיי האָבּן גענומען אַ גוטזאָגעריי פֿון יאַזאָנען און די
איבּעריקע, האָבּן זיי זיי אָפּגעלאָזט.
10 און די בּרידער האָבּן תֵּיכּף בּײַנאַכט אַוועקגעשיקט פּאָולוּסן און
סילאַן קיין בּעראָיע; און ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהין, זענען זיי
אַרײַנגעגאַנגען אין די יִידישן שול. 11 און די דאָזיקע זענען געווען
איידעלער פֿון יענע אין תּעסאַלאָניקע, וואָרים זיי האָבּן מקַבּל געווען
דאָס וואָרט מיט כַּוָנה, און האָבּן טאָג־טעגלעך געפֿאָרשט די כּתֵבֿי־
הַקוֹדֶש, צי די זאָכן זענען טאַקע אַזוי. 12 אַ סך פֿון זיי האָבּן דעריבּער
געגלויבּט, און אויך אַ סך פֿון די גריכישע פֿרויען פֿון חָשובֿן שטאַנד,
און פֿון מענער איז די צאָל געווען גרויס. 13 אָבּער ווען די יִידן פֿון
תּעסאַלאָניקע זענען געוואָר געוואָרן, אַז אויך אין בּעראָיע האָט
פּאָולוּס אָנגעזאָגט דאָס וואָרט פֿון גאָט, זענען זיי אויך געקומען אַהין,
און האָבּן בּאַאומרואיקט און אויפֿגעהעצט דאָס פֿאָלק. 14 און דעמאָלט
האָבּן די בּרידער תֵּיכּף אַוועקגעשיקט פּאָולוּסן צו גיין קיין יַם; און
סילאַ און טימאָטעאוּס זענען נאָך פֿאַרבּליבּן דאָרטן. 15 און די, וואָס
האָבּן בּאַגלייט פּאָולוּסן, האָבּן אים געבּראַכט קיין אַטען; און נאָכדעם
ווי זיי האָבּן בּאַקומען אַ בּאַפֿעל פֿאַר סילאַן און טימאָטעאוּסן, אַז זיי
זאָלן קומען צו אים וואָס גיכער, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען.
16 און בּשַעת פּאָולוּס האָט אויף זיי געוואַרט אין אַטען, איז זײַן געמיִט
אין אים פֿאַרבּיטערט געוואָרן; בּעת ער האָט געזען די שטאָט

פּול מיט אָפּגעטער. 17 און ער פלעגט רעדן אין דער שול מיט די ייִדן
און מיט די יִראי־שָמַיִם, און אין דעם מאַרק יעדן טאָג מיט די, וואָס ער
האָט באַגעגנט. 18 און אויך עטלעכע פון די אַפּיקורסים און סטאָיִשע
פילאָזאָפן האָבן זיך מיט אים מתווכּח געווען און טייל האָבן געזאָגט:
וואָס מיינט דער דאָזיקער פּלאַפּלער צו זאָגן? אַנדערע האָבן געזאָגט:
ער ווייזט אויס צו זײַן אַ מבשׂר פון פרעמדע אָפּגעטער, – מחמת ער
האָט געדרשנט וועגן ישוּען און תּחיִת־המתים. 19 און זיי האָבן אים
גענומען, און האָבן אים געבראַכט צו דעם אַרעאָפּאַגוס, און געזאָגט:
קענען מיר אֶפשר וויסן, וואָס עס איז אַזוינס די נייע לערנונג, וואָס
ווערט פון דיר געלערנט? 20 וואָרים דו ברענגסט עפּעס מאָדנע זאַכן צו
אונדזערע אויערן; מיר וואָלטן דעריבער וועלן וויסן, וואָס די דאָזיקע
זאַכן באַטייַטן. 21 און אַלע אַטענער און די פרעמדע, וואָס האָבן דאָרט
געוואוינט, האָבן זייער צייט פאַרבראַכט ניט אַנדערש, ווי אין
דערציילן, אָדער אין הערן עפּעס אַ נייע זאַך.

22 און פּאָולוס איז געשטאַנען אין דער מיט פון דעם אַרעאָפּאַגוס, און
האָט געזאָגט: מענטשן פון אַטען, אין אַלצדינג זע איך, אַז איר האָט
שטאַרק מורא פאַר די געטער. 23 וואָרים ווען איך בין פאַרבייַגעגאַנגען,
און האָב באַטראַכט אייערע הייליקטימער, האָב איך אויך געפינען אַ
מִזבֵּחַ מיט דער דאָזיקער אויפשריפט: צו אַן אומבאַקאַנטן גאָט. בכֵן,
דאָס וואָס איר דינט אומוויסנדיקערהייט, דאָס דאָזיקע פּראָקלאַמיר
איך אייך. 24 גאָט, וואָס האָט געמאַכט די וועלט און אַלצדינג דערינען,
ער, וואָס איז האַר פון הימל און ערד, טוט ניט וואוינען אין קיין
טעמפּלען, געמאַכט דורך מענטשן; 25 ער ווערט אויך ניט באַדינט
דורך מענטשן־הענט, גלייך ער וואָלט עפּעס נייטיק געהאַט, מַחמת ער
אַליין גיט אַלעמען לעבן, און אָטעם, און אַלצדינג. 26 און ער האָט
געמאַכט פון איין בלוט יעדע מענטשלעכע אומה צו וואוינען אויף
דעם גאַנצן פָּנים פון דער ערד, בעת ער האָט פעסטגעזעצט זייערע
באַשטימטע צייטן, און די גרעניצן פון זייער באַוואוינאָרט, 27 כּדי זיי
זאָלן זוכן גאָט, אֶפשר וועלן זיי אים פילן און געפינען, הַגם ער איז
ניט ווייט פון יעדן איינעם פון אונדז. 28 וואָרים אין אים לעבן מיר, און
באַוועגן זיך, און האָבן אונדזער קִיום; ווי אַפילו עטלעכע פון אייערע
אייגענע דיכטער האָבן געזאָגט:

וואָרים מיר זענען אויך זיין אָפּשטאַם.

29 בכֵן, ווייל מיר זענען דער אָפּשטאַם פון גאָט,

דאַרפֿן מיר ניט מיינען, אַז די גאָטהייט איז געגליכן צו גאָלד, אָדער
זילבער, אָדער שטיין, וואָס איז אויסגעקריצט דורך דעם ווערק און
הַשָׂגה פֿון מענטשן. 30 דעריבער האָט גאָט פֿאַרזען די צייטן פֿון
אומוויסנדיקייט, אָבער איצטער טוט ער באַפֿעלן אַלע מענטשן, אַז זיי
זאָלן אומעטום תּשובה טאָן; 31 ווייל ער האָט באַשטימט אַ טאָג, אין
וועלכן ער וועט מִשפּטן די וועלט מיט גערעכטִיקייט דורך דעם
מענטשן, וועמען ער האָט באַשטימט, און ער האָט מַבטִיחַ געווען אַלע
מענטשן, מיט דעם וואָס ער האָט אים מחַיֶה־מֵתים געווען.
32 און ווען זיי האָבן געהערט פֿון תּחִיַת־הַמֵתים, האָבן טייל חוזק
געמאַכט; אָבער אַנדערע האָבן געזאָגט: מיר וועלן דיך בנוֹגֵע דעם
ווידער אַמאָל הערן. 33 אַזוי איז פּאָלוּס אַרויסגעגאַנגען פֿון צווישן זיי.
34 אָבער עטלעכע מענטשן האָבן זיך באַהעפֿט אָן אים, און האָבן
געגלויבט; צווישן זיי איז אויך געווען דיאָניזִיוּס דער אַרעאָפּאַגיט, און
אַ פֿרוי מיטן נאָמען דאַמאַריס, און אַנדערע מיט זיי.
יח און נאָכדעם האָט ער אָפּגעקערט פֿון אַטען, און איז געקומען קיין
קאָרינט. 2 און ער האָט געפֿונען איינעם אַ ייִדן מיטן נאָמען עַקִילַס,
וואָס האָט געשטאַמט פֿון פּאָנטוּס, און וואָס איז ניט לאַנג געקומען
פֿון איטאַליע מיט זיין ווייב פּריסקילע, מַחמת קלאָודיוּס האָט באַפֿוילן
אַלע ייִדן צו פֿאַרלאָזן רוים. און ער איז געקומען צו זיי, 3 און מַחמת
ער איז געווען פֿון דער זעלבער מלָאכה, איז ער געבליבן מיט זיי, און
זיי האָבן געאַרבעט צוזאַמען, וואָרים ביי זייער מלָאכה זענען זיי
געווען געצעלטנמאַכער. 4 און ער האָט זיך מִתוַכֵּחַ געווען אין דער
שול יעדן שַבּת, און האָט איבערציי‌ַגט ייִדן און גריכן.
5 און ווען סילאַ און טימאָטעאוּס זענען אַראָפּגעקומען פֿון
מאַקעדאָניע, האָט זיך פּאָלוּס שטאַרק געמִיט פֿאַר דעם וואָרט, און
האָט עֵדות געזאָגט פֿאַר די ייִדן, אַז יֵשוּעַ איז דער מָשִיחַ. 6 און אַז זיי
האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט און געלעסטערט, האָט ער
אָפּגעטרעסלט זיין מַלבוש, און האָט צו זיי געזאָגט: אייער בלוט
זאָל זיין אויף אייערע אייגענע קעפּ! איך בין אומשולדיק; פֿון איצט
אָן וועל איך גיין צו די גוֹיים. 7 און ער האָט אָפּגעקערט פֿון דאָרטן,
און איז אַריי‌ַנגעגאַנגען אין דעם הויז פֿון איינעם אַ מענטשן מיטן
נאָמען טיטוּס יוּסטוּס, וואָס האָט געדינט גאָט, און וועמעס הויז איז
געשטאַנען נאָענט צו דער שול. 8 און קריספּוּס, דער גַבּאי פֿון דער
שול, מיט זיין גאַנצן הויז, האָבן געגלויבט אין דעם האַר; און

אַ סך פֿון די קאָרינטער, בעת זיי האָבן געהערט פּאָולוסן, האָבן
געגלויבט, און זענען געטובֿלט געוואָרן. 9 און דער האַר האָט געזאָגט
צו פּאָולוסן דורך אַ זעאונג בײַנאַכט: האָב ניט קיין מורא, נייערט רעד,
און שווייג ניט; 10 וואָרים איך בין מיט דיר, און קיינער וועט דיך ניט
אָנרירן דיר שלעכטס צו טאָן; וואָרים איך האָב אַ סך פֿאָלק אין דער
דאָזיקער שטאָט. 11 און ער האָט דאָרטן געוווינט אַ יאָר מיט זעקס
חדשים, און האָט געלערנט צווישן זיי דאָס וואָרט פֿון גאָט.
12 און בעת גאַליאָ איז געווען פּראָקאָנסול פֿון אַכאַיאַ, זענען די ייִדן
אויפֿגעשטאַנען אײנאײנעם קעגן פּאָולוסן און האָבן אים געבראַכט פֿאַר
דעם כּסא־המשפּט, 13 און געזאָגט: דער דאָזיקער מאַן טוט איבערעדן
מענטשן צו דינען גאָט להיפּך דער תּורה. 14 און בעת פּאָולוס האָט
געוואָלט עפֿענען זײַן מויל, האָט גאַליאָ געזאָגט צו די ייִדן: אויב דאָס
וואָלט געווען אַן ענין פֿון אומרעכט, אָדער פֿון שענדלעכער רשעות,
וואָלט געווען רעכט, איך זאָל האַלטן מיט אײַך, ייִדישע מענטשען,
15 אָבער אַזוי ווי דאָס זענען שאַלות איבער ווערטער און נעמען אין
אײַער דת, איז דאָס אײַער אייגענער עסק; איך וויל ניט זײַן קיין שופֿט
איבער די דאָזיקע זאַכן. 16 און ער האָט זיי פֿאַרטריבן פֿון דעם כּסא־
המשפּט. 17 און זיי האָבן אַלע געכאַפּט סאָסטענעסן, דעם גבאי פֿון
דער שול, און האָבן אים געשלאָגן פֿאַר דעם כּסא־המשפּט. און
גאַליאָנען האָט דאָס ווייניק וואָס געאַרט.
18 און פּאָולוס איז נאָך דאָרטן פֿאַרבליבן אַ סך טעג, און דערנאָך האָט
ער זיך געזעגנט מיט די ברידער, און איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון דאָרטן מיט
אַ שיף קיין סיריע, און מיט אים פּריסקילע און עקילַס, נאָכדעם ווי ער
האָט זיך אָפּגעגאָלט זײַן קאָפּ אין קענכרעיע; וואָרים ער האָט גענומען
אויף זיך אַ נדר. 19 און זיי זענען געקומען קיין עפֿעזוס, און ער האָט
זיי דאָרטן איבערגעלאָזט; אָבער ער אַליין איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער
שול, און האָט גערעדט מיט די ייִדן. 20 און זיי האָבן אים געבעטן, ער
זאָל בײַ זיי בלײַבן אַ לענגערע צײַט, נאָר ער האָט ניט אײַנגעוויליקט;
21 און בעת ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט, האָט ער געזאָגט: איך וועל
מיך ווידער צו אײַך אומקערן, אם ירצה השם, און ער איז אָפּגעפֿאָרן
מיט אַ שיף פֿון עפֿעזוס.
22 און אַז ער איז געקומען קיין קיסריה, איז ער אַרויפֿגעגאַנגען און
האָט באַגריסט די קהילה,

אוּן דערנאָך האָט ער אַראָפּגענידערט קיין אַנטיאָכיע. 23 אוּן נאָכדעם
ווי ער האָט דאָרטן פֿאַרבראַכט אַ שטיקל צײַט, האָט ער אָפּגעקערט,
אוּן איז דורכגעגאַנגען אין אַ סֵדר דורך דער געגנט פֿון גַאלאַטיע, אוּן
פֿריגיע, אוּן האָט געטאָן שטאַרקן אַלע תּלמידים.
24 אוּן איינער אַ ייִד מיטן נאָמען אַפּאָלאָס, וואָס האָט געשטאַמט פֿון
אַלעקסאַנדריע, איז געקומען קיין עפעזוס. ער איז געווען אַ
געלערנטער מענטש, אוּן גוט באַהאַוונט אין די כּתבֵי־הַקוֹדֶש. 25 דער
דאָזיקער איז געווען געלערנט אין דעם וועג פֿון דעם האַר, אוּן מַחמת
ער איז געווען פֿײַעריק אין גײַסט, האָט ער גערעדט אוּן געלערנט
פּינקטלעך בנוֹגֵע יֵשוּעַן, הַגַם ער האָט נאָר געקענט די טבילה פֿון
יוֹחָנָן. 26 אוּן ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מוטיק אין דער שוּל. אוּן אַז
פּריסקילע אוּן עַקִילַס האָבן אים געהערט, האָבן זיי אים גענומען צו
זיך, אוּן האָבן אים דערקלערט נאָך פּינקטלעכער דעם וועג פֿון גאָט.
27 אוּן ווען ער האָט געוואָלט גיין קיין אַכאַיאַ, האָבן אים די ברידער
דערמוטיקט, אוּן האָבן געשריבן די תּלמידים, אים מְקַבּל־פָּנים צו זײַן.
אוּן אַז ער איז אָנגעקומען, האָט ער אַ סך געהאָלפֿן די, וואָס האָבן
געגלויבט דורך דעם חֶסֶד, 28 וואָרים ער האָט שטאַרק בײַגעקומען די
ייִדן, אוּן דאָס עפֿנטלעך, בעת ער האָט באַוויזן דורך די כּתבֵי־הַקוֹדֶש,
אַז יֵשוּעַ איז דער מָשִיחַ.
יט אוּן עס איז געווען, בעת אַפּאָלאָס איז געווען אין קאָרינט, איז
פּאָולוס דורכגעגאַנגען דורך דעם אויבערשטן לאַנד, אוּן איז געקומען
קיין עפעזוס, אוּן האָט געפֿונען עטלעכע תּלמידים. 2 אוּן ער האָט צו
זיי געזאָגט: האָט איר מְקַבּל געווען דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, ווען איר זענט
געוואָרן מַאמינים? האָבן זיי צו אים געזאָגט: מיר האָבן אַפילו ניט
געהערט, צי סע איז פֿאַראַן אַ רוּחַ־הַקוֹדֶש. 3 אוּן ער האָט געזאָגט:
אויף וואָס דען זענט איר געטוֹבלט געוואָרן? האָבן זיי געזאָגט: אויף
יוֹחָנָנס טבילה. 4 אוּן פּאָולוס האָט געזאָגט: יוֹחָנָן האָט געטוֹבלט מיט
דער טבילה פֿון תּשובה, אוּן האָט געזאָגט צום פֿאָלק, אַז זיי זאָלן
גלויבן אין אים, וואָס דאַרף קומען נאָך אים, דאָס הייסט, אין יֵשוּעַן.
5 אוּן אַז זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי זיך געלאָזט טוֹבלען אין
דעם נאָמען פֿון דעם האַר יֵשוּעַ. 6 אוּן בעת פּאָולוס האָט אַרויפֿגעלייגט
אויף זיי זײַנע הענט, איז אויף זיי געקומען דער רוּחַ־הַקוֹדֶש; אוּן זיי
האָבן גערעדט מיט אַנדערע לשונות, אוּן האָבן נבֿיאות געזאָגט. 7 אוּן
זיי זענען געווען אַן עֶרֶך פֿון צוועלף מענטשן.
8 אוּן ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער שוּל אוּן האָט מוטיק גערעדט אין
מֶשֶך פֿון דריי חֳדָשים, אוּן האָט זיך מִתוַכֵּחַ געווען אוּן איבערצייגט
בנוֹגֵע דעם מַלכות

פֿון גאָט. 9 אָבער ווען עטלעכע זענען געווען פֿאַרהאַרטעוועט און
האָבן ניט געגלויבט, און גערעדט שלעכטס פֿאַר דעם פֿאָלק פֿונוועגן
דעם וועג, האָט ער אָפּגעקערט פֿון זיי, און אָפּגעשיידט די תּלמידים,
און האָט זיך יעדן טאָג מתוכּח געווען אין דעם בית־המדרש פֿון
טיראַנוס. 10 און דאָס האָט זיך געצויגן אַ משך פֿון צוויי יאָר, אַזוי, אַז
אַלע, וואָס האָבן געוואוינט אין אַזיע, האָבן געהערט דאָס וואָרט פֿון
דעם האַר, סיי ייִדן און סיי גריכן.
11 און גאָט האָט געטאָן אויסערגעוויינלעכע וואונדער דורך די הענט
פֿון פּאָלוּסן, 12 אַזוי, אַז מען האָט פֿון זיין לייַב אַוועקגעטראָגן
טיכלעך, אָדער פֿאַרטיכער פֿאַר די שוואַכע, און די חולאַתן האָבן זיך
אָפּגעטאָן פֿון זיי, און די בייזע גייסטער זענען אַרויסגעגאַנגען. 13 און
עטלעכע פֿון די וואַנדערנדיקע ייִדישע אָפּשפּרעכערס, האָבן גענומען
אויף זיך אָנצורופֿן דעם נאָמען פֿון דעם האַר יֵשוּעַ איבער די, וואָס
האָבן געהאַט די בייזע גייסטער, און האָבן געזאָגט: איך באַשווער אייך
ביי יֵשוּעַן, וועמען פּאָלוּס איז מבשׂר. 14 און עס זענען געווען זיבן זין
פֿון איינעם סקֵוָה, אַ ייִדישער כּהן־גָדול, וואָס האָבן דאָס געטאָן. 15 און
דער בייזער גייסט האָט געענטפֿערט, און צו זיי געזאָגט: יֵשוּעַן קען
איך, און פּאָלוּסן קען איך, ווער אָבער זענט איר? 16 און דער מענטש,
אין וועמען עס איז געווען דער בייזער גייסט, איז אויף זיי
אַרויפֿגעשפּרונגען, און האָט זיי אַלע גובֿר געווען, אַזוי אַז זיי זענען
אַרויסגעלאָפֿן פֿון יענעם הויז נאַקעט און צעשלאָגן. 17 און דאָס איז
באַקאַנט געוואָרן צו אַלע ייִדן און גריכן, וואָס האָבן געוואוינט אין
עפֿעזוס; און אַ פּחד איז אויף זיי אַלע געפֿאַלן, און דער נאָמען פֿון
דעם האַר יֵשוּעַ איז געוואָרן געגרויסט. 18 און אַ סך פֿון די, וואָס האָבן
געגלויבט, זענען געקומען און האָבן זיך מתוודה געווען, און האָבן
באַקאַנט געמאַכט זייערע מעשׂים. 19 און אַ סך, וואָס האָבן זיך
אָפּגעגעבן מיט כּישוף, האָבן צונויפֿגעבראַכט זייערע ביכער, און האָבן
זיי פֿאַרברענט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן; און זיי האָבן באַרעכנט דעם
ווערט דערפֿון, און האָבן געפֿונען, אַז עס האָט באַטראָפֿן פֿופֿציק
טויזנט זילבערשטיק. 20 אָט אַזוי איז דאָס וואָרט פֿון גאָט מעכטיק
געוואַקסן און איז באַשטאַנען.
21 און נאָכדעם ווי די דאָזיקע זאַכן זענען פֿאַרענדיקט געוואָרן, האָט
פּאָלוּס זיך פֿירגענומען אין זיין גייסט, דורכצוגיין דורך מאַקעדאָניע
און אַכאַיאַ, און צו גיין קיין ירושָלַיִם, און ער האָט געזאָגט: נאָכדעם
ווי איך וועל דאָרטן זיין, מוז איך אויך זען

רוים. 22 און ער האָט געשיקט קיין מאַקעדאָניע צוויי פון די, וואָס
האָבן אים געהאָלפן, טימאָטעוס און עראַסטוס, און ער אַליין איז נאָך
פאַרבליבן אַ צייט אין אַזיע.
23 און אַרום יענער צייט האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטיקל מהומה בנוגע
דעם דֶרֶך. 24 וואָרים איינער אַ מאַן מיטן נאָמען דעמעטריוס, אַ
זילבערשמיד, וואָס האָט געמאַכט זילבערנע טעמפּלען פון אַרטעמיס,
האָט אַרייַנגעבראַכט גוטע הַכנָסות פאַר די בַעלי־מלָאכות. 25 זיי האָט
ער צונויפגענומען מיט די אַרבעטער פון דעם זעלבן פאַך, און האָט
געזאָגט: מענער, איר ווייסט, אַז פון דער דאָזיקער מלָאכה הענגט
אָפּ אונדזער פּרנָסה. 26 און איר זעט און הערט, אַז ניט נאָר אין
עפעזוס אַליין, נייערט כּמַעט איבער גאַנץ אַזיע האָט דער דאָזיקער
פּאָולוס איבערגערעדט און אָפּגעקערט אַ סַך מענטשן, ווייל ער זאָגט,
אַז דאָס זענען ניט קיין געטער, וואָס ווערן געמאַכט מיט די הענט.
27 און ניט נאָר איז פאַראַן אַ סַכָּנה, אַז די דאָזיקע מלָאכה אונדזערע
זאָל קריגן אַ שלעכטן שֵם, נייערט אַז אויך דער טעמפּל פון דער
גרויסער געטין אַרטעמיס זאָל בָטל ווערן, און אַז זי זאָל אַפילו
אַראָפּגעזעצט ווערן פון איר הערלעכקייט, זי, וואָס גאַנץ אַזיע און די
וועלט דינען איר.
28 און אַז זיי האָבן דאָס געהערט, זענען זיי געוואָרן פול מיט
צאָרן, און האָבן אויסגעשריגן: גרויס איז אַרטעמיס פון די עפעזער!
29 און די שטאָט איז געוואָרן פול מיט געטומל: און זיי האָבן
אַרייַנגעשטורעמט אין טעאַטער, און האָבן מיטגעשלעפּט גאַיוסן און
אַריסטאַרכוסן, מאַקעדאָניער, וואָס זענען געווען פּאָולוסעס חַבֵרים אין
דער נסִיעה. 30 און בעת פּאָולוס האָט בדֵעה געהאַט אַרייַנצוגיין צווישן
דעם פאָלק, האָבן די תַלמידים אים ניט געלאָזן. 31 און אויך עטלעכע
פון די עלטסטע פון אַזיע, וואָס זענען געווען זיינע פריינט, האָבן צו
אים געשיקט, און אים געבעטן, ניט צו דערוועגן זיך צו קומען אין
טעאַטער אַריין. 32 און טייל האָבן געשריגן איין זאַך, און אַנדערע
עפּעס אַנדערש; וואָרים די פאַרזאַמלטע זענען געווען אין אַ מהומה,
און דער גרעסטער טייל האָט ניט געוואוסט, צוליב וואָס זיי זענען זיך
צוזאַמענגעקומען. 33 און זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אַלֶקסַנדרן פון דעם
הַמון, וועמען די יידן האָבן אַרויסגעשטעלט פאָרויס. און אַלֶקסַנדער
האָט געבעטן מיט דער האַנט, און האָט באַגערט צו האַלטן אַ
פאַרטיידיקונג פאַר דעם פאָלק. 34 אָבער ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז
ער איז

אַ ייִד, האָבן זיי אַלע אין מֶשֶך פֿון צוויי שָעה געשריגן ווי מיט איין
קול: גרויס איז אַרטעמיס פֿון די עפֿעזער! 35 און אַז דער שטאָט־
שרײַבער האָט אײַנגעשטילט דאָס פֿאָלק, האָט ער געזאָגט: מענער פֿון
עפֿעזוס, וועלכער מענטש ווייס ניט, אַז די שטאָט פֿון די עפֿעזער איז
די טעמפּל־היטערין פֿון דער גרויסער אַרטעמיס, און פֿון איר איקאָנע,
וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל? 36 און הֶיוֹת ווי די דאָזיקע זאַכן
קאָנען ניט אָפּגעלייקנט ווערן, וואָלט איר באַדאַרפֿט צו זײַן שטיל, און
גאָרניט טאָן איבערגעאײַלט. 37 וואָרים איר האָט אַהערגעבראַכט די
דאָזיקע מענטשן, וואָס זענען ניט קיין רויבערס פֿון קיין טעמפּלען,
אויך ניט קיין לעסטערער פֿון אונדזער געטין. 38 דעריבער, אויב
דעמעטריוס און די קינסטלער, וואָס זענען מיט אים, האָבן אַ טַענה
קעגן עמיצן, זענען די געריכטן אָפֿן, און סע זענען פֿאַראַן
פּראָקאָנסולן, לאָזן זיי פֿאַרקלאָגן איינער דעם אַנדערן. 39 און האָט
איר עפּעס אַנדערע עִנְיָנים, וועט דאָס אויסגעגלײַכט ווערן אין דער
געזעצלעכער פֿאַרזאַמלונג. 40 וואָרים מיר זענען אין סַכָּנה פֿאַרקלאָגט
צו ווערן פֿאַר דער הײַנטיקער מהומה, ווייל עס איז ניטאָ קיין סִיבּה
פֿאַר איר; און מיר וועלן ניט קענען אָפּגעבן קיין רעכנשאַפֿט פֿאַר דער
דאָזיקער מהומה. 41 און נאָכדעם ווי ער האָט אַזוי גערעדט, האָט ער
די פֿאַרזאַמלונג פֿונאַנדערגעלאָזט.
כ און נאָכדעם ווי די מהומה האָט זיך אײַנגעשטילט, האָט פּאָולוס
געשיקט נאָך די תַּלמידים, און אַז ער האָט זיי מַזהיר געווען און זיך
מיט זיי געזעגנט, האָט ער אָפּגעקערט צו פֿאָרן קיין מאַקעדאָניע. 2 און
בעת ער איז דורכגעצויגן דורך יענע געגנטן, און האָט זיי געטרייסט
מיט אַ סך רייד, איז ער געקומען קיין גריכנלאַנד. 3 און נאָכדעם ווי ער
האָט דאָרטן פֿאַרבראַכט דריי חֳדָשים, און אַ פֿאַרשווערונג איז קעגן
אים געמאַכט געוואָרן מצד די ייִדן, בעת ער איז געווען גרייט
אָפּצופֿאָרן מיט אַ שיף קיין סיריע, האָט ער באַשלאָסן זיך אומצוקערן
דורך מאַקעדאָניע. 4 און עס האָבן אים באַגלייט סאָפּאַטרוס פֿון
בעראָיע, דער זון פֿון פּירוסן; און פֿון די טעסאַלאָניקער, אַריסטאַרכוס
און סעקונדוס; און גאַיוס פֿון דערבע, און טימאָטעאוס; און פֿון אַזיע,
טיכיקוס און טראָפֿימוס. 5 און די דאָזיקע

זענען געגאַנגען פֿאָרויס, און האָבן געוואַרט אויף אונדז אין טראָאַס.
6 און נאָך פּסח זענען מיר אָפּגעפֿאָרן פֿון פֿיליפּי, און אין פֿינף טעג
אַרום זענען מיר געקומען צו זיי קיין טראָאַס, וואו מיר זענען
פֿאַרבליבן זיבן טעג.
7 און אויף דעם ערשטן טאָג נאָך דעם שבת, בעת מיר זענען זיך
צונויפֿגעקומען צו ברעכן ברויט, האָט פּאָולוס גערעדט מיט זיי, ווייל
ער האָט בדעה געהאַט אויף מאָרגן אַוועקצופֿאָרן; און ער האָט
פֿאַרצויגן זיין דרשה ביז האַלבער נאַכט. 8 און עס זענען געווען אַ סך
ליכט אין דעם אויבערשטן חדר, וואו מיר זענען געווען פֿאַרזאַמלט
אינאיינעם. 9 און איינער אַ בחור מיטן נאָמען עוטיכוֹס איז געזעסן אין
דעם פֿענצטער, און איז אַרייַנגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן שלאָף; און בעת
פּאָולוס האָט נאָך לאַנג גערעדט, איז אים שלאָף בייַגעקומען, און ער
איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דעם דריטן שטאָק, און מען האָט אים
אויפֿגעהויבן אַ טויטן. 10 און פּאָולוס איז אַראָפּגעגאַנגען, און האָט זיך
פֿאַרבויגן איבער אים, און האָט אים אַרומגענומען, און געזאָגט:
שרעקט אייך ניט, וואָרים זיין נשמה איז אין אים. 11 און נאָכדעם ווי
ער איז אַרויפֿגעגאַנגען, און האָט געבראָכן ברויט, און געגעסן, האָט
ער מיט זיי גערעדט אַ לאַנגע צייט, ביז עס איז געוואָרן טאָג, און
דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען. 12 און זיי האָבן אָפּגעפֿירט דאָס יינגל
אַ לעבעדיקן, און האָבן זיך שטאַרק געטרייסט.
13 און מיר זענען געגאַנגען פֿאָרויס צו דער שיף, און זענען אָפּגעפֿאָרן
קיין אַסאָס, און האָבן בדעה געהאַט דאָרט אַרייַנצונעמען פּאָולוסן;
וואָרים אַזוי האָט ער באַשלאָסן, ווייל ער האָט געוואָלט גיין צופֿוס.
14 און אַז ער האָט אונדז באַגעגנט אין אַסאָס, האָבן מיר אים
אַרייַנגענומען, און זענען געקומען קיין מיטולענע. 15 און פֿון דאָרטן
זענען מיר אָפּגעפֿאָרן, און זענען אויף דעם אַנדערן טאָג געקומען
קעגנאיבער קיִאָס; און דעם אַנדערן טאָג האָבן מיר געלאַנדט אין
סאַמאָס; און אַ טאָג שפּעטער זענען מיר געקומען קיין מילעטוס.
16 וואָרים פּאָולוס האָט באַשלאָסן פֿאַרבייַצופֿאָרן עפֿעזוס, כּדי ער זאָל
ניט דאַרפֿן פֿאַרברענגען קיין צייט אין אַזיע; מחמת ער האָט זיך
געאיילט, אויב ווי ווייט מעגלעך, צו זיין אין ירושלים אויף שבֿועות.

17 אוּן פוּן מילעטוּס האָט ער געשיקט קיין עפעזוּס, אוּן האָט געלאָזט
רוּפן צוּ זיך די זקֵנים פוּן דער קהִילה. 18 אוּן אַז זיי זענען צוּ אים
געקוּמען, האָט ער צוּ זיי געזאָגט:
איר אַליין ווייסט, פוּן דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס איך בין געקימען
קיין אַזיע, וויאַזוי איך האָב מיט אייך פאַרבראַכט די גאַנצע צייט,
19 בעת איך האָב געדינט דעם האַר מיט דעם גאַנצער עֲנִיוּות, אוּן מיט
טרערן, אוּן מיט נִסיוֹנוֹת, וואָס זענען מיך באַפאַלן דוּרך די
פאַרשווערוּנגען פוּן די ייִדן; 20 ווי איך האָב מיך ניט אָפּגעהאַלטן
פוּן אָנזאָגן אייך עפּעס, וואָס איז ניצלעך, אוּן אייך געלערנט
עפנטלעך, אוּן פוּן הויז צוּ הויז, 21 אוּן האָב מֵעיד געווען סיי פאַר ייִדן,
סיי פאַר גריכן, פוּנוועגן תּשוּבה צוּ גאָט, אוּן אֶמוּנה צוּ אוּנדזער האַר
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 22 אוּן איצט, זעט, איך גיי געבוּנדן אין דעם גייסט קיין
ירוּשָלַיִם, אוּן איך ווייס ניט, וואָס מיך וועט דאָרטן טרעפן; 23 אַחוּץ,
וואָס דער רוּחַ־הַקוֹדֶש טוּט מיר עֵדוּת־זאָגן אין יעדער שטאָט, אַז
קייטן אוּן צָרוֹת וואַרטן אויף מיר. 24 אָבער איך האַלט ניט מיין לעבן
אַזוי טייער פאַר מיר אַליין, ווי דאָס אַז איך זאָל קענען פאַרענדיקן מיין
גאַנג, אוּן די עוּבדא, וואָס איך האָב מקַבל געווען פוּן דעם האַר יֵשוּעַ,
מֵעיד צוּ זיין די גוּטע בשׂוֹרה פוּנוועגן דעם חֶסֶד פוּן גאָט.
25 אוּן איצט, זעט, איך ווייס, אַז איר אַלע, צווישן וועמען איך בין
אַרוּמגעגאַנגען אוּן האָב אָנגעזאָגט דאָס מַלכוּת, וועט מיין פָּנים מער
ניט זען. 26 דעריבער בין איך מֵעיד פאַר אייך היינטיקן טאָג, אַז איך
בין ריין פוּן אייער אַלעמענס בלוּט. 27 וואָרים איך האָב ניט פאַרמיטן
פאַר אייך אָנצוּזאָגן די גאַנצע עֵצה פוּן גאָט. 28 גיט אַכטוּנג אויף
זיך אַליין, אוּן אויף דער גאַנצער סטאַדע, איבער וועלכער דער
רוּחַ־הַקוֹדֶש האָט אייך געמאַכט פאַר אויפזעער, צוּ פיטערן די עֵדה פוּן
גאָט, וואָס ער האָט זיך געקויפט מיט זיין אייגן בלוּט. 29 איך ווייס, אַז
נאָך מיין אַוועקגיין, וועלן בייזע וועלף אַריין צווישן אייך, אוּן ניט
שוינען די סטאַדע; 30 אוּן פוּן צווישן אייך אַליין וועלן אויפשטיין
מענטשן, וועס וועלן רעדן פאַרקערטע זאַכן, אָפּצוּציען די תַּלמידים
נאָך זיך. 31 דעריבער, גיט אַכטוּנג אוּן געדענקט, אַז אין מֶשֶך פוּן
דריי יאָר

האָבֿ איך ניט אויפֿגעהערט צו וואָרענען יעדן איינעם מיט טרערן טאָג און
גאַכט. 32 און איצט לאָז איך אייך אויף גאָטס באַראָט, און צו דעם וואָרט
פֿון זיין חֶסד, וואָס איז בכּוח אייך אויפֿצובויען, און צו געבֿן אייך די
ירושה צווישן אַלע די, וואָס זענען געהייליקט. 33 איך האָבֿ ניט געגלוסט
קיין שום מענטשנס זילבער, אָדער גאָלד, אָדער קליידונג. 34 איר אַליין
ווייסט, אַז די דאָזיקע הענט האָבן געדינט פֿאַר מיינע באַדערפֿענישן, און
פֿאַר די, וואָס זענען געווען מיט מיר. 35 אין אַלצדינג האָבֿ איך אייך
געוויזן אַ ביישפּיל, אַז מיט אַרבעט אויף אַזאַ מין אופֿן, דאַרפֿט איר
העלפֿן די שוואַכע, און צו געדענקען די רייד פֿון דעם האַר יֵשוּעַ, וואָס ער
האָט געזאָגט: ס'איז בעסער צו געבֿן, ווי צו נעמען.
36 און נאָכדעם ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער געבייגט זיינע קני און
מיט זיי אַלע מִתפּלל געווען. 37 און זיי האָבן אַלע ביטער געוויינט, און
זענען געפֿאַלן פֿאָלוסן אויפֿן האַלדז און האָבן אים געקושט, 38 און מער
פֿון אַלץ האָבן זיי זיך מצער געווען פֿונוועגן דעם וואָרט, וואָס ער האָט
געזאָגט, אַז זיי וועלן זיין פּנים מער ניט זען. און זיי האָבן אים באַגלייט
אויף זיין וועג צו דער שיף.
כא און עס איז געווען, אַז נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָפּגעשיידט פֿון זיי
און זענען אַוועקגעפֿאָרן מיט אַ שיף, זענען מיר מיט אַ גלייַכן וועג
געקומען קיין קאָס, און דעם אַנדערן טאָג קיין ראָדאָס, און פֿון דאָרטן
קיין פּאַטאַראַ. 2 און אַזוי ווי מיר האָבן געפֿונען אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען
קיין פֿעניקיע, זענען מיר אַרייַנגעגאַנגען און זענען אָפּגעפֿאָרן. 3 און
נאָכדעם ווי מיר האָבן געזען און געזען קיפּרוס, און עס געלאָזן צו דער
לינקער זייט, זענען מיר געפֿאָרן קיין סיריע, און זענען אָנגעקומען קיין
צור, וואָרים דאָרטן האָט די שיף געדאַרפֿט אויסלאָדן איר מַשׂא. 4 און אַז
מיר האָבן געפֿונען די תּלמידים, זענען מיר דאָרטן פֿאַרבליבן זיבן טעג.
און זיי האָבן געזאָגט צו פֿאָלוסן דורך דעם רוח־הַקודש, אַז ער זאָל ניט
אַרויפֿגיין קיין ירושָלַיִם. 5 און עס איז געווען, אַז נאָכדעם ווי מיר האָבן
פֿאַרפֿילט די טעג, האָבן מיר אַוועקגעצויגן און זענען געגאַנגען אויף
אונדזער וועג; און זיי אַלע האָבן אונדז באַגלייט מיט זייערע ווייבער און
קינדער, ביז מיר זענען אַרויס פֿון דער שטאָט. און מיר האָבן געקניט ביים
יַם־ברעג און מִתפּלל געווען, און האָבן זיך געזעגנט איינער מיטן אַנדערן.
6 דערנאָך זענען מיר אַרייַנגעגאַנגען אין דער שיף, און זיי האָבן זיך
אומגעקערט אַהיים.
7 און אַז מיר האָבן פֿאַרענדיקט די נסיעה פֿון צור, זענען מיר אָנגעקומען
קיין עַכּו, און האָבן אָפּגעגעבן שָלום די ברידער, און זענען פֿאַרבליבן מיט
זיי אַ טאָג. 8 און אויף מאָרגן האָבן מיר אַוועקגעצויגן, און זענען געקומען
קיין קֵיסַריה, און מיר זענען אַרייַנגעגאַנגען אין דעם הויז פֿון פֿיליפּוסן,

דעם בַעל־מבַשׂר, וואָס איז געווען איינער פֿון די זיבן, און זענען
פֿאַרבליבן מיט אים. 9 און ער האָט געהאַט פֿיר טעכטער, בתולות,
וואָס האָבן נבֿיאות געזאָגט. 10 און בעת מיר זענען דאָרטן געווען
עטלעכע טעג, איז אַראָפּגעקומען פֿון יהודה איינער אַ נבֿיא מיטן
נאָמען אַגאַבוס. 11 און ער איז געקומען צו אונדז, און האָט גענומען
פּאָולוסעס גאַרטל, און האָט זיך געבונדן זיינע אייגענע פֿיס און הענט,
און האָט געזאָגט: דאָס זאָגט דער רוח־הקודש: אַזוי וועלן די ייִדן אין
ירושלַיִם בינדן דעם מענטשן, וואָס האָט דעם דאָזיקן גאַרטל, און
וועלן אים איבערענטפֿערן אין די הענט פֿון די גויים. 12 און אַז מיר
האָבן דאָס געהערט, האָבן מיר און די מענטשן פֿון יענעם אָרט אים
געבעטן, ניט אַרויפֿצוגיין קיין ירושלַיִם. 13 דעמאָלט האָט פּאָולוס
געענטפֿערט: וואָס טוט איר, וואָס וויינט איר און צעברעכט מיר מיין
האַרץ? וואָרים איך בין אָנגעברייט ניט נאָר געבונדן צו ווערן, נייערט
אויך צו שטאַרבן אין ירושלַיִם פֿונוועגן דעם נאָמען פֿון דעם האַר
ישוע. 14 און אַז ער האָט זיך ניט גלאָזט איבעררעדן, האָבן מיר
אויפֿגעהערט, און געזאָגט: דער רצון פֿון גאָט זאָל געשען.
15 און נאָך די דאָזיקע טעג האָבן מיר גענומען אונדזערע זאַכן, און
זענען אַרויפֿגעגאַנגען קיין ירושלַיִם. 16 און סע זענען מיט אונדז אויך
געגאַנגען עטלעכע תּלמידים פֿון קיסריה, וואָס האָבן אונדז געפֿירט צו
מנאַסאָנען פֿון קיפּרוס, אַן אַלטער תּלמיד, ביי וועמען מיר האָבן
געזאָלט איינשטיין.
17 און אַז מיר זענען געקומען קיין ירושלַיִם, האָבן די ברידער אונדז
מקבל־פּנים געווען מיט שׂמחה. 18 און אויף דעם אַנדערן טאָג איז
פּאָולוס מיט אונדז אַריינגעגאַנגען צו יעקבֿן; און אַלע זקנים זענען
אַהין געקומען. 19 און נאָכדעם ווי ער האָט זיי געגעבן שלום־עליכם,
האָט ער דערציילט באַריכות, וואָס גאָט האָט דורך זיין עובֿדא געטאָן
צווישן די אומות־העולם. 20 און בעת זיי האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי
געלויבט גאָט; און זיי האָבן צו אים געזאָגט: דו זעסט, ברודער, וויפֿל
טויזנטער ייִדן עס זענען פֿאַראַן, וואָס גלויבן, און זיי זענען אַלע קנאָים
פֿאַר דער תּורה; 21 און מע האָט זיי מודיע געווען וועגן דיר, אַז דו
לערנסט אַלע ייִדן, וואָס זענען צווישן די אומות־העולם, אָפּצוקערן זיך
פֿון משהן, מיט דעם, וואָס דו זאָגסט זיי, אַז זיי זאָלן ניט מל זיין
זייערע קינדער, און אויך ניט לעבן נאָך די חוקים פֿון דער תּורה.
22 בכן, וואָס זאָלן מיר טאָן? זיי וועלן אַוודאי הערן, אַז דו ביסט
געקומען. 23 טו דעריבער דאָס, וואָס מיר זאָגן דיר: מיר האָבן פֿיר
מענטשן, וואָס

האָבן אַ נֵדר אויף זיך; 24 נעם די דאָזיקע און רייניק דיך מיט זיי, און
נעם אויף זיך די הוֹצָאוֹת פֿאַר זיי, אַז זיי זאָלן זיך קענען אָפּגאָלן
זייערע קעפּ; און אַלע וועלן וויסן, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן געהערט
וועגן דיר, איז ניט אֶמת, נייערט אַז אויך דו אַליין גייסט אויפֿן דֶרֶך
צַדיקים, און היטסט אָפּ די תּוֹרה. 25 און וואָס שַייך די גלייביקע גויים,
האָבן מיר געשריבן, און גוֹזר געווען, אַז זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן פֿון
דעם, וואָס מע האָט מַקריב געווען צו אָפּגעטער, און פֿון בלוט, און
פֿון וואָס ס׳איז דערוואָרגן געוואָרן, און פֿון זנוּת. 26 דעמאָלט האָט
פּאָולוס גענומען די מענטשן, און אויף דעם אַנדערן טאָג האָט ער זיך
געריייניקט מיט זיי, און איז געגאַנגען אין דעם בֵּית־הַמִקדש אַריין,
כּדי צו געבן צו וויסן, ווען סע וועלן דערפֿילט ווערן די טעג פֿון
זייער רייניקונג, און דער קָרבּן וועט געבראַכט ווערן פֿאַר יעדן איינעם
פֿון זיי.
27 און נאָכדעם ווי די זיבן טעג האָבן זיך שוין געהאַט כּמַעט
פֿאַרענדיקט, האָבן די ייִדן פֿון אַזיע אויפֿגעהעצט דאָס גאַנצע פֿאָלק,
בעת זיי האָבן אים געזען אין בֵּית־הַמִקדש, און האָבן אויסגעשטרעקט
זייערע הענט אויף אים, 28 און האָבן געשריגן: מענטשן פֿון יִשׂרָאל,
העלפֿט! דאָס איז דער מאַן, וואָס לערנט אַלע מענטשן אומעטום
אַנטקעגן דעם פֿאָלק ישראל און דער תּוֹרה און דעם דאָזיקן הייליקן
אָרט; און חוּצדעם האָט ער אויך געבראַכט גריכן אין בֵּית־הַמִקדש
אַריין, און האָט מחַלל געווען דעם דאָזיקן מָקוֹם־קָדוש. 29 וואָרים זיי
האָבן פֿריער געזען מיט אים אין שטאָט טראָפֿימוסן, דעם עפֿעזער, און
האָבן געמיינט, אַז פּאָולוס האָט אים אַרייַנגעבראַכט אין בֵּית־הַמִקדש.
30 און די גאַנצע שטאָט האָט געטומלט, און דאָס פֿאָלק איז זיך
צונויפֿגעלאָפֿן; און זיי האָבן אָנגענומען פּאָולוסן, און האָבן אים
אַרויסגעשלעפּט פֿון דעם בֵּית־הַמִקדש; און די טויערן זענען תּיֵכף
געשלאָסן געוואָרן. 31 און בעת זיי האָבן אים געוואָלט טייטן, איז
אָנגעקומען אַ ידִיעה צום טריבון פֿון דער קאָהוֹרטע, אַז גאַנץ ירוּשָלַיִם
איז אין גערודער. 32 און ער האָט תּיֵכף גענומען זעלנער און
קֶנטוּריוֹנים, און איז אַראָפּגעלאָפֿן צו זיי. און אַז זיי האָבן דערזען דעם
טריבון און די זעלנער, האָבן זיי אויפֿגעהערט צו שלאָגן פּאָולוסן.
33 און דער טריבון איז צוגעגאַנגען, און האָט אים אָנגענומען, און
באַפֿוילן מען זאָל אים בינדן מיט צוויי קייטן, און געפֿרעגט, ווער ער
איז, און וואָס ער האָט געטאָן. 34 און טייל פֿון דעם פֿאָלק האָבן
געשריגן איין זאַך, און טייל עפּעס אַנדערש; און אַזוי ווי ער האָט
צוליב דעם געטומל ניט געקענט דערניין

קיין טאָלק, האָט ער באַפוילן, אים צו ברענגען אין דער פעסטונג
אַריין. 35 און בעת ער איז צוגעקומען צו די טרעפּ, האָבן די זעלנער
אים געטראָגן צוליב דעם צאָרן פון דעם עולָם; 36 וואָרים די מאַסע איז
נאָכגעגאַנגען, און האָט געשריגן: אַוועק מיט אים!
37 און בעת פּאָולוס האָט געזאָלט אַרײַנגעבראַכט ווערן אין דער
פעסטונג, האָט ער געזאָגט צום טריבון: מעג איך דיר עפּעס זאָגן? און
ער האָט געזאָגט: קענסטו גריכיש? 38 ביסטו דען ניט דער מִצרי, וואָס
האָט ניט לאַנג צוריק געמאַכט אַ מרִידה, און האָט אַרויסגעפירט אין
דער מִדבר אַריין די פיר טויזנט לײַט פון די רוצחים? 39 אָבער פּאָולוס
האָט געזאָגט: איך בין אַ ייִד פון טאַרסוס אין קיליקיע, אַ תּושב פון אַן
אָנגעזעענער שטאָט; און איך בעט דיך, גיב מיר דערלויבעניש צו רעדן
צום פאָלק. 40 און אַז ער האָט אים געגעבן דערלויבעניש, האָט
פּאָולוס, ווי ער איז אַזוי געשטאַנען אויף די טרעפּ, אַ מאַך געטאָן מיט
דער האַנט צום פאָלק. און נאָכדעם ווי עס איז געוואָרן זייער שטיל,
האָט ער גערעדט צו זיי אויף לָשון־קודֶש, אַזוי צו זאָגן:
כב ברידער און פאָטערס, הערט אויס די פאַרטיידיקונג, וואָס איך מאַך
איצט פאַר אייך.
2 און בעת זיי האָבן געהערט, אַז ער רעדט צו זיי אויף לָשון־קודֶש,
זענען זיי געוואָרן נאָך שטילער. און ער האָט געזאָגט:
3 איך בין אַ ייִד, געבוירן אין טאַרסוס פון קיליקיע, אָבער דערצויגן אין
דער דאָזיקער שטאָט, ביי די פיס פון גַמליאֵלן, געלערנט לויט די
דִקדוקֵי־עֲניות פון דער תּורה פון אונדזערע אָבות, און בין געווען אַ
קַנאי פון גאָטס־וועגן, פּונקט ווי איר אַלע זענט אין דעם הײַנטיקן
טאָג. 4 איך האָב גערודֶפט דעם דאָזיקן דֶרך ביז צום טויט, און האָב
געבונדן און איבערגעענטפערט צו תּפיסה סיי מענער און סיי פרויען,
5 אַזוי ווי דער כּהן־גָדול און דער גאַנצער שטאַנד פון די זקֵנים קענען
אויף מיר עֵדות־זאָגן, פון וועמען איך האָב באַקומען בריוו צו די
ברידער, און האָב געצויגן קיין דַמֶשֶׂק צו ברענגען אויך די, וואָס זענען
דאָרטן געווען, געבונדן קיין ירושָלַיִם, כּדי זיי זאָלן באַשטראָפט ווערן.
6 און עס איז געווען, בעת איך בין געווען אויף מיין נסִיעה, און האָב
מיך דערנענטערט צו דַמֶשֶׂק, האָט אין מיטן טאָג פּלוצים געשיינט
אַרום מיר אַ גרויס ליכט פון הימל. 7 און איך בין געפאַלן צו דער ערד,
און האָב געהערט אַ קול זאָגן צו מיר: שָאול שָאול, פאַרוואָס רודֶפסטו
מיך? 8 און איך האָב געענטפערט: ווער ביסטו, האַר? און ער האָט צו
מיר געזאָגט: איך בין יֵשוּעַ הַנוצרי, וועמען דו רודֶפסט. 9 און די, וואָס
זענען מיט מיר געווען,

האָבן געזען דאָס ליכט, נאָר זיי האָבן ניט געהערט דאָס קול, וואָס האָט צו מיר
גערעדט. 10 און איך האָב געזאָגט: וואָס זאָל איך טאָן, האַר? און דער האַר
האָט צו מיר געזאָגט: שטיי אויף, און גיי קיין דַמֶשֶׂק, און דאָרט וועט דיר
געזאָגט ווערן פֿונוועגן אַלצדינג, וואָס איז באַשטימט פֿאַר דיר צו טאָן. 11 און
אַזוי ווי איך האָב ניט געקאָנט זען צוליב דעם גלאַנץ פֿון יענעם ליכט, בין איך
געפֿירט געוואָרן בײַ דער האַנט פֿון די, וואָס זענען מיט מיר געווען, און בין
געקומען קיין דַמֶשֶׂק.
12 און איינער חֲנַנְיָה, אַ פֿרומער מענטש לויט דער תּוֹרה, מיט אַ גוטן שֵׁם
צווישן אַלע ייִדן, וואָס האָבן דאָרטן געוואוינט, 13 איז געקומען צו מיר, און
בעת ער איז געשטאַנען לעבן מיר, האָט ער צו מיר געזאָגט: ברודער שָׁאוּל,
באַקום דיין ראִיה! און אין יענער סאַמע שָׁעה האָב איך באַקומען מיין ראִיה און
אים געזען. 14 און ער האָט געזאָגט: דער גאָט פֿון אונדזערע אָבות האָט דיך
אויסדערוויילט צו וויסן זיין רָצון, און צו זען דעם צַדיק, און צו הערן אַ קוֹל פֿון
זיין מויל; 15 וואָרים דו וועסט זיין פֿאַר אים אַן עֵדות פֿאַר אַלע מענטשן
פֿונוועגן דעם, וואָס דו האָסט געזען און געהערט. 16 און איצט, פֿאַרוואָס
זאַמסטו דיך? שטיי אויף, און ווער געטוֹבלט, און וואַש אָפּ דיינע חַטָאים, און
רוף אָן זיין נאָמען.
17 און עס איז געווען, אַז נאָכדעם ווי איך האָב מיך אומגעקערט קיין ירושָׁלַיִם,
און בשַעת איך האָב מִתפַּלֵל געווען אין דעם בֵית־הַמִקדש, בין איך אַריינַגעפֿאַלן
אין אַ דרימל, 18 און האָב אים געזען זאָגן צו מיר: אייל דיך, און גיי געשווינד
אַרויס פֿון ירושָׁלַיִם, וואָרים זיי וועלן ניט אָננעמען דיין עֵדות וועגן מיר. 19 און
איך האָב געזאָגט: האַר, זיי אַליין ווייסן, אַז איך האָב איינַגעזעצט אין תּפִיסה,
און אין יעדער שול געגעבן מַלקות די, וואָס האָבן געגלויבט אין דיר. 20 און
בעת עס איז פֿאַרגאָסן געוואָרן דאָס בלוט פֿון סטעפֿאַנוסן, דיין עֵדות, בין איך
אויך געשטאַנען דערבײַ, און האָב מַסכים געווען, און געטאָן היטן די מַלבושים
פֿון די, וואָס האָבן אים געהַרגעט. 21 און ער האָט צו מיר געזאָגט: גיי; וואָרים
איך וועל דיך אַוועקשיקן ווייט פֿונדאַנען צו די גויים.
22 און זיי האָבן אים אויסגעהערט ביז צו דעם דאָזיקן וואָרט; און זיי האָבן
אויפֿגעהויבן זייער קוֹל, און געזאָגט: פֿאַרטיליקן זאָל מען אַזאַ מענטשן פֿון
דער ערד! וואָרים עס איז ניט כּדַאי, אַז ער זאָל לעבן. 23 און בעת זיי האָבן
געשריגן, און האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן זייערע מַלבושים, און געשליידערט שטויב
אין דער לופֿטן, 24 האָט דער טריבון באַפֿוילן, אַז ער זאָל געבראַכט ווערן אין
דער פֿעסטונג אַריין, און געהייסן, אַז ער זאָל אויסגעפֿאָרשט ווערן דורך
מַלקות, כּדי ער זאָל וויסן די סִיבּה, פֿאַרוואָס זיי האָבן אַזוי געשריגן קעגן אים.
25 און נאָכדעם ווי זיי האָבן אים געבונדן מיט די רימענס, האָט פּאָלוס געזאָגט
צו דעם קֶנטוריוֹן, וואָס איז דערבײַ געשטאַנען: צי איז עס רעכט פֿאַר אייך צו
שמייסן אַ מענטשן, וואָס איז

אַ רוימער, און ניט קיין פֿאַרמִשפּטער? 26 און אַז דער קֶנטוריון האָט
דאָס געהערט, איז ער געגאַנגען צום טרִיבון, און האָט צו אים
געזאָגט: וואָס וועסטו טאָן? וואָרים דער דאָזיקער מאַן איז אַ רוימער!
27 און דער טרִיבון איז געקומען צו גיין, און האָט צו אים געזאָגט: זאָג
מיר, ביסטו אַ רוימישער בירגער? האָט ער געזאָגט: יאָ. 28 און דער
טרִיבון האָט געענטפֿערט: מיט אַ סך געלט האָב איך מיר איינגעקויפֿט
דאָס דאָזיקע בירגער־רעכט. און פּאָולוס האָט געזאָגט: אָבער איך בין
דערין געבוירן געוואָרן. 29 דעמאָלט האָבן די, וואָס זענען געווען גרייט
אים אויסצופֿאָרשטן, אים תּיכּף אָפּגעלאָזט; און אויך דער טרִיבון האָט
מורא באַקומען, ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אַ רוימער,
און מַחמת ער האָט אים געבונדן.
30 און אויף מאָרגן, ווייל ער האָט געוואָלט דערגיין אויף זיכער
פֿאַרוואָס ער איז פֿון די ייִדן אָנגעקלאָגט געוואָרן, האָט ער אים
באַפֿרייט, און האָט באַפֿוילן די ראָשי־כּהנים און דעם גאַנצן סַנהֶדרין
זיך צונויפֿצוקומען, און האָט אַראָפּגעבראַכט פּאָולוסן און אים
אַוועקגעשטעלט פֿאַר זיי.
כג און פּאָולוס האָט באַהעפֿט זיינע אויגן אויף דעם סַנהֶדרין, און
געזאָגט: ברידער, איך האָב ביז דעם היינטיקן טאָג געלעבט פֿאַר גאָט
מיט אַ ריין געוויסן. 2 און דער כּהן־גָדול חֲנַנְיָה האָט באַפֿוילן די, וואָס
זענען לעבן אים געשטאַנען, אים צו שלאָגן איבערן מויל. 3 דעמאָלט
האָט פּאָולוס צו אים געזאָגט: גאָט זאָל דיך שלאָגן, דו געקאַלכטע
וואַנט! און דו זיצסט, מיך צו מִשפּטן לויט דער תּורה, און באַפֿעלסט,
מיך צו שלאָגן לְהֵיפּך דער תּורה? 4 און די, וואָס זענען געשטאַנען
דערביי, האָבן געזאָגט: דו לעסטערסט גאָטס כּהן־גָדול? 5 און פּאָולוס
האָט געזאָגט: איך האָב ניט געוואוסט, ברידער, אַז ער איז דער כּהן־
גָדול; וואָרים סע שטייט געשריבן: דו זאָלסט ניט רעדן שלעכטס אויף
אַ נָשׂיא פֿון דיין פֿאָלק.[1]
6 און ווען פּאָולוס האָט באַמערקט, אַז איין צַד זענען צדוקים, און דער
אַנדערער פּרושים, האָט ער אויסגערופֿן צו דעם סַנהֶדרין: ברידער, איך
בין אַ פּרושי, אַ בֶּן־פּרושי; איך ווער געמִשפּט פֿונוועגן דער האָפֿענונג
פֿון תּחִיַת־הַמֵתים. 7 און בעת ער האָט דאָס געזאָגט, האָט זיך
אויפֿגעהויבן אַ מַחלוקה צווישן די פּרושים און די צדוקים; און די
פֿאַרזאַמלונג איז געווען צעטיילט. 8 וואָרים די צדוקים זאָגן, אַז ס׳איז
ניטאָ קיין תּחִיַת־הַמֵתים, ניט קיין מַלאך, ניט קיין גייסט; די פּרושים
אָבער זענען מודה אין ביידע. 9 און סע האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גרויס
געשריי; און טייל פֿון די סופֿרים

[1] שמות כב, 27.

פֿון דער פּרושים־כּיתּה האָבן זיך אויפֿגעשטעלט, און האָבן זיך מִתוַכֵּחַ
געווען, אַזוי צו זאָגן: מיר געפֿינען ניט קיין שום שלעכטס אין דעם
דאָזיקן מענטשן; און וואָס איז, אויב אַ גייסט האָט גערעדט צו אים,
אָדער אַ מַלאך? 10 און אַז סע האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גרויסע מַחלוֹקה,
האָט דער טריבון מוֹרא געהאַט, טאָמער וועלן זיי פּאָולוסן צערייסן
אויף שטיקער, און ער האָט באַפֿוילן די זעלנער אַראָפּצוגיין און אים
נעמען מיט געוואַלט פֿון צווישן זיי, און אים ברענגען אין דער
פֿעסטונג אַריין.
11 און אין יענער נאַכט איז דער האַר געשטאַנען לעבן אים, און האָט
געזאָגט: זיי געשטאַרקט; אַוואָרים אַזוֹיווי דו האָסט עֵדות געזאָגט
פֿונוועגן מיר אין ירושָלַיִם, אַזוי מוזסטו אויך עֵדות זאָגן אין רוים.
12 און אַז עס איז טאָג געוואָרן, האָבן זיך די יִידן צוזאַמענגענומען
אינאיינעם, און האָבן זיך געבונדן מיט אַ שבועה, אַז זיי וועלן ניט עסן
אָדער טרינקען, ביז זיי וועלן ניט הַרגענען פּאָולוסן. 13 און מער פֿון
פֿערציק זענען עס געווען, וואָס האָבן געמאַכט די דאָזיקע פֿאַרשווערונג.
14 און זיי זענען געקומען צו די ראָשי־כֹּהַנים און די זקֵנים, און האָבן
געזאָגט: מיר האָבן זיך געבונדן מיט אַ שבוּעה גאָרניט טוֹעם צו זיין,
ביז מיר וועלן ניט הַרגענען פּאָולוסן. 15 און דעריבער טוט איר מיט
דעם סַנהֶדרין מוֹדיע זיין דעם טריבון, אַז ער זאָל אים אַראָפּברענגען צו
אייך, גלייך איר וואָלט וועלן אויספֿאָרשטן זיין מִשפּט אַ סַך גענויער;
און מיר זענען גרייט אים צו הַרגענען, נאָך איידער ער וועט זיך
דערנענטערן צו אייך.
16 און פּאָולוסעס שוועסטערן־זון האָט געהערט פֿון זייער לאָיערונג, און
ער האָט גענעענט, און איז אַרייַנגעגאַנגען אין דער פֿעסטונג, און האָט
עס דערציילט פּאָולוסן. 17 און פּאָולוס האָט גערופֿן צו זיך איינעם פֿון די
קֶנטוריוֹנים, און האָט געזאָגט: ברענג דעם דאָזיקן בָּחור צום טריבון,
וואָרים ער האָט אים עפּעס צו דערציילן. 18 און ער האָט אים גענומען,
און האָט אים געבראַכט צום טריבון, און געזאָגט: פּאָולוס, דער
געפֿאַנגענער, האָט מיך גערופֿן צו זיך, און האָט מיך געבעטן צו ברענגען
דעם דאָזיקן בָּחור צו דיר, מַחמת ער האָט דיר עפּעס צו דערציילן. 19 און
דער טריבון האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, און אַז ער איז מיט אים
אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט, האָט ער אים געפֿרעגט: וואָס איז עס, וואָס דו
האָסט מיר צו דערציילן? 20 און ער האָט געזאָגט: די יִידן האָבן
אָפּגערעדט דיך צו בעטן, אַראָפּצוברענגען מאָרגן פּאָולוסן צו דעם
סַנהֶדרין, גלייך ווי זיי וואָלטן וועלן עפּעס פֿאָרשטן פֿונוועגן אים אַ סַך
גענויער. 21 דו טו זיי דעריבער ניט נאָכגעבן; וואָרים עס לאָיערן אויף
אים מער ווי פֿערציק מענטשן פֿון זיי, וואָס האָבן זיך געבונדן

מיט אַ שבֿועה ניט צו עסן און ניט צו טרינקען, ביז זיי וועלן אים ניט האָבן געהרגעט; און זיי זענען איצט גרייט, בעת זיי וואַרטן אויף דער הבֿטחה פֿון דיר. 22 און דער טריבון האָט געלאָזט גיין דעם בחור, און אים באַפֿוילן: דערצייל ניט קיינעם, אַז דו האָסט מיר דאָס געגעבן צו וויסן.

23 און ער האָט גערופֿן צו זיך צוויי פֿון די קענטורונים, און האָט געזאָגט: האַלט אָנגעגרייט אין דער דריטער שעה דער נאַכט צוויי הונדערט זעלנער צו גיין קיין קיסריה, און זיבעציק רייטער, און שפּיזנטרעגער צוויי הונדערט. 24 און ער האָט באַפֿוילן צו באַזאָרגן לאַסט בהמות, כּדי אַרויפֿצוזעצן פּאָלוסן אויף זיי, און אים ברענגען אין זיכערהייט צו פֿעליקסן, דעם פּראָקאָנסול. 25 און ער האָט געשריבן אַ בריוו, לויט דעם שטייגער:

26 קלאַודיוס ליזיאַס צו דעם חשובֿסטן פּראָקאָנסול פֿעליקס, אַ גריס. 27 דער דאָזיקער מאַן איז געכאַפּט געוואָרן דורך די ייִדן, און האָט שוין געזאָלט פֿון זיי געטייט ווערן, ווען איך בין געקומען אויף זיי מיט די זעלנער און האָב אים אָפּגעראַטעוועט, ווייל איך בין געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אַ רוימער. 28 און אַזוי ווי איך האָב געוואָלט וויסן די סיבה, פֿאַרוואָס זיי האָבן אים באַשולדיקט, האָב איך אים אַראָפּגעבראַכט צו זייער סנהדרין; 29 און איך האָב געפֿונען, אַז ער ווערט באַשולדיקט וועגן פֿראַגעס פֿון זייער רעליגיע, און אַז עס איז ניטאָ קיין באַשולדיקונג קעגן אים, וואָס איז ווערט דעם טויט, אָדער קייטן. 30 און נאָכדעם ווי עס איז מיר אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אַ פֿאַרשווערונג ווערט געמאַכט קעגן דעם מאַן, האָב איך אים גלייך געשיקט צו דיר, און האָב באַפֿוילן זיינע באַשולדיקער צו רעדן קעגן אים פֿאַר דיר.

31 און די זעלנער האָבן גענומען פּאָולוסן, לויט ווי עס איז זיי באַפֿוילן געוואָרן, און האָבן אים געבראַכט ביינאַכט קיין אַנטיפּאַטריס. 32 און אויף מאָרגן האָבן זיי געלאָזט די רייטער גיין מיט אים, און האָבן זיך אומגעקערט צו דער פֿעסטונג. 33 און אַז זיי זענען געקומען קיין קיסריה, האָבן זיי איבערגעגעבן דעם פּראָקאָנסול דעם בריוו, און אויך פֿירגעשטעלט פֿאַר אים פּאָולוסן. 34 און נאָכדעם ווי ער האָט אים געלייענט, האָט ער געפֿרעגט פֿון וואָסער מדינה ער איז; און אַז ער האָט געהערט, אַז ער איז פֿון קיליקיע, 35 האָט ער געזאָגט: איך וועל דיך אויסהערן ווען דיינע באַשולדיקער וועלן אויך אַהער קומען; און ער האָט באַפֿוילן, אים צו האַלטן אין הורדוסעס בית־המשפּט.

כד און אין פֿינף טעג אַרום האָט אַראָפּגענידערט חנַניָה דער כֹּהן־גָדול
מיט עטלעכע זקֵנים, און אַ רעדנער, איינער טערטולוס; און זיי האָבן
גערעדט צום פּראָקאָנסול קעגן פּאָולוסן. 2 און נאָכדעם ווי ער איז
גערופֿן געוואָרן, האָט טערטולוס אים אָנגעהויבן צו באַשולדיקן, אַזוי
צו זאָגן:
פֿאַר דעם גרויסן שָלום וואָס מיר טוען געניסן, האָבן מיר דיר צו
פֿאַרדאַנקען, און דורך דיין הַשגָחה זענען אַ סך אויסבעסערונגען
געמאַכט געוואָרן פֿאַר דעם דאָזיקן פֿאָלק, 3 און מיר נעמען דאָס אָן
אויף אַלע אופֿנים און אין אַלע מקומות, חָשובֿסטער פֿעליקס, מיט
דער גאַנצער דאַנקבאַרקייט. 4 און כּדי איך זאָל דיך ניט ווייטער
באַלעסטיקן, בעט איך דיך, אין דיין גרויס באַגנעדיקונג אונדז
אויסצוהערן בקיצור. 5 וואָרים מיר האָבן געפֿונען דעם דאָזיקן מענטשן
פֿאַר אַ שעדלעכן יונג, אַן אויפֿרייצער פֿון מרידות צווישן אַלע ייִדן
איבער דער גאַנצער וועלט, און אַן אָנפֿירער פֿון דער כּיתּה פֿון די
נוצרים; 6 ער האָט אַפֿילו געפּרוּווט מחַלל זיין דאָס בּית־הַמִקדש, נאָר
מיר האָבן אים געכאַפּט, און האָבן אים געוואָלט משפּטן לויט אונדזער
תּורה. 7 אָבער דער טריבון ליזיאַס איז געקומען, און האָט אים מיט
גרויס געוואַלט אַריסגענומען פֿון אונדזערע הענט, און האָט באַפֿוילן
זיינע באַשולדיקער צו קומען פֿאַר דיר. 8 פֿון אים וועסטו קענען
געוואָר ווערן, דורך אויספֿאָרשטן אים אַליין, פֿונוועגן די דאָזיקע אַלע
זאַכן, וועגן וואָס מיר באַשולדיקן אים. 9 און די ייִדן זענען אויך
צוגעשטאַנען, און האָבן פֿאַרזיכערט, אַז אַזוי איז עס טאַקע.
10 און נאָכדעם ווי דער פּראָקאָנסול האָט צו אים אַ וואונק געטאָן צו
רעדן, האָט פּאָולוס געענטפֿערט:
ווייל איך ווייס, אַז דו ביסט שוין אַ סך יאָרן אַ שופֿט ביי דעם דאָזיקן
פֿאָלק, טו איך מיך דעריבער גערן פֿאַרטיידיקן. 11 וואָרים דו קענסט
אויסגעפֿינען, אַז ס'איז ניט מער ווי צוועלף טעג, זינט איך האָב עולה־
רֶגל געווען, תּפֿילה צו טאָן אין ירושָלַיִם. 12 און זיי האָבן מיך ניט
געפֿונען זיך מתוַכֵּחַ זיין מיט עמיצן, אָדער אויפֿרייצן אַ הָמון, ניט אין
דעם בּית־הַמִקדש, ניט אין די שולן, אויך ניט אין דער שטאָט. 13 זיי
קענען דיר אויך ניט ברענגען קיין ראַיה וועגן די זאַכן פֿון וועלכע זיי
באַשולדיקן מיך אַצינד. 14 נאָר דאָס דאָזיקע בין איך מיך מודה פֿאַר
דיר, אַז לויט דעם וועג, וואָס זיי רופֿן אָן אַ כּיתּה, טו איך דינען דעם
גאָט פֿון אונדזערע אָבות,

אוּן טוּ גלויבן אין אַלצדינג, וואָס סע שטייט געשריבן אין דער תּוֹרה
אוּן אין די נבֿיאים; 15 אוּן איך האָב בּטָחון צוּ גאָט, אַז סע וועט זיין
תּחִיַת־הַמֵתים, סיי פֿוּן די צַדיקים אוּן סיי פֿוּן די רשָעים, וואָס זיי אַליין
טוּען אויך אָננעמען. 16 דערבּיי בּאַמי איך מיך תָּמיד צוּ האָבן אַ ריין
געוויסן פֿאַר גאָט אוּן פֿאַר מענטשן. 17 אוּן נאָך עטלעכע יאָר בּין איך
געקוּמען צוּ בּרענגען פֿאַר מיין פֿאָלק נדָבות אוּן קָרבָּנות; 18 אוּן בּיי
דעם האָבן זיי מיך געפֿוּנען גערייניקט אין דעם בֵּית־הַמִקדש, ניט מיט
קיין הַמוֹן, אויך ניט מיט קיין געטוּמל; אָבער דאָרט זענען געווען
עטלעכע ייִדן פֿוּן אַזיע, 19 וואָס וואָלטן בּאַדאַרפֿט צוּ זיין דאָ פֿאַר דיר,
אוּן מאַכן די בּאַשוּלדיקוּנג, אויבֿ זיי האָבן עפּעס קעגן מיר. 20 אָדער
זאָלן די דאָזיקע מענטשן אַליין זאָגן, וואָסער אַוולה זיי האָבן געפֿוּנען,
ווען איך בּין געשטאַנען פֿאַר דעם סַנהֶדרין, 21 סיידן עס זאָל זיין פֿאַר
דעם איינעם וואָרט, וואָס איך האָב אויסגערוּפֿן, בּעת איך בּין
געשטאַנען צווישן זיי: פֿוּנוועגן תּחִיַת־הַמֵתים ווער אין היינט פֿוּן אייך
געמִשפּט.
22 אוּן פֿעליקס, ווייל ער האָט געהאַט מער פּינקטלעכע ידִיעות
פֿוּנוועגן דעם דֶרֶך, האָט זיי אָפּגעלייגט, אוּן געזאָגט: בּעת ליזיאַס,
דער טריבּוּן, וועט אַראָפּקוּמען וועל איך אַנטשיידן אייער ענין. 23 אוּן
ער האָט בּאַפֿוילן דעם קֶנטוּריוֹן, אַז ער זאָל געהאַלטן ווערן אוּנטער
שמִירה, נאָר האָבן פֿרייַהייט, אוּן ניט צוּ פֿאַרווערן קיינעם פֿוּן זיינע
פֿריינט אים צוּ בּאַדינען.
24 אוּן אין עטלעכע טעג אַרוּם, איז פֿעליקס געקוּמען מיט דרוּסילען,
זיין ווייבֿ, וואָס איז געווען אַ בַּת־ישׂרָאל, אוּן ער האָט געשיקט נאָך
פּאָולוּסן, אוּן האָט אים אויסגעהערט וועגן דער אֶמוּנה אין יֵשוּעַ
הַמָשיחַ. 25 אוּן בּעת ער האָט גערעדט וועגן צדקות, אוּן פּרִישוּת, אוּן
דעם יוֹם־הַדין, וואָס דאַרף קוּמען, האָט זיך פֿעליקס דערשראָקן, אוּן
געזאָגט: דוּ מעגסט דאָסמאָל גיין; אוּן אַז איך וועל האָבן אַ
בּאַקוועמערע צייט, וועל איך דיך רוּפֿן צוּ מיר. 26 צוּגלייַך האָט ער
אויך געהאָפֿט צוּ קריגן געלט פֿוּן פּאָולוּסן, אוּן צוּליבֿ דעם האָט ער
אויך אָפֿט געשיקט נאָך אים, אוּן האָט מיט אים גערעדט. 27 אוּן
נאָכדעם ווי צוויי יאָר זענען אַריבּער, האָט פּאָרציוּס פֿעסטוּס פֿאַרנוּמען
דאָס אָרט פֿוּן פֿעליקסן; אוּן ווייל פֿעליקס האָט געוואָלט נוֹשׂא־חֵן זיין
בּיי די ייִדן, האָט ער איבּערגעלאָזט פּאָולוּסן אין קייטן.

כה אוּן בעת פעסטוּס איז געקוּמען אין לאַנד אַרײַן, איז ער איז דרײַ
טעג אַרוּם אַרויפֿגעגאַנגען פֿון קֵיסַריה קיין ירוּשָׁלַיִם. 2 אוּן די ראָשי־
כֹּהֲנים אוּן די עלטסטע פֿון די ייִדן האָבן אים מוֹדיע געווען וועגן
פּאָולוּסן: אוּן זיי האָבן אים געבעטן, 3 אוּן פֿאַרלאַנגט, אַז ער זאָל מיט
זיי טאָן אַ חֶסֶד, אוּן לאָזן דעם מאַן ברענגען קיין ירוּשָׁלַיִם, ווײַל זיי
האָבן געמאַכט אַ פֿאַרשווערוּנג אים צוּ טייטן אויפֿן וועג. 4 אוּן
פעסטוּס האָט געענטפֿערט, אַז פּאָולוּס ווערט געהאַלטן געפֿאַנגען אין
קֵיסַריה, אוּן אַז ער אַליין איז גרייט צוּ גיין אַהין בְּקָרוֹב. 5 דעריבער
זאָלן די, האָט ער געזאָגט, וואָס האָבן צווישן אײַך די מאַכט,
אַראָפּנידערן מיט מיר, אוּן אויב עס איז פֿאַראַן עפּעס אַן אוּמרעכט אין
דעם מאַן, זאָלן זיי אים אָנקלאָגן.
6 אוּן נאָכדעם ווי ער איז געבליבן צווישן זיי ניט מער ווי אַכט אָדער
צען טעג, האָט ער אַראָפּגענידערט קיין קֵיסַריה; אוּן אויף דעם אַנדערן
טאָג האָט ער זיך געזעצט אויף דעם כִּסֵא־הַמִשפּט, אוּן האָט באַפֿוילן,
מע זאָל ברענגען פּאָולוּסן. 7 אוּן אַז ער איז געקוּמען, האָבן די ייִדן,
וואָס האָבן אַראָפּגענידערט פֿון ירוּשָׁלַיִם, אים אַרוּמגערינגלט, אוּן
האָבן געבראַכט קעגן אים אַ סך אוּן שווערע קלאַגעס, וואָס זיי האָבן
ניט געקענט באַווײַזן, 8 מַחֲמת פּאָולוּס האָט אין זײַן פֿאַרטיידיקוּנג
געזאָגט: ניט קעגן דער ייִדישן רעליגיע, ניט קעגן דעם בֵּית־הַמִקדש,
אויך ניט קעגן דעם קֵיסר האָב איך מיט עפּעס געזינדיקט. 9 אוּן אַזוֹיווי
פעסטוּס האָט געוואָלט נוֹשׂא־חֵן זײַן בײַ די ייִדן, האָט ער געזאָגט צוּ
פּאָולוּסן: ווילסטוּ אַרויפֿגיין קיין ירוּשָׁלַיִם, אוּן דאָרטן געמִשפּט ווערן
פֿאַר מיר פֿוּנוועגן די דאָזיקע זאַכן? 10 אוּן פּאָולוּס האָט געזאָגט:
איך שטיי פֿאַרן קֵיסרס כִּסֵא־הַמִשפּט, וואוּ איך באַדאַרף געמִשפּט
ווערן; די ייִדן האָב איך ניט געטאָן קיין שוּם רָעה, ווי אויך דוּ ווייסט
עס זייער גוּט. 11 אויב איך בין טאָקע אַ רָשע, אוּן האָב באַגאַנגען
עפּעס, וואָס פֿאַרדינט מִיתה, זאָג איך מיך ניט אָפּ פֿוּן דעם טוֹיט; אויב
אָבער ס׳איז גאָרניט אֱמת פֿון יענע זאַכן, אין וואָס די דאָזיקן
באַשוּלדיקן מיך, קאָן קיינער מיך ניט איבערענטפֿערן צוּ זיי. איך ווענד
מיך צוּם קֵיסר! 12 דעמאָלט האָט זיך פעסטוּס באַראָטן מיט די יוֹעֲצים,
אוּן האָט געענטפֿערט: דוּ האָסט דיך געווענדט צוּם קֵיסר; צוּם קֵיסר
זאָלסטוּ גיין.
13 אוּן ווען סע זענען אַריבער עטלעכע טעג, איז געקוּמען דער מֶלך
אַגריפּאַ אוּן בערניקע קיין קֵיסַריה, אוּן האָבן אָפּגעגעבן פעסטוּסן
גריסע.

14 און אַזוֹיווי זיי זענען דאָרטן פֿאַרבליבן אַ סך טעג, האָט פּעסטוס
פֿאָרגעלייגט פֿאַר דעם מֶלך פּאָולוסעס מִשפּט, אַזוי צו זאָגן: עס איז
פֿאַראַן דאָ איינער אַ מאַן, וועמען פֿעליקס האָט איבערגעלאָזט אַ
געפֿאַנגענעם; 15 און בעת איך בין געווען אין ירושָלַיִם, האָבן די
ראָשי־כֹּהֲנים און די זְקֵנים פֿון די יִידן מיר מוֹדיע געווען פֿונוועגן אים,
און געבעטן אַן אורטייל קעגן אים. 16 און איך האָב זיי געענטפֿערט,
אַז עס איז ניט דער מִנהג פֿון די רוימער עמיצן איבערצוענטפֿערן,
איידער דער באַשולדיקטער שטייט פֿאַר די באַשולדיקער פָּנים־אֶל־
פָּנים, און האָט אַ געלעגנהייט צו פֿאַרטיידיקן זיך בנוֹגֵע דעם ענין,
וואָס ווערט געבראַכט קעגן אים. 17 דעריבער, ווען זיי זענען זיך דאָ
צוזאַמענגעקומען, האָב איך מיך ניט געזאַמט, נייערט האָב אויף דעם
אַנדערן טאָג זיך געזעצט אויף דעם כִּסֵא־הַמִשפּט, און האָב באַפֿוילן,
אַז דער מאַן זאָל געבראַכט ווערן. 18 בעת די באַשולדיקער זענען
אויפֿגעשטאַנען, האָבן זיי פֿונוועגן אים ניט געבראַכט אַזוינע זאַכן, ווי
איך האָב געמיינט; 19 נייערט זיי האָבן געהאַט קעגן אים טַענות
פֿונוועגן זייער אייגענער אֱמונה, און וועגן איינעם יֵשוּעַ, וואָס איז
געשטאָרבן, און אויף וועמען פּאָולוס זאָגט, אַז ער לעבט. 20 און ווייל
איך בין געווען אין סָפק וויאַזוי דאָס אויסצופֿאָרשן, האָב איך
געפֿרעגט, צי וואָלט ער וועלן גיין קיין ירושָלַיִם, און דאָרטן געמִשפּט
ווערן בנוֹגֵע די דאָזיקע זאַכן. 21 נאָר אַזוֹיווי פּאָולוס האָט פֿאַרלאַנגט,
געהאַלטן צו ווערן ביז דעם פּסַק־דִין פֿון דעם מֶלך, האָב איך באַפֿוילן,
אים צו האַלטן ביז איך וועל אים שיקן צום קֵיסר. 22 און אַגריפּאַ האָט
געזאָגט צו פּעסטוסן: איך אַליין וואָלט אויך וועלן הערן דעם מאַן.
מאָרגן, האָט ער געזאָגט, וועסטו אים הערן.
23 און אויף מאָרגן, בעת אַגריפּאַ און בערניקע זענען געקומען מיט
גרויס פּאַראַד, און זענען אַרייַנגעגאַנגען אין די אוֹידיטאָריע, מיט די
טריבונען און מיט די חָשובֿע מענטשן פֿון דער שטאָט. און אויף דעם
באַפֿעל פֿון פּעסטוסן, איז פּאָולוס אַרייַנגעבראַכט געוואָרן. 24 און
פּעסטוס האָט געזאָגט: מֶלך אַגריפּאַ, און אַלע מענטשן, וואָס זענען
דאָ מיט אונדז, איר זעט דעם דאָזיקן מאַן, פֿונוועגן וועמען דער
גאַנצער הַמוֹן יִידן האָט מיך געבעטן, סיי אין ירושָלַיִם און סיי דאָ, און
געטאָן שרייַען, אַז ער טאָר לענגער ניט לעבן. 25 איך האָב אָבער
געפֿונען, אַז ער איז ניט באַגאַנגען גאָרניט, וואָס פֿאַרדינט דעם טויט;
און אַזוֹיווי ער אַליין האָט זיך געווענדט צום קֵיסר, האָב איך
באַשלאָסן, אים צו שיקן.

26 און הֶיות ווי איך האָב ניט קיין באַשטימטע זאַך צו שרייבן וועגן
אים צו מיין האַר, האָב איך אים אַרויסגעבראַכט פֿאַר אייך, און
באַזונדער פֿאַר דיר, מֶלך אַגריפּאַ, כּדי נאָך דער אויספֿאָרשונג, זאָל
איך האָבן וואָס צו שרייבן. 27 וואָרים עס זעט מיר אויס ניט שֵׂכֶלדיק
צו שיקן אַ געפֿאַנגענעם, און צוגלייַך ניט אָנווייַזן די באַשולדיקונגען
קעגן אים.

כו און אַגריפּאַ האָט געזאָגט צו פּאָולוסן: סע ווערט דיר דערלויבט
אַליין פֿאַר דיר צו רעדן. דעמאָלט האָט פּאָולוס אויסגעשטרעקט זייַן
האַנט, און האָט אָנגעהויבן זייַן פֿאַרטיידיקונג:

2 איך האַלט מיך פֿאַר גליקלעך, מֶלך אַגריפּאַ, וואָס איך קאָן מיך פֿאַר
דיר היינט פֿאַרטיידיקן בנוֹגע די אַלע זאַכן, אין וועלכע איך ווער
באַשולדיקט פֿון די ייִדן; 3 בִּפֿרַט, ווייל דו ביסט אַ קענער פֿון אַלע
מִנהאָגים און שַאלות ביי ייִדן: עַל־כֵּן, בעט איך דיך, מיך געדולדיק
אויסצוהערן.

4 מיין דֶרֶך אין לעבן, פֿון מיין יוגנט אָן, וואָס איז געווען פֿון אָנהייב
אָן צווישן מיין אייגענעם פֿאָלק און אין ירושָלַיִם, קענען אַלע ייִדן,
5 און זיי ווייסן וועגן מיר פֿון פֿריער, אויב זיי וואָלטן נאָר וועלן עֵדות
זאָגן, אַז איך האָב, לויט דער שטרענגער כּיתּה פֿון אונדזער אֶמונה
געלעבט ווי אַ פּרושי. 6 און איצט שטיי איך דאָ געמִשפּט צו ווערן
פֿונוועגן דער האָפֿנונג אין דער הַבטָחה, וואָס גאָט האָט מַבטִיחַ געווען
אונדזערע אָבות, 7 צו וועלכער אונדזערע צוועלף שבָטים האָפֿן צו
דערגרייכן, אין דינען גאָט מיט כַּוָנה טאָג און נאַכט. און פֿונוועגן דער
דאָזיקער האָפֿנונג בין איך באַשולדיקט געוואָרן פֿון די ייִדן, אָ מֶלך!
8 פֿאַרוואָס ווערט עס ביי אייך געהאַלטן פֿאַר אומגלויבלעך, אַז גאָט
טוט מְחַיֶה־מֵתים זיין?

9 איך אַליין האָב געטראַכט ביי מיר, אַז איך דאַרף אַ סַך זאַכן
טאָן קעגן דעם נאָמען פֿון יֵשוּעַ הַנוֹצרי. 10 און דאָס דאָזיקע האָב איך
אויך געטאָן אין ירושָלַיִם; און איך האָב אויך פֿאַרשפּאַרט אַ סַך
הייליקע אין תּפֿיסות, נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען רשות פֿון די
ראָשי־כּהַנים; און בעת מע האָט זיי געהַרגעט, האָב איך מַסכּים געווען
צו דעם. 11 און אין אַלע שולן האָב איך זיי אָפֿט באַשטראָפֿט, און האָב
זיי געצוואונגען צו לעסטערן; און ווייל איך בין געווען אויף זיי
שטאַרק אין כַּעס, האָב איך זיי אַפֿילו נאָכגעיאָגט אין די שטעט פֿון
חוץ־לאָרֶץ.

12 און בעת מיין נסִיעה קיין דַמֶשֶׂק

מיט דעם רשות און באַפעל פון די ראָשי־כּהנים, 13 האָב איך אין מיטן
טאָג, אָ מלך, געזען אויף מיין וועג אַ ליכט פון הימל, ליכטיקער ווי די
זון, שיינען אַרום מיר און די, וואָס האָבן געמאַכט די נסיעה מיט מיר.
14 און בעת מיר זענען אַלע געפאַלן צו דער ערד, האָב איך געהערט אַ
קול זאָגן צו מיר אויף לשון־קודש: שאול, שאול, פאַרוואָס רודפסטו
מיך? עס איז שווער פאַר דיר זיך צו שטויסן קעגן די שטעכערס.
15 און איך האָב געזאָגט: ווער ביסטו, האַר? און דער האַר האָט
געזאָגט: איך בין ישוע, וועמען דו רודפסט. 16 אָבער שטיי אויף און
שטעל דיך אויף דיינע פיס; וואָרים צוליב דעם האָב איך מיך
אַנטפּלעקט צו דיר, כּדי דיך אויסצואווייַלן פאַר אַ דינער און אַן עדות,
סיי פון דעם וואָס דו האָסט געזען, און סיי פון דעם, וואָס איך וועל
דיך מאַכן זען פונוועגן מיר, 17 בעת איך וועל דיך מציל זיין פון דעם
פאָלק און פון די גויים, – צו וועמען איך דיך שיק, 18 צו עפענען
זייערע אויגן, אַז זיי זאָלן זיך אומקערן פון דער פינצטערניש צום
ליכט, און פון דער מאַכט פון דעם שטן צו גאָט, כּדי זיי זאָלן קריגן
סליחת־עוונות, און א ירושה צווישן די וואָס זענען געהייליקט דורך
אמונה אין מיר.
19 על־כּן, אָ מלך אַגריפּאַ, האָב איך ניט ווידערשפּעניקט קעגן דער
הימלישער זעאונג, 20 נייערט האָב אָנגעזאָגט קודם אין דמשׂק, דערנאָך
אין ירושלים, און איבער דעם גאַנצן לאַנד יהודה, און אויך צו די
גויים, אַז זיי זאָלן תּשובה טאָן און זיך אומקערן צו גאָט, און טאָן
מעשׂים טובים, וואָס זענען ראָוי פאַר תּשובה. 21 צוליב דער דאָזיקער
סיבה האָבן מיך די יידן געכאַפּט אין דעם בית־המקדש, און האָבן מיך
געזוכט צו טייטן. 22 בכן, ווייל איך האָב באַקומען די הילף, וואָס איז
פון גאָט, ביז היינט, שטיי איך דאָ און זאָג עדות פאַר קליין און פאַר
גרויס, און זאָג גאָרניט, נייערט נאָר וואָס די נביאים און משה האָבן
געזאָגט, אַז סע וועט געשען: 23 אַז דער משיח דאַרף ליידן, און אַזוי ווי
ער וועט זיין דער ערשטער אויפצושטיין תּחית־המתים, וועט ער
אָנזאָגן ליכט, סיי פאַר דעם פאָלק, און סיי פאַר די פעלקער.
24 און בעת ער האָט אַזוי געהאַלטן זיין פאַרטיידיקונג, האָט פעסטוס
געזאָגט אויף אַ הויך קול: דו ביסט משוגע, פּאָולוס; דיין גרויס
געלערנטקייט טרייבט דיך צו משוגעת. 25 אָבער פּאָולוס האָט געזאָגט:
איך בין ניט משוגע, זייער חשובער פעסטוס, נייערט איך רעד דעם
ניכטערן אמת. 26 וואָרים דער מלך ווייסט פונוועגן די דאָזיקע זאַכן,
און צו אים רעד איך פריי; וואָרים איך בין איבערצייגט, אַז קיינע
פון די דאָזיקע זאַכן זענען פאַרהוילן פון אים; וואָרים דאָס איז ניט
געטאָן געוואָרן

אין אַ ווינקל. 27 מֶלך אַגריפּאַ, גלויבסטו די נבֿיאים? איך ווייס, אַז דו
גלויבסט. 28 און אַגריפּאַ האָט געזאָגט צו פּאָולוסן: סע פֿעלט ניט קיין
סך, און דו איבעררעדסט מיך צו ווערן אַ משיחי! 29 און פּאָולוס האָט
געזאָגט: הלוואַי, גאָט זאָל העלפֿן, צי מיט אַ ביסל, אָדער מיט אַ סך,
ניט נאָר דו אַליין, נייערט אויך אַלע, וואָס הערן מיך היינט, זאָלן ווערן
אַזוינע ווי איך בין, – חוץ די דאָזיקע קייטן.
30 און דער מֶלך איז אויפֿגעשטאַנען, און דער פּראָקאָנסול, און
בערניקע, און די, וואָס זענען מיט זיי געזעסן; 31 און נאָכדעם ווי זיי
האָבן זיך צוריקגעצויגן, האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: דער
דאָזיקער מאַן האָט גאָרניט געטאָן, וואָס פֿאַרדינט מיתה, אָדער קייטן.
32 און אַגריפּאַ האָט געזאָגט צו פֿעסטוסן: דער דאָזיקער מאַן וואָלט
געקענט באַפֿרייט ווערן, ווען ער וואָלט זיך ניט געווען געווענדט
צום קֵיסר.
כז און נאָכדעם ווי עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר זאָלן אָפּפֿאָרן
קיין איטאַליע, האָבן זיי איבערגעענטפֿערט פּאָולוסן און עטלעכע
אַנדערע געפֿאַנגענע צו אַ הויפּטמאַן מיטן נאָמען יוליוס, פֿון דער
אָוגוסטישן קאָהאָרטע. 2 און בעת מיר האָבן זיך אַרייַנגעזעצט אין אַ
שיף פֿון אַדראַמיטיע, וואָס איז געווען גרייט צו פֿאָרן צו די מקומות
אויף דעם ברעג פֿון אַזיע, זענען מיר אַרויסגעפֿאָרן אין ים אַריין, און
מיט אונדז איז געווען אַריסטאַרכוס, אַ מאַקעדאָניער פֿון טעסאַלאָניקע.
3 און דעם אַנדערן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין צידון; און יוליוס
האָט באַהאַנדלט פּאָולוסן פֿרייַנטלעך, און האָט אים דערלויבט צו גיין
צו זיינע פֿריינט און זיך דערקוויקן. 4 און אַז מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן
פֿון דאָרטן אין ים אַריין, זענען מיר געפֿאָרן אין די סבֿיבות פֿון קיפּרוס,
מַחמת די ווינטן זענען געווען אַנטקעגן. 5 און נאָכדעם ווי מיר זענען
אַריבערגעפֿאָרן דעם ים ביי קיליקיע און פּאַמפֿיליע, זענען מיר
געקומען קיין מירע אין ליקיע. 6 און דאָרטן האָט דער קֶנטוריון
געפֿונען אַ שיף פֿון אַלעקסאַנדריע, וואָס איז געפֿאָרן קיין איטאַליע;
און ער האָט אונדז אַרייַנגעזעצט אין איר. 7 און נאָכדעם ווי מיר זענען
אַ סך טעג פּאַמעלעך געפֿאָרן, זענען מיר אָנגעקומען מיט שוועריקייט
קעגנאיבער קנידוס, און ווייל דער ווינט האָט אונדז ווייטער ניט
געלאָזט, זענען מיר געפֿאָרן אין דער סבֿיבֿה פֿון קרעטאַ, קעגנאיבער
סאַלמאָנע. 8 און אַז מיר זענען עס מיט שוועריקייט פֿאַרבייַגעפֿאָרן,
זענען מיר געקומען צו אַ פּלאַץ, וואָס האָט געהייסן: שיינער האַפֿן,
און נאָענט דערביי איז געווען די שטאָט לאַסאַיאַ.

9 און נאָכדעם ווי אַ היפּשע צייט איז אַריבער, און די נסיעה איז איצט
געווען געפֿערלעך, מחמת יום־כּיפּור איז אויך שוין געווען פֿאַרביי,
האָט פּאָולוס זיי געוואָרנט, 10 און געזאָגט: מענער, איך זע, אַז די
נסיעה וועט זײַן מיט ניזוק און אַ סך שאָדן, ניט נאָר פֿאַר דער מַשׂא
און דער שיף, נייערט אויך פֿאַר אונדזער לעבן. 11 אָבער דער קֶנטוריון
האָט זיך צוגעהאָרכט מער צום שטײַערמאַן און צו דעם בעל־הַבָּית פֿון
דער שיף, איידער צו דעם, וואָס פּאָולוס האָט געזאָגט. 12 און ווײַל
דער האַפֿן איז ניט געווען צוגעפּאַסט דאָרטן איבערצוּווינטערן, האָבן
די מערסטע געראָטן, פֿון דאָרטן אָפּצופֿאָרן אין יַם אַרײַן, אֶפֿשר וועט
זיי געלינגען צו קומען קיין פֿעניקס, אַ האַפֿן אין קרעטאַ, וואָס איז
קעגן צָפֿון־מִזרח און דָרום־מִזרח, און דאָרטן איבערצוּווינטערן.
13 און בעת דער דָרום־ווינט האָט מילד געבלאָזן, און זיי האָבן
געמיינט, אַז זיי האָבן דערגרייכט זייער צוועק, האָבן זיי אויפֿגעהויבן
דעם אַנקער און זענען געפֿאָרן לעבן קרעטאַ, נאָענט בײַם ברעג. 14 ניט
לאַנג נאָכדעם אָבער האָט אויסגעבראָכן דאָרטן אַ שטורעמווינט, וואָס
ווערט גערופֿן עוּראַקילון; 15 און אַז די שיף איז געכאַפּט געוואָרן, און
האָט ניט געקענט בײַשטיין דעם ווינט, האָבן מיר זיך אים
אונטערגעגעבן און זענען געטריבן געוואָרן. 16 און בעת מיר זענען
געפֿאָרן אין דער סבֿיבֿה פֿון אַ קליינעם אינזל מיטן נאָמען קלאָודאַ,
האָבן מיר קוים מיט שוועריקייט געקענט אײַנהאַלטן די שיף. 17 און
נאָכדעם ווי זיי האָבן זי אַרויפֿגעצויגן, האָבן זיי גענוצט מיטלען כּדי
אונטערצוגאַרטלען די שיף; און ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער
וועלן זיי אַרויף אויף דעם זאַמד, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די זעגלען,
און זענען אַזוי געטריבן געוואָרן. 18 און בעת מיר האָבן שווער
געקעמפּט מיט דעם שטורעם, האָבן זיי אויף דעם אַנדערן טאָג
אָנגעהויבן אַרויסצוּוואַרפֿן די מַשׂא פֿון דער שיף; 19 און דעם דריטן
טאָג האָבן זיי מיט זייערע אייגענע הענט אַרויסגעוואָרפֿן די כּלים פֿון
דער שיף.
20 און נאָך אַ סך טעג, ווען ניט די זון, און ניט די שטערן האָבן זיך
באַוויזן, און אַ שטאַרקער שטורעמווינט האָט זיך פֿאַרלייגט אויף
אונדז, האָט זיך בײַ אונדז אָפּגעלאָזט יעדע האָפֿנונג ניצול צו ווערן.
21 און אַזוי ווי מע האָט שוין לאַנג ניט געהאַט געגעסן,

האָט זיך פּאָולוס געשטעלט צווישן זיי, און האָט געזאָגט: מענטשן,
הַלוואַי וואָלט איר זיך געווען צוגעהאָרכט צו מיר, און ניט געווען
אַרויספאָרן פון קרעטאַ, וואָלט אונדז ניט געטראָפן דער דאָזיקער נִיזוק
און הֶיזק. 22 און איצט ראָט איך אייך צו זיין פעסט און געשטאַרקט;
וואָרים סע וועט ניט פאַרלוירן ווערן קיין נֶפש פון צווישן אייך, נייערט
נאָר די שיף אַליין. 23 וואָרים היינטיקע נאַכט איז ביי מיר געשטאַנען אַ
מַלאך פון גאָט, וועמעס איך בין, און וועמען איך דין; 24 און ער האָט
געזאָגט: האָב ניט קיין מורא, פּאָולוס, דו מוזסט שטיין פאַר דעם
קֵיסר; און זע, גאָט האָט דיר באַוויליקט די אַלע, וואָס פאָרן מיט דיר.
25 דעריבער, מענטשן, זייט פעסט און געשטאַרקט; וואָרים איך בין
בּטוח אין גאָט, אַז סע וועט זיין טאַקע אַזוי, ווי עס איז צו מיר
גערעדט געוואָרן. 26 מיר מוזן אָבער פאַרוואָרפן ווערן אויף ערגעץ
אַן אינזל.
27 און בעת ס'האָט געגעענט די פערצנטע נאַכט, און מיר זענען
געטריבן געוואָרן אַהער און אַהין אין דעם ים פון אַדריאַ, האָבן די
שיפסלייט דערפילט אין מיטן פון דער נאַכט, אַז זיי דערנעענטערן זיך
צו עפּעס אַ לאַנד. 28 און זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט דאָס זינקבליי, און
האָבן געפונען צוואַנציק קלאַפטער טיף; און אַ שטיקל וועג ווייטער
האָבן זיי ווידער אַמאָל אַראָפּגעלאָזט דאָס זינקבליי, און האָבן געפונען
פופצן קלאַפטער טיף. 29 און ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער
וועלן מיר זיך אָנשלאָגן אָן פעלזן, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט פיר אַנקערס
פון הינטער דער שיף, און האָבן געהאָפט אויף טאָג. 30 און בעת די
שיפסלייט האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון דער שיף, און האָבן שוין
געהאַט אַראָפּגעלאָזט דאָס שיפל אין ים אַריין, גלייך ווי זיי וואָלטן
וועלן אַראָפּלאָזן אַנקערס פון דעם פאָדערטייל פון דער שיף, 31 האָט
פּאָולוס געזאָגט צום קֶנטוריון און צו די זעלנער: איר וועט זיך ניט
מַציל זיין, סיידן די דאָזיקע וועלן פאַרבלייבן אויף דער שיף.
32 דעמאָלט האָבן די זעלנער אָפּגעשניטן די שטריק פון דעם שיפל,
און האָבן עס געלאָזט אַראָפּפאַלן.
33 און בשַעת סע האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט פּאָולוס זיי אַלע
געבעטן צו נעמען עפּעס עסן, און געזאָגט: עס איז היינט דער
פערצנטער טאָג, אַז איר וואַרט און פאַסט, און האָט גאָרניט פאַרזוכט.
34 עַל־כֵּן, בעט איך אייך, איר זאָלט עפּעס נעמען צו עסן; ווייל דאָס
איז פאַר אייער רעטונג; וואָרים קיינעם פון אייך וועט ניט פאַרלוירן
גיין קיין האָר פון זיין קאָפּ. 35 און נאָכדעם ווי ער האָט דאָס געזאָגט,
האָט ער גענומען ברויט, און האָט געדאַנקט גאָט פאַר זיי אַלע, און ער
האָט עס צעבראָכן און אָנגעהויבן צו עסן.

36 דעמאָלט האָבן זיי זיך אַלע געשטאַרקט, און האָבן אַליין אויך גענומען
עסן. 37 (און מיר זענען געווען בסך־הַכּל אין דער שיף צוויי הונדערט
זעקס און זיבעציק נפָשות.) 38 און אַז זיי האָבן זיך אָנגעגעסן צו דער זעט,
האָבן זיי לייכטער געמאַכט די שיף, און האָבן אַרויסגעוואָרפֿן דעם ווייץ
אין יַם אַריין.
39 און אַז ס'איז געוואָרן טאָג, האָבן זיי ניט דערקענט דאָס לאַנד, זיי האָבן
אָבער באַמערקט אַ בוכטע מיט אַ ברעג, און זיי האָבן באַשלאָסן, אויב
מעגלעך, דאָרטן צוצופֿירן די שיף. 40 און אַז זיי האָבן אָפּגעשניטן די
אַנקערס, האָבן זיי געלאָזט זיי אין יַם, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי
אָפּגעבונדן די שטריק פֿון די רודערס, און אַז זיי האָבן אַרויפֿגעצויגן דעם
פֿאָדערזעגל פֿאַרן ווינט, האָבן זיי זיך פֿאַרנומען צום ברעג צו. 41 און אַז
זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אויף אַן אָרט, וואו צוויי יַמען באַגעגענען זיך,
זענען זיי פֿאַרפֿאָרן מיט דער שיף אויף דעם באָדן; און דער פֿאָדערטייל
פֿון דער שיף האָט זיך אָנגעשטויסן און איז געבליבן אומבאַוועגלעך, דער
הינטערשטער טייל אָבער האָט זיך אָנגעהויבן ברעכן דורך דעם שלאָגן
פֿון די כוואַליעס. 42 און די זעלנער האָבן בדֵעה געהאַט צו טייטן די
געפֿאַנגענע, טאָמער וועט עמיצער פֿון זיי אַוועקשווימען און אַנטלויפֿן.
43 אָבער דער קֶנטוריון ווייל ער האָט געוואָלט מַציל זיין פּאָולוסן,
האָט זיי אָפּגעהאַלטן פֿון זייער דֵעה, און האָט באַפֿוילן, אַז די, וואָס
קענען שווימען, זאָלן אַראָפּשפּרינגען פֿון דער שיף, און קודם צוקומען
צו דער יַבָּשה, 44 און די איבעריקע, טייל אויף ברעטער, און טייל אויף
אַנדערע זאַכן פֿון דער שיף. און אַזוי האָבן זיך אַלע געראַטעוועט אויף
דער יַבָּשה.
כח און נאָכדעם ווי מיר זענען ניצול געוואָרן, זענען מיר געוואָר
געוואָרן, אַז דער אינזל הייסט מעליטע. 2 און די נָכרים האָבן אונדז
אַרויסגעוויזן ניט קיין פָּשוטן חֶסד; וואָרים זיי האָבן אָנגעצונדן אַ פֿייער,
און האָבן אונדז אַלע אויפֿגענומען צוליב דעם רעגן, וואָס האָט געהאַלטן
אין אַראָפּקומען, און צוליב דער קעלט. 3 און בעת פּאָולוס האָט
צונויפֿגעזאַמלט אַ בינטל ריטלעך און האָט זיי אַרויפֿגעלייגט אויף דעם
פֿייער, איז אַרויס אַ שלאַנג צוליב דער היץ, און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן
זיין האַנט. 4 און אַז די נָכרים האָבן דערזען דעם שֶרֶץ הענגען אויף
זיין האַנט, האָבן זיי איינער צום אַנדערן געזאָגט: דער דאָזיקער מאַן
איז אַוודאי אַ רוֹצֵחַ, און חָגַם ער האָט זיך מַציל געווען פֿון דעם יַם,
טוט אים אָבער די גערעכטיקייט ניט לאָזן לעבן. 5 נאָר ער האָט
אָפּגעטרעסלט דעם שֶרֶץ אין פֿייער אַריין, און ס'האָט אים גאָרניט
געשאַדט. 6 און זיי האָבן דערוואַרט, אַז ער זאָל געשוואָלן ווערן, אָדער
פּלוצים אַנידערפֿאַלן טויט;

נאָר ווען זיי האָבן לאַנג געוואַרט און געזען, אַז אים איז קיין שום
שלעכטס ניט געשען, האָבן זיי געענדערט זייער מיינונג, און געזאָגט,
אַז ער איז אַ גאָט.
7 און אין דער שכנות פון יענעם אָרט זענען געווען לענדערייַען, וואָס
האָבן געהערט צו דעם עלטסטן פון דעם אינזל, וואָס האָט געהייסן
פּובליִוס; ער האָט אונדז אויפגענומען, און האָט אונדז פרייַנטלעך
אונטערהאַלטן דריי טעג. 8 און פּובליִוסנס פאָטער איז גראָד
געלעגן קראַנק אויף פיבער און לאַקסיר; און פּאָולוס איז צו אים
אַרייַנגעגאַנגען, און איז מתפּלל געווען, און בעת ער האָט
אַרויפגעלייגט אויף אים זיינע הענט, האָט ער אים אויסגעהיילט.
9 און נאָכדעם ווי דאָס איז געשען, זענען געקומען אויך די איבעריקע,
וואָס האָבן אויף דעם אינזל געהאַט חולאַתן, און זענען געהיילט
געוואָרן. 10 זיי האָבן אונדז אויך אָנגעטאָן אַ סך כּבוד, און ווען מיר
זענען אָפּגעפאָרן, האָבן זיי אונדז פאַרזאָרגט מיט וואָס מיר האָבן
זיך גענייטיקט.
11 און אין דריי חדשים אַרום זענען מיר אָפּגעפאָרן אין אַ שיף פון
אַלעקסאַנדריע, וואָס האָט איבערגעווינטערט ביי דע אינזל; איר צייכן
איז געווען די צווילינג־ברידער. 12 און אַז מיר האָבן געגרייכט
סיראַקוס, זענען מיר דאָרטן פאַרבליבן דריי טעג. 13 און פון דאָרטן
האָבן מיר געמאַכט אַ קרייַז און זענען אָנגעקומען קיין רעגיום; און אין
אַ טאָג אַרום האָט זיך אויפגעהויבן אַ דרום־ווינט, און אויף דעם
אַנדערן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין פּוטעאָלי. 14 דאָרטן האָבן מיר
געפונען ברידער, און זענען געבעטן געוואָרן, צו בלייבן מיט זיי זיבן
טעג; און נאָכדעם זענען מיר געקומען קיין רוים. 15 און פון דאָרטן
זענען די ברידער, בעת זיי האָבן געהערט פונוועגן אונדז, אונדז
געקומען באַגעגענען ביי דעם מאַרק אַפּיִוס און די דריי אַכסניות. ווען
פּאָולוס האָט זיי דערזען, האָט ער געדאַנקט גאָט, און האָט זיך
געשטאַרקט. 16 און ווען מיר זענען אַרייַנגעקומען קיין רוים, האָט
פּאָולוס באַקומען דערלויבעניש צו וואוינען פאַר זיך, מיט דעם
זעלנער, וואָס האָט אים באַוואַכט.
17 און עס איז געווען, אַז אין דריי טעג אַרום האָט ער צונויפגערופן די
עלטסטע פון די ייִדן; און אַז זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען, האָט ער
צו זיי געזאָגט: ברידער, הגם איך האָב גאָרניט געטאָן קעגן דעם
פאָלק, אָדער די מנהגים פון אונדזערע אָבות, בין איך דאָך
איבערגעענטפערט געוואָרן פון ירושלים אַ געפאַנגענער אין די
הענט פון די רוימער.

18 אוּן נאָכדעם ווי זיי האָבּן מיך חוֹקר־ודוֹרש געווען, האָבּן זיי מיך
געוואָלט פריי לאָזן, מַחמת עס איז ניט געווען קעגן מיר קיין שוּם
גרוּנט פאַר מִיתה. 19 אוּן ווען די יִידן האָבּן איינַגעווענדט קעגן דעם,
בּין איך געצוואוּנגען געווען צוּ ווענדן זיך צוּם קֵיסר; ניט, ווייל איך
האָבּ געוואָלט אין עפּעס בּאַשוּלדיקן מיין פאָלק. 20 פוּנוועגן דער
דאָזיקער סִיבּה האָבּ איך אייך דעריבּער געבּעטן צוּ זען, אוּן מיט אייך
צוּ רעדן; וואָרים פוּנוועגן דער האָפענוּנג פון יִשׂרָאל בּין איך געבּוּנדן
מיט דער דאָזיקער קייט. 21 אוּן זיי האָבּן צוּ אים געזאָגט: מיר האָבּן
ניט בּאַקוּמען פון יהוּדה קיין בּריוו פוּנוועגן דיר, אויך איז קיינער ניט
פון די בּרידער געקוּמען אַהער אוּן האָט דערציילט, אָדער געזאָגט
עפּעס שלעכטס פוּנוועגן דיר. 22 מיר ווילן אָבּער הערן פון דיר, וואָס
דוּ דענקסט; וואָרים בּנוֹגֵע דער דאָזיקער כִּיתּה, איז עס אוּנדז בּאַקאַנט,
אַז אוּמעטוּם ווערט גערעדט קעגן איר.
23 אוּן נאָכדעם ווי זיי האָבּן אים בּאַשטימט אַ טאָג, זענען זיי געקוּמען
צוּ אים אין זיין אַכסַניא אין אַ גרויסער צאָל; אוּן ער האָט פאַר זיי
דערקלערט דעם עִנין פון אין דער פרי בּיז נאַכט, אוּן האָט עֵדוּת
געזאָגט וועגן דעם מַלכוּת־אֱלֹהִים, אוּן זיי איבּערצייגט בּנוֹגֵע יֵשוּעַן,
סיי פון תּוֹרַת־מֹשה אוּן סיי פון די נבִיאים. 24 אוּן טייל האָבּן געגלויבּט
די רייד, וואָס זענען גערעדט געוואָרן, אוּן די אַנדערע האָבּן ניט
געגלויבּט. 25 אוּן אַזוֹיווי זיי זענען צווישן זיך ניט אייניק געווען, זענען
זיי אַוועקגעגאַנגען, נאָכדעם ווי פּאָלוּס האָט נאָך געזאָגט איין וואָרט:
גוּט האָט דער רוּחַ־הַקוֹדֶש גערעדט דוּרך ישַעְיָה הַנָבִיא צוּ אייערע
אָבות:
26 גיי צוּ דעם דאָזיקן פאָלק אוּן זאָג:
הערן וועט איר הערן, אָבּער ניט פאַרשטיין,
אוּן זען וועט איר זען, אָבּער ניט בּאַנעמען.
27 וואָרים דאָס האַרץ פון דעם דאָזיקן פאָלק איז געוואָרן פעט,
אוּן זייערע אויערן זענען שווער פון צוּ הערן,
אוּן זייערע אויגן האָבּן זיי פאַרמאַכט,
טאָמער וועלן זיי זען מיט זייערע אויגן,
אוּן פאַרשטיין מיט זייער האָרץ, אוּן הערן מיט זייערע אויערן,
אוּן תְשוּבה־טוּן, אוּן איך וועל זיי היילן.[1]

[1] ישעיה ו, 9, 10.

28 בכֵן, זייט וויסן, אַז די דאָזיקע ישועה פון גאָט ווערט געשיקט צו די
אומות־הָעולם; און זיי וועלן הערן. 29 און נאָכדעם ווי ער האָט דאָס
געזאָגט, זענען זיך די ייִדן פונאַנדערגעגאַנגען, און האָבן זיך אַ סך
מִתווַכֵּחַ געווען צווישן זיך.

30 און ער איז פארבליבן צוויי גאַנצע יאָר אין זיין אייגענער
געדונגענער דִירה, און האָט אויפגענומען אַלע, וואָס זענען
אַרייַנגעגאַנגען צו אים, 31 און האָט אָנגעזאָגט דאָס מַלכות פון גאָט,
און געלערנט בנוֹגֵע דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ מיט דער גאַנצער
מוטיקייט, און קיינער האָט אים ניט פאַרווערט.

דער בּריוו צוּ די רוימער

א פּאָולוס, אַ קנעכט פוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, בּאַרוּפן צוּ זיין אַ שלִיח,
אויסגעשיידט פאַר דער בשׂוּרה טובה פוּן גאָט. 2 וואָס ער האָט מַבטִיחַ
געווען פוּן פריער דוּרך זיינע נבִיאים אין די כּתבֵי־הַקוֹדֶש, 3 פוּנוועגן
זיין זוּן, וואָס איז געבּוירן געוואָרן פוּן דעם זאָמען פוּן דָוִדן, לויט דעם
פליש, 4 אוּן וואָס איז בּאַוויזן צוּ זיין דער בֶּן־אֱלֹהִים מיט שטאַרקייט,
לויט דעם גייסט פוּן קדוּשה, דוּרך זיין אויפשטיין תּחִיַת־הַמֵתים; פוּן
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אוּנדזער האַר, 5 דוּרך וועמען מיר האָבּן מקַבּל געווען
חֶסֶד אוּן שלִיחוּת, אויפצוּשטעלן געהאָרכזאַמקייט פוּן אֱמוּנה צווישן
אַלע אוּמות, פוּן זיין נאָמענסוועגן, 6 צווישן וועמען אויך איר זענט
בּאַרוּפן צוּ זיין יֵשוּעַ הַמָשִיחַס: 7 צוּ אַלע, וואָס זענען אין רוים,
געליבּטע פוּן גאָט, בּאַרוּפן צוּ זיין הייליקע; חֶסֶד צוּ אייך אוּן שָלום
פוּן גאָט, אוּנדזער פאָטער, אוּן דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
8 קודם כּל דאַנק איך מיין גאָט דוּרך יֵשוּעַ הַמָשִיחַ פאַר אייך אַלע,
מַחמת מע רעדט פוּנוועגן אייער אֱמוּנה אין דער גאַנצער וועלט.
9 וואָרים גאָט איז מיין עֵדוּת, וועמען איך דין אין מיין גייסט דוּרך דער
בשׂוּרה טובה פוּן זיין זוּן, אַז איך דערמאָן אייך כּסֵדר, אוּן תָּמיד אין
מיינע תּפִילות 10 טוּ איך בּעטן, אֶפשר וועט מיר סוֹף־כָּל־סוֹף בּאַשערט
זיין צוּ קוּמען צוּ אייך דוּרך דעם רָצון פוּן גאָט. 11 וואָרים איך בּאַגער
אייך צוּ זען, כּדי איך זאָל אייך קענען צוּטיילן עפּעס אַ גייסטיקע
מַתָּנה, כּדי אייך צוּ שטאַרקן, 12 דאָס הייסט, אַז איך זאָל מיט אייך
אינאיינעם געטרייסט ווערן, יעדער איינער פוּן אוּנדז דוּרך דעם
אַנדערנס אֱמוּנה, אייערע אוּן מיינע. 13 אוּן איך וויל אַז איר זאָלט
וויסן, בּרידער, אַז אַ סַך מאָל האָבּ איך בּדֵעה געהאַט צוּ קוּמען צוּ
אייך (אוּן בּין לעֵת־עַתּה געשטערט געוואָרן), בּכדֵי איך זאָל אויך
צווישן אייך האָבּן וואָסערע פּרוּכט, אַזוי ווי צווישן די איבּעריקע
אוּמות. 14 איך בּין אַ בַּעל־חוֹב צוּ די גריכן אוּן צוּ די איבּעריקע נָכרים,
צוּ די

חֲכָמים און צו די נאַראָנים; 15 אַזוי, אַז אויף וויפֿל ס׳איז געווענדט אין מיר,
בין איך גרייט צו פֿראָקלאַמירן די בשׂורה טובה אויך צו אייך, וואָס געפֿינט
זיך אין רוים.
16 וואָרים איך שעם מיך ניט מיט דער בשׂורה טובה; מַחמת זי איז די גבורה
פֿון גאָט פֿאַר אַ דערלייזונג פֿון יעדן איינעם, וואָס גלויבט: קודם־כּל פֿאַר
דעם ייִד, און אויך פֿאַר דעם גוי. 17 וואָרים אין איר ווערט אַנטפּלעקט צדקות
פֿון גאָט פֿון אֶמונה צו אֶמונה, ווי סע שטייט געשריבן: דער צַדיק וועט לעבן
דורך זיין אֶמונה.[1]
18 וואָרים דער גרימצאָרן פֿון גאָט ווערט אַנטפּלעקט פֿון הימל אַנטקעגן דער
גאַנצער רִשעות און אומגערעכטיקייט פֿון מענטשן, וואָס שטערן דעם אֶמת
מיט זייער אומגערעכטיקייט. 19 מַחמת דאָס, וואָס מע קען וויסן וועגן גאָט,
איז אַנטפּלעקט אין זיי, וואָרים גאָט האָט עס אַנטפּלעקט צו זיי. 20 וואָרים די
פֿאַרהוילענע זאַכן פֿון אים, ווערן קלאָר געזען, זינט דער באַשאַפֿונג פֿון דער
וועלט ווייל זיי ווערן באַנומען דורך די זאַכן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן,
דהַיינו, זיין אייביקע שטאַרקייט און געטלעכקייט, כּדי זיי זאָלן זיין אָן אַ
פֿאַרענטפֿערונג; 21 מַחמת דעם, הַגם זיי האָבן געקענט גאָט, האָבן זיי אים
ניט געאַכפּערט ווי גאָט אָדער אים געדאַנקט, נייערט זענען געוואָרן נאַריש
אין זייערע מַחשָבות, און זייער אומפֿאַרשטענדיק האַרץ איז פֿאַרפֿינצטערט
געוואָרן. 22 בעת זיי האָבן זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר חֲכָמים, זענען זיי געוואָרן
נאַראָנים, 23 און האָבן פֿאַרבּיטן דעם כָּבוד פֿון דעם אומשטאַרבלעכן גאָט
אויף דער געשטאַלט פֿון אַן אָפּבילד פֿון אַ שטאַרבלעכן מענטשן, און פֿון
פֿייגל, און פֿירפֿיסיקע חַיות, און רעפּטיליעס.
24 דעריבער האָט זיי גאָט איבערגעגעבן אין די תּאוות פֿון זייערע
הערצער צו טומאה, צו פֿאַראומווערדיקן זייערע לײַבער צווישן זיך אַליין,
25 מַחמת זיי האָבן פֿאַרבּיטן דעם אֶמת פֿון גאָט אויף אַ ליגן, און האָבן
געאַכפּערט און געדינט ליבערשט דעם באַשאַף, איידער דעם באַשעפֿער,
וואָס איז געלויבט אויף אייביק. אָמֵן.
26 דעריבער האָט זיי גאָט איבערגעגעבן צו אומווערדיקע תּאוות;
וואָרים זייערע ווייבער האָבן פֿאַרבּיטן דעם נאַטירלעכן באַדאַרף אויף דעם,
וואָס איז קעגן דער טֶבע. 27 און אַזוי אויך האָבן די מענער פֿאַרלאָזט דעם
נאַטירלעכן באַדאַרף פֿון דעם ווייב, און האָבן געעבּרענט אין זייערע תּאוות
איינער צום אַנדערן; זכָרים מיט זכָרים האָבן געטאָן אומווערדיקייט, און
האָבן אין זיך אַליין באַקומען דעם פֿולן שׂכַר פֿון זייער טָעות.
28 און אַזוי ווי זיי האָבן פֿאַראַכט גאָט אין זייער דערקענטעניש, האָט זיי גאָט
איבערגעגעבן דעם פֿאַרדאָרבענעם פֿאַרשטאַנד, צו טאָן דאָס, וואָס מע
טאָר ניט. 29 וואָרים זיי זענען פֿול מיט יעדער אומגערעכטיקייט, רִשעות,
גײַציקייט, בײַזוויליקייט, פֿול מיט קִנאה,

[1] חבקוק ב, 4.

רציחה, קריג, שֶׁקר, רַמָאות, פּליאָטקעס, 30 רכילות־טרייַבער, שׂונאים
פֿון גאָט, הוצפּהדיק, גאווהדיק, באַרימעריש, פֿאַרטראַכטער פֿון
רשעותדיקייטן, ווידערשפּעניק קעגן עלטערן, 31 אָן פֿאַרשטענדעניש,
בונד־ברעכער, ליבלאָזע, אומרחמנותדיקע; 32 וואָס הַגַם זיי ווייסן דעם
מִשפּט פֿון גאָט, אַז די, וואָס טוען אַזעלכע זאַכן, זענען חַייב־מִיתה,
טוען ניט נאָר דאָס זעלבע, נייערט זענען אויך מַסכּים מיט די, וואָס
טוען דאָס.

ב דעריבער ביסטו אָן אַ פֿאַרענטפֿערונג, אָ מענטש, ווער דו זאָלסט
ניט זיין, וואָס טוסט מִשפּטן; וואָרים מיט דעם, וואָס דו מִשפּטסט אַן
אַנדערן, פֿאַרמִשפּטסטו דיך אַליין, וואָרים דו, וואָס מִשפּטסט, טוסט
די זעלבע זאַכן. 2 און מיר ווייסן, אַז דער מִשפּט פֿון גאָט טוט באמת
קומען איבער די, וואָס טוען אַזעלכע זאַכן. 3 און מיינסטו טאַקע, אָ
מענטש, וואָס טוסט מִשפּטן די, וואָס טוען אַזעלכע זאַכן, און טוסט
דאָס זעלבע, אַז דו וועסט אַנטרינען דעם מִשפּט פֿון גאָט? 4 אָדער
טוסטו מבַזה זיין די עַשירות פֿון זיין גוטסקייט, און סַבלָנות, און
צוריקגעהאַלטנקייט, און ווייסט ניט, אַז די גוטסקייט פֿון גאָט פֿירט
דיך צו תּשובה? 5 אָבער מיט דיין האַרטנעקיק און פֿאַרעקשנט האַרץ
זאַמלסטו אָן פֿאַר דיר גרימצאָרן אויף דעם טאָג פֿון גרימצאָרן, און די
אַנטפּלעקונג פֿון דעם גערעכטן מִשפּט פֿון גאָט, 6 וואָס וועט
פֿאַרגעלטן יעדן איינעם לויט זיינע מַעשׂים: 7 פֿאַר די, וואָס דורך
געדולד און מַעשׂים־טובים וואַרטן אויף הערלעכקייט, און כָּבוד, און
אומשטאַרבלעכקייט, אייביק לעבן; 8 פֿאַר די אָבער, וואָס זענען
ווידערשפּעניק און געהאָרכן ניט דעם אֶמת, נייערט געהאָרכן
אומגערעכטיקייט, וועט זיין צאָרן און גרימצאָרן, 9 יסורים און
באַדרענגעניש אויף יעדער מענטשליעכער נשמה, וואָס טוט שלעכטס,
קודם־כָּל אויף דעם ייִד, און אויך אויף דעם גוי; 10 אָבער הערלעכקייט
און כָּבוד און שָלום פֿאַר יעדן איינעם, וואָס טוט גוטס, קודם־כָּל
פֿאַר דעם ייִד, און אויך פֿאַר דעם גוי; 11 וואָרים גאָט איז ניט קיין
נושׂא־פָּנים.

12 וואָרים אַלע, וואָס האָבן געזינדיקט אָן דער תּורה, וועלן אויך
פֿאַרלוירן ווערן אָן דער תּורה, און אַלע, וואָס האָבן געזינדיקט מיט
דער תּורה, וועלן געמִשפּט ווערן דורך דער תּורה. 13 וואָרים ניט די,
וואָס הערן די תּורה, זענען גערעכט פֿאַר גאָט, נייערט די, וואָס זענען
מקַיים די תּורה, וועלן זיין גערעכטפֿאַרטיקט. 14 בעת די אומות־העולם,
וואָס האָבן ניט קיין תּורה, טוען בטֶבע וואָס די תּורה הייסט, זענען זיי,
הַגַם זיי האָבן ניט קיין תּורה,

אַ תּוֹרה פֿאַר זיך אַליין, 15 מיט דעם, וואָס זיי ווייזן די טואונג פֿון דער
תּוֹרה פֿאַרשריבן אין זייערע הערצער, און זייער געוויסן איז
אויסערדעם מֵעיד, און זייערע מַחשָׁבות זענען איינס מיטן אַנדערן
זיי מחַייב, אָדער אויך מזַכּה, 16 אין דעם טאָג, ווען גאָט וועט מִשפּטן
די פֿאַרהוילעניש פֿון די מענטשן, לויט מיין בשׂוֹרה טוֹבה, דורך
יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ.
17 אויב אָבער דו טראָגסט דעם נאָמען פֿון אַ ייִד, און ביסט דיך סוֹמך
אויף דער תּוֹרה, און רימסט דיך אין גאָט, 18 און פֿאַרשטייסט זיין
רָצון, און ווייסט דעם חִילוק צווישן גוטס און שלעכטס, מַחמת דו
ביסט געלערנט אין דער תּוֹרה, 19 און ביסט בטוּחַ, אַז דו אַליין ביסט אַ
פֿירער פֿון די בלינדע, אַ ליכט פֿון די, וואָס זענען אין דער
פֿינצטערניש, 20 אַן אויסבעסערער פֿון די נאַראָנים, אַ לערער פֿון
קליינע קינדער, וואָס האָסט די פֿאָרם פֿון וויסן און פֿון דעם אֶמת אין
דער תּוֹרה; 21 בכֵן, דו, וואָס לערנסט אַן אַנדערן, לערנסט ניט דיך
אַליין? דו, וואָס דַרשנסט, זאָלסט ניט גַנבענען, און אַליין גַנבעסטו?
22 דו, וואָס זאָגסט, זאָלסט ניט מזַנה זיין, און אַליין ביסטו מזַנה? דו,
וואָס דיך עקלען אָפּגעטער, און באַרויבסט טעמפּלען? 23 דו, וואָס
רימסט דיך מיט דער תּוֹרה, ביסטו מחַלֵל־שֵם, דורך דעם עוֹבר זיין די
תּוֹרה? 24 וואָרים דער נאָמען פֿון גאָט ווערט איבער אייך געלעסטערט
צווישן די גויים,[1] אַזוי ווי סע שטייט געשריבן.
25 וואָרים מִילה ברענגט נוצן, אויב דו ביסט מקַיים די תּוֹרה; אויב
אָבער דו ביסט עוֹבר אויף דער תּוֹרה, איז דיין מִילה געוואָרן עָרלה.
26 בכֵן, אויב דער ניט־געמַלטער טוט היטן די מִצוות פֿון דער תּוֹרה, צי
וועט ניט זיין עָרלה פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר מִילה? 27 יאָ, דער וואָס איז
בטֶבע ניט־געמַלט, נאָר וואָס איז מקַיים די תּוֹרה, וועט מִשפּטן דיך,
וואָס מיט דעם אוֹת און מִילה ביסטו עוֹבר אויף דער תּוֹרה. 28 וואָרים
ניט דער איז אַ ייִד, וואָס איז עס לפָנים, און ניט דאָס איז מִילה, וואָס
איז דרויסן פֿון דעם פֿלייש, 29 נייערט דער איז אַ ייִד, וואָס איז עס
אינעווייניק, און מִילה איז דאָס פֿון דעם האַרץ, אין דעם גייסט, און
ניט אין דעם אוֹת. זיין לויב איז ניט פֿון מענטשן, נייערט פֿון גאָט.
ג אויב אַזוי, וואָסער מַעלה האָט דער ייִד, אָדער וואָס איז דער נוצן
פֿון מִילה? 2 אַ סך, אויף יעדן אופֿן. קודם־כָּל, וואָס זיי זענען
אָנפֿאַרטרויט געוואָרן מיט די נבוּאות פֿון גאָט. 3 וואָרים וואָס איז,
אויב אַ טייל פֿון זיי זענען ניט

[1] ישעיה נב, 5.

געווען געטריי? צי זאָל זייער אומגעטרייַשאַפט מבַטל זיין די
געטרייַשאַפט פון גאָט? 4 חָלִילה! גיכער זאָל גאָט זיין וואָרהאַפטיק,
און יעדער מענטש אַ ליגנער, ווי סע שטייט געשריבן:

כדי דו זאָלסט זיין גערעכטפאַרטיקט אין דיינע רייד,
און זאָלסט בייַשטיין, בעת דו וועסט געמִשפּט ווערן.[1]

5 אויב אָבער אונדזער אומגערעכטיקייט ברענגט אַרויס גאָטס
גערעכטיקייט, וואָס זאָלן מיר זאָגן? איז גאָט אומגערעכט, וואָס ער
מִשפּט מיט גרימצאָרן? (איך רעד לויט דעם שטייגער פון מענטשן.)
6 חָלִילה! וואָרים אויב אַזוי, ווי זאָל גאָט מִשפּטן די וועלט? 7 אויב
אָבער די וואָרהאַפטיקייט פון גאָט האָט זיך דורך מיין ליגן פאַרמערט
פאַר זיין כָּבוד, פאַרוואָס ווער איך נאָך אַלץ געמִשפּט ווי אַ זינדיקער?
8 און פאַרוואָס ניט טאָן שלעכטס, בִּכדֵי עס זאָל קומען גוטס? – ווי
מיר ווערן פאַרלוימדעריש באַרעדט, און ווי אַ טייל באַהויפּטן, אַז מיר
זאָגן. זייער פּסַק איז גערעכט.
9 וואָס איז דער סיום? צי זענען מיר בעסער ווי זיי? ניין, בשום אופן
ניט; וואָרים מיר האָבן שוין פריער באַשולדיקט סיי ייִדן און סיי גויים,
אַז זיי זענען אַלע אונטער דער זינד, 10 ווי סע שטייט געשריבן:

ניטאָ קיין גערעכטער, אַפילו ניט איינער;
11 ניטאָ קיין פאַרשטענדיקער,
ניטאָ איינער וואָס זוכט גאָט;
12 איטלעכער האָט אָפּגעקערט, אַלע זענען זיי פאַרדאָרבן?
ניטאָ קיינער, וואָס טוט גוטס, ניט אַפילו איינער.[2]
13 אַן אָפענער קֶבר איז זייער קעל,
זייער צונג מאַכן זיי גלאַט[3]
דער סַם פון אַן אָטערשלאַנג איז אונטער זייערע ליפּן,
14 זייער מויל איז פול מיט קלָלה און ביטערניש[4]
15 זייערע פיס זענען פלינק צו פאַרגיסן בלוט;
16 פאַרוויסטונג און בראָך זענען אין זייערע שליאַכן,
17 און דעם וועג פון שָלום ווייסן זיי ניט.[5]
18 ניטאָ גאָטס מורא פאַר זייערע אויגן.[6]

[1] תהלים נא, 6. [2] תהלים יד, 1-3. [3] תהלים ה, 10.
[4] תהלים י, 7. [5] ישעיה נט, 7, 8. [6] תהלים לו, 2.

19 און מיר ווייסן, אַז וואָס נאָר די תּורה זאָגט, טוט זי רעדן צו די,
וואָס זענען מקבל געווען די תּורה, כּדי איטלעכס מויל זאָל ווערן
פֿאַרשטומט, און די גאַנצע וועלט זאָל זײַן חײַב פֿאַר גאָט. 20 מַחמת
דורך די מַעשׂים פֿון דער תּורה וועט קיין שום בשׂר־וָדָם ניט
גערעכטפֿאַרטיקט ווערן פֿאַר אים; וואָרים דורך דער תּורה קומט דאָס
וויסן פֿון דער זינד.
21 אַצינד אָבער איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַ צדקות פֿון גאָט אָן דער
תּורה, וואָס אויך איר ווערט עֵדות געזאָגט דורך דער תּורה און די
נבֿיאים, 22 דהײַנו: די צדקות פֿון גאָט דורך אֶמונה אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
פֿאַר אַלע, וואָס גלויבן. וואָרים עס איז ניטאָ קיין חילוק; 23 מַחמת
אַלע האָבן געזינדיקט, און זענען געמאַנגלעט דעם כּבוד פֿון גאָט,
24 אָבער זיי ווערן אומזיסט גערעכטפֿאַרטיקט פֿון זײַן חֶסד דורך דער
אויסלייזונג פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 25 וועמען גאָט האָט אַרויסגעשטעלט צו
זײַן אַ פֿאַרגעבונג דורך אֶמונה אין זײַן בלוט, צו ווײַזן זײַן צדקות,
דורך סליחת־עוֹנוֹת פֿאַר די פֿריער באַגאַנגענע זינד, צוליב דער
לײַטזעליקייט פֿון גאָט, 26 צו ווײַזן זײַן צדקות אין דער איצטיקער
צײַט; כּדי ער אַליין זאָל זײַן גערעכט און דער רעכטפֿאַרטיקער פֿון
דעם, וואָס האָט אֶמונה אין יֵשוּעַ.
27 בכֵן, וואו איז דאָס רימען? עס איז אויסגעשלאָסן. דורך וואָסער מין
חוק? פֿון מַעשׂים? ניין, נייערט דורך דעם חוק פֿון אֶמונה. 28 מיר
רעכענען דעריבער, אַז אַ מענטש ווערט גערעכטפֿאַרטיקט דורך
אֶמונה, אָן די מַעשׂים פֿון דער תּורה. 29 אָדער איז גאָט דער גאָט נאָר
פֿון די ייִדן? איז ער ניט דער גאָט אויך פֿון די גויים? יאָ, אויך פֿון די
גויים, 30 זינט גאָט איז איינער, און ער וועט רעכטפֿאַרטיקן די געמַלטע
פֿון אֶמונה, און די ניט־געמַלטע דורך אֶמונה. 31 צי טוען מיר דען
מבַטל זײַן דורך אֶמונה די תּורה? חָלִילָה; נייערט מיר זענען מקַיים
די תּורה.
ד וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן, אַז אַבֿרָהם אָבֿינו האָט דערגרייכט לויט
דעם פֿלייש? 2 וואָרים אויב אַבֿרָהם איז גערעכטפֿאַרטיקט געוואָרן
דורך מַעשׂים טובֿים, האָט ער געהאַט מיט וואָס זיך צו רימען, אָבער
ניט פֿאַר גאָט. 3 וואָרים וואָס זאָגט דער פָּסוק? און אַבֿרָהם האָט
געגלויבט גאָט, און עס איז אים אַ דין־וחשבון געוואָרן פֿאַר
גערעכטיקייט.[1] 4 אָבער פֿאַר דעם, וואָס טוט זיך מִיען, ווערט דער
שׂכר ניט פֿאַררעכנט ווי אַ חֶסד, נייערט ווי אַ חוֹב. 5 און דער, וואָס
טוט זיך ניט מִיען, נייערט גלויבט אין אים, וואָס רעכטפֿאַרטיקט דעם
רָשע, ווערט זײַן אֶמונה

[1] בראשית טו, 6.

פאַררעכנט פאַר גערעכטיקייט. 6 אַזוי לויבט אויך דָוִד דעם מענטשן,
וועמען גאָט טוט צורעכענען גערעכטיקייט אָן מַעֲשׂים טובים:

7 וואויל איז די, וועמעס פאַרברעכנס זענען פאַרגעבן,
און וועמעס חַטָאים זענען פאַרדעקט.
8 וואויל איז דעם מענטשן, וועמען גאָט רעכנט ניט אָן קיין זינד.[1]

9 צי באַציט זיך די דאָזיקע בְּרָכה אויף דעם געמַלטן, אָדער אויך אויף דעם
ניט־געמַלטן? וואָרים מיר זאָגן: אַבְרָהמען איז זיין אֱמונה פאַררעכנט
געוואָרן פאַר אַ גערעכטיקייט. 10 וויאַזוי זשע איז עס אים גערעכנט
געוואָרן? איז עס געווען איידער, אָדער נאָכדעם ווי ער איז געמַלט
געוואָרן? עס איז ניט געווען נאָכדעם, נייערט איידער ער איז געמַלט
געוואָרן. 11 און ער האָט מקַבל געווען דעם צייכן פון מִילה, אַ חותם פון
דער צִדקות, וואָס ער האָט געהאַט פון דער אֱמונה, בעת ער איז געווען אין
עָרלה, בִּכדֵי ער זאָל זיין דער פאָטער פון אַלע, וואָס גלויבן, חַגַם זיי
בלייבן אין עָרלה, כּדי עס זאָל זיי צוגערעכנט ווערן צִדקות, 12 און דער
פאָטער פון געמַלטע פאַר די, וואָס זענען ניט נאָר געמַלט, נייערט וואָס
גייען אויך אין די טריט פון דער אֱמונה פון אַבְרָהם אָבִינו, וואָס ער האָט
געהאַט בעת ער איז נאָך ניט געווען געמַלט.

13 וואָרים ניט דורך דער תּורה איז געקומען די הַבטָחה צו אַבְרָהמען,
אָדער צו זיין זאָמען, אַז ער זאָל זיין יורֵש פון דער וועלט, נייערט דורך
צִדקות פון אֱמונה. 14 וואָרים אויב די, וואָס זענען פון דער תּורה, זענען
יורשים, ווערט די אֱמונה נישטיק, און די הַבטָחה בָּטל. 15 וואָרים די תּורה
ברענגט גרימצאָרן; אָבער וואו עס איז ניטאָ קיין תּורה, דאָרט איז אויך
ניטאָ קיין עֲבֵירה.

16 דעריבער איז עס אויך פון אֱמונה, כּדי עס זאָל זיין דורך חֶסֶד, אַזוי, אַז
די הַבטָחה זאָל באַשטיין פאַר דעם גאַנצן זאָמען; ניט נאָר פאַר יענעם,
וואָס איז פון דער תּורה, נייערט אויך פאַר יענעם, וואָס איז פון דער אֱמונה
פון אַבְרָהמען. ער איז דער פאָטער פון אונדז אַלע, 17 ווי עס שטייט
געשריבן: פאַר אַ פאָטער פון אַ סך פעלקער האָב איך דיך געמאַכט[2] –
פאַר גאָט, וועמען ער האָט געגלויבט, און וואָס איז מחַיֵה־מֵתים, און
רופט דאָס, וואָס איז נאָך ניטאָ, גלייך ווי עס וואָלט שוין געווען. 18 וואָס
הַגַם ער האָט ניט געהאַט קיין האָפענונג, האָט ער געגלויבט אין
האָפענונג, אַז ער וועט ווערן אַ פאָטער פון אַ סך פעלקער, לויט ווי עס איז
צו אים געזאָגט געוואָרן: אַזוי זאָל זיין דיין זאָמען.[3] 19 און הַגַם ער איז
ניט געווען אָפּגעשוואַכט אין אֱמונה, האָט ער באַטראַכט זיין אייגן לייַב
שוין אַזוי גוט ווי טויט, ווייל ער איז אַלט געווען אַרום הונדערט יאָר, און
די טויטקייט פון שָׂרָהס מוטערטראַכט; 20 און איז ניט מסופּק געווען אין
דער הַבטָחה פון גאָט דורך אומגלויבן, נייערט האָט זיך

[1] תהלים לב, 1, 2. [2] בראשית יז, 5. [3] בראשית טו, 5.

געשטאַרקט אין אֶמונה, און האָט אָפּגעגעבן כָּבוד צו גאָט, 21 און
איז געווען בטוחַ, אַז וואָס ער האָט מַבטִיחַ געווען, איז ער אויך
בִּיכוֹלֶת צו טאָן. 22 בכֵן, איז דאָס אים אויך פאַררעכנט געוואָרן פאַר
גערעכטיקייט. 23 און ניט פון זיינעטוועגן אַליין איז עס געשריבן
געוואָרן, אַז עס איז אים פאַררעכנט געוואָרן, 24 נייערט אויך פון
אונדזערטוועגן, פאַר וועמען סע וועט פאַררעכנט ווערן, ווייל מיר
גלויבן אין אים, וואָס האָט מחַיֵה־מֵתים געווען יֵשוּעַן, אונדזער האַר,
25 וואָס איז איבערגעענטפערט געוואָרן פאַר אונדזערע פאַרברעכנס,
און איז אויפגעוועקט געוואָרן פאַר אונדזער רעכטפאַרטיקונג.
ה בכֵן, ווייל מיר זענען גערעכטפאַרטיקט דורך אֶמונה, האָבן מיר
שָלום מיט גאָט דורך אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 2 דורך וועמען מיר
האָבן אויך באַקומען אונדזער צוגאַנג פון אֶמונה אין דעם דאָזיקן חֶסֶד,
אין וועלכן מיר שטייען, און מיר פרייען זיך אין דער האָפענונג פון דער
הערלעכקייט פון גאָט. 3 און ניט נאָר דאָס, נייערט מיר פרייען זיך אויך
אין אונדזערע צָרות, ווייל מיר ווייסן, אַז די צָרה ברענגט געדולד,
4 און געדולד, דערפאַרונג, און דערפאַרונג, האָפענונג, 5 און האָפענונג
ברענגט ניט צו שאַנד, מַחמת די ליבשאַפט פון גאָט איז אויסגעגאָסן
געוואָרן אין אונדזערע הערצער דורך דעם רוחַ־הַקוֹדֶש, וואָס איז אונדז
געגעבן געוואָרן.
6 וואָרים בעת מיר זענען נאָך געווען שוואַך, איז מָשִיחַ אין דער
געהעריקער צייט געשטאָרבן פאַר די רשָעים. 7 וואָרים עמיצער וועט
קוים שטאַרבן פאַר אַ צַדיק; פאַר דעם גוטן וואָלט זיך דאָך אֶפשר
עמיצער אונטערגענומען צו שטאַרבן. 8 גאָט האָט אָבער באַוויזן זיין
ליבשאַפט צו אונדז מיט דעם, וואָס בעת מיר זענען נאָך געווען
זינדיקע, איז מָשִיחַ פאַר אונדז געשטאָרבן. 9 אַ פּשִיטא שוין וועלן מיר
איצט, בעת מיר זענען גערעכטפאַרטיקט געוואָרן דורך זיין בלוט, נִיצול
ווערן דורך אים פון דעם צאָרן פון גאָט. 10 וואָרים אויב מיר, בעת מיר
זענען געווען שׂוֹנאים, זענען באַוויליקט געוואָרן פאַר גאָט דורך דעם
טויט פון זיין זון, אַ פּשִיטא שוין, בעת מיר זענען שוין באַוויליקט
געוואָרן, וועלן מיר נִיצול ווערן דורך זיין לעבן; 11 און ניט נאָר דאָס,
נייערט מיר פרייען זיך אויך אין גאָט דורך אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
דורך וועמען מיר האָבן איצט מקַבל געווען די באַוויליקונג.
12 בכֵן, אַזוֹיווי דורך איין מענטשן איז די זינד געקומען אין דער וועלט
אַריין, און טויט דורך זינד, אַזוי איז דער טויט אַריבער צו אַלע
מענטשן, ווייל אַלע האָבן געזינדיקט. 13 וואָרים פאַר מַתַן־תּוֹרה איז
זינד שוין געווען אויף דער וועלט, אָבער זינד ווערט ניט צוגערעכנט,
בעת עס איז ניטאָ קיין

תּוֹרה. 14 דאָך האָט דער טויט געהערשט פֿון אָדָמען ביז מֹשהן אַפּילו
איבער די, וואָס האָבן ניט געזינדיקט אויף דעם אופֿן פֿון אָדָם, וואָס
איז ענלעך צו אים, וואָס האָט געזאָלט קומען.
15 אָבער ניט אַזוי איז עס מיט דער מַתָּנה, ווי מיט דער עֲבֵירה. וואָרים
אויב דורך דער עֲבֵירה פֿון דעם איינעם זענען אַ סך געשטאָרבן, אַ סך
מער האָט דער חֶסֶד פֿון גאָט, און די מַתָּנה דורך דעם חֶסֶד פֿון דעם
איינעם מענטשן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ זיך פֿאַרמערט איבער דעם רַבים! 16 און
ניט ווי דורך איינעם, וואָס האָט געזינדיקט, איז די מַתָּנה; וואָרים דער
מִשפּט איז געקומען צו דער פֿאַראורטיילונג פֿון איינעם, אָבער די
מַתָּנה איז געקומען פֿון אַ סך עֲבֵירות צו רעכטפֿאַרטיקונג. 17 וואָרים
אויב דורך דער עֲבֵירה פֿון דעם איינעם האָט דער טויט געהערשט דורך
דעם איינעם, אַ סך מער וועלן די, וואָס זענען מְקַבּל די שֶפע פֿון חֶסֶד,
און פֿון דער מַתָּנה פֿון רעכטפֿאַרטיקייט, הערשן אין לעבן דורך דעם
איינעם מענטשן, יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
18 בְּכֵן, אַזוי ווי דורך איין עֲבֵירה איז דער מִשפּט געקומען איבער אַלע
מענטשן, פּונקט אַזוי איז די רעכטפֿאַרטיקייט איבערגעגאַנגען פֿון
דעם איינעם צו דער רעכטפֿאַרטיקונג און לעבן פֿון אַלע מענטשן.
19 וואָרים אַזוי ווי דורך דער ווידערשפּעניקייט פֿון דעם איינעם
מענטשן איז דער רַבים געמאַכט געוואָרן זינדיק, פּונקט אַזוי וועט דער
רַבים דורך געהאָרכזאַמקייט פֿון דעם איינעם ווערן גערעכט. 20 און די
תּוֹרה איז דערביי אַרייַנגעקומען, כּדי דאָס פֿאַרברעכן זאָל זיך
פֿאַרמערן; אָבער וואו די זינד האָט זיך געמערט, האָט זיך דער חֶסֶד
נאָך מער פֿאַרמערט, 21 כּדי אַזוי ווי די זינד האָט געהערשט אין טויט,
פּונקט אַזוי זאָל דער חֶסֶד הערשן דורך גערעכטיקייט צום אייביקן
לעבן דורך יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אונדזער האַר.
ו בְּכֵן, וואָס זאָלן מיר זאָגן? זאָלן מיר פֿאַרבלייַבן אין דער זינד, כּדי
דער חֶסֶד זאָל זיך פֿאַרמערן? 2 חָלִילה! מיר, וואָס זענען אָפּגעשטאָרבן
פֿאַר דער זינד, וויאַזוי קענען מיר נאָך אין איר לעבן? 3 אָדער ווייסט
איר ניט, אַז מיר אַלע, וואָס זענען געטוֹבלט געוואָרן אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
זענען געטוֹבלט געוואָרן אין זיין טויט? 4 מיר זענען דעריבער באַגראָבן
געוואָרן מיט אים דורך דער טבִילה אין דעם טויט, בִּכדֵי, פּונקט ווי
מָשִיחַ איז אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿון די טויטע דורך דעם כָּבוד פֿון
דעם פֿאָטער, אַזוי זאָלן מיר אויך גיין אין דעם נייַען לעבן.
5 וואָרים אויב מיר זענען באַהעפֿט געוואָרן מיט אים אין דער
ענלעכקייט פֿון זיין טויט, וועלן מיר אויך זיין באַהעפֿט אין דער
ענלעכקייט פֿון זיין תּחִיַת-הַמֵתים. 6 וואָרים מיר ווייסן, אַז אונדזער
אַלטער מענטש

איז מיט אים געקרייציקט געוואָרן, כּדי סע זאָל אָפּגעטאָן ווערן דער
גוף פֿון זינד, און מיר זאָלן מער ניט זיין אין קנעכטשאַפֿט צו דער
זינד. 7 וואָרים דער, וואָס איז געשטאָרבן, איז גערעכטפֿאַרטיקט פֿון
דער זינד. 8 אויב אָבער מיר זענען געשטאָרבן מיט מָשִׁיחַן, גלויבן מיר,
אַז מיר וועלן אויך לעבן מיט אים. 9 וואָרים מיר וויסן, אַז נאָכדעם ווי
מָשִׁיחַ איז אויפֿגעשטאַנען תְּחִיַת־הַמֵתִים, טוט ער מער ניט שטאַרבן;
טויט האָט מער ניט קיין שְׁלִיטה איבער אים. 10 וואָרים דעם טויט,
וואָס ער איז געשטאָרבן, איז ער פֿאַר דער זינד געשטאָרבן איין מאָל;
אָבער דאָס לעבן, וואָס ער לעבט, לעבט ער פֿאַר גאָט. 11 פּונקט אַזוי
זאָלט איר זיך אויך רעכענען צו זיין טויט פֿאַר דער זינד, אָבער
לעבעדיק פֿאַר גאָט אין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ.

12 זאָל דעריבער די זינד ניט הערשן אין אייער שטאַרבלעכן לייַב, כּדי
צו געהאָרכן אירע תַּאוות; 13 גיט אויך ניט אָפּ אייערע אֵברים פֿאַר דער
זינד ווי כֵּלִי־זַיִן פֿון אומגערעכטיקייט, נייערט גיט זיך איבער צו גאָט,
ווי לעבעדיק געוואָרענע פֿון די טויטע, און אייערע אֵברים ווי כֵּלִי־זַיִן
פֿון גערעכטיקייט פֿאַר גאָט. 14 וואָרים די זינד וועט ניט האָבן קיין
שְׁלִיטה איבער אייך, מַחמת איר זענט ניט אונטער דער תּוֹרה, נייערט
אונטער דעם חֶסֶד.

15 וואָס זשע דען? זאָלן מיר זינדיקן, ווייל מיר זענען ניט אונטער דער
תּוֹרה, נייערט אונטער דעם חֶסֶד? חָלִילה! 16 צי ווייסט איר ניט, אַז צו
וועמען איר גיט זיך איבער ווי קנעכט צו געהאָרכזאַמקייט, זענט איר
די קנעכט פֿון אים, וועמען איר טוט געהאָרכן, סיי דער זינד צום טויט,
אָדער געהאָרכזאַמקייט צו גערעכטיקייט? 17 אָבער בָּרוּך השֵם, אַז
אַזוי־ווי איר זענט געווען קנעכט פֿון דער זינד, זענט איר אָבער געוואָרן
געהאָרכזאַם פֿון האַרצן צו יענער פֿאָרם פֿון תּוֹרָה צו וועלכער איר
זענט איבערגעגעבן געוואָרן. 18 און ווייל איר זענט באַפֿרייט
געוואָרן פֿון דער זינד, זענט איר געוואָרן קנעכט פֿון גערעכטיקייט.
19 איך רעד לויט דעם שטייגער פֿון מענטשן, צוליב דער שוואַכקייט
פֿון אייער פֿלייש. וואָרים אַזוי־ווי איר האָט איבערגעגעבן אייערע
אֵברים פֿאַר קנעכט צו דער טומאה און פֿון רִשעות צו רִשעות, פּונקט
אַזוי זאָלט איר איצט איבערגעבן אייערע אֵברים צו גערעכטיקייט
פֿאַר קדושה.

20 וואָרים בעת איר זענט געווען קנעכט פֿון דער זינד, זענט איר געווען
פֿריי פֿון גערעכטיקייט. 21 בּכֵן, וואָסער פֿרוכט האָט איר דעמאָלט
געהאַט פֿון יענע זאַכן, מיט וועלכע איר שעמט זיך איצט? וואָרים דער
סוף פֿון יענע זאַכן איז טויט. 22 אָבער איצט, בעת איר זענט באַפֿרייט
געוואָרן פֿון דער זינד און זענט געוואָרן קנעכט

פון גאָט, האָט איר אייער פּירות פון קדושה, און צום סוף – אייביק
לעבן. 23 וואָרים דער שׂכר פון זינד איז דער טויט; אָבער די מַתָּנה פון
גאָט איז אייביק לעבן אין יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ, אונדזער האַר.
ז אָדער ווייסט איר ניט, ברידער – וואָרים איך רעד צו מענטשן, וואָס
קענען די תּוֹרה – אַז די תּוֹרה האָט שליטה איבער אַ מענטשן, כּל־זמַן
ער לעבט? 2 וואָרים די פאַרהייראַטע פרוי איז געבונדן מן־התורה צו
דעם מאַן, כּל־זמַן ער לעבט; אויב אָבער דער מאַן שטאַרבט, איז זי
פּטור פון דעם דין צו דעם מאַן. 3 דעריבער, אויב זי באַהעפט זיך מיט
אַן אַנדערן מאַן, כּל־זמַן איר מאַן לעבט, וועט זי אָנגערופן ווערן אַ
זונה; אָבער אויב דער מאַן שטאַרבט, איז זי פריי פון דעם דין, אַזוי, אַז
זי איז ניט קיין זונה, הגם זי באַהעפט זיך מיט אַן אַנדערן מאַן.
4 דעריבער, מיינע ברידער, אויך איר זענט געוואָרן טויט פאַר דער תּוֹרה
דורך דעם גוף פון משיחן, כּדי באַהעפט צו ווערן מיט אַן אַנדערן, צו
אים, וואָס איז אויפגעשטאַנען תּחִיַת־הַמֵּתים, בּכדי מיר זאָלן קאָנען
אַרויסברענגען פּירות פאַר גאָט. 5 וואָרים בעת מיר זענען געווען אין
דעם פלייש, האָבן די זינדיקע תּאוות, וואָס זענען געווען דורך דער
תּוֹרה, געווירקט אין אונדזערע אֵברים אַרויסצוברענגען פּירות פאַר דעם
טויט. 6 אָבער איצט זענען מיר פריי פון דער תּוֹרה, ווייל מיר זענען
געשטאָרבן פון דעם, צו וואָס מיר זענען געווען געבונדען, אַזוי, אַז מיר
דינען אין דער נייַקייט פון דעם גייסט, און ניט אין דער אַלטקייט פון
דעם אות.
7 דעריבער, וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן? אַז די תּוֹרה איז זינד? חָלִילה!
דאָך איך וואָלט ניט געקענט קיין זינד, סיידן דורך דער תּוֹרה; וואָרים
איך וואָלט ניט געוואוסט פון קיין גלוסטיקייט, ווען די תּוֹרה וואָלט ניט
געזאָגט: דו זאָלסט ניט גלוסטן.[1] 8 אָבער די זינד, ווייל זי האָט געפונען
אַ סִיבּה, האָט געווירקט אין מיר דורך דעם געבאָט אַלערליי
גלוסטיקייטן; וואָרים אָן דער תּוֹרה איז די זינד טויט. 9 און איך האָב
אַמאָל געלעבט אָן דער תּוֹרה, אָבער בעת דאָס געבאָט איז געקומען,
האָט די זינד אויפגעלעבט, און איך בין געשטאָרבן; 10 און דאָס געבאָט,
וואָס האָט געזאָלט זיין צום לעבן, האָב איך געפונען, איז פאַר מיר דער
טויט. 11 וואָרים די זינד, בעת זי האָט געפונען אַ סִיבּה, האָט מיך דורך
דעם געבאָט אָפּגענאַרט, און מיך געטייט דורך אים. 12 די תּוֹרה איז
הייליק, און דאָס געבאָט איז הייליק, און רעכטפאַרטיק, און גוט.
13 צי איז דען דאָס, וואָס איז גוט, געוואָרן פאַר מיר צום טויט?
חָלִילה! נייערט די זינד, כּדי זי זאָל קענען אַנטפּלעקט ווערן פאַר אַ
זינד, האָט אין מיר געווירקט דעם טויט דורך דעם גוטס, בּכדי

[1] שמות כ, 14; דברים ה, 18.

דורך דעם געבאָט זאָל די זינד זייער זינדיק ווערן. 14 וואָרים מיר
ווייסן, אַז די תּורה איז רוחניות, אָבער איך בין גלוסטיקייט, פֿאַרקויפֿט
אונטער דער זינד. 15 וואָרים דאָס, וואָס איך טו, פֿאַרשטיי איך ניט,
וואָרים ניט וואָס איך וויל, דאָס טו איך, נייערט וואָס איך האָב פֿיינט,
דאָס טו איך. 16 אויב אָבער וואָס איך וויל ניט, דאָס טו איך, בין איך
מודה, אַז די תּורה איז גוט. 17 און אַצינד, ניט איך בין דאָס מער, וואָס
טו דאָס, נייערט די זינד, וואָס וואוינט אין מיר. 18 וואָרים איך ווייס,
אַז אין מיר, דאָס הייסט, אין מיין פֿלייש, וואוינט ניט קיין גוטס.
וואָרים דער באַגער איז אין מיר פֿאַראַן, אָבער צו טאָן, וואָס איז גוט,
איז ניטאָ 19 וואָרים דאָס גוטע, וואָס איך וויל, טו איך ניט; נייערט
דאָס בייזע, וואָס איך וויל ניט, דאָס טו איך. 20 בכֵן, אויב איך טו דאָס,
וואָס איך וויל ניט, איז דאָס מער ניט איך, וואָס טו עס, נייערט די
זינד, וואָס וואוינט אין מיר.
21 איך געפֿין דעריבער דעם חוק, אַז אין מיר, וואָס וויל טאָן דאָס
גוטע, איז פֿאַראַן דאָס בייזע. 22 וואָרים איך פֿריי מיך אין דער תּורה
פֿון גאָט לויט דעם אינעווייניקסטן מענטשן; 23 איך זע אָבער אין מיינע
אֵברים אַן אַנדער חוק מִלחָמה האַלטן קעגן דעם חוק פֿון מיין שֵׂכל,
און וואָס טוט מיך ברענגען אין געפֿאַנגענשאַפֿט אונטער דעם חוק פֿון
דער זינד, וואָס איז אין מיינע אֵברים. 24 אָ אומגליקלעכער מענטש
וואָס איך בין! ווער וועט מיך מַציל זיין פֿון דעם גוף פֿון דעם דאָזיקן
טויט? 25 איך דאַנק גאָט דורך יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, אונדזער האַר! און
דעריבער, טו איך פֿון מיר אַליין דינען די תּורה פֿון גאָט מיט מיין
גייסט, אָבער מיט דעם פֿלייש, דאָס געזעץ פֿון זינד.
ח עס איז דעריבער ניטאָ אַצינד קיין פֿאַרמִשפּטונג פֿאַר די, וואָס זענען
אין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. 2 וואָרים די תּורה פֿון דעם רוּחַ־הַחַיים אין יֵשוּעַ
הַמָשִׁיחַ האָט מיך באַפֿרייט פֿון דעם געזעץ פֿון זינד און פֿון טויט.
3 וואָרים וואָס די תּורה האָט ניט געקענט טאָן, ווייל זי איז געווען
שוואַך דורך דעם פֿלייש, האָט גאָט געטאָן, מיט דעם שיקן זיין
אייגענעם זון אין דער געשטאַלט פֿון זינדיקן פֿלייש און פֿונוועגן דער
זינד, האָט ער פֿאַרמִשפּט די זינד אין דעם פֿלייש, 4 כּדי די
רעכטפֿאַרטיקייט פֿון דער תּורה זאָל מקוים ווערן אין אונדז, וואָס
לעבן ניט לויט דעם פֿלייש,

נייערט לויט דעם גייסט. 5 וואָרים די, וואָס לעבן לויט דעם פלייש,
טראַכטן וועגן די זאַכן פון דעם פלייש; אָבער די, וואָס לעבן לויט דעם
גייסט, טראכטן וועגן די זאַכן פון דעם גייסט. 6 וואָרים דאָס טראַכטן
פון דעם פלייש איז טויט, אָבער דאָס טראַכטן פון דעם גייסט איז לעבן
און שָלום, 7 מַחמת דאָס טראַכטן פון דעם פלייש איז שִׂנאה קעגן גאָט,
ווייל עס איז ניט אונטערטעניק דער תּוֹרה פון גאָט, און קען עס אויך
ניט זיין. 8 און די, וואָס לעבן לויט דעם פלייש, קענען גאָט ניט
וואוילגעפעלן ווערן.

9 אָבער איר לעבט ניט לויט דעם פלייש, נייערט לויט דעם גייסט, אויב
דער גייסט פון גאָט וואוינט באמת אין אייך. אָבער אויב עמיצער האָט
ניט דעם גייסט פון מָשִׁיחַן, דער געהערט ניט צו אים. 10 און אויב מָשִׁיחַ
איז אין אייך, איז דער גוף טויט צוליב דער זינד, אָבער דער גייסט לעבט
פונוועגן דער גערעכטיקייט. 11 אויב אָבער דער גייסט פון אים, וואָס
האָט יֵשוּעַן מחַיֵה־מֵתים געווען, וואוינט אין אייך, וועט דער, וואָס
האָט מחַיֵה־מֵתים געווען יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַן, אויך לעבעדיק מאַכן אייערע
שטאַרבלעכע לייַבער דורך זיין גייסט, וואָס וואוינט אין אייך.

12 דעריבער, ברידער, מיר זענען ניט שולדיקע דעם פלייש, צו לעבן
לויט דעם פלייש – 13 וואָרים אויב איר לעבט לויט דעם פלייש, מוזט
איר שטאַרבן, אויב אָבער איר וועט דורך דעם גייסט אָפּטייטן די
מַעשׂים פון דעם גוף, וועט איר לעבן. 14 וואָרים אַלע, וואָס ווערן
געפירט דורך דעם רוח אלהים, זענען קינדער פון גאָט. 15 וואָרים איר
האָט ניט מקַבל געווען דעם גייסט פון קנעכטשאַפט נאָך אַמאָל מוֹרא צו
האָבן, נייער איר האָט מקַבל געווען דעם גייסט פון אָנגענומענע
קינדער, וואָס דורך אים רופן מיר: אַבָּא, פאָטער! 16 דער גייסט אַליין
זאָגט עֵדות מיט אונדזער גייסט, אַז מיר זענען קינדער פון גאָט. 17 און
אויב קינדער, זענען מיר אויך יוֹרשים, יוֹרשים פון גאָט, און
בשותּפותדיקע יוֹרשים מיט מָשִׁיחַן, אויב מיר ליידן מיט אים, כּדי
מיר זאָלן אויך מיט אים פאַרהערלעכט ווערן.

18 וואָרים איך רעכן, אַז די ליידן פון דער הייַנטיקער צייט זענען ניט
ווערט פאַרגלייַכט צו ווערן מיט דעם כָּבוד, וואָס וועט אונדז
אַנטפּלעקט ווערן. 19 וואָרים די ערנסטע דערוואַרטונג פון דעם באַשאַף
וואַרטעט אויף דער אַנטפּלעקונג פון די קינדער פון גאָט. 20 וואָרים דער
באַשאַף איז אונטערטעניק געוואָרן דער נישטיקייט, ניט פון זיין
אייגענעם ווילן, נייערט דורך אים, וואָס האָט אים אונטערטעניק
געמאַכט אין דער האָפענונג, 21 אַז דער באַשאַף אַליין וועט אויך
אויסגעלייזט ווערן פון דער קנעכט־שאַפט פון פאַרדאַרבונג צו דער
פרייַהייט פון דעם כָּבוד פון

גאָטס קינדער. 22 וואָרים מיר ווייסן, אַז דער גאַנצער באַשאַף
אינאיינעם זיפצט און ווייטיקן אין פיין ביז אַצינד. 23 און ניט נאָר דאָס,
נייערט אויך מיר אַליין, וואָס האָבן די בִּכּוּרים פון דעם גייסט, אויך
מיר זיפצן אין זיך אַליין, בעת מיר וואַרטן אויף אונדזער קינדער־
רעכט, אויף דער אויסלייזונג פון אונדזער גוף. 24 וואָרים אין דער
דאָזיקער האָפענונג זענען מיר ניצול געוואָרן. אָבער אַ האָפענונג, וואָס
מען זעט, איז ניט קיין האָפענונג; וואָרים ווער האָפט אויף דעם, וואָס
ער זעט? 25 אויב אָבער מיר האָפן אויף דעם, וואָס מיר זעען ניט,
דעמאָלט וואַרטן מיר דערויף מיט געדולדיקייט.
26 און אויף דעם זעלבן אופן העלפט אונדז אויך דער גייסט אין
אונדזער שוואַכקייט; וואָרים מיר ווייסן ניט ווי אַזוי מיר דאַרפן
מִתפַּלֵל זיין, אָבער דער גייסט אַליין טוט פאַר אונדז פירשפּרעכן מיט
זיפצן, וואָס קענען ניט אַרויסגערעדט ווערן. 27 און דער, וואָס פאָרשט
די הערצער, ווייסט וואָס עס איז די מַחשָבה פון דעם גייסט, מַחמת ער
טוט פירשפּרעכן פאַר די הייליקע, לויט דעם רָצון פון גאָט.
28 און מיר ווייסן, אַז אַלצדינג טוט ווירקן צום גוטן פאַר די, וואָס
האָבן ליב גאָט, טאַקע פאַר די, וואָס זענען באַרופן לויט זיין כַּוָנה.
29 וואָרים וועמען ער האָט פון פריער געקענט, האָט ער אויך
פאָרויסבאַשטימט צו זיין ענלעך צו דעם בילד פון זיין זון, כּדי ער זאָל
זיין דער בכור צווישן אַ סך ברידער. 30 און וועמען ער האָט
פאָרויסבאַשטימט, די האָט ער אויך באַרופן; און וועמען ער האָט
באַרופן, די האָט ער גערעכטפאַרטיקט; און וועמען ער האָט
גערעכטפאַרטיקט, די האָט ער אויך אויך פאַרהערלעכט.
31 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן צו דעם? אויב גאָט איז פאַר אונדז, ווער
קאָן זיין קעגן אונדז? 32 ער, וואָס האָט ניט געשוינט זיין אייגענעם
זון, נייערט האָט אים איבערגעענטפערט פאַר אונדז אַלע, וויאַזוי
זאָל ער אונדז מיט אים ניט אַלצדינג שענקען? 33 ווער וועט מיט
עפּעס פאַרקלאָגן גאָטס אויסדערוויילטע? עס איז גאָט, וואָס
רעכטפאַרטיקט; 34 ווער איז דער, וואָס פאַרמִשפּט? עס איז יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ, וואָס איז געשטאָרבן, יאָ, ליבערשט, וואָס איז אויפגעשטאַנען
תּחִיַת־הַמֵתים, וואָס איז ביי דער רעכטער האַנט פון גאָט, און וואָס
אויך פירשפּרעכט פאַר אונדז. 35 ווער וועט אונדז אָפּשיידן פון דער
ליבשאַפט פון מָשִיחַן? זאָלן צָרות, אָדער דַחקות, אָדער רדִיפה, אָדער
הונגער, אָדער נאַקעטקייט, אָדער סַכָּנה, אָדער שווערד? 36 אַזוי ווי סע
שטייט געשריבן:

וואָרים פון דייַנעטוועגן ווערן מיר געהרגעט דעם גאַנצן טאָג,
מיר זענען פאַררעכנט געוואָרן ווי שאָף צו דער שחיטה.[1]
37 אָבער אין דעם אַלעמען זענען מיר מער ווי בעלי־נצחון דורך אים,
וואָס האָט אונדז ליב געהאַט. 38 וואָרים איך בין בטוח, אַז ניט דער
טויט, און ניט דאָס לעבן, ניט מלאָכים, און ניט ממשלות, ניט
פאַראַנענע זאַכן, ניט זאַכן, וואָס וועלן זיין, ניט גבורות, 39 ניט הייך,
ניט טיף, אויך ניט קיין אַנדער באַשאַף, וועט אונדז קענען אָפשיידן פון
דער ליבשאַפט פון גאָט, וואָס איז אין ישוע המשיח, אונדזער האַר.
ט איך זאָג דעם אמת אין משיחן, איך זאָג קיין ליגן ניט; מיין געוויסן
איז מיר אויך מעיד דורך דעם רוח־הקודש, 2 אַז איך האָב גרויס צער
און אַ באַשטענדיקן ווייטיק אין מיין האַרצן. 3 וואָרים איך וואָלט
ליבערשט וועלן, אַז איך אַליין זאָל זיין אין חרם פון משיחן פונוועגן
מיינע ברידער, מיינע קרובים, לויט דעם פלייש, 4 וואָס זענען בני־
ישראל, וואָס זיי געהערט דאָס רעכט פון קינדער, און דער כבוד, און
די בונדן, און מתן־תורה, און די עבודה, און די הבטחות; 5 וואָס צו זיי
געהערן די אָבות, און פון וועמען סע שטאַמט משיח, לויט דעם
פלייש, וואָס איז איבער אַלצדינג, ברוך־השם אויף אייביק. אָמן.
6 אָבער דאָס מיינט ניט, אַז דאָס וואָרט פון גאָט איז בטל געוואָרן.
וואָרים זיי זענען ניט אַלע ישראל, וואָס זענען פון ישראל, 7 זיי זענען
אויך ניט אַלע קינדער, מחמת זיי זענען אַברהמס זאָמען; נייערט: אין
יצחקן זאָל גערופן ווערן דיין זאָמען.[2] 8 דאָס הייסט: ניט די קינדער
פון דעם פלייש זענען קינדער פון גאָט, נייערט די קינדער פון דער
הבטחה ווערן פאַררעכנט פאַר דעם זאָמען. 9 וואָרים דאָס איז דאָס
וואָרט פון דער הבטחה: צו דער דאָזיקער צייט וועל איך קומען, און
שרה וועט האָבן אַ זון.[3] 10 און ניט נאָר דאָס אַליין, נייערט אויך רבקה,
בעת זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן פון איינעם, פון יצחק אָבינו, 11 און
איידער די קינדער זענען נאָך געבוירן געוואָרן, און האָבן ניט געטאָן
קיין גוטס אָדער בייז – כדי די כוונה פון גאָט לויט דער בחירה זאָל
באַ־שטיין, ניט פון מעשים, נייערט דורך אים, וואָס טוט באַרופן,
12 און עס איז צו איר געזאָגט געוואָרן: דער עלטערער וועט דינען דאָס
יינגערן.[4] 13 אַזוי ווי סע שטייט געשריבן: יעקבן האָב איך ליב געהאַט,
און עשון האָב איך פיינט געהאַט.[5]
14 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן? איז פאַראַן אומרעכט ביי גאָט? חלילה!
15 וואָרים ער זאָגט צו משהן: איך וועל מיך דערבאַרעמען

[1] תהלים מד, 23. [2] בראשית כא, 12. [3] בראשית יח, 10.
[4] בראשית כה, 23. [5] מלאכי א, 2.

אויף וועמען איך דערבאַרעם מיך, און איך וועל רַחמָנות האָבן אויף
וועמען איך האָב רַחמָנות.[1] 16 דעריבער איז עס ניט געווענדט אין דעם,
וואָס וויל, אויך ניט אין דעם, וואָס לויפט, נייערט אין גאָט, וואָס האָט
רַחמָנות. 17 וואָרים דער פָּסוק זאָגט צו פַּרעֹהן: פונוועגן אָט דער
דאָזיקער סִיבּה האָב איך דיך אויפשטעלט, כּדי איך זאָל אין דיר
באַווייזן מיין כֹּחַ, און כּדי מיין נאָמען זאָל באַקאַנט ווערן אויף דער
גאַנצער ערד.[2]

18 דעריבער האָט ער רַחמָנות אויף וועמען ער וויל, און וועמען ער וויל
– פאַרהאַרטעוועט ער.

19 דו וועסט דעריבער זאָגן צו מיר: פאַרוואָס טוט ער נאָך געפינען
פעלער? וואָרים ווער קאָן אנטקעגנשטעלן קעגן זיין רָצון? 20 דערפאַר,
ווער ביסטו, אָ מענטש, וואָס רעדסט גאָר קעגן גאָט? זאָל די
געשאַפענע זאַך זאָגן צו דעם, וואָס האָט זי געשאַפן: פאַרוואָס האָסטו
מיך אַזוי געמאַכט? 21 אָדער, צי האָט ניט דער טעפּער קיין רעכט
איבער דעם ליים, צו מאַכן פון דעם זעלבן שטיק איין כּלי צו כָּבוד,
און אַן אנדערע צו אומכָּבוד? 22 און וואָס, אויב גאָט, בעת ער האָט
געוואָלט ווייזן זיין גרימצאָרן, און באַקאַנט מאַכן זיין מאַכט, האָט
מיט אַ סך געדולדיקייט פאַרטראָגן כֵּלים פון גרימצאָרן, וואָס זענען
געווען אָנגעבּרייט אויף פאַרדאַרבונג; 23 און כּדי ער זאָל באַקאַנט
מאַכן די עַשירות פון זיין כָּבוד איבער כֵּלים פון רַחמָנות, וואָס ער האָט
פון פריער אָנגעבּרייט צו כָּבוד, 24 טאַקע אונדז, וועמען ער האָט
באַרופן, ניט נאָר פון די ייִדן אַליין, נייערט אויך פון די גויים? 25 ווי
ער טוט אויך זאָגן אין הושע:

איך וועל רופן דאָס מיין פאָלק, וואָס איז ניט געווען מיין פאָלק,
און געליבטע, וואָס איז ניט געווען געליבט.[3]
26 און סע וועט זיין, אַז אין דעם אָרט,
וואו עס איז צו זיי געזאָגט געוואָרן:
איר זענט ניט מיין פאָלק,
וועלן זיי גערופן ווערן קינדער פון דעם לעבעדיקן גאָט.[4]

27 און ישַעיָה רופט פונוועגן ישׂראל:

אויב די צאָל פון די בּני־ישׂראל זאָל זיין ווי דאָס זאַמד פון יַם,
וועט נאָר אַן איבערבלייַבונג ניצול ווערן.
28 וואָרים אַ פאַרלענדעניש און אַ גזר
וועט גאָט מאַכן איבער דער ערד.[5]

---

[1] שמות לג, 19. [2] שמות ט, 16. [3] הושע ב, 25.
[4] הושע ב, 1. [5] ישעיה, י, 22, 23.

29 און ווי יְשַׁעְיָה האָט פֿריִער געזאָגט:
וואָלט יְהוָה צְבָאוֹת אונדז ניט איבערגעלאָזט קיין זאָמען,
וואָלטן מיר געוואָרן ווי סדום,
און צו עֲמוֹרָה וואָלטן מיר געווען געגליכן.[1]
30 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן? אַז די אומות־הָעוֹלָם, וואָס זענען ניט
נאָכגעגאַנגען נאָך קיין גערעכטיקייט, האָבן דערגרייכט גערעכטיקייט,
דאָס הייסט, די גערעכטיקייט, וואָס קומט פֿון אֱמוּנה; 31 און יִשְׂרָאֵל,
וואָס איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער גערעכטיקייט פֿון דער תּוֹרה, האָט ניט
דערגרייכט יענע תּוֹרה. 32 פֿאַרוואָס? מַחמת זיי האָבן זי ניט געפֿאָרשט
דורך אֱמוּנה, נייערט דורך מַעשׂים טובים. זיי האָבן זיך געשטרויכלט
אין דעם אֶבֶן־נֶגֶף, 33 אַזוי ווי סע שטייט געשריבן:
זע, איך לייג אין צִיוֹן אַ שטיין פֿון שטרויכל,
און אַ פֿעלז פֿון ערגערונג;
און דער, וואָס גלייבט אין אים, וועט ניט פֿאַרשעמט ווערן.[2]
י ברידער, דער באַגער פֿון מיין האַרצן, און מיין תּפֿילה צו גאָט פֿאַר
יִשְׂרָאֵל איז, אַז זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן. 2 וואָרים איך זאָג זיי
עֵדות, אַז זיי זענען קַנָאים פֿאַר גאָט, אָבער אָן פֿאַרשטענדעניש.
3 וואָרים ווייל זיי קענען ניט גאָטס גערעכטיקייט, און זוכן
אויפֿצוריכטן זייער אייגענע, האָבן זיי זיך ניט אונטערטעניק געמאַכט
דער גערעכטיקייט פֿון גאָט. 4 וואָרים מָשִׁיחַ איז דער תַּכלית פֿון דער
תּוֹרה צו רעכטפֿאַרטיקייט פֿאַר יעדן איינעם, וואָס גלייבט.
5 וואָרים משה שרייבט, אַז דער מענטש, וואָס טוט די רעכטפֿאַרטיקייט
פֿון דער תּוֹרה, וועט לעבן דורך איר.[3] 6 אָבער די רעכטפֿאַרטיקייט פֿון
אֱמוּנה, זאָגט אַזוי: זאָג ניט אין דיין האַצן: ווער וועט אַרויף אין הימל
אַריין? דאָס הייסט, אַראָפּצוברענגען מָשִׁיחַן, 7 אָדער: ווער וועט
אַראָפּנידערן אין תּהוֹם אַריין? דאָס הייסט, אַרויפֿצוברענגען מָשִׁיחַן
פֿון די טויטע. 8 נייערט וואָס זאָגט זי? דאָס וואָרט איז דיר נאָענט, אין
דיין מויל, און אין דיין האַרצן;[4] דאָס הייסט, דאָס וואָרט פֿון אֱמוּניה,
וואָס מיר זענען מבַשׂר; 9 וואָרים אויב דו וועסט מוֹדה זיין מיט דיין
מויל, אַז יֵשוּעַ איז דער האַר, און גלויבן אין דיין האַרצן, אַז גאָט האָט
אים מחַיֵה־מֵתים געווען, וועסטו נִיצול ווערן. 10 וואָרים מיט דעם
האַרצן גלויבט מען, כּדי גערעכטפֿאַרטיקט צו ווערן, און מיט דעם
מויל איז מען מוֹדה, כּדי נִיצול צו ווערן. 11 וואָרים דער פָּסוק זאָגט:
ווער סע גלויבט אין אים, וועט ניט פֿאַרשעמט ווערן.[5]

[1] ישעיה א, 9. [2] ישעיה ח, 14; כח, 16. [3] ויקרא יח, 5.
[4] דברים ל, 12-14. [5] ישעיה כח, 16.

12 וואָרים ס׳איז ניטאָ קיין חילוק צווישן ייִד און גוי; וואָרים דער
זעלבער האַר איז האַר פֿון אַלע, און איז רייך פֿאַר אַלע, וואָס רופֿן צו
אים; 13 וואָרים איטלעכער, וואָס וועט רופֿן דעם נאָמען פֿון גאָט, וועט
ניצול ווערן.[1]

14 אָבער וויאַזוי זאָלן זיי רופֿן צו אים, אין וועמען זיי האָבן ניט
געגלויבט? און וויאַזוי זאָלן זיי גלויבן אין אים, פֿון וועמען זיי האָבן
ניט געהערט? און וויאַזוי זאָלן זיי הערן אָן אַ מבשׂר? 15 און וויאַזוי
זאָלן זיי מבשׂר זיין, סיידן זיי ווערן געשיקט? אַזוי ווי סע שטייט
געשריבן:

ווי שיין זענען די פֿיס פֿון די, וואָס זענען מבשׂר שָלום, וואָס
זאָגן אָן גוטס.[2]

16 אָבער ניט אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו דער בשׂורה; וואָרים ישעיָה
זאָגט: האַר, ווער האָט געגלויבט אונדזער ידיעה?[3] 17 בכן, אמונה טוט
קומען פֿון הערן, און הערן דורך דעם וואָרט פֿון משיחן. 18 אָבער איך
זאָג: האָבן זיי דען ניט געהערט? יאָ, אַוודאי:

זייער קלאַנג איז אַרויסגעגאַנגען איבער דער גאַנצער ערד,
און ביז עק וועלט זייערע רייד.[4]

19 און ווידער פֿרעג איך: האָט ישׂראל ניט פֿאַרשטאַנען? שוין משה
זאָגט:

איך וועל אייך דערצערענען מיט קנאה אויף אַן אומפֿאָלק,
און מיט אַן אומה אָן פֿאַרשטענדעניש וועל איך אייך
דערבייזערן.[5]

20 און ישעיָה שטאַרקט זיך, און זאָגט:

איך בין געפֿונען געוואָרן פֿון די, וואָס האָבן מיך ניט געזוכט;
און איך האָב מיך אַנטפּלעקט צו די, וואָס האָבן ניט געפֿרעגט
אויף מיר.[6]

21 אָבער אויף ישׂראל זאָגט ער: דעם גאַנצן טאָג האָב איך
אויסגעשפּרייט מיינע הענט צו אַן אומגעהאָרכזאַם און ווידערשפּעניק
פֿאָלק.[7]

יא איך זאָג דעריבער: האָט גאָט פֿאַרוואָרפֿן זיין פֿאָלק? חלילה!
וואָרים איך בין אויך אַ ישׂראלי, פֿון אַבֿרהמס זאָמען, פֿון דעם שבֿט
בנימין. 2 גאָט האָט ניט פֿאַרוואָרפֿן זיין פֿאָלק, וואָס ער האָט געקענט
פֿון פֿריער. צי ווייסט איר ניט, וואָס דער פּסוק זאָגט וועגן אליָהון?
וויאַזוי ער טענהט מיט גאָט קעגן ישׂראלן:

[1] יואל ג, 5. [2] ישעיה נב, 7. [3] ישעיה נג, 1. [4] תהלים יט, 5.
[5] דברים לב, 21. [6] ישעיה סה, 1. [7] ישעיה סה, 2.

3 גאָט, זיי האָבן געהרגעט דײַנע נביאים, זיי האָבן צעשטערט דײַנע
מזבּחות, און איך בין געבליבן אַליין, און זיי באַגערן מײַן לעבן.[1]
4 אָבער וואָס זאָגט צו אים דער ענטפֿער פֿון גאָט: איך האָב מיר
איבערגעלאָזט זיבן טויזנט מענטשן, וואָס האָבן ניט געקניט צו בעלן.[2]
5 פּונקט אַזוי איז אויך אַצינד פֿאַראַן אַן איבערבלײַבונג לויט דער
בחירה פֿון חסד. 6 און אויב עס איז דורך חסד, איז עס ניט מער דורך
מעשׂים טובֿים; אַנדערש איז חסד ניט מער קיין חסד.
7 וואָס זשע דען? דאָס, וואָס ישׂראל זוכט, דאָס האָט ער ניט
דערגרייכט; נייערט די אויסדערוויילטע האָבן עס יאָ דערגרייכט, און
די איבעריקע זענען פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן, 8 ווי סע שטייט
געשריבן:

גאָט האָט זיי געגעבן אַ גייסט פֿון באַטויבונג,
אויגן, וואָס זאָלן ניט זען, און אויערן, וואָס זאָלן ניט הערן, ביז
אויף דעם הײַנטיקן טאָג.[3]

9 און דוד זאָגט:

זאָל זייער טיש ווערן פֿאַר זיי אַ פּאַסטקע און אַ נעץ,
און אַ שטרויכלשטיין, און אַ פֿאַרגעלטונג פֿאַר זיי,
10 זאָלן זייערע אויגן זײַן פֿינצטער, אַז זיי זאָלן ניט זען,
און בייג שטענדיק אַראָפּ זייער רוקן.[4]

11 איך פֿרעג דעריבער: האָבן זיי געטאָן שטרויכלען, כּדי זיי זאָלן
פֿאַלן? חלילה! נייערט דורך זייער פֿאַלן איז די ישועה געקומען פֿאַר
די אומות־העולם, כּדי זיי אייפֿעריק צו מאַכן. 12 און אויב זייער פֿאַלן
איז די עשירות פֿון דער וועלט, און זייער היזק די עשירות פֿון די
אומות־העולם, אַ פּשיטא שוין זייער פֿולקייט!
13 איך רעד טאַקע צו אײַך, וואָס זענט פֿון די אומות־העולם. בכן, אויף
אַזוי ווײַט ווי איך בין אַ שליח פֿון די אומות־העולם, פֿאַרהערלעך איך
מײַן עובֿדא, 14 כּדי איך זאָל בכל־אופֿן אויפֿוועקן צו אייפֿעריקייט די,
וואָס זענען מײַן פֿלייש, און מציל זײַן טייל פֿון זיי. 15 וואָרים אויב
דאָס פֿאַרוואַרפֿן פֿון זיי האָט געפֿירט צו דער איבערבעטונג פֿון דער
וועלט, וואָס וועט שוין זייער ווידער־אויפֿנעמונג זײַן, אויב ניט לעבן
פֿון די טויטע? 16 און אויב די תּרומה

[1] מלכים א׳, יט, 10, 14. [2] מלכים א׳, יט, 18. [3] ישעיה כט, 10; דברים כט, 3.
[4] תהלים סט, 23, 24.

איז הייליק, אַזוי איז אויך דאָס טייג; און אויב דער וואָרצל איז הייליק,
אַזוי זענען אויך די צווייגן.
17 און אויב טייל פון די צווייגן זענען אָפּגעבראָכן געוואָרן, און דו, וואָס
ביסט אַ ווילדער אייַלבערטבוים, ביסט אַרייַנגעזעצט געוואָרן צווישן זיי,
און ביסט געוואָרן אַ טיילנעמער מיט זיי פון דעם וואָרצל און פון דער
פעטקייט פון דעם אייַלבערטבוים, 18 טאָ רים דיך ניט קעגן די צווייגן;
אויב אָבער דו רימסט דיך, זיי וויסן, אַז ניט דו טראָגסט דעם וואָרצל,
נייערט דער וואָרצל טראָגט דיך. 19 דו וועסט דעריבער זאָגן: צווייגן
זענען אָפּגעבראָכן געוואָרן, כּדי איך זאָל אַרייַנגעזעצט ווערן. 20 גוט;
דורך זייער אומגלויבן זענען זיי אָפּגעבראָכן געוואָרן, און דו שטייסט
דורך דער אֱמונה. זיי ניט אַ גַדלן, נייערט האָב מורא. 21 וואָרים אויב גאָט
האָט ניט געשוינט די נאַטירלעכע צווייגן, וועט ער אויך דיך ניט שוינען.
22 זע דעריבער די גוטסקייט און שטרענגקייט פון גאָט: קעגן די, וואָס
זענען געפאַלן, שטרענגקייט, אָבער קעגן דיר, גאָטס גוטסקייט, אויב דו
וועסט בלייבן אין זיין גוטסקייט; אויב ניט, וועסטו אויך אָפּגעשניטן
ווערן. 23 און אויך זיי, אויב זיי וועלן ניט בלייבן אין זייער אומגלויבן,
וועלן אַרייַנגעזעצט ווערן; וואָרים גאָט איז בִּיכולת זיי ווידער אַמאָל
אַרייַנצוזעצן. 24 וואָרים אויב דו ביסט אָפּגעשניטן געוואָרן פון אַן
אייַלבערטבוים, וואָס איז בטֶבע ווילד, און ביסט אַרייַנגעזעצט געוואָרן
קעגן דער נאַטור אין אַ גוטן אייַלבערטבוים, אַ פּשיטא שוין ווי וועלן די
דאָזיקע, וואָס זענען די נאַטירלעכע צווייגן, אַרייַנגעזעצט ווערן אין זייער
אייגענעם אייַלבערטבוים?
25 וואָרים איך וויל ניט, ברידער, פאַרהוילן פון אייך דעם דאָזיקן סוד, כּדי
איר זאָלט זיך ניט האַלטן פאַר קיין חכמים אין אייערע אייגענע אויגן, אַז
אַ פאַרהאַרטונג איז געקומען אויף אַ טייל פון ישׂראל, ביז די פולקייט פון
די גויים וועט זיין אייַנגעזאַמלט; 26 און אַזוי וועט גאַנץ ישׂראל ניצול
ווערן, ווי סע שטייט געשריבן:

סע וועט אַרויסקומען פון ציון דער גואל, וואָס וועט אָפּטאָן די
פּשעים פון יעקבֿ; 27 און דאָס וועט זיין מיין בונד מיט זיי, ווען
איך וועל אַוועקנעמען זייערע זינד.[1]

28 וואָס שייך דער בשׂורה, זענען זיי שׂונאים פון אייַערטוועגן, אָבער וואָס
שייך דער בחירה, זענען זיי באַליבט פונוועגן די אָבות. 29 וואָרים אויף די
מתנות און דער באַרופונג פון גאָט איז ניטאָ קיין חרטה. 30 וואָרים אַזוי ווי
איר זענט אַמאָל געווען אומגעהאָרכזאַם צו גאָט, אָבער איצט האָט איר
באַקומען דערבאַרעמדיקייט דורך זייער אומגעהאָרכזאַמקייט, 31 פּונקט
אַזוי זענען אויך די דאָזיקע אַצינד אומגעהאָרכזאַם, כּדי

[1] תהלים יד, 7; ישעיה נט, 20, 21; ירמיה לא, 32, 33.

דורך דער דערבאַרעמדיקייט, וואָס איז אייך געוויזן געוואָרן, זאָלן זיי
אַצינד אויך באַקומען דערבאַרעמונג. 32 וואָרים גאָט האָט אַלעמען
איינגעשלאָסן אין אומגעהאָרכזאַמקייט, כּדי ער זאָל זיך דערבאַרעמען
איבער אַלע.
33 אָ, די טיפקייט פון דער עַשירות, און חָכמה, און וויסן פון גאָט! ווי
אומדערפאָרשטבאַר זענען זיינע מִשפָּטים, און זיינע וועגן, ניט
אויסצוגעפינען!

34 וואָרים ווער האָט פאַרשטאַנען דעם רוחַ־יְהוָֹה? אָדער ווער איז
געווען זיין בַּעל־יועץ? 35 אָדער ווער האָט אים עפּעס פריער
געגעבן, און עס זאָל אים צוריק פאַרגאָלטן ווערן?[1]

36 וואָרים פון אים, און דורך אים, און פאַר אים איז אַלצדינג. פאַר אים איז
דער כָּבוד אויף אייביק. אָמֵן.
יב איך בעט אייך דעריבער, ברידער, דורך דעם רַחמנות פון גאָט, צו
אָנבאָטן אייערע לייַבער אַ לעבעדיקן קָרבן, הייליק, באַוויליקט צו גאָט,
וואָס איז אייער גייסטיקע עֲבודה. 2 און זייט ניט געגליכן צו דער דאָזיקער
וועלט, נייערט ווערט איבערגעאַנדערשט דורך דער באַנייַאונג פון אייער
געמיט, כּדי איר זאָלט פרואוון וואָס עס איז דער גוטער, און
באַוויליקטער, און שלֵימותדיקער רָצון פון גאָט.
3 וואָרים דורך דעם חֶסֶד, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן, זאָג איך צו יעדן
איינעם צווישן אייך, ניט צו טראַכטן פון זיך אַ סַך מער, ווי ער באַדאַרף צו
טראַכטן, נייערט צו טראַכטן אייַנגעהאַלטן, לויט ווי גאָט האָט צוגעטיילט
יעדן איינעם אַ מאָס פון אֱמונה. 4 וואָרים פונקט ווי מיר האָבן אַ סַך אֵברים
אין איין גוף, און אַלע אֵברים האָבן ניט די זעלבע עובדא, 5 אַזוי זענען
מיר, וואָס זענען אַ סַך, איין גוף אין מָשיחַן, און באַזונדערע אֵברים איינער
פון דעם אַנדערן. 6 און ווייל מיר האָבן מַתָּנות, פאַרשידן לויט דעם חֶסֶד,
וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן: אויב נבואה, לאָמיר נבִיאות זאָגן לויט
דעם חֵלֶק פון אונדזער אֱמונה; 7 אויב עֲבודה, לאָמיר זיך איבערגעבן צו
אונדזער עֲבודה; דער, וואָס טוט לערנען, צו זיין לערנונג; 8 דער, וואָס
טוט מוסרן, צו זיין מוסר; דער, וואָס איז מנַדב, לאַז ער עס טאָן מיט אַ
ברייטער האַנט; דער פאָרשטייער, מיט פלייסיקייט; דער, וואָס וויזט
אַרויס דערבאַרעמדיקייט, מיט פריילעכקייט.
9 לאָז זיין ליבשאַפט אָן חַניפה, האָט פיינט דאָס, וואָס איז שלעכט, און
באַהעפט זיך אָן דעם, וואָס איז גוט. 10 האָט ליב איינער דעם אַנדערן מיט
ברידערלעכער ליבשאַפט, אין כָּבוד האַלט פאַר בילכער איינער דעם
אַנדערן; 11 אין פלייסיקייט, ניט פויל, גליִאיק אין גייסט, דינענדיק גאָט;
12 זייט פריילעך אין האָפענונג; געדולדיק אין אַ צָרה; האַלט כּסדר אין
מִתפַּלֵל זיין. 13 זייט מנַדב פאַר די באַדערפענישן

[1] ישעיה מ, 13; איוב טו, 8; ירמיה כג, 18.

פון די הייליקע, און איבערגעגעבן צו הַכנָסַת־אורחים.
14 בענטשט די, וואָס רודֵפן אייך; בענטשט, און שעלט ניט. 15 פרייט
אייך מיט די, וואָס פרייען זיך, וויינט מיט די, וואָס וויינען. 16 לעבט
אין אַחדות איינער מיט דעם אַנדערן; טראַכט ניט פון הויכע זאַכן,
נייערט לאָזט אייך אַראָפּ צו דעם, וואָס איז שָפל. האַלט אייך ניט פאַר
חַכָמים אין אייערע אייגענע אויגן. 17 פאַרגעלט קיינעם ניט שלעכטס
פאַר שלעכטס, נייערט גיט אַכטונג אויף דעם, וואָס איז בכָבודיק אין
די אויגן פון אַלע מענטשן. 18 אויב עס איז מעגלעך, און אויף וויפל
איר זענט בִיכולת, לעבט בשָלום מיט אַלע מענטשן. 19 זייט אייך ניט
נוקם, געליבטע, נייערט מאַכט פלאַץ פאַר דעם גרימצאָרן פון גאָט;
וואָרים סע שטייט געשריבן: נקָמה געהערט מיר, איך וועל פאַרגעלטן,
זאָגט גאָט.[1] 20 אויב אָבער דיין שׂונא איז הונגעריק, שפּייז אים; אויב
ער איז דאָרשטיק, גיב אים צו טרינקען; וואָרים מיט דעם טאָן אַזוי,
וועסטו אָנהויפן פייעריקע קוילן אויף זיין קאָפּ.[2] 21 לאָז דיך ניט גובר
זיין פון דעם שלעכטן, נייערט זיי גובר דאָס שלעכטע מיט גוטן.
יג זאָל יעדע נשָמה זיין אונטערטעניק צו דער העכער אויטאָריטעט.
וואָרים עס איז ניטאָ קיין אויטאָריטעט, אַחוץ פון גאָט; און וואו זי איז
פאַראַן, איז זי באַשטימט פון גאָט. 2 בכֵן, דער, וואָס שטעלט זיך קעגן
דער אויטאָריטעט, ווידערשפעניקט דעם באַפעל פון גאָט; און די,
וואָס ווידערשפעניקן, וועלן ברענגען אויף זיך שטראָף. 3 וואָרים
הערשערס זענען ניט קיין פַחד פאַר די גוטע מַעשׂים, נייערט פאַר די
שלעכטע. און ווילסטו ניט מורא האָבן פאַר דער איטאָריטעט? טו
דאָס, וואָס איז גוט, און דו וועסט קריגן אַ שבַח פון איר; 4 וואָרים זי
איז דיר אַ באַדינערין פון גאָט צום גוטן. נאָר אויב דו טוסט דאָס, וואָס
איז שלעכט, זאָלסטו מורא האָבן, וואָרים זי טראָגט ניט אומזיסט די
שווערד. וואָרים זי איז אַ באַדינערין פון גאָט, וואָס טוט זיך נוקם זיין
מיט צאָרן אָן דעם, וואָס טוט שלעכטס. 5 איבערדעם מוז מען
אונטערטעניק זיין, ניט נאָר פונוועגן דעם צאָרן אַליין, נייערט אויך
פונוועגן דעם געוויסן. 6 וואָרים צוליב דעם צאָלט איר אויך מַס;
וואָרים זיי זענען באַדינערס פון גאָט, און גיבן זיך כסֵדר אָפּ מיט דעם
דאָזיקן ענין. 7 דעריבער גיט יעדעמען, וואָס איר זענט שולדיק: מַס, צו
וועמען מַס; צאָל, צו וועמען צאָל; מורא, צו וועמען מורא; כָבוד, צו
וועמען כָבוד.
8 זייט קיינעם גאָרניט שולדיק, אַחוץ ליב צו האָבן איינער דעם
אַנדערן; וואָרים דער, וואָס האָט ליב זיין חַבר, האָט מקַיים געווען די
תּורה. 9 וואָרים

[1] דברים לב, 35. [2] משלי כה, 21, 22.

דו זאָלסט ניט מזנה זיין, דו זאָלסט ניט טייטן, דו זאָלסט ניט גנבֿענען,
דו זאָלסט ניט גלוסטן,[1] און אַלע אַנדערער מִצוות, זענען
צוזאַמענגענומען אין דעם דאָזיקן וואָרט, דהיינו: דו זאָלסט ליבּ
האָבּן דיין חבֿר ווי דיך אַליין.[2] 10 ליבּשאַפט טוט ניט קיין שום שלעכטס
דעם חבֿר; ליבּשאַפט איז דעריבּער דער קִיום פון דער תּורה.
11 און דאָס טוט, ווייל איר ווייסט די שָעה, אַז עס איז שוין צייט
אויפצואוואַכן פון שלאָף; וואָרים אַצינד איז די ישועה נעענטער צו
אונדז, ווי ווען מיר האָבּן לכתּחילה געגלויבּט. 12 די נאַכט איז ווייט
פאַרגאַנגען, און דער טאָג האָט גענעענט. לאָמיר דעריבּער אָפּטאָן די
מַעשׂים פון פינצטערניש, און לאָמיר אָנטאָן די כּלֵי־זַיִן פון ליכט.
13 לאָמיר גיין אָנשטענדיק ווי בּייטאָג, ניט אין פרעסן און שִיכּרות, ניט
אין צעלאָזנקייט און זנות, ניט אין מַחלוקת און קִנאה. 14 נייערט טוט
אייך אָן דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און דאַגהט ניט פאַר דעם פלייש,
מְמַלא צו זיין זיינע תּאַוות.
יד נעמט אויף דעם, וואָס איז שוואַך אין דער אֱמונה, אָבּער ניט כּדי
צו פירן וויכּוחים איבּער חִילוקי־דֵעות. 2 איינער גלויבּט, אַז ער מעג
עסן אַלצדינג; אָבּער דער, וואָס איז שוואַך, טוט בּלויז עסן גרינוואַרג.
3 זאָל דער, וואָס עסט, ניט מבַטל זיין דעם, וואָס עסט ניט; און זאָל
דער, וואָס עסט ניט, ניט מִשפּטן דעם, וואָס עסט; וואָרים גאָט האָט
אים אויפגענומען. 4 ווער בּיסטו, וואָס מִשפּטסט דעם קנעכט פון אַן
אַנדערן? פאַר זיין אייגענעם האַר שטייט ער, אָדער פאַלט ער. און ער
וועט בּלייבּן שטיין; וואָרים גאָט איז בִּיכולת אים אויפצושטעלן.
5 איינער שאַצט איין טאָג העכער פון דעם אַנדערן; אַן אַנדערער
שאַצט יעדן טאָג גלייך. זאָל יעדער איינער זיין זיכער אין זיין אייגענער
דֵעה. 6 דער, וואָס היט דעם טאָג, היט אים פון גאָטס־וועגן; און דער,
וואָס עסט, עסט פון גאָטס־וועגן, און גיט גאָט אַ לויבּ; און דער, וואָס
עסט ניט, פונוועגן גאָט עסט ער ניט, און גיט גאָט אַ לויבּ. 7 וואָרים
קיינער פון אונדז לעבּט ניט פאַר זיך אַליין, און קיינער שטאַרבּט ניט
פאַר זיך אַליין. 8 וואָרים סיי מיר לעבּן, לעבּן מיר פון גאָטס־וועגן; און
סיי מיר שטאַרבּן, שטאַרבּן מיר פון גאָטס־וועגן; בּכֵן, צי מיר לעבּן
אָדער שטאַרבּן, געהערן מיר צו גאָט. 9 וואָרים צוליבּ דעם איז מָשִיחַ
געשטאָרבּן און ווידער לעבּעדיק געוואָרן, כּדי ער זאָל זיין האַר, סיי
איבּער טויטע און סיי איבּער לעבּעדיקע.
10 אָבּער דו, פאַרוואָס משפּטסטו

[1] שמות כ, 13, 14; דברים ה, 17, 18. [2] ויקרא יט, 18.

דיין ברודער? אָדער פאַרוואָס ביסטו מבַטל דיין ברודער? וואָרים מיר
וועלן אַלע שטיין פאַר דעם כּסא־המשפּט פון גאָט; 11 וואָרים סע
שטייט געשריבן:

אַזוי וואָר ווי איך לעב, זאָגט גאָט,
צו מיר וועט זיך בייגן אַלע קני,
און אַלע צינגער וועלן לויבן גאָט.[1]

12 אָט אַזוי וועט יעדער איינער פון אונדז אָפּגעבן פון זיך חֶשבון פאַר
גאָט.
13 לאָמיר דעריבער מער ניט משפּטן איינער דעם אַנדערן, נייערט
משפּט ליבערשט דאָס, אַז קיינער זאָל ניט לייגן קיין מכשול אין זיין
ברודערס וועג, אָדער אים מאַכן פאַלן. 14 איך ווייס, און בין זיכער אין
דעם האַר ישוע, אַז קיין זאַך איז ניט טָמא פון זיך אַליין; אַחוץ פאַר
דעם, וואָס האַלט עס פאַר טָמא, פאַר דעם איז עס טָמא. 15 וואָרים
אויב פונוועגן שפּייז איז זיך דיין ברודער מצַער, גייסטו ניט מער אין
ליבשאַפט. ברענג ניט אום מיט דיין שפּייז דעם, פאַר וועמען מָשיח
איז געשטאָרבן. 16 זאָל ניט דעריבער פונוועגן אייער גוטס שלעכטס
גערעדט ווערן; 17 וואָרים דאָס מַלכות פון גאָט מיינט ניט עסן און
טרינקען, נייערט גערעכטיקייט, און שָלום, און פרייד אין דעם רוח־
הַקודש. 18 וואָרים דער, וואָס דינט מיט דעם מָשיחן, ווערט
וואוילגעפעלן פאַר גאָט, און באַוויליקט ביי מענטשן.
19 איבערדעם לאָמיר נאָכגיין נאָך זאַכן, וואָס דינען פאַר שָלום, און
זאַכן מיט וועלכע מיר קענען אויפבויען איינער דעם אַנדערן. 20 מאַך
ניט חָרוב דאָס ווערק פון גאָט פונוועגן שפּייז. אַלצדינג איז ריין, דאָך
איז עס שלעכט פאַר יענעם מענטשן, וואָס עסט מיט ערגערניש. 21 עס
איז גוט, ניט צו עסן קיין פלייש, ניט צו טרינקען קיין וויין, אויך ניט
צו טאָן עפּעס, דורך וואָס דיין ברודער שטרויכלט. 22 די אֶמונה, וואָס
דו האָסט, זאָלסטו האָבן צווישן דיר און גאָט. וואויל איז דעם, וואָס
משפּט זיך ניט אַליין אין דעם, וואָס ער טוט באַוויליקן. 23 אָבער דער,
וואָס איז מסופּק, איז פאַרמשפּט, אויב ער עסט, מַחמת ער טוט עס ניט
פון אֶמונה; און וואָס עס איז ניט פון אֶמונה, איז אַ זינד.

[1] ישעיה מה, 23.

טו מיר, וואָס זענען שטאַרק, דאַרפֿן טראָגן די שלאַפֿקייטן פֿון די
שוואַכע, און ניט צו וואוילגעפֿעלן ווערן זיך אַליין. 2 זאָל יעדער
איינער פֿון אונדז פֿאַרשאַפֿן הַנָאה זיין חַבר פֿאַר זיין וואויל, און פֿאַר
זיין פֿאַרבעסערונג. 3 וואָרים מָשִיחַ איז זיך אַליין אויך ניט
וואוילגעפֿעלן געווען, נייערט, ווי ס'ע שטייט געשריבן:

די חַרפּות פֿון די, וואָס האָבן דיך געלעסטערט,
זענען געפֿאַלן אויף מיר.[1]

4 וואָרים אַלצדינג, וואָס איז פֿריער געשריבן געוואָרן, איז געשריבן
געוואָרן פֿאַר אונדזער באַלערנונג, כּדי דורך געדולד, און נֶחָמָה פֿון די
כּתבֵי־הַקוֹדֶש זאָלן מיר האָבן האָפֿנונג. 5 און דער גאָט פֿון געדולד און
פֿון נֶחָמָה זאָל אייך באַוויליקן צו זיין פֿון דער זעלבער דֵעה איינער
צום אַנדערן, לויט יֵשוּעַ הַמָשִיחַ; 6 כּדי איר זאָלט מיט איין האַרץ און
מיט איין מויל אָפּגעבן כָּבוד דעם גאָט און פֿאָטער פֿון אונדזער האַר
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
7 איבערדעם, זייט מקַבּל איינער דעם אַנדערן, אַזוי ווי מָשִיחַ האָט אייך
מקַבּל געווען, פֿאַר דעם כָּבוד פֿון גאָט. 8 וואָרים איך זאָג, אַז מָשִיחַ
איז געמאַכט געוואָרן אַ באַדינער פֿון די געמַלטע פֿונוועגן דעם אֶמת
פֿון גאָט, כּדי ער זאָל מקַיים זיין די הַבטָחות צו די אָבות, 9 און כּדי די
גוים זאָלן אויך אָפּגעבן כָּבוד צו גאָט פֿאַר זיין דערבאַרעמדיקייט, ווי
ס'ע שטייט געשריבן:

דעריבער וועל איך דיך לויבן צווישן די גוים,
און זינגען צו דיין נאָמען.[2]

10 און ווידער ווערט געזאָגט:

פֿרייט אייך, איר גוים, מיט זיין פֿאָלק.[3]

11 און ווידער:

לויבט גאָט, אַלע גוים, גיט אַ שבַח צו אים, אַלע אומות.[4]

12 און ווידער זאָגט ישַעיָה:

און עס וועט זיין דער שוֹרֶש פֿון יִשַין,
און דער, וואָס שטייט אויף צו הערשן איבער די פֿעלקער;
צו אים וועלן די גוים האָפֿן.[5]

13 און דער גאָט פֿון האָפֿענונג זאָל אייך אָנפֿילן מיט יעדער שׂמחה און
שָלום דורך אייער אֶמונה, כּדי איר זאָלט געדייַען אין האָפֿענונג, דורך
דער גבורה פֿון דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש.
14 איך אַליין בין זיכער אין אייך, מיינע ברידער, אַז איר זענט פֿול מיט
גוטסקייט, אָנגעפֿילט מיט יעדן וויסן, און פֿעאיִק איינער דעם אַנדערן
מַזהיר

---

[1] תהלים סט, 10. [2] תהלים יח, 50. [3] דברים לב, 43. [4] תהלים קיז, 1. [5] ישעיה יא, 10.

צוּ זיין. 15 איך האָב אייך אָבער טיילווייַז געשריבן אַ סך פרייער, כּדי
אייך ווידער צוּ דערמאָנען, דורך דעם חֶסֶד, וואָס איז מיר געגעבן
געוואָרן פוּן גאָט, 16 אַז איך זאָל זיין אַ באַדינער פוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ פאַר
די אוּמות־הָעוֹלָם, אוּן צוּ דינען אין דער הייליקער עֲבוֹדה פוּן דער
בשׂוֹרה פוּן גאָט, כּדי דער קָרבּן פוּן די אוּמות־הָעוֹלָם זאָל ווערן
באַוויליקט אוּן געהייליקט דורך דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש. 17 איך האָב
דעריבּער מיין רוּם אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ אין זאַכן וואָס זענען שַייך גאָט.
18 וואָרים איך וועל מיך ניט דערוועגן צוּ רעדן פוּן עפּעס, סיידן פוּן
דעם, וואָס מָשִיחַ האָט געטאָן דורך מיר, דורך וואָרט אוּן טוּאוּנג,
פוּנוועגן דער געהאָרכזאַמקייט פוּן די אוּמות־הָעוֹלָם, 19 אין דער גבוּרה
פוּן נִסים וְנִפלאָות, אין דער גבוּרה פוּן דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, אַזוי, אַז פוּן
ירוּשָלַיִם, אוּן רוּנד אַרוּם בּיז צוּ אילירִיע, האָב איך אינגאַנצן אָנגעזאָגט
די בּשׂוֹרה פוּן מָשִיחַן; 20 יאָ, איך האָב מיר געמאַכט פאַר מיין ציל
אָנצוּזאָגן די בּשׂוֹרה טוֹבה ניט דאָרטן, וואוּ מָשִיחַ איז שוין אָנגערוּפן
געוואָרן, כּדי איך זאָל ניט בּויען אויף אַן אַנדערן מענטשנס יסוֹד,
21 נייערט, ווי סע שטייט געשריבּן:

וואָס זיי איז ניט דערציילט געוואָרן, וועלן זיי זען,
אוּן וואָס זיי האָבן ניט געהערט, וועלן זיי פאַרשטיין.[1]

22 איבּערדעם בּין איך אויך געהינדערט געוואָרן אַזויפיל מאָל פוּן
קוּמען צוּ אייך. 23 אָבער אַצינד, ווייל איך האָב ניט מער קיין אָרט אין
די דאָזיקע מקוֹמות, אוּן ווייל איך האָב שוין כַּמה יאָרן געבּענקט צוּ
קוּמען צוּ אייך, 24 האָף איך אייך צוּ זען בּעת מיין נסִיעה קיין שפּאַניע,
אוּן געבּראַכט צוּ ווערן דורך אייך אויף מיין וועג אַהינצוּ, נאָכדעם ווי
איך וועל מיך קוֹדם האָבן אַבּיסל געזעטיקט מיט אייער חַברוּתא.
25 אַצינד אָבער גיי איך קיין ירוּשָלַיִם, צוּ באַדינער די הייליקע.
26 וואָרים עס איז געווען דער גוּטער רָצון פוּן מאַקעדאָניע אוּן אַכאַיאַ
צוּ מאַכן אַ נדָבה פאַר די אָרעמע צווישן די הייליקע אין ירוּשָלַיִם.
27 יאָ, דאָס איז געווען זייער גוּטער רָצון, אוּן זייערע בַּעלי־חוֹבות
זענען זיי. וואָרים אויבּ די אוּמות־הָעוֹלָם זענען געוואָרן שוּתּפים פוּן
זייערע גייַסטיקע זאַכן, אַזוי זענען זיי מחוּיב זיי צוּ באַדינען אין
גַשמִיוּתדיקע זאַכן. 28 דעריבּער, בּעת איך וועל דאָס האָבן פאַרענדיקט,
אוּן פאַרחַתמעט פאַר זיי די דאָזיקע פּרוּכט, אַזוי וועל איך דורך אייך
גיין קיין שפּאַניע. 29 אוּן איך ווייס, אַז ווען איך וועל קוּמען צוּ אייך,
וועל איך קוּמען אין דער פוּלקייט פוּן דער בּרָכה פוּן מָשִיחַן.

[1] ישעיה נב, 15.

30 און איצט בעט איך אייך, ברידער, דורך אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
און דורך דער ליבשאַפט פון דעם רוח־הקודש, אַז איר זאָלט זיך
שטאַרקן אינאיינעם מיט מיר אין אייערע תּפילות צו גאָט פאַר
מייַנעטוועגן, 31 אַז איך זאָל ניצול ווערן פון די, וואָס זענען
ווידערשפעניק אין יהודה, און אַז מיין באַדינונג פאַר ירושָלַיִם זאָל זיין
אָנגענומען ביי די הייליקע, 32 כּדי איך זאָל קענען קומען צו אייך אין
פריידן דורך דעם רָצון פון גאָט, און מיך מיט אייך דערקוויקן. 33 און
דער גאָט פון שָלום זאָל זיין מיט אייך אַלע. אָמֵן.

טז איך שטעל אייך פאָר אונדזער שוועסטער פעבע, וואָס איז אַ
באַדינערין פון דער קהִילה אין קענכרייֵע, 2 אַז איר זאָלט זי מקַבּל זיין
אין דעם האַר, ווי סע פּאַסט זיך פאַר הייליקע, און אַז איר זאָלט איר
העלפן אין וואָס נאָר זי וועט זיך באַנייטיקן אין אייך; וואָרים זי אַליין
איז געווען אַ העלפערין פון אַ סך, און אויך פון מיר אַליין.
3 גריסט פּריסקאַן און אַקווילַס, מיינע מיטאַרבעטער אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
4 זיי, וואָס האָבן פאַר מיין לעבן אַנידערגעלייגט זייערע אייגענע
העלדזער, וועמען ניט נאָר איך אַליין בין דאַנקבאַר, נייערט אויך אַלע
קהִילות פון די אומות־הָעולָם; 5 און גריסט די קהִילה, וואָס איז אין
זייער הויז. גריסט מיין באַליבטן עפּייַנעטוסן, וואָס איז די ערשטע
פרוכט אין אַזיע פאַר מָשִיחַן. 6 גריסט מִרָימען, וואָס האָט געשאָנקען
אַ סך מִי אויף אייך. 7 גריסט אַנדראָניקוסן און יוניִוסן, מיינע קרובים,
און מיינע מיט־געפאַנגענע, וואָס זענען פון חַשִיבות צווישן די
שלִיחים, און וואָס זענען אויך געווען פאַר מיר אין מָשִיחַן. 8 גריסט
אַמפּליאַטוסן, מיין באַליבטן אין דעם האַר. 9 גריסט אורבאַנוסן,
אונדזער מיטאַרבעטער אין מָשִיחַן, און סטאַכיסן, מיין באַליבטן.
10 גריסט אַפּעלעסן, דעם באַוויליקטן אין מָשִיחַן. גריסט די, וואָס
זענען פון דעם הויזגעזינד פון אַריסטאָבולוסן. 11 גריסט העראָדיִאָנען,
מיין קָרוב. גריסט די, פון דעם הויזגעזינד פון נאַרציסוסן, וואָס זענען
אין דעם האַר. 12 גריסט טריפייַנען און טריפאָסן, וואָס מִיִען זיך אין
דעם האַר. גריסט פּערזיס, די באַליבטע, וואָס האָט זיך אַ סך געמִיט
אין דעם האַר. 13 גריסט רופוסן, דעם אויסדערוויילטן אין דעם האַר,
און זיין מוטער און מיינע. 14 גריסט אַסינקריטוסן, פלעגאָנען,
הערמעסן, פּאַטראָבאַסן,

הערמאַסן, און די ברידער, וואָס זענען מיט זיי. 15 גריסט פילאָלאָגוסן
און יוליען, נערעאוסן און זיין שוועסטער, און אָלימפּאַסן, און אַלע
הייליקע, וואָס זענען מיט זיי. 16 גריסט איינער דעם אַנדערן מיט אַ
הייליקן קוש. אַלע קהילות פון מָשיחַן גריסן אייך.
17 און איך בעט אייך, ברידער, אַז איר זאָלט אַכטונג געבן אויף די,
וואָס מאַכן מַחלוקות און סקאַנדאַלן, להיפּוך צו דער לערנונג, וואָס
איר האָט געלערנט, און קערט אייך אָפּ פון זיי. 18 וואָרים אַזעלכע
מענטשן דינען ניט מָשיחַן, אונדזער האַר, נייערט זייער אייגענעם בויך,
און דורך גלאַטע און שיינע רייד, פאַרפירן זיי דאָס האַרץ פון די
אומשולדיקע. 19 וואָרים אייער געהאָרכזאַמקייט איז באַקאַנט צו
אַלעמען, און איך פריי מיך דעריבער איבער אייך; איך וואָלט אָבער
וועלן, אַז איר זאָלט זיין קלוג וואָס שייך דעם גוטן, און תּמימותדיק
וואָס שייך דעם שלעכטן. 20 און דער גאָט פון שָלום וועט אין גיכן
צעטרעטן דעם שָטן אונטער אייערע פיס. דער חֶסֶד פון אונדזער האַר
יֵשוּעַ האַמָשיחַ זאָל זיין מיט אייך.
21 טימאָטעאוס, מיין מיטאַרבעטער, גריסט אייך, און לוקיוס און אויך
יאַזאָן און סאָסיפּאַטער, מייען קרובים. 22 איך, טערציוס, וואָס שרייב
דעם בריוו, גריס אייך אין דעם האַר. 23 גאַיוס, וואָס איז מיין בַעל־
אַכסניא, און אויך פון דער גאַנצער קהילה, גריסט אייך. עראַסטוס,
דער שאַצמייַסטער פון דער שטאָט, און אונדזער ברודער קוואַרטוס,
גריסן אייך. 24 דער חֶסֶד פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשיח זאָל זיין מיט
אייך אַלע. אָמֵן.
25 און צו אים, וואָס איז בִּיכוֹלת אייך צו שטאַרקן לויט מיין בשׂורה
טובה און דאָס דַרשענען פון יֵשוּעַ הַמָשיחַ, לויט דער אַנטפּלעקונג פון
דעם סוֹד, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן פון אייביקע צייטן, 26 נאָר איז
איצט אַנטפּלעקט געוואָרן, און דורך די שריפטן פון די נביאים איז ער
געוואָרן באַקאַנט צו אַלע אומות, לויט דעם באַפעל פון דעם אייביקן
גאָט פאַר געהאָרכזאַמקייט פון אֱמונה, – 27 צו דעם איינציקן גאָט פון
חכמה זאָל זיין כָּבוד אויף אייביק, דורך יֵשוּעַ הַמָשיחַ. אָמֵן.

דער ערשטער בריוו צו די קאָרינטער

א פּאָולוס, באַרופן צו זיין אַ שליח פון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דורך דעם רָצון
פון גאָט, און סאָסטענעס, אונדזער ברודער, 2 צו דער קהִילה פון גאָט,
וואָס איז אין קאָרינט, צו די, וואָס זענען געהייליקט אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
באַרופן צו זיין הייליקע, אינאיינעם מיט אַלע, וואָס רופן אָן דעם
נאָמען פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ אין יעדן אָרט, סיי זייער האַר
און אונדזערער. 3 חֶסֶד צו אייך און שָלום פון גאָט, אונדזער פּאָטער,
און דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
4 איך דאַנק מיין גאָט תמיד פאַר אייך, פאַר דעם חֶסֶד פון גאָט, וואָס
איז אייך געגעבן געוואָרן אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 5 ווייַל איר זענט אין
אַלצדינג נִתעַשר געוואָרן אין אים, אין יעדן וואָרט און אין יעדן וויסן,
6 אַזוֹיווי דאָס עֵדות פונוועגן דעם מָשִיחַ איז אין אייך באַפעסטיקט
געוואָרן; 7 אַזוי, אַז אייך פעלט ניט אין קיין שום מַתָנה, בעת איר
וואַרט אויף דער אַנטפּלעקונג פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 8 וואָס
וועט אייך אויך שטאַרקן ביז צום סוֹף, כּדי איר זאָלט זיין אומשולדיק
אין דעם טאָג פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 9 גאָט איז געטריי, וואָס
דורך אים זענט איר באַרופן געוואָרן צו דער חַברותֶאשאַפט פון זיין זון
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אונדזער האַר.
10 איך בעט אייך, ברידער, דורך דעם נאָמען פון אונדזער האַר יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ, אַז איר אַלע זאָלט רעדן דאָס זעלבע, און אַז עס זאָלן ניט זיין
צווישן אייך קיין שפּאַלטונגען, נייערט אַז איר זאָלט זיין אינגאַנצן פון
איין זִין און פון איין מיינונג. 11 וואָרים מע האָט מיר מוֹדִיע געווען
דורך דעם הויזגעזינד פון קלאָען וועגן אייך, אַז סע גייען אָן צווישן
אייך מַחלוֹקות, מיינע ברידער. 12 און איך מיין דאָס, וואָס יעדער
איינער פון אייך זאָגט: איך געהער צו פּאָולוסן, און

איך צו אַפּאָלאָסן, און איך צו כּיפָאן, און איך צו מָשִיחַן. 13 איז מָשִיחַ
צעטיילט? איז פּאָולוס געקרייציקט געוואָרן פון אייַערטוועגן? אָדער
זנעט איר געטובלט געוואָרן אין דעם נאָמען פון פּאָולוסן? 14 איך
דאַנק גאָט, וואָס איך האָב קיינעם פון אייך ניט געטובלט, אַחוץ
קריספּוסן און גאַיוסן; 15 כּדי קיינער זאָל ניט זאָגן, אַז איר זענט
געטובלט געוואָרן אין מיין נאָמען. 16 (און איך האָב אויך געטובלט
דאָס הויזגעזינד פון סטעפאַנוסן; אויסערדעם, ווייס איך ניט, צי איך
האָב נאָך עמיצן אַנדערש געטובלט.) 17 וואָרים מָשִיחַ האָט מיך ניט
געשיקט צו טובלען, נייערט אויסצורופן די בשורה טובה, ניט אין
חָכמה פון רייד, כּדי דער צלָב פון מָשִיחַן זאָל ניט געמאַכט ווערן
צונישט.

18 וואָרים דאָס וואָרט פון דעם צלָב איז פאַר די, וואָס ווערן פאַרלוירן,
נאַרישקייט; פאַר אונדז אָבער, וואָס ווערן ניצול, איז עס די גבורה פון
גאָט. 19 וואָרים סע שטייט געשריבן:

איך וועל צעשטערן די חָכמה פון די חֲכָמים,
און דעם פאַרשטאַנד פון די פאַרשטענדיקע
וועל איך בָּטל מאַכן.[1]

20 וואו איז דער חָכם? וואו איז דער סופר? וואו איז דער בַּעל־וויכּוחַ
פון דער דאָזיקער וועלט? האָט גאָט ניט נאַריש געמאַכט די חָכמה פון
דער וועלט? 21 וואָרים אַזוי ווי די וועלט, דורך איר חָכמה, האָט ניט
דערקענט גאָט און זיין חָכמה, איז עס גאָט וואוילגעפעלן געוואָרן,
דורך דער נאַרישקייט פון דרשענען מַציל צו זיין די, וואָס גלויבן.
22 בעת יידן פאַרלאַנגען צייכנס, און גריכן זוכן חָכמה, 23 טוען מיר
דַרשענען מָשִיחַ דעם געקרייציקטן, פאַר יידן אַ שטרויכלשטיין, און
פאַר גויים נאַרישקייט; 24 אָבער פאַר די, וואָס זענען באַרופן, סיי יידן
און סיי גויים, איז מָשִיחַ די גבורה פון גאָט, און די חָכמה פון גאָט.
25 מַחמת די נאַרישקייט פון גאָט איז קליגער פון מענטשן, און די
שוואַכקייט פון גאָט איז שטאַרקער פון מענטשן.

26 וואָרים באַטראַכט אייער באַרופונג, ברידער, אַז ניט אַ סך חֲכָמים
לויט דעם פלייש, ניט אַ סך שטאַרקע, ניט אַ סך איידעלע זענען
באַרופן געוואָרן; 27 נייערט גאָט האָט אויסדערוויילט די נאַרישע זאַכן
פון דער וועלט, כּדי מבַייש צו זיין די חֲכָמים; און גאָט האָט
אויסדערוויילט די שוואַכע זאַכן פון דער וועלט, כּדי מבַייש צו זיין די
שטאַרקע; 28 און די שָפֶלע זאַכן פון דער וועלט,

---

[1] ישעיה כט, 14.

און דאָס, וואָס איז פאַראַכטיקט האָט גאָט אויסדערוויילט, און דאָס,
וואָס ס׳איז ניטאָ, כּדי ער זאָל בּטל מאַכן די זאַכן, וואָס זענען פאַראַן,
29 אַזוי, אַז קיין שום בּשׂר־ודם זאָל זיך ניט רימען פאַר גאָט. 30 איר
אָבער זענט דורך אים אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס איז פאַר אונדז פון גאָט
געמאַכט געוואָרן פאַר חָכמה, און רעכטפאַרטיקייט, און קדושה, און
גאולה, 31 כּדי, ווי סע שטייט געשריבן: דער, וואָס טוט זיך רימען,
זאָל זיך רימען אין גאָט.[1]

ב און בעת איך בין געקומען צו אייך, ברידער, בין איך ניט געקומען
מיט מְליצֶהדיקע רייד, אָדער חָכמה, אייך אויסצורופן דאָס עֵדות פון
גאָט. 2 וואָרים איך האָב מיר פירגענומען ניט צו וויסן קיין שום זאַך
צווישן אייך, אַחוּץ יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און אים אַ געקרייציקטן. 3 און איך
בין געווען ביי אייך אין שוואַכקייט, און אין מוֹרא, און אין גרויס
ציטערניש; 4 און מיין רעדן און מיין דַרשענען זענען ניט געווען אין
איבּעררעדנדיקע ווערטער פון חָכמה, נייערט אין בּאַווייַזונג פון דעם
גייסט און גבורה, 5 כּדי אייער אֶמונה זאָל ניט באַשטיין אין דער חָכמה
פון מענטשן, נייערט אין דער גבורה פון גאָט.

6 מיר אָבער רעדן חָכמה צווישן די, וואָס זענען דערוואַקסן, דאָך ניט אַ
חָכמה פון דער דאָזיקער וועלט, אויך ניט פון די הערשער פון דער
דאָזיקער וועלט, וואָס גייען פאַרלוירן. 7 נייערט מיר רעדן גאָטס חָכמה
בּסוֹד, די פאַרבּאָרגענע חָכמה, וואָס גאָט האָט פאָרויסבאַשטימט נאָך
פון פאַרצייטן פאַר אונדזער כָּבוד־וועגן, 8 וואָס קיינער פון די הערשער
פון דער דאָזיקער וועלט האָט ניט פאַרשטאַנען; וואָרים וואָלטן זיי זי
פאַרשטאַנען, וואָלטן זיי ניט געווען געקרייציקט דעם האַר פון
הערלעכקייט. 9 נייערט, ווי סע שטייט געשריבן:

וואָס קיין אויג האָט ניט געזען,
און קיין אויער ניט געהערט,
און וואָס איז ניט אויפגעגאַנגען אין האַרצן פון דעם מענטשן,
אָט דאָס האָט גאָט אָנגעברייט פאַר די, וואָס האָבן אים ליב.[2]

10 אָבער צו אונדז האָט זיי גאָט אַנטפלעקט דורך דעם רוח־הקודש.
וואָרים דער גייסט טוט פאָרשן אַלצדינג, אַפילו די טיפקייטן פון
גאָט.
11 וואָרים וועלכער מענטש

[1] ירמיה ט, 23. [2] ישעיה סד, 3.

ווייסט וואָס סע טוט זיך אין דעם מענטשן, אַחוץ דער גייסט פֿון דעם
מענטשן, וואָס איז אין אים? אַזוי אויך ווייסט קיינער ניט וואָס סע איז
אין גאָט, אַחוץ דער גייסט פֿון גאָט. 12 מיר אָבער האָבן מקַבל געווען,
ניט דעם גייסט פֿון דער וועלט, נייערט דעם גייסט פֿון גאָט, כּדי מיר
זאָלן פֿאַרשטיין די מַתּנות, וואָס זענען אונדז געשאָנקען געוואָרן פֿון
גאָט. 13 און מיר רעדן דערפֿון אין ווערטער, וואָס ניט מענטשלעכע
חָכמה לערנט, נייערט אַזוינע דער גייסט לערנט זיי, בעת מיר באַשיידן
גייסטיקע זאַכן מיט גייַסטיקע רייד.
14 דער נאַטירלעכער מענטש איז ניט מקַבל די מַתּנות פֿון דעם גייסט
פֿון גאָט, וואָרים זיי זענען פֿאַר אים נאַרישקייט, און ער קען זיי ניט
פֿאַרשטיין, מַחמת זיי ווערן געמִשפּט גייסטיק. 15 אָבער דער, וואָס איז
גייסטיק, מִשפּט אַלצדינג, און ער אַליין ווערט פֿון קיינעם ניט
געמִשפּט. 16 וואָרים ווער האָט פֿאַרשטאַנען די מַחשָבה פֿון גאָט, אַז
ער זאָל אים לערנען?[1] מיר אָבער האָבן די מַחשָבה פֿון מָשיחַן.
ג און איך, ברידער, האָב ניט געקענט רעדן צו אייך ווי צו גייַסטיקע,
נייערט ווי צו ערדישע, ווי צו עופֿעלעך אין מָשיחַ. 2 איך האָב אייך
גענערט מיט מילך, ניט מיט קיין פֿעסטע שפּייז; וואָרים איר זענט נאָך
ניט מסוגל געווען צו פֿאַרטראָגן עס, און קענט עס אַפֿילו איצט אויך
ניט, 3 וואָרים איר זענט נאָך ערדיש. וואָרים כָּל־זמַן ס'איז פֿאַראַן
צווישן אייך קנאה און מחלוקת, צי זענט איר ניט ערדיש, און לעבט
איר ניט לויט דעם שטייגער פֿון מענטשן? 4 וואָרים בעת איינער זאָגט:
איך געהער פּאָולוסן; און אַן אַנדערער: איך געהער אַפּאָלאָסן; צי
זענט איר ניט פָּשוטע מענטשן?
5 וואָס איז דען אַפּאָלאָס? און וואָס איז פּאָולוס? באַדינער, דורך
וועמען איר זענט געקומען צו דער אֶמונה, און יעדער ווי דער האַר
האָט אים געגעבן. 6 איך האָב געפֿלאַנצט, אַפּאָלאָס האָט באַוואַסערט,
אָבער גאָט האָט געלאָזט וואַקסן. 7 אַזוי, אַז ניט דער, וואָס טוט
פֿלאַנצן, איז עפּעס, אויך ניט דער, וואָס באַוואַסערט, נייערט גאָט,
וואָס לאָזט עס וואַקסן. 8 און דער, וואָס פֿלאַנצט, און דער, וואָס
באַוואַסערט, זענען אייעס, און יעדער וועט באַקומען זיין באַזונדערן
שׂכַר לויט זיין אייגענער אַרבעט. 9 וואָרים מיר זענען גאָטס
מיטאַרבעטער, גאָטס ווירטשאַפֿט, גאָטס בּנין זענט איר.
10 לויט דעם חֶסד פֿון גאָט, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן, האָב איך
געלייגט אַ יסוד ווי אַ קלוגער בוימייַנסטער, און אַן אַנדערער בויט
אויף אים. זאָל אָבער יעדער אַכטונג געבן וויאַזוי ער בויט אויף אים.
11 וואָרים קיין אַנדערן יסוד קאָן קיינער ניט לייגן

[1] ישעיה מ, 13.

ווי דער, וואָס איז געלייגט געוואָרן, און וואָס איז יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
12 אָבער אויב עמיצער בויט אויף דעם דאָזיקן יסוד גאָלד, זילבער,
טייערע שטיינער, האָלץ, היי, שטרוי, 13 אַזוי וועט יעדן מענטשנס
אַרבעט אַנטפּלעקט ווערן; וואָרים דער טאָג וועט עס קלאָר מאַכן,
מַחמת סע ווערט אַנטפּלעקט דורך פייער, און דאָס פייער אַליין וועט
באַווייַזן די אַרבעט פון יעדן מענטשנס ווערק, פון וואָסער מִין עס איז.
14 אויב עמיצנס ווערק, וואָס ער האָט אויף דעם געבויט, וועט
פאַרבלייַבן, וועט ער באַקומען אַ שׂכַר. 15 אויב עמיצנס ווערק וועט
פאַרברענט ווערן, וועט ער לייַדן שאָדן, אָבער ער אַליין וועט נִיצול
ווערן, דאָך אַזוי ווי דורך פייער.
16 צי ווייסט איר ניט, אַז איר זענט דער מִקדש פון גאָט, און אַז דער
רוח־אֱלֹהִים וווינט אין אייך? 17 אויב עמיצער צעשטערט דעם מִקדש
פון גאָט, דעם וועט גאָט צעשטערן, וואָרים דער מִקדש פון גאָט איז
הייליק, און אָט דער מִקדש זענט איר.
18 לאָז זיך קיינער ניט נאַרן. אויב עמיצער צווישן אייך מיינט, אַז ער
איז קלוג אין דער דאָזיקער וועלט, זאָל ער ווערן אַ נאַר, כּדי ער זאָל
ווערן קלוג. 19 וואָרים די חָכמה פון דער דאָזיקער וועלט איז
נאַרישקייט בײַ גאָט. וואָרים סע שטייט געשריבן:
ער כאַפּט די חֲכָמִים אין זייער ליסטיקייט.[1]
20 און ווידער:
גאָט ווייסט די מַחשָבות פון די חֲכָמִים, אַז זיי זענען נישטיק.[2]
21 דעריבער זאָל קיינער זיך ניט רימען מיט מענטשן. וואָרים אַלצדינג
איז אייַערס, 22 צי דאָס איז פּאָולוס, אָדער אַפּאָלאָס, אָדער כֵּיפָא,
אָדער די וועלט, אָדער לעבן, אָדער טויט, אָדער דאָס, וואָס איז
פאַראַן, אָדער דאָס, וואָס דאַרף קומען; אַלץ איז אייַערס, 23 און איר
זענט מָשִיחַס, און מָשִיחַ איז גאָטס.
ד זאָל אַ מענטש אַזוי טראַכטן פון אונדז, ווי פון באַדינער פון
מָשִיחַן, און פאַרוואַלטער פון די סודות פון גאָט. 2 איבעריקנס, פון
פאַרוואַלטער ווערט געפאָדערט, אַז זיי זאָלן געפונען ווערן געטריי.
3 פאַר מיר אָבער איז דאָס אַ קלייניקייט, אַז איך זאָל געמִשפּט ווערן
פון אייך, אָדער פון אַ מענטשנס מִשפּט. איך טו מיך אַפילו אַליין אויך
ניט מִשפּטן. 4 וואָרים איך ווייס גאָרניט קעגן מיר אַליין, דאָך בין איך
מיט דעם ניט גערעכטפאַרטיקט; דער אָבער, וואָס מִשפּט מיך, איז
דער האַר. 5 דעריבער מִשפּט גאָרניט פאַר דער צייט,

[1] איוב ה, 13. [2] תהלים צד, 11.

ביז דער האַר וועט קומען, וואָס וועט אויך ברענגען צום ליכט די
פאַרבאָרגענע זאַכן פון דער פינצטערניש, און אַנטפּלעקן די
טראַכטענישן פון די הערצער; און דעמאָלט וועט יעדער איינער
באַקומען זיין לויב פון גאָט.
6 און דאָס, ברידער, האָב איך איבערגעטראָגן אויף מיר און אַפּאָלאָסן
פון אייַערטוועגן, אַז איר זאָלט אָפּלערנען פון אונדז, ניט
איבערצוטרעטן, וואָס סע שטייט געשריבן: כּדי קיינער פון אייך
זאָל זיך ניט אָנבלאָזן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. 7 וואָרים ווער
ונטערשיידט זיך? און וואָס האָסטו, וואָס דו האָסט ניט באַקומען? און
אויב דו האָסט עס באַקומען, פאַרוואָס רימסטו דיך, גלייך ווי דו
וואָלסט עס ניט געווען באַקומען?
8 שוין זענט איר זאַט געוואָרן? שוין זענט איר רייך געוואָרן? איר האָט
דערגרייכט צו הערשאַפט אָן אונדז? הלוואַי וואָלט איר געהערשט,
כּדי מיר זאָלן אויך קענען הערשן מיט אייך! 9 וואָרים איך מיין, אַז
גאָט האָט אונדז, די שליחים, אַוועקגעשטעלט פאַר די מינדסטע פון
אַלע, ווי פאַרמשפּטע צום טויט; וואָרים מיר זענען געמאַכט געוואָרן
ווי אַ שפּיל פאַר דער וועלט, פאַר מלאָכים און מענטשן. 10 נאַראָנים
זענען מיר פון משיחס־וועגן, אָבער איר זענט קלוג אין משיחן; מיר
זענען שוואַך, אָבער איר זענט שטאַרק; איר האָט כּבוד, אָבער מיר
האָבן אַ שם־רע. 11 אָט ביז צו דער איצטיקער שעה הונגערן מיר, און
דאָרשטן, און זענען נאַקעט, און ווערן געשלאָגן, און זענען נע־ונד;
12 און מיר מיִען זיך, און אַרבעטן מיט אונדזערע אייגענע הענט.
בעת מיר ווערן באַליידיקט, בענטשן מיר; בעת גערודפט, דולדן
מיר; 13 בעת באַשולדיקט, בעטן מיר; מיר זענען געמאַכט געוואָרן,
און זענען איצט, ווי דער אָפּפאַל פון דער וועלט, דער אָפּשוים
פון אַלצדינג.
14 ניט כּדי אייך צו פאַרשעמען, שרייב איך דאָס, נייערט אייך מזהיר צו
זיין ווי מיינע באַליבטע קינדער. 15 וואָרים הגם איר האָט צען טויזנט
דערציִערס אין משיחן, האָט איר אָבער ניט קיין סך פאָטערס; וואָרים
אין ישוע המשיח האָב איך אייך געוואונען דורך דער בשׂורה טובֿה.
16 איך בעט אייך דעריבער, זייט מיינע נאָכמאַכערס. 17 טאַקע צוליב
דער סיבה האָב איך געשיקט צו אייך טימאָטעאוסן, וואָס איז מיין
באַליבט און געטריי קינד אין דעם האַר, אַז ער זאָל אייך דערמאָנען
אין מיינע דרכים אין משיחן, אַזוי ווי איך לערן זיי אומעטום אין יעדער
קהילה. 18 אָבער טייל זענען אָנגעבלאָזן,

גלייך איך וואָלט ניט וועלן קומען צו אייך. 19 איך וועל אָבער צו אייך
בקרוב קומען, אם ירצה השם, און איך וועל וויסן, ניט די רייד פֿון די,
וואָס זענען אָנגעבלאָזן, נייערט זייער גבורה. 20 וואָרים דאָס מלכות פֿון
גאָט באַשטייט ניט אין רייד, נייערט אין גבורה. 21 וואָס ווילט איר?
זאָל איך קומען צו אייך מיט אַ שטעקן, אָדער מיט ליבשאַפֿט און אַן
עניוותדיקן גייסט?

ה מע הערט אומעטום, אַז ס'איז פֿאַראַן זנות צווישן אייך, און אַזאַ
זנות, ווי עס איז אַפֿילו ניטאָ צווישן די געצנדינער, אַז איינער זאָל
האָבן זיין פֿאָטערס ווייב. 2 און איר זענט אָנגעבלאָזן! האָט איר ניט
געדאַרפֿט ליבער טרויערן, אַז דער, וואָס איז באַגאַנגען די דאָזיקע
מעשה, זאָל אָפּגעטאָן ווערן פֿון צווישן אייך?
3 וואָרים הגם איך בין ניט ביי אייך אין גוף, בין איך אָבער אַנוועזנד
אין גייסט, און האָב שוין געמשפּט דעם, גלייך ווי איך וואָלט געווען
אַנוועזנד, וואָס האָט אַזוינס געטאָן. 4 בעת איר זענט פֿאַרזאַמלט אין
דעם נאָמען פֿון אונדזער האַר ישוע, און מיין גייסט איז צווישן אייך,
מיט דער גבורה פֿון אונדזער האַר ישוע, 5 זאָלט איר אַזאַ איינעם
איבערענטפֿערן צום שטן פֿאַר דער פֿאַרדאַרבונג פֿון דעם פֿלייש, כּדי
דער גייסט זאָל ניצול ווערן אין דעם טאָג פֿון דעם האַר ישוע.
6 אייער רימען זיך איז ניט גוט. ווייסט איר ניט, אַז אַביסל חמץ מאַכט
זויער דאָס גאַנצע טייג? 7 ראַמט זשע אויס דעם אַלטן חמץ, כּדי
איר זאָלט זיין אַ ניי טייג, אַזוי ווי איר זענט ניט געזייערט. וואָרים
משיח, אונדזער קרבן־פּסח, איז געשאָכטן געוואָרן. 8 לאָמיר דעריבער
האַלטן יום־טוב, ניט מיט דעם אַלטן חמץ, אויך ניט מיט דעם חמץ
פֿון שלעכטסקייט און רשעות, נייערט מיט די מצות פֿון לויטערקייט
און אמת.
9 איך האָב אייך געשריבן אין מיין בריוו, ניט צו חברן זיך מיט קיין
נואפֿים; 10 בכלל ניט מיט די נואפֿים פֿון דער וועלט, אָדער מיט די
גייציקע און גזלנים, אָדער מיט געצנדינער; וואָרים דעמאָלט וואָלט
איר געמוזט אַרויסגיין פֿון דער וועלט. 11 אָבער איך האָב אייך גיכער
געשריבן, ניט צו חברן זיך מיט עמיצן, וואָס ווערט אָנגערופֿן אַ
ברודער, און וואָס איז אַ נואף, אָדער גייציק, אָדער אַ געצנדינער,
אָדער אַ לעסטערער, אָדער אַ שיכּור, אָדער אַ גזלן – מיט אַזאַ איינעם
זאָלט איר אַפֿילו ניט עסן. 12 וואָרים וואָס האָב איך צו טאָן מיט
משפּטן די,

וואָס זענען אין דריסן? זאָלט איר ניט מִשפּטן די, וואָס זענען דרינען?
13 די דרויסנדיקע וועט גאָט מִשפּטן. ראַמט אויס דעם רָשע פֿון צווישן
אייך.

ו ווי דערוועגט זיך עמיצער פֿון אייך, בעת ער האָט אַן עֵסק קעגן זיין
חַבֵר, צו גיין מִשפּטן זיך פֿאַר רשָעים, און ניט פֿאַר די הייליקע? 2 צי
ווייסט איר ניט, אַז די הייליקע וועלן מִשפּטן די וועלט? און אויב די
וועלט וועט געמִשפּט ווערן דורך אייך, זענט איר ניט רָאוי צו מִשפּטן
די מינדסטע זאַכן? 3 צי ווייסט איר ניט, אַז מיר וועלן מִשפּטן
מַלאָכים? אַ פּשִיטא שוין זאַכן, וואָס זענען שַייך דעם דאָזיקן לעבן!
4 בכֵן, אויב איר דאַרפֿט מִשפּטן זאַכן אין שייַכות צו דעם לעבן, זעצט
איר אַוועק מענטשן צו מִשפּטן וואָס זענען פֿאַראַכטעט אין דער
קהילה? 5 איך זאָג דאָס צו אייער שאַנד. שוין־זשע, צי געפֿינט זיך ניט
צווישן אייך איינער אַ חָכם, וואָס זאָל קאָנען אַנטשיידן צווישן זיינע
ברידער, 6 נייערט ברודער גייט זיך לאָדן מיט ברודער, און דערצו נאָך
פֿאַר אומגלויביקע?

7 עס איז שוין בִכלַל אַן עַוולה פֿון אייך, וואָס איר פּירט מִשפָטים
איינער מיטן אַנדערן. פֿאַרוואָס ניט ליבער זיין באַעוולטע? פֿאַרוואָס
ניט ליבערשט זיין באַרויבטע? 8 יאָ, איר אַליין טוט אומרעכט, און
באַרויבט, און דערצו נאָך אייערע אייגענע ברידער.

9 צי ווייסט איר ניט, אַז די רשָעים וועלן ניט יַרשענען דאָס מַלכות פֿון
גאָט? זיט ניט געניאַרט: ניט קיין נואפים, ניט קיין געצנדינער, ניט קיין
אויסגעלאַסענע, ניט קיין בַעלי־תַאוות, אויך ניט די, וואָס ליגן מיט
זכָרים, 10 ניט קיין גַנָבים, ניט קיין גייציקע, ניט קיין שיכּורים, ניט קיין
לעסטערערס, ניט קיין גַזלָנים, וועלן יַרשענען דאָס מַלכות פֿון גאָט.
11 און אַזוינע זענען געווען טייל פֿון אייך; איר אָבער זענט געוואַשן
געוואָרן, איר זענט געהייליקט געוואָרן, איר זענט גערעכטפֿאַרטיקט
געוואָרן דורך דעם נאָמען פֿון דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און דורך דעם
גייסט פֿון אונדזער גאָט.

12 אַלצדינג איז מיר דערלויבט, דאָך ניט אַלצדינג איז נוצלעך. אַלצדינג
איז מיר דערלויבט, דאָך וועל איך מיך ניט אונטערוואַרפֿן אונטער דער
מאַכט פֿון עפּעס. 13 מַאכָלים פֿאַרן בויך, און דער בויך פֿאַר מַאכָלים,
– און גאָט וועט פֿאַרלענדן סיי דאָס, און סיי די אַנדערע. דער גוף איז
ניט פֿאַר זנות, נייערט פֿאַר דעם האַר, און דער האַר פֿאַר דעם גוף.
14 און גאָט האָט אויפֿגעוועקט דעם האַר תחית־המתים, און אויך אונדז
וועט ער אויפֿוועקן דורך זיין גבורה. 15 צי ווייסט איר ניט, אַז אייערע
גופֿים זענען אֵברים פֿון מָשִיחַן? צי זאָל איך איצט נעמען די אֵברים
פֿון מָשִיחַן, און זיי מאַכן פֿאַר אֵברים פֿון אַ זונה? חָלִילה!

16 אָדער צי ווייסט איר ניט, אַז דער, וואָס באַהעפט זיך מיט אַ זוֹנה,
איז איין לײַב מיט איר? וואָרים סע שטייט געשריבן: ביידע וועלן
ווערן איין לײַב.[1] 17 אָבער דער, וואָס איז באַהעפט מיט דעם האַר, איז
איין גייסט מיט אים. 18 אַנטרינט זשע פון זנות. יעדע זינד, וואָס אַ
מענטש באַגייט, איז אויסער דעם גוף; דער אָבער, וואָס איז מזַנה,
זינדיקט קעגן זײַן אייגענעם גוף. 19 אָדער צי ווייסט איר ניט, אַז אייער
גוף איז אַ מִקדש פון דעם רוח־הַקודֶש, וואָס איז אין אײַך, וואָס איר
האָט פון גאָט? און איר זענט ניט אייערע אייגענע; 20 וואָרים איר זענט
געקויפט געוואָרן מיט אַ פּרײַז. על־כּן, זאָלט איר אָפּגעבן כּבוד צו
גאָט אין אייער לײַב.

ז און בנוגע די זאַכן, וועגן וואָס איר האָט געשריבן: עס איז גוט פאַר
אַ מאַן ניט צו באַרירן קיין אִשה. 2 דאָך מחמת פון זנות־וועגן, זאָל
יעדער מאַן האָבן זײַן אייגן ווײַב, און זאָל יעדע אִשה האָבן איר
אייגענעם מאַן. 3 זאָל דער מאַן אָפּגעבן דעם ווײַב איר חוב; און אַזוי
אויך דאָס ווײַב דעם מאַן. 4 דאָס ווײַב האָט ניט קיין רשות איבער איר
אייגענעם לײַב, נייערט דער מאַן; און אַזוי האָט אויך דער מאַן ניט
קיין רשות איבער זײַן אייגענעם לײַב, נייערט דאָס ווײַב. 5 שיידט זיך
ניט אָפּ איינער פון דעם אַנדערן, סײַדן עס ווערט אָפּגערעדט אויף אַ
צײַט, כּדי איר זאָלט זיך קענען אָפּגעבן מיט תּפילה טאָן, און זײַט
צוריק צוזאַמען, כּדי דער שׂטן זאָל אײַך ניט ברענגען צו קיין נסיון
פונוועגן אייער ניט־צוריקגעהאַלטנקייט. 6 און דאָס זאָג איך בדרך
רשות, און ניט בדרך געבאָט. 7 דאָך הלוואַי זאָלן אַלע מענטשן זײַן
אַזוי ווי איך אַליין. אָבער יעדער איינער האָט זײַן אייגענע מתּנה פון
גאָט, איינער אויף דעם אופן, און אַן אַנדערער אויף יענעם.

8 צו די אומפאַרהייראַטע, און צו די אַלמנות זאָג איך: עס איז גוט פאַר
זיי, אויב זיי פאַרבלײַבן אַזוי ווי איך. 9 אָבער אויב זיי קענען זיך ניט
צוריקהאַלטן, זאָלן זיי חתונה האָבן; וואָרים עס איז בעסער חתונה צו
האָבן, איידער צו ברענען.

10 צו די פאַרהייראַטע אָבער געביט איך, יאָ, ניט איך, נייערט דער האַר,
אַז דאָס ווײַב זאָל זיך ניט אָפּשיידן פון איר מאַן, 11 (טוט זי זיך אָבער
אָפּשיידן, זאָל זי פאַרבלײַבן אומפאַרהייראַט, אָדער זיך איבערבעטן
מיט דעם מאַן), און אַז דער מאַן זאָל ניט פאַרלאָזן זײַן ווײַב.

12 צו די איבעריקע אָבער זאָג איך, ניט דער האַר: אויב אַ ברודער האָט
אַן אומגלויביק ווײַב, און זי איז מסכּים צו וואוינען מיט אים, זאָל ער
זי ניט פאַרלאָזן. 13 און דאָס ווײַב, וואָס האָט אַן אומגלויביקן מאַן, און
דער איז מסכּים צו וואוינען מיט איר, זאָל זי איר מאַן ניט פאַרלאָזן.

---

[1] בראשית ב, 24.

14 וואָרים דער אומגלויביקער מאַן ווערט געהייליקט דורך דעם ווייב,
און דאָס אומגלויביקע ווייב ווערט געהייליקט דורך דעם ברודער; אַז
ניט, וואָלטן אייערע קינדער געווען טָמא, נאָר אַצינד זענען זיי הייליק.
15 אויב אָבער דער אומגלויביקער וויל זיך אָפּשיידן, לאָז ער זיך
אָפּשיידן; דער ברודער, אָדער די שוועסטער, איז ניט געבונדן אין
אַזוינע פאַלן; און גאָט האָט אונדז באַרופן צו שָלום. 16 וואָרים וויאַזוי
ווייסטו, אָ אִשה, צי דו וועסט מַציל זיין דיין מאַן? אָדער וויאַזוי
ווייסטו, אָ מאַן, צי דו וועסט מַציל זיין דיין ווייב? 17 נייערט ווי דער
האַר האָט צוגעטיילט יעדן מענטשן, ווי גאָט האָט יעדן באַרופן, אַזוי
זאָל ער לעבן. און אַזוי בין איך מתַקן אין אַלע קהִילות. 18 איז עמיצער
באַרופן בעת אַ געמַלטער, זאָל ער ניט ווערן אומגעמַלט. איז עמיצער
באַרופן געוואָרן אין עָרלה, זאָל ער ניט געמַלט ווערן. 19 מִילה איז
גאָרניט, און עָרלה איז גאָרניט, נייערט דאָס היטן פון די מִצוות פון
גאָט. 20 לאָז יעדער פאַרבלייַבן אין יענער באַרופונג, אין וועלכער ער
איז באַרופן געוואָרן. 21 ביסטו באַרופן געוואָרן אַלס קנעכט, זאָל עס
דיך ניט אַרן. אויב אָבער דו קענסט ווערן פריי, באַנוץ די געלעגנהייט.
22 וואָרים דער, וואָס איז באַרופן אין דעם האַר אַלס אַ קנעכט, איז
דעם האַרס באַפרייַטער; אַזוי אויך דער, וואָס איז געווען פריי, בעת ער
איז באַרופן געוואָרן, איז מָשִיחס קנעכט. 23 איר זענט געקויפט
געוואָרן מיט אַ פּרייַז; ווערט ניט קיין קנעכט פון קיין מענטשן.
24 ברידער, לאָז יעדער איינער, אין וואָס פאַר אַ מַצב ער איז באַרופן
געוואָרן, פאַרבלייַבן אין דעם מיט גאָט.

25 און בנוֹגע בתולות, האָב איך ניט קיין געבאָט פון דעם האַר; איך גיב
אָבער מיין מיינונג ווי איינער, וואָס האָט געפונען רחמָנות ביי דעם
האַר, צו זיין באַגלויבט. 26 איך מיין דעריבער, אַז פונוועגן דער
איצטיקער צָרה, איז עס גוט פאַר אַ מענטשן צו זיין ווי ער איז.
27 ביסטו צוגעבונדן צו אַ ווייב? זוך ניט צו ווערן פריי. ביסטו פריי פון
אַ ווייב? זוך ניט קיין ווייב. 28 האָסטו אָבער חַתונה געהאַט, האָסטו
ניט געזינדיקט; און אויב אַ בתולה האָט חַתונה, האָט זי ניט
געזינדיקט. אָבער אַזוינע וועלן האָבן צָרות אין דעם פלייש; און איך
וואָלט אייך וועלן פאַרשוינען. 29 דאָס אָבער זאָג איך, ברידער, די צייט
איז קורץ. און פון איצט־אָן זאָלן יענע, וואָס האָבן ווייבער, זיין גלייך
ווי זיי וואָלטן זיי ניט געהאַט; 30 און יענע, וואָס וויינען, גלייך ווי זיי
וואָלטן ניט געוויינט; און יענע, וואָס פרייען זיך, גלייך ווי זיי וואָלטן
זיך ניט געפרייט;

און יענע, וואָס קויפן, גלייך ווי זיי וואָלטן עס ניט פאַרמאָגט; 31 און יענע,
וואָס האָבן הֲנָאה פון דער וועלט, גלייך ווי זיי וואָלטן זי ניט באַנוצט;
וואָרים די געשטאַלט פון דער דאָזיקער וועלט פאַרגייט.
32 איך וואָלט וועלן איר זאָלט זיין פריי פון דַאגות. דער, וואָס איז ניט
פאַרהייראַט, זאָרגט פונוועגן די זאַכן פון דעם האַר, וויאַזוי ער זאָל
וואוילגעפעלן ווערן דעם האַר; 33 דער אָבער, וואָס איז פאַרהייראַט, זאָרגט
פונוועגן די זאַכן פון דער וועלט, וויאַזוי ער זאָל וואוילגעפעלן ווערן זיין
ווייב, 34 און איז צעטיילט. אַזוי אויך די אִשה, וואָס איז ניט פאַרהייראַט, און
די בתולה, זאָרגט פונוועגן די זאַכן פון דעם האַר, כּדי זי זאָל זיין הייליק, סיי
אין דעם גוף און סיי אין דעם גייסט; אָבער די, וואָס איז פאַרהייראַט, זאָרגט
פונוועגן די זאַכן פון דער וועלט, וויאַזוי זי זאָל וואוילגעפעלן ווערן איר
מאַן. 35 און דאָס זאָג איך פאַר אייער אייגענער טובה וועגן, און ניט צו
וואַרפן אַ נעץ איבער אייך, נייערט איר זאָלט זיך פירן ווי געהעריק, און כּדי
איר זאָלט קענען דינען דעם האַר אומגעשטערט.
36 אויב עמיצער מיינט, אַז ער באַנעמט זיך ניט פּאַסיק קעגן זיין יונגפרוי,
בעת זי איז אַריבער איר בליִאונג־צייט, און אויב סע באַדאַרף אַזוי צו זיין,
זאָל ער טאָן וואָס ער וויל; ער זינדיקט ניט; לאָזן זיי הַתונה האָבן. 37 דער
אָבער, וואָס איז פעסט אין זיין האַרצן, און האָט עס ניט נייטיק, נייערט האָט
שליטה איבער זיין אייגענעם ווילן, און האָט באַשלאָסן אין זיין האַרצן צו
פאַרשוינען זיין אייגענע יונגפרוי, אַזוי טוט ער רעכט. 38 בכֵן, דער, וואָס
מאַכט חַתונה זיין יונגפרוי, טוט גוט; און דער, וואָס מאַכט זי ניט חַתונה,
וועט טאָן נאָך בעסער.
39 אַ ווייב איז געבונדן צו איר מאַן כָּל־זמַן ער לעבט; אויב אָבער דער מאַן
שטאַרבט, איז זי פריי חַתונה צו האָבן מיט וועמען זי וויל, נייערט נאָר אין
דעם האַר. 40 לויט מיין מיינונג, איז זי אָבער גליקלעכער, אויב זי פאַרבלייַבט
אַזוי ווי זי איז; און איך מיין, אַז איך פאַרמאָג אויך דעם גייסט פון גאָט.
ח און בנוֹגֵע די זאַכן, וואָס מען איז מַקריב צו אָפּגעטער: מיר ווייסן, אַז מיר
אַלע האָבן פאַרשטענדעניש. וויסן בלאָזט אויף, אָבער ליבשאַפט בויט אויף.
2 אויב עמיצער מיינט, אַז ער פאַרשטייט עפּעס, פאַרשטייט ער נאָך ניט, ווי
ער וואָלט באַדאַרפט פאַרשטיין. 3 נאָר אויב עמיצער האָט ליב גאָט, דער
דאָזיקער ווערט דערקענט פון אים.
4 און וואָס שַייך דעם עסן פון זאַכן, וואָס מען איז מַקריב צו אָפּגעטער,
ווייסן מיר, אַז קיין שום אָפּגאָט איז עפּעס אין דער וועלט, און אַז ס'איז ניטאָ
קיין גאָט, אַחוץ איינער. 5 וואָרים חַגַם סע זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווערן
אָנגערופן געטער, סיי אין הימל, סיי אויף דר'ערד, – ווי עס זענען פאַראַן
געטער אַ סך, און האַרן אַ סך,– 6 דאָך

פאַר אונדז איז פאַראַן איין גאָט, דער פאָטער, פון וועמען עס איז
אַלצדינג, און מיר פאַר אים און איין האַר, יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דורך וועמען
סע זענען אַלע זאַכן, און מיר דורך אים.
7 דאָך ניט אין אַלע מענטשן איז דאָ די פאַרשטענדעניש; נייערט טייל,
וואָס זענען געוואוינט בּיז איצט צו דעם אָפּגאָט, עסן ווי פון אַ זאַך,
וואָס מען האָט מַקריב געווען צו אַן אָפּגאָט; און זייער געוויסן, וואָס
איז שוואַך, ווערט בּאַפלעקט. 8 אָבער שפּייז וועט אונדז ניט בּאַווייליקן
צו גאָט; אויך זענען מיר ניט ערגער, אויב מיר עסן ניט, אויך ניט
בעסער, אויב מיר עסן יאָ. 9 גיט אָבער אַכטונג, אַז די דאָזיקע פרייַהייט
אייערע זאָל ניט דורך עפּעס ווערן אַ מִכשול פאַר די שוואַכע.
10 וואָרים אויב עמיצער זעט דיך, וואָס האָסט פאַרשטענדעניש, זיצן
בּיי אַ מאָלצייט אין דעם טעמפּל פון אַן אָפּגאָט, וועט ניט זיין געוויסן,
אויב ער איז שוואַך, דערמוטיקט ווערן צו עסן זאַכן, וואָס מען האָט
מַקריב געווען צו אָפּגעטער? 11 און דורך דיין פאַרשטענדעניש גייט
דער שוואַכער בּרודער פאַרלוירן, פאַר וועמען מָשִיחַ איז געשטאָרבּן.
12 און אַזוי, בּעת איר זינדיקט קעגן די בּרידער, און פאַרלעצט זייער
שוואַך געוויסן, זינדיקט איר קעגן מָשִיחַן. 13 איבּערדעם, אויב אַ שפּייז
איז גוֹרֵם מיין בּרודער צו שטרויכלען, וועל איך קיינמאָל ניט עסן קיין
פלייש, כּדי איך זאָל ניט גוֹרֵם זיין מיין בּרודער צו שטרויכלען.
ט בּין איך ניט פריי? בּין איך ניט קיין שלִיחַ? האָבּ איך ניט געזען
יֵשוּעַן, אונדזער האַר? זענט איר ניט מיין ווערק אין דעם האַר? 2 אויב
פאַר אַנדערע בּין איך ניט קיין שלִיח, צום ווינציקסטן בּין איך עס
דאָך פאַר אייך; וואָרים דער חוֹתם פון מיין שלִיחות זענט איר אין
דעם האַר.
3 דאָס איז מיין רעכטפאַרטיקונג פאַר די, וואָס פאָרשן מיך אויס. 4 צי
האָבּן מיר ניט קיין רשות צו עסן און צו טרינקען? 5 צי האָבּן מיר ניט
קיין רשות אַרומצופירן אַ שוועסטער פאַר אַ ווייבּ, אַזוי ווי די
איבּעריקע שלִיחים, און די בּרידער פון דעם האַר, און כֵּיפָא? 6 אָדער
איך נאָר און בַּר־נַבָּא, האָבּן מיר ניט קיין רשות ניט צו אַרבּעטן?
7 וואָסער זעלנער טוט גאָר דינען אויף זיינע אייגענע הוֹצָאות? ווער
פלאַנצט אַ וויינגאָרטן, און עסט ניט פון אים קיין פֵּירות? אָדער ווער
פיטערט אַ סטאַדע, און געניסט ניט פון דער מילך פון דער סטאַדע?
8 צי טו איך רעדן די דאָזיקע זאַכן לויט דעם שטייגער פון מענטשן?
אָדער צי זאָגט ניט די תּוֹרה אויך דאָס זעלבּע? 9 וואָרים סע שטייט
געשריבּן אין תּוֹרַת־מֹשה: זאָלסט ניט פאַרבּינדן אַן אָקס דאָס מויל,
בּעת ער דרעשט.[1] צי זאָרגט דען גאָט פאַר אָקסן? 10 אָדער

[1] דברים כה, 4.

זאָגט ער דאָס פוּן אוּנדזערטוועגן בּכלל? יאָ, פוּן אוּנדזערטוועגן איז
עס געשריבֿן געוואָרן, וואָרים דער, וואָס אַקערט, דאַרף אַקערן מיט
האָפֿנוּנג, אוּן דער, וואָס דרעשט, אין דער האָפֿנוּנג צוּ בּאַקוּמען אַ
חלק.
11 אויבֿ מיר האָבֿן געזייט אין אייך ג ייַסטיקע זאַכן, איז עס אַזאַ גרויסער
ענין, אויבֿ מיר וועלן שניידן אייערע ערדישע זאַכן? 12 אויבֿ אַנדערע
האָבֿן אַ חלק אין דעם רעכט איבער אייך, האָבֿן מיר ניט אַ סך מער? דאָך
האָבֿן מיר ניט אויסגענוּצט דאָס דאָזיקע רעכט, נייערט מיר טראָגן איבער
אַלצדינג, כּדי מיר זאָלן ניט מאַכן קיין שטערוּנג פֿאַר דער בּשׂוּרה פוּן
מָשיחַ. 13 ווייסט איר ניט, אַז די, וואָס טוּען די הייליקע עבֿוֹדה, עסן פוּן
די זאַכן פוּן דעם מִקדש, אוּן די, וואָס דינען פֿאַר דעם מִזבּח, נעמען זייער
חלק אין דעם מִזבּח? 14 פּוּנקט אַזוי האָט אויך דער האַר מתקן געווען, אַז
די, וואָס זאָגן אָן די בּשׂוּרה טובֿה, זאָלן לעבן פוּן דער בּשׂוּרה טובֿה.
15 איך האָבֿ אָבער ניט אויסגענוּצט קיין איינציקע פוּן די דאָזיקע זאַכן;
אוּן איך האָבֿ דאָס ניט געשריבֿן, כּדי סע זאָל אַזוי געטאָן ווערן אין מיין
פֿאַל; וואָרים איך וואָלט ליבער שטאַרבֿן, איידער עמיצער זאָל צוּנישט
מאַכן מיין רימען זיך. 16 וואָרים אויבֿ איך זאָג אָן די בּשׂוּרה טובֿה, דאַרף
איך מיך ניט רימען מיט דעם, וואָרים איך בּין מחויבֿ דאָס צוּ טאָן; אוּן
ווי איז מיר, אויבֿ איך טוּ ניט אָנזאָגן די בּשׂוּרה טובֿה! 17 וואָרים אויבֿ
איך טוּ דאָס פוּן מיין אייגענעם ווילן, קריג איך אַ שׂכר; נאָר אויבֿ ניט פוּן
מיין אייגענעם ווילן, האָבֿ איך אַ שליחות, וואָס איז מיר אָנפֿאַרטרויט
געוואָרן. 18 וואָס זשע איז מיין שׂכר? דאָס: וואָס בּעת איך טוּ אָנזאָגן די
בּשׂוּרה טובֿה, זאָל איך קענען בּרענגען די בּשׂוּרה טובֿה אָן געצאָלטס,
כּדי ניט אויסצוּנוּצן מיין רעכט אין דער בּשׂוּרה טובֿה.
19 וואָרים הגם איך בּין פֿריי פוּן אַלע מענטשן, האָבֿ איך מיך געמאַכט
פֿאַר אַ בּאַדינער צוּ אַלע, כּדי איך זאָל געווינען וואָס מערער. 20 פֿאַר די
יידן בּין איך געוואָרן ווי אַ ייִד, כּדי איך זאָל געווינען די ייִדן; פֿאַר די,
וואָס זענען אוּנטער דער תּוֹרה, ווי אוּנטער דער תּוֹרה, בּעת אַליין בּין איך
ניט אוּנטער דער תּוֹרה, כּדי איך זאָל געווינען די, וואָס זענען אוּנטער
דער תּוֹרה; 21 פֿאַר די, וואָס זענען אָן אַ תּוֹרה, ווי אָן אַ תּוֹרה, בּעת איך
בּין ניט אָן גאָטס תּוֹרה, נייערט אוּנטער מָשיחַס תּוֹרה, כּדי איך זאָל
געווינען די, וואָס זענען אָן אַ תּוֹרה. 22 פֿאַר די שוואַכע בּין איך געוואָרן
שוואַך, כּדי איך זאָל געווינען די שוואַכע. איך בּין געוואָרן אַלצדינג פֿאַר
אַלע מענטשן, כּדי בּכל־אוֹפן מַציל צוּ זיין טייל פוּן זיי. 23 אוּן איך טוּ
אַלצדינג פֿאַר דער בּשׂוּרה־וועגן, כּדי איך זאָל האָבֿן אַ חלק אין איר.
24 צי ווייסט איר ניט, אַז די, וואָס לויפֿן אין אַ וועט־לויף, לויפֿן אַלע,
אָבער נאָר איינער בּאַקוּמט דעם פּרייַז? פּוּנקט אַזוי לויפֿט, כּדי

איר זאָלט אים באַקומען. 25 און יעדער אַטלעט, וואָס קעמפט אין די
שפּילן, באַהערשט זיך אין אַלצדינג. און זיי טוען עס כּדי צו באַקומען אַ
פאַרדאַרבלעכען קראַנץ, מיר אָבער – אַן אומפאַרדאַרבלעכען. 26 איך
לויף דעריבער אַזוי, ניט ווי אומזיכער; איך באָקס ניט אַזוי ווי איינער,
וואָס שלאָגט די לופט; 27 נייערט איך דיסציפּלינירן מיין לייַב, און צווינג
אים אַז ער זאָל זיין געהאָרכיק, טאָמער וועל איך דורך עפּעס, נאָכדעם
ווי איך האָב געדרשנט פאַר אַנדערע, אַליין פאַרוואָרפן ווערן.
י איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, ברידער, אַז אונדזערע אָבות זענען אַלע
געווען אונטער דעם וואָלקן, און אַלע זענען אַריבערגעגאַנגען איבער
דעם יַם; 2 און אַלע זענען געטובלט געוואָרן אויף משהן אין דעם
וואָלקן און אין דעם יַם, 3 און האָבן אַלע געגעסן די זעלבע גייַסטיקע
שפּייז, 4 און האָבן אַלע געטרונקען דעם זעלבן גייַסטיקן טרונק; וואָרים
זיי האָבן געטרונקען פון אַ גייַסטיקן פעלזן, וואָס האָט זיי באַגלייט
און דער פעלז איז געווען מָשִיחַ. 5 דאָך זענען די מיינסטע פון זיי
ניט וואוילגעפעלן געוואָרן גאָט; וואָרים זיי זענען אומגעקומען אין
דער מִדבר.
6 און די דאָזיקע זאַכן זענען געווען ביישפּילן פאַר אונדז, כּדי מיר זאָלן
ניט גלוסטן נאָך קיין שלעכטיקייטן, אַזויווי זיי האָבן געגלוסט. 7 זייט
אויך ניט קיין געצנדינער, ווי טייל פון זיי זענען געווען; ווי סע שטייט
געשריבן: דאָס פאָלק האָט זיך אַנידערגעזעצט צו עסן און טרינקען, און
זיי זענען אויפגעשטאַנען צו שפּילן זיך.[1] 8 לאָמיר אויך ניט באַגיין קיין
ניאוף, ווי טייל פון זיי זענען באַגאַנגען, און זענען געפאַלן אין איין
טאָג דריי און צוואַנציק טויזנט.[2] 9 לאָמיר אויך ניט אויספּרואוון גאָט,
ווי טייל פון זיי האָבן אים אויסגעפּרואווט, און זענען אומגעקומען
דורך די שלאַנגען.[3] 10 איר זאָלט אויך ניט מורמלען, ווי טייל פון זיי
האָבן געמורמלט, און זענען אומגעקומען דורך דעם מַשחִית.[4] 11 און די
דאָזיקע זאַכן זענען געשען צו זיי פאַר אַ ביישפּיל; און זיי זענען
פאַרשריבן געוואָרן צו זיין אַ וואָרענונג פאַר אונדז, אויף וועמען דער
סוף פון די צייטן האָט גענעענט. 12 בכֵן, לאָז דער, וואָס מיינט, אַז ער
שטייט, אַכטונג געבן, אַז ער זאָל ניט פאַלן. 13 סע האָט אייך קיין שום
נסָיון ניט געטראָפן, סיידן אַזאַ ווי אַ מענטש קאָן פאַרטראָגן. אָבער
גאָט איז געטריי, וואָס וועט ניט לאָזן, אַז איר זאָלט געפּרואווט ווערן
איבער אייערע כּוחות; נייערט ער וועט מיט דעם נסָיון אויך מאַכן אַן
אויסוועג, כּדי איר זאָלט אים קאָנען דערטראָגן.
14 איבערדעם, מיינע באַליבטע, אנטלויפט פון געצנדינערייַ. 15 איך רעד
ווי צו פאַרשטענדיקע; מִשפּט איר אַליין, וואָס איך זאָג. 16 דער כּוס

[1] שמות לב, 6. [2] במדבר כה, 1-9. [3] במדבר כא, 5, 6. [4] במדבר יד, 2, 36.

פון בּרָכה, איבּער וועלכן מיר מאַכן אַ בּרָכה, איז דאָס ניט קיין
באַהעפטונג מיט דעם בּלוט פון מָשִיחַן? די מַצה, וואָס מיר בּרעכן אָפּ,
איז דאָס ניט קיין באַהעפטונג מיט דעם לײַבּ פון מָשִיחַן? 17 און מַחמת
עס איז איין מַצה, זענען מיר, וואָס זענען אַ סך, איין לײַבּ, וואָרים מיר
אַלע האָבּן אַ חֵלֶק אין דער איינער מַצה. 18 זעט די נאַטירלעכע בּנֵי־
יִשׂרָאֵל: צי זענען זיי, וואָס עסן די קָרבָּנות, ניט באַהעפט מיט דעם
מִזבֵּחַ? 19 דעריבּער, וואָס זאָל איך זאָגן? אַז אַ זאַך, וואָס מען האָט
מַקריב געווען צו אָפּגעטער האָט אַ מַמָשות, אָדער אַז אַן אָפּגאָט האָט
אַ מַמָשות? 20 איך זאָג גיכער, אַז דאָס, וואָס די געצנדינער זענען
מַקריב, זענען זיי מַקריב צו רוחות, און ניט צו גאָט. און איך וויל ניט,
אַז איר זאָלט פירן חַברותֶאשאַפט מיט רוחות. 21 איר קענט ניט
טרינקען דעם כּוס פון דעם האַר, און דעם כּוס פון רוחות; איר קענט
ניט האָבּן אַ חֵלֶק אין דעם טיש פון דעם האַר, און אין דעם טיש פון
רוחות. 22 אָדער זאָלן מיר דערצערענען דעם האַר צו קִנאה? זענען מיר
שטאַרקער פון אים?

23 אַלצדינג איז דערלויבּט, אָבּער ניט אַלצדינג איז נוצלעך. אַלצדינג
איז דערלויבּט, אָבּער ניט אַלצדינג בּויט אויף. 24 זאָל קיינער ניט זוכן
זיין אייגענע טובה, נייערט יעדער זיין חַברס. 25 אַלץ, וואָס סע ווערט
פאַרקויפט אין די יאַטקעס, עסט, און פרעגט ניט קיין שאַלה פון
געוויסנוועגן; 26 וואָרים די ערד געהערט גאָט, און די פולקייט פון
איר.[1] 27 און אויבּ איינער פון די, וואָס גלויבּן ניט, בּעט אייך אויף אַ
סעודה, און איר האָט בּדֵעה צו גיין, זאָלט איר עסן אַלץ, וואָס סע
ווערט געשטעלט פאַר אייך, און פרעגט ניט קיין שאַלה פון
געוויסנוועגן. 28 נאָר אויבּ עמיצער זאָגט צו אייך: דאָס האָט מען
מַקריב געווען פאַר אַ קָרבּן, טאָ עסט עס ניט, פון זײַנעטוועגן, וואָס
האָט עס אָנגעוויזן, און פון געוויסנוועגן. 29 איך מיין ניט דאָס אייגענע
געוויסן, נייערט דעם אַנדערנס. וואָרים פאַרוואָס זאָל מיין פרײַהייט
געמִשפּט ווערן פון אַן אַנדערנס געוויסן? 30 און אויבּ איך גענִיס מיט
אַ בּרָכה, פאַרוואָס זאָל איך בּאַרעדט ווערן פונוועגן דעם, פאַר וועלכן
איך מאַך אַ בּרָכה?

31 בּכֵן, צי איר עסט, אָדער טרינקט, אָדער וואָס נאָר איר טוט, טוט
אַלץ פאַר דעם כָּבוד פון גאָט. 32 גיט ניט קיין געלעגנהייט פון
שטרויכלונג די יִידן, אָדער די גויים, אָדער דער קהִילה פון גאָט;

[1] תהלים כד, 1.

33 פֿונקט ווי אויך איך באַוויליק אַלע מענטשן אין אַלצדינג, און זוך
ניט מײַן אייגענעם נוצן, נײַערט דעם נוצן פֿון דעם רַבִּים, כּדי זיי זאָלן
געראַטעוועט ווערן.
יא אימיטירט מיך, אַזוֹיווי איך מָשִׁיחַן. 2 און איך לויב אײַך, וואָס איר
געדענקט מיך אין אַלצדינג, און היט אָפּ די טראַדיציעס, אַזוֹיווי איך
האָב זיי אײַך איבערגעענטפֿערט. 3 איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט וויסן,
אַז דער קאָפּ פֿון יעדן מאַן איז מָשִׁיחַ, און דער קאָפּ פֿון יעדן ווײַב איז
דער מאַן, און דער קאָפּ פֿון מָשִׁיחַן איז גאָט. 4 יעדער מאַן, וואָס איז
מִתפּלל, אָדער זאָגט נבֿיאות, און ער האַלט פֿאַרדעקט זײַן קאָפּ,
פֿאַרשעמט ער זײַן קאָפּ. 5 און יעדע אִשה, וואָס איז מִתפּלל, אָדער
זאָגט נבֿיאות, און איר קאָפּ איז אָפּגעדעקט, פֿאַרשעמט זי איר קאָפּ;
וואָרים עס איז איינס און דאָס זעלבע ווי זי וואָלט געווען געגאָלט.
6 וואָרים אויב אַ ווײַב איז ניט פֿאַרהילט, זאָל זי זיך אויך לאָזן
אָפּשערן; נאָר אויב עס איז אַ בזָיוֹן פֿאַר אַ ווײַב צו זײַן אָפּגעשוירן,
אָדער געגאָלט, זאָל זי זײַן פֿאַרהילט.
7 וואָרים אַ מאַן איז ניט מחויב צו האַלטן זײַן קאָפּ פֿאַרדעקט, מַחמת
ער איז דאָס אָפּבילד און כָּבוד פֿון גאָט; דאָס ווײַב אָבער איז דער
כָּבוד פֿון דעם מאַן. 8 (וואָרים דער מאַן שטאַמט ניט פֿון דער אִשה,
נײַערט די אִשה פֿון דעם מאַן; 9 אויך איז דער מאַן ניט באַשאַפֿן
געוואָרן פֿון דעם ווײַבסוועגן, נײַערט דאָס ווײַב פֿון דעם מאַנסוועגן.)
10 עַל־כֵּן, דאַרף אַ ווײַב האָבן אַ שלייער אויף איר קאָפּ, צוליב די
מַלאָכים. 11 אָבער אין דעם האַר איז דאָס ווײַב ניט אָן דעם מאַן, אויך
ניט דער מאַן אָן דעם ווײַב. 12 וואָרים אַזוֹיווי דאָס ווײַב שטאַמט פֿון
דעם מאַן, אַזוי שטאַמט אויך דער מאַן דורך דעם ווײַב; אַלצדינג
אָבער שטאַמט פֿון גאָט. 13 מִשפּט איר בײַ זיך אַליין; צי איז עס שיין,
אַז אַ ווײַב זאָל מִתפּלל זײַן צו גאָט ניט פֿאַרהילט? 14 צי טוט אַפֿילו די
טֶבע אַליין אײַך ניט לערנען, אַז אויב אַ מאַן טראָגט לאַנגע האָר, איז
עס אַ חרפּה פֿאַר אים, 15 נאָר אויב אַ ווײַב טראָגט לאַנגע האָר, איז עס
אַ כָּבוד פֿאַר איר? וואָרים די האָר זענען איר געגעבן געוואָרן פֿאַר אַ
צודעק. 16 נאָר אויב עמיצער מיינט צו זײַן קריגעריש, האָבן מיר ניט
אַזאַ מִנהג, און אויך ניט די קהִילות פֿון גאָט.
17 בעת אָבער איך גיב אײַך דעם דאָזיקן באַפֿעל, לויב איך אײַך ניט,
וואָס איר קומט זיך צוזאַמען ניט פֿונוועגן דעם בעסערן, נײַערט
פֿונוועגן דעם ערגערן. 18 וואָרים

קוֹדם־כָּל, בעת איר קומט זיך צוזאַמען אין דער קהילה, הער איך, אַז
מַחלוֹקת זענען פאַראַן צווישן אייך; און טיילווייז גלויב איך עס.
19 וואָרים סע מוזן אויך זיין כִּיתּות צווישן אייך, כּדי די, וואָס זענען
באַגלייבט צווישן אייך, זאָלן קענען אַנטפּלעקט ווערן. 20 בכֵן, בעת איר
קומט זיך צוזאַמען, איז עס ניט מעגלעך צו עסן דעם האַרס סעודה;
21 וואָרים בעת אייער עסן נעמט יעדער איינער פריער פאַר אַנדערע זיין
אייגענע מאָלצייט; און איינער איז הונגעריק, און אַן אַנדערער איז
שִׁיכּור. 22 וואָס? צי האָט איר ניט קיין הייזער, צו עסן און צו טרינקען אין
זיי? אָדער צי זענט איר מבַזה די עֵדה פון גאָט, און זענט מבַייש די, וואָס
האָבן גאָרניט? וואָס זאָל איך אייך זאָגן? זאָל איך אייך לויבן? פאַר דעם
לויב איך אייך ניט.
23 וואָרים איך האָב מקַבל געווען פון דעם האַר דאָס, וואָס איך האָב אויך
צו אייך איבערגעענטפערט, אַז דער האַר יֵשוּע האָט אין דער נאַכט, אין
וועלכער ער איז פאַרראָטן געוואָרן, גענומען אַ מַצה, 24 און נאָכדעם ווי
ער האָט אַ בְּרָכה געמאַכט, האָט ער זי צעבראָכן, און געזאָגט: דאָס איז
מיין לייַב, וואָס ווערט צעבראָכן פון אייַערטוועגן; טוט דאָס אין מיין
אָנדענק. 25 און אויף אַזאַ אופן אויך דעם כּוס, נאָך דער סעודה, אַזוי צו
זאָגן: דער דאָזיקער כּוס איז דער נייער בונד אין מיין בלוט; טוט דאָס,
כָּל־זמַן איר טרינקט אים, אין מיין אָנדענק. 26 וואָרים כָּל־זמַן איר עסט די
מַצה, און טרינקט דעם כּוס, טוט איר אָנזאָגן דעם האַרס טויט, ביז ער
קומט.
27 בכֵן, ווער סע וועט עסן די מַצה, און טרינקען דעם כּוס פון דעם האַר
אויף אַן אומווערדיקן אופן, וועט זיך פאַרשולדיקן קעגן דעם לייַב און
דעם בלוט פון דעם האַר. 28 נאָר לאָז אַ מענטש זיך אַליין אויספּרואוון,
און דערנאָך זאָל ער עסן פון דער מַצה און טרינקען פון דעם כּוס.
29 וואָרים דער, וואָס טוט עסן און טרינקען, עסט און טרינקט אַ פּסַק אויף
זיך אַליין, אויב ער מאַכט ניט קיין חילוק צווישן דעם לייַב פון דעם האַר.
30 איבערדעם זענען אַ סך פון אייך שוואַך און קראַנק, און ניט ווינציק
שלאָפן איין. 31 אויב אָבער מיר טוען זיך אַליין פּרואוון, וועלן מיר ניט
געמִשפּט ווערן; 32 און ווערן מיר שוין געמִשפּט, ווערן מיר געשטראָפט
פון דעם האַר, כּדי מיר זאָלן ניט פאַרמִשפּט ווערן מיט דער וועלט.
33 בכֵן, מיינע ברידער, בעת איר קומט זיך צוזאַמען צו עסן, וואַרט איינער
אויף דעם אַנדערן. 34 און אויב עמיצער איז הונגעריק, זאָל ער עסן אין
דער היים, כּדי אייער צונויפקומען זאָל ניט ווערן קיין פאַרשולדיקונג.
און דאָס איבעריקע וועל איך מתַקן זיין, ווען איך וועל קומען.
יב און בנוֹגֵע גייַסטיקע מַתָּנות, ברידער, וואָלט איך ניט וועלן פאַרהוילן
פון אייך קיין שום זאַך. 2 איר ווייסט, אַז בעת איר זענט געווען גוֹיים,

האָט איר זיך געלאָזט פירן צו יענע שטומע אָפּגעטער, וויאַזוי נאָר מע
האָט אייך געפירט. 3 בכֵן, בין איך אייך מודיע, אַז קיינער, וואָס רעדט
דורך דעם גייסט פון גאָט, זאָגט: יֵשוּעַ זאָל זיין פאַרשאָלטן! און
קיינער קאָן ניט זאָגן: יֵשוּעַ איז האַר, סיידן דורך דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש.
4 און סע זענען פאַראַן פאַרשידענע מַתָּנוֹת, אָבֿער דער זעלבֿער גייסט;
5 און סע זענען פאַראַן פאַרשידענע עֲבוֹדוֹת, אָבֿער דער זעלבֿער האַר;
6 און סע זענען פאַראַן פאַרשידענע אַרבֿעטן, אָבֿער דער זעלבֿער גאָט,
וואָס ווירקט אין אַלצדינג אין אַלעמען. 7 נאָר יעדן איינעם איז געגעבֿן
געוואָרן די אַנטפּלעקונג פון דעם גייסט צום נוצן. 8 וואָרים איינעם איז
געגעבֿן געוואָרן דורך דעם גייסט דאָס וואָרט פון חָכמה, און אַן
אַנדערן דאָס וואָרט פון וויסן, לויט דעם זעלבֿן גייסט; 9 אַן אַנדערן
אֱמוּנה, דורך דעם זעלבֿן גייסט, און אַן אַנדערן מַתָּנוֹת פון היילן דורך
דעם איינעם גייסט, 10 אַן אַנדערן צו טאָן וואונדער, און צו אַן אַנדערן
נבואה, און אַן אַנדערן צו אונטערשיידן גייַסטער, אַן אַנדערן
פאַרשידענע מִינים לשונות, און אַן אַנדערן דאָס פאַרטייַטשן פון
לשונות. 11 אָבֿער דאָס אַלץ טוט ווירקן דער איינער און דער זעלבֿער
גייסט, וואָס פאַרטיילט יעדן איינעם באַזונדער אַזויווי ער וויל.
12 וואָרים אַזויווי דער גוף איז איינער, און האָט אַ סך אֵברים, און די
אַלע אֵברים פון דעם גוף, הַגַם זיי זענען אַ סך, זענען איין גוף, אַזוי
איז אויך מָשיחַ. 13 וואָרים דורך איין גייסט זענען מיר אַלע געטובֿלט
געוואָרן אין איין גוף, סיי ייִד אָדער גוי, סיי קנעכט אָדער פריי; און
זענען אַלע אָנגעטרונקען געוואָרן מיט איין גייסט.
14 וואָרים דער גוף איז ניט איין אֵבר, נייערט אַ סך. 15 אויבֿ דער פוס
זאָל זאָגן: ווייל איך בין ניט די האַנט, געהער איך ניט צום גוף,
געהערט ער דעריבֿער ניט צום גוף? 16 און אויבֿ דאָס אויער זאָל זאָגן:
ווייל איך בין ניט דאָס אויג, געהער איך ניט צום גוף, געהערט עס
דעריבֿער ניט צום גוף? 17 אויבֿ דער גאַנצער גוף וואָלט געווען אַן
אויג, וואו וואָלט געווען דאָס געהער? און אויבֿ ער וואָלט אינגאַנצן
געווען געהער, וואו וואָלט געווען דער חוש־הָרֵיחַ? 18 איצט אָבֿער
האָט גאָט געשטעלט די אֵברים, יעדן איינעם פון זיי אין דעם גוף,
אַזויווי אים איז וואוילגעפעלן געוואָרן.
19 און אויבֿ זיי וואָלטן אַלע געווען איין אֵבר, וואו וואָלט געווען דער
גוף? 20 אַזוי אָבֿער זענען זיי אַ סך אֵברים, נאָר איין גוף. 21 און

דאָס אויג קען ניט זאָגן צו דער האַנט; איך נייטיק מיך ניט אין דיר,
אָדער דער קאָפּ צו די פיס: איך נייטיק מיך ניט אין אייך. 22 נייערט
להיפּך, יענע אֵברים פון דעם גוף, וואָס זעען אויס צו זיין שוואַכער,
זענען נייטיק. 23 און יענע טיילן פון דעם גוף, וואָס מיר מיינען, זיי
זענען ווייניקער חשוב, די דאָזיקע באַשענקען מיר מיט אַ סך מער
כּבֿוד; און אונדזערע מיאוסע טיילן האָבן אַ סך מער ליבלעכקייט,
24 בעת אונדזערע ליבלעכע טיילן נייטיקן זיך ניט דערין. אָבער גאָט
האָט דעם גוף אַזוי צונויפגעשטעלט, און געגעבן מער כּבֿוד יענעם
טייל, וואָס איז געווען געמינערט, 25 כּדי סע זאָל ניט זיין קיין מחלוקה
אין דעם גוף, נייערט, אַז די אֵברים זאָלן טראָגן די זעלבע זאָרג איינער
פאַר דעם אַנדערן. 26 און אויב איין אֵבר טוט ליידן, ליידן מיט אים
אַלע אֵברים; אָדער ווערט איין אֵבר געאַכפּערט, אַזוי פרייען זיך מיט
אים אַלע אֵברים.
27 אָבער איר זענט דער גוף פון משיחן, און באַזונדערע אֵברים פון
אים. 28 און גאָט האָט טייל אויפגעשטעלט אין דער קהילה, ערשטנס
שליחים, צווייטנס נבֿיאים, דריטנס לערער, דערנאָך פאַר מופֿתים,
דערנאָך מתּנות פון רפֿואות, העלפערס, פאַרוואַלטונגען, פאַרשידענע
מינים פון לשונות. 29 צי זענען אַלע שליחים? זענען אַלע נבֿיאים?
זענען אַלע לערער? באַווייַזן אַלע מופֿתים? 30 האָבן אַלע מתּנות פון
רפֿואות? צי רעדן אַלע מיט לשונות? טוען אַלע פאַרטייַטשן?
31 באַגערט אָבער פלייסיק די גרעסערע מתּנות. און אויסערדעם ווייז
איך אייך אָן אַ זייער אויסגעצייכנטן וועג.
יג אויב איך זאָל רעדן מיט לשונות פון מענטשן און פון מלאָכים, און
האָב ניט קיין ליבע, בין איך געוואָרן ווי קלינגענדיק מעש, אָדער אַ
שאַלנדיקער צימבל. 2 און אויב איך האָב די מתּנה פון נבֿואה, און ווייס
אַלע סודות און אַלע חכמות, און אויב איך זאָל האָבן די גאַנצע אמונה,
אַזוי, אַז איך זאָל קענען איבערשטעלן בערג, און האָב ניט קיין ליבע,
בין איך גאָרנישט. 3 און אויב איך שענק אַוועק מיין גאַנץ פאַרמעגן,
און גיב מיין לייַב פאַרברענט צו ווערן, און האָב ניט קיין ליבע נוצט
עס מיר גאָרניט.
4 ליבע טראָגט איבער אַ סך, און איז גוט; ליבע איז ניט מקנא; ליבע
רימט זיך ניט אַליין, און איז ניט אויפגעבלאָזן. 5 זי באַנעמט זיך ניט
געמיין, זי זוכט ניט דאָס איריקע, זי דערצערנט זיך ניט, טראַכט ניט
קיין בייז, 6 זי פרייט זיך ניט אין קיין עוולה,

נייערט פרייט זיך מיט דעם אֶמת. 7 אַלצדינג פאַרטראָגט זי, אַלצדינג
גלויבט זי, אַלצדינג האָפט זי, אַלצדינג פאַרטראָגט זי.
8 ליבע וועט קיינמאָל ניט אויפהערן. אויב אָבער סע זענען פאַראַן
נבואות, וועלן זיי אָפגעטאָן ווערן; אויב לשונות, וועלן זיי בָטל ווערן;
אויב חָכמה, וועט זי אָפגעטאָן ווערן. 9 וואָרים מיר וויסן טיילווייַז,
און מיר זאָגן נביאות טיילווייַז; 10 אָבער ווען דאָס שלימותדיקע וועט
קומען, וועט דאָס, וואָס איז טיילווייַז, אָפגעטאָן ווערן.
11 ווען איך בין געווען אַ קינד, האָב איך גערעדט ווי אַ קינד, האָב
געפילט ווי אַ קינד, האָב געטראַכט ווי אַ קינד; איצט, אַז איך בין
געוואָרן אַ מאַן, האָב איך אַוועקגעלייגט די קינדישע זאַכן. 12 וואָרים
אַצינד זעען מיר אין אַ שפּיגל, אַ רעטעניש; דעמאָלט אָבער פָּנים אֶל־
פָּנים, אַצינד פאַרשטיי איך טיילווייַז, דעמאָלט וועל איך פאַרשטיין
אינגאַנצן, אַזוי ווי איך בין אויך אינגאַנצן פאַרשטאַנען געוואָרן. 13 און
אַצינד פאַרבלייַבט אֱמונה, האָפענונג, ליבע, די דאָזיקע דריי; און דאָס
גרעסטע פון זיי איז ליבע.
יד יאָגט זשע נאָך ליבע, און באַגערט פלייסיק גייַסטיקע מַתָּנות;
בעסער אָבער, אַז איר זאָלט קענען נביאות זאָגן. 2 וואָרים דער, וואָס
רעדט אין אַ לָשון, טוט ניט רעדן צו מענטשן, נייערט צו גאָט; וואָרים
קיינער פאַרשטייט אים ניט, און ער טוט רעדן סודות אין דעם גייַסט,
3 אָבער דער, וואָס זאָגט נביאות, טוט רעדן צו מענטשן פאַר זייער
אויפבויאונג, און מוסר, און טרייסט. 4 דער, וואָס רעדט אין אַ לָשון,
בויט זיך אַליין אויף; אָבער דער, וואָס זאָגט נביאות, בויט אויף די
קהִילה. 5 און איך וואָלט וועלן, אַז איר זאָלט אַלע רעדן אין לשונות;
בעסער אָבער, אַז איר זאָלט נביאות זאָגן. און גרעסער איז דער, וואָס
זאָגט נביאות, איידער דער, וואָס טוט רעדן אין לשונות, סיידן ער
פאַרטייַטשט, כּדי אויפצובויען די קהִילה.
6 און אַצינד, ברידער, אויב איך זאָל צו אייך קומען און רעדן אין
לשונות, וואָס וועל איך אייך נוצן, אויב איך וועל ניט רעדן צו אייך
דורך דעם אופן פון אַנטפּלעקונג, אָדער פון חָכמה, אָדער פון נבואה,
אָדער פון לערנונג? 7 אַפילו ניט־לעבעדיקע זאַכן, וואָס גיבן אַרויס אַ
קלאַנג, צי אַ פלייט, אָדער אַ האַרף, אויב זיי גיבן ניט אַרויס קיין
חילוק אין די קלאַנגען, וויאַזוי וועט מען וויסן וואָס סע ווערט
געשפּילט אויף דער פלייט, אָדער אויף דער האַרף? 8 וואָרים אויב דער
טרומייט גיט אַרויס אַן אומבאַשטימטן קלאַנג, ווער וועט זיך גרייטן צו
מִלחָמה? 9 אַזוי אויך מיט אייך, אויב איר וועט ניט מיט דער צונג
אַרויסרעדן פאַרשטענדיקע רייד, וויאַזוי וועט מען וויסן, וואָס סע
ווערט גערעדט? וואָרים איר וועט רעדן אין דער לופט אַריין.

10 עס זענען אַוודאי פאַראַן אַ סך מינים לשונות אין דער וועלט, און
קיין איינע פון זיי איז ניט אָן אַ זין. 11 בכן, אויב איך פאַרשטיי ניט די
באַדייטונג פון דעם לשון, וועל איך זיין פאַר דעם, וואָס רעדט, אַ
פרעמדער; און דער, וואָס רעדט, וועט זיין פאַר מיר אַ פרעמדער.
12 אַזוי אויך מיט אייך; היות איר זענט אייפעריק אין גייסטיקע מתנות,
זוכט אַז איר זאָלט מצליח זיין אין דעם אויפבויען פון דער קהילה.
13 דעריבער, זאָל דער, וואָס רעדט אין אַ לשון, מתפלל זיין, אַז ער זאָל
קענען פאַרטייטשן. 14 וואָרים אויב איך בין מתפלל אין אַ לשון, איז
מיין גייסט מתפלל; מיין פאַרשטאַנד אָבער איז אומפּרוכטיק. 15 בכן,
וואָס מיינט עס? איך וועל מתפלל זיין מיט דעם גייסט, און איך וועל
אויך מתפלל זיין מיט דעם פאַרשטאַנד; איך וועל זינגען מיט דעם
גייסט, און איך וועל אויך זינגען מיט דעם פאַרשטאַנד. 16 וואָרים אויב
דו מאַכסט אַ ברכה מיט דעם גייסט, וויאַזוי וועט דער, וואָס פאַרנעמט
דעם פּלאַץ פון דעם עם־הארץ, נאָכזאָגן אָמן ביי דיין מאַכן די ברכה,
ווען ער פאַרשטייט ניט וואָס דו זאָגסט? 17 וואָרים דו מאַכסט טאַקע
די ברכה ריכטיק, אָבער דער אַנדערער איז ניט באַלערנט. 18 איך דאַנק
גאָט, וואָס איך רעד אין לשונות מער ווי איר אַלע. 19 דאָך אין דער
קהילה וואָלט איך ליבער וועלן רעדן פינף ווערטער מיט מיין
פאַרשטאַנד, כדי איך זאָל אויך אַנדערע לערנען, איידער צען טויזנט
ווערטער אין אַ לשון.
20 ברידער, זייט ניט קיין קינדער אין פאַרשטאַנד; דאָך אין שלעכטס
זייט עופעלעך, אָבער אין פאַרשטאַנד זייט מענטשן. 21 אין דער תורה
שטייט געשריבן:

> דורך מענטשן מיט פרעמדע לשונות און דורך פרעמדע לעפצן
> וועל איך רעדן צו דעם דאָזיקן פאָלק; און אַפילו אַזוי וועלן זיי
> מיך ניט הערן, זאָגט גאָט.[1]

22 בכן, זענען לשונות פאַר אַ צייכן, ניט פאַר די, וואָס גלויבן, נייערט
פאַר די אומגלויביקע; בעת נביאות־זאָגן איז ניט פאַר די אומגלויביקע,
נייערט פאַר די, וואָס גלויבן. 23 בכן, אויב די גאַנצע קהילה זאָל זיך
צונויפקומען אינאיינעם, און אַלע זאָלן רעדן אין לשונות, און סע
קומען אַריין מענטשן עמי־הארצים, אָדער אומגלויביקע, צי וועלן זיי
ניט זאָגן, אַז איר זענט משוגע? 24 אויב אָבער אַלע זאָלן נביאות־זאָגן,
און סע קומט אַריין אַן אומגלויביקער,

[1] דברים כח, 49; ישעיה כח, 11, 12.

אָדער אַן עם־האָרץ, וועט ער געמוסרט ווערן פון אַלע, און געמשפּט ווערן פון אַלע; 25 און די פאַרבאָרגענישן פון זיין האַרץ וועלן אַנטפּלעקט ווערן; און ער וועט פאַלן אויף זיין פּנים און דינען גאָט, און מודה זיין, אַז גאָט איז באֶמת צווישן אייך.
26 וואָס זשע מיינט עס, ברידער? בעת איר קומט צוזאַמען, האָט יעדער איינער אַ מִזמור, אַ לערנונג, אַן אַנטפּלעקונג, אַ לָשון, אַ פאַרטייַטשונג. זאָל אַלצדינג געטאָן ווערן פאַר אַ באַלערנונג. 27 אויב עמיצער רעדט אין אַ לָשון, זאָל עס זיין דורך צוויי, אָדער העכסטנס דריי, און איינער נאָך דעם אַנדערן, און איינער זאָל פאַרטייַטשן.
28 אויב אָבער עס איז ניטאָ קיין פאַרטייַטשער, זאָל מען שווייגן אין דער קהִילה, און רעדן פאַר זיך אַליין און צו גאָט. 29 זאָלן צוויי אָדער דריי נבִיאים רעדן, און לאָזן די אַנדערע מִשפּטן. 30 אויב אָבער אַן אַנטפּלעקונג וועט קומען אויף אַן אַנדערן, וואָס זיצט דערבײַ, זאָל דער ערשטער שווייגן. 31 וואָרים איר אַלע קענט נבִיאות־זאָגן איינער נאָך דעם אַנדערן, כּדי אַלע זאָלן לערנען, און אַלע זאָלן זיין געטרייסט. 32 און די גייסטער פון די נבִיאים זענען אונטערטעניק צו די נבִיאים. 33 וואָרים גאָט איז ניט קיין גאָט פון אומאָרדענונג, נייערט פון שָלום.
34 ווי אין אַלע קהִילות פון די הייליקע זאָלן די ווייבער אויך שווייגן אין די קהִילות; וואָרים זיי האָבן ניט קיין רשות צו רעדן, נייערט צו זיין אונגעבערטעניק, ווי סע זאָגט אויך די תּורה.[1] 35 און אויב זיי ווילן עפּעס לערנען, זאָלן זיי פרעגן אין דער היים זייערע אייגענע מענער. וואָרים עס איז אַ חרפּה פאַר אַ ווייב צו רעדן צווישן קָהל. 36 וואָס? צי איז דאָס וואָרט פון גאָט פון אייך אַרויסגעגאַנגען, אָדער איז עס פאַר אייך אַליין געקומען?
37 אויב עמיצער מיינט, ער איז אַ נָביא, אָדער אַ באַגייַסטערטער, זאָל ער פאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס איך שרייב צו אייך, איז אַ געבאָט פון דעם האַר. 38 אויב עמיצער וויל עס ניט וויסן, זאָל ער עס ניט וויסן.
39 בכֵן, מיינע ברידער, באַגערט נבִיאות צו זאָגן, און פאַרווערט ניט צו רעדן אין לשונות. 40 נאָר זאָל אַלצדינג געטאָן ווערן אָנשטענדיק און מיט אַ סֵדר.

טו און איך דערמאָן אייך, ברידער, די בשׂורה טובה, וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט, און וואָס איר האָט אויך מקַבל געווען, און אין וועלכער

[1] בראשית ג, 16.

איר שטייט, 2 דורך וועלכער איר ווערט אויך געראַטעוועט, אויב איר וועט
האַלטן דאָס וואָרט, וואָס איך האָב אייך געדרשנט – סיידן איר האָט
געגלויבט אומזיסט.
3 וואָרים איך האָב אייך קודם־כּל איבערגעענטפערט דאָס, וואָס אויך איך
האָב מקבל געווען: אַז משיח איז געשטאָרבן פאַר אונדזערע זינד, לויט ווי סע
שטייט געשריבן,[1] 4 און אַז ער איז באַגראָבן געוואָרן, און אַז ער איז
אויפגעשטאַנען תחית־המתים דעם דריטן טאָג, לויט ווי סע שטייט געשריבן,[2]
5 און אַז ער האָט זיך אַנטפּלעקט צו כּיפאַן, דערנאָך צו די צוועלף. 6 דערנאָך
האָט ער זיך אַנטפּלעקט צו איבער פינף הונדערט ברידער מיטאַמאָל, און די
מייסטע פון זיי לעבן נאָך, נאָר טייל זענען אַנטשלאָפן געוואָרן. 7 דערנאָך
האָט ער זיך אַנטפּלעקט צו יעקבֿן, דערנאָך צו אַלע שליחים. 8 און צום סוף
פון אַלע, ווי צו דעם מפּיל, האָט ער זיך אויך אַנטפּלעקט צו מיר. 9 וואָרים
איך בין דער מינדסטער פון די שליחים, וואָס בין ניט ראָוי גערופן צו ווערן אַ
שליח, מחמת איך האָב גערודפט די קהילה פון גאָט. 10 אָבער דורך דעם חסד
פון גאָט בין איך, וואָס איך בין; און זיין חסד לגבי מיר איז ניט געווען
אומזיסט, נייערט איך האָב מיך געמיט אַ סך מער ווי זיי אַלע; דאָך ניט איך,
נייערט דער חסד פון גאָט, וואָס איז געווען מיט מיר. 11 בכן, צי דאָס איז איך,
אָדער זיי, אַזוי דרשענען מיר, און אַזוי האָט איר געגלויבט.
12 דעריבער, אויב פונוועגן דעם משיח ווערט געדרשנט, אַז ער איז
אויפגעשטאַנען תחית־המתים, וויאַזוי זאָגן טייל פון אייך, אַז ס'איז גאָר ניטאָ
קיין תחית־המתים? 13 און אויב עס איז ניטאָ קיין תחית־המתים, איז אויך
משיח ניט אויפגעשטאַנען. 14 און אויב משיח איז ניט אויפגעשטאַנען,
דעמאָלט איז אונדזער דרשענען אומזיסט, און אייער אמונה איז אויך
אומזיסט. 15 און אויך מיר זענען פאַלשע עדות פון גאָט, מחמת מיר האָבן
עדות געזאָגט פונוועגן גאָט, אַז ער האָט אויפגעוועקט משיחן, וועמען ער
האָט ניט אויפגעוועקט, אויב ס'איז אמת, אַז די טויטע וועלן ניט אויפשטיין.
16 וואָרים אויב די טויטע ווערן ניט אויפגעוועקט, איז משיח ניט
אויפגעשטאַנען; 17 און אויב משיח איז ניט אויפגעשטאַנען, איז אייער
אמונה אומזיסט, און איר זענט נאָך אין אייערע זינד. 18 אויב אַזוי זענען אויך
די, וואָס זענען אַנטשלאָפן געוואָרן אין משיחן, פאַרלוירענע. 19 אויב מיר
האָבן נאָר אין דעם דאָזיקן לעבן געהאָפט אויף משיחן, זענען מיר מער צום
באַדויערן פון אַלע מענטשן.
20 איצט אָבער איז משיח אויפגעשטאַנען פון די טויטע, דער ערשטער פון די
אַנטשלאָפענע. 21 וואָרים אַזוי־ווי דורך אַ מענטשן איז געקומען דער טויט,
אַזוי איז אויך דורך אַ מענטשן געקומען תחית־המתים. 22 וואָרים ווי אין
אָדמען שטאַרבן אַלע,

[1] בראשית ג, 16.

אַזוי אויך אין מָשִׁיחַן וועלן אַלע לעבעדיק ווערן. 23 נאָר יעדער אין זיין
אייגענעם סֵדר: קוֹדם־כָּל מָשִׁיחַ, דער ערדשטער, דערנאָך די, וואָס
געהערן מָשִׁיחַן ביי זיין קוּמען. 24 דערנאָך קוּמט דער קֵץ, בעת ער
וועט איבערענטפערן דאָס מַלכות צוּ גאָט, דעם פאָטער, נאָכדעם ווי
ער וועט האָבן אָפּגעשאַפט יעדע מֶמשָׁלה אוּן יעדע געוועלטיקוּנג אוּן
מאַכט. 25 וואָרים ער מוּז הערשן, ביז ער וועט האָבן געלייגט אַלע
זיינע פיינט אוּנטער זיינע פיס.[1] 26 דעם לעצטן שׂוֹנא, וואָס ער וועט
אוּמברענגען, איז דער טויט. 27 וואָרים אַלצדינג האָט ער אוּנטערטעניק
געמאַכט אוּנטער זיינע פיס. אוּן ווען ער זאָגט: אַלצדינג איז
אוּנטערטעניק אוּנטער אים, איז קלאָר, אַז אַחוץ דעם, וואָס האָט
אַלצדינג אוּנטערטעניק געמאַכט אוּנטער אים. 28 אוּן ווען אַלצדינג
וועט זיין אים אוּנטערטעניק, דעמאָלט וועט אויך דער זוּן אַליין ווערן
אוּנטערטעניק אוּנטער אים, וואָס האָט אוּנטערטעניק געמאַכט אַלצדינג
אוּנטער אים, כּדי גאָט זאָל זיין אַלץ אין אַלעמען.
29 אויבֿ ניט, וואָס זאָלן טאָן די, וואָס ווערן געטוֹבלט פוּנוועגן די
טויטע? אויבֿ די טויטע וועלן בִּכלַל ניט אויפשטיין, צוּ וואָס זאָל מען
זיך נאָך טוֹבלען פוּנוועגן זיי? 30 פאַרוואָס שטעלן מיר זיך אויך אין
סַכָּנה יעדע שָׁעה? 31 טעגלעך שטאַרבֿ איך, איך פאַרזיכער אייך דוּרך
מיין רימען זיך אין אייך, ברידער, וואָס איך האָבֿ אין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ,
אוּנדזער האַר. 32 אויבֿ איך האָבֿ געקעמפט מיט ווילדע חַיות אין
עפעזוּס לויט דעם שטייגער פוּן מענטשן, וואָסער נוּצן האָבֿ איך
דערפוּן? אויבֿ די טויטע שטיין ניט אויף, לאָמיר עסן אוּן טרינקען,
וואָרים מאָרגן שטאַרבן מיר. 33 זייט ניט גענאַרט; שלעכטע חַברוּתא
פאַרדאַרבן גוּטע מִידות. 34 ווערט ווידער ניכטערן, ווי סע באַדאַרף צוּ
זיין, אוּן זינדיקט ניט; וואָרים טייל האָבן ניט קיין קענטעניש פוּן גאָט.
צוּ אייער שאַנד מוּז איך דאָס זאָגן.
35 אָבער עמיצער וועט זאָגן: וויאַזוי וועלן די טויטע אויפשטיין? אוּן
מיט וואָסער מין לייַבֿ קוּמען זיי? 36 דוּ נאַר איינער! דאָס, וואָס דוּ
אַליין זייעסט, ווערט ניט לעבעדיק, סיידן סע שטאַרבט. 37 אוּן דאָס,
וואָס דוּ זייעסט, זייעסטוּ ניט דעם לייַבֿ, וואָס דאַרף זיין, נייערט אַ פָּשוּט
קערנדל, סע קאָן זיין פוּן ווייץ, אָדער פוּן עפּעס אַן אַנדער מִין. 38 גאָט
אָבער גיט אים אַ גוּף אַזוֹיווי אים ווערט וואוילגעפעלן, אוּן פאַר יעדן
קערן אַ לייַבֿ פוּן זיין מִין. 39 ניט יעדעס פלייש איז דאָס זעלבע פלייש;
נייערט אַנדערש איז דאָס פלייש פוּן מענטשן, אוּן אַנדערש דאָס פלייש
פוּן בְּהֵמות, אוּן אַנדערש דאָס פלייש פוּן פייגל,

[1] תהלים קי, 1.

און אַנדערש פֿון פֿיש. 40 עס זענען אויך פֿאַראַן הימלישע קערפּערס, און
קערפּערס ערדישע; אָבער די הערלעכקייט פֿון די הימלישע איז איינס,
און די הערלעכקייט פֿון די ערדישע איז אַן אַנדערע. 41 עס איז פֿאַראַן אַ
הערלעכקייט פֿון דער זון, און אַן אַנדער הערלעכקייט פֿון דער לְבָנה, און
אַן אַנדער הערלעכקייט פֿון די שטערן; וואָרים איין שטערן
אונטערשיידט זיך פֿון אַן אַנדער שטערן אין הערלעכקייט.
42 אַזוי איז אויך מיט תּחִיַת־הַמֵתים. עס ווערט געזייט אין
פֿאַרדאַרבלעכקייט, עס שטייט אויף אין אומפֿאַרדאַרבלעכקייט; 43 עס
ווערט געזייט אין אומכָּבוד, עס שטייט אויף אין כָּבוד; עס ווערט געזייט
אין שוואַכקייט, עס שטייט אויף אין שטאַרקייט; 44 עס ווערט געזייט אַ
נאַטירלעכער לײַב, עס שטייט אויף אַ גײַסטיקער לײַב. אויב עס איז
פֿאַראַן אַ נאַטירלעכער לײַב, איז אויך פֿאַראַן אַ גײַסטיקער לײַב. 45 און
אַזוי שטייט אויך געשריבן: דער ערשטער מענטש, אָדָם־הָראשון, איז
געוואָרן אַ לעבעדיקע נשָמה, דער לעצטער אָדָם איז געוואָרן אַ גייסט,
וואָס גיט לעבן. 46 דאָך דאָס איז ניט ערשט, וואָס איז גײַסטיק, נייערט
דאָס, וואָס איז נאַטירלעך, דערנאָך דאָס, וואָס איז גייסטיק. 47 אָדָם־
הָראשון איז פֿון דער ערד, ערדיש; דער צווייטער מענטש איז פֿון הימל.
48 ווי עס איז דער ערדישער, אַזוינע זענען אויך די, וואָס זענען ערדיש;
און ווי עס איז דער הימלישער, אַזוינע זענען אויך די, וואָס זענען
הימליש. 49 און אַזוי ווי מיר האָבן געטראָגן דאָס בילד פֿון דעם ערדישן,
וועלן מיר אויך טראָגן דאָס בילד פֿון דעם הימלישן. 50 און דאָס זאָג איך,
ברידער, אַז בָּשׂר־וָדָם קאָן ניט יַרשענען דאָס מַלכות פֿון גאָט; אויך
ירשענט פֿאַרדאַרבלעכקייט ניט אומפֿאַרדאַרבלעכקייט.
51 זעט, איך בין אייך מגַלה אַ סוד: מיר אַלע וועלן ניט אַנטשלאָפֿן ווערן,
נייערט מיר וועלן אַלע פֿאַרענדערט ווערן, 52 אין אַ רֶגע, אין אַ הֶרף־עַיִן,
בײַ דעם לעצטן שופֿר־בלאָז; וואָרים דער שופֿר וועט שאַלן, און די
טויטע וועלן אויפֿשטיין אומפֿאַרדאַרבלעך, און מיר וועלן פֿאַרענדערט
ווערן. 53 וואָרים דאָס דאָזיקע פֿאַרדאַרבלעכע מוז זיך אָנטאָן
אומפֿאַרדאַרבלעכקייט, און דאָס דאָזיקע שטאַרבלעכע מוז זיך אָנטאָן
אין אומשטאַרבלעכקייט. 54 בעת אָבער דאָס דאָזיקע פֿאַרדאַרבלעכע
וועט זיך האָבן אָנגעטאָן אין אומפֿאַרדאַרבלעכקייט, און דאָס דאָזיקע
שטאַרבלעכע וועט זיך האָבן אָנגעטאָן אין אומשטאַרבלעכקייט,
דעמאָלט וועט מקוים ווערן דאָס וואָרט, וואָס סע שטייט געשריבן:

דער טויט איז פֿאַרשלונגען געוואָרן אין נצָחון!
55 אָ טויט, וואו איז דײַן נצָחון?
אָ טויט, וואו איז דײַן שטאָך?[1]

[1] ישעיה כה, 8; הושע יג, 14.

56 דער שטאָך פֿון טויט איז זינד, און דער כּוח פֿון זינד איז די תּורה.
57 אָבער געלויבט איז גאָט, וואָס גיט אונדז דעם נצָחון דורך אונדזער
האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 58 בּכֵן, מיינע באַליבטע ברידער, זייט געשטאַרקט,
אומבאַוועגלעך, און זייט זיך תָּמיד עוסק אין דעם ווערק פֿון דעם האַר,
וואָרים איר ווייסט, אַז אייער מִי איז ניט אומזיסט אין דעם האַר.

טז און בנוגֵע דער זאַמלונג פֿאַר די הייליקע, אַזוי ווי איך האָב מתַקן
געווען פֿאַר די קהִילות פֿון גאַלאַטיע, אַזוי זאָלט איר אויך טאָן. 2 אין
דעם ערשטן טאָג נאָך דעם שַבָּת זאָל יעדער איינער פֿון אייך
אַוועקלייגן, לויט זיין מעגלעכקייט, כּדי קיין שום זאַמלונגען זאָלן ניט
געמאַכט ווערן בעת איך קום. 3 און אַז איך וועל אָנקומען, וועמען איר
וועט געבן הַסכָּמה, די וועל איך שיקן מיט בריוו, אַוועקצופֿירן אייער
נדָבָה קיין ירושָלַיִם. 4 און אויב סע וועט זיין ווערט אויך צו גיין, וועלן
זיי גיין מיט מיר.

5 און איך וועל קומען צו אייך, נאָכדעם ווי איך וועל האָבן
דורכגעגאַנגען דורך מאַקעדאָניע. וואָרים איך גיי דורך מאַקעדאָניע;
6 סע קאָן אָבער זיין, אַז איך וועל ביי אייך פֿאַרבלייַבן, אָדער אַפֿילו
ווינטערן, כּדי איר זאָלט מיך אַרויסבאַגלייטן אויף מיין נסִיעה, וואוהין
נאָר איך וועל גיין. 7 וואָרים איך וואָלט ניט וועלן אייך זען אַצינד אין
פֿאַרבייַגיין; וואָרים איך פֿאַרהאָף צו פֿאַרבלייַבן אַביסל מיט אייך, אִם
יִרצה השם. 8 איך וועל אָבער פֿאַרבלייַבן אין עפעזוס ביז שבועות;
9 וואָרים אַ גרויסע טיר און אַ סַך אַרבעט איז געעפֿנט געוואָרן פֿאַר
מיר, און סע זענען פֿאַראַן אַ סַך קעגנער.

10 און אויב טימאָטעאוס וועט קומען, זעט, אַז ער זאָל זיין מיט אייך
אָן מורא; וואָרים ער טוט די אַרבעט פֿון גאָט, אַזוי ווי איך. 11 זאָל
אים דעריבער קיינער ניט מבַזה זיין, נייערט באַגלייט אים אַרויס אויף
זיין נסִיעה בשָלום, כּדי ער זאָל צו מיר קומען, וואָרים איך וואַרט אויף
אים מיט די ברידער.

12 און בנוגֵע אונדזער ברודער אַפּאָלאָס, האָב איך אים זייער געבעטן
צו קומען צו אייך מיט די ברידער; נאָר ער האָט בִּכלַל ניט געוואָלט
קומען אַצינד; אָבער ער וועט קומען ווען ער וועט האָבן אַ
געלעגנהייט.

13 וואַכט, שטייט פֿעסט אין דער אֶמונה, זייט מענער, זייט שטאַרק!
14 זאָל אַלץ, וואָס איר טוט, געטאָן ווערן אין ליבע.

15 און איך בעט אײַך, ברידער, – איר קענט דאָס הויז פון
סטעפאַנאַסן, אַז ס'איז געווען די ערשטע פרוכט פון אַכאַיאַ, און אַז
זיי האָבן זיך געשטעלט צו באַדינען די הייליקע, – 16 אַז אויך איר
זאָלט אונטערטעניק זײַן צו אַזעלכע, און צו יעדן איינעם, וואָס העלפט
אין דער אַרבעט און באַמיט זיך. 17 און איך פריי מיך אויף דעם קומען
פון סטעפאַנאַסן און פאָרטונאַטוסן און אַכאַיִקוסן, וואָרים דאָס, וואָס
האָט געפעלט פון אייער צַד, האָבן זיי ממַלא געווען. 18 וואָרים זיי
האָבן דערקוויקט מײַן גײַסט און אייערן. גיט אָפּ אָנערקענונג צו
אַזעלכע מענטשן.
19 די קהִילות פון אַזיע גריסן אײַך. עַקִילַס און פּריסקאַ גריסן אײַך
זייער אין דעם האַר, און אויך די קהִילה, וואָס איז אין זייער הויז.
20 אַלע ברידער גריסן אײַך. גריסט איינער דעם אַנדערן מיט אַ הייליקן
קוש.
21 פון מיר, פּאָולוס, אַ גרוס מיט מײַן אייגענער האַנט. 22 אויב עמיצער
ליבט ניט דעם האַר, זאָל ער זײַן אין חֵרֶם. מָרַן אֲתָא! 23 דער חֶסֶד פון
דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ זאָל זײַן מיט אײַך. 24 מײַן ליבע זאָל זײַן מיט
אײַך אַלעמען אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. אָמֵן.

דער צווייטער בּריוו צוּ די קאָרינטער

א פּאָולוּס, אַ שליח פוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ דוּרך דעם רָצון פוּן גאָט, און
טימאָטעאוּס, אוּנדזער בּרוּדער, צוּ גאָטס קהִילה, וואָס איז אין
קאָרינט, און מיט אַלע הייליקע, וואָס זענען אין גאַנץ אַכאַיאַ: 2 חֶסֶד
צוּ אייך און שָלום פוּן גאָט, אוּנדזער פאָטער, און דעם האַר יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ.
3 געלויבּט זאָל זיין דער גאָט און פאָטער פוּן אוּנדזער האַר יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ, דער פאָטער פוּן רַחמים און גאָט פוּן יעדער נחָמה, 4 וואָס
טרייסט אוּנדז אין אַלע אוּנדזערע צָרות, כּדי מיר זאָלן קענען טרייסטן
די, וואָס זענען אין עפּעס אַ צָרה, דוּרך דער טרייסט, מיט וועלכער
מיר אַליין ווערן געטרייסט פוּן גאָט. 5 וואָרים אזוי ווי די יסוּרים פוּן
מָשִיחַן פאַרמערן זיך אויף אוּנדז, אַזוי אויך טוּט זיך פאַרמערן אוּנדזער
טרייסט דוּרך מָשִיחַן. 6 און ליידן מיר צָרות, איז עס פאַר אייער
טרייסט און ישוּעה; און ווערן מיר געטרייסט, איז עס פאַר אייער
טרייסט, וואָס ווירקט אין אייך, בּעת איר דערטראָגט געדוּלדיק
דיזעלבּע יסוּרים, וואָס מיר אויך ליידן. 7 און אוּנדזער האָפענוּנג
פוּנוועגן אייך איז שטאַרק; ווייל מיר ווייסן, אַז אַזוֹיווי איר זענט
טיילנעמער אין די ליידן, אַזוי וועט איר אויך זיין אין דער טרייסט.
8 וואָרים מיר ווילן ניט, אַז איר זאָלט ניט וויסן, בּרידער, פוּנוועגן דער
צָרה, וואָס איז אוּנדז בּאַפאַלן אין אַזיע, אַז מיר האָבן שווער געליטן
איבּער אוּנדזערע כּוֹחות, אַזוי, אַז מיר האָבּן זיך אַפילו מיַאש געווען
אין לעבּן. 9 יאָ, מיר אַליין האָבּן גענוּמען אויף זיך דעם פּסַק פוּן טויט,
כּדי מיר זאָלן זיך ניט פאַרלאָזן אויף זיך אַליין, נייערט אויף גאָט, וואָס
איז מחַיֵה־

מֵתים; 10 וואָס האָט אונדז מַציל געווען פֿון אַזאַ גרויסן טויט, און
וועט אונדז מַציל זײַן; אין וועמען מיר האָפֿן, אַז ער וועט אונדז
אויך ווײַטער מַציל זײַן. 11 און אויך איר קענט מיטהעלפֿן דורך
אײַער תּפֿילה טאָן, כּדי פֿאַר דער מַתָּנה, וואָס איז אונדז צוגעטיילט
געוואָרן דורך אַ סך, זאָל דורך אַ סך אָפּגעגעבן ווערן אַ לויב פֿון
אונדזערטוועגן.
12 וואָרים דאָס איז אונדזער רימען זיך: די באַצייגעניש פֿון אונדזער
געוויסן, אַז מיר האָבן זיך געפֿירט אין דער וועלט אין הייליקייט און
ערנסטקייט פֿאַר גאָט, ניט אין פֿליישלעכער חָכמה, נייערט אין דעם
חֶסֶד פֿון גאָט, און בִּפֿרַט קעגן אײַך. 13 וואָרים מיר שרײַבן אײַך ניט
עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וואָס איר לייענט, אָדער פֿאַרשטייט; און איך
פֿאַרהאָף, אַז איר וועט עס פֿאַרשטיין ביז צום סוף, 14 אַזױווי איר האָט
אונדז אויך טיילווײַז פֿאַרשטאַנען, אַז מיר זענען אײַער רום, אַזױווי
איר זנעט אויך אונדזערער, אין דעם טאָג פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ.
15 און אין דער האָפֿענונג האָב איך בּדֵעה געהאַט צו קומען קודם צו
אײַך, כּדי איר זאָלט האבן אַ טאָפּלטע פֿרייד, 16 און דורכצוגיין דורך
אײַך קיין מאַקעדאָניע, און פֿון מאַקעדאָניע ווידער אַמאָל צו קומען צו
אײַך, און פֿון אײַך צו ווערן אַרויסבאַגלייט אויף מײַן וועג קיין יהודה.
17 דעריבער, בעת איך האָב דאָס בּדֵעה געהאָט, צי האָב איך
אַרויסגעוויזן לײַכטזיניקייט? אָדער די זאַכן, וואָס איך פּלאַן, טו איך
פּלאַנען לויט דעם פֿלייש, כּדי בײַ מיר זאָל זײַן דער יאָ, יאָ, און דער
ניין, ניין? 18 נאָר ווי גאָט איז געטריי, אונדזער וואָרט צו אײַך איז ניט
יאָ און ניין. 19 וואָרים דער בֶּן־אֱלֹהִים, יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ, וואָס איז צווישן
אײַך אָנגעזאָגט געוואָרן דורך אונדז, דורך מיר און סילוואַנוסן און
טימאָטעאוסן, איז ניט געווען יאָ און ניין, נייערט אין אים איז תָּמיד
יאָ. 20 וואָרים אַלע הַבטָחות פֿון גאָט זענען אין אים יאָ; דעריבער איז
אויך דורך אים דער אָמֵן צו דעם כָּבוד פֿון גאָט דורך אונדז. 21 און
דער, וואָס גרונטפֿעסטיקט אונדז מיט אײַך אין מָשִׁיחַן, און האָט אונדז
געזאַלבט, איז גאָט, 22 וואָס האָט אונדז פֿאַרחַתמעט, און אונדז געגעבן
די עָרבות פֿון דעם גייסט אין אונדזערע הערצער.
23 און איך רוף גאָט צום עֵדות פֿאַר מײַן נשמה, אַז איך האָב פֿאַרמיטן
צו קומען קיין קאָרינט, כּדי אײַך צו שוינען. 24 ניט, ווײַל מיר האָבן
מֶמשָׁלה איבער אײַער אֶמונה, נייערט מיר זענען מיטהעלפֿערס פֿון
אײַער שׂמחה, וואָרים אין אֶמונה שטייט איר פֿעסט.
ב און איך האָב בײַ מיר אַליין געטראַכט, אַז איך וועל ווידער ניט
קומען צו אײַך מיט עַצבות. 2 וואָרים אויב איך בין

איך מצַער, ווער איז דאָס דער, וואָס דערפרייט מיך, אויב ניט דער,
וואָס איז דורך מיר געקומען צו צַער? 3 און איך האָב טאַקע געשריבן
דאָס דאָזיקע, כּדי ווען איך וועל קומען, זאָל איך ניט האָבן צַער פון
די, מיט וועמען איך דאַרף מיך פרייער, ווייל איך בין זיכער אין אייך
אַלע, אַז מיין פרייד איז די פרייד פון אייך אַלע. 4 וואָרים פון אַ סך
צָרות און האַרץ־קלעמעניש האָב איך אייך געשריבן מיט אַ סך טרערן,
ניט אייך מצַער צו זיין, נייערט כּדי איר זאָלט פאַרשטיין די ליבע, וואָס
איך האָב אַ סך מער פאַר אייך.

5 נאָר אויב עמיצער האָט פאַרשאַפט צַער, האָט ער ניט מיר פאַרשאַפט
צַער, נייערט טיילווייַז אייך אַלע – כּדי איך זאָל אייך ניט צו שווער
דריקן. 6 פאַר אַזאַ איינעם איז גענוג די שטראָף פון דעם רַבּים; 7 אַזוי,
אַז איר זאָלט אים, אַדרַבּה, ליבער מוחל זיין און טרייסטן, כּדי ער זאָל
ניט פאַרשלונגען ווערן אין זיין גרויסן צַער. 8 בּכֵן, בעט איך אייך, אַז
איר זאָלט בּאַווייזן אייער ליבע צו אים. 9 וואָרים צוליב דעם האָב איך
טאַקע געשריבן, כּדי אייך צו פּרוּאוון, צי איר זענט געהאָרכזאַם אין
אַלצדינג. 10 און וועמען איר זענט מוחל, בין איך אויך מוחל. וואָרים
וואָס איך האָב מוחל געווען, אויב איך האָב עפּעס מוחל געווען, האָב
איך עס מוחל געווען פון אייַערטוועגן אין דעם אַנגעזיכט פון מָשִׁיחַן,
11 כּדי דער שָׂטן זאָל ניט קריגן די אויבערהאַנט איבער אונדז; וואָרים
זיינע אינטריגעס זענען ניט פאַרהוילן פון אונדז.

12 און בעת איך בין געקומען קיין טראָאַס פונוועגן דער בשׂורה טובה
פון מָשִׁיחַן, און אַ טיר איז פאַר מיר געעפנט געוואָרן אין דעם האַר,
13 האָב איך ניט געהאַט קיין מנוחה אין מיין געמיט, מַחמת איך האָב
ניט געפונען טיטוסן, מיין ברודער; און ווען איך האָב מיך געזעגנט
מיט זיי, בין איך ארויסגעפאָרן קיין מאַקעדאָניע.

14 אָבער געלויבט איז גאָט, וואָס גיט אונדז תָּמיד דעם נצָחון אין
מָשִׁיחַן, און וואָס טוט דורך אונדז אַנטפּלעקן דעם רֵיחַ פון זיין חָכמה
אין יעדן אָרט. 15 וואָרים מיר זענען אַ רֵיחַ נִחוֹחַ פון מָשִׁיחַן פאַר גאָט
בּיי די, וואָס ווערן נִיצול, און בּיי די, וואָס ווערן פאַרלוירן: 16 פאַר
טייל אַ רֵיחַ פון טויט צום טויט, פאַר די אַנדערע אַ רֵיחַ פון לעבן צום
לעבן. און ווער איז רָאוּי פאַר די דאָזיקע זאַכן? 17 וואָרים מיר זענען
ניט ווי דער רַבּים, וואָס מאַכן אַ מִסחר פון גאָטס וואָרט; נייערט מיט
ריינע כַּוָונות פאַר גאָט רעדן מיר פון גאָט אין מָשִׁיחַן.

ג צי הייבן מיר שוין ווידער אַמאָל־אָן צו לויבן זיך אַליין? אָדער צי
באַדאַרפֿן מיר, ווי סע טוען אַנדערע, לויב־בריוו צו אייך, אָדער פֿון
אייך? 2 איר זענט אונדזער בריוו, פֿאַרשריבן אין אונדזערע הערצער,
באַקענט און געלייענט פֿון אַלע מענטשן; 3 וואָרים עס איז קלאָר צו זען,
אַז איר זענט אַ בריוו פֿון משיחן, צוגעגרייט דורך אונדז, געשריבן ניט
מיט קיין טינט, נייערט מיט דעם גייסט פֿון דעם לעבעדיקן גאָט, ניט אין
לוחות פֿון שטיין, נייערט אין לוחות, וואָס זענען הערצער פֿון פֿלייש.
4 און אַזאַ בטחון האָבן מיר דורך משיחן צו גאָט; 5 ניט מחמת מיר זענען
פֿעאיק פֿון זיך אַליין צו באַטראַכטן עפּעס פֿון אונדז אַליין, נייערט
אונדזער פֿעאיקייט איז פֿון גאָט, 6 וואָס האָט אונדז אויך געמאַכט פֿאַר
פֿעאיקע משרתים פֿון אַ ברית־חדשה, ניט פֿון דעם אות, נייערט פֿון דעם
גייסט; וואָרים דער אות טייט, אָבער דער גייסט מאַכט לעבעדיק.
7 נאָר אויב די באַדינונג פֿון טויט, געשריבן און אויסגעקריצט אויף
שטיינער, איז געקומען מיט הערלעכקייט, אַזוי, אַז די בני־ישׂראל האָבן
ניט געקענט קוקן אויף משהס פּנים פֿונוועגן דער הערלעכקייט פֿון זײַן
פּנים, וואָס זײַן הערלעכקייט איז געווען אַ צײַטווײַליקע, 8 וויפֿל מער
דאַרף שוין זײַן די הערלעכקייט פֿון דער באַדינונג פֿון דעם גייסט?
9 וואָרים אויב די באַדינונג פֿון פֿאַרמשפּטונג האָט געהאַט הערלעכקייט,
אַ סך מער שטײַגט איבער אין הערלעכקייט די באַדינונג פֿון
רעכטפֿאַרטיקייט. 10 וואָרים דאָס, וואָס איז געמאַכט געוואָרן
הערלעך, איז געמינערט געוואָרן אין הערלעכקייט, צוליב דער
הערלעכקייט, וואָס שטײַגט זי אַריבער. 11 וואָרים אויב דאָס, וואָס
פֿאַרגייט, איז געווען מיט הערלעכקייט, וויפֿל מער איז אין הערלעכקייט
דאָס, וואָס פֿאַרבלײַבט.
12 דעריבער, ווײַל מיר האָבן אַזאַ האָפֿענונג, רעדן מיר מיט אַזאַ
מוטיקייט, 13 און ניט אַזוי ווי משה, וואָס האָט אַרויפֿגעטאָן אַ מסווה אויף
זײַן פּנים, אַז די בני־ישׂראל זאָלן ניט קענען קוקן גלײַך אויף דעם סוף
פֿון דעם, וואָס איז פֿאַרגאַנגען. 14 זייערע מחשבֿות זענען פֿאַרהאַטעוועט
געוואָרן; וואָרים ביז אויף דעם הײַנטיקן טאָג איז דיזעלבע מסווה
פֿאַרבליבן בײַם לייענען די תּורה, און ער ווערט ניט אַוועקגענומען, ביז
ער ווערט אָפּגעטאָן אין משיחן. 15 יאָ, ביז אויף הײַנטיקן טאָג, בשעת
סע ווערט געלייענט תּורת־משה, ליגט אַ מסווה אויף זייער האַרץ.
16 אָבער ווען זיי וועלן זיך אומקערן צו דעם האַר, וועט דער צודעק
אַוועקגענומען ווערן. 17 און דער האַר איז דער גייסט; און וואו סע איז
דער גייסט פֿון דעם האַר, דאָרט איז פֿרײַהייט. 18 און מיר אַלע, וואָס
זענען מיט ניט קיין צוגעדעקט פּנים ווי אין אַ שפּיגל די הערלעכקייט פֿון
דעם האַר,

ווערן פֿאַרענדערט אין דער זעלבער ענלעכקייט פֿון הערלעכקייט צו
הערלעכקייט, אַזוי ווי דורך דעם גייסט פֿון דעם האַר.
ד דעריבער, ווייל מיר האָבן מקַבּל געווען די דאָזיקע עֲבוֹדה פֿון
רַחמנות, ווערן מיר ניט אָפּגעשוואַכט. 2 מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון די
פֿאַרבאָרגענע זאַכן פֿון בושה, ווייל מיר לעבן ניט אין כיטרעקייט, אויך
פֿעלשן מיר ניט דאָס וואָרט פֿון גאָט, נייערט דורך דער אַנטפּלעקונג פֿון
דעם אֶמת פֿאַרלויבן מיר זיך פֿאַר דעם געוויסן פֿון יעדן מענטשן פֿאַר
גאָט. 3 און אויב אַפילו אונדזער בשׂורה טובה איז פֿאַרהוילן, איז זי
פֿאַרהוילן בײַ יענע, וואָס ווערן פֿאַרלוירן, 4 בײַ וועמען דער אָפּגאָט פֿון
דער וועלט האָט פֿאַרבלענדט די מוחות פֿון די אומגלויביקע, כּדי דאָס
ליכט פֿון דער בשׂורה טובה פֿון מָשִׁיחַס הערלעכקייט, וואָס איז דאָס
אָפּבילד פֿון גאָט, זאָל ניט אויפֿגיין איבער זיי. 5 וואָרים מיר דַרשענען
ניט זיך אַליין, נייערט יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ פֿאַר דעם האַר, און אונדז אַליין
פֿאַר אײַערע קנעכט פֿון יֵשוּעַס־וועגן. 6 וואָרים עס איז גאָט, וואָס האָט
געזאָגט: זאָל אַרויסשײַנען ליכט[1] פֿון פֿינצטערניש, וואָס האָט
אַרײַנגעלויכטן אין אונדזערע הערצער, כּדי צו געבן ליכט פֿון דער
דערקענטעניש פֿון גאָטס הערלעכקייט אין דעם פָּנים פֿון מָשִׁיחַן.
7 מיר אָבער האָבן דעם דאָזיקן אוֹצר אין ערדענע כֵּלים, כּדי די
אויסערגעוויינלעכע גרויסקייט פֿון דער מאַכט זאָל זײַן פֿון גאָט און ניט
פֿון אונדז אַליין. 8 מיר ווערן געדריקט אויף יעדער זײַט, דאָך ניט
דערדריקט; צעמישט, דאָך ניט ביז ייִאוּש; 9 גערוֹדפֿט, דאָך ניט
פֿאַרלאָזט; אַנידערגעוואָרפֿן, דאָך ניט אומגעבראַכט; 10 מיר טראָגן
באַשטענדיק אַרום אין דעם לײַב דאָס שטאַרבן פֿון יֵשוּעַן, כּדי אויך
דאָס לעבן פֿון יֵשוּעַן זאָל אַנטפּלעקט ווערן אין אונדזער לײַב. 11 וואָרים
מיר, וואָס לעבן, זענען תָּמיד איבערגעענטפֿערט צום טויט פֿון יֵשוּעַס־
וועגן, כּדי אויך דאָס לעבן פֿון יֵשוּעַן זאָל אַנטפּלעקט ווערן אין
אונדזער שטאַרבלעכן לײַב. 12 און דעריבער ווירקט דער טויט אין
אונדז, אָבער דאָס לעבן אין אײַך.
13 און ווייל מיר האָבן דעם זעלבן גייסט פֿון אֱמוּנה, לויט ווי סע שטייט
געשריבן: איך האָב געגלויבט, דערפֿאַר האָב איך גערעדט,[2] און
דעריבער גלויבן מיר אויך, און רעדן אַזוי, 14 ווייל מיר ווייסן, אַז דער,
וואָס האָט אויפֿגעוועקט דעם האַר יֵשוּעַ, וועט אויך אונדז אויפֿוועקן
מיט יֵשוּעַן, און וועט אונדז אינאיינעם מיט אײַך פֿירשטעלן פֿאַר אים.
15 וואָרים אַלצדינג איז פֿון אײַערטוועגן, כּדי דער חֶסֶד, וואָס ווערט
פֿאַרגרעסערט דורך דעם רַבּים, זאָל פֿאַרמערן דעם שבַח צום כָּבוד
פֿון גאָט.

---

[1] בראשית א, 3. [2] תהלים קטז, 10.

16 דעריבער ווערן מיר ניט אַנטמוטיקט; און הַגַם אונדזער
אויסערלעכער מענטש ווערט פאַרלענדט, ווערט אָבער אונדזער
אינעווייניקסטער מענטש באַנייַט פון טאָג צו טאָג. 17 וואָרים אונדזער
גרינגע פּיין, וואָס איז נאָר אויף אַ רֶגע, ווירקט פאַר אונדז אַ מער
אויסערגעווייינלעכע געוויכטיקייט פון אייביקן כָּבוד, 18 ווייל מיר קוקן
ניט אויף די זאַכן, וואָס ווערן געזען, נייערט אויף די זאַכן, וואָס ווערן
ניט געזען; וואָרים די זאַכן, וואָס ווערן געזען, זענען צייַטווייליק;
אָבער די זאַכן, וואָס ווערן ניט געזען, זענען אייביק.

ה וואָרים מיר ווייסן, אַז אויב דאָס ערדישע הויז פון אונדזער געצעלט
ווערט צעשטערט, האָבן מיר אַ בִּנין פון גאָט, אַ הויז, ניט געמאַכט
מיט הענט, אַן אייביקס אין הימל. 2 וואָרים דעריבער זיפצן מיר, און
בענקען באַקליידט צו ווערן מיט אונדזער וואוינאָרט, וואָס איז פון
הימל; 3 און אויב מיר וועלן אַזוי זיין באַקליידט, וועלן מיר ניט
געפונען ווערן נאַקעט. 4 וואָרים מיר, וואָס זענען אין דעם דאָזיקן
געצעלט, זיפצן צוליב דער מַשׂא, ווייל מיר וואָלטן ניט וועלן זיין
אויסגעטאָן, נייערט צו זיין באַקליידט, כּדי וואָס עס איז שטאַרבלעך
זאָל פאַרשלונגען ווערן פון דעם לעבן. 5 און דער, וואָס האָט אונדז
צוגעגרייט דערצו, איז גאָט, וואָס האָט אונדז געגעבן די עָרבות פון
דעם גייסט.

6 מיר זענען דעריבער תָּמיד גוט אויפגעלייגט און ווייסן, אַז כָּל־זמַן
מיר זענען אין דער היים אין דעם לייַב, זענען מיר דערווייַטערט פון
דעם האַר; 7 וואָרים מיר לעבן דורך אֱמונה, ניט דורך ראִיה. 8 מיר
זענען גוט אויפגעלייגט, און ווילן ליבער זיין דערווייַטערט פון דעם
לייַב, און אין דער היים מיט דעם האַר. 9 דעריבער מאַכן מיר דאָס
אויך פאַר אונדזער ציל, צי מיר זענען אין דער היים, אָדער
דערווייַטערט, אים וואוילגעפעלן צו זיין. 10 וואָרים מיר מוזן אַלע
אַנטפּלעקט ווערן פאַר דעם כִּסֵא־הַמִשפּט פון מָשיחַן, כּדי יעדער
איינער זאָל מקַבּל זיין דאָס, וואָס ער האָט געטאָן אין דעם לייַב, סיי
גוטס, אָדער שלעכטס.

11 דעריבער, ווייל מיר קענען די יִרְאַת־השם, איבערצייַגן מיר מענטשן;
פאַר גאָט אָבער זענען מיר אַנטפּלעקט; און איך האָף, אַז מיר ווערן
אויך אַנטפּלעקט אין אייער געוויסן. 12 מיר לויבן זיך ניט ווידער אַמאָל
פאַר אייך, נייערט געבן אייך אַ געלעגנהייט פון רימען זיך אין אונדז,
כּדי איר זאָלט האָבן מיט וואָס

אָפּצוּעפּנטפערן די, וואָס רימען זיך לפָּנים־וועגן, און ניט אין האַרצן.
13 וואָרים אויב מיר זענען משוגע, איז דאָס פאַר גאָט; זענען מיר אָבער
ביים קלאָרן שֵׂכל, איז דאָס פאַר אייך. 14 וואָרים די ליבשאַפט פון
מָשִׁיחַן האַלט אונדז צוריק, מַחמת מיר מִשפּטן אַזוי, אַז אויב איינער
איז געשטאָרבן פאַר אַלע, זענען דעריבער אַלע געשטאָרבן. 15 און ער
איז געשטאָרבן פאַר אַלע, כּדי די, וואָס לעבן, זאָלן מער ניט לעבן פאַר
זיך אַליין, נייערט פאַר אים, וואָס איז געשטאָרבן פון זייערטוועגן און
איז אויפגעשטאַנען.
16 דעריבער קענען מיר פון איצטמאָל־אָן קיינעם ניט לויט דעם פלייש.
און הַגַם מיר האָבן אויך געקענט מָשִׁיחַן לויט דעם פלייש, טוען מיר
עס פון איצטמאָל־אָן ניט מער. 17 דעריבער, אויב עמיצער איז אין
מָשִׁיחַן, איז ער אַ נייַ באַשאַף; די אַלטע זאַכן זענען פאַרגאַנגען; זע,
זיי זענען געוואָרן נייַ. 18 און אַלצדינג איז פון גאָט, וואָס האָט אונדז
מיט זיך דורך מָשִׁיחַן איבערגעבעטן, און האָט אונדז געגעבן די
עֲבוֹדה פון איבערבעטונג; 19 דאָס הייסט, גאָט איז געווען אין מָשִׁיחַן
און האָט איבערגעבעטן די וועלט מיט זיך, און זיי ניט צוגערעכנט
זייערע עֲבֵירות, און האָט אונדז איבערגעענטפערט דאָס שלִיחות פון
איבערבעטונג.
20 מיר זענען דעריבער די שלִיחים פון מָשִׁיחַן, גלייך ווי גאָט וואָלט זיך
געבעטן דורך אונדז; מיר בעטן אייך פונוועגן מָשִׁיחַן, בעט אייך איבער
מיט גאָט. 21 וואָרים דעם, וואָס האָט ניט געקענט קיין זינד, האָט ער
געמאַכט צו זיין אַ זינד פון אונדזערטוועגן, כּדי מיר זאָלן ווערן די
רעכטפאַרטיקייט פון גאָט אין אים.
ו און ווייל מיר מִיִען זיך אינאיינעם מיט אים, בעטן מיר אייך, אַז איר
זאָלט ניט מקַבּל זיין דעם חֶסֶד פון גאָט אומזיסט. 2 וואָרים ער זאָגט:

אין אַ באַוויליקטער צייט האָב איך דיך דערהערט,
און אין אַ טאָג פון ישועה האָב איך דיר געהאָלפן.[1]

אָט איצט איז די באַוויליקטע צייט; אָט איצט איז דער טאָג פון
ישועה. 3 ווייל מיר גיבן ניט קיין מִכשול אין עפּעס, כּדי אונדזער
עֲבוֹדה זאָל ניט ווערן צו שאַנד; 4 נייערט אין אַלצדינג ווייזן מיר זיך
אַרויס ווי באַדינער פון גאָט: אין אַ סַך געדולד, אין צָרות, אין נויטן,
אין דַחקות, 5 אין מַלקות, אין זיצן אין תּפִיסות, אין מהומות, אין
מִיאונגען, אין וואַכן, אין תַּעֲנִיתים; 6 אין רייִנקייט, אין קענטעניש, אין
פיל ליידן, אין גוטסקייט, אין דעם רוח־הַקוֹדֶש, אין ניט קיין
צבִיעותדיקער ליבע, 7 אין דעם וואָרט פון

[1] ישעיה מט, 8.

אֶמת, אין דער גבורה פון גאָט; דורך די כּלי־זַין פון רעכטפאַרטיקייט
אין דער רעכטער האַנט און אין דער לינקער; 8 דורך כָּבוד און
בושה, דורך אַ שלעכטן שֵם און אַ גוטן שֵם; ווי אָפּנאַרער, און
דאָך וואָרהאַפטיק; 9 ווי אומבאַקענטע, און דאָך אַנערקענט, ווי
שטאַרבנדיקע, און זע, מיר לעבן; ווי געשטראָפטע, און ניט געטייטע;
10 ווי פאַרטרויערטע, דאָך תָּמיד זיך פרייענדיק; ווי אָרעמע, דאָך מאַכן
מיר רייך אַ סך; ווי מיר וואָלטן גאָרניט פאַרמאָגט, און דאָך ווי מיר
וואָלטן פאַרמאָגט אַלצדינג.
11 אונדזער מויל איז געעפענט פאַר אייך, אָ קאָרינטער; אונדזער האַרץ
איז אויסגעברייטערט. 12 איר זענט ניט באַגרענעצט פון אונדז, נייערט
איר זענט באַגרענעצט פון אייערע אייגענע עמאָציעס. 13 און פאַר אַ
פאַרגעלטונג אויף אַן ענלעכן אופן – איך רעד ווי צו קינדער – ווערט
אַליין אויך אויסגעברייטערט.
14 זייט ניט אומגלייך פאַריאָכט מיט אומגלויביקע; וואָרים וואָסער
חַברשאַפט האָט רעכטפאַרטיקייט מיט אומרעכט? אָדער וואָסער
שותּפות האָט ליכט מיט פינצטערניש? 15 און וואָסער הַסכָּמה האָט
מָשיחַ מיר בּליַעלן? אָדער וואָסער חֵלֶק האָט אַ מַאמין מיט אַן
אומגלויביקן? 16 און וואָסער אָפּמאַך האָט דער הֵיכל פון גאָט מיט
אָפּגעטער? וואָרים מיר זענען דער הֵיכל פון דעם לעבעדיקן גאָט, אַזוי
ווי גאָט האָט געזאָגט:

איך וועל וואוינען צווישן זיי, און אומגיין צווישן זיי,
און איך וועל זיין זייער גאָט, און זיי וועלן זיין מיין פאָלק.[1]
17 דעריבער קומט אַרויס פון צווישן זיי,
און שיידט אייך אָפּ, זאָגט גאָט,
און באַרירט ניט קיין טָמא זאַך;
און איך וועל אייך אויפנעמען,
18 און וועל זיין פאַר אייך אַ פאָטער,
און איר וועט מיר זיין זין און טעכטער,
זאָגט יְהוָֹה צבָאות.[2]

ז דעריבער, ווייל מיר האָבן די דאָזיקע הַבטָחות, באַליבטע, לאָמיר זיך
רייניקן פון יעדער באַפלעקונג פון פלייש און גייסט, מַשלים צו זיין
הייליגקייט מיט יִראַת־הַשֵם.

[1] יחזקאל לז, 27. [2] ישעיה נב, 11; ירמיה לב, 38; נא, 45; הושע ב, 1.

2 עפֿנט אײַערע הערצער פֿאַר אוּנדז; מיר האָבֿן קײנעם ניט געטאָן קײן
עַוולה, מיר האָבֿן קײנעם ניט פֿאַרדאָרבֿן, מיר האָבֿן קײנעם ניט
אױסגענוּצט. 3 איך זאָג עס, ניט צוּ פֿאַרמִשפּטן אײַך, װאָרים איך האָבֿ
פֿריִער געזאָגט, אַז איר זענט אין אוּנדזערע הערצער, צוּ שטאַרבֿן צוּזאַמען
אוּן צוּ לעבֿן צוּזאַמען. 4 גרױס איז מײַן בּטָחון אין אײַך, גרױס איז מײַן
רימען זיך פֿוּן אײַערטװעגן; איך בּין פֿוּל מיט טרײסט, איך גײ איבֿער מיט
שִׂמחה אין אַלע אוּנדזערע צָרות.
5 װאָרים אַפֿילוּ װען מיר זענען געקוּמען קײן מאַקעדאָניע, האָט אוּנדזער
לײַבֿ ניט געהאַט קײן מנוּחה, נײַערט מיר האָבֿן געליטן פֿוּן אַלע זײַטן –
פֿוּן דרױסן מִלחָמות, אוּן אינעװײניק מוֹרא. 6 אָבֿער גאָט, װאָס טוּט
טרײסטן די שַפָּלדיקע, האָט אוּנדז געטרײסט דוּרך דעם קוּמען פֿוּן
טיטוּסן. 7 אוּן ניט בּלױז דוּרך זײַן קוּמען, נײַערט אױך דוּרך דער טרײסט,
מיט װעלכער ער איז געטרײסט געװאָרן אין אײַך, בּשַעת ער האָט אוּנדז
דערצײלט פֿוּן אײַער גאַרן, אײַער צַער, אײַער אײפֿעריקײט נאָך מיר, אַזױ,
אַז איך האָבֿ מיך נאָך מער געפֿרײט. 8 װאָרים אױבֿ אַפֿילוּ איך האָבֿ אײַך
מצַער געװען מיט מײַן בּריװ, האָבֿ איך דערױף קײן חַרָטה ניט געהאַט
(הַגַם איך האָבֿ יאָ חַרָטה געהאַט), װאָרים איך זע, אַז יענער בּריװ האָט
אײַך מצַער געװען, הַגַם נאָר אױף אַ צײַט. 9 אָבֿער איצט פֿרײ איך מיך,
ניט װײַל איר האָט זיך מצַער געװען, נײַערט װײַל איר האָט זיך מצַער
געװען צוּ תּשוּבה. װאָרים איר האָט זיך מצַער געװען אױף אַ געטלעכן
אוֹפֿן, כּדי איר זאָלט דוּרך אוּנדז ניט לײַדן קײן הֶיזק אין קײן שוּם זאַך.
10 װאָרים געטלעכער צַער איז גוֹרם תּשוּבה צוּ ישוּעה, װאָס בּרענגט ניט
קײן חַרָטה; אָבֿער דער צַער פֿוּן דער װעלט איז גוֹרם מִיתה. 11 װאָרים
זעט, גראָד דאָס, װאָס איר האָט זיך מצַער געװען אױף אַ געטלעכן אוֹפֿן,
װאָסער אײפֿעריקײט זי האָט געװירקט אין אײַך, װאָסער רעכטפֿאַרטיקוּנג
פֿוּן זיך אַלײן, װאָסער צאָרן, װאָסער מוֹרא, װאָסער בּענקשאַפֿט, װאָסער
קִנאה, װאָסער בּאַשטראָפֿוּנג! אין אַלצדינג האָט איר זיך אַרױסגעװיזן צוּ
זײַן רײן אין דעם עִנין. 12 דעריבֿער, הַגַם איך האָבֿ אײַך געשריבֿן, האָבֿ איך
ניט געשריבֿן פֿוּנװעגן דעם, װאָס האָט געטאָן דאָס אוּמרעכט, אױך ניט
פֿוּנװעגן דעם, װאָס האָט געליטן דאָס אוּמרעכט, נײַערט כּדי אײַער
אײפֿעריקײט פֿאַר אוּנדז זאָל אַנטפּלעקט װערן פֿאַר אײַך אין דעם
אָנגעזיכט פֿוּן גאָט. 13 דעריבֿער זענען מיר געטרײסט געװאָרן.
אוּן אין אוּנדזער טרײסט האָבֿן מיר זיך נאָך מער געפֿרײט פֿוּנװעגן דער
פֿרײד פֿוּן טיטוּסן, מַחמת זײַן גײסט איז דערקװיקט געװאָרן דוּרך אײַך
אַלע. 14 װאָרים אױבֿ איך האָבֿ מיך אין עפּעס גערימט פֿאַר אים פֿוּנװעגן
אײַך, בּין איך ניט פֿאַרשעמט געװאָרן; נײַערט אַזױװי מיר האָבֿן אַלץ צוּ
אײַך גערעדט אין װאָרהאַפֿטיקײט, אַזױ האָט זיך אױך אוּנדזער

רימען זיך פאַר טיטוסן אַרויסגעוויזן צו זיין אֶמת. 15 און זיין האַרץ גייט
שטאַרק אויס צו אייך, בשעת ער דערמאָנט זיך אין אייער אַלעמענס
געהאָרכזאַמקייט, וויאַזוי איר האָט אים אויפגענומען מיט פאַרכטיקייט און
ציטערניש. 16 איך פריי מיך, וואָס איך קאָן מיך אין אַלצדינג אויף אייך
פאַרלאָזן.
ח און מיר לאָזן אייך וויסן, ברידער, דעם חֶסֶד פון גאָט, וואָס איז געגעבן
געוואָרן צו די קהִילות פון מאַקעדאָניע, 2 וויאַזוי אין נִסיונות פון צָרות האָט
זיך די שֶפע פון זייער פרייד און זייער טיפער אָרעמקייט פאַרמערט אין דער
עַשִירות פון זייער גוטסקייט. 3 וואָרים זיי האָבן געגעבן לויט זייער כּוחַ, ווי
איך קאָן עֵדות־זאָגן, און אַפילו איבער זייערע כּוחות, פרייַוויליק, 4 און
האָבן אונדז שטאַרק געבעטן פונוועגן דעם חֶסֶד און די שותּפותדיקייט אין
דער הילף פאַר די הייליקע, 5 און דאָס, ניט ווי מיר האָבן געהאָפט, נייערט
קודם־כָּל האָבן זיי זיך אַליין געגעבן צו דעם האַר, און צו אונדז דורך דעם
רָצון פון גאָט. 6 אויף אַזויפיל, אַז מיר האָבן געראָטן טיטוסן, אַז אַזוי ווי ער
האָט פריער געמאַכט אַן אָנהייב, אַזוי זאָל ער אויך פאַרענדיקן ביי אייך דעם
דאָזיקן חֶסֶד. 7 אָבער אַזוי ווי איר האָט געמערט אין אַלצדינג, אין אֱמונה,
און תּורה, און קענטעניש, און אין יעדער אייפעריקייט, און אין אייער ליבע
צו אונדז, אַזוי זאָלט איר אויך מערן אין דעם דאָזיקן חֶסֶד.
8 איך רעד ניט בדֶרֶך געבאָט, נייערט כּדי צו פּרואוון דורך דער אייפעריקייט
פון אַנדערע אויך די ערלעכקייט פון אייער ליבע. 9 וואָרים איר קענט דעם
חֶסֶד פון אונדזער האַר יֵשועַ הַמָשִיחַ, וואָס הַגַם ער איז געווען רייך, דאָך
פון אייַערטוועגן איז ער געוואָרן אָרעם, כּדי איר זאָלט דורך זיין אָרעמקייט
ווערן רייך. 10 און דערין גיב איך מיין מיינונג; וואָרים דאָס איז נוצלעך פאַר
אייך, וואָס זענט געווען פון די ערשטע צו מאַכן אַן אָנהייב מיט אַ יאָר
צוריק, ניט נאָר צו טאָן, נייערט אויך צו וועלן. 11 אַצינד אָבער פאַרענדיקט
אויך די טואונג, כּדי ווי עס איז געווען די ווילִיקייט צו וועלן, אַזוי זאָל אויך
זיין די פאַרענדיקונג לויט אייער מעגלעכקייט. 12 וואָרים אויב די ווילִיקייט
איז פאַראַן, ווערט זי אָנגענומען לויט דעם, וואָס מע פאַרמאָגט, און ניט
לויט דעם, וואָס מע פאַרמאָגט ניט. 13 וואָרים איך זאָג דאָס ניט, כּדי
אַנדערע זאָל פאַרלייַכטערט ווערן און איר זאָלט באַדרענגט ווערן;
14 נייערט דורך גלייַכקייט זאָל אייער שֶפע אין דער איצטיקער צייט זיין אַ
הילף פאַר זייער מאַנגל, כּדי זייער שֶפע זאָל אויך ווערן אַ הילף פאַר אייער
מאַנגל, כּדי עס זאָל זיין אַ גלייַכקייט; 15 ווי סע שטייט געשריבן: דער, וואָס
האָט געקליבן פיל, האָט ניט געהאַט איבעריק; און דער, וואָס האָט געקליבן
ווינציק, האָט ניט געהאַט קיין מאַנגל.[1]

[1] שמות טז, 18.

16 אָבער בָּרוך־השם, וואָס האָט אַרייַנגעגעבן די זעלבע ערנסטע זאָרג
פונוועגן אייך אין דעם האַרצן פון טיטוסן. 17 וואָרים ער האָט ניט נאָר
אָנגענומען אונדזער בַּקָשה, נייערט ווייל ער איז געווען זייער
אייפעריק, איז ער אַוועק צו אייך לויט זיין אייגענעם ווילן. 18 און מיר
האָבן צוזאַמען מיט אים געשיקט דעם ברודער, וואָס זיין לויב אין דער
בשׂורה טובה גייט איבער אַלע קהִילות; 19 און ניט נאָר דאָס, נייערט
ער איז אויך אויסדערווײלט פון די קהִילות צו ציען מיט אונדז אין
דעם עִנין פון דעם דאָזיקן חֶסֶד, וואָס ווערט געטאָן דורך אונדז פאַר
דעם כָּבוד פון דעם האַר, און צו אונדזער דערמוטיקונג. 20 און מיר
היטן זיך, אַז קיינער זאָל אונדז ניט באַשולדיקן אין דעם עִנין פון דער
דאָזיקער רייכער מַתָּנה, וואָס ווערט אויסגעפירט דורך אונדז.
21 וואָרים מיר זוכן ניט נאָר וואָס איז רעכט אין די אויגן פון דעם
האַר, נייערט אויך אין די אויגן פון מענטשן.
22 און מיר האָבן מיט זיי געשיקט אונדזער ברודער, וועמען מיר האָבן
אַ סך מאָל אויסגעפרואווט און געפונען אייפעריק אין אַ סַך זאַכן, און
וואָס איז אַצינד נאָך אַ סַך אייפעריקער, דורך זיין גרויסן בּטָחון אין
אייך. 23 און וואָס שַייך טיטוסן, איז ער מיין שותּף און מיטאַרבעטער
פאַר אייַערטוועגן; און וואָס שַייך אונדזערע ברידער, זענען זיי שלִיחים
פון די קהִילות, און אַ כָּבוד פאַר מָשִיחַן. 24 בכֵן, ווייזט זיי פאַר די
קהִילות דעם סִימן פון אייער ליבע, און פון אונדזער רימען זיך פון
אייַערטוועגן.
ט און בנוֹגֵע דער הילף פאַר די הייליקע, איז פאַר מיר איבעריק אייך
צו שרייבן; 2 וואָרים איך קען אייער ווילִיקייט, מיט וועלכער איך רים
מיך פון אייַערטוועגן פאַר די מענטשן פון מאַקעדאָניע, אַז אַכאַיאַ איז
שוין געווען אָנגעברייט מיט אַ יאָר צוריק; און אייער אייפעריקייט
האָט אויפגעמאָנטערט גאָר אַ סַך פון זיי. 3 אָבער איך האָב געשיקט
די ברידער, כּדי אונדזער רימען זיך פונוועגן אייך זאָל בנוֹגֵע דעם ניט
זיין אומזיסט, כּדי, אַזוי ווי איך האָב געזאָגט, איר זאָלט זיין
אָנגעברייט. 4 ווייל טאָמער וועט ווער פון די מאַקעדאָניער מיט מיר
קומען, און אייך געפינען ניט אָנגעברייט, זאָלן מיר – איך וויל ניט
זאָגן איר – פאַרשעמט ווערן אין דעם דאָזיקן בּטָחון. 5 איך האָב
דעריבער געהאַלטן פאַר נייטיק צו בעטן די ברידער, אַז זיי זאָלן קודם
גיין צו אייך, און זאָלן צוגרייטן אייער פריער־צוגעזאָגטע נדָבה, כּדי זי
זאָל זיין אָנגעברייט ווי אַ בּרָכה, און ניט ווי אַ געניייטע זאַך.
6 דאָס זאָלט איר וויסן: דער, וואָס זייט קאַרגלעך, וועט אויך שנייטדן
קאַרגלעך, און דער, וואָס זייעט בשֶפע,

וועט אויך שניידן בשֶפע. 7 זאָל יעדער טאָן ווי ער האָט בדֵעה אין זיין
האַרצן; ניט פאַרדראָסיק, אָדער געצוואונגען; וואָרים גאָט האָט ליב אַ
פרייליכן נַדבן. 8 און גאָט איז בּיכולת צו פאַרמערן אייך יעדן חֶסֶד,
אַזוי, אַז איר זאָלט תָּמיד האָבן אין אַלץ גענוג, און זאָלט זיך מערן אין
אַלערליי מעשׂים טובים, 9 ווי סע שטייט געשריבן:

ער האָט צעשפּרייט אומעטום, ער האָט געגעבן די אָרעמע,
זיין רעכטפאַרטיקייט באַשטייט אויף אייביק.[1]

10 און דער, וואָס גיט זריעה דעם זייער, און ברויט פאַר שפּייז, וועט
פאַרמערן אייער זריעה, און לאָזן וואַקסן די פּרוכט פון אייער
רעכטפאַרטיקייט. 11 איר וועט נתעשר ווערן אין אַלצדינג פאַר יעדער
ברייטהאַרציקייט, וואָס ווירקט דורך אונדז צום לויב פון גאָט;
12 וואָרים די אַרבעט פון דער דאָזיקער עבֿודה איז ניט נאָר ממַלא די
באַדערפענישן פון די הייליקע, נייערט פאַרמערט זיך אויך דורך פיל
לויב צו גאָט. 13 און דורך אייער פאַסיקייט אין דער דאָזיקער אַרבעט,
לויבן זיי גאָט פאַר דער געהאָרכזאַמקייט פון אייער מודה זיין זיך אין
דער בשׂורה טובה פון מָשיחַן, און פאַר דער ברייטהאַרציקער
ביישטייערונג פאַר זיי און פאַר אַלעמען; 14 און מיט תּפילה פאַר אייך
בענקען זיי נאָך אייך, צוליב דעם גרויסן חֶסֶד פון גאָט אין אייך. 15 אַ
לויב צו גאָט פאַר זיין מַתָּנה, וואָס איז ניט צום איבערדערציילן.
י און איך אַליין, פּאָולוס, בין אייך מַזהיר דורך דער עֲניוות און
איידלקייט פון מָשיחַן, איך, וואָס אין אייער קעגנוואַרט בין איך
קליין צווישן אייך, אָבער פון דערווייַטנס בין איך טוטיק לגַבי אייך.
2 איך בעט אייך, אַז ווען איך וועל זיין ביי אייך, זאָל איך ניט
דאַרפן אַרויסווייַזן קיין תּקיפות מיט דער זיכערקייט, מיט וועלכער
איך רעכן צו זיין שטרענג קעגן טייל, וואָס טראַכטן וועגן אונדז ווי
מיר וואָלטן געלעבט לויט דעם פלייש. 3 וואָרים הַגַם מיר לעבן אין
דעם פלייש, פירן מיר ניט קיין מִלחָמה לויט דעם פלייש, 4 וואָרים די
כּלֵי־זַיִן פון אונדזער מִלחָמה־פירונג זענען ניט לויט דעם פלייש,
נייערט זענען מעכטיק פאַר גאָט אַראָפּצואוואַרפן פעסטונגען. 5 מיר
צעוואַרפן געדאַנקען, און יעדע הויכע זאַך, וואָס איז דערהויבן קעגן
דער דערקענטעניש פון גאָט, און נעמען יעדע מַחשָבה אין
געפאַנגענשאַפט צו דער געהאָרכזאַמקייט פון מָשיחַן, 6 און זענען
אָנגעברייט צו שטראָפן פאַר יעדער אומגעהאָרכזאַמקייט, בעת אייער
געהאָרכזאַמקייט וועט זיין דערפילט.
7 קוקט אויף דעם, וואָס איז פאַר אייערע

[1] תהלים קיב, 9.

אויגן. אויב עמיצער איז בײַ זיך זיכער, אַז ער געהערט מָשיחַן, זאָל ער דאָס
נאָכאַמאָל איבערטראַכטן אין זיך אַליין, אַז אַזױוי ער געהערט מָשיחַן,
אַזוי געהערן אויך מיר. 8 וואָרים אויב אַפילו איך זאָל מיך רימען אַביסל
צופֿיל פֿונוועגן אונדזער רשות, וואָס דער האַר האָט אונדז געגעבן פֿאַר
אײַער אויפֿבויאונג, און ניט פֿאַר אײַער צעשטערונג, וועל איך ניט
פֿאַרשעמט ווערן, 9 כּדי איך זאָל ניט אויסזען ווי איך וואָלט אײַך וועלן
דערשרעקן מיט מײַנע בריוו. 10 וואָרים זײַנע בריוו, זאָגן זיי, זענען חָשוב
און שטאַרק, אָבער ווען ער גופֿא איז בײַ אונדז, איז ער שוואַך, און זײַן
רעדן איז אָן מַמָשות. 11 זאָל אַזאַ איינער דאָס באַרעכענען, אַז וואָס מיר
זענען אין וואָרט דורך בריוו, ווען מיר זענען אָפּוועזנד, זענען מיר אויך אין
מַעשים, ווען מיר זענען אַנוועזנד. 12 וואָרים מיר נעמען זיך ניט אונטער צו
רעכענען, אָדער צו פֿאַרגלײַכן זיך מיט די, וואָס לויבן זיך אַליין. שוין מיט
דעם, וואָס זיי מעסטן זיך מיט זיך אַליין, און פֿאַרגלײַכן זיך מיט זיך אַליין,
זענען זיי אָן פֿאַרשטענדעניש.
13 מיר אָבער וועלן זיך ניט רימען איבער אונדזער מאָס, נײַערט לויט דער
מאָס פֿון דעם גבול, וואָס גאָט האָט אונדז צוגעטיילט ווי אַ מאָס, אײַך
אַפילו צו דערגרייכן. 14 וואָרים מיר שטרעקן זיך ניט אויס צופֿיל, גלײַך ווי
מיר וואָלטן ניט דערגרייכט ביז צו אײַך, וואָרים מיר זענען אַפילו
דערגאַנגען ביז צו אײַך אין דער בשׂורה טובה פֿון מָשיחַן. 15 מיר רימען זיך
ניט איבער אונדזער מאָס אין אַנדערע מענטשנס מיִאונגען; מיר האָפֿן
אָבער, אַז וואָס מער אײַער אֱמונה וועט וואַקסן, וועלן מיר גרעסער ווערן
בײַ אײַך לויט אונדזער גרעניץ צו ווײַטערער שֶׁפֿע, 16 כּדי צו פּראָקלאַמירן
די בשׂורה טובה אַפילו אין די געגנטן ווײַטער פֿון אײַך, און ניט צו רימען
זיך מיט דעם, וואָס איז אָנגעברייט אין דעם גבול פֿון אַנדערע. 17 דער
אָבער, וואָס רימעט זיך, לאָז ער זיך רימען אין גאָט.[1] 18 וואָרים ניט דער,
וואָס לויבט זיך אַליין איז באַוויליקט, נײַערט דער, וועמען גאָט לויבט.
יא הַלוואַי וואָלט איר מיך געקענט פֿאַרטראָגן אין אַביסל נאַרישקייט. יאָ
איר פֿאַרטראָגט מיך אויך! 2 איך בין אײַך מקַנא מיט אַ געטלעכער קִנאה;
וואָרים איך האָב אײַך פֿאַרקנַסט צו אַ מאַן, כּדי איך זאָל אײַך פֿירשטעלן
ווי אַ ריינע בתולה פֿאַר מָשיחַן. 3 איך האָב אָבער מורא, טאָמער, ווי די
שלאַנג האָט מיט איר ליִסטיקייט אָפּגעגאַרט חַוָהן, אַזוי וועלן אויך אײַערע
מַחשָבות פֿאַרפֿירט ווערן פֿון דער תּמימות און לויטערקייט, אין שײַכות
צום מָשיחַ. 4 וואָרים אויב סע זאָל ווער קומען, און אײַך אַנזאָגן אַן אַנדערן
יֵשוּעַן, וועמען מיר האָבן ניט פּראָקלאַמירט, אָדער אויב איר וועט מקַבל
זײַן אַן אַנדערן גייסט, וואָס איר האָט ניט מקַבל געווען, אָדער אַן אַנדערע
בשׂורה, וואָס איר האָט ניט

[1] ירמיה ט, 23.

אָנגענוּמען, פֿאַרטראָגט איר אים גוּט. 5 וואָרים איך מיין, אַז איך בּין
ניט הינטערשטעליק די סאַמע גרעסטע שלִיחים. 6 און הַגַם איך בּין
פּראָסט אין רעדן, בּין איך עס אָבֿער ניט אין קענטעניש; ניין, אויף
יעדן אוֹפֿן האָבֿן מיר דאָס אַנטפּלעקט צוּ אייך אין אַלצדינג.
7 אָדער האָבֿ איך בּאַגאַנגען אַ זינד אין דערנידעריקן זיך אַליין, כּדי איר
זאָלט דערהויבֿן ווערן, מַחמת איך האָבֿ פֿאַר אייך אָנגעזאָגט אוּמזיסט
די בּשׂוּרה טובֿה פֿון גאָט? 8 איך האָבֿ געראַוּבֿט אַנדערע קהִילות, בּעת
איך האָבֿ גענוּמען בּיי זיי שׂכִירות, כּדי איך זאָל אייך דינען. 9 און בּעת
איך בּין געווען בּיי אייך, און בּין געווען נויטבּאַדערפֿטיק, בּין איך
קיינעם ניט געווען קיין לאַסט; וואָרים די בּרידער, בּעת זיי זענען
געקוּמען פֿון מאַקעדאָניע, האָבֿן געגעבֿן וויפֿל איך האָבֿ בּאַדאַרפֿט.
און איך האָבֿ מיך אין אַלצדינג צוּריקגעהאַלטן צוּ ווערן אַ לאַסט פֿאַר
אייך, און אַזוי וועל איך מיך האַלטן. 10 ווי דער אֶמת פֿון מָשיחַן איז
אין מיר, וועט מיר קיינער ניט פֿאַרווערן דאָס דאָזיקע רימען זיך אין
די געגנטן פֿון אַכאַיאַ. 11 פֿאַרוואָס? מַחמת איך האָבֿ אייך ניט ליבֿ?
גאָט ווייסט!
12 אָבֿער וואָס איך טוּ, דאָס וועל איך אויך טאָן, כּדי איך זאָל
אָפּשניידן אַ געלעגנהייט פֿאַר די, וואָס זוּכן אַ געלעגנהייט; כּדי אין
דעם, אין וואָס זיי רימען זיך, זאָלן זיי געפֿוּנען ווערן אַזויווי מיר.
13 וואָרים אַזעלכע מענטשן זענען פֿאַלשע שלִיחים, פֿאַרפֿירערישע
אַרבּעטער, וואָס פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר שלִיחים פֿון מָשיחַן. 14 און ניט
קיין וואוּנדער, וואָרים אַפֿילו דער שָׂטן אַליין טוּט זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר
אַ מַלאך פֿון ליכט. 15 עס איז דעריבּער ניט קיין גרויסע זאַך, אויבֿ זיינע
בּאַדינער פֿאַרשטעלן זיך אויך פֿאַר בּאַדינער פֿון רעכטפֿאַרטיקייט.
אָבֿער זייער סוֹף וועט זיין לויט זייערע מַעשׂים.
16 איך זאָג נאָכאַמאָל: זָל מיך קיינער ניט האַלטן פֿאַר אַ נאַר; נאָר
אויבֿ יאָ, טאָ נעמט מיך אויף ווי אַ נאַר, כּדי איך זאָל מיך אויך רימען
אַבּיסל. 17 דאָס, וואָס איך רעד, רעד איך ניט לויט דעם האַר, נייערט
ווי אין נאַרישקייט, אין דער דאָזיקער זיכערקייט פֿון רימען זיך;
18 ווייל אַזוי ווי אַ סַך רימען זיך לויט דעם פֿלייש, וועל איך מיך אויך
רימען. 19 וואָרים איר פֿאַרטראָגט גערן די נאַראָנים, מַחמת איר זענט
אַליין קלוּג. 20 וואָרים איר פֿאַרטראָגט דאָך אַ מענטשן, אויבֿ ער נעמט
אייך אין קנעכטשאַפֿט, אויבֿ ער פֿאַרצערט אייך, אויבֿ ער נעמט אייך
געפֿאַנגען, אויבֿ ער דערהייבֿט זיך אַליין, אויבֿ ער שלאָגט אייך אין
פּנים. 21 איך רעד דאָס פֿון בּושה, גלייך ווי מיר וואָלטן געווען שוואַך.
דאָך אין וואָס נאָר עמיצער איז

מוטיק – איך רעד אין נאַרישקייט – בין איך אויך מוטיק. 22 זענען זיי
עִברים? איך בין אויך. זענען זיי בְּנֵי־יִשׂרָאֵל? איך בין אויך. זענען זיי
דער זאָמען פון אַבֿרָהמען? איך בין אויך. 23 זענען זיי באַדינער פון
מָשִׁיחַן? איך נאָך מער – איך רעד ווי אַ משוגענער – אין מִיאונגען אַ
סך מער, אין תּפִיסות אַ סך מער, אין מַלקות איבער דער מאָס, אין
מִיתות אַ סך. 24 פון די יִידן האָב איך פינף מאָל באַקומען פערציק
מַלקות אָן איינעם. 25 דריי מאָל בין איך געשלאָגן געוואָרן מיט ריטער,
איינמאָל בין איך פאַרשטיינט געוואָרן, דריי מאָל האָב איך געליטן
שיפבראָך, אַ נאַכט און אַ טאָג בין איך געווען אין דער טיפעניש;
26 אין נסִיעות אַ סך, אין סַכָּנות פון וואַסער, אין סַכָּנות פון רויבער, אין
סַכָּנות פון מיינע לאַנדסלײַט, אין סַכָּנות פון די גויים, אין סַכָּנות אין
דער שטאָט, אין סַכָּנות אין דער מִדבר, אין סַכָּנות אויף דעם יַם, אין
סַכָּנות צווישן פאַלשע ברידער; 27 אין מִי און נויט, אין שלאָפלאָזע
נעכט, אין הונגער און דאָרשט, אין תַּעֲנִיתים אַ סך, אין קעלט און
נאַקעטקייט. 28 און אַחוץ יענע זאַכן, וואָס זענען אויסערלעך, איז
פאַראַן דאָס, וואָס דריקט אויף מיר טעגלעך, די זאָרג פאַר אַלע
קהִילות. 29 ווער איז שלאַף, און איך בין ניט שלאַף? ווער ווערט
געשטרויכלט, און איך ברען ניט?

30 אויב איך מוז מיך דַווקא רימען, וועל איך מיך רימען פונוועגן דעם,
וואָס האָט אַ שײַכות צו מיין שוואַכקייט. 31 דער גאָט און פאַטער פון
דעם האַר יֵשוּעַ, וואָס איז געלויבט אויף אייביק, ווייסט, אַז איך זאָג
ניט קיין ליגן. 32 אין דַמֶשֶק האָט דער פּראָקאָנסול אונטער דעם מֶלך
אַרעטאַס באַוואַכט די שטאָט פון דַמֶשֶק, כּדי מיך צו כאַפּן; 33 און
דורך אַ פענצטער בין איך אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין אַ קאָרב פון דער
וואַנט, און איך בין אַנטרונען פון זיינע הענט.

יב איך מוז מיך רימען, הַגַם עס איז ניט פּאַסיק; איך וועל אָבער
קומען אויף זעאונגען און אַנטפּלעקונגען פון דעם האַר. 2 איך קען אַ
מענטש אין מָשִׁיחַן: מיט פערצן יאָר צוריק איז אַזאַ איינער – צי אין
דעם גוף, ווייס איך ניט, צי אויסער דעם גוף, ווייס איך ניט, גאָט
ווייסט – איז אַזאַ איינער אַרויפגענומען געוואָרן ביז צום דריטן הימל.

3 און איך קען אַזאַ מענטש – צי אין דעם גוף, צי אויסער דעם גוף,
ווייס איך ניט; גאָט ווייסט – 4 וואָס איז אַרויפגענומען געוואָרן אין
גַן־עֵדן אַריין, און ער האָט געהערט רייד, וואָס קענען ניט
אַרויסגערעדט ווערן, וואָס אַ מענטש טאָר זיי ניט איבערחַזרן.
5 פונוועגן אַזאַ איינעם וויל איך מיך רימען, אָבער פונוועגן מיר
אַליין וויל איך מיך ניט רימען, אַחוץ אין מיין שוואַכקייט. 6 וואָרים
אויב איך וואָלט מיך וועלן רימען, וואָלט איך ניט זיין קיין נאַר;
וואָרים איך וועל רעדן דעם אֶמת. איך האַלט מיך אָבער אָפּ, טאָמער
וועט מיך עמיצער פאַררעכענען פאַר מער איידער דאָס, וואָס ער זעט
אין מיר, אָדער הערט פון מיר. 7 און כּדי איך זאָל ניט צופיל דערהויבן
ווערן דורך דער אויסערגעוויינלעכער גרויסקייט פון די אַנטפּלעקונגען,
איז מיר געגעבן געוואָרן אַ דאָרן אין דעם פלייש, אַ שליח פון דעם
שָׂטן מיך צו שלאָגן, כּדי איך זאָל ניט צופיל דערהויבן ווערן.
8 פונוועגן דעם האָב איך דריי מאָל געבעטן דעם האַר, אַז דאָס זאָל
אָפּקערן פון מיר. 9 און ער האָט צו מיר געזאָגט: מיין חֶסֶד איז גענוג
פאַר דיר, וואָרים מיין מאַכט ווערט שלֵימות אין שוואַכקייט. דעריבער
וועל איך מיך צום ליבסטן ליבער רימען אין מיינע שוואַכקייטן, כּדי די
מאַכט פון מָשיחַן זאָל רוען אויף מיר. 10 איבערדעם בין איך מיך
משַׂמֵחַ אין שוואַכקייטן, אין באַליידיקונגען, אין נויטבאַדערפטיקייטן,
אין רדיפות, אין סַכָּנות פון מָשיחַס־וועגן; וואָרים ווען איך בין שוואַך,
אָט דעמאָלט בין איך שטאַרק.
11 איך בין געוואָרן נאַריש; איר האָט מיך דערצו גענייטיקט, וואָרים
איך וואָלט באַדאַרפט געלויבט צו ווערן פון אייך; וואָרים אין קיין
שום זאַך בין איך ניט הינטערשטעליק די סאַמע גרעסטע שלוחים, הַגַם
איך בין גאָרניט. 12 יאָ, די צייכנס פון אַ שליח זענען געטאָן געוואָרן
צווישן אייך מיט דער גאַנצער געדולדיקייט, מיט צייכנס און וואונדער
און גבורות. 13 וואָרים מיט וואָס זענט איר הינטערשטעליק אין
פאַרגלייַך מיט די איבעריקע קהילות, אַחוץ וואָס איך בין ניט געוואָרן
קיין לאַסט פאַר אייך? זייט מיר מוחל די דאָזיקע עַוולה!
14 זעט, דאָס איז דריטע מאָל, וואָס איך בין גרייט צו קומען צו
אייך; און איך וועל ניט זיין קיין לאַסט פאַר אייך, וואָרים איך זוך ניט
דאָס אייַעריקע, נייערט אייך. וואָרים ניט די קינדער דאַרפן זאַמלען
אוצרות פאַר די עלטערן, נייערט די עלטערן פאַר די קינדער. 15 און
איך וויל זייער גערן אויסברענגען

און אויסגעבראַכט ווערן פֿאַר אייערע נשמות. אויב איך האָב אייך ליב
אַ סך מער, דאַרף איך דערפֿאַר געליבט ווערן ווינציקער? 16 נאָר זאָל
עס זיין אַזוי, איך בין פֿאַר אייך ניט געוועזן קיין לאַסט; נייערט, ווייל
איך בין כיטרע, האָב איך אייך געפֿאַנגען מיט כיטרעקייט. 17 האָב איך
אייך געטאָן אויסנוצן דורך עמיצן פֿון די, וועמען איך האָב געשיקט צו
אייך? 18 איך האָב געבעטן טיטוסן, און האָב מיטגעשיקט מיט אים
דעם ברודער. צי האָט טיטוס אייך אויסגענוצט? צי זענען מיר ניט
געהאַנדלט אין דעם זעלבן גייסט? צי זענען מיר ניט געגאַנגען אין די
זעלבע טריט?

19 איר מיינט די גאַנצע צייט, אַז מיר פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר אייך? מיר
רעדן פֿאַר גאָט אין משיחן. אַלצדינג אָבער, באַליבטע, איז פֿונוועגן
אייער אויפֿבויאונג. 20 וואָרים איך האָב מורא, טאָמער וועל איך
חלילה, ווען איך וועל קומען, אייך געפֿינען ניט אַזעלכע ווי איך וואָלט
וועלן, און איר וועט מיך געפֿינען ניט אַזוינעם ווי איר וואָלט וועלן;
טאָמער חלילה וועט דאָרט זיין קריג, קנאה, רוגז, מחלוקות, לשון־
הרע, מורמלערייען, גאווה, מהומות. 21 טאָמער, בעת איך וועל קומען,
וועט מיך גאָט ווידער אַמאָל דערנידעריקן פֿאַר אייך און איך וועל
דאַרפֿן טרויערן אויף אַ סך פֿון די, וואָס האָבן געזינדיקט שוין פֿון
פֿריער, און האָבן ניט תּשובה געטאָן אויף דער אומריינקייט און זנות
און תּאווה, וואָס זיי זענען באַגאַנגען.

יג דאָס איז דאָס דריטע מאָל, וואָס איך קום צו אייך. דורך דעם מויל
פֿון צוויי, אָדער דריי עדות, זאָל יעדע זאַך באַשטעטיקט ווערן.[1] 2 איך
האָב שוין פֿריער געזאָגט, און זאָג עס פֿאָרויס, ווי בעת איך בין געווען
ביי אייך דאָס צווייטע מאָל, אַזוי איצט, בעת איך בין אָפּוועזנד, אַז די,
וואָס האָבן פֿריער געזינדיקט, און אַלע איבעריקע, אַז אויב איך וועל
ווידער קומען, וועל איך קיינעם ניט שוינען, 3 ווייל איר זוכט אַ
באַווייז, אַז משיח רעדט אין מיר, וואָס איז לגבי אייך ניט שוואַך,
נייערט איז מעכטיק צווישן אייך. 4 וואָרים הגם ער איז געקרייציקט
געוואָרן אין שוואַכקייט, לעבט ער אָבער דורך דער גבורה פֿון גאָט.
וואָרים אויך מיר זענען שוואַך אין אים, נאָר מיר וועלן לעבן מיט אים
דורך דער גבורה פֿון גאָט פֿאַר אייך.

5 פּראָוווט אייך אַליין, צי איר זענט אין דער אמונה; זייט אייך
אַליין חוקר־ודורש.

[1] דברים יט, 15.

אָדער צי ווייסט איר ניט וועגן זיך אַליין, אַז יֵשוּעַ הַמָשִיחַ איז אין
אייך? – סיידן איר זענט פֿאַרוואָרפֿן. 6 איך האָף אָבער, אַז איר וועט
פֿאַרשטיין, אַז מיר זענען ניט קיין פֿאַרוואָרפֿענע. 7 און מיר זענען
מִתפַּלֵל צו גאָט, אַז איר זאָלט ניט טאָן קיין שלעכטס; ניט כּדי מיר
זאָלן אויסזען בּאַוויליקטע, נייערט כּדי איר זאָלט טאָן דאָס, וואָס איז
גוט, אויב אַפילו מיר זאָלן זיין ווי פֿאַרוואָרפֿענע. 8 וואָרים מיר קענען
גאָרניט טאָן קעגן דעם אֶמת, נייערט פֿאַר דעם אֶמת. 9 וואָרים מיר
פֿרייען זיך בּעת מיר זענען שוואַך, און איר זענט שטאַרק. און מיר
זענען אויך מִתפַּלֵל, אַז איר זאָלט אויפֿגעריכט ווערן. 10 דעריבּער
שרייבּ איך אייך דאָס, בּעת איך בּין אָפּוועזנד, כּדי ווען איך וועל
זיין בּיי אייך, זאָל איך ניט דאַרפֿן האַנדלען שטרענג לויט דעם רשות,
וואָס דער האַר האָט מיר געגעבּן אויף אויפֿצובּויען, און ניט
אַרונטערצורייַסן.
11 צום סוף, בּרידער, זייט געזונט, פֿאַרבּעסערט אייך, זייט געטרייסט,
זייט פֿון איין מַחשָבה, לעבּט בּשָלום; און דער גאָט פֿון ליבּע און
שָלום וועט זיין מיט אייך. 12 גריסט איינער דעם אַנדערן מיט אַ
הייליקן קוש. 13 אַלע הייליקע גריסן אייך.
14 דער חֶסֶד פֿון דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און די ליבּע פֿון גאָט, און די
חַברוּתֶאשאַפֿט פֿון דעם רוח־הַקוֹדֶש, זאָל זיין מיט אייך אַלעמען.

דער בּריוו צוּ די גאַלאַטער

א פּאָולוּס, אַ שליח, ניט פוּן מענטשן, אויך ניט דוּרך אַ מענטשן,
נייערט דוּרך יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אוּן גאָט דעם פּאָטער, וואָס האָט אים
מחַיֵה־מֵתים געווען, 2 אוּן אַלע בּרידער, וואָס זענען מיט מיר, צוּ די
קהִילות פוּן גאַלאַטיע.
3 חֶסֶד צוּ אייך אוּן שָלום פוּן גאָט, דעם פּאָטער אוּן אוּנדזער האַר
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 4 וואָס האָט זיך מַקריב געווען פאַר אוּנדזערע זינד, כּדי
ער זאָל אוּנדז מַציל זיין פוּן דער איצטיקער שלעכטער תְקוּפָה, לויט
נאָך דעם רָצון פוּן אוּנדזער גאָט אוּן פּאָטער; 5 וועמען סע געהערט
דער כָּבוד לְעולָם וָעֶד. אָמֵן.
6 איך וואוּנדער מיך, וואָס איר ווערט אַזוי גיך אָפּגעקערט פוּן אים,
וואָס האָט אייך בּאַרוּפן אין דעם חֶסֶד פוּן מָשִיחַן, צוּ אַן אַנדערער
בּשׂוּרה טובה, 7 וואָס איז ניט קיין אַנדערע, נייערט עס זענען פאַראַן
טייל, וואָס בּאַאוּמרוּאיקן אייך, אוּן וואָס וואָלטן וועלן פאַרדרייען די
בּשׂוּרה טובה פוּן מָשיחַן. 8 נאָר הַגַם מיר, אָדער אַ מַלאך פוּן הימל,
זאָלן אייך אָנזאָגן אַ בּשׂוּרה טובה, אַנדערש ווי יענע, וואָס מיר האָבּן
אייך אָנגעזאָגט, זאָל ער זיין אין חֵרֶם. 9 ווי מיר האָבּן פריער געזאָגט,
אַזוי זאָג איך אַצינד ווידער אַמאָל: אויבּ עמיצער זאָגט אייך אָן אַ
בּשׂוּרה טובה, אנדערש ווי יענע, וואָס איר האָט מקַבּל געווען, זאָל ער
זיין אין חֵרֶם.
10 וואָרים צי זוּך איך אַצינד די הַסְכָּמָה פוּן מענטשן, אָדער פוּן גאָט?
אָדער זוּך איך וואוילצוּגעפעלן ווערן מענטשן? אויבּ איך וואָלט נאָך
וועלן געפעלן ווערן מענטשן, וואָלט איך ניט געווען קיין קנעכט פוּן
מָשִיחַן. 11 וואָרים איך בּין אייך מודִיע, בּרידער, אַז די בּשׂוּרה טובה,
וואָס איז דוּרך מיר אָנגעזאָגט געוואָרן, איז ניט לויט אַ מענטשן.
12 וואָרים ניט איך האָבּ זי

מקַבל געווען פֿון אַ מענטשן, אויך האָט מען מיך זי ניט געלערנט,
נייערט געקומען איז זי צו מיר דורך אַן אַנטפּלעקונג פֿון יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ.
13 וואָרים איר האָט געהערט פֿון מיין פֿריערדיקן לעבנסשטייגער אין
דעם ייִדישן דָת, וויאַזוי איך האָב שטאַרק גערודפֿט די קהִילה פֿון
גאָט, און זי חָרוב געמאַכט; 14 און איך בין געשטיגן אין דעם ייִדישן
דָת העכער פֿון אַ סך פֿון מיין דוֹר צווישן מיינע לאַנדסלייט, ווייל איך
בין געווען אַ סך מער קַנָאי פֿאַר די מָסוֹרָה פֿון מיינע אָבות. 15 בעת
אָבער עס איז וואוילגעפֿעלן געוואָרן גאָט, וואָס האָט מיך
אויסגעשיידט פֿון מיין מוטערטראַכט, און האָט מיך דורך זיין חֶסֶד
באַרופֿן 16 צו אַנטפּלעקן אין מיר זיין זון, כּדי איך זאָל דרשענען די
בשׂוֹרה טובה פֿון אים צווישן די פֿעלקער, האָב איך תֵּיכּף מיך ניט
באַראָטן מיט קיין בָּשׂר־וָדם; 17 אויך בין איך ניט אַרויפֿגעגאַנגען קיין
ירושָלַיִם צו די, וואָס זענען געווען שלִיחים פֿאַר מיר, נייערט איך בין
אַוועקגעגאַנגען קיין אַראַביע, און ווידער אַמאָל האָב איך מיך
אומגעקערט קיין דַמֶשֶק.
18 דערנאָכדעם, אין דריי יאָר אַרום, בין איך אַרויפֿגעגאַנגען קיין
ירושָלַיִם, כּדי זיך צו זען מיט כֵּיפָאן, און בין פֿאַרבליבן מיט אים
פֿופֿצן טעג. 19 און קיין אַנדערן פֿון די שלִיחים האָב איך ניט געזען,
אַחוּץ יַעקֹבן, דעם האַרס ברודער. 20 און בנוֹגֵע דעם, וואָס איך שרייב
אייך – פֿאַר גאָט זאָג איך ניט קיין ליגן. 21 דערנאָך בין איך געקומען
אין די מקוֹמות פֿון סיריע און קיליקיע. 22 און איך בין נאָך געווען
אומבאַקאַנט פָּנים־אֶל־פָּנים צו די קהִילות פֿון יהודה, וואָס זענען
געווען אין מָשִׁיחַן. 23 זיי האָבן נאָר געהערט זאָגן: דער, וואָס האָט
אונדז פֿריער גערוֹדפֿט, דרשענט אצינד די אֶמוּנה, וואָס ער האָט פֿריער
צעשטערט; 24 און זיי האָבן געלויבט גאָט פֿון מיינעטוועגן.
ב דערנאָכדעם, נאָך פֿערצן יאָר בין איך ווידער אַמאָל אַרויפֿגעגאַנגען
קיין ירושָלַיִם מיט בּר־נַבָּאן, און האָב אויך מיטגענומען טיטוסן מיט
מיר. 2 און איך בין אַרויפֿגעגאַנגען דורך אַן אַנטפּלעקונג, און האָב זיי
פֿירגעלייגט די בשׂוֹרה טוֹבה, וואָס איך דַרשען צווישן די אומות־
הָעוֹלָם, באַזונדער אָבער פֿאַר די, וואָס זענען געווען פֿון חַשִיבות, כּדי
איך זאָל חָלִילה ניט לויפֿן, אָדער האָבן געלאָפֿן, אומזיסט. 3 און אַפֿילו
טיטוס, וואָס איז געווען מיט מיר, הַגַם אַ גוֹי, איז ניט געצוואונגען
געוואָרן געמַלט צו ווערן. 4 אָבער צוליב די אַריינגעבראַכטע פֿאַלשע
ברידער, וואָס זענען בסוֹד אַריינגעקומען אויסצושפּירן אונדזער
פֿרייַהייט, וואָס מיר האָבן אין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, כּדי זיי זאָלן אונדז
ברענגען צו קנעכטשאַפֿט, – 5 צו וועמען מיר האָבן זיך אויך ניט
אונטערטעניק געמאַכט, אַפֿילו ניט אויף אַ שָעה, כּדי דער

אֶמת פֿון דער בשׂורה טובֿה זאָל פֿאַרבלײַבן מיט אײַך.
6 פֿון יענע אָבֿער, וואָס זענען געווען אָנגעזען (וואָס זיי זענען געווען,
איז ניט מײַן עֵסק; גאָט איז קײנעם ניט נושׂא־פָּנים) – די, זאָג איך,
וואָס זענען געווען פֿון חַשיבֿות, האָבן מיר גאָרניט צוגעטיילט;
7 נײַערט פֿאַרקערט, בעת זיי האָבן געזען, אַז איך בין אָנפֿאַרטרויט
געוואָרן מיט דער בשׂורה טובֿה פֿאַר די עָרלים, אַזויווי כֵּיפָא פֿאַר די
געמאַלטע 8 (וואָרים דער, וואָס האָט געווירקט אין כֵּיפָאן פֿאַר דער
שליחות פֿון די געמאַלטע, האָט אויך געווירקט אין מיר פֿאַר די גוֹיִים),
9 און בעת זיי האָבן באַמערקט דעם חֶסד, וואָס איז מיר געגעבן
געוואָרן, האָבן יַעקבֿ און כֵּיפָא און יוחָנָן, וואָס זענען געווען
פֿאַררעכנט פֿאַר זײַלן, מיר און בַּר־נַבָּאן געגעבן די רעכטע האַנט פֿון
ברודערשאַפֿט, כּדי מיר זאָלן גיין צו די גוֹיִים, און זיי צו די געמאַלטע;
10 נאָר זיי האָבן געוואָלט, אַז מיר זאָלן געדענקען די אָרעמע, וואָס איך
האָב מיך אויך באַמיט צו טאָן.
11 בעת אָבֿער כֵּיפָא איז געקומען קיין אַנטיאָכיע, האָב איך מיך אים אין
פָּנים אַנטקעגנגעשטעלט, מַחמת ער איז געשטאַנען פֿאַרמשפּט.
12 וואָרים איידער עטלעכע זענען געקומען פֿון יַעקבֿן, האָט ער
געגעסן מיט די גוֹיִים; אָבֿער ווי נאָר זיי זענען געקומען, האָט ער זיך
צוריקגעצויגן און האָט זיך אָפּגעשיידט, ווײַל ער האָט מורא געהאַט
פֿאַר די געמאַלטע. 13 און די איבעריקע פֿון די ייִדן האָבן זיך אויך
פֿאַרשטעלט מיט אים, אַזוי, אַז אַפֿילו בַּר־נַבָּא איז פֿאַרפֿירט געוואָרן
פֿון זייער צבֿיעות. 14 בעת אָבֿער איך האָב געזען, אַז זיי האַנדלען ניט
רעכטפֿאַרטיק לויט דעם אֶמת פֿון דער בשׂורה טובֿה, האָב איך געזאָגט
צו כֵּיפָאן פֿאַר זיי אַלעמען: אויב דו, וואָס ביסט אַ ייִד, לעבסט ווי סע
זענען זיך נוהג די גוֹיִים, און ניט ווי די ייִדן, וויאַזוי צווינגסטו די גוֹיִים
צו לעבן, אַזויווי ייִדן זענען זיך נוהג?
15 מיר, וואָס זענען ייִדן פֿון דער נאַטור, און ניט קיין זינדיקע פֿון די
גוֹיִים, 16 ווייסן, אַז אַ מענטש ווערט ניט גערעכטפֿאַרטיקט דורך די
מַעשׂים פֿון דער תּורה, נײַערט דורך דער אֶמונה אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ,
אַזוי האָבן אויך מיר געגלויבט אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ, כּדי מיר זאָלן
גערעכטפֿאַרטיקט ווערן דורך אֶמונה אין מָשיחַן, און ניט דורך די
מַעשׂים פֿון דער תּורה, מַחמת דורך די מַעשׂים פֿון דער תּורה וועט
קיינער ניט גערעכטפֿאַרטיקט ווערן. 17 אויב אָבֿער מיר, בעת מיר האָבן
געזוכט גערעכטפֿאַרטיקט צו ווערן אין מָשיחַן, זענען אַליין אויך
געפֿונען געוואָרן זינדיקע, איז דען מָשיחַ אַ דינער פֿון זינד? חָלילה!
18 וואָרים אויב איך בוי ווידער

אויף דאָס, וואָס איך האָבֿ צעשטערט, שטעל איך מיך אַרויס פֿאַר אַ
בַּעל־עֲבֵירה. 19 וואָרים איך בין דוּרך דער תּוֹרה געשטאָרבֿן פֿאַר דער
תּוֹרה, כּדי איך זאָל לעבֿן פֿאַר גאָט. 20 איך בין געקרייציקט געוואָרן
מיט מָשִׁיחַן; אוּן דאָס איז ניט מער איך, וואָס לעבֿ, נייערט מָשִׁיחַ
לעבֿט אין מיר, אוּן דאָס לעבֿן, וואָס איך לעבֿ אַצינד אין דעם לײַבֿ,
לעבֿ איך בֶּאֱמוּנה פֿוּן דעם בֶּן־אֱלֹהִים, וואָס האָט מיך ליבֿ געהאַט, אוּן
האָט זיך מַקריב געווען פֿאַר מיר. 21 איך בין ניט מְבַטל דעם חֶסֶד פֿוּן
גאָט; וואָרים אויבֿ גערעכטיקייט איז דוּרך דער תּוֹרה, דאַן איז מָשִׁיחַ
געשטאָרבֿן אוּמזיסט.

ג אָ נאַרישע גאַלאַטער! ווער האָט אײַך פֿאַרכּישוּפֿט, פֿאַר וועמעס
אויגן יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ איז אָפֿן געצייכנט געוואָרן אַ געקרייציקטער?
2 נייערט דאָס וואָלט איך וועלן לערנען פֿוּן אײַך: האָט איר מְקַבּל
געווען דעם גייסט דוּרך די מַעשׂים פֿוּן דער תּוֹרה, אָדער דוּרך דער
שמוּעה פֿוּן אֱמוּנה? 3 צי זענט איר אַזוי נאַריש? אָנגעהויבֿן האָט איר
אין דעם גייסט, פֿאַרענדיקט איר אַצינד אין דעם פֿלייש? 4 צי האָט איר
אוּמזיסט אַזויפֿיל געליטן? אויבֿ בֶּאֱמת אוּמזיסט! 5 וואָרים דער, וואָס
גיט אײַך דעם גייסט, אוּן טוּט גבוּרות צווישן אײַך, צי טוּט ער דאָס
דוּרך די מַעשׂים פֿוּן דער תּוֹרה, אָדער דוּרך דער שמוּעה פֿוּן אֱמוּנה?
6 אַזויווי אַבֿרָהם האָט געגלויבּט אין גאָט, אוּן עס איז אים פֿאַררעכנט
געוואָרן פֿאַר גערעכטיקייט.[1]
7 אַזוי זעט איר, אַז די, וואָס זענען פֿוּן דער אֱמוּנה, די דאָזיקע זענען
קינדער פֿוּן אַבֿרָהמען. 8 אוּן די תּוֹרה, ווײַל זי האָט פֿאַרויסגעזען, אַז
גאָט וועט רעכטפֿאַרטיקן די גוֹיִים דוּרך אֱמוּנה, האָט פֿאָרויסגעזאָגט
די בשׂוֹרה טוֹבֿה צוּ אַבֿרָהמען: אין דיר וועלן אַלע אוּמות זײַן
געבענטשט.[2] 9 הייסט עס דעריבער, אַז די, וואָס זענען פֿוּן דער אֱמוּנה,
זענען געבענטשט מיט דעם מַאמין אַבֿרָהם.
10 וואָרים אַלע, וואָס פֿאַרלאָזן זיך אויף די מַעשׂים פֿוּן דער תּוֹרה,
זענען אוּנטער אַ קְלָלה; וואָרים סע שטייט געשריבֿן: פֿאַרשאָלטן איז
יעדער איינער, וואָס בּאַשטייט ניט אין אַלצדינג, וואָס סע שטייט
געשריבֿן אין דעם סֵפֿר תּוֹרה, צוּ טאָן עס.[3] 11 הײַנט, אַז קיינער ווערט
ניט גערעכטפֿאַרטיקט פֿאַר גאָט דוּרך דער תּוֹרה, איז קלאָר; וואָרים:
דער צַדיק וועט לעבֿן דוּרך אֱמוּנה.[4] 12 אוּן די תּוֹרה איז ניט פֿוּן
אֱמוּנה, נייערט: דער, וואָס איז

[1] בראשית טו, 6. [2] בראשית יב, 3. [3] דברים כז, 26. [4] חבקוק ב, 4.

זי מקַיים, וועט לעבן אין איר.[1] 13 מָשִיחַ האָט אונדז אויסגעלייזט פֿון
דער קְלָלה פֿון דער תּוֹרה, בעת ער איז געוואָרן אַ קְלָלה פֿאַר אונדז.
וואָרים סע שטייט געשריבן: פֿאַרשאָלטן איז יעדער איינער, וואָס
הענגט אויף אַ בוים,[2] – 14 כּדי אויף די אומות־הָעוֹלָם זאָל קומען די
בְּרָכה פֿון אַבְרָהמען אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און כּדי מיר זאָלן מְקַבּל זיין די
הַבטָחה פֿון דעם רוּחַ־הקוֹדש דורך אֱמוּנה.
15 בּרידער, איך רעד לויט דעם שטייגער פֿון מענטשן: הַגַם עס איז נאָר
אַ מענטשנס צַוָואה, אויב זי איז בּאַשטעטיקט געוואָרן, קאָן קיינער זי
ניט מבַטל זיין, אָדער עפּעס צוזעצן צו איר. 16 און צו אַבְרָהמען זענען
די הַבטָחות געגעבן געוואָרן, און צו זיין זאָמען. ער זאָגט ניט: און צו
זאָמען, ווי פֿון אַ סך, נייערט ווי פֿון איינעם: און צו דיין זאָמען,[3] וואָס
איז מָשִיחַ. 17 און דאָס זאָג איך: אַ בּונד, וואָס איז פֿריער בּאַשטעטיקט
געוואָרן דורך גאָט, קאָן די תּוֹרה, וואָס איז געקומען פֿיר הונדערט און
דרייסיק יאָר שפּעטער, ניט בָטל מאַכן, אַזוי, אַז די הַבטָחה זאָל קיין
קִיוּם ניט האָבן. 18 וואָרים אויב די ירושה איז פֿון דער תּוֹרה, איז זי ניט
מער פֿון דער הַבטָחה; אָבער גאָט האָט זי געשענקט אַבְרָהמען דורך
דער הַבטָחה.
19 בּכֵן, וואָס איז די תּוֹרה? זי איז צוגעגעבן געוואָרן פֿונוועגן די
עֲבֵירות, בּיז דער זאָמען וועט קומען, פֿאַר וועמען די הַבטָחה איז
געגעבן געוואָרן: און זי איז אָנגעבּרייט געוואָרן דורך מַלאָכים פֿון דער
האַנט פֿון אַ פֿאַרמיטלער. 20 און אַ פֿאַרמיטלער איז ניט פֿון איינעם;
גאָט אָבער איז איינער. 21 צי איז דען די תּוֹרה קעגן די הַבטָחות פֿון
גאָט? חָלִילה! וואָרים אויב סע וואָלט געגעבן געוואָרן אַ תּוֹרה, וואָס
וואָלט געקענט מאַכן לעבעדיק, דעמאָלט וואָלט רעכטפֿאַרטיקייט
בּאֱמת געווען פֿון דער תּוֹרה. 22 דער פָּסוק האָט אָבער אַלצדינג
פֿאַרשלאָסן אונטער זינד, כּדי די הַבטָחה דורך אֱמוּנה אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ
זאָל געגעבן ווערן צו די, וואָס גלויבן.
23 אָבער איידער אֱמוּנה איז געקומען, זענען מיר געהאַלטן געוואָרן אין
שוּץ אונטער דער תּוֹרה, איינגעשלאָסן פֿאַר דער אֱמוּנה, וואָס האָט
געדאַרפֿט אַנטפּלעקט ווערן. 24 אַזוי, אַז די תּוֹרה איז געוואָרן אונדזער
דערציער צום מָשִיחַ, כּדי מיר זאָלן גערעכטפֿאַרטיקט ווערן דורך
אֱמוּנה. 25 אַצינד אָבער, אַז אֱמוּנה איז געקומען, זענען מיר ניט מער
אונטער אַ דערציער. 26 וואָרים איר אַלע זענט

[1] ויקרא יח, 5. [2] דברים כא, 23. [3] בראשית יג, 15; יז, 7; כב, 18; כד, 7.

קינדער פון גאָט דורך אֶמונה אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 27 וואָרים וויפל פון
אייך סע זענען געטובלט געוואָרן אין מָשִיחַן, האָבן זיך אָנגעטאָן
מָשִיחַן. 28 ניטאָ קיין ייִד אָדער גוֹי, ניטאָ קיין קנעכט אָדער פרייַער,
ניטאָ קיין זָכר אָדער נקֵבה; וואָרים איר אַלע זענט איינס אין יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ. 29 און אויב איר געהערט מָשִיחַן, זענט איר דערפאר אַבְרָהמס
זאָמען, יוֹרשים לויט דער הַבטָחה.

ד איך זאָג אָבער, אַז כָּל־זמַן דער יוֹרש איז אַ קינד, אונטערשיידט ער
זיך מיט גאָרניט פון אַ קנעכט, הַגַם ער איז האַר פון אַלץ; 2 נייערט ער
איז אונטער אַפּוֹטרוֹפּסים און אויפזעערס ביז צו דער צייט, וואָס איז
באַשטימט פון דעם פאָטער. 3 אַזוי אויך מיר, בעת מיר זענען געווען
קינדער, זענען מיר געהאַלטן געוואָרן אין קנעכטשאַפט אונטער די
ערשטע יסוֹדות פון דער וועלט. 4 בעת אָבער די צייט איז געוואָרן
דערפילט, האָט גאָט אַרויסגעשיקט זיין זון, געבוירן פון אַ פרוֹי,
געבוירן אונטער דער תּוֹרה, 5 אַז ער זאָל אויסלייזן די, וואָס זענען
געווען אונטער דער תּוֹרה, כּדי מיר זאָלן מקַבּל זיין דאָס רעכט פון
קינדער. 6 און ווייל איר זענט קינדער, האָט גאָט אַרויסגעשיקט דעם
גייסט פון זיין זון אין אונדזערע הערצער אַריין, וואָס רופט: אַבָּא,
פאָטער! 7 אַזוי, אַז דו ביסט ניט מער קיין קנעכט, נייערט אַ זון; און
אויב אַ זון, טאָ אַ יוֹרש דורך גאָט.

8 אָבער דעמאָלט, בעת איר האָט גאָט ניט פעקענט, זענט איר געווען
אין קנעכטשאַפט ביי די, וואָס זענען אין זייער עֶצֶם ניט קיין געטער.
9 אַצינד אָבער, בעת איר קענט גאָט, אָדער ליבער, איר זענט דערקענט
פון גאָט, וויאַזוי קערט איר אייך אום צוריק צו די שוואַכע און
אָרעמע יסוֹדות, צו וועלכע איר באַגערט צו זיין אין קנעכטשאַפט
אויפסניַי? 10 איר היט אָפּ טעג, און חַדָשים, און זמַנים, און יאָרן.
11 איך האָב מוֹרא פונוועגן אייך, טאָמער חָלִילה האָב איך אומזיסט
אַוועקגעשאָנקען מִי אויף אייך.

12 איך בעט אייך, ברידער, ווערט ווי איך בין, וואָרים אויך איך בין
געוואָרן ווי איר זענט. איר האָט מיר ניט געטאָן קיין שום שלעכטס;
13 איר ווייסט, אַז מַחמת אַ שוואַכקייט אין דעם לייַב האָב איך
געדַרשענט פאַר אייך די בשׂוּרה טוֹבה דאָס ערשטע מאָל; 14 און דאָס,
וואָס איז ביי אייך געווען אַ שוועריקייט אין מיין לייַב, האָט איר ניט
פאַראַכט און ניט פאַרוואָרפן, נייערט איר האָט מיך מקַבּל געווען ווי אַ
מַלאך פון גאָט, ווי יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 15 דעריבער, וואו איז יענע
געבענטשטקייט אייערע? וואָרים איך זאָג אייך עֵדות, אַז אויב
מעגלעך, וואָלט איר אַרויסגעריסן אייערע אויגן

און זיי מיר געגעבן. 16 צי בין איך דעריבער געוואָרן אייער שׂונא מיט
דעם זאָגן אייך דעם אֶמת? 17 זיי באַגערן אייך אייפעריק אויף ניט קיין
גוטן אופן; יאָ, זיי ווילן אייך אויסשליסן, כּדי איר זאָלט זיי באַגערן.
18 עס איז תּמיד גוט אייפעריק געזוכט צו ווערן אין אַ גוטער זאַך, און
ניט נאָר בעת איך בין מיט אייך. 19 קינדער מיינע, צוליב וועמען איך
בין ווידער אַמאָל אין ווייען, ביז משיח וועט געפורעמט ווערן אין
אייך! 20 איך וואָלט אָבער וועלן זיין אָנוועזנד מיט אייך אַצינד, און צו
בייטן מיין קול; וואָרים איך בין באַזאָרגט פונוועגן אייך.
21 זאָגט מיר, איר, וואָס באַגערט צו זיין אונטער דער תּורה, צי טוט
איר ניט הערן די תּורה? 22 וואָרים סע שטייט געשריבן, אַז אַברָהם
האָט געהאַט צוויי זין, איינעם פון דער דינסט, און איינעם פון דעם
פרייען ווייב. 23 אָבער דער זון פון דער דינסט איז געבוירן געוואָרן
לויט דעם פלייש, און דער זון פון דעם פרייען ווייב דורך דער
הַבטָחה.[1] 24 די דאָזיקע זאַכן האָבן אין זיך אַ משל: וואָרים די דאָזיקע
ווייבער זענען גלייַך צוויי בונדן; איינעם פון דעם באַרג סיני, וואָס
געבערט קינדער פאַר קנעכטשאַפט, דאָס איז הָגר. 25 און די דאָזיקע
הָגר איז דער באַרג סיני אין אַראַביע, און איז געגליכן דער איצטיקער
ירושָלַים, וואָרים זי איז אין קנעכטשאַפט מיט אירע קינדער. 26 אָבער
די ירושָלַים של־מַעלה, איז פריי, און זי איז אונדזער מוטער. 27 וואָרים
סע שטייט געשריבן:

פריי דיך, דו עקָרה, וואָס האָסט ניט געבוירן,
שריי אויס און זינג, דו, וואָס האָסט ניט קיין ווייען;
וואָרים מערער זענען די קינדער פון דער פאַרלאָזטער,
ווי פון איר, וואָס איז באַמאַנט.[2]

28 און מיר, ברידער, ווי יצחק, זענען קינדער פון דער הַבטָחה. 29 אָבער
אַזוי ווי דעמאָלט, האָט דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן לויט דעם
פלייש, געראָדפט דעם, וואָס איז געבוירן געוואָרן לויט דעם גייסט;
אַזוי איז עס אויך אַצינד. 30 אָבער וואָס זאָגט דער פּסוק? טרייב אַרויס
די דינסט און איר זון; וואָרים דער זון פון דער דינסט וועט ניט
ירשענען מיט דעם זון פון דעם פרייען ווייב.[3] 31 דעריבער, ברידער,
מיר זענען ניט קיין קינדער פון אַ דינסט, נייערט פון דעם פרייען ווייב.
ה צו דער פרייַהייט האָט אונדז משיח פריי געמאַכט; שטייט דעריבער
פעסט, און טוט אייך ניט נאָכאַמאָל אונטערוואַרפן אונטער אַן עול פון
קנעכטשאַפט.

[1] בראשית כא, 2. [2] ישעיה נד, 1. [3] בראשית כא, 10.

2 אָט איך, פּאָולוס, זאָג אײַך, אַז אויב איר וועט זיך מַל זײַן, וועט אײַך
מָשִיחַ גאָרניט נוצן. 3 יאָ, איך זאָג ווידער אַמאָל עֵדות יעדן מענטשן,
וואָס לאָזט זיך מַל זײַן, אַז ער איז מחויב מְקַיים צו זײַן די גאַנצע
תּוֹרה. 4 איר זענט אָפּגעשניטן פון מָשִיחַן, איר, וואָס ווילט
גערעכטפאַרטיקט ווערן דורך דער תּוֹרה; איר זענט אָפּגעפאַלן פון
דעם חֶסֶד. 5 וואָרים דורך דעם גייסט, און דורך אֱמונה, וואַרטן מיר
אויף דער האָפענונג פון רעכטפאַרטיקייט. 6 וואָרים אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ
מיינט מִילה גאָרניט, אויך ניט עָרלה, נייערט אֱמונה, וואָס טוט ווירקן
דורך ליבע.

7 איר זענט גוט געלאָפן. ווער האָט אײַך געשטערט, אַז איר זאָלט
פאָלגן דעם אֱמת? 8 די דאָזיקע איבעררעדונג איז ניט פון אים, וואָס
האָט אײַך באַרופן. 9 אַביסל חָמֵץ מאַכט זויער דאָס גאַנצע טייג. 10 איך
בין בָּטוּחַ פונוועגן אײַך אין דעם האַר, אַז איר וועט ניט האָבן קיין
אַנדערע דֵעה; דער אָבער, וואָס פאַרשאַפט אײַך צָרות, וועט קריגן זײַן
פסַק, ווער דאָס זאָל ניט זײַן. 11 איך אָבער, ברידער, אויב איך זאָג נאָך
אָן מִילה, פאַרוואָס ווער איך נאָך גערוֹדפט? דעמאָלט איז דער אֶבֶן־
נֶגֶף פון דעם צלָב בָּטל געוואָרן. 12 הַלוואַי זאָלן די, וואָס צערודערן
אײַך, זיך אַליין צעשניידן!

13 וואָרים איר, ברידער, זענט באַרופן געוואָרן צו פרײַהייט; נוצט
אָבער ניט אײַער פרײַהייט פאַר אַ געלעגנהייט פון דעם פלייש; נייערט
דורך ליבע דינט איינער דעם אַנדערן. 14 וואָרים די גאַנצע תּוֹרה ווערט
מקוּים אין איין וואָרט, דהַיינו: דו זאָלסט ליב האָבן דײַן חַבר ווי זיך
אַליין.[1] 15 אויב אָבער איר בײַסט און פרעסט אויף איינער דעם אַנדערן,
גיט אַכטונג, אַז איר זאָלט ניט פאַרשלינגען ווערן איינער פון דעם
אַנדערן.

16 איך זאָג אָבער: לעבט אין דעם גייסט, און איר וועט ניט מְמַלא זײַן
די תַּאווה פון דעם פלייש. 17 וואָרים דאָס פלייש גלוסט לְהֵיפּוּך דעם
גייסט, און דער גייסט לְהֵיפּוּך דעם פלייש; וואָרים די דאָזיקע זענען
לְהֵיפּוּך איינער דעם אַנדערן, כּדי איר זאָלט ניט קענען טאָן די זאַכן,
וואָס איר וואָלט וועלן. 18 אויב אָבער איר ווערט געפירט פון דעם
גייסט, זענט איר ניט אונטער דער תּוֹרה. 19 און די מַעֲשים פון דעם
פלייש זענען אַנטפּלעקט, און זיי זענען: זנות, טוּמאה, תַּאווה,
20 עֲבוֹדה־זָרה, כִּישוּף, שִׂנאה, קריג, אייפערזוכט, כַּעס, אייגן־ליבע,
מַחלוֹקֶות, כִּיתּות, 21 קִנאה, שִיכּרות, פרעסערײַען, און כּדוֹמה. פונוועגן
דעם וואָרען איך אײַך פאָרויס, אַזוי ווי איך האָב אײַך שוין פריער

[1] ויקרא יט, 18.

געוואָרנט, אַז די, וואָס טוען אַזוינע זאַכן, וועלן ניט יַרשענען דאָס
מַלכות פֿון גאָט. 22 אָבער די פּרוכט פֿון דעם גייסט איז ליבע, פֿרייד,
שָׁלום, סַבלָנות, פֿרײַנטלעכקייט, גוטסקייט, געטרייַשאַפֿט, 23 עֲניווּת,
צוריקגעהאַלטנקייט, קעגן אַזעלכע איז ניטאָ קיין תּורה. 24 און די,
וואָס געהערן צו יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, האָבן געקרייציקט דאָס פֿלייש מיט
זייערע גלוסטיקייטן און תּאוות.
25 אויב מיר לעבן דורך דעם גייסט, לאָמיר אויך זיך אויפֿפֿירן לויט
דעם גייסט. 26 לאָמיר ניט לויפֿן נאָך פּוסטן כָּבוד, צו דערצערענען
איינער דעם אַנדערן, און מקַנא זיין איינער דעם אַנדערן.
ו ברידער, אויב אַפֿילו אַ מענטש וועט געכאַפּט ווערן אין עפּעס אַן
עֲבֵירה, זאָלט איר, וואָס זענט גייַסטיקע, אַזאַ איינעם צוריקשטעלן
אין אַ גייסט פֿון איידלקייט. גיב אַכטונג אויף דער אַליין, טאָמער
וועסטו אויך געבראַכט ווערן צו אַ נסָיון. 2 טראָגט איינער דעם
אַנדערנס לאַסטן, און אַזוי אַרום זייט מקַיים די תּורה פֿון מָשִׁיחַן.
3 וואָרים אויב עמיצער רעכנט זיך צו זיין עפּעס, בעת ער איז גאָרניט,
נאַרט ער זיך אַליין אָפּ. 4 זאָל אָבער יעדער מענטש אויספּרוּוון זיין
אייגען ווערק, און דערנאָך זאָל ער קריגן זיין לויב אין שייַכות מיט זיך
אַליין, און ניט פֿון אַן אַנדערן. 5 וואָרים יעדער איינער וועט טראָגן זיין
אייגענע מַשׂא.
6 זאָל דער, וואָס ווערט געלערנט אין דעם וואָרט, זיך טיילן פֿון
אַלעמגוטן מיט דעם, וואָס לערנט אים. 7 זייט ניט גענאַרט; גאָט לאָזט
זיך ניט אויסשפּעטן. וואָרים וואָס נאָר אַ מענטש זייט, דאָס וועט ער
אויך שניידן. 8 וואָרים דער, וואָס זייט פֿאַר זיין אייגענעם פֿלייש, וועט
שניידן פֿון דעם פֿלייש פֿאַרדאַרבונג; דער אָבער, וואָס זייט פֿאַר דעם
גייסט, וועט שניידן פֿון דעם גייסט אייביק לעבן. 9 און לאָמיר ניט
ווערן מיד אין טאָן גוטס; וואָרים אין דער געהעריקער צייט וועלן מיר
שניידן, אויב מיר וועלן ניט אָפּגעשוואַכט ווערן. 10 און דעריבער, כָּל-
זמַן מיר האָבן אַ געלעגנהייט, לאָמיר טאָן גוטס צו אַלע מענטשן, און
בִּפֿרַט צו די, וואָס זענען פֿון דעם הויזגעזינד פֿון דער אֱמונה.
11 זעט מיט וואָסערע גרויסע אותִיות איך שרייב: אייך מיט מיין
אייגענער האַנט. 12 אַלע, וואָס בּאַגערן צו בּאַשייַנען זיך אין דעם
פֿלייש, צווינגען אייך געמַלט צו ווערן, כּדי נאָר זיי זאָלן ניט גערודפֿט
ווערן צוליב דעם צלָב פֿון מָשִׁיחַן. 13 וואָרים אַפֿילו די געמַלטע אַליין
היטן ניט אָפּ די תּורה; זיי ווילן נאָר, אַז איר זאָלט זיך מַל זיין, כּדי זיי
זאָלן זיך רימען אין אייער פֿלייש. 14 אָבער איך חָלִילה וויל מיך ניט
רימען, אַחוץ אין דעם צלָב פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, דורך

װעמען די װעלט איז געקרייציקט געװאָרן פֿאַר מיר, און איך פֿאַר דער
װעלט. 15 װאָרים ניט מִילה מיינט עפּעס, אויך ניט עָרלה, נייערט אַ
נייע בּריאה. 16 און װיפֿל סע װעלן לעבן מיט דעם כּלל, זאָל אויף זיי
זיין שָלום, און חֶסֶד, און אויף דעם יִשׂרָאל פֿון גאָט.
17 פֿון איצטמאָל־אָן זאָל מיך קיינער ניט מַטרִיחַ זיין; װאָרים איך
טראָג אין מיין לייַב די סִימָנים פֿון יֵשוּעַן.
18 דער חֶסֶד פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ זאָל זיין מיט אייער גייסט,
בּרידער. אָמֵן.

דער בּריוו צוּ די עפעזער

א פּאָולוּס, אַ שליח פוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ דוּרך דעם רָצון פוּן גאָט, צוּ די
הייליקע, וואָס זענען אין עפעזוּס, אוּן די גלויבּיקע אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
2 חֶסֶד צוּ אייך אוּן שָלום פוּן גאָט, אוּנדזער פאָטער, אוּן דעם האַר
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
3 געלויבּט זאָל זיין דער גאָט אוּן פאָטער פוּן אוּנדזער האַר יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ, וואָס האָט אוּנדז געבּענטשט מיט יעדער גייַסטיקער בּרָכה אין
די הימלישע מקוֹמות אין מָשִיחַן. 4 אַזוֹיווי ער האָט אוּנדז
אויסדערוויילט אין אים, איידער די וועלט איז געגרוּנטפעסטיקט
געוואָרן, אַז מיר זאָלן זיין הייליק אוּן אָן אַ מוּם פאַר אים אין ליבּע;
5 בּעת ער האָט אוּנדז פאַרויסבּאַשטימט צוּ זיין קינדער פאַר אים דוּרך
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, לויט דעם ווילגעפעלן פוּן זיין רָצון, 6 צוּם לויבּ פוּן
דעם כָּבוד פוּן זיין חֶסֶד, מיט וואָס ער האָט אוּנדז פריי בּאַשאָנקען אין
דעם בּאַליבּטן.
7 אין אים האָבּן מיר די ישוּעה דוּרך זיין בּלוּט, די פאַרגעבּוּנג פוּן
אוּנדזערע זינד, לויט דער עַשִירוּת פוּן זיין חֶסֶד, 8 וואָס ער האָט
פאַרמערט פאַר אוּנדז אין יעדער חָכמה אוּן פאַרשטענדיקייט, 9 אוּן
האָט אַנטפּלעקט פאַר אוּנדז דעם סוֹד פוּן זיין רָצון, לויט זיין
ווילגעפעלן, וואָס ער האָט אין אים בּאַשלאָסן 10 פאַר אַ דוּרכפירוּנג
אין דער פוּלקייט פוּן די צייטן, אייַנצוּזאַמלען אין מָשִיחַן אַלצדינג,
וואָס איז אין די הימלען, אוּן וואָס איז אויף דער ערד. 11 אין אים, אין
וועמען אויך מיר זענען געוואָרן יוֹרשים, ווייל מיר זענען פאָרויס
בּאַשטימט געוואָרן לויט דער כַּוָנה פוּן אים, וואָס טוּט אַלצדינג לויט
דער עֵצה פוּן זיין רָצון; 12 כּדי מיר זאָלן זיין צוּם לויבּ פוּן זיין כָּבוד,
מיר, וואָס האָבּן פריער געהאָפט אין מָשִיחַן. 13 אין וועמען אויך איר,
בּעת איר האָט געהערט דאָס וואָרט פוּן דעם אֶמת, די בּשׂוֹרה טוֹבה פוּן
אייער ישוּעה, אוּן מַחמת איר האָט געגלויבּט אין אים, זענט איר
פאַרחַתמעט געוואָרן מיט דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש פוּן

דער הַבטָחה, 14 וואָס איז אַן עָרבות פון אונדזער ירושה, פאַר דער
אויסלייזונג פון זיין אייגענעם האָב, צום לויב פון זיין כָּבוד.
15 צוליב דער דאָזיקער סִיבּה, בעת איך האָב געהערט פון אייער אֱמונה אין
דעם האַר יֵשוּעַ, און פון דער ליבע צו אַלע הייליקע, 16 הער איך ניט אויף
אָפּצוגעבן אַ שבַח פאַר אייך, בעת איך דערמאָן אייך אין מיינע תּפִילות, 17 אַז
דער גאָט פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דער פאָטער פון הערלעכקייט,
זאָל אייך געבן אַ גייסט פון חָכמה און אַנטפּלעקונג אין דער דערקענטעניש
פון אים, 18 און אַז ער זאָל ליכטיק מאַכן די אויגן פון אייער האַרץ, כּדי איר
זאָלט פאַרשטיין וואָס איז די האָפענונג פון זיין רופן, וואָס איז די עַשִירות
פון דער הערלעכקייט פון זיין נַחלה אין די הייליקע, 19 און וואָס איז די
אומפאַרגלייַכלעכע גרויסקייט פון זיין מאַכט לגַבּי אונדז, וואָס גלויבן, לויט
יענער ווירקונג פון דער קראַפט פון זיין שטאַרקייט, 20 וואָס ער האָט
געווירקט אין מָשִיחַן, בעת ער האָט אים מחַיֵה־מֵתים געווען, און האָט אים
געזעצט צו זיין רעכטער האַנט אין די הימלישע מקוֹמות,[1] 21 העכער איבער
יעדער מֶמשָלה, און שלִיטה, און מאַכט, און מלוכה, און יעדן נאָמען, וואָס
ווערט אָנגערופן, ניט נאָר אין דער דאָזיקער וועלט, נייערט אויך אויף דער
עוֹלָם־הַבָּא. 22 און אַלצדינג האָט ער אונטערטעניק געמאַכט אונטער זיינע
פיס, און האָט אים געמאַכט פאַר דעם ראָש איבער אַלצדינג אין דער קהִילה,
23 וואָס איז זיין לייַב, די פולקייט פון אים, וואָס פילט אָן אַלץ אין אַלעמען.
ב און אייך האָט ער לעבעדיק געמאַכט, בעת איר זענט געווען טויט דורך
אייערע עֲבֵירות און זינד, 2 אין וועלכע איר זענט אַמאָל געווען לויט דעם
סֵדר פון דער דאָזיקער וועלט, לויט דעם שַׂר פון די כּוחות פון דער לופט, פון
דעם גייסט, וואָס ווירקט אַצינד אין די קינדער פון ווידערשפּעניקייט.
3 צווישן וועמען אויך מיר אַלע האָבן אַמאָל געלעבט אין די תַּאוות פון
אונדזער פלייש, בעת מיר האָבן געטאָן די באַגערן פון דעם לייַב און פון דעם
פאַרשטאַנד, און זענען געווען בטֶבַע קינדער פון גרימצאָרן, אַזוי ווי די
איבעריקע. 4 נאָר גאָט, וואָס איז רייך אין דערבאַרעמדיקייט, האָט צוליב זיין
גרויסער ליבע, מיט וועלכער ער האָט אונדז ליב געהאַט, 5 אַפילו בעת מיר
זענען געווען טויט דורך אונדזערע עֲבֵירות, האָט אונדז לעבעדיק געמאַכט
אינאיינעם מיט מָשִיחַן (דורך חֶסֶד זענט איר נִיצול געוואָרן), 6 און האָט
אונדז אויפגעוועקט מיט אים, און אונדז געזעצט אין די הימלישע
מקוֹמות, אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 7 כּדי אין די דורות, וואָס קומען, זאָל ער באַווייזן
די אומפאַרגלייַכלעכע עַשִירות פון זיין חֶסֶד אין גוטסקייט לגַבּי אונדז אין
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 8 וואָרים מיט חֶסֶד זענט איר נִיצול געוואָרן דורך דער אֱמונה;
און דאָס ניט פון אייך אַליין, עס איז די מַתָּנה פון גאָט – 9 ניט פון מַעֲשׂים,
כּדי קיינער זאָל זיך ניט רימען. 10 וואָרים מיר זענען זיין ווערק,

[1] תּהלים קי, 1.

געשאַפֿן אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ פֿון מַעשׂים־שוֹבים וועגן, וואָס גאָט האָט
פֿון פֿריער אָנגעבּרייט, כּדי מיר זאָלן לעבּן אין זיי.
11 געדענקט דעריבּער, אַז איר, גוֹיִים אין דעם פֿלייש, זענט אַמאָל
גערופֿן געוואָרן עֲרֵלים פֿון יענע, וואָס ווערן גערופֿן געמַלטע אין דעם
פֿלייש, דורכגעפֿירט מיט הענט, 12 אַז איר זענט אין יענער צייט געווען
אָפּגעשיידט פֿון מָשִיחַן, פֿאַרפֿרעמדט פֿון דעם בּירגער־רעכט פֿון
יִשׂרָאל, און פֿרעמדע פֿון די בּונדן פֿון דער הַבטָחה, אָן אַ האָפֿענונג
און אָן גאָט אין דער וועלט. 13 איצט אָבּער, אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, זענט
איר, וואָס זענט אַמאָל געווען ווײַט, געבּראַכט געוואָרן נאָענט דורך
דעם בּלוּט פֿון מָשִיחַן. 14 וואָרים ער איז אונדזער שָלום, וואָס האָט
פֿון בּיידע געמאַכט איינס, און האָט אײַנגעוואָרפֿן די צווישנוואַנט פֿון
דער מחִיצה, 15 און האָט בָּטל געמאַכט אין זײַן פֿלייש די שׂנאה, די
תּוֹרה פֿון מִצוות און חוּקים, כּדי ער זאָל בּאַשאַפֿן אין זיך פֿון די צוויי
איין נײַעם מענטשן, און אויף אַזאַ אוֹפֿן מאַכן שָלום; 16 און זאָל
בּאַווייליקן בּיידע צו גאָט אין איין לײַבּ דורך דעם צלָב, מיט וואָס ער
האָט געטייט די שׂנאה. 17 און ער איז געקומען און האָט מבַשׂר געווען
שָלום צו אײַך, וואָס זענט געווען ווייט, און שָלום צו די, וואָס זענען
געווען נאָענט. 18 וואָרים דורך אים האָבּן מיר בּיידע אונדזער צוטריט
אין איין גייסט צו דעם פֿאָטער. 19 דעריבּער זענט איר ניט מער קיין
גֵרים און נָכְרִים, נייערט איר זענט תּוֹשבים מיט די הייליקע, און פֿון
דעם הויזגעזינד פֿון גאָט, 20 געבּויט אויף דעם יסוֹד פֿון די שלִיחים און
נבִיאים, פֿון וואָס יֵשוּעַ הַמָשִיחַ אַליין איז דער ווינקלשטיין; 21 אין
וועמען דער גאַנצער בִּנין איז צוזאַמענגעבּויט, און וואַקסט אויס אין אַ
הייליקן מִקדש אין דעם האַר; 22 אין וועמען אויך איר זענט
אויפֿגעבּויט פֿאַר אַ וואוינאָרט פֿון גאָט אין דעם גייסט.
ג צוליבּ דעם בּין איך, פּאָולוס, דער געפֿאַנגענער פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ
פֿאַר אײַך, וואָס זענט פֿון די אוּמות־הָעוֹלם — 2 אויבּ איר האָט
געהערט פֿון דער אויסטיילונג פֿון דעם חֶסֶד פֿון גאָט, וואָס איז מיר
געגעבּן געוואָרן פֿון אײַערטוועגן, 3 וויאַזוי דורך הִתגַלות איז מיר
בּאַקענט געוואָרן דער סוֹד, ווי איך האָבּ אײַך שוין פֿריער געשריבּן
בּקִיצור. 4 בּעת איר וועט דאָס לייענען, וועט איר קענען דערשאַצן מײַן
פֿאַרשטענדעניש אין דעם סוֹד פֿון מָשִיחַן, 5 וואָס איז אין אַנדערע
דוֹרות ניט בּאַקענט געוואָרן פֿאַר די מענטשנקינדער, ווי דאָס איז
אַצינד אַנטפּלעקט געוואָרן פֿאַר זײַנע הייליקע שלִיחים און נבִיאים אין
דעם גייסט; 6 דאָס הייסט, אַז די גוֹיִים זענען מיט־יוֹרשים, גלידער פֿון
דעם אייגענעם לײַבּ, און טיילנעמער פֿון דער הַבטָחה אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ

דורך דער בשׂורה טובֿה, 7 פֿון וועלכער איך בין געמאַכט געוואָרן אַ
מְשָׁרֵת, לויט דער מַתָּנה פֿון דעם חֶסֶד, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן
פֿון גאָט, לויט דער ווירקונג פֿון זיין גבֿורה.
8 צו מיר, וואָס כ׳בין דער מינדסטער פֿון אַלע הייליקע, איז דער
דאָזיקער חֶסֶד געגעבן געוואָרן, אָנצוזאָגן פֿאַר די אומות־הָעולָם די
אומדערפֿאָרשטבאַרע עַשירות פֿון מָשיחַן, 9 און צו מאַכן אַלעמען זען
וואָס איז דער רַעיון פֿון דעם סוד, וואָס איז פֿון אייביקייט געווען
פֿאַרהוילן אין גאָט, וואָס האָט באַשאַפֿן אַלצדינג; 10 כּדי דורך דער
קהִילה זאָל אַצינד באַקענט געמאַכט ווערן צו די הערשער און
מֶמשָלות אין די הימלישע מקוֹמות די פֿילפֿאַכע חָכמה פֿון גאָט,
11 לויט דער אייביקער כַּוָנה, וואָס ער האָט באַשלאָסן אין יֵשוּעַ
הַמָשיחַ, אונדזער האַר, 12 אין וועמען מיר האָבן מוטיקייט און צוטריט
מיט זיכערקייט דורך אונדזער אֶמונה אין אים. 13 דעריבער בעט איך
אייך, אַז איר זאָלט ניט אָפּגעשוואַכט ווערן איבער מיינע צָרות
פֿונוועגן אייך, וואָס זענען אייער לויב.
14 צוליב דעם בייג איך מיינע קני פֿאַר דעם פֿאָטער, 15 פֿון וועמען אַלע
מִשפּחות אין הימל און אויף דער ערד ווערן אָנגערופֿן, 16 אַז ער זאָל
אייך באַוויליקן, לויט דער עַשירות פֿון זיין כָּבוד, אַז איר זאָלט
געשטאַרקט ווערן מיט גבֿורה דורך זיין גייסט אין דעם אינעווייניקסטן
מענטשן, 17 און אַז מָשיחַ זאָל וואוינען אין אייערע הערצער דורך
אֶמונה, כּדי אַז איר, וואָס זענט איינגעוואָרצלט און געגרונטפֿעסטיקט
אין ליבע, 18 זאָלט קענען פֿאַרשטיין מיט אַלע הייליקע וואָס איז די
ברייט, און לענג, און הייך, און טיפֿקייט, 19 און צו פֿאַרשטיין די ליבע
פֿון מָשיחַן, וואָס שטייגט איבער קענטעניש, כּדי איר זאָלט ווערן פֿול
מיט דער גאַנצער פֿולקייט פֿון גאָט.
20 און פֿאַר אים, וואָס איז בּיכולת צו טאָן אַ סך מער ווי אַלץ, וואָס
מיר בעטן, אָדער טראַכטן, לויט דעם כּוֹחַ, וואָס ווירקט אין אונדז,
21 פֿאַר אים זאָל זיין דער כָּבוד אין דער קהִילה, און אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ,
ביז צו אַלע דורות לעולמֵי־עולמים אָמֵן.
ד דעריבער בעט איך אייך, דער געפֿאַנגענער אין דעם האַר, צו לעבן
ווערדיק אין דעם באַרוף, מיט וועלכן איר זענט באַרופֿן געוואָרן, 2 מיט
יעדער הַכנָעה און עַניוות, מיט געדולדיקייט צו פֿאַרטראָגן איינער דעם
אַנדערן אין ליבע, 3 און פֿלייסט אייך אָפּצוהיטן די אַחדות פֿון דעם
גייסט אין דעם בונד פֿון שָלום. 4 עס איז פֿאַראַן איין גוף, און איין
גייסט, אַזוי ווי איר זענט אויך באַרופֿן געוואָרן אין איין האָפֿענונג פֿון
אייער באַרוף, 5 איין האַר, איין אֶמונה, איין טבֿילה,

6 איין גאָט און פֿאָטער פֿון אַלצדינג, וואָס איז איבער אַלץ, און דורך
אַלץ, און אין אַלץ. 7 נאָר יעדן איינעם פֿון אונדז איז דער חֶסֶד געגעבן
געוואָרן לויט דער מאָס פֿון דער מַתָּנה פֿון מָשִׁיחַן. 8 דעריבער זאָגט ער:

בעת ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אין דער הייך,
האָט ער געפֿאַנגען געפֿענקעניש,
און געגעבן מַתָּנות צו מענטשן.[1]

9 בכֵן, דאָס דאָזיקע: ער איז אַרויפֿגעגאַנגען, וואָס מיינט עס דען
אַנדערש, ווי אַז ער האָט אויך אַראָפּגענידערט אין די אונטערשטע טיילן
פֿון דער ערד? 10 דער, וואָס האָט אַראָפּגענידערט, איז אויך דער
דאָזיקער, וואָס איז אַרויפֿגעשטיגן הויך איבער אַלע הימלען, כּדי ער זאָל
מְמַלא זיין אַלצדינג. 11 און ער האָט טייל געמאַכט פֿאַר שלִיחים, און
טייל – נבִיאים, און טייל – מְבַשׂרים, און טייל – פֿאַר פּאַסטוכער און
לערער, 12 פֿונוועגן דער שלֵימות פֿון די הייליקע, פֿאַר דעם ווערק פֿון
דער עֲבודה, פֿאַר דער אויפֿבויאונג פֿון דעם לײַב פֿון מָשִׁיחַן, 13 ביז מיר
אַלע וועלן דערגרייכן די אַחדות פֿון דער אֱמונה, און די דערקענטעניש
פֿון דעם בֶּן־אֱלֹהִים, צו אַ פֿולקאָמענעם מענטשן, צו דער מאָס פֿון דעם
וואוקס פֿון מָשִׁיחַס פֿולקייט; 14 כּדי מיר זאָלן מער ניט זיין קיין קינדער,
געשלײַדערט אַהין און אַהער און אַרומגעטראָגן מיט יעדן ווינט פֿון
לערנונג, דורך דער אָפּנאַרערײַ פֿון מענטשן, אין כיטרעקייט, לויט דער
גענאַרעריי פֿון טָעות, 15 נייערט צו רעדן דעם אֱמת אין ליבע, און וואַקסן
אין אַלצדינג צו אים, וואָס איז דער ראָש, מָשִׁיחַ, 16 פֿון וועמען דער
גאַנצער לײַב, צונויפֿגעשטעלט און צוזאַמענגעפּלאָכטן, דורך דעם, וואָס
יעדער אֵבר טראָגט בײַ, לויט דער ווירקונג אין דער געגעבענער מאָס פֿון
יעדן באַזונדערן טייל, וואָס מאַכט דאָס וואַקסן פֿון דעם לײַב צו דער
אויפֿבויאונג פֿון זיך אַליין אין ליבע.
17 דאָס דאָזיקע זאָג איך דעריבער, און זאָג עֵדות אין דעם האַר, אַז איר
זאָלט מער ניט לעבן ווי סע לעבן די גוֹיִים; אין דער נישטיקייט פֿון זייער
זין, 18 וואָס איז פֿאַרפֿינצטערט אין זייער פֿאַרשטענדעניש, פֿאַרפֿרעמדט
פֿון דעם לעבן פֿון גאָט, צוליב דער אומוויסן, וואָס איז אין זיי, צוליב
דער פֿאַרהאַרטונג פֿון זייער האַרץ, 19 וואָס אָן געפֿילן האָבן זיי זיך
איבערגעגעבן דער תַּאווה, צו טאָן יעדע אומריינקייט מיט גִיריקייט.
20 איר אָבער האָט מָשִׁיחַן ניט אַזוי געלערנט! 21 אויב איר האָט באֱמת
פֿון אים געהערט, און זענט אין אים געלערנט געוואָרן, אַזױוי דער אֱמת
אין אין יֵשוּעַן, 22 זאָלט איר אָפּטאָן דאָס, וואָס איז נוֹגֵע אײַער
פֿריערדיקן לעבנסשטייגער, דעם אַלטן מענטש, וואָס ווערט פֿאַרדאָרבן
דורך די תַּאוות פֿון אָפּנאַרערײַ,

[1] תּהלים סח, 19.

23 און אַז איר זאָלט באַנייט ווערן אין דעם גייסט פֿון אייער
פֿאַרשטאַנד, 24 און אָנטאָן דעם נייעם מענטש, וואָס איז באַשאַפֿן
געוואָרן כּדמות אֱלֹהִים[1] אין גערעכטיקייט און הייליקייט פֿון אֱמת.
25 דעריבער זאָלט איר אָפּטאָן פֿאַלשקייט, און רעדט דעם אֱמת יעדער
איינער מיט זיין חבֿר, וואָרים מיר זענען אֵברים איינער פֿון אַנדערן.
26 זייט ברוגז, און זינדיקט ניט; זאָל די זון ניט אונטערגיין אויף אייער
רוגז; 27 און גיט אויך ניט קיין פּלאַץ פֿאַר דעם שׂטן. 28 זאָל דער, וואָס
האָט געגנבֿעט, מער ניט גנבֿענען, נייערט זאָל ער ליבער אַרבעטן, און
טאָן גוטס מיט זיינע הענט, כּדי ער זאָל האָבן פֿון וואָס צו געבן דעם,
וואָס איז נויטבאַדערפֿטיק. 29 זאָל קיין נבֿול־פּה ניט אַרויסקומען פֿון
אייער מויל, נייערט נאָר דאָס, וואָס עס איז נייטיק פֿאַר דער
אויפֿבויאונג, כּדי עס זאָל צוגעבן חן צו די, וואָס הערן. 30 און זייט ניט
מצער דעם רוח־הקודש פֿון גאָט, אין וועמען איר זענט פֿאַרחתמעט
געוואָרן ביז דעם טאָג פֿון גאולה. 31 זאָל יעדע ביטערקייט, און כּעס,
און רוגזה, און געשריי, און חילול־השם אָפּגעטאָן ווערן פֿון אייך, מיט
יעדער רשעות. 32 און זייט גוט איינער צום אַנדערן, דערבאַרעמדיק,
זייט מוחל איינער דעם אַנדערן, אַזוי ווי גאָט האָט אויך אייך מוחל
געווען אין משיחן.
ה גייט דעריבער אין די דרכים פֿון גאָט, ווי באַליבטע קינדער, 2 און
לעבט אין ליבע, אַזוי ווי משיח האָט אויך אייך ליב געהאָט, און האָט
זיך מקריב געווען פֿון אונדזערטוועגן, אַ קרבן און אַ זבח פֿאַר אַ ריח־
ניחוח צו גאָט.
3 אָבער זנות, און יעדע טומאה, אָדער גייציקייט, זאָל דאָס אַפֿילו ניט
דערמאָנט ווערן צווישן אייך, ווי סע פּאַסט פֿאַר הייליקע; 4 ניט קיין
פֿאַרדאָרבנקייט, ניט קיין נאַרישע רייד, אָדער ליצנות, וואָס זענען ניט
פּאַסיק, נייערט טוט ליבער דאַנקלויבן. 5 וואָרים דאָס זאָלט איר וויסן,
אַז קיין נואף, אָדער אומריינער, אָדער גייציקער מענטש, וואָס איז אַ
געצנדינער, האָט ניט קיין שום נחלה אין דעם מלכות פֿון משיח און
גאָט. 6 זאָל אייך קיינער ניט אָפּנאַרן מיט פּוסטע מעשׂיות; וואָרים
צוליב די דאָזיקע זאַכן קומט דער גרימצאָרן פֿון גאָט אויף די קינדער
פֿון ווידערשפּעניקייט. 7 האָט דעריבער ניט קיין מגע־ומשׂא מיט זיי.
8 וואָרים אַמאָל זענט איר געווען פֿינצטערניש, איצט אָבער זענט איר
ליכטיקייט אין דעם האַר; לעבט ווי קינדער פֿון ליכטיקייט 9 (וואָרים
די פּרוכט פֿון

[1] בראשית א, 26.

דעם ליכט איז אין יעדער גוטסקייט און רעכטפאַרטיקייט און אֶמת),
10 און פּרוּאווט וואָס סע איז וואוילגעפעלן פאַר דעם האַר. 11 און
פירט ניט קיין מַגע־וּמַשׂא מיט די אומפּרוכפּערדיקע מַעשׂים פון
פינצטערניש, נייערט שטראָפט זיי ליבער. 12 וואָרים דאָס, וואָס זיי
טוען בסֵתר, וועגן דעם איז אַ חַרפּה אַפילו צו רעדן. 13 אָבער אַלצדינג,
וואָס ווערט געשטראָפט, ווערט אַנטפּלעקט פון דעם ליכט; וואָרים
אַלצדינג, וואָס ווערט נִתגַלה, איז ליכטיקייט. 14 דעריבער זאָגט ער:

וואַך אויף, דו, וואָס טוסט שלאָפן,
און שטיי אויף פון די טויטע,
און מָשִיחַ וועט לייכטן אויף דער.

15 גיט אַכטונג דעריבער וויאַזוי איר לעבט, ניט ווי נאַראָנים, נייערט ווי
חַכָמים, 16 לייזט אויס די צייט, מַחמת די טעג זענען שלעכט. 17 זייט
דעריבער ניט קיין נאַראָנים, נייערט פאַרשטייט, וואָס עס איז דער רָצון
פון דעם האַר. 18 און שִיכּורט אייך ניט אָן מיט ווייַן, וואָס פירט צו
פאַרשייַטקייט, נייערט ווערט פול מיט דעם גייסט; 19 רעדט איינער
צום אַנדערן מיט שירוֹת און תִשבָחות און גייַסטיקע נגונים, און זינגט
און שפּילט אין אייערע הערצער צו גאָט; 20 גיט תָמיד פאַר אַלצדינג
אַ דאַנק אין דעם נאָמען פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ צו גאָט,
אונדזער פאָטער.

21 זייט אונטערטעניק איינער דעם אַנדערן אין דער פאָרכטיקייט פון
מָשִיחַן. 22 ווייבער, זייט אונטערטעניק צו אייערע אייגענע מענער,
אַזוֹיווי צו דעם האַר. 23 וואָרים דער מאַן איז דער קאָפּ פון דעם ווייב,
אַזוֹיווי מָשִיחַ איז דער קאָפּ פון דער קהִילה, און אויך דער גוֹאֵל פון
דעם גוף. 24 נאָר אַזוֹיווי די קהִילה איז אונטערטעניק צו מָשִיחַן, אַזוי
זאָלן אויך די ווייבער זיין אין אַלצדינג צו זייערע מענער. 25 מענער,
האָט ליב אייערע ווייבער, אַזוֹיווי מָשִיחַ האָט אויך ליב געהאַט די
קהִילה, און האָט זיך פאַר איר מַקריב געווען, 26 כּדי ער זאָל זי מַקַדש
זיין, נאָכדעם ווי ער האָט זי מטַהר געווען דורך דער וואַסער־וואַשונג
מיט דעם וואָרט, 27 כּדי ער זאָל פאַר זיך פירשטעלן די קהִילה אַ
הערלעכע, וואָס האָט ניט קיין פלעק, אָדער אַ קנייטש, אָדער כּדוֹמה,
נייערט אַז זי זאָל זיין הייליק און אָן אַ מוּם. 28 פּונקט אַזוי דאַרפן אויך
מענער ליב האָבן זייערע ווייבער ווי זייער אייגן לייַב. דער, וואָס האָט
ליב זיין אייגן ווייב, האָט ליב זיך אַליין; 29 וואָרים קיינער האָט
קיינמאָל ניט פיינט זיין אייגן פלייש, נייערט ער נערט עס און האַלט
עס טייער,

אַזויווי מָשִׁיחַ די קהִילה, 30 מַחמת מיר זענען אֵברים פֿון זיין לײַבֿ.
31 צוליבֿ דעם זאָל אַ מענטש פֿאַרלאָזן זיין פֿאָטער און מוטער, און זיך
באַהעפֿטן אָן זיין ווייבֿ, און די צוויי זאָלן ווערן איין לײַבֿ.[1] 32 דער
דאָזיקער סוד איז גרויס; איך רעד אָבער אין שייַכות מיט מָשִׁיחַן און
דער קהִילה. 33 בכֵן, זאָל יעדער איינער פֿון אייך ליבֿ האָבֿן זיין אייגן
ווייבֿ אַזויווי זיך אַליין; און זאָל דאָס ווייבֿ מורא האָבֿן פֿאַר איר מאַן.
ו קינדער, פֿאָלגט אייערע עלטערן אין דעם האַר; וואָרים דאָס איז
רעכט. 2 גיבֿ אָפּ כָּבוד דיין פֿאָטער און מוטער (דאָס איז די ערשטע
מִצווה מיט אַ הַבטָחה), 3 כּדי סע זאָל דיר גוט זיין, און דו זאָלסט לאַנג
לעבֿן אויף דער ערד.[2] 4 און איר, פֿאָטערס, דערצערנט ניט אייערע
קינדער, נייערט דערציט זיי אין מוסר און וואָרענונג פֿון דעם האַר.
5 קנעכט, זייט געהאָרכזאַם צו די, וואָס זענען לויט דעם פֿלייש אייערע
האַרן, מיט מורא און ציטערניש, מיט דער אויפֿריכטיקייט פֿון אייער
האַרץ, ווי צו מָשִׁיחַן; 6 ניט אויף דעם אופֿן פֿון דינען לפָּנים, ווי די,
וואָס ווילן געפֿעלן ווערן מענטשן, נייערט ווי קנעכט פֿון מָשִׁיחַן, וואָס
טוען פֿון האַרצן דעם רָצון פֿון גאָט, 7 צו טאָן די אַרבעט מיט גוטן
רָצון, ווי פֿאַר דעם האַר, און ניט פֿאַר מענטשן, 8 ווייל איר ווייסט, אַז
וואָסער גוטס יעדער איינער טוט, דאָס זעלבֿע וועט ער קריגן צוריק
פֿון דעם האַר, סיי ער איז אַ קנעכט, אָדער פֿריי. 9 און איר, האַרן, טוט
דאָס זעלבֿע פֿאַר זיי, און פֿאַרמיידט דאָס דראָען ווייל איר ווייסט, אַז
דער, וואָס איז סיי זייער האַר און אייערער, איז אין הימל, און ביי אים
איז ניטאָ קיין נושׂא־פָּנים זיין מענטשן.
10 צום סוף, זייט געשטאַרקט אין דעם האַר, און אין דעם כּחַ פֿון זיין
גבורה. 11 טוט אָן דעם גאַנצן פֿאַנצער פֿון גאָט, כּדי איר זאָלט זיין
בִּיכולֶת ביײַצושטיין די פֿאַלשקייטן פֿון דעם שָׂטן. 12 וואָרים אונדזער
קאַמף איז ניט קעגן בלוט און פֿלייש, נייערט קעגן די שָׂרים, קעגן די
מושלים, קעגן די וועלט־הערשער פֿון דער דאָזיקער פֿינצטערניש,
קעגן די גייַסטיקע הערשאַפֿטן פֿון רִשעות אין די הימלישע מקומות.
13 דעריבער, נעמט אויף אייך דעם גאַנצן פֿאַנצער פֿון גאָט, כּדי איר
זאָלט זיין בִּיכולת אויסצוהאַלטן אין דעם בייזן טאָג, און, נאָכן טאָן
אַלצדינג, צו באַשטיין. 14 שטייט דעריבער,

[1] בראשית ב, 24. [2] שמות כ, 12; דברים ה, 16.

אַז איר וועט האָבן אָנגעגורט אייערע לענדן מיט אֶמת, און האָבן
אָנגעטאָן די ברוסט־שילד פון רעכטפאַרטיקייט, 15 און האָבן באַשוכט
אייערע פיס מיט דער אָנגעברייטקייט פון דער בּשׂורה טובה פון שָלום.
16 צו דעם הייבט אויף די שילד פון אֶמונה, מיט וואָס איר וועט זיין
בִּיכולת צו פאַרלעשן אַלע פייַעריקע פייַלן פון דעם רָשע. 17 און נעמט
דעם קיווער פון דער ישועה, און די שווערד פון דעם גייסט, וואָס איז
דאָס וואָרט פון גאָט. 18 זייט תָּמיד מִתפַּלֵל אין דעם גייסט, מיט יעדער
תְּפִילה און בַּקָשה. און וואַכט דערצו מיט יעדער געדולדיקייט און
בקָשה פאַר אַלע הייליקע, 19 און פון מייַנעטוועגן, אַז מיר זאָל געגעבן
ווערן דאָס וואָרט ביים עפענען מיין מויל, צו אַנטפּלעקן מיט מוטיקייט
דעם סוד פון דער בּשׂורה טובה, 20 פאַר וועלכער איך בין אַ שלִיח אין
קייטן; און כּדי איך זאָל רעדן מוטיק, ווי איך באַדאַרף צו רעדן.
21 און כּדי איר זאָלט אויך וויסן ווי סע גייט מיר, און וואָס איך טו,
וועט טיכיקוס, דער באַליבטער ברודער און געטרייער דינער פון דעם
האַר, אייך מוֹדִיע זיין אַלצדינג. 22 אים האָב איך געשיקט צו אייך
פונוועגן דעם טאַקע, כּדי איר זאָלט וויסן ווי סע גייט אונדז, און כּדי
ער זאָל טרייסטן אייערע הערצער.
23 שָלום צו די ברידער, און ליבשאַפט מיט אֶמונה פון גאָט, דעם
פאָטער, און דער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 24 חֶסֶד זאָל זיין מיט אַלע
די, וואָס האָבן ליב אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ מיט אַן
אומפאַרדאַרבלעכער ליבע.

דער בּריוו צוּ די פיליפּער

א פּאָולוּס און טימאָטעאוּס, קנעכט פוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, צוּ אַלע
הייליקע אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס זענען אין פיליפּיי, מיט די מַשגיחים
און כּלי־קודש. 2 חֶסֶד צוּ אייך און שָלום פוּן גאָט, אוּנדזער פאָטער,
און דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
3 איך דאַנק מיין גאָט בּעת איך דערמאָן מיך אין אייך, 4 און תָּמיד אין
יעטווידער תּפילה מיינער אין שייַכות מיט אייך, מאַך איך מיין געבּעט
מיט פרייד, 5 פאַר אייער חַברוּתֶאשאַפט אין דער בּשׂוּרה טובה, פוּן
דעם ערשטן טאָג אָן בּיז איצט. 6 און איך בּין בּטוּחַ אין אָט־דעם, אַז
דער, וואָס האָט אָנגעהויבּן אין אייך אַ גוּט ווערק, וועט עס פאַרענדיקן
בּיז דעם טאָג פוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 7 ווי עס איז רעכט פאַר מיר צוּ
טראַכטן אַזוי פוּנוועגן אייך אַלע, מַחמת איך טראָג אייך אין מיין
האַרץ, ווייל סיי אין מיינע קייטן, און סיי אין דער פאַרטיידיקוּנג און
בּאַפעסטיקוּנג פוּן דער בּשׂוּרה טובה, זענט איר אַלט חַבֵרים מיט מיר
פוּן חֶסֶד. 8 וואָרים גאָט איז מיין עֵדות, ווי איך בּענק נאָך אייך אַלע
אין דער בּאַרעמהאַרציקייט פוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 9 און דאָס בּין איך
מִתפַּלֵל, אַז אייער ליבּע זאָל זיך כְּסֵדֶר פאַרמערן אין וויסן און אין יעדן
פאַרשטאַנד, 10 כּדי איר זאָלט פאַרשטיין די זאַכן, וואָס זענען
אויסגעצייכנט, און כּדי איר זאָלט זיין ערלעך און אָן אַ שטרויכלוּנג בּיז
צוּ דעם טאָג פוּן מָשִיחַן, 11 פוּל מיט די פֵּירות פוּן רעכטפאַרטיקייט,
וואָס זענען דוּרך יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, צוּ דעם כָּבוד און לויבּ פוּן גאָט.
12 און איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, בּרידער, אַז דאָס, וואָס האָט זיך
געטראָפן מיט מיר, איז גראָד אויסגעפאַלן פאַר דעם וואויל פוּן דער
בּשׂוּרה טובה, 13 אַזוי, אַז מיינע קייטן זענען אַנטפּלעקט געוואָרן אין
מָשִיחַן בּיי דער גאַנצער קייסערלעכער וואַך, און בּיי אַלע איבּעריקע,
14 און אַז דאָס רוב פוּן די בּרידער, ווייל זיי זענען פאַרזיכערט אין דעם
האַר דוּרך מיינע

קייטן, זענען אַ סך מער מוטיק צו רעדן דאָס וואָרט פון גאָט אָן מורא.
15 יאָ, עטלעכע דרשענען אַפילו מָשיחן צוליב קינאה און פּאָלעמיק,
און עטלעכע אויך פון גוטן ווילן. 16 די לעצטע טוען עס פון ליבע,
ווייל זיי ווייסן, אַז איך בין געזעצט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער
בשׂורה טובה; 17 די אַנדערע אָבער דרשענען מָשיחן פון קינה־שׂינה,
ניט אויפריכטיק, בעת זיי טראַכטן צו פאַרמערן פאַר מיר ערגערניש אין
מיינע קייטן. 18 דעריבער וואָס? נייערט אַז בכל־אופן, צי לפּנים, אָדער
באמת, מָשיח ווערט געדרשנט. און אין דעם פריי איך מיך, און וועל
מיך פרייען. 19 וואָרים איך ווייס, אַז דאָס וועט אויספאַלן צו מיין
ישועה, דורך אייער געבעט און הילף פון דעם גייסט פון ישוע המָשיח,
20 לויט מיין ערנסטער דערוואַרטונג און האָפענונג, אַז אין קיין זאַך
זאָל איך פאַרשעמט ווערן, נייערט מיט יעדער מוטיקייט, ווי אַלעמאָל,
אַזוי אויך אַצינד, וועט מָשיח פאַרהערלעכט ווערן אין מיין לייב, סיי
דורך לעבן, סיי דורך טויט.
21 וואָרים פאַר מיר – צו לעבן מיינט מָשיח, און צו שטאַרבן מיינט
געווינס. 22 נאָר אויב צו לעבן אין דעם פלייש – אויב דאָס זאָל
ברענגען פרוכט פון מיין אַרבעט, דעמאָלט ווייס איך ניט וואָס איך זאָל
ווײַלן. 23 וואָרים איך בין אין אַ קלעם צווישן די צוויי, ווייל איך האָב
אַ פאַרלאַנג אַוועקצוגיין און זיין מיט מָשיחן, וואָרים דאָס איז אַ סך
בעסער; 24 דאָך צו בלייבן אין דעם פלייש, איז אַ סך נייטיקער פאַר
אײַערטוועגן. 25 און ווייל איך בין דערין זיכער, ווייס איך, אַז איך וועל
פאַרבלייבן מיט אייך אַלע, פאַר אייער וואַקסן און פרייד אין דער
אמונה, 26 כּדי אייער רימען זאָל זיך דורך מיר מערן אין ישוע המָשיח,
דורך מיין קומען צו אייך נאָכאַמאָל.
27 נאָר זאָל אייער לעבנסשטייגער זיין ווערדיק דער בשׂורה טובה פון
מָשיחן, כּדי, צי איך קום און זע אייך, אָדער איך וועל זיין אָפּוועזנד,
זאָל איך הערן פון אייער שטאַנד, אַז איר שטייט פעסט אין איין גייסט,
און קעמפט מיט איין נפש פאַר דער אמונה פון דער בשׂורה טובה,
28 און אַז איר האָט אין קיין זאַך קיין מורא פאַר די שׂונאים, וואָס איז
אַ קלאָרער סימן פון זייער פאַרדאַרבונג, און אויך פון אייער ישועה,
און דאָס איז פון גאָט. 29 מחמת פאַר אייך איז דאָס געשענקט געוואָרן,
ניט נאָר צו גלויבן אין מָשיחן, נייערט אויך צו ליידן פון זיינעטוועגן,
30 בעת איר האָט דעם זעלבן קאַמף, וואָס איר האָט געזען אין מיר, און
הערט אַצינד צו זיין אין מיר.

ב דעריבער, אויבֿ סע איז פֿאַראַן אַ וואַסער טרייסט אין מָשיחַן, אויבֿ
וואָסער נחָמה פֿון ליבֿע, אויבֿ וואָסער שותּפֿות פֿון דעם גייסט, אויבֿ
וואָסערע בּאַרעמהאַרציקייט און רַחמָנות, 2 מאַכט פֿול מיין שׂמחה, אַז
איר זאָלט זיין פֿון דעם זעלבֿן זין, און האָבּן די זעלבֿע ליבֿע, און זיין
פֿון איין געמיט, און פֿון איין מַחשָׁבה. 3 טוט גאָרניט דורך מַחלוֹקֶת,
אָדער גַאווה, נייערט מיט אַ נידעריק געמיט זאָל יעדער האַלטן דעם
אַנדערן פֿאַר בּעסער פֿון זיך אַליין; 4 און קוקט ניט איטלעכער נאָר
אויף זיין אייגנס, נייערט אויך אויף דעם אַנדערנס. 5 האָט די זעלבֿע
מַחשָׁבה, וואָס איז אויך געווען אין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, 6 וואָס, הַגַם ער איז
געווען אין דער געשטאַלט פֿון גאָט, האָט ער דאָס גלייך זיין מיט גאָט
ניט געהאַלטן פֿאַר קיין בּאַרויבונג, 7 נייערט האָט זיך אויסגעליידיקט,
בּעת ער האָט אָנגענומען די געשטאַלט פֿון אַ קנעכט, און איז געוואָרן
אין דער גלייַכקייט פֿון מענטשן; 8 און בּעת ער איז געפֿונען געוואָרן
אין דער פֿאָרם פֿון אַ מענטשן, האָט ער זיך דערנידעריקט, און איז
געוואָרן אונטערטעניק בּיז צום טויט, יאָ, דעם טויט אויף דעם קרייץ.
9 דעריבער האָט אים אויך גאָט שטאַרק דערהויבּן, און אים געגעבּן
דעם נאָמען, וואָס איז העכער איבּער יעדן נאָמען, 10 כּדי אין דעם
נאָמען פֿון יֵשוּעַן זאָל זיך בּייגן יעדע קני אין הימל און אויף דער ערד
און אונטער דער ערד, 11 און יעדע צונג זאָל מוֹדה זיין, אַז יֵשוּעַ
הַמָשִׁיחַ איז האַר, פֿאַר דעם כָּבוד פֿון גאָט, דעם פֿאָטער.
12 בּכֵן, מיינע בּאַליבּטע, אַזוֹיווי איר האָט זיך תָּמיד צוגעהאָרכט, ניט
נאָר אין מיין אָנוועזנהייט, נייערט אַ סַך מער אַצינד, אין מיין
אָפּוועזנהייט, זאָלט איר אייך מִיען פֿאַר אייער אייגענער ישוּעה מיט
מוֹרא און ציטערניש; 13 וואָרים דאָס איז גאָט, וואָס ווירקט אין אייך,
סיי צו וועלן און סיי צו טאָן, לויט זיין וואוילגעפֿעלן. 14 טוט אַלצדינג
אָן תַּרעומות און ספֵקות, 15 כּדי איר זאָלט זיין ריין און אומשולדיק,
קינדער פֿון גאָט, אָן אַ מום אין דער מיט פֿון אַ פֿאַרקרימטן און
פֿאַרדאָרבּענעם דוֹר, צווישן וועמען איר טוט שיינען ווי ליכטער אין
דער וועלט, 16 און האַלט פֿעסט דאָס וואָרט פֿון לעבּן, כּדי איך זאָל
מיך האָבּן מיט וואָס צו רימען אין דעם טאָג פֿון מָשִׁיחַן, אַז איך בּין
ניט געלאָפֿן אומזיסט, און האָבּ מיך אויך ניט געמִיט אומזיסט. 17 און
אויבֿ אַפֿילו איך ווער אויסגעגאָסן אויף דעם קָרבּן פֿון עֲבוֹדה פֿאַר
אייער אֶמונה, פֿריי איך מיך, און בּין מיך אויך משַׂמֵחַ מיט אייך אַלע.
18 און אויף דעם זעלבֿן אוֹפֿן זאָלט איר אייך אויך פֿרייען, און זיך
משַׂמֵחַ זיין מיט מיר.
19 און איך האָף אין דעם האַר יֵשוּעַ, צו שיקן צו אייך אין גיכן
טימאָטעאוסן, כּדי איך זאָל מיך טרייסטן, בּעת איך וועל וויסן ווי

סע גייט אייך. 20 וואָרים איך האָבּ ניט קיינעם ווי אים, וואָס זאָל
אויפריכטיק זאָרגן פאַר אייער מַצב. 21 וואָרים זיי אַלע זוכן דאָס
זייעריקע, און ניט די זאַכן פון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 22 איר אָבּער ווייסט זיין
אויסגעפּרואווטקייט, אַז ווי אַ קינד מיט אַ פאָטער, אַזוי האָט ער
געדינט מיט מיר אין דער בּשׂורה טובה. 23 איך האָף דעריבּער אים
אַרויסצושיקן, אַזוי גיך ווי איך וועל זען ווי סע האַלט מיט מיר;
24 און איך בּין בּטוּחַ אין דעם האַר, אַז איך אַליין זאָל אויך אין
גיכן קומען.
25 איך האָבּ אָבּער געהאַלטן פאַר נייטיק אייך צו שיקן עפּאַפראָדיטוסן,
מיין בּרודער און מיטאַרבּעטער און מיטקעמפּער, און אייער שלִיח און
בּאַדינער אין מיין בּאַדערפעניש, 26 ווייל ער האָט געבּענקט נאָך אייך
אַלע, און האָט זיך זייער מצַער געווען, מַחמת איר האָט געהערט, אַז
ער איז געווען קראַנק. 27 וואָרים ער איז טאַקע געווען קראַנק, קָרוֹבֿ־
למִתה. אָבּער גאָט האָט זיך דערבּאַרעמט אויף אים, און ניט נאָר אויף
אים אַליין, נייערט אויך אויף מיר, כּדי איך זאָל ניט האָבּן צַער אויף
צַער. 28 איך האָבּ אים דעריבּער וואָס גיכער געשיקט, כּדי, אַז איר
וועט אים ווידער אַמאָל זען, זאָלט איר אייך פרייען, און איך זאָל אויך
האָבּן ווייניקער צַער. 29 זייט אים דעריבּער מקַבּל־פָּנים אין דעם האַר
מיט דער גאַנצער שׂמחה; און האַלט אַזעלכע מענטשן בּכָבוד,
30 וואָרים פונוועגן דעם ווערק פון מָשִיחַן איז ער געווען נאָענט צום
טויט, בּעת ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבּן צו דערגאַנצן דאָס, וואָס
האָט געפעלט אין אייער בּאַדינונג פאַר מיר.
ג צום סוֹף, מיינע בּרידער, פרייט אייך אין דעם האַר. צו שרייבּן אייך
די זעלבּע זאַכן איז מיר ניט קיין טִרחה, פאַר אייך אָבּער איז עס אַ
פאַרזיכערונג.
2 היט אייך פאַר די הינט, היט אייך פאַר די טוערס פון שלעכטס, היט
אייך פאַר צעשניידונג. 3 וואָרים מיר זענען די קינדער פון מִילה, וואָס
דינען גאָט דורך דעם גייסט, און רימען זיך אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און
האָבּן ניט קיין בּטָחון אין דעם פלייש; 4 הַגַם איך אַליין וואָלט אויך
געקענט האָבּן בּטָחון אין דעם פלייש. אויבּ עמיצער מיינט, ער האָט
זיך מיט וואָס איבּערצונעמען אין דעם פלייש, האָבּ איך נאָך מער: 5 צו
אַכט טאָג האָט מען מיך מַל געווען, איך בּין פון די בּנֵי־יִשׂרָאל, פון
דעם שֵבֶט בִּנְיָמין, אַ ייִד פון

יִדן; וואָס שַייך דער תּוֹרה, אַ פּרוּשי; 6 וואָס שַייך קִנאה, גערוֹדֶפט די
קְהִילה; וואָס שַייך צִדקות, וואָס איז פֿוּן דער תּוֹרה, בּין איך געפֿוּנען
געוואָרן אָן אַ מום. 7 דאָך דאָס, וואָס איז פֿאַר מיר געווען אַ געווינס,
האָבּ איך פֿאַררעכנט פֿאַר הֶיזק פֿאַר מָשִיחַן. 8 יאָ, אוּן איך רעכן
אַלצדינג פֿאַר הֶיזק פֿוּנוועגן דער דערהױבּנקייט פֿוּן דעם קענען פֿוּן
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, מיין האַר, פֿאַר וועמען איך האָבּ געליטן דעם שאָדן פֿוּן
אַלצדינג, אוּן טוּ עס רעכענען פֿאַר פְּסוֹלֶת, כּדי איך זאָל געווינען
מָשִיחַן, 9 אוּן זאָל אין אים געפֿוּנען ווערן, מַחמת איך האָבּ ניט מיין
אייגענע רעכטפֿאַרטיקייט, וואָס קוּמט פֿוּן דער תּוֹרה, נייערט די, וואָס
קוּמט דוּרך אֶמוּנה אין מָשִיחַן, די רעכטפֿאַרטיקייט וואָס קוּמט פֿוּן
גאָט דוּרך אֶמוּנה, 10 כּדי איך זאָל אים קענען, אוּן די מאַכט פֿוּן זיין
תּחִיַת־הַמֵתים, אוּן האָבּן אַ חֵלֶק אין זיינע ליידן, בּעת איך וועל ווערן
ענלעך אין געשטאַלט צוּ זיין טויט, 11 אויבּ איך וועל אֶפשר קענען
דערגרייכן צוּ תּחִיַת־הַמֵתים.

12 ניט וואָס איך האָבּ שוין דערגרייכט, אָדער בּין שוין געמאַכט
געוואָרן שלַמוּתדיק; איך יאָג אָבּער נאָך, אֶפשר וועל איך דערגרייכן
דאָס, צוּליבּ וואָס איך בּין אויך דערגרייכט געוואָרן פֿוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
13 בּרידער, איך רעכן מיך נאָך ניט, אַז איך האָבּ שוין דערגרייכט; איין
זאַך אָבּער טוּ איך: איך פֿאַרגעס דאָס, וואָס איז הינטן, אוּן טוּ
אויסשטרעקן נאָך דעם, וואָס איז פֿאָרויס, 14 אוּן יאָג זיך ווייטער צוּם
ציל נאָך דעם שׂכַר פֿוּן דער הויכער בּאַרוּפֿוּנג פֿוּן גאָט אין יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ. 15 לאָמיר דעריבּער, וויפֿל פֿוּן אוּנדז סע זענען שלֵמוּתדיק, זיין
אַזוי געניגט. אוּן אויבּ איר זענט אין עפּעס אַנדערש געניגט, וועט
אייך אויך דער אייבּערשטער דאָס דאָזיקע אַנטפּלעקן. 16 נייערט, צוּ
דעם, וואָס מיר האָבּן דערגרייכט, לויט דעם זעלבּן כּלַל לאָמיר לעבּן.
17 בּרידער, טוּט מיר נאָך אין איינעם, אוּן בּאַמערקט די, וואָס לעבּן
אַזוי, ווי איר האָט אוּנדז פֿאַר אַ בּייַשפּיל. 18 וואָרים אַ סַך, פֿוּן וועמען
איך האָבּ אייך אָפֿט געזאָגט, אוּן זאָג אייך איצט אויך מיט טרערן,
לעבּן ווי די שׂוֹנאים פֿוּן דעם צלָב פֿוּן מָשִיחַן. 19 זייער סוֹף איז
פֿאַרדאַרבּוּנג, זייער גאָט איז דער בּויך, זייער כָּבוד איז אין זייער
שאַנד, אוּן זיי דענקען נאָר וועגן ערדישע זאַכן. 20 וואָרים אוּנדזער
בּירגערשאַפֿט איז אין הימל, פֿוּן וואַנען מיר וואַרטן אויך אויף דעם
גוֹאֵל, דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 21 וואָס וועט איבּעראַנדערשן דעם גוּף
פֿוּן אוּנדזער שִיפלות, כּדי ער זאָל זיין גלייך צוּ דעם גוּף פֿוּן זיין
כָּבוד, לויט דער ווירקוּנג, מיט וועלכער ער איז בִּיכוֹלת אַלצדינג
אוּנטערטעניק צוּ מאַכן צוּ זיך.

ד בכּן, מיינע באַליבטע און געגאַרטע ברידער, מיין פרייד און קרוין,
אָט אַזוי זאָלט איר שטיין פעסט אין דעם האַר, מיינע באַליבטע.
2 איך בין מַזהיר עוואָדיאַן, און איך בין מַזהיר סונטיכען, צו זיין פון
דער זעלבער מַחשָבה אין דעם האַר. 3 יאָ, איך בעט אויך דיך, אֶמֶתער
מיטאַרבעטער, צו העלפן די דאָזיקע ווייבער, וואָרים זיי האָבן זיך
געמיִט מיט מיר אין דער בשׂורה טובה, אויך מיט קלעמענסן, און די
איבעריקע פון מיינע מיטאַרבעטער, וועמעס נעמען זענען אין דעם
סֵפֶר־הַחַיִים.
4 פרייט אייך אַלעמאָל אין דעם האַר; און נאָכאַמאָל זאָג איך: פרייט
אייך. 5 זאָל אייער באַשיידנקייט באַקענט זיין אַלע מענטשן. דער האַר
איז נאָענט. 6 זייט ניט באַזאָרגט אין קיין שום זאַך, נייערט אין
אַלצדינג זאָלט איר דורך תּפִילה, און תַּחנונים, אינאיינעם מיט
דאַנקלויב, באַקענט מאַכן אייערע בַּקָשות פאַר גאָט. 7 און דער שָלום
פון גאָט, וואָס שטייגט איבער יעדן שֵׂכל, זאָל באַוואַכן אייערע
הערצער און אייערע מַחשָבות אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
8 צום סוף, ברידער, אַלצדינג, וואָס איז אֶמת, אַלצדינג, וואָס איז
בּכָּבודיק, אַלצדינג, וואָס איז רעכטפאַרטיק, אַלצדינג, וואָס איז ריין,
אַלצדינג, וואָס איז ליבלעך, אַלצדינג, וואָס האָט אַ גוטן שֵם, אויב
ס׳איז פאַראַן עפּעס אַ גוטע מִידה, און אויב ס׳איז פאַראַן עפּעס
לויבנסווערט, טראַכט פונוועגן די דאָזיקע זאַכן. 9 דאָס, וואָס איר האָט
געלערנט, און אָנגענומען, און געהערט און געזען אין מיר, זאָלט איר
טאָן; און דער גאָט פון שָלום וועט זיין מיט אייך.
10 איך האָב מיך אויך זייער געפרייט אין דעם האַר, וואָס סוף־כָּל־סוף
האָט איר איצט אויפגעלעבט אייער זאָרג פונוועגן מיר; איר האָט
טאַקע געזאָרגט פאַר מיר, נאָר אייך האָט געפעלט אַ געלעגנהייט.
11 ניט מַחמת איך רעד בנוֹגֵעַ נויט־באַדערפטיקייט; וואָרים איך האָב
געלערנט צו זיין צופרידן אין דעם שטאַנד אין וועלכן איך בין. 12 איך
פאַרשטיי ווי צו זיין דערנידעריקט, און פאַרשטיי אויך וויאַזוי צו האָבן
שֶפע; אין יעדער זאַך און אין אַלצדינג האָב איך געלערנט דעם סוֹד
סיי צו זיין זאָט און סיי צו זיין הונגעריק, סיי צו האָבן שֶפע און סיי צו
זיין נויט־באַדערפטיק. 13 איך קען טאָן אַלצדינג אין אים, וואָס טוט
מיך שטאַרקן.
14 דאָך האָט איר וואויל געטאָן, וואָס איר האָט טיילגענומען אין מיינע
ליידן. 15 און איר אַליין ווייסט אויך, איר פיליפּער, אַז אין אָנהייב פון
דער בשׂורה טובה, בעת איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מאַקעדאָניע, האָט
קיין שום קהִילה ניט געהאַט קיין חֵלֶק מיט מיר

אין דעם ענין פון מַשָׂא וּמַתָּן, נייערט נאָר איר אַליין; 16 וואָרים אַפילו
אין טעסאַלאָניקע האָט איר געשיקט איינמאָל און ווידער אַמאָל פאַר
מיינע בּאַדערפעניששן. 17 ניט, ווייל איך בּין אויסן די מַתָּנָה, נייערט איך
זוך די פרוכט, וואָס זאָל זיך מערן אויף אייער חֶשבּון. 18 איך האָבּ
אָבּער אַלצדינג, און איבּערגענוג; איך בּין זאָט, ווייל איך האָבּ
בּאַקומען פון עפּאַפראָדיטוסן די זאַכן פון אייך, אַ רֵיחַ נִיחֹחַ – אַ
בּאַוויליקטער קָרבּן, וואָס איז וואוילגעפעלן פאַר גאָט. 19 און מיין גאָט
וועט ממַלא זיין יעדע בּאַדערפעניש אייערע לויט זיין עַשִירות אין
הערלעכקייט אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 20 און צו אונדזער גאָט און פאָטער
זאָל זיין דער כָּבוד לעוֹלָם וָעֶד. אָמֵן.
21 גריסט אַלע הייליקע אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. די בּרידער, וואָס זענען מיט
מיר, גריסן אייך. 22 אַלע הייליקע גריסן אייך, בּפרַט די, וואָס זענען פון
דעם קייסערס הויזגעזינד.
23 דער חֶסֶד פון דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ זאָל זיין מיט אייער גייסט.

דער בּריוו צוּ די קאָלאָסער

א פּאָולוּס, אַ שליח פוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ דוּרך דעם רָצון פוּן גאָט, און
טימאָטעאוּס, אוּנדזער בּרוּדער, 2 צוּ די הייליקע אוּן געטרייע בּרידער
אין מָשִיחַן, וואָס זענען אין קאָלאָסע. חֶסֶד צוּ אייך און שָלום פוּן
גאָט, אוּדזער פּאָטער.
3 מיר דאַנקען גאָט, דעם פּאַטער פוּן אוּנדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און
זענען תָּמיד מִתפַּלֵל פּאַר אייך, 4 ווייל מיר האָבּן געהערט פוּן אייער
אֶמוּנה אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און פוּן דער ליבּע, וואָס איר האָט צוּ אַלע
הייליקע, 5 צוּליבּ דער האָפענוּנג וואָס ליגט בּאַהאַלטן פּאַר אייך אין
הימל, און פוּן וואָס איר האָט פריער געהערט אין דעם אֶמֶתן וואָרט
פוּן דער בּשׂוּרה טובה, 6 וואָס איז געקוּמען צוּ אייך, אַזוֹיווי זי
פּרוּכפּערט זיך אוּן מערט זיך אין דער גאַנצער וועלט, ווי אויך בּיי
אייך, זינט דעם טאָג, וואָס איר האָט געהערט און דערקענט דעם חֶסֶד
פוּן גאָט אין אֶמת. 7 אַזוֹיווי איר האָט געלערנט פוּן עפּאַפראַסן,
אוּנדזער בּאַליבּטן מיטאַרבּעטער, וואָס איז אַ געטרייער דינער פוּן
מָשִיחַן פוּן אייַערטוועגן, 8 און וואָס האָט אוּנדז אויך מוֹדִיע געווען
אייער ליבּע אין דעם גייסט.
9 צוּליבּ דער דאָזיקער סִיבּה הערן אויך מיר, זינט דעם טאָג, וואָס מיר
האָבּן דאָס געהערט, ניט אויף מִתפַּלֵל צוּ זיין, בּעטנדיק פּאַר אייך, אַז
איר זאָלט ווערן פוּל מיט דעם וויסן פוּן זיין רָצון אין יעדער
גייַסטיקער חָכמה און פּאַרשטענדיקייט, 10 צוּ לעבּן ווי עס איז רָאוּי
פּאַר דעם האַר, לויט זיין יעדן בּאַגער, און צוּ זיין פּרוּכטבּאַר אין יעדן
גוּטן ווערק, און וואַקסן אין דעם קענטעניש פוּן גאָט; 11 געשטאַרקט
מיט יעדער קראַפט, לויט דער מאַכט פוּן זיין כָּבוד, מיט פרייד צוּ
יעדער אויסדוֹיער און סבלָנוּת, 12 און דאַנקט דעם פּאָטער,

וואָס האָט אוּנדז מזַכּה געווען צוּ זיין טיילנעמער אין דעם אַרבֿטייל פֿוּן די
הייליקע אין ליכט; 13 וואָס האָט אוּנדז מַציל געווען פֿוּן דער מאַכט פֿוּן
פֿינצטערניש, און האָט אוּנדז אַריבֿערגעפֿירט אין דעם מַלכות פֿוּן דעם זוּן
פֿוּן זיין ליבֿע, 14 אין וועמען מיר האָבֿן די ישוּעה, די פֿאַרגעבֿוּנג פֿוּן
אוּנדזערע זינד.

15 ער איז דאָס אָפּבילד פֿוּן גאָט, וועמעס פּנים מע קען ניט זען, דער בּכור
פֿוּן דער גאַנצער בּאַשאַפֿוּנג. 16 וואָרים אין אים איז אַלצדינג בּאַשאַפֿן
געוואָרן, אין הימל און אויף דער ערד, זאַכן וואָס מע זעט, און זאַכן וואָס
מע זעט ניט, סיי טראָנען, אָדער מֶמשָלות, סיי שׂרָרות, אָדער מלוּכות;
אַלצדינג איז בּאַשאַפֿן געוואָרן דוּרך אים און פֿאַר אים. 17 און ער איז פֿריער
פֿוּן אַלצדינג, און אין אים בּאַשטייט אַלצדינג.[1] 18 און ער איז דער ראש פֿוּן
דעם לייַבֿ, די קהִילה; ער איז דער אָנהייב, דער בּכור פֿוּן די טויטע, כּדי ער
זאָל אין אַלצדינג זיין דער ערשטער. 19 וואָרים עס איז געווען דער רָצון פֿוּן
גאָט, אַז אין אים זאָל וואוינען די גאַנצע פֿוּלקייט, 20 און דוּרך אים
איבֿערצוּבֿעטן אַלצדינג מיט זיך, בּעת ער האָט געמאַכט שָלום דוּרך דעם
בּלוּט פֿוּן זיין צלָב; דוּרך אים, זאָג איך, סיי דאָס, וואָס איז אויף דער ערד,
סיי דאָס, וואָס איז אין הימל.

21 און אייך, וואָס איר זענט אַמאָל געווען פֿאַרפֿרעמדט, און אין אייער
מַחשָבה שׂונאים אין אייערע בּייזע מַעשׂים, 22 האָט ער אַצינד איבֿערגעבֿעטן
אין דעם גוּף פֿוּן זיין פֿלייש דוּרך דעם טויט, כּדי אייך פֿירצוּשטעלן פֿאַר
אים הייליק און אָן אַ מוּם און אָן אַ פֿלעק; 23 אויבֿ איר וועט נאָר פֿאַרבּלייַבֿן
אין דער אֶמוּנה, געגרוּנטפֿעסטיקט און שטאַנדהאַפֿטיק, און וועט ניט
אָפּגערוּקט ווערן פֿוּן דער האָפֿענוּנג פֿוּן דער בּשׂוּרה טובֿה, וואָס איר האָט
געהערט, און וואָס איז געדרשעַנט געוואָרן אין גאַנצן בּאַשאַף אוּנטערן
הימל, פֿוּן וואָס איך, פּאָולוּס, בּין געוואָרן אַ בּאַדינער.

24 אַצינד פֿריי איך מיך אין מיינע ליידן פֿוּן אייַערטוועגן, און בּין ממַלא,
וואָס ס׳איז געמינערט אין די יסוּרים פֿוּן מָשִיחַן אין מיין פֿלייש פֿוּן זיין
לייַבֿס־וועגן, וואָס איז די קהִילה, 25 פֿוּן וועלכער איך בּין געמאַכט געוואָרן
פֿאַר אַ בּאַדינער, לויט דער אויסטיילוּנג פֿוּן גאָט, וואָס איז מיר געגעבֿן
געוואָרן פֿוּן אייַערטוועגן, כּדי ממַלא צוּ זיין דאָס וואָרט פֿוּן גאָט, 26 דעם
סוד, וואָס איז געווען פֿאַרהוילן פֿוּן צייטן און דורות; אַצינד אָבֿער איז ער
אַנטפּלעקט געוואָרן פֿאַר זיינע הייליקע, 27 פֿאַר וועמען גאָט איז
וואוילגעפֿעלן בּאַקענט צוּ מאַכן וואָס ס׳איז די עַשִירות פֿוּן דער
הערלעכקייט פֿוּן דעם דאָזיקן סוד צווישן די אוּמות־הָעולם, וואָס איז מָשִיחַ
אין אייך, די האָפֿענוּנג פֿוּן הערלעכקייט. 28 אים מאַכן מיר בּאַקאַנט, און
וואָרענען יעדן מענטשן און לערנען יעדן מענטשן אין יעדער

[1] משלי ח, 22-31.

חָכמה, כּדי מיר זאָלן פֿירשטעלן יעדן מענטשן גאַנץ אין מָשיחַן.
29 צוּ דעם מיִ איך מיך אויך, לויט זיין ענערגיע, וואָס ווירקט דינאַמיש
אין מיר.

ב וואָרים איך וואָלט וועלן, אַז איר זאָלט וויסן, ווי שטאַרק איך
קעמף פֿאַר אייך, און פֿאַר די אין לאַאָדיקיע, און פֿאַר אַלע, וואָס האָבן
מיין פָּנים ניט געזען, 2 כּדי זייערע הערצער זאָלן זיין געטרייסט,
צונויפֿגעהעפֿט אין ליבע, און צוּ דער גאַנצער עַשירות פֿון דער פֿוּלער
פֿאַרזיכערונג פֿון פֿאַרשטענדיקייט, כּדי זיי זאָלן פֿאַרשטיין דעם סוֹד
פֿון גאָט, און פֿון מָשיחַן, 3 אין וועמען סע זענען פֿאַרבאָרגן אַלע
אוֹצרות פֿון חָכמה און וויסן. 4 דאָס זאָג איך, כּדי קיינער זאָל אייך ניט
נאַרן מיט גלאַטע רייד. 5 וואָרים, הַגַם איך בין אָפּוועזנד אין דעם
לייַב, דאָך בין איך מיט אייך אין דעם גייסט, און פֿריי מיך צוּ זען
דעם סֵדר פֿון אייער לעבן, און די שטאַנדהאַפֿטיקייט פֿון אייער אֶמוּנה
אין מָשיחַן.
6 דעריבער, אַזוֹיווי איר האָט מקַבּל געווען יֵשוּעַ הַמָשיחַ, דעם האַר,
אַזוי לעבט אין אים, 7 איינַגעוואָרצלט און אויפֿגעבויט אין אים, און
באַפֿעסטיקט אין דער אֶמוּנה, אַזוֹיווי איר זענט געלערנט געוואָרן, פֿוּל
מיט דאַנקלויב.
8 גיט אַכטונג, אַז קיינער זאָל פֿון אייך ניט מאַכן קיין זאַקרויב דוּרך
פֿילאָזאָפֿיע און פּוּסטן באַטרוּג, לויט דער מסוֹרה פֿון מענטשן, לויט די
יסוֹדות פֿון דער וועלט, און ניט לויט מָשיחַן. 9 וואָרים אין אים וואוינט
די גאַנצע פֿוּלקייט פֿון דער לייַבלעכער גאָטהייט, 10 און אין אים זענט
איר דערפֿילט. ער איז דער הויפּט פֿון יעדער מֶמשָלה און מאַכט;
11 אין וועמען אויך איר זייט געמַלט געוואָרן מיט אַ מִילה, וואָס איז
געטאָן געוואָרן ניט מיט הענט, דוּרך דעם אויסטאָן פֿון דעם לייַב פֿון
פֿלייש אין דער מִילה פֿון מָשיחַן, 12 בעת איר זענט מיט אים באַגראָבן
געוואָרן אין דער טבִילה, אין וועלכער איר זענט אויך מיט אים
אויפֿגעשטאַנען דוּרך אֶמוּנה אין דער ווירקוּנג פֿון גאָט, וואָס האָט אים
מחַיֵה־מֵתים געווען. 13 און אייך, וואָס זענט געווען טויט דוּרך אייערע
עֲבֵירות און דער עָרלה פֿון אייער פֿלייש, אייך האָט ער לעבעדיק
געמאַכט אינאיינעם מיט אים בעת ער האָט אוּנדז מוֹחל געווען אַלע
אוּנדזערע עֲבֵירות, 14 מיט דעם אויסמעקן דעם שטַר, וואָס איז
געשריבן געוואָרן אין חוּקים, וואָס זענען קעגן אוּנדז, וואָס זענען
דער הֵיפּוּך צוּ אוּנדז; און ער האָט דאָס באַזייַטיקט פֿון דעם וועג
און אים צוּגענאָגלט צוּ דעם צלָב. 15 ער האָט אויסגעטאָן די שָׂרים און
די געוועלטיקער,

אוּן האָט זיי אַרויסגעשטעלט אָפן צוּ שאַנד, בעת ער האָט זיי מנַצֵחַ
געווען אין אים.
16 דעריבער זאָל אייך קיינער ניט מִשפּטן וועגן עסן אָדער טרינקען,
אָדער אין שייַכות פוּן אַ יום־טוב, אָדער אַ ראָש־חודש, אָדער אַ שַבּת;
17 וואָס זענען אַ שאָטן פוּן די זאַכן, וואָס וועלן קוּמען; דער עֶצֶם
אָבער איז מָשִיחַס. 18 לאָז קיינער אייך ניט באַרויבן פוּן אייער שׂכַר
דוּרך אַ פרייַוויליקער הַכנָעה אוּן דער דינוּנג פוּן מַלאָכים, אוּן
באַשטייט אויף די זאַכן, וואָס ער האָט געזען, אוּן איז גַאווֶהדיק
אָנגעבלאָזן דוּרך זיין גַשמִיותדיקן שׂכל, 19 אוּן האַלט זיך ניט אָן אין
דעם קאָפּ, פוּן וועמען דער גאַנצער גוּף, וואָס ווערט גענערט אוּן
צוּזאַמען־געהעפט דוּרך די קנעכלען אוּן בענדער, וואַקסט מיט דעם
וואוּקס פוּן גאָט.
20 אויב איר זענט מיט מָשִיחַן אָפּגעשטאָרבן פוּן די יסודות פוּן דער
וועלט, פאַרוואָס טוּט איר אייך אוּנטערטעניק מאַכן, גלייך ווי איר
וואָלט געלעבט אין דער וועלט, צוּ חוקים: 21 מע טאָר ניט אָנרירן, ניט
פאַרזוּכן, ניט אָנטאָפּן, 22 (אַלץ אַזוינע זאַכן, וואָס ווערן פאַרלענדט
מיט דעם באַנוּצן), לויט די געבאָטן אוּן לערנוּנגען פוּן מענטשן? 23 יאָ,
די דאָזיקע זאַכן האָבן אַן אויסזען פוּן חָכמה אין וויליקער עֲבודה, אין
הַכנָעה, אוּן שטרענגקייט צוּ דעם לייַב אָבער זיי ברענגען ניט קיין שוּם
נוּצן, אַחוּץ נאָר די באַפרידיקוּנג פוּן דעם פלייש.
ג דעריבער, אויב איר זענט אויפגעשטאַנען אינאיינעם מיט מָשִיחַן,
זוּכט דאָס, וואָס איז אויבן, וואוּ מָשִיחַ זיצט ביי דער רעכטער האַנט
פוּן גאָט. 2 טראַכט וועגן דעם, וואָס איז אויבן, אוּן ניט וועגן דעם,
וואָס איז אויף דער ערד. 3 וואָרים איר זענט געשטאָרבן, אוּן אייער
לעבן איז פאַרבאָרגן מיט מָשִיחַן אין גאָט. 4 בעת מָשִיחַ, וואָס איז
אייער לעבן, וועט אַנטפּלעקט ווערן, דעמאָלט וועט איר מיט אים אויך
אַנטפּלעקט ווערן אין הערלעכקייט.
5 טייט דעריבער אייערע זינדיקע נטִיות, וואָס זענען אויף דער ערד:
זנוּת, טוּמאה, תַאווה, בייזע גלוּסטוּנג, אוּן גייציקייט, וואָס איז עֲבודה־
זָרה; 6 איבער דעם קוּמט דער גרימצאָרן פוּן גאָט

אויף די קינדער פֿון ווידערשפּעניקייט. 7 אין יענע זאַכן זענט איר אויך
אַמאָל געוואַנדלט, בעת איר האָט געלעבט אין זיי. 8 אַצינד אָבער זאָלט
איר פֿון זיך אָפּטאָן אָט־דאָס אַלץ: כַּעס, גרימצאָרן, רִשעות,
לעסטערונג, נִיבול־פֶּה פֿון אייער מויל. 9 זאָגט ניט קיין ליגן איינער
דעם אַנדערן, נאָכדעם ווי איר האָט אויסגעטאָן דעם אַלטן מענטשן
מיט זיינע מעשים, 10 און האָט אָנגעטאָן דעם נייעם מענטשן, וואָס
ווערט באַנייט מיט דערקענטעניש לויט דעם אָפּבילד פֿון דעם, וואָס
האָט אים באַשאַפֿן, 11 וואו סע איז מער ניט פֿאַראַן קיין גוי און ייִד,
מִילה און עָרלה, פֿרעמדער, סקיטיער, קנעכט, פֿרייער, נייערט מָשִיחַ
איז אַלץ, און אין אַלץ.

12 טוט דעריבער אָן, ווי גאָטס אויסדערוויילטע, הייליקע און באַליבטע,
אַ האַרץ פֿון רַחמָנות, גוטהאַרציקייט, ענִיוות, פֿרידלעכקייט,
געדולדיקייט; 13 פֿאַרטראָגט איינער דעם אַנדערן, און זייט מוֹחל
איינער דעם אַנדערן, אויב איינער האָט זיך אויף וואָס צו באַקלאָגן
קעגן עמיצן; אַזוי־ווי דער האַר האָט אייך מוֹחל געווען, אַזוי זאָלט איר
אויך טון. 14 און איבער אַלץ טוט אָן ליבע, וואָס איז די פֿאַרבינדונג
פֿון שלֵימות. 15 און זאָל דער שָלום פֿון מָשִיחַן געוועלטיקן אין אייערע
הערצער, צוליב וואָס איר זענט אויך באַרופֿן אין איין לײַב, און זייט
דאַנקבאַר. 16 זאָל דאָס וואָרט פֿון מָשִיחַן אין אייך וואוינען בשֶפֿע: אין
יעדער חָכמה לערנט און וואָרענט איינער דעם אַנדערן מיט תּהִילות,
און תּשבָּחות, און גײַסטיקע נגונים, און זינגט צו גאָט מיט
דאַנקבאַרקייט אין אייערע הערצער. 17 און וואָס נאָר איר טוט, אין
וואָרט, אָדער אין ווערק, טוט אַלץ אין דעם נאָמען פֿון דעם האַר
יֵשוּעַ, און דאַנקט דורך אים גאָט, דעם פֿאָטער.

18 ווייבער, זייט אונטערטעניק אייערע מענער, ווי עס איז רָאוי אין
דעם האַר. 19 מענער, האָט ליב אייערע ווייבער, און זייט ניט
פֿאַרביטערט קעגן זיי. 20 קינדער, פֿאָלגט אייערע עלטערן אין אַלצדינג,
וואָרים דאָס איז וואוילגעפֿעלן אין דעם האַר. 21 פֿאָטערס, דערצערנט
ניט אייערע קינדער, כּדי זיי זאָלן ניט פֿאַרלירן דעם מוּט. 22 קנעכט,
פֿאָלגט אין אַלצדינג די, וואָס זענען אייערע האַרן לויט דעם פֿלייש,
ניט מיט אויגן־דינסט, מענטשן געפֿעלן צו ווערן, נייערט מיט דער
אויפֿריכטיקייט פֿון האַרצן, מיט מוֹרא פֿאַר גאָט.

23 און וואָס נאָר איר טוט, זאָלט איר טאָן מיט האַרץ, ווי פאַר גאָט,
און ניט פאַר מענטשן; 24 ווייל איר ווייסט, אַז פון גאָט וועט איר
באַקומען אייער פאַרגעלטונג פון דער ירושה; איר דינט דעם האַר
מָשִׁיחַ. 25 וואָרים דער, וואָס טוט אומרעכט, וועט צוריק פאַרגאָלטן
ווערן פאַר דעם אומרעכט, וואָס ער האָט געטאָן; און דאָרטן איז ניטאָ
קיין נוֹשׂא־פָּנִים זיין.
ד האַרן, גיט אייערע קנעכט דאָס, וואָס סע איז רעכט און גלייך, ווייל
איר ווייסט, אַז אויך איר האָט אַ האַר אין הימל.
2 האַלט תָּמיד אי איין מִתפַּלֵל זיין, און וואַכט דערין מיט דאַנקלויב;
3 זייט מִתפַּלֵל צוגלייך אויך פאַר אונדז, אַז גאָט זאָל עפענען פאַר
אונדז אַ טיר פאַר דעם וואָרט, צו דרשענען דעם סוֹד פון מָשִׁיחַן,
צוליב וואָס איך בין אין קייטן, 4 כּדי איך זאָל עס אַנטפּלעקן, ווי איך
באַדאַרף צו רעדן.
5 פירט זיך אין חָכמה קעגן די, וואָס זענען אין דרויסן, און לייזט אויס
די צייט. 6 זאָלן אייערע רייד זיין תָּמיד מיט חֵן, געווירצט מיט
זאַלץ, כּדי איר זאָלט פאַרשטיין וויאַזוי איר דאַרפט ענטפערן יעדן
איינעם.
7 ווי סע האַלט מיט מיר, וועט אייך מוֹדִיע זיין טיכיקוֹס, דער
באַליבטער ברודער און געטרייער דינער און מיטקנעכט אין דעם האַר.
8 אים האָב איך צו אייך געשיקט צוליב דעם דאָזיקן צוועק טאַקע, כּדי
איר זאָלט וויסן אונדזער צושטאַנד, און כּדי ער זאָל טרייסטן אייערע
הערצער, 9 אינאיינעם מיט אָנעסימוסן, דעם געטרייען און באַליבטן
ברודער, וואָס איז איינער פון אייך. זיי וועלן אייך מוֹדִיע זיין פונוועגן
אַלצדינג, וואָס דאָ איז געשען.
10 אַריסטאַרכוס, מיין מיט־געפאַנגענער, גריסט אייך, און מאַרקוס,
דאָס געשוועסטער־קינד פון בַּר־נַבָּאן (וועגן וועמען איר האָט באַקומען
באַפעלן; אויב ער וועט קומען צו אייך, זאָלט איר אים אויפנעמען),
11 און יֵשוּעַ, וואָס ווערט אָנגערופן יוסטוס, די דאָזיקע זענען די
איינציקע פון די געמַלטע, וואָס זענען מיינע מיטאַרבעטער פאַר דעם
מַלכות פון גאָט, און וואָס זענען געווען אַ טרייסט פאַר מיר.
12 עפּאַפראַס, וואָס איז איינער פון אייך, אַ קנעכט פון יֵשוּעַ
הַמָשִׁיחַ, גריסט אייך; ער קעמפט פאַר אייך תָּמיד אין זיינע תּפִילות, אַז
איר זאָלט שטיין גאַנץ און פאַרזיכערט אין דעם פולן רָצון פון גאָט.
13 וואָרים איך זאָג עֵדות אויף אים, אַז ער גיט זיך אַ סך מִי פאַר אייך,
און פאַר די אין לאַאָדיקיע, און פאַר די אין היעראַפּאָליס. 14 לוקאָס,
דער באַליבטער רוֹפא, און דעמאָס, גריסן אייך. 15 גריסט די ברידער
וואָס זענען אין לאַאָדיקיע, און נימפאַס, און דער קהילה, וואָס איז

אין איר הויז. 16 און נאָכדעם ווי דער דאָזיקער בריוו וועט געלייענט
ווערן צווישן אייך, זעט, אַז ער זאָל אויך געלייענט ווערן אין דער
קהִילה פֿון די לאַאָדיקיער; און אַז איר זאָלט אויך לייענען דעם בריוו
פֿון לאַאָדיקיע. 17 און זאָגט אַרכיפּוסן: גיב אַכטונג אויף דעם דינסט,
וואָס דו האָסט מקַבל געווען אין דעם האַר, אוּן אַז דו זאָלסט אים
דערפֿילן.
18 דער גרוס פֿון מיר, פּאָולוס, מיט מיין אייגענער האַנט. געדענקט
מיינע קייטן. חֶסֶד זאָל זיין מיט אייך.

דער ערשטער בּריוו צוּ די טעסאַלאָניקער

א פּאָולוס, און סילוואַנוס, און טימאָטעאוס, צוּ דער קהִילה פוּן די
טעסאַלאָניקער אין גאָט דעם פאָטער און דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ; חֶסֶד
צוּ אייך און שָלום.
2 מיר דאַנקען תָּמיד גאָט פאַר אייך אַלע, בּעת מיר דערמאָנען אייך אין
אוּנדזערע תּפִילות; 3 און אָן אויפהער געדענקען מיר פאַר גאָט,
אוּנדזער פאָטער, אייער ווערק פוּן אֱמוּנה, און מִי פוּן ליבּע, און
געדוּלדיקייט פוּן האָפנוּנג אין אוּנדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 4 וואָרים
מיר ווייסן, בּרידער בּאַליבּט פוּן גאָט, אייער אוֹסדערוויֵילטקייט,
5 וויאַזוי אוּנדזערע בשׂוּרה טובה איז צוּ אייך געקוּמען ניט נאָר אין
וואָרט אַליין, נייערט אויך אין גבוּרה און אין דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש, און
אין אַ סַך זיכערקייט; אַזוֹיווי איר ווייסט וואָסערע מִין מענטשן מיר
האָבּן זיך אַרויסגעוויזן קעגן אייך פוּן אייַערטוועגן. 6 און איר זענט
געוואָרן נאָכמאַכער פוּן אוּנדז און פוּן דעם האַר, בּעת איר האָט מקַבּל
געווען דאָס וואָרט אין אַ סַך עִינוּיִים מיט פרייד פוּן דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש,
7 אַזוי, אַז איר זענט געוואָרן אַ בּייַשפּיל פאַר אַלע, וואָס גלויבּן אין
מאַקעדאָניע און אין אַכאַיאַ.
8 וואָרים פוּן אייך איז געהערט געוואָרן דאָס וואָרט פוּן גאָט, ניט
נאָר אין מאַקעדאָניע און אַכאַיאַ, נייערט אין איטלעכן אָרט איז
אַרויסגעגאַנגען אייער אֱמוּנה אין גאָט, אַזוי, אַז מיר האָבּן ניט
נייטיק עפּעס דערפוּן צוּ רעדן. 9 וואָרים זיי אַליין דערציילן וועגן
אוּנדז, וואָסער מִין אַרייַנגאַנג מיר האָבּן געהאַט בּיי אייך, און וויאַזוי
איר האָט אייך אַוועקגעקערט פוּן אָפּגעטער צוּ גאָט, צוּ דינען אַ
לעבּעדיקן און

אֶמֶתן גאָט, 10 אוּן צוּ וואַרטן אויף זיין זון פֿון הימל, וועמען ער האָט
מחַיֶה־מֵתים געווען, אויף יֵשוּעַן, וואָס איז אוּנדז מַציל פֿוּן דעם
גרימצאָרן, וואָס וועט קוּמען.
ב וואָרים איר אַליין ווייסט, בּרידער, אַז אוּנדזער בּאַזוּך בּיי אייך איז
ניט געווען אוּמזיסט; 2 הֱיוֹת אָבער מיר האָבּן פֿריער געליטן אוּן זענען
פֿאַרשעמט געוואָרן אין פֿיליפּיי, ווי איר ווייסט, האָבּן מיר זיך
געשטאַרקט אין אוּנדזער גאָט אייך צוּ דַרשנען די בּשׂוּרה טובה פֿוּן
גאָט אין אַ סַך קאַמף. 3 וואָרים אוּנדזער קול־קורא קוּמט ניט פֿוּן
טָעות, ניט פֿוּן טוּמאה, אויך ניט אין רַמָאוּת, 4 נייערט אַזוֹיווי מיר
זענען געפּוּנען געוואָרן בּאַגלויבּט פֿוּן גאָט צוּ זיין אָנפֿאַרטרויט מיט
דער בּשׂוּרה טובה, אַזוי רעדן מיר; ניט ווי געפֿעלן צוּ ווערן מענטשן,
נייערט גאָט, וואָס פּרוּאווט אוּנדזערע הערצער. 5 וואָרים מיר האָבּן
קיינמאָל ניט גענוּצט חַניפה־רייד, ווי איר ווייסט, אויך ניט קיין
אויסרעד פֿוּן קאַרגשאַפֿט (גאָט איז אַן עֵדוּת); 6 אויך האָבּן מיר ניט
געזוּכט קיין כָּבוד פֿוּן מענטשן, ניט פֿוּן אייך אוּן ניט פֿוּן אַנדערע, הַגַם
מיר האָבּן געקענט פֿאָדערן אָנגעזעענקייט ווי שלִיחים פֿוּן מָשִׁיחַן.
7 נייערט מיר זענען געווען צאַרט צווישן אייך, פּוּנקט ווי אַ זייגערין
נערט אירע אייגענע קינדער; 8 אַזוי האָט עס אוּנדז געצויגן צוּ אייך,
אוּן מיר זענען גרייט געווען צוּ טיילן זיך מיט אייך, ניט נאָר די בּשׂוּרה
טובה פֿוּן גאָט, נייערט אויך אוּנדזער אייגן לעבּן, מַחמת איר זענט
אוּנדז געוואָרן זייער טייער.
9 וואָרים איר געדענקט, בּרידער, אוּנדזער מִי אוּן אָנשטרענגוּנג; טאָג
אוּן נאַכט האָבּן מיר געאַרבּעט, כּדי מיר זאָלן קיינעם פֿוּן אייך ניט
פֿאַלן צוּ לאַסט, אוּן האָבּן פֿאַר אייך געדַרשנט די בּשׂוּרה טובה פֿוּן
גאָט. 10 איר זענט עֵדוּת, אוּן אויך גאָט, ווי הייליק אוּן רעכטפֿאַרטיק
אוּן אוּמשוּלדיק מיר האָבּן זיך פֿאַרהאַלטן לגַבּי אייך, וואָס גלויבּן;
11 ווייל איר ווייסט וויאַזוי מיר האָבּן אייך מַזהיר געווען, אוּן אייך
דערמאוּטיקט, ווי אַ פֿאָטער זיינע אייגענע קינדער, אוּן האָבּן עֵדוּת
געזאָגט, 12 אַז איר זאָלט גיין ווערדיק פֿאַר גאָט, וואָס בּאַרוּפֿט אייך צוּ
זיין מַלכוּת אוּן הערלעכקייט.

13 און צוליב דעם דאַנקען מיר תָּמיד גאָט, וואָס בעת איר האָט
דערהאַלטן דאָס וואָרט פון גאָט, וואָס איר האָט געהערט פון אונדז,
האָט איר עס מקַבל געווען, ניט ווי דאָס וואָרט פון מענטשן, נייערט
ווי עס איז אין דעראֶמתן, דאָס וואָרט פון גאָט, וועלכער ווירקט אויך
אין אייך, וואָס גלויבן. 14 וואָרים איר, ברידער, זענט געוואָרן
נאָכמאַכערס פון די קהִילות פון גאָט אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס זענען אין
יהודה, וואָרים איר האָט דאָס זעלבע געליטן פון אייערע אייגענע
לאַנדסלייַט, ווי זיי פון די ייִדן, 15 וואָס האָבן געהַרגעט סיי דעם האַר
יֵשוּעַ און די נבִיאים, און האָבן אונדז אַרויסגעטריבן, און טוען ניט
וואוילגעפעלן גאָט, און זענען דערווידער אַלע מענטשן, 16 ווייל זיי
פאַרווערן אונדז צו רעדן צו די גויים, אַז זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן,
כּדי תָּמיד ממַלא צו זיין זייערע זינד; אָבער דער גרימצאָרן האָט זיי
שוין דערגרייַכט גאָר אין גאַנצן.
17 מיר אָבער, ברידער, נאָכדעם ווי מיר זענען אויף אַ שעה באַרויבט
געוואָרן פון אייער פָּנים, אָבער ניט אין האַרצן, האָבן שטאַרק חֵשֶק
געהאַט צו זען אייער פָּנים; 18 דעריבער האָבן מיר געוואָלט קומען
צו אייך, טאַקע איך פּאָולוס, איינמאָל און נאָכאַמאָל, און דער שָטן
האָט אונדז געשערט. 19 וואָרים וואָס איז אונדזער האָפענונג, אָדער
פרייד, אָדער קרוין פון באַרימטקייט פאַר אונדזער האַר יֵשוּעַ ביי זיין
קומען? צי זענט איר עס דען ניט? 20 וואָרים איר זענט אונדזער כָּבוד
און פרייד.
ג דעריבער, בעת מיר האָבן עס מער ניט געקענט דערטראָגן, זענען מיר
נַחת־רוּחֶ געווען צו פאַרבלייַבן אַליין אין אַטען, 2 און האָבן געשיקט
טימאָטעאוסן, אונדזער ברודער און גאָטס דינער אין דער בשׂורה טובה
פון מָשִיחַן, אייך צו שטאַרקן און טרייסטן פונוועגן אייער אֶמונה, 3 אַז
קיינער זאָל זיך ניט וואַקלען איבער די דאָזיקע צָרות. וואָרים איר אַליין
ווייסט, אַז צו דעם זענען מיר באַשטימט געוואָרן. 4 וואָרים בעת מיר
זענען געווען מיט אייך, האָבן מיר אייך פאָרויסגעזאָגט, אַז מיר וועלן
ליידן צָרות, אַזויווי עס איז געשען, און ווי איר ווייסט עס. 5 צוליב
דעם, בעת איך האָב עס שוין מער ניט געקענט דערטראָגן, האָב איך
געשיקט זיך צו דערוויסן פונוועגן אייער אֶמונה, טאָמער האָט אייך
דער מנַסֶה דורך עפּעס געבראַכט צו אַ נסָיון, און אונדזער מִי איז
געווען אומזיסט.
6 אָבער אַצינד, בעת טימאָטעאוס איז געקומען פון אייך צו אונדז, און
האָט אונדז געבראַכט די גוטע בשׂורה פון אייער אֶמונה און ליבע, און
אַז איר געדענקט אונדז

תָּמיד צום גוטן, און בענקט אונדז צו זען, אַזוי ווי מיר אויך אייך,
7 זענען מיר דערפאַר, ברידער, איבער אייך געטרייסט געוואָרן אין אַלע
אונדזערע צָרות און נויט, דורך אייער אֱמונה; 8 וואָרים איצט לעבן
מיר, טאָמער איר שטייט פעסט אין דעם האַר. 9 וואָרים וואָסער דאַנק
קענען מיר אָפּגעבן גאָט פאַר אייך, פאַר דער גאַנצער פרייד, מיט
וועלכער מיר פרייען זיך פון אייַערטוועגן פאַר אונדזער גאָט? 10 טאָג
און נאַכט בעטן מיר זייער, אַז מיר זאָלן זען אייער פָּנים, און זאָלן
דערגאַנצן דאָס, וואָס איז געמינערט אין אייער אֱמונה.
11 און זאָל אונדזער גאָט און פאָטער אַליין, און אונדזער האַר יֵשוּעַ,
פירן אונדזער וועג צו אייך. 12 און זאָל דער האַר אייך מאַכן וואַקסן
און מערן זיך אין ליבע איינער צום אַנדערן, און צו אַלע מענטשן,
אַזוי ווי אויך מיר טוען צו אייך, 13 כּדי ער זאָל שטאַרקן אייערע
הערצער, אַז זיי זאָלן זייַן אָן אַ מום אין הייליקייט פאַר אונדזער גאָט
און פאָטער, בעת דעם קומען פון אונדזער האַר יֵשוּעַ מיט אַלע זיינע
הייליקע.
ד צום סוף, ברידער, בעטן מיר אייך און זענען אייך מַזהיר אין דעם
האַר יֵשוּעַ, אַז אַזוי ווי איר האָט מקַבּל געווען פון אונדז וויאַזוי איר
דאַרפט זיך פירן און וואוילגעפעלן ווערן גאָט, און טאַקע אַזוי ווי איר
טוט דאָס, זאָלט איר עס טאָן אַלץ מער און מער. 2 וואָרים איר ווייסט
וואָסער געבאָט מיר האָבן אייך געגעבן דורך דעם האַר יֵשוּעַ. 3 וואָרים
דאָס איז דער רָצון פון גאָט, אייער הייליקייט: אַז איר זאָלט זיך
צוריקהאַלטן פון זנות; 4 אַז יעדער איינער פון אייך זאָל וויסן וויאַזוי
אַליין צו באַהערשן זיין אייגענע כּלי אין הייליקייט און כָּבוד; 5 ניט אין
דער גלוסטונג פון תּאווה, אַזוי ווי די גוים, וואָס קענען ניט גאָט. 6 אַז
קיינער זאָל ניט עובר זיין און באַטריגן זיין ברודער אין דעם ענין;
וואָרים גאָט איז זיך נוקם אויף דעם אַלעם, אַזוי ווי מיר האָבן אייך
אויך פאָרויס מַזהיר געווען און אויפגעוויזן. 7 וואָרים גאָט האָט אונדז
באַרופן ניט צו טומאה, נייערט צו קדושה, 8 דעריבער, דער וואָס טוט
עס פאַראַכטן, פאַראַכט ניט קיין מענטשן, נייערט גאָט, וואָס גיט אייך
זיין רוח־הַקודֶש.
9 און וואָס שַייך די ליבע פון די ברידער, האָט איר ניט נייטיק, מע זאָל
אייך שרייבן, וואָרים איר אַליין זענט געלערנט געוואָרן פון גאָט, ליב
צו האָבן איינער דעם אַנדערן.

10 וואָרים איר טוט עס אויך בנוגע אַלע ברידער, וואָס זענען אין
מאַקעדאָניע. מיר זענען אייך אָבער מַזהיר, ברידער, אַז איר זאָלט טאָן
מער און מער, 11 און אַז איר זאָלט זיך לערנען צו זיין רואיק, און טאָן
דאָס אייַעריקע, און צו אַרבעטן מיט אייערע הענט, אַזוי ווי מיר האָבן
אייך געבאָטן, 12 כדי איר זאָלט אייך פירן אָנשטענדיק קעגן די, וואָס
זענען אין דרויסן, און איר זאָלט ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם ניט.
13 און מיר ווילן אייך ניט פאַרהוילן, ברידער, פונוועגן די, וואָס
זענען אייַנגעשלאָפן, כדי איר זאָלט זיך ניט מַצער זיין, אַזוי ווי די
איבעריקע, וואָס האָבן ניט קיין האָפענונג. 14 וואָרים אויב מיר גלויבן,
אַז יֵשוע איז געשטאָרבן און איז ווידער אויפגעשטאַנען, אַזוי וועט
אויך גאָט ברענגען די, וואָס זענען אייַנגעהעשלאָפן אין יֵשוען,
אינאיינעם מיט אים. 15 וואָרים דאָס זאָגן מיר אייך דורך דעם וואָרט
פון גאָט, אַז מיר, וואָס לעבן, און זענען איבערגעבליבן ביז אויף
דעם קומען פון דעם האַר, וועלן בשום־אופן זיך ניט קומען פריער פון
די, וואָס זענען אייַנגעשלאָפן. 16 וואָרים דער האַר אַליין וועט
אַראָפּנידערן פון הימל מיט אַ שאַלן, מיט דעם קול פון דעם שַר־
המַלאָכים, און מיט דעם שופר פון גאָט; און די טויטע אין מָשיחן
וועלן קודם אויפשטיין; 17 דערנאָך וועלן מיר, וואָס לעבן, וואָס זענען
איבערגעבליבן אַרויפגעכאַפּט ווערן צוזאַמען מיט זיי אין די וואָלקנס,
צו באַגעגענען דעם האַר אין דער לופט; און אַזוי וועלן מיר תּמיד זיין
מיט דעם האַר. 18 דעריבער, טרייסט איינער דעם אַנדערן מיט די
דאָזיקע ווערטער.
ה און וואָס שַייך די צייטן און זמַנים, ברידער, האָט איר ניט נייטיק,
אַז מע זאָל אייך דאַרפן שרייבן. 2 וואָרים איר אַליין ווייסט גאַנץ גוט,
אַז דער טאָג פון דעם האַר קומט אַזוי ווי אַ גנב אין דער נאַכט. 3 בעת
זיי זאָגן: שָלום וְשַלווה, דעמאָלט וועט קומען אויף זיי פּלוצים אַ
בראָך, ווי די ווייען פון אַ געווינערין; און זיי וועלן בשום־אופן ניט
אַנטרינען. 4 איר אָבער, ברידער, זענט ניט אין דער פינצטערניש, אַז
יענער טאָג זאָל אייך באַפאַלן ווי אַ גנב; 5 וואָרים איר אַלע זענט
קינדער פון ליכטיקייט, און קינדער פון דעם טאָג; מיר זענען ניט פון
דער נאַכט, אויך ניט פון דער פינצטערניש. 6 לאָמיר דעריבער ניט
שלאָפן, ווי סע טוען די איבעריקע, נייערט לאָמיר וואַכן און ניכטער
זיין. 7 וואָרים די, וואָס שלאָפן, שלאָפן אין דער נאַכט: און די, וואָס
זענען שיכּור, זענען שיכּור אין דער נאַכט. 8 מיר אָבער, הֱיות מיר
זענען פון דעם טאָג, לאָמיר ניכטער זיין, און אָנטאָן דעם פּאַנצער פון
אֱמונה און ליבע, און פאַר אַ קיווער, די האָפענונג פון ישועה.
9 וואָרים גאָט האָט אונדז ניט באַשטימט פאַר גרימצאָרן, נייערט פאַר

דער אַרבּונג פֿון ישועה דורך אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ, 10 וואָס איז
פֿאַר אונדז געשטאָרבּן, כּדי, צי מיר וואַכן אָדער שלאָפֿן, זאָלן מיר
לעבּן אינאיינעם מיט אים. 11 בּכֵן, טרייסט איינער דעם אַנדערן, און
בּויט אויף אייענר דעם אַנדערן, אַזוֹיווי איר טוט אויך.
12 מיר בּעטן אייך אָבּער, בּרידער, איר זאָלט האָבּן דרך־ארץ פֿאַר די,
וואָס מִיען זיך צווישן אייך, און שטייען איבּער אייך אין דעם האַר, און
וואָס זענען אייך מַזהיר, 13 און אַז איר זאָלט פֿאַר זיי האָבּן דֶרֶך־אֶרֶץ
אין ליבּע פֿונוועגן זייער ווערק. לעבּט בּשָׁלום צווישן זיך. 14 און מיר
זענען אייך מַזהיר, בּרידער, וואָרנט די אומאָרנטלעכע, דערמוטיקט די
ווייֵכ־האַרציקע, שטיצט די שוואַכע, זייט געדולדיק קעגן אַלע. 15 זעט
אַז קיינער זאָל קיינעם ניט פֿאַרגעלטן שלעכסט פֿאַר שלעכטס, נייערט
זוכט תָּמיד צו טאָן גוטס איינער דעם אַנדערן, און צו אַלע מענטשן.
16 זייט תָּמיד פֿריילעך, 17 זייט מִתפַּלֵל אָן אויפֿהער; 18 דאַנקט דעם
אייבּערשטען פֿאַר אַלצדינג; וואָרים דאָס איז דער רָצון פֿון גאָט פֿאַר
אייך אין יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 19 לעשט ניט דעם גייסט; 20 זייט ניט מְבַזה
דאָס נבִיאות זאָגן; 21 פּרוּאווט אויס אַלצדינג, האַלט פֿעסט דאָס, וואָס
איז גוט; 22 דערווייַטערט אייך פֿון יעדער פֿאָרם פֿון שלעכטס.
23 און דער גאָט פֿון שָׁלום אַליין זאָל אייך הייליקן בּשלֵימות; און זאָל
אייער גייסט און נשָׁמה און גוף זיין אין גאַנצן אָפּגעהיט אָן אַ מום בּיי
דעם קומען פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 24 געטריי איז דער, וואָס
האָט אייך בּאַרופֿן, און וואָס וועט עס אויך טאָן.
25 בּרידער, זייט מִתפַּלֵל פֿאַר אונדז.
26 גריסט אַלע בּרידער מיט אַ הייליקן קוש.
27 איך בּאַשווער אייך בּיי דעם האַר, אַז דער דאָזיקער בּריוו זאָל
געלייענט ווערן פֿאַר אַלע בּרידער.
28 דער חֶסֶד פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ זאָל זיין מיט אייך.

דער צווייטער בריוו צו די טעסאַלאָניקער

א פּאָולוס, און סילוואַנוס, און טימאָטעאוס, צו דער קהִילה פון די
טעסאַלאָניקער אין גאָט, אונדזער פאָטער, און דעם האַר יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ: 2 חֶסֶד צו אייך און שָלום פון גאָט, דעם פאָטער, און דעם
האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
3 מיר זענען מחוּיב תָּמיד צו דאַנקען גאָט פאַר אייך, ברידער, ווי סע
דאַרף צו זיין, וואָרים אייער אֶמוּנה וואַקסט זייער שטאַרק, און די
ליבע פון יעטווידן פון אייך מערט זיך פון איינעם צום אַנדערן 4 אַזוי,
אַז מיר אַליין רימען זיך מיט אייך אין די קהִילות פון גאָט פונוועגן
אייער סַבלָנות און אֶמוּנה אין אַלע אייערע רדִיפות און אין די צָרות,
וואָס איר טראָגט איבער.
5 דאָס איז אַן אָפענער צייכן פון דעם רעכטפאַרטיקן מִשפּט פון גאָט,
כּדי איר זאָלט גערעכנט ווערן צו זיין רָאוּי פאַר דעם מַלכות פון גאָט,
פאַר וועלכן איר טוט אויך ליידן; 6 בּכֵן, אויב עס איז רעכט ביי גאָט צו
פאַרגעלטן פּיין צו די, וואָס פּייניקן אייך, 7 און אייך, וואָס זענט
געפּייניקט, מנוּחה מיט אונדז, ביי דער אַנטפּלעקונג פון דעם האַר
יֵשוּעַ פון הימל מיט די מַלאָכים פון זיין שטאַרקייט אין פלאַמיקן
פייער, 8 בעת ער וועט פאַרגעלטן נקָמה צו די, וואָס קענען ניט גאָט,
און צו די, וואָס געהאָרכן ניט די בשׂורה טובה פון אונדזער האַר
יֵשוּעַ. 9 זיי וועלן ליידן די שטראָף פון אייביקער פאַרדאַרבונג פון
פאַר דעם פָּנים פון דעם האַר און פון דער הערלעכקייט פון זיין
מאַכט, 10 בעת ער וועט קומען פאַרהערלעכט צו ווערן ביי זיינע
הייליקע, און ווערן באַוואונדערט פון אַלע גלויביקע, וואָרים אונדזער
עֵדות ביי אייך איז געווען באַגלויבט. 11 איבערדעם זענען מיר אויך
תָּמיד מִתפַּלֵל פאַר אייך,

אַז אונדזער גאָט זאָל אייך האַלטן צו זיין רָאוי אין אייער בּאַרופונג,
און זאָל דערפילן מיט שטאַרקייט יעדן בּאַגער פון גוטסקייט און
טוּאונג פון אֶמונה, 12 כּדי דער נאָמען פון אונדזער האַר יֵשוּעַ זאָל זיין
אין אייך פאַרהערלעכט, און איר אין אים, לויט דעם חֶסֶד פון אונדזער
גאָט און דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.

ב און מיר בעטן אייך, ברידער, אין שייַכות מיט דעם קומען פון
אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און אונדזער איינזאַמלונג צו אים, 2 אַז
אייער פאַרשטאַנד זאָל ניט פּלוצים צערירט ווערן, און אויך ניט
דערשראָקן ווערן, סיי דורך אַ גייסט, אָדער דורך אַ וואָרט, אָדער דורך
אַ בּריוו, ווי ער וואָלט געווען פון אונדז, גלייך ווי דער טאָג פון דעם
האַר איז שוין געקומען.
3 לאָז קיינער אייך בשום־אופן ניט פאַרפירן: וואָרים סע וועט ניט
געשען, סיידן סע וועט קודם קומען די אָפּפאַלונג, און סע וועט
אַנטפּלעקט ווערן דער מענטש פון זינד, דער זון פון פאַרדאַרבּונג,
4 דער, וואָס ווידערשפּעניקט און דערהייבט זיך קעגן אַלץ, וואָס ווערט
אָנגערופן גאָט, אָדער וואָס ווערט געדינט, אַזוי, אַז ער זיצט אין דעם
הֵיכל פון גאָט, און גיט זיך אַרויס ווי אַ גאָט. 5 צי געדענקט איר ניט,
אַז בעת איך בין נאָך געווען מיט אייך, האָבּ איך אייך דאָס געזאָגט?
6 און איר ווייסט אַצינד, וואָס עס טוט אים אויפהאַלטן, כּדי ער זאָל
אַנטפּלעקט ווערן אין זיין געהעריקער צייט. 7 וואָרים דער סוֹד פון
רִשעות טוט שוין ווירקן; אָבּער דער, וואָס טוט עס אַצינד אויפהאַלטן,
מוז צוערשט אָפּגעטאָן ווערן פון דעם וועג. 8 און דעמאָלט וועט
אַנטפּלעקט ווערן דער רָשע, וועמען דער האַר יֵשוּעַ וועט טייטן מיט
דעם אָטעם פון זיין מויל, און אים אומבּרענגען דורך דער דערשיינונג
פון זיין קומען. 9 וואָס זיין קומען איז לויט דער ווירקונג פון דעם שָטן
מיט דער גאַנצער קראַפט און צייכנס און פאַלשע וואונדער, 10 און מיט
דער גאַנצער אָפּנאַרעריי פון אומגערעכטיקייט פאַר די, וואָס ווערן
פאַרלוירן; מַחמת זיי האָבּן ניט מְקַבּל געווען די ליבּע פון דעם אֶמת,
כּדי זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן. 11 און צוליבּ דעם שיקט זיי גאָט אַ
ווירקונג פון טָעות, אַז זיי זאָלן גלויבּן אַ ליגן; 12 כּדי זיי זאָלן אַלע
געמִשפּט ווערן, וואָס האָבּן ניט געגלויבּט דעם אֶמת, נייערט האָבּן
געהאַט פאַרגעניגן אין אומגערעכטיקייט.
13 מיר אָבּער זענען מחויב תָּמיד צו דאַנקען גאָט פאַר אייך, בּרידער
בּאַליבּטע פון דעם האַר; וואָרים דערפאַר האָט אייך גאָט
אויסדערוויילט פון תּחילת אָן צו דער ישועה, דורך הייליקייט פון
דעם גייסט און אֶמונה פון דעם אֶמת; 14 צוליבּ וואָס ער האָט אייך
בּאַרופן דורך אונדזער בּשׂורה טובה,

צו קריגן די הערלעכקייט פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. 15 בכֵּן,
ברידער, שטייט פֿעסט, און האַלט זיך אין די טראַדיציעס, וואָס מע
האָט אייך געלערנט, סיי דורך וואָרט, אָדער דורך בריוו פֿון אונדז.
16 און אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ אַליין, און גאָט, אונדזער פֿאָטער,
וואָס האָט אונדז ליב געהאַט און אונדז געגעבן אייביקע טרייסט און
גוטן בטָחון דורך חֶסֶד, 17 זאָל טרייסטן אייערע הערצער און זיי
גרונטפֿעסטיקן אין יעדער מעשׂה טובֿה און יעדעם גוטן וואָרט.
ג צום סוף, ברידער, זייט מִתפַּלֵל פֿאַר אונדז, אַז דאָס וואָרט פֿון דעם
האַר זאָל יאָגן און פֿאַרהערלעכט ווערן, אַזוי ווי עס איז אויך ביי אייך,
2 און אַז מיר זאָלן ניצול ווערן פֿון פֿאַרדאָרבענע און בייזע מענטשן;
וואָרים ניט אַלע האָבן אֱמונה. 3 אָבער דער האַר איז געטריי, וואָס
וועט אייך שטאַרקן און באַהיטן פֿון דעם בייזן. 4 און מיר זענען בטוח
אין דעם האַר בנוגע אייך, אַז איר טוט און וועט אויך טאָן דאָס, וואָס
מיר באַפֿעלן. 5 און דער האַר זאָל פֿירן אייערע הערצער צו דער ליבע
פֿון גאָט, און צו דער סבֿלנות פֿון מָשיחן.
6 און מיר באַפֿעלן אייך, ברידער, אין דעם נאָמען פֿון אונדזער האַר
יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, אַז איר זאָלט זיך אָפּשיידן פֿון יעדן ברודער, וואָס פֿירט
זיך אומאָרנטלעך, און ניט לויט דער טראַדיציע, וואָס איר האָט מקבל
געווען פֿון אונדז. 7 וואָרים איר אַליין ווייסט, וויאַזוי איר דאַרפֿט
אונדז נאָכטאָן; וואָרים מיר האָבן זיך ניט באַנומען אומאָרנטלעך
צווישן אייך, 8 מיר האָבן אויך ניט געגעסן אומזיסט ברויט ביי עמיצן,
נייערט אין מי און מאַטערניש האָבן מיר געאַרבעט טאָג און נאַכט, כּדי
מיר זאָלן קיינעם פֿון אייך ניט זיין קיין לאַסט. 9 ניט מחמת מיר האָבן
ניט געהאַט קיין רשות, נייערט צו מאַכן זיך אַ ביישפּיל פֿאַר אייך, כּדי
איר זאָלט אונדז נאָכטאָן. 10 וואָרים אַפֿילו בעת מיר זענען געווען מיט
אייך, האָבן מיר אייך אָט־דאָס באַפֿוילן: אויב עמיצער וויל ניט
אַרבעטן, זאָל ער אויך ניט עסן. 11 וואָרים מיר הערן, אַז עטלעכע
צווישן אייך פֿירן זיך אויף אומאָרנטלעך, און טוען בכלל ניט אַרבעטן,
נייערט זענען קאָכלעפֿל. 12 און אַזעלכע באַפֿעלן מיר און וואָרענען אין
דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, אַז זיי זאָלן אַרבעטן במנוחה, און עסן זייער
אייגן ברויט. 13 איר אָבער, ברידער, ווערט ניט מיד צו טאָן גוטס.
14 אויב עמיצער טוט ניט געהאָרכן אונדזער וואָרט דורך דעם דאָזיקן
בריוו, מאַרקירט

יענעם מענטשן, און חַברט זיך ניט מיט אים, כּדי ער זאָל פֿאַרשעמט
ווערן. 15 פֿאַררעכנט אים אָבער ניט פֿאַר קיין שׂונא, נייערט שטראָפֿט
אים ווי אַ ברודער.
16 און דער האַר פֿון שָלום אַליין זאָל איך תָּמיד געבן שָלום אויף אַלע
וועגן. דער האַר זאָל זיין מיט אייך.
17 דער גרוס פֿון מיר, פּאָולוס, מיט מיין אייגענער האַנט, וואָס איז דער
צייכן אין יעדן בריוו; אַזוי שרייב איך. 18 דער חֶסֶד פֿון אונדזער האַר
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ זאָל זיין מיט אייך אַלע.

דער ערשטער בריוו צו טימאָטעאוסן

א פּאָולוס, אַ שליח פון יֵשוּעַ הַמָשיחַ לויט דעם געבאָט פון גאָט,
אונדזער גואֵל, און פון יֵשוּעַ הַמָשיחַ, אונדזער האָפענונג, 2 צו
טימאָטעאוסן, מיין אֱמֶתדיק קינד אין דער אֱמונה: חֶסֶד, רַחמים, און
שָלום פון גאָט, דעם פאָטער, און פון יֵשוּעַ הַמָשיחַ, אונדזער האַר.
3 אַזויווי איך האָב דיך געבעטן צו בלייבן אין עפעזוס, בעת איך בין
געפאָרן קיין מאַקעדאָניע, כּדי דו זאָלסט באַפעלן געוויסע מענטשן,
ניט צו לערנען קיין אַנדערע תורה, 4 און זיך ניט צו פאַרנעמען מיט
בָּבא־מַעשׂות און יִחוס־בריוו, וואָס האָבן קיין סוף ניט, און וואָס דינען
מער פאַר קַשיות, איידער פאַר דער אויפבויאונג אין גאָט דורך אֱמונה.
5 וואָרים דער תַּכלית פון דער מצווה איז ליבע פון אַ ריין האַרץ און אַ
גוט געוויסן און אַן אֱמונה אָן צביעות; 6 פון וואָס אייניקע האָבן זיך
דערווייַטערט און אָפּגעקערט צו נישטיקע דִיבורים, 7 בעת זיי באַגערן
צו זיין מלַמדים פון דער תורה, הַגַם זיי פאַרשטייען ניט וואָס זיי זאָגן,
אָדער וואָס זיי באַהויפּטן.
8 און מיר ווייסן, אַז די תורה איז גוט, אויב איינער באַנוצט זי ריכטיק,
9 ווייל ער ווייסט, אַז דאָס געזעץ איז ניט געמאַכט געוואָרן פאַר דעם
צַדיק, נייערט פאַר די אומגערעכטע און ווידער־שפּעניקע, פאַר די
גאָטלאָזע און זינדיקע, פאַר די רשָעים און אומווערדיקע, פאַר פאָטער־
מערדערס און מוטער־מערדערס, פאַר רוצחים, 10 נואפים, פאַר
האָמאָסעקסואַליסטן, פאַר שקלאַפן־הענדלער, פאַר ליגנערס, פאַר
פאַלש־שווערערס, און אויב נאָך עפּסע אַנדערש, וואָס איז דער הֵיפּוך
פון דער געזונטער לערנונג, 11 לויט דער בשׂורה טובה פון דעם כָּבוד
פון גאָט בָּרוך הוא, וואָס איז מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן.

12 איך דאַנק אים, וואָס האָט מיר געהאָלפֿן, יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אונדזער
האַר, דערפֿאַר וואָס ער האָט מיך געהאַלטן פֿאַר געטריי, און האָט מיך
בּאַשטימט פֿאַר זײַן דינונג, 13 הַגַם איך בּין פֿריִער געווען אַ
לעסטערער, און אַ פֿאַרפֿאָלגער, און אַן עַזות־פָּנים. דאָך האָט ער זיך
דערבּאַרעמט אויף מיר, מַחמת איך האָבּ עס געטאָן ניט
ווּיסנדיקערהייט אין אומגלויבּן; 14 און דער חֶסֶד פֿון אונדזער האַר
האָט זיך שטאַרק געמערט מיט אֱמוּנה און ליבּע, וואָס איז אין יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ. 15 אֱמת איז דאָס וואָרט, און רָאוי מע זאָל עס אָננעמען, אַז
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ איז געקומען אין דער וועלט אַרײַן מַציל צו זײַן זינדיקע,
פֿון וועלכע איך בּין דער גרעסטער. 16 דאָך צוליבּ דעם איז מיר
אַרויסגעוויזן געוואָרן רַחמים, כּדי אין מיר זאָל יֵשוּעַ הַמָשִיחַ קודם
אַרויסווײַזן זײַן גאַנצע געדולדיקייט, פֿאַר אַ בּײַשפּיל פֿאַר די, וואָס
וועלן שפּעטער גלויבּן אין אים צום אייבּיקן לעבּן. 17 און דעם אייבּיקן
מֶלך, דעם אומשטאַרבּלעכן, אומזיכטבּאַרן, דעם איינציקן גאָט, זאָל
זײַן כָּבוד און הערלעכקייט לעולמֵי עולמים. אָמֵן.
18 דאָס דאָזיקע געבּאָט גיבּ איך איבּער דיר, מײַן זון טימאָטעאוס,
לויט די נבואות, וואָס גייען אויף דיר, כּדי דורך זיי זאָלסטו קעמפֿן
דעם גוטן קאַמף, 19 צו האַלטן די אֱמוּנה אין אַ גוט געוויסן, וואָס
אייניקע האָבּן פֿאַרשטויסן פֿון זיך און געליטן שיפֿבּראָך בּנוֹגֵעַ דער
אֱמוּנה; 20 צו זיי געהערט הימענעאוס און אַלֶקסַנדֶר, וועמען איך האָבּ
איבּערגעענטפֿערט דעם שָׂטָן, כּדי זיי זאָלן לערנען ניט צו לעסטערן.
ב איך ראָט דעריבּער קודם־כָּל, אַז תּפֿילות, תּחנונים, בַּקָשות, און
דאַנקלויבּ, זאָלן געטאָן ווערן פֿאַר אַלע מענטשן, 2 פֿאַר מלָכים און
אַלע, וואָס זענען דערהויבּן, כּדי מיר זאָלן קענען פֿירן אַ רויִק און
שטיל לעבּן אין יעדער פֿרומקייט און ערלעכקייט. 3 דאָס איז גוט און
אָנגענומען פֿאַר גאָט, אונדזער גוֹאֵל, 4 וואָס וויל, אַז אַלע מענטשן
זאָלן געראַטעוועט ווערן און קומען צו דער דערקענטעניש פֿונעם
אֱמת. 5 וואָרים פֿאַראַן איז איין גאָט, און איין מֵליץ צווישן גאָט און
מענטשן, דער מענטש יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 6 וואָס האָט געגעבּן זײַן נֶפֶש
פֿאַר אַן אויסלייזונג פֿאַר אַלע; אַן עֵדות אין זײַן רעכטער צײַט.
7 צוליבּ דעם בּין איך בּאַשטימט געוואָרן פֿאַר אַן מבַשׂר

אוּן אַ שליח (איך זאָג דעם אֱמת, אוּן ניט קיין שֶקר), אַ מלַמֵד פוּן די
גוֹיים אין אֱמוּנה אוּן אֱמת.
8 דעריבּער וויל איך, אַז די מענער זאָלן מִתפַּלֵל זיין אין יעדן אָרט, אוּן
זאָלן אויפהייבּן הייליקע הענט, אָן צאָרן אוּן מַחלוֹקוֹת. 9 אויף דעם
זעלבּן אוֹפן זאָלן ווייבּער זיך פּוּצן אין בּאַשיידענער קליידוּנג, מיט
שעמעוודיקייט אוּן צנִיעוּת, ניט מיט קיין געפלאָכטענע האָר, אָדער
גאָלד, אָדער פּערל, אָדער טייערע מַלבּוּשים, 10 נייערט מיט מַעשׂים־
טוֹבים, ווי סע פּאַסט פאַר ווייבּער, וואָס פירן זיך אויף פרוּם. 11 זאָל אַ
פרוי לערנען שטילערהייט מיט דער גאַנצער הַכנָעה. 12 איך גיב אָבער
ניט קיין רשוּת אַ פרוי, זי זאָל לערנען, אויך ניט צוּ הערשן איבּער דעם
מאַן, נייערט צוּ זיין שטיל. 13 וואָרים אָדָם איז קוֹדם בּאַשאַפן געוואָרן,
דערנאָך חַוָה. 14 אוּן אָדָם האָט זיך ניט געלאָזט פאַרפירן, נייערט דאָס
ווייבּ איז פאַרפירט געוואָרן, אוּן האָט עוֹבר געווען. 15 זי וועט אָבער
ניצול ווערן דוּרך געבּערן קינדער, אויבּ זיי וועלן בּלייבּן אין אֱמוּנה אוּן
ליבּע אוּן הייליקייט מיט צנִיעוּת.
ג אֱמת איז דאָס וואָרט: אויבּ איינער בּאַגערט דאָס אַמט פוּן אַ מַשגיחַ,
בּאַגערט ער אַ גוּטע זאַך. 2 דער משגיח מוּז דעריבּער זיין אָן אַ פּעלער,
דער מאַן פוּן איין ווייבּ, ניכטער, געלאַסן, אַן עָנָו, אַ מַכניס־אוֹרֵחַ,
פּעאיִק צוּ לערנען. 3 ניט קיין שִיכּור, ניט קיין שלעגער, נייערט איידל,
ניט קריגעריש, ניט קיין ליבּהאָבּער פוּן געלט; 4 איינער, וואָס פירט
גוּט זיין אייגן הויז, וואָס האַלט זיינע קינדער געהאָרכזאַם מיר דער
גאַנצער ערלעכקייט; 5 וואָרים אויבּ איינער פאַרשטייט ניט ווי צוּ פירן
זיין אייגן הויז, וויאַזוי קאָן ער זאָרגן פאַר דער עֵדה פוּן גאָט? 6 ניט
קיין נייער תַּלמיד, טאָמער וועט ער זיך אויפבּלאָזן, אוּן וועט
אַריינפאַלן אין דעם מִשפּט פוּן דעם שָטן. 7 נאָך מער, ער מוּז האָבּן אַ
גוּטן שֵם בּיי די, וואָס זענען אין דרויסן, כּדי ער זאָל ניט אַריינפאַלן
אין קיין חַרפּה אוּן אין דער נעץ פוּן דעם שָטן.
8 אויף דעם זעלבּן אוֹפן דאַרפן געהילפן זיין ערנצט, ניט קיין כּזב־
ושקר, ניט איבּערגעגעבּן צוּ קיין סַך וויין, ניט זשעדנע נאָך מיאוּסן
געווינס; 9 וואָס האַלטן דעם סוֹד פוּן דער אֱמוּנה אין אַ ריינעם
געוויסן. 10 אוּן אויך די דאָזיקע זאָלן קוֹדם אויסגעפּרוּאווט ווערן;
דערנאָך זאָלן זיי דינען ווי געהילפן, אויבּ זיי זענען אָן אַ פּעלער.
11 אויף דעם זעלבּן

אוֹפן דאַרפֿן די ווייבער זיין ערנצט, ניט קיין רכילות־טרייַבערינס,
ניכטער, געטריי אין אַלצדינג. 12 געהילפֿן זאָלן זיין מענער פֿון איין פֿרוי,
און פֿירן גוט זייערע קינדער און זייערע אייגענע הייזער. 13 וואָרים די,
וואָס האָבן גוט געדינט ווי געהילפֿן, געווינען פֿאַר זיך אַ גוטע שטעלונג,
און גרויס מוטיקייט אין דער אֶמונה, וואָס איז אין יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ.
14 די דאָזיקע זאַכן שרייב איך דיר, ווייל איך האָף צו קומען צו דיר
בקָרוב, 15 און אויב איך וועל מיך פֿאַרזאַמען, זאָלסטו וויסן, וויאַזוי מע
זאָל זיך באַנעמען אין דעם הויז פֿון גאָט, וואָס איז די עֵדה פֿון דעם
לעבעדיקן גאָט, דער זייַל און יסוד פֿון דעם אֶמת. 16 בלי־סָפק, גרויס איז
דער סוֹד פֿון דער פֿרומקייט:

עֶר איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין דעם פֿלייש,
גערעכטפֿאַרטיקט אין דעם גייסט,
באַוויזן צו מַלאָכים,
געדרשענט געוואָרן צווישן די גוים,
געגלויבט אין דער וועלט,
אַרויפֿגענומען געוואָרן אין הערלעכקייט.

ד דער גייסט אָבער זאָגט בפֵּירוש, אַז אין די לעצטע צייטן וועלן עטלעכע
אַוועקפֿאַלן פֿון דער אֶמונה, און וועלן שענקען אויפֿמערקזאַמקייט צו
פֿאַרפֿירערישע גייסטער און לערנונגען פֿון שֵׁדים, 2 דורך דער חֲניפה פֿון
מענטשן, וואָס רעדן ליגנס, אויסגעברענט אין זייער אייגן געוויסן ווי מיט
אַ הייס אייזן; 3 זיי אַסֶרן חַתונה צו האָבן און באַפֿעלן זיך צוריקצוהאַלטן
פֿון שפּייזן, וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן, זיי זאָלן אָנגענומען ווערן מיט
דאַנק פֿון די, וואָס גלויבן און פֿאַרשטייען דעם אֶמת. 4 וואָרים יעדע
באַשעפֿעניש פֿון גאָט איז גוט, און קיין זאַך דאַרף ניט פֿאַרוואָרפֿן ווערן,
אויב סע ווערן אָנגענומען מיט דאַנק; 5 וואָרים סע ווערט געהייליקט
דורך דעם וואָרט פֿון גאָט און תּפֿילה.
6 אויב דו וועסט דאָס פֿירלייגן פֿאַר די ברידער, וועסטו זיין אַ גוטער
דינער פֿון יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, גענערט אין די ווערטער פֿון דער אֶמונה און פֿון
דער גוטער לערנונג וואָס דו ביסט נאכגעפֿאָלגט. 7 אָבער פֿאַרמייד
אומווערדיקע מיטאָסן און בָּבא־מַעשׂות. און איב דיך אין פֿרומקייט;
8 וואָרים קערפּערלעכע אויסבילדונג איז פֿון קליינעם נוצן; פֿרומקייט
אָבער איז נוצלעך פֿאַר אַלצדינג, ווייל זי האָט די הַבטָחה פֿון דעם
איצטיקן לעבן, און פֿונדעם, וואָס וועט קומען. 9 אֶמת איז דאָס וואָרט,
און ווערט איז עס מע זאָל עס מקַבל זיין. 10 וואָרים צוליב דעם מִיען מיר
זיך און קעמפֿן, מַחמת מיר האָבן געזעצט אונדזער האָפֿענונג אויף דעם
לעבעדיקן גאָט, וואָס איז דער גואֵל פֿון אַלע מענטשן, בפֿרַט

פֿון די, וואָס גלויבן.
11 די דאָזיקע זאַכן באַפֿעל און לערן. 12 זאָל קיינער ניט פֿאַראַכטן דיין
יוגנטלעכקייט, נייערט זיי אַ בײַשפּיל פֿאַר די, וואָס גלויבן, אין וואָרט,
אין לעבנסשטייגער, אין ליבע, אין אֱמונה, אין לויטערקייט. 13 ביז איך
קום, גיב אַכטונג אויף לייענען, אויף מוסר, אויף לערנען. 14 האַלט ניט
גרינג די מַתָּנה, וואָס איז אין דיר, און וואָס איז דיר געגעבן געוואָרן
דורך נבֿואה און מיט דער סמיכה דורך די זקֵנים. 15 זאָרג דיך פֿאַר די
דאָזיקע זאַכן, און גיב דיך אין גאַנצן איבער צו זיי, כּדי דיין
אַנטוויקלונג זאָל פֿון אַלעמען געזען ווערן. 16 גיב אַכטונג אויף דיר און
אויף דער לערנונג; פֿאַרבלײַב אין די דאָזיקע זאַכן, וואָרים אין טאָן
דאָס, וועסטו מַציל זיין סיי דיך, און סיי די, וואָס הערן דיך.
ה זאָלסט דיך ניט בייזערן אויף אַ זָקן, נייערט זיי אים מַזהיר ווי אַ
פֿאָטער; די ייִנגערע מענטשן ווי ברידער, 2 די עלטערע ווייבער ווי
מוטערס, די ייִנגערע ווי שוועסטער, מיט דער גאַנצער לויטערקייט.
3 גיב אָפּ כָּבוד צו אַלמָנות, וואָס זענען באֱמת אַלמָנות. 4 אויב אָבער אַן
אַלמָנה האָט קינדער, אָדער אייניקלעך, זאָלן זיי רֵאשית לערנען
אַרויסצואווײַזן פֿרומקייט לגַבּי זייער אייגענער מִשפּחה, און צו
פֿאַרגעלטן זייערע עלטערן; וואָרים דאָס איז אָנגענומען פֿאַר גאָט.
5 און די, וואָס איז אַן אֱמתע אַלמָנה, און איז איינזאַם, האָט געזעצט
איר האָפֿענונג אויף גאָט, און האַלט אין איין בעטן און תּפֿילה טאָן
טאָג און נאַכט. 6 די אָבער, וואָס גיט זיך איבער צו תּענוגים, איז
לעבעדיק טויט. 7 און דאָס זאָלסטו באַפֿעלן, כּדי זיי זאָלן זיין אָן אַ
פֿעלער. 8 אויב אָבער עמיצער זאָרגט ניט פֿאַר זיינע קרובֿים, און בִּפֿרַט
פֿאַר זיין אייגן הויזגעזינד, האָט ער פֿאַרלייקנט די אֱמונה, און איז
ערגער ווי אַן אומגלויביקער.
9 אַן אַלמָנה זאָל מען פֿאַרצייכענען יענע, וואָס איז ניט ווינציקער פֿון
זעכציק יאָר אַלט, און וואָס איז געווען דאָס ווייב פֿון איין מאַן,
10 וואָס האָט אַ שֵם פֿאַר מַעשׂים־טובֿים, וואָס האָט מגַדל געווען
קינדער, האָט אויפֿגענומען אורחים, האָט געוואַשן די פֿיס פֿון די
הייליקע, האָט געהאָלפֿן די געליטענע, און האָט זיך עוסק געווען אין
מַעשׂים־טובֿים. 11 ייִנגערע אַלמָנות אָבער זאָלסטו אָפּזאָגן; וואָרים בעת
זיי ווערן פֿאַרשײַט קעגן

מָשִׁיחַן, באַגערן זיי חֲתוּנה צו האָבן, 12 און ווערן פאַרמִשפּט, מַחמת
זיי האָבן פאַרוואָרפן זייער ערשטע הִתחײַבות. 13 דערבײַ לערנען זיי זיך
אויך צו זײַן פויל, בעת זיי גייען אַרום פון הויז צו הויז; און ניט נאָר
פויל, נייערט אויך פּלאַפּלערינס און קאָכלעפל, און רעדן וואָס מע
טאָר ניט. 14 איך וויל דעריבער, אַז די ייִנגערע אַלמָנות זאָלן חֲתוּנה
האָבן, האָבן קינדער, פירן די באַלעבאַטישקייט, און ניט געבן קיין
געלעגנהייט דעם שׂונא אויף צו לעסטערן; 15 וואָרים עטלעכע האָבן
שוין לאַנג אָפּגעקערט נאָך דעם שָׂטן. 16 אויב אַן אִשה, וואָס
גלויבט,האָט אַלמָנות, זאָל זי זיי שטיצן, און זאָל די קהִילה ניט ווערן
באַשווערט, כּדי זי זאָל קאָנען שטיצן די וואָס זענען באֱמת אַלמָנות.
17 די זקֵנים, וואָס פירן גוט, זאָלן געהאַלטן ווערן פאַר רָאוי פון
טאָפּלטן כָּבוד, בִּפרַט יענע, וואָס מִיִען זיך אין דעם וואָרט פון גאָט און
אין לערנונג. 18 וואָרים דער פָּסוק זאָגט:
זאָלסט ניט פאַרבינדן אַן אָקס דאָס מויל, בעת ער דרעשט.[1]
און: דער אַרבעטער איז ווערט זײַן לוין. 19 נעם ניט אָן קיין
באַשולדיקונג קעגן אַן עלטסטן, סײַדן לויט צוויי, אָדער דרײַ עֵדות.
20 די, וואָס זינדיקן, שטראָף עפנטלעך, כּדי די איבעריקע זאָלן אויך
מורא האָבן. 21 איך באַפעל דיר פאַר גאָט און יֵשוּעַ הַמָשִיחַ און די
אויסדערוויילטע מַלאָכים, אַז דו זאָלסט אָפּהיטן די דאָזיקע זאַכן אָן
פאָראורטייל, און גאָרניט טאָן דורך פּאַרטײיִלעכקייט. 22 גיב קיינעם ניט
אײַליק די סמִכַת־ידים, און האָב אויך ניט קיין חֵלֶק אין אַנדערע
מענטשנס זינד; האַלט דיך ריין. 23 טרינק ניט מער קיין וואַסער,
נייערט נוץ אַביסל ווײַן פון דײַן מאָגן־וועגן און דײַנע אָפטע
שלאַפקייטן.
24 די זינד פון עטלעכע מענטשן זענען קלאָר אַנטפּלעקט, און גייען
פאָרויס צום מִשפּט, אָבער עטלעכע מענטשן פאָלגן זיי נאָך. 25 אַזוי
אויך זענען די מַעשׂים־טובים קלאָר אַנטפּלעקט, און אַזוינע, וואָס
זענען אַנדערש, קענען ניט פאַרבאָרגן ווערן.
ו אַלע, וואָס זענען קנעכט אונטער דעם יאָך, זאָלן האַלטן זייערע
אייגענע האַרן פאַר רָאוי פון יעדן כָּבוד, כּדי דער נאָמען פון גאָט און
די לערנונג זאָלן ניט געלעסטערט ווערן.

[1] דברים כה, 4.

2 און די, וואָס האָבן האַרן מַאמינים, זאָלן זיי ניט פאַראַכטן, מַחמת זיי
זענען ברידער, נייערט לאָזן זיי דינען זיי נאָך בעסער, מַחמת די, וואָס
נעמען טייל פון דעם געווינס, זענען גלויביק און באַליבט. דאָס דאָזיקע
זאָלסטו לערנען און ראָטן.
3 אויב עמיצער טוט לערנען אַן אַנדערע לערנונג, און איז ניט מַסכּים
צו די געזונטע רייד פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און צו דער
לערנונג, וואָס איז לויט דער פרומקייט, 4 איז ער אויפגעבלאָזן און
ווייסט גאָרניט, נייערט מאַכט זיך נאַריש מיט שַאלות און סִיכסוכים פון
רייד, פון וועלכע סע קומען אַרויס קִנאה, מַחלוקות, לעסטערונגען,
בייזע חשַדים, 5 וויכּוחים פון מענטשן, וואָס זענען פאַרדאָרבן אין
פאַרשטאַנד און באַרויבט פון דעם אֶמת, וואָס מיינען, אַז פרומקייט
איז אַ מיטל פאַר געווינס. 6 פרומקייט מיט צופרידנקייט איז טאַקע אַ
גרויס געווינס; 7 וואָרים מיר האָבן גאָרניט אַרייַנגעבראַכט אין דער
וועלט, און מיר קענען אויך גאָרניט אַרויסטראָגן; 8 האָבן מיר אָבער
שפּייַז און אַ צודעק, דאַרפן מיר זיין מיט דעם צופרידן. 9 די אָבער,
וואָס זענען גענייגט צו זיין רייך, פאַלן אַריין אין אַ נסָיון און אין אַ
נעץ און אין אַ סַך נאַרישע און שעדלעכע תַאוות, אַזעלכע, וואָס
דערטרינקען מענטשן אין צעשטערונג און פאַרדאַרבעניש. 10 וואָרים די
ליבע צו געלט איז דער שורֶש פון אַלע מִינים שלעכטס, און יאָגנדיק
זיך דערנאָך, זענען עטלעכע אַראָפּגעפירט געוואָרן פון דער אֶמונה,
און האָבן זיך דורכגעשטאָכן מיט אַ סַך ווייטיקן.
11 דו אָבער, אָ מענטש פון גאָט, אַנטרין פון די דאָזיקע זאַכן; און גיי
נאָך רעכטפאַרטיקייט, פרומקייט, אֶמונה, ליבע, סַבלָנות, עַנִיוות.
12 קעמף דעם גוטן קאַמף פון דער אֶמונה, כאַפּ דיך אָן אין דעם
אייביקן לעבן, צו וועלכן דו ביסט באַרופן געוואָרן, און האָסט
אָפּגעלייגט אַ גוט עֵדות פאַר אַ סַך עֵדות. 13 איך באַפעל דיר פאַר גאָט,
וואָס גיט לעבן צו אַלצדינג, און פאַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס האָט פאַר
פּאָנטיִוס פּילאַטוס אָפּגעלייגט אַ גוט עֵדות, 14 אַז דו זאָלסט אָפּהיטן
די מִצוָה, אָן אַ פלעק, און אָן אַ פעלער, ביז דער דערשיינונג פון
אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 15 וואָס וועט באַווייַזן אין זיין אייגענער
צייט ווער ס'איז דער געבענטשטער און איינציקער געוועלטיקער,
דער מֶלך הַמלָכים, און אַדון האַדונים, 16 וואָס נאָר ער אַליין האָט
אומשטאַרבלעכקייט,

אוּן וואוינט אין ליכט, וואָס קיינער קאָן דערצוּ ניט צוּקוּמען, וועמען
קיין מענטש האָט ניט געזען און קאָן ניט זען; אים געהערט דער כָּבוד
אוּן די גבוּרה לעוֹלָם וָאֶד. אָמֵן.
17 די רייכע פוּן דער היינטיקער וועלט זאָלסטוּ בּאַפעלן, אַז זיי זאָלן
ניט זיין גַדלָנים, אוּן אויך ניט שטעלן זייער האָפענוּנג אויף דער
אוּמזיכערקייט פוּן עַשִירות, נייערט אויף גאָט, וואָס גיט אוּנדז אַלץ
דַי־והוֹתר צוּם געניסן; 18 אַז זיי זאָלן טאָן גוּטס, אוּן זיין רייך אין
מַעשים־טוֹבים, גרייט מנַדב צוּ זיין אוּן מיטצוּהעלפן, 19 אוּן זיך
אָנזאַמלען אַ גוּטן יסוֹד לעָתיד לָבוֹא, כּדי זיי זאָלן זיך דערלאנגען דאָס
אֶמֶתדיקן לעבּן.
20 אָ טימאָטעאוּס, היט אָפּ דאָס, וואָס איז דיר איבּערגעענטפערט
געוואָרן, אוּן ווייַך אויס אוּמווערדיקע פלאַפּלערייַען אוּן סִיכסוּכים פוּן
דעם, וואָס ווערט בּדֶרֶך טָעוּת אָנגערוּפן חָכמה, 21 וואָס עטלעכע, וואָס
גיבּן זיך אָפּ מיט דעם, האָבּן געמאַכט אַ טָעוּת בּנוֹגֵע דער אֶמוּנה.
דער חֶסֶד זאָל זיין מיט אייך.

דער צווייטער בּריוו צוּ טימאָטעאוּסן

א פּאָולוּס אַ שלִיח פוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דוּרך דעם רָצוֹן פוּן גאָט, לויט
דער הַבטָחה פוּן דעם לעבּן, וואָס איז אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 2 צוּ
טימאָטעאוּסן, מיין געליבּטן זוּן: חֶסֶד, רַחמים, שָלום פוּן גאָט, דעם
פאָטער, אוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אוּנדזער האַר.
3 איך דאַנק גאָט, וועמען איך דין פוּן מיינע אָבות אָן אין אַ ריין
געוויסן, ווי אָן אויפהער געדענק איך דיך אין מיינע תּפִילות. טאָג אוּן
נאַכט 4 בּענק איך דיך צוּ זען, בּעת איך דערמאָן מיך אין דיינע טרערן,
כּדי איך זאָל ווערן פוּל מיט שִׂמחה. 5 בּעת איך דערמאָן מיך אין דיין
אויפריכטיקער אֶמוּנה, וואָס האָט פריער געוואוינט אין דיין בּאָבּע
לוֹאִיס אוּן אין דיין מאַמע עוּניקע, אוּן איך בּין זיכער, אויך אין דיר.
6 צוּליבּ דעם דערמאָן איך דיך, אַז דוּ זאָלסט דערוועקן די מַתָּנה פוּן
גאָט, וואָס איז אין דיר דוּרך דער סמיכה פוּן מיינע הענט. 7 וואָרים
גאָט האָט אוּנדז ניט געגעבּן קיין גייסט פוּן פַּחד, נייערט פוּן גבוּרה
אוּן ליבּע אוּן שליטה איבּער זיך אליין.
8 דעריבּער שעם דיך ניט פוּנוועגן דעם עֵדוּת פוּן אוּנדזער האַר, אויך
ניט מיט מיר, זיין געפאַנגענעם; נייערט לייד שוועריקייט פאַר דער
בּשׂוּרה טוֹבה לויט דער גבוּרה פוּן גאָט, 9 וואָס האָט אוּנדז מַציל
געווען, אוּן האָט אוּנדז בּאַרוּפן מיט אַ הייליקער בּאַרוּפוּנג, ניט לויט
אוּנדזערע מַעשׂים נאָך, נייערט לויט זיין אייגענער דֵעה אוּן חֶסֶד, וואָס
איז אוּנדז געגעבּן געוואָרן אין יֵשוּעַ הַמָשִיחַ מִקֶדֶם מִימֵי עוֹלָם,[1] 10 אוּן
איז איצט אַנטפּלעקט געוואָרן דוּרך דער דערשיינוּנג פוּן אוּנדזער גוֹאֵל
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס האָט אָפּגעשאַפט דעם טויט, אוּן האָט געבּראַכט

[1] מִיכָה ה, 2.

לעבן און אומשטאַרבלעכקייט צום ליכט דורך דער בשׂורה טובֿה,
11 וואָס צו איר בין איך באַשטימט געוואָרן פֿאַר אַ מבֿשׂר און אַ שליח
און אַ מלמד. 12 צוליבֿ דעם לייד איך אויך די דאָזיקע זאַכן; דאָך איך
שעם מיך ניט. וואָרים איך קען אים, וועמען איך האָבֿ געגלויבט, און
איך בין זיכער, אַז ער איז בכּוֹלת אָפּצוהיטן דעם פּקדון, וואָס איך
האָבֿ אים איבערגעענטפֿערט פֿאַר יענעם טאָג. 13 האַלט דעם ביישפּיל
פֿון געזונטע רייד, וואָס דו האָסט פֿון מיר געהערט, אין אמונה און
ליבע, וואָס איז אין ישוע המשיח. 14 זאָלסט אָפּהיטן דעם פּקדון, וואָס
איז דיר איבערגעענטפֿערט געוואָרן, דורך דעם רוח־הקודש, וואָס
וואוינט אין אונדז.
15 דאָס ווייסטו, אַז אַלע, וואָס זענען אין אַזיע, האָבן זיך אָפּגעקערט
פֿון מיר; צו זיי געהערן פֿיגעלוס און הערמאָגענעס. 16 דער האַר זאָל
זיך דערבאַרעמען אויף דעם הויז פֿון אָנעסיפֿאָרוס, וואָרים ער האָט
מיך אָפֿט דערקוויקט, און האָט זיך ניט געשעמט מיט מיינע קייטן,
17 נייערט בעת ער איז געקומען קיין רוים, האָט ער מיך פֿלייסיק
געזוכט, און האָט מיך געפֿונען, – 18 דער האַר זאָל אים געבן צו
געפֿינען רחמים ביי גאָט אין יענעם טאָג, – און אין וויפֿל זאַכן ער
האָט מיר געדינט אין עפֿעזוס, ווייסטו זייער גוט.
ב בכן, דו מיין זון, ווער געשטאַרקט דורך דעם חסד, וואָס איז אין
ישוע המשיח. 2 און די זאַכן, וואָס דו האָסט געהערט פֿון מיר צווישן
עדות אַ סך, ענטפֿער איבער צו געטרייע מענטשן, וואָס וועלן זיין
בכּוֹלת אויך אַנדערע צו לערנען. 3 דערטראָג שוועריקייט מיט מיר, ווי
אַ גוטער זעלנער פֿון ישוע המשיח. 4 קיין שום זעלנער אויף דינסט
פֿאַרפּלאָנטערט זיך ניט אין די עסקים פֿון דעם לעבן, כּדי ער זאָל
וואוילגעפֿעלן ווערן דעם, וואָס האָט אים פֿאַרשריבן פֿאַר אַ זעלנער.
5 און אויבֿ עמיצער קעמפֿט אויך ווי אַן אַטלעט, ווערט ער ניט
געקריינט, סיידן ער האָט געקעמפֿט לויט דעם דין. 6 דער אַקערער,
וואָס טוט זיך מיען, דאַרף זיין דער ערשטער צו געניסן פֿון די פּירות.
7 פֿאַרשטיי וואָס איך זאָג; וואָרים דער האַר וועט דיר געבן
פֿאַרשטענדעניש אין אַלצדינג.
8 געדענק ישוע המשיח, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים, פֿון
דעם זאָמען פֿון דוד, לויט מיין בשׂורה טובֿה, 9 וואָס צוליבֿ איר
לייד איך צרות ביז קייטן, ווי אַ פֿאַרברעכער; אָבער דאָס וואָרט
פֿון גאָט איז ניט געבונדן. 10 דעריבער דערטראָג איך אַלצדינג פֿונוועגן
די אויסדערוויילטע, כּדי אויך זיי זאָלן דערגרייכן די ישועה, וואָס איז
אין ישוע

הַמָשִׁיחַ, מיט אייביקער הערלעכקייט. 11 אֶמת איז דאָס וואָרט: אויב
מיר זענען געשטאָרבן מיט אים, וועלן מיר אויך לעבן מיט אים.
12 אויב מיר דערטראָגן, וועלן מיר אויך הערשן מיט אים; אויב מיר
וועלן אים פֿאַרלייקענען, וועט ער אויך אונדז פֿאַרלייקענען; 13 אויב
מיר זענען ניט געטריי, פֿאַרבלײַבט ער דאָך געטריי; וואָרים ער קען
זיך אַליין ניט פֿאַרלייקענען.
14 דערמאָן זיי וועגן די דאָזיקע זאַכן, און באַפֿעל זיי פֿאַר גאָט, אַז זיי
זאָלן זיך ניט צאַנקען איבער רייד, וואָס נוצן אויף גאָרניט, נאָר
פֿאַרדאַרבן די, וואָס הערן. 15 באַמִי דיך צו שטעלן זיך פֿאַר גאָט, ווי
אַן אויסגעפּרוּווטער אַרבעטער, וואָס דאַרף זיך ניט שעמען, און וואָס
באַגייט זיך רעכט מיט דעם וואָרט פֿון אֶמת. 16 ווײַך אָבער אויס
אומווערדיקע פּלאַפּלערײַען; וואָרים זיי פֿאַרמערן ווייטער דאָס
רִשעות, 17 און זייער וואָרט וועט עסן, ווי סע טוט אַ קאַלטער־בראַנד.
צו זיי געהערט הימענעאוס און פֿילעטוס, 18 וואָס האָבן אָפּגעקערט
פֿון דעם אֶמת, ווייל זיי זאָגן, אַז תּחִיַת־הַמֵתים איז שוין געווען, און
צעשטערן די אֶמונה פֿון עטלעכע. 19 דאָך דער שטאַרקער יסוד
פֿון גאָט באַשטייט, און האָט דעם דאָזיקן חוֹתם: גאָט קען די,
וואָס געהערן אים; און: זאָל יעדער איינער, וואָס רופֿט אָן דעם
שֵם־הַמפוֹרָש, אָפּקערן פֿון אומרעכט.
20 אין אַ גרויס הויז זענען פֿאַראַן ניט נאָר כֵּלים פֿון גאָלד און פֿון
זילבער, נייערט אויך פֿון האָלץ און פֿון ערד; און טייל צום כָּבוד, און
טייל צום אומכָּבוד. 21 דעריבער, אויב עמיצער לײַטערט זיך פֿון די
דאָזיקע, וועט ער זיין אַ כֵּלי צום כָּבוד, געהייליקט, פּאַסיק פֿאַר דעם
האַרס נוצן, אָנגעגרייט צו אַלערליי מעשים טובים. 22 אַנטרין אָבער
פֿון יוגנט־תַּאוות, און יאָג נאָך רעכטפֿאַרטיקייט, אֶמונה, ליבע, שָלום
מיט די, וואָס רופֿן אָן דעם האַר פֿון אַ ריין האַרץ. 23 ווײַך אָבער אויס
נאַרישע און אומווִיסנדיקע קַשיות, ווייל דו ווייסט, אַז זיי ברענגען
מחלוקת. 24 און דעם האַרס קנעכט דאַרף זיך ניט קריגן, נייערט זיין
פֿרײַנטלעך צו אַלעמען, פֿעאִיק צו לערנען, געדולדיק, 25 און אין
עַנִיוות אויסבעסערן די ווידערשפּעניקע. אֶפשר וועט גאָט באַוויליקן,
אַז זיי זאָלן

חַרָטה קריגן, און דערקענען דעם אֶמת, 26 און זיי וועלן אַנטרינען פון
דער נעץ פון דעם שָׂטן, נאָכדעם ווי זיי זענען דורך אים גענומען
געוואָרן געפאַנגען פאַר זיין רָצון.
ג און דאָס זאָלסטו וויסן, אַז אין די לעצטע טעג וועלן קומען
שווערע צייטן. 2 וואָרים מענטשן וועלן זיין ליבהאָבערס פון זיך
אַליין, ליבהאָבערס פון געלט, באַרימערס, בַּעלי־גאַווה, לעסטערערס,
ווידערשפעניק קעגן עלטערן, אומדאַנקבאַר, אומהייליק,
3 אוממענטשלעך, אומפאַרגעבלעך, רכִילות־טרייַבער, זוללִים,
אַכזָרִיותדיק, שׂונאים פון גוטס, 4 מוסרים, עַקשָנים, אויפגעבלאָזן,
ליבהאָבערס פון תַּענוג מער ווי ליבהאָבערס פון גאָט, 5 וואָס האָבן אַן
אויסזען פון פרומקייט, בעת זיי פאַרלייקענען די קראַפט פון איר. אויך
פון די דאָזיקע קער דיך אָפּ. 6 וואָרים צו די דאָזיקע געהערן די, וואָס
פויזען אַריין אין הייזער, און נעמען געפאַנגען נאַרישע ווייבער,
באַלאָדן מיט זינד, פאַרפירט פון אַלערליי תַּאוות, 7 וואָס תָּמיד לערנען
זיי, און קענען קיינמאָל ניט קומען צום וויסן פון דעם אֶמת. 8 און
פונקט ווי יַנֵיס און יַמבּרֵיס האָבן זיך קעגנגעשטעלט משהן, אַזוי טוען
זיי זיך אויך קעגנשטעלן דעם אֶמת; מענטשן, וואָס זענען פאַרדאָרבן
אין פאַרשטאַנד, און פאַרוואָרפן בנוגע דער אֱמונה. 9 זיי וועלן אָבער
ווייטער ניט קומען; וואָרים זייער נאַרישקייט וועט זיין אָפן פאַר
אַלעמען, אַזוי ווי עס איז אויך געווען מיט יענע.
10 דו אָבער האָסט נאָכגעפאָלגט מיין לערנונג, פירונג, דֵעה, אֱמונה,
געדולדיקייט, ליבע, סַבלָנות, 11 רדִיפות,ליידן, וואָס זענען מיך
באַפאַלן אין אַנטיאָכיע, אין איקאָניע, אין ליסטראַ; וואָסערע רדִיפות
איך האָב איבערגעטראָגן; און פון זיי אַלע האָט מיך דער האַר מַציל
געווען. 12 יאָ, און אַלע, וואָס ווילן לעבן פרום אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ,
וועלן געראָדפט ווערן. 13 אָבער רשָעים און שַקרָנים וועלן ווערן ערגער
און ערגער, וועלן נאַרן און גענאַרט ווערן. 14 דו אָבער פאַרבלייב אין
דעם, וואָס דו האָסט געלערנט און ביסט איבערצייגט געוואָרן, ווייל דו
ווייסט פון וועמען דו האָסט עס געלערנט, 15 און ווייל פון קינדווייז אָן
האָסטו געקענט די כּתבֵי־הַקודֶש, וואָס קענען דיך מאַכן קלוג פאַר דער
ישועה דורך אֱמונה, וואָס איז אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ. 16 אַלע כּתבֵי־הַקודֶש
זענען אינספירירט פון גאָטס גייסט, און זענען אויך נוצלעך

צום לערנען, צום שטראָפֿן, צום אויסבעסערן, צום מַדריך זײַן אין
רעכטפֿאַרטיקייט, 17 כּדי דער מענטש פֿון גאָט זאָל זײַן שלֵימותדיק, און
גרייט פֿאַר אַלערליי מעשׂים טובֿים.
ד איך באַפֿעל דיר פֿאַר גאָט און פֿאַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס וועט מִשפּטן
די לעבעדיקע און די טויטע, און דורך זײַן אַנטפּלעקונג און זײַן
מלוכה: 2 פּראָקלאַמיר דאָס וואָרט, זײַ געאײַלט אין צײַט, און אויסער
דער צײַט, רעד איבער, שטראָף, זײַ מַזהיר, מיט געדולדיקייט און
לערנונג. 3 וואָרים סע וועט קומען די צײַט, ווען זיי וועלן ניט
פֿאַרטראָגן די געזונטע לערנונג, און ווײַל זיי האָבן קיצלדיקע אויערן,
וועלן זיי זיך אָנקלײַבן לערערס לויט זייערע אייגענע תּאווֹת, 4 און זיי
וועלן אָפּנייגן זייערע אויערן פֿון דעם אֶמת, און זיך קערן צו בָּבא־
מַעשׂוֹת. 5 דו אָבער זײַ ניכטער אין אַלצדינג, לייד צָרות, טו די אַרבעט
פֿון אַ מְבַשֵׂר, זײַ מְמַלא דײַן עֲבוֹדה.
6 וואָרים איך בין שוין געבראַכט פֿאַר אַ קָרבן, און די צײַט פֿון מײַן
אַוועקגיין גענעענט. 7 איך האָב געקעמפּט דעם גוטן קאַמף, איך האָב
פֿאַרענדיקט מײַן וועטלויף, איך האָב געהיט די אֶמונה. 8 פֿון איצט אָן
איז אָנגעגרייט פֿאַר מיר די קרוין פֿון גערעכטיקייט, וואָס דער האַר,
דער רעכטפֿאַרטיקער שופֿט, וועט מיר געבן אין יענעם טאָג; און ניט
נאָר מיר אַליין, נייערט אויך די אַלע, וואָס האָבן ליב געהאַט זײַן
אַנטפּלעקונג.
9 אײַל דיך צו קומען אין גיכן צו מיר; 10 וואָרים דעמאַס האָט מיך
פֿאַרלאָזן, ווײַל ער האָט ליב געהאַט דעם עולם־הַזה, און איז
אַוועקגעגאַנגען קיין טעסאַלאָניקע, קרעסצענס קיין גאַלאַטיע, טיטוס
קיין דאַלמאַציע. 11 נאָר לוקאָס אַליין איז מיט מיר. נעם מאַרקוסן און
ברענג אים מיט מיט דיר; וואָרים ער איז מיר נוצלעך פֿאַר דער עֲבוֹדה.
12 טיכיקוסן אָבער האָב איך געשיקט קיין עפעזוס. 13 בעת דו וועסט
קומען, זאָלסטו ברענגען דעם מאַנטל, וואָס איך האָב געלאָזן אין
טראָאַס בײַ קאַרפּוסן, אויך די ספרים, און בפרט די פּאַרמעטן.
14 אַלֶקסנדר, דער קופּערשמיד, האָט מיר אַ סך שלעכטס געטאָן; גאָט
וועט אים פֿאַרגעלטן לויט זײַנע מַעשׂים. 15 פֿאַר אים טו אויך דו דיך
היטן, וואָרים ער האָט זיך שטאַרק אַקעגנגעשטעלט אונדזערע רייד.
16 בײַ מײַן ערשטער פֿאַרטיידיקונג האָט קיינער ניט גענומען מײַן צַד,
נייערט אַלע

האָבן מיך פאַרלאָזן. זאָל דאָס ניט פאַררעכנט ווערן אויף זייער
רעכענונג! 17 אָבער דער האַר האָט מיר געהאָלפן, און האָט מיך
געשטאַרקט, כּדי דורך מיר זאָל די בשׂורה טובֿה אינגאַנצן אָנגעזאָגט
ווערן, און אַלע פעלקער זאָלן זי הערן; און איך בין ניצול געוואָרן פון
דעם לייבס מויל. 18 דער האַר וועט מיך מַציל זיין פון יעדן בייזן
ווערק, און וועט מיר פאַרהעלפן צו זיין הימלישער מלוכה; פאַר אים
זאָל זיין כָּבוד לעולם וָעֶד. אָמֵן.
19 גריס פּריסקאַ און עַקִילַס, און דעם הויזגעזינד פון אָנעסיפאָרוס.
20 עראַסטוס איז פאַרבליבן אין קאָרינט, און טראָפימוסן האָב איך
איבערגעלאָזן קראַנק אין מילעטוס. 21 אייל דיך צו קומען פאַר
ווינטער. עובּולוס גריסט דיך, און פּודענס און לינוס און קלאָודיע, און
אַלע ברידער.
22 דער האַר זאָל זיין מיט דיין גייסט. חֶסֶד זאָל זיין מיט אייך.

דער בּריוו צוּ טיטוּסן

א פּאָולוּס, אַ קנעכט פוּן גאָט, אוּן אַ שליח פוּן יֵשוּעַ הַמָשיחַ, לויט
דער אֶמוּנה פוּן גאָטס אויסדערוויילטע, אוּן דער דערקענטעניש פוּן
דעם אֶמת, וואָס איז לויט דער פרוּמקייט, 2 אין האָפענוּנג אויף אייבּיקן
לעבּן, וואָס גאָט, וואָס קאָן ניט זאָגן קיין ליגן, האָט מַבטיחַ געווען
מִקֶדֶם מִימֵי עוֹלם,[1] 3 אוּן האָט אַנטפּלעקט אין זיין אייגענער צייט זיין
וואָרט אין דער שליחוּת, מיט וואָס איך בּין אָנפאַרטרויט געוואָרן לויט
דעם געבּאָט פוּן גאָט, אוּנדזער גוֹאֵל; 4 צוּ טיטוּסן, מיין אֶמֶתדיק קינד
לויט דער בּשוּתּפוּתדיקער אֶמוּנה; חֶסֶד אוּן שָלום פוּן גאָט, דעם
פאָטער, אוּן יֵשוּעַ הַמָשיחַ, אוּנדזער גוֹאֵל.
5 צוּליבּ דעם האָבּ איך דיך געלאָזן אין קרעטאַ, כּדי דוּ זאָלסט
איינשטעלן אין אַ סֵדר די זאַכן, וואָס האָבּן געפעלט, אוּן בּאַשטימען
זקֵנים אין יעדער שטאָט, ווי איך האָבּ דיר געבּאָטן: 6 אויבּ איינער איז
אָן אַ פעלער, דער מאַן פוּן איין ווייבּ, אוּן האָט קינדער מַאמינים, וואָס
ווערן ניט בּאַשוּלדיקט אין צעלאָזנקייט, אָדער ווידערשפּעניקייט.
7 וואָרים דער מַשגיחַ מוּז זיין אָן אַ פעלער, ווי גאָטס פאַרוואַלטער;
ניט קיין עַקשן, ניט קיין רַגזן, ניט קיין שיכּור, ניט קיין שלעגער, ניט
זשעדנע נאָך מיאוּסן פאַרדינסט, 8 נייערט אַ מַכניס־אוֹרַח, אַ ליבּהאָבּער
פוּן גוּטס, ניכטער, אַ צדיק, הייליק, איינגעהאַלטן, 9 וואָס האַלט זיך
אין דעם בּאַגלויבּטן וואָרט, וואָס איז לויט דער לערנוּנג, כּדי ער זאָל
קענען מַזהיר זיין אין דער געזוּנטער לערנוּנג, אוּן אויך צוּ שטראָפן
די ווידערשפּעניקע.
10 וואָרים סע זענען פאַראַן אַ סַך ווידערשפּעניקע, פּוּסטע פּלאַפּלערס
אוּן שַקרָנים, בּפרַט די פוּן די געמַלטע, 11 ווּעמעס מויל מוּז
פאַרשטאָפּט

[1] מיכה ה, 1.

ווערן, ווייל זיי קערן איבּער גאַנצע הייזער, אוּן לערנען ניט נייטיקע
זאַכן, פוּנוועגן מיאוּסן פאַרדינסט. 12 איינער פוּן זיי, אַ נָביא פוּן זייערע
אייגענע, האָט געזאָגט:

קרעטער זענען תָּמיד ליגנערס, בייזע חַיות, פוילע פרעסערס.

13 דאָס דאָזיקע באַצייגעניש איז אֶמת. צוּליבּ דער סִיבּה שטראָף זיי
שאַרף, כּדי זיי זאָלן זיין געזוּנט אין דער אֶמוּנה, 14 אוּן זאָלן ניט
שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט צוּ ייִדישע בָּבא־מַעשׂוֹת, אוּן מִצוות
פוּן מענטשן, וואָס קערן אָפּ פוּן דעם אֶמת. 15 פאַר די ריינע איז
אַלצדינג ריין. פאַר די אָבּער, וואָס זענען טָמא אוּן אוּמגלויבּיק, איז
גאָרניט ריין; נייערט זייער פאַרשטאַנד אוּן געוויסן זענען טָמא. 16 זיי
זאָגן, אַז זיי קענען גאָט, דוּרך זייערע מַעשׂים אָבּער פאַרלייקענען זיי
אים, ווייל זיי זענען אוּמווערדיק, אוּן ווידערשפּעניק, אוּן פאַר יעדן
גוּטן ווערק אוּמטויגלעך.

ב דוּ אָבּער רעד דאָס, וואָס עס פּאַסט זיך פאַר דער געזוּנטער לערנוּנג:
2 אַז זקֵנים זאָלן זיין ניכטער, ערנצט, שֵׂכֶלדיק, געזוּנט אין אֶמוּנה, אין
ליבּע, אין סַבלָנוּת; 3 אַז זקֵנות זאָלן אויך זיין בּכָבוֹדיק אין אויפפירוּנג,
ניט קיין רכִילוּת־טרייַבּערינס, ניט פאַרשקלאַפט צוּ קיין סַך ויין,
לערערינס פוּן דעם, וואָס איז גוּט, 4 כּדי זיי זאָלן דערציִען די
יוּנגע ווייבּער ליבּ צוּ האָבּן זייערע מאַנען אוּן זייערע קינדער, 5 צוּ
זיין צנִיעוּתדיק, ריין פירן די באַלעבּאַטישקייט, זיין פריינטלעך,
אוּנטערטעניק זייערע אייגענע מאַנען, כּדי דאָס וואָרט פוּן גאָט זאָל
ניט געלעסטערט ווערן. 6 די ייִנגערע מענער זיי אויך אַזוי מַזהיר צוּ
זיין איינגעהאַלטן. 7 אין אַלצדינג ווייז דיך אַליין פאַר אַ בּייַשפּיל פוּן
מַעשׂים־טוֹבים; ווייז אין דיין לערנוּנג אוּמפאַרדאָרבּנקייט, ערנצטקייט,
8 געזוּנטע רייד, וואָס קענען ניט ווערן פאַרמִשפּט, כּדי דער, וואָס איז
פוּן קעגן צַד, זאָל פאַרשעמט ווערן, ווייל ער האָט ניט קיין שוּם
שלעכטס צוּ זאָגן פוּנוועגן אוּנדז. 9 זיי מַזהיר קנעכט צוּ זיין
אוּנטערטעניק זייערע אייגענע האַרן, אוּן צוּ זיין פאַר זיי וואוילגעפעלן
אין אַלצדינג; ניט

ווידערשפעניק, 10 ניט גַנבענען, נייערט צו ווייזן יעדע גוטע
געטריישאַפט, כּדי זיי זאָלן באַשיינען די לערנונג פון גאָט, אונדזער
גואֵל, אין אַלצדינג.
11 וואָרים דער חֶסֶד פון גאָט האָט זיך באַוויזן פאַר אַ ישועה פון
אַלע מענטשן, 12 און לערנט אונדז, אַז מיר זאָלן פאַרלייקענען דאָס
רִשעות און די וועלטלעכע תּאוות, און לעבן איינגעהאַלטן און
רעכטפאַרטיק און פרום אין דער וועלט, 13 און וואַרטן אויף דער
געבענטשטער האָפענונג און אַנטפּלעקונג פון דער הערלעכקייט פון
אונדזער גרויסן גאָט און גואֵל יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, 14 וואָס האָט זיך גופא
געגעבן פאַר אונדז, כּדי ער זאָל אונדז אויסלייזן פון יעדן שלעכטס,
און רייניקן פאַר זיך אַ פאָלק פאַר זיין אייגנטום, וואָס איז אייפעריק
אין מַעשׂים־טובֿים.
15 די דאָזיקע זאַכן רעד און זיי מַזהיר און שטראָף מיט דער גאַנצער
רשות. זאָל קיינער דיך ניט פאַראַכטן.
ג דערמאָן זיי צו זיין אונטערטעניק צו הערשער און שָׂרים, צו זיין
געהאָרכזאַם, צו זיין אָנגעברייט פאַר יעדן גוטן ווערק, 2 ניט צו רעדן
קיין שלעכטס אויף קיינעם, ניט צו זיין קריגעריש, צו זיין מילד, און
אַרויסווייזן די גאַנצע עֲנָווּת צו אַלע מענטשן. 3 וואָרים אויך מיר
זענען אַמאָל געווען נאַריש, אומגעהאָרכזאַם, פאַרפירט, געדינט
אַלערליי תּאוות און פאַרגעניגנס, האָבן געלעבט אין רִשעות און קִנאה,
פיינטלעך, און פיינט געהאַט איינער דעם אַנדערן. 4 בעת אָבער די
גוטסקייט פון גאָט, אונדזער גואֵל, און זיין ליבע צו מענטשן, האָט זיך
באַוויזן, 5 ניט דורך מַעשׂים פון רעכטפאַרטיקייט, וואָס מיר האָבן
געטאָן, נייערט לויט זיין דערבאַרעמדיקייט האָט ער אונדז מַציל
געווען דורך דער טבֿילה פון ווידערגעבורט און באַנייאונג פון
דעם רוּחַ־הַקודש, 6 וואָס ער האָט אויף אונדז אויסגעגאָסן בשֶפע
דורך יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אונדזער גואֵל; 7 כּדי מיר זאָלן גערעכטפאַרטיקט
ווערן דורך זיין חֶסֶד, און ווערן יורשים לויט דער האָפענונג פון
אייביקן לעבן.
8 אֶמת איז דאָס וואָרט, און דעריבער וויל איך, אַז דו זאָלסט די
דאָזיקע זאַכן באַפעסטיקן, כּדי אַז די, וואָס האָבן געגלויבט אין גאָט,
זאָלן זען זיך עוסק צו זיין אין מַעשׂים־טובֿים. דאָס איז גוט און נוצלעך
פאַר מענטשן. 9 ווייַך אָבער אויס נאַרישע קַשיות, און יִחוס־בריוו, און
מחלוקת, און קריגערייַען וועגן דער תּורה, וואָרים זיי זענען

אומנוצלעך און פּוסט. 10 אַ מענטש, וואָס מאַכט אָן שפּאַלטונגען,
זאָלסטו נאָך דער ערשטער און צווייטער וואָרענונג, אויסווייַכן בּכלַל,
11 ווייל דו ווייסט, אַז אַזאַ איינער איז פֿאַרדאָרבן, און טוט זינדיקן, און
איז פֿון זיך אַליין פֿאַרמשפּט.
12 אַז איך וועל שיקן צו זיר אַרטעמאַסן, אָדער טיכיקוסן, זאָלסטו דיך
איילן קומען צו מיר קיין ניקאָפּאָליס; וואָרים איך האָב באַשלאָסן
דאָרטן צו ווינטערן. 13 שיק גלייך אַרויס זענאַסן, דעם בּעל־תּורה, און
אַפּאָלאָסן אויף זייער נסיעה; זע סע זאָל זיי גאָרניט פֿעלן. 14 און זאָלן
אויך אונדזערע מענטשן זיך לערנען עוסק צו זיין אין מַעשׂים־טובים
פֿאַר די נייטיקע באַדערפֿענישן, כּדי זיי זאָלן ניט זיין אומפּרוכטבאַר.
15 אַלע, וואָס זענען מיט מיר, גריסן דיך. גריס די, וואָס האָבן אונדז
ליב אין דער אֱמונה.
חֶסֶד זאָל זיין מיט אייך אַלע.

דער בּריוו צוּ פֿילעמאָנען

א פּאָולוּס, אַן אַרעסטאַנט פוּנוועגן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, אוּן טימאָטעאוּס,
אוּנדזער בּרוּדער, צוּ פילעמאָנען, אוּנדער בּאַליבּטן מיטאַרבּעטער,
2 אוּן צוּ אַפּפִיאַן, אוּנדזער שוועסטער, אוּן צוּ אַרכיפּוּסן, אוּנדזער
מיטקעמפער, אוּן צוּ דער קהִילה אין דיין הויז: 3 חֶסֶד צוּ אייך אוּן
שָלום פוּן גאָט, אוּנדזער פאָטער, אוּן דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
4 איך דאַנק תָּמיד מיין גאָט, בּעת איך דערמאָן דיך אין מיינע תּפִילות,
5 ווייל איך הער פוּן דיין ליבּע, אוּן פוּן דער אֶמוּנה וואָס דוּ האָסט צוּ
דעם האַר יֵשוּעַ אוּן צוּ אַלע הייליקע, 6 כּדי די חַברוּתֶאשאַפט פוּן דיין
אֶמוּנה זאָל ווערן ווירקזאַם אין דער דערקענטעניש פוּן אַלעם גוּטן,
וואָס איז אין אוּנדז, פאַר מָשִיחַן. 7 וואָרים איך האָבּ געהאַט אַ סַך
פרייד אוּן טרייסט פוּן דיין ליבּע, מיין בּרוּדער, מַחמת די הערצער פוּן
די הייליקע זענען דוּרך דיר דערקוויקט געוואָרן.
8 דעריבּער, הַגַם איך פיל מיך פריי אין מָשִיחַן דיר צוּ בּאַפעלן דאָס,
וואָס איז רעכט, 9 דאָך פוּנוועגן דער ליבּע, בּעט איך דיך ליבּער. אָט
איך, פּאָולוּס, דער זָקן, אוּן אַצינד אויך אַן אַרעסטאַנט פוּנוועגן יֵשוּעַ
הַמָשִיחַ, 10 בּעט דיך פאַר מיין קינד, וועמען איך האָבּ געוואוּנען אין
מיינע קייטן, פאַר אָנעסימוּסן, 11 (וואָס איז אַמאָל געווען פאַר דיר
אוּמנוּצלעך, אָבּער אַצינד איז ער נוּצלעך פאַר דיר אוּן פאַר מיר).
12 איך שיק אים צוּריק צוּ דיר, אים אַליין, דאָס הייסט, מיין אייגן
האַרץ. 13 איך וואָלט אים גערן געהאַלטן מיט מיר, כּדי ער זאָל,
אַנשטאָט דיר, מיר דינען

אין די קייטן פֿון דער גוטער בשׂורה; 14 אָבער אָן דיין דֵעה האָב איך
גאָרניט געוואָלט טאָן, כּדי דיין טוֹבה זאָל ניט זיין געצוואונגען, נייערט
פֿרייוויליק.
15 וואָרים אֶפשר איז ער דעריבער אָפּגעשיידט געוואָרן פֿון דיר אויף אַ
צייט, כּדי דו זאָלסט אים האָבן אויף אייביק, 16 ניט מער ווי אַ קנעכט,
נייערט מער ווי אַ קנעכט, אַ באַליבטער ברודער, בּפֿרט פֿאַר מיר, און
מכּל־שכּן פֿאַר דיר, סיי און דעם פֿלייש, און סיי אין דעם האַר. 17 בכן,
אויב דו רעכנסט מיך פֿאַר אַ חבֿר, זיי אים מקבּל ווי מיך אַליין. 18 און
אויב ער האָט דיר בּכלל אומרעכט געטאָן, אָדער איז דער עפּעס
שולדיק, שטעל דאָס צו אויף מיין חֶשבּון. 19 איך, פּאָולוס, שרייב דאָס
מיט מיין אייגענער האַנט, איך וועל עס באַצאָלן, – איך רעד שוין
גאָרניט דערפֿון, וואָס דו בּיסט מיר שולדיק חוץדעם אויך דיך אַליין.
20 יאָ, ברודער, לאָמיך פֿון דיר האָבן פֿרייד אין דעם האַר; דערקוויק
מיין האַרץ אין מָשיחַן.
21 ווייל איך האָב בּטָחון אין דיין געהאָרכזאַמקייט, שרייב איך דיר,
וואָרים איך ווייס, אַז דו וועסט טאָן אַפילו מער ווי איך זאָג. 22 אין
דער זעלבער צייט גרייט אויך אָן פֿאַר מיר אַן אַכסניא, וואָרים איך
האָף, אַז דורך אייערע תּפֿילות, וועל איך אייך געשענקט ווערן.
23 עפּאַפֿראַס, מיין מיטאַרעסטאַנט אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ, טוט דיך גריסן,
24 אויך מאַרקוס, אַריסטאַרכוס, דעמאַס, לוקאַס, מיינע מיטאַרבעטער.
25 דער חֶסֶד פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשיחַ זאָל זיין מיט אייער גייסט.

דער בּריוו צוּ די ייִדן

א נאָכדעם ווי גאָט האָט פאַרצייטן אַ סך מאָל און אויף פאַרשידענע
אוֹפַנים גערעדט צוּ די אָבות דוּרך די נבִיאים, 2 האָט ער אויפן סוֹף פון
די דאָזיקע טעג גערעדט צוּ אוּנדז דוּרך דעם זוּן, וועמען ער האָט
באַשטימט פאַר אַ יוֹרש פון אַלצדינג, דוּרך וועמען ער האָט אויך
באַשאַפן די דוֹרות. 3 ער, וואָס איז דאָס שפּיגלבּילד פון זיין
הערלעכקייט, און דאָס סאַמע אָפּבּילד פון זיין מַהוּת, האַלט אויף
אַלצדינג דוּרך דעם וואָרט פון זיין מאַכט. בּעת ער האָט געמאַכט אַ
ריינִיקוּנג פאַר זינד, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט בּיי דער רעכטער
האַנט פון דער גדוּלה אין דער הייך, 4 און איז געוואָרן אויף אַזויפיל
בּעסער איידער די מַלאָכים, אַז ער האָט געיַרשנט אַ חָשוּבערן שֵם פון
זיי. 5 וואָרים צוּ וועמען פון די מַלאָכים האָט ער ווען אַמאָל געזאָגט:

דוּ בּיסט מיין זוּן,
היינט האָבּ איך דיך געבּוירן?[1]

און ווידער:

איך וועל פאַר אים זיין אַ פאָטער,
און ער וועט פאַר מיר זיין אַ זוּן?[2]

6 און בּעת ער ברענגט דעם בּכוֹר אין דער וועלט אַריין, זאָגט ער:

און זאָלן אַלע מַלאָכים פון גאָט פאַלן כּוֹרעים פאַר אים.[3]

7 און פוּנוועגן די מַלאָכים זאָגט ער:

ער מאַכט זיינע מַלאָכים פאַר ווינטן,
און זיינע באַדינערס פאַר אַ פלאַם פייער[4]

8 אָבער פוּנוועגן דעם זוּן זאָגט ער:

דיין טראָן, אָ גאָט, איז לעוֹלָם וָעֶד,
און די רוּט פון יוֹשר איז די רוּט פון דיין מלוּכה.

---

[1] תהלים ב, 7. [2] שמואל ב׳ ז, 14. [3] תהלים צז, 7. [4] תהלים קד, 4.

9 האָסט ליב געהאַט צדקות, און פֿײַנט געהאַט רשעות,
דעריבער האָט גאָט, דיין גאָט, דיך געזאַלבט מיט דעם אייל פֿון
פֿרייד איבער דיינע חבֿרים.[1]
10 און:
דו, גאָט, האָסט אין אָנהייב געלייגט דעם יסוד פֿון דער ערד,
און די הימלען זענען די ווערק פֿון דיינע הענט;
11 זיי וועלן אונטערגיין, און דו וועסט באַשטיין;
יאָ, זיי אַלע וועלן ווערן אַלט ווי אַ בגד,
12 און ווי אַ מאַנטל וועסטו זיי צונויפֿוויקלען,
און זיי וועלן פֿאַרביטן ווערן.
דו אָבער ביסט דער זעלביקער,
און דיינע יאָרן וועלן ניט אויפֿהערן.[2]
13 פֿונוועגן וועמען פֿון די מלאָכים האָט ער אַמאָל געזאָגט:
זיץ בײַ מיין רעכטער האַנט,
ביז איך מאַך דיינע פֿיינט
פֿאַר אַ פֿוסבענקל צו דיינע פֿיס?[3]
14 צי זענען זיי אַלע ניט קיין באַדינענדיקע גייסטער, אַרויסגעשיקט
געוואָרן צו טאָן דינסט פֿאַר דעם ווילן פֿון די, וואָס וועלן ירשענען
די ישועה?
ב דעריבער מוזן מיר זיין אַ סך שטאַרקער האַלטן אין דעם, וואָס מיר
האָבן געהערט, כדי מיר זאָלן ניט אָפּפֿאַלן דערפֿון. 2 וואָרים אויב דאָס
וואָרט, וואָס איז גערעדט געוואָרן דורך מלאָכים, איז מקוים געוואָרן,
און יעדע עבֿירה און ווידערשפּעניקייט האָט באַקומען אַ גערעכטע
פֿאַרגעלטונג, 3 וויאַזוי וועלן מיר אַנטרינען, אויב מיר פֿאַרוואַרלאָזן
אַזאַ גרויסע ישועה? זי, וואָס איז לכתחילה גערעדט געוואָרן דורך
דעם האַר, און באַשטעטיקט געוואָרן פֿאַר אונדז דורך די, וואָס האָבן
אים געהערט, 4 בעת גאָט האָט אויך עדות געזאָגט דורך נסים ונפֿלאָות,
און דורך פֿאַרשידענע גבֿורות, און דורך מתּנות פֿון דעם רוח־הקודש,
לויט זיין אייגענעם רצון.
5 וואָרים ניט צו מלאָכים האָט ער אונטערטעניק געמאַכט די
קומענדיקע וועלט, וואָס פֿון איר רעדן מיר. 6 איינער אָבער האָט
ערגעץ עדות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:
וואָס איז אַ מענטש, וואָס דו טוסט אים געדענקען?
און דער בן־אָדם, וואָס דו טוסט זיך אומקוקן אויף אים?
7 האָסט אים געמאַכט אַביסל נידעריקער פֿון די מלאָכים,

[1] תּהלים מה, 7, 8. [2] תּהלים קב, 26-28. [3] תּהלים קי, 1.

אוּן אים געקרוינט מיט הערלעכקייט אוּן כָּבוד,
אוּן האָסט אים געזעצט איבער די ווערק פוּן דיינע הענט;
8 אַלצדינג האָסטוּ אוּנטערטעניק געמאַכט אוּנטער זיינע פיס.[1]
ווארים מיט דעם, וואָס ער האָט אוּנטערטעניק געמאַכט אַלצדינג
אוּנטער אים, האָט ער גאָרניט געלאָזן, וואָס איז אים ניט אוּנטערטעניק.
דערווייַל אָבער זעען מיר נאָך ניט, אַז אַלצדינג זאָל זיין אוּנטערטעניק
אוּנטער אים. 9 מיר זעען אָבער, יֵשוּעַן, וואָס איז געמאַכט געוואָרן
אַביסל נידעריקער פוּן די מַלאָכים, פוּנוועגן די ליידן פוּן דעם טויט,
וואָס איז געקרוינט מיט הערלעכקייט אוּן כָּבוד, כּדי ער זאָל דוּרך דעם
חֶסֶד פוּן גאָט טועם זיין דעם טויט פאַר אַלע מענטשן.
10 ווארים אים, פאַר וועמען עס איז אַלצדינג, אוּן דוּרך וועמען עס איז
אַלצדינג, האָט עס געפּאַסט מיט דעם ברענגען אַ סַך זין צוּ
הערלעכקייט, מַשלים צוּ זיין דוּרך עִינוּיִים דעם שַר פוּן זייער ישוּעה.
11 ווארים סיי דער, וואָס טוּט הייליקן, אוּן סיי די וואָס זענען
געהייליקט, זענען אַלע פוּן איינעם; צוּליב דעם שעמט ער זיך ניט זיי צוּ
רוּפן ברידער, 12 אַזוי צוּ זאָגן:
איך וועל דערציילן דיין נאָמען צוּ מיינע ברידער,
אין דער מיט פוּן קָהָל וועל איך דיך לויבן.[2]
13 אוּן ווידער:
איך וועל האָפן צוּ אים.[3]
אוּן ווידער:
זע, איך אוּן די קינדער, וועמען גאָט האָט מיר געגעבן.[4]
14 דעריבער, אַזוֹיווי די קינדער האָבן אַ חֵלֶק אין פלייש אוּן בלוּט, האָט
ער אויך אויף אַן ענלעכן אוֹפן אַ חֵלֶק פוּן דעם זעלבן, כּדי דוּרך דעם
טויט זאָל ער קענען מבַטל זיין דעם, וואָס האָט די מאַכט פוּן דעם טויט,
דאָס הייסט, דעם שָׂטָן, 15 אוּן זאָל אויסלייזן אַלע די, וואָס זענען דוּרך
מוֹרא פאַר דעם טויט זייער גאַנץ לעבן פאַרשקלאַפט געווען. 16 ווארים
באֶמת, ניט די מַלאָכים העלפט ער, נייערט דעם זאָמען פוּן אַבְרָהמען.
17 דעריבער איז אים אָנגעשטאַנען אין אַלצדינג געגליכן צוּ זיין צוּ זיינע
ברידער, כּדי ער זאָל ווערן אַ דערבאַרעמדיקער אוּן אַ געטרייַער כֹּהן־
גָדול אין זאַכן, וואָס זענען נוֹגֵע גאָט, מכַפּר צוּ זיין פאַר די זינד פוּן דעם
פאָלק. 18 ווארים הֱיוֹת ער אַליין האָט געליטן, בעת ער איז געפּרוּאווט
געוואָרן, איז ער בִּיכוֹלֶת צוּ העלפן די, וואָס ווערן געפּרוּאווט.
ג דעריבער, הייליקע ברידער, חַבֵירים פוּן אַ הימלישער באַרוּפוּנג,
באַטראַכט דעם שלִיח אוּן כֹּהן־גָדול פוּן אוּנדזער אֶמוּנה, יֵשוּעַן, 2 וואָס
איז געווען געטריי דעם, וואָס האָט אים באַשטימט,

[1] תהלים ח, 5-7. [2] תהלים כב, 23. [3] ישעיה ח, 17. [4] ישעיה ח, 18.

פֿונקט ווי אויך מֹשה איז געווען אין זײַן גאַנצן הויז. 3 וואָרים ער איז
פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר רָאוּי אויף מער כּבֿוד ווי מֹשה, אויף אַזויפֿיל ווי
דער, וואָס בויט דאָס הויז, האָט מער כּבֿוד ווי דאָס הויז. 4 (וואָרים יעדעס
הויז ווערט געבויט דורך עמיצן; דער אָבער, וואָס האָט אַלצדינג געבויט,
איז גאָט.) 5 און מֹשה איז געווען געטריי אין זײַן גאַנצן הויז ווי אַ קנעכט,
אַן עדות פֿון יענע זאַכן, וואָס האָבן געדאַרפֿט שפּעטער גערעדט ווערן,
6 משיח אָבער, ווי אַ זון איבער זײַן הויז; און מיר זענען זײַן הויז, אויב
מיר האַלטן פֿעסט דעם בטחון און דאָס רימען זיך פֿון אונדזער האָפֿענונג
ביז דעם סוף. 7 דעריבער, אַזוי ווי דער רוח־הקודש זאָגט:

הײַנט, אויב איר וועט הערן זײַן קול,
8 פֿאַרעקשנט ניט אײַערע הערצער, ווי אין מריבֿה,
אַזוי ווי אין דעם טאָג פֿון מסה אין דער מדבר,
9 וואו אײַערע אָבֿות האָבן מיך געפּרוּאווט דורך נסיונות,
און האָבן געזען מײַנע מעשׂים פֿערציק יאָר.
10 דעריבער האָב איך געצערנט אויף דעם דאָזיקן דור,
און האָב געזאָגט: זיי זענען זיך תּמיד טועה אינם האַרץ,
און מײַנע וועגן קענען זיי ניט,
11 ווי איך האָב געשוואוירן אין מײַן צאָרן:
זיי וועלן ניט אַרײַנקומען אין מײַן מנוחה.[1]

12 גיט אַכטונג, ברידער, טאָמער וועט זיך מאַכן בײַ עמיצן פֿון אײַך אַ בייז
האַרץ פֿון אומגלויבן, אין אָפּפֿאַלן פֿון דעם לעבעדיקן גאָט;
13 נײַערט וואָרנט אײנער דעם אַנדערן יעדן טאָג, כּל־זמן עס הייסט נאָך
הײַנט, כּדי קיינער פֿון אײַך זאָל ניט פֿאַרהאַרטעוועט ווערן דורך דער
אָפּנאַרערײַ פֿון זינד. 14 וואָרים מיר זענען געוואָרן טײַלנעמער פֿון
משיחן, אויב מיר האַלטן שטאַרק דעם אָנהייב פֿון אונדזער בטחון ביז
דעם סוף. 15 בעת סע ווערט געזאָגט:

הײַנט, אויב איר וועט הערן זײַן קול,
פֿאַרעקשנט ניט אײַערע הערצער, ווי אין מריבֿה.

16 וואָרים ווער זענען עס די, וואָס האָבן געהערט, און האָבן געקריגט? צי
האָבן ניט די אַלע, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים דורך מֹשהן?
17 און קעגן וועמען האָט ער געצערנט פֿערציק יאָר? איז עס ניט געווען
מיט די, וואָס האָבן געזינדיקט, וועמעס לײַבער זענען געפֿאַלן אין דער
מדבר? 18 און צו וועמען האָט ער געשוואוירן, אַז זיי זאָלן ניט
אַרײַנקומען אין זײַן מנוחה, אויב ניט צו די, וואָס זענען געווען
ווידערשפּעניק? 19 און מיר זעען, אַז זיי זענען ניט געווען בּיכולת
אַרײַנצוקומען, מחמת זיי האָבן ניט געגלויבט.

1 תּהלים צה, 7-11.

ד דעריבער, כָּל־זמַן סע בלייבט די הַבטָחה אַריינַצוקומען אין זיין מנוחה,
לאָמיר מורא האָבן, טאָמער וועט עמיצער פון אייך זיך פאַרזאַמען. 2 וואָרים
די בשׂורה טובה איז אויך אונדז אָנגעזאָגט געוואָרן, פונקט ווי צו זיי; אָבער
דאָס וואָרט פון דער הערונג האָט זיי ניט גענוצט, מַחמת עס איז ניט געווען
באַהעפט דורך אֶמונה מיט די, וואָס האָבן געהערט. 3 וואָרים מיר, וואָס
האָבן געגלויבט, קומען אַריין אין יענער מנוחה, אַזויווי ער האָט געזאָגט:

וויי איך האָב געשוואוירן אין מיין צאָרן:
זיי וועלן ניט אַריינַקומען אין מיין מנוחה,

הַגַם זיינע ווערק זענען געווען פאַרענדיקט זינד די ששת־ימי־בראשית.
4 וואָרים ער האָט געזאָגט ערגעץ ווו פונוועגן דעם זיבעטן טאָג אויף
אַזאַ אופן:

און גאָט האָט גערוט אין דעם זיבעטן טאָג פון אַלע זיינע ווירק;[1]

5 און אָט דאָ זאָגט ער ווידער:

זיי וועלן ניט אַריינַקומען אין מיין מנוחה.

6 בכֵן, אַזוי ווי סע בלייבט פאַר עטלעכע אַריינַצוקומען, און די, וואָס האָבן
פריער אָנגענומען די בשׂורהטובה, האָבן פאַרפעלט אַריינַצוקומען, מַחמת
ווידערשפעניקייט, 7 טוט ער ווידער אַמאָל באַשטימען אַ געוויסן טאָג, אַ
הייַנט, ווי ער זאָגט דורך דָוִדן, נאָך אַ לאַנגער צייט, לויט ווי עס איז פריער
געזאָגט געוואָרן:

הייַנט, אויב איר וועט הערן זיין קול,
פאַרעַקשנט ניט אייערע הערצער.

8 וואָרים אויב יהושע וואָלט זיי געגעבן מנוחה, וואָלט ער שפעטער ניט
געווען גערעדט פון אַן אַנדערן טאָג. 9 עס פאַרבלייַבט דעריבער אַ מנוחַת־
שַבּת פאַר גאָטס פאָלק; 10 וואָרים דער, וואָס איז אַרייַנגעקומען אין זיין
מנוחה, האָט אַליין אויך גערוט פון זיינע ווערק, ווי גאָט האָט געטאָן
פון זיינע.

11 לאָמיר זיך דעריבער מיִען אַרייַנצוקומען אין יענער מנוחה, כּדי קיינער
זאָל נאָך דעם זעלבן בייַשפּיל ניט פאַלן פונוועגן ווידערשפעניקייט.
12 וואָרים דאָס וואָרט פון גאָט איז לעבעדיק, און ווירקעוודיק, און איז
שאַרפער איידער יעדע צוויי־שאַרפיקע שווערד, און דורכשטעכט אַפילו
ביז דער אָפּשיידונג פון נֶפש און גייסט, סיי פון קנעכלעך און מאַרך, און
איז פלינק צו דערזען די מַחשָבות און דֵעות פון דעם האַרץ. 13 און עס איז
ניטאָ קיין באַשעפעניש, וואָס ווערט ניט אַנטפּלעקט פאַר אים; נייערט אַלע
זאַכן זענען נאַקעט און ליגן אָפן פאַר די אויגן פון אים, מיט וועמען מיר
האָבן צו טאָן.

14 בכֵן, ווייל מיר האָבן אַ דערהויבענעם כֹּהן־גָדול, וואָס איז

[1] בראשית ב, 2.

דורכגעגאַנגען דורך די הימלען, יֵשוּעַ, דעם בֶּן־אֱלֹהִים, לאָמיר דעריבער
האַלטן פֿעסט אונדזער אֱמוּנה. 15 וואָרים מיר האָבן ניט קיין כֹּהן־גָדול,
וואָס קאָן ניט מיטפֿילן מיט אונדזערע שוואַכקייטן, נייערט איינעם, וואָס
איז אין אַלצדינג געפּרוּאווט געוואָרן גלייך ווי מיר זענען, דאָך אָן זינד.
16 לאָמיר זשע גענעענען מיט בִּטָחון צו דעם כִּסֵא־הַחֶסֶד, כּדי מיר זאָלן
מקַבּל זיין רַחמָנות, און זאָלן געפֿינען חֶסֶד צו העלפֿן אונדז אין אַן
עֵת־צָרה.

ה וואָרים יעדער כֹּהן־גָדול, וואָס ווערט גענומען פֿון צווישן מענטשן,
ווערט באַשטימט פֿאַר מענטשן אין זאַכן, וואָס זענען שַייך גאָט, כּדי ער
זאָל קענען מַקריב זיין מִנחות און זבָחים פֿאַר זינד. 2 און ער קאָן מיטפֿילן
מיט די אומוויסנדיקע און פֿאַרפֿירטע, מַחמת דעם, וואָס ער אַליין איז
אויך אַרומגערינגלט מיט שלאַפֿקייט, 3 און צוליב דער דאָזיקער סִיבּה איז
ער מחויב, סיי פֿאַר דעם פֿאָלק, אַזוי אויך פֿאַר זיך אַליין, מַקריב צו זיין
פֿאַר זינד.

4 און קיינער נעמט זיך ניט דעם כָּבוד אַליין, נייערט ווען ער ווערט באַרופֿן
פֿון גאָט, אַזויווי אַהרֹן איז געווען. 5 אַזוי האָט זיך אויך מָשִיחַ אַליין
ניט פֿאַרהערלעכט, כּדי צו ווערן אַ כֹּהן־גָדול, נייערט דער, וואָס האָט צו
אים געזאָגט:

דו ביסט מיין זון,
היינט האָב איך דיך געבוירן;[1]

6 ווי ער זאָגט אויך אויף אַן אַנדערן פּלאַץ:

דו ביסט אַ כֹּהן אויף אייביק
לויט דעם סֵדר פֿון מַלכּי־צֶדֶק,[2]

7 וואָס אין די טעג פֿון זיין פֿלייש, האָט ער גענעענט תּפִילות און תַּחנונים
מיט גרויס געשריי און טרערן צו דעם, וואָס איז געווען בִּיכולת אים מַציל
צו זיין פֿון טויט, און ער איז דערהערט געוואָרן פֿאַר זיין ייִראַת־שמים.
8 און הַגַם ער איז געווען אַ זון, דאָך האָט ער געלערנט אונטערטעניקייט
דורך די זאַכן, וואָס ער האָט געליטן; 9 און נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן
שלֵימותדיק, איז ער געוואָרן די סִיבּה פֿון אַן אייביקער ישוּעה פֿאַר אַלע,
וואָס געהאָרכן אים, 10 און איז באַרופֿן געוואָרן פֿון גאָט פֿאַר אַ כֹּהן־גָדול,
לויט דעם סֵדר פֿון מַלכּי־צֶדֶק.

11 פֿונוועגן דעם האָבן מיר אַ סַך צו רעדן, און עס איז שווער צו
דערקלערן, ווייל איך זע, איר זענט געוואָרן טעמפּ צו הערן. 12 וואָרים אין
מֶשֶך פֿון דער צייט וואָלט איר באַדאַרפֿט זיין לערער, נייטיקט איר אייך
ווידער אַמאָל, אַז עמיצער זאָל אייך לערנען די יסודות פֿון די ערשטע
עִיקָרים פֿון די נבואות פֿון גאָט, און זענט געוואָרן אַזעלכע, וואָס נייטיקן

[1] תּהלים ב, 7. [2] תּהלים קי, 4.

זיך אין מילך, און ניט אין פֿעסטער שפּייז. 13 וואָרים יעדער איינער,
וואָס נעמט מילך, האָט ניט קיין מבֿינות אין דעם וואָרט פֿון
רעכטפֿאַרטיקייט, וואָרים ער איז אַן עופֿעלע. 14 פֿעסטע שפּייז אָבער
איז פֿאַר דערוואַקסענע, פֿאַר יענע, וואָס צוליב דעם שטענדיקן
געבֿריך, האָבן צוגעוואוינט זייערע חושים צו אונטערשיידן צווישן
גוטס און שלעכטס.
ו בכֿן, לאָמיר איבערלאָזן די לערנונג פֿון די ערשטע עיקרים פֿונוועגן
משיחן, און גיין ווייטער צו דער שלימות; לאָמיר ניט לייגן נאָכאַמאָל אַ
יסוד פֿונוועגן תּשובֿה פֿון טויטע מעשׂים, און פֿונוועגן אמונה צו גאָט,
2 פֿונוועגן דער לערנונג פֿון טבֿילות, און פֿונוועגן סמיכת־ידים און
פֿונוועגן תּחית־המתים, און פֿונוועגן אייביקן משפּט. 3 און דאָס דאָזיקע
וועלן מיר טאָן, אם־ירצה־השם. 4 וואָרים בנוגע יענע, וואָס זענען
איינמאָל אויפֿגעקלערט געוואָרן און האָבן טועם געווען פֿון דער
הימלישער מתּנה, און זענען געוואָרן טיילנעמער פֿון דעם רוח־הקודש,
5 און האָבן טועם געווען די גוטסקייט פֿון דעם וואָרט פֿון גאָט, און די
כּוחות פֿון עולם־הבא, 6 און זענען אָפּגעפֿאַלן, אַזעלכע איז אוממעגלעך
ווידער מחדש צו זיין צו תּשובֿה, בעת מיר זעען, זיי קרייציקן פֿאַר זיך
דעם בן־אלהים איבעראַנייס, און שטעלן אים אָפֿן אַרויס צו בזיון.
7 וואָרים די ערד, וואָס טרינקט דעם רעגן, וואָס קומט אָפֿט דערויף, און
ברענגט אַרויס קרייַטעכצער, וואָס טויגן פֿאַר די, פֿאַר וועמעס־וועגן זי
איז אויך באַאַקערט געוואָרן, באַקומט אַ ברכה פֿון גאָט. 8 נאָר אויב זי
טראָגט דערנער און שטעכערס, ווערט זי פֿאַרוואָרפֿן און איז נאָענט צו
אַ קללה; און איר סוף איז פֿאַרברענט צו ווערן.
9 מיר אָבער, באַליבטע, זענען פֿאַרזיכערט אויף בעסערע זאַכן פֿונוועגן
אייך, און זאַכן וואָס באַגלייטן אַ ישועה, הגם מיר רעדן אַזוי. 10 וואָרים
גאָט איז ניט אומגערעכט, צו פֿאַרגעסן אייערע מעשׂים און די ליבע,
וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן צו זיין נאָמען, מיט דעם, וואָס איר האָט
געדינט די הייליקע, און דינט זיי נאָך אַלץ. 11 און מיר באַגערן, אַז
יעדער איינער פֿון אייך זאָל אַרויסווייַזן די זעלבע פֿלייַסיקייט צו דער
פֿולקייט פֿון בטחון ביז צו דעם סוף, 12 כּדי איר זאָלט ניט זיין פֿויל,
נייערט נאָכטוערס פֿון די, וואָס דורך אמונה און געדולדיקייט ירשענען
זיי די הבטחות.
13 וואָרים בעת גאָט האָט אַבֿרהמען געגעבן די הבטחה, האָט ער, מחמת
ער האָט ניט געקאָנט שווערן ביי קיין גרעסערן, געשוואוירן ביי זיך
אַליין, 14 אַזוי צו זאָגן: בענטשן וועל איך דיך בענטשן, און מערן וועל
איך דיך מערן.[1] 15 און אַזוי, ווייל ער האָט געדולדיק

[1] בראשית כב, 16, 17.

דערטראָגן, האָט ער געיַרשנט די הַבטָחה. 16 וואָרים מענטשן שווערן
בײַ דעם גרעסערן, און אין יעדן סִיכסוך זייערן איז די שבועה דער סוֹף
פון אַ באַשטעטיקונג. 17 צוליב דעם האָט גאָט, בעת ער האָט בדֵעה
געהאַט צו ווייזן די יוֹרשים פון דער הַבטָחה נאָך אַ סַך מערער די
אוּמפאַרענדערלעכקייט פון זיין עֵצה, האָט ער זי גאַראַנטירט מיט אַ
שבועה, 18 כּדי דורך צוויי אוּמפאַרענדערלעכע זאַכן, אין וועלכע עס
איז אוּממעגלעך פאַר גאָט צו זאָגן ליגן, זאָלן מיר, וואָס זענען
אַנטרונען פאַר רעטונג, האָבן אַ שטאַרקערע דערמוטיקונג אָנצוהאַלטן
זיך אין דער האָפענונג, וואָס איז אָנגעברייט געוואָרן פאַר אונדז. 19 און
דאָס האָבן מיר ווי אַן אַנקער פאַר דער נשָמה, אַ האָפענונג, וואָס איז
זיכער און שטאַנדהאַפטיק, און וואָס גייט אַריין אין דעם, וואָס איז
דרינען אין דעם פָּרוֹכֶת, 20 וואוהין יֵשוּעַ איז אַרײַנגעגאַנגען ווי אַ
פאָרלויפער פון אונדזערטוועגן, און איז געוואָרן אַ כֹּהן־גָדול אויף
אייביק לויט דעם סֵדר פון מַלכּי־צֶדֶק.
ז וואָרים דער דאָזיקער מַלכּי־צֶדֶק, מֶלך פון שָלֵם, אַ כֹּהן פון דעם אֵל־
עֶליוֹן, וואָס איז מקַבל־פָּנים געווען אַברָהמען, בעת ער האָט זיך
אוּמגעקערט פון שלאָגן די מלָכים, און האָט אים געבענטשט, 2 וועמען
אויך אַברָהם האָט אָפּגעשיידט פון אַלץ מַעשׂר, ווייל ער איז קודם־כָּל,
דורך אַ דערקלערונג, מֶלך פון רעכטפאַרטיקייט, און דערנאָך אויך מֶלך
פון שָלֵם, וואָס מיינט, מֶלך פון פרידן, 3 אָן פאָטער, אָן מוטער, אָן
יִחוס, וואָס האָט אויך ניט קיין אָנהייב פון טעג, אויך ניט קיין סוֹף פון
לעבן, נייערט איז געמאַכט געוואָרן ענלעך צו דעם בֶּן־אֱלֹהִים; ער
פאַרבלייַבט אַ כֹּהן אויף אייביק.
4 היינט באַטראַכט ווי גרויס דער דאָזיקער מענטש איז געווען, וואָס
אים האָט אַברָהם־אָבינו געגעבן מַעשׂר פון דעם מִלחָמה־געווינסט.
5 און די, פאַרוואָר, פון די בּנֵי־לֵוִי, וואָס אַרבּן די כּהוּנה, האָבן אַ חוֹק
לויט דער תּוֹרה צו נעמען מַעשׂר פון דעם פאָלק, דאָס מיינט, פון זייערע
ברידער, הַגַם זיי זענען אַרויסגעקומען פון די לענדען פון אַברָהמען.
6 דער אָבער, וואָס זיין יִחוס ווערט ניט גערעכנט פון זיי, האָט גענומען
מַעשׂר פון אַברָהמען, און האָט געבענטשט דעם, וואָס האָט געהאַט די
הַבטָחות. 7 אָבער אָן חִילוּקי־דֵעות, דער מינדערער ווערט געבענטשט
פון דעם גרעסערן. 8 און דאָ, מענטשן, וואָס שטאַרבן, זענען מקַבל
מַעשׂר, דאָרטן אָבער איינער, אויף וועמען סע ווערט עֵדות געזאָגט, אַז
ער לעבט. 9 און, אַזוי צו זאָגן, דורך אַברָהמען האָט אַפילו לֵוִי, וואָס
איז מקַבל מַעשׂר, געגעבן מַעשׂר, 10 וואָרים ער איז נאָך געווען אין די
לענדן פון זיין פאָטער, בעת מַלכּיצֶדֶק איז אים מקַבל־פָּנים געווען.[1]

[1] בראשית יד, 17-20.

11 הײנט, אויב סע װאָלט געװען שלימות דורך דער כּהונה פֿון די בּני־
לוי (װאָרים אונטער איר האָט דאָס פֿאָלק מקבּל געװען די תּורה),
צוליב װאָס איז נאָך נײטיק געװען, אַז ס׳זאָל אויפֿשטײן אַן אַנדערער
כּהן לויט דעם סדר פֿון מלכּי־צדק, און ניט גערעכנט צו װערן לויט
דעם סדר פֿון אַהרנען? 12 װאָרים אויב די כּהונה װערט פֿאַרענדערט,
דעמאָלט איז אויך נײטיק, אַז אַן ענדערונג זאָל געמאַכט װערן אין דער
תּורה. 13 װאָרים דער, אויף װעמען די דאָזיקע זאַכן װערן געזאָגט,
געהערט צו אַן אַנדערן שבט, פֿון װעלכן קײנער האָט ניט געטאָן קײן
עבֿודה בײַם מזבח. 14 װאָרים עס איז קלאָר, אַז אונדזער האַר האָט
אַרויסגעשפּראָצט פֿון יהודה, װאָס צו דעם שבט האָט משה גאָרניט
גערעדט בנוגע כּהנים.

15 און דאָס װערט נאָך קלאָרער, אויב סע שטײט אויף אַן אַנדערער
כּהן, ענלעך צו מלכּי־צדק, 16 װאָס איז געמאַכט געװאָרן, ניט נאָך דעם
חוק פֿון אַ בּשׂר־ודם, נײערט נאָך דער גבֿורה פֿון אַן אָנסופֿיקן לעבן;
17 װאָרים סע װערט עדות געזאָגט פֿונװעגן אים:

דו בּיסט אַ כּהן אויף אײבּיק
לויט דעם סדר פֿון מלכּי־צדק.

18 צוליב דעם, װאָס אַ פֿריערדיק געבּאָט װערט אָפּגעטאָן, מחמת
פֿונװעגן זײַן שלאַפֿקײט און אומנוצלעכקײט, 19 (װאָרים די תּורה האָט
גאָרניט שלמותדיק געמאַכט); און דעריבּער װערט אַרײַנגעבּראַכט אַ
בּעסערע האָפֿענונג, װאָס דורך איר גענעענען מיר צו גאָט. 20 און היות
ער איז עס ניט געװאָרן אָן אַ שבֿועה, – 21 װאָרים זײ זענען געמאַכט
געװאָרן כּהנים אָן אַ שבֿועה, ער אָבּער מיט אַ שבֿועה דורך דעם, װאָס
זאָגט פֿונװעגן אים:

גאָט האָט געשװאוירן, און ער װעט ניט חרטה האָבּן,
דו בּיסט אַ כּהן אויף אײבּיק.

22 אַזוי איז אויך ישוע געװאָרן די ערבֿות פֿון אַ בּעסערן בּונד. 23 און זײ
זענען געמאַכט געװאָרן פֿאַר אַ סך כּהנים, מחמת װאָס דורך דעם טויט
זענען זײ געשטערט צו פֿאַרבּלײַבּן; 24 ער אָבּער, מחמת ער בּאַשטײט
אויף אײבּיק, האָט זײַן כּהונה אומפֿאַרענדערלעך. 25 דעריבּער איז ער
אויך אין אַלץ בּיכולת מציל צו זײַן די, װאָס גענעענען דורך אים צו
גאָט, מחמת ער לעבּט אײבּיק, כּדי זיך משתּדל צו זײַן פֿאַר זײ.

26 װאָרים פֿאַר אונדז האָט זיך געפּאַסט אַזאַ כּהן־גדול, װאָס איז
הײליק, אומשולדיק, תּמים, אָפּגעשײדט פֿון זינדיקע, און דערהויבּן
איבּער די הימלען; 27 װאָס דאַרף ניט, װי יענע כּהנים־גדולים, מקריב
זײַן יעדן טאָג קרבּנות, ראשית

פאַר זײַנע אייגענע זינד, און דערנאָך פאַר די זינד פון דעם פאָלק;
וואָרים דאָס האָט ער געטאָן איין מאָל פאַר אַלעמאָל, בעת ער האָט זיך
אַליין מַקריב געווען. 28 וואָרים די תּורה שטעלט אויף מענטשן פאַר
כֹּהנים־גדולים, וואָס האָבן שוואַכקייטן, אָבער דאָס וואָרט פון דער
שבועה, וואָס איז געקומען נאָך דער תּורה, שטעלט אויף אַ זון, וואָס
איז שלֵימותדיק אויף אייביק.
ח און דער עיקר פון דעם, וואָס מיר זאָגן, איז אָט־דאָס: מיר האָבן
אַזאַ כֹּהן־גָדול, וואָס האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַ דער רעכטער זײַט
פון דעם כִּסֵא־הַכָּבוד אין די הימלען, 2 אַ דינער פון דעם מִקדש, און
פון דעם אֶמֶתן מִשכּן, וואָס דער שם־המפורש האָט אויפגעשטעלט,
און ניט קיין מענטש. 3 וואָרים יעדער כֹּהן־גָדול ווערט באַשטימט
מַקריב צו זײַן מִנחות און זבָחים; דעריבער איז סע נייטיק, אַז אויך
דער דאָזיקער כֹּהן־גָדול זאָל האָבן עפּעס מַקריב צו זײַן. 4 דעריבער,
אויב ער וואָלט געווען אויף דער ערד, וואָלט ער בִּכלַל ניט געווען קיין
כֹּהן, מַחמת עס זענען פאַראַנען יענע, וואָס זענען מַקריב קָרבָּנות עַל־פּי
הַתּורה. 5 זיי דינען דאָס, וואָס איז אַן אָפּבילד און אַ שאָטן פון די
הימלישע זאַכן, אַזויווי משה איז באַפוילן געוואָרן פון גאָט, בעת ער
האָט געהאַלטן אין מאַכן דאָס מִשכּן. וואָרים זע, זאָגט ער, אַז דו
זאָלסט אַלצדינג מאַכן לויט דער געשטאַלט, וואָס איז דיר געוויזן
געוואָרן אויף דעם באַרג.[1] 6 אַצינד אָבער האָט ער דערגרייכט אַ מער
דערהויבענערע עבודה מיט דעם, וואָס ער איז אויך דער מֵליץ פון אַ
בעסערן בונד, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף בעסערע
הַבטָחות. 7 וואָרים אויב יענער ערשטער בונד וואָלט געווען אָן אַ
חַסָרון, דעמאָלט וואָלט מען ניט געזוכט קיין סִיבּה פאַר אַ צווייטן.
8 וואָרים בעת ער מוסרט זיי, זאָגט ער:

זע, די טעג קומען, זאָגט גאָט,
און איך וועל שליסן אַ נייעם בונד מיט דעם בֵּית־יִשׂרָאל
און מיט דעם בֵּית־יהודה,
9 ניט לויט דעם בונד, וואָס איך האָב געמאַכט מיט זייערע אָבות
אין דעם טאָג, ווען איך האָב זיי אָנגענומען בײַ דער האַנט,
זיי אַרויסצופירן פון דעם לאַנד מִצרַיִם;
וואָרים זיי זענען ניט געבליבן אין מײַן בונד,
און איך האָב זיי ניט געאַכטעט, זאָגט גאָט.
10 וואָרים דאָס איז דער בונד, וואָס איך וועל מאַכן מיט דעם
בֵּית־יִשׂרָאל
נאָך יענע טעג, זאָגט גאָט:

[1] שמות כה, 40.

איך וועל אַרייַנגעבן מיין תּורה אין זייער פֿאַרשטאַנד,
און אויף זייער האַרץ וועל איך זי אויפֿשרייבן;
און איך וועל זיין זייער גאָט,
און זיי וועלן זיין מיין פֿאָלק.
11 און זיי וועלן ניט לערנען איטלעכער זיין חַבר,
און איטלעכער זיין ברודער, אַזוי צו זאָגן: קענט גאָט!
וואָרים אַלע וועלן מיך קענען,
פֿון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן פֿון זיי.
12 וואָרים איך וועל מוחל זייַן זייער זינד.
און זייער חֵטא וועל איך מער ניט געדענקען.[1]
13 מיט דעם, וואָס ער זאָגט: אַ נייעם בונד, האָט ער דעם ערשטן אַלט
געמאַכט; און דאָס, וואָס ווערט אַלט און באַיאָרנט, איז נאָענט צום
פֿאַרשווינדן.
ט און אַפֿילו דער ערשטער בונד האָט אויך געהאַט דִינים פֿון עַבודה,
און זיין מִקדש איז געווען פֿון דער דאָזיקער וועלט. 2 וואָרים עס איז
געווען אָנגעבּרייט אַ מִשכּן, דאָס ערשטע, וואָס אין אים איז געווען די
מנורה, און דער שולחן, און דאָס לֶחֶם־הַפָּנים; און גערופֿן האָט מען
עס מָקום־קָדוש. 3 און הינטער דעם צווייטן פָּרוֹכֶת דאָס מִשכּן, וואָס
ווערט אָנגערופֿן קָדשי־קָדשים; 4 וואָס האָט געהאַט אַ גילדענעם מִזבֵּחַ
פֿאַר קטוֹרֶת און דעם אֲרוֹן־הַבּרית, באַדעקט אַרום און אַרום מיט
גאָלד, וואָס אין אים איז געווען אַ גילדענער קרוג מיט דעם מָן
דערינען, און אַהרֹנס שטעקן, וואָס האָט געבליט, און די לוחות־
הַבּרית; 5 און איבּער אים די כּרובֵי־הַכָּבוד, וואָס האָבן באַשאָטנט דאָס
כַּפּוֹרֶת; פֿון די דאָזיקע זאַכן קענען מיר אַצינד ניט רעדן באַזונדער.
6 און נאָכדעם, ווי די דאָזיקע זאַכן זענען געווען אַזוי אָנגעבּרייט, גייען
די כֹּהַנים כּסֵדר אַריין אין דעם ערשטן מִשכּן צו טאָן די עַבודות; 7 אין
דעם צווייטן אָבּער, דער כֹּהן־גָדול אַליין, איינמאָל אין דעם יאָר, ניט
אָן בלוט, וואָס ער איז מַקריב פֿאַר זיך, און פֿאַר די שגָגות פֿון דעם
פֿאָלק. 8 מיט דעם צייכענט דער רוּחַ־הַקוֹדֶש אָן, אַז דער וועג צום
קָדשי־קָדשים איז נאָך ניט געווען אַנטפּלעקט, כָּל־זמַן דער ערשטער
מִשכּן איז נאָך געשטאַנען. 9 דאָס איז אַ מָשל פֿאַר דער הייַנטיקער
צייט; לויט אים איז מען מַקריב מִנחות און זבָחים, וואָס קענען ניט
מַשלים זיין, וואָס איז שַייך דאָס געוויסן פֿון דעם, וואָס טוט די
עַבודה, 10 ווייל זיי זענען בלויז חוקים פֿונוועגן שפּייזן און געטראַנקען
און פֿאַרשידענע טבִילות פֿון דעם פֿלייש, אַרויפֿגעלייגט ביז צו אַ צייט
פֿון תּיקון העוֹלָם.

[1] ירמיה לא, 30-33.

11 אָבער מָשִׁיחַ, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַוויזן אַ כֹּהן־גָדול פון די
גוטע קומענדיקע זאַכן, איז דורך דעם גרעסערן און מער שלֵימותדיקן
מִשכּן, וואָס איז ניט געמאַכט געוואָרן מיט קיין הענט, דאָס הייסט, ניט
פון דעם דאָזיקן באַשאַף, 12 אויך ניט אַפילו דורך דעם בלוט פון בעק
און קעלבער, נייערט דורך זיין אייגענעם בלוט, איז אַריינגעגאַנגען איין
מאָל פאַר אַלעמאָל אין דעם מָקום־קָדוש אַריין, און האָט דערגרייכט
אייביקע גאולה. 13 וואָרים אויב דאָס בלוט פון בעק און אָקסן, און דאָס
אַש פון אַ קאַלב, וואָס איז געשפּרענגט געוואָרן אויף די, וואָס זענען
געווען טָמא, האָט געהייליקט צו דער ריינקייט פון דעם פלייש,
14 אויף וויפל מער וועט דאָס בלוט פון מָשִיחַן, וואָס האָט דורך דעם
אייביקן גייסט זיך מַקריב געווען אָן אַ מום צו גאָט, רייניקן אייער
געוויסן פון טויטע מאַעשׂים, צו דינען דעם לעבעדיקן גאָט?
15 צוליב דער דאָזיקער סִיבּה איז ער דער מֵליץ פון אַ נייעם בונד, כּדי אַ
טויט, וואָס איז געשען פונוועגן דער אויסלייזונג פון די עֲבֵירוֹת, וואָס
זענען געווען אונטער דעם ערשטן בונד, זאָלן די, וואָס זענען באַרופן
געוואָרן, מקַבּל זיין די הַבטָחה פון דער אייביקן ירושה. 16 וואָרים וואו
עס איז פאַראַן אַ צַוָאה, דאָרט מוז זיין נייטיק דער טויט פון דעם,
וואָס האָט זי געמאַכט. 17 וואָרים אַ צַוָאה איז אין קראַפט, וואו עס
איז געווען אַ טויט; וואָרים זי האָט ניט קיין האַפט כָּל־זמַן דער, וואָס
האָט זי געמאַכט, לעבט. 18 דעריבער איז אויך דער ערשטער בונד ניט
געהייליקט געוואָרן אָן בלוט. 19 וואָרים נאָכדעם ווי יעדע מִצוָה איז
דורך מֹשהן גערעדט געוואָרן עַל־פּי הַתּוֹרה צום גאַנצן פאָלק, האָט ער
גענומען דאָס בלוט פון קעלבער און בעק, מיט וואַסער און פורפורוואָל
און אֵזוֹב, און האָט באַשפּרענגט סיי דאָס סֵפר און סיי דאָס גאַנצע
פאָלק, 20 אַזוי צו זאָגן: דאָס איז דאָס בלוט פון דעם בונד, וואָס גאָט
האָט אייך געבאָטן.[1] 21 הוּצדעם האָט ער דאָס מִשכּן און די אַלע כֵּלים
פון דער עֲבוֹדה געשפּרענגט מיט דעם בלוט אויף אַן ענלעכן אופן.
22 און לויט דער תּוֹרה, ווערט כּמעט אַלצדינג גערייניקט מיט בלוט,
און אָן פאַרגיסונג פון בלוט איז ניטאָ קיין פאַרגעבונג.[2]
23 עס איז דעריבער נייטיק געווען, אַז די אָפּבילדער פון די הימלישע
זאַכן זאָלן אַזוי גערייניקט ווערן, אָבער די הימלישע זאַכן גופא מיט
בעסערע קָרבָּנוֹת, איידער די דאָזיקע. 24 וואָרים מָשִיחַ איז ניט
אַריינגעגאַנגען אין אַ מִקדש, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט הענט,
געגליכן אין געשטאַלט צו דעם אֶמֶתן, נייערט אין הימל אַריין גופא, צו
ווייזן זיך אַצינד פון אונדזערטוועגן פאַר גאָט; 25 און דאָס ניט כּדי ער
זאָל זיך אַליין

---

[1] שמות כד, 8. [2] ויקרא יז, 11.

אָפט מַקריב זײַן, ווי דער כּהן־גָדול גייט אַרײַן פון יאָר צו יאָר אין דעם
קָדשי־קָדשים מיט בלוט, ניט זײַן אייגנס; 26 אַניט וואָלט ער אָפט
געמוזט לײַדן זינט ששת־ימי־בראשית. אַצינד אָבער איז ער אויפן סוף
פון די צײַטן איין מאָל אַנטפּלעקט געוואָרן, צו בטל מאַכן די זינד
דורך דעם קָרבן פון זיך אַליין. 27 און אַזוי ווי עס איז באַשטימט פאַר די
בני־אדם איין מאָל צו שטאַרבן, און נאָכדעם קומט מִשפּט, 28 אַזוי
וועט אויך מָשיחַ, נאָכדעם ווי ער איז איין מאָל מַקריב געוואָרן צו
טראָגן די זינד פון דעם רַבּים, באַווייזן זיך אַ צווייט מאָל אָן זינד, פאַר
דער ישועה פון די, וואָס וואַרטן אויף אים.
י וואָרים די תּורה, ווײַל זי האָט נאָר אַ שאָטן פון די קומענדיקע גוטע
זאַכן, און ניט דאָס אָפּבילד פון די זאַכן גופא, איז קיינמאָל ניט בִּיכולת
מיט די זעלבע קָרבָּנות, וואָס זיי זענען כּסדר מַקריב יאָר נאָך יאָר,
שלֵמותדיק צו מאַכן די, וואָס גענעענען. 2 אַניט, וואָלט מען דען זיי
ניט אויפגעהערט מַקריב צו זײַן? מַחמת די, וואָס דינען, נאָכדעם ווי
זיי זענען איין מאָל גערייניקט געוואָרן, וואָלטן מער ניט געהאַט דאָס
באַוואוסטזײַן פון זינד. 3 אין יענע קָרבָּנות אָבער איז אַלע יאָר פאַראַן
אַ זֵכר פון זינד. 4 וואָרים עס איז ניט מעגלעך, אַז דאָס בלוט פון אָקסן
און בעק זאָל אַוועקנעמען זינד. 5 בכֵן, בעת ער קומט אין דער וועלט
אַרײַן, זאָגט ער:

זֶבַח און מִנחה האָסטו ניט באַגערט,
נייערט אָ גוף האָסטו צוגעגרייט פאַר מיר.
6 עוֹלָה און חַטָאָה האָסטו ניט פאַרלאַנגט.
7 דעריבער האָב איך געזאָגט: זע, איך בין געקומען,
אין דער מגילה פון דעם סֵפר שטייט געשריבן וועגן מיר,
צו טאָן דײַן רָצון, מײַן גאָט.[1]

8 בעת ער זאָגט אויבן: זבח און מִנחָה, עוֹלָה און חַטָאָה האָסטו ניט
געוואָלט, אויך האָסטו דערין ניט געהאַט קיין וואוילגעפעלן, (וואָס
מען איז זיי מַקריב עַל־פּי התּורה), 9 דעמאָלט האָט ער געזאָגט: זע,
איך בין געקומען, צו טאָן דײַן רָצון. ער שאַפט אָפּ דאָס ערשטע, כּדי
ער זאָל באַפעסטיקן דאָס צווייטע. 10 דורך דעם דאָזיקן רָצון זענען מיר
געהייליקט געוואָרן דורך דעם מַקריב זײַן פון דעם גוף פון יֵשוּעַ
הַמָשיחַ איין מאָל פאַר אַלעמאָל.
11 און יעדער כּהן שטייט טאָג־טעגלעך צו טאָן די עֲבודה און מַקריב
צו זײַן די זעלביקע קָרבָּנות, וואָס קאָנען קיינמאָל

---

[1] תהלים מ, 7-9.

ניט אַוועקנעמען די זינד; 12 ער אָבער, נאָכדעם ווי ער האָט מַקריב געווען
איין קָרבּן פֿאַר זינד אויף אייביק, האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַ דער רעכטער
האַנט פֿון גאָט, 13 און וואַרט פֿון דעמאָלט אָן, ביז זײַנע שׂוֹנאים וועלן
געמאַכט ווערן דאָס פֿוסבענקל פֿון זײַנע פֿיס. 14 וואָרים דורך איין קָרבּן האָט
ער אויף אייביק שלֵמותדיק געמאַכט די, וואָס זענען געהייליקט געוואָרן.
15 און דער רוח־הַקוֹדֶש זאָגט אונדז אויך עֵדות; וואָרים נאָכדעם ווי ער האָט
געזאָגט:

16 דאָס איז דער בּונד, וואָס איך וועל מאַכן מיט זיי
נאָך יענע טעג, זאָגט גאָט:
איך וועל אַרײַנגעבּן מײַן תּוֹרה אין זייער פֿאַרשטאַנד,
און אויף זייער האַרץ וועל איך זי אויפֿשרײַבּן.
17 און זייערע עֲוֹנוֹת און חַטאָים
וועל איך מער ניט געדענקען[1]

18 און וואו עס איז פֿאַראַן פֿאַרגעבּונג פֿון די דאָזיקע, דאָרט איז מער ניטאָ
קיין קָרבּן פֿאַר זינד.
19 דעריבּער, בּרידער, ווײַל מיר האָבּן בּטָחון אַרײַנצוקומען אין מָקום־קָדוש
דורך דעם בּלוט פֿון יֵשוּעַ, 20 דורך דעם נײַעם און לעבּעדיקן וועג, וואָס ער
האָט געהייליקט פֿאַר אונדז דורך דעם פָּרוֹכֶת, דאָס הייסט, דורך זײַן לײַבּ;
21 און ווײַל מיר האָבּן אַ כֹּהן־גָדול איבּער דעם הויז פֿון גאָט, 22 לאָמיר
גענענען מיט אַן אויפֿריכטיק האַרץ אין דער גאַנצקייט פֿון אֱמוּנה, כּדי
אונדזערע הערצער זאָלן זײַן בּאַשפּרענגט און פֿרײַ פֿון אַ בּייז געוויסן, און
אונדזערע לײַבּער זאָלן געוואַשן ווערן מיט ריין וואַסער; 23 לאָמיר זיך האַלטן
פֿעסט אין דער אָפֿענער בּאַקענונג פֿון אונדזער האָפֿענונג, כּדי זי זאָל זיך ניט
טרייסלען, וואָרים געטרײַ איז דער, וואָס האָט מַבטיח געווען; 24 און לאָמיר
טראַכטן צו דערוועקן איינער דעם אַנדערן צו ליבּע און מַעשׂים־טובים, 25 און
ניט פֿאַרלאָזן אונדזער אייגן אײַנזאַמלען זיך אינאיינעם, ווי עס איז בּײַ
עטלעכע דער מִנהג, נייערט לאָמיר מַזהיר זײַן איינער דעם אַנדערן, און אַ סך
מער צוליבּ דעם, ווײַל איר זעט, אַז דער טאָג זיך דערנענטערט.
26 וואָרים אויבּ מיר זינדיקן בּכִּיוון, נאָכדעם ווי מיר האָבּן מקַבּל געווען דאָס
וויסן פֿון דעם אֱמת, דעמאָלט פֿאַרבּלײַבּט ניט מער קיין קָרבּן פֿאַר זינד,
27 נייערט אַ מוֹרָאדיק דערוואַרטן פֿון מִשפּט, און אַ געפֿערלעך פֿייער, וואָס
וועט פֿאַרצערן די ווידערשפּעניקע. 28 דער, וואָס איז עוֹבר תּוֹרת־מֹשה,
ווערט אָן דערבּאַרעמונג געטייט אויף דעם וואָרט פֿון צוויי אָדער דרײַ עֵדות;
29 הײַנט, וואָסער האַרבּערע שטראָף, מיינט איר, איז ווערט דער, וואָס האָט
געטרעטן מיט די פֿיס דעם בֶּן־אֱלֹהִים, און האָט מחַלל געווען דאָס בּלוט פֿון
דעם בּונד, מיט וואָס ער איז געהייליקט געוואָרן,

[1] ירמיה לא, 32, 33.

און געלעסטערט דעם גייסט פֿון חֶסֶד? 30 וואָרים מיר קענען אים, וואָס
האָט געזאָגט: צו מיר געהערט די נקָמה, איך וועל פֿאַרגעלטן. און
ווידער אַמאָל: גאָט וועט מִשפּטן זיין פֿאָלק.[1] 31 עס איז אַ מוֹרֶאדיקע
זאַך אַריינצופֿאַלן אין די הענט פֿון דעם לעבעדיקן גאָט.
32 דערמאָנט אייך אָבער די פֿריערדיקע טעג, אין וועלכע איר זענט
באַלויכטן געוואָרן, און איר האָט דערטראָגן אַ שווערן קאַמף פֿון
ענויִים, 33 טיילווייַז, ווייל איר זענט געוואָרן אַ שוישפּיל דורך חֲרפּות
און צָרות, און טיילווייַז, ווייל איר זענט געוואָרן טיילנעמער מיט די,
וואָס זענען אַזוי באַהאַנדלט געוואָרן. 34 וואָרים איר האָט געהאַט
רַחמָנות אויף די, וואָס זענען געווען אין קייטן, און האָט אָנגענומען
מיט פֿרייד די באַרויבונג פֿון אייער האָב און גוטס, ווייל איר ווייסט,
אַז איר האָט אַ גרעסער פֿאַרמעגן, און אַ באַשטענדיקס. 35 פֿאַרוואַרפֿט
דעריבער ניט אייער בטָחון, וואָס האָט אַ גרויסע פֿאַרגעלטונג.
36 וואָרים איר נייטיקט זיך אין געדולד, כּדי נאָכדעם ווי איר וועט
האָבן געטאָן דעם רָצון פֿון גאָט, זאָלט איר מקַבּל זיין די הַבטָחה.

37 וואָרים נאָך אַ גאַנץ קליינע רֶגע וועט קומען דער,
וואָס קומט, און וועט ניט פֿאַרזאַמען.
38 און מיין צַדיק וועט לעבן דורך אֱמונה;
און אויב ער ציט זיך צוריק,
האָט מיין נשָמה ניט קיין וואוילגעפֿעלן אין אים.[2]

39 מיר זענען אָבער ניט פֿון די, וואָס ציען זיך צוריק צו פֿאַרדאַרבונג,
נייערט פֿון די, וואָס האָבן אֱמונה מַציל צו זיין זייער נשָמה.
יא און אֱמונה איז אַ פֿאַרזיכערונג פֿון זאַכן, אויף וועלכע מע האָפֿט,
אַן איבערצייגונג פֿון זאַכן, וואָס ווערן ניט געזען. 2 וואָרים דערין
האָבן די זקֵנים באַקומען אַן עֵדות, וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן.
3 דורך אֱמונה פֿאַרשטייען מיר, אַז די וועלטן זענען באַשאַפֿן געוואָרן
דורך דעם וואָרט פֿון גאָט, אַזוי, אַז וואָס סע ווערט געזען, איז ניט
געמאַכט געוואָרן פֿון זאַכן, וואָס שיינען צו זיין.
4 דורך אֱמונה האָט הֶבל מַקריב געווען צו גאָט אַ סך אַ בעסערן קָרבּן
ווי קַיִן, דורך וועלכן ער האָט באַקומען אַן עֵדות, אַז ער איז אַ צַדיק,
מַחמת גאָט האָט עֵדות געזאָגט אין שייַכות מיט זיינע מִנחות; און דורך
אים, הַגם ער איז טויט, טוט ער נאָך אַלץ רעדן. 5 דורך אֱמונה איז
חֲנוֹך אַוועקגענומען געוואָרן, כּדי ער זאָל ניט זען דעם טויט; און ער
איז ניט געפֿונען געוואָרן, מַחמת גאָט האָט אים אַוועקגענומען. וואָרים
איידער ער איז אַוועקגענומען געוואָרן, האָט ער באַקומען דאָס עֵדות,
אַז ער איז וואוילגעפֿעלן געוואָרן פֿאַר גאָט. 6 און אָן

[1] דברים 35, 36. [2] חבקוק ב, 3, 4.

אֶמונה איז ניט מעגלעך וואוילגעפֿעלן צו ווערן פֿאַר אים; וואָרים דער,
וואָס גענעענט פֿאַר גאָט, מוז גלייבן, אַז ער עקסיסטירט, און אַז ער איז
אַ פֿאַרגעלטער פֿון די, וואָס זוכן אים.
7 דורך אֶמונה האָט נֹחַ, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרנט געוואָרן פֿון גאָט
בנוגע זאַכן, וואָס מע האָט נאָך ניט געזען, מיט יִראַת־שמים געבויט אַ
תֵּבֶה, מַציל צו זיין זיין הויז; דורך דעם האָט ער פֿאַרמִשפּט די וועלט,
און איז געוואָרן אַ יורש פֿון דער צדקות, וואָס איז פֿון אֶמונה.
8 דורך אֶמונה האָט אַבֿרָהם געפֿאָלגט, בעת ער איז גערופֿן געוואָרן
אַרויסצוגיין צו אַן אָרט, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט באַקומען פֿאַר אַ
ירושה; און ער איז אַרויסגעגאַנגען, הַגם ער האָט ניט געוואוסט
וואוהין ער איז געגאַנגען. 9 דורך אֶמונה איז ער געוואָרן אַ גֵר אין דעם
לאַנד פֿון דער הַבטָחה, ווי אין אַ לאַנד, וואָס איז ניט זיינס, און האָט
געוואוינט אין געצעלטן מיט יִצחָקן און יַעקבֿן, די יורשים מיט אים פֿון
דער זעלבער הַבטָחה; 10 וואָרים ער האָט געוואַרט אויף דער שטאָט,
וואָס האָט יסודות, וואָס איר ארכיטעקט און בוימייַנסטער איז גאָט.
11 דורך אֶמונה האָט אַפֿילו שָׂרָה אַליין געקריגן כּוח טראָגעדיק צו
ווערן, הַגם זי איז שוין געווען אַריבער דער צייט, ווייל זי האָט
געהאַלטן פֿאַר געטריי דעם, וואָס האָט מַבטיחַ געווען. 12 דעריבער איז
אויך אַרויסגעקומען פֿון איינעם, און דער, אַזוי גוט ווי געשטאָרבן,
אַזויפֿיל ווי די שטערן פֿון הימל, און ווי דאָס זאַמד ביים ברעג יַם, ניט
צום ציילן.
13 די אַלע זענען געשטאָרבן אין אֶמונה, הַגם זיי האָבן ניט מקַבל געווען
די הַבטָחות, נאָר האָבן זיי געזען און זיי באַגריסט פֿון דערווייַטנס, און
האָבן מודה געווען, אַז זיי זענען גֵרים און פֿאַרשיקטע אויף דער ערד.
14 וואָרים די, וואָס רעדן אויף אַזאַ אופֿן, מאַכן קלאָר, אַז זיי זוכן אַן
אייגן לאַנד. 15 און וואָלטן זיי געווען געטראַכט פֿון יענעם לאַנד, פֿון
וועלכן זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, וואָלטן זיי געהאַט אַ געלעגנהייט זיך
אומצוקערן. 16 אַצינד אָבער באַגערן זיי אַ בעסער לאַנד, דאָס הייסט, אַ
הימליש. דעריבער שעמט זיך ניט גאָט מיט זיי, גערופֿן צו ווערן זייער
גאָט; וואָרים ער האָט פֿאַר זיי אָנגעברייט אַ שטאָט.
17 דורך אֶמונה האָט אַבֿרָהם, בעת ער איז געפּרואווט געוואָרן,
געבראַכט יִצחָקן צו דער עֲקֵדָה; און ער, וואָס האָט מקַבל געווען די
הַבטָחות, איז געווען גרייט מַקריב צו זיין זיין בֶּן־יָחִיד; 18 צו וועמען
סע איז געזאָגט געוואָרן: אין יִצחָקן זאָל דיין זאָמען גערופֿן ווערן,
19 ווייל ער האָט געקלערט, אַז גאָט איז בּיכולת אים אויפֿצוּוועקן
אַפֿילו פֿון די טויטע, פֿונוואַנען ער האָט אים אויך בּדֶרֶך מָשָל צוריק
באַקומען. 20 דורך אֶמונה האָט יִצחָק געבענטשט יַעקבֿן און

עֵשָׂון, אַפילו בנוֹגע זאַכן, וואָס האָבן געדאַרפט געשען. 21 דורך אֱמונה האָט
יַעקֹב, ביים שטאַרבן געבענטשט יעדן פון יוֹספס זין, און האָט זיך געבוקט
אויף דעם קאָפּ פון זיין שטעקן. 22 דורך אֱמונה האָט יוֹסף, בעת זיין סוֹף איז
געווען נאָענט, דערמאָנט פונוועגן דעם יְצִיאַת־מִצרַיִם פון די בּנֵי־יִשׂרָאֵל, און
האָט בּאַפוילן בנוֹגע זיינע ביינער.

23 דורך אֱמונה איז משה, נאָכדעם ווי ער איז געבוירן געוואָרן, געווען
פאַרבאָרגן פון זיינע עלטערן דריי חֳדָשים, וואָרים זיי האָבן געזען, אַז ער איז
אַ שיין קינד; און זיי האָבן ניט מוֹרא געהאַט פאַר דעם מֶלֶכס באַפעל.
24 דורך אֱמונה האָט משה, בעת ער איז אויסגעוואַקסן, זיך אָפּגעזאָגט
גערופן צו ווערן דער זון פון פַּרעֹהס טאָכטער, 25 און האָט ליבער
אויסדערוויילט צו ליידן מיט דעם פאָלק פון גאָט, איידער הֲנאָה צו האָבן
אויף אַ צייט פון תַּענוגים פון זינד, 26 מַחמת ער האָט פאַררעכנט די חֶרפּה
פון מָשיחַן פאַר אַ גרעסער עֲשירות איידער די אוֹצרות פון מִצרַיִם; וואָרים
ער האָט פאָראויסגעזען דעם שׂכַר. 27 דורך אֱמונה האָט ער פאַרלאָזן מִצרַיִם,
און ניט מוֹרא געהאַט פאַר דעם גרימצאָרן פון דעם מֶלך; וואָרים ער האָט
דערטראָגן, ווי ער וואָלט געזען אים, וועמעס פּנים מע קען ניט זען. 28 דורך
אֱמונה האָט ער געהאַלטן פּסח, און דאָס שפּרענגען פון דעם בלוט, כּדי דער
מַשחית פון די בּכוֹרים זאָל זיי ניט אָנרירן.

29 דורך אֱמונה זענען זיי דורכגעגאַנגען דעם יַם־סוף ווי דורך יַבָּשה; וואָס די
מִצרים, בעת זיי האָבן דאָס געפּרואווט צו טאָן, זענען זיי דערטרונקען
געוואָרן. 30 דורך אֱמונה זענען די מויערן פון יריחוֹ איינגעפאַלן, נאָכדעם ווי
זיי זענען אַרומגערינגלט געוואָרן זיבן טעג. 31 דורך אֱמונה איז רָחָב־הַזוֹנה
ניט אומגעקומען מיט די, וואָס זענען געווען ווידערשפּעניק, ווייל זי האָט
אויפגענומען די מרַגלים בשָלום.

32 און וואָס נאָך זאָל איך זאָגן? וואָרים סע וועט מיר אויספעלן צייט, אויב
איך וועל דערציילן פון גִדעוֹנען, בָּרָקן, שִמשוֹנען, יִפתָּחן, פון דָוִדן און
שמוּאֵלן און די נביאים, – 33 וואָס האָבן דורך אֱמונה אונטערטעניק
געמאַכט מלוכות, האָבן געטאָן צדקות, האָבן מקַבּל געווען הַבטָחות, האָבן
פאַרשטאָפּט די מיילער פון לייבן, 34 האָבן פאַרלאָשן די קראַפט פון פייער,
זענען אַנטרונען די שאַרף פון דער שווערד, פון שוואַכקייט זענען זיי
געמאַכט געוואָרן שטאַרק, זענען געוואָרן גיבּוֹרים אין מִלחָמה, האָבן
פאַריאָגט פרעמדע חַילות. 35 ווייבער האָבן באַקומען זייערע טויטע דורך
תּחִיַת־הַמֵתים; און אַנדערע זענען געפּייניקט געוואָרן, און האָבן ניט
אָנגענומען זייער אויסלייזונג, כּדי זיי זאָלן זוֹכה זיין אַ בעסער תּחִיַת־הַמֵתים.
36 אַנדערע האָבן איבערגעטראָגן שפּאָט און מַלקות, און אַפילו קייטן און
תּפיסה. 37 זיי זענען פאַרשטיינט געוואָרן, זיי האָבן אויסגעשטאַנען נסיוֹנות,
זיי זענען פונאַנדער־געזעגט געוואָרן, זיי זענען געטייט געוואָרן מיט

דער שווערד; זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין שאָפֿנפֿעלן און ציגנפֿעלן,
זיי זענען געווען פֿאַרלאָזן, געפּייַניקט, שלעכט באַהאַנדלט – 38 וואָס
די וועלט איז זיי ניט ווערט געווען – זיי האָבן געוואָגלט אין מִדבָּריות
און בערג, און אין היילן און לעכער פֿון דער ערד.
39 און די אַלע, הַגַם זיי האָבן געהאַט דאָס עֵדות, וואָס איז זיי געגעבן
געוואָרן דורך אֱמונה, האָבן ניט מְקַבל געווען די הַבטָחה, 40 ווייל גאָט
האָט אָנגעגרייט עפּעס אַ בעסערע זאַך פֿון אונדזערטוועגן, כּדי אָן
אונדז זאָלן זיי ניט ווערן שלֵימותדיק.
יב דעריבער, ווייל מיר זענען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ גרויסן וואָלקן
עֵדות, לאָמיר אַוועקלייגן יעדע מַשׂא, און די זינד, וואָס באַהעפֿט זיך צו
אונדז, און לאָמיר לויפֿן מיט געדולדיקייט דעם וועטלויף, וואָס ליגט
פֿאַר אונדז, 2 און קוקן אויף יֵשוּעַן, דעם ראָש און מַשלים פֿון אונדזער
אֱמונה, וואָס צוליב דער שׂמחה, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פֿאַר אים,
האָט ער דערטראָגן דעם צלָב, האָט פֿאַראָפּשייַט די חַרפּה, און האָט
זיך אַנידערגעזעצט ביי דער רעכטער האַנט פֿון דעם כִּסֵא־אֱלֹהִים.
3 וואָרים באַטראַכט אים, וואָס האָט דערטראָגן אַזאַ סתִירה פֿון זינדיקע
קעגן זיך, כּדי איר זאָלט ניט ווערן מיד און אָפּגעשוואַכט אין אייערע
נשָמות. 4 איר האָט זיך נאָך ניט אנטקייגנגעשטעלט ביז בלוט אין דעם
קאַמף קעגן זינד, 5 און איר האָט פֿאַרגעסן די וואָרענונג, וואָס טוט
אייַנטַענהן מיט אייך ווי מיט קינדער:

מייַן זון, האַלט ניט גרינג דעם מוסר פֿון גאָט,
פֿאַל ביי זיך ניט אַראָפּ, בעת דו ווערסט פֿון אים געמוסרט;
6 וואָרים וועמען גאָט האָט ליב, דעם מוסרט ער,
און שמייסט יעדן זון, וועמען ער איז מקַבל.[1]

7 עס איז צוליב דעם מוסר, וואָס איר דערטראָגט; גאָט פּריט זיך אויף
מיט אייך ווי מיט זין; וואָרים וואָסער זון איז עס, וועמען זיין פֿאָטער
טוט ניט מוסרן? 8 אויב אָבער איר ווערט ניט געמוסרט, וואָס אין דעם
זענען אַלע טיילנעמער, דעמאָלט זענט איר מַמזֵרים, און ניט קיין זין.
9 נאָך מער, מיר האָבן געהאַט לייַבלעכע פֿאָטערס אונדז צו מוסרן, און
מיר האָבן זיי אָפּגעגעבן כָּבוד; צי זאָלן מיר ניט אַ סַך ליבער
אונטערטעניק זיין צו דעם פֿאָטער פֿון די גייַסטער, און לעבן?
10 וואָרים זיי האָבן אונדז געמוסרט אויף אַ קורצער צייט, לויט ווי זיי
האָבן עס געהאַלטן פֿאַר נייטיק, ער אָבער טוט עס פֿאַר אונדזער נוצן־
וועגן, כּדי מיר זאָלן זיין טיילנעמער פֿון זיין הייליקייט. 11 יעדער מוסר
זעט אויס, בעת ער קומט אויף אונדז, צו זיין ניט דערפֿרייענדיק, נייערט
טרויעריק; דאָך

[1] משלי ג, 11, 12.

שפּעטער טראָגט זי פרידלעכע פּֽירות פון רעכטפאַרטיקייט פאַר די, וואָס
לערנען זיך עפּעס דערפון אָפּ.
12 בכֵן, הייבט אויף די הענט, די שלאַפּע, און שטאַרקט די מידע קני,
13 און מאַכט גלייכע שטעגן פאַר אייערע פיס, כדי דער לאָמער זאָל ניט
אָפּקערן פון וועג, נייערט זאָל ליבער געהיילט ווערן. 14 יאָגט זיך נאָך
שָלום מיט אַלע מענטשן, און דער הייליקונג, אָן וועלכער קיינער וועט
ניט זען דעם האַר. 15 און גיט אַכטונג, אַז קיינער זאָל ניט געמינערט
ווערן אין דעם חֶסֶד פון גאָט, און אַז סע זאָל ניט אויפשפּראָצן אַ וואָרצל
פון ביטערקייט און אייך באַשווערן, און דורכדעם מטַמא מאַכן דעם
רַבּים; 16 אַז קיינער זאָל ניט זיין קיין נואף, אָדער אַן אומווערדיקער
מענטש ווי עֵשָׂו, וואָס האָט פאַר אַ געקעכץ פאַרקויפט זיין בכוֹרה.
17 וואָרים איר ווייסט, אַז בעת ער האָט שפּעטער שוין באַגערט צו אַרבן
די בּרָכה, איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן; וואָרים ער האָט שוין ניט געפונען
קיין תּשובה, הַגַם ער האָט זי געזוכט מיט טרערן.
18 וואָרים איר זענט ניט געקומען צו קיין באַרג, וואָס מע קאָן אָנרירן, און
וואָס ברענט מיט פייער, און צו שוואַרצקייט, און חַשכות און
שטורעמווינט, 19 און דעם שאַלן פון אַ שופר, און דעם קול פון רייד,
וואָס די, וואָס האָבן געהערט, האָבן געבעטן, אַז מע זאָל צו זיי מער ניט
רעדן. 20 וואָרים זיי האָבן ניט געקאָנט דערטראָגן דאָס, וואָס איז געבאָטן
געוואָרן: אויב אַפילו אַ בהֵמה רירט אָן דעם באַרג, זאָל מען זי
פאַרשטיינען. 21 און די זעאונג איז געווען אַזוי מורֶאדיק, אַז משה האָט
געזאָגט: איך האָב זייער מורא און ציטער. 22 נאָר איר זענט געקומען צום
באַרג צִיון, און צו דער שטאָט פון דעם לעבעדיקן גאָט, דעם הימלישן
ירושָלַיִם, און צו אומצייליקע חַיָלות מַלאָכים, 23 צו דער כּנֶסֶת־הַגדולה
און קהִילה פון די בכורים, וואָס זענען פאַרשריבן אין הימל, און צו גאָט,
דעם שופט פון אַלע, און צו די גייַסטער פון צַדיקים גמורים, 24 און צו
יֵשועַן, דעם מֵליץ פון אַ נייעם בונד, און צו דעם בלוט פון שפּרענגען,
וואָס רעדט פון עפּעס בעסערס, ווי דאָס בלוט פון הֶבלען.
25 זעט, אַז איר זאָלט זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם, וואָס רעדט. וואָרים אויב
זיי זענען ניט אַנטרונען, בעת זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם, וואָס
האָט זיי מַזהיר געווען אויף דער ערד, אַ סַך מער וועלן מיר ניט
אַנטרונען, אויב מיר קערן אָפּ פון דעם, וואָס טוט מַזהיר זיין פון הימל,
26 וועמעס קול האָט אַמאָל געמאַכט ציטערן די ערד. אַצינד אָבער האָט
ער מַבטִיחַ געווען, אַזוי צו זאָגן: איך וועל נאָכאַמאָל מאַכן ציטערן ניט
נאָר די ערד, נייערט אויך דעם הימל.[1] 27 און דאָס דאָזיקע וואָרט:
נאָכאַמאָל, באַצייכנט דאָס איבערשטעלן

[1] חגי ב, 6.

פון יענע זאַכן, וואָס טרייסלען זיך, ווי זאַכן, וואָס זענען געמאַכט
געוואָרן, כּדי דאָס, וואָס טרייסלט זיך ניט, זאָל פֿאַרבלײַבן. 28 בכן,
ווייל מיר זענען מקבל אַ מלכות, וואָס קאָן זיך ניט טרייסלען, לאָמיר
זיין דאַנקבאַר, און דינען מיט וואוילגעפעלן פאַר גאָט, מיט
פאָרכטיקייט און פּחד; 29 וואָרים אונדזער גאָט איז אַ פאַרצערנדיק
פייער.
יג זאָל די ברידערלעכע ליבע באַשטיין. 2 פאַרגעסט ניט די הכנסת־
אורחים; וואָרים דורך דעם האָבן עטלעכע, ניט וויסנדיק, מכניס־אורח
געווען מלאָכים. 3 געדענקט די, וואָס זענען אין קייטן, ווי געבונדן מיט
זיי; און די, וואָס ווערן שלעכט באַהאַנדלט, ווייל איר אַליין זענט אויך
אין דעם גוף. 4 זאָל דאָס חתונה האָבן געהאַלטן ווערן בכּבוד צווישן
אַלע, און זאָל דאָס בעט ניט מטמא ווערן; וואָרים די צעלאָזענע און
נואפים וועט גאָט משפּטן. 5 זייט פריי פון דער ליבע צו געלט, און
זייט צופרידן מיט דעם, וואָס איר האָט; וואָרים ער אַליין האָט
געזאָגט: איך וועל דיך באַין־אופן ניט פאַרוואַרפן, איך וועל דיך אויך
באַין־אופן ניט פאַרלאָזן.[1] 6 אַזוי, אַז מיט פריילעכן בטחון זאָגן מיר:

השם־יתברך איז מיין העלפער,
איך וועל ניט מורא האָבן;
וואָס קאָן אַ מענטש מיר טאָן?[2]

7 געדענקט אייערע מנהיגים, וואָס האָבן צו אייך גערעדט דאָס וואָרט
פון גאָט; באַטראַכט דעם תּכלית פון זייער לעבן, און מאַכט נאָך זייער
אמונה. 8 ישוע המשיח איז דער זעלבער נעכטן, און היינט, ולעולמי
עולמים. 9 לאָזט זיך ניט פאַרפירן דורך פאַרשידענע און פרעמדע
לערנונגען; וואָרים עס איז גוט, אַז דאָס האַרץ זאָל באַפעסטיקט ווערן
דורך חסד, ניט דורך מאַכלים, פון וואָס די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען
מיט דעם, האָבן ניט געהאַט קיין געווינס. 10 מיר האָבן אַ מזבח, פון
וואָס די, וואָס באַדינען דעם משכּן, האָבן ניט קיין רעכט צו עסן.
11 וואָרים די לייבער פון יענע בהמות, וועמעס בלוט סע ווערט
געבראַכט אין מקום־קדוש אַריין דורך דעם כּהן־גדול ווי אַ קרבן פאַר
זינד, ווערן פאַרברענט מחוץ־למחנה. 12 איבערדעם האָט אויך ישוע
געליטן אויסער דעם טויער, כּדי ער זאָל הייליקן דאָס פאָלק דורך זיין
אייגן בלוט. 13 לאָמיר דעריבער אַרויסגיין צו אים מחוץ־למחנה צו
טראָגן זיין חרפּה.[3] 14 וואָרים דאָ האָבן מיר ניט קיין פאַרבלייבנדיקע
שטאָט, נייערט מיר זוכן די שטאָט, וואָס דאַרף ערשט

[1] דברים לא, 6, 8. [2] תהלים קיח, 6. [3] ויקרא טז, 27.

קוּמען. 15 בכֵן, לאָמיר דוּרך אים תָּמיד מַקריב זיין אַ קָרבּן פון לויב צוּ
גאָט, דאָס הייסט, די פרוּכט פון לעפצן, וואָס זענען מוֹדה צוּ זיין
נאָמען.[1] 16 פאַרגעסט אָבער ניט צוּ טאָן גוּטס, אוּן זיך צוּ טיילן מיט
אַנדערע, וואָרים אַזעלכע קָרבָּנות ווערן וואוילגעפעלן פאַר גאָט.
17 געהאָרכט אייערע מַנהִיגים, אוּן זייט זיי אוּנטערטעניק, וואָרים זיי
וואַכן איבער אייערע נשָמות, ווי די, וואָס וועלן דאַרפן אָפּגעבן
חֶשבּון, כדי זיי זאָלן דאָס טאָן מיט פרייד, אוּן ניט מיט צַער; וואָרים
דאָס וואָלט געווען פאַר אייך אָן נוּצן.
18 זייט מִתפַּלֵל פאַר אוּנדז; וואָרים מיר זענען איבערצייגט, אַז מיר
האָבן אַ גוּט געוויסן, ווייל מיר באַגערן צוּ לעבן ערלעך אין אַלצדינג.
19 אוּן איך בעט אייך נאָך אַ סַך מערער דאָס צוּ טאָן, כדי איך זאָל צוּ
אייך וואָס גיכער צוּריקגעגעבן ווערן.
20 אוּן דער גאָט פון שָלום, וואָס האָט צוּריקגעבראַכט פון די טויטע
אוּנדזער האַר יֵשוּעַ, דעם גרויסן פאַסטעך פון די שאָף, דוּרך דעם
בלוּט פון דעם אייביקן בוּנד, 21 זאָל אייך מאַכן תָּמים אין יעדער גוּטער
זאַך צוּ טאָן זיין רָצון, בעת ער ווירקט אין אייך דאָס, וואָס איז
וואוילגעפעליק פאַר אים דוּרך יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, צוּ וועמען סע זאָל זיין
דער כָּבוד לעולמי עולמים. אָמֵן.
22 אוּן איך בעט אייך, ברידער, אַז איר זאָלט אָננעמען דאָס דאָזיקע
מוּסר־וואָרט; וואָרים איך האָב אייך געשריבן בקִיצור. 23 זייט וויסן, אַז
אוּנדזער בריוּדער טימאָטעאוּס איז באַפרייט געוואָרן; מיט אים, אויב
ער וועט בקָרוב קוּמען, וועל איך אייך זען.
24 גריסט אַלע אייערע מַנהִיגים, אוּן אַלע הייליקע. די פון איטאַליע
גריסן אייך.
25 דער חֶסֶד זאָל זיין מיט אייך אַלע. אָמֵן.

[1] ויקרא ז, 12; ישעיה נז, 19; הושע יד, 2.

דער בריוו פון יַעקבֿן

א יַעקבֿ, אַ קנעכט פון גאָט און פון דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, צו די
צוועלף שבָטים, וואָס זענען אין גָלות: שָלום!
2 פאַררעכנט עס פאַר לויטער פרייד, מיינע ברידער, בעת איר פאַלט
אַריין אין כָּלערליי נִסיונות, 3 ווייל איר ווייסט, אַז דאָס אויספּרוּאוון
פון אייער אֶמונה פירט צו געדולדיקייט. 4 נאָר זאָל געדולדיקייט האָבן
איר שלֵימותדיקע ווירקונג, כּדי איר זאָלט זיין שלֵימותדיק און תָּמים,
און סע זאָל אייך גאָרניט פעלן.
5 אויב אָבער עמיצן פון אייך פעלט חָכמה, זאָל ער בעטן ביי גאָט,
וואָס גיט אַלעמען מיט אַ פולער האַנט, און מאַכט ניט צו שאַנד, און
סע וועט אים געגעבן ווערן. 6 זאָל ער אָבער בעטן אין אֶמונה, און ניט
מסופק זיין; וואָרים דער, וואָס איז מסופק, איז ווי די כוואַליע פון יַם,
געטריבן פון דעם ווינט און געשלײַדערט. 7 וואָרים יענער מענטש זאָל
ניט מיינען, אַז ער וועט עפּעס באַקומען פון גאָט; 8 ער איז אַ
וואַקלדיקער מענטש, און ניט שטאַנדהאַפטיק אין אַלע זיינע וועגן.
9 זאָל אָבער דער ברודער פון שָפלן שטאַנד זיך רימען אין זיין
דערהויבענער מַדרֵגה; 10 און דער עושר מיט דעם, וואָס ער ווערט
שָפל; מַחמת ווי די בלום פון דעם גראָז וועט ער פאַרגיין. 11 וואָרים די
זון גייט אויף מיט איר היץ, און דאָס גראָז פאַרוועלקט, און די בלום
דערפון פאלט אַראָפּ, און דער חֵן פון איר געשטאַלט גייט פאַרלוירן;
אַזוי וועט אויך דער עושר פאַרוועלקן אין זיינע וועגן.
12 וואויל איז דעם מענטשן, וואָס האַלט אויס אַ נסָיון; וואָרים בעת ער
ווערט באַוויליקט, וועט ער באַקומען די קרוין פון לעבן, וואָס גאָט
האָט צוגעזאָגט צו די, וואָס האָבן אים ליב. 13 זאָל קיינער ניט זאָגן,
בעת ער ווערט געפּרוּאווט, איך בין געפּרוּאווט געוואָרן פון גאָט;
וואָרים גאָט קאָן ניט געפּרוּאווט ווערן מיט שלעכטס, און ער אַליין
איז קיינעם ניט מנַסֶה. 14 נייערט יעדער

איינער ווערט געפּרוּווט, בעת ער ווערט גערייצט און פֿאַרפֿירט דורך
זיין אייגענער תּאווה. 15 דעמאָלט טוט די תּאווה, בעת זי ווערט מעוּבּרת,
געבערן זינד; און די זינד, בעת זי וואַקסט אויס, ברענגט דעם טויט.
16 זייט ניט גענאַרט, מיינע געליבטע ברידער. 17 יעדע גוטע מתּנה, און
יעדע שלימותדיקע מתּנה, איז פֿון אויבן, און קומט אַראָפּ פֿון דעם
פֿאָטער פֿון ליכט, בײַ וועמען עס איז ניטאָ קיין שום פֿאַרענדערונג,
אָדער אַ שאָטן וואָס בײַט זיך. 18 פֿון זיין אייגענעם רָצון האָט ער אונדז
געבוירן דורך דעם וואָרט פֿון אמת, כּדי מיר זאָלן זיין אַ מין ביכּורים פֿון
זיינע באַשעפֿענישן.
19 איר ווייסט דאָס, מיינע געליבטע ברידער. זאָל אָבער יעדער מענטש
זיין פֿלינק צו הערן, פּאַמעלעך צום רעדן, און פּאַמעלעך צום
דערצערענען; 20 וואָרים דער צאָרן פֿון אַ מענטשן ווירקט ניט די
רעכטפֿאַרטיקייט פֿון גאָט. 21 בכן, טוט אָפּ פֿון זיך יעדע שמוציקייט
און איבערבלײַב פֿון רִשעות, און זייט מקבּל מיט עניוות דאָס
אײַנגעפֿלאַנצטע וואָרט, וואָס איז בכּוח צו ראַטעווען אייערע נשמות.
22 אָבער זייט טוערס פֿון דעם וואָרט, און ניט בלויז הערערס, וואָס נאַרן
זיך אַליין אָפּ. 23 וואָרים אויב עמיצער איז אַ הערער פֿון דעם וואָרט, און
ניט קיין טוער, איז ער געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס זעט זיין לײַבלעך
פּנים אין אַ שפּיגל; 24 וואָרים ער זעט זיך אַליין, און גייט אַוועק, און
פֿאַרגעסט תּיכּף וואָסער מין מענטש ער איז געווען. 25 אָבער דער, וואָס
קוקט אַרײַן אין דער שלימותדיקער תּורה, די תּורה פֿון פֿרײַהייט, און
בלייבט דערין, און וואָס איז ניט קיין הערער, וואָס פֿאַרגעסט, נייערט אַ
טוער, וואָס ווירקט, וועט אים זיין וואויל אין זיין טוּאונג.
26 אויב עמיצער מיינט, אַז ער איז פֿרום, און צאַמט ניט זיין צונג, נאַרט
ער זיין האַרץ, און זיין פֿרומקייט איז פּוסט. 27 אַ ריינע און
אומבאַפֿלעקטע פֿרומקייט פֿאַר אונדזער גאָט און פֿאָטער איז דאָס:
מנחם־אָבל צו זיין יתומים און אַלמנות אין זייערע צָרות, און צו האַלטן
זיך אומבאַפֿלעקט פֿון דער וועלט.
ב מיינע ברידער, האַלט ניט די אמונה פֿון אונדזער האַר ישוע המשיח,
דעם האַר פֿון כּבוד, מיט נשׂיאת־פּנים. 2 וואָרים אויב סע קומט אַרײַן אין
אייער שול אַ מענטש מיט גילדענע רינגען, און שיינע מלבושים, און סע
קומט אויך אַרײַן אַן אָרעמאַן אין אָפּגעריסענע מלבושים, 3 און איר
קוקט מיט חן אויף דעם, וואָס טראָגט די שיינע מלבושים, און זאָגט:
דו זיץ דאָ, אויף דעם בּכבודיקן פּלאַץ; און צו דעם אָרעמאַן זאָגט איר:
דו שטיי דאָרט, אָדער זיץ אונטער מיין פֿוסבענקל. 4 צי טוט איר ניט
מאַכן קיין חילוק

צווישן אייך אַליין, און ווערט שופֿטים מיט בייזע מַחשָבות? 5 האָרכט,
מיינע געליבטע ברידער: צי האָט גאָט ניט אויסדערוויילט די אָרעמע
פֿון דער וועלט, צו זיין רייך אין אֱמונה און יורשים פֿון דעם מַלכות,
וואָס ער האָט מַבטיח געווען פֿאַר די, וואָס האָבן אים ליב? 6 איר
אָבער האָט מַבֿזה געווען דעם אָרעמאַן. צי באַדריקן אייך ניט די
עֲשירים, און שלעפּן זיי אייך ניט פֿאַר דעם בֵּית־דִין? 7 צי טוען זיי ניט
לעסטערן דעם חָשובן נאָמען, מיט וועלכן איר ווערט אָנגערופֿן?
8 אויב איר זענט טאַקע מקַיים דאָס קעניגלעכע געזעץ, לויט דער
תּוֹרה: דו זאָלסט ליב האָבן דיין חַבר ווי זיך אַליין,[1] טוט איר גוט;
9 אויב אָבער איר זענט נושׂא־פָּנים, באַגייט איר אַ זינד, און ווערט
פֿאַרמִשפּט דורך דער תּוֹרה ווי בַּעלי־עֲבֵירה. 10 וואָרים ווער סע וועט
מקַיים זיין די גאַנצע תּוֹרה, נאָר וועט אויף עפּעס עוֹבר זיין, האָט ער
עוֹבר געווען אויף אַלע מִצוות. 11 וואָרים דער, וואָס האָט געזאָגט: דו
זאָלסט ניט מזַנה זיין, האָט אויך געזאָגט: דו זאָלסט ניט טייטן.[2]
היינט, אויב דו ביסט ניט מזַנה, נייערט טייטסט, האָסטו עוֹבר געווען
אויף דער תּוֹרה. 12 אַזוי רעדט און אַזוי טוט, ווי מענטשן, וואָס דאַרפֿן
געמִשפּט ווערן דורך דער תּוֹרה פֿון פֿרייַהייט. 13 וואָרים דער מִשפּט
איז אָן רַחמָנות פֿאַר דעם, וואָס האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין רַחמָנות;
רַחמים טוט זיך רימען קעגן דִין.
14 וואָס נוצט עס, מיינע ברידער, אויב אַ מענטש זאָגט, ער האָט
אֱמונה, נאָר ער האָט ניט קיין מַעשׂים? צי קאָן אים זיין אֱמונה
העלפֿן? 15 אויב אַ ברודער, אָדער שוועסטער איז נאַקעט, און עס
פֿעלט זיי אין טעגלעכער שפּייז, 16 און איינער פֿון אייך זאָגט צו זיי:
גייט בשָלום; זייט אָנגעוואַרעמט און געזעטיקט; און איר גיט זיי ניט
די זאַכן, וואָס זענען נייטיק פֿאַר דעם לייַב, וואָס טוט עס נוצן?
17 אויך אַזוי איז אֱמונה, אויב זי האָט ניט קיין מַעשׂים, איז זי טויט פֿון
זיך אַליין.
18 עמיצער וועט אָבער זאָגן: דו האָסט אֱמונה, און איך האָב מַעשׂים;
ווייז מיר דיין אֱמונה אָן דיינע מַעשׂים, און איך, דורך מייען מַעשׂים,
וועל דיר ווייזן מיין אֱמונה. 19 דו גלויבסט, אַז גאָט איז איינער; דו
טוסט גוט. די טייַוולאָנים גלויבן אויך, און ציטערן. 20 ווילסטו אָבער
וויסן, דו נאַרישער מענטש, פֿאַרוואָס אֱמונה אָן מַעשׂים איז טויט?
21 צי איז אַבֿרָהם־אָבינו ניט גערעכטפֿאַרטיקט געוואָרן דורך מַעשׂים,
בעת ער האָט מַקריב געווען זיין זון יִצחָקן אין דער עקידה? 22 דו
זעסט, אַז אֱמונה האָט געווירקט מיט זיינע מַעשׂים,

[1] ויקרא יט, 18. [2] שמות כ, 13.

און דורך מַעשׂים איז פֿולקאָם געוואָרן די אֶמונה. 23 און מקוים געוואָרן
איז דער פּסוק, וואָס זאָגט: און אַברָהם האָט געגלויבט גאָט, און עס איז
אים פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר רעכטפֿאַרטיקייט, און ער איז גערופֿן
געוואָרן דער פֿריינט פֿון גאָט.[1] 24 איר זעט, אַז דורך מַעשׂים ווערט אַ
מענטש גערעכטפֿאַרטיקט, און ניט נאָר דורך אֶמונה. 25 איז דען ניט
רָחָב־הַזוֹנָה אויך אַזאַ אופֿן גערעכטפֿאַרטיקט געוואָרן דורך מַעשׂים, ווען
זי האָט אויפֿגענומען די מרַגלִים, און האָט זיי אַרויסגעשיקט מיט אַן
אַנדערן וועג?[2] 26 וואָרים אַזוי ווי דער גוף אָן דער נשָמה איז טויט, אַזוי
אויך איז אֶמונה אָן מַעשׂים טויט.

ג זאָלן קיין סַך פֿון אייך ניט ווערן קיין לערערס, מיינע ברידער, ווייל איר
ווייסט, אַז מיר וועלן קריגן אַ שווערערן מִשפּט. 2 וואָרים אין אַ סַך זאַכן
ווערן מיר אַלע נִיכשל. אויב עמיצער ווערט ניט נִיכשל אין זיינע רייד,
דער איז אַן אִיש תָּמים, און איז בכּוח צו צאַמען זיין גאַנצן גוף. 3 און אויב
מיר לייגן אַריין צייַמלעך אין די מיילער פֿון פֿערד, כּדי זיי זאָלן אונדז
פֿאָלגן, פֿירן מיר אויך זייער גאַנצן לייַב. 4 זע, אויך די שיפֿן, הַגַם זיי
זענען אַזוי גרויס און ווערן געטריבן פֿון שטאַרקע ווינטן, דאָך ווערן זיי
אַרומגעפֿירט פֿון זייער אַ קליינעם רודער, וואוהין דער שטייַערמאַן וויל.
5 אַזוי איז אויך די צונג אַ קליינער אֵבר, און טוט זיך רימען מיט גרויסע
זאַכן. זע, סאַראַ גרויסער וואַלד ווערט אונטערגעצונדן דורך אַ קליין
פֿייער! 6 און די צונג איז אַ פֿייער; אַ וועלט פֿון אומגערעכטיקייט צווישן
אונדזערע אֵברים איז די צונג, וואָס באַפֿלעקט דעם גאַנצן לייַב, און
צינדט אונטער דאָס ראָד פֿון לעבן, און ווערט אונטערגעצונדן פֿון
גיהֶנום. 7 וואָרים יעדער מִין פֿון בהֵמות און עופֿות, פֿון שרצים און חַיות
פֿון דעם יַם, ווערט געצאַמט און איז געצאַמט געוואָרן דורך דעם
מענטשלעכן מִין. 8 אָבער די צונג קאָן קיין מענטש ניט צאַמען – זי איז
אַן אומרואיק שלעכטס, פֿול מיט סַם־הַמָוות. 9 מיט איר בענטשן מיר
גאָט, דעם פֿאָטער, און מיט איר שעלטן מיר מענטשן, וואָס זענען
געמאַכט אין דעם צֶלֶם־אֱלֹהִים. 10 פֿון דעם זעלבן מויל קומט אַרויס
בּרָכה און קלָלה. מיינע ברידער, אַזוי דאַרף עס ניט זיין. 11 צי טוט דער
קוואַל אַרויסשפּרודלען פֿון דער זעלבער עפֿענונג זיס וואַסער און
ביטערס? 12 צי קאָן אַ פֿייַגנבוים, מיינע ברידער, טראָגן אייֵלבערטן,
אָדער אַ וויַינשטאָק פֿייגן? אויך קאָן אַ זאַלצקוואַל ניט אַרויסגעבן קיין
זיס וואַסער.

13 ווער צווישן אייך איז אַ חָכָם און אַ מֵבין? זאָל ער ווייזן מיט זיין גוטער
פֿירונג זיינע מַעשׂים אין עַניוות פֿון חָכמה. 14 אויב אָבער איר טראָגט
ביטערע קִנאה און שׂנאה

---

[1] בראשית טו, 6; ישעיה מא, 8; דברי הימים ב׳ כ, 7. [2] יהושע ב, 1-21.

אין אייער האַרץ, טאָ רימט אייך ניט און זייט ניט פאַלש צום אֶמת.
15 די דאָזיקע חָכמה קומט ניט אַראָפּ פון אויבן, נייערט איז ערדיש,
תַּאוֶוהדיק, טייַוולאָניש. 16 וואָרים וואו עס איז קִנאה און שִׂנאה,
דאָרט איז מהומה און אַלדאָס־בייז. 17 די חָכמה אָבער, וואָס איז פון
אויבן, איז קודם־כָּל לויטער, דערנאָך פרידלעך, איידעל, גרינג צום
איבערבעטן, פול מיט רחמים און גוטע פֵּירות, אָן ספֵקות, אָן חַניפה.
18 און די פרוכט פון גערעכטיקייט ווערט געזייט אין שָלום פון די,
וואָס מאַכן שָלום.

ד פונוואַנען קומען מִלחָמות, און פונוואַנען קומען געשלעגן צווישן
אייך? צי קומען זיי ניט פון אייערע תַּאוות, וואָס פירן מִלחָמה אין
אייערע אֵברים? 2 איר גלוסט, און האָט ניט; איר הַרגעט, און זענט
מקַנא, און קאָנט עס ניט דערגרייכן; איר שלאָגט זיך און פירט
מִלחָמה; איר האָט ניט, מַחמת איר בעט ניט. 3 איר בעט, און באַקומט
ניט, מַחמת איר בעט שלעכט, כּדי איר זאָלט עס אויסברענגען אין
אייערע פאַרגעניגנס. 4 איר אויסגעלאַסענע! צי ווייסט איר ניט, אַז די
פרייַנטשאַפט מיט דער וועלט איז פייַנטשאַפט קעגן גאָט? בּכֵן, ווער
סע וועט זיין אַ פריינט פון דער וועלט, מאַכט זיך פאַר אַ שׂונא פון
גאָט. 5 אָדער מיינט איר, אַז דער פָּסוק זאָגט אומזיסט: מיט קִנאה
גאַרט דער גייסט, וואָס ער האָט געמאַכט רוען אין אונדז? 6 ער אָבער
גיט מער חֶסד. איבערדעם זאָגט דער פָּסוק:

גאָט שטעלט זיך קעגן די גַדלנים, און גיט חֵן צו די עֲנָוים.[1]

7 זייט דעריבער אונטערטעניק צו גאָט; און שטעלט אייך אַנטקעגן
דעם שָׂטן, און ער וועט אַנטרינען פון אייך. 8 גענעענט צו גאָט, און ער
וועט גענעענען צו אייך. רייניקט אייערע הענט, איר זינדיקע, און
לייַטערט אייערע הערצער, איר צוויי־הערציקט. 9 פִילט אייער עלנט,
און קלאָגט, און וויינט; זאָל אייער געלעכטער פאַרקערט ווערן אין
קלאָג, און אייער פרייד אין טרויעריקייט. 10 דערנידעריקט אייך פאַר
גאָט, און ער וועט אייך דערהייבן.
11 רעדט ניט איינער קעגן דעם אַנדערן, ברידער. דער, וואָס רעדט קעגן
אַ ברודער, אָדער מִשפּט זיין ברודער, רעדט קעגן דער תּורה, און
מִשפּט די תּורה. היינט,

[1] משלי ג, 34.

אויב דו מִשפּטסט די תּורה, ביסטו ניט איינער, וואָס איז מקַיים די
תּורה, נייערט איר שופט. 12 איינער נאָר איז דער געזעצגעבער און
שופט, דאָס איז דער, וואָס איז בּיכולת מַציל צו זיין און
אומצוברענגען; ווער אָבער ביסטו, וואָס טוסט מִשפּטן דיין חַבר?
13 קומט דאָך, איר, וואָס זאָגט: היינט, אָדער מאָרגן וועלן מיר גיין אין
דער און דער שטאָט אַריין, און פאַרברענגען דאָרט אַ יאָר, און
האַנדלען, און פאַרדינען, 14 הַגַם איר ווייסט ניט וואָס מאָרגן וועט זיין.
וואָס איז אייער לעבן? וואָרים איר זענט אַ נעפּל, וואָס דויערט אַ
ווײַלע, און פאַרשווינדט דערנאָך. 15 אָנשטאָט דעם באַדאַרפט איר
זאָגן: אִם־יִרצֶה־הַשֵם, אַז מיר וועלן לעבן, וועלן מיר דאָס, אָדער דאָס
טאָן. 16 אַצינד אָבער רימט איר אייך אין אייערע באַרימערייַען; אַזאַ מִין
רימען זיך איז שלעכט. 17 בּכֵן, פאַר דעם, וואָס פאַרשטייט צו טאָן
גוטס, און טוט עס ניט, פאַר דעם איז עס א זינד.
ה קומט דאָך, איר רייכע, וויינט און קלאָגט אויף אייערע צָרות, וואָס
קומען איבער אייך. 2 אייער עַשִירות איז פאַרפוילט, און אייערע בּגָדים
זענען צעפרעסן פון מאָיל. 3 אייער גאָלד און זילבער איז
פאַרזשאַווערט, און זייער זשאַווער וועט זיין אַן עֵדות קעגן אייך,
און וועט פאַרצערן אייער פלייש ווי פייער. איר האָט צונויפגעזאַמלט
אייער אוצר אין די לעצטע טעג. 4 זע, דער שׂכַר פון די אַרבעטער, וואָס
האָבן געשניטן אייערע פעלדער, און וואָס איז פון אייך פאַרהאַלטן
געוואָרן, שרייט אויס; און די געשרייען פון די, וואָס האָבן געשניטן,
זענען אַריין אין די אויערן פון יהוה צבָאות. 5 איר האָט וואויל געלעבט
אויף דער ערד, און געהאַט אייערע תַּענוגים; איר האָט פעט געמאַכט
אייערע הערצער ווי אין אַ טאָג פון שחִיטה. 6 איר האָט פאַרמִשפּט,
איר האָט געטייט דעם צַדיק; ער טוט זיך ניט שטעלן קעגן אייך.
7 זייט דערִיבער געדולדיק, ברידער, ביז דעם קומען פון דעם האַר. זע,
דער אַקערער וואַרט אויף דער טייערער פרוכט פון דער ערד, און איז
געדולדיק מיט איר, ביז זי באַקומט דעם פרִירעגן און שפּעטרעגן. 8 זייט
איר אויך געדולדיק, שטאַרקט אייערע הערצער; וואָרים דאָס קומען
פון דעם האַר האָט גענעענט. 9 מורמלט ניט, ברידער, איינער קעגן דעם
אַנדערן, כּדי איר זאָלט ניט געמִשפּט ווערן; אָט שטייט דער שופט פאַר
דער טיר. 10 נעמט אייך, ברידער, פאַר אַ בייַשפּיל פון ליידן און געדולד
די נבִיאים, וואָס האָבן גערעדט אין דעם נאָמען פון גאָט. 11 אָט רופן
מיר אָן געבענטשטע די, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן. איר האָט געהערט
פון דער געדולדיקייט פון אִיובן, און איר האָט געזען, וואָס גאָט האָט
צום סוף געטאָן, וואָרים גאָט איז פול מיט רַחמָנות און לייַטזעליקייט.[1]

[1] אִיוב א, 21, 22; תּהלים קיא, 4.

12 דער עיקר פֿון אַלץ אָבער, מײַנע ברידער, שווערט ניט, ניט בײַם
הימל, ניט בײַ דער ערד, אויך ניט בײַ קיין שום אַנדער שבֿועה; נײערט
זאָל אײַער יאָ, זײַן אָיָ, און אײַער ניין, ניין, כּדי איר זאָלט ניט פֿאַלן
אונטער דעם מִשפּט.
13 לײַדט עמיצער צווישן אײַך? לאָז ער מִתפּלל זײַן. איז עמיצער
פֿריילעך? לאָז ער זינגען שירות ותשבחות. 14 איז עמיצער קראַנק
צווישן אײַך? לאָז ער רופֿן די זקנים פֿון דער קהילה, און זאָלן זיי
מִתפּלל זײַן פֿאַר אים, און אים זאַלבן מיט אײל אין דעם נאָמען פֿון
גאָט; 15 און די תּפֿילה פֿון אֱמונה וועט מַציל זײַן דעם קראַנקען, און
גאָט וועט אים אויפֿריכטן; און אויב ער האָט באַגאַנגען זינד, וועלן זיי
אים פֿאַרגעבן ווערן. 16 בכֵּן, זײַט מִתוודה אײַערע זינד איינער צום
אַנדערן, און זײַט מִתפּלל איינער פֿאַר דעם אַנדערן, כּדי איר זאָלט
געהיילט ווערן. די תּפֿילה פֿון דעם צדיק האָט אַ גרויסע און שטאַרקע
פּעולה. 17 אֵליָהו איז געווען אַ מענטש פּונקט אַזוי ווי מיר זענען, און
ער האָט מִתפּלל געווען מיט כּוונה, אַז ס'זאָל ניט רעגענען; און סע
האָט ניט גערעגנט אויף דער ערד דרײַ יאָר מיט זעקס חדשים. 18 און
ער האָט ווידער אַמאָל מִתפּלל געווען, און דער הימל האָט געגעבן
רעגן, און די ערד האָט אַרויסגעבראַכט איר פּרוכט.[1]
19 מײַנע ברידער, אויב עמיצער פֿון אײַך ווערט אַראָפּגעפֿירט פֿון דעם
אֱמת, און איינער קערט אים אום, 20 זאָל ער וויסן, אַז דער, וואָס
קערט אום אַ זינדיקן פֿון זײַן פֿאַרקרומטן וועג, וועט מַציל זײַן אַ נֶפֿש
פֿון טויט, און וועט פֿאַרדעקן אַ סך זינד.

[1] מלכים א׳ א, יז, 1; יח, 1.

דער ערשטער בריוו פֿון פּעטרוסן

א פּעטרוס, אַ שליח פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, צו די אויסדערוויילטע,
וואָס זענען תּושבים פֿון די תְּפוּצות אין פּאָנטוס, גאַלאַטיע,
קאַפּאַדאָקיע, אַזיע און ביטיניע, 2 לויט נאָך דער הַשגָחה פֿון גאָט,
דעם פֿאָטער, אין הייליקונג פֿון דעם גייסט, צו געהאָרכזאַמקייט און
שפּרענגונג פֿון דעם בלוט פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ: חֶסֶד צו אייך און שָלום
זאָלן זיין געמערט.
3 געלויבט איז גאָט, דער פֿאָטער פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס
האָט אונדז לויט זיין גרויס רַחמים ווידער אַמאָל געבוירן צו אַ
לעבעדיקער האָפֿענונג, דורך דעם תּחִיַת־הַמֵתים פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
4 פֿאַר אַ ירושה וואָס איז אומפֿאַרדאַרבליך, אומבאַפֿלעקט, וואָס ווערט
ניט פֿאַרוועלקט, און וואָס איז באַהאַלטן פֿאַר אייך אין הימל, 5 איר,
וואָס ווערט פֿון דער מאַכט פֿון גאָט באַשיצט דורך אֶמוּנה פֿאַר אַ
ישועה, וואָס איז אָנגעברייט אַנטפּלעקט צו ווערן אין דער לעצטער
צייט. 6 טוט אייך דערמיט שטאַרק פֿרייען, הַגַם איר זענט אויף אַ
קורצער צייט, אויב נייטיק, טרויעריק געוואָרן דורך פֿאַרשידענע
נִסיונות, 7 כּדי דער באַווייז פֿון אייער אֶמוּנה, וואָס איז אַ סך טייערער
פֿון גאָלד, וואָס פֿאַרגייט, הַגַם סע ווערט אויסגעפּרואווט דורך פֿייער,
זאָל אייך זיין צום לויב און העליכקייט און כָּבוד ביי דער אַנטפּלעקונג
פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 8 הַגַם איר האָט אים ניט געזען, האָט איר אים ליב,
און הַגַם איר טוט אים אַצינד ניט זען, דאָך טוט איר אין אים גלויבן,
און טוט אייך שטאַרק פֿרייען מיט אַן אומדערציילבאַרער און
הערלעכער שִׂמחה; 9 און איר דערגרייכט דעם תַּכלית פֿון אייער
אֶמוּנה, די ישועה פֿון אייערע נשָמות.
10 פֿונוועגן דער דאָזיקער ישועה האָבן חוקר־ודורֵש געווען די נבִיאים,
וואָס האָבן נבִיאות געזאָגט וועגן דעם חֶסֶד, וואָס דאַרף קומען אויף
אייך. 11 זיי האָבן געפֿאָרשט וואָסערע אופֿן, אָדער וואָסער צייט
דער גייסט

פֿון מָשִׁיחַן, וואָס איז געווען אין זיי, האָט אָנגעדײַט, בעת ער האָט
פֿאָרויס עֵדות געזאָגט אויף די עִינוּיִים פֿון מָשִׁיחַן, און די גדולות, וואָס
וועלן קומען נאָך זיי. 12 פֿאַר זיי איז דאָס אַנטפּלעקט געוואָרן, אַז ניט
פֿאַר זיך אַליין, נייערט פֿאַר אײַך האָבן זיי געדינט מיט די דאָזיקע זאַכן,
וואָס זענען אַצינד אָנגעזאָגט געוואָרן צו אײַך דורך די, וואָס האָבן
מבֿשׂר געווען פֿאַר אײַך די בשׂורה טובֿה דורך דעם רוח־הַקודֶש, וואָס
איז געשיקט געוואָרן פֿון הימל; וואָס אין זיי באַגערן אַרײַנצוקוקן
מַלאָכים.
13 בכֵן, גורט אָן די לענדן פֿון אײַער פֿאַרשטאַנד, זײַט ניכטער, און לייגט
אײַער גאַנצע האָפֿענונג אויף דעם חֶסֶד, וואָס דאַרף פֿאַר אײַך געבראַכט
ווערן בײַ דער אַנטפּלעקונג פֿון יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. 14 ווי געהאָרכזאַמע
קינדער, זאָלט איר אײַך ניט צופּאַסן צו אײַערע פֿריערדיקע תּאוות אין
די צײַטן פֿון אײַער אומוויסנקייט; 15 נייערט גלײַך ווי דער, וואָס האָט
אײַך באַרופֿן, איז הייליק, זאָלט איר אַליין אויך זײַן הייליק אין יעדן
שטייגער פֿון לעבן, 16 מַחמת סע שטייט געשריבן:

איר זאָלט זײַן הייליק, וואָרים איך בין הייליק.[1]

17 און אויב איר רופֿט צו אים ווי צו אַ פֿאָטער, וואָס טוט מִשפּטן אָן
נשׂיאַת־פָּנים, לויט יעדן מענטשנס מַעשׂים, זאָלט איר פֿאַרברענגען מיט
יִראַת־שמים די צײַט פֿון אײַער גָלות. 18 וואָרים איר ווייסט, אַז ניט מיט
פֿאַרדאַרבלעכע זאַכן, מיט זילבער אָדער גאָלד, זענט איר אויסגעלייזט
געוואָרן פֿון אײַער נישטיקן שטייגער פֿון לעבן, וואָס איז
איבערגעגאַנגען פֿון אײַערע אָבות, 19 נייערט מיט דעם טײַערן בלוט
פֿון מָשִׁיחַן, ווי פֿון אַ לאַם, אָן אַ מום און אָן אַ פֿלעק. 20 ער, וואָס איז
געווען פֿאָרויסבאַשטימט איידער דער גרונטפֿעסטיקונג פֿון דער וועלט,
נאָר איז אַנטפּלעקט געוואָרן אויף דעם סוף פֿון די צײַטן פֿון
אײַערטוועגן, 21 וואָס זענט דורך אים מַאמִינים אין גאָט, וואָס האָט אים
מחַיה־מֵתים געווען, און האָט אים געגעבן כָּבוד, אַזוי, אַז אײַער אֱמונה
און האָפֿענונג זאָל זײַן אין גאָט.
22 הֶיות איר האָט געלײַטערט אײַערע נשָמות דורך אײַער
געהאָרכזאַמקייט פֿון דעם אֱמת אין ניט קיין היפּאָקריטישע לִיבע פֿון
די ברידער, זאָלט איר ערנסט ליב האָבן איינער דעם אַנדערן פֿון האַרצן.
23 וואָרים איר זענט ווידער אַמאָל געבוירן געוואָרן, ניט פֿון קיין
פֿאַרדאַרבלעכער זריעה, נייערט פֿון אומפֿאַרדאַרבלעכער, דורך דעם
וואָרט פֿון גאָט, וואָס לעבט און געדײַט. 24 וואָרים

יעדעס פֿלייש איז ווי גראָז,
און יעדע פּראַכט דערפֿון איז ווי דער צוויט פֿון גראָז.

[1] ויקרא יג, 44.

דאָס גראָז פֿאַרוועלקט, און דער צוויט פֿאַלט אַראָפּ;
25 אָבער דאָס וואָרט פֿון גאָט באַשטייט אויף אייביק.[1]
און דאָס דאָזיקע איז דאָס וואָרט פֿון דער גוטער בשׂורה, וואָס איז
אייך אָנגעזאָגט געוואָרן.
ב בכּן, טוט אָפּ פֿון זיך יעדע רשעות, און יעדע צביעות, און חניפֿה,
און קנאה, און יעדע רכילות. 2 ווי ניי־געבוירענע עופּעלעך, באַגערט די
ניט־געפֿעלשטע גײַסטיקע מילך, כּדי איר זאָלט דורך איר וואַקסן צו
דער ישועה, 3 אויב איר האָט טועם געווען, אַז דער האַר איז גוט.
4 גענענט צו אים, ווי צו אַ לעבעדיקן שטיין, וואָס איז פֿאַרוואָרפֿן פֿון
מענטשן, בײַ גאָט אָבער אויסדערוויילט און טייער, 5 און ווי
לעבעדיקע שטיינער זאָלט איר אַליין אויפֿגעבויט ווערן צו אַ גייסטיק
הויז, צו זײַן אַ הייליקע כּהונה, כּדי מקריב צו זײַן גײַסטיקע קרבנות,
וואָס זענען באַוויליקט צו גאָט דורך ישוע המשיח. 6 מחמת סע שטייט
אין פּסוק:

זע, איך לייג אין ציון אַן אויסדערוויילטן, טייערן ווינקלשטיין;
און דער, וואָס גלויבט אין אים, וועט ניט פֿאַרשעמט ווערן.[2]

7 בכּן, פֿאַר אייך, וואָס גלויבן, איז ער טייער, פֿאַר אַזוינע אָבער, וואָס
גלויבן ניט:

איז דער שטיין, וואָס די בוימײַסטער האָבן פֿאַרוואָרפֿן,
געוואָרן צום ווינקלשטיין,[3]
8 און אַ שטיין פֿון שטרויכלונג, און אַ פֿעלז פֿון ערגערניש.[4]

וואָרים זיי שטרויכלען צוליב זייער ווידערשפּעניקייט קעגן דעם וואָרט,
וואָס צו דעם זענען זיי אויך באַשטימט געוואָרן.
9 איר אָבער זענט אַן אויסדערוויילטער דור, אַ מלוכה פֿון כּהנים, אַ
הייליקע אומה, אַן עם־סגולה, כּדי באַקאַנט צו מאַכן די מידות פֿון
אים, וואָס האָט אייך אַרויסגערופֿן פֿון פֿינצטערניש צו זײַן
וואונדערלעך ליכט; 10 איר, וואָס זענט אַמאָל ניט געווען קיין
פֿאָלק, אָבער אַצינד זענט איר גאָטס פֿאָלק; אַמאָל זענט איר געווען אָן
חסד, אָבער אַצינד האָט איר מקבל געווען חסד.
11 באַליבטע, איך בעט אייך ווי גרים און תּושבים, זיך צוריקצוהאַלטן
פֿון פֿליישלעכע תּאוות, וואָס קריגן קעגן אייער נשמה. 12 פֿירט אייך
אויף רעכט צווישן

[1] ישעיה מ, 6-8. [2] ישעיה כח, 16. [3] תּהלים קיח, 22. [4] ישעיה ח, 14.

די גויים, כּדי, בעת זיי רעדן קעגן אייך ווי רשעים, זאָלן זיי דורך אייערע
מַעשׂים־טובֿים, וואָס זיי זעען, לויבן גאָט אין דעם טאָג פון רעכנשאַפט.
13 זייט אונטערטעניק אונטער יעדער מענטשלעכער פאַראָרדענונג פון
דעם האַרס־וועגן, סיי דעם מֶלך, ווי אַ העכסטן, 14 אָדער די
פּראָקוראַטאָרן, וואָס זענען פון אים געשיקט געוואָרן צו שטראָפן די,
וואָס טוען אומרעכט, און צו לויבן די, וואָס טוען גוטס. 15 וואָרים אַזוי
איז דער רָצון פון גאָט, אַז דורך טאָן גוטס זאָלט איר פאַרשטומען די
אומוויסנקייט פון נאַרישע מענטשן; 16 ווי פרייַע, און ניט נוצנדיק אייער
פרייַהייט פאַר אַ מאַנטל פון רִשעות, נייערט ווי קנעכט פון גאָט. 17 גיט
אָפּ כָּבוד אַלע מענטשן. האָט ליב די ברודערשאַפט. האָט מורא פאַר גאָט.
גיט אָפּ כָּבוד דעם מֶלך.
18 קנעכט, זייט אונטערטעניק אייערע האַרן מיט דער גאַנצער
פאָרכטיקייט, ניט נאָר די גוטע און איידעלע, נייערט אויך די בייזע.
19 וואָרים דאָס דאָזיקע איז באַוויליקט, אויב איינער שטייט אויס יסורים
פונוועגן ערלעכקייט צו גאָט, בעת ער לײַדט אומזיסט. 20 וואָרים וואָסער
כָּבוד איז עס, אַז איר זינדיקט, און ווערט געשלאָגן דערפאַר, אויב איר
וועט עס אָננעמען געדולדיק? אויב אָבער איר טוט גוטס, און לײַדט
דערפאַר געדולדיק, איז עס באַוויליקט בײַ גאָט. 21 וואָרים צו דעם זענט
איר באַרופן געוואָרן, מַחמת מָשיחַ האָט אויך געליטן פאַר אייך, און
געלאָזן אייך אַ בײַשפּיל, כּדי איר זאָלט גיין אין זײַנע טריט. 22 ער האָט
ניט געטאָן קיין זינד; עס איז אויך ניט געפונען געוואָרן קיין פאַלשקייט
אין זײַן מויל. 23 בעת ער איז געלעסטערט געוואָרן, האָט ער ניט
געלעסטערט צוריק; בעת ער האָט געליטן, האָט ער ניט געסטראַשעט;
נייערט האָט זיך איבערגעענטפערט צו דעם, וואָס מִשפּט רעכטפאַרטיק.
24 ער אַליין האָט אַוועקגעטראָגן אונזערע זינד אין זײַן לײַב אויף דעם
האָלץ, כּדי מיר זאָלן לעבן צו רעכטפאַרטיקייט, נאָכדעם ווי מיר זענען
אָפּגעשטאָרבן פאַר זינד; דורך וועמעס וואונדן איר זענט געהיילט
געוואָרן.[1] 25 וואָרים איר זענט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן ווי שאָף, אָבער
אַצינד האָט איר אייך אומגעקערט צו דעם פּאַסטוך און משגיח פון
אייערע נשָמות.
ג אויף דעם זעלבן שטייגער, איר ווייבער, זייט אונטערטעניק אייערע
אייגענע מענער, כּדי, אויב אַפילו עטלעכע געהאָרכן ניט דאָס וואָרט,
זאָלן זיי קענען געוואונען ווערן אָן דעם וואָרט, דורך דער אויפפירונג פון
זייערע ווייבער, 2 בעת זיי וועלן זען אייער צניעותדיקע און פרומע
אויפפירונג. 3 זייער באַשיינונג זאָל ניט זײַן די אויסערלעכע באַשיינונג
פון פלעכטן די האָר, און פון טראָגן צירונג פון גאָלד, אָדער

[1] ישעיה נג, 5.

פון אָנטאָן זיך קליידער, 4 נייערט זאָל דאָס זיין דער פאַרבאָרגענער
מענטש פון דעם האַרץ און דער אומפאַרדאַרבלעכער קליידונג פון אַן
עניוותדיקן און שטילן גייסט, וואָס האָט אַ גרויסן ווערט פאַר גאָט.
5 וואָרים אַזוי פלעגן זיך אַמאָל באַשיינען די הייליקע נשים, וואָס האָבן
געהאָפט אין גאָט, און זיי זענען געווען אונטערטעניק זייערע מענער,
6 ווי שׂרה האָט געהאָרכט אַבֿרהמען, און האָט אים אָנגערופן האַר. און
איר זענט געוואָרן אירע קינדער, אויב איר טוט רעכט, און ווערט ניט
דערשראָקן פון קיין שום פּחד.
7 אויך אַזאַ שטייגער, איר מענער, וואוינט מיט אייערע ווייבער מיט
פאַרשטענדעניש, און גיט אָפּ כּבֿוד דער פרוי, ווי די שוואַכע כּלי,
מחמת זיי זענען אויך מיט־יורשים אין דעם חסד פון לעבן, כּדי אַז
אייערע תּפֿילות זאָלן ניט געשטערט ווערן.
8 צום סוף, זייט אַלע פון איין מחשבֿה, רחמנותדיק, ברודערלעך,
באַרעמהאַרציק, ענוותדיק. 9 פאַרגעלט ניט קיין שלעכטס פאַר
שלעכטס, אָדער לעסטערונג פאַר לעסטערונג, נייערט פאַרקערט,
בענטשט; וואָרים צו דעם זענט איר באַרופן געוואָרן, כּדי איר זאָלט
ירשענען אַ בּרכה. 10 וואָרים

דער, וואָס וויל ליב האָבן לעבן,
און זען גוטע טעג,
זאָל היטן זיין צונג פון שלעכטס,
און זיינע ליפּן פון רעדן פאַלשקייט;
11 און זאָל ער אָפּקערן פון שלעכטס, און טאָן גוטס,
זאָל ער זוכן שלום און זיך יאָגן נאָך אים.
12 וואָרים די אויגן פון גאָט זענען אויף די צדיקים,
און זיינע אויערן צו זייער געבעט;
אָבער דאָס פּנים פון גאָט איז קעגן די, וואָס טוען שלעכטס.[1]

[1] תהלים לד, 13-17.

13 אוּן ווער איז דער, וואָס וועט אייך טאָן שאָדן, אויבֿ איר זענט
אייפֿעריק אין דעם, וואָס איז גוּט? 14 אוּן אויבֿ אַפֿילו איר זאָלט ליידן
פֿוּנוועגן רעכטפֿאַרטיקייט, טאָ וואויל איז אייך. אוּן האָט ניט קיין
מוֹרא פֿאַר זייער שרעק, אוּן ערגערט אייך ניט, 15 נייערט הייליקט אין
אייערע הערצער מָשִיחַן ווי אייערן האר; זייט גרייט תָּמיד צוּ געבֿן אַ
תּשוּבה יעדן איינעם, וואָס פֿרעגט אייך אַ טַעם בנוֹגֵע דער האָפֿענוּנג,
וואָס איז אין אייך, דאָך מיט עֲנִיווּת אוּן פֿאָרכטיקייט; 16 האָט אַ גוּט
געוויסן, כּדי אין דעם, וואָס איר ווערט באַשוּלדיקט, זאָלן פֿאַרשעמט
ווערן די, וואָס לעסטערן אייער גוּטע פֿירוּנג פֿוּן לעבֿן אין מָשִיחַן.
17 וואָרים עס איז בעסער צוּ ליידן פֿאַר טאָן גוּטס, אויבֿ דאָס איז גאָטס
רָצון, איידער פֿאַר טאָן שלעכטס. 18 מַחמת אויך מָשִיחַ איז איין מאָל
געשטאָרבֿן פֿוּנוועגן זינד, דער צַדיק פֿאַר די רשָעים, כּדי ער זאָל אוּנדז
גענעענען צוּ גאָט, בעת ער איז געטייט געוואָרן אין דעם פֿלייש, אָבֿער
געמאַכט געוואָרן לעבֿעדיק אין דעם גייסט. 19 אוּן אין אים איז ער
אויך געגאַנגען אוּן האָט מבַשֹר געווען אין געפֿאַנגענשאַפֿט פֿאַר די
גײַסטער, 20 וואָס זענען אַמאָל געווען ווידערשפּעניק, בעת די
געדוּלדיקייט פֿוּן גאָט האָט געוואַרט אין די טעג פֿוּן נֹחַן, בשַעת די
תֵּבה איז געבֿויט געוואָרן, וואָס אין איר זענען עטלעכע, דהַיינוּ, אַכט
נפָשות נִיצול געוואָרן פֿוּן דעם וואַסער. 21 פֿוּן וואָס אין אַן אֱמֶתן
קעגנבילד, די טבִילה טוּט אייך אַצינד אויך מַציל זיין, ניט ווי
דאָס אָפּטאָן דעם שמוּץ פֿוּן דעם לײַבֿ, נייערט דאָס פֿאַרלאַנגען פֿוּן אַ
גוּט געוויסן לגַבּי גאָט, דוּרך דעם תּחִיַת־הַמֵתים פֿוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
22 וואָס איז ביי דער רעכטער האַנט פֿוּן גאָט, נאָכדעם ווי ער איז
אַרויפֿגעגאַנגען אין הימל אַריין; אוּן מַלאָכים אוּן הערשאַפֿטן אוּן
מאַכטן זענען געמאַכט געוואָרן אים אוּנטערטעניק.
ד דעריבער, אַזוֹיווי מָשִיחַ האָט געליטן אין דעם פֿלייש, זאָלט איר
אייך אויך באַוואָפֿענען מיט דעם זעלבן געדאַנק, וואָרים דער, וואָס
האָט געליטן אין דעם פֿלייש, הערט אויף זינדיקן, 2 כּדי ער זאָל מער
ניט לעבֿן אין דעם פֿלייש די איבעריקע פֿוּן זיינע טעג לויט די תַּאוות
פֿוּן מענטשן, נייערט לויט דעם רָצון פֿוּן גאָט. 3 וואָרים עס איז שוין
גענוּג די פֿאַרגאַנגענע צייט, בעת איר האָט געטאָן דעם באַגער פֿוּן די
גוֹיים, אוּן האָט געלעבט אין תַּאוות, גלוּסטוּנגען, אויסגעלאַסנקייטן,
שִיכּרות אוּן פֿאַרברעכערישע עֲבוֹדה־זָרות.

4 איבערדעם וואונדערן זיי זיך, וואָס איר לויפט ניט מיט זיי אין דעם
זעלבן שלייַם פון פאַרדאָרבנקייט, בעת זיי רעדן לָשון־הָרע פונוועגן
אייך; 5 זיי וועלן אָבער אָפּגעבן דין־וחֶשבון דעם, וואָס איז אָנגעברייט
צו מִשפּטן די לעבעדיקע און די טויטע. 6 וואָרים צוליב דעם איז די
בשׂורה טובה אָנגעזאָגט געוואָרן אַפילו צו די מֵתים, כּדי זיי זאָלן
געמִשפּט ווערן אין דעם פלייש ווי מענטשן, אָבער לעבן לויט ווי גאָט
אין דעם גייסט.
7 דער סוף אָבער פון אַלצדינג האָט גענענט; זייט דעריבער געזונט
אין פאַרשטאַנד, און זייט ניכטערן צו תּפילה. 8 מער פון אַלצדינג זייט
הייס אין אייער ליבשאַפט צווישן זיך; וואָרים ליבשאַפט טוט
פאַרדעקן אָן אַ שיעור זינד. 9 זייט מַכניס־אורח איינער דעם אַנדערן אָן
מורמלערייַ; 10 דינט איינער דעם אַנדערן, לויט דער מַתָּנה, וואָס יעדער
האָט באַקומען, ווי גוטע פאַרוואַלטער פון דעם פילפאַכן חֶסד פון
גאָט. 11 אויב עמיצער טוט רעדן, זאָל ער רעדן ווי סע וואָלט געווען אַ
נבואה פון גאָט; אויב עמיצער טוט דינען, זאָל ער דינען ווי פון דעם
כּוח, וואָס גאָט גיט, כּדי אין אַלצדינג זאָל גאָט פאַרהערלעכט ווערן
דורך יֵשוּע הַמָשיחַ, וואָס אים געהערט דער כָּבוד און די הערשאַפט
לעולָם וָעֶד. אָמֵן.
12 באַליבטע, וואונדערט אייך ניט בנוגע דעם פייַעריקן נסָיון וואָס
קומט איבער אייך, כּדי אייך צו פּרוּוון, גלייך ווי סע וואָלט אייך
געטראָפן עפּעס אַ פרעמדע זאַך. 13 נייערט פרייט אייך, אויף וויפל איר
האָט אַ חֵלֶק אין מָשיחס לייַדן, כּדי איר זאָלט אייך אויך פרייען ביי
דער אַנטפּלעקונג פון זייַן הערלעכקייט מיט אַ גרויסער פרייד. 14 אויב
איר ווערט געלעסטערט פונוועגן דעם נאָמען פון מָשיחַן, טאָ וואויל
איז אייך, מַחמת דער גייסט פון הערלעכקייט און דער גייסט פון גאָט
רוט אויף אייך. 15 נאָר זאָל קיינער פון אייך ניט לייַדן ווי אַ רוצֵחַ,
אָדער אַ גַנב, אָדער אַ רָשע, אָדער ווי איינער, וואָס מישט זיך אין
פרעמדע עֲסָקים. 16 נאָר אויב איינער לייַדט ווי אַ משיחִי, זאָל ער זיך
ניט שעמען, נייערט זאָל ער אין דעם דאָזיקן נאָמען פאַרהערלעכן גאָט.
17 וואָרים סע האָט גענענט די צייַט פאַר דעם אָנהייב פון מִשפּט אין
דעם הויז פון גאָט; און אויב סע הייבט זיך אָן קודם ביי אונדז, וואָס
וועט זייַן דער סוף פון די, וואָס געהאָרכן ניט די בשׂורה טובה פון
גאָט? 18 און אויב דער צַדיק ווערט קוים געראַטעוועט, וואו וועט
אַהינקומען דער רָשע און זינדיקער? 19 בכֵן, זאָלן אויך די, וואָס לייַדן
לויט דעם רָצון פון גאָט, איבערענטפערן זייערע נשָמות צו אַ געטרייַען
בורא, בעת זיי טוען גוטס.

ה בכֵן, די זקֵנים צווישן אייך בין איך מַזהיר, איך, וואָס בין אויך אַ זָקן
און אַן עֵדות פון די ליידן פון מָשִיחַן, ווי אויך אַ טיילנעמער אין דער
הערלעכקייט, וואָס וועט אַנטפּלעקט ווערן: 2 פּיטערט גאָטס סטאַדע,
וואָס איז אייך אָנפאַרטרויט, און האָט הַשגָחה איבער איר, ניט דורך
צוואַנג, נייערט ווייליק, לויט דעם רָצון פון גאָט, אויך ניט אין
שענדלעכן פאַרדינסט, נייערט מיט חֵשֶק; 3 אויך ניט ווי באַהערשער
פון גאָטס נַחלה, נייערט מאַכט אייך פאַר בײַשפּילן פון דער סטאַדע.
4 און בעת דער הויפּט־פּאַסטוך וועט אַנטפּלעקט ווערן, וועט איר
מקַבל זיין די קרוין פון הערלעכקייט, וואָס פאַרוועלקט ניט.
5 אַזוי אויך, איר יִנגערע, זייט אונטערטעניק די זקֵנים. גורט אייך אַלע
אָן מיט הַכנָעה צו דינען איינער דעם אַנדערן; וואָרים גאָט איז קעגן די
האָפערדיקע, גיט אָבער חֵן צו די עֲנָווים.[1]
6 בכֵן, דערנידעריקט אייך אונטער דער מעכטיקער האַנט פון גאָט, כּדי
ער זאָל אייך דערהייבן מיט דער צייט. 7 וואַרפט אַרויף אויף אים אַלע
אייערע דאגות, מַחמת ער זאָרגט פאַר אייך.[2] 8 זייט ניכטער, זייט וואַך,
אייער באַדרענגער, דער שָׂטן, גייט אַרום ווי אַ ברילנדיקער לייב, און
זוכט, וועמען ער זאָל קענען פאַרשלינגען. 9 אים זאָלט איר זיך שטאַרק
אנטקעגנשטעלן אין אייער אֱמונה, ווייל איר ווייסט, אַז די זעלבע
יסורים ווערן דערפילט אין אייערע ברידער אין דער וועלט. 10 און דער
גאָט פון יעדן חֶסד, וואָס האָט אייך באַרופן צו זיין אייביקער
הערלעכקייט אין מָשִיחַן, וועט אייך אַליין, נאָכדעם ווי איר האָט
געליטן אַביסל, מאַכן שלֵימותדיק, אייך באַפעסטיקן און שטאַרקן.
11 אים געהערט די הערשאַפט לעולָם וָעֶד. אָמֵן.
12 דורך סילוואַנוסן, אונדזער געטרייען ברודער, ווי איך רעכן אים,
האָב איך אייך בקיצור געשריבן, און מַזהיר געווען און עֵדות געזאָגט,
אַז דאָס דאָזיקע איז דער אֱמתער חֶסד פון גאָט; שטייט אין אים
פעסט. 13 די קהילה אין בָבֶל, וואָס איז אויסדערוויילט אינאיינעם מיט
אייך, גריסט אייך, און אַזוי טוט מאַרקוס, מיין זון. 14 גריסט איינער
דעם אַנדערן מיט אַ קוש פון ליבשאַפט.
שָלום צו אייך אַלע, וואָס זענט אין מָשִיחַן.

[1] משלי ג, 34. [2] תהלים נה, 22.

דער צווייטער בריוו פֿון פּעטרוסן

א שִׁמעוֹן פּעטרוס, אַ קנעכט און שליח פֿון יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ, צו די, וואָס
האָבן מקַבל געווען די אייגענע טייערע אֱמונה ווי מיר, אין דער
רעכטפֿאַרטיקייט פֿון אונדזער גאָט און דעם גואֵל יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
2 חֶסֶד צו אייך און שָׁלום זאָל געמערט ווערן אין דער דערקענטעניש
פֿון גאָט און פֿון יֵשוּעַ, אונדזער האַר. 3 הֱיוֹת זיין געטלעכע מאַכט
האָט אונדז באַוויליקט אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייַכות צום לעבן און
פֿרומקייט, דורך דער דערקענטעניש פֿון אים, וואָס האָט אונדז באַרופֿן
דורך זיין אייגענער הערלעכקייט און גוטע מִידות, 4 וואָס דורך זיי
האָט ער אונדז באַוויליקט זיינע טייערע און זייער גרויסע הַבטָחות, כּדי
דורך די דאָזיקע זאָלט איר ווערן טיילנעמער אין דער געטלעכער טֶבע,
בעת איר זענט אַנטרונען די פֿאַרדאַרבונג, וואָס איז פֿאַראַן אין דער
וועלט דורך תַּאווה.
5 און פֿונוועגן דער דאָזיקער סִיבה גיט צו פֿון אייער צַד די גאַנצע
פֿלייסיקייט, און צו אייער אֱמונה מִידות-טוֹבות, און צו אייערע
מִידות-טוֹבות וויסן, 6 און אין אייער וויסן, זעלבסט-באַהערשונג, און
אין אייער זעלבסט-באַהערשונג, סַבלָנות, און אין אייער סַבלָנות,
פֿרומקייט, 7 און אין אייער פֿרומקייט, פֿרייַנטשאַפֿט, און אין אייער
פֿרייַנטשאַפֿט, ליבשאַפֿט. 8 וואָרים אויב די דאָזיקע זאַכן זענען אייערע
און פֿאַרמערן זיך, מאַכן זיי אייך איר זאָלט ניט ווערן בָּטל, אויך ניט
אומפּרוכטפּערדיק אין דער דערקענטעניש פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ
הַמָּשִׁיחַ.
9 וואָרים דעם, וואָס סע פֿעלן די דאָזיקע זאַכן, דער איז בלינד, און
זעט נאָר וואָס עס איז נאָענט, ווייל ער האָט פֿאַרגעסן די ריייניקונג פֿון
זיינע אַלטע זינד. 10 איבערדעם, בּירדער, פֿלייסט אייך נאָך מער, צו
מאַכן זיכער אייער באַרופֿונג און אויסדערוויילטקייט; וואָרים אויב איר
וועט דאָס טאָן, וועט איר קיינמאָל ניט געשטרויכלט ווערן. 11 וואָרים
אַזוי וועט אייך בּרייט געעפֿנט ווערן דער אַריינגאַנג אין דער אייביקער
מלוכה פֿון אונדזער האַר און גואֵל יֵשוּעַ הַמָּשִׁיחַ.

12 איבערדעם וועל איך תָּמיד זיין גרייט אייך צו דערמאָנען פונוועגן
די דאָזיקע זאַכן, הגם איר קענט זיי, און זענט באַפעסטיקט אין דעם
אֶמת, וואָס איז מיט אייך. 13 און איך האַלט עס פאַר רעכט, כּל־זמן
איך בין אין דעם דאָזיקן געצעלט, אייך צו דערוועקן דורך דעם
דערמאָנען אייך, 14 ווייל איך ווייס, אַז דאָס אויסטאָן זיך פון מיין
געצעלט גענעענט גיך, אַזויווי אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ האָט מיר
אָנגעצייכנט. 15 און איך וועל מיך שטאַרק מיִען, אַז איר זאָלט נאָך מיין
פּטירה אַלעמאָל זיין בכּוח זיך צו דערמאָנען אין די דאָזיקע זאַכן.
16 וואָרים מיר האָבן ניט נאָכגעפאָלגט קינצלעך אויסגעטראַכטע
מַעשׂות, בעת מיר האָבן אייך אָנגעזאָגט די מאַכט פון אונדזער האַר
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ און זיין קומען, נייערט מיר זענען געווען אויגן־עֵדות פון
זיין הערלעכקייט. 17 וואָרים ער האָט מְקַבּל געווען פון גאָט, דעם
פאָטער, כּבוד און הערלעכקייט, בעת אַזאַ קול האָט זיך צו אים
דערטראָגן דורך דער דערהויבענער הערלעכקייט: דאָס איז מיין
געליבטער זון, אין אים איז מיין וואוילגעפעלן. 18 און דאָס דאָזיקע
קול האָבן מיר געהערט קומען פון הימל, בעת מיר זענען מיט אים
געווען אויף דעם הייליקן באַרג. 19 און מיר האָבן דאָס וואָרט פון
נבואה נאָך זיכערער, און איר טוט רעכט, וואָס איר גיט אַכטונג דערויף
ווי אויף אַ ליכט, וואָס לייַכט אין אַ פינצטערן אָרט, ביז דער טאָג
ברעכט אַריין, און דער מאָרגנשטערן גייט אויף אין אייערע הערצער.
20 פאַרשטייט רֵאשית דאָס, אַז קיין שום נבואה פון די כּתבֵי־הַקודֶש
האָט אַן אייגענעם באַשייד, 21 וואָרים קיין שום נבואה איז ווען אַמאָל
געקומען דורך דעם רָצון פון אַ מענטש, נייערט מענטשן האָבן
גערעדט פון גאָט דורך דער הַשפָּעָה פון דעם רוח־הַקודֶש.

ב עס זענען אָבער אויך אויפגעשטאַנען פאַלשע נבִיאים צווישן דעם
פאָלק, ווי סע וועלן אויך זיין צווישן אייך פאַלשע לערער, וואָס וועלן
בסוד אַריינברענגען צעשטערנדיקע אַפּיקורסות, און וועלן אַפילו
פאַרלייקענען דעם האַר, וואָס האָט זיי אויסגעקויפט, און וועלן
ברענגען אויף זיך אַ גיכע פאַרלענדונג. 2 און אַ סך וועלן נאָכגיין נאָך
זייערע אומווערדיקע מַעשׂים, און צוליב זיי וועט דער וועג פון דעם
אֶמת געלעסטערט ווערן. 3 און אין גיריקייט וועלן זיי מיט
אויסגעטראַכטע רייד מאַכן מִסחָר מיט אייך; זייער פּסק ווערט פון
לאַנג אָן ניט אָפּגעלייגט, און זייער פאַרדאַרבונג דרימלט ניט.
4 וואָרים אויב גאָט האָט ניט געשוינט די מַלאָכים, בעת זיי האָבן
געזינדיקט, נייערט האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין גיהנום, און האָט זיי
איבערגעענטפערט אין גריבער פון חַשכות, אויפגעהיט צו ווערן פאַר

דעם מִשפּט; 5 און האָט ניט געשוינט די אַלטע וועלט, נייערט האָט
מַציל געווען נֹחַן מיט זיבן אַנדערע, אַ מבַשׂר פון רעכטפאַרטיקייט,
בעת ער האָט געבראַכט אַ מַבול אויף דער וועלט פון די רשָעים; 6 און
בעת ער האָט איבערגעקערט די שטעט פון סדום און עמוֹרָה אין אַש,
האָט ער זיי פאַרמִשפּט חָרוב צו ווערן, און האָט זיי געמאַכט פאַר אַ
מָשל פאַר יענע, וואָס וועלן לעבן רִשעותדיק; 7 און האָט מַציל געווען
דעם צַדיק לוט, וואָס איז געווען שווער געפּלאָגט דורך דעם פאַרשייַטן
לעבן פון די רשָעים, 8 (וואָרים יענער צַדיק, בעת ער האָט געוואוינט
צווישן זיי, האָט זיך טאָג־טעגלעך געקוועלט זיין רעכטפאַרטיקע
נשָמה, בעת ער האָט געזען און געהערט זייערע בייזע מַעשׂים); 9 גאָט
פאַרשטייט וויאַזוי מַציל צו זיין די פרומע פון אַ נסָיון, און צו האַלטן
די רשָעים אויף באַשטראָפונג ביז דעם יום־הַדין, 10 און בִּפרַט די,
וואָס גייען נאָך דעם פלייש אין דער תאווה פון אומרייניקייט, און
פאַראַכטן הערשאַפט.
העַזֶהדיק זענען זיי, אייַנגעעַקשנט, און ציטערן ניט צו לעסטערן
שׂרָרות, 11 בשַעת מַלאָכים, הגַם גרעסער אין שטאַרקייט און מאַכט,
ברענגען ניט קעגן זיי קיין לעסטערנדיקן מִשפּט פאַר גאָט. 12 די
דאָזיקע אָבער, ווי באַשעפענישן אָן שֵׂכל, וואָס זענען געבוירן געוואָרן
ווי פּשוטע חַיות, געכאַפּט און אומגעבראַכט צו ווערן, בעת זיי
לעסטערן אין עִניָנים, וואָס זיי פאַרשטייען ניט, וועלן אין זייער
צעשטערונג זיכער אומגעבראַכט ווערן, 13 און ליידן אומרעכט ווי דער
שׂכַר פון טאָן אומרעכט. זיי האַלטן עס פאַר אַ תַענוג צו פרעסן דורכן
טאָג, זענען פלעקן און מומים, און הוליען אין זייערע שקָרים, בשַעת
זיי מאַכן סעודות מיט אייך. 14 זיי האָבן אויגן, וואָס זענען פול מיט
זנות, און וואָס קענען זיך ניט צוריקהאַלטן פון זינד; זיי פאַרכּישופן
אומבאַפעסטיקטע נשָמות; זיי האָבן אַ האַרץ געוואוינט צו גיריקייט;
פאַרשאָלטענע לייט. 15 ווייל זיי האָבן פאַרלאָזן דעם דֶרך־הַיָשָר, זענען
זיי פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, און זענען געגאַנגען דעם וועג פון בִּלעָם
בֶּן־בעוֹר, וואָס האָט ליב געהאַט דעם שׂכַר פון אומרעכט; 16 ער איז
אָבער געשטראָפט געוואָרן פאַר זיין אייגענער עֲבֵירה: אַ שטום אייזל
האָט גערעדט מיט אַ מענטשנס קול, און האָט פאַרמיטן דעם שִגָעון
פון דעם נָביא.[1]
17 דאָס זענען קוואַלן אָן וואַסער,

[1] במדבר כב, 28.

אוּן נעפּלען געטריבן פוּן אַ שטוּרעם; פאַר זיי איז אָנגעבּרייט געוואָרן
די שטאָק־פינצטערניש. 18 וואָרים בּעת זיי רעדן אַרויס גרויסע
אויפגעשוואָלענע רייד פוּן נישטיקייט, פאַרכּישוּפן זיי דוּרך גלוּסטיקייטן
אוּן די תּאוות פוּן פלייש יענע, וואָס זענען גראָד אַנטרוּנען פוּן די, וואָס
לעבן אין טָעוּת. 19 זיי זאָגן זיי צוּ פרייַהייט, בּעת זיי אַליין זענען קנעכט פוּן
פאַרדאָרבנקייט; וואָרים פוּן וועמען אַ מענטש ווערט בּייַגעקוּמען, פוּן דעם
ווערט ער אויך געבּראַכט אין קנעכטשאַפט. 20 וואָרים אויבּ נאָכדעם, ווי זיי
זענען אַנטרוּנען פוּן די טוּמאות פוּן דער וועלט דוּרך דער דערקענטעניש פוּן
דעם האַר אוּן גוֹאֵל יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, ווערן זיי ווידער אַמאָל פאַרוויקלט אין זיי
אוּן בּייַגעקוּמען, איז זייער לעצטע מַדרֵגה ערגער ווי די ערשטע. 21 וואָרים
סע וואָלט געווען בּעסער פאַר זיי ניט צוּ האָבּן געקענט דעם וועג פוּן
רעכטפאַרטיקייט, איידער נאָכדעם ווי זיי האָבּן אים געקענט, זיך אָפּצוּקערן
פוּן דעם הייליקן געבּאָט, וואָס איז זיי איבּערגעגעבּן געוואָרן. 22 סע
האָט געטראָפן מיט זיי לויט דעם אֶמֶתן מָשל: דער הוּנט קערט זיך אוּם
צוּריק צוּ זיין אייגענער אויסבּרעכוּנג, אוּן דער חַזיר, וואָס האָט זיך
געוואַשן, ווידער צוּ וואַלגערן זיך אין דער בּלאָטע.[1]
ג דאָס איז שוין דער צווייטער בּריוו, בּאַליבּטע, וואָס איך שרייבּ צוּ אייך;
אוּן אין בּיידע פוּן זיי דערוועק איך אוּן דערמאָן אייער ריין געמִיט, 2 כּדי איר
זאָלט געדענקען די רייד, וואָס זענען פריער גערעדט געוואָרן דוּרך די
הייליקע נבִיאים, אוּן דאָס געבּאָט פוּן דעם האַר אוּן גוֹאֵל דוּרך אייערע
שלִחים. 3 רֵאשִית זאָלט איר פאַרשטיין דאָס דאָזיקע, אַז אויף דעם סוֹף פוּן
די טעג וועלן קוּמען לֵצים מיט זייער ליצָנות, וואָס גייען נאָך זייערע
אייגענע תּאוות, 4 אוּן זאָגן: וואוּ איז די הַבטָחה פוּן זיין קוּמען? וואָרים
זינט די אָבות זענען אַנטשלאָפן געוואָרן, איז אַלצדינג געבּליבּן ווי עס איז
געווען פוּן אָנהייבּ אָן פוּן ששת־ימי־בּראשית. 5 וואָרים דאָס פאַרגעסן זיי
בּכִיוון, אַז די הימלען זענען געווען פוּן פאַרצייטן, אוּן אַן ערד, וואָס האָט
זיך דוּרך דעם וואָרט פוּן גאָט געפוּרעמט פוּן דעם וואַסער אוּן דוּרך דעם
וואַסער, 6 וואָס דוּרך זיי איז די וועלט, וואָס איז דעמאָלט געווען,
אוּמגעקוּמען, בּעת זי איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט וואַסער. 7 די הימלען
אָבּער, וואָס זענען אַצינד, אוּן די ערד, זענען דוּרך דעם זעלבּן וואָרט
אויפגעהיט געוואָרן פאַר דעם פייער, וואָס איז בּאַהאַלטן געוואָרן אויף דעם
יום־הַדין אוּן דער פאַרדאַרבּוּנג פוּן די רשָעים.
8 פאַרגעסט אָבּער ניט דאָס איינע, בּאַליבּסע, אַז איין טאָג איז בּיי גאָט ווי
טויזנט יאָר, אוּן טויזנט יאָר ווי איין טאָג.[2] 9 גאָט פאַרזאַמט ניט בּנוֹגֵע זיין
הַבטָחה, ווי עטלעכע רעכענען פאַרזאַמוּנג; נייערט איז געדוּלדיק קעגן
אייך, ווייל ער וויל ניט,

[1] משלי כו, 11. [2] תּהלים צ, 4.

אַז עמיצער זאָל אומקומען, נייערט, אַז אַלע זאָלן קומען צו תשובה.
10 אָבער דער טאָג פון גאָט וועט קומען ווי אַ גנב; און אין אים וועלן
די הימלען פאַרשווינדן מיט אַ גרויס רַעש, און די יסודות וועלן
אויפגעלייזט ווערן אין ברענענדיקער היץ, און די ערד און די ווערק,
וואָס זענען אויף איר, וועלן פאַרברענט ווערן.
11 הֱיות ווי אַלע די דאָזיקע זאַכן וועלן אַזוי אויפגעלייזט ווערן,
וואָסערע מינים מענטשן דאַרפט איר זיין אין אַ הייליק לעבן און
פרומקייט, 12 בעת איר דערוואַרט און באַגערט שטאַרק דאָס קומען פון
גאָטס טאָג, וואָס דורך אים וועלן אויפגעלייזט ווערן די הימלען אין
פייער, און די יסודות צעשמאָלצן ווערן אין ברענענדיקער היץ? 13 מיר
אָבער וואַרטן, לויט זיין הַבטָחה, אויף נייע הימלען און אויף אַ נייער
ערד, וואו סע וואוינט רעכטפאַרטיקייט.
14 בכן, באַליבטע, הֱיות איר וואַרט אויף די דאָזיקע זאַכן, גיט אַכטונג,
אַז איר זאָלט געפונען ווערן אָן אַ פלעק און אָן אַ מום פאַר אים
בשָלום. 15 און רעכנט די געדולדיקייט פון אונדזער האַר פאַר אַ
ישועה, אַזוי ווי אויך אונדזער באַליבטער ברודער פאָלוס האָט אייך
געשריבן, לויט דער חָכמה, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן, 16 ווי ער
טוט עס אויך אין אַלע זיינע בריוו, בעת ער רעדט אין זיי פונוועגן די
דאָזיקע זאַכן. פאַראַן אין זיי עטלעכע זאַכן וואָס זענען שווער צו
פאַרשטיין, וואָס די אומפאַרשטענדיקע און ניט שטאַנדהאַפטיקע
פאַרדרייען, ווי זיי טוען אויך די אַנדערע ספָרים, צו זייער אייגענער
פאַרדאַרבונג. 17 איר אָבער, באַליבטע, ווייל איר ווייסט דאָס פון
פריער, גיט אַכטונג, טאָמער וועט איר, בעת איר ווערט
אַוועקגעטראָגן מיט דעם טָעות פון די רשָעים, פאַלן פון אייער
אייגענער שטאַנדהאַפטיקייט. 18 נייערט וואַקסט אין דעם חֶסֶד און
דערקענטעניש פון אונדזער האַר און גואֵל יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. אים געהערט
דער כָבוד, סיי אַצינד און אויף אייביק. אָמֵן.

דער ערשטער בּריוו פוּן יוֹחָנָן

א דאָס, וואָס איז געווען פוּן אַנהייבֿ אָן, וואָס מיר האָבֿן געהערט,
וואָס מיר האָבֿן געזען מיט אוּנדזערע אויגן, וואָס מיר האָבֿן בּאַטראַכט
אוּן אוּנדזערע הענט האָבֿן בּאַרירט, פוּנוועגן דעם וואָרט פוּן לעבֿן, –
2 אוּן דאָס לעבֿן איז אַנטפּלעקט געוואָרן, אוּן מיר האָבֿן געזען, אוּן
זאָגן עֵדוּת, אוּן זאָגן אייך אָן דאָס אייבֿיקע לעבֿן, וואָס איז געווען בּיי
דעם פאָטער, אוּן איז צוּ אוּנדז אַנטפּלעקט געוואָרן, – 3 וואָס מיר
האָבֿן געזען אוּן געהערט, דאָס זאָגן מיר אייך אָן, כּדי איר זאָלט האָבֿן
חַברוּתֶאשאַפט מיט אוּנדז, אוּן אוּנדזער חַברוּתֶאשאַפט איז מיט דעם
פאָטער אוּן מיט זיין זוּן יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 4 אוּן די דאָזיקע זאַכן שרייבֿן
מיר אייך, כּדי אוּנדזער שִׂמחה זאָל זיין פוּל.
5 אוּן דאָס איז די שלִיחוּת, וואָס מיר האָבֿן געהערט פוּן אים אוּן זאָגן
אייך אָן, אַז גאָט איז ליכט, אוּן קיין פינצטערניש איז אין אים בִּכלַל
ניטאָ. 6 אויבֿ מיר זאָגן, אַז מיר האָבֿן חַברוּתֶאשאַפט מיט אים אוּן גייען
אין דער פינצטערניש, זאָגן מיר ליגן, אוּן טוּען ניט דעם אֶמת. 7 אויבֿ
אָבֿער מיר גייען אין דעם ליכט, ווי ער איז אין דעם ליכט, האָבֿן מיר
חַברוּתֶאשאַפט איינער מיט דעם אַנדערן, אוּן דאָס בּלוּט פוּן יֵשוּעַן, זיין
זוּן, רייניקט אוּנדז פוּן אַלע זינד.
8 אויבֿ מיר זאָגן, אַז מיר האָבֿן ניט קיין זינד, נאַרן מיר זיך אַליין אָפּ,
אוּן דער אֶמת איז ניט אין אוּנדז. 9 אויבֿ מיר זענען זיך מִתוַדה אויף
אוּנדזערע זינד, איז ער געטריי אוּן רעכטפאַרטיק, אוּן וועט אוּנדז
מוֹחל זיין אוּנדזערע זינד, אוּן אוּנדז רייניקן פוּן יעדער
אוּמגערעכטיקייט. 10 אויבֿ מיר זאָגן, אַז מיר האָבֿן ניט געזינדיקט,
מאַכן מיר אים פאַר אַ ליגנער, אוּן זיין וואָרט איז ניט אין אוּנדז.

ב קינדערלעך מיינע, די דאָזיקע זאַכן שרייב איך אייך, כדי איר זאָלט
ניט זינדיקן. און אויב אמיצער זינדיקט, האָבן מיר אַ מֵליץ ביי דעם
פאָטער, יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, דעם צַדיק; 2 און ער איז די כַּפָּרָה פאַר
אונדזערע זינד, און ניט נאָר פאַר אונדזערע אַליין, נייערט אויך פאַר
דער גאַנצער וועלט. 3 און דורך דעם ווייסן מיר, אַז מיר קענען אים,
אויב מיר היטן אָפּ זיינע מִצוות. 4 דער, וואָס זאָגט: איך קען אים, און
טוט ניט אָפּהיטן זיינע מִצוות, איז אַ ליגנער, און דער אֶמת איז ניט אין
אים. 5 ווער אָבער סע היט אָפּ זיין וואָרט, אין אים איז באֶמֶת די ליבע
פון גאָט דערפילט געוואָרן. דורך דעם ווייסן מיר, אַז מיר זענען אין
אים. 6 דער, וואָס זאָגט, אַז ער בלייבט אין אים, דאַרף אויך אַליין
לעבן אַזוי ווי ער האָט געלעבט.
7 באַליבטע, ניט קיין ניי געבאָט שרייב איך אייך, נייערט אַן אַלט
געבאָט, וואָס איר האָט געהאַט פון אָנהייב אָן; דאָס אַלטע געבאָט איז
דאָס וואָרט, וואָס איר האָט געהערט. 8 ווידער שרייב איך אייך אַ ניי
געבאָט, וואָס דאָס איז אֶמת אין אים און אין אייך, מַחמת די
פינצטערניש פאַרגייט, און דאָס אֶמֶתע ליכט טוט שוין שיינען. 9 דער,
וואָס זאָגט, ער איז אין דעם ליכט, און האָט פיינט זיין ברודער, איז
נאָך אַלץ אין דער פינצטערניש. 10 דער, וואָס האָט ליב זיין ברודער,
בלייבט אין דעם ליכט, און עס איז ניטאָ אין אים קיין סִיבּה פון
שטרויכלונג. 11 דער אָבער, וואָס האָט פיינט זיין ברודער, איז אין דער
פינצטערניש און גייט אין דער פינצטערניש, און ווייסט ניט וואוהין ער
גייט, מַחמת די פינצטערניש האָט פאַרבלענדט זיינע אויגן.
12 איך שרייב אייך, קינדערלעך מיינע, מַחמת אייערע זינד זענען אייך
פאַרגעבן געוואָרן פון זיין נאָמענסוועגן. 13 איך שרייב אייך, פאָטערס,
מַחמת איר קענט אים, וואָס איז פון אָנהייב אָן. איך שרייב אייך,
יונגעלייט, מַחמת איר האָט בײַגעקומען דעם בייזן. איך האָב געשריבן
צו אייך, קינדער, מַחמת איר קענט דעם פאָטער. 14 איך האָב געשריבן
צו אייך, פאָטערס, מַחמת איר קענט אים, וואָס איז פון אָנהייב אָן. איך
האָב געשריבן צו אייך, יונגעלייט, מַחמת איר זענט שטאַרק, און דאָס
וואָרט פון גאָט בלייבט אין אייך, און איר האָט בײַגעקומען דעם בייזן.
15 האָט ניט ליב די וועלט, אויך ניט די זאַכן, וואָס זענען אין דער
וועלט. אויב עמיצער האָט ליב די וועלט, איז די ליבע פון דעם פאָטער
ניט אין אים. 16 וואָרים אַלץ, וואָס איז אין דער וועלט, די תַּאווה פון
דעם פלייש, און די תַּאווה פון די אויגן, און די גַאווה פון לעבן, איז
ניט פון דעם פאָטער, נייערט פון

דער וועלט. 17 און די וועלט פֿאַרגייט, און איר תּאווה; דער אָבער, וואָס טוט
דעם רָצון פֿון גאָט, פֿאַרבלייַבט אויף אייביק.
18 קינדער, עס איז די לעצטע שָעה; און אַזוי ווי איר האָט געהערט, אַז דער
קעגנער פֿון מָשיחַן קומט, אַזוי זענען איצט אויפֿגעשטאַנען אַ סך קעגנער פֿון
מָשיחַן. פֿון דעם פֿאַרשטייען מיר, אַז ס'איז די לעצטע שָעה. 19 זיי זענען
אַרויסגעגאַנגען פֿון אונדז, זיי זענען אָבער ניט געווען פֿון אונדז. וואָרים אויב
זיי וואָלטן געווען פֿון אונדז, וואָלטן זיי פֿאַרבליבן מיט אונדז; זיי זענען
אָבער אַרויסגעגאַנגען, כּדי זיי זאָלן ווערן אַנטפּלעקט, אַז זיי אַלע זענען
ניט פֿון אונדז. 20 און איר האָט אַ זאַלבונג פֿון הקָדוש־בָּרוך־הוא, און איר
אַלע ווייסט עס. 21 און האָב אייך געשריבן, ניט מַחמת איר קענט ניט דעם
אֶמת, נייערט מַחמת איר קענט אים, און מַחמת קיין שום ליגן קומט ניט פֿון
דעם אֶמת.
22 ווער איז דער ליגנער, אויב ניט דער, וואָס פֿאַרלייקנט, אַז יֵשוּעַ איז דער
מָשיחַ? דער דאָזיקער איז דער קעגנער פֿון מָשיחַן, וואָס פֿאַרלייקנט דעם
פֿאָטער און דעם זון. 23 ווער סע פֿאַרלייקנט דעם זון, האָט אויך ניט דעם
פֿאָטער; דער, וואָס איז מוֹדה אין דעם זון, האָט אויך דעם פֿאָטער.
24 זאָל דאָס, וואָס איר האָט געהערט פֿון אָנהייב אָן, פֿאַרבלייַבן אין אייך.
אויב דאָס, וואָס איר האָט געהערט פֿון אָנהייב אָן, פֿאַרבלייַבט אין אייך, וועט
איר אויך פֿאַרבלייַבן אין דעם זון און אין דעם פֿאָטער. 25 און דאָס דאָזיקע
איז די הַבטָחה, וואָס ער האָט אונדז מַבטיחַ געווען, דאָס אייביקע לעבן.
26 די דאָזיקע זאַכן האָב איך אייך געשריבן פֿונוועגן די וואָס ווילן אייך
פֿאַרפֿירן; 27 אָבער די זאַלבונג, וואָס איר האָט מקַבל געווען פֿון אים,
פֿאַרבלייַבט אין אייך, און איר נייטיקט זיך ניט, אַז עמיצער זאָל אייך לערנען;
נייערט אַזוי ווי זיין זאַלבונג לערנט אייך פֿונוועגן אַלצדינג, און איז
וואָרהאַפֿטיק און ניט קיין ליגן, און אַזוי ווי זי האָט אייך געלערנט, אַזוי
פֿאַרבלייַבט אין אים.
28 און אַצינד, קינדערלעך, פֿאַרבלייַבט אין אים, כּדי, ווען ער וועט
אַנטפּלעקט ווערן, זאָלן מיר האָבן בּטָחון, און ניט פֿאַרשעמט ווערן פֿאַר אים
בּיי זיין קוּמען. 29 אויב איר ווייסט, אַז ער איז רעכטפֿאַרטיק, פֿאַרשטייט איר,
אַז אויך יעדער איינער, וואָס טוט רעכטפֿאַרטיקייט, איז פֿון אים געבוירן.
ג זעט מיט וואָס פֿאַר אַ מין ליבשאַפֿט דער פֿאָטער האָט אונדז מזַכּה געווען,
אַז מיר זאָלן גערופֿן ווערן קינדער פֿון גאָט; און אַזוינע זענען מיר טאַקע.
פֿונוועגן דער דאָזיקער סִיבּה קענט אונדז די וועלט ניט, מַחמת זי האָט
אים ניט געקענט. 2 בּאַליבטע, אַצינד זענען מיר קינדער פֿון גאָט; און עס איז
נאָך ניט אַנטפּלעקט געוואָרן וואָס מיר וועלן זיין. מיר ווייסן, אַז ווען ער
וועט אַנטפּלעקט ווערן, וועלן מיר זיין גלייך ווי ער; וואָרים מיר וועלן אים
זען אַזוי ווי

ער איז. 3 און יעדער איינער, וואָס האָט די דאָזיקע האָפענונג געשטעלט
אויף אים, רייניקט זיך אַליין, אַזוי ווי ער איז ריין.
4 יעדער איינער, וואָס טוט זינדיקן, איז עובר די תּורה, און זינד איז דאָס
עובר זיין אויף דער תּורה. 5 און איר ווייסט, אַז יֵשוּעַ איז אַנטפּלעקט
געוואָרן, כּדי אַוועקצונעמען, זינד; און אין אים איז ניטאָ קיין זינד. 6 ווער
סע פֿאַרבלייַבט אין אים, זינדיקט ניט, ווער סע זינדיקט, האָט אים ניט
געזען, און אויך ניט געקענט.
7 קינדערלעך, לאָז אייך קיינער ניט פֿאַרפירן. דער, וואָס טוט
רעכטפֿאַרטיקייט, איז רעכטפֿאַרטיק, אַזוי ווי ער איז רעכטפֿאַרטיק.
8 דער, וואָס באַגייט זינד, איז פֿון דעם שָׂטָן; וואָרים דער שָׂטָן זינדיקט
פֿון אָנהייב אָן. צוליב דעם איז דער בֶּן־אֱלֹהִים אַנטפּלעקט געוואָרן, כּדי ער
זאָל צעשטערן די מַעשׂים פֿון דעם שָׂטָן.
9 ווער סע איז געבוירן געוואָרן פֿון גאָט, באַגייט ניט קיין זינד, מַחמת זיין
זאָמען פֿאַרבלייַבט אין אים; און ער קאָן ניט זינדיקן, מַחמת ער איז געבוירן
געוואָרן פֿון גאָט. 10 אין דעם ווערן אַנטפּלעקט די קינדער פֿון גאָט און די
קינדער פֿון שָׂטָן. ווער סע טוט ניט קיין רעכטפֿאַרטיקייט, איז ניט פֿון גאָט,
און אויך ניט דער, וואָס ליבט ניט זיין ברודער.
11 וואָרים דאָס איז די שליחות, וואָס איר האָט געהערט פֿון אָנהייב אָן, אַז מיר
זאָלן ליב האָבן איינער דעם אַנדערן. 12 ניט ווי קַיִן, וואָס איז געווען פֿון דעם
בייזן, און האָט געהַרגעט זיין ברודער.[1] און פֿאַרוואָס האָט ער אים געהאַרגעט?
מַחמת זיינע מַעשׂים זענען געווען שלעכט, און זיין ברודערס רעכטפֿאַרטיק.
13 וואונדערט אייך ניט, ברידער, אויב די וועלט האָט אייך פֿיינט. 14 מיר
ווייסן, אַז מיר זענען אַריבערגעגאַנגען פֿון טויט צום לעבן, מַחמת מיר האָבן
ליב די ברידער. דער, וואָס ליבט ניט, פֿאַרבלייַבט אין טויט. 15 ווער סע האָט
פֿיינט זיין ברודער, איז אַ רוֹצֵחַ; און איר ווייסט, אַז אַ רוֹצֵחַ האָט ניט קיין
חֵלֶק אין עוֹלָם הבָּא.
16 אין דעם דערקענען מיר ליבשאַפֿט, מַחמת ער האָט אַוועקגעגעבן זיין
לעבן פֿאַר אונדז; און אויך מיר דאַרפֿן אַוועקגעבן אונדזער לעבן פֿאַר די
ברידער. 17 ווער אָבער סע האָט די גִיטער פֿון דער וועלט, און זעט זיין
ברודער אין נויט, און פֿאַרשליסט זיין האַרץ קעגן אים, וויאַזוי טוט די
ליבשאַפֿט פֿון גאָט פֿאַרבלייַבן אין אים? 18 קינדערלעך, לאָמיר ניט ליב
האָבן אין וואָרט, אויך ניט מיט דער צונג, נייערט אין מַעשׂים און אֶמת.
19 אין דעם וועלן מיר דערקענען, אַז מיר זענען פֿון דעם אֶמת, און וועלן
פֿאַר אים פֿאַרזיכערן אונדזער האַרץ, 20 מַחמת אויב אונדזער האַרץ
פֿאַרמִשפּט אונדז, איז גאָט גרעסער ווי אונדזער האַרץ און ווייסט אַלצדינג.
21 באַליבטע, אויב אונדזער האַרץ פֿאַרמִשפּט אונדז ניט,

[1] בראשית ד, 8.

האָבן מיר בטָחון פאַר גאָט; 22 און וואָס מיר בעטן, באַקומען מיר פון
אים, מַחמת מיר היטן אָפּ זיינע מִצוות און טוען דאָס, וואָס איז
וואוילגעפעליק אין זיינע אויגן. 23 און דאָס איז זיינע מִצווה, אַז מיר
זאָלן גלויבן אין דעם נאָמען פון זיין זון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און ליב האָבן
איינער דעם אַנדערן, אַזוי ווי ער האָט אונדז געבאָטן. 24 און דער וואָס
האַלט זיינע מִצוות, טוט פאַרבלייַבן אין אים, און ער אין זיי. און אין
דעם דערקענען מיר, אַז ער פאַרבלייַבט אין אונדז, דורך דעם גייסט,
וואָס ער האָט אונדז געגעבן.
ד באַליבטע, גלויבט ניט יעדן גייסט, נייערט פרוּווט די גייסטער, צי
זיי זענען פון גאָט; מַחמת אַ סך פאָלשע נבִיאים זענען אַרויסגעגאַנגען
אין דער וועלט אַריין. 2 אין דעם דערקענט איר דעם גייסט פון גאָט:
יעדער גייסט, וואָס איז מוֹדה, אַז יֵשוּעַ הַמָשִיחַ איז געקומען אין דעם
פלייש, איז פון גאָט; 3 און יעדער גייסט, וואָס איז ניט מוֹדה אין
יֵשוּעַן, איז ניט פון גאָט. און דאָס איז דער גייסט פון דעם קעגנער פון
מָשִיחַן, פון דעם, וואָס איר האָט געהערט, אַז ער קומט; און אַצינד
איז ער שוין אין דער וועלט.
4 איר זענט פון גאָט, קינדערלעך מיינע, און איר האָט זיי בייַגעקומען;
מַחמת דער, וואָס איז אין אייך, איז גרעסער ווי דער, וואָס איז אין דער
וועלט. 5 זיי זענען פון דער וועלט, דעריבער רעדן זיי פון דער וועלט,
און די וועלט הערט זיי. 6 מיר זענען פון גאָט; דער, וואָס קען גאָט,
הערט אונדז; דער, וואָס איז ניט פון גאָט, הערט אונדז ניט. אין דעם
דערקענען מיר דעם גייסט פון אֱמת און דעם גייסט פון טָעות.
7 באַליבטע, לאָמיר ליב האָבן איינער דעם אַנדערן; וואָרים ליבשאַפט
איז פון גאָט, און יעדער איינער, וואָס האָט ליב, איז געבוירן געוואָרן
פון גאָט, און קען גאָט. 8 דער, וואָס האָט ניט ליב, קען ניט גאָט;
וואָרים גאָט איז ליבע.
9 אין דעם איז די ליבשאַפט פון גאָט אַנטפּלעקט געוואָרן אין אונדז,
וואָס גאָט האָט געשיקט זיין בֶּן־יָחִיד אין דער וועלט אַריין, כדי מיר
זאָלן דורך אים לעבן. 10 אין דעם איז ליבשאַפט: ניט דאָס, וואָס מיר
האָבן ליב געהאַט גאָט, נייערט וואָס ער האָט אונדז ליב געהאַט, און
האָט געשיקט זיין זון צו זיין די פאַרגעבונג פאַר אונדזערע זינד.
11 באַליבטע, אויב גאָט האָט אונדז אַזוי ליב געהאַט, באַדאַרפן מיר
אויך ליב האָבן איינער דעם אַנדערן. 12 קיינער האָט קיינמאָל ניט געזען
גאָט; אויב מיר האָבן ליב איינער דעם אַנדערן, פאַרבלייַבט גאָט אין
אונדז, און זיין ליבשאפט ווערט שלֵימותדיק

אין אונדז.
13 אין דעם ווייסן מיר, אַז מיר בלײַבן אין אים, און ער אין אונדז,
מַחמת ער האָט אונדז געגעבן פֿון זײַן גייסט. 14 און מיר האָבן געזען
און זאָגן עֵדות, אַז דער פֿאָטער האָט געשיקט דעם זון צו זײַן דער
גוֹאֵל פֿון דער וועלט. 15 דער, וואָס וועט מוֹדה זײַן, אַז יֵשוּעַ איז דער
בֶּן־אֱלֹהִים, גאָט פֿאַרבלײַבט אין אים, און ער אין גאָט. 16 און מיר
האָבן דערקענט און געגלויבט אין דער ליבשאַפֿט, וואָס גאָט האָט פֿאַר
אונדז. גאָט איז ליבע, און דער, וואָס בלײַבט אין ליבשאַפֿט,
פֿאַרבלײַבט אין גאָט, און גאָט פֿאַרבלײַבט אין אים.
17 מיט דעם איז די ליבשאַפֿט אין אונדז געמאַכט געוואָרן גאַנץ, כּדי
מיר זאָלן האָבן בִּטָחון אין דעם יום־הַדין; מַחמת אַזוי ווי ער איז,
פּונקט אַזוי זענען מיר אין דער דאָזיקער וועלט. 18 עס איז ניטאָ קיין
פּחד אין ליבשאַפֿט, נייערט שלֵימותדיקע ליבשאַפֿט טרײַבט אַרויס
דעם פּחד, מַחמת פּחד איז פֿאַרקניפּט מיט שטראָף; און דער, וואָס
האָט מוֹרא, איז ניט געוואָרן שלֵימותדיק אין ליבשאַפֿט. 19 מיר האָבן
ליב, מַחמת ער האָט אונדז קוֹדם ליב געהאַט. 20 אויב עמיצער זאָגט:
איך האָב ליב גאָט, און האָט פֿײַנט זײַן ברודער, איז ער אַ ליגנער;
וואָרים דער, וואָס האָט ניט ליב זײַן ברודער, וועמען ער האָט געזען,
קען ניט ליב האָבן גאָט, וועמען ער האָט ניט געזען. 21 און די דאָזיקע
מיצווה האָבן מיר פֿון אים, אַז דער, וואָס האָט ליב גאָט, זאָל אויך ליב
האָבן זײַן ברודער.
ה ווער סע גלויבט, אַז יֵשוּעַ איז דער מָשיחַ, איז געבוירן געוואָרן פֿון
גאָט; און ווער סע האָט ליב דעם, וואָס האָט אים געבוירן, האָט אויך
ליב דעם, וואָס איז פֿון אים געבוירן געוואָרן. 2 אין דעם דערקענען
מיר, אַז מיר האָבן ליב די קינדער פֿון גאָט: בעת מיר האָבן ליב גאָט
און זענען מקַיים זײַנע מיצוות. 3 וואָרים דאָס איז די ליבשאַפֿט צו
גאָט, וואָס מיר האַלטן זײַנע מיצוות; און זײַנע מיצוות זענען ניט
שווער. 4 וואָרים אַלץ, וואָס איז געבוירן געוואָרן פֿון גאָט, איז מנַצֵחַ
די וועלט; און דאָס איז דער נִצָחון, וואָס האָט מנַצֵחַ געווען די וועלט:
אונדזער אֱמונה.
5 און ווער איז דער, וואָס איז מנַצֵחַ די וועלט, אויב ניט דער, וואָס
גלויבט, אַז יֵשוּעַ איז דער בֶּן־אֱלֹהִים? 6 דאָס איז דער, וואָס איז
געקומען דורך וואַסער און בלוט, יֵשוּעַ הַמָשיחַ; ניט מיט דעם וואַסער
אַליין, נייערט מיט דעם וואַסער און מיט דעם בלוט. 7 און סע איז דער
גייסט, וואָס זאָגט עֵדות, מַחמת דער גייסט איז דער אֱמת. 8 וואָרים עס
זענען דריי, וואָס זאָגן עֵדות: דער גייסט, און דאָס וואַסער, און דאָס
בלוט; און די דריי זענען אײַנשטימיק.

9 אויבֿ מיר זענען מקַבּל דאָס עֵדות פוּן מענטשן, איז דאָס עֵדות פוּן
גאָט גרעסער; וואָרים דאָס איז דאָס עֵדות פוּן גאָט, אַז ער האָט עֵדות
געזאָגט פוּנוועגן זיין זוּן. 10 דער, וואָס גלויבֿט אין דעם בֶּן־אֱלֹהִים,
האָט דאָס עֵדות אין זיך; דער, וואָס גלויבֿט ניט גאָט, האָט אים
געמאַכט פאַר אַ ליגנער, מַחמת ער האָט ניט געגלויבֿט אין דעם עֵדות,
וואָס גאָט האָט געזאָגט פוּנוועגן זיין זוּן. 11 אוּן דאָס איז דאָס עֵדות,
אַז גאָט האָט אוּנדז געגעבֿן אייבֿיק לעבֿן, אוּן דאָס דאָזיקע לעבֿן איז
אין זיין זוּן. 12 דער, וואָס האָט דעם זוּן, האָט דאָס לעבֿן; דער, וואָס
האָט ניט דעם בֶּן־אֱלֹהִים, האָט ניט דאָס לעבֿן.
13 די דאָזיקע זאַכן האָבֿ איך אייך געשריבֿן, כּדי איר זאָלט וויסן, אַז
איר האָט אייבֿיק לעבֿן, איר, וואָס גלויבֿט אין דעם נאָמען פוּן דעם בֶּן־
אֱלֹהִים. 14 אוּן דאָס איז דער בּטָחון, וואָס מיר האָבֿן צוּ אים, אַז אויבֿ
מיר בּעטן עפּעס לויט זיין רָצון, דערהערט ער אוּנדז. 15 אוּן אויבֿ מיר
וויסן, אַז ער דערהערט אוּנדז פוּנוועגן דעם, וואָס מיר בּעטן, וויסן
מיר, אַז מיר האָבֿן די בַּקָשות, וואָס מיר האָבֿן אים געבֿעטן.
16 אויבֿ עמיצער זעט זיין בּרוּדער זינדיקן אַ זינד, וואָס איז ניט צוּם
טויט, זאָל ער בּעטן, אוּן גאָט וועט אים געבֿן לעבֿן פאַר די, וואָס
זינדיקן ניט צוּם טויט. עס איז פאַראַן אַ זינד, וואָס איז צוּם טויט; ניט
פוּנוועגן דעם זאָג איך, אַז ער זאָל בּעטן. 17 יעדע אוּמגערעכטיקייט
איז זינד; אוּן עס איז פאַראַן אַ זינד, וואָס איז ניט צוּם טויט.
18 מיר וויסן, אַז ווער סע איז געבֿוירן געוואָרן פוּן גאָט, זינדיקט ניט;
נייערט דער, וואָס איז געבֿוירן געוואָרן פוּן גאָט, היט זיך אָפּ, אוּן דער
בּייזער רירט אים ניט אָן.
19 מיר וויסן, אַז מיר זענען פוּן גאָט, אוּן די גאַנצע וועלט ליגט אין
דער מאַכט פוּן דעם בּייזן. 20 אוּן מיר וויסן, אַז דער בֶּן־אֱלֹהִים איז
געקוּמען, אוּן האָט אוּנדז געגעבֿן פאַרשטענדיקייט, אַז מיר זאָלן
קענען אים, וואָס איז וואָרהאַפטיק; אוּן מיר זענען אין אים, וואָס איז
וואָרהאַפטיק, אין זיין זוּן יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. דער דאָזיקער איז דער
וואָרהאַפטיקער גאָט, אוּן דאָס אייבֿיקע לעבֿן. 21 קינדערלעך, היט אייך
פוּן אָפּגעטער.

דער צווייטער בּריוו פוּן יוֹחָנָן

א דער זָקן צוּ דער אויסדערוויילטער בּעל־הבָּיתטע אוּן אירע קינדער,
וועמען איך האָבּ בּאֶמת ליבּ; אוּן ניט נאָר איך, נייערט אויך אַלע, וואָס
קענען דעם אֶמת; 2 פאַר דעם אֶמת וועגן, וואָס פאַרבּלייַבּט אין אוּנדז,
אוּן וועט זיין מיט אוּנדז אויף אייבּיק: 3 חֶסֶד, רַחמים, אוּן שָׁלום זאָלן
זיין מיט אוּנדז פוּן גאָט, דעם פאָטער, אוּן פוּן יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, דעם זוּן
פוּן דעם פאָטער, אין וואָרהאַפטיקייט אוּן ליבּשאַפט.
4 איך פריי מיך זייער שטאַרק, וואָס איך האָבּ געפוּנען עטלעכע פוּן
דיינע קינדער גיין אין דעם אֶמת, אַזוֹיווי מיר האָבּן מקַבּל געווען אַ
מיצווה פוּן דעם פאָטער. 5 אוּן איצט בּעט איך דיך, בּעל־הבָּיתטע, ניט
ווי איך וואָלט דיר געשריבּן אַ ניי מיצווה, נייערט דאָס, וואָס מיר האָבּן
געהאַט פוּן אָנהייבּ אָן, אַז מיר זאָלן ליבּ האָבּן איינער דעם אַנדערן.
6 אוּן דאָס דאָזיקע איז ליבּשאַפט, אַז מיר זאָלן לעבּן לויט זיינע
מיצוות. דאָס איז די מיצווה, אַזוֹיווי איר האָט געהערט פוּן אָנהייבּ אָן,
אַז איר זאָלט לעבּן דערין.
7 וואָרים אַ סך פאַרפירערס זענען אַרויסגעגאַנגען אין דער וועלט
אַריין, וואָס זענען ניט מוֹדה, אַז יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ איז געקוּמען אין דעם
פלייש. דאָס איז דער פאַרפירער אוּן דער קעגנער פוּן מָשִׁיחַן. 8 גיט
אַכטוּנג אויף זיך אַליין, כּדי איר זאָלט ניט פאַרלירן דאָס, אויף וואָס
מיר האָבּן זיך געמִיט, נייערט אַז איר זאָלט מקַבּל זיין אַ פוּלן שׂכַר.
9 ווער סע גייט ווייטער אוּן פאַרבּלייַבּט ניט אין דער תּוֹרַת־המשיח,
האָט ניט גאָט; ווער סע פאַרבּלייבּט אין דער תּוֹרה, דער דאָזיקער האָט
סיי דעם פאָטער אוּן סיי

דעם זון. 10 אויב עמיצער קומט צו אייך און ברענגט ניט די דאָזיקע
תּוֹרה, זאָלט איר אים ניט אויפנעמען אין אייער הויז, און אים ניט
אָפּגעבן קיין שָׁלום; 11 וואָרים דער, וואָס גיט אים אָפּ שָׁלום, האָט אַ
חֵלֶק אין זיינע בייזע מַעֲשׂים.
12 הֱיוֹת ווי איך האָב אייך נאָך אַ סַך צו שרייבן, וויל איך עס אָבער ניט
טאָן מיט פּאַפּיר און טינט; נייערט איך האָף צו קומען צו אייך, און צו
רעדן פָּנים־אֶל־פָּנים, כּדי אונדזער שִׂמחה זאָל זיין פול.
13 די קינדער פון דיין אויסדערוויילטער שוועסטער זאָגן דיר
שלום־עליכם.

דער דריטער בּריװ פֿון יוֹחָנָן

א דער זָקן צו גאַיוּסן, דעם בּאַליבּטן, װעמען איך האָבּ בּאֱמֶת ליבּ.
2 בּאַליבּעטער, איך בּין מִתפַּלֵל, אַז דו זאָלסט אין אַלצדינג מַצלִיחַ זײַן
און זײַן געזונט, אַזױװי דײַן נשָמה טוט מַצלִיחַ זײַן. 3 װאָרים איך האָבּ
מיך זײער געפֿרײט, בּעת סע זענען געקומען בּרידער און האָבּן עֵדות
געזאָגט אויף דײַן װאָרהאַפֿטיקײט, אַזױװי דו לעבּסט אין דעם אֱמת.
4 קײן גרעסערע פֿרײד װי די דאָזיקע האָבּ איך ניט, צו הערן פֿון מײַנע
קינדערלעך, אַז זײ לעבּן אין דעם אֱמת.
5 בּאַליבּטער, דו טוסט אַ געטרײַע אַרבּעט מיט דעם, װאָס דו טוסט
פֿאַר די בּרידער, און בִּכלַל פֿאַר פֿרעמדע, 6 װאָס זאָגן עֵדות אויף דײַן
ליבּשאַפֿט פֿאַר דער קהִילה. דו װעסט טאָן רעכט, זײ װײַטער צו שיקן
אויף זײער נסִיעה, װי עס איז רָאוּי פֿאַר גאָט. 7 מַחמת פֿון זײַן נאָמען
װעגן זענען זײ אַרויסגעגאַנגען, און האָבּן גאָרניט גענומען פֿון די
גוֹיִים. 8 מיר דאַרפֿן דעריבּער מקַבּל זײַן אַזױנע, כּדי מיר זאָלן זײַן
מיטאַרבּעטער פֿאַר דעם אֱמת.
9 איך האָבּ עפּעס געשריבּן צו דער קהִילה; דיאָטרעפֿעס אָבּער, װאָס
האָט ליבּ צו זײַן אַ רֹאש צװישן זײ, נעמט אונדז ניט אוֹיף. 10 בּכֵן,
אויבּ איך װעל קומען, װעל איך דערמאָנען זײַנע מַעשׂים, װאָס ער
טוט, בּעת ער רײַסט אונדז אַראָפּ מיט בּײזע רײד. און װי דאָס װאָלט
ניט געװען גענוג, נעמט ער אויך ניט אוֹיף די בּרידער, און יענע, װאָס
װילן עס טאָן, טוט ער פֿאַרװערן און זײ אַרויסװאַרפֿן פֿון דער קהִילה.
11 בּאַליבּטער, טו ניט נאָך דאָס שלעכטע, נײַערט דאָס גוטע. דער,
װאָס טוט גוטס, איז פֿון גאָט; דער, װאָס טוט שלעכטס, האָט ניט
געזען גאָט. 12 דעמעטריוּס האָט דאָס עֵדות פֿון אַלעמען,

און פון דעם אֶמת אַליין; און אויך מיר זאָגן עֵדות, און דו ווייסט, אַז
אונדזער עֵדות איז אֶמת.
13 איך האָב געהאַט אַ סך זאַכן דיר צו שרייבן, נאָר איך וויל זיי ניט
שרייבן מיט טינט און פעדער; 14 איך האָף אָבער באַלד דיך צו זען,
און מיר וועלן רעדן פָּנים־אֶל־פָּנים.
15 שָלום־עליכם. די פריינט גריסן דיך. גריס די פריינט ביים נאָמען.

דער בריוו פון יְהוּדָהן

א יהודה, אַ קנעכט פון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און אַ ברודער פון יַעקֹבן, צו די
וואָס זענען בארופן, באַליבטע אין גאָט דעם פאָטער, און אָפּגעהיט
פאַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. 2 רַחמים צו אייך און שָלום און ליבשאַפט זאָלן זיין
געמערט.
3 באַליבטע, בשַעת איך האָב מיר פירגענומען מיט גאַנצער פלייַסיקייט
אייך צו שרייבן פון אונדזער געמיינזאַמער ישועה, האָב איך עס
געהאַלטן פאַר נייטיק אייך צו שרייבן און אייך דערמאָנען, אַז איר
זאָלט קעמפן פאַר דער אֶמונה, וואָס איז איין מאָל פאַר אַלעמאָל
איבערגעענטפערט געוואָרן צו די הייליקע. 4 וואָרים סע האָבן זיך צו
אייך אַרייַנגעשאַרט עטלעכע מענשטן, וואָס זענען פון לאַנג פאָרויס
פאַרשריבן געוואָרן צו דעם דאָזיקן פסַק: רשָעים, וואָס פאַרבייַטן דעם
חֶסֶד פון אונדזער גאָט אין פאַרשייַטקייט, און פאַרלייקענען אונדזער
איינציקן מוֹשל און האַר, יֵשוּעַ הַמָשִיחַ.
5 איצט וויל איך אייך אָבער דערמאָנען, הַגַם איר ווייסט אַלצדינג שוין
פון פריער, אַז גאָט, בעת ער האָט מַציל געווען דאָס פאָלק פון דעם
לאַנד מִצרַיִם, האָט ער דערנאָך פאַרטיליקט די, וואָס האָבן ניט
געגלויבט. 6 און מַלאָכים, וואָס האָבן ניט געהיט זייער אייגענע
מֶמשָלה, נייערט האָבן פאַרלאָזט זייער אייגן וואוינאָרט, האָט ער
געהאַלטן אונטער פינצטערניש אין אייביקע קייטן פאַר דעם מִשפּט פון
דעם גרויסן טאָג. 7 פּונקט ווי סדום און עַמוֹרה און די שטעט אַרום זיי,
וואָס האָבן אויף אַן ענלעכן אוֹפן ווי די דאָזיקע זיך איבערגעגעבן צו
זנות און זענען געגאַנגען נאָך פרעמדן פלייש, זענען אַרויסגעשטעלט
געוואָרן ווי אַ מָשל, בעת זיי ליידן שטראָף פון אייביקן פייער.
8 אויף אַן ענלעכן אוֹפן זענען אויך די דאָזיקע בַעלי־חַלוֹמות מטַמא
דאָס פלייש, און זענען מבַטל הערשאַפטן און לעסטערן שׂרָרות. 9 דער
שַר־הַמַלאָך מִיכָאֵל אָבער,

בעת ער האָט זיך געקריגט מיט דעם שׂטן, און זיך מתווכּח געווען
פֿונוועגן דעם לײַב פֿון משהן, האָט ער זיך ניט דערוועגט
אַרויסצוברענגען קעגן אים אַ לעסטערנדיקן משפּט, נייערט האָט
געזאָגט: גאָט זאָל דיך שטראָפֿן. 10 די דאָזיקע אָבער לעסטערן דאָס,
וואָס זיי קענען ניט, און וואָס זיי פֿאַרשטייען בטבֿע ווי נאַרישע
בהמות,מיט דעם פֿאַרדאַרבן זיי זיך. 11 ווײ איז צו זיי! וואָרים זיי
זענען געגאַנגען אין דעם וועג פֿון קַיִנען, און זענען געלאָפֿן פֿאַרשײַט
צוליב געצאָלטס אין דעם טָעות פֿון בּלעָמען, און זענען אומגעקומען
אין דער ווידערשפּעניקייט פֿון קורחן. 12 דאָס זענען די, וואָס זענען
פֿאַרבאָרגענע פֿעלזן אויף אייערע ליבשאַפֿט-סעודות, בעת זיי עסן
מיט אײַך, וואָס פֿיטערן זיך אַליין אָן מורא; וואָלקנס אָן וואַסער,
אַרומגעטריבן פֿון ווינטן; האַרבסט-ביימער אָן פּירות, צוויי מאָל
געשטאָרבענע, אויסגעריסענע מיט די וואָרצלען; 13 ווילדע ים-
כוואַליעס, וואָס שוימען אויס זייער אייגענע חרפּה; וואַנדערנדיקע
שטערן, פֿאַר וועמען די שטאָק-פֿינצטערניש איז אויפֿבאַוואַרט געוואָרן
אויף אייביק.
14 און אויף די דאָזיקע האָט אויך חנוך, דער זיבעטער פֿון אָדָמען,
נבֿיאות געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זע, גאָט איז געקומען מיט צענטויזנטער
פֿון זיינע הייליקע, 15 אויסצופֿירן אַ משפּט איבער אַלע, און צו
באַשטראָפֿן אַלע רשָעים פֿונוועגן אַלע זייערע מַעשׂים פֿון רשעות,
וואָס זיי האָבן רשעותדיק געטאָן, און פֿונוועגן אַלע האַרטע רייד, וואָס
גאָטלאָזע רשָעים האָבן גערעדט קעגן אים. 16 דאָס זענען מורמלערס,
וואָס באַקלאָגן זיך, וואָס גייען נאָך זייערע תּאוות, און זייער מויל
רעדט אויפֿגעבלאָזענע רייד, און זענען נושׂא-פּנים פֿון געווינס וועגן.
17 איר אָבער, באַליבטע, געדענקט די רייד, וואָס זענען פֿריער גערעדט
געוואָרן דורך די שליחים פֿון אונדזער האַר ישוע המָשיח. 18 וואָרים
זיי האָבן אײַך געזאָגט: אין דער לעצטער צייט וועלן אויפֿשטיין
אָפּשפּעטער, וואָס וועלן גיין נאָך זייערע אייגענע רשעותדיקע תּאוות.
19 דאָס זענען די, וואָס מאַכן אָפּשיידונגען, גשמיותדיקע, וואָס האָבן
ניט דעם גייסט. 20 איר אָבער, באַליבטע, בויט אײַך אויף אין אייער
הייליקסטער אמונה, זייט מתפּלל אין דעם רוח-הקודש; 21 האַלט אײַך
אין דער ליבשאַפֿט פֿון גאָט, און וואַרט אויף דער באַרעמהאַרציקייט
פֿון אונדזער האַר ישוע המָשיח פֿאַר אייביק לעבן. 22 און אויף
עטלעכע, וואָס זענען אין ספֿק, האָט רחמָנות; 23 און עטלעכע זייט
מַציל, רייסט זיי אַרויס פֿון דעם פֿייער; און אויף עטלעכע האָט
רחמָנות מיר מורא, און מיאוסט אײַך אויך פֿאַר דעם געוואַנט, וואָס
איז באַפֿלעקט פֿון דעם פֿלייש.

24 אוּן צוּ דעם, וואָס איז בִּיכוֹלת אייך אָפּצוּהיטן פוּן שטרויכלוּנג, אוּן
אייך צוּ שטעלן אָן אַ מוּם פאַר דעם פָּנים פוּן זיין הערלעכקייט מיט
גרויס שִׂמחה, 25 צוּ דעם איינציקן גאָט, אוּנדזער גוֹאֵל, דוּרך יֵשוּעַ
הַמָשִׁיחַ, אוּנדזער האַר, זאָל זיין כָּבוד, גדוּלה, מֶמשָׁלה אוּן גבוּרה פאַר
אַלע צייטן, אַצינד אוּן לעוֹלם וָעד. אָמֵן.

די הִתגַלות פֿון יוֹחָנָן

א די הִתגַלות פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, וואָס גאָט האָט אים געגעבן צו ווייזן
זיינע קנעכט, זאַכן וואָס דאַרפֿן בְּקָרוב געשען; און ער האָט געשיקט
און זיי מוֹדִיע געווען דורך זיין מַלאך צו זיין קנעכט יוֹחָנָן, 2 וואָס האָט
עֵדות געזאָגט פֿונוועגן דעם וואָרט פֿון גאָט, און פֿונוועגן דעם עֵדות
פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, און פֿונוועגן אַלצדינג, וואָס ער האָט געזען.
3 וואויל איז דעם, וואָס לייענט, און די, וואָס הערן די רייד פֿון דער
נבוּאה, און היטן אָפּ, וואָס איז דערין געשריבן; וואָרים די צייט האָט
גענעענט.
4 יוֹחָנָן צו די זיבן קְהִילות, וואָס זענען אין אַזיע: חֶסֶד צו אייך און
שָלום פֿון אים, וואָס איז, און וואָס איז געווען, און וואָס דאַרף קומען;
און פֿון די זיבן גייסטער, וואָס זענען פֿאַר זיין כִּיסא־הַכָּבוֹד, 5 און פֿון
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דעם געטרייען עֵדות, דעם בּכוֹר פֿון די מֵתים, און דעם
הערשער פֿון די מְלָכים פֿון דער ערד. צו אים, וואָס האָט אונדז ליב
און האָט אונדז אויסגעלייזט פֿון אונדזערע זינד דורך זיין בלוט, 6 און
האָט אונדז געמאַכט פֿאַר אַ מלוּכה, פֿאַר כֹּהַנים צו זיין גאָט און
פֿאָטער. אים געהערט די הערלעכקייט און די הערשאַפֿט לְעוֹלמֵי־
עוֹלמים. אָמֵן. 7 זע, ער קומט מיט די וואָלקנס,[1] און יעטוועדעס אויג
וועט אים זען, און די, וואָס האָבן אים דורכגעשאָכן;[2] און אַלע
מִשפָּחות פֿון דער ערד וועלן קלאָגן איבער אים. אָמֵן וְאָמֵן.
8 איך בין די אַלֶף און די תָּוו, זאָגט יהוה אֱלֹהים, וואָס איז און וואָס
איז געווען און וואָס דאַרף קומען, דער אַלמעכטיקער.
9 איך, יוֹחָנָן, אייער ברודער און חַבר מיט אייך אין דעם קומער און
מַלכות און געדולד אין יֵשוּעַ, בין געווען אויף דעם אינזל, וואָס ווערט
אָנגערופֿן פַּאַטמאָס, פֿונוועגן

[1] דניאל ז, 13. [2] זכריה יב, 10.

דעם וואָרט פֿון גאָט און פֿונוועגן דעם עֵדות פֿון יֵשוּעַ. 10 איך בּין געווען
אין דעם גייסט אין דעם טאָג פֿון דעם האַר, און איך האָבּ געהערט הינטער
מיר אַ הויך קוֹל ווי פֿון אַ שוֹפר, 11 אַזוי צוּ זאָגן: וואָס דוּ זעסט,
פֿאַרשרייבּ אין אַ סֵפר, און שיק עס צוּ די זיבּן קהִילוֹת: קיין עפּעזוּס, און
קיין סמירנע, און קיין פּערגאַמוּם, און קיין טיִאַטיראַ, און קיין סאַרדיס,
און קיין פֿילאַדעלפֿיע, און קיין לאַאָדיקיע.
12 און איך האָבּ מיך אויסגעדרייט צוּ זען דאָס קוֹל, וואָס האָט מיט מיר
גערעדט. און ווי איך האָבּ מיך אויסגעדרייט, האָבּ איך געזען זיבּן גילדענע
מנוֹרות, 13 און אין דער מיט פֿון די מנוֹרות – איינעם גלייך ווי אַ בֶּן־אָדָם,
בּאַקליידט מיט אַ מַלבּוּש אַראָפּצוּ בּיז די פֿיס, און אַרוּמגעגאַרטלט בּיי
דער בּרוּסט מיט אַ גילדענעם גאַרטל. 14 און זיין קאָפּ און זיינע האָר זענען
געווען ווייס ווי ווייסע וואָל, ווי שניי, און זיינע אויגן זענען געווען ווי אַ
פֿלאַם פֿון פֿייער, 15 און זיינע פֿיס גלייך ווי פּאָלירט מעש, בּעת סע גליִט
אין אוֹיוון, און זיין קוֹל ווי דאָס קוֹל פֿון אַ סַך וואַסערן. 16 און ער האָט
געהאַט אין זיין רעכטער האַנט זיבּן שטערן; און פֿון זיין מויל איז
אַרויסגעגאַנגען אַ שאַרפֿע צוויי־שנייַדיקע שווערד; און זיין פָּנים איז
געווען ווי די זון, בּעת זי שיינט אין איר קראַפֿט.
17 און בּעת איך האָבּ אים געזען, בּין איך געפֿאַלן צוּ זיינע פֿיס ווי אַ
טויטער. און ער האָט אַרויפֿגעלייגט אויף מיר זיין רעכטע האַנט, און
געזאָגט: האָבּ ניט קיין מוֹרא; איך בּין דער ערשטער און דער לעצטער
18 און דער לעבּעדיקער; איך בּין געווען טויט, און זע, איך בּין לעבּעדיק
לעוֹלמי־עוֹלמים, און האָבּ די שליסלען פֿון טויט און פֿון שאוֹל־תַּחתִּיה.
19 שרייבּ דעריבּער וואָס דוּ האָסט געזען, און וואָס איז פֿאַראַן, און וואָס
סע וועט שפּעטער געשען. 20 דעם סוֹד פֿון די זיבּן שטערן, וואָס דוּ האָסט
געזען אין מיין רעכטער האַנט, און די זיבּן גילדענע מנוֹרות: די זיבּן
שטערן זענען די מַלאָכים פֿון די זיבּן קהִילוֹת, און די זיבּן מנוֹרות זענען די
זיבּן קהִילוֹת.
ב צוּ דעם מַלאך פֿון דער קהִילה אין עפּעזוּס שרייבּ: דאָס דאָזיקע זאָגט
דער, וואָס האַלט די זיבּן שטערן אין זיין רעכטער האַנט, וואָס גייט אין
דער מיט פֿון די זיבּן גילדענע מנוֹרות: 2 איך קען דיינע מַעשׂים און דיין מִי
און דיין געדוּלדיקייט, און אַז דוּ קענסט ניט פֿאַרטראָגן קיין רשָעים, און
האָסט אויסגעפּרוּאווט די, וואָס רוּפֿן זיך שלִיחים, און זענען עס ניט, און
האָסט זיי אויסגעפֿונען פֿאַר ליגנער; 3 און דוּ האָסט געדוּלד, און האָסט
פֿאַרטראָגן פֿון מיין נאָמענוועגן, און בּיסט ניט געוואָרן מיד. 4 איך האָבּ
אָבּער קעגן דיר דאָס, וואָס דוּ האָסט פֿאַרלאָזן דיין ערשטע ליבּשאַפֿט.
5 געדענק דעריבּער פֿונוואַנען דוּ בּיסט געפֿאַלן, און טוּ תּשוּבה, און טוּ די
ערשטע מַעשׂים. אויבּ ניט, וועל איך קוּמען

צו דיר, און וועל אַוועקרוקן דיין מנוֹרה פון איר אָרט, סיידן דו וועסט
תּשובה טאָן. 6 דאָס אָבער האָסטו, וואָס דו האָסט פיינט די מַעשׂים פון
די ניקאָלאַאיטן, וועמען אויך איך האָב פיינט. 7 דער, וואָס האָט אַן
אויער, זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט צו די קהִילות: דער, וואָס איז
מנַצֵחַ, דעם וועל איך געבן צו עסן פון דעם עֵץ־הַחַיִים, וואָס איז אין
גאָטס גַן־עֵדן.

8 און צו דעם מַלאך פון דער קהִילה אין סמירנע שרייב: דאָס דאָזיקע
זאָגט דער ערשטער און דער לעצטער, וואָס איז געווען טויט און איז
ווידער לעבעדיק געוואָרן: 9 איך ווייס פון דיין טרויער און דיין
אָרעמקייט (דו ביסט אָבער רייך) און די לעסטערונג פון די, וואָס זאָגן,
אַז זיי זענען יידן, און זענען עס ניט, נייערט זענען אַ צוזאַמענטרעף
פון שָׂטן. 10 האָב ניט קיין מורא פאַר דעם, וואָס דו וועסט דאַרפן
ליידן. זע, דער שָׂטן איז גרייט עטלעכע פון אייך אַרײַנצוּוואַרפן אין
דער תּפיסה, כּדי איר זאָלט געפּרוּווט ווערן, און איר וועט האָבן
צָרות צען טעג. זיי געטריי ביז צום טויט, און איך וועל דיר געבן די
קרוין פון לעבן. 11 דער, וואָס האָט אַן אויער, זאָל הערן, וואָס דער
גייסט זאָגט צו די קהִילות: דער, וואָס איז מנַצֵחַ, וועט ניט ליידן פון
דעם צווייטן טויט.

12 און צו דעם מַלאך פון דער קהִילה אין פּערגאַמום שרייב: דאָס
דאָזיקע זאָגט דער, וואָס האָט די שאַרפע צוויי־שנײַדיקע שווערד:
13 איך ווייס, וואו דו וואוינסט, דאָרט, וואו ס'איז דעם שָׂטנס טראָן;
און דו האַלטסט פעסט מיין נאָמען, און האָסט ניט פאַרלייקנט מיין
אֶמונה, אַפילו ניט אין די טעג פון אַנטיפּאַס, מיין געטרײַען עֵדות,
וואָס איז געהַרגעט געוואָרן צווישן אייך, וואו דער שָׂטן וואוינט.
14 איך האָב אָבער עטלעכע זאַכן קעגן דיר, מַחמת דו האָסט דאָרטן
עטלעכע, וואָס האַלטן די לערנונג פון בִּלעָמען, וואָס האָט געלערנט
בָּלָקן צו וואַרפן אַ שטרויכלונג פאַר די בּנֵי־יִשׂרָאֵל, צו עסן דאָס, וואָס
מען האָט מַקריב געווען צו אָפּגעטער און צו באַגיין זנות. 15 אַזוי אויך
האָסטו עטלעכע, וואָס האַלטן פון דער לערנונג פון די ניִקאָלאַאיטן.
16 טו דעריבער תּשובה. אויב ניט, קום איך צו דיר אינגיכן, און וועל
מִלחָמה האַלטן קעגן זיי מיט דער שווערד פון מיין מויל. 17 דער,
וואָס האָט אַן אויער, זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט צו די קהִילות:
דער, וואָס איז מנַצֵחַ, דעם וועל איך געבן פון דעם פאַרבאָרגענעם מָן,
און איך וועל אים געבן אַ ווייסן שטיין, און אויף דעם שטיין
אָנגעשריבן אַ נייעם נאָמען, וואָס קיינער ווייסט ניט, אַחוץ דער, וואָס
איז אים מקַבּל.

18 און צו דעם מַלאך פֿון דער קהִילה אין טיִאַטיראַ שרייב: דאָס
דאָזיקע זאָגט דער בֶּן־אֱלֹהִים, וואָס האָט אויגן ווי אַ פֿלאַם פֿון פֿייער,
און זיינע פֿיס זענען געגליכן צו פּאָלירט מעש: 19 איך קען דיינע
מַעשׂים און דיין ליבשאַפֿט און אֱמונה און דינונג און געדולדיקייט, און
אַז דיינע לעצטע מַעשׂים זענען מער, ווי די ערשטע. 20 איך האָב אָבער
עפּעס קעגן דיר, מַחמת דו דולדסט דאָס ווייב איזֶבֶל, וואָס רופֿט זיך
אָן אַ נבֿיאה, און זי לערנט און פֿאַרפֿירט מיינע קנעכט צו באַגיין זנוּת,
און צו עסן דאָס, וואָס מען האָט מַקריב געווען צו אָפּגעטער. 21 און
איך האָב איר געגעבן צייט, אַז זי זאָל תּשובה טאָן; און זי וויל ניט
תּשובה טאָן אויף איר זנוּת. 22 זע, איך וואַרף זי אַריין אין אַ געלעגער,
און די, וואָס זענען מזַנה מיט איר, אין אַ גרויסער צָרה, אויב זיי וועלן
ניט תּשובה טאָן אויף זייערע מַעשׂים. 23 און איך וועל שלאָגן אירע
קינדער מיט דעם טויט. און אַלע קהִילות וועלן וויסן, אַז איך בין דער,
וואָס פֿאָרשט די נִירן און די הערצער; און איך וועל געבן יעדן איינעם
פֿון אייך לויט אייערע מַעשׂים.
24 איך אָבער זאָג אייך, די איבעריקע אין טיִאַטיראַ, צו יענע, וואָס
האָבן ניט די דאָזיקע לערנונג, וואָס קענען ניט די טיפֿקייטן פֿון דעם
שָׂטן (ווי זיי זאָגן), איך לייג אויף אייך ניט אַרויף קיין שום אַנדערע
מַשׂא. 25 דאָך דאָס, וואָס איר האָט, האַלט פֿעסט ביז איך קום. 26 און
דער, וואָס איז מנַצֵחַ, און דער, וואָס היט אָפּ מיינע ווערק ביז צום
סוֹף, אים וועל איך געבן שליטה איבער די גוֹיִים. 27 און ער וועט
הערשן איבער זיי מיט אַ רוט פֿון אייזן, ווי די כֵּלים פֿון דעם טעפּער
ווערן צעבראָכן אויף פּיצלעך, אַזויווי איך האָב אויך מקַבל געווען
פֿון מיין פֿאָטער;[1] 28 און איך וועל אים געבן דעם מאָרגנשטערן.
29 דער, וואָס האָט אַן אויער, זאָל הערן, וואָס דער גייסט טוט זאָגן צו
די קהִילות.
ג און צו דעם מַלאך פֿון דער קהִילה אין סאַרדעס שרייב: דאָס דאָזיקע
זאָגט דער, וואָס האָט די זיבן גייסטער פֿון גאָט און די זיבן שטערן:
איך קען דיינע מַעשׂים; דו האָסט אַ נאָמען, אַז דו לעבסט, און ביסט
טויט. 2 וואַך אויף און באַפֿעסטיק דאָס איבעריקע, וואָס איז געווען גרייט
צו שטאַרבן; וואָרים איך האָב ניט געפֿונען דיינע מַעשׂים גאַנץ פֿאַר
מיין גאָט. 3 געדענק דעריבער וויאַזוי דו האָסט מקַבל געווען און
געהערט,

[1] תּהלים ב, 9.

אוּן היט עס אוּן טוּ תּשוּבה. אויבֿ אָבֿער דוּ וועסט ניט אַכטוּנג געבֿן,
וועל איך קוּמען ווי אַ גַנבֿ, אוּן דוּ וועסט ניט וויסן אין וואָסער שָעה
איך וועל קוּמען איבֿער דיר. 4 דוּ האָסט אָבֿער אין סאַרדעס עטלעכע
נעמען, וואָס האָבן ניט באַפלעקט זייערע מַלבוּשים; אוּן זיי וועלן
גיין מיט מיר אין ווייַסן, וואָרים זיי זענען זוֹכה. 5 דער, וואָס איז
מנַצֵחַ, וועט אַזוי אָנגעטאָן ווערן אין ווייַסע מַלבוּשים, אוּן איך וועל
באֵין־אוֹפן ניט אויסמעקן זיין נאָמען פֿוּן דעם סֵפֶר־הַחַיִים, אוּן איך
וועל מוֹדה זיין זיין נאָמען פֿאַר מיין פֿאָטער אוּן פֿאַר זייען מַלאָכים.
6 דער, וואָס האָט אַן אויער, זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט צוּ
די קהִילות.
7 אוּן צוּ דעם מַלאך פֿוּן דער קהִילה פֿוּן פֿילאַדעלפֿיע שרייבֿ: דאָס
דאָזיקע זאָגט דער, וואָס איז הייליק, דער, וואָס איז וואָרהאַפטיק, דער,
וואָס האָט דעם שליסל פֿוּן דָוִדן, דער, וואָס עפֿענט, אוּן קיינער וועט
ניט פֿאַרשליסן, אוּן וואָס פֿאַרשליסט, אוּן קיינער עפֿענט ניט: 8 איך
קען דיינע מַעשׂים – זע, איך האָבֿ געשטעלט פֿאַר דיר אַ געעפֿנטע
טיר, וואָס קיינער קאָן ניט פֿאַרשליסן – וואָרים דוּ האָסט אַ קליינעם
כּוֹח, אוּן האָסט געהאַלטען מיין וואָרט, אוּן ניט פֿאַרלייקענט מיין
נאָמען. 9 זע, איך וועל געבֿן פֿוּן דעם פֿאַרזאַמלוּנג פֿוּן שָטן, פֿוּן יענע,
וואָס זאָגן, אַז זיי זענען ייִדן, אוּן זענען עס ניט, נייערט זאָגן שקָרים –
זע, איך וועל מאַכן, אַז זיי זאָלן קוּמען אוּן זיך בוּקן פֿאַר דיינע פֿיס,
אוּן זאָלן וויסן, אַז איך האָבֿ דיך ליבֿ. 10 מַחמת דוּ האָסט געהאלטן
דאָס וואָרט פֿוּן מיין געדוּלדיקייט, וועל איך אויך דיך היטן פֿוּן דער
שָעה פֿוּן נסָיון, וואָס וועט קוּמען איבֿער דער גאַנצער וועלט צוּ
פּרוּאוון די, וואָס וואוינען אויף דער ערד. 11 איך קוּם באַלד; האַלט
שטאַרק דאָס, וואָס דוּ האָסט, כּדי קיינער זאָל ניט צוּנעמען דיין קרוין.
12 דער, וואָס איז מנַצֵחַ, דעם וועל איך מאַכן פֿאַר אַ זייַל אין דעם הֵיכל
פֿוּן מיין גאָט, אוּן ער וועט מער ניט אַרויסגיין פֿוּן דאָרטן; אוּן איך
וועל אויף אים אויפשרייַבן דעם נאָמען פֿוּן מיין גאָט, אוּן דעם נאָמען
פֿוּן דער שטאָט פֿוּן מיין גאָט, דאָס נייע ירוּשָלַיִם, וואָס נידערט אַראָפּ
פֿוּן הימל, פֿוּן מיין גאָט, אוּן מיין אייגענעם נייעם נאָמען. 13 דער, וואָס
האָט אַן אויער, זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט צוּ די קהִילות.
14 אוּן צוּ דעם מַלאך פֿוּן דער קהִילה אין לאַאָדיקיע שרייבֿ: דאָס
דאָזיקע זאָגט דער אָמֵן, דער געטרייַער אוּן וואָרהאַפטיקער עֵדות, דער
אָנהייבֿ פֿוּן דער באַשאַפֿוּנג פֿוּן גאָט. 15 איך קען דיינע מַעשׂים, אַז דוּ
בּיסט ניט קאַלט, אויך ניט הייס; הַלוואַי וואָלטסטוּ געווען קאַלטן,
אָדער הייס! 16 בכֵן, ווייל דוּ בּיסט לעבלעך, ניט הייס, אויך ניט קאַלט,
וועל איך דיך אויסשפּייַען פֿוּן מיין מויל. 17 וואָרוּם דוּ

זאָגסט: איך בין רייך, און האָב דערוואָרבן עַשירות, און נייטיק מיך אין
גאָרניט, און ווייסט ניט, אַז דו ביסט גראָד עלנט, און אומגליקלעך און
אָרעם, און בלינד, און נאַקעט. 18 בכֵן, ראָט איך דיר, צו קויפן ביי מיר גאָלד,
געלייַטערט דורך פייער, כּדי דו זאָלסט ווערן רייך; און ווייַסע מַלבּושים,
כּדי דו זאָלסט דיך באַקליידן, און כּדי די בושה פון דיין נאַקעטקייט זאָל ניט
אַנטפּלעקט ווערן; און אויגנזאַלב צו זאַלבן דיינע אויגן, כּדי דו זאָלסט
קענען זען. 19 אַלע, וואָס איך האָב ליב, מוסר איך און שטראָף; זיי דעריבער
אייפעריק און טו תּשובה. 20 זע, איך שטיי ביי דער טיר און קלאַפּ אָן; אויב
עמיצער הערט מיין קול און טוט עפענען די טיר, וועל איך אַרייַנקומען צו
אים, און וועל עסן מיט אים, און ער מיט מיר.
21 דער, וואָס איז מנַצֵחַ, דעם וועל איך געבן, אַז ער זאָל זיך אַנידערזעצן
מיט מיר אויף מיין כּיסא־הקבוד, אַזוי ווי אויך איך האָב מנַצֵחַ געווען און
האָב מיך אַנידערגעזעצט מיט מיין פאָטער אויף זיין כּיסא־הקבוד. 22 דער,
וואָס האָט אַן אויער, זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט צו די קהילות.
ד נאָכדעם האָב איך געזען, ערשט אַ טיר איז געשטאַנען אָפן אין הימל, און
דאָס ערשטע קול, וואָס איך האָב געהערט, ווי פון אַ שופר, האָט גערעדט
מיט מיר, און געזאָגט: קום אַרויף אַהער, און איך וועל דיר ווייזן דאָס, וואָס
מוז שפּעטער געשען. 2 און גלייך בין איך געווען אין דעם גייסט. און זע, עס
איז געווען אַוועקגעשטעלט אַ כּיסא־הקבוד אין הימל, און איינער איז
געזעסן אויף דעם כּיסא־הקבוד; 3 און דער, וואָס איז געזעסן, האָט געהאַט
אויף זיך דאָס אויסזען ווי פון אַ יאַספּיס און אַ סאַרדיסשטיין; און אַ
רעגנבויגן איז געווען אַרום דעם כּיסא־הקבוד, ווי דאָס אויסזען פון אַ
סמאַראַגד. 4 און אַרום און אַרום דעם כּיסא־הקבוד זענען געווען פיר און
צוואַנציק טראָנען; און אויף די טראָנען האָב איך געזען זיצן פיר און
צוואַנציק זקֵנים, אָנגעטאָן אין ווייסע מַלבּושים, און אויף זייערע קעפּ
קרוינען פון גאָלד. 5 און פון דעם כּיסא־הקבוד אַרויס גייען בליצן און קולות
און דונערן. און זיבן פייער־פאַקלען האָבן געבראַכט פאַר דעם כּיסא־
הקבוד, וואָס זענען די זיבן גייסטער פון גאָט; 6 און פאַר דעם כּיסא־הקבוד
ווי סע וואָלט געווען אַ יַם פון גלאָז, גלייך ווי קריסטאָל.
און אין דער מיט פון דעם כּיסא־הקבוד, און אַרום און אַרום דעם כּיסא־
הקבוד, פיר חַיות פול מיט אויגן פון פאָרנט און פון הינטן. 7 און די ערשטע
חַיה איז געווען ווי אַ לייב, און די צווייטע חַיה ווי אַן אָקס, און די דריטע
חַיה האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ מענטשן, און די פערטע חַיה איז געווען ווי
אַ פליענדיקער אָדלער. 8 און די פיר חַיות, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט
געהאַט זעקס פליגל, זענען פול מיט אויגן אַרום און אַרום און אינעווייניק.
און זיי האָבן טאָג און נאַכט ניט קיין רו, און זאָגן:
הייליק, הייליק, הייליק איז יהוה צבאות,

דער אַלמעכטיקער, וואָס איז געווען און וואָס איז און וואָס וועט
קומען.
9 און בעת די חַיות האָבן אָפּגעגעבן הערלעכקייט, און כָּבוד, און
דאַנקלויב, צו אים וואָס זיצט אויף דעם כּיסא־הקבוד, וואָס לעבט לעולמי
עולמים, 10 פֿאַלן אַנידער די פיר און צוואַנציק זקֵנים פֿאַר אים, וואָס
זיצט אויף דעם כּיסא־הקבוד, און בוקן זיך צו אים, וואָס לעבט אייביק
און אייביק, און וואַרפֿן אַנידער זייערע קרוינען פֿאַר דעם כּיסא־הקבוד,
און זאָגן:
11 רָאוי ביסטו, אונדזער האַר און אונדזער גאָט, מקַבּל צו זיין די
הערלעכקייט און דעם כָּבוד און די שטאַרקייט; וואָרים דו האָסט
באַשאַפֿן אַלצדינג, און דורך דיין רָצון זענען זיי געווען און זענען
באַשאַפֿן געוואָרן.
ה און איך האָב געזען אין דער רעכטער האַנט פֿון דעם, וואָס איז געזעסן
אויף דעם כּיסא־הקבוד, אַ סֵפֿר, באַשריבן אינעווייניק און פֿון הינטן, און
פֿאַרחַתמעט מיט זיבן חַתִימות. 2 און איך האָב געזען אַ שטאַרקן מַלאך,
וואָס האָט אויסגערופֿן מיט אַ הויך קול: ווער איז זוכה צו עפֿענען דאָס
סֵפֿר און אָפּצוטאָן פֿון אים די חַתִימות? 3 און קיינער ניט אין הימל, אָדער
אויף דער ערד, אָדער אונטער דער ערד, איז בכּוחַ געווען צו עפֿענען דאָס
סֵפֿר, אָדער צו קוקן אויף אים. 4 און איך האָב זייער געוויינט, מַחמת סע
האָט זיך ניט געפֿונען קיינער, וואָס זאָל זוכה זיין צו עפֿענען דאָס סֵפֿר,
אָדער צו קוקן אויף אים. 5 און איינער פֿון די זקֵנים האָט געזאָגט צו מיר:
וויין ניט, זע, דער לייב, וואָס איז פֿון דעם שֵבֶט יהודה, דער שורֶש פֿון
דָוִדן, האָט מנַצֵחַ געווען צו עפֿענען דאָס סֵפֿר און זיינע זיבן חַתִימות.
6 און איך האָב געזען אין דער מיט פֿון דעם כּיסא־הקבוד און די פיר חַיות,
און אין דער מיט פֿון די זקֵנים, אַ לעמעלע שטיין גלייך ווי סע וואָלט
געווען געשאָכטן, און סע האָט זיבן הערנער און זיבן אויגן, וואָס זענען
די זיבן גייסטער פֿון גאָט, אַרויסגעשיקט אויף דער גאַנצער ערד. 7 און סע
איז געקומען און האָט אַרויסגענומען דאָס סֵפֿר פֿון דער רעכטער האַנט
ביי דעם, וואָס איז געזעסן אויף דעם כּיסא־הקבוד. 8 און בעת סע האָט
גענומען דאָס סֵפֿר, זענען די פיר חַיות און די פיר און צוואַנציק זקֵנים
אַנידערגעפֿאַלן פֿאַר דעם לעמעלע, און יעדער איינער האָט געהאַט אַ
האַרף און גילדענע בעקנס פֿול מיט קטורֶת, וואָס זענען די תּפילות פֿון די
קדושים. 9 און זיי האָבן געזונגען אַ נייעם שיר, אַזוי צו זאָגן:
רָאוי ביסטו צו נעמען דאָס סֵפֿר און צו עפֿענען זיינע חַתִימות, וואָרים דו
ביסט געשאָכטן געוואָרן, און מיט דיין בלוט האָסטו אויסגעקויפֿט פֿאַר
גאָט פֿון יעדן שֵבֶט, און לָשון, און אומה, און פֿאָלק, 10 און האָסט זיי
געמאַכט פֿאַר אונדזער גאָט אַ מלוכה און כּהַנים, און זיי וועלן קעניגן

אויף דער ערד.
11 און איך האָב געזען, און איך האָב געהערט אַ קול פון אַ סך מלאָכים
אַרום און אַרום דעם כּיסא־הכּבוד און די חיות און די זקנים; און זייער
צאָל איז געווען צען טויזנט מאָל צען טויזנט, און טויזנטער פון
טויזנטער, 12 און זיי האָבן געזאָגט מיט אַ הויך קול:
ראָוי איז דאָס לעמעלע, וואָס איז געשאָכטן געוואָרן, מקבל צו זיין
די מאַכט, און עשירות, און חכמה, און גבורה, און כּבוד, און
הערלעכקייט, און בענטשונג.
13 און יעדע בריאה, וואָס איז אין הימל, און אויף דער ערד, און
אונטער דער ערד, און אויף דעם ים, און אַלצדינג, וואָס איז אין זיי,
האָב איך געהערט זאָגן:

צו אים, וואָס זיצט אויף דעם כּיסא־הכּבוד, און צו דעם
לעמעלע,
איז די בענטשונג, און דער כּבוד, און די הערלעכקייט, און
די מאַכט אויף אייביק און אייביק.

14 און די פיר חיות האָבן נאָכגעזאָגט: אָמן. און די זקנים זענען
אַנידערגעפאַלן און האָבן זיך געבוקט.
ו און איך האָב געזען, בעת דאָס לעמעלע האָט געעפנט איינע פון די
זיבן חתימות; און איך האָב געהערט איינע פון די פיר חיות זאָגן, ווי
מיט אַ קול פון אַ דונער: קום! 2 און איך האָב געזען, ערשט אַ ווייס
פערד, און דער, וואָס איז אויף אים געזעסן, האָט געהאַט אַ בויגן. און
עס איז אים געגעבן געוואָרן אַ קרוין; און ער איז אַרויסגעגאַנגען ווי אַ
גיבור, און כּדי מנצח צו זיין.
3 און אַז ער האָט געעפנט די צווייטע חתימה, האָב איך געהערט די
צווייטע חיה זאָגן: קום! 4 און אַן אַנדער פערד איז אַרויסגעקומען, אַ
רויט פערד; און דעם, וואָס איז אויף אים געזעסן, איז געגעבן געוואָרן
צו נעמען דעם שלום פון דער ערד, און כּדי זיי זאָלן הרגענען איינער
דעם אַנדערן; און עס איז אים געגעבן געוואָרן אַ גרויסע שווערד.
5 און אַז ער האָט געעפנט די דריטע חתימה, האָב איך געהערט די
דריטע חיה זאָגן: קום! און איך האָב געזען, ערשט אַ שוואַרץ פערד;
און דער, וואָס איז אויף אים געזעסן, האָט געהאַט אַ וואָגשאָל אין זיין
האַנט. 6 און איך האָב געהערט, ווי סע וואָלט געווען אַ קול אין דער
מיט פון די פיר חיות זאָגן: אַ מאָס ווייץ פאַר אַ דינר, און דריי מאָס
גערשטן פאַר אַ דינר, און דעם אייל און דעם ווין פאַרדאַרב ניט.
7 און אַז ער האָט געעפנט די פערטע חתימה, האָב איך געהערט דאָס
קול פון דער פערטער חיה זאָגן: קום! 8 און איך האָב געזען, ערשט אַ
געלבלעך פערד,

אוּן דער, וואָס איז אויף אים געזעסן, זיין נאָמען איז געווען טויט; אוּן דער
שאוֹל־תַּחתִּיה איז אים נאָכגעגאַנגען. אוּן עס איז זיי געגעבן געוואָרן שליטה
איבער דעם פערטן טייל פוּן דער ערד, צוּ טייטן מיט שווערד, אוּן מיט
הוּנגער, אוּן מיט טויט, אוּן דוּרך די ווילדע חַיוֹת פוּן דער ערד.
9 אוּן אַז ער האָט געעפנט די פיפטע חַתִימה, האָב איך געזען אוּנטער דעם
מִזבֵּחַ די נשָׁמות פוּן די, וואָס זענען געהַרגעט געוואָרן פוּנוועגן דעם וואָרט
פוּן גאָט, אוּן פוּנוועגן דעם עֵדוּת, וואָס זיי האָבן אָפּגעלייגט. 10 אוּן זיי האָבן
געשריגן מיט אַ הויך קוֹל, אַזוֹי צוּ זאָגן: ווי לאַנג, אָ האַר, דוּ הייליקער אוּן
וואָרהאַפטיקער, וועסטוּ ניט מִשפּטן אוּן זיך נוֹקם זיין פאַר אוּנדזער בּלוּט אָן
די, וואָס וואוינען אויף דער ערד? 11 אוּן עס איז געגעבן געוואָרן יעדן
איינעם פוּן זיי אַ ווייס קלייד, אוּן עס איז זיי געזאָגט געוואָרן, אַז זיי זאָלן
נאָך רוּען אַ קוּרצע צייט, בּיז אויך זייערע מיטקנעכט אוּן זייערע בּרידער,
וואָס דאַרפן געטייט ווערן אַזוֹיווי זיי, וועלן דערפילן זייער גאַנג.
12 אוּן איך האָב געזען, בּעת ער האָט געעפנט די זעקסטע חַתִימה, אוּן עס
איז געווען אַ גריסע ערדציטערניש; אוּן די זוּן איז געוואָרן שוואַרץ ווי אַ
זאַק פוּן האָר, אוּן די גאַנצע לבָנה איז געוואָרן ווי בּלוּט; 13 אוּן די שטערן
פוּן דעם הימל זענען געפאַלן אויף דער ערד, ווי אַ פייַגנבוים וואַרפט אראָפּ
זיינע ניט־צייטיקע פייגן, בּעת ער ווערט געטרייסלט פוּן אַ שטאַרקן ווינט.
14 אוּן דער הימל איז פאַרשוואוּנדן געוואָרן ווי אַ מגִילה, בּעת זי ווערט
צוּנויפגעוויקלט; אוּן אַלע בּערג אוּן אינזל זענען אַרויסגערוּקט געוואָרן פוּן
זייערע ערטער. 15 אוּן די מלָכים פוּן דער ערד, אוּן די שָׂרים, אוּן די
הויפּטלייַט, אוּן די נגִידים אוּן די תַּקִיפים, אוּן יעדער קנעכט אוּן פרייער,
האָבן זיך פאַרבּאָרגן אין די היילן אוּן אין די פעלזן פוּן די בּערג; 16 אוּן זיי
האָבן געזאָגט צוּ די בּערג אוּן צוּ די פעלזן: פאַלט אויף אוּנדז אוּן
פאַרבּאָרגט אוּנדז פוּן דעם פָּנים פוּן דעם, וואָס זיצט אויף דעם כּיסא־
הקבוד, אוּן פוּן דעם גרימצאָרן פוּן דעם לעמעלע! 17 וואָרים דער גרויסטער
טאָג פוּן זייער גרימצאָרן האָט גענעענט, אוּן ווער קען בּאַשטיין?
ז אוּן נאָכדעם האָב איך געזען פיר מַלאָכים שטיין בּיי די פיר עקן פוּן דער
ערד, אוּן האַלטן די פיר ווינטן פוּן דער ערד, אַז קיין ווינט זאָל ניט בּלאָזן
אויף דער ערד, אָדער אויף דעם יַם, אָדער אויף קיין שוּם בּוים. 2 אוּן איך
האָב געזען אַן אַנדערן מַלאך אויפגיין פוּן דעם זוּנאויפגאַנג, וואָס האָט דעם
חוֹתם פוּן דעם לעבּעדיקן גאָט; אוּן ער האָט געשריגן מיט אַ הויך קוֹל צוּ די
פיר מַלאָכים, וועמען עס איז געגעבן געוואָרן צוּ בּאַשעדיקן די ערד אוּן דעם
יַם, 3 אַזוֹי צוּ זאָגן: בּאַשעדיקט ניט די ערד, אויך ניט דעם יַם, אויך ניט די
בּיימער, בּיז מיר וועלן האָבן געחַתמעט די קנעכט פוּן אוּנדזער גאָט אויף
זייערע שטערנס. 4 אוּן איך האָב געהערט די צאָל פוּן די, וואָס זענען געווען
פאַרחַתמעט: הוּנדערט אוּן פיר

און פערציק טויזנט, פֿאַרחתמעט פון יעדן שֵבֶט פון די בני־ישׂראל:
5 פון דעם שֵבֶט יהודה זענען געווען פֿאַרחתמעט צוועלף טויזנט,
פון דעם שֵבֶט ראובן צוועלף טויזנט,
פון דעם שֵבֶט גָד צוועלף טויזנט,
6 פון דעם שֵבֶט אָשֵר צוועלף טויזנט,
פון דעם שֵבֶט נַפתָלי צוועלף טויזנט,
פון דעם שֵבֶט מנַשֶה צוועלף טויזנט,
7 פון דעם שֵבֶט שִמעון צוועלף טויזנט,
פון דעם שֵבֶט לֵוִי צוועלף טויזנט,
פון דעם שֵבֶט יִשָשׂכָר צוועלף טויזנט,
8 פון דעם שֵבֶט זבולון צוועלף טויזנט,
פון דעם שֵבֶט יוסף צוועלף טויזנט,
פון דעם שֵבֶט בִנְיָמין זענען געווען פֿאַרחתמעט צוועלף טויזנט.
9 נאָכדעם האָב איך געזען, ערשט אַ גרויסער הַמון, וואָס קיינער האָט
אים ניט געקאָנט איבערציילן, פון יעדער אומה און פון אַלע שבָטים,
און פעלקער, און לשונות, שטיין פֿאַר דעם כּיסא־הקבוד און פֿאַר דעם
לעמעלע, אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער, און פֿאַלמען אין זייערע
הענט; 10 און זיי שרייען מיט אַ הויך קול, אַזוי צו זאָגן:
די ישועה געהערט צו אונדזער גאָט, וואָס זיצט אויף דעם כּיסא־הקבוד
און צו דעם לעמעלע!
11 און אַלע מַלאָכים זענען געשטאַנען אַרום און אַרום דעם כּיסא־
הקבוד און אַרום די זקֵנים און די פיר חַיות; און זיי זענען
אַנידערגעפֿאַלן פֿאַר דעם כּיסא־הקבוד אויף זייערע פְּנימער, און האָבן
זיך געבוקט צו גאָט, 12 און געזאָגט:
אָמֵן! בענטשונג, און הערלעכקייט, און חָכמה, און דאַנקלויב,
און כָּבוד, און גבורה, און מאַכט, געהערן צו אונדזער גאָט
לעולמי עולמים! אָמֵן.
13 און איינער פון די זקֵנים האָט געענטפֿערט און צו מיר געזאָגט: די
דאָזיקע, וואָס זענען אָנגעטאָן אין די ווייסע קליידער, ווער זענען זיי
און פֿונוואַנען קומען זיי? 14 און איך האָב געזאָגט צו אים: מיין האַר,
דו ווייסט. און ער האָט צו מיר געזאָגט: דאָס זענען די, וואָס קומען
אַרויס פון אַ גרויסער צָרה, און זיי האָבן געוואַשן זייערע קליידער, און
האָבן זיי געמאַכט ווייס אין דעם בלוט פון דעם לעמעלע. 15 דעריבער
זענען זיי פֿאַר דעם כּיסא־הקבוד פון גאָט, און זיי דינען אים טאָג און
נאַכט אין זיין הֵיכל;

אוּן דער, וואָס זיצט אויף דעם כּיסא־הקבוד, וועט אויסשפּרייטן זיין געצעלט
איבּער זיי. 16 זיי וועלן מער ניט הוּנגערן, אוּן אויך מער ניט דאָרשטן; אויך וועט די
זוּן ניט פאַלן איבּער זיי, אויך ניט קיין שוּם היץ; 17 וואָרים דאָס לעמעלע, וואָס איז
אין דער מיט פוּן דעם כּיסא־הקבוד, וועט זיין זייער פּאַסטוּך, אוּן וועט זיי פירן צוּ
קוואַלן פוּן לעבּעדיק וואַסער; אוּן גאָט וועט אָפּווישן יעדע טרער פוּן זייערע אויגן.
ח אוּן בעת ער האָט געעפנט די זיבּנעטע חַתִימה, איז געקוּמען אַ שטילקייט אין
הימל אַרוּם דעם מֶשֶך פוּן אַ האַלבּער שָעה. 2 אוּן איך האָבּ געזען די זיבּן מַלאָכים,
וואָס שטייען פאַר גאָט; אוּן עס איז זיי געגעבּן געוואָרן זיבּן שוֹפרות.
3 אוּן אַן אַנדערער מַלאך איז געקוּמען אוּן איז געשטאַנען בּיי דעם מִזבֵּחַ, אוּן ער
האָט געהאַט אַ גילדענע פייַערפאַן; אוּן עס איז אים געגעבּן געוואָרן אַ סַך קטוֹרֶת,
כּדי ער זאָל עס צוּגעבּן צוּ די תּפִילוֹת פוּן אַלע קדוֹשים אויף דעם גילדענעם מִזבֵּחַ,
וואָס איז געווען פאַר דעם כּיסא־הקבוד; 4 אוּן דער רויך פוּן דעם קטוֹרֶת מיט די
תּפִילוֹת פוּן די קדוֹשים זענען אַרויפגעגאַנגען פאַר גאָט פוּן דעם מַלאָכס האַנט.
5 אוּן דער מַלאך האָט גענוּמען די פייַערפאַן, אוּן ער האָט זי אָנגעפילט מיט דעם
פייער פוּן דעם מִזבֵּחַ, אוּן זי אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד; אוּן סע זענען געקוּמען
דוּנערן, אוּן קוֹלוֹת, אוּן בּליצן, אוּן אַן ערדציטערניש.
6 אוּן די זיבּן מַלאָכים, וואָס האָבּן געהאַט די זיבּן שוֹפרות, האָבּן זיך מֵכין געווען צוּ
בּלאָזן. 7 אוּן דער ערשטער האָט געבּלאָזן: אוּן עס איז געקוּמען האָגל אוּן פייער,
אויסגעמישט מיט בּלוּט, אוּן זיי זענען געוואָרפן געוואָרן אויף דער ערד. אוּן אַ
דריטער טייל פוּן דער ערד איז פאַרבּרענט געוואָרן, אוּן אַ דריטער טייל פוּן די
בּיימער איז פאַרבּרענט געוואָרן, אוּן דאָס גאַנצע גרינע גראָז איז פאַרבּרענט
געוואָרן.
8 אוּן דער צווייטער מַלאך האָט געבּלאָזן: אוּן עס איז געווען ווי אַ גרויסער בּאַרג,
וואָס בּרענט מיט פייער, וואָלט אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין יַם אַריין; אוּן אַ
דריטער טייל פוּן דעם יַם איז געוואָרן בּלוּט. 9 אוּן עס איז געשטאָרבּן אַ דריטער
טייל פוּן די לעבּעדיקע בּאַשעפענישן אין יַם, אוּן אַ דריטער טייל פוּן די שיפן איז
צעשטערט געוואָרן.
10 אוּן דער דריטער מַלאך האָט געבּלאָזן: אוּן אַ גרויסער שטערן איז געפאַלן פוּן
הימל, וואָס האָט געבּרענט ווי אַ פאַקל, אוּן ער איז געפאַלן אויף דעם דריטן טייל
פוּן די טייכן אוּן אויף די קוואַלן וואַסער. 11 אוּן דער נאָמען פוּן דעם שטערן ווערט
אָנגערוּפן ווערמוּט; אוּן אַ דריטער טייל פוּן די וואַסערן איז געוואָרן ווערמוּט;
אוּן אַ סַך מענטשן זענען געשטאָרבּן פוּן די וואַסערן, מַחמת זיי זענען געמאַכט
געוואָרן בּיטער.
12 אוּן דער פערטער מַלאך האָט געבּלאָזן: אוּן אַ דריטער טייל פוּן דער זוּן האָט
געקריגט אַ זעץ, אוּן אַ דריטער טייל פוּן דער לְבָנה, אוּן אַ דריטער טייל פוּן די
שטערן, כּדי דער דריטער טייל פוּן זיי זאָל פאַרפינצטערט ווערן, אוּן דער טאָג זאָל
ניט שיינען אין זיין דריטן טייל,

אוּן די נאַכט אויף דעם זעלבּן אוֹפן.
13 אוּן איך האָבּ געזען, אוּן איך האָבּ געהערט אַן אָדלער פליגן אין מיטן הימל,
אוּן זאָגן מיט אַ הויך קוֹל: ווייֵ, ווייֵ, ווייֵ צוּ די, וואָס וואוינען אויף דער ערד,
פוּנוועגן די אַנדערע קוֹלות פוּן דעם שוֹפר פוּן די דריי מַלאָכים, וואָס דאַרפן
נאָך בּלאָזן.
ט אוּן דער פינפטער מַלאך האָט געבּלאָזן: אוּן איך האָבּ געזען פאַלן אַ שטערן
פוּן הימל צוּ דער ערד; אוּן עס איז אים געגעבּן געוואָרן דער שליסל פוּן דער
שאַכטע פוּן דעם תּהוֹם. 2 אוּן ער האָט געעפנט די שאַכטע פוּן דעם תּהוֹם: אוּן
עס איז אַרויפגעגאַנגען אַ רויך פוּן דער שאַכטע, ווי דער רויך פוּן אַ גרויסן
אוֹיוון; אוּן די זוּן אוּן די לוּפט זענען פאַרפינצטערט געוואָרן דוּרך דעם רויך
פוּן דער שאַכטע. 3 אוּן פוּן דעם רויך זענען אַרויסגעקוּמען הייֵשעריקן אויף
דער ערד, אוּן זיי איז געגעבּן געוואָרן מאַכט, ווי סע האָבּן מאַכט די עקדישן
פוּן דער ערד. 4 אוּן עס איז זיי אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז זיי זאָלן ניט שעדיקן
דאָס גראָז פוּן דער ערד, אויך ניט קיין שוּם גרינס, אויך ניט קיין שוּם בּוים,
נייערט נאָר אַזוינע מענטשן, וואָס האָבּן ניט דעם חוֹתם פוּן גאָט אויף זייערע
שטערנס. 5 אוּן עס איז זיי געגעבּן געוואָרן, אַז זיי זאָלן זיי ניט טייטן, נייערט
אַז זיי זאָלן געפּייניקט ווערן פינף חַדָשים; אוּן זייער פּייניקוּנג איז געווען ווי
די פּייניקוּנג פוּן אַן עקדיש, בּעת ער שטעכט אַ מענטשן. 6 אוּן אין יענע טעג
וועלן די מענטשן זוּכן דעם טויט, אוּן וועלן אים בּאֵין־אוֹפן ניט געפינען; אוּן
זיי וועלן בּאַגערן צוּ שטאַרבּן, אוּן דער טויט וועט פוּן זיי אַנטרינען.
7 אוּן דאָס אויסזען פוּן די הייֵשעריקן איז געווען ענלעך צוּ פערד אָנגעבּרייט
צוּ מִלחָמה; אוּן אויף זייערע קעפּ, ווי סע וואָלטן געווען קרוינען ענלעך צוּ
גאָלד, אוּן זייערע פֶּנימער זענען געווען ווי פֶּנימער פוּן מענטשן. 8 אוּן זיי
האָבּן געהאַט האָר ווי די האָר פוּן ווייבּער, אוּן זייערע ציין זענען געווען ווי די
ציין פוּן לייֵבּן. 9 אוּן זיי האָבּן געהאַט פּאַנצערס ווי דאָס וואָלטן געווען
פּאַנצערס פוּן אייזן, אוּן דער רויש פוּן זייערע פליגל איז געווען ווי דער רויש
פוּן רייַטוועגן מיט אַ סַך פערד, וואָס יאָגן אין מִלחָמה. 10 אוּן זיי האָבּן
וויידלען ענלעך צוּ עקדעשן, אוּן שטעכערס; אוּן אין זייערע וויידלען איז
זייער מאַכט צוּ שעדיקן מענטשן פינף חַדָשים. 11 זיי האָבּן געהאַט איבּער זיך
פאַר אַ מֶלך דעם מַלאך פוּן דעם תּהוֹם; זיין נאָמען אויף לָשוֹן־קוֹדֶש איז
אַבַדוֹן, אוּן אין דעם גריכישן לָשוֹן האָט ער געהאַט דעם נאָמען אַפּאָלִיאָן.
12 דער ערשטער ווייטיק איז אַריבּער; זע, סע קוּמען נאָך צוויי ווייטיקן
נאָכדעם.
13 אוּן דער זעקסטער מַלאך האָט געבּלאָזן, אוּן איך האָבּ געהערט אַ קוֹל
פוּן צווישן די פיר הערנער פוּן דעם גילדענעם מִזבֵּחַ, וואָס איז פאַר גאָט,
14 זאָגן צוּ דעם זעקסטן מַלאך, וואָס האָט געהאַט דעם שוֹפר: בּינד אויף די
פיר מַלאָכים,

וואָס זענען געבונדן בײַ דעם גרויסן טײַך פּרָת. 15 און די פיר מַלאָכים
זענען אויפגעבונדן געוואָרן, וואָס זענען אָנגעברייט געוואָרן אויף דער
שָעה און טאָג און חודש און יאָר, כּדי זיי זאָלן טייטן דעם דריטן טייל
מענטשן. 16 און די צאָל פון די חַיָלות פון רײַטערס איז געווען צווייִמאָל
צען טויזנט מאָל צען טויזנט; איך האָב געהערט זייער צָל. 17 און אַזוי
האָב איך געזען די פערד אין דער זעאונג, און די, וואָס זענען אויף זיי
געזעסן: זיי האָבן געהאַט פּאַנצערס ווי פון פייער און פון תּכֵלֶת און פון
שוועבל: און די קעפּ פון די פערד זענען ווי די קעפּ פון לייבן, און פון
זייערע מײַלער גייט אַרויס פייער און רויך און שוועבל. 18 דורך די
דאָזיקע דרײַ מַכּות איז אַ דריטער טייל מענטשן געטייט געוואָרן, דורך
דעם פייער און דעם רויך און דעם שוועבל, וואָס זענען אַרויסגעקומען
פֿן זייערע מײַלער. 19 וואָרים דער כּוח פון די פערד איז אין זייער מויל
און אין זייערע וויידל; וואָרים זייערע וויידל זענען ענלעך צו שלאַנגען,
און האָבן קעפּ, און מיט זיי באַשעדיקן זיי.
20 און די איבעריקע מענטשן, וואָס זענען ניט געטייט געוואָרן דורך די
דאָזיקע מַכּות, האָבן ניט קיין תּשובה געטאָן אויף די מַעשׂים פון זייערע
הענט, אַז זיי זאָלן זיך ניט בוקן צו בייזע גייסטער און צו אָפּגעטער פון
גאָלד, און פון זילבער, און פון קופּער, און פון שטיין, און פון האָלץ,
וואָס קענען ניט זען, ניט הערן, ניט גיין; 21 און זיי האָבן ניט קיין תּשובה
געטאָן אויף זייערע רציחות, ניט אויף זייער כּישופמאַכן, ניט אויף זייער
זנות, ניט אויף זייערע גנֵבות.
י און איך האָב געזען אַן אַנדערן שטאַרקן מַלאך אַראָפּנידערן פון הימל,
אָנגעטאָן מיט אַ וואָלקן; און דער רעגנבויגן איז געווען אויף זיין קאָפּ,
און זיין פָּנים איז געווען ווי די זון, און זיינע פיס ווי זײַלן פון פייער;
2 און ער האָט געהאַט אין זיין האַנט אַ קליין אָפן סֵפר. און ער האָט
געשטעלט זיין רעכטן פוס אויף דעם יַם, און זיין לינקן אויף דער ערד,
3 און ער האָט געשריגן מיט אַ הויך קול, ווי סע ברילט אַ לייב. און בעת
ער האָט געשריגן, האָבן די זיבן דונערן אַרויסגעלאָזן זייערע קולות.
4 און בעת די זיבן דונערן האָבן אַרויסגעלאָזן זייערע קולות, בין איך
געווען אָנגעברייט צו שרייבן; און איך האָב געהערט אַ קול פון הימל
זאָגן: פאַרחַתמע די זאַכן, וואָס די זיבן דונערן האָבן אַרויסגערעדט, און
פאַרשרייב זיי ניט. 5 און דער מַלאך, וואָס איך האָב געזען שטיין אויף
דעם יַם און אויף דער ערד, האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט צום
הימל, 6 און האָט געשוואוירן בײַ דעם, וואָס לעבט אייביק און אייביק,
וואָס האָט באַשאַפן דעם הימל און די זאַכן, וואָס זענען דרינען, און די
ערד און די זאַכן, וואָס זענען דרינען, און דעם יַם און די זאַכן, וואָס
זענען דרינען, אַז סע וועט מער ניט זיין קיין צייט, 7 נייערט אין די טעג

פֿון דעם קול פֿון דעם זיבעטן מַלאך, בעת ער וועט זיין אָנגעגרייט צו בלאָזן,
דעמאָלט וועט פֿאַרענדיקט ווערן דער סוד פֿון גאָט, לויט ווי ער האָט
אָנגעזאָגט צו זיינע קנעכט, די נבֿיאים.
8 און דאָס קול, וואָס איך האָב געהערט פֿון הימל, האָט ווידער גערעדט
מיט מיר, און געזאָגט: גיי, נעם דאָס סֵפֿר, וואָס איז אָפֿן אין דער האַנט פֿון
דעם מַלאך, וואָס שטייט אויף דעם יַם און אויף דער ערד. 9 און איך בין
געגאַנגען צום מַלאך, און האָב אים געזאָגט, אַז ער זאָל מיר געבן דאָס סֵפֿרל.
האָט ער צו מיר געזאָגט: נעם עס און עס עס אויף, און סע וועט מאַכן ביטער
דיין בויך, נאָר אין דיין מויל וועט עס זיין זיס ווי האָניק. 10 און איך האָב
גענומען דאָס סֵפֿרל פֿון דעם מַלאָכס האַנט און האָב עס אויפֿגעגעסן, און
עס איז געווען אין מיין מויל זיס ווי האָניק; און אַז איך האָב עס אויפֿגעגעסן,
איז מיין בויך געוואָרן ביטער. 11 און מע האָט צו מיר געזאָגט: דו מוזט
ווידער אַמאָל נבֿיאות זאָגן איבער אַ סך אומות, און פֿעלקער, און לשונות,
און מלָכים.
יא און מע האָט מיר געגעבן אַ רוירשטעקל, ענלעך צו אַ רוט, און געזאָגט:
שטיי אויף, און מעסט דעם הֵיכל פֿון גאָט, און דעם מִזבֵּחַ, און די, וואָס דינען
דערין. 2 און דעם פֿאָרהויף, וואָס איז אין דרויסן פֿון דעם הֵיכל, לאָז אויס און
מעסט אים ניט, וואָרים ער איז געגעבן געוואָרן פֿאַר די גויים, און זיי וועלן
צעטרעטן די הייליקע שטאָט צוויי און פֿערציק חָדשים. 3 און איך וועל מאַכן
מיינע צוויי עֵדות, אַז זיי זאָלן נבֿיאות זאָגן טויזנט צוויי הונדערט און זעכציק
טעג, אָנגעטאָן אין זעק. 4 די דאָזיקע זענען די צוויי איילבערטביימער און די
צוויי מנורות, וואָס שטייען פֿאַר דעם רִבּונו־של־עולם.
5 און אויב עמיצער באַגערט זיי צו שעדיקן, גייט אַ פֿייער אַרויס פֿון זייער
מויל און פֿאַרצערט זייערע פֿיינט; און אויב עמיצער וועט באַגערן זיי צו
שעדיקן, מוז ער אויף דעם דאָזיקן אופֿן געטייט ווערן. 6 די דאָזיקע האָבן די
מאַכט צו פֿאַרשליסן דעם הימל, אַז סע זאָל ניט רעגענען אין די טעג פֿון זייער
נבֿיאות זאָגן; און זיי האָבן מאַכט איבער די וואַסערן, זיי צו פֿאַרקערן אין
בלוט, און צו שלאָגן די ערד מיט יעדער מַכּה, אַזוי אָפֿט ווי זיי ווילן נאָר.
7 און אַז זיי וועלן האָבן פֿאַרענדיקט זייער עֵדות זאָגן, וועט די חַיה, וואָס
קומט אַרויף פֿון דעם תּהום, פֿאַרפֿירן מיט זיי מִלחָמה, און זיי מנַצֵחַ זיין און
זיי טייטן. 8 און זייערע טויטע לייַבער וועלן ליגן אין די גאַסן פֿון דער
גרויסער שטאָט, וואָס ווערט גייסטיק אָנגערופֿן סדום און מִצרַיִם, וואו אויך
זייער האַר איז געקרייציקט געוואָרן. 9 און פֿון צווישן די אומות, און שבָטים,
און לשונות, און פֿעלקער, קוקט מען אויף זייערע טויטע לייַבער דריי און אַ
האַלב טעג, און זיי לאָזן ניט, אַז זייערע טויטע לייַבער זאָלן אַרייַנגעלייגט
ווערן אין אַ קֶבֿר. 10 און די, וואָס וואוינען אויף דער ערד, זענען זיך משַׂמֵחַ
איבער זיי און מאַכן זיך לוסטיק,

און זיי וועלן שיקן איינער דעם אַנדערן מַתָּנות, מַחמת די דאָזיקע צוויי נבֿיאים
האָבן געפּייניקט די, וואָס וואוינען אויף דער ערד.
11 און נאָך די דריי און אַ האַלב טעג איז דער לעבנס־אָטעם פון גאָט
אַרייַנגעגאַנגען אין זיי, און זיי זענען געשטאַנען אויף זייערע פיס, און גרויס
אֵימה איז געפאַלן אויף די, וואָס האָבן זיי אָנגעקוקט. 12 און זיי האָבן געהערט
אַ הויך קול פון הימל זאָגן צו זיי: קומט אַרויף אַהער! און זיי זענען אַרויף
אויף דעם וואָלקן אין הימל אַריין, און זייערע שׂונאים האָבן זיי אָנגעקוקט.
13 און אין יענער שָׁעה איז געווען אַ גרויסע ערד־ציטערניש, און אַ צענטער
טייל פון דער שטאָט איז איינגעפאַלן, און סע זענען געהרגעט געוואָרן אין
דער ערדציטערניש זיבן טויזנט פּאַרשוינען: און די איבעריקע זענען
דערשראָקן געוואָרן און האָבן אָפּגעגעבן כָּבוד צו דעם גאָט פון הימל.
14 דער צווייטער וויי איז אַריבער; זע, דער דריטער וויי קומט באַלד אָן.
15 און דער זיבעטער מַלאך האָט געבלאָזן, און עס זענען געקומען הויכע
קולות אין הימל, אַזוי צו זאָגן:

דאָס מַלכות פון דער וועלט איז געוואָרן דאָס מַלכות פון אונדזער האַר
און פון זיין מָשִׁיחַ; און ער וועט קעניגן אויף אייביק און אייביק.

16 און די פיר און צוואַנציק זקֵנים, וואָס זיצן פאַר גאָט אויף זייערע טראָנען,
זענען געפאַלן אויף זייערע פּנימער און האָבן זיך געבוקט צו גאָט, 17 און
געזאָגט:

מִר דאַנקען דיר, אָ, האַר גאָט, דו אַלמעכטיקער, וואָס ביסט און וואָס
ביסט געווען, מַחמת דו האָסט גענומען דיין גרויסע מאַכט און האָסט
געטאָן קעניגן. 18 און די גוים האָבן געצערנט, און געקומען איז דיין
גרימצאָרן, און די צייט פון די מֵתים, געמִשפּט צו ווערן, און צו געבן
דעם שׂכר צו דיינע קנעכט, די נבֿיאים, און צו די קדושים, און צו די,
וואָס האָבן מורא פאַר דיין נאָמען, די קליינע און די גרויסע, און צו
פאַרדאַרבן די, וואָס פאַרדאַרבן די ערד.

19 און עס איז געעפנט געוואָרן דער הֵיכל פון גאָט אין הימל, און עס איז געזען
געוואָרן אין זיין הֵיכל דער אֲרון־הַבּרית; און סע זענען געקומען בליצן, און
קולות, און דונערן, און אַן ערדציטערניש, און אַ גרויסער האָגל.
יב און אַ גרויסער צייכן איז געזען געוואָרן אין הימל: אַ ווייב, אָנגעטאָן מיט
דער זון, און די לְבָנה אונטער אירע פיס, און אויף איר קאָפּ אַ קרוין פון
צוועלף שטערן. 2 און זי איז געווען אין טראָגן, און זי האָט געשריגן אין
ווייען, און אין פּיין פון געווינען. 3 און עס איז געזען געוואָרן אַן אַנדער צייכן
אין הימל: זע, אַ גרויסער, רויטער לינדן־וואָרעם מיט זיבן קעפּ און צען
הערנער, און אויף איר קאָפּ זיבן דיאַדעמס. 4 און איר ווידל ציט דעם דריטן
טייל פון די שטערן פון הימל און וואַרפט זיי צו דער ערד; און דער לינדן־
וואָרעם שטייט

פֿאַר דעם ווייב, וואָס דאַרף געווינען, כּדי זי זאָל פֿאַרשלינגען איר קינד, בעת זי
וועט געווינען. 5 און זי האָט געוואונען אַ בֶּן־זָכר, וואָס וועט הערשן איבער אַלע
גויים מיט אַ רוט פֿון אייזן; און איר קינד איז אַרויפֿגענומען געוואָרן צו גאָט און
צו זיין כּיסא־הקבוד. 6 און דאָס ווייב איז אַנטרונען אין דער מִדבּר אַריין, וואו זי
האָט געהאַט אַן אָרט, אָנגעבּרייט פֿון גאָט, כּדי מע זאָל זי דאָרט דערנערן טויזנט
צוויי הונדערט און זעכציק טעג.
7 און אין הימל איז געווען מִלחָמה: מִיכָאֵל און זיינע מַלאָכים האָבּן מִלחָמה
געהאַלטן מיט דעם לינדן־וואָרעם; און דער לינדן־וואָרעם און זיינע מַלאָכים
האָבּן מִלחָמה געהאַלטן, 8 און זיי האָבּן ניט גוֹבר געווען, און זייער אָרט איז אויך
מער ניט געווען צו געפינען אין הימל. 9 און דער גרויסער לינדן־וואָרעם איז
אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן, דער נָחָש־הַקַדמוֹני, וואָס ווערט אָנגערופֿן שׂוֹטן און
שָׂטן, וואָס פֿאַרפֿירט די גאַנצע וועלט; ער איז אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן צו דער
ערד, און זיינע מַלאָכים זענען אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן מיט אים. 10 און איך האָבּ
געהערט אַ הויך קוֹל אין הימל זאָגן:
איצט איז געקומען די ישועה, און די מאַכט, און דאָס מַלכות פֿון אונדזער גאָט,
און די מֶמשָלה פֿון זיין מָשִיחַ; וואָרים דער באַשולדיקער פֿון אונדזערע בּרידער,
וואָס באַשולדיקט זיי פֿאַר אונדזער גאָט טאָג און נאַכט, איז אַראָפּגעוואָרפֿן
געוואָרן; 11 און זיי האָבּן אים מנַצֵחַ געווען, דורך דעם בּלוט פֿון דעם לעמעלע,
און דורך דעם וואָרט פֿון זייער עֵדות זאָגן, און זיי האָבּן ניט ליבּ געהאַט זייער
לעבּן בּיז צום טויט. 12 דעריבּער פֿרייט אייך, אָ הימלען, און איר וואָס וואוינט אין
זיי! וויי צו דער ערד און צו דעם יַם, וואָרים דער טייוול האָט אַראָפּגענידערט צו
אייך מיט גרויס גרימצאָרן, ווייל ער ווייסט, אַז ער האָט נאָר אַ קורצע צייט!
13 און בּעת דער לינדן־וואָרעם האָט געזען, אַז ער איז אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן צו
דער ערד, האָט ער נאָכגעיאָגט דאָס ווייב, וואָס האָט געבּוירן דעם בֶּן־זָכר. 14 און
עס איז געגעבּן געוואָרן דעם ווייב די צוויי פֿליגל פֿון דעם גרויסן אָדלער, כּדי זי
זאָל קענען פֿליען צו איר אָרט אין דער מִדבּר אַריין, וואו זי ווערט גענערט אויף אַ
צייט, און צייטן, און אַ האַלבּע צייט, ווייט פֿון דעם פָּנים פֿון דער שלאַנג. 15 און
די שלאַנג האָט אַרויסגעלאָזט פֿון איר מויל וואַסער נאָך דעם ווייב ווי אַ שטראָם,
כּדי זי זאָל אַוועקגעטראָגן ווערן פֿון דעם שטראָם. 16 און די ערד האָט געהאָלפֿן
דעם ווייב, און די ערד האָט געעפֿנט איר מויל און האָט פֿאַרשלונגען דעם
שטראָם, וואָס דער לינדן־וואָרעם האָט אַרויסגעלאָזט פֿון איר מויל. 17 און דער
לינדן־וואָרעם האָט געצערנט אויף דעם ווייב, און איז אַוועקגעגאַנגען מִלחָמה צו
האַלטן מיט די איבּעריקע פֿון איר זאָמען, וואָס היטן אָפּ די מִצוות פֿון גאָט און
האַלטן דאָס עֵדות פֿון יֵשועַן.
יג און איך בּין געשטאַנען אויף דעם זאַמד פֿון דעם יַם. און איך האָבּ געזען אַ חַיה
אַרויפֿקומען פֿון דעם יַם, וואָס האָט געהאַט צען הערנער און זיבּן קעפּ, און אויף
אירע הערנער צען דיאַדעמס, און אויף אירע

קעפּ נעמען פון חילול־השם. 2 און די חַיה, וואָס איך האָב געזען, איז געווען
ענלעך צו אַ לעמפּערט, און אירע פיס זענען געווען ווי פון אַ בער, און איר מויל,
ווי דאָס מויל פון אַ לייב. און דער לינדן־וואָרעם האָט איר געגעבן אירע גבורה און
איר טראָן און גרויס געוועלטיקונג. 3 און איך האָב געזען איינעם פון אירע קעפּ,
ווי ער וואָלט דערשלאָגן געוואָרן צום טויט, און זיין טויטקלאַפּ איז געהיילט
געוואָרן. און די גאַנצע ערד איז נשתּומם געוואָרן איבער דער חַיה, 4 און זיי האָבן
זיך געבוקט צו דעם לינדן־וואָרעם, מַחמת ער האָט געגעבן זיין געוועלטיקונג צו
דער חַיה; און זיי האָבן זיך געבוקט צו דער חַיה, אַזוי צו זאָגן: ווער איז גלייך צו
דער חַיה? און ווער איז בִּיכולת מיט איר מלחָמה צו האַלטן?
5 און עס איז איר געגעבן געוואָרן אַ מויל צו רעדן גרויס זאַכן און חילולֵי־השם;
און עס איז איר געגעבן געוואָרן שליטה צו געווערן צוויי און פערציק חדָשים.
6 און זי האָט געעפנט איר מויל מיט חילולֵי־השם, צו לעסטערן זיין נאָמען און זיין
משכּן, און די, וואָס וואוינען אין הימל. 7 און עס איז איר געגעבן געוואָרן צו
פאַרפירן מלחָמה מיט די קדושים, און זיי מנַצֵח צו זיין; און עס איז איר געגעבן
געוואָרן רשות איבער יעדן שֵבט און פאָלק און לָשון און אומה. 8 און אַלע, וואָס
וואוינען אויף דער ערד, וועלן איר דינען, יעדער איינער, וואָס זיין נאָמען איז ניט
פאַרשריבן אין דעם סֵפֶר־החַיִים פון דעם לעמעלע, וואָס איז געשאָכטן געוואָרן
זינט די ששת־ימי־בראשית. 9 אויב עמיצער האָט אַן אויער, זאָל ער הערן: 10 אויב
עמיצער איז פאַר געפאַנגענשאַפט, אין געפאַנגענשאַפט גייט ער; אויב עמיצער
וועט הַרגענען מיט דער שווערד, מוז ער מיט דער שווערד געהַרגעט ווערן.[1] אָט
דאָ איז די געדולדיקייט און די אֱמונה פון די קדושים.
11 און איך האָב געזען אַן אַנדערע חַיה אַרויפקומען פון דער ערד; און זי האָט
געהאַט צוויי הערנער, ענלעך צו אַ לעמעלע, און זי האָט גערעדט ווי אַ לינדן־
וואָרעם. 12 און זי האָט אויסגענוצט די גאַנצע געוועלטיקונג פון דער ערשטער
חַיה אין איר אָנגעזיכט. און זי מאַכט די ערד און די, וואָס וואוינען דערין, צו דינען
דער ערשטער חַיה, וואָס איר טויט־קלאַפּ איז געהיילט געוואָרן; 13 און זי טוט
גרויסע נסים, און מאַכט אַפילו פייער אַראָפּנידערן פון הימל אויף דער ערד פאַר
די מענטשן.
14 און זי פאַרפירט די, וואָס וואוינען אויף דער ערד, דורך די נסים, וואָס זענען
איר געגעבן געוואָרן צו טאָן פאַר דער חַיה, בעת זי זאָגט צו די, וואָס וואוינען אויף
דער ערד, אַז זיי זאָלן מאַכן אַן איקאָנע דער חַיה, וואָס האָט די שלאָג פון דער
שווערד און האָט געלעבט. 15 און עס איז איר געגעבן געוואָרן צו געבן אָטעם דער
איקאָנע פון דער חַיה, כּדי די איקאָנע פון דער חַיה זאָל רעדן, און זאָל מאַכן, אַז
וויפל סע וועלן ניט דינען דער איקאָנע פון דער חַיה, זאָלן געטייט ווערן.
16 און זי מאַכט אַלע, סיי די קליינע און די גרויסע, סיי די רייכע און די אָרעמע, סיי
די פרייע

[1] ירמיה טו, 2.

און די פאַרשקלאַפטע, אַז סע זאָל זיי געגעבן ווערן אַ צייכן אויף זייער
רעכטער האַנט, אָדער אויף זייער שטערן, 17 און אַז קיינער זאָל ניט
קענען קויפן אָדער פאַרקויפן, הוץ דער, וואָס האָט דעם צייכן, דאָס
הייסט, דעם נאָמען פון דער חַיה, אָדער די צאָל פון איר נאָמען. 18 דאָ
איז חָכמה: דער, וואָס האָט פאַרשטענדעניש, זאָל באַרעכענען די צאָל
פון דער חַיה: וואָרים עס איז די צאָל פון אַ מענטשן: און איר צאָל
איז זעקס הונדערט זעקס און זעכציק.
יד און איך האָב געזען, ערשט דאָס לעמעלע שטייט אויף דעם באַרג
ציון, און מיט אים הונדערט פיר און פערציק טויזנט, וואָס האָבן זיין
נאָמען און דעם נאָמען פון זיין פאָטער אָנגעשריבן אויף זייערע
שטערנס. 2 און איך האָב געהערט אַ קול פון הימל, ווי דאָס קול פון אַ
סך וואַסערן, און ווי דאָס קול פון אַ שטאַרקן דונער; און דאָס קול,
וואָס איך האָב געהערט, איז געווען ווי דאָס קול פון האַרפנשפּילער,
וואָס שפּילן אויף זייערע האַרפן. 3 און זיי זינגען אַ ניים שיר פאַר דעם
כּסא־הקבוד און פאַר די פיר חַיות און די זקֵנים. און קיינער האָט זיך
ניט געקענט אויסלערנען דעם שיר, אַחוץ די הונדערט פיר און פערציק
טויזנט, וואָס זענען אויסגעקויפט געוואָרן פון דער ערד. 4 די דאָזיקע
זענען עס, וואָס זענען ניט פאַראומרייניקט געוואָרן מיט ווייבער,
וואָרים זיי זענען אַזוי ווי יונגפרויען. די דאָזיקע זענען עס, וואָס גייען
נאָך דעם לעמעלע, וואוהין נאָר סע גייט. די דאָזיקע זענען
אויסגעקויפט געוואָרן פון צווישן מענטשן, ווי בּכּורים פאַר גאָט
און פאַר דעם לעמעלע. 5 און אין זייער מויל איז ניט געפונען געוואָרן
קיין ליגן, וואָרים זיי זענען אָן אַ מום.
6 און איך האָב געזען אַן אַנדערן מַלאך פליען אין מיטן הימל, וואָס
האָט געהאַט אייביק גוטע בשׂורות אָנצוזאָגן פאַר די, וואָס וואוינען
אויף דער ערד, און פאַר יעדער אומה, און שֵבט, און לָשון, און פאָלק.
7 און ער האָט געזאָגט מיט אַ הויך קול: האָט מורא פאַר גאָט, און גיט
אים אָפּ כָּבוד, וואָרים די שָעה פון זיין מִשפּט האָט גענעענט; און דינט
דעם בּורא פון הימל און ערד, דעם יַם און די קוואַלן וואַסער.
8 און אַן אַנדערער, אַ צווייטער מַלאך איז נאָכגעקומען, וואָס האָט
געזאָגט: געפאַלן, געפאַלן איז בָּבֶל די גרויסע, וואָס האָט געמאַכט אַלע
אומות אָנטרינקען מיט דעם וויין פון דעם גרימצאָרן פון איר זנות.
9 און אַן אַנדערער מַלאך, אַ דריטער, איז נאָכגעקומען נאָך זיי, וואָס
האָט געזאָגט מיט אַ הויך קול: אויב עמיצער דינט דער חַיה און איר
אִיקאָנע, און באַקומט אַ צייכן אויף זיין שטערן, אָדער אויף זיין האַנט,
10 וועט ער אויך טרינקען פון דעם וויין פון גאָטס גרימצאָרן,

וואָס איז אויסגעגאָסן, ניט געמישט אין דעם בעכער פון זיין צאָרן; און ער וועט
געפייניקט ווערן מיט פייער און שוועבל אין דעם אָנגעזיכט פון די הייליקע
מַלאָכים, און אין דעם אָנגעזיכט פון דעם לעמעלע. 11 און דער רויך פון זייער
פייניקונג גייט אַרויף לעולמי־עולמים; און די, וואָס דינען דער חַיה און איר
איקאָנע, האָבן ניט קיין רו טאָג און נאַכט, און ווער סע נעמט אָן דעם צייכן פון
איר נאָמען. 12 דאָ איז די געדולדיקייט פון די הייליקע, די, וואָס היטן די מִצוות
פון גאָט און די אֶמונה פון יֵשוּעַן.
13 און איך האָב געהערט אַ קול פון הימל, אַזוי צו זאָגן: שרייב: וואויל איז
די טויטע, וואָס שטאַרבן אין דעם האַר פון איצטמאָל אָן. יאָ, זאָגט דער גייסט,
כּדי זיי זאָלן רוען פון זייערע מִיאוּנגען; וואָרים זייערע מַעשׂים גייען נאָך
מיט זיי.
14 און איך האָב געזען, ערשט אַ ווייסער וואָלקן, און אויף דעם וואָלקן האָב איך
געזען זיצן איינעם, ענלעך צו אַ בֶּן־אָדָם, וואָס האָט געהאַט אויף זיין קאָפּ אַ
גילדענע קרוין, און אין זיין האַנט אַ שאַרף שניידמעסער. 15 און אַן אַנדערער
מַלאך איז אַרויסגעקומען פון דעם הֵיכל, און האָט געשריגן מיט אַ הויך קול צו
דעם, וואָס איז געזעסן אויף דעם וואָלקן: שיק אַרויס דיין שניידמעסער און
שנייד; וואָרים די שָעה פון שניט האָט גענעענט, וואָרים דער שניט פון דער ערד
איז צייטיק.[1] 16 און דער, וואָס איז געזעסן אויף דעם וואָלקן, האָט אַ וואָרף
געטאָן זיין שניידמעסער אויף דער ערד, און די ערד איז געשניטן געוואָרן.
17 און אַן אַנדערער מַלאך איז אַרויסגעקומען פון דעם הֵיכל אין הימל, און אויך
ער האָט געהאַט אַ שאַרף שניידמעסער. 18 און אַן אַנדערער מַלאך איז
אַרויסגעקומען פון דעם מִזבֵּחַ, דער, וואָס האָט געהאַט שליטה איבער פייער;
און ער האָט גערופן מיט אַ הויך קול צו דעם, וואָס האָט געהאַט דאָס שאַרפע
שניידמעסער, אַזוי צו זאָגן: שיק אַרויס דיין שאַרף שניידמעסער און זאַמל
צונויף די הענגלעך פון די וויינשטאָקן אויף דער ערד, וואָרים אירע וויינטרויבן
זענען אינגאַנצן צייטיק. 19 און דער מַלאך האָט אַ וואָרף געטאָן זיין
שניידמעסער צו דער ערד און האָט איינגעזאַמלט דעם וויינשטאָק פון דער ערד,
און האָט אים אַריינגעוואָרפן אין דעם גרויסן וויינקעלטער פון גאָטס גרימצאָרן.
20 און דער וויינקעלטער איז געטרעטן געוואָרן אויסער דער שטאָט, און עס איז
אַרויסגעקומען בלוט פון דעם וויינקעלטער, ביז צו די צוימען פון די פערד, אַזוי
ווייט ווי טויזנט זעקס הונדערט אַקער.
טו און איך האָב געזען אַן אַנדערן צייכן אין הימל, גרויס און וואונדערלעך:
זיבן מַלאָכים, וואָס האָבן געהאַט די זיבן לעצטע מַכּות, וואָרים מיט זיי ווערט
פאַרענדיקט דער גרימצאָרן פון גאָט.
2 און איך האָב געזען ווי סע וואָלט געווען אַ יַם פון גלאָז, אויסגעמישט מיט
פייער;

[1] יואל ד, 13.

אוּן די, וואָס האָבּן גובר געווען די חַיה, אוּן איר אִיקאָנע, אוּן די צאָל
פוּן איר נאָמען, שטייען בּיי דעם יַם פוּן גלאָז אוּן האָבּן האַרפּן פוּן
גאָט. 3 אוּן זיי זינגען דאָס געזאַנג פוּן משהן, דעם קנעכט פוּן גאָט, אוּן
דאָס געזאַנג פוּן דעם לעמעלע, אַזוי צוּ זאָגן:

גרויס אוּן וואוּנדערלעך זענען דיינע מַעשׂים, אָ, יהוה אלהים, דוּ
אַלמעכטיקער; רעכטפאַרטיק אוּן אֶמת זענען דיינע וועגן, דוּ
מֶלך פוּן די אוּמות. 4 ווער זאָל ניט מורא האָבּן, יהוה, אוּן
רימען דיין נאָמען? וואָרים נאָר דוּ אַליין בּיסט הייליק! וואָרים
אַלע אוּמות וועלן קוּמען אוּן זיך בּוקן פאַר דיר; וואָרים דיינע
גערעכטע מִשפָּטים זענען אַנטפּלעקט געוואָרן.

5 אוּן נאָכדעם האָבּ איך געזען, אוּן עס איז געעפנט געוואָרן דער הֵיכל
פוּן דעם מִשכּן־הָעֵדות אין הימל; 6 אוּן סע זענען אַרויסגעקוּמען פוּן
דעם הֵיכל די זיבּן מַלאָכים, וואָס האָבּן געהאַט די זיבּן מַכּות, אָנגעטאָן
אין ריינער גלאַנצנדיקער לייַוונט, אוּן זייערע בּרוסטן אַרוּמגעגורט מיט
גילדענע גאַרטלען. 7 אוּן איינע פוּן די פיר חַיות האָט געגעבּן די זיבּן
מַלאָכים זיבּן גילדענע בּעקנס, פוּל מיט דעם גרימצאָרן פוּן גאָט, וואָס
לעבּט לעולמי־עולמים. 8 אוּן דער הֵיכל איז געוואָרן אָנגעפילט מיט
רויך פוּן דער הערלעכקייט פוּן גאָט אוּן פוּן זיין מאַכט; אוּן קיינער
איז ניט געווען בּיכוֹלֶת אַרייַנצוּגיין אין דעם הֵיכל, בּיז סע וועלן זיין
אויסגעלאָזט די זיבּן מַכּות פוּן די זיבּן מַלאָכים.

טז אוּן איך האָבּ געהערט אַ הויך קול פוּן דעם הֵיכל אַרויס זאָגן צוּ די
זיבּן מַלאָכים: גייט אוּן גיסט אויס די זיבּן בּעקנס פוּן דעם גרימצאָרן
פוּן גאָט אויף דער ערד.

2 אוּן דער ערשטער איז געגאַנגען אוּן האָט אויסגעגאָסן זיין בּעקן אויף
דער ערד: אוּן עס איז געוואָרן אַ פאַרפּעסטיקט אוּן בּייז געשוויר אויף
די מענטשן, וואָס האָבּן געהאַט דעם צייכן פוּן דער חַיה אוּן וואָס
האָבּן זיך געבּוקט צוּ איר אִיקאָנע.

3 אוּן דער צווייטער האָט אויסגעגאָסן זיין בּעקן אין דעם יַם אַריין: אוּן
עס איז געוואָרן ווי דאָס בּלוט פוּן אַ מֵת, אוּן יעדעס לעבּעדיקע
בּאַשעפעניש, וואָס איז געווען אין יַם, איז געשטאָרבּן.

4 אוּן דער דריטער האָט אויסגעגאָסן זיין בּעקן אין די טייכן אוּן אין די
קוואַלן וואַסער: אוּן עס איז געוואָרן בּלוט. 5 אוּן איך האָבּ געהערט
דעם מַלאך פוּן די וואַסערן זאָגן: רעכטפאַרטיק בּיסטוּ, וואָס בּיסט
אוּן בּיסט געווען, דוּ הייליקער, מַחמת דוּ האָסט אַזוי געמשפּט;
6 וואָרים זיי

האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט פון קדושים און נביאים, און בלוט האָסטו
זיי געגעבן צו טרינקען; זיי זענען עס ווערט. 7 און איך האָב געהערט
דעם מזבח זאָגן: יאָ, יהוה אלהים, דו אַלמעכטיקער, אמת און
רעכטפאַרטיק זענען דיינע משפּטים!
8 און דער פערטער האָט אויסגעגאָסן זיין בעקן אויף דער זון: און עס
איז איר געגעבן געוואָרן צו ברענען מענטשן מיט פייער. 9 און מענטשן
זענען געברענט געוואָרן מיט גרויס היץ; און זיי האָבן געלעסטערט
דעם נאָמען פון גאָט, וואָס האָט די מאַכט איבער די מכּות, און זיי
האָבן ניט קיין תּשובה געטאָן, אים אָפּצוגעבן כּבוד.
10 און דער פינפטער האָט אויסגעגאָסן זיין בעקן אויף דעם טראָן פון
דער חיה: און איר מלוכה איז פאַרפינצטערט געוואָרן: און זיי האָבן
צעביסן זייערע צונגען פון ווייטיק, 11 און זיי האָבן געלעסטערט דעם
גאָט פון הימל, צוליב זייערע ווייטיקן און זייערע געשווירן, און זיי
האָבן ניט קיין תּשובה געטאָן אויף זייערע מעשׂים.
12 און דער זעקסטער האָט אויסגעגאָסן זיין בעקן אויף דעם גרויסן
טייך פּרת: און זיין וואַסער איז אויסגעטרוקנט געוואָרן, כּדי
אָנצוברייטן דעם וועג פאַר די מלכים פון דעם זונאויפגאַנג. 13 און איך
האָב געזען אַרויסקומען פון דעם מויל פון דעם לינדן־וואָרעם, און פון
דעם מויל פון דער חיה, און פון דעם מויל פון דעם פאַלשן נביא, דריי
אומריינע גייסטער, ווי דאָס וואָלטן געווען פרעש. 14 וואָרים זיי זענען
גייסטער פון רוחות, וואָס טוען צייכנס, און וואָס גייען אַרויס צו די
מלכים פון דער גאַנצער וועלט, כּדי זיי איינצוזאַמלען צו דער מלחמה
פון דעם גרויסן טאָג פון גאָט, דעם אַלמעכטיקן. 15 (זע, איך קום ווי אַ
גנב; וואויל איז דעם, וואָס וואַכט, און וואָס היט זיינע מלבושים, כּדי
ער זאָל ניט גיין נאַקעט און מען זאָל ניט זען זיין שאַנד!) 16 און זיי
האָבן זיי פאַרזאַמלט אינאיינעם אין דעם אָרט, וואָס ווערט אָנגערופן
אויף לשון־קודש הר־מגדו.
17 און דער זיבעטער האָט אויסגעגאָסן זיין בעקן אין דער לופט: און
עס איז אַרויסגעקומען אַ הויך קול פון היכל פון דעם כּסא־הקבוד,
אַזוי צו זאָגן; עס איז געשען! 18 און סע זענען געווען בליצן און
קולות און דונערן, און עס איז געווען אַ גרויסע ערדציטערניש, אַזאַ ווי
ס׳איז נאָך ניט געווען, זינט סע זענען מענטשן אויף דער ערד, אַזאַ
גרויסע ערדציטערניש, אַזאַ געוואַלטיקע. 19 און די גרויסע שטאָט איז
צעטיילט געוואָרן אין דריי חלקים, און די שטעט פון די אומות זענען
געפאַלן; און בבל, די גרויסע, איז געדענקט געוואָרן פאַר גאָט, איר צו
געבן דעם בעכער וויין פון דעם גרים פון זיין צאָרן. 20 און יעדע אינזל
איז אַנטרונען געוואָרן, און די בערג זענען

ניט געפונען געוואָרן. 21 און אַ גרויסער האָגל, יעדער שטיין אַרום דער
וואָג פון אַ צענטנער, איז געפאַלן פון הימל אויף די מענטשן. און מענטשן
האָבן געלעסטערט גאָט, צוליב דער פּלאָג פון דעם האָגל; וואָרים זיין
פּלאָג איז געווען זייער גרויס.

יז און עס איז געקומען איינער פון די זיבן מַלאָכים, וואָס האָבן געהאַט די
זיבן בעקנס, און האָט גערעדט מיט מיר, אַזוי צו זאָגן; קום אַהער, איך וויל
דיר ווייזן דעם מִשפּט פון דער גרויסער זונה, וואָס זיצט אויף אַ סך
וואַסערן, 2 מיט וועמען די מְלָכים פון דער ערד האָבן מזַנה געווען, און די,
וואָס באַוואוינען די ערד, זענען געוואָרן שִיכּור מיר דעם וויין פון איר זנות.
3 און ער האָט מיך אין דעם גייסט אַוועקגעפירט אין אַ מִדבּר אַריין, און
איך האָב געזען זיצן אַ ווייב אויף אַ שאַרלעך־רויטער חַיה, פול מיט נעמען
פון לעסטערונג, און זי האָט געהאַט זיבן קעפּ און צען הערנער. 4 און דאָס
ווייב איז געווען אָנגעטאָן אין פּורפּור און שאַרלעך, און באַדעקט מיט
גאָלד און אייַדלשטיינער און פּערל, און האָט געהאַט אין איר האַנט אַ
גילדענעם בעכער, פול מיט אומווערדיקייטן און אומריינקייט פון איר
זנות; 5 און אויף איר שטערן איז געווען אָנגעשריבן אַ נאָמען, אַ סוד: בָּבֶל,
די גרויסע, די מוטער פון די זונות און פון די אומווערדיקייטן פון דער ערד.
6 און איך האָב געזען דאָס ווייב שִיכּור מיט דעם בלוט פון די קדושים און
מיט דעם בלוט פון די עֵדות פון יֵשוּעַן.
און בעת איך האָב זי געזען, האָב איך מיך געוואונדערט מיט אַ גרויס
וואונדער. 7 און דער מַלאך האָט צו מיר געזאָגט: פאַרוואָס האָסטו דיך
געוואונדערט? איך וועל דיר זאָגן דעם סוד פון דעם ווייב, און פון דער
חַיה, וואָס טראָגט זי, וואָס האָט די זיבן קעפּ און די צען הערנער. 8 די חַיה,
וואָס דו האָסט געזען, איז געווען, און איז ניט, און איז גרייט
אַרויפצוקומען פון דעם תּהום און גיין צו פאַרדאַרבונג; און די, וואָס
וואוינען אויף דער ערד, וועמעס נעמען זענען ניט פאַרשריבן געוואָרן אין
דעם סֵפֶר־הַחַיִים זינט דער גרונטפעסטיקונג פון דער וועלט, וועלן זיך
וואונדערן, בעת זיי וועלן זען די חַיה, וויאַזוי זי איז געווען, און איז ניט,
און וועט ווידער קומען.
9 דאָ איז דער זין, וואָס האָט חָכמה: די זיבן קעפּ זענען זיבן בערג, אויף
וועלכע דאָס ווייב טוט זיצן; 10 און זיי זענען זיבן מלָכים: פינף זענען
געפאַלן, איינער איז, דער אַנדערער איז נאָך ניט געקומען; און בעת ער
וועט קומען, וועט ער פאַרבלייַבן אַ קורצע צייט. 11 און די חַיה, וואָס איז
געווען, און איז ניט, איז אַליין אויך אַן אַכטע, און איז פון די זיבן, און זי
גייט אין פאַרדאַרבונג. 12 און די צען הערנער, וואָס דו האָסט געזען, זענען
צען מלָכים, וואָס האָבן נאָך ניט באַקומען קיין מלוכה, זיי קריגן אָבער
געוועלטיקונג ווי מלָכים אויף

איין שָׁעה, אינאיינעם מיט דער חַיה. 13 די דאָזיקע האָבּן איין מַחשָׁבה,
און זיי גיבּן זייער מאַכט און אויטאָריטעט דער חַיה; 14 זיי וועלן
מִלחָמה האַלטן מיט דעם לעמעלע, און דאָס לעמעלע וועט זיי מנַצֵחַ
זיין, וואָרים עס איז האַר פון האַרן און מֶלך פון מלָכים; און אויך זיי,
וואָס זענען מיט אים, וואָס זענען בּאַרופן און אויסדערוויילט און
געטריי, וועלן מנַצֵחַ זיין.
15 און ער האָט צו מיר געזאָגט: די וואַסערן, וואָס דו האָסט געזען,
וואו די זונה זיצט, זענען פעלקער און הַמונים, און אומות, און
לשונות. 16 און די צען הערנער, וואָס דו האָסט געזען, און די חַיה, די
דאָזיקע וועלן פיינט האָבּן די זונה און וועלן זי מאַכן וויסט און
נאַקעט, און זיי וועלן פאַרצערן איר פלייש און זי פאַרבּרענען מיט
פייער. 17 וואָרים גאָט האָט אריינגעגעבּן אין זייער האַרץ צו טאָן זיין
עֵצה, און צו קומען צו איין בּאַראָט, און צו געבּן זייער מלוכה דער
חַיה, בּיז די רייד פון גאָט וועלן דערפילט ווערן. 18 און דאָס ווייבּ,
וואָס דו האָסט געזען, איז די גרויסע שטאָט, וואָס רעגירט איבּער די
מלָכים פון דער ערד.
יח און נאָכדעם האָבּ איך געזען אַן אַנדערן מַלאך אַראָפּנידערן פון
הימל, וואָס האָט געהאַט גרויס מאַכט; און די ערד איז בּאַלויכטן
געוואָרן מיט זיין הערלעכקייט. 2 און ער האָט געשריגן מיט אַ שטאַרק
קול, אַזוי צו זאָגן: געפאַלן, געפאַלן איז בָּבֶל, די גרויסע, און איז
געוואָרן אַ וואוינאָרט פון רוחות און אַן אויפהאַלט פון יעדן טָמא
גייסט, און אַן אויפהאַלט פון יעדן אומריינעם און מִיאוסן פויגל.
3 וואָרים דורך דעם וויין פון דעם גרימצאָרן פון איר זנות זענען אַלע
אומות געפאַלן; און די מלָכים פון דער ערד האָבּן מיט איר מזַנה
געווען, און די סוחרים פון דער ערד זענען געוואָרן רייך דורך דער
מאַכט פון אירע תַּענוגים.
4 און איך האָבּ געהערט אַן אַנדער קול פון הימל זאָגן: קומט אַרויס
פון איר, מיין פאָלק, כּדי איר זאָלט ניט האָבּן קיין שום חֵלֶק אין אירע
זינד, און כּדי איר זאָלט ניט קריגן פון אירע מַכּות; 5 וואָרים אירע זינד
האָבּן אויך דערגרייכט בּיז צום הימל, און גאָט האָט געדענקט אירע
אומגערעכטיקייטן. 6 פאַרגעלט איר אַזוי ווי זי האָט פאַרגעלט, און
כֵּפֶל־כֵּפלַיִם לויט נאָך אירע מַעשׂים. אין דעם בּעכער, וואָס זי האָט
געמישט, מישט פאַר איר טאָפּלט. 7 אויף אַזויפיל וויפיל זי האָט זיך
אַליין פאַרהערלעכט און געהאַט תַּענוג, אויף אַזויפיל גיט איר יסורים
און טרויער. וואָרים זי זאָגט אין איר האַרץ: איך זיץ אַ מַלכּה, און איך
בּין ניט קיין אַלמָנה, און וועל בּאֵין־אופן ניט זען קיין טרויער.
8 דעריבּער וועלן אירע מַכּות קומען

אין איין טאָג: טויט און טרויער און הונגער, און זי וועט אין גאַנצן
פאַרברענט ווערן אין פייער; וואָרים שטאַרק איז גאָט, דער האַר, וואָס האָט זי
געמִשפּט.
9 און די מלָכים פון דער ערד, וואָס האָבן מיט איר מזַנה געווען און געלעבט
צעלאָזן, וועלן וויינען און קלאָגן איבער איר, בעת זיי וועלן קוקן אויף דעם
רויך פון איר ברענען, 10 און שטיין פון דער ווייט פאַר מורא פון איר פּיין, און
זאָגן: ווייַ, ווייַ, די גרויסע שטאָט בָבֶל, די שטאַרקע שטאָט! וואָרים אין איין
שָעה האָט געגעענט דיין מִשפּט. 11 און די סוחרים פון דער ערד וויינען און
קלאָגן איבער איר, וואָרים קיינער קויפט ניט מער זייער סחורה, 12 סחורה פון
גאָלד, און זילבער, איידלשטיינער און פּערל, פיינע לייַוונט, און פּורפּור, זייד
און שאַרלעך, און אַלערליי דופטיקע געהילצן, און אַלערליי כֵּלים פון
עלפאַנטביין, און אַלערליי כֵּלים, געמאַכט פון טייערן געהילץ, און פון
קופּער, און אייזן, און מאַרמאָר; 13 און צימערינג, און געווירץ, און ווייַרעך,
און זאַלבאייל, און קטורֶת, און ווין, און אייל, און זעמל־מעל, און ווייץ, און
רינדער און שאָף, און פערד, און רייַטוועגן, און קנעכט און מענטשלעכע
נפָשות. 14 און די פֵּירות, וואָס דיין נשָמה האָט נאָך זיי געגלוסט, זענען
פאַרשוואונדן פון דיר, און אַלצדינג, וואָס איז געווען זיס און פּרעכטיק, איז
פאַרלוירן געוואָרן פון דיר, און מע וועט זיי בִּכלַל מער ניט געפינען.
15 די סוחרים פון די דאָזיקע זאַכן, וואָס זענען דורך איר רייך געוואָרן, וועלן
שטיין פון דער ווייט פאַר מורא פון איר פּיין און וויינען און קלאָגן, 16 און
זאָגן: ווייַ, ווייַ דער גרויסער שטאָט, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין פיינער
לייַוונט, אין פּורפּור און שאַרלעך, און באַדעקט מיט גאָלד און איידלשטיינער
און פּערל! 17 וואָרים אין איין שָעה איז אַזאַ גרויס עַשִירות חָרוב געוואָרן.
און יעדער שיפקאַפּיטאַן, און יעדער איינער, וואָס פאָרט ערגעצוואוהין, און
רודערער, און אַלע, וואָס פאַרדינען זייער חַיונה פון יַם, זענען געשטאַנען פון
דער ווייט, 18 און זיי האָבן געשריגן, בעת זיי האָבן געקוקט אויף דעם רויך
פון איר ברענען, אַזוי צו זאָגן: וואָסער שטאָט איז ווי די גרויסע שטאָט?
19 און זיי האָבן געוואָרפן שטויב אויף זייערע קעפּ, און געשריגן, בעת זיי
האָבן געוויינט און געקלאָגט, אַזוי צו זאָגן: ווייַ, ווייַ, דער גרויסער שטאָט,
וואָס אין איר זענען אַלע, וואָס האָבן געהאַט שיפן אויף דעם יַם, געוואָרן רייך
דורך איר עַשִירות, וואָרים אין איין שָעה איז זי חָרוב געוואָרן. 20 פריי דיך
איבער איר, דו הימל, און איר קדושים, און שלִיחים, און נבִיאים! וואָרים
גאָט האָט געמִשפּט אייער מִשפּט אין איר.
21 און אַ שטאַרקער מַלאך האָט אויפגעהויבן אַ שטיין, ווי דאָס וואָלט געווען
אַ גרויסער מִילשטיין, און האָט אים אַריינגעוואָרפן אין יַם אַריין, און
געזאָגט: אַזוי וועט מיט אַ שטאַרקן כּוח אַנידערגעוואָרפן ווערן בָבֶל, די
גרויסע שטאָט, און זי וועט מער ניט געפונען ווערן. 22 און דאָס קול פון

האַרפּנשפּילער, און זינגער, און פלייַטנשפּילער, און טרומייַטערער, וועט אין דיר
מער ניט געהערט ווערן; און קיין מייַנסטער פון קיין שום האַנטווערק וועט מען אין
דיר מער ניט געפינען; און דאָס קול פון אַ מיל וועט אין דיר מער ניט געהערט
ווערן; 23 און דאָס ליכט פון אַ לייכטער וועט אין דיר מער ניט שייַנען; און דאָס קול
פון חתן און כּלה וועט אין דיר מער ניט געהערט ווערן; וואָרים דייַנע סוחרים זענען
געווען די פירשטן פון דער ערד, און מיט דייַן כּישוף זענען אַלע אומות פאַרפירט
געוואָרן. 24 און אין איר איז געפונען געוואָרן דאָס בלוט פון נביאים און פון
קדושים, און פון אַלע די, וואָס זענען געהרגעט געוואָרן אויף דער ערד.
יט נאָכדעם האָב איך געהערט ווי סע וואָלט געווען אַ הויך קול פון אַ גרויסן המון
אין הימל, אַזוי צו זאָגן: הַלְלוּיָה! די ישועה און הערלעכקייט און מאַכט געהערן צו
אונדזער גאָט. 2 וואָרים אֶמת און רעכטפאַרטיק זענען זייַנע משפּטים; וואָרים ער
האָט געמשפּט די גרויסע זונה, וואָס האָט פאַרדאָרבן די ערד מיט איר זנות, און ער
האָט זיך נוקם געווען אין איר פאַר דעם בלוט פון זייַנע קנעכט.
3 און אַ צווייט מאָל האָבן זיי געזאָגט: הַלְלוּיָה! און איר רויך גייט אַרויף לעולמי־
עולמים 4 און די פיר און צוואַנציק זקֵנים און די פיר חַיות זענען אַנידערגעפאַלן און
האָבן זיך געבוקט צו גאָט, וואָס זיצט אויף דעם כּסא־הקבוד, און האָבן געזאָגט:
אָמֵן. הַלְלוּיָה! 5 און אַ קול איז אַרויסגעקומען פון דעם כּסא־הקבוד, אַזוי צו זאָגן:
לויבט אונדזער גאָט, אַלע זייַנע קנעכט, איר וואָס האָט מורא פאַר אים, די קליינע
און די גרויסע.
6 און איך האָב געהערט ווי סע וואָלט געווען דאָס קול פון אַ גרויסן המון און ווי
דאָס קול פון אַ סך וואַסערן, און ווי דאָס קול פון שטאַרקע דונערן, אַזוי צו זאָגן:
הַלְלוּיָה! וואָרים יהוה אלהינו, דער אַלמעכטיקער, קיניגט. 7 לאָמיר זיך פרייען און
פריילעך זייַן, און אים אָפּגעבן כּבוד, וואָרים גענעענט האָט די חַתונה פון דעם
לעמעלע, און זייַן כּלה האָט זיך אָנגעגרייט. 8 און עס איז איר געגעבן געוואָרן, אַז זי
זאָל זיך אָנטאָן אין פייַנער לייַוונט, ליכטיק און לויטער; וואָרים די פייַנע לייַוונט
זענען די צדקות פון די קדושים.
9 און ער האָט צו מיר געזאָגט: שרייב: וואויל איז די, וואָס זענען געבעטן געוואָרן צו
דעם חַתונה־מאָלצייַט פון דעם לעמעלע. און איך בין אַנידערגעפאַלן פאַר זייַנע
פיס, זיך צו בוקן פאַר אים. און ער האָט צו מיר געזאָגט: דאָס זענען אֶמתע רייד פון
גאָט. 10 און ער האָט צו מיר געזאָגט: זע, דו טאָרסט עס ניט טאָן! איך בין אַ
מיטקנעכט מיט דיר און דייַנע ברידער, וואָס האָבן דאָס עֵדות פון יֵשוּעַן. בוק דיך
פאַר גאָט, וואָרים דאָס עֵדות פון יֵשוּעַן איז דער גייסט פון נבואה.
11 און איך האָב געזען דעם הימל אויפגעעפנט, ערשט אַ ווייַס פערד. און דער, וואָס
איז אויף אים געזעסן, איז גערופן געוואָרן געטריי און וואָרהאַפטיק, און אין
רעכטפאַרטיקייט טוט ער משפּטן און מלחָמה האַלטן. 12 און זייַנע אויגן זענען ווי אַ
פלאַם פון פייער, און אויף זייַן קאָפּ זענען אַ סך קרוינען; און ער האָט אויפגעשריבן
אַ נאָמען, וואָס קיינער קען ניט, אַחוץ ער אַליין. 13 און ער איז אָנגעטאָן

אין אַ מַלבוש, באַשפּריצט מיט בלוט, און זיין נאָמען ווערט אָנגערופן: דאָס
וואָרט פון גאָט. 14 און די חַילות אין הימל זענען אים נאָכגעגאַנגען אויף
ווייסע פערד, באַקליידט אין פיינער לייַוונט, ווייס און לויטער. 15 און פון זיין
מויל גייט אַרויס אַ שאַרפע שווערד, כּדי מיט איר צו שלאָגן די גויים; און ער
וועט הערשן איבער זיי מיט אַ רוט פון אייזן:[1] און ער טרעט דעם ווייַנקעלטער
פון דעם גרימצאָרן פון גאָט, דעם אַלמעכטיקן. 16 און אויף זיין מַלבוש און
אויף זיין דיך איז געווען בּיי אים אָנגעשריבן אַ נאָמען: מֶלך פון מלָכים און
האַר פון האַרן.

17 און איך האָב געזען אַ מַלאך שטיין אין דער זון, און ער האָט געשריגן מיט אַ
הויך קול און געזאָגט צו אַלע פייגל, וואָס פליען אין מיטן הימל: קומט, און
זאַמלט אייך צונויף צו דעם גרויסן מאָלצייט פון גאָט, 18 כּדי איר זאָלט עסן
דאָס פלייש פון מלָכים, און דאָס פלייש פון הויפּטלייַט, און דאָס פלייש פון
גיבורים, און דאָס פלייש פון פערד און פון די, וואָס זיצן אויף זיי, און דאָס
פלייש פון אַלע מענטשן, סיי פרייע און סיי קנעכט, סיי קליין און גרויס.

19 און איך האָב געזען די חַיה און די מלָכים פון דער ערד און זייערע חַילות
פאַרזאַמלט אינאיינעם, מלחָמה צו האַלטן קעגן אים, וואָס איז געזעסן אויף
דעם פערד, און קעגן זיין חַיל. 20 און די חַיה איז גענומען געוואָרן, און מיט
איר דער פאַלשער נָביא, וואָס האָט געמאַכט די צייכנס פאַר איר, מיט וועלכער
ער האָט אָפּגענאַרט די, וואָס האָבן אָנגענומען דעם צייכן פון דער חַיה און די,
וואָס האָבן זיך געבוקט צו איר איקאָנע; זיי ביידע זענען אַרייַנגעוואָרפן
געוואָרן לעבעדיקערהייט אין דעם טייך פון פייער, וואָס ברענט מיט שוועבל.
21 און די איבעריקע זענען געטייט געוואָרן מיט דער שווערד פון דעם, וואָס
איז געזעסן אויף דעם פערד, די שווערד וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין
מויל; און אַלע פייגל זענען געוואָרן זאַט מיט זייער פלייש.

כ און איך האָב געזען אַ מַלאך אַראָפּנידערן פון הימל, וואָס האָט געהאַט דעם
שליסל פון דעם תּהום און אַ גרויסע קייט אין זיין האַנט. 2 און ער האָט
אָנגעכאַפּט דעם לינדן־וואָרעם, דעם נָחש־הַקַדמוני, וואָס איז דער שׂוטן און
שָׂטן, און האָט אים געבונדן אויף טויזנט יאָר, 3 און אים אַרייַנגעוואָרפן אין
תּהום אַריין און אים פאַרשלאָסן און פאַרחַתמעט איבער אים, אַז ער זאָל די
אומות מער ניט פאַרפירן, ביז די טויזנט יאָר וועלן געענדיקט ווערן;
דערנאָכדעם מוז ער באַפרייט ווערן אויף אַ קורצער צייט.

4 און איך האָב געזען טראָנען, און זיי זענען געזעסן אויף זיי, און מִשפּט איז זיי
געגעבן געוואָרן; און איך האָב געזען די נשָמות פון די, וואָס זענען געקעפּט
געוואָרן פונוועגן דעם עֵדות פון יֵשוּעַן און פונוועגן דעם וואָרט פון גאָט, און
אַזוינע, וואָס האָבן זיך ניט געבוקט צו דער חַיה, אויך ניט צו איר איקאָנע, און
האָבן ניט געקראָגן דעם צייכן אויף זייער שטערן און אויף זייער האַנט; און זיי

[1] תהלים ב, 8.

זענען לעבעדיק געוואָרן, און האָבן געקיניגט מיט מָשִׁיחַן טויזנט יאָר.
5 די איבעריקע פון די טויטע זענען ניט לעבעדיק געוואָרן, ביז די טויזנט
יאָר וועלן ניט זיין געענדיקט. דאָס איז דער ערשטער תּחִיַת־הַמֵּתִים.
6 געבענטשט און הייליק איז דער, וואָס האָט אַ חֵלֶק אין דעם ערשטן
תּחִיַת־הַמֵּתִים. איבער די דאָזיקע האָט דער צווייטער טויט ניט קיין
שליטה; נייערט זיי וועלן זיין כֹּהֲנים פון גאָט און פון מָשִׁיחַן, און וועלן
קיניגן מיט אים טויזנט יאָר.
7 און אַז די טויזנט יאָר וועלן געענדיקט, וועט דער שָׂטָן באַפרייט ווערן
פון זיין תּפִיסה, 8 און וועט אַרויסקומען אָפּצונאַרן די גוֹיִים, וואָס זענען
אין די פיר עקן פון דער ערד, גוֹג און מָגוֹג, כּדי זיי צונויפצוזאַמלען
אינאיינעם צו דער מִלחָמה; זייער צאָל איז ווי דאָס זאַמד פון דעם יַם.
9 און זיי זענען אַרויפגעגאַנגען איבער דער ברייט פון דער ערד און
האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַגער פון די קדוֹשים און די באַליבטע
שטאָט; און אַ פייער האָט אַראָפּגענידערט פון הימל און האָט זיי
פאַרצערט. 10 און דער שָׂטָן, וואָס האָט זיי פאַרפירט, איז אַריינגעוואָרפן
געוואָרן אין דעם טייך פון פייער און שוועבל, וואו אויך די חַיה און
דער פאַלשער נָבִיא זענען געווען; און זיי וועלן געפייניקט ווערן טאָג
און נאַכט לעולמי־עולמים.
11 און איך האָב געזען אַ גרויסן ווייסן כּסא־הקבוד, און דעם, וואָס איז
אויף אים געזעסן, פון וועמעס פָּנים די ערד און דער הימל זענען
אַנטרונען געוואָרן; און עס איז פאַר זיי ניט געפונען געוואָרן קיין פּלאַץ.
12 און איך האָב געזען די טויטע, די גרויסע און די קליינע, שטיין פאַר
דעם כּסא־הקבוד; און ספָרים זענען געעפנט געוואָרן. און אַן אַנדער
סֵפר איז געעפנט געוואָרן, וואָס איז דאָס סֵפֶר־הַחַיִים. און די טויטע
זענען געמִשפּט געוואָרן אויף דעם סמַך פון דעם, וואָס איז געווען
געשריבן אין די ספָרים, לויט זייערע מַעשׂים. 13 און דער יַם האָט
אַרויסגעגעבן די טויטע, וואָס זענען געווען אין אים; און דער טויט און
דער שאוֹל־תַּחתִּיה האָבן אַרויסגעגעבן די טויטע, וואָס זענען געווען אין
זיי. און יעדער איז געמִשפּט געוואָרן לויט זיינע מַעשׂים. 14 און דער
טויט און דער שאוֹל־תַּחתִּיה זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם
טייך פון פייער. דאָס איז דער צווייטער טויט, דער טייך פון פייער.
15 און אויב עמיצער איז ניט געפונען געוואָרן פאַרשריבן אין דעם סֵפֶר־
הַחַיִים, איז ער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם טייך פון פייער.
כא און איך האָב געזען אַ נייעם הימל און אַ נייע ערד; וואָרים דער
ערשטער הימל און די ערשטע ערד זענען פאַרגאַנגען, און דער יַם איז
מער ניטאָ. 2 און איך האָב געזען די הייליקע שטאָט, אַ נייַ ירוּשָׁלַיִם,
אַראָפּנידערן פון דעם הימל פון גאָט, אָנגעברייט ווי אַ כַּלה, וואָס איז

אויסגעפּוּצט פֿאַר איר מאַן. 3 און איך האָב געהערט אַ הויך קול פֿון
דעם כּסא־הקבֿוד אַרויס, אַזוי צו זאָגן: זע, דאָס מִשכּן פֿון גאָט איז
מיט די מענטשן, און ער וועט וואוינען מיט זיי, און זיי וועלן זײַן זײַן
פֿאָלק, און גאָט אַליין וועט זײַן מיט זיי. 4 און ער וועט אָפּווישן יעדע
טרער פֿון זייערע אויגן; און קיין טויט וועט מער ניט זײַן, סע וועט
אויך ניט זײַן קיין טרויער, קיין געוויין, קיין פּײַן, מַחמת די ערשטע
זאַכן זענען פֿאַרגאַנגען.
5 און דער, וואָס איז געזעסן אויף דעם כּסא־הקבֿוד, האָט געזאָגט: זע,
איך מאַך אַלצדינג נײַ. און ער האָט געזאָגט: שרײַב, וואָרים די דאָזיקע
רייד זענען בּאַגלויבּט און אֱמת. 6 און ער האָט צו מיר געזאָגט: עס איז
געשען! איך בּין די אַלֶף און די תָּוו, דער אָנהייב און דער סוֹף. איך
וועל געבּן דעם, וואָס איז דאָרשטיק, פֿרײַ פֿון דעם קוואַל פֿון
לעבּעדיק וואַסער. 7 דער, וואָס איז מנַצֵחַ, וועט יַרשענען די דאָזיקע
זאַכן; און איך וועל זײַן זײַן גאָט, און ער וועט זײַן מײַן זון. 8 אָבֿער
פֿאַר די פּחדָנים, און אומגלויבּיקע, און אומווערדיקע, און רוֹצחים, און
נוֹאפֿים, און מכַשפֿים, און געצנדינערס, און אַלע ליגנער – זייער חֵלֶק
וועט זײַן אין דעם טײַך, וואָס בּרענט מיט פֿײַער און שוועבּל. דאָס איז
דער צווייטער טויט.
9 און עס איז געקומען איינער פֿון די זיבּן מַלאָכים, וואָס האָבּן געהאַט
די זיבּן בּעקנס, וואָס זענען געווען בּאַלאָדן מיט די זיבּן לעצטע מַכּות,
און ער האָט גערעדט מיט מיר, אַזוי צו זאָגן: קום אַהער, איך וויל דיר
ווײַזן די כַּלה, דאָס ווײַבּ פֿון דעם לעמעלע. 10 און ער האָט אין דעם
גייסט מיך אַוועקגעפֿירט צו אַ גרויסן און הויכן בּאַרג, און האָט מיר
געוויזן די הייליקע שטאָט ירוּשָלַיִם אַראָפּנידערן פֿון דעם הימל פֿון
גאָט 11 מיט דער הערלעכקייט פֿון גאָט; איר ליכטיקייט איז געווען
ענלעך צו זייער אַ טײַערן שטיין, ווי דאָס וואָלט געווען אַ יאַספּיס,
קלאָר ווי קריסטאָל. 12 און זי האָט געהאַט אַ גרויסע און הויכע מויער
מיט צוועלף טויערן, און בּײַ די טויערן צוועלף מַלאָכים, און דערויף
זענען געווען אָנגעשריבּן נעמען, וואָס זענען די נעמען פֿון די צוועלף
שבָֿטים פֿון די בּנֵי־יִשׂרָאל. 13 אין מִזרח זענען געווען דרײַ טויערן, און
אין צָפֿון דרײַ טויערן, און אין דָרום דרײַ טויערן, און אין מַערבֿ דרײַ
טויערן. 14 און די מויער פֿון דער שטאָט האָט געהאַט צוועלף יסוֹדות,
און אויף זיי צוועלף נעמען פֿון די צוועלף שלִיחים פֿון דעם לעמעלע.
15 און דער, וואָס האָט גערעדט מיט מיר, האָט געהאַט פֿאַר אַ מאָס אַ
גילדענע רוט, צו מעסטן די שטאָט און די טויערן פֿון איר און איר
מויער. 16 און די שטאָט ליגט פֿיר־עקיק, און די לענג פֿון איר איז אַזוי
גרויס ווי די בּרייט. און ער האָט געמאָסטן די שטאָט מיט דער רוט,

צוועלף טויזנט אַקער; די לענג און די ברייט און די הייך פון איר זענען
גלייך. 17 און ער האָט געמאָסטן איר מויער, הונדערט פיר און פערציק
איילן, לויט דער מאָס פון אַ מענטשן, דאָס איז, פון אַ מלאך. 18 און דאָס
געביי פון איר מויער איז געווען יאַספּיס, און די שטאָט איז געווען ריין
גאָלד, ענלעך צו לויטערן גלאָז. 19 די יסודות פון דער שטאָט־מויער זענען
געווען באַצירט מיט אַלערליי מינים טייערע שטיינער: דער ערשטער יסוד
איז יאַספּיס, דער צווייטער סאַפּיר, דער דריטער אַגאַט, דער פערטער
סמאַראַגד, 20 דער פינפטער סאַרדאָניקס, דער זעקסטער רובין, דער
זיבעטער כריסאָליט, דער אַכטער בעריל, דער ניינטער טאָפּאַז, דער
צענטער כריזאָפּראַס, דער עלפטער היאַצינט, דער צוועלפטער אַמעטיסט.
21 און די צוועלף טויערן זענען געווען צוועלף פּערל; יעדער איינער פון
די פאַרשידענע טויערן איז געווען פון איין פּערל; און די גאַס פון דער
שטאָט איז געווען לויטער גאָלד, ווי דורכזיכטיק גלאָז.
22 און איך האָב אין איר ניט געזען קיין היכל; וואָרים יהוה אלהים, דער
אַלמעכטיקער, און דאָס לעמעלע, זענען איר היכל. 23 און די שטאָט האָט
ניט נייטיק געהאַט, ניט די זון, ניט די לבנה, צו שיינען אויף איר; וואָרים
די הערלעכקייט פון גאָט האָט זי באַלויכטן, און איר ליכט איז דאָס
לעמעלע. 24 און די אומות וועלן גיין אין איר ליכט, און די מלכים פון דער
ערד וועלן אין איר אַריינברענגען זייער הערלעכקייט. 25 און אירע טויערן
וועלן מער קיינמאָל ניט פאַרשלאָסן ווערן בייטאָג – וואָרים דאָרט וועט
מער ניט זיין קיין נאַכט; 26 און זיי וועלן אַריינברענגען אין איר די
הערלעכקייט און דעם כבוד פון די אומות; 27 און סע וועט אין איר מער
קיינמאָל ניט אַריינגיין קיין טמא זאַך, אָדער דער, וואָס טוט
אומווערדיקייט און שקר, נייערט נאָר די, וואָס זענען פאַרשריבן אין
דעם ספר־החיים פון דעם לעמעלע.
כב און ער האָט מיר געוויזן אַ שטראָם פון וואַסער פון לעבן, לויטער ווי
קריסטאַל, וואָס איז אַרויס פון דעם כּסא־הקבוד פון גאָט און פון דעם
לעמעלע, 2 אין דער מיט פון איר גאַס. און אויף דער זייט און אויף יענער
זייט פון דעם שטראָם איז געווען דער עץ־החיים, וואָס האָט געטראָגן
צוועלף מינים פּירות, און ברענגט זיין פרוכט יעדן חודש; און די בלעטער
פון דעם בוים זענען געווען פאַר דער היילונג פון די אומות. 3 און סע וועט
מער ניט זיין קיין קללה. און דער כּסא־הקבוד פון גאָט און פון דעם
לעמעלע וועט זיין דרינען, און זיינע קנעכט וועלן אים דינען; 4 און זיי
וועלן זען זיין פּנים, און זיין נאָמען וועט זיין אויף זייערע שטערנס. 5 און
סע וועט מער ניט זיין קיין נאַכט, און זיי באַדאַרפן ניט קיין ליכט פון קיין
לייכטער אָדער פון דער זון; וואָרים יהוה אלהים, וועט זיין זייער ליכט;
און זיי וועלן קיניגן לעולמי עולמים.

6 און ער האָט צו מיר געזאָגט: די דאָזיקע רייד זענען באַגלויבט און
אֶמת. און יהוה אלהים פון די גייסטער פון די נבֿיאים, האָט געשיקט
זיין מַלאך צו ווייזן זיינע קנעכט דאָס, וואָס מוז בקָרוב געשען. 7 און
זע, איך קום באַלד. וואויל איז דעם, וואָס היט אָפּ די רייד פון דער
נבואה פון דעם דאָזיקן סֵפר.
8 און איך, יוחָנָן, בין דער, וואָס האָט געהערט און געזען די דאָזיקע
זאַכן. און בעת איך האָב געהערט און געזען, בין איך אַנידערגעפאַלן
צו בוקן זיך פאַר די פיס פון דעם מַלאך, וואָס האָט מיר דאָס געוויזן.
9 און ער האָט צו מיר געזאָגט: דו זאָלסט עס ניט טאָן! איך בין אַ
מיטקנעכט מיט דיר און מיט דיינע ברידער, די נבֿיאים, און מיט די,
וואָס היטן די רייד פון דעם דאָזיקן סֵפר. בוק דיך צו גאָט!
10 און ער האָט צו מיר געזאָגט: פאַרחַתמע ניט די רייד פון דער נבואה
פון דעם דאָזיקן סֵפר; וואָרים די צייט איז נאָענט. 11 דער, וואָס איז
אומגערעכט, זאָל ער ווייטער טאָן אומגערעכטיקייט; און דער, וואָס
איז טָמא, לאָז ער ווייטער זיך מטַמא זיין; און דער, וואָס איז אַ צַדיק,
לאָז ער טאָן צדקות; און דער, וואָס איז הייליק, זאָל ער זיך ווייטער
הייליקן. 12 זע, איך קום באַלד, און מיין שׂכַר איז מיט מיר, צו
פאַרגעלטן יעדן איינעם לויט זיינע מַעשׂים.
13 איך בין די אַלֶף און די תָּוו, דער ערשטער און דער לעצטער, דער
אָנהייב און דער סוף. 14 וואויל איז די, וואָס וואַשן זייערע קליידער,
כּדי זיי זאָלן האָבן רשות צו דעם עֵץ־הַחַיִים, און זאָלן אַריינַגיין דורך
די טויערן אין דער שטאָט אַריין. 15 דרויסן זענען די הינט, און די
מכַשפים, און די נואפים, און די רוצחים, און די געצנדינער, און יעדער
איינער, וואָס דאָט ליב און גיט זיך אָפּ מיט שֶקר.
16 איך, יֵשוּעַ, האָב געשיקט מיין מַלאך צו אייך מיט דעם דאָזיקן עֵדות
פאַר די קהִילות. איך בין דער שורֶש און דער שטאַם פון דָוִדן,[1] דער
גלאַנצנדיקער מאָרגנשטערן.
17 און דער גייסט און די כַּלה זאָגן: קום. און דער, וואָס הערט, לאָז
ער זאָגן: קום. און דער, וואָס איז דאָרשטיק, לאָז ער קומען; דער,
וואָס וויל, לאָז ער נעמען פריי דאָס וואַסער פון לעבן.
18 איך זאָג עֵדות יעדן איינעם, וואָס הערט די רייד פון דער נבואה פון
דעם דאָזיקן סֵפר: אויב עמיצער וועט מערן צו זיי, דעם וועט גאָט
מערן די מַכּות, וואָס זענען פאַרשריבן אין דעם דאָזיקן סֵפר; 19 און
אויב עמיצער וועט מינערן פון די רייד פון דעם סֵפר פון

[1] ישעיה יא, 1, 10.

דער דאָזיקער נובואה, דעם וועט גאָט מינערן זיין חלק פון דעם
עץ־החיים און פון דער הייליקער שטאָט, וואָס זענען פֿאַרשריבן אין
דעם דאָזיקן ספר.
20 דער, וואָס זאָגט עדות אויף די דאָזיקע זאַכן, זאָגט: יאָ, איך קום
באַלד. אָמן, קום האַר ישוע!
21 דער חסד פון דעם האַר ישוע זאָל זיין מיט אייך אַלע. אָמן.